

דוד טושינסקי (פּאַריז). די צייכענונג איז אַ מתנה פֿאַרן „ספר לאָוויטש“.

לאָוויטש

אַ שטעטל אין מאַזאָוויע

לוביץ'
עיר במזוביה
וסביבה

ספר זכרון

עורך:
ג. שאיאק־טשארנעזאן

הוצאת יוצאי לוביץ' במלבורן וסידני (אויסטראליה)
בעזרת יוצאי לוביץ' בישראל והתפוצות
1966

אוניברסיטה בר־אילן
הספריה
047(438)
לוב (שיק)
תשכ"ו
352035
עותק 1

פראיעקט פון שער־בלאט: אלתר מעצגער

אַלע קלישעס (גלופות) זענען אויסגעפּאַרטיקט
אין דער צינקאָגראַפּיע „אורית", ת"א.

הכרת תודה

מערכת הספר מביעה בזה את תודתה העמוקה לאלה שעזרו להוצאת הספר, בהמצאת חומר תעודתי ובייעוץ, ובין השאר ראויים לציון מיוחד: רשות הזכרון „יד ושם" בירושלים, ייוו"א בניו־יורק, יידישער היסטארי־שער אינסטיטוט בוורשה, הספריה הלאומית של האוניברסיטה העברית בירושלים. כולם יבואו על התודה ועל הברכה.

נדפס בהחברה המאוחדת לפרסומים והדפסה בע"מ — ישראל
1966

Copyright by the Lowitcher Landsmanshaft in Melbourne, Australia
Printed in Israel



פראַגמענט פון דער אילוסטרירטער מאַפּע פון פוילן.
לאָוויטש איז אין צענטער מיט אַ פויערן־פּאָרל אין טראַדיציאָנעלן פויערים־טראַכט.

רעדאקציע־ און בוך־קאמיטעט, מעלבורן (אויסטראליע):

הערשל בערקאָוויטש, יוסף ווישאָגראָדזקי, משה זיידע,
דוד זיק, יחזקאל גאוועגדא, משה וואלראט.

רעדאקציע־קאמיטעט אין ישראל:

אברהם ווארטסקי, יאָסל ליפּסקי, ראובן ווײנטרויב;
משולם לעווין (פאריז)

לאוויטש

א שטאט אין מאזאוויע
און אומגעגנט

ספר זכרון

אין אָנדענק פון די יידישע קהילות, וועלכע זענען צוזאמען
מיט טויזנטער פון זייערע מיטגלידער פארניכטעט געוואָרן
דורך די נאצישע מערדער אין די יאָרן ת"ש — תש"ה

★

רעדאקטאר:

ג. שאיאק־טשארנעזאן

★

ארויסגעגעבן דורך דעם בוך־קאָמיטעט פון די לאָוויטשער
לאנדסמאנשאפטן אין מעלבורן און סידנעי (אויסטראליע),
מיט דער מיטהילף פון די לאָוויטשער לאנדסמאנשאפט־
קאָמיטעטן אין ישראל און אין די תפוצות.
1966

יזכור ה׳ את רבבות בני עי־
רנו לוביץ׳ והסביבה: אנשים,
נשים וטף, אשר עונו ונרצחו על
קידוש השם על ידי הצוררים
הגרמנים הנאצים.

יזכור ה׳ לטובה, ותהא נפשם
צרורה בצרור החיים, בתוך
שאר קדושי ישראל.

כי דורש דמים אותם זכר,
לא שכח זעקת ענוים.



ב'ה

יהודה ליב ביאלר

קינה על שואת אירופה ברורנו. (לקונן בנעימה של "אלי ציון")

אֱלִי, אֱלִי, נַפְשִׁי בְּכִי
וְזַעֲקִי, בַּת־יִשְׂרָאֵל.
מִסְפֵּד שְׂאִי וְהִתְיַפְּחִי.
אָכְלָה הָאֵשׁ בְּיִשְׂרָאֵל.

עַל טֶבַח־עָם, אֲשֶׁר הוּכַן,
יְסוּרֵי שְׁכוֹל, אַשְׁדּוֹת דָּמִים,
זָקֵן גַּם טַף לֹא רֻחָם,
עַל עֲקֵדָה קָרְבַּן תְּמִימִים.
אֱלִי, אֱלִי..

עֲלֵי גְוִילִים הַמְחֻלָּלִים
בִּידֵי נָאצִים מְנַאֲצֵי אֵל.
טְרוּפִים, קְרוּעִים וּמְגֹאָלִים
בֵּין אַשְׁפַּתּוֹת וְאֵין גּוֹאֵל.
אֱלִי, אֱלִי..

עַל עוֹלָלִים, גְּמוּלֵי חָלָב
הַמְרֻטָּשִׁים לְפִי צוּרִים
וְעַל דָּמָם, אֲשֶׁר זָב
בְּרֹאשׁ חוּצוֹת לְעֵין הוֹרִים.
אֱלִי, אֱלִי..

עַל צַדִּיקִים, עֲנְוֵי עוֹלָם
נְדִיבֵי עָם, הוֹגֵי תּוֹרָה,
בְּתָאֵי רַעַל נֶחֱנַק קוֹלָם
נָפְלָה, כָּבְתָה הַמְּנוֹרָה.
אֱלִי, אֱלִי..

עַל הַקְּהִלּוֹת הַשּׁוֹמֵמוֹת
וְעַל חֻרְבַּן מִקְדְּשֵׁי אֵל,
יְקוּדֵי לַהַב שַׁלְהָבוֹת
עָרֵי פְּאֵר בְּיִשְׂרָאֵל.
אֱלִי, אֱלִי..

עֲלֵי נֹעַר, פִּרְחֵי הָעָם
חֲלוּצֵי־קְרָב, כְּפִירֵי מְרִי
מוּל זֵדוֹנִים שׁוֹפְכֵי הַדָּם
הִשְׁתַּלְהֲבוּ רִשְׁפֵּי חֲרִי..
אֱלִי, אֱלִי..

עֲלֵי דוֹרוֹת, אֲשֶׁר נִגְדְּעוּ,
דְּמֵי אָבוֹת עַל דְּמֵי בָנִים,
בְּגֵיא אוֹשְׁבִּיץ תַּמּוּ גָּוָעוּ
עֲלֵי מוֹקְדוֹת הַכִּבְשָׁנִים.
אֱלִי, אֱלִי..

עַל נַהֲרוֹת דָּם וּבְכִי
נִקְמַת־בְּרִית בַּלֵּב שְׁמוּרָה
בְּקֶרֶב גֵּיטוֹ לְלֹא רְהִי
נֶחֱשַׂף הָעֹז טְמִיר־גְּבוּרָה.
אֱלִי, אֱלִי..

עֲלֵי כְלוּאִים, חֲגוּרֵי שַׂק
הַנִּמַּקִּים בְּרִבְבוֹתֵיהֶם
בִּטְרֶבְּלִינְקִי וּמַיְדָנֶק
וְאֵין מְלַקֵּט עַצְמוֹתֵיהֶם.
אֱלִי, אֱלִי..

עֲלֵי קִדּוּשׁ הַשֵּׁם וָעָם
וְעַל נִקְמַת דַּם טְהוֹרִים
בְּתַעֲצוּמוֹת מָסְרוּ נַפְשָׁם
לְחַמּוּ, נָפְלוּ הַגִּבּוֹרִים.
אֱלִי, אֱלִי..

קינה זו חוברה על ידי י. ל. ביאלר, יליד ורשה, שחי רוב שנות חייו בעיר לוביץ', משרידי השואה (ופורסמה בשנת תש"ח ע"י ועד הקהלות הקדושות בפולין). ליום זכרון הקדושים נתקבלה לאמרה בצבור ביום הקדיש ובימי זכרון קדושי השואה. ביום זכרון קדושי מרד הגיטאות כ"ז בניסן מתחילין מ"עֲלֵי נוער".
(זהו פרק מקינה)

אינהאַלט—תוכן

קינה... / י. ל. ביאַלער 6
הקדמה / ג. שאַיאַק 11

געשיכטע

לאָוויטש פון די עלטסטע צייטן ביז דער קעגנוואַרט , ג. שאַיאַק 15
רעפלעקסן וועגן אַמאָליקן לאָוויטש / א. וואַרטסקי . . . 32
דאָס אומגליק אין הושענא רבה, 1914 36

פון ווייטן און נאָענטן עבר

עפּיזאָדן און פּאַסירונגען / י. ד. טויבענפעלד 39
געשיכטע פון דער יידישער קהילה / א. וואַרטסקי 47
ערשטער שטרייק פון באַלעבאַטישע קינדער / ל. סיגאַל . . 59
יידישער רענעסאַנס אין מיין היימשטאָט / י. קראָנענבערג . 61
ערשטער ייד. האַנטווערקער־פאַראיין 64

צווישןביידע וועלט-מלחמות

דאָס יידישע לאָוויטש אין די יאָרן 28—1914 / י. מ. זילבערבערג 65
ייד. פאָרשטייער אין דער מוניציפּאַליטעט / א. וואַרטסקי . 69
אַ פּראָלעטאַרישע היים פאַר קינדער / י. קראָנענבערג . . 84
די לאָוויטשער קהילה און אירע פּרנסים / פּ. טענענבוים . 87

זכרונות און איינדרוקן

לאָוויטש אין מיין זכרון / ד. ראָזענטאַל 88
שילער פון דער רעגירונגס־פאָלקסשול
שפּילט יידיש טעאַטער / צבי מיאַדאָוויניק . 103
צאַרישע מאַכט באַשטראָפט אַ ייד פאַר ראַטעווען
אַ גענעראַל / י. ד. חנינא 104
ערשטער ביבליאָטעקאַר — 1908 / י. מ. הערמעלין . . 107
דעראינערונגען פון מיין היימשטאָט / עקיבא מאָזעס . . 107
דער בעל־מנגן פון לאָוויטש / חיים גורט 109
נחום סאָקאָלאָוו אין לאָוויטש / י. ד. טויבענפעלד . . . 111
דער חסידישער פּראָלעטאַריאַט / פּ. ראָטשטיין 113

פערזענלעכקייטן און געשטאַלטן

ר׳ חזקיה / ד״ר צבי כהן 115
יהושע מאָזעס / י. מ. זילבערבערג 118
דער קינסטלער וו. ווייַנטרויב / ג. שאַיאַק 119
י. מ. זילבערבערג / א. וואַרטסקי 122
הרב בצלאל בידערמאַן ז״ל / י. צ. טויבענפעלד . . . 124
לאָוויטש אין גלאַנץ פון תורה (רבנים) 126
חסידות און חסידים 126
דער באַהאַלטענער למד־וואָווניק / ד. זיק 127

פּאָרטרעטן / ג. שאַיאַק

ר׳ לייזער ברוך זיידע 130
משה לייב זשעלעכאָווסקי 132
ר׳ איטשע אַדלער 134
אברהם לעשצינסקי 135
אינזשיניער ז. סלאָנימסקי 138
מרדכי ביאַלעק 138
אינזשיניער מ. א. ביאַלעק 139
ד״ר יעקב ביאַלעק 140
אַנאַטאָל וועקשטיין 141
ד״ר י. יאַקובאָווסקי 143
בן־ציון מיעדזשיגורסקי 144
ברוך שאַפּיראָ 145
א. וו. פּעפּער 146
ד״ר אלעזר וואַרטסקי 147
אלתר ווינער 148
ר׳ חיים ־שלום הערמעלין 149
ר׳ חיים פערבער כהן 150
יעקב שיינבערג 151
ר׳ שלמה אהרן שטיפּס / משולם לעווין 153
דער פּאַלאַץ פון די קבצנים / ג. שאַיאַק 156
דער פעלדשער מ. קנאָט / הערשל בערקאָוויטש 160
לאָוויטשער פאָלקלאָר 162

פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס

פּיאָנערן און טוער פון דער ציוניסט. באַוועגונג / א. וואַרטסקי 164
פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־באַוועגונג / יוסף ווישאָגראָדזקי . 173
ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע / צבי מיאַדאָווניק . . 176
דראַמאַטישע אַמאַטאָרן־קרייזן און דער „החלוץ“ / ד. גאָלאָמב 179
ייד. ספּאָרט־קלובן / מרדכי תמיר 181
די קאָמוניסטישע יוגנט 183
רעגיאָנאַלער „ספּאָרט־טאָג“ אין לאָוויטש 185
פאַרוואַלטונגען פון געזעלשאַפטן און אינסטיטוציעס (1939) . 186

לאָוויטש אין דער יידישער ליטעראַטור

דער יאַרמאַרק / שלום אַש 188
פוילן / י. י. טרונק 189
קוטנאָ—לאָוויטש / י. מאַסטבוים 191
די השכלה־באַנק / נחום סאָקאָלאָוו 192
פריץ פאַרשמייסט מיין אורזיידע / י. פּאָט 192
פאַרשפּילט דעם געוועט / ג. שאַיאַק 193
ווי אבלים אויף אַ חתונה / שלום אַש 197

ווידערשטאַנד און גייסטיקע גבורה

לאָוויטשער פּאַרטיזאַנער־דריילינג / חיים ראָכוועגער . . 199
געפאַלן אין אויפשטאַנד אין בירקענאַו 205
פערנאַנדע גייט פרייוויליק צום טויט 206
אַנטלויפט פון „סטאַלאַג“ צו די מאַקיס / שיע גמאַך . . 206
אין די רייען פון „אַרמיאַ קראַיאָוואַ“ / מענדל אַלבעק . . 207
ווישי־פּאָליציי גיט זיי „דרשה־געשאַנק“ / פּ. מאַרקאָוויטש . 208
לאָוויטש אין בילד 209

דער אומקום — השואה

דער טייך איז פאַרשוווּנדן און מיט אים די יידן / ג. שאַיאַק . 220
מיין באַזוך אין לאָוויטש אין 1945 / לואיס סיגאַל . . 221.
פאַרוויסטונג פון ייד. ישוב אין לאָוויטש (געטאָ־טאָגבוך) . 223

די איבערבאַזעצונג אין וואַרשעווער געטאָ /
ט. ברוסטמאַן־בערנשטיין . . . 288
פאַלקסקיך פאַר פּליטים אין לאָוויטש . . . 229
כתבים פון געטאָ / ע. רינגעלבלום . . . 231

עדות דערציילן

מיינע גילגולים איבער טויט־לאַגערן / משה זיידע . . . 234
אויף דער אַרישער זייט / נח קליינבאַרדט . . . 242
אויף צוואַנגס־אַרבעט אין דייטשלאַנד / ס. שמעקוראַ . . . 248
איבערלעבענישן אין 4 געטאָס / שמעון קאַן . . . 254
עפּיזאָדן פון לאָוויטשער געטאָ / העניע קאַזשוך . . . 258
נאָנעס העלפן אונדז זיך אויסבאַהאַלטן / משולם לעווין . . . 260
אין אַ בונקער אויף דער אַרישער זייט / מנחם פּעראָ . . . 265
אַ הפקר־שפּיל פון נאַצי־יונגען / יונה אַלשטיין . . . 269
אַפּגעפונען מיין ברודער אין אַ טויט־לאַגער / ב. קריפּעל . . . 270
פון טויט־לאַגער ביז די קאַמפן אין נגב / י. גרינבערג . . . 273
ווי אַזוי כ׳האָב זיך געראַטעוועט / ש. בוכנער . . . 276
איבער ברענענדיקע וועגן / צ. דאַנציגער . . . 277
אין שאָטן פון דאַכאַו / עזריאל ווינער . . . 278
אין טויטן־מאַרש ביי דער בזוראָ / יוקל סלאַבאַדזשינסקי . . . 278

אין די אַליאירטע אַרמייען

מיין ווילן צו קעמפן אַלס ייד / גדליה קאַנאַפּניצקי . . . 282
מיט דער ווייסרוסישער אַרמיי ביז בערלין / שמעון קאַנא . . . 284
סערזש. מאַרסעל פּוטערמילך ז״ל . . . 286
אויף דער שוועל פון מיין פאַרוויסטער היים / משה וואַלראַט 287
אין דער אויסטראַלישער אַרמיי . . . 289
אין דער פראַנצויזישער אַרמיי . . . 290

שאַפונגען פון לאָוויטשער דיכטער

אַ געזאַנג פון מיין אַלטער היים / מ. טראַיאַנאָוו . . . 294
פון וואַנען אַזאַ פרייד און אַנד. לידער / ש. ד. לעווין . . . 295
עס טרויערן די טעג / שרה ווייס . . . 295
וויגליד / ה. פּ. שטיפט . . . 295
אגרת פּולין / י. אַטלאַס . . . 296
צוואה / ב. פּ. ראַזנבלאַט . . . 296
די מוטער און איבערן שטעטל / פּ. גודמאַן . . . 296
אַ מאַרק־טאָג / י. צ. טויבנפעלד . . . 297
אַ דענקמאָל און פאַרוואָס? / י. קראַנענבערג . . . 298
זכרונות געשטאַלטן / ל. ביאַלער . . . 299
מיין היימשטאָט / ג. שאַיאַק . . . 300
תפילת ישראל / ר. וויינטרויב . . . 302
על נהר בזורה / י. ל. ביאלר . . . 302
לעקסיקאָן . . . 303—310
די פּערזענלעכקייט פון ל. סיגאַל / מ. בראַון . . . 311
לואיס סיגאַל — דער פּוילישער ייד / ד״ר י. מ. בידערמאַן . . . 312
לאָוויטש — אַן אינדוסטריע־צענטער / י. ד. בן־חנינא . . . 316

לאָוויטשער לאַנדסמאַנשאַפטן

ראָל פון די לאָוויטשער אין אַמעריקע / פּ. סיגאַל . . . 317
די גרינדער פון לאָוויטשער פאַראיין אין דעטראָיט . . . 318
טשיקאַגאָ . . . 320
לאָוויטשער אין אַרגענטינע . . . 320
לאָוויטשער אין מעלבורן (אויסטראַליע) . . . 321
לאָוויטשער אין סידנעי (אויסטראַליע) . . . 324
דער פּיאָנער פון די לאָוויטשער אין אויסטראַליע . . . 326
טעטיקייט פון די לאָוויטשער אין פראַנקרייך . . . 326
הועד הכללי של הספר יזכור בישראל . . . 328
דאָקומענטן . . . 330—333
אַ בריוו פון געוו. סענאַטאָר, אינזש. מ. קערנער . . . 334
אַ בריוו פון ד״ר יאַן וועגנער . . . 334
נייעס־אויסצוגן און אַרטיקלען פון „מאַזאָווישער וואָכנבלאַט" . . . 336
„ליטעראַרישע בלעטער" וועגן „מאַזאָווישער וואָכנבלאַט" . . . 339
בילדער פון אומגעקומענע לאָוויטשער יידן . . . 343—355
יזכור / עקיבא פרענקעל . . . 342
רשימה פון אומגעקומענע לאָוויטשער יידן . . . 365—362

דער אומקום פון די שכנותדיקע שטעטלעך

קיערנאָזיע . . . 364
לישקאָוויץ . . . 365
סאָבאָטאָ . . . 366
באָלימאָוו . . . 367
ר׳ זרח גלעזער / א. פרענקעל . . . 368
בולימוב בין שתי מלחמות / משל מן . . . 369
יידישע בחורים לערנען אַן קאַזאַקן / לייבל מאַן . . . 370
מיר נעמען נקמה . . . 371
רשימה און בילדער פון אומגעקומענע באָלימאָווער יידן . . . 373—374

התוכן

הרהורים על לוביץ׳ לשעבר / א. ורטסקי . . . 375

תנועות וארגונים

תנועת „המזרחי" ו„תורה ועבודה" / יוסף קרייצר . . . 379
האקדמאים היהודים בלוביץ׳ / פ. ז׳לכובסקי . . . 382
התעוררות תנועות הנוער בעירנו / יחזקאל ליפסקי . . . 383
הפעילות הספורטיבית בין יהודים / מרדכי תמיר . . . 384
דרכי לתנועת הבית״ר / יצחק באום . . . 385
דרכי לקן של השומר הצעיר / טובה גרוס . . . 386

שואה וגבורה

הנהר נעלם ועמו גם היהודים / ג. טשאַרנעזאָן־שאַיאַק . . . 387
תושיה ועוז על סף כליון / ראובן ויגטרוב . . . 388
הפרטיזן הלוחם מעירנו / חיהקה גרוסמן . . . 389

אישים

רבני לוביץ׳ . . . 391
ר׳ שלום אלבק . . . 391
שרה ליפסקי . . . 392
שלמה תמיר . . . 392
בני לוביץ׳ במלחמה לתקומת ישראל . . . 393

אילוסטראַציעס

אַלגעמיינער אויסבליק אויף לאָוויטש . . . 17
דער מאַניסטראַט־בנין . . . 18
פראַגמענט פון נייעם מאַרק . . . 18
אַ מאַרק־טאָג . . . 19
די שול . . . 27
„לאָדזשער פּאָלקסבלאַט" וועגן לאָוויטש . . . 37
פּרנסים געזעגענען קהילה־פּרעזעס א. וואַרטסקי . . . 58
פאַרוואַלטונג פון יידישן האַנטווערקער־פאַריין (1930) . . . 64
גרופּע לאָוויטשער יונגעלייט, 1916 . . . 68
ערשטער בירגער־קאָמיטעט, 1915 . . . 70
א. וואַרטסקי ביים פּוילישן פּרעזידענט . . . 81
שול־טויער פון דער שלום־עליכם שול . . . 85
גרינדער פון די צעירי ציון . . . 86
מזרח־וואַנט פון דער לאָוויטשער שול . . . 90
דער קן פון השומר־הצעיר . . . 92
דער לאָוויטשער „החלוץ" . . . 94
אַ גרופּע יידישע אינטעליגענטן . . . 96
גרופּע שול־חברים . . . 98
גרופּע ס"ס באַיאָווצעס (1905) . . . 118
צוויי בילדער פון מאָלער וו. וויינטרויב . . . 120—121
שילער פון 7־טן קלאַס ייד. פאָלקס־שול . . . 137
אָרגאַניזאַטאָרן פון קק"ל־באַזאַר (1933) . . . 172
פאַרוואַלטונג פון „לינת החולים" . . . 175
די מנהלים פון השומר־הצעיר . . . 177
די הנהגה פון בית"ר . . . 178
הס' הנוער הציוני „גורדוניה" . . . 179
„מכבי" — פוטבאָל מאַנשאַפט . . . 182
„לאָוויטש אין בילד" . . . 209—218
„הימל־געשריי" (האָלצשניט פון מאָלער קאָלניק) . . . 219
בזורא־ברעג אויסגעפּלאַסטערט מיט מצבות . . . 222
פאַקסימיליע פון אַ זייטל געטאָ־טאָגבוך . . . 224
פיר מיידלעך ביי דער לאָוויטשער געטאָ־מויער . . . 226
לאָוויטשער יידן גייען איבער דער בריק
אין וואַרשעווער געטאָ אַריין . . . 227
טאַבעלע נר. 4 וועגן דער איבערזידלונג . . . 229
פאָטאָסטאַט פון אַ בריוו צו דער „יידישער
סאָציאַלער הילף", קראָקע . . . 230
פאָטאָמאָנטאַזש פון דער וואַרשעווער יידישער פּרעסע
וועגן אַ פּאָגראָם אין לאָוויטש . . . 232
צייכענונג פון קינסטלער מאַנע כ"ץ . . . 233
קען־קאַרטע פון גח קליינבאָרדט . . . 245
קידוש השם — האָלצשניט פון קינסטלער קאָלניק . . . 392
די נאָטן צו ג. שאַיאָקס ליד „מיין היימשטאָט" . . . 301
די משפחה ליפּסקי אין תל־יוסף . . . 313
שלמה ליפּסקי אין אַ שמועס מיטן נשיא י. בן־צבי ז"ל . . . 315
לאָוויטשער קאָמיטעט אין אַרגענטינע . . . 320—321
לאָוויטשער קאָמיטעט אין מעלבורן . . . 322—324
לאָוויטשער קאָמיטעט אין סידנעי . . . 325
לאָוויטשער קאָמיטעט אין פראַנקרייך . . . 327
לאָוויטשער אין ישראל אויפן הר־ציון . . . 328
דאָקומענטן . . . 329—336
יזכור־צייכענונג — דוד טושינסקי . . . 341
באַלימאָווער יידישע אָרגאַניזאַציעס . . . 367
עקסהומאַציע פון קדושים . . . 368
גרופּע מזרחי־יוגנטלעכע . . . 370
ועד המזרחי . . . 330
המנהלים של השומר הצעיר . . . 386
פראַגמענט פון וואַרשעווער געטאָ־דענקמאָל
מיט מרדכי אנילעוויטש . . . 390

הקדמה

דריי צענדליק יאָר זענען פאַריבער, זינט דאָס היטלער־געשפּענסט האָט אויסגעשפּרייט זיינע מערדערישע פליגל איבערן אייראָפּעאישן יידנטום.

דריי צענדליק יאָר זינט דער נאַצי־תלין האָט מיט ראַפינירטער ברוטאַלקייט פאַרטיליקט טויזנט־יאָריקע איינגעוואָרצלטע יידישע קהילות אין אייראָפּע און זיי אָפּגעווישט פון כדור־הארץ.

25 יאָר זענען פאַריבער, זינט יענע מוראדיקע טעג, ווען די יידן אין לאָוויטשער געטאָ זענען אין מערץ, 1941, פאַרמשפּט געוואָרן צו גירוש און ארויסגעטריבן געוואָרן אין וואַרשעווער געטאָ אריין צו זייער אומקום.

און איצט, צו דער 25־טער יאָרצייט זינט זייער עקדה־מאַרש, שטעלן מיר זיי, מיר, די לאָוויטשער שרידים, אַן אָנדענקס־מצבה אין דער פאָרם פון דאָזיקן ספר הזכרון.

דאָס געשעעט נאָך לאַנגע חבלי־לידה, יאָרן פון דאָקומענטאַציע־אָפּקלייב, פאָרש־ארבעט און כלערליי גלגולים, וואָס א טייל פון געזאַמלטן חומר האָט דורכגעמאַכט.

דאָס ספר איז פון ערשטן ביזן לעצטן אות אַן איכה, סיי א פּרוּוו אָפּצוראַטעווען פון פאַרגעסנקייט די וועזנטלעכע געשטאַלט פון דעם אַלעם, וואָס לאָוויטש מיט איר סביבה האָבן מיט זיך פאַרקערפּערט.

ביים צונויפשטעלן דעם „ספר לאָוויטש", האָבן מיר קודם־כל זיך באַמיט צו פאַראייביקן קאַפּיטלעך געשיכטע פון די יידן אין מאַזאָוויע; קאַפּיטלעך, וואָס ווערן אין אונדזער צעטרייסלטער און פאַרווירטער וועלט, ווען דער מענטש שטייט שוין מיט איין פוס אויף דער לבנה — א מער פאַרטושטער באַגריף. אָבער מיר, די שרידים פון דור־החורבן, טראָגן נאָך אין זיך דאָס לעבעדיקע פּוילישע יידנטום און אירע צאַנקענדיקע פלעמלעך, וואָס מיר היטן אָפּ פון פאַרלאָשן ווערן.

מיט אונדזער ספר פילן מיר אויס א נאַציאָנאַלע אחריות און שטעלן צו נאָך א באַשולדיקונגס־דאָקומענט קעגן די גענאָסיד־אַקטן פון נאַציזם, וואָס איז אריין אין דער געשיכטע, ווי די שענדלעכסטע און גרויליקסטע מעשים פון דייטשן פאָלק.

מיטן דאָזיקן ספר פאַרגרעסערן מיר אונדזער רייכע שואה־ליטעראַטור, וואָס אונדזער אוראַלט פאָלק האָט דערפאַרן אָן פּרעצעדענס אין דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע און אפילו אין דער וועלט־געשיכטע.

אין ספר לאָוויטש — „א שטאָט אין מאַזאָוויע", האָבן מיר זיך געשטעלט פאַר א ציל צו רעסטאַווירן דאָס בילד פון יידישן עבר אין דער שטאָט און סביבה און צוריקגיין טריט־ביי־טריט צו דעם אויפקום און אַנטוויקלונג פון יידישן לעבן דאָרט, סיי פאַרצייכענען די לעצטע דראַמע — די היטלער־תקופה.

און ווייל די אַלגעמיינע געשיכטע פון לאָוויטש, און בפרט פון יידישן בראשית, זענען פון ספּעציפישן כאַראַקטער און קאָלאָריט, האָבן מיר זיך באַמיט אַזוי אַלץ צו רעקאָנסטרואירן, אַז פון די שאָטנס פון דער געשיכטע זאָל זיך אויסשיילן א טריי בילד, פון אַלץ, וואָס איז געווען און איז פיזיש מער נישטאָ...

אויפן ערשטן אָרט קומען די מאָנאָגראַפישע פאַרצייכענונגען וועגן אַלגעמיינעם און יידישן לאָוויטש פון קדמונים־צייט, וואָס גיבן אַן אריינבליק אין דעם בראשית פון דער אָרטשאַפט און אירע באַוווינער; דאַן פאָלגן נאָך אַנדערע וואָגיקע און קאָמפּעטענטע היסטאָרישע ארבעטן, וואָס דערגאַנצן דעם געשיכטלעכן צייט־אָפּשניט און די ראָל פון די יידן אין דער שטאָט.

* * *

וועגן אַלגעמיינעם קאָלאָריט פון דער לאָוויטשער לאַנדשאַפט און זיין ספּעציפישן כאַראַקטער, שרייבט אונדזער חשובער בן־עיר אברהם וואַרטסקי אין זיינע רעפלעקסן, אין וועלכע ער מאַכט א פּרוּוו צו אַנאַליזירן דאָס געמיט פון לאָוויטשער ייד; דער מחבר שטעלט זיך גלייכצייטיק אָפּ אויף די גרונט־סיבות פון דער שאַרפער מחיצה, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם ייד פון זיין קריסטלעכן שכן, און אַזוי פאָלגן זיינע ווייטערדיקע מאמרים, וואָס באַלויכטן שטיקער יידיש לעבן.

אין דער קליינער אַנטאָלאָגיע האָבן מיר איינגעשלאָסן אַן אָפּקלייב פון יענע פראַגמענטן פון די ווערק פון אונדזערע קלאַסיקער, וועלכע האָבן לאָוויטש און דאָס מאַזאָווער לאַנדשאַפט גענומען אַלס קאַנווע פאַר זייערע דערציילונגען און שילדערן דעם יידישן שטייגער־לעבן.

מיר האָבן אויך אויפגעזאַמלט, אין די ראַמען פון די מעגלעכקייטן, דעם עזבון אָדער פראַגמענטן פון ליטעראַרישע שאַפונגען פון לאָוויטשער דיכטער, כדי זיי אָפּראַטעווען פון גענצלעכער פאַרגעסנקייט.

וועגן ווייט־נאָענטן עבר דערציילן אונדז: דער באַוווּסטער שרייבער, ד"ר צבי כהן, מיט זיין שילדערן די אינטערעסאַנטע געשטאַלט פון ר' חזקיה, דעם קאָצקער חסיד און מקורב פון אַלטן סאָכאַטשעווער רבי.

זיין חבר און מיטצייטלער מיטן פענאָמענאַלן זכרון, י. צ. טויבענפעלד, ברענגט צוריק צום לעבן קאָלירפולע פאסירונגען און געשטאלטן פון רעוואָלוציאָנערן אויפשוונג, זכרונות פון א תקופה, וואָס איז איבערגעלאָדן מיט פחד און פינצטערניש, און דורך וועמענס הימלען עס רייסן זיך דורך בשורה־שטראַלן פון א נייער צייט. פון זעלבן קוואַלי־טאטיוון מוסטער זענען די מאמרים פון זייערע מיטצייטלער, די שרייבער און גייסטיקע מנהיגים — די קדושים יעקב קראָנענבערג און י. מ. זילבערבערג.

* * *

דעם צייט־אָפשניט פון צווישןביידע וועלט־מלחמות האָבן מיר פארצייכנט ווי כראָניקער, טריי און מיט גרויס אָפּגעהיטנקייט, סיי מאקסימאלסטער אָביעקטיווקייט; מיר האָבן אָפּגעמערקט די וויכטיקסטע פאזן פון עליות און ירידות, גראַנגלעניש און זוכעניש פון אונדזער דור און אונדזער עדה, דערביי ארויסגעהויבן דאָס פּאָזיטיווע און קעגנגעשטעלט דאָס נעגאטיווע אויפן פּאָן פון דער רייכער מאָזאיק פון יידישן לעבן אין פוילישן שטעטל. אזוי, אז עס זאָל ארויסקומען א נישט־געפעלשט בילד, אויף וויפל די היסטאָרישע מקורות האָבן דאָס דערמעגלעכט. אזוי איז געשילדערט די טעטיקייט פון די ווירקנדיקע אנשטאלטן, אינסטיטוציעס און פּאָליטישע פארטייען ביז דעם בארג־ארויף און די העכסטע אויסשטראַלונג פון יידישער וויטואליטעט — ביז דעם כף־הקלע — דער טאָטאלער פארניכטונג.

אין א באזונדער קאַפּיטל דערשיינען פאר אונדז יענע פערזענלעכקייטן און געשטאלטן, תורה־יידן און ארבעט־מענטשן, וואָס האָבן אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן געווירקט מיט אזוי פיל מסירת־נפש און געדינט דעם כלל, סיי געלייגט א דויערנדיקן חותם אויפן ציבור־לעבן.

* * *

פון גאָר דעליקאטן וואָרט־געוועב, פול מיט נאָסטאלגיע, זענען די זכרונות פון אונדזער יינגסטן מיטארבעטער, דוד ראָזענטאל; א מאמר, וואָס איז כולו תפילה, דורכגעזאפט מיט טרערן און מיטן פנים צו אונדזער פארשניטענער היים.

אין דעם שואה־טייל, וואָס איז איינע פון די גרעסטע קאפּיטלעך אין ספר, האָבן מיר דורך דערציילונגען און גביית־עדות ארויסגעברענגט די אומבאקאנטע גבורה־מעשים פון לאָוויטשער פארטיזאנער און ווידערשטענדלער, וואָס האָבן אין א שנאה־פארסמטער וועלט, ווען די ערד האָט געברענט אונטער זייערע פיס, געהאט דעם קוראזש און גייסטיקן כוח, מיט וואָפן אין דער האנט, צו פארטיידיקן דעם יידישן כבוד און שטארבן מיט א גבורה־טויט.

אין די שילדערונגען פון די על־פי־נס־געראטעוועטע אונטער די שוידערלעכסטע באדינגונגען אין נאצי־קלעם אין די פארשיידענע געטאָס, טויט־לאגערן און בונקערס, ווערט בולט ארויסגעברענגט דאָס דערהויבן־מענטשלעכע פון די יעניקע, וואָס זענען שוין געשטאנען ביים ראנד פון אומקום.

* * *

דאָס „ספר לאָוויטש" דערשיינט איצט, ווען פּאָליטיקער אין דער וועלט זענען גרייט פאר יעדן פרייז צו העלפן מילדערן און פארמינערן דעם שולד־געפיל און די אחריות פון דייטשן פאָלק פאר די נאציסטישע רציחות און אחזריות.

דאָס ספר דערשיינט אין א צייט, נאָך דעם ווי די סעסיע פון עקומענישן ראט האָט אין א דעקלאראציע רעהאַ־ביליטירט דאָס יידישע פאָלק פון דער קאָלעקטיווער שולד פון דער יעזוס־קרייציקונג, א בלוט־בלבול, וואָס איז געווען דער מקור פון דורות־לאנגע רדיפות און פארטיליקונג פון מיליאָנען יידן, למרות וואָס דאָס יידישע פאָלק נויטיקט זיך נישט אין אזא רעהאביליטאציע.

אין דער זעלבער צייט איז עס אונדזער גרויסע מאראלישע סאטיספאקציע, וואָס דאָס ספר, וואָס איז פאר־טראכט און פראָיעקטירט געוואָרן דורכן שרייבער פון די שורות, דאָ אין א"י, אין יענע טעג, ווען פאר דער וועלט האָט זיך אנטפלעקט דאָס שוידערלעכע בילד און דער אמת פון די גאז־קאמערן, דערשיינט נאָך פיל גילגולים טאקע דאָ, אין מדינת ישראל. און אונדזער הארץ איז איבערפולט מיט שטאָלץ, וואָס דאָס געשעט גראָד אינעם יאָר, ווען מיר פייערן דעם 18־טן יאָרטאָג פון אונדזער באפרייאונג (כמנין ח"י). עס איז א סימבאָלישע דאטע — 18 יאָר פון אונדזער מלוכהשער זעלבשטענדיקייט, צו וועלכער עס האָבן מיטגעהאָלפן מיט וואָפן אין דער האנט פיל פון אונדזערע בני־עיר. און מיטן דערשיינען פון „לאָוויטש — א שטאָט אין מאזאָוויע" — אנטהילן מיר א דענקמאָל אויף די אומבאַ־קאנטע מאסן־קברים פון אונדזערע טייערע לאָוויטשער יידן און סביבה.

דערביי דארף דאָ דערמאָנט ווערן, אז דאָס אנטהילן דעם דענקמאָל איז אויסדריקלעך רעאליזירט געוואָרן אדאנק די אומגעהויערע אָנשטרענגונגען מצד די לאָוויטשער לאנדסמאנשאפטן אין מעלבורן און סידנעי (אויסטראַ־ליע), די ארויסגעבער פון ספר. נאָר אדאנק זייער גרענעצלאָזן מסירת־נפש, אָפּפערווויליקייט, און דער עיקר, טיפער פארשטענדעניש און צוזאמענארבעט פון בוך־קאָמיטעט אין מעלבורן, האָט דאָס בוך געקענט דערזען די ליכטיקע שיין.

מעלבורן—תל־אביב, 1966

ג. שאַיאַק

הקדמה

שלושים שנה חלפו מאז פרשה מפלצת היטלר את כ:פיה הרצחניות על יהדות אירופה.

שלושים שנה עברו מאז השמיד התַלין הנאצי באכזריות מתוכננת קהלות ישראל מושרשות בנות אלף שנה באירופה ומחק אותן מעל פני כדור הארץ.

עשרים וחמש שנה נקפו מאז נידונו יהודי גיטו לוביץ׳ לגירוש בחודש מרץ, 1941, והובלו לגיטו וארשה להשמדה.

עתה, ביום הזכרון הכ״ה למיצעד־העקידה, הננו מציבים לזכרם, אנו שרידי לוביץ׳, אנדרטת הנצחה בצורת ספר זכרון.

הדבר בא והיה אחרי חבלי לידה ממושכים, שנים רבות של צבירת חומר דוקומנטרי, עבודות מחקר וגלגולים רבים שעברו על חלק מהחומר התעודתי.

הספר שלפנינו, הוא ספר „איכה״ מתחילתו ועד סופו, ומהוה נסיון להציל מן השיכחה את מהות הדברים בכללותם כפי שנתגלמו בלוביץ׳ וסביבתה.

בספר זה אנו מתכוונים, ראשית כל, להנציח פרקי הווי ודפוסי חיים של יהודי מאזוביה ; פרקים שהפכו כיום בעולמנו המזוּעזע ומבולבל — בעוד האדם מציב כבר רגל אחת על הירח — למושג מטושטש.

אנו, שרידי דור החורבן, עדיין נושאים בחוּבנו את יהדות פולין החיה, את אש שלהבתה הלוחשת תוך שמירה שלא תכבה.

אנו ממלאים בספר זה חובה לאומית ומוסיפים עוד כתב אישום על מעשיהם המחפירים והאכזריים ביותר בתולדות האנושות של העם הגרמני כלפי העם העברי, פשעים שייכנסו להיסטוריה העברית והאנושות לדראון עולם.

אנו מרחיבים בזה את היריעה של ספרות השואה המסועפת, ומרחיבים את תחום היצירה הטרגית בתולדות ישראל שהעשירה ללא תקדים את המרטירולוגיה שלנו ושל האנושות כולה.

בספר לוביץ׳ — העיר שבמאזוביה — הצבנו לנו כמטרה : לשחזר את דמות העבר היהודי של העיר וסביבתה, תוך פסיעה אחורנית צעד צעד אל ראשית צמיחתם והתפתחותם של חיי היהודים בה, וכן לרשום את הדראמה הסופית — תקופת היטלר.

קורותיה של לוביץ׳, ובפרט תקופת „הבראשית״ של היאחזות היהודים בעיר זו, נושאים אופי וצביון מיוחדים במינם. לכן השתדלנו לשקם את כל אלה בצורה כזאת, שמתוך צללי העבר תצוף תמונה נאמנה מכל אשר היה ואיננו עוד...

בראשונה באות הרשימות המונוגרפיות על חיי־העיר בכלל ויהודיה בפרט, מראשית ימיה — מה שמאפשר לנו הצצה לספר „בראשית״ של העיר ויושביה. לאחר מכן באים מחקרים היסטוריים, רבי משקל ומהימנים, המשלי־מים את התאור של פרק זמן היסטורי זה, ותפקיד היהודים בו.

* * *

על הצביון הכללי של נוף העיר ואופיה המיוחד כותב בן עירנו החשוב, מר אברהם ווארטסקי, המנתח ברפלכסים שלו את הלך רוחו של היהודי הלוביצ׳אי. הכותב מתעכב כמו כן על הסיבות העיקריות שיצרו חיץ מפריד בין היהודי לבין שכנו הנוצרי, וממשיך ברוח זו ביתר מאמריו השופכים אור בהיר על חיי היהודים בעירנו.

באנתולוגיה מצומצמת ניתן מבחר קטעים מתוך יצירות הקלסיות שלנו, שלהם שימש נופה של לוביץ׳ ומא־זוביה בכלל יריעה ורקע לסיפוריהם ולתיאורי אורח החיים היהודים.

כמו כן כנסנו במידת היכולת המוגבלת קטעי יצירה מתוך העזבון הספרותי של משוררים בני לוביץ׳, כדי להצילם מן השכחה.

על העבר הרחוק והקרוב כותבים : הסופר הידוע ד״ר צבי כהן המתאר דמות דיוקנו המענין של חסיד קוצ־קאי, ממקורבי הרבי הזקן מסוחאצ׳וב ר׳ חזקיה.

עמיתו לגיל, בעל הזכרון הפינומנאלי, י. צ. טויבנפלד, מקים לתחיה מאורעות ודמויות ססגוניים מהסער והפרץ המהפכני, בהעלותו זכרונות מתקופה אפלה הרת אימים שמבעד לקדרותם בוקעות קרני בשורה של הזמן החדש. בדומה להם כותבים יתר בני גילם משתתפי הקובץ, סופרים ואנשי רוח הקדושים יעקב קרוננברג וי. מ. זילברברג.

* * *

את פרק הזמן שבין שתי מלחמות העולם רשמנו ככרוניקאים, תוך נאמנות לעובדות, זהירות ואוביקטיביות מכסימלית. רשמנו את שלבי העליות והירידות, המאבקים והתהיות של דורנו וקהילתנו, אגב הבלטת החיובי לעומת השלילי — על רקע המוזאיקה העשירה של חיי היהודים בעיירה הפולנית. כך שמתקבלת לעינינו תמונה אמיתית בלתי מזויפת במידה שהנתונים ההיסטוריים והדוקומנטריים איפשרו את הדבר. כך מתוארת פעילותם של מוסדות וגופים צבוריים ומפלגות פוליטיות שהגיעו לשיא התגלמות של החיוניות היהודית הקורנת, ומשם לכף הקלע של ההשמדה הטוטאלית.

* * *

בפרק מיוחד מופיעים לפנינו אישים ומוסדות, טיפוסים של בני תורה ואנשי עמל, שבמעשם היום־יומי פעלו במסירות רבה בשרות הכלל, ובכך הטביעו גושפנקא וחותם תמיד על חיי הציבור.

מירקם מילים דק מן הדק רווי נוסטאלגיה מהווים זכרונותיו של צעיר המשתתפים בספר, דוד רוזנטל. מאמרו **כל כולו צקון־לחש ספוג־דמע למכורה שנכרתה.**

בחלק הדן בשואה, מהגדולים שבפרקי הספר, ובשורת עדויות שניגבו, העלינו את מעשי־הגבורה הסמויים של המתקוממים והפרטיזנים בני העיר. אלה אשר בתוך עולם מורעל בשנאה, כאשר האדמה בערה תחת רגליהם, לבשו עוז וגילו כוח נפשי להגן עם נשק ביד על כבוד העם היהודי ולמות מות גבורים.

בתיאורים אלו שניצלו בנס, בתנאים האיומים של המצור הנאצי בגיטאות, במחנות ההשמדה ובבונקרים, עולה ומתבלטת רוממות האדם וגודל נפשם של הניצבים על פי תהום האבדון.

* * *

ספר לוביץ׳ מופיע בימים אלה כשמדינאי העולם מוכנים בכל מחיר לרכך ולהפחית את רגש האשמה תוך הקלת אחריותו של העם הגרמני למעשי האכזריות והשפלות הנאציים.

הספר מוצא לאור לאחר שמעל במת מושב המועצה האקומנית ברומא הוכרזה הצהרת טיהור של העם היהודי מהאשמה הקולקטיבית בצליבת ישו — עלילת דם איומה ששימשה דורות על דורות מקור לרדיפות, עינויים והשמדת מליוני יהודים — אף כי אין העם היהודי זקוק כלל וכלל לריהביליטציה.

* * *

סיפוק מוסרי רב וקורת רוח מיוחדת נותנת לנו העובדה, שספר זה — שעלה במחשבתו וביזמתו של כותב טורים אלה כאן בארץ ב־1945 בימים הראשונים כאשר נתגלתה התמונה המזעזעת ונחשפה האמת על תאי הגאזים — יוצא סוף סוף לאור מקץ גלגולים רבים עתה במדינת ישראל.

הלב מתמלא גאוה וסיפוק שדבר זה יוצא לפועל, כשאנו חוגגים את יום השנה ה־18 כמנין ח״י לשחרורנו, אשר להשגתו סייעו רבים מבני עירנו שניצבו במערכה עם נשק ביד.

תאריך סמלי הוא זה, ח״י שנה לעצמאות הממלכתית שלנו. עם הופעת ספר לוביץ׳, העיר במאזוביה, אנו מסירים את הלוט ממצבת זכרון להמוני אלמונים — מעל קברי יהודי לוביץ׳ והסביבה היקרים.

יצויין שהסרת הלוט מאנדרטה זאת יצא לפועל הודות למאמצים כבירים שהשקיעו יוצאי העיר לוביץ׳ במל־בורן וסידני (אוסטרליה), שהם המו״לים של ספר זה הודות להקרבה ללא גבול, ובעיקר להבנה הדדית עמוקה ושיתוף הפעולה של הוועדה להוצאת הספר במלבורן יכלה יצירה זו לראות אור עולם.

מלבורן—תל־אביב, תשכ״ו

ג. שאיאק

גדליה שאַיאַק־טשאַרנעזאָן

לאָוויטש

פון די עלטסטע צייטן ביז דער קעגנוואַרט

— מאָנאָגראַפישע סקיצן —

אַריינפיר

געאָגראַפיש ליגט לאָוויטש אונטער 1′11′ 52 גראַד אין צפון־דיקער ברייט, און 5′ 4 37 גראַד אין מזרח־לענג פון פעדרא, אין אַ נידעריקן פלאַכלאַנד אויפן טייך בזוראַ, אַ לינקער צופלוס פון דער ווייסל. (די בזוראַ האָט 166 קילאָמעטער די לענג).

די אַלטע ביסקופן־שטאָט לאָוויטש ליגט אויף צוויי הויפּט־באַן־ליניעס: וואַרשע—לאָדזש אויף אַ מרחק פון 80 און 60 קילאָמעטער; און וואַרשע—בערלין. און רעכנט זיך אַלס וויכטיקער באַן־קנופּ מיט צוויי באַן־סטאַציעס — ווינער וואָקזאַל און קאַלישער וואָקזאַל (זשעלקאָוויצע).

מיט דער געשיכטע פון דער שטאָט האָבן זיך פאַראינטערעסירט אַ גאַנצע ריי פּוילישע פאָרשער און געלערנטע, וועלכע האָבן אָנגע־שריבן אומצאָליקע ביכער. און יעדער פון זיי האָט געפּרוווט פון אַן אַנדערן אַספּעקט פאָרשטעלן די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג פון דער שטאָט.

מעגלעך, וואָלט מער ליכט געוואָרפן אויף פיל אומבאַקאַנטע געשיכטלעכע פאַקטן, דער שטאָטישער אַרכיוו, וואָס האָט געהאַט איינגעזאַמלט די רעשטלעך פון אַלטע דאָקומענטן, און וואָס זייער גרעסטער טייל איז ליידער פאַרניכטעט געוואָרן בעת די באָמבאַר־דירונגען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אין שטאָטישן מוזיי אין לאָוויטש א. נ. פון וולאַדיסלאַוו טאַר־טשינסקי, געפינט זיך אַ שלל אַרכיוואַלע שטאָט־אַקטן, וואָס די עלטסטע פון זיי שטאַמען פון 15־טן יאָרהונדערט.

אין 1934, אין די זומער־חדשים, ביים דורכפירן קאַנאַליזאַציע־אַרבעטן פאַר אַ וואַסער־לייטונג, האָט מען אין פיל פונקטן פון דער שטאָט אָנגעטראָפן אויף פאַרשידענע אַלטערטימלעכקייט־אָביעקטן.

אויף די אינטערעסאַנטסטע אויסגראָבונגען האָט מען זיך אָנגע־טראָפן אויפן „אַלטן מאַרק", נישט ווייט פון דער קאָלעגיאַטע־קירך, וואָס איז געבויט געוואָרן אין אָנהויב 12־טן יאָרהונדערט.

מיט די דאָזיקע אויסגראָבונגען און דאָס פאָרשן די היסטאָרישע בראָך־כלים, האָט זיך דעמאָלט פאַראינטערעסירט דער באַרימטער פּוילישער געלערנטער, פּראָפ. ד״ר וול. אַנטאָניעוויטש, לייטער פאַר פּרע־היסטאָרישער אַרכעאָלאָגיע, אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט. אַדאַנק אים האָבן זיך שפּעטער אָנגעהויבן אַרכעאָלאָגישע אונטער־זוכונג־גראָבונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אונטער זיין לייטונג מיט דער הילף פון עטלעכע אַסיסטענטן.

די פאָרשונגען האָבן פעסטגעשטעלט, אַז אַ געפונענער אונ־טערקלאָשן־קבר איז זייער אַן אַלטער און ער שטאַמט פון 400 יאָר פאַר קריסטוסן. אַלזאָ, דער אויבנדערמאָנטער קבר און זיינע איבערבלייבענישן האָבן זיך פּרעזערווירט אין דער ערד איבער 2300 יאָר.

ווי מיר זעען פון אויבנדערמאָנטן, איז שוין אין יענע גאָר אַלטע צייטן אויפן שטח פון היינטיקן לאָוויטש, געווען אַ שטאַרק באַפעלקערטער ישוב.

די דאָזיקע אַרבעט ווערט געשריבן, בימי, אין די טעג, ווען היטלערס חיילות מאַרשירן טריאומפירנדיק אַריין אין טשעכיע און עסטרייך, און דאָס געשפּענסט פון מלחמה הענגט איבער אייראָפּע. מיר פילן אָבער, אַז די דאָזיקע אַרבעט איז אַ דרינגענדיקער אימפּע־ראַטיוו און באַמיען זיך מיט אַלע כוחות, אַרויסצורייסן פון תהום פון פאַרגעסן, דאָס וואָס האָט אַ שייכות צו דער געשיכטע פון אונדזער שטאָט, ווייל דאָס געשעענע וואַרפט אויך דירעקטע רעפ־לעקסן אויף דער געשיכטע פון יידן בכלל אין פּוילן.

בכדי צו געבן אַ גענויע באַשרייבונג וועגן יידן אין לאָוויטש, מוזן מיר זיך קודם־כל באַקענען מיט דער אַלגעמיינער געשיכטע, און שפּעטער ערשט מיט דער געשיכטע פון יידן. דעריבער איז אונדזער אויפגאַבע אַ טאָפּלטע און זייער אַ באַשווערטע.

די יידן זענען געקומען קיין פּוילן ביים אָנהויב פון 11־טן יאָרהונדערט, ווען דאָס לאַנד איז נאָך געווען זייער פּרימיטיוו. דאָס פאָלק איז אַממיינסטן באַשטאַנען פון אומוויסנדע פּויערים און פּריצישע לײַדיקגייער.

די ערשטע יידן האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַזעצן אַרום די שטעט גנעזן, פּויזן און אַנדערע מקומות און ביסלעכווייז אַריינגעדרונגען אין קויאַוויע און שפּעטער קיין מאַזאָוויע. אַ גרויסער טייל פון די דאָזיקע ערשטע יידן אין פּוילן זענען אַהערגעקומען פון דייטשלאַנד און פיל אַנדערע ווייטע מקומות, אויף זייערע וואַנדערונגען, זוכנדיק אַ מקום־מקלט.

דאָס לאַנד, ווי שוין אויבנדערמאָנט, איז געווען האַלב־פּרימיטיוו אין אַן וועלכער עס איז געזעצלעכער אָרדענונג, ווייל פּוילן האָט וואָס געהאַט אָנגענומען די קריסטלעכע אמונה.

צו די פירער פון דער פוילישער מדינה זענען דערגאַנגען ידיעות, וואָס פאַראַ אומגעהויערע נוצן די יידן ברענגען אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך און אין שפּאַניע, ווו זיי זענען דעמאָלט געווען אַ וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פון דעם אַלגעמיינעם לעבן אין יענע לענדער. דעריבער האָט מען דעמאָלט מיט גרויס צופרידנקייט אויפגענומען דאָס אָנקומען פון גרעסערע גרופּן יידן קיין פוילן.

אין מאַי 1936 האָט לאָוויטש אָנגעהויבן אָפּמערקן די פייערלעכקייטן צום 800־סטן יובילייִ פון דער שטאָט. צו די דאָזיקע פייערלעכקייטן זענען אָבער אָפיציעל דעמאָלט נישט איינגעלאַדן געוואָרן קיין שום יידישע פאָרשטייער אָדער אינסטיטוציעס, אַזוי ווי יידן וואָלטן בכלל נישט געווינט אין דער שטאָט און געהאַט אַ חלק אינעם אויפבוי און אַנטוויקלונג פון דער שטאָט.

ערשטער טייל

לאוויטש פון די עלטסטע צייטן ביזן יאר 1914

דורך מערב־צענטראַל מאַזאָוויער פלאַכלאַנד, שלענגלט זיך ווי אַ זילבערנע סטענגע — דער טייך בזוראַ, אויף וועמענס רעכטן ברעג איז אַנטשטאַנען די פאַרצייטישע שטאָט לאָוויטש.

דער דאָזיקער ישוב איז געלעגן אין אַ פלאַכלאַנד פון פרוכטבאַרער ערד מיט אַ רייכער פלאָרע פון טאַטראַק און אַיער און אומענדלעכע וועלדער, ווו עס האָבן זיך געפונען בשפע הירשן, פוקסן און וועלף, וואָס האָבן דאָ שטענדיק געהויזט אין די טיפענישן פון די וועלדער. דאָ פלעגן אָפט פאָרקומען פירשטלעכע יאַגדן.

דאָס אַמאָליקע דערפל, וואָס מ׳האָט גערופן לאָוויסקאָ, נעמט זיך וואָרשיינלעך פון וואָרט Lowic פאַנגען, פון די אָפטע יאַגדן אויף די חיות און פישפאַנג. און ווען דאָס שטעטל איז אויסגעוואַקסן צו דער מדרגה פון אַ שטאָט, האָט ער באַקומען דעם הערב פון אַ פעליקאַן, אַ פויגל, וואָס דערנערט זיך מיט פיש. אויף דעם ערעקציע־טאָוול פון דער קאָלעגיאַטע־קירכע אויפן אַלטן מאַרק, דאַטירט פון יאָר 1100, איז דאָרט פאַרצייכנט: „די קירכע איז אויפגעשטעלט פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון די פאַראַפיאַנער”. דאָס גופא דייט אָן, אַז שוין דעמאָלט האָט זיך געפונען אין שטעטל אַ גענוג גרויסע באַפעלקערונג.

גענוי ווען לאָוויטש איז געוואָרן דאָס אייגנטום פון די גניעזנער ביסקופּן, שווייגט די געשיכטע. לויט איין קוועלע, ווערט דערציילט, אַז אין יאָר 1240 איז דאָס דערפל לאָוויטש געשאָנקען געוואָרן די גניעזנער אַרציביסקופּן דורך קאָנראַד, דעם פירשט פון מאַזאָוויע.

אין דער העלפט פון 14־טן יאָרהונדערט האָט דער אַרציביסקופּ יאַראָסלאַוו פון סקאָטניק, דאָס דערפל משנה־שם געווען אויף דער שטאָט לאָוויטש, און דער פירשט זיעמאָוויט דער דריטער, האָט אין יאָר 1359 דאָס לעצטע באַשטעטיקט אין סקיערנעוויץ, געבנדיק דעם שטעטל פיל פּריווילעגיעס, צוו. אַנד. די טעוטאָנישע געזעצן [2], אָנשטאָט די פוילישע, כדי די שטאָט זאָל זיך שנעל קאָנען אַנטוויקלען.

די געריכטן פון דער לאָוויטשער קאַשטעלאַניע זענען געלייטעט געוואָרן דורך אַ פּראַפּאַנעם סטאַראָסטע און די אורטיילן זענען אויסגעפירט געוואָרן אויפן אָרט. מיט הונדערט יאָר צוריק האָט מען נאָך געקאָנט אָנקוקן די איבערבלייבענישן פון דער לאָוויטשער אַרציביסקופּישער טורמע, וואָס לויט פּראָפ. סט. לוקאַשעוויטש, שטאַמען זיי פון 13־טן יאָרהונדערט.

אין יאָר 1441 האָט דער קעניג קאַזשימיעזש באַפרייט די אַרציביסקופּן פון צאָלן דעם יערלעכן צינש אויפן סאָכאַטשעווער שלאָס. פון דאַן אָן קריגט די פרימאַסן־רעזידענץ מער חשיבות און וואָס אַמאָל מער קעניגלעכע פּריווילעגיעס.

היסטאָריקער פון יענער צייט, סיי אויסלענדישע געלערנטע, פאַרעכנען לאָוויטש צו איינער פון די באַפעלקערסטע און רייכסטע שטעט אין פוילן, צוליב דער גרויסער צאָל סוחרים און געשיקטע בעלי־מלאכות, וואָס האָבן דאָרט געוווינט.

דער אַרציביסקופּ יאַן לאַסקי, וועגן וועלכן אונדז וועט אויסקומען שפּעטער צו שרייבן, האָט דער שטאָט דערלויבט צו רעגירן לויט די מאַגדעבורגער געזעצן, ווייל די טעוטאָנישע זענען געווען שווער צו באַגרייפן. אין יאָר 1524 האָט ער דערלויבט אַ שטאָטישע מאַגיסטראַטור און פאַראָרדנט, אַז דער סטאַראָסטע דאַרף יערלעך אויסוויילן אַ בירגערמייסטער, אַ וואָיט, לאַווניקעס, צומאָרגנס גלייך נאָך ניי־יאָר.

שוין אין דער העלפט פון 16־טן יאָרהונדערט, שמ׳ט לאָוויטש אַלס קולטורעלער צענטער, און איז דאָס וויגל פון פיל באַרימטע פוילישע געלערנטע. די שטאָט האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַן אייגענע ביבליאָטעק און דרוקעריי.

אין יאָר 1564 האָט איינער סט. מורמולאָס, געעפנט אַ דרוקעריי, אין וועלכער עס זענען געדרוקט געוואָרן ביכער.

אין יאָר 1584, זענען דורך אַרצ. קאַרנקאָווסקי באַשטימט געוואָרן פאַר לאָוויטש די ירידים מיטן אַלטערנאַטיוו, אַז איינער זאָל פאָרקומען אויפן „אַלטן מאַרק” און דער צווייטן אויפן „נייעם מאַרק” און דויערן זעקס וואָכן צייט.

די דאָזיקע ירידים האָבן געהאַט אַ געוואַלטיקע באַדייטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט, און פאַרן גאַנצן לאַנד, געבנדיק אַ מעגלעכקייט צו אַן אויסבייט אין ברייטערן פאַרנעם פון פאַרשיידענע סחורות און אַגראַר־פּראָדוקטן צווישן די מערב־ און מזרח־טיילן פון לאַנד.

אין יאָר 1684 האָט אין דער שטאָט געהערשט אַ גרויסער הונגער, און די באַפעלקערונג האָט זיך דערנערט מיט גראָז, קראָפּעווע און קלייען. מענטשן זענען געפאַלן ווי די פליגן אויף די וועגן צו דער שטאָט און אויף די גאַסן, אויסגייענדיק פון הונגער.

איינע פון די ווייטיקלעכסטע מפּלות פאַר דער שטאָט, איז געווען דער איבערפאַל פון די שוועדן, בעת קאַראָל דעם 12־טנס

[2]) אַלט־גערמאַנישע געזעצן.

מאַרש אויף מזרח־איראָפּע, און אין יאָר 1655 דעראָבערט און פֿאַרניכטעט לאָוויטש.

ווי רייך די שטאָט איז דעמאָלט געווען, זאָגט עדות דער פֿאַקט, וואָס די שוועדן (1655) האָבן אַרויסגעפֿירט פֿון דער שטאָט זאַקרויב אויף צוויי טויזנט פֿורלעך, און צווישן זיי צוועלף מיט זילבער און גאָלד. גליקלעכערווייז האָט זיי טשאַרניעצקיס מיליטער אַטאַקירט און דעם רויב צוריק אָפּגענומען.

לאָוויטש איז מיט קיין מויערן נישט געווען אַרומגערינגלט, ווי געוויינלעך אַלע פֿאַרצייטישע שטעט. די שטאָט האָט אפֿילו נישט געהאַט קיין געוויינלעכן וואַל אָדער ראָוו. דאָס איז פּאַקטיש אַן אויסנאַמווייזע דערשיינונג אין מיטלאַלטער, ווען שטעט זענען געווען באַשאַנצט. מעגלעך, דאַרף מען דעם פֿאַקט צושרייבן דאָס, וואָס די אַרציביסקופּן האָבן לאָוויטש געהאַלטן פֿאַר אַן „אָפֿענער שטאָט" און אַזוי אַרום דעם שונא נישט געוואָלט געבן אַ סיבה אויף איבערפֿאַלן דעם שלאָס.

אין 18־טן יאָרהונדערט, ווען דאָס לאַנד איז געווען איין גרויסער שליאַך, דורך וועלכן עס האָבן דורכגעצויגן פֿרעמדע חיילות, האָט זיך דאָס שטאַרק געגעבן צו פֿילן דער שטאָט. נאָכן דורכמאַרשירן פֿון די שוועדן, פֿאָלגט נאָך דאָס זאַקסישע מיליטער און שפּעטער דאָס מאָסקווער, און פֿיל פֿון זיי קוואַרטירן דאָ איין אַ לענגערע צייט.

דעם זעלבן יאָר, ווען די פּוילישע שלאַכטע האָט זיך געכאַפּט פֿאַר דער שווערד, כּדי צו פֿאַרטרייבן פֿון לאַנד די באַלעבאַטעוועדיקע רוסן, איז לאָוויטש געוואָרן דער צענטראַלער פּונקט פֿון שונאס מיליטער, פֿון וואַנען זיי האָבן אַרויסמאַרשירט קעגן די קאָנפֿעדעראַנטן.

* * *

אין יאָר 1583 האָט לאָוויטש באַזוכט סטעפֿאַן באַטאָרי. ער איז במשך עטלעכע טעג געווען גאַסט פֿון פּרימאַס קאַרנקאָווסקי אין שלאָס. דער קעניג זיגמונט דער 3־טער מיט זיין פֿרוי האָבן באַזוכט די שטאָט אין יאָר 1623, אויף זייער צוריקוועג פֿון דאַנציג. יאַן קאַזימיעזש האָט דאָ געפֿונען אַ מקום מקלט מיט זיין גאַנצן הויף און באַדינערשאַפֿט, בעת אַ גרויסער מגפֿה, וואָס האָט געהערשט אין לאַנד אין יאָר 1652. און יאַן סאָביעסקי האָט דאָ געוויילט אויף אַ וויכטיקן מלוכה־צוזאַמענפֿאָר.

אויסער פֿיל וויכטיקע מלוכהשע באַראַטונגען, וואָס זענען דאָ פֿאָרגעקומען ערב דעם אויסוויילן אַ נייעם מלך, זענען אין לאָוויטש פֿאָרגעקומען 7 סינאָדן פֿון די גניעזנער ביסקופֿן, דער לעצטער אין יאָר 1720. און צווישן זיי, איינער אין 1556, איינגעאָרדנט דורכן צורר־היהודים, דעם פּויפּסטלעכן נונציוס ליפּאָמאַנאָ, וועגן וועלכן עס וועט אונדז אויסקומען צו שרייבן מער אויספֿירלעכער אין צווייטן טייל פֿון דער דאָזיקער מאָנאָגראַפֿיע.

אָנהויב פֿון 18־טן י"ה הויבט לאָוויטש זיך אָן צו וועקן צו אַ ניי לעבן. עס ווערן אויפֿגעשטעלט אַ ריי שול־בנינים און עס אַנטשטייט אויך די ערשטע אין לאַנד קעניגלעכע אַקציעס־פֿאַבריק פֿון לייווּנט, וועמענס גרינדער עס איז דער פּרימאַס מיכאל פּאָניאַטאָווסקי. דאָס איז געשען אין יאָר 1785. די לייווּנט־פֿאַבריק איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין נישט־באַוווינטן פּרימאַסן־שלאָס.



אַלגעמיינער אויסבליק אויף לאָוויטש פֿון דער לופֿטן (1915)

General view of Lowicz during World War I, (1915)

וועגן דעם פאַרנעם פון דער פאַבריק און איר פּראָדוקציע זאָגן עדות פאָלגנדיקע ציפערן:

דאָ האָבן געאַרבעט 33 וועבער, וואָס זענען ספּעציעל אַראָפּגעברענגט געוואָרן פון אויסלאַנד, מייסטער פון שלעזיע און זאַקסן. ביי די פרעמדע זענען געווען אין דער לער אָרטיקע יונגעלייט. ביים שפּינען דעם ליינען זענען באַשעפטיקט געווען אַ צאָל פון 4,350 פרויען פון לאָוויטש און אומגעגנט.



דער ראַטוש (מאַגיסטראַט־בנין)
The Town Hall

דעם 1־טן מערץ 1793 האָט קיין לאָוויטש אַריינמאַרשירט דאָס פּרייסישע מיליטער, און דעם 8־טן אַפּריל דעם זעלבן יאָר, 10 אין דערפרי, איז מען מודיע די צונויפגערופענע בירגער אין מאַגיסטראַט, אַז זיי זענען אונטערטאַנער פון פּרייסישן קעניג.

דעם 21־טן אָקטאָבער 1793, קומט קעניג פרידריך ווילהעלם צופאָרן קיין לאָוויטש, כדי צו מאַכן אַן איבערזיכט איבער זיין מיליטער. ער איז איינגעשטאַנען אויפן אַלטן מאַרק נומ. 14. אין פראָנטטייל פון זעלבן הויז איז עד־היום געבליבן אַן אָנדענק־טאָוול פון קעניג ווילהעלמס באַזוך.

נאָכן פאַלן פון פּוילן, ווערן די פּרימאַסן־גיטער קאָנפיסקירט און גייען איבער אַלס אייגנטום פון פּרייסישן קעניג. דאָס לעצטע האָט געגעבן אַ טויט־קלאַפּ צו דער אַנטוויקלונג און וווילשטאַנד פון דער שטאָט.

די צאָלרייכע שלאָס־איינוווינער זענען אַוועק, צוזאַמען מיט זיי די שליחים פון פרעמדע מלוכות און פּוילישע מלוכה־לייט, אַדאַנק וועמען די אָרטיקע בעלי־מלאכות האָבן געהאַט באַשעפטיקונג און דאָס האָט געהויבן דעם האַנדל און אינדוסטריע.

אין יאָר 1794, נאָכן אויפשטאַנד אין וואַרשע, זענען די רוסן אַריין קיין לאָוויטש און געזוכט הילף ביי די פּרייסן. שפּעטער האָבן דאָ אָפּגעטרעטן אַנדערע מיליטערישע אָפּטיילונגען און צוגענומען רויבזאַק פון די רייכע פּאַלאַצן, אויסגעליידיקט די הייזער פון דער שלאַכטע, קלויסטערן און ביי יידן. און אפילו נישט געשוינט דעם אינווענטאַר פון די אָרעמע פּויערים.

די שווערע און טרויעריקע צייטן האָבן פאַר דער שטאָט אָנגעהאַלטן ביז דעם יאָר 1806, ווען דאָס פּרייסישע מיליטער איז אַנטלאָפן פאַרן זיגרייכן נאַפּאָלעאָן.

פון 18־טן אויפן 19־טן נאָוועמבער 1806 איז נאַפּאָלעאָן איינגעשטאַנען אין הויז פון אַלטן מאַרק, נומ. 3 (דאָס הויז נעבן שטאָטישן גאָרטן). אויפן באַפעל פון די פראַנצויזן, איז די גאַנצע שטאָט לכבוד דעם קיסרס קומען, באַלויכטן געווען מיט ריזיקע פאַקעלן און שטורקאַצן. און שפּעטער, ווען עס איז באַשלאָסן געוואָרן דורכצופירן אַ מאָביליזאַציע אין לאַנד, כדי צו העלפן די פראַנצויזן בייצוקומען דעם געמיינזאַמען שונא, איז גענ. הענרי דאָמבראָווסקי אָנגעקומען קיין לאָוויטש, וואָס איז געוואָרן דער זאַמל־פּונקט פון די מיליטערישע כוחות.

אין משך פון אַ קורצער צייט, זענען זיך דאָ צונויפגעקומען דרייסיק טויזנט ריטער.

אין דער שטאָט האָבן שפּעטער רעגירט די פראַנצויזן. מיט דער דאָנאַציע פון נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע גייט די שטאָט און אומגעגנט איבער אין די הענט פון מאַרשאַל דעוואָוט.

אין 1809 ווערט לאָוויטש פאַרנומען דורכן עסטרייכישן מיליטער, וואָס איז דעמאָלט אַריין אין וואַרשעווער פירשטנטום. אין לאָוויטש האָבן די עסטרייכער נישט לאַנג באַלעבאָטעוועט, זיי האָבן דערפאַר אָנגעמאַכט אַ היזק אין דער שטאָט אויף אַ סומע פון 55,000 פּוילישע זלאָטעס, וואָס זענען אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון דער באַפעלקערונג אין דער פאָרם פון שטייערן. דערביי זענען געמאַכט געוואָרן פאַרשידענע רעקוויזיציעס, אויף וועלכע זיי האָבן געגעבן ווערטלאָזע קוויטירונגען.

פראַגמענט פון נייעם מאַרק מיט אַלטערטימלעכע הייזער
Part of the New Market place with its Mediaeval buildings

אין ווינטער 1812 האָט דורך לאָוויטש זיך צוריקגעצויגן דאָס פראַנצויזישע מיליטער, נאָך זייער מפּלה הינטער מאָסקווע. נאַפּאָלעאָן איז דאָ דורכגעפאָרן אַ דערשלאָגענער און מ'האָט לכבוד אים מער נישט אילומינירט די שטאָט. נאָך זיין דורכפאָר זענען אָנגעקומען די פאַראָרעמטע און אויסגעהונגערטע רעשטלעך פון זיין אַרמיי, און לאָוויטש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין גרויס לאַזאַרעט.

קירצלעך איז געקומען אַ סוף צו נאַפּאָלעאָנס הערשאַפט, סיי דער סוף פון וואַרשעווער פירשטנטום.

אין פעברואַר 1813 האָט קיין לאָוויטש אַריינמאַרשירט דאָס רוסישע מיליטער. און שפּעטער — אין אויגוסט — האָט דורך דער שטאָט אַדורכגעצויגן דער טרויער־קאָנדוקט פון פירשט יוזעף פּאָניאַטאָווסקי, אויפן וועג פון לייפּציק קיין קראָקע.

זינט דער תקופה האָט רוסלאַנד רעגירט אין דער שטאָט הונדערט יאָר, ביז די דייטשע חיילות האָבן אָקופּירט די שטאָט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה.

נאָכן ווינער קאָנגרעס האָבן זיך פאַר לאָוויטש, אָנגעהויבן בעסערע צייטן. עס האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס אַדורכמאַרשירן פון פרעמדע חיילות און אַנדערע צרות.

אין יאָר 1819 ווערט לאָוויטש פּריווילעגירט און באַקומט די רעכט פון אַ וואָיעוואָדישע שטאָט. פיר יאָר שפּעטער, האָט דער מיניסטער לובעצקי באַלעבט די שטאָט מיט דער באַנייאונג פון די באַרימטע „לאָוויטשער ירידים", וואָס זענען בטל געוואָרן בעת דער פּרייסישער הערשאַפט.

שוין עטלעכע טעג פאַר די ירידים, איז געווען אַ געדראַנג אויף די וועגן, וואָס האָבן געפירט צו דער שטאָט. סוחרים און קלייןהענדלער האָבן דעמאָלט געבראַכט אינדוסטריעלע מכשירים, סחורות און פאַרשיידענע אויסאַרבעטונגען. עס זענען אָנגעקומען מוזיקער מיט קאָנצערטן, טעאַטער־טרופּעס, צירקן א.ד.גל.

די פּרעסע פון דער הויפּטשטאָט האָט צו די לאָוויטשער ירידים אַרויסגעשיקט ספּעציעלע קאָרעספּאָנדענטן, ווייל אין אויסלאַנד סיי אין לאַנד האָט מען זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דעם גאַנג פון די גרויסע לאָוויטשער מערק.

די איינוווינער האָבן אָפּגעטרעטן זייערע וווינונגען און שייערן פאַר די פרעמדע סוחרים און געסט, אָדער פאַר זיי געמאַכט באַקוועמע שלאָף־ערטער אונטערן פרייען הימל. הינטער דער שטאָט זענען אויפגעשטעלט געוואָרן ריזיקע שטאַלן פאַר גרויסע טאַבונען פערד.

פון יאָר 1820 איז לאָוויטש ווידער געוואָרן דער מיטלפּונקט פון לאָוויטשער פירשטנטום. די שטאָט איז באַלעבט געוואָרן און געקראָגן גרויס חשיבות.

צאַר אַלעקסאַנדער דער 1־טער, ווען ער אַרויסווייזן זיין דאַנקבאַרקייט צו זיין ברודער, גרויספירשט קאָנסטאַנטין, פאַר דער רעאָרגאַניזירונג פון פּוילישן מיליטער, וועמענס הויפּטמאַן ער איז געווען, האָט מיט אַ קעניגלעכן דעקרעט, לאָוויטש און אירע שכנות־דיקע שטעט און גיטער משנה־שם געווען א. נ. „לאָוויטשער פירשטנטום". און דערביי צוגעלאָזט די פרוי פון גרויספירשט אַלס שותפטע צו די גיטער. און איר, דער טאָכטער פון פּוילישן אַדל גרודזינסקי, געגעבן דעם טיטל „לאָוויטשער פירשטין". צו די גיטער פון לאָוויטשער פירשטנטום האָבן געהערט איבער צוויי הונדערט דערפער, אַ פאָלוואַרק און ריזיקע ערד־שטחים, דער פרימאַסן־שלאָס, אַ פּאַלאַץ אין סקיערניעוויץ, לישקאָוויץ און באָלימאָוו. נאָכן איבערנעמען די דאָזיקע גיטער, האָט דער גרויספירשט קאָנסטאַנטי באַפרייט די פויערן פון די פאַנשטשיזנע אַרבעטן און זיי באַשטייערט לויט די אָנגענומענע געזעצן אין די רעגירונגס־גיטער. דאָס לעצטע האָט משפיע־געווען אויפן לעבן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, און זייער ווילשטאַנד האָט זיך אין אַלגעמיין געהויבן. אויך זענען געקומען בעסערע צייטן פאַרן פויערים־שטאַנד.

דאָס לאָוויטשער פירשטנטום איז, לויט אַ צוואה פון דער „לאָוויטשער פירשטין", שפּעטער איבערגעגאַנגען אַלס אייגנטום צום צאַר ניקאָלאַי דעם 1־טן.

נאָכן טויט פון דער „לאָוויטשער פירשטין" האָבן זיך אַ שיט געטאָן אויף די קעפּ פון דער באַפעלקערונג פון גאַנצן פּוילישן קעניגרייך שווערע גזירות און פאַראָרדענונגען, איינע שווערער פאַר דער אַנדערער. פון דעמאָלט אָן דאַטירט זיך אַ תקופה פון דעפּרעסיע און מאַנאַטאָן לעבן אין דער שטאָט. אַ קליינע אויפמונטערונג ברענגט שפּעטער אַריין די אַרבעט ביים בויען די ווינער באַן־ליניע אויפן אָפּשניט וואַרשע—לאָוויטש. דאָס איז געשען אין יאָר 1845.

עטלעכע יאָר שפּעטער איז די אייזנבאַן־ליניע דערפירט געוואָרן ביז בידגאָשטש. די לעצטע האָט טאַקע דערנענטערט לאָוויטש צו דער הויפּטשטאָט און אַנדערע אויסלענדישע שטעט. פון דער אַנדערער זייט, אָבער, האָט די שטאָט פאַרלוירן די חשיבות אַלס האַנדלס־צענטער און דערגרייכט די מדרגה פון אַ וויכטיקן דורכפאָר־פּונקט.

אין דער זעלבער צייט, האָט אויך לאָוויטש צו פאַרצייכענען אַ גאָר וויכטיק געשעעניש אויפן געזונטהייטס־געביט. עס ווערט געשאַפן אין שטאָט דאָס ערשטע געזונטהייטס־הויז, פאַר וועלכן



דער נייער מאַרק אין אַ טאָרג־טאָג

The Market place during fair-days

צוועק דער גראַף טאַדעוש לוביענסקי האָט געגעבן אַ גרויסע סומע געלט. דאָס זעלבע האָבן געטאָן פיל אָרטיקע פילאַנטראָפן. דאָס „שפּיטאָל” האָט זיך געפונען אויף זדונסקאַ 41 (שיענאַווסקיס אַפּטייק). שפּעטער ווערט איבערגעבויט די אַבערזשע (אַריינפאָר־הויז) אויף קוטנער וועג אויף אַ גרויס שפּיטאָל. פינף יאָר שפּעטער ווערט דער שפּיטאָל־בנין פאַרברייטערט מיט נייע צובויאונגען. די פייערלעכע דערעפענונג פון שפּיטאָל קומט פאָר דעם 15־טן מאַי 1845. די דאָזיקע וויכטיקע געזונטהייטס־אינסטיטוציע ווערט אָנגערופן א. נ. „שפּיטאָל פון הייליקן טאַדעוש”.

לאָוויטש ווערט ווידער אַ ביסל באַלעבט אין די יאָרן 1858—59, ווען דער אַדמיניסטראַטיווער ראַט פון פּוילישן קעניגרייך, האָט דעם 15־טן דעצעמבער 1857 פאַראָרדנט איינצואָרדענען אין חודש סעפּטעמבער, אין טאָג פון יאָרמאַרק פון „הייליקן טאַדעוש” (מאַטויזיריד) — די ערשטע אַגראַר־אויסשטעלונגען. די דאָזיקע אויסשטעלונגען האָבן צוגעצויגן פּויערים, סוחרים און ערד־באַזיצער פון די ווייטסטע מקומות אין לאַנד, און האָבן אַריינגעבראַכט גרויס אויפלעבונג אין דער לאָקאַלער ווירטשאַפט און האַנדל. שפּעטער זענען די זעלבע אַגראַר־אויסשטעלונגען איבערגעטראָגן געוואָרן קיין לובלין.

אָנהייבנדיק פון יאָר 1861, האָט די פּאָליטישע שטימונג אין גאַנצן פּוילישן קעניגרייך ראַפּטעם זיך געענדערט. עס זענען פאָרגעקומען אָפטע מאַניפעסטאַציעס, וואָס האָבן אויסערלעך געטראָגן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער.

די מיטגלידער פון דער אַגראַר־געזעלשאַפט האָבן אויף די פרייערדיקע ירידים זיך נענטער געחברט מיט די פּויערים און זיי צוגעגרייט צום אויפשטאַנד.

אין 1863, ווען דער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן, האָט די גאַנצע יוגנט געאיילט אין די מיליטערישע אָפּטיילונגען. שעף פון דער „נאַציאָנאַלער רעגירונג” אין לאָוויטש איז געווען איגנאַצי שטשיטשינסקי.

אין דער סביבה פון לאָוויטש זענען דעמאָלט פאָרגעקומען העפטיקע צוזאַמענשטויסן צווישן די פּוילישע אויפשטענדלער מיט די מאָסקאָלן. הינטער באַלימאָוו איז פאָרגעקומען גאָר אַ גרויסע שלאַכט.

נאָכן דורכפאַל פון אויפשטאַנד, האָבן נאָכגעפאָלגט רעפּרעסיעס מצד מאָסקווע. פיל אויפשטענדלער זענען געמשפּט געוואָרן און פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. די אונטערדריקונג איז געקומען ביד חזקה און אומעטום האָט געהערשט פאַרביטערונג און האָפענונגסלאָזיקייט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע יאָר. ביסלעכווייז איז לאָוויטש ווידער געקומען צו זיך.

אין יאָר 1879 איז געגרינדעט געוואָרן די פרייוויליקע פייערלעשער־בריגאַדע, און צוויי יאָר שפּעטער איז פאַרלייגט געוואָרן די „קאַסאַ סקלאַדקאָוואַ פּאָזשיטשקאָוואַ” (די בשותפותדיקע ליי־קאַסע) און אַנד. אינסטיטוציעס.

לאָוויטש האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין אינדוסטריע־באַטריבן, נאָר אַ האַנטווערקערטום, אַ צעראַמיק־פאַבריק (פון די וועקשטיינס) און אַ דאַמף־מיל (פּאַראָווע מיל), וואָס האָט געמאָלן מעל.

ביידע פאַבריקן האָבן ביזן סוף פון 19־טן יאָרהונדערט באַשעפטיקט קוים 40 אַרבעטער.

די ערשטע און גרעסערע אינדוסטריע־אונטערנעמונג איז געווען די כעמישע פאַבריק, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1897. די פאַבריק האָט געשמט מיט אירע גוטע אויסאַרבעטונגען פון סופּערפאָספאַטן, מינעראַל־קוואַסן און פאַרשידענע גלאָז־אויסאַרבעטונגען. אין דער דאָזיקער פאַבריק האָבן געאַרבעט 360 אַרבעטער. איר יערלעכער אומזאַץ אין יענער צייט האָט באַטראָפן 1,200,000 רובל. אַ קליינעם טייל פון דעם גרינדונגס־קאַפּיטאַל האָבן געהאַט אָרטיקע אַקציאָנערן, די איבעריקע — בעלגיער. האַרט פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די פאַבריק זיך פונאַנדערגעבויט און אויסגעברייטערט און געהאַט גרויסע פּערספּעקטיוון אויף אַנטוויקלונג.

אין יאָר 1914, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן אין דער געגנט זיך אָפּגעשפּילט ביטערע שלאַכטן. די דייטשע אַרטילעריע האָט געגצלעך חרוב געמאַכט די פאַבריק. בלויז אַ צאָל וווינונגסהייזער פאַר די אַרבעטער זענען געבליבן אומבאַשעדיקט און האָבן שפּעטער, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, געדינט פאַר אַ לאַזאַרעט פאַר טיפוס־אָנשטעקנדיקע. ווען די טיפוס־עפּידעמיע האָט געהערשט אין שטאָט, זענען הונדערטער קראַנקע דאָ אָפּגעשיקט געוואָרן. צווישן זיי אַ גרויסער טייל יידן, אָבער בלויז אַ העלפט איז פון זיי צוריקגעקומען פון דאָזיקן גהינום־הויז.

דער אָנהייב פון 20־טן יאָרהונדערט האָט אין דער שטאָט אַריינגעבראַכט אויפלעבונג, באַגלייט מיט האָפענדיקייט. די כראָניק פון 1905 האָט צו פאַרצייכענען אויפטואונגען פון פּאָליטישן כאַראַקטער: דאָס אַנטשטיין פון פּאָליטישע פּאַרטייען, געהיימע מיטינגען, זעלבסט־געריכטן, פּאָגראָמען, שיסערייען אויף רוסישע פּאָליציי־פונקציאָנערן און זשאַנדאַרמעריע, אַרבעטער־שטרייקן און שולשטרייקן. דאָ פאָלגן נאָך אומאויפהערלעכע רעפּרעסיעס, רעוויזיעס, אַרעסטן, משפּטים, צום טויט־פאַרמשפּטע און פאַרשיקונגען אויף קאַטאָרגע.

אין יאָר 1909 איז לאָוויטש ווידער געשטאַנען אונטערן צייכן פון עפּידעמיע־קראַנקהייטן, וואָס האָט אין דער שטאָט און סביבה אָנגעמאַכט אַ געוואַלטיקן שנים. דער טויט האָט נישט אויסגעמיטן קיין הויז, ספּעציעל אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן און אָרעמע יידישע היימען.

אין דער זעלבער צייט איז קענטיק אַ שטרעבונג צו עמאַנציפּאַציע און זעלבסטבילדונג.

דער דאָזיקער מצב האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

צווייטער טייל

די ערשטע יידן אין לאָוויטש

די שפּורן פונעם אָנקום פון די ערשטע יידישע וואַנדערער אין מאַזאָווּשע; דער גירוש פון פּרימאַס יאַן לאַסקי, 1516; דער קאַטוילישער סינאָד אין לאָוויטש אין 1556 און דער עלילת־דם־בלבול; דער צוריקקער פון די יידן אין דער שטאָט און זייער אָנטייל אין פּוילישן אויפשטאַנד פון 1863; דער אויפבוי פון דער ווירטשאַפט, האַנדל און קליין־אינדוסטריע; די רעוואָלוציע פון 1905 און דער יידן־מצב ביז 1914.

ווי מיר זעען עס פון דער אַלגעמיינער געשיכטע פון לאָוויטש, אין ערשטן טייל פון אונדזערע מאָנאָגראַפישע פאַרצייכענונגען, איז

די שטאָט שוין געווען באַפעלקערט פון די גאָר אַלטע צייטן. לויט אַלטע קראָניקעס איז אַרום דעם מיטלדיקן לויף פון דעם טייך בזורע און איר פּרוכטבאַרע ערד שוין געווען אַ מענטשלעכער ישוב מיט 12 טויזנט יאָר צוריק, ווי עס באַווייזן דאָס די רעשטן פון פאַרשידענע בויאונגען און אָפּגעפונענע אָביעקטן פון פּרעהיסטאָרישע עפּאָכן.

לויט פּוילישע היסטאָריקער זאָל שוין דאָ האָבן עקזיסטירט אַ באַפעסטיקטער ישוב אין 9־טן י״ה, ד. ה. אין דער צייט, ווען עס איז נאָכנישט געווען קיין אייגהייטלעך פּויליש פאָלק און פּוילישע מלוכה, וואָס איז ערשט אַנטשטאַנען אין מיטן פון צענטן י״ה.

ס׳איז שווער פעסטצושטעלן, ווען די ערשטע יידן האָבן אָנגעשפּאַרט אין דער געגנט. מיר קאָנען בלויז לויט השערות און אַנדערע אומדייטלעכע רמזים אין דער אַלגעמיינער געשיכטע פון דער שטאָט און אומגעגנט, און לויט די באַזונדערע אַנטוויקלונגס־ און צעפּאַלונגס־פאַזן אויסגעפינען, אַז איינצלנע יידן האָבן דעמאָלט יאָ געוווינט.

געוויסע היסטאָרישע פאַקטן, וואָס רעדן נישט דייטלעך וועגן פ ר ע מ ד ע, דאַרף מען אָננעמען, אַז זיי באַציען זיך אויף יידישע וואַנדערער.

ווי באַקאַנט, האָט דער קעניג וולאַדיסלאַוו הערמאַן (1081—1102) געהאַט געעפנט די טויערן פון לאַנד פאַר די יידן און זיי געגעבן רעכט צו וווינען אומעטום, ווו נאָר זיי האָבן חשק. און שפּעטער האָט באָלעסלאַוו, דער פירשט פון גרויס־פּוילן, אין יאָר 1264 געגעבן יידן רעכט אויף התישבות, וואָס איז שפּעטער אָנערקענט און באַשטעטיקט געוואָרן דורך אַ ריי פּוילישע מלכים.

אונדזערע געשיכטע־פאָרשער ווייזן אָן, אַז די קאָלאָניזירונג פון די סלאַווישע לענדער דורך יידישע אויסוואַנדערערס פון דייטשלאַנד, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין משך פון מיטלאַלטער, האָט צוגעגרייט דעם גרונט פאַר דעם היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס האָט איבערגעמאַכט פּוילן פון אַ קאָלאָניע אין אַ מעטראָפּאָליע פון יידנטום.

דער היסטאָריקער ישעיה טרונק, שרייבט וועגן די עלטסטע יידישע ישובים אין מאַזאָוושע. און דאָס וואָס איז נוגע די שטעט טשערסק, סאָכאַטשעוו, ווישאָגראַד, דאַרף מען אָננעמען, באַציט זיך פּאַראַלעל אויך אויף די ערשטע איינוואַנדערער אין לאָוויטש. ער שרייבט:

„דעם שליאַך פון דער ייד. אימיגראַציע קיין מאַזאָוושע קאָנען מיר אויפן סמך פון די קוועלן נישט נאָכפאָרשן. מען קאָן זיך נאָר משער זיין, אַז זיי האָבן עמיגרירט פון די שכנותדיקע פּוילישע פּראָווינצן, דהיינו פון גרויספּוילן און קויאַוויע. דאָן קליין־פּוילן, שלעזיען און די לענדער פון דייטשן אָרדן.

די עלטסטע קוועלן־נאָטיץ וועגן דעם אויפהאַלט פון די יידן אין מאַזאָוושע שטאַמט פון יאָר 1237, און איז נוגע די יידן אין פּלאָצק. פון דעם דערמאָנטן יאָר האָבן מיר אין דער געשיכטע פון די מאַזאָווישע יידן אַ חלל פון קנאַפּע צוויי הונדערט יאָר, ביז אין יאָר 1413, אין וועלכן עס איז אין די טשערסקער אַקטן פאַרנאָטירט אַ ייד פון טשערסק.

דער פּאָליטישער און ווירטשאַפטלעכער מצב פון מאַזאָוושע אין 13־טן און 14־טן י״ה איז בשום אופן נישט געווען קיין גינסטיקער פאַר אַ צאָלרייכער יידישער אימיגראַציע, וועלכע האָט, ווי באַקאַנט, צוגעפירט דעם לאַנד הויפּטזעכלעך אַ קרעדיט און האַנדלס־עלעמענט, וועלכער קאָן עקזיסטירן און זיך אַנטוויקלען נאָר אויף אַ פאַרהעלטנישמעסיק הויכן ניוואָ פון ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען און אין צייטן פון פּאָליטישער סטאַביליטעט.

אין מאַזאָוושע האָבן דעמאָלט געפעלט ביידע באַדינגונגען. אין ווירטשאַפטלעכן הינזיכט איז מאַזאָוושע געווען די צוריקגעשטאַנענסטע פּוילישע פּראָווינץ, ווו די אַנטוויקלונג פון געלט־ווירטשאַפט האָט זיך אין פאַרגלייך מיט אַנדערע פּוילישע פּראָווינצן שטאַרק פאַרשפּעטיקט, דערביי האָט זיך דאָס לאַנד געפונען אין אַ פּערמאַנענטן קריג מיט רייסן, ליטע און דייטשן אָרדן.

אַ יידישע אימיגראַציע האָט דעריבער נישט געקאָנט אָנטרעפן אויף גינסטיקע באַדינגונגען.

ערשט ביים סוף און אָנהייב פון 15־טן י״ה, אין דער צייט פון די פירשטן יאַנוש דער 1־טער און זשימאָוויט דער 4־טער, וועלכע זענען אַליין געווען טעטיק ביים עקאָנאָמישן אויפבוי פון זייערע לענדער, האָבן דאָרט גערן געזען אַ יידישע איינוואַנדערונג, וואָס האָט געקאָנט אין אַ גרויסער מאָס צוהעלפן צו דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון די שטעט, אין וועלכע די יידישע אימיגראַנטן האָבן זיך באַזעצט. עס איז דעריבער העכסט וואַרשיינלעך, אַז אין דער העלפט פון 14־טן און אָנהייב פון 15־טן י״ה איז געגאַנגען קיין מאַזאָוושע אַ צאָלרייכער יידישער אימיגראַציע־שטראָם.

און ווירקלעך געפינען מיר שוין אין די סאַמע עלטסטע געריכטס־ביכער פון מאַזאָוושע, וואָס שטאַמען פון דער התחלה פון 15־טן י״ה, ידיעות וועגן יידישע זידלונגען.

דערביי דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז מאַזאָוושע איז אין 15־טן י״ה געווען צעטיילט אין צוויי זעלבשטענדיקע, פּאָליטישע אָרגאַניזמען: דאָס מאַזאָווישע (וואַרשעווער) און פּלאָצקער פירשטנטום פון וועלכער דאָס ערשטע (גרעסערע) האָט אַרומגענומען דרום־ און מזרח־מאַזאָוושע; און דאָס פּלאָצקער פירשטנטום דעם מערבדיקן טייל.

דער רעכטלעכער מצב פון די מאַזאָווער יידן איז אין פּרינציפּ געווען ענלעך צו דעם דאָזיקן, וואָס פון די יידן אין גאַנץ קרוין־פּוילן און אין גאַנץ מערב־אייראָפּע. זיי זענען געווען ‚קאַמערקנעכט׳ (Servi Camerae). דער פירשט האָט זיי באַשיצט און זיי האָבן באהבה געצאָלט פאַר דעם דאָזיקן שוץ. להיפּך צו דער פּראַקטיק אין קרוין־פּוילן, האָט אַ ייד אין מאַזאָוושע געמעגט האַלטן אַ גוט אָדער אַ דאָרף ווי אַ משכון אויף אַ הלוואה. און ס׳האָט נישט איינמאָל געטראָפן, אַז א חלפן איז געוואָרן אַ צייטווייליקער בעל־הבית פון אומבאַוועגלעכע פאַרמעגנס”.

וועגן אינערלעכן יידישן לעבן אין די מאַזאָווישע קהילות גיבן אונדז די היסטאָרישע מקורות זייער קאַרגע און פאַראיינצלטע ידיעות. אורטיילנדיק לויטן באַקאַנטן דעקרעט פון פירשט קאָנראַד (1469), איז די יידישע אויטאָנאָמיע אין מאַזאָווישן פירשטנטום געווען אַ שמעלערע ווי אין דער קרוין. לויט דעם דאָזיקן דעקרעט, איז פאַר ענינים צווישן יידן גופא געווען קאָמפּעטענט קודם־כל נישט דאָס יידישע אויטאָנאָמע געריכט (ווי אין קרוין־פּוילן), נאָר דאָס מלוכה־געריכט, וואָס איז באַשטאַנען פון וואַרשעווער סטאַראָסטע און שרייבער.

מאַזאָוויע איז אינקאָרפּערירט געוואָרן אין דער קרוין, דעם 13־טן סעפּט. 1526. נאָך דער דאָזיקער איינגלידערונג צו דער קרוין, זענען די אויטאָנאָמע געזעצן פון לאַנד דערווייל נישט בטל געוואָרן. דער פּיעטרקאָווער סיים האָט דעם 27־טן דעצ. 1529 באַשטעטיקט די דאָזיקע באַשלוסן. שפּעטער האָט זיגמונט דער ערשטער, באַנייט דעם פּריווילעג פון קאַזימיר דעם גרויסן פון יאָר 1367 און זיין באַשטעטיקונג פון יאַגעללאָ אין יאָר 1387, וועגן די רעכט פון די יידן זיך צו באַזעצן אין די שטעט.

לאָוויטש האָט שוין דעמאָלט געשמט אַלס רייכער יאַגד־צענטער. יידן זענען דאָ געקומען מיט זייערע סחורות פאַר די רייכע גוט־באַזיצער און פריצים, ווי: סאַמעט, זיידנצייג, טוך און גאָלדוואַרג, און דאָס אויסגעביטן אויף פּראָדוקטן און פעל פון געשאָסענע חיות, וואָס זענען אין די אַרומיקע וועלדער געווען בשפע.

אין פאַרגלייך צו קרוין־פּוילן, איז די געגנט פון מאַזאָווטשע געווען אַן אָפּגעשטאַנען לאַנד.

יידן, קומענדיק אין דעם שפּעטערדיקן צענטער אין מסחר־ענינים, האָבן פיל פון זיי זיך דאָ באַזעצט און געשאַפן פערמאַ־נענטע האַנדלס־פּלאַצוווקעס, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן קאָמערציעלע באַציאונגען מיט אַנדערע שטעט, סיי אויסלאַנד.

עטלעכע יאָר פריער, איידער מאַזאָווטשע איז איינגעגלידערט געוואָרן אין דער קרוין, און איידער זיגמונט דער ערשטער האָט באַנייט דעם פּריווילעג, וועגן די רעכט פון יידן זיך צו באַזעצן אין די שטעט, איז אויף די לאָוויטשער יידן געפאַלן דער גזר פון גירוש. דאָס איז געשען אין יאָר 1516. ווי עס באַשטעטיקן דאָס די אַלטע פּוילישע כראָניקעס, האָט דער ארציבישאָף יאַן לאַסקי לויט אַ ספּעציעלן דעקרעט געגנצלעך פאַרטריבן די יידן פון דער שטאָט. לויט דעם דאָזיקן דעקרעט, איז יידן פאַרבאָטן געווען אין דער צוקונפט צו וווינען אָדער זיך צו באַזעצן אין דער שטאָט. דער דאָזיקער פאַרבאָט איז שטרענג אָפּגעהיטן געוואָרן דורך די מושלים פון דער שטאָט, כמעט ביז דער דריטער צעטיילונג פון פּוילן. יידן האָבן דאַקעגן געמעגט זיין צייטווייליק אין דער שטאָט, בעת ירידים אָדער בעתן דערליידיקן אַמטלעכע ענינים.

לאָוויטש איז געווען אַ באַפעלקערטע שטאָט, כמעט אויסשליס־לעך פון פּאָליאַקן. דייטשן טרעטן דאָ אַרויס אויפן פּאָן פון דער געשיכטע ערשט אין 16־טן יאָרהונדערט. זיי האָבן זיך אַלע שפּעטער פּאָלאָניזירט.

דער גירוש פון די לאָוויטשער יידן פון צורר־היהודי, יאַן לאַסקי אין 1516, איז געווען אַ גרויסער קלאַפּ פאַר דער קליינער קהילה, וואָס האָט זיך דאָרט אַנטוויקלט אין אָנהייב 16־טן י״ה. דער זעלבער רשע האָט זיין יידן־פאַרבאָט פאַרזען מיט אַזעלכע האַרבע תקנות:

יידן האָבן נישט געטאָרט דורכפאָרן דורך דער שטאָט; עס איז זיי דערפאַר דערלויבט געווען אַדורכצוגיין צופוס, מיט אַן אָפּגע־דעקטן קאָפּ.

די דאָזיקע מיטאַלטערלעכע פאַראָרדענונג אין פּעאָדאַלן לאָ־וויטש דאַרף מען צושרייבן דעם פאַקט, וואָס די שטאָט איז געווען די רעזידענץ פון די גניעזנער ביסקופּן און געשמט אַלס פרומע קאַטוילישע שטאָט, אַרומגערינגלט מיט פיל קירכן.

לויט אַנדערע געשיכטלעכע פאַקטן, קומען מיר צו דער השערה, אַז טראָץ דעם פאַרבאָט פון צורר־היהודי, איז לאָוויטש נאָך זיין טויט דאָך נישט געווען אינגאַנצן יידנריין. ס'האָבן דאָ געוווינט איינצלנע פאַמיליעס, וואָס האָבן די מושלים פון דער שטאָט, סיי דער מאַגיסטראַטור, אָפּגעצאָלט גאָר הויכע שטייערן פאַר די דאָזיקע וווינרעכט.

נאָכן גירוש לאָוויטש, האָבן די יידן זיך אַריבערגעצויגן אין די שכנותדיקע פּריצישע שטעטלעך ווי סאָבאָטא, ביילעוו, באַלימאָוו און אַנד., ווו זיי זענען אַרונטערגעפאַלן די פּעאָדאַלע געזעצן, אָבער דערפאַר האָבן זיי געקאָנט זיין אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט דער רייכער האַנדלס־שטאָט לאָוויטש.

לאָוויטש, די רעזידענץ־שטאָט פון די גניעזנער ביסקופּן, איז, ווי באַקאַנט, אויך געווען דער צענטער פון די סינאָדן פון דער קאַטוילישער קירך. און אויפן סדר־היום פון סינאָד אין 1556 איז געשטאַנען דער עלילת־דם־בלבול קעגן עטלעכע סאָכאַטשאָווער יידן, וואָס האָט שפּעטער געהאַט שווערע טראַגישע פאָלגן פאַר די אָנגעקלאָגטע און די יידן אין מאַזאָווטשע.

לויט פאַרשידענע היסטאָרישע מקורות האָט דער עלילת־דם־פּראָצעס געהאַט פאָלגנדיקן אונטערגרונט:

אין יאָר 1556 אויפן סינאָד, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן דורך אַרצ. דזיערזשגאָווסקי אין לאָוויטש, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַלע ביסקופּן און פאָרשטייער פון די קאַפּיטולן פון דער גאַנצער פּוילישער רעפּובליק. די באַראַטונגען זענען פאָרגעקומען אונטערן פאָרזיץ פון פּויפּסטלעכן נונציוש ליפּאָמאַנאַ.

די ערד־באַזיצער־דעפּוטאַטן זענען אין 1555 אויפן פּיעטרקאָווער סיים געהאַט אַרויסגעטרעטן מיט דער פאָדערונג פון אַ נאַציאָנאַלן סאָבאָר און אַנדערע אינאָוואַציעס אין דער קאַטוילישער קירך, אויפן מוסטער פון די הוסיטן. די דאָזיקע פאָדערונגען האָט דער קעניגלעכער שליח אָװעקגעפירט צום פּויפּסט פאַולוס דעם 4־טן. דער פּוילישער קלער, וואָס האָט זיך דעמאָלט פאַרזאַמלט אין לאָ־וויטש, האָט אויפגעהויבן זיין שטים און פּראָטעסט קעגן די הערע־טישע שטרעמונגען פון דער שליאַכטע. און דער סינאָד האָט זיך באַראַטן וועגן מאָסמיטלען, כדי צו שטאַרקן די מאָראַל פון דער קאַטוילישער אמונה. און צווישן די 37 תקנות, וואָס דער סינאָד האָט באַאַרבעט, איז אויך פאַבריצירט געוואָרן דער עלילת־דם־פּראָצעס קעגן 4 סאָכאַטשעווער יידן, ווייל יידן האָבן דעמאָלט אין לאָוויטש נישט געלעבט. דער דאָזיקער עלילת־דם־פּראָצעס האָט געקאָסט דאָס לעבן פון די פיר יידן און אַרויסגערופן אַ כוואַליע פון יידן־רדיפות אין דער גאַנצער מאַזאָווישער פּראָווינץ און געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין גאַנץ פּוילן און אין אויסלאַנד.

פיר יידן, דער שמש ביינישׂ, זיין זון יעקב און די צוויי ברידער יוסף און יעקב סאכא (שפּעטער האָט מען, אין גאַנג פון דער אויס־פאָרשונג, אויך אַריינגעצויגן זייער פאָטער טרייטל), זענען באַשול־דיקט געוואָרן אין אַפּריל 1556 (דאָס איז געווען פאַר פּסח), אַז איינער פון זיי, דהיינו דער שמש ביינישׂ, האָט צוגערעדט די פרוי דאָראָטעאַ לאַזענצקאַ, זי זאָל צוגנבענען די האָסטיע בעת דער קאָמוניע אין דער דאָרפישער קירך קאָזלאָוואָ (נישט ווייט פון לאָוויטש), וואָס זיי האָבן דערנאָך ביי איר אָפּגעקויפט פאַר דריי טאַלער און אַ שטיק טוך. שפּעטער האָט ביינישׂ מיט זיינע אויבנ־אויסגערעכנטע שותפים אַדורכגעשטאָכן די האָסטיע און דאָס בלוט, וואָס איז אַרויסגעפלאָסן פון איר, צונויפגעזאַמלט אין אַ כלי.

די באַשולדיקטע זענען איינגעזעצט געוואָרן מיט זייערע פרויען אין פּלאָצקער טורעם (אַ חוץ ביינישן, וואָס איז געזעסן אין דער סאָכאַטשעווער תפיסה). זיי זענען גענומען געוואָרן אויף אַ שטרענגן פאַרהער, באַגלייט מיט שווערע פּייניקונגען.

די אויספאָרשונג האָט געפירט פראַנציס ליפּאָמאַנאַ, ווי דער שליח פון זיין קרוב דעם פּויפּסטלעכן לעגאַט אַלויזי ליפּאָמאַנאַ, דעם לעגאַטס סעקרעטאַר יוזעף אַליוואַ (ביידע איטאַליענער), ווי אויך דער לאָוויטשער בירגערמייסטער סטעפאַן און דער מילנער וואָיטשעך — דעלעגירטע דורכן גניעזנער אַרציביסקופּ מיקאָלאַי דזיערזשגאָווסקי.

שמעון דובנאָוו אין זיין „וועלט־געשיכטע פון ייד. פאָלק״ (באַנד 4), דערציילט וועגן דעם זעלבן מער אויספירלעכער:

„מיט אַלע שטאַנדן האָבן יידן נאָך געקאָנט, גוט צי שלעכט, זיך איינלעבן, אָבער נישט מיט דער קאַטוילישער גייסטלעכקייט. דער דאָזיקער שונא פון יידנטום האָט פאַרטאָפּלט זיין אימפּעט, ווען פון רוים האָט מען זיך אָפּגערופן אויפן וווקס פון פּראָטעסטאַנטיזם, מיט אַ סיגנאַל צום קאַמף מיט יעטוועדער אומגלויבן. אין די קרייזן פון טרידענטער קאָנציל, וואָס האָט דעמאָלט אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען, איז מען געווען שטאַרק אומרואיק דעריבער, וואָס די רעפאָרמאַציע האָט זיך אויסגעשפרייט אויך אין פּוילן, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ פעסטונג פון דעם קאַטאָליציזם. מער פון אַלץ האָט פאַרדראָסן, וואָס די כפירה האָט זיך פאַרשפרייט אין דער פּוילישער העכסטער געזעלשאַפט, אין די הויפישע קרייזן, און דער קעניג האָט נישט געשטערט.

בכדי צו ווירקן אויף סיגיזמונד אויגוסטן און צו אַגיטירן אין דער געזעלשאַפט, האָט דער פּויפּסט, דער אינקוויזיטאָר פּאַולוס דער פערטער, אַוועקגעשיקט קיין פּוילן זיין לעגאַט, דעם בישאָף ליפּאָמאַנאָ (1555). דער דאָזיקער דורכגעטריבענער אַגיטאַטאָר, וואָס האָט ביים קעניג און ביים סיים נישט געקאָנט אויספּועלן קיין רעפּרעסיעס קעגן די „דיסידענטן", האָט זיך אונטערגענומען אונטערצוהעצן דעם רעליגיעזן פאַנאַטיזם דורך איינעם פון די בלוטיקע ספּעקטאַקלען, וואָס די קריגערישע קירך פלעגט נישט זעלטן אַראַנזשירן אין מערב. אויפן צונויפפאָר פון דער קאַטוילישער פאַרטיי אין לאָוויטש, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט ליפּאָמאַנאָס הילף, איז אַרומגערעדט געוואָרן די פראַגע, וואָסערע מיטלען מען זאָל אָננעמען קעגן די אַפּיקורסים, וואָס לייקענען אָפּ די דאָגמע פון דער אייכאַריסטיע — אַז אין דעם קירכלעכן קאָמוניע־ברויט, אין דער האָסטיע, איז פאַראַן פון קריסטוסעס לייב און בלוט. דאָ איז דעם כעלעמער בישאָף איינגעפאַלן אַ געדאַנק צו אינסצעניזירן דעם מופת פון בלוט־פאַרגיסונג ביי אַ האָסטיע, וואָס איז פאַראומרייניקט געוואָרן דורך יידן.

אָנהויב 1556 זענען אין דער שטאָט סאָכאַטשעוו פּלוצים אַרעסטירט געוואָרן דער ייד ביניש און דאָס קריסטלעכע מיידל דאָראָטעאַ לאַזענצקאַ, וואָס האָט געדינט ביי אים. דאָס מיידל האָט מען באַשולדיקט דערין, אַז זי האָט לויטן בעל־הביתס צורייד אַרויסגעגנבעט אין אַ דאָרפישער קירך אַ האָסטיע. און ביינישן און נאָך דריי יידן וואָס זענען אין גיכן אַרעסטירט געוואָרן, האָט מען באַשולדיקט דערין, אַז זיי האָבן די האָסטיע געשטאָכן אַזוי לאַנג, ביז פון איר האָט זיך גענומען פליסן בלוט. דאָראָטעאַ און די יידן האָט מען ביים פאַרהער שטאַרק געפּייניקט און מען האָט זיי געצווונגען זיך מודה צו זיין אין אַ פאַרברעך, וואָס זיי האָבן נישט אָפּגעטאָן. אַלע באַשולדיקטע זענען געוואָרן פאַרמשפּט צום טויט, און דער כעלעמער בישאָף האָט געבעטן ביים קעניג, צו באַשטעטיקן דעם פּסק. אָבער דער קעניג, וואָס האָט נישט געגלויבט אין דער ריטועלער לעגענדע, האָט אַלץ אָפּגעלייגט. דעמאָלט האָט דער בישאָף, וואָס האָט פאַרנומען אויך דעם אַמט פון אונטער־קאַנצלער, געלאָזט וויסן אין סאָכאַטשעוו, אַז מ'זאָל די באַשולדיקטע וואָס גיכער מקיים־פּסק־זיין. דאָס איז טאַקע געטאָן געוואָרן; אויפן אָרט האָט מען אויסגעפירט דעם טויט־שטראָף איבער דער לאַזענצקאַ און איבער ביינישן, און אין פלאָצק איבער די איבעריקע צוויי יידן (דער דריטער איז אַנטלאָפן געוואָרן). די עקזעקוציע איז געווען עפנטלעך.

פאַרן טויט האָבן די קדושים אין פלאָצק געמאָלדן: „מיר האָבן קיינמאָל קיין האָסטיע נישט געשטאָכן, ווייל מיר גלויבן נישט, אַז אין איר איז פאַראַן גאָטס לייב; גאָט האָט דאָך נישט קיין גוף, און אין אַ פלעצל פון מעל, קאָן נישט זיין קיין בלוט". מען דערציילט, אַז ליפּאָמאַנאָ און די גייסטלעכע ריכטערס זענען אַזוי אַריין אין אַ גרימצאָרן איבער אָט דער „גאָטלעסטערישער" מעלדונג, אַז זיי האָבן געהייסן דעם שאַרפריכטער פאַרשטאָפּן די פאַרמשפּטע דאָס מויל מיט אַ ברענענדיקן שטורקאַץ. דעם קעניגס באַפעל אָפּצולייגן די עקזעקוציע איז אָנגעקומען קיין סאָכאַטשעוו צו שפּעט.

ווען סיגיזמונד אויגוסט איז געוואָר געוואָרן וועגן די מעשים תעתועים פון דעם כעלעמער בישאָף און זיין באַגייסטערער ליפּאָמאַנאָ, זאָל ער האָבן (לויט דער דערציילונג פון אַ היסטאָריקער, אַ פּראָטעסטאַנט) אויסגערופן: „דער דאָזיקער מאָרד ערגערט מיך ביז גאָר, וואָרעם איך בין נאָך נישט אַזוי אַראָפּ פון זינען, אַז איך זאָל גלייבן, אַז אין דער דאָזיקער האָסטיע איז געווען בלוט".

אָנהייב 1557 האָט דער קעניג אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, אַז אויף להבא זאָלן באַשולדיקונגען קעגן יידן אין אַ ריטועלן מאָרד

דער אַלטער מאַרק. לינקס דער בנין פון מענער־גימנאַזיום
The old Market place in the beginning of our century. On the left the Gimnasium (Boy's College).

אָדער אין פאַרשווערכן אַ האָסטיע, פונאַנדערגעקליבן ווערן גאָר אין סיים און בייזיין פון דעם קעניג און די העכסטע שררות פון דער מלוכה".

* * *

לויט אַלטע פּוילישע כראָניקעס איז לאָוויטש ביים סוף פון 16־טן י"ה געווען אַ פאַרמעגלעכע שטאָט און געהאַט אַ באַפעלקערונג מיט אַ הויכער קולטור. דאָ אַהער זענען געקומען סוחרים פון ווייטע לענדער, צוממייסטן אויף די באַרימטע לאָוויטשער ירידים, וואָס זענען באַשטימט געוואָרן דורכן אַרץ. סטאַניסלאַוו קאַרנקאָווסקי אין יאָר 1584.

עס האָבן דאָ אַהערגעאײַלט ענגלענדער, באַוואַריער, פראַנצויזן, דייטשן, אַרמענער, טערקן, איטאַליענער און אַנד. עס האָבן נישט געפעלט קיין גריכן מיט שטויסן באַקאַליען און כל־המיני וואָרצלען; בוכאַרער מיט וואָל־אויסאַרבעטונגען; פּערסיער מיט טייערע טעפּיכער און סאַפראַן און דאַמאַסק; די מאָסקאַלן מיט די שענסטע פּוטערס. און צווישן דעם פילפאַרביקן און פילשפּראַכיקן עולם סוחרים און הענדלער, האָבן יידן פאַרנומען דעם אויבנאָן.

כדי צו קאָנטראָלירן און אײַנמאָנען די שטייערן פון די צוגערייזטע סוחרים אין דער שטאָט, האָט דער ירידס ריכטער אויסגעקליבן אַ קריסט און אַ רעקאָמענדירטן ייד, וואָס האָבן באַקומען אַן אויסצייכענונג פאַר זייער טרחה. בעת אַזעלכע קאָנטראָלן, פלעגט מען אָפט הייסן רעווידירן דאָס בית־המדרש און די אכסניות, ווו די יידן זענען אײַנגעשטאַנען.

פון דעם לעצטן איז געדרונגען, אַז חוץ אויף די ירידים, האָבן יידן דאָ אין אַ גאַנץ קליינער צאָל יאָ געוווינט, טראָץ דעם בפירושן פאַרבאָט און דעקרעט פון אַרץ. יאַן לאַסקי. יידן, וואָס פלעגן דאָ קומען אויף די ירידים, זענען דאָ געבליבן וווינען אַ לענגערע צייט אין שטאָט און אַנדערע האָבן געהאַט די השגחה איבער דעם כלי־קודש. קיין אָרגאַניזירט יידיש קהילה־לעבן איז אָבער נישט געווען.

נישט אויסגעשלאָסן, אַז יידן זאָלן אין דער שפּעטערדיקער תקופה, אין דער אַנטוויקלונג פון דעם עקאָנאָמישן מצב פון דער שטאָט, נישט האָבן געהאַט אַ חלק אין דער קעניגלעכער אַקציעספאַבריק פון לייוונט, וואָס איז עטאַבלירט געוואָרן אין בנין פון פרימאַסן־שלאָס אין יאָר 1787, דורך פאַרשפּרייטן די דאָזיקע לייוונט־אויסאַרבעטונגען.

אַז די געשיכטלעכע פאַקטן זענען זיך סותר דעם פאַרבאָט פון יידן צו וווינען אין לאָוויטש, קאָנען מיר אורטיילן לויט די פאָלגנדיקע געשעענישן:

אין יאָר 1779 האָט אַרץ. אָסטראָווסקי געדראָט די אײַנוווינער, אַז אויב די ליידיקע פלעצער אין שטאָט וועלן נישט באַבויט ווערן במשך צוויי יאָר צייט, וועלן זיי קאָנפיסקירט ווערן און איבערגעגעבן ווערן מיט אַ תנאי צו פרעמדע, אָדער דאָרפסלייט, וואָס זענען פאַרמעגלעך און צוגעפּאַסט פאַר דעם.

דאָס איז אַ פאַרלעסלעכע השערה, אַז די פ ר ע מ ד ע האָט מען געמיינט די יידן, און זיי האָבן געוווינט אין דער שטאָט און געהאַט אַ מעגלעכקייט צו קויפן אומבאַווועגלעך אייגנטום.

אַ צווייטער היסטאָרישער פאַקט, אַז יידן האָבן געוווינט אין דער שטאָט אין שפּעטן מיטלאַלטער, ביז עס איז זיי אָפיציעל דערלויבט געוואָרן זיך ווידער צו באַזעצן, ווען די פּרייסן האָבן געהערשט אין דער שטאָט אין יאָר 1797, דערציילט פאָלגנדיקע כראָניק:

„אין יאָר 1794, נאָכן אויפשטאַנד אין וואַרשע, זענען די רוסן אַריין קיין לאָוויטש, זוכנדיק הילף ביי די פּרייסן, וואָס האָבן דעמאָלט באַלעבאַטעוועט אין דער שטאָט. שפּעטער האָבן דאָ אָפּגעטרעטן אַנדערע מיליטערישע אָפּטיילונגען, צונעמענדיק מיט זיך זאַקרויב פון די רייכע פאַלאַצן. זיי האָבן אויסגעליידיקט די הייזער פון דער שליאַכטע, קלויסטערן און פון די יידן".

ווי מיר זעען, האָבן דאָ יידן סטאַביל געוווינט און זענען געפאַלן אַ קרבן פון רויבער־הענט צוגלייך מיט די רייכע אײַנוווינער פון דער שטאָט, וואָס זענען געווען שוצלאָז און אוממעכטיק קעגן די הפקרדיקע מיליטערישע רויבער־באַנדעס.

דער 18־טער י"ה איז איינע פון די ערגסטע תקופות אין דער געשיכטע פון פּוילישן יידנטום. צו די גרויסע חורבנות, וואָס עס האָבן אָנגעמאַכט די קאָזאַקן — אויפשטאַנדן און די כסדרדיקע מלחמות, איז צוגעקומען די פאַרשלעפּטע אינערלעכע אַנאַרכיע אין לאַנד, וואָס האָט צעפרעסן דעם מלוכה־אָרגאַניזם און מיט איר גיפט פאַרסמט דאָס יידישע לעבן. דער דאָזיקער צייט־אָפּשניט ווערט באַצייכנט „תקופה פון הפקרות". דער ייד איז געווען הפקר און רעכטלאָז. די רעגירונג האָט אין די יידן געזען אַן אומאויסשעפּלעכן קוואַל פון הכנסות. זי האָט דעריבער אַלץ געטאָן, כדי זיך צו פאַרזיכערן מיט די דאָזיקע חיונה־קוואַלן און מ'האָט די יידן אַרײַנגעשטופּט אין הינטערהויף פון עקאָנאָמישן לעבן און ביד חזקה באַשרענקט זייער רעכט זיך צו פאַרנעמען מיט האַנדל און מלאכה.

ווי מיר זעען, איז אין דעם אומאויפהערלעכן פּראָצעס פון פּוילישן בירגערטום, די מיעשטשאַנעס און האַנטווערקער־שטאַנדן, וואָס האָבן געפירט אַ סיסטעמאַטישן אויסראָטונגס־קאַמף קעגן די יידן אין די שטעט, די רעגירונג זיי שטאַרק אַנטקעגנגעקומען. אין גרעאַנגל פאַרן קיום האָבן די יידן, בלית־ברירה זוכנדיק אַ מקום־מקלט, אַוועק אין די דערפער און קלענערע שטעטלעך, וואָס זענען געווען דער פּריוואַטער אייגנטום פון די פּריצים און די שליאַכטע, און יענע האָבן זיי גענומען אונטער זייער שוץ פאַרן פּרייז פון שווערע שטייערן.

אין יאָר 1740 טראָגן די פּריצים אַריין אַ פאָרשלאַג אין סיים מיט דער פאָדערונג, אַז די יידן אין זייערע מאַיאָנטקעס זאָל מען אָנערקענען אַלס לייב־אייגנטום.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז נישט בעסער געשעט דאָס זעלבע אין דער ביסקופּן־שטאָט לאָוויטש, אין וועלכער עס הערשט דער שווערסטער מיטלאַלטערלעכער רעזשים, מיטן אויבערטאָן פון משונהדיקע בלבולים אויף יידן און אַנדערע ווילקירלעכע אַקטן.

אין 1795 איז געקומען די דריטע צעטיילונג פון פּוילן. און די פּרייסן האָבן פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד אויף מערב פון טייך פּיליצע, בוג ביזן ניעמען, צוזאַמען מיט וואַרשע. און די יידן־פראַגע איז אַרונטער דער פּרייסישער אַנעקסירונג און אַריין אין סטאַדיע פון נייע איבערגעשטאַלטונגען.

די 10 יאָר (1796—1807), וואָס די פּרייסן האָבן געהערשט אין וואַרשע, זענען געווען שווערע יאָרן נישט בלויז פאַר דער פּוילישער, נאָר אויך פאַר דער יידישער באַפעלקערונג.

פאַקטיש איז דער איבערגאַנג פון פּוילן קיין פּרייסן געווען פאַר יידן אַ שווערע איבערלעבונג. דער שאַרפער איבערגאַנג פון דער לויזער מלוכה־מאַשין פון דער פּוילישער רעפּובליק, מיט דער הפקרות פון די פעאָדאַלע מאַגנאַטן און אָן אַ דירעקטער שוץ מצד דער צענטראַלער מאַכט, צו אַ סיסטעם פון רעגיסטראַציע און סיסטעמאַטישער פיקסאַליזאַציע, איז פאַר די פּוילישע יידן געווען זייער אַ פּיינלעכער. און נאָך אַ מאָמענט האָט דעם פרומען יידן שטאַרק

באַאומרואיקט. דאָס איז געווען דאָס אַריינמישן זיך פון דער מלוכה אין די ענינים פון דעם יידיש־רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן ציבור־לעבן.

שוין אין מערץ 1795, טרעט דער פרייסישער פרעזידענט, גראַף פון האַים, אַרויס קעגן באַגרענעצונגען אויף יידן בכלל. אַ ריי באַגרענעצונגען זענען פאַקטיש בטל געוואָרן, ווי למשל די קוואָטע אויף יידישע חתונות.

כדי צו זײַן זיכער מיט די פּראָיעקטן וועגן יידן, אַז זיי זענען אין הסכם מיטן ווילן פון די לאָקאַלע אויטאָריטעטן, האָט האַים זיך געווענדעט צו דער פּויזנער קאַמער און געבעטן אָנווײַזונגען, וועלכע הנחות פאַר יידן אין מסחר, מלאכה, רעכט צו קויפן הייזער, שטייערן אאַ״וו ס׳איז כדאי איינצופירן.

ווי מיר זעען, איז די פרייסישע רעגירונג אין דירעקטע באַציאונגען מיט די פּוילישע יידן און באַמיט זיך זיי צו עמאַנציפּירן און מאַכן פון זיי אַ געווער פון גערמאַניזאַציע.

כדי צו געווינען די יידן, האָט די פרייסישע רעגירונג באַלד נאָכן פאַרנעמען וואַרשע, אַנולירט אַלע דעקרעטן און פּריווילעגיעס פון פאַר דער צייט פון דער צעטיילונג, וואָס האָבן אַנטהאַלטן באַגרענעצונגען לגבי די יידן, און אַזוי אַרום פאַרלייכטערט די יידן אין דעם באַזעצן זיך אין די שטעט. מיט אַ ספּעציעלער השגחה האָט די פרייסישע רעגירונג אַרומגענומען די יידן, וואָס זענען געקומען פון פּרייסן.

די ביז איצט אָנגעשטרענגטע באַציאונגען מצד דער פּוילישער געזעלשאַפט לגבי די יידן, האָבן זיך איצט נאָכמער פאַרשאַרפט, צוליב די כלומרשט וואַרעמע באַציאונג און זאָרג, וואָס די פרייסישע רעגירונג האָט באַשאָנקען די יידן. און דאָס איז געווען אַ גענוגנדע סיבה, אַז די פּוילישע מאַסן זאָלן נאָכמער פאַרטיפן זייער שנאה צו די לעצטע.

די יידן, וואָס האָבן געוווינט אין וואַרשעווער פירשטנטום זענען באַשטאַנען פון קליינהענדלער, קרעמער, שענקער און האַנטווערקער. דער מצב פון אָט דער קרעמעריש־האַנטווערקערישער מאַסע איז געווען זייער אַ קלאָגעדיקער.

מיט דעם אַנולירן דורך דער פרייסישער רעגירונג די באַגרענעצונגען פון יידישע רעכט, און דאָס דערלויבן זיי זיך צו באַזעצן אין די שטעט, געפינען מיר אין דער כראָניק פון יאָר 1795, אַז יידן האָבן זיך דעמאָלט באַזעצט אין לאָוויטש.

און באַזעצט האָבן זיך יידן פון די שכנותדיקע שטעטלעך. אין יאָר 1797 קריגן אַן אָפיציעלע דערלויבעניש צו וווינען אין לאָוויטש פיר יידן מיט זייערע פאַמיליעס. די פּריווילעגירטע יידן זענען געווען: באָראָווסקי, צוקער, פינקוס און פלאַמקאַ.

און טראָץ דעם, וואָס די פרייסישע רעגירונג האָט ביים סוף פון 18־טן י״ה די יידן אָפיציעל דערלויבט זיך ווידער צו באַזעצן אין דער שטאָט, האָט אָבער פון דער אַנדערער זייט דאָס געזעץ זיי נישט דערלויבט צו האָבן אומבאַוועגלעכע גיטער און אַנדער פּריוואַט אייגנטום.

יידן איז דערלויבט געווען צו וווינען נאָר אין עטלעכע פּונקטן פון דער שטאָט. צוערשט אין בראָטקאָוויצע, און אויפן לאָדזשער וועג (פּיאָטרקאָווער גאַס) און שפּעטער אין דער זדונסקאַ־גאַס, וואָס איז געוואָרן די הויפּט־אַרטעריע און יידישער קוואַרטאַל. דאָס באַזעצן זיך פון די יידן אויף סטאַביל איז רעגולירט געוואָרן דורך פאַרשיידענע פאַראָרדענונגען און דעקרעטן. די באַזעצונגס־באַדינגונגען זענען פאַרבונדן געווען מיט אַ געהעריקן אָפּצאָל און שטייערן.

די אָפּצאָלונגען ביים אָפיציעלן באַזעצן זיך פון יידן אין לאָוויטש בעת דער פרייסישער מאַכט אין יאָר 1797 זענען געווען פאָלגנדע:

פאַר באַזעצן זיך (פּער קאָפּ)	15	טאַלער	(90 פּוילישע זל.)
פאַר אַ דערלויבעניש צו האַנדלען	1	״	12 גר.
פאַר דערלויבן צו באַזיצן אַ הויז	3	״	
פאַר אויפשטעלן אַ בית־המדרש	1	״	
פאַר אויפשטעלן אַ בית־הקברות	3	״	

כאַראַקטעריסטיש זענען אין דער אויבנגעבראַכטער טאַבעלע דער גלייכער הויך פון די אָפּצאָלן פאַר אַ דערלויבעניש צו האַנדלען און אויפשטעלן אַ בית־המדרש. דאָס זעלבע פאַר באַזיצן אַ הויז און אויפשטעלן אַ בית־עולם.

לאָוויטש האָט אין יענע יאָרן קיין אייגן בית־הקברות נישט געהאַט און די מתים פלעגט מען פירן אין די שכנותדיקע פּריצישע שטעטלעך, סאַבאַטאַ און ביילעוו, וואָס זענען אין יענער צייט באַוווינט געווען פון אַ גרויסער יידישער באַפעלקערונג מיט אַן אָרגאַניזירט קהילה־לעבן.

אין יאָר 1804 באַקומען די יידן פייוול קליין (Faybla Kleyn) און שמעון צוקער, אַ דערלויבעניש צו פירן האַנדל און זיך פאַרנעמען מיט אינדוסטריע. צוויי יאָר שפּעטער, אין 1806, בעת דער מלחמה־בהלה, ווען די פּרייסן אַנטלויפן פון דער שטאָט פאַרן אָנקומענדיקן זיגרייכן נאַפּאָלעאָנישן מיליטער, באַקומט דער ייד דאָרעמבוס, פאַר אַ גאָר הויכן אָפּצאָל, די דערלויבעניש צו פירן אַ שענק פון היימישע געטראַנקען.

די דאָזיקע דערלויבעניש האָט דער ייד דאָרעמבוס באַקומען פון דער מיליטערישער מאַכט, און זיין ביישפּיל האָבן פיל יידן נאָכגעטאָן. אין גאָר אַ קורצער צייט פאַרנעמען זיך אַ צאָל יידישע פאַמיליעס אין לאָוויטש מיט שענקעריי.

דער מנהיג־הקהל איז דעמאָלט געווען דער ייד פינקוס, וואָס ווייזט אַרויס פיל אייפער און איניציאַטיוו ביים אָרגאַניזירן דאָס יידישע קהילה־לעבן. אַזוי ווי ער אַליין איז אַ גאָר רייכער מענטש, פירט מסחרים אויף אַ ברייטן פאַרנעם, ווערט ער שטאַרק אָנגעזען ביי די לאָקאַלע מאַכטהאָבער. די שטאָט איז לויט אַ דאָנאַציע פון נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע איבערגעגאַנגען אין די הענט פון זיין מאַרשאַל דאַוואָוט. אַלע שתדלנותן פון ייד פינקוס לטובת די לאָוויטשער יידן, ווערן דעמאָלט געקרוינט מיט דערפאָלג. צוו. אַנד. געלינגט אים, נאָך אַ ריי באַמיאונגען, אַז די לאָקאַלע מאַכט זאָל אויסטײַלן אַ באַזונדערן רעוויר פאַר יידן, אין וועלכן עס איז אַריין אַ טײַל פון דער פּיאָטרקאָווער גאַס (היינט סטאַניסלאָווסקיעגאָ).

ביים אַנאַליזירן די סיבות, וואָס האָבן מכריע־געווען, אַז דער ראש־הקהל זאָל אויספּועלן ביי דער מאַכט אַ באַזונדערן וווינונגס־רעוויר פאַר דער יידישער באַפעלקערונג און פאַקטיש זיך אָפּגרענעצן מיט אַ געטאָ־מויער, דאַרף מען די סיבות זוכן אין דעם שטרענג־רעליגיעזן לעבנסשטייגער פון די אבות, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט אויסמישן מיט דער נישט־יידישער באַפעלקערונג.

וואַרשיינלעך האָט דאָס אויך געמוזט זיין אונטערן דרוק פון נייעם קאָנסטיטוציע־געזעץ פון וואַרשעווער פירשטנטום (22־טן יולי, 1807), וואָס האָט פון איין זייט געזאָגט, אַז „אַלע בירגער זענען גלייך פאַרן געזעץ״. און דעם 19־טן דעצעמבער דעם זעלבן יאָר אַרויסגעגעבן אַ צווייטן דעקרעט, וואָס מאַכט אָפּהענגיק דאָס באַזיצן בירגערשאַפט פון קענען די פּוילישע שפּראַך. דאָס איז פאַקטיש געווען אַ תירוץ צו עלימינירן די יידן פון באַקומען בירגערשאַפט, סיי פּאָליטישע רעכט.

דער דעמאָלטיקער פינאַנס־מיניסטער, טאַדעוש דעמבסקי, איז געגאַנגען אַ ביסל ווייטער, און געהאַלטן, אַז ביים געבן די יידן רעכט, דאַרף מען אַנולירן די אויטאָנאָמיע פון דער יידישער קהילה, ענדערן די באַזונדערע קליידונג, שולוועזן (חדרים) אאַ״וו.

מיט די דאָזיקע פאַראָרדענונגען האָט מען געוואָלט די יידן צווינגען צו אַסימילאַציע פאַרן פרייז פון פּאָליטישער רעכט. און אַזוי ווי אַסימילאַנטן איז נאָר געווען אַ קליין הייפל און דער אַסימי־לאַציע־פּראָגראַם איז געווען צוגעשניטן אויף אַ ברייטן פאַרנעם, האָט די רעגירונג אין וואַרשעווער פירשטנטום זיך אויסגעבאָרגט נאַפּאָלעאָנס באַרימטן מבוזהדיקן געזעץ Decret infame און אויפן סמך פון לעצטן אַרויסגעגעבן דעם 17־טן אָקטאָבער 1807 אַ דעק־רעט, וואָס גנמט צו ביי די יידן די פּאָליטישע רעכט אויף 10 יאָר, שטעלנדיק דערביי אַ תקנה, וואָס האָט געהאַט אַן אויסגעשפּראָכענע כוונה, אַז פערזאָנען פון יידישן גלויבן קאָנען זיך פריער דערווערבן אַזאַ רעכט, אויב זיי וועלן אויף דעם חסד פאַרדינען.

דאָס האָט געזאָלט זיין אַ פּרעמיע אויף אַסימילאַציע.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע דיסקרימינירנדיקע פאַר־אָרדענונג האָט אַרויסגערופן עמפּערונג ביי דער יידישער באַפעלקע־רונג. און דערמיט קאָן מען זיך אויך אויסטייטשן דעם שריט, וואָס די יידן האָבן געפאָדערט אַלס ענטפער דערויף, מען זאָל זיי אויס־טיילן אַ באַזונדערן וווינונגס־רעוויר.

דער דאָזיקער רעוויר האָט אַ חוץ די פּיאָטרקאָווער גאַס אויך אַרומגענומען דעם מערב־טייל פון נייעם מאַרק און איין העלפט פון דער ביעלאָווסקאַ־גאַס ביזן קוטנער פּזשירינעק. און מיטן צושטראָם פון מער יידישע אימיגראַנטן, האָט דער דאָזיקער יידישער וווינונגס־רעוויר זיך אויסגעברייטערט און געוואָרן דער יידישער קוואַרטאַל. שפּעטער האָבן יידן געקראָגן רעכט דאָ צו בויען הייזער פאַר זיך. דאָס ערשטע איינשטאָקיקע הויז אויף פּיאָטרקאָווער גאַס, האָט אויסגעבויט דער ייד פּינקוס.

נאָך דעם טרויעריקן צוריקמאַרש פון דער פראַנצויזישער אַרמיי פון הינטער מאָסקווע, קומט אויך דער סוף פון נאַפּאָלעאָנס ממשלה און די טעג פון וואַרשעווער פירשטנטום זענען געציילטע.

אין יאַנואַר 1813 מאַרשירט אַריין קיין לאָוויטש דאָס רוסישע מיליטער. די צאַרישע ממשלה אין דעם טייל פּוילן האָט אָנגעהאַלטן כמעט הונדערט יאָר.

נאָכן ווינער קאָנגרעס האָבן פאַר לאָוויטש זיך אָנגעהויבן בע־סערע צייטן. עס האָבן אויפגעהערט דורכצומאַרשירן פרעמדע חיילות. לאָוויטש ווערט אַ גאַרניזאָן־שטאָט פון רוסישן מיליטער.

אין 1819 ווערט די שטאָט פּריווילעגירט און קריגט די רעכט פון אַ וואָיעוואָדישע שטאָט, ווו עס רעגירט אַ גובערנאַטאָר. דאָס אַלגעמיינע לעבן און דיווירטשאַפט הייבן זיך אָן צו נאָרמאַליזירן און עס שטעלן זיך איין גוטע האַנדלס־באַציאונגען, איבערהויפּט נאָכדעם, ווען עס ווערן באַנייט די באַרימטע לאָוויטשער ירידים, וואָס זענען געהאַט אָפּגעפאַלן בעת דער פּרייסישער הערשאַפט.

די פאַראָרדענונג פון באַנייען די ירידים האָט געגעבן דער מיניסטער לובעצקי אין יאָר 1820.

אין די דאָזיקע ירידים, איבער וועלכע מיר האָבן זיך אויספיר־לעכער אָפּגעשטעלט אין ערשטן טייל פון דער דאָזיקער מאָנאָגראַפיע, האָבן יידן אַ גרויסן אָנטייל גענומען און געצויגן זייער חיונה.

שפּעטער, ווען די שטאָט און די אומגעגנט ווערט משנה־שם אַלס „לאָוויטשער פירשטנטום״, נאָכדעם ווי דער צאַר אַלעקסאַנדער דער 1־טער האָט איר געגעבן אַ מתנה צו זיין ברודער, דעם גרויס־פירשט קאָנסטאַנטין, ווערט די גאַנצע סביבה באַפרייט פון די „פּאַנ־שטשיזנע״־געזעצן (פעאָדאַלע געזעצן). די באַפעלקערונג פון לאָ־וויטש און די שכנותדיקע שטעטלעך און דערפער ווערן באַשטייערט לויט די געזעצן פון די רעגירונגס־גיטער. דאָס איז געווען אַ גרויסער פּלוס אין יענע אומשטענדן, פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט. דאָס האָט אויך משפּיע־געווען צו אַ בעסערן וווילשטאַנד פון לאָ־וויטשער פּויערים־שטאַנד און דער גאַנצער באַפעלקערונג אויפן שטח פון „לאָוויטשער פירשטנטום״.

ווי שוין אויבן דערמאָנט, האָט לאָוויטש אין יענער צייט נישט געהאַט קיין אייגן בית־הקברות. און די מתים פלעגט מען פירן ק״ין סאבאטע.

פון דאָרטיקן פאַרצייטישן בית־עולם איז געבליבן אַ חורבה אויף אַ באַרג־שטח, מיט אַלטע, אָפּגעריבענע מצבות. אין אָנהייב פון די 30־קער יאָרן, האָט די גמינע־פאַרוואַלטונג פון סאבאטא געוואָלט פאַראַקערן דעם אַלטן בית־הקברות און דאָרט דורכפירן אַ שאָסיי, טענהנדיק, אַז יידן נוצן מער נישט דעם בית־עולם, ווייל זיי האָבן אַ צווייטן — אין אַנדערן עק פון שטעטל. די לאָוויטשער קהילה האָט נישט דערלאָזט צום דאָזיקן חילול־השם און אינטער־ווענירט אין דער וואַרשעווער וואָיעוואָדעשאַפט. די לעצטע האָט אָפּגערופן די גזרה פון דער סאבאטער גמינע.

דער לאָוויטשער בית־עולם איז ערשט געעפנט געוואָרן אין יאָר 1829 (תקפ״ח), און געפינט זיך צוויי קילאָמעטער הינטער דער שטאָט, אין אַ טאָרפיקער געגנט, אויפן וועג צו סאבאטע און ביילעוו.

יידן האָבן ביז יענער תקופה נישט געהאַט קיין אייגן בית־הכנסת. ערשט אין יאָר 1750 דערלויבט דער אַרציבישאָף אַדאַם קאָמאַראָווסקי יידן צו דינגען אַ געמויערט שטאָטיש הויז אויף אַזאַ בית־תפילה. אין אָנהייב 19־טן י״ה, ווען יידן הייבן סטאַביל זיך אָן צו באַזעצן אין לאָוויטש, ווערט אין יאָר 1829 געקויפט אַ פּלאַץ פון צוויי פּאַסעסיעס ביי ראָג זדונסקאַ־בראַווארנע פאַר דער סומע פון 2345.22 זל. און דאָ איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ האָלצערנער בית־המדרש, וואָס האָט געהאַלטן ביז 1874, און שפּעטער איבער־געבויט געוואָרן.

אין יאָר 1871 איז אין צענטער פון יידישן קוואַרטאַל, אין דער זדונסקאַ־גאַס, געלייגט געוואָרן דער אבן־פּנה פאַר דער שטאָט־שול, וואָס איז געמויערט געוואָרן לויט די בוי־פּלענער פון אַרכיטעקט, פערדינאַנד אייכמאַן. די הוצאות פאַר דעם בית־הכנסת זענען דעמאָלט פאַרויסגעזען געווען אויף אַ סומע פון 16,800 רובל. 16 יאָר שפּעטער, נאָכן לייגן דעם גרונטשטיין, אין יאָר 1887, האָט מען אויף דעם בויען פון דער שול געהאַט אויסגעגעבן 15,000 רובל, און די חובות האָבן באַטראָפן 8,000 רובל, אָבער די שול איז אַלץ נאָכנישט געווען פאַרענדיקט און אפילו נישט אָפּגעטינקעוועט. די סיבה דערפאַר איז פאַרשטענדלעך געווען, די פאַראָרעמטקייט פון דער יידישער קהילה.

די אינעווייניקסטע טיילן, ווי די מזרח־וואַנט, ארון־קודש, די בענק און געמעלן, זענען אויסגעפאַרטיקט געוואָרן אין יאָר 1897, צום הונדערטסטן יאָרטאָג פון אָפיציעלן דערלויבן די יידן זיך צוריקצובאַזעצן אין לאָוויטש. דער פייערלעכער חנוכת־הבית פון דער פרעכטיקער לאָוויטשער שול איז פאָרגעקומען דעם 24־טן נאָוועמבער, דעם זעלבן יאָר.

* * *

אומקערנדיק זיך צו עטלעכע יאָר פריער, ווען אויפן טראָן איז געזעסן צאַר אַלעקסאַנדער דער 1־טער, און מיט דער וואַרשעווער

רעגירונג האָט אָנגעפירט זיין כיטרער און געשיקטער מיניסטער נאָוואָסילצאָוו, האָבן די אומשטענדן באַוויזן די יידישע עפנטלעכע מיינונג זיך צו אָריענטירן אויף רוסלאַנד. דער תהום וואָס איז געהאַט אויסגעוואַקסן צווישן דער יידישער און פוילישער באַפעלקערונג, איז טיפער געוואָרן. באַלד איז אָבער געקומען די אַנטוישונג און יידן האָבן זיך געכאַפּט ווי־הין נאָוואָסילצאָווס פּאָליטיק פירט. זיי האָבן זיך אַרומגעזען, אַז פון פּעטערבורג דערוואַרט זיי פורענות,

יידן פאַרזאַמלען זיך אין פראָנט פון דער שול, בעת א קהילה־קריזיס אין 1924

און די קאָנפליקטן אויפן פוילישן באָדן האָבן פאַרלוירן אין זייער באַדייט.

ביים אַרויפטרעטן אויפן טראָן פון צאַר ניקאָלאַי דעם 1־טן, זענען אויף די יידישע קעפּ געפאַלן איין אומגליק נאָכן אַנדערן.

די אוקאַזן פון יאָר 1826, וועגן תחום־המושב (טשערטא) און דער קאָנסטאַנטין־געזעץ, וואָס האָט געצילט אומצוברענגען דעם יונגן יידישן דור דורך מאַסן־שמד, נעמענדיק 12־יעריקע קינדער אויף 25 יאָר מיליטער־דינסט, איז געווען איינע פון די שווערסטע רעפּרעסיעס קעגן יידן און אַרויסגערופן גרויס פאַרביטערונג און צער. דער תהום צווישן יידנטום און פּעטערבורג איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן טיפער.

אין די 40־קער און 50־קער יאָרן פון פאָריקן י״ה, ווען עס איז אָנגעגאַנגען אַ פּאָליטישער געראַנגל אויף דער יידישער גאַס און די אַסימילאַטאָרן אין דער הויפּטשטאָט האָבן אָנגעהויבן נעמען די אויבערהאַנט, האָט דאָס זיך שטאַרק אָפּגערופן אויף דער פּראָווינץ.

אין דער שטאָט האָט זיך געפונען אַ קליינע צאָל יידישע תושבים, ווייל פיל האָבן געהאַט אויסגעוואַנדערט אַלס פּועל־יוצא פון די שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען. דאָס לעצטע באַשטעטיקט אויך די אונטן־געבראַכטע סטאַטישע טאַבעלע וועגן דעם באַפעלקערונגס־צושטאַנד.

אין די יאָרן 1858־59, ווען עס זענען אין לאָוויטש פאָרגעקומען די ערשטע אין לאַנד אַגראַר־אויסשטעלונגען, זעט מען דאָ ווייניק צוגערייזטע יידישע סוחרים. אַ צופעליקער קאָרעספּאָנדענט פון דער וואַרשעווער פוילישער פּרעסע, שרייבט דעמאָלט אַזוי, האַלב־איראָניזירנדיק, און פון וועלכן עס שלאָגט אָבער נישט ווייניק גאַליקייט:

„Cicho wszędzie, głucho wszędzie,
Żydów niema, nic nie będzie...”

(ס׳איז שטיל אומעטום, טויבשטיל אומעטום,
נישטאָ קיין יידן, ס׳וועט גאָרנישט זיין...)

דאָס איז געווען אַ רמז צום דורכפאַל פון יריד, ווייל אין שטאָט זענען געווען ווייניק יידן און גאָר ווייניק סוחרים זענען געקומען פון דער פרעמד.

אָנהייבנדיק פון יאָר 1861 האָט זיך ראַפּטעם אַלץ געענדערט, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּאָליטישער שטימונג אין גאַנצן פוילישן קעניגרייך. די מאַניפעסטאַציעס, וואָס האָבן כלומרשט געטראָגן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער, זענען געווען נאַציאָנאַל־פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס און זענען איינצייטיק פאָרגעקומען אויפן שטח פון גאַנצן לאַנד. אין לאָוויטש האָבן זיי זיך אָנגעהויבן מיט זינגען רעליגיעזע ל׳ידער אין די קירכעס און אָפענע פּלעצער. די מאַניפעסטאַנטן זענען דאַן אַוועק אין דאָרף דאמאניעוויצע, 14 קילאָמעטער פון דער שטאָט, צום דאָרטיקן בילד פון דער „הייליקער מוטער” (מאַטקאַ באָסקאַ), וואָס האָט געשמט מיט איר קירכלעכער פאַרגעטערונג.

לויט פוילישע כראָניקער, האָבן אין דאָזיקן מאַניפעסטאַציע־צוג זיך אָנגעשלאָסן די פּראָטעסטאַנטן מיט זייער פּאַסטאָר און להבדיל די יידן מיט זייערע רבנים בראש.

ווי מיר זעען פון דאָזיקן געשיכטלעכן עפּיזאָד, זענען אין יענע עת־צרה־טעג פאַר פוילן, די פויליש־יידישע באַציאונגען געוואָרן וואַרעמערע און ענגערע. יידן האָבן געהאָפט, אַז אין דער באַפריי־אונג פון פוילן פון צאַרישן יאָך, וועט אויך קומען זייער ישועה.

אין דער מאַניפעסטאַציע אין דאָרף דאמאניעוויצע האָבן דעמאָלט אָנטיילגענומען דער רב, הרב ר׳ שמואל שינאָוער, וואָס האָט צו יענער צייט געשמט אין דער מדינה, אַ תלמיד פון רבין ר׳ בינם פון פּשיסכא; דער ראש־הקהל, עזריאל עלעכנאָוויטש; דער דיין ר׳ שאול, און די דאָזאָרעס: פישל דאָרעבוס, דוד־הערש באָום, אהרן מרגליות, אלתר זילבערבערג און אַנדערע.

דער אומדערמידלעכער קאַמף פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, וואָס עס האָט געפירט דער פאַרטריבענער אין גלות, וואַרשע־

ווער רב, הרב דוב־בער מייזעלס, איז נישט געווען קיין אומזיסטער. דעם מארגראביע אַלעקסאַנדער וויעלעפּאָלסקי איז אַדאַנק יידישער שתדלנות שפּעטער געלונגען אַרויסצוקריגן דעם צאַרישן אוקאַז פון 5־טן יאַנואַר 1862, וואָס האָט געמאַכט אַ וועזנטלעכן דורכברוך אין דער געשיכטע פון דער עמאַנציפּאַציע פון די יידן אין פּוילישן קעניגרייך. לויט דעם דאָזיקן אוקאַז (דעקרעט) האָט מען יידן דערלויבט צו קויפן אומבאַוועגלעך אייגנטום אין די אַדל־גיטער, ווו ס׳איז געהאַט אָפּגעשאַפן געוואָרן די פּאַנשטשיזנע. און יידן האָבן זיך געמעגט באַזעצן אין פריער־פאַרבאָטענע שטעט און קוואַרטאַלן.

יידן האָבן זיך דעמאָלט פריי באַזעצט אין לאָוויטש, געקויפט הייזער און פּלעצער און אַליין געבויט נייע בנינים.

די געשעענישן פון יאַנואַר 1863 און דער אויפרוף פון דער אויפשטאַנד־רעגירונג קעגן צאַרישן רעזשים, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דעם 20־טן יאַנואַר, אין וועלכן עס ווערט צוו. אַנד. געזאָגט, אַז „אַלע זין פון פּוילנס ערד, אָן אונטערשיד פון שטאַנד און רעליגיע, זענען פרייע בירגער״, האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די יידן, וועלכע האָבן געזען אינעם אויפשטאַנד אַ סוף צו זייערע אייגענע צרות. פיל יידן האָבן זיך דעמאָלט אָנגעשלאָסן אין די רייען פון די פּוילישע אויפשטענדלער.

נאָך דעם באַרימטן פּראָיעקט אין יאַנואַר 1863, פון יידישן פינאַנס־בעל־יועץ, הענריק וואָל, ביי דער נאַציאָנאַלער אויפשטאַנד־רעגירונג, איז דער זעלבער שפּעטער אַרעסטירט געוואָרן פון דער רוסישער מאַכט און פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר.

ס׳איז אויך באַוווּסט, אַז די לאָוויטשער יידן זענען געווען צווישן די ערשטע אין לאַנד, וואָס האָבן געגעבן געלט פאַרן אויפשטאַנד.

איינער פון דער גרויסער מאַסע יידישע אויפשטענדלער, וואָס איז אַוועק כמעט אומבאַקאַנט, און וועגן וועלכן די פּוילישע פּריצים און פרייהייטס־קעמפער האָבן זיינערציים גערעדט מיט גרויס דרך־ארץ און זיך געריימט מיט זיין חברשאַפט, איז געווען דער לאָוויטשער היטלמאַכער, אברהם־חיים קערש, וואָס האָט בעת דעם פּוילישן אויפשטאַנד געהאַט דעם צונאָמען „ווישניעווסקי״.

אברהם־חיים קערש איז געבוירן אין דאָרף גנאַינע, הינטער לאָוויטש, אין יאָר 1816. נאָך דער חתונה האָט ער זיך באַזעצט אין לאָוויטש. ער האָט געוווינט אין קאַזאַס הויז, זדונסקאַ ראָג יאַטקעגעסל. בעתן אויפשטאַנד האָט ער זיך מיט גרויס אייפער איבערגעגעבן דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט.

אברהם־חיים קערש איז געווען אַן עמך־ייד, וועלכער איז גרייט געווען מקריב צו זיין זיין לעבן פאַרן וווּיל פון זיינע ברידער. די „נאַציאָנאַלע רעגירונג״ אין שטאָט איז באַשטאַנען פון מיטגלידער פון דער אַגראַר־געזעלשאַפט, צו וועלכע עס האָבן געהערט אָנגעזעענע פּריצים, אינטעליגענטן און דער רעיענט וואָלסקי.

די דאָזיקע לאָקאַלע „נאַציאָנאַלע רעגירונג״ האָט דעם יידישן היטלמאַכער אָנפאַרטרויט גרויסע סומעס געלט, און אונטער דער מאַסקע פון אַ סוחר פון פוטערוואַרג, ריזיקירנדיק מיטן לעבן, האָט ער געשמוגלט געווער פון אויסלאַנד. דאָס געווער פאַר די אויפשטענדלער איז געווען איינגעבייט אין פּעק פוטער. די וווינונג פון יידישן היטלמאַכער איז פאַקטיש געוואָרן דער געווער־אַרסענאַל פון דער „נאַציאָנאַלער פּוילישער רעגירונג״ אין שטאָט.

די צו־אָפטע רייזעס פון יידישן היטלמאַכער קיין אויסלאַנד, ספּעציעל קיין קראָקע, פון וואַנען עס איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען דער געווער־שמוגל, איז געוואָרן פאַרדעכטיקט ביי דער רוסישער מאַכט און מ׳האָט אָנגעהויבן דעם יידישן פרייהייטס־קעמפער נאָכצושפּיאָנירן.

איינמאָל, אַ קורצע צייט נאָך זיין אומקערן זיך פון קראָקע, פון וואַנען ער האָט געהאַט אימפּאָרטירט אַ גרויסן סכום פון פוטערוואַרג אויף אַ סומע פון פיר טויזנט רובל, און אין וועלכע עס איז געווען פאַרשטעקט געווער, צו וועלכן עס האָט אים צוגעהאָלפן אַ צווייטער יידישער אויפשטענדלער, אַ געוויסער ברוך פּולמאַן פון סקיערניעוויץ, האָט ד״ר טאַדעוש קאַספּזשיצקי, דעם היטלמאַכערס אַ שכן און פרייהייטס־קעמפער זיך דערוווּסט, אַז זשאַנדאַרמעריע גייט דורכפירן אַ רעוויזיע ביים ייד. פאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ רעוויזיע האָט געשמעקט מיט גרויס סכנה, און ווען דער אַרסענאַל וואָלט אויפגעדעקט געוואָרן, וואָלט אַלעמען געדראָט מיט תליה.

דער דאָקטאָר האָט אין דער לעצטער מינוט געראַטעוועט די טראַגישע לאַגע. ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ ווייסן פאַרטעך, דאָס זעלבע געהייסן טאָן צוויי קריסטלעכע פרויען, כלומרשטע אַקושערינס. דעם היטלמאַכערס פרוי האָט ער געהייסן זיך לייגן אין בעט אַריין און אָנצינדן די שבת־לייכטער.

ווען די רוסישע זשאַנדאַרמעריע איז געקומען דורכפירן די רעוויזיע, איז זיי אַנטקעגנגעגאַנגען ד״ר קאַספּזשיצקי מיט א טויט־צעשראָקן פּנים און געמאָלדן, אַז ער האָט דאָ אַ זייער שווערן געבורט, וואָס דראָט מיט סכנות־נפשות. ער בעט זיי העפלעך, צי ס׳איז נישט מעגלעך, זיי זאָלן אָפּלייגן די רעוויזיע אויף ביינאַכט.

די זשאַנדאַרמעריע איז טאַקע אַוועק. און ווי נאָר דער וועג איז פריי געוואָרן, האָט מען אויף אַ וואָגן אַוועקגעפירט דאָס געווער פאַרדעקט מיט פוטערלעך צו דער סאָכאַטשעווער בריק און דאָרט די געפּעק אַרייַנגעוואָרפן אין וואַסער אַריין.

אַזוי אָבער ווי דער יידישער היטלמאַכער איז געווען פאַרדעכטיקט ביי דער „אָכראַנאַ״ (רוסישע זיכערהייטס־פּאָליציי), האָט מען אים איינמאָל אַ מוצאי־שבת אַרעסטירט. אים האָט זיך איינגעגעבן אין דער לעצטער מינוט אַרויסצורייסן פון די פּאָליצייאישע הענט, שפּרינגען איבער פּאַרקנס און אַריינוואַרפן אין אַ ברונעם גאָר וויכטיקע דאָקומענטן פון דער „נאַציאָנאַלער רעגירונג״, וואָס ער האָט דעם זעלבן אָוונט געזאָלט איבערפירן אויף אַ צווייטן אָרט.

צומאָרגנס האָט די זשאַנדאַרמעריע אים אַרעסטירט. מ׳האָט דעם ייד אויסגעטאָן האַלב־נאַקעט אין מיטן מאַרק און קאָזאַקן מיט נאַהייקעס האָבן אים אכזריותדיק געשמיסן. בעת דער דאָזיקער עפנטלעכער עקזעקוציע, האָט דער ייד פאַרקריצט מיט די ציין און געשוויגן... זיבע פייניקער, זעענדיק אַז מ׳קען פון דעם ייד גאָרנישט אַרויסקריגן, האָבן אים מיט אַנדערע געכאַפּטע פּוילישע פרייהייטס־קעמפער אָפּגעפירט אין דער וואַרשעווער ציטאַדעל אַריין, פון וואַנען ער איז באַפרייט געוואָרן 6 וואָכן שפּעטער.

פון דער ציטאַדעל איז אברהם־חיים קערש צוריקגעקומען אַ מידער און פיזיש־צעבראָכענער.

בעת ער איז געזעסן אין דער ציטאַדעל, איז זיין פאַמיליע געשטיצט געוואָרן דורך דער „נאַציאָנאַלער רעגירונג״. די דאָזיקע הילף פלעגט ברענגען צו זיי אין שטוב אַריין אַ גלח, איינער פון די טעטיקסטע מיטגלידער אין דער „נאַציאָנאַלער אויפשטאַנד־רעגירונג״ אין שטאָט. דער אַרעסט פון ייד און זיין מוטיק האַלטן זיך, האָט אַרויסגערופן גרויס אויפזען אין די קריסטלעכע קרייזן. און די פאַרברידערונג צווישן דער פּוילישער און יידישער באַפעלקערונג איז אַ צייט לאַנג געווען אַ מער פריינטלעכע.

דער יידישער פרייהייטס־קעמפער אברהם־חיים קערש איז געשטאָרבן אין יאָר 1896, אַ בן־שמונים, און איז צו קבורה געקומען אויפן לאָוויטשער בית־עולם.

* * *

דער וווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אינעם צייט־אָפשניט פון דער צווייטער העלפט פון 19־טן י״ה ביזן אָנהייב 20־טן י״ה, איז אַ שטופנווייז פּאָזיטיווער.

לאָוויטש איז געלעגן אויפן הויפּט־שליאַך פון צפון־מערבדיקן מאַזאָוויע, אויפן וועג קיין לאָדזש, וואָס האָט זיך ראַפּטעם גענומען פונאַנדערבויען אַלס וויכטיקער אינדוסטריע־צענטער און יידן פון די מקומות האָבן אָנגעהויבן דאָרט אַהין אויסצוּוואַנדערן.

יידן פון פלאָצק, ווישעגראַד, סאָכאַטשעוו און די שכנותדיקע שטעטלעך, האָבן אויפן וועג קיין לאָדזש דערווייל זיך אָפּגעשטעלט אין לאָוויטש. די שטאָט איז די אימיגראַנטן געפעלן געוואָרן צוליב איר לעבהאַפטיקייט און גרויסער צאָל קראָמען, ווו יידן האָבן געצויגן חיונה פון די טויזנטער סאָלדאַטן און פויערטום. לאָוויטש איז געווען אַ וויכטיקע גאַרניזאָן־שטאָט פון רוסישן מיליטער. און די אימיגראַנטן האָבן זיך דאָ צייטווייליק באַזעצט. פיל פון זיי זענען שפּעטער געוואָרן לאָוויטשער תושבים.

אַ טאַבעלע אין שטיינס געאָגראַפיע אילוסטרירט פאָלגנדיק די אַלגעמיינע און יידישע באַפעלקערונג אין לאָוויטש פון אָנהייב 19־טן ביזן סוף פון זעלבן י״ה:

יאָר	אַלג. באַפעלקערונג	יידן
1826	6693	775
1841	4286	490
1880	7620	2880
1897	10,260	3800

די קליינע צאָל באַפעלקערונג אין די אָנהייב פערציקער יאָרן פון פאָריקן י״ה, טייטשן היסטאָריקער אויס מיט דעם, וואָס נאָכן טויט פון דער לאָוויטשער פירשטין, האָבן זיך אַ שיט געטאָן אויף די קעפּ פון דער באַפעלקערונג שווערע גזירות. אין גאַנצן לאַנד האָט געהערשט אַ שווערע דעפּרעסיע. און די באַפעלקערונג האָט אויסגעוואַנדערט אין די מערב־געביטן.

מיטן אָנהייב פון צוואַנציקסטן י״ה, ווען נייע פּאָליטישע ווינטן האָבן אָנגעהויבן בלאָזן אין אייראָפּע, האָט אַ טרייסל געטאָן מיט אַ ניי לעבן אומעטום. און אויך די יידישע גאַס האָט צו פאַרצייכענען פיל אויפטוען פון פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער.

אין די יאָרן 1905־6 האָט אויך דער יידישער אַרבעטער און אינטעליגענט אין לאָוויטש צו פאַרצייכענען הערלעכע בלעטלעך געשיכטע פון זעלבסט־עמאַנציפּאַציע און קולטור־אויפטוען. לאָוויטשער בחורים, פיל פון חסידישע היימען, האָבן אַ הערישן אָנטייל גענומען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג קעגן צאַרישן אימפּעריאַליזם.

דעם 25־טן אָקטאָבער 1908 ווערט אין לאָוויטש געעפנט די ערשטע יידישע עפנטלעכע ביבליאָטעק אין מאַזאָוויער קרייז א. נ. „ייד. לעזע־ביבליאָטעק".

אין יאָר 1909, בעת דער עפּידעמיע פון אָנשטעקנדיקע קראַנקהייטן, ווי טיפוס, שקאַרלאַטין און אַנד., וואָס הערשן אין שטאָט שטאַרבן טעגלעך צענדליקער מענטשן, ס׳רוב קינדער. די דאָזיקע עפּידעמיע האָט אָנגעמאַכט אַ שרעקלעכן חורבן אויף דער קריסטלעכער גאַס און האָט נישט ווייניק צוגענומען קרבנות אין יידישע שטיבער.

די קליינע צאָל יידישע קרבנות, האָבן דאָקטוירים אויסגעטייטשט דערמיט, וואָס דער היגיענישער מצב ביי יידן צוליב רעליגיעזע טעמים, איז געווען אַ מער צופרידנשטעלנדיקער.

לויט דעם „לאָוויטשער קאַלענדאַר" פון יאָר 1910, האָט דער באַפעלקערונגס־צושטאַנד אין דער שטאָט אין צייט־אָפשניט 1909־10, אויסגעזען פאָלגנדיק:

אַנוועזנד	אַפּוועזנד	צוזאַמען	יידן	מאַריאַוויטן	עוואַנג.	קאַט.	פּראַוו.
14,408	3,050	17,438	6714	884	714	8,478	648

בעתן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די סביבה אַרום לאָוויטש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינע פון די בלוטיקסטע שלאַכט־פעלדער. די שטאָט איז איבערגעגאַנגען עטלעכע מאָל פון האַנט צו האַנט. אין דער תקופה האָט דאָס יידישע לאָוויטש צו פאַרצייכענען אַ טראַגיש און שוואַרץ קאַפּיטל, צוליב די בלוטיקע רציחות, וואָס די קאָזאַקן האָבן אָנגעטאָן די יידן אין דער שטאָט און אין דער סביבה.

דאָס טרויעריקע קאַפּיטל איז פאַראייביקט געוואָרן אין „שוואַרצבוך" פון ד״ר צבי כהן א. נ. „די אומגליקן אין לאָוויטש".

דאָס נישט־יידישע לאָוויטש האָט אָרגאַניזירט אַ זעלבסטשוץ, טראָץ די בפירושע פאַרבאָטן וועגן עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען.

דער שטאָט־פּרעזידענט, ניעטשאַיעוו, האָט דעם 2־טן אויגוסט גערופן אין מאַגיסטראַט אַ פאַרזאַמלונג, וועלכע האָט אָרגאַניזירט אַ באַשפּייזונגס־קאָמיטעט.

אויף צומאָרגנס האָט די לאָקאַלע רוסישע מאַכט אין איילעניש אַרויסגעפירט פון שטאָט די קרייז־קאַסע און אויפן אָרט פאַרברענגט דאָס פּאַפּירן־געלט.

די בירגער אין שטאָט האָבן זיך פאַרזאַמלט און באַראַטן וועגן דער עפנטלעכער זיכערקייט. צוליב דער אומאייניקייט פון די פאַרזאַמלטע, האָט ד״ר אַנטאָני היללער אָנגעזאָגט זיין דיקטאַטור.

אין בירגער־קאָמיטעט האָבן זיך געפונען עטלעכע אָנגעזעענע בירגער, אינדוסטריעלער און הויכע באַאַמטע, צווישן זיי איז צוקאָאָפּטירט געוואָרן דער יידישער מיל־אייגנטימער, משה־לייב זשעלעכאָווסקי. בכדי צו פאַרלייכטערן דעם אומלויף פון קליינגעלט, האָט דער בירגער־קאָמיטעט אַרויסגעלאָזט אין אומגאַנג געלט־באָנעס אין דער ווערט פון 5 קאָפּיקעס, ביז אַ רובל. די דאָזיקע באַנקנאָטן האָבן אונטערגעשריבן דער ייד מ. ל. זשעלעכאָווסקי, דער אינדוסטריעלער עמיל באַלצער און דער אַריסטאָקראַט, סטאַניסלאַוו קזשענזשאָפּאָלסקי.

דער קאָמיטעט האָט זיך פאַרנומען מיט באַשטימען די פּרייזן אויף לעבנסמיטל און פאַרזיכערן די רו אין שטאָט. צו דעם צוועק איז די שטאָט איינגעטיילט געוואָרן אין ראַיאָנען, אין וועלכע עס האָבן טאָג און נאַכט דיזשורירט מיטגלידער פון קאָמיטעט און פון די פייערלעשער. דאָס איז געווען נויטיק, ווייל דער המון און אונטערוועלט האָט אָנגעהויבן צו ראַבירן די באַן־מאַגאַזינען און פּראַכטוואַגאָנען. ס׳האָט געדראָט מיט פּאַגראָמירן די רייכע געוועלבער און אַנדערע עפנטלעכע אַמטן.

אָבער טראָץ די פאַרזיכטס־מאָסמיטלען, וואָס דער בירגער־קאָמיטעט האָט אונטערגענומען, האָט געהערשט גרויס אומרו און

כאַאָס. די יידישע באַפעלקערונג האָט איבערגעלעבט גרויס אימה און דערוואַרט אַ פּאָגראָם. די פּאַניק אין שטאָט האָט זיך פאַרשטאַרקט דערמיט, וואָס די רוסישע מאַכט האָט זיך ווידער אומגעקערט אין דער שטאָט, כדי אין עטלעכע טעג ווידער אין פּאַנישער בהלה אַנטלויפן. דורך דער שטאָט האָבן אַדורכגעצויגן מאַסן רעזערוויסטן און אויסגעהונגערטע פּליטים פון די גרענעץ־געביטן, צווישן זיי פיל יידן פון קאַליש און סביבה, וואָס זענען אַנטלאָפן פון דאָרטיקן חורבן און פּאָגראָם.

פון די שלאַכט־פעלדער זענען אָנגעקומען סתירותדיקע ידיעות. דערווייל האָט מען געזען דייטשע זעלנער קומען נענטער צו די גרענעצן פון דער שטאָט. עס האָבן זיך באַוויזן עראָפּלאַנען, צו וועלכע די רוסן האָבן געשאָסן אָן דערפאָלג. באַלד איז איינגעפירט געוואָרן אַ מיליטערישע קאָמענדאַנטור.

דעם 23־טן אויגוסט 1914 האָט דער פּולקאָווניק פירשט אבאַשידזע אַרויסגעגעבן אַ באַפעל וועגן מעלדן זיך פון אַלע בירגער.

אין פלוג האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די געפאַר איז אַריבער, און אַז די רוסישע אַרמיי גייט פאָרויס. פּלוצלונג האָבן די לעצטע גענומען גראָבן אָקאָפּעס אַרום דער שטאָט, און מ׳איז באַלד געוואָר געוואָרן וועגן זייער צוריקמאַרש.

אין שטאָט איז אַנטשטאַנען אַ שרעקלעכע מהומה. די באַפעלקערונג האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין א. ג. „זבאָרנע פּונקטן", אין מער זיכערע ערטער, הייזער און קעלערן, ווו זיי האָבן געהאָפט די שראַפּנעלן וועלן אַהין ניש דערגרייכן. פיל בנינים אין שטאָט זענען חרוב געוואָרן פון אַרטילעריע־פייער, באַגראָבנדיק אונטער זיך די איינוווינער.

די נאָענטקייט פון די קריגס־אָפּעראַציעס אַרום דער שטאָט האָט אַרויסגערופן גרויס פחד ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג און ספּעציעל ביי די יידן, אויס מורא פאַר רויבערייען מצד דעם רוסישן מיליטער. מ׳האָט דעריבער באַזייטיקט די שילדן פון די קראָמען און געהאַלטן פאַרהאַקט טיר און טויער.

לויט אַ פאַראָרדענונג פון מיליטערישן קאָמענדאַנט, איז די גאַסן־באַוועגונג אָפּגעשטעלט געוואָרן 9 אַזייגער אָוונט. אַ פינצטערניש האָט געהערשט אין דער שטאָט. אויך דער צוטריט צו דער שטאָט איז געווען פאַרבאָטן און סאָלדאַטן ביי די ראָגאַטקעס האָבן נאָר אַריינגעלאָזט די יעניקע, וואָס האָבן געהאַט ספּעציעלע פּזשעפּוסטקעס.

זונטיק דעם 11־טן אָקטאָבער (הושענא־רבא), אַרום 2 בייטאָג, איז דאָס רוסישע מיליטער אָפּגעטרעטן פון דער שטאָט און פאַרברענט אַלע בריקן איבערן טייך. 5 נאָכמיטאָג האָבן זיך אין שטאָט באַוויזן די ערשטע דייטשע פאַרפּאָסטנס. און עטלעכע שעה שפּעטער, האָבן דייטשע איינהייטן אַריינמאַרשירט אין שטאָט אויפן וועג קיין וואַרשע. די סאַפּערן האָבן פאַריכט די בריקן און וועגן, און ווייטער מאַרשירט אין דער ריכטונג פון דער הויפּטשטאָט.

דעם 16־טן אָקטאָבער האָבן זייערע אויטאָמאָבילן זיך אומגעקערט מיט פאַרוווּנדעטע. און אַ טאָג שפּעטער האָבן פון קוטנער וועג, ניט ווייט פון דעם שלאָסבאַרג, אומגעריכט זיך באַוויזן רוסישע קאָזאַקן. זיי זענען מיט אימפּעט אַריינגעלאָפן אין דער שטאָט און אויפן אַלטן מאַרק געכאַפּט עטלעכע דייטשע זעלנער און מיט זיי אַנטלאָפן.

אויף דער שטאָט האָבן אָנגעהויבן פאַלן רוסישע שראַפּנעלן און באַלד דערנאָך איז דער אַלטער מאַרק פול געוואָרן מיט רוסישע פולקן, וואָס האָבן זיך אַדורכגעריסן דורך דער ווייסל, בכדי צו פאַרשטעלן דעם וועג די דייטשן, וואָס זענען אין בהלה געווען אויף זייער צוריקמאַרש.

ביינאַכט האָבן די רוסן געזוכט אין די הייזער דייטשע זעלנער, ספּעציעל אין יידישע שטובן, וווהין דאָס פעבל און אונטערוועלט האָבן די מונדירטע רוצחים אָנגעוויזן און צוגעהאָלפן אין בודק־זיין די שעניקעס, שופלאָדן, זוכנדיק דאָרט... דייטשע זעלנער און באַהאַלטענע טעלעפאָן־אַפּאַראַטן.

צומאָרגנס אינדערפרי האָט די שטאָט געזען צוויי געהאָנגענע יידן אויף די קאַשטן־ביימער, נעבן מאַגיסטראַט.

דאָס רוסישע מיליטער איז ווייטער געגאַנגען. זיי האָבן געכאַפּט עטלעכע דייטשע אויטאָמאָבילן אין דער ריכטונג פון גלאָוונאָ, נעמענדיק אין געפאַנגענשאַפט דעם פירשט האָוקע, דעם שטאַטס־האַלטער פון זאַקסישן קעניג.

אָבער גלייך צומאָרגנס האָבן די רוסן זיך אין בהלה צוריקגעצויגן אין דער ריכטונג פון וואַרשע. עסטרייכישע אָפּטיילונגען האָבן אַריינגעשטורעמט אויפן פּערימעטער פון דער שטאָט אין דער ריכטונג פון סקיערניעוויץ און פאַרניכטעט די קאַלישער באַן־ליניע.

זיי האָבן פאַרנומען קוואַרטירן אין פּריוואַטע הייזער און באַפוילן אַ גאַנצע נאַכט צו האַלטן באַלויכטן די פענצטער און הייזער, דערפאַר פאַרבאָטן צו קלינגען די קלויסטער־גלאָקן.

דעם 20־טן אָקטאָבער האָבן אין שטאָט זיך באַוויזן די זעלבע דייטשן פולקן, וואָס זענען מיט עטלעכע טעג צוריק מיט אַזאַ האָפערדיקייט געגאַנגען אויף וואַרשע.

די רוסן האָבן די דייטשע איינהייטן כסדר פאַרפאָלגט און במשך 4 טעג צייט איז אַרום לאָוויטש פאָרגעקומען אַ פאַרביטערטע שלאַכט. ד. 24־טן אָקטאָבער זענען די רוסישע כוחות ווידער אַריין אין דער שטאָט. אויף די גאַסן פון שטאָט זענען צווישן די אַנטלויפנדיקע דייטשן און רוסן פאָרגעקומען האַנט־צו־האַנט־קאַמפן. עטלעכע דייטשן זענען געפאַלן און פיל זענען גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט.

און ווידער האָבן דורך לאָוויטש דורכמאַרשירט רוסישע חיילות, אויסגעהונגערטע און פאַרמאַטערטע. די ציווילע באַפעלקערונג האָט זיי אַרויסגעטראָגן עסנוואַרג און מאַכאָרקע.

✶

עס איז אַריינגעטראָטן אַ קליינע אָטעם־פּויזע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז ד. 23־טן נאָוועמבער, 1914. אין דעם טאָג האָבן אויף לאָוויטש אָנגעהויבן פאַלן שראַפּנעלן פון דייטשער אַרטילעריע, וואָס האָבן אָנגעמאַכט גרויסע חורבנות אין דער שטאָט. פיל איינוווינער זענען דערהרגעט געוואָרן, צווישן זיי עטלעכע יידן. די באַפעלקערונג האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין קעלערן, צו עטלעכע פאַמיליעס מיט קליינוואַרג, אָן וואַסער אָדער שפּייז. זעלטן ווען איז אַדורך אַ טאָג אָן מענטשלעכע קרבנות. דער הונגער צווישן דער ציווילער באַפעלקערונג איז געוואָרן טראַגישער און די צאָל קראַנקע איז געשטיגן. די דייטשע אַרטילעריע האָט אומאויפהער „געשפּייזט" די שטאָט מיט שראַפּנעלן פון אַ גאָר גרויסן קאַליבער.

ביז דעם 17־טן דעצעמבער, 1914, האָבן אַרום לאָוויטש אָנגעהאַלטן די קאַמפן. מיטן רוסישן מיליטער האָבן דעמאָלט אָנגעפירט די רוסישע גענעראַלן רענעקאַמפף און ליטווינאָוו. מיט דעם דייטשן — פעלדמאַרשאַל הינדענבורג.

פיל דערפער אַרום דער שטאָט זענען פאַרברענט געוואָרן. אויך די כעמישע פאַבריק איז געוואָרן פון אַרטילעריע־פייער, אַזוי די קלויסטערס און פיל הייזער. אין יענע טעג זענען אומגעקומען איבער 100 פערזאָן פון דער ציווילער באַפעלקערונג.

ערשט ד. 17־טן דעצעמבער, 1914, איז דאָס דייטשע מיליטער צום צווייטן מאָל אַריין קיין לאָוויטש און אָקופּירט די שטאָט און סביבה.

שפּעטער, נאָכן פאַרנעמען. וואַרשע דורך די דייטשע חיילות, האָט זיך אין שטאָט געשאַפן אַ „בירגער־קאָמיטעט”, אין וועלכן עס זענען אויף דעם באַפעל פון דער דייטשער מאַכט צוקאָאָפּ־טירט געוואָרן די „דייטשרעדנדיקע”. דער ציל פון דער דאָזיקער אויפאָדערונג מצד דער דייטשער מאַכט איז געווען אַ פּראַקטי־שער. דער געשאַפענער בירגער־קאָמיטעט איז באַשטאַנען בלויז פון פּאָליאַקן און די אָקופּאַנטן האָבן געוואָלט איינשטעלן באַצי־אונגען מיט דער גאַנצער באַפעלקערונג, ממילא, האָבן זיי געוואָלט אויך האָבן יידן און אַנדערע מינדערהייטן אין זעלבן בירגער־קאָמיטעט.

פאָלגנדיקע יידן זענען דעמאָלט אַריין אין קאָמיטעט: שמואל בראָט, חיים דאָמב, מענדל קילבערט און מיכאל ראָזנדאָרן. אַנדערע דייטשרעדנדיקע זענען געווען: טיטוס וועגנער, מאַקסימיליאַן האַרט־וויג און סטאַניסלאַוו קלעינא.

דער בירגער־קאָמיטעט, בראש פון וועלכן עס איז געשטאַנען דער דייטשער מיליטערישער אָפּיציר לעבעל, האָט אָנגעפירט מיט דער לאָקאלער ציווילער מאַכט.

דעם 1־טן סעפּטעמבער 1915, איז די פאַרוואַלטונג פון לאָווי־טשער קרייז איבערגעגאַנגען אין די הענט פון דער ציווילער מאַכט, און אין דעצעמבער, 1916, האָט די דייטשע מאַכט באַשטימט שטאָטראַט־וואַלן לויט דער הינדענבורג־אָרדינאַציע. די וואַלן זע־נען פאָרגעקומען לויט קוריאַלע פאָרשריפטן און די באַפעלקע־רונג איז צעטיילט געוואָרן אין קוריעס.

די איינשרייבונגען פון די איינוווינער האָבן זיך אָנגעהויבן דעם 4־טן דעצעמבער און געדויערט 10 טעג. די ערשטע מוניצי־פּאַלע וואַלן זענען פאָרגעקומען דעם 15־טן יאַנואַר, 1917.

פון דער ערשטער קוריע זענען אויסגעוויילט געוואָרן 6 יידן, און פון דער צווייטער קוריע — 6 קריסטן.

די ערשטע 6 יידישע ראַטמענער זענען געווען: י. וואַרטסקי, ג. גראַניצאַ, י. מ. זשעלעכאָווסקי, אַנאַטאָל וועקשטיין, איטשע ראָזענקראַנץ און יצחק־דוד זילבערבערג.

✶

דאָ אויבן האָבן מיר אין אונדזערע מאָנאָגראַפישע סקיצן געבראַכט עטלעכע טאַבעלעס, וואָס שילדערן דעם בהדרגהדיקן וווּקס פון דער אַלגעמיינער און יידישער באַפעלקערונג אין לאָ־וויטש. די דאָזיקע ציפערן זענען גענומען פון פוילישע געשיכט־לעכע קוועלן.

דאָ ווייטער ברענגען מיר נאָך אַזאַ טאַבעלע, וואָס איז דאָקעגן צונויפגעשטעלט לויט יידישע מקורות, און וואָס שילדערט דעם צייט־אָפּשניט פון דער ווידערבאַזעצונג פון די יידן אין דער שטאָט זינט דעם אָנהויב פונעם 19־טן י״ה ביז עטלעכע יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה *):

יאָר	צאָל באַפעלקערונג	יידן	פּראָצענט
1808	2367	60	2.5
1827	3551	405	11.4
1837	6693	676	10.1
1840	5253	940	17.9
1852	4182	1059	25.3
1856	5237	1059	20.2
1857	5465	1161	21.2
1862	5885	2061	35.0
1881	7567	—	—
1899	8611	3346	—
1897	10225	3552	34.7
1908	11614	4011	24.6
1921	15807	4517	29.6
1931	17635	4339	24.6

די יידן אין לאָוויטש אין דער שפּעטערדיקער תקופה פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און ווייטער, ווערט ברייטער גע־שילדערט אין די מאמרים פון אברהם וואַרטסקי, י. מ. זילבער־בערג ע״ה, י. קראָנענבערג ע״ה און אַנדערע.

* די דאָזיקע מאָנאָגראַפיע איז איבערגעדרוקט מיט קליינע אויס־בעסערונגען פון דער יובל־אויסגאַבע „מאַזאָווער וואָכנבלאַט”, לאָוויטש, דעם 4־טן מערץ, 1939.

ביבליאָגראַפיע

מגר. י. טרונק — צו דער געשיכטע פון יידן אין מאַזאָווען, היסטאָ־רישע שריפטן, ייוו״א.

ד״ר יעקב שאַצקי — די יידן אין מיטאַלטער אין פוילן.

מגר. י. טרונק — אַ יידישע קהילה אין פוילן ביים סוף פון 18־טן י״ה.

שמעון דובנאָוו — וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק (באַנד 4).

פּראָפ. מ. באַלאַבאַן — „יידן אין פוילן”.

ד״ר י. שיפּער — די ווירטשאַפטס־געשיכטע פון די יידן אין פוילן בעתן מיטלאַלטער.

DR I. SCHIPPER — Dzieje Żydów na ziemiach Księstwa Warszawskiego i Królestwa Polskiego.

DR I. SCHIPPER — Dzieje handlu żydowskiego na ziemiach polskich, Warszawa, 1937.

M. BERSON — Dyplomatariusz, dotyczący Żydów w dawnej Polsce, 1910.

BOHDAN WASIUTYŃSKI — Ludność żydowska w Królestwie Polskim, Warszawa, 1911.

„OPINIA” — Lwów, 1935—6.

Geografia Steina.

Encyklopedia Powszechna (większa) Orgelbranda.

H. GAWARECKI — Pamiątki historyczne Łowicz, Warszawa, 1844.

DR. PRZYREMBEL — Fragmenty z dziejów dawnego Łowicza.

ROMUNAL ORZYKOWSKI — Przechadzka po Łowiczu.

DR MARIAN MATUSZYŃSKI — Łowicz w wiekach średnich, 1934.

Invent 117 Kat. 57. Protocole Nr 46 presénté a l'administration de la Fabrique Royal Toilrie de Łowicz le Mars, 1791.

Kalendarz Ziemi Łowickiej na r. 1910 (Księstwo Łowickie)

WŁ. TARCZYŃSKI — Łowicz wiadomości historyczne.

BERWIŃSKI — Studia II, 162. Lud. Ser. IX.

Żydzi w Polsce Odrodzonej, t. V, 1933.

אברהם װאַרטסקי

רעפֿלעקסן װעגן אַמאָליקן לאָװיטש

אײגנטלעך האָבן זיך די לאָװיטשער ייִדן נישט אױסגעצײכנט מיט אַ באַזונדערן לאָקאַלן פּאַטריאָטיזם און צוגעבונדנקייט צו זייער היימשטאָט, װי דאָס איז לרובֿ געװען דער פֿאַל בײַ ייִדישע אײנ־װױנער פֿון אַנדערע שטעט אין פּױלן.

/ איך דערמאָן זיך נאָך הײַנט, מיט װאָס פֿאַראַ ליבע און פּיעטעט מײַנע עלטערן פֿלעגן רעדן און דערצײלן װעגן זייערע געבורטס־שטעט. /

פֿאַרקערט, אָפֿטמאָל פֿלעגט זיך באַמערקן אַ געװיסע צוריקגע־האַלטנקייט, אומצופֿרידנקייט, אַפֿילו אַ װידערװילן, װאָס פֿלעגט בײַ אַפּטע געלעגנהייטן געפֿינען דעם אױסדרוק אין דעם סאַרקאַסטישן, זעלבסט־איגנאָרירנדיקן זאָג: „אױך מיר אַ שטאָט, לאָװיטש!"

די סיבה פֿון דער דאָזיקער, דוכט זיך, שװאַכערער פֿאַרבונדנקייט מיט דער װױנשטאָט לאָזט זיך אפֿשר דערקלערן דערמיט, װאָס אין קעגנזאַץ צו רובֿ פּױלישע שטעט מיט זייערע דורות־אײַנגעפֿונד־עטע ייִדישע קהילות, איז די ייִדישע קהילה אין לאָװיטש, נישט קוקנדיק דערױף, װאָס די שטאָט האָט זיך גערעכנט אַלס אײנע פֿון די עלטסטע שטעט אין פּױלן (איבער 800 יאָר אַלט), געװען נאָך פֿאַרהעלטנישמעסיק גאָר אַ יונגע. ערשט אין אָנהײב פֿונעם 19־טן יאָרהונדערט, האָבן ייִדן אָנגעהױבן זיך צוריק צו באַזעצן אין דער גלחישער, פֿרום־קאַטױלישער שטאָט, װאָס האָט געהערט (לױט געװיסע היסטאָרישע קװעלן, אָנהײבנדיק פֿון 16־טן יאָרהונדערט) צו די יעניקע, זייער װײניק פּױלישע שטעט אין פּױלן, װוּ ייִדן איז פֿאַרבאָטן געװען צו װױנען.

די ייִדישע באַפֿעלקערונג האָט דעריבער נאָך נישט באַװיזן זיך טיפֿער צו פֿאַרװאָרצלען אין דער שטאָט. מען האָט נישט געפֿונען אין דער שטאָט אַלטע, אײַנגעזעסענע, אױטאָכטאָנישע ייִדישע משפּ־חות, װעלכע האָבן זיך זינט לאַנגע דורות גערעכנט אַלס אָרטיקע בירגער.

אַפֿילו פֿאַמיליעס, װעלכע האָבן זיך געקאָנט לעגיטימירן מיט אַ דרײַ־דורותדיקער צוגעהעריקייט צו לאָװיטש, זענען געװען זייער זעלטן. (צו די לעצטע האָבן געהערט, דוכט זיך, די משפּחות זײַדע, בראָט, אורבאַך).

שטאַמענדיק על־פּי־רובֿ פֿון דרױסן, אָנגעפֿאָרן ערשט אין די לעצטע 70—80 יאָר פֿאַר דער ערשטער װעלט־מלחמה, האָט די ייִדישע באַפֿעלקערונג נאָך נישט געקאָנט אױסבילדן אַ טיפֿערע אינערלעכע באַציאונג צו זייער װױנשטאָט און זיך ענגער און נענטער צונױפֿגעבינדן אײנער מיטן אַנדערן. מען האָט זיך דעריבער געפֿילט קעגנזײַטיק װי אַ ביסל פֿאַרפֿרעמדט. עס האָבן געפֿעלט די געמײנזאַמע משפּחה־פֿעדים, בשותּפֿותדיקע זכרונות פֿון פֿאַרגאַנ־גענע צײַטן.

מיט דעם קורצן עקזיסטענץ־פּעריאָד פֿון דער ייִדישער קהילה, נאָך דעם װידער־באַזעצן זיך פֿון די ייִדן אין דער שטאָט, לאָזט זיך אױך דערקלערן, אין פֿאַרגלײַך מיט דעם רובֿ שטעט אין פּױלן, די קלײנע צאָל ייִדן, אין פֿאַרהעלטעניש צו דער פּױלישער באַפֿעלקע־רונג: סך־הכּל 4,500—5,000 אױף 18,000—20,000 אײַנװױנער.

אין דער צײַט, װאָס אין דעם רובֿ שטעט אין פּױלן האָבן די ייִדן געבילדעט 40—60 פּראָצענט פֿון דער אַלגעמײנער באַפֿעלקערונג, האָבן די ייִדן אין לאָװיטש אױסגעמאַכט סך־הכּל 25—30 פּראָצענט.

דער דאָזיקער אומשטאַנד האָט אױך געבראַכט צו אַ גרעסערער אָפּגעזונדערטקייט פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. די מחיצה צװישן דער ייִדישער און פּױלישער באַפֿעלקערונג אין לאָװיטש איז געװען דיקער און אומדורכגאַנגלעכער, װי אין אַנדערע פּױלישע שטעט, װוּ ייִדן זענען געװײנלעך געװען מער אײַנגעלעבט מיט זייערע פּױלישע שכנים, װעלכע האָבן דעריבער זייערע ייִדן־פֿײַנטלעכע געפֿילן נישט געבראַכט אַזױ בולט צום אױסדרוק.

די יונגע ייִדישע קהילה אין לאָװיטש האָט אױך נישט געקאָנט שטאָלצירן מיט איר אָנגעזעענעם יחוס־בריװ, און נישט געקאָנט זיך באַרימען מיט אירע מפֿורסמדיקע רבנים, מאורי הגולה, גאונים, אַלטע שולן, בתּי־מדרשים, אוראַלטע מצבֿות א.ד.גל., מיט װאָס עס האָבן זיך געװײנלעך געפֿלעגט יחוסן פֿיל אַנדערע שטעט און שטעט־לעך (װי די שכנותדיקע שטעט סאָכאַטשעװ, קוטנע, לענטשיץ). דער לאָװיטשער ייִד האָט דעריבער, װי געזאָגט, נישט אַרױסגעװיזן בדרך כּלל קײן װאַרעמערע, אינטימערע באַציאונג צו זײַן שטאָט.

פֿונדעסטװעגן איז גענוג געװען, אַז דער דאָזיקער לאָװיטשער ייִד זאָל האָבן געצװוּנגען געװאָרן דורכן גורל צו פֿאַרלאָזן זײַן היים און פֿאַרװאָגלט װערן אין אײנער פֿון די װײַטע לענדער, אַז עס זאָלן בײַ אים פֿלוצלונג דערװאַכן ביז־איצט אומאַנטפּלעקטע טיף אין האַרצן פֿאַרבאָרגענע סענטימענטן און בענקשאַפֿט־געפֿילן צו זײַן היימשטאָט, נישט אין קײן קלענערער מאָס, װי בײַ אַנדערע פּױלישע ייִדן אין באַצוג צו זייערע געבױרן־ערטער.

בדרך כּלל האָט דאָך דער פּױלישער ייִד קײנמאָל זײַנע פֿעדים מיט זײַן אַלטער היים, מיט פּױלן, נישט איבערגעריסן, אידענטיפֿי־צירנדיק עס זעלבסטפֿאַרשטענדלעך אין זײַן פֿאָרשטעלונג מיט דעם ייִדישן, בעסער געזאָגט, מיט דעם פֿאַרייִדישטן פּױלן, צוזאַמען מיט דעם גאַנצן עכטן ייִדישן לעבנס־שטײגער, װאָס האָט דאָרט געהערשט.

אָפּגעשלאָסן און אָפּגעזונדערט אין היימישן און גײַסטיקן לעבן פֿון דער אַרומיקער פּױלישער סבֿיבֿה, אָבער דאָך לעבנדיק אין פֿאַרלױף פֿון כּמעט אַ יאָר טױזנט אין באַשטימטע געאָגראַפֿישע ראַמען און קלימאַטישע באַדינגונגען, װאָס האָבן אױסגעאיבט זייער שטאַרקן אײַנפֿלוס אױף דער געשטאַלטונג פֿון זײַן אַרט און כאַראַק־טער, האָט דער פּױלישער ייִד געמוזט אױסבילדן מיט דער צײַט גאַנץ אײגנאַרטיקע לעבנס־פֿאָרמען און לעבנס־שטײגער, באַפֿאַרבט דערבײַ מיט אַ שטאַרקן אָרטיקן קאָלאָריט.

װוּ נאָך אין דער גאַנצער װעלט, מיטן אױסנאָם פֿון הײַנטיקן ישׂראל, האָט פּולסירט און געברױזט אַזאַ אײגנאַרטיק, פֿולבלוטיק און קערנדיק ייִדיש לעבן װי אין פּױלן? װוּ נאָך האָט דער ייִד זיך אַזױ ייִדיש אױסגעלעבט; װוּ נאָך האָט דאָס ייִדישקייט אַזױ טיף אַרײַנגעדרונגען אין אַלע װינקעלעך און שפּעלטעלעך אין שטוב און אין גאַס, באַגלייט דעם ייִדישן מענטשן פֿון קינדער־װיגל ביז צום קבֿר?

מען האָט דאָך דאָרט פּשוט געאָטעמט מיט ייִדישקייט, זיך דערין געטובלט. עס האָבן דאָך אַפֿילו די נעמען פֿון די שטעט און טײַכן אין דער ייִדישער שפּראַך ייִדיש געקלונגען: װאַרשאַװאַ — װאַרשע, קראַקאָװ — קראָקע, רזשעשאָװ — רײשע, קאַליש — קאָלעש, װיס־

לאַ — די וואַהסל. און דער נאָמען פון לאַנד נישט פּאָלסקאַ, נאָר פּוילן (לויט דער באַקאַנטער לעגענדע: פּה — ליןּ, ד. ה. דאָ בלייב נעכטיקן, דאָ באַזעץ דיך!).

ווו נאָך זענען די יידישע שבתים וימים טובים אַזוי שלמותדיק אָפּגעהיטן געוואָרן, געווען אַזוי קענטיק און אַנזעעוודיק; זייער מנוחה און קדושה — ממש מיט דער האַנט צו דערטאַפּן, די נשמה יתרה אַזוי פּייערלעך, פּילבאַר, ממש אויסגעגאָסן אויף אַלעמענס געזיכטער?

די נאַטור זעלבסט האָט דאָך דאַן מיטגעפּייערט און ווי אָנגעטאָן זיך אין שבת־ ויום־טוב־מלבושים. איז דאָך דער גאַנצער אָרום געווען אַזוי ענג פאַרבונדן און פאַרפלאָכטן מיט דעם יידישן שטייגער: מיט די נעמען פון די יידישע חדשים, מיט די סדרות פון דער וואָך, מיט די שבתים, מיט די יום־טובים.

אין דער פאָרשטעלונג פונעם פּוילישן ייד, ווו ער זאָל זיך נישט האָבן געפונען, אַסאָציאירט זיך דער יום־טוב פּסח נישט אַנדערש, ווי מיט דעם אָנהויב פונעם מילדן, גרינענדיקן פּוילישן פרילינג; שבועות — מיט דער אָרומיקער נאַטור אין איר פולער בליאונג, מיט דעם שמעקנדיקן גרינס („בלושטש"); די ימים־נוראים — מיט דעם שיינעם, זוניקן פריי־האַרבסט, סוכות — מיט פאַלנדיקע בלעטער און טריבן, רעגנדיקן וועטער; חנוכה — מיט בייסיקן פראָסט און טיפן שניי.

אין אַן אַנדער געשטאַלט זעען מיר די פּוילישע יידן אין אונדזער פאָרשטעלונג דעם שבת־שירה און אַנדערש דעם שבת־חזון, אַנדערש דעם שבת־נחמו און אַנדערש דעם שבת פּרשה־שקלים.

יעדער חודש, יעדע פּרשה פון דער וואָך, איז אין געדאַנק פון פּוילישן ייד באַגלייט געווען מיט דער אַנטשפּרעכנדיקער געשטאַלט פון דער אָרומיקער פּוילישער לאַנדשאַפט.

אַנדערע נאַטור־אַסאָציאַציעס רופן ביי אים אַרויס די וואָך פּרשת־ויחי (טיפער ווינטער) און אַנדערש פּרשת־פּנחס (פולער זומער). און אויך להיפוך, לויט דעם שטאַנד פונעם וועטער, פון דער נאַטור, האָט דער ייד אין פּוילן געקאָנט כמעט אָן טעות פעסטשטעלן נישט נאָר דעם אַנטשפּרעכנדיקן חודש, נאָר אויך די סדרה פון דער וואָך.

אַזוי איז דער גאַנצער אַרום ממש געוואָרן פאַריידישט.

ווו נאָך אין דער וועלט איז געווען אַזוי פיל תורה, חכמה און יראת שמים, אַזוי פיל חסידות, קדושה און צניעות, אַזעלכע באַרימטע רבנים, גאונים, צדיקים און לומדים?

ווו נאָך אַזעלכע יראים ושלמים ותמימים בעלי־צדקה און מכניסי־אורחים צווישן אַלע שיכטן ביז צו די אָרעמסטע מאַסן? ווו נאָך אַזוי פיל שולן, בתי־מדרשים, ישיבות און פאַרשיידענע לאָקאַלע חברות? ווו נאָך אַזעלכע מוטיקע פרייהייטס־קעמפער און איבערגעגעבענע געזעלשאַפטלעכע עסקנים און קולטור־טוער? ווו נאָך אַזאַ פאַרצווייגטע ציוניסטישע און חלוצישע באַוועגונג מיט אירע אַלע שאַטירונגען; אַזעלכע מעכטיקע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס מיט אַלע זייערע ניואַנסן?

ווו נאָך אַזאַ גרויסאַרטיקע ווייט־פאַרשפּרייטע יידישע פּרעסע, ליטעראַטור, טעאַטער און קונסט? דערביי איז אַלעס געטאָן געוואָרן מיט האַרץ, מיט נשמה, מיט ברען, מיט ענטוזיאַזם, וואָס נאָר דער פּוילישער ייד איז מסוגל געווען פון זיך אַרויסצוברענגען.

איז טאַקע דאָס יידישע פּוילן געווען דער „בית היוצר לנשמת האומה", דער מוח און דאָס האַרץ פונעם גאַנצן וועלט־יידנטום.

קיין וווּנדער נישט דעריבער, אַז נישט איינמאָל האָט מען זיך אין דער דעראינערונג מיט בענקשאַפט צוריקגעקערט צו די דאָזיקע פאַרגאַנגענע צייטן.

קאָנקרעט גענומען אָבער, איז דאָס אַלעס אויבן־געבראַכטע אין דער פאָרשטעלונג פונעם פּוילישן ייד באַהאַפטן מיט דער שטאָט, פון וואַנען ער שטאַמט אָפּ.

דענקענדיק און רעדנדיק מיט בענקשאַפט וועגן פּוילן, מיינט ער נישט עפּעס אַבסטראַקטעס, נאָר ער זעט עס טאַקע פּערזאָניפיצירט און פאַרקערפּערט אין זיין אָפּשטאַמונגס־שטאָט מיט איר נאָענטסטער סביבה, דאָרט ווו ער האָט דאָס ערשטע מאָל געזען ליכטיקע וועלט, דעם הימל, זון, לבנה און שטערן איבער זיך דערזען; די ערד, אויף וועלכער ער האָט זיינע ערשטע טריט געשטעלט; די אָרומיקע סביבה מיט אירע וועלדער, פעלדער און וואַסערן, ווו ער האָט זייערע ריחות אין זיך איינגעזאַפּט; דאָרט, ווו ער האָט די אַלע אויבנדערמאָנטע איבערלעבונגען און איינדרוקן אין זיך אויפגענומען, וואָס האָבן צוזאַמען זיין ווען און כאַראַקטער אויסגעשטאַלטיקט; דאָרט צולעצט, ווו ער האָט זיינע טייערסטע קרובים — אָפטמאָל טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער — זיינע נאָענטסטע חברים און פריינד איבערגעלאָזן.

דאָס אויבנדערמאָנטע איז אויך גילטיק פאַר דעם לאָוויטשער ייד, און ער איז דעריבער נישט קיין אויסנאַם אין דער הינזיכט, אַזוי, אַז געפינענדיק זיך אויסער די גרענעצן פון פּוילן, הויבט ער אָן פילן די געוויינלעכע צוגעבונדנקייט צו זיין אָפּשטאַמונגס־שטאָט.

אַזוי האָט ער אויך, נאָך דעם ביישפּיל פון אַנדערע פּוילישע יידן, דעם נאָמען פון זיין שטאָט, וואָס קלינגט אין פּויליש לאָוויטש, פאַריידישט אויף לויוויטש; דעם נאָמען פון איר טייך בזוראַ — אויף בזירע (מיט אַן אויסגעצויגענעם חיריק); די פלעצער סטאַרי און נאָווי רינעק — אויף אַלטע און נייע שטאָט; פּזשירינעק — קוטנער גאַס; דלוגאַ — אייל־גאַס; דעם טייל בראָוואַרנאַ, ווו עס איז געשטאַנען דאָס בית־המדרש — אויף בית־המדרש־געסל; דאָס געסל, וואָס האָט געפירט צו דער נייער שטאָט, צו דער אייל־גאַס, דורך וועלכן מען האָט מלווה געווען נפטרים צום בית־עולם, האָט מען גערופן: דאָס טויטע געסל; אפילו די פּאָליאַקן אַליין האָבן עס נישט גערופן מיט דעם אייגנטלעכן נאָמען (וואַנזקאָ), נאָר איבערגעזעצט פון יידיש — שמיערטעלנאַ. אַזוי זענען אויך פאַריידישט געוואָרן די נעמען פון אייניקע שכנותדיקע שטעטלעך און דערפער, ווי צ. ב. ביעלאַווי — ביילעוו, זדוני — זדין א.אַ.וו.

לאָוויטש האָט זיך אפילו קונה שם געווען אינעם פּויליש־יידישן פאָלקלאָר מיט דעם באַקאַנטן אין פּוילן (פאַרשטייט זיך, אינעם יידישן פּוילן) ווערטל: „כ'האָב דיך אין לויוויטש". עס איז כדאי ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט צו ציטירן אַ דערקלערונג פון דעם דערמאָנטן ווערטל, וואָס איך האָב קורץ פאַר מיין פאַרלאָזן פּוילן געהערט פון אַן עלטערן ייד (דווקא נישט קיין לאָוויטשער).

ווי באַוווּסט, פלעגן אין לאָוויטש פאָרקומען גרויסע יערלעכע יארידים, באַזונדערס באַקאַנט און פּאָפּולער זענען געווען די צוויי יארידים, דורך יידן א. ג.: יאָהאַנע־מאַרק (אין חודש תמוז) און מאַטויז (אין דער ימים־נוראים־צייט). אין פּוילן פלעגן די גרויסע שטעטישע יאַרמערק אָפּגעהאַלטן ווערן אין באַשטימטע טעג פאַר אָדער נאָך געוויסע חגאות צום ערן פון קאַטוילישע קדושים, און די יאַרמערק פלעגן זיך טאַקע רופן אויף זייערע נעמען, ווי יאַרמאַרק שוויענטעגאָ יאַנאַ, מאַטעאושאַ, אַנדזשעיאַ א.אַ.וו.

אויך די דאָזיקע נעמען האָבן ביי יידן באַקומען אַ יידישן קלאַנג. אַלזאָ נישט שוויענטעגאָ יאַנאַ, נאָר יאָהאַנע, מאַטויז א.ד.גל. די

צוויי גרויסע ירידים פלעגן דויערן אייניקע טעג און אפילו וואָכן (מאַטויז — דער עיקר־האַנדל מיט פעלצן — אָפיציעל אַכט טעג, אין דער ווירקלעכקייט לענגער). די יאַרמערק זענען נאָך פאַרגעקומען ביז דער לעצטער צייט, הגם אין שייכות מיט דער אַנטוויקלונג פון קאָמוניקאַציע־מיטלען און פאַרענדערטע ווירטשאַפטלעכע אומשטענדן, האָבן זיי פיל געהאַט פאַרלוירן פון זייער אַמאָליקער באַדייטונג און חשיבות.

אויף די דאָזיקע ירידים פלעגן קומען פאַרקויפער און קויפער פון אַלע עקן פוילן, דערונטער אויך יידישע סוחרים און בעלי־מלאכות, וועלכע ס'איז דערלויבט געווען צו קומען זיך צו באַטייליקן אין די דאָזיקע מערק. (די ירידים זענען געווען אַ באַדייטנדע הכנסה־קוואַל פאַר דער שטאָטישער קאַסע). דאָ פלעגן זיך טרעפן יידישע סוחרים, וועלכע האָבן זיך זינט אַ לענגערער צייט נישט געהאַט באַגעגנט. (די טראַנספּאָרט־מיטלען און דער בריוו־פאַרקער זענען נאָך דעמאָלט ווייט געווען פון זיין פאַרפולקאָמט). דאָ אין לאָוויטש פלעגן דעריבער דערליידיקט ווערן אַלע קעגנזייטיקע תביעות און סכסוכים צווישן די יידישע סוחרים. צו דעם צוועק איז אויף דער צייט פונעם יריד אָוועקגעזעצט געוואָרן אַ ספּעציעלער בית־דין פון רבנים און בוררים. און ווען אַ ייד האָט דאָ אויפן יריד אין לאָוויטש באַגעגנט זיינעם אַ בעל־דבר, צו וועמען ער האָט געהאַט עפּעס אַ טענה אָדער תביעה, האָט ער אים שוין נישט אָפּגעלאָזט. „כ'האָב דיך אין לאָוויטש!" — האָט ער אויסגעשריען. דאָס האָט געזאָלט הייסן: מער וועסטו זיך נישט אַרויסדרייען! — און טאַקע אויפן אָרט און שטעל אים געצויגן צום רב אָדער בית־דין, וועלכער האָט געדאַרפט נאָכן אויסהערן די טענות פון די צדדים, אַרויסטראָגן זיין ענדגילטיקן פסק־דין. פון דאַנען האָט זיך דער דאָזיקער רעדנסאַרט פונאַנדערגעטראָגן איבער גאַנץ פוילן. נאַטירלעך, נישט מער אין דעם אורשפּרינגלעכן, אָריגינעלן זין, נאָר באַנוצט אין אַן איראָנישער, איגנאָרירנדיקער באַדייטונג, ענלעך צו דעם ווערטל: ער האָרכט אים, ווי דעם רב.

אויך אין לאָוויטש האָט געשפּרודלט אַ יידיש לעבן. אויך דאָ האָט דער יידישער שבת און יום־טוב זיך געלאָזט פילן אין אַלע ווינקעלעך, צעגאָסן זיך ממש אין אַלע אברים. אויב דאָס יידישע לאָוויטש האָט זיך נישט געקאָנט באַרימען מיט איר אימפּאָנירנדיקער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט, האָט עס אָבער פאַרמאָגט די אַלע רעליגיעזע, געזעלשאַפטלעכע און וווילטעטיקע אינסטיטוציעס און חברות, וואָס זענען אַזוי כאַראַקטעריסטיש געווען פאַר די יידישע שטעט און שטעטלעך אין פוילן.

גענוג צו דערמאָנען די גרויסע, שיינע שול מיט דעם פּרעכטיקן, קינסטלעריש־געשניצטן און חנעוודיק־באַפּוצטן ארון־קודש. (די דאָזיקע שול האָבן די טמאדיקע נאַציס אונטערגעצונדן גלייך די ערשטע טעג נאָך זייער אַריינמאַרש אין שטאָט).

קורץ פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט נאָך די קהילה באַוויזן פונדאַמענטאַל איבערצובויען דאָס אַלטע חרובדיקע בית־המדרש. ווער געדענקט נישט די פיל ספרים, וואָס זענען דאָרט צעלייגט געווען אין די שאַפעס, די צענדליקער בחורים, וואָס האָבן אין זיי התמדהדיק טאָג און נאַכט געלערנט?

ווער געדענקט נישט דעם אַמאָליקן אַלטן בית־המדרש־שמש, ר' יצחק יוסף ז"ל? אַ פאַרחושכטער ייד, אָבער אַ זעלטענער תלמיד־חכם, בעל־לשון און בעל־דקדוק, וועלכער פלעגט זיינע לעצטע אָרעמע, ממש פון מויל אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס, פאַרווענדן אויף דער פאַרגרעסערונג פון זיין באַדייטנדיקן ספרים־אוצר, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען נישט ווייניק יקר־המציאותן. ער האָט אויך געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט אָנגעזעענע אין זיין צייט יידישע חוקרים אויפן געביט פון יודאַיסטיק.

ווי אין אַנדערע יידישע שטעט, האָבן זיך אין לאָוויטש געפונען אַזעלכע חברות, ווי חברה משניות, עין־יעקב, חברה מקרא און חברה תהילים (די לעצטע צוויי זענען באַשטאַנען דאָס רוב פון פּשוטע בעלי־מלאכות), לינת הצדק (אַגב צוויי: באַזונדער פאַר מענער און באַזונדער פאַר פרויען), הכנסת אורחים, הכנסת כלה, גמילת־חסדים, קאָאָפּעראַטיווע בענק א.אַ.וו.

די אַלע אַנשטאַלטן זענען געפירט געוואָרן, וואָס אַן אמת, אַ ביסל פּרימיטיוו, אָבער אָן דעם טרוקענעם, נשמהלאָזן און קאָסטשפּיליקן ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט און קלאַפּערגעצייג. נישט געקוקט דערויף, וואָס די גבאים און עסקנים, וואָס זענען געשטאַנען אין דער שפּיץ פון די דאָזיקע פילאַנטראָפּישע חברות און ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, זענען על פּי רוב אַליין געווען פאַרטאָן אין זייערע אייגענע דאגות־פּרנסה, האָבן זיי דאָך געפונען צייט, און דער עיקר ה אַ ר ץ, כדי א ו מ מ י ט ל ב אַ ר צו העלפן מיט די קאַרגע מיטלען, וואָס זענען געשטאַנען צו זייער רשות, יעדן עלנטן און נויטבאַדערפטיקן, וואָס האָט זיך צו זיי געווענדעט.

האָבן די באַגרענעצטע מיטלען נישט געסטייעט, איז מען איינפאַך אַרויס אין גאַס, געזאַמלט פון שטוב צו שטוב, ביז מען האָט די נויטיקע סומע פאַר דעם באַדערפטיקן צוזאַמענגעשאַפט. איז עמעצן געשען אַ צופאַל אָדער עוולה, האָט מען שוין געוווסט צו וועמען זיך צו ווענדן. מען האָט באַלד אויפגעהויבן אַ ליאַרעם און רעש און באַוויגן די נכבדים פון דער עדה — פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג אָדער פון שטאָטראָט — אָנצונעמען די געהעריקע שריט, כדי די גזירה אָפּצושרייען אָדער די עוולה רעכטצומאַכן.

איך וויל דאָ קיין נעמען נישט אָנרופן. די ראַמען פון די דאָזיקע רעפלעקסן דערלויבן מיר נישט אַלעמען שבחים נאָכצוזאָגן. דאָך קאָן איך נישט, ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט, נישט צו דערמאָנען דעם ליבן, האַרציקן בן־ציון מיעדזיגורסקי ז"ל (לויט מיינע ידיעות, האָט ער נאָך זוכה געווען צו שטאַרבן מיט אַ „נאַטירלעכן" טויט אין וואַרשעווער געטאָ, אין דער טיפוס־עפּידעמיע און געקומען צו קבר־ישראל). וואָס פאַראַ פּרעכטיקע געשטאַלט! אַ שאַרפער למדן און פיקח, אַן איבערגעגעבענער מזרחיסטישער עסקן און פלאַם־פייערדיקער רעדנער.

ער איז געווען אַקטיוו כמעט אויף יעדן געזעלשאַפטלעכן געביט. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז אַליין געווען פאַריאָגט, פאַרהאָרעוועט, פאַרדאגהט צוליב עול־פּרנסה און אַנדערע אָנגעלעגנהייטן, האָט ער דאָך געפונען צייט, געדולד און האַרץ יעדן מר־נפש פריינדלעך און אויפמערקזאַם אויסצוהערן און קומען אים צוהילף מיט ראַט און טאַט.

אין זיין קליינעם, אָרעמען אייזן־געוועלבל, האָט מען אָפט געקאָנט טרעפן יידן פון אַלע שיכטן, וועלכע פלעגן צו אים קומען אַראָפּרעדן זיך פון האַרץ, זוכן אַן עצה און דערמוטיקונג. און ווען דרינגענד, האָט ער זיך נישט געפוילט און טאַקע באַלד אַרויס אין גאַס און פאַרשאַפט די נויטיקע הילף.

געבענטשט זאָל זיין זיין אָנדענק!

אויך אין אַלגעמיין־נאַציאָנאַלן זין זענען די יידן אין לאָוויטש נישט געבליבן גלייכגילטיק און פּאַסיוו. יעדע געשעעניש און פּאַסירונג, סיי אינעם פּוילישן, סיי אינעם וועלטלעכן יידנטום, האָט דאָ געפונען אַ לעבעדיקן אָפּקלאַנג.

די יידישע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען איז מען געטריי נאָכגעקומען. ביי סיים־ און שטאָטראַט־וואַלן האָט מען נישט געבראָכן דעם יידישן פראָנט. די יידישע פאָרשטייערשאַפט אין שטאָטראַט איז אין אַלע יידישע ,פראַגן נישט געקוקט אויף די פאַרשיידענע פאַרטיי־אָנגעהעריקייט, אַרויסגעטרעטן איינהייטלעך און סאָלידאַריש.

ביי בירגערמייסטער־וואַלן, גלייך ווי אין אַנדערע שטאָטישע אָנגעלעגנהייטן, האָט מען זיך אין דער ערשטער ריי געריכטעט לויט דעם יידישן אינטערעס, וואָס איז געוויס נישט געשטאַנען אין סתירה צום אַלגעמיינעם וווילשטאַנד פון דער שטאָט.

נישט גרויס, אמת, איז געווען די צאָל חברים פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אָבער דאָך בנוגע ממשותדיקער ציוניסטישער טעטיקייט און השפּעה אויף דער יידישער גאַס באַאין־אופן נישט אָפּגעשטאַנען פון אַנדערע ענלעכע שטעט אין פוילן. זאָל מיר דאָ דערלויבט זיין צו דערמאָנען איינעם פון די ערשטע גרינדער פון דער אגודת הציונים אין לאָוויטש — נאָך אין דער פריער הערצלשער תקופה — און שפּעטער מורה אין דעם דורך די ציונים געגרינדעטן חדר מתוקן — יעקב פישל מילעווסקי. אַ טיפּ פון אַן אמתן יידישן משכיל, וואָס ס'איז געווען זעלטן צו געפינען זיין גלייכן. ער איז געווען גענוי און גרינטלעך באַקאַנט מיט דער גאַנצער אַלט־העברעאישער, השכלהשער און מאָדערנער העברעאישער און אפילו יידישער ליטעראַטור און וויסנשאַפט. איינגעזאַפּט אין זיך נישט נאָר יידישע, נאָר אויך פיל וועלטלעכע וויסנשאַפט.

אין זיין ענגן, שמאָלן הערינג־געוועלבל — געהאַנדלט מיט הערינג! — האָט מען אים געקאָנט טרעפן פאַרטיפט אינעם מורה נבוכי הזמן פון רנ״ק, אין ניטשעס אַ פילאָזאָפיש ווערק אָדער גאָר בערדיטשעווסקיס אַ מאמר. דאָ האָט מען אים אויך געקאָנט זען פירן צו לעבהאַפטן שמועס — א ווילער שמועסער געווען! — מיט זיינע חברים, אָדער תלמידים וועגן משה מענדעלזאָנס תקופה, וועגן אחד־העמס אָדער סאָקאָלאָווס לעצטן מאמר; אַמאָל פאַרטייטשן אַ שווערן פסוק אין תנ״ך, אויפקלערן אַ "וויכטיקן כלל אין דקדוק אָדער גאָר אַ האַרבן אבן־עזרא. און צומאָל אפילו מפרש זיין א פאַרפּלאָנטערטע מימרא אין זוהר.

ווי געזאָגט, האָט לאָוויטש אַנטוויקלט פאַרהעלטנישמעסיק אַ גענוג אינטענסיווע ציוניסטישע טעטיקייט, נישט הינטערשטעליק געווען לגבי אַנדערע שטעט בנוגע דער שפּענדונג פאַר ציוניסטישע פאָנדן, ווי קרן־היסוד און קרן־קימת. יעדע פּאַסירונג אין ארץ־ישראל האָט דאָ געפונען דעם לעבעדיקסטן אָפּקלאַנג.

ווער געדענקט נישט די גרויסע פייערלעכע פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין שול, און שפּעטער אין אָוונט — די גרויסאַרטיקע אַקאַדעמיע אין טאָג פון דער דערעפענונג פון ירושלימער אוניווערסיטעט?

און מיט וואָס פאַראַ טיפער דערשיטערונג האָט דאָס יידישע לאָוויטש אויפגענומען די ידיעות וועגן די בלוטיקע געשעענישן אין ארץ־ישראל אין יאָר 1929? ווער געדענקט נישט די אימפּאָזאַנטע פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג אין דער שול מיט דער באַטייליקונג פון כמעט דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, און שפּעטער די גאַנץ־באַדייטנדע געלט־זאַמלונג לטובת די געליטענע אין א״י?

געשפּאַנט און עמפּינדלעך לגבי אַלע געשעענישן אין וועלט־יידנטום, האָבן די לאָוויטשער יידן באַלד אין אָנפאַנג פון היטלעריסטישן רעזשים אין דייטשלאַנד, מיט שמערצלעכן מיטגעפיל און אָפּערוויליקייט רעאַגירט אויף די דאָרטיקע אכזריותדיקע יידי־פאַרפאָלגונגען (נישט אַנענדיק זייער אייגענעם פאָרשטייענדיקן פינצטערן גורל פון היטלערס הענט).

עס האָט זיך גלייך געגרינדעט אַן אַנטי־היטלער־קאָמיטעט, פאַרטרעטן פון פאָרשטייער פון אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג (מיט ד״ר יאַקובאָווסקי הי״ד אין דער שפּיץ, אין וועמען די דייטשן האָבן זיך טאַקע שפּעטער נוקם געווען. ער איז געפאַלן איינער פון די ערשטע קרבנות פונעם היטלער־רעזשים אין לאָוויטש). דער קאָמיטעט האָט אונטערגענומען אַ ברייטע באָיקאָט־אַקציע קעגן דייטשע סחורות און מיט באַדייטנדן דערפאָלג אַדורכגעפירט אַ גרויסע געלט־זאַמלונג לטובת די געליטענע דייטשע יידן און באַזונדערס פאַר די פאַרטריבענע פון דייטשלאַנד פּוילישע יידן (פּרשת זבאַנשין).

די קהילה־פאַרוואַלטונג האָט אין די ראַמען פון אירע באַשיידענע פינאַנסיעלע מעגלעכקייטן אָנגעווענדעט אַלע כוחות בייצושטייערן די אַלע. דער עיקר יוּוויליטעטיקע אונטערנעמונגען. נישט נאָר געזאָרגט לטובת דעם כלל, נאָר אויך דעם פּרט נישט געלאָזן פאַלן.

די מיטגלידער פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג און קהילה־ראַט זענען תמיד געשטאַנען אויף דער וואַך, און ווען נויטיק, אונטערגענומען ענערגישע אינטערווענצן ביי דער אַדמיניסטראַטיווער אָדער מוניציפּאַלער מאַכט לטובת דער קהילה בכלל אָדער לטובת דעם אָדער יענעם פּרט.

און אחרון אחרון חביב: די לאָוויטשער יידישע יוגנט! וואָס פאַר אַ ליבע, אידעאַליסטישע יוגנט! ווי איבעראַל צו יענער צייט, האָט זי זיך אויך געווידמעט הויפּטזעכלעך קולטורעלער טעטיקייט.

לאָוויטש איז געווען איינע פון די ווייניק־געציילטע שטעט אין פוילן, וואָס האָט נאָך אונטער דער צאַרישער הערשאַפט, אין אָנהויב פון אונדזער יאָרהונדערט, געגרינדעט איינע פון די ערשטע יידיש־געזעלשאַפטלעכע ביבליאָטעקן אין פוילן.

די יסודות פון דער דאָזיקער ביבליאָטעק זענען געלייגט געוואָרן פון איין זייט דורך אַ געוויסער צאָל אידעאַליסטישע, מיט השכלה־אָנגעשטעקטע, בית־מדרש־בחורים מיט זייער געהיימער, פאַר זייער אייגענעם געברויך באַשטימטער, דער עיקר העברעאישער ביכער־זאַמלונג; פון דער צווייטער זייט — דורך אַ גרופּע פאָרגעשריטענע יידישע בעלי־מלאכות (אין שפּיץ פון יהושע מאָזעס). וועלכע האָבן צו שטייער געגעבן זייער ביז דאַן אין געהיים־געפירטע ביבליאָטעק, וואָס איז באַשטאַנען פון גאָר אַ גרויסער צאָל ביכער. אַרום דער דאָזיקער פאַראייניקטער, זייט דער לעגאַליזירונג שוין עפנטלעכער ביבליאָטעק און לייען־זאַל, האָט זיך מיט דער צייט גרופּירט די גאַנצע פאָרגעשריטענע און וויסנשאַפט־דורשטיקע יוגנט פון אַלע שיכטן. און נישט פאַר איין בחור אָדער פריילין פון אַ חסידישער פאַמיליע איז דאָס באַזוכן די יידישע ביבליאָטעק געווען פאַרבונדן מיט אויסערגעוויינלעכער געוואַגטקייט און ממש מיט מסירת נפש. די יוגנטלעכע ביבליאָטעק־פאַרוואַלטונג האָט נישט געקאַרגט קיין מי און כוחות, כדי דעם ספרים־אוצר כסדר וואָס מער צו באַרייכערן, אַנטוויקלענדיק גלייכצייטיק אַן אומדערמידלעכע און פרוכטבאַרע טעטיקייט אויך אויף אַנדערע געביטן. אַזוי זענען פון צייט צו צייט פאַראַנשטאַלטעט און טאַקע גלענצנד דורכגעפירט געוואָרן רעפעראַטן, פאָרלעזונגען, פאָרשטעלונגען א.אַ.וו. אַלס פרעלעגענטן זענען אַרויסגעטרעטן: י. ל. פּרץ (וואָס פאַראַ געשעעניש און איבערלעבעניש איז דאָס געווען פאַר דער לאָוויטשער יידישער יוגנט!), הלל צייטלין, נח פּרילוצקי, ד״ר מוקדוני א. אַנד.

שפּעטער, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע (אין דער ערשטער וועלט־מלחמה), האָט די יוגנט אין לאָוויטש פון אייגענער איניציאַטיוו און מיט אייגענע כוחות באַוויזן אויפצושטעלן אַזאַ הערלעכע, אימפּאָזאַנטע קולטור־אינסטיטוציע, ווי דער „הזמיר" — שפּעטער איבערגעענדערט אויף „פאָלקס־הויז". דאָ, אין דעם ברחבותדיקן, שיין־דעקאָרירטן זאַל מיט אַ גרויסער בינע, איז געווען דער טרעף־פּונקט פון דער כמעט גאַנצער לאָוויטשער יידישער יוגנט. דאָ, אין הערלעכן זאַל, און אַרום אין די נעבן־צימערן, האָט געברויזט און געזידט מיט אַ האָפערדיקער יוגנט.

וואָס פאַראַ גראַנדיעזע קולטור־אַרבעט איז דאָ געלייסטעט געוואָרן: אַ דראַמאַטישע סעקציע, אַ גלענצנדער כאָר מיט אַ ספּעציעל־אָנגעשטעלטן באַצאָלטן דיריגענט, אַ טורן־סעקציע, בופעט א.אַ.וו.; ליטעראַרישע און וויסנשאַפטלעכע רעפעראַטן (נאָמבערג, צייטלין, סטופּניצקי, ד"ר שיפּער א.אַ.), דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען, טורן־פעסטן א.אַ.וו.

אַ געוויסע צייט שפּעטער איז אויך די אויבנדערמאָנטע ביבליאָטעק פאַראייניקט געוואָרן מיט דעם „הזמיר" — אונטער דעם נאָמען „פאָלקס־הויז". און די דאָזיקע גאַנצע אַזוי פונאַנדערגעצווייגטע קולטור־אַרבעט איז אויסגעפירט געוואָרן אויסשליסלעך (אַחוץ דעם דיריגענט סאָקאָלאָווסקי) דורך פרייוויליקע, אָפּפערוויליקע כוחות.

צום באַדויערן האָט שפּעטער די איבערטריבענע פּאַרטיי־דיפערענציאַציע און קעגנזייטיקע פּאַרטיי־רייסעניש געבראַכט צום אונטערגאַנג פון די צוויי דערמאָנטע, מיט אַזוי פיל ליבע, מי און מאַטעריעל אויפגעשטעלטע קולטור־אַנשטאַלטן. (שפּעטער איז אין דעם זעלבן לאָקאַל איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער לאָקאַלער מאַכט דער שטאָטישער מוזעאום).

עס מוז אויך דאָ דערמאָנט ווערן די צו גלייכער צייט געגרינדעטע דורך אַ יוגנט־גרופּע, בראש פון שריפטשטעלער יעקב קראָנענבערג — „קינדער־היים", אַ שול מיט יידיש אַלס אונטעריכט־שפּראַך, מיט פרייוויליקע לערערס און לערערינס, און וווּ אַ באַדי־טנדע צאָל אָרעמע קינדער האָבן באַקומען זייער ערשטע דערציאונג, לערע און אויך טיילווייזע באַשפּייזונג.

אין דער לעצטער צייט האָט אויך אין לאָוויטש, ווי אין אַנדערע שטעט, עקזיסטירט אַ גאַנצע ריי יוגנט־אָרגאַניזאַציעס ווי גורדוניה, השומר הצעיר, פּועלי ציון, דת ועבודה, בית"ר, וועלכע האָבן אַלע אין די ראַמען פון זייער פּאַרטיי־איינשטעלונג אַנטוויקלט אַ זייער ענערגישע און איבערגעגעבענע טעטיקייט צווישן זייערע חברים.

דאָס יידישע לאָוויטש האָט אפילו פאַרמאָגט. עטלעכע יאָר פאַר דעם חורבן, אַן אייגענע יידישע, זייער לעבהאַפטע רעדאַגירטע וואָכנשריפט, דאָס „מאַזאָווישער וואָכנבלאַט", געגרינדעט און רעדאַגירט פון אונדזער בן־עיר גדליה שאַיאַק.

דאָס אַלע אויבנדערמאָנטע לעבט נאָך אין זכרון פון ווייניק איבער דער וועלט צעשפּרייטע אָפּשטאַמיקע יידן פון לאָוויטש, און גישט קיין וווּנדער, אַז אויך ביי זיי דערוועקן זיך גאַנץ אָפט טיפע אומבאַזיגבאַרע בענקשאַפט־געפילן צו דעם שיינעם ראָמאַנטישן אַמאָל.

ליידער, ליידער, געהערט דאָס אויבנבאַשריבענע צו דער פאַרגאַנגענהייט, צו דער נישט־אומקערבאַרער פאַרגאַנגענהייט. די לאָוויטשער יידישע קהילה עקזיסטירט מער נישט. צוגלייך מיט אַנדערע יידישע קהילות אין פּוילן איז זי פאַרניכטעט און אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד, און אירע יידן — אונדזערע ליבע, האַרציקע ברידער און שוועסטער — נאָך אכזריותדיקע עינויים, זענען אומגעקומען מיט אַ קדושים־טויט פון די הענט פון די רוצחישע נאַציס. ה' ינקום דמם!

די פעדער פאַלט פון האַנט. נישטאָ דאָס וואָרט, וואָס זאָל אימשטאַנד זיין אויסצודריקן אונדזער דערשיטערונג, צער און צאָרן צוליב דעם מוראדיקן ביישפּיללאָזן חורבן. מי יתן ראשי מים ועיני מקור דמעה ואבכה יומם ולילה את חללי בת עמי (ירמיהו ט, כ"ג).

חיפה, יולי 1947.

דאס אומגליק אין הושענא רבה אין 1914

(דער ערשטער קרבן אין לאוויטש)

טריב און טרויעריק איז געווען דער טאָג פון הושענא רבה אינעם יאָר תרע"ה; פיל טרויעריקער און אימהדיקער איז אָט דער טאָג געווען פאַר די לאָוויטשער יידן.

שווערע וואָלקנס האָבן באַדעקט דעם הימל און ס'האָט אויסגעזען, אַז אָט די וואָלקנס זינקען, וואָס ווייטער אַלץ נידעריקער און וועלן פּאַמעלעך, פּאַמעלעך צודעקן אַלץ, וואָס וועט זיך אונטער זיי געפינען...

גרויזאַם, מוראדיק זענען געווען די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט. די מעשים פון די קאָזאַקן, טשערקעסן, וואָס זענען אָפּגעטאָן געוואָרן אין די אַרומיקע שטעטלעך, האָבן אויף אַלעמען אָנגעוואָרפן אויסערגעוויינלעכן פּחד.

מיט זייער טרויעריקע געמיטער זענען יענעם טאָג די לאָוויטשער יידן אַוועק אין שול, אין בית־המדרש, כדי דאָרט אויסצוגיסן זייער ביטער האַרץ. עפּעס האָבן אַלע געפילט, עפּעס האָט יעדן געזאָגט, אַז די שווערע וואָלקנס וועלן מיט זיך ברענגען נישט קיין גוטס...

אין דער שול האָט זיך יעדער פאַררוקט אין אַ ווינקעלע און געמאַכט זיין חשבון הנפש פאַר דער פאַרגאַנגענער צייט. פּלוצלינג איז אין דער שול געוואָרן גאַנץ שטיל, אַזוי, אַז מען האָט געקאָנט הערן אַ פליג דורכפליען און באַלד דערנאָך — אַ יאָמערלעך געוויין... קיינער האָט נישט געפרעגט, וואָס ס'איז געשען און צוליב וואָס מען וויינט. יעדער האָט עס פאַרשטאַנען, געוווּסט און געפילט: קאָזאַקן זענען דאָ!...

און ווירקלעך: פונעם גלאָוונער וועג זענען אָנגעקומען קאָזאַקן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון בראַטאַשעוויץ, ווו זיי האָבן געהאַט זייער אַ שווערע מפּלה.

די יידן האָבן מקצר געווען דאָס דאַווענען און יעדער האָט זיך געאיילט אַהיים.

נישט ווייט פון דער שול איז דורכגעריטן אַ קאַזאַקן־פּולק אונטער דער אָנפירונג פון אַן אָפיציר.

— הערי, זשיד סטאַי! — האָט פּלוצלינג דער אָפיציר אָפּגע־שטעלט דעם 19־יאָריקן יצחק זאַלץ. — ווו איז דער וועג קיין סאָכאַטשעוו?

— אָט דאָ גלייך, פּאַרט, וועט איר קומען צום סאָכאַטשעווער שאָסיי.

— קום מיט אונדז, — האָט דער אָפיציר באַפוילן. און די קאַזאַקן האָבן אים גלייך אַריינגענומען צווישן זייערע פערד און ווייטער אָפּגעריטן.

אין שטאָט איז געוואָרן אַ יללה, אַ געוויין. די צעשראָקענע יידן זענען געלאָפן יעדער אין אַ באַזונדער ווינקל. ס׳האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. תיכף נאָכדעם, ווי די קאַזאַקן זענען אַרויס פון שטאָט, זענען אָנגעקומען די ערשטע דייטשע פּאַטראָלן, וועלכע האָבן די יידן באַרויקט און אויסגעפרעגט וועגן דער נערוועזער שטימונג.

מ׳האָט זיי דערציילט וועגן דעם אָוועקגעפירטן יונגנמאַן. די דייטשן זענען גלייך מיט עטלעכע יידן אַוועק אויפן סאָכאַטשעו־ווער שאָסיי. אין דאָרף פּאַפּאָוו, עטלעכע וויאָרסט הינטער לאָ־וויטש, האָבן זיי באַגעגנט עטלעכע פּויערים, וועלכע האָבן אײַ־בערגעגעבן, אַז די קאַזאַקן האָבן דאָ נישט לאַנג דערהרגעט עפּעס אַ זשידעק און זיי האָבן אים געטאָן דעם לעצטן חסד...

מיט פאַרקלעמטע און פאַרביטערטע הערצער זענען די יידן אַוועק צום פרישן קבר, אים אויפגעגראָבן און פאַר זייערע אויגן האָט זיך באַוויזן דאָס שרעקלעכע בילד פון דעם 19־יאָריקן יצחק זאַלץ, דער איינציקער שפּייזער פון אַ מוטער — אַן אלמנה מיט קליינע קינדער.

דער קאָפּ איז ביי אים געווען צעשמעטערט אויף אַכט שטי־קער, נאָר די תפילין האָט ער געהאַלטן פעסט אַרומגענומען, גלייך ווי ער וואָלט זיי געהאַלטן פאַר אַן עדות, אַז ער מעג זיך שטעלן אין דער ריי פון די קדושים שנהרגו ושנשחטו על קידוש השם.

מ—סקי

אין דער נאַכט פון שמחת תורה
(די זיבן סילעוועער הרוגים)

דאָס באַקאַנטע קאַלעך־שטעטל סילעוו (סילעיעוו) ביי דער פּיליצאַ, האָט, ווי דורך אַ נס, נישט געליטן פון די גרויזאַמע קאַזאַקן־שחיטות און רציחות. די „גאָספּאָדאַזשעס" האָבן דאָרט עפּעס נישט געהאַט קיין דעה. דאָך האָבן די דאָרטיקע יידן פאַר זייער „היימיש" גליק געמוזט טייער באַצאָלן אין דער פרעמד. און באַצאָלט האָבן עס זיבן יידן מיט זייער לעבן.

לאָדזשער פאָלקסבלאַט 233

ערשטער יאָהר־צייט.
צום אנדענקען פון די קדושים אין יאָהר תרע"ה.
דאָס אומגליק אין הושענא רבה.
(דער ערשטער קרבן אין לאָוויטש).

דער „לאָדזשער פאָלקסבלאַט" פון 1915, וואָס ווידמעט טרויער־אַרטיקלען צו דער ערשטער יאָרצייט פון אומגליק אין לאָוויטש אין יאָר 1914

וועלכע האָבן די יידן באַרויקט און אויסגעפרעגט וועגן דער נערוועזער שטימונג.

די סילעוועער יידן: ר׳ אברהם לאַכמאַן, 40 יאָר אַלט, מיט זיינע צוויי זין — העניעך, 20 יאָר און לייבוש, 17 יאָר; ר׳ כתריאל סאַנדאָווסקי, 35 יאָר אַלט; ר׳ שמואל יורקעוויטש, 26 יאָר אַלט; ר׳ קאָפּעל פּאָזמאַנטשיק, 52 יאָר אַלט, און דער בחור יאָסל יורקעוויטש, 17 יאָר אַלט, זענען מוצאי שמחת תורה תרע"ה געפאָרן מיט זייערע פערד און וואָגן קיין קוטנאָ צו ברענגען צוקער פון דער דאָרטיקער צוקער־פאַבריק. מיט זיי איז אויך געפאָרן אַ קריסט, זייער בעל־עגלה.

דער וועג קיין קוטנאָ איז נאָך געווען פריי... די יידן זענען זיך געפאָרן גאַנץ רואיק איבערן טראַקט, נישט אָנענדיק אפילו וועגן דער סכנה, וואָס דראָט זיי. נאָר צוקומענדיק 4 וויאָרסט פאַר לאָוויטש האָט זיי אָנגעיאָגט אַ קאַזאַקן־פּאַטרול, וועלכער האָט די יידן אָפּגעשטעלט און צוגערופן דעם דאָרפס־סאָלטיס, אָנזאָגנדיק אים, ער זאָל אַכטונג געבן אויף די יידן. איבערלאָזנדיק די קרבנות אין אַ זיכערער האַנט, זענען די קאַזאַקן, ווי די מלאכי־

חבלה, געריטן קיין לאָוויטש פרעגן, וואָס מ׳זאָל טאָן מיט די „געפערלעכע שפּיאָנען״...

דער געטרייער סאָלטיס האָט די אָרעמע, שוצלאָזע יידן אריינגעזעצט אין אַ סטאָדאָלע און אַוועקגעשטעלט אַ שמירה פון 6 פּויערים, באַוואָפנט מיט העק און קאָסעס.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַראַ שרעקלעכע נאַכט די יידן האָבן פאַרבראַכט אין דער סטאָדאָלע. זיי האָבן הייס מתפלל געווען און געהאָפט אויפן „אולי ירחם״.

זייער גזר־דין, אָבער, איז שוין אפנים געווען אָנגעחתמעט. באַלד אינדערפרי, זענען געקומען אָנצולויפן די קאָזאַקן און מיט דער הילף פון די פּויערים האָבן זיי די יידן צוזאַמענגעבונדן מיט שטריק און אָנטאָענדיק זיי עגויים קשים, האָבן די קאָזאַקן אָנגעהויבן צו שיסן. — „סקאָלקאָ וולעזעט״ — איז געווען דער באַפעל. די אומגליקלעכע, אומשולדיקע סילעווער יידן זענען געפאַלן, ווי די סנאָפּעס.

ר׳ כתריאל סאַנדאָווסקין האָבן די קוילן נישט געטראָפן; ער איז געשטאַנען אין מיטן געבינד — האָבן אים די רוסישע רוצחים דעם קאָפּ אויף צוויי געטיילט מיט אַ שווערד.

די דאָזיקע הריגה האָט צוגעזען דער קריסטלעכער בעל־עגלה. און ווי ער גיט איבער, האָבן זיך דאָרט אָפּגעשפּילט שרעקלעכע סצענעס: ר׳ אברהם לאַכמאַן האָט געבעטן רחמים פאַר זיינע קינדערס לעבן. די קינדער ווידער האָבן געבעטן רחמים אויף זייער פאָטער. אַלע האָבן יאָמערלעך און ביטער געוויינט, נאָר די טאָטערישע הערצער זענען געבליבן אומדערבאַרעמדיק.

„אַ ספּאָרט״ איז די דאָזיקע שחיטה ביי די היידאַמאַקעס געווען. פאַרטיק מיטן ספּאָרט — האָבן זיי זיך גענומען באַרויבן די טויטע קערפּערס. די חיות אין מענטשן־געשטאַלט האָבן פון די הרוגים אַראָפּגענומען די מלבושים און אפילו די שטיוול. דערנאָך ערשט אַריינגעוואָרפן זייערע 7 קרבנות אין אַ גרוב וואַסער און פאַרקאָפּעט.

ערשט אין א צייט אַרום האָבן די באַטריבטע אלמנות און יתומים געבראַכט די מאַרטירער צו קבר־ישראל אויפן בית־עלמין אין לאָוויטש.

און פון די דאָזיקע קברים שרייט אַרויס דאָס אומשולדיק פאַרגאָסענע יידישע בלוט — עס שרייט!

א. ב. נ.

דער טרויעריקער „שבת בראשית״

(צוויי תליות)

מיטן ערשטן יידישן קרבן, יצחק זאַלץ, וועלכער איז אומגעקומען אין הושענא רבה פונעם פאַריקן יאָר, האָבן זיך די צרות פאַר די יידן אין לאָוויטש נאָך נישט געענדיקט און עס איז זיי באַשערט געווען איבערצולעבן פינצטערע שעהן און שרעקלעכע טעג פון צער און יאוש.

נאָכדעם ווי די רוסישע „העלדן״ האָבן הושענא רבה געהאַט פאַרלאָזן די שטאָט, האָט די יידישע באַפעלקערונג, וועלכע האָט פון אָט די „העלדן״ געהאַט פיל אויסצושטיין, אַ ביסל פרייער אָפּגעאָטעמט. אָבער ווייזט אויס, אַז עס איז נישט באַשערט געווען, אַז עס זאָל אין לאָוויטש אַריבער בלויז מיט איין קרבן...

און געווען איז עס שבת בראשית פאַרנאַכט. די יידן זענען געווען אין דער שול און בית־המדרש און דאָרט אין האַלב־טונקעלעם געזונגען די זמירות פון שלש סעודות און אַזוי פאַרחלומט זיך געשאָקלט צוזאַמען מיט די שאָטנס, וועלכע האָבן זיך אויף די ווענט אויסגעלייגט, ווי פּלוצלינג האָט זיך איבער דער זדונסקאַ־גאַס געהערט אַ גאַלאָפּ פון פערד, אַז די ערד האָט זיך אונטער זיי געטרייסלט.

דער עולם האָט איצט, ווי פון אַ חלום, אויפגעוואַכט און זיך צוגעהאָרכט. און באַלד זענען יידן אַריינגעלאָפן אין בית־המדרש פאַרסאַפּעט:

— קאָזאַקן זענען אָנגעקומען!

אַ טויט־אימה איז אַלעמען באַפאַלן, און יעדער איז אַנטלאָפן אַהיים, ווי נאָר ער האָט געקאָנט.

פאַרשפּעטיקט האָבן זיך נאָר צוויי יידן, אלימלך זאַנבערג, 23 יאָר אַלט, און אברהם פרענקעל, 22 יאָר אַלט. די קאָזאַקן האָבן זיי אָפּגעשטעלט און אָן טענות ומענות אַרעסטירט אַלס שפּיאָנען און אַוועקגעפירט אין מאַגיסטראַט אַריין.

דאָרט האָבן די יידן זיך גענומען בעטן פאַר די פּוילישע מיטגלידער פון בירגער־קאָמיטעט, אַז זיי זאָלן זיי ראַטעווען.

— איר ווייסט דאָך, אַז מיר זענען אומשולדיק, — האָבן די יידן זיך געבעטן — העלפט אונדז!

און דער ענטפער איז געווען:

— ניעמאַ ראַדי!

און נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָט מען די צוויי יידן אויפגעהאָנגען.

עס האָט קיינער פון די לאָוויטשער יידן נישט געוווסט פון דעם שרעקלעכן אומגליק. אייננאַם און פאַרלאָזט פון אַלע, זענען זיי אויף די תליות אויפגעהאָנגען געוואָרן, נאָר דער ווינט האָט זיי צוגעזונגען אַ טרויעריקע האַרבסט־מעלאָדיע...

אין דער פרי האָבן די קריסטן געזאָגט צו די יידן:

— זשידזשי, וואָשי וויסאָן...

ערשט דאַן זענען די יידן אַרויס אויפן אַלטן מאַרק און געזען ווי צוויי יידן הענגען.

מען האָט זיי פון דאָרט אַראָפּגענומען, אַוועקגעפירט אויפן בית־עולם און זיי אַראָפּגעלאָזן אין קבר אַריין. דאָרט האָט פון זייערע העלדזער, געז און אויערן גענומען שטראָמענווייז זיך גיסן בלוט, וואָס עס האָט אַריינגעזאַפּט אין דער בית־עולם־ערד און זיך פאַראייניקט מיטן ים פון יידישן בלוט...

דאַן האָט מען די קברים פאַרשיט און איינער האָט געזאָגט קדיש און מ׳איז זיך צעגאַנגען מיט טרויעריקע געדאַנקען...

מ—קי

פון ווייטן און נאָענטן עבר

י. צ. טויבענפעלד

זכרונות פון יידישן לאָוויטש אויפן פאָן פון וויכטיקע געשעענישן
ביים סוף פון 19־טן און אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט

דער עקספּראָפּריאַציע־אַקט פון די פּ.פּ.ס. אויף דער מלוכה'שער באַנק אין 1905

אין אַ געוויסן ווינטער־אָוונט אין דער צייט פון דער 1905־רעוואָלוציע, זענען צוויי קריסטלעכע יוגנטלעכע, פּאָליאַקן, געקומען אין דער וווינונג פון יאַנקל יאַקובאָוויטש (אַ פערד־הענדלער). דער ייד האָט דעמאָלט געוווינט אויף דער קוטנער גאַס. זיין זון איז געווען אַ דראָזשקאַזש און אום ווינטער האָט ער געטריבן אַ שליטן. די פּויליש יוגנטלעכע האָבן באַשטעלט דעם יונגערמאַן, אַז ער זאָל זיין גרייט מיט זיין שליטן אויף מאָרגן 10 אינדערפרי, כדי ער זאָל מיט זיי פאָרן אין אַ שכנותדיק שטעטל. זיי זענען דורכגעקומען מיטן פּריַיז פאַר דער נסיעה און דערביי אים געזאָגט, אַז עס וועלן זיין פיר פּאַסאַזשירן.



י. צ. טויבענפעלד

צומאָרגנס איז אין לאָוויטש געווען אַ טאָרג־טאָג. אינדערפרי, בערך 10 אַזייגער, איז מיר גראָד אויסגעקומען צו גיין צו ה' אַנאַטאָל וועקשטיין.

אַרויסקומענדיק פון דער זדונסקאַ־גאַס אויפן אַלטן מאַרק, האָב איך געזען, ווי פון מאַגיסטראַט־בנין, ווו עס האָט זיך דעמאָלט געפונען די פּאָליציי־סטאַנציע, לויפן אַרויס עטלעכע רוסישע פּאָליציאַנטן אין דער ריכטונג פון דער באַן־גאַס.

אין גאַס איז געוואָרן אַן אויפרודערונג. די סוחרים פון די געוועלבער זענען געשטאַנען אין די טירן און האָבן מיט נייגעריקייט זיך צוגעקוקט צום געלויף פון די פּאָליציאַנטן. איינער ביים אַנדערן האָט געפרעגט, וואָס עס איז געשען, אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס עס איז פּאַקטיש פאָרגעקומען, צוליב וואָס אַזויפיל באַוואָפנטע פּאָליציאַנטן זענען געלאָפן אין דער ריכטונג פון דער באַן־גאַס.

אַ קורצע צייט שפּעטער, בעת כ'האָב זיך אומגעקערט אַהיים, ווען כ'בין אָנגעקומען אויפן אַלטן מאַרק, ביים אַריינגאַנג פון דער זדונסקאַ, איז פון דאָרט אַרויסגעפאָרן אַ פויערישער שליטן, וועלכן ס'האָט אָנגעטריבן אַ פויער. אויפן שליטן איז געזעסן אַ יונגער פּאָליאַק פון בערך 20 יאָר, אָנגעטאָן אויפן קאָפּ אין אַ באַראַנקאָוועץ היטל. פון ביידע זייטן שליטן זענען נאָכגעגאַנגען צוויי באַוואָפנטע רוסישע זשאַנדאַרמען. איך האָב געהערט, ווי דער יוגנטלעכער האָט געהאַלטן אין איין איינטענהן צו די זשאַנדאַרמען: „יאָ ניע, יאָ ניע וויעם...״

דער שליטן מיטן אַרעסטירטן איז צוגעפאָרן צום מאַגיסטראַט.

שפּעטער איז ערשט באַקאַנט געוואָרן אין שטאָט דער פאַרלויף פון דער געשעעניש.

ארום 10 אינדערפרי איז אַרויסגעגאַנגען דער קאַסירער פון דער „קאַזנאַטשייסטוואָ״ (מלוכהשער באַנק), וואָס האָט זיך געפונען אויף דער מאָסטאָווע גאַס, מיט אַ טעקע, אין וועלכער ער האָט געהאַט אַ ריזיקע סומע געלט. די טעקע האָט ער געהאַלטן אונטערן אָרעם און איז געגאַנגען צו דער באַן, כדי דאָס געלט אַוועקצופירן קיין וואַרשע. צוליב זיכערקייט־טעמים האָט אים באַגלייט אַ פּאָליציאַנט מיט אַ ביקס.

אַרויסגייענדיק פון דער „קאַזנאַטשייסטוואָ״, זענען זיי נישט געגאַנגען צום אַלטן מאַרק, נאָר זענען געגאַנגען מיט אַן אונטערגעסל, די טקאַטשעוו, נעבן דער אייזערנער באַן־בריק, און פון דאָרט האָבן זיי געזאָלט אַרויסקומען צו דער באַן־גאַס. אָבער ווען זיי האָבן זיך שוין געפונען אין דערמאָנטן געסעלע, זענען פּלוצלינג, ווי פון אונטער דער ערד, אָנגעקומען 3 יונגע פּאָליאַקן אין באַראַנקאָווע היטלעך. איינער פון זיי האָט בליצשנעל אַרויסגעכאַפּט די ביקס פון זשאַנדאַרמס האַנט, און אַ צווייטער — די טעקע מיטן געלט פון קאַסיר. אין אויגנבליק זענען די דריי יונגעלייט אַנטלאָפן אין צוויי ריכטונגען: צוויי, וועלכע האָבן געכאַפּט דאָס געלט מיט דער ביקס, זענען געלאָפן צום טייך, וואָס געפינט זיך נאָענט, ביי דער מאָסטאָוער בריק, און זענען געלאָפן איבער דער לענג פון דער פאַרפרוירענער בזורע ביז צו דער קוטנער בריק.

איינער פון די דריי איז געלאָפן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. אַזוי ווי עס איז געהאַט באַשטימט געוואָרן דעם אָוונט פריער, איז איינער פון די 4 חברהלייט, געקומען אינדערפרי צום דראָזשקאַזש און האָט אים געהייסן צופאָרן צו דער קוטנער בריק, כדי דאָרט אָפּצוּוואַרטן זיינע דריי חברים, וואָס דאַרפן אָנקומען. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער יידישער בעל־עגלה האָט קיין אַנונג נישט געהאַט, ווער עס זענען זיינע פּאַסאַזשירן.

איינער פון די דריי איז טאַקע נישט געקומען, ווייל ווי שוין אויבן דערמאָנט, איז ער געכאַפּט געוואָרן.

די דריי פּאָליאַקן, זעענדיק, אַז זיי קאָנען זיך נישט דערוואַרטן אויף זייער חבר, זענען אַרויף אויפן שליטן און אים געהייסן שנעל פאָרן אויסער דער שטאָט.

דערווייל האָט דער פּאָליציי־שעף אַלאַרמירט אַלע פּאָליציאַנטן. צווישן זיי האָט זיך געפונען אַ באַוווּסטער דעמאָלט העלדישער פּאָליציאַנט, באַיקאַ. ער איז געווען אַ הויכער און אַ דיקער און דיקער פאַרשוין. די פּאָליציאַנטן, אין שפּיץ מיטן נאַטשאַלניק, האָבן אויף פערד אָנגעהויבן נאָכיאָגן די אַנטלויפנדיקע יונגע פּ.פּ.ס.אָווצעס אויפן יידס שליטן.

דאָס נאָכיאָגן איז פאָרגעקומען אויפן קוטנער שאָסיי. דער מרחק פון די אַנטלויפנדיקע און די נאָכיאָגנדיקע איז אין אָנהויב געווען זייער אַ קליינער. קוים עטלעכע צענדליק מעטער.

די פּאָליציאַנטן האָבן געפּרוּווט שיסן אויף די אַנטלויפנדיקע, אָבער אָן דערפאָלג, ווייל אַ טייל ביקסן האָבן נישט פונקציאָנירט און זענען געווען פאַרראָסטעט. אויך האָט זיי אויסגעפעלט קוילן.

דערקעגן די אַנטלופנדיקע פּ.פּ.ס.אָווצעס זענען געווען גוט באַוואָפנט און געשאָסן פון מאַוזער־ביקסן, און אין דער שיסעריי פאַרווונדעט דעם קרעפטיקן פּאָליציאַנט באַיקאָ, וועלכער האָט באַקומען אַ קויל אין דער קני. צוליב דעם, וואָס ער האָט נישט גלייך באַקומען קיין מעדיצינישע הילף, האָט ער באַקומען גאַנגרענע אין פוס און נאָך אַן אָפּעראַציע געשטאָרבן.

די אַנטלויפנדיקע פּ.פּ.ס.אָווצעס האָבן איינגעאָרדנט זייער פאַרטיידיקונג קעגן דער נאָכיאָגנדיקער פּאָליציי אויף אַזאַ אופן:

איינער פון זיי איז געשטאַנען הינטער דער פּלייצע פון בעל־עגלה און אים כסדר באַפוילן, ער זאָל טרייבן דאָס פערד. די אַנדערע צוויי זענען געשטאַנען אינעם שליטן מיט די פּנימער אין דער ריכטונג פון די נאָכיאָגנדיקע און מיט די מאַוזער־ביקסן געשאָסן צו די פּאָליציאַנטן.

אין אַזאַ פאַרטיידיקונגס־פּאָזע איבער פאַרשנייטע וועגן, זענען זיי אַריינגעפאָרן אין שטעטל אילאָווע. די פּאָליציי איז געבליבן ווייט הינטערשטעליק.

אויך דאָס פערד פון יידס שליטן איז שוין געווען אָפּגעשוואַכט און קוים געשלעפּט דעם שליטן. די אַנטלויפנדיקע האָבן באַמערקט, אַז נעבן דעם קליינעם אַפּטייק־געוועלבל שטייט אַ שליטן, געשפּאַנט אין צוויי גוטע פּויערישע פערד. אין אים איז געזעסן אַ פּויערטע. דער מאַן איז נאָר וואָס געהאַט אַריין אין געוועלבל עפּעס איינקויפן. די פּ.פּ.ס.אָווצעס האָבן לאַנג נישט געקלערט און אַראָפּגעוואָרפן די פּויערטע אין שניי אַריין, אַליין אַרויף אויפן שליטן און מיטגעשלעפּט דעם יידישן בעל־עגלה און אים באַפוילן, ער זאָל אָנטרייבן די פערד.

זיי האָבן פאַרקערעוועט אין דער ריכטונג צום שטעטל קערנאָזשע און זענען דאָרט אָנגעקומען אַ שעה שפּעטער.

אַריינפאָרנדיק אין שטעטל זענען זיי אָבער פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דער אָרטיקער פּאָליציי, וואָס איז געהאַט פריער טעלעפאָניש אַלאַרמירט געוואָרן פון לאָוויטש.

דערווייל זענען אויך אָנגעקומען די נאָכיאָגנדיקע פּאָליציאַנטן אין דער שפּיץ מיט זייער נאַטשאַלניק. דער לעצטער האָט געזאָטן מיט רציחה און אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער, וועלנדיק אויפן אָרט דערשיסן דעם יידישן בעל־עגלה, וועמען ער האָט געהאַלטן פאַר דעם הויפּט־שולדיקן אין דער פּליטה.

דער וואַכמיסטזש (הויפּט־פּאָליציאַנט) האָט אָבער אין דער לעצטער מינוט נישט דערלאָזט צום ווילקירלעכן אַקט און געבעטן דעם נאַטשאַלניק, נישט אויסצופירן קיין איבעראייליקן טאָט, נאָר ער זאָל דעם בעל־עגלה אַרעסטירן צוזאַמען מיט די עקספּראָפּריאַטאָרן און זיי אָפּפירן קיין לאָוויטש און שטעלן פאַרן געריכט. און אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן.

אַזוי ווי אין יענער צייט האָט אין לאָוויטש, אַזוי גוט ווי אין גאַנץ צאַריש רוסלאַנד, געהערשט דאָס „אוסילענאַיאַ אָכראַנאַ" (פאַרשטאַרקטע אויפזיכט־געזעץ), אָדער עס איז גראָד דערקלערט געוואָרן „וואָיענאַיאַ וורעמיאַ" (קריגס־צושטאַנד), זענען די פּ.פּ.ס.ישע עקספּראָפּריאַטאָרן געשטעלט געוואָרן פאַר אַ מיליטעריש געריכט, און בתוכם מיט זיי, אויך דער יידישער בעל־עגלה.

דער שטאָט איז באַפאַלן אַ שרעק אין שייכות מיט דער געשעעניש און פאַרשטייענדיקן קריגס־טריבונאַל. אין פאַרלויף פון מעת־לעת, וואָס דער משפּט האָט זיך געצויגן, איז אין שטאָט, און ספּעציעל אין דער יידישער גאַס, אַלץ געווען חושך. אַלעמענס פּנימער זענען געווען פאַרטרויערט צוליבן גורל פון אומשולדיקן ייד. די גאַנצע באַפעלקערונג, די יידישע ווי די קריסטלעכע, האָט געוווּסט, אַז דער יידישער בעל־עגלה איז אומשולדיק. ס'איז אויך באַוווּסט געווען, אַז ער איז נישט קיין מיטגליד פון קיין שום רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, נישט אין קיין פּוילישער און אפילו נישט אין קיין יידיש־סאָציאַליסטישער, וועלכע זענען דאַן באַקאַנט געווען אין שטאָט, ווי די פּועלי־ציון, ס"ס, אָדער „בונד".

די גאַנצע באַפעלקערונג איז איבערגענומען געווען מיט אַ רחמנות־געפיל לגבי דעם בעל־עגלה. פרומע יידן האָבן זיך געזעצט זאָגן תהלים, אַז דער אומשולדיקער יונגערמאַן זאָל ניצול ווערן פון טויט.

געזעלשאַפטלעכע טוער האָבן געזוכט עצות, ווי אַזוי אויפצווייזן פאַר די ריכטער די אומשולד פון געמשפּטן ייד.

עס האָבן זיך גלייך אָפּגערופן עטלעכע אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן פון דער אָרטיקער קריסטלעכער געמיינדע, וועלכע האָבן געקענט דעם יונגערמאַן און עס זענען צוגעשטעלט געוואָרן דאָקומענטן פון אָרטיקן הויפּט־גלח, פון פּאָוויאַטאָווע קרייז, יידישער גמינע, און פּריוואַטע פירמעס א.אַ., וועלכע האָבן באַשטעטיקט דעם יונגערמאַנ'ס אָרנטלעכקייט, סיי זיין אַפּאָליטישע טעטיקייט. דאָס דאָזיקע עדות־זאָגן האָט געהאָלפן, און דער יונגערמאַן איז באַפרייט געוואָרן פון יעדער שולד. דערקעגן די 4 פּאָליאַקן זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך הענגען און די עקזעקוציע איז דעם זעלבן טאָג אויסגעפירט געוואָרן אין הויף פון מאַגיסטראַט.

די פאַרמשפּטע 4 פּ.פּ.ס.אָווצעס זענען געווען אַרבעטער אין דער צוקער־פאַבריק אין דאָבזשילין, נעבן זשיכלין.

דער דיסקוסיע־אָוונט אין אויבערשטיבל פון דער מקווה

אין יענעם שטורעם־ און דראַנג־פּעריאָד פלעגן, ווי באַוווּסט, פאָרקומען דיסקוסיעס צווישן די פּאַרטיי־אָנפירערס אַרום דער אויפפאַסונג פון דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע.

ס'פלעגן פאָרקומען דיסקוסיעס צווישן די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, „פּועלי־ציון" מיט דער ס"ס (וועלכע איז שפּעטער געוואָרן אַ טעריטאָריאַליסטישע פּאַרטיי).

ס'פלעגן אויך פאָרקומען דיסקוסיעס צווישן ביידע דערמאָנטע פּאַרטייען צוזאַמען מיטן „בונד". אין לאָוויטש האָבן אייגנטלעך געהערשט די צוויי אויבנדערמאָנטע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. דער „בונד" דערקעגן, האָט געהאַט אַ גאַנץ קליינע צאָל אָנהענגער. אָבער די לייטונג פון „בונד" אין לאָדזש האָט פון צייט צו צייט אַראָפּגעשיקט אירע אַגיטאַטאָרן אין די פּראָווינץ־שטעט, כדי צו פירן אַ פּראָפּאַגאַנדע אויף צוזאַמענקונפטן און דיסקוסיעס.

אין אַ ווינטער־פרימאָרגן, זייענדיק אין בית־המדרש, איז צו מיר צוגעקומען אַ חבר פון „פּועלי ציון", און מיר איבערגעגעבן, אַז דעם זעלבן טאָג אין אָוונט, וועט קומען אַ בונדישער טוער פון לאָדזש, וואָס וויל אָפּהאַלטן אַ דיסקוסיע מיט דער „פּועלי ציון" און מיט דער ס"ס־גרופּע.

דער זעלבער חבר האָט מיך געבעטן, איך זאָל אָנטיילנעמען אין דער דיסקוסיע, אין נאָמען פון דער „פּועלי ציון״. עס איז בלויז געבליבן די פראַגע וועגן אַ לאָקאַל, וווּ אַזאַ דיסקוסיע־אָוונט זאָל פאָרקומען, און וועלכן עס דאַרפן זיך באַטייליקן אַ מינימום פון 15 ביז 20 פערזאָן, און מיר זאָלן נישט אַנטדעקט ווערן פון דער פּאָליצײ. מיר האָבן געוווּסט, אַז פאַר דעם צוועק וואָלט אַמבעסטן געווען צו באַקומען אַ פּריוואַטע שטוב. און אַזוי ווי מיר שטייען ביידע און טראַכטן, פאַלט מיר איין אַ געדאַנק צו בעטן דעם ה׳ משה־קלמן, מיינער אַ גוטער באַקאַנטער פון סאָכאַטשעוו, אגב אויך אַ סימפּאַטיקער פון „פּועלי ציון״. משה־קלמן האָט זיך געהאַט אַריבערגעצויגן קיין לאָוויטש, ווו ער האָט איבערגענומען די קאָנצעסיע פון דער שטאָטישער מקווה. אין די אויבערשטובן פון דער מקווה, האָט ער געהאַט זיין וווינונג.

ווען איך האָב זיך געוואָנדן צו משה־קלמנען מיט אַ פאָרשלאַג, ער זאָל אונדז אָפּגעבן אַ שטוב פון זיין דירה פאַר אַזאַ דיסקוסיע־אָוונט, האָט ער בכלל זיך נישט געקווענקלט און אַקצעפּטירט מיין ביטע. ער האָט מיר אָבער אויפמערקזאָם געמאַכט, אַז אין דער שטוב קאָן זיין קאַלט, ווייל זי געפינט זיך אין דער צווייטער אָפּטיילונג פון זיין דירה, וואָס איז דורכגעטיילט מיט אַ גרויסן קאָרידאָר, און ווערט אין ווינטער בכלל נישט געהייצט.

איך האָב אים אין דער פראַגע גלייך באַרואיקט, אָנווייזנדיק אים, אַז אונדז וועט בכלל נישט זיין קאַלט, ווייל מיר וועלן זיך דערוואַרעמען מיט רעדעס און מיט דער דיסקוסיע.

דעם זעלבן אָוונט האָבן מיר זיך טאַקע פאַרזאַמלט אין דער שטוב איבער דער מקווה. צוליב פאָרזיכטיקייטס־טעמים, האָבן מיר געשטעלט אין געסל נעבן דער מקווה צוויי חברים אַלס וואַכפּאָסטן. זייער אויפגאַבע איז געווען צו דרייען זיך הין־און־צוריק און אַכטונג געבן, צי פּאָליציי קומט חלילה נישט אָן.

מיר האָבן אויך נישט אָנגעצונדן אין שטוב קיין גרויסע נאַפטלאָמפּ, כדי ס׳זאָל זיך נישט זעען פון דרויסן קיין צו־גרויסע ליכט, ווייל די שטוב איז געווען פונקט קעגנאיבער דער מיליטערישער קאַזאַרמע פון אַן אָפּטיילונג רוסיש מיליטער, וואָס האָט זיך געפונען אין שיינפעלדס הויז אין זעלבן געסעלע. (שפּעטער האָט זיך אין זעלבן בנין געפונען די „פּאָושעכנע שול״ פאַר יידישע קינדער).

דער בונדישער טוער, וואָס איז געקומען פון לאָדזש, האָט געהאַלטן אַ ברייטן רעפעראַט, אין וועלכן ער האָט זיך באַמיט צו באַגרינדן די בונדישע טעאָריע וועגן קלאַסן־קאַמף און וועגן קאַמף קעגן צאַריזם און די פאָדערונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע.

באַרירנדיק דעם ציוניזם, האָט ער אים, פאַרשטענדלעך, אויסגעלאַכט אַלס אוטאָפּיע און הוילער פאַנטאַזיע. דער יידישער אַרבעטער האָט, לויט זיין מיינונג, קיין שום נוצן נישט פון דער ציוניסטישער אידעע, האָט ממילא קיין שום זין נישט דער ציוניסטישער סאָציאַליזם פון דער „פּועלי ציון״ און סיי פון דער ס״ס. דער „בונד״ באַהערשט דאַדורך די יידישע אַרבעטער־מאַסן און ער וועט באַזיגן די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פאַרטייען.

אַלס אָפּאָנענט קעגן בונדישן רעפערענט זענען אַרויסגעטראָטן מיין ווייניקייט — אין נאָמען פון „פּועלי ציון״, צוזאַמען מיט נאָך אַ חבר (שיינט מיר דעם טלית־מאַכערס אַן איינִיקל) — אַ זאָקן־אַרבעטער.

אין נאָמען פון דער ס״ס איז אַרויסגעטראָטן יחיאל־מאיר זילבערבערג און מאָטל בראַט — אויך אַ זאָקן־אַרבעטער.

ווי ווייט איך געדענק דעם פאַרלויף פון דער דיסקוסיע פון יענע ווייטע יאָרן, האָבן מיר בכלל נישט אָפּגעלייקנט דעם קלאַסן־קאַמף אַלס אַ זעלכן, ווייל דאָס איז דער יסוד פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, אויף וועלכן מיר באַגרינדן אונדזער סאָציאַליסטישע אידעע; אַזוי אויך דעם קאַמף קעגן צאַריזם, וואָס איז געווען אַ טייל אין די ראָמען פון אונדזער באַוועגונג אין יענע יאָרן.

מיר האָבן געפרעגט דעם בונדישן טוער, ווי אַזוי וויל ער לייזן די ספּעציפיש־עקאָנאָמישע פראַגע פון די יידישע מאַסן? צי ווייסט ער נישט, און צי זעט ער נישט, אַז אַלע לאָדזשער, פּאַביאַניצער און אַנדערע פאַבריקן פון אַלע קראַפט־ און טעכניש־אַנטוויקלטע אינדוסטריעס, זענען באַהערשט דורך די פּוילישע אַרבעטער, אָבער די יידישע אַרבעטער האָבן נישט קיין צוטריט צו די זעלבע פאַבריקן? פון דער אַנדערער זייט וואַקסט די יידישע נויט און אַרבעטסלאָזיקייט פון טאָג צו טאָג, און קיין אויסוועג איז נישטאָ...

דער בונדישער רעפערענט האָט אויף די אַרויסגעשטעלטע קשיות אונדזערע דערקלערט, אַז ער האָט יאָ אַן אויסוועג פאַר דער יידישער נויט. דאָס קאָן מען לייזן דורך עמיגראַציע קיין אַמעריקע און קאַנאַדע.

אויף דעם האָט אים שאַרף אָפּגעענטפערט אַן ס״ס־פאַרשטייער: לא מעוקצך ולא מדבשך...

די דיסקוסיע איז וואָס אַמאָל געוואָרן לעבהאַפטער און די געמיטער צעהיצטער, און מיר האָבן בכלל נישט געפילט די קעלט און פאַרגעסן אין דער סכנה, וואָס אונדז דראָט, אין פאַל די זשאַנדאַרמעריע זאָל אונדז אַנטדעקן. זייער שפּעט אין אָוונט האָבן מיר בשלום פאַרענדיקט דעם דיסקוסיע־אָוונט.

די אויבנדערמאָנטע דערציילונג איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער געוואַגטקייט פון אונדזער יוגנט אין יענע רעוואָלוציע־טעג (1905־6) אין אָפּגעשטאַנענעם שטעטל, ווו אַ גרופּע יונגעלייט פון פרומע היימען, האָט זיך קאָנספּיראַטיוו פאַרזאַמלט אין אַ שטוב איבער דער מקווה, און דאָס גראָד קעגנאיבער אַ רוסישער קאַזאַרמע און געפירט אַ פּאָליטישע טעטיקייט.

אומלעגאַלע פאַרזאַמלונג אין בית־המדרש

פריש אין זכרון איז נאָך די גרויסע פאַרזאַמלונג אין בית־המדרש צום יאָרטאָג פון דער דעמאָנסטראַציע אין פּעטערבורג אונטער דער אָנפירונג פון גלח גאַפּאָן.

אין דער פאַרזאַמלונג, דעם 2־טן יאַנואַר 1906, וואָס איז פאָרגעקומען אומלעגאַל אין בית־המדרש, אין אַ פּראָסטן טאָג אין די מיטאָג־שעהן, זענען אַרויסגעטראָטן אַלס רעדנער: יחיאל מאיר זילבערבערג, מאָטל בראַט און דאַכט מיר, איין פאַרשטייער פון „בונד״.

שמואל פאַרך (מענדל ביקס, דעם שניידערס זון) איז געווען שומר ביי דער טיר. ווער עס איז אַריינגעקומען, האָט ער פאַר אים אויפגעמאַכט די טיר און אַריינגעלאָזט, אָבער אַרויס האָט קיינער מער נישט געקאָנט, ביז נאָך איבער דער פאַרזאַמלונג.

אַזוי זענען אַריינגעקומען עטלעכע באַלעבאַטישע מענטשן, וועלכע האָבן באַמערקט, אַז עס קומט עפּעס פאָר אין בית־המדרש. אַזוי איז אויך אַריינגעקומען דער שכן, ראָכווערגער (שטשערב,

אַ ייד מיט אַ צעשפּאָלטענער ליפּ, אַ מילכהענדלער) און נאָך אייניקע יידן. ס'איז אויך אַריינגעקומען ר' יצחק דוד זילבערבערג (יחיאל מאירס פאָטער), ווייזט אויס, אַז ער האָט געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז זיין זון באַטייליקט זיך אין אַן אומלעגאַלער פאַרזאַמלונג, האָט ער אים געוואָלט אַרויסנעמען אַהיים. דער אַלטער זילבערבערג איז גראָד אַריינגעקומען אין פולגעפּאַקטן בית־המדרש, ווען מאָטל בראָט האָט געהאַלטן זיין רעדע און געפייערט מיט זיין שטאַרקער שטימע און טעמפּעראַמענט קעגן דער צאַרישער אָרדענונג. איז ער צו אים צוגעלאָפן און זיך ביי אים געבעטן:

„מאָטל, מאָטל, זיי שטיל, הער אויף צו רעדן אַזוי שאַרף! דו קענסט דאָך אונדז אַלע אומגליקלעך מאַכן!... פּאָליציי קאָן דאָך אונדז אַלע אַרעסטירן און חלילה פאַרשיקן קיין סיביר!...”

מאָטל האָט אים דערויף שוין אַ ביסל שטילער און געפּילפּול געענטפערט:

— ר' יצחק דוד, ווי קאָנען מיר בלייבן שטיל און גלייכגילטיק צו די גרויסע ליידן, וואָס מיר ליידן פון דער צאַרישער, ווילדער באַציאונג צו אונדז יידן?! מיר מוזן נקמה נעמען, ר' יצחק דוד, פאַר דעם פאַרשוועכטן כבוד פון די געשענדעטע הייליקע ספר־תורהס (ער האָט אָנגעוויזן אויפן ארון־קודש), וואָס די רוסישע סאָטראַפּן און פּאָגראָמשטשיקעס האַלטן אין איין שענדן!...

יצחק־דוד האָט זיך פאַרשעמט און צוריקגערוקט צווישן עולם, און איז אַזוי געבליבן שטיין רויִק און אויסגעהערט די רעדעס ביזן סוף.

צומאָרגנס האָט ר' יצחק־דוד זילבערבערג געטראָפן אין גאַס אברהמלע בראָט, מאָטלס פאָטער, האָט ער זיך נישט איינגעהאַלטן און אים דערציילט, וואָס פאַראַ גוטן איינדרוק זיין זונס רעדע האָט אויף אים געמאַכט: ער איז ווערט אַ מעדאַל! — האָט ער געזאָגט צו אים.

פון דעמאָלט אָן האָבן פיל עלטערע יידן, וואָס אָן אמת, מיט גרויס האַרץ־קלאַפּעניש, אָבער מיט מער רעספּעקט געקוקט אויף זייערע זין און אויף דער יוגנט בכלל, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט פּאָליטישער טעטיקייט.

דער שטרייק פון די שילער פון דער לאָוויטשער רעאַל־שול

אין אַ שיינעם העלן פאַרמיטאָג, האָבן די גימנאַזיסטן פון דער רעאַל־גימנאַזיע איבערגעריסן זייערע לעקציעס און מיט אַ רעש פאַרלאָזט זייערע קלאַס־צימערן.

זייער אַקציע איז געווען אין די ראַמען פון די דעמאָנסטראַציעס, וואָס זענען דעמאָלט אָרגאַניזירט געוואָרן אין אַלע אַלגעמיינע און הויכשולן אין רוסיש־פּוילן.

די גימנאַזיסטן האָבן זיך מיט טומל אַרויסגעלאָזט אויפן אַלטן מאַרק און פון דאָרט מאַרשירט צוזאַמען מיט די שילער פון אַנדערע שולן. די דעמאָנסטראַציע האָט אַריינמאַרשירט אין דער פּאָדזשעטשנאַ גאַס, און דורך דער קוטנער גאַס אַרויס אויפן נייעם מאַרק און פון דאָרט ווידער אַריין אין דער זדונסקאַ און צוריק אַרויסגעקומען אויפן אַלטן מאַרק, ווו די דעמאָנסטראַציע איז פונאַנדערגעלאָזט געוואָרן.

אין דער צייט פון מאַרשרוט, האָבן אייניקע רעדנער גערעדט צו די דעמאָנסטראַנטן און צו גרויסע מאַסן פּאָליאַקן, וואָס האָבן זיי באַגלייט. זיי האָבן אין זייערע רעדעס אויפגעקלערט דעם ציל פון שול־שטרייק און די דעמאָנסטראַציעס קעגן דער צאַרישער פאַרפוילטער אָרדענונג און פאַרשקלאַפונג פון פעלקער און לענדער, ווו די רוסישע מאַכט פאַרבאָט צו האָבן שולן אין דער מוטערשפּראַך פון דער באַפעלקערונג. די רעדנער האָבן געוואָרפן לאָזונגען: „מיר פאָדערן פון דער צאַרישער רעגירונג, אַז זי זאָל אַלערשטנס דערלויבן צו עפענען אייגענע פּוילישע שולן מיט דער פּוילישער אונטעריכט־שפּראַך אין גאַנץ פּוילן!...

די גאַנצע צייט פון דער דעמאָנסטראַציע, האָט זיך די פּאָליציי כלומרשט געהאַלטן גלייכגילטיק, נישט געשטערט און זיך נישט אַריינגעמישט, אָבער אומעטום געהאַט צעשטעלט אירע אַגענטן.

די עלטערן פון די שילער זענען געווען זייער אומרויִק און איבערגעשראָקן וועגן גורל פון זייערע קינדער.

אַזוי האָב איך געזען לויפן אַ פאַרסאַפּעטן און צעשראָקענעם נאָך דער דעמאָנסטראַציע, ה' בלום, אַן אייגנטימער פון אַ גרויס טאַבאַק־געשעפט. ווייזט אויס, אַז ער האָט געוואָלט אויפזוכן זיין זון לעאָן, איינער פון די געציילטע יידן אין דער רעאַל־גימנאַזיע, און אַ באַקאַנטער פירער פון דער פּ.פּ.ס.־יוגנט אין דער שול.

נאָכמיטאָג האָט די פּאָליציי זיך גענומען אויפזוכן די אָרגאַניזאַטאָרן און אָנפירערס פון שטרייק און פון דער דעמאָנסטראַציע.

די אָנפירערס האָבן זיך טאַקע באַלד אָפּגערוימט און האָבן פאַרלאָזט די שטאָט, נאָך איידער די פּאָליציי איז געקומען זיי זוכן.

אייניקע זענען דערווייל געפאָרן אין אַנדערע שטעט, ווו די פּאָליציי האָט זיי נישט געקענט, אויף ווייטערדיקע אויפקלערונגס־פאַרזאַמלונגען.

אַ קורצע צייט זענען די שולן און גימנאַזיע געווען געשלאָסן.

דערווייל זענען פאָרגעקומען באַראַטונגען פון לערער־פּערסאָנאַל, לויט די אָנווייזונגען פון דער רוסישער מאַכט. די לעצטע האָבן גערופן די עלטערן פון די פאַרדעכטיקטע שילער־אָנפירער, וועלכע זיי האָבן אָנגערופן „קראָמולניקעס” (רעוואָלוציאָנערן). זיי האָבן געמאָלדן די עלטערן, אַז דער שול־ראַט האָט באַשלאָסן צוצונעמען ביי זיי די רעכט פאָרצוזעצן זייער לערנען אין דער גימנאַזיע.

דערביי האָבן זיי איינגעטיילט די שולדיקע אין צוויי קאַטעגאָריעס: 1. די הויפּט־שולדיקע, אַ גרופּע פון זעקס שילער (צווישן זיי דער ייד לעאָן בלום), ווערט פאַרבאָטן פאָרצוזעצן זייער שטודיום בכלל אין דער גאַנצער רוסישער אימפּעריע; 2. די צווייטראַנגיקע רעוואָלוציאָנערן, אַ צאָל פון 72 שילער, ווערט פאַרבאָטן פאָרצוזעצן זייער לערנע אין דער לאָוויטשער גימנאַזיע, אָבער עס וועט זיי פאַרלייכטערט ווערן דער קנס, אויב זיי וועלן זיך אַנטשולדיקן און איבערבעטן דעם לערער־פּערסאָנאַל.

לעאָן בלום איז טאַקע שפּעטער אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד און שטודירט אין בעלגיע.

*

פון די נאַציאָנאַל־ און ציוניסטיש־געשטימטע שילער, סיי סאָציאַליסטישע, אין דער רעאַל־גימנאַזיע אין לאָוויטש, געדענק איך פאָלגנדע: קיפּניס איז געקומען אַלס עקסטערן פון רוסלאַנד און אַריינגעטראָטן גלייך אין 7־טן קלאַס; איינער לאַטערנער פון אַלעקסאַנדראָווע, דעם דאָרטיקן באַן־עקספּעדיטאָרס זון. דער פאָטער איז געווען אַן אַסימילירטער ייד. ער האָט איינקוואַרטירט

דאָס יינגל נאָך פון דער ערשטער קלאַס ביי אַ פּראָפּעסאָר אין פּענסיאָנאַט. דאָס יינגל האָט זיך אין דאָזיקן פּענסיאָנאַט געפונען זעקס יאָר צייט, און נישט געקוקט אויף דער סביבה, וווּ ער איז איינגעשטאַנען, איז ער געוואָרן אַ הייסער ציוניסט און שפּעטער אַ ציוניסט־סאָציאַליסט. ער האָט שפּעטער פאַרלאָזט דעם פּוילישן פּענסיאָנאַט און איז אַריבער אין יידישן פון שמואל קרישטאַל. דאָס יינגל לאַטערנער האָט זיך געלערנט העברעאיש און יידיש. ער האָט אַבאָנירט אַ ציוניסטישן זשורנאַל אין רוסיש, „וואָסכאָד״, און געלייענט די „הצפירה״. ער האָט אויך אונדז שפּעטער מיט־געהאָלפן אין קולטורעלער אַרבעט און געגעבן לעקציעס פאַר אָרעמע אַרבעטער. שפּעטער האָט ער שטודירט אין דייטשלאַנד, אין בראָנשוויייג.

דער שילער כהן פון וואַרשע, איז אויך געווען ציוניסטיש געשטימט. ער האָט זיך אויסגעהאַלטן דורך געבן לעקציעס. ער איז געווען אַ גוטער פּעדאַגאָג. איך האָב אויך גענומען ביי אים אַ לעקציע און געצאָלט 10 רובל פּער חודש.

אין די שפּעטערע יאָרן זענען שוין געווען פיל שילער אין דער רעאַל־גימנאַזיע, וואָס זענען געווען ציוניסטן אָדער פּועלי־ציון־חברים. אַ טייל פון זיי ס״ס און „בונד״. זיי פלעגן רעדן צווישן זיך יידיש און העברעאיש.

די אַנטשטייאונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג

געווען איז עס אין זומער פון יאָר 1898.

מיר, חדר־יינגלעך, האָבן געהערט אַ ווערסיע, אַז דער טער־קישער סולטאַן וויל פאַרקויפן פּאַלעסטינע דעם יידישן פאָלק, און מיט דער זאַך פאַרנעמען זיך אָנגעזעענע, רייכע יידן, ווי משה מאָנטעפיאָרע, באַראָן הירש און פיל רבנים. (וועגן ד״ר הערצל האָבן מיר נאָך זייער ווייניק וואָס געהאָט געהערט).

אין דער זעלבער צייט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אין שטאָט, אַז קיין לאָוויטש קומט אַ „חכם״, ד.ה. אַ ספרדישער רב פון ארץ־ישראל, וואָס וועט האַלטן אַ דרשה אויף לשון־קודש.

אין דעם באַשטימטן טאָג האָבן מיר, איך און הערשל כהן (ד״ר צבי כהן, באַוווסטער יידישער שרייבער אין אַמעריקע), געקלערט תחבולות, ווי אַזוי זיך אַרויסצוקריגן פון חדר, ווייל מיר האָבן געוווּסט, אַז אונדזער רבי ר׳ איטשע מאירל, וועט אונדז נישט אַהיימלאָזן פריער ווי האַלב ניין אין אָוונט, ווען ס׳וועט שוין זיין נאָך דער דרשה פון „חכם״.

מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן דורכפירן אַ פּלאַן, וואָס האָט זיך אונדז טאַקע איינגעגעבן. הערשל האָט פּלוצלינג בעתן לער־נען פאַרלייגט דעם קאָפּ, פאַרגלייזט די אויגן און זיך פאַרקרומט פון „צאָן־ווייטיק״. דערביי האָט ער זיך פאַרבונדן ס׳פּנים מיט אַ טאַשן־טיכל און גענומען קרעכצן. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז הערשל האָט שוין נישט מיטגעלערנט מיטן טאָקס פון די אַנדערע. דער רבי האָט צוליב רחמנות אויף הערשלען, ער איז דאָך געווען אַ יתום, אָפּגעשטעלט דאָס לערנען און אונדז אַלעמען באַפרייט אַרום 7 אַזייגער.

אין בית־המדרש איז שוין געווען אַ גרויסער עולם מיט נייגעריקע און פון מינוט צו מינוט איז דאָס בית־המדרש געוואָרן געפּאַקט איבער די ברעגעס. די ענגשאַפט און די היץ איז געווען אַ שרעקלעכע, אָבער די נייגעריקייט איז געווען פיל גרעסער און מ׳האָט גערן געליטן.

אַנשטאָט דעם ספרדישן חכם, איז דעמאָלט דערשינען אַ משכילישער יונגערמאַן פון זשיראַרדאָוו, אַ געוויסער בראָמבערג. ער איז געווען אַ פייערדיקער רעדנער און מיט זיין אַגיטאַציע־דרשה, האָט ער געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף די פאַרזאַמלטע יידן אין בית־המדרש. ער האָט גערעדט זייער אַ שיינעם יידיש.

נאָך דער דרשה האָט ער פונאַנדערגעטיילט בראָשורן, און די יעניקע, וואָס האָבן איינגעשטימט, האָט ער פאַרשריבן אַלס מיטגלידער אין אָרטיקן סניף פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אין דער דאָזיקער אַרבעט האָבן אים מיטגעהאָלפן: מרדכי ביאַליק, יעקב־אהרן טושינסקי, ישעיה קליינבאַרד, גרשון גראַניצאַ, יעקב פישל מילעווסקי, יצחק־גרשון ליפּסקי, יצחק יוסף חזן (בית־המדרש־שמש) און אַנדערע.

ה׳ בראָמבערג איז געבליבן אין לאָוויטש איבער אַ וואָך צייט און געהאַלטן דרשות אין בית־המדרש. ער איז געווען אַ שאַרפזיניקער רעדנער און זיינע דרשות, דורכגעפלאָכטן מיט פּאַסיקע מאמרי חז״ל וועגן שיבת ציון און ישוב ארץ־ישראל. זיינע דרשות האָבן צוגעצויגן הונדערטער מענטשן פון אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, דערונטער פיל חסידישע יידן. אַדאַנק זיינע איינפלוסרייכע דרשות האָבן במשך אַ וואָך צייט זיך פאַרשריבן איבער 300 מיטגלידער אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאָוויטש. דאָס איז געווען אין 1898.

באַלד דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן צו פאַרקויפן שקלים און געפירט אַ ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע.

שפּעטער האָט זיך קאָנסטיטואירט דער אָרטיקער ציוניסטי־שער קאָמיטעט אונטערן פאָרזיץ פון שפּעטערדיקן מאַרטירער ה׳ משה ליפשיץ ז״ל. (דער לעצטער איז אויפגעהאָנגען געוואָרן דורך די קאָזאַקן אין יאָר 1914). אין יענער צייט איז מיין פאָטער געוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר און אני הקטן, בין אויך פאַר־שריבן געוואָרן אַלס חבר פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע.

קאַזאַרמעס און פּריוואַטע הייזער פון אַמאָליקן לאָוויטש

ס׳איז כדאי צו דערמאָנען איניקע מאָמענטן פון אַ פריער־דיקער תקופה, ווען איך בין נאָך געווען גאָר אַ קליין יינגעלע. דאָס איז די צייט, ווען רוסלאַנד האָט אין אָנהויב פון די 90־ער יאָרן אין פאַריקן יאָרהונדערט, אָנגעהויבן צו פאַרפעסטיקן איר הערשנדע פּאָזיציע אין פּוילן.

לויט דעם צעטיילונגס־אָפּמאַך (1795) פון פּוילן, האָט קיינער פון די „דריי גרויסמאַכטן״ נישט געטאָרט האָבן נאָענט צו די גרענעצן קיין מיליטער־איינהייטן. רוסלאַנד האָט דעריבער קאָנ־צענטרירט אירע מיליטערישע כוחות אין דער געגנט פון לאָוויטש, אַלס דעם נאָענטסטן מערב־פּונקט צו דער דייטשער גרענעץ.

און אין יענער צייט, וואָס איך דערצייל דאָ, ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין יינגל, האָט די רוסישע מאַכט ראשית כל געענדערט דאָס קאָנצענטרירן פון מיליטער אין פאַרשידענע פּונקטן אין לאָוויטש. אַנשטאָט דעם האָט זי דאָס מיליטער אָפּ־געזונדערט פון דער ציווילער באַפעלקערונג. ווייל ביז דעמאָלט איז דאָס מיליטער געווען צעוואָרפן איבער דער גאַנצער שטאָט. אין אַלע גאַסן זענען געווען קאַזאַרמעס אין פּריוואַטע געדונגענע

דירות, ווו עס האָבן סטאַציאָנירט קליינע מיליטער־גרופּן, צו איין אָדער צוויי „וזוואָדן" אין אַ הויז; אויך די „פּולקאָווע קאַנצעלאַריע" האָט זיך געפונען אויף זדונסקאַ גאַס, אין יידישן צענטער, אין וועקשטיינס הויז, זדונסקאַ 21.

אַנשטאָט דעם, איז דאָס מיליטער איבערגעטראָגן געוואָרן אין צענטראַלע ערטער, אין גרויסע אויפגעמויערטע קאַזאַרמעס, אויף פּאַדזשעטשנאַ גאַס, גלאָוונער וועג און אויף די קאַסטקעס, אַזוי, אַז די זעלנער זענען איזאָלירט געוואָרן און שוין געהאַט ווייניקער קאָנטאַקט מיט דער ציווילער באַפעלקערונג.

די אַקציע פון אָפּזונדערן דאָס מיליטער פון דער ציוויל־באַפעלקערונג, האָט מען דעמאָלט גערופן „פּלעווע׳ס סיסטעם", לויט דער פאַראָרדענונג פון דעמאָלטיקן רוסישן פּרעמיער־מיניסטער, וועלכער איז שפּעטער דערשאָסן געוואָרן.

רוסלאַנד האָט זיך געריכט אויף אַ מלחמה־אויסברוך צווישן איר מיט דייטשלאַנד אין אָנהויב פון היינטיקן יאָרהונדערט, און אין יאָר 1900, באַלד נאָך די גרויסע מאַנעוורעס, וואָס זענען פאָרגעקומען אויפן גאַנצן שטח פון פּוילן, זיך גענומען פאַרברייטן צו אַזאַ עווענטואַליטעט און פונאַנדערגעבויט דאָס באַן־וועזן, נאָענטער צו דער פּרייסישער גרענעץ — פון וואַרשע ביז קאַליש.

אין לאָוויטש איז געבויט געוואָרן די באַן־סטאַציע זשעלקאָוויץ, בעת ס׳איז געבויט געוואָרן די נייע באַן־ליניע וואַרשע—קאַליש.

ביים אויסברוך פון דער יאַפּאַניש־רוסישער מלחמה אין יאָר 1904, זענען פון אַלע פּולקן פון דער רוסישער אַרמיי געשיקט געוואָרן ראָטעס מיליטער אויפן ווייטן מזרח. פון לאָוויטשער פּולק איז געשיקט געוואָרן די 10־טע ראָטע.

פאַרן אָפּפאָרן אויפן פראָנט איז פאָרגעקומען אַן „סמאָטר" פון די באַזונדערע מיליטער־אייַנהייטן דורך דער מיליטערישער הויך־קאָמאַנדע בראש פון צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן. אַזאַ „סמאָטר" (אויפמאַרש) איז פאָרגעקומען אויף דער נייער באַן־סטאַציע, ווו מ׳האָט זי גערופן „קאַלישער באַן־סטאַציע".

אויפן וועג, וואָס פירט פון פערדס־מאַרק ביז דער סטאַציע, זענען אָוועקגעשטעלט געוואָרן קאָזאַקן אויף פערד, וועלכע האָבן געהאַלטן וואַך, כדי נישט דורכצולאָזן קיין שום ציווילן מענטש, אויסער נאָר יחידי־סגולה, וואָס האָבן באַקומען ספּעציעלע דערלויבענישן פון דער אָרטיקער מאַכט, אום זיך צו קאָנען באַטייליקן אין דעם פּאַראַד.

פון דער יידישער געמיינדע האָבן זיך דעמאָלט באַטייליקט הרב ר׳ בצלאל בידערמאַן ז״ל און עטלעכע דאָזאָרעס.

די אַרבעטער־באַוועגונגען און זייער אָפּקלאַנג אין לאָוויטש

מיטן אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווען די אַרבעטער־באַוועגונגען האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אין גאַנץ רוסלאַנד און אויך אין פּוילן, האָט דער אָפּקלאַנג אויך נישט דורכגעלאָזט לאָוויטש. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז די אַרבעט איז געפירט געוואָרן אונטערערדיש.

די הויפּט־אָנפירער פון דער אַרבעט זענען געווען די אינטעליגענץ און פון דער שול־יוגנט. אַזוי האָט עקזיסטירט אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי — פּ.פּ.ס., וועמענס אָנפירער זענען געווען שילער פון דער רעאַל־גימנאַזיע און יונגע אַרבעטער.

פון צווישן דער קליינער צאָל יידישע שילער פון דער רעאַל־גימנאַזיע, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אַלס אָנפירער פון דער פּ.פּ.ס., זענען געווען דעם טאַבאַק־סוחר ה׳ בלומס זון לעאָן, זיין חבר דווידסון פון וואַרשע א.א.. די לעצטע האָבן געפירט אַן אינטענסיווע אַרבעט אויפן פּאָליטיש־קולטורעלן געביט.

צו דער פּ.פּ.ס. האָט אויך געהערט אַ יידישער סטאָלאַר, הענעך (שמעכל).

אין לאָוויטש איז אין יענער צייט געווען אַ סאָציאַליסטיש־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי מיטן נאָמען פּ.ס.ד., פון וועלכער עס געדענקט זיך אויך איין יידישן אַרבעטער, יעקל, אַ זון פון משה שוסטער.

אין דער זעלבער צייט האָבן זיך אויך געשאַפן די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. און אין לאָוויטש האָבן זיך אויך געשאַפן די דריי יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען: ס״ס (ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע), פּועלי־ציון און „בונד".

פון די יונגעלייט, וואָס האָבן געאַרבעט אין לאָדזש, זענען אַ טייל געווען בונדיסטן. דאָרט, אין לאָדזש, האָבן זיי זיך באַטייליקט אין די אַרבעטער־קרייזלעך, אויסגעהערט רעפעראַטן, מיטגעגאַנגען אויף די „בירזשעס", אויף וועלכע ס׳איז צווישן די שפּאַצירנדיקע פּאָרלעך געפירט געוואָרן אַ סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע — און נישט אויף קיין פאַרזאַמלונג — דאָס לעצטע איז געווען מער זיכער, נישט באַמערקט צו ווערן דורך דער פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע.

(אויף פאַרזאַמלונגען, וואָס פלעגן אַמאָל פאָרקומען הינטער דער שטאָט אין אַ גאָרטן, אָדער וואַלד, פלעגט פּאָליציי שטענדיק אָנפאַלן, האָבנדיק אירע אַגענטן, און געמאַכט אַרעסטן).

די לאָוויטשער אַרבעטער, על־פּי־רוב — זאָקנמאַכערס, האָבן געהערט צו דער ס״ס, און אַן אָנגעזעענער טייל צו דער „פּועלי־ציון". שניידערס און שוסטערס האָבן זיך אַממערסטן גרופּירט אַרום דעם „בונד", אָבער אין לאָוויטש איז עס תמיד געווען אַ שוואַכע באַוועגונג, אין קעגנזאַץ צו אַנדערע שטעט.

פון צווישן די אָנפירערס און טעטיקע חברים פון ס״ס געדענקט זיך: יהושע מאָזעס (שניידער, דער זון פון מאָטע מאָזעס). ביי אים אין שטוב (אויף זדונסקאַ גאַס, אין שלאָסער ריצאַרסקיס הויז, טיף אין הויף), פלעגן פאָרקומען פאַרזאַמלונגען, דיסקוסיעס און אָוונט־קורסן. פאַרזאַמלונגען פלעגן אויך פאָרקומען אין טייהויז פון דער שעפּסערין (איר זון, יעקל דער היטלמאַכער, פלעגט פירן דאָס טיי־הויז). אָבער נאָכדעם, ווי פּאָליציי האָט געוואָרפן אַן אויג אויף דעם אָרט, האָט מען די אַרבעט געמוזט איבערפירן ערגעץ־אַנדערש.

אַזוי פלעגן אויך פאָרקומען „בירזשעס" אויף דער פּאַדזשעטשנאַ־גאַס, באַקאַנט אַלס שפּאַציר־פּלאַץ, און אויפן קוטנער שאָסיי.

די אינטעליגענטע כוחות ביי דער ס״ס זענען געווען: יחיאל־מאיר זילבערבערג, יהושע מאָזעס, די טעכטער פון בייביע זויער, מאָטל בראָט און נאָך אייניקע.

מיט אַ רואיקער און סיסטעמאַטישער פּאָליטיש־קולטורעלער אַרבעט האָבן אויך אָנגעפירט די „פּועלי־ציון". די הויפּט־אָנפירערס זענען געווען: אברהם וואַרסקי, מיין ווייניקייט, וואָלף ווייַנ־

טרויב (דער שפּעטערדיקער באַרימטער קונסט־מאָלער), משה שפּייזהענדלער (שלמה וואָלפס זון) א.אַ., צווישן זיי אַ לאָדזשער באַוווסטזיניקער בחור (שבתאי טלית־מאַכערס אַן אייניקל) און מרדכי ביאַלעקס אַ ברודער, וואָס איז געהאַט געקומען פון ענגלאַנד.

אונדזער הויפּט טעטיקייט איז באַשטאַנען אין פאַרשפּרייטן קולטור צווישן די מאַסן, דורך פירן קורסן פאַר שפּראַך, ליטעראַטור און סאָציאָלאָגיע. פאַר דעם צוועק האָבן מיר דערוואָרבן אַ מענגע פּאָפּולערע ליטעראַטור און בראָשורן. מיר האָבן געגרינדעט אַ ביבליאָטעק מיט קלאַסישער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור, צעשפּאָלטן די גרעסערע ביכער אין דינע טיילן, כדי זיי צו קאָנען פאַרטיילן צו מער לייענער, און האָבן אַ מעגלעכקייט זיי אָפּטער צו טוישן. און כדי אונדזערע באַשיידענע פינאַנציעלע מעגלעכקייטן זאָלן אונדז דערמעגלעכן איינצוקויפן וואָס מער ביכער, האָבן מיר באַשלאָסן די לעצטע אַליין איינצובינדן. און מיר האָבן איינגעאָרדנט אַן איינבינדעריי אין דער סוכה פון וואָלף וויינטרויבס פאָטער, וואָס איז געשטאַנען אַ גאַנץ יאָר ביי זיי אויפן הויף מיט אַ פליגל־דאַך.

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז די גאַנצע אַרבעט איז געטאָן געוואָרן געהיים.

צום פאַרשפּרייטן די ביכער האָבן אונדז צוגעהאָלפן אייניקע יינגערע חברים, און צווישן די ערנסטע מיטהעלפער איז געווען לייבוש זאַקליקאָווסקי (דער באַוווסטער ציוניסטישער אַרבעטער־טוער אין אַמעריקע, לואי סיגאַל ז״ל).

פון צווישן די באַוווסטזיניקע אַרבעטער און סימפּאַטיקער פון די אויבנדערמאָנטע יידישע פאַרטייען געדענקט זיך:

איטשע משה שוסטערס — אַ וועבער אין לאָדזש; שמואל אבא — שלום פיאַנטקערס זון, אַ שניידער; אברהם פּאַטשענגעל, גרשון שוסטערס זון; יאָסל טענצער (רייצע דער קעכינס זון), אַ שניידער און אַ פעאיקער אַרטיסט. ער האָט זיך באַטייליקט אין עטלעכע טעאַטער־פאָרשטעלונגען פון דער לאָוויטשער אַמאַטאָרן־טרופּע, ווי אין יעקב גאָרדינס „שחיטה”, „די באָבע יאַכנע”, „די צוויי קוני לעמלס” און אַנדערע.

די „פּועלי־ציון” האָט אויך געהאַט אָנהענגער און סימפּאַטיקער צווישן די באַלעבאַטישע קינדער, ווי פּסח שפּייזהענדלער (משה שפּייזהענדלערס זון), משה שפּייזהענדלער (שלמה וואָלפס זון), ישראל צודקאָוויטש א.אַ.

✶

אונדזער פּאָליטישע טעטיקייט האָט אויך אין גרעסטן טייל געטראָגן אַן אומפּאַרטייאישן כאַראַקטער. אַזוי, למשל, האָב איך צוזאַמען מיט יחיאל־מאיר זילבערבערג געפירט אַן אַקציע צו פאַרשפּרייטן רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור, וואָס מיר פלעגן באַקומען פון דער פּ.פּ.ס. די קוועלע דערצו האָט געדינט דאָס הויז פון גערטנער אין „ווייסן גאָרטן”, ס׳שיינט מיר, אַז זיין נאָמען איז געווען יאַסטשעמבסקי. זיין טאָכטער, אַ שניידערין, פלעגט אונדז איבערברענגען דאָס מאַטעריאַל אין דער פּוילישער שפּראַך, אויך טיילווייז אין רוסיש.

דערונטער פלעגט זיין אַגיטאַציע־מאַטעריאַל פאַרן מיליטער, און כדי צו קאָנען דאָס מאַטעריאַל פאַרשפּרייטן דירעקט צווישן מיליטער, האָבן מיר געמוזט שטיין אין קאָנטאַקט מיט היימישע זעלנער, צו וועלכע מיר האָבן געהאַט דעם פולסטן צוטרוי.

איינער פון די איבערגעגעבנסטע און אינטעליגענטסטע יידישע זעלנער איז געווען ה׳ לופערמאַן*. ער איז געווען אַ גוטער העברעאיסט און אַ גוטער רעדנער אויף רוסיש און יידיש. ער האָט טאַקע געפירט אַ רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע צווישן מיליטער פון „טאָמסקי פּולק”, וואָס האָט סטאַציאָנירט אין לאָוויטש.

כדי צו באַקומען דאָס אַגיטאַציע־מאַטעריאַל, האָבן מיר זיך באמת מוסר־נפש געווען. געגאַנגען אין פינצטערע נעכט, אין די ערגסטע וועטערן, רעגנס און שניי־שטורעמס און טיפע בלאָטעס, כדי אויסצומיידן דאָס וואַכע אויג פון דער רוסישער „אָכראַנע”: אין דער אַרבעט האָט אונדז צוגעהאָלפן דער זון פון פּוילישן לאָמען שוסטער, וואָס האָט געוווינט אין אַ פּאַציאָטעק־שטיבל אין שכנות פון ישעיה שלום כאַלעמסקי. דער זעלבער איז געווען אַ פּ.פּ.ס.־טוער. ער איז לסוף אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער זשאַנדאַרמעריע און איז אָפּגעזעסן אַ לענגערע צייט אין טורמע, אָבער האָט קיינעם נישט אויסגעגעבן.

אַזוי האָבן מיר, די פאָרגעשריטענע יידישע יוגנט אין לאָוויטש, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין צוגרייטן די רעוואָלוציע פון 1905.

די באָמבע-לאַבאָראַטאָריע אין שיינפעלדס הויז

הגם לאָוויטש איז פאַרהעלטנישמעסיק געווען אַ רואיקע שטאָט, וווּ עס זענען פאָרגעקומען ווייניקער רעוואָלוציאָנערע אויפברויזן ווי אין אַנדערע שטעט, האָט אָבער דאָך די פּ.פּ.ס.־פּאַרטיי געהאַט געהיימע ערטער אין שטאָט וווּ זיי האָבן געפירט זייער אונטערערדישע אַרבעט. זיי האָבן אפילו געהאַט פאַבריקלעך פון געווער און האַנט־גראַנאַטן.

איינס אַזאַ פאַבריקל איז אַנטדעקט געוואָרן דורך דער פּאָליציי אין איינעם פון יעקב שיינפעלדס הייזער, אויף דער פּאָדזשעטשנע גאַס.

אַ יונג פּויליש פּאָרפאָלק האָט געדונגען ביי אים אַ דירה פון צוויי צימערן מיט אַ קוך. זיי האָבן זיך איינגעמאָלדן — ער אַלס מעכאַניק, און זיין פרוי — אַלס לערערין. זיי האָבן דאָרט געוווינט עטלעכע וואָכן צייט.

מיט אַמאָל איז פּאָליציי, וואַרשיינלעך נאָכן באַקומען אַ געהיימע אינפאָרמאַציע, געקומען דורכפירן אַ רעוויזיע אין דער וווינונג. זיי האָבן אָבער דאָרט קיין לעבעדיקן נפש נישט געטראָפן, אָבער בעתן דורכפירן אַ גרינטלעכע רעוויזיע, האָט די פּאָליציי געפונען אַ מאַשין צו מאַכן געווער, און אין אויוון — באַהאַלטן אַ צאָל האַנט־גראַנאַטן און רעוואָלווערן.

די פּאָליציי, צוזאַמען מיט די „אָכראַנע”־אַגענטן, האָבן אַלץ גענוי פאַרפּראָטאָקאָלירט. און אַזוי ווי די וווינונג איז געווען כמעט האַלב־ליידיק, און דאָרט איז נישט געפונען געוואָרן קיין שום לאָקאַטאָר, האָבן זיי צוגעצויגן צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט דעם יידישן הויז־אייגנטימער ה׳ שיינפעלד.

דער נאַטשאַלניק פון דער זשאַנדאַרמעריע האָט האַדורך באַשטראָפט דעם ה׳ שיינפעלד אַדמיניסטראַטיוו אויף איין חודש אַרעסט אָדער אַ געלט־שטראָף פון 500 רובל.

---

* אַן אינטעליגענטער יונגערמאַן פון אוקראַינע, געדינט אין טאָמסקער 10־טן פּולק פּיעכאָטע.

דער אַלטער יעקב שיינפעלד איז שוין דעמאָלט געווען אַ בן־שמונים, און זיינע זין פלעגן פירן זיינע געשעפטן. אַזוי, ווי זיינע צוויי עלטערע זין, משה און זכריה, האָבן שוין געהאַט חתונה געהאַט און געוווינט אויסער לאָוויטש, האָט דער דריטער זון, נחום, געפירט דעם פאָטערס געשעפטן. דער לעצטער האָט זיך דעריבער געווענדעט צו דער זשאַנדאַרמעריע און דערקלערט, אַזוי ווי ער פאַרטרעט זיין פאָטער אין אַלע ענינים, וויל ער אויך פאַרטרעטן אין דעם ענין פון אַדמיניסטראַטיווער שטראָף און גיין פאַר אים אָפּזיצן דעם חודש אַרעסט.

נחום האָט אויפגעקלערט זיין אַלטן פאָטער די סיבה, פאַרוואָס ער וויל נישט באַצאָלן די געלט־שטראָף. פשוט דערפאַר, ווייל אַזאַ שריט קאָן זיין אַ פרעצעדענס אויף להבא, צו קאָנען אויספרעסן געלט דורך פאַרשידענע בלבולים.

און נחום שיינפעלד איז טאַקע אָפּגעזעסן אַ חודש צייט אין טורמע.

שטראָפן פאַר טראָגן יידישע קליידונג און „דוכאָוונע מענטשן"...

די רוסישע מאַכט האָט פאַרבאָטן די ציווילע יידישע באַפעלקערונג צו טראָגן יידישע רעליגיעזע קליידער, ווי צ.ב. פיאות, אַ שטריימל, אַ קאַפּל, אַ גאַרטל, ווייסע לאַנגע זאָקן, אַ זיידענע אָדער אַטלאַסענע קאַפּאָטע. און אויב עמעצער איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס אין יידישן טראַכט, איז ער באַשטראָפט געוואָרן דורך דער פאָליציי.

דער דאָזיקער פאַרבאָט איז שטרענג אָפּגעהיטן געוואָרן אין גאַנץ רוסיש־פוילן, און פאָליציי פלעגט אָפט מאַכן אָבלאַוועס איבער די גאַסן פון יידישע שטעט און כאַפּן יידן, וואָס האָבן געטראָגן דעם טראַדיציאָנעלן יידישן טראַכט. אַזוי איז פאַרבאָטן געווען צו טראָגן אַ קאַפּל אויפן קאָפּ, אפילו אונטערן היטל, אויב מ'האָט עס אַרויסגעזען, אָדער אַ שלאָפראָק. פאַרן עובר זיין אויף דעם געזעץ, האָט מען באַצאָלט 5 רובל שטראָף פאַר יעדן אַזאַ „חטא".

בעת אַזאַ אָבלאַווע, האָט יחיאל לעווקאָוויטש געמוזט באַצאָלן 25 רובל פאַר 5 „חטאים". גייענדיק שבת אינדערפרי אין דער מקווה אַריין, האָט אים אַ סטראַזשניק אָפּגעשטעלט און האָט פעסטגעשטעלט ביי אים: אַ קאַפּל אויפן קאָפּ, אַ שלאָפראָק, ווייסע לאַנגע זאָקן, פיאות און אַ גאַרטל. דעם זעלבן שבת האָט די פאָליציי געכאַפּט פיל יידן פאַר ענלעכע „פאַרברעכנס" און זיי האָבן געמוזט צאָלן שטראָף.

אַן אויסנאַם זענען געווען די אָפיציעלע רבנים, וואָס האָבן באַקומען ספּעציעלע דערלויבענישן צו טראָגן יידישע קליידונג.

אויך זענען אין יעדער יידישער שטאָט געווען עטלעכע פערזאָן, וואָס הגם זיי זענען נישט געווען קיין אָפיציעלע רבנים, האָבן זיי אָבער דאָך באַקומען אַ דערלויבעניש צו טראָגן דעם רעליגיעזן טראַכט. דאָס זענען דער רוב געווען עלטערע יידן, וואָס האָבן זיך דורך פּראָטעקציע באַמיט צו באַקומען אַזעלכע דערלויבענישן מיט פאַרשידענע תירוצים.

זיי האָט מען גערופן ביי דער מאַכט: „דוכאָוונע" (גייסטלעכע). אין לאָוויטש זענען אויך געווען עטלעכע אַזעלכע פריי־

ווילעגירטע: ר' נתן־חיים מאַרגאָלעס, ר' שמעון עקיבא גיסנבוים, ר' שמואל שוחט און ר' משה־אהרן סאָכאַטשעווסקי.

שפּעטער אָבער האָט די רוסישע מאַכט בכלל אויפגעהערט אַרויסצוגעבן אַזעלכע דערלויבענישן און מיט מער רשעות איינגעפירט דעם אויבנדערמאָנטן פאַרבאָט, וואָס האָט געצילט צו רוסיפיצירן די יידישע ווי די אַלגעמיינע באַפעלקערונג.

דער ערשטער באָיקאָט־אויפרוף

פון דער צייט פון דער „שטורעם און דראַנג תקופה" און דער פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט, וואָס איז געפירט געוואָרן אין לאָוויטש, געדענקט זיך אַזאַ עפּיזאָד:

פאַרן געלט־פאָנד פון רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, אויף אָנצופירן דעם פּאָליטישן קאַמף, זענען אונטערגענומען געוואָרן אַקציעס דורך פּריוואַטע שפּענדונגען און זאַמלונגען אויף חתונות, פאַרווייַלונגען, אָוונטן א.אַ.וו.

ס'זענען אויך פון צייט צו צייט אַרויסגעשיקט געוואָרן פאַרלעך צו זאַמלען געלט ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג. ביי אַזאַ אַלגעמיינער זאַמלונג איז פאָרגעקומען אַ פאַרדריסלעכער אינצידענט מיט דעם פאַרמעגלעכן קאָלאָניאַל־סוחר יחיאל לעווקאָוויטש.

ווי נאָר ער האָט געהערט, אַז דער צוועק פון דעם געפאָדערטן פון אים געלט, גייט פאַרן פאָנד פון פּאָליטישן קאַמף, האָט ער זיך אָנגעצונדן מיט כעס און געזידלט די ערן־זאַמלער. ער האָט זיי פשוט אַרויסגעיאָגט פון זיין געוועלב. (איבעריקנס, איז ער בטבע געווען אַ היץ־קאָפּ).

דער אינצידענט האָט אַרויסגערופן גרויס אויפרעגונג צווישן דער יוגנט און מ'האָט געפאָדערט פון אַלע זייטן, אַז מ'זאָל באָיקאָטירן לעווקאָוויטשעס געשעפט.

פון ווערטער איז מען אַריבער צו מעשים.

דער אָרטיקער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן אַרויסצולאָזן אַן אויפרוף צו דער באַפעלקערונג וועגן אַ באָיקאָט אויף לעווקאָוויטשעס געשעפט, צוליב זיין ברוטאַלער האַנדלונג קעגן דער אידעאַלער אַקציע.

די טעכנישע אויספירונג פון דאָזיקן אויפרוף איז איבערגעגעבן געוואָרן אברהם וואַרטסקין און מיין ווייניקייט. מיר האָבן אָפּגעדרוקט דעם אויפרוף מיט אַ העקטאָגראַף אין קליינעם „בית־המדרשל". (דאָרט פלעגן דאַווענען אום שבת די חברה „מקרא" — שניידערס), דאָס איז געווען דער נעבן־צימער פון בית־המדרש.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז ווי נאָר דער אויפרוף איז פונאַנדערגעקלעפּט געוואָרן אויף עטלעכע עפנטלעכע ערטער, אויך אין בית־המדרש און אין די שטיבלעך, האָט זיך געמאַכט אַ טומל אין שטעטל. און יחיאל לעווקאָוויטש האָט געקריגן פּחידה... מורא־האָבנדיק, אַז ער וועט פאַרלירן די שטאָטישע קונדשאַפט.

בקיצור, באַלד צומאָרגנס האָט יחיאל לעווקאָוויטש געלאָזט מעלדן דעם קאָמיטעט, אַז ער האָט חרטה אויף זיין נישט־באַרעכנטער האַנדלונג און ער וואַרפט זיך אונטער דער אָפּשאַצונג און קנס, וואָס דער קאָמיטעט וועט באַשטימען.

נאָכן דורכקומען מיט אים וועגן קנס, איז דער באָיקאָט קעגן אים גלייך אַראָפּגענומען געוואָרן.

אברהם ווארטסקי, חיפה

געשיכטע פון דער קהילה אין לאָוויטש

ביים סוף פון 18־טן י״ה האָבן יידן אָנגעהויבן זיך צו באַזעצן אין לאָוויטש בקביעות, אָבער אויך נישט מיט אַמאָל אין דער גאַנצער שטאָט, נאָר אין באַשטימטע גאַסן.

לויט געשיכטלעכע קוועלן, איז די ערשטע גאַס, אין וועלכער יידן איז דערלויבט געוואָרן צו וווינען, געווען די פּיעטרקאָווער, אָדער ווי זי פלעגט הייסן ביי יידן — די גלאָוונער גאַס. (שפּע־טער איבערגעאָנדערשט געוואָרן אויף ד״ר סטאַניסלאַווסקי גאַס).

אברהם ווארטסקי

ווי דאָס האָט פּאַסירט איבע־ראַל, ווו עס האָט זיך אָנגעהויבן שאַפן אַ יידישער ישוב, האָט מען קודם כל גענומען זאָרגן פאַר דער באַפרידיקונג פון די נויטיקסטע געמיינזאַמע רעליגיעזע באַדער־פענישן, ווי דאָס איינאָרדענען אַ בית־תפילה, אַ מקווה, בית־הקב־רות א.ד.גל.

די דאַטעס פון די ערשטע רעליגיעזע איינריכטונגען און די נעמען פון די דעמאָלטיקע פרנסים זענען געבליבן אומבאַקאַנט.

צוזאַמען מיט דער פאַרגרעסערטער איינוואַנדערונג און נאַטירלעכן צוווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג, האָט זיך דאָס קהילה־לעבן אין לאָוויטש בהדרגהדיק אָרגאַניזירט און קאָנ־סאָלידירט אויף די זעלבע יסודות, וואָס אין אַנדערע יידישע קהילות אין פּוילן.

קיין אַלטע איינגעוואָרצלטע אָרטיקע מנהגים, טראַדיציעס, אָדער זכרונות וועגן אַ ברייטער קהילה־אויטאָנאָמיע פון דער צייט פון פאַר דער צעטיילונג פון פּוילן, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין אַנדערע אַלטע איינגעפונדעוועטע יידישע קהילות, האָט דער יידישער ישוב אין לאָוויטש נישט פאַרמאָגט.

מען האָט דעריבער פשוט איבערגעפלאַנצט אַהער מנהגים און געברויכן פון אַנדערע יידישע קהילות, פון וואַנען עס האָבן געשטאַמט דאָס רוב פון די איינגעוואַנדערטע. און מיט דער צייט האָט דער גאַנצער יידישער לעבנס־שטייגער אויך אָנגענומען אַ געוויסן לאָקאַלן קאָלאָריט.

„דאָזאָר בוזשניטשי"

אזוי ווי אין די אַלטע שטעט אין קאָנגרעס־פּוילן, האָט אויף דעם סמך פון אַ פאַראָרדענונג פון וואַרשעווער נאַמיעסטניק אויך איבער דער לאָוויטשער קהילה געוועלטיקט דער אין פּויליש אַזוי־גערופענער „דאָזאָר בוזשניטשי" (שול־אויפזיכט), וואָס איז באַ־שטאַנען פון עטלעכע געוויילטע פרנסים, אַלגעמיין באַקאַנט אונטערן נאָמען דאָזאָרעס. ווי עס באַווייזט שוין דער נאָמען, זענען די קאָמפּעטענצן פון דעם „דאָזאָר" געווען זייער באַגרע־נעצטע און זיך באַזירט אויסשליסלעך צו דער אויפגאַבע צו זאָרגן פאַר די רעליגיעזע הצטרכותן פון קהל, ווי אויסצוהאַלטן די אָרטיקע רעליגיעזע אַנשטאַלטן, דעם רב, שוחטים און אַנדערע כלי־קודש. דערביי אויך דערלאַנגען אין געוויסע ראַמען פילאַנ־טראָפּישע הילף פאַר נויטבאַדערפטיקע אין דער געמיינדע. די דאָזיקע הילף איז אין דער ערשטער ריי באַשטאַנען אין דער פליכט פון דער קהילה צו צאָלן די קוראַציע־קאָסטן פאַר אָרעמע יידישע קראַנקע אין די עפנטלעכע שפּיטאָלן, אין דער צייט, ווען פאַר די אָרעמע קריסטלעכע קראַנקע האָט געצאָלט דער מאַגי־סטראַט פון דער שטאָט־קאַסע, אין וועלכער יידן האָבן נישט געהאַט קיין קלענערן חלק, אויב נישט קיין גרעסערן, ווי די גויים. (די דאָזיקע גזרה איז בטל געוואָרן ערשט אייניקע יאָר נאָך פּוילנס באַפרייאונג).

די דאָזאָרעס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די אָפיציעל־אָנער־קענטע רעפּרעזענטאַנץ פון קהל לגבי די רעגירונגס־אָרגאַנען. זיי האָט מען איבערגעגעבן די צאַרישע פייערלעכע מאַניפעסטן און אַנדערע וויכטיקע רעגירונגס־פאַראָרדענונגען און ווענדונגען, מיט דעם צוועק זייער אינהאַלט באַקאַנט צו מאַכן צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. (דאָס פלעגט געשען אין דער פאָרם פון פאַרלייענען דעם חשובן דאָקומענט אין דער אָפיציעלער רוסי־שער שפּראַך אין דער שול שבת נאָך קריאת התורה). נישט איינמאָל האָבן די דאָזאָרעס אויך געמוזט אויסהערן שטרענגע שטראָף־רייד און נזיפות מצד די מאַכטהאָבער, ווען עס איז זיי עפּעס נישט געפעלן ביי דער יידישער עדה.

כדי צו דעקן די הוצאות פון דער קהילה, זענען די דאָזאָרעס געווען באַרעכטיקט אָרויפצולייגן אויף די קהילה־מיטגלידער אַ ספּעציעלן קהילה־שטייער (ביי יידן באַקאַנט אונטערן נאָמען „עטאַט"), וועלכער איז באַזירט געווען אויף דער פאַרמעגלעכקייט און הכנסה־קוועלן פון עטאַט־צאָלער לויט דעם פרייען, אומקאָנ־טראָלירטן איינזען פון די ראשי־הקהל.

דער צוזאַמענגעשטעלטער יערלעכער בודזשעט פון די הכנסות און הוצאות, צוזאַמען מיט דער נאָמענטלעכער שטייער־ליסטע, האָט געדאַרפט צוגעשטעלט ווערן דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט צום באַשטעטיקן.

די דאָזאָרעס זענען געוויילט געוואָרן אויף אַ 3־יאָריקער תקופה. אַקטיוו וואַל־רעכט האָבן געהאַט נאָר עטאַט־צאָלער, דערביי ערשט פון 5 רובל. (אין יענער צייט אַ גענוג באַדייטנדע סומע אַלס שטייער) און העכער. אַזוי, אַז נאָר אַ קליינע צאָל קהילה־מיטגלידער זענען באַרעכטיקט געווען אויסצואיבן זייער איינפלוס אויף דער געשטאַלטיקונג פון דער קהילה־רעפּרעזענ־טאַנץ.

נאָך ענגער איז געווען דער קרייז פון די באַרעכטיקטע צו פּאַסיווע וואַל־רעכט. צו די לעצטע האָבן געהערט נאָר פאַרמעגן־באַזיצער, צום ווייניקסטנס האָבן זיי געדאַרפט זיין הויז־באַזיצער, אַזוי, דאָס די ווילער (צוממערסטן אויך מער אָדער ווייניקער פאַרמעגלעכע) האָבן קיין גרויסן אויסוואַל נישט געהאַט. נאַטירלעך האָבן די וואַלן געדאַרפט באַשטעטיקט ווערן דורך דער מאַכט.

לויט דעם אויבּיקן מוסטער איז אין לאָוויטש דער „דאָזאָר בוזשניטשי" בעת דער רוסישער הערשאַפט, ביז צו דער באַפריי־אונג פון פּוילן, באַשטאַנען פון 3 (דריי) מיטגלידער, דערונטער

איינער פון שכנותדיקן שטעטל לישקאָוויץ, וועמענס יידישע איינוווינער האָבן געהערט צו דער לאָוויטשער קהילה.

לישקאָוויץ האָט נישט געהאַט קיין אייגענעם בית־הקברות און דעריבער די מתים געבראַכט קיין לאָוויטש. דאָך האָט לישקאָוויץ, פונקט ווי יעדעס קלענסטע שטעטעלע אין פוילן, געהאַט אַן אייגענעם רב און אַנדערע רעליגיעזע איינריכטונגען. דער דאָזיקער דריטער לישקאָוויצער דאָזאָר איז אייגנטלעך געווען נישט מער ווי אַ צוטשעפעניש, און די לאָוויטשער יידן האָבן כמעט נישט געוווּסט וועגן זיין עקזיסטענץ.

ווי שוין דערמאָנט, האָט צוליב דעם שטאַרק באַגרענעצטן וואַל־צענז, נאָר אַ קליינער טייל פון דער יידישער עדה געקאָנט אָנטיילנעמען אין די וואַלן. די ברייטע מאַסן, עמך, און בכלל ווייניקער באַמיטלטע, זענען בכלל געבליבן אָן יעדער השפעה אויף דעם אויסגאַנג פון די וואַלן.

מיט איין וואָרט, אַ גאָטאַבלען — אייגנטלעך פלוטאָקראַטישע הערשאַפט.

די קלאַסן־פאַרשידנקייט צווישן לאָוויטשער יידן

קיין פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן נאָכנישט עקזיסטירט אויף דער יידישער גאַס (ערשט צוזאַמען מיט דער פרייהייטס־באַוועגונג אין רוסלאַנד און פוילן נאָך דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה פון 1904־5, האָט זיך אויך אין לאָוויטש, ווי איבעראַל, אָנגעהויבן אַ פּאָליטישע פּאַרטיי־באַוועגונג, אָבער אויך נאָר ביי דער יוגנט).

די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך געטיילט אויף חסידים און מתנגדים, צווישן וועלכע עס האָט געהערשט אַ געווּג שאַרפער אַנטאַגאָניזם.

צום מתנגדים־לאַגער האָבן געהערט דער עיקר בעלי־מלאכות און בכלל דאָס אַזוי־גערופענע „פּראָסטע פאָלק", דער המון.

פאַר מתנגדים האָבן זיך אויך גערעכנט די אַזוי־גערופענע „דייטשן", סך־הכל בערך אַ צוויי צענדליק משפחות, וועלכע, געהערנדיק צו די רייכערע ספערן און האַלב אָדער דריי־פערטל אַסימילירט, האָבן זיי זיך געהאַלטן מכלומרשט פאַר דער יידישער אַריסטאָקראַטיע, העכער פון די איבעריקע יידן, געגאַנגען אייראָפּעאיש, אָדער ווי עס האָט געהייסן „דייטש", אָדער „קורץ", געקליידעט, ראַזירט אָדער געשוירן די באָרד, גערעדט אין שטוב פויליש, געשיקט די קינדער אין גויאישע שולן א.ד.גל.

צו די חסידים האָבן באַלאַנגט דער רוב סוחרים און קרעמער, גרעסערע און קלענערע, אונטערשיידנדיק זיך איינער פון אַנדערן מיט זייער רבישער אָנגעהעריקייט. זיי האָבן זיך געטיילט אויף גערער, אַלעקסאַנדערער, גראָדזשיסקער און אַנדערע חסידים.

די חסידים, באַטראַכטנדיק זיך פאַר דעם „אויבערשטן פון שטייסל", פאַר גרעסערע מיוחסים און מקורבים צום רבונו של עולם, פלעגן זיך באַציען מיט פאַראַכטונג און גרינגשעצונג צו די מתנגדים, מערסטנס האָרעפּאַשנע בעל־מלאכהס, עם־הארצישע בעל־עגלהס און בכלל, מגושמדיקע פּאַרגרעבטע אַרבעטס־מענטשן, וועלכע פון זייער זייט ווידער, פלעגן זיי דערויף אָפּענטפערן נישט מיט ווייניקער פאַראַכטונג און זאַגאַר שנאה לגבי די דאָזיקע בעל־גאווהדיקע הענדלער, „באַנק־קוועטשער" און לאַ־יצלחדיקע ליידיק־גייערס.

קיין וואַל־קאַמפּאַניע פאַר די וואַלן, ווי דאָס איז שפּעטער געווען אָנגענומען, איז דאַן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נאָך נישט געפירט געוואָרן. מען האָט קיין וואַל־אויפרופן נישט געדרוקט און נישט פונאַנדערגעטיילט. קיין וואַל־פאַרזאַמלונגען נישט צוזאַמענגערופן און שוין אָפּגערעדט וועגן באַקאַנט מאַכן די וואַלן אין די יידישע צייטונגען, ווייל אַזעלכע זענען נאָך בכלל דעמאָלט אין ערגעץ נישט דערשינען. וועגן דעם טערמין פון די וואַלן („וויבאָרעס" האָט עס געהייסן ביי יידן), האָט מען זיך דערוווּסט פון דער מיט פעטיט־אותיותלעך געשריבענער הודעה, וואָס איז אָנגעקלעפּט געוואָרן אויף דער שול־וואַנט נעבן דער טיר, אָדער ערשט ווען דער שמש האָט „אויסגערופן" אין שול שבת פאַר די „וויבאָרעס".

די צוויי מינים „דאָזאָרעס"

מיט דער צייט האָט זיך אין לאָוויטש איינגעשטעלט דער מנהג, אַז פון צוויי געוויילטע דאָזאָרעס זאָל איינער זיין אַ „דייטש" און דער צווייטער אַ חסיד. דערביי איז דער ערשטער דאָזאָר, דער ראש הקהל, געווייגלעך געווען אַ „דייטש". דאָס איז געשען צוליב צוויי טעמים:

ערשטנס, האָט מען געוואָלט יוצא זיין פאַר ביידע צדדים, און אויבוואָל די חסידים, אַלס וויילער, האָבן געבילדעט די מערהייט, האָבן זיי אָבער נישט געקאָנט מעיז־פּנים־זיין קעגן אַן אָנגעזעענעם און דערצו רייכן „דייטש", וועמענס העכסטע אַמביציע האָט אין יענע באַדינגונגען געקאָנט זיין צו ווערן ראש־הקהל.

דערביי האָבן דאָך די „דייטשן", ווי שוין דערמאָנט, זיך גערעכנט אַלס אָנגעהעריקע צו די מתנגדים און, הגם זיי זענען געשטאַנען וווייט פון די מאַסן, פון עמך, דאָך זיך געהאַלטן פאַר זייערע פאַרשטייער, פּראָטעקטאָרן און בעלי־טובות.

אויך דער המון האָט זיי באַטראַכט פאַר אַזעלכע און געהאַט פאַר זיי גרויס דרך־ארץ.

צווייטנס, און דאָס איז אפשר געווען דאָס וויכטיקסטע, זענען דאָך די דאָזאָרעס געווען די אָנערקענטע רעפּרעזענטאַנטן און שתדלנים פון קהל לגבי דער רעגירונגס־מאַכט. מען האָט געדאַרפט פון צייט צו צייט זיך פאָרשטעלן פאַר די אדונים פון דער ממשלה, רעדן מיט זיי און באַריכטן וועגן עניינים פון דער קהילה, זיך משתדל־זיין פאַרן כלל, און אויך פאַר דעם אָדער יענעם פּרט, פאַרלייענען אין שול דעם צאַרישן מאַניפעסט א.אַ.וו.

ווער האָט עס געקאָנט אויספירן און ווער האָט געדאַרפט זיין פון די ראשי המדברים, אויב נישט דער דייטש־געקליידעטער גלוח, וועלכער רעדט פליסיק אין דער גויאישער פריצישער שפּראַך?

ווי אַזוי די קהילה האָט „אַמטירט" אין די צאַרישע צייטן

קיין באַזונדערן אַמטירונגס־לאָקאַל, אָדער סעקרעטאַריאַט, האָט די קהילה דאַן נישט פאַרמאָגט. דאָס איז אויך דעמאָלט געווען גאַנץ איבעריק. האָט איינער ווען עס איז געהאַט אַן עסק צו דער קהילה, האָט ער געפונען דעם וועג צו דער פּריוואַט־וווינונג פונעם דאָזאָר צו יעדער צייט, ווען עס האָט זיך אים געגלוסט.

די בוכפירונג און קאָרעספּאָנדענץ (אייגנטלעך נאָר באַריכטן און תשובות צו דער מאַכט) אין דער רוסישער שפּראַך, האָט

געפירט אינעם ראַטהויז איינער פון די מאַגיסטראַט־באַאַמטע, וועלכער האָט באַקומען דערפאַר פון דער קהילה אַ ספּעציעלע הוספה צו זיין געוויינלעכן געהאַלט.

רעדנדיק וועגן די ראשי העדה, קאָן מען נישט איבערגיין מיט שטילשווייגן איבער די גבאים פון דער חברה קדישא, וועלכע זענען הגם אָפיציעל נישט אָנערקענט געווען און כלפי־חוץ זיך נישט גערעכנט פאַר פאָרשטייער פון קהל, האָבן זיי אָבער כלפי־פנים, אין דעם אינערלעכן קהילה־לעבן, געשפּילט אַ גאָר באַדייטנדיקע ראָל, און גענאָסן פון גרויס אָנזען, חשיבות און מאַכט־באַזיץ.

אָפטמאָל האָט גבאות פון דער חברה קדישא (אויב דער גבאי האָט אַנטשפּראָכן דעם פאַרמעגנס־צענז) געדינט אַלס איבערגאַנגס־שטאַפּל צום דאָזאָר־מאַנדאַט. הגם דאָס בית־הקברות איז נאָמינעל געווען דאָס אייגנטום פון דער קהילה, האָט אָבער די פאַקטישע שליטה איבער דעם לעצטן געהאַט די חברה־קדישא. די גבאים האָבן באַשטימט וואָס פאַר אַ קרקע — אַ מער אָדער ווייניקער בכבודיקע, אָדער אַ גאָר לעצט־ראַנגיקע — צוצוטיילן דעם נפטר. זיי האָבן אויך באַשטימט דעם פּרייז פאַר דער קרקע.

און דאָס איז דאַן גאָרנישט געווען קיין קליינקייט. עס האָט טאַקע דעמאָלט נישט איינמאָל פּאַסירט, דאָס די קרובים פונעם נפטר, באַטראַכטנדיק דעם געפאָדערטן פּרייז פאַר צו־הויך, אָדער פּשוט פאַר אַ געלט־אויספּרעסונג אין זייער עת־צרה, האָבן זיך מלא כעס אָפּגעזאָגט צו באַצאָלן אַזאַ הויכע סומע. עס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַ סדרה פון לאַנגע אונטערהאַנדלונגען מיט די גבאים. חברה קדישא האָבן זיך נישט געאיילט, געלאָזט דעם בר מינן, נישט געטאָן „זיין רעכט" און נישט געבראַכט אים צו קבורה, ביז עס איז נישט געקומען צו אַן אויסגלייך.

די דאָזיקע טאַקטיק איז בדרך כלל אָנגעווענדעט געוואָרן לגבי פאַרשטאָרבענע גבירים־קמצנים אָדער קלי־ראש, וואָס זענען ביים לעבן נישט געגאַנגען אין דרך הישר. דאָס לאָזן ליגן אַ בר מינן ביז שפּעט אין אָוונט, און ווער שמועסט נאָך הלנת המת, ד.ה. לאָזן אים איבערנעכטיקן און אים נישט קובר זיין אינעם טאָג פון דער פּטירה, לויט דעם אָנגענומענעם מנהג, איז באַטראַכט געוואָרן נישט נאָר אַלס בזיון המת, נאָר אויך פאַר אַ גרויסער חרפה פאַר די איבערגעבליבענע קרובים.

אין אַזאַ פאַל האָט זיך אין דער גאַנצער שטאָט געפילט אַן אויסערגעוויינלעכע שפּאַנונג. אָבער קעגן דער חברה קדישא האָט קיינער נישט געוואַגט אַרויסצוטרעטן. מערסטנטייל געגעבן רעכט די גבאים, העכסטנס דורך שליחים געפירט אונטערהאַנדלונגען, כדי צו ברענגען צו אַן אויסגלייך.

דאָס געלט פלעגט ווערן פאַרווענדעט פאַר אַ „דבר טוב", ווי פאַר דעם גדר פון בית הקברות, פאַר דער תלמוד־תורה, פאַר תכריכים פאַר אָרעמע נפטרים, אָדער שטיצע פאַר אָרעמע קרובים בעת דער שבעה א.אַ.וו.

אין דער צייט, ווען די קהילה־דאָזאָרעס זענען ווייניקסטנס געווען פאַרפליכטעט צוצושטעלן פינאַנציעלע באַריכטן וועגן דער קהילה־ווירטשאַפט דער מאַסגעבנדער רעגירונגס־מאַכט, האָבן די חברה־קדישא־גבאים קיינמאָל און קיינעם נישט אָפּגעגעבן וועלכן עס איז דין־וחשבון וועגן זייערע הכנסות און הוצאות. מען האָט זיי געגלויבט, אַז זיי וועלן קיין מיסברויכן נישט באַגיין, ווי איז פּסוק שטייט: ולא יחשבו את האנשים אשר יתנו את הכסף על ידם... כי באמונה הם עושים (מלכים, ב', י"ב, ט"ז).

די חברה־קדישא איז געווען אַ געשלאָסענער פאַריין. נישט אַזוי לייכט איז אָנגעקומען „איינצוקויפן זיך" אַלס חברה־קדישא־מאַן (אַזוי האָט מען גערופן די מיטגלידער). מען האָט געמוזט ראוי זיין דערצו בנוגע אָרנטלעכער „יידישער" התנהגות אָן פּגם.

די ערשטע צוויי יאָר איז דער נייער חבר געווען אַ „מלאָדזש" (ווייזט אויס פון פּוילישן „מלאָדי" — יונג), נאָך נישט געווען קיין פולבאַרעכטיקטער מיטגליד און געמוזט אויספירן אַלע באַפעלן און אפילו פאַרשידענע שליחותן פון די גבאים.

גבאים זענען געווען דריי: גבאי ראשון, גבאי שני און גבאי שלישי.

די פּראָצעדור פון וויילן די גבאים

דער חשובסטער און דער עיקרסטער איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געווען דער גבאי ראשון. די וואַל־פּראָצעדור איז אויך געווען אַן אייגנאַרטיקע:

יעדעס יאָר ז' אדר (לויט דער טראַדיציע — דער טאָג פון משה רבינוס יאָרצייט) איז ביים גבאי ראשון אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ גרויסער מאָלצייט, אָדער סעודה, פאַר אַלע חברה־קדישא־לייט. בעת דער „סעודה" איז איינגעאָרדנט געוואָרן די קלפּי, ד.ה. דורך אַ גורל זענען באַשטימט געוואָרן דריי בוררים: בורר ראשון, שני ושלישי.

די לעצטע האָבן ערשט געדאַרפט אויסוויילן, אָדער בעסער געזאָגט, נאָמינירן די גבאים. יעדער בורר לויט דעם אים צוגעפאַלענעם גורל. די דאָזיקע וואַל, אָדער נאָמינאַציע, איז ערשט פאָרגעקומען שביעי של פסח (ביז דאַן זענען אוודאי געפירט געוואָרן אונטערהאַנדלונגען).

צומאָרגנס, אחרון של פסח, איז דער שמש פון דער חברה קדישא אַרומגעגאַנגען איבער אַלע בתי־תפילה אין שטאָט און אויסגערופן די נעמען פון אויסגעוויילטע גבאים צום קומענדיקן יאָר. צום גרעסטן טייל זענען דאָס געווען „שיינע", אָנגעזעענע יידן. דערביי האָט זיך כמעט שטענדיק אַרויסגעשטעלט, דאָס איינער פון די גבאים איז געווען אַן אָנגעהעריקער פון דער פאַרצווייגטער אין לאַוויטש, איינגעזעסענער און מיוחסדיקער משפּחה בראָט, אַ שטייגער ווי זי וואָלט דערויף געהאַט אַ חזקה.

עס איז כדאי צו פאַרצייכענען אייניקע נעמען פון די מער בולטע פיגורן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער לאַנגיאָריקער גבאות, צי מיט זייער תקיפותדיקייט, אָדער איבערגעגעבנקייט, ווי דער לאַנג־יאָריקער גבאי שלישי שלמה זגיערסקי (דער זיידע פון שריפטשטעלער ד"ר צבי כהן). גבאי שלישי בצלאל שטעפער (ניימאַן), גבאי שני און שפּעטער גבאי ראשון חיים שלום הערמאַלין — אַ זייער ערלעכער ייד און אַ בן־תורה. די גבאים ראשונים: שמואל בראָט, משה זשעלעכאָווסקי, איטשע בוקי (וועגן דעם לעצטן דערציילט מען, אַז ווען עס איז צו אים אַמאָל געקומען אַ ייד, אַן עושר, אָבער נישט קיין גרויסער פּזרן, און נאָך ביים לעבן געוואָלט קויפן פאַר זיך אַ קרקע נאָך מאה ועשרים שנה, האָט ער אים געענטפערט: „איך האָב נישט קיין לאַגער־סחורה, נאָר ווען דו ווילסט, טאָ קויף און נעם תיכף!").

צום שבח פון דער חברה קדישא, מוז דאָ אונטערגעשטראָכן

ווערן די אומגעוויינלעכע אָפּפערווילִיקייט און איבערגעגעבנקייט פון אירע חברים־וואָלונטירן. זייער אַרבעט איז בכלל נישט געווען קיין לייכטע. אָפטמאָל געמוזט פאַרלאָזן אין מיטן העלן טאָג דאָס געשעפט אָדער ווערקשטעל, און געלאָפן זיך מתעסק־זיין מיט דעם נפטר. מאַכן די טהרה און טאָן אים זיין רעכט, נישט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר רעגן, שניי, אָדער פראָסט א.אַ.וו. נישט איינמאָל איז אויך זייער עבודת הקודש פאַרבונדן געווען ממש מיט סכנות נפשות. אין דער צייט פון ערשטן וועלט־קריג, צ.ב., בעת די בלוטיקע קאַמפן הינטער לאָוויטש, אין דער גרעסטער שיסעריי, אָדער בעת די רוסישע סאָלדאַטן האָבן געבושעוועט אין שטאָט, געהאָנגען אומשולדיקע יידן, אַלס באַשולדיקטע אין שפּיאָנאַזש, האָבן די חברה־קדישא־לייט זייער אַרבעט ווייטער פאָרגעזעצט און געבראַכט צו קבר־ישראל די נפטרים און הרוגי־מלכות.

אויסער דער חברה־קדישא זענען אין לאָוויטש, ווי אין יעדער קהילה, געווען טעטיק נאָך אַנדערע פאַרשידענע וווילטעטיקע חברות, ווי ביקור־חולים, לינת־הצדק, הכנסת־אורחים, הכנסת־כלה, תלמוד־תורה (פאַר אָרעמע קינדער), אויך צו רעליגיעז־גייסטיקע צוועקן, ווי חברה משניות, עין־יעקב, חברה מקרא (געגרינדעט דורך דעם רב ר׳ מיכאל דוב ווייַנגאָט פאַר דעם „פּראָסטן עולם״, מיט וועמען עס איז געלערנט געוואָרן יעדן שבת די פרשה פון דער וואָך *, חברה תהילים, וואָס איז אויך ס׳רוב באַשטאַנען פון עמך און וואָס האָבן יעדן שבת „געזאָגט״ בציבור תהילים. דעם צווייטן טאָג שבועות — דוד המלכס יאָרצייט — פלעגן זיי מאַכן אַ סעודה און וויילן די גבאים פון דער חברה.

איינער פון די ערשטע גבאים

פון די ראשי־הקהל, וואָס האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אין די אַמאָליקע צייטן, איז כדאי צו דערמאָנען ה׳ גרונדלאַנד, וועלכער איז געווען ראש הקהל אין לאָוויטש פון יאָר 1895.

ווי שוין דערמאָנט, פלעגט איינער פון די צוויי דאָזאָרעס זיין אַ „דייטש״ (געוויינלעך — דער הויפּט־דאָזאָר), דער צווייטער — אַ חסיד. ה׳ גרונדלאַנד האָט טאַקע אויך געהערט צו די „דייטשן״, אָבער געפירט זיך גענוג „יידיש״, נישט קיין גלות, געקומען יעדן שבת אין שול דאַווענען און זאָגאַר פון צייט צו צייט געדאַוונט פאַרן עמוד, פאַרטרעטנדיק דעם חזן.

דער צווייטער דאָזאָר איז געווען משה יוסף זילבערבערג — אַ גערער חסיד, אָבער נישט מער געווען ווי אַ פיגוראַנט.

גרונדלאַנד האָט ווירקלעך פיל געלייסטעט פאַר דער לאָוויטשער קהילה. באַזונדערס האָט ער זיך קונה שם געווען מיטן רעמאָנטירן און פאַרשענערן די שול. די לאָוויטשער שול איז ערשט געבויט געוואָרן אין יאָר 1876 (לויט ווי איך האָב געהערט, איז איינער פון די דעמאָלטיקע דאָזאָרעס געווען ר׳ דוד הערשבאַום — עלטער־זיידע פון די ליפּסקיס פון תל־יוסף, ישראל).

די שול האָט געמאַכט אַ גענוג אימפּאָזאַנטן איינדרוק, אָבער נאָר פון דרויסן, מיט איר שיינער אַרכיטעקטור, און דערביי זיך שוין גענויטיקט אין רעמאָנט. אינעווייניק האָט די שול אויסגעזען ווי נישט פאַרענדיקט, אַלץ איז געווען פרימיטיוו; דער ארון־קודש — אַ געוויינלעכע הילצערנע שאַנק, אַזוי דער בעלעמער, צעבראָכענע בענק, גרויע געקאַלכטע ווענט א.אַ.וו. גרונדלאַנד האָט אַראָפּגעבראַכט פון דער פרעמד ספּעציאַליסטן, מאָלער און קונסט־שניצערס, כדי אויסצופירן די נויטיקע אַרבעטן אין דער שול.

די ווענט זענען באַמאָלט געוואָרן מיט שיינע פרעסקן אין אייל־פאַרבן אין פאַרשידענע פאָרמען, איבערן בייעם, זייער שיינעם בעלעמער — אַ בלויער הימל מיט גאָלדענע שטערן. באַזונדערס אימפּאָזאַנט און פּראַכטפול איז געווען דער ארון־קודש מיט זיינע מייסטערהאַפט־קינסטלערישע שניצערייען אין דער פאָרם פון פאַרשידענע בלעטער, בלומען, כלי־זמר א.ד.גל. אַזוי האָט זיך אויך אויסגעטיילט דער פּרעכטיקער פרוכת. די צוויי הויערנדיקע גאָלדענע לייבן ביי די טרעפּלעך פון ביידע זייטן, האָבן אַרויסגערופן גרויס התפעלות נישט נאָר מצד די מתפללים, נאָר פלעגן אויך באַוווּנדערט ווערן דורך אַלע פרעמדע באַזוכער.

לויט מ׳האָט דערציילט, זאָל דער דאָזיקער באמת הערלעכער ארון־קודש האָבן אָפּגעקאָסט אַרום 2.000 רובל (פאַר יענע צייטן אַ גאָר באַדייטנדיקע סומע). נישט אין פיל שטעט האָט מען געקאָנט זען אַזאַ גרויסאַרטיקן און געשמאַקפולן ארון־קודש. פאַר דעם ארון־קודש, אויף די טרעפּלעך ביז אַראָפּ און אַרום דעם שיינעם, נייעם עמוד, זענען געווען אויסגעלייגט פיינע פלושענע דיוואַנען. בלישטשענדיקע זשיראַנדאָלן, פינקלדיקע הענגלייכטער און אַ גאַנצע ריי לאָמפּן (פאַרשטייט זיך נאַפטלאָמפּן) זענען צוגעפעסטיקט געווען צו די ווענט און זיילן. די שול האָט ווירקלעך באַקומען אַ הדרת־קודשדיקן אויסזען, ממש אַ היכל אלוקים.

ווייזט אויס, כדי צו געווינען לייטזעליקייט ביים פּריץ, ביי די רעגירונגס־לייט, איז אין דער סאַמע מיט פון דער דרום־וואַנט פון דער שול, אויפגעהאָנגען געוואָרן אין אַ גרויסער באַגילדעטער ראַם, דער מאָנאָגראַם פון צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן אין רוסישע באַגילדעטע בוכשטאַבן און איבער דעם — די צאַרישע קרוין. פון איין זייט פון דער דאָזיקער ראַם איז געווען אויסגעמאָלן דער הנותן תשועה אין סקאַרבאָוון נוסח. דער חזן פלעגט אים רעציטירן יעדן שבת נאָך קריאת התורה און אין אַלע גאַלאַ־טעג, אָדער ווי זיי פלעגן ביי אונדז הייסן „גאַליוווקעס״ (נאָמענסטעג פון צאַר, צאַרינע, טראָנפאָלגער א.אַ.וו.). ווען אַלע מתפללים שטייען אויף די פיס; פון דער צווייטער זייט, דער זעלבער טעקסט אין דער רוסישער שפּראַך.

כדי צו באַשיצן דעם ארון־קודש און נישט צולאָזן קיינעם צו נאָענט, איז אָנגעשטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלער שמש (מען האָט אים שפּעטער גערופן „דער לייבנהיטער״), וועלכער פלעגט אָפּטרייבן און אָפטמאָל נישט זשאַלעווען קיין קלעפּ די ייִנגלעך, וועלכע האָבן דווקא חשק געהאַט אַ גלעט צו טאָן די מוראדיקע לייבן און טאַקע אָנטאַפּן מיט די אייגענע הענט די געשניצטע בלומען און כלי־זמר פון ארון־קודש.

---

* דער דאָזיקער רב איז געווען לאָוויטשער מרא־דאתרא צווישן די יאָרן 1865—85 און האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ שם פון אַן אויסערגעוויינלעכן איבערגעגעבענעם עסקן בצרכי ציבור און שתדלן, און איז געווען זייער באַליבט ביים המון. פאַר אים איז געווען רב יוסף שאול בוקי (דער זיידע פון אויבנדערמאָנטן איטשע בוקי), זייער פאַרגייער און, שיינט מיר, בכלל דער ערשטער רב אין לאָוויטש, איז געווען ר׳ שמואל שינאָווער, שווער פון ר׳ אלתר זילבערבערג.

די לאַנגיאָריקע מחלוקה צוליב אַ חזן

דאָזאָר גרונדלאַנד האָט אויף אַן אמת געמעגט שטאָלץ זיין אויף זיין ווערק. און זייענדיק אַ מענטש מיט איניציאַטיוו און אַמביציע, האָט ער זיך אַרומגעטראָגן נאָך מיט ווייטערדיקע פּלענער, אָבער דווקא פון דאַנען איז געקומען זיין מפּלה.

עס האָט זיך געמאַכט, וואָס גראָד נאָכן פאַרענדיקן די פאַרפּוצונגס־אַרבעטן ארום דער שול, איז געקומען נאָך לאָוויטש אויף אַ באַזוך צי אויף אַן אינספּעקציע דער וואַרשעווער גובערנאַטאָר. ווערנדיק, אַלס יידישער ראש־הקהל, פאָרגעשטעלט פאַר דעם גובערנאַטאָר און וועלנדיק זיך באַווייזן, האָט גרונדלאַנד איינגעלאַדן דעם גובערנאַטאָר אויף צומאָרגנס אין דער פרי אין שול אַריין. דער גובערנאַטאָר האָט באַוויליקט אָנצונעמען די איינלאַדונג, וואָס איז דאַן באַטראַכט געוואָרן נישט פאַר קיין קליינע זכיה. גרונדלאַנד האָט באַשטעלט דעם חזן מיט די משוררים צו דער באַשטימטער שעה, כדי פאָרצוזינגען דעם הנותן תשועה מיט דעם רוסישן הימן לכבוד דעם צאַר בעת דעם באַזוך פון גובערנאַטאָר.

דער חזן אַליין איז אין דער באַשטימטער שעה נישט דערשינען, און ווען דער גובערנאַטאָר מיטן פּאָוויאַטאָווי נאַטשאַלניק מיט זיין סוויטע, צוזאַמען מיט גרונדלאַנדן, אָנגעטאָן אין צילינדער, האָבן זיך באַוויזן אין דער שיינער און אויסגעפּוצטער שול, האָט גרונדלאַנד געקאָנט זיי ווייזן טאַקע אַ שיינע, אָבער ליידיקע שול.

דער גובערנאַטאָר האָט אים געפרעגט: „וואָס, איר האָט נישט קיין חזן?". מ׳קאָן זיך פאָרשטעלן גרונדלאַנדס פאַרלעגנהייט און זיין ביטערן מצב.

ה׳ גרונדלאַנד האָט, פאַרשטייט זיך, דעם פאַרשולדיקטן חזן באַלד אָפּגעזאָגט פון זיין שטעלע. דער זעלבער חזן האָט ביי די חסידים נישט שטאַרק נושא־חן געווען. (חסידים, הגם זיי דאַווענען נישט אין דער שול, און אַ חזן דאַרף זיי ווייניק אָנגיין, האָבן זיי דאָך בכלל אַ נעגאַטיווע באַציאונג צו חזנים, האַלטנדיק זיי פאַר נאַראָנים און קלי־ראש). זיי האָבן דעם חזן געהאַלטן פאַר אַ ליטוואַק. ער האָט גערעדט אַ ביסעלע ענלעך צום ליטווישן דיאַלעקט. אין זיין אויסשפּראַך איז די צירי אויסגעקומען אַ קאַפּעטשקע ווי א סגול, דערביי אויך נישט געווען קיין גרויסער ידען אין די קליינע אותיות. דאָס איז גענוג געווען מ׳זאָל צו אים קיין צו גרויסן צוטרוי, ווי צו אַן ערלעכן יידן, נישט האָבן און פאַרשרייען אַלס ליטוואַק, הגם ער האָט ליטע קיינמאָל פאַר זיינע אויגן נישט אָנגעזען.

עס האָט נישט געפעלט זיין אַטלאַסענע קאַפּאָטע און סאַמעטענער קאַשקעט, וואָס ער פלעגט טראָגן שבת צוגלייך ווי אַלע חסידים. קיין וואונדער נישט, וואָס די חסידים זענען געווען צופרידן, וואָס מ׳האָט אים אָפּגעזאָגט. זיי האָבן באַלד פאָרגעלייגט דעם ה׳ גרונדלאַנד אַן אַנדערן חזן — אַן אָרטיקן חסידישן ייד, אַ געפאַלענעם סוחר מיט אַ גראָבער באַס־שטימע. וואָלף־בער האָט ער געהייסן. ער האָט געקאָנט שיין זינגען.

גרונדלאַנד האָט דעם פאָרשלאָג גערן אָנגענומען.

אין דעם פּרט האָט זיך אָבער אין שטאָט באַלד צעפלאַקערט אַ ביטערע מחלוקת, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אייניקע יאָר. די שטאָט האָט זיך צעטיילט אין צוויי פייַנטלעכע מחנות. דער המון, די מתנגדישע שול־מתפללים * האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון אַלטן חזן און קעגן גרונדלאַנדן. צו זיי זענען צוגעשטאַנען די „דייטשן", די לעצטע מער מחמת קנאה, נישט געקאָנט אים פאַרגינען דעם כבוד, באַזונדערס האָבן זיי אים נישט געוואָלט מוחל זיין די אויפשריפט אויף דעם סאַמע אויבערשטן שפּיץ פון ארון־קודש, וואָס האָט געלויטעט, אַז דער ארון־קודש איז געשאַפן געוואָרן בעת דער דאָזאָריי פון ראש־הקהל גרונדלאַנד. וואָס אַן אמת, האָט די אויסגראַווירטע אויפשריפט פיגורירט אַזוי הויך, דאָס זי איז געווען כמעט נישט אָנזעעוודיק און אומלעזבאַר.

דער רב ר׳ בצלאל בידערמאַן **, און די חסידים האָבן זיך געשטעלט אויפן צד פון גרונדלאַנדן און דער עיקר געקערט וועלטן פאַר דער קאַנדידאַטור פון וואָלף־בער אַלס לאָוויטשער חזן.

ווי געזאָגט האָט די דאָזיקע מחלוקת אָנגעהאַלטן עטלעכע יאָר. און נישט איינמאָל איז שבת אין שול דערגאַנגען צו שאַרפע ווערטער־אויסטוישן און זאָגאַר צו עיכוב הקריאה.

פאַריאָגט און פאַרהאָרעוועט אין פאַרלויף פון דער גאַנצער וואָך, האָבן די בעלי־מלאכות, דער המון, נאָר אין דעם איינציקן מנוחה־טאָג געהאַט די געלעגנהייט אויסצודריקן זייער צאָרנדיקן פּראָטעסט קעגן די חוצפּהדיקע חסידים־פּרומאַקעס, וועלכע, נישט געהערנדיק צו די קביעותדיקע שול־מתפללים, האָבן זיי געהאַט די העזה אָנצוואַרפן זיי, די מתנגדים, אַ שול־חזן און אַ חסיד דערצו.

דערביי האָבן אויך נישט געפעלט קיין אָנקלאַגעס פון ביידע קעמפנדיקע צדדים צו דער מאַכט.

די השפּעה פון די אַסימילאַטאָרן פאַלט

דער סוף פון דער דאָזיקער לאַנגער מחלוקת איז געווען, דאָס דאָזאָר גרונדלאַנד האָט ליקווידירט זיינע געשעפטן און הייזער אין לאָוויטש און זיך אַריבערגעצויגן נאָך וואַרשע. דערפאַר האָבן אָבער די חסידים אָפּגעהאַלטן אַ נצחון בנוגע זייער קאַנדידאַט וואָלף־בער, וועלכער איז טאַקע אָנגעשטעלט געוואָרן אַלס לאָוויטשער שול־חזן.

אויף גרונדלאַנדס שטעל איז געוויילט געוואָרן אַלס ראש־הקהל ר׳ משה זשעליכאָווסקי, וועלכער איז געווען איינער פון די הויפּט־אָנפירער פונעם חסידישן צד בעת דער אויבנגעשילדערטער מחלוקת און גענאָסן פון גרויס אָנזען אין שטאָט.

אַלס צווייטער דאָזאָר איז ווייטער פאַרבליבן ר׳ משה יוסף זילבערבערג. אַלזאָ, דאָסמאָל ביידע דאָזאָרעס — חסידים. פון דעמאָלט אָן האָט אין לאָוויטש אָנגעהויבן פאַלן די השפּעה פון די אַסימילירטע „דייטשן". ווייזט אויס, קהל האָט זיך שוין געקאָנט באַגיין אָן זיי און קיין „דייטש" איז שוין מער נישט געוויילט געוואָרן אַלס דאָזאָר.

די שפּעטערדיקע דאָזאָרעס, ביז צום אויסברוך פון ערשטן

---

* לויט דעם מנהג־קדמונים פון אַנדערע שטעט אין פּוילן, האָט מען אין דער שול געדאַוונט מתנגדיש, ד.ה. אשכנז. דאָס זעלבע אין בית־המדרש צום ערשטן מנין. אין די חסידים־שטיבלעך — נוסח ספרד.

** דער רב ה׳ בצלאל איז געווען דער נאָכפאָלגער פון פריערדערמאַנטן רב ר׳ מיכאל דוב און געווען רב אין לאָוויטש אייניקע דרייסיק יאָר. אַ גרויסער למדן, בעל־יחוס און ירא־שמים, איז ער אָבער געווען אַ יושב־אוהל, געזעסן על התורה ועל העבודה, נישט מישנדיק זיך אין כלל־ענינים.

וועלט־קריג, האָבן זיך מיט קיין באַזונדערע איניציאַטיוון און לייסטונגען נישט אויסגעצייכנט.

די קהלשע קאַסע איז געווען אויסגעליידיקט. די אַלע, אין פאַרלויף פון יאָרן אָפּגעשפּאָרטע געלטער, זענען אויסגעשעפּט און פאַרנוצט געוואָרן דורך דאָזאָר גרונדלאַנד פאַר דער רעסטאַווירונג פון דער שול.

דער טרוים פון קהל איז לאַנגע יאָרן געווען, און בפרט נאָכדעם ווי מען האָט שוין פאַרמאָגט אַזאַ פּראַכטפולע שול, מיט וועלכער מ׳פלעגט אַזוי שטאָלצירן — אויסצובויען ענדלעך אַ בנין פאַר דעם בית־המדרש. קהל איז, חלילה, נישט געווען אָן אַ בית־מדרש. איז דאָך דאָס בית־המדרש אין יעדער שטאָט און שטעטל זייט דורות געווען דער גייסטיקער, קולטורעלער און געזעלשאַפטלעכער צענטער פון דער יידישער עדה. דער בית היוצר לנשמת האומה, „מקלט עם עולמים" (ח. נ. ביאליק).

דאָ פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן אַלע אסיפות און די פאַרשידנסטע קהלשע אָנגעלעגנהייטן. דאָ האָט מען כמעט אָן אַן אויפהער געדאַוונט איין מנין נאָכן אַנדערן. דאָ האָט זיך געהערט, נאָך פאַר דער השכמה דאָס האַרציקע תהילים־זאָגן פון דעם פּשוטן עולם, אַזוי ווי דער קול תורה פון די בית־המדרש־בחורים און יידן לומדים.

דאָ פלעגט דער המון זיך צוהערן צו די דרשות און מוסר־רייד פון די מגידים און משולחים. דאָ האָט מען מרעיש עולמות געווען און תהילים געזאָגט פאַר מסוכנדיק קראַנקע, פאַר אַ פּרוי אַ מקשה לילד. דאָ זענען בחורים געזעסן גאַנצע טעג ביז שפּעט אין דער נאַכט (און מתמידים אפילו גאַנצע נעכט), אַרום די לאַנגע טישן איבער די גמרות און געלערנט און זיך מפלפל־געווען.

דאָ איז מען אַהערגעקומען אין אַן עת צרה און בשעת גזירות רעות; דאָ האָט מען זיך אויך צוזאַמען משמח־געווען בשעת שמחה; דאָ האָט מען זיך דערציילט אַלע נייעסן פון דער מדינה און פון דער גאָרער וועלט.

דאָ האָבן בית־מדרש־בחורים־גבאים פון „תקון ספרים" — וואָס פלעגן זאָרגן און זאַמלען די נויטיקע געלטער פאַר דעם איינקויף און דערהאַלטונג פון די ספרי־קודש פאַר די גרויסע ספרים־שאַפעס פון בית־המדרש, וועלכע זענען געשטאַנען אָפן פאַר יעדן — שפּעטער געלייגט די יסודות פון דער קונפטיקער יידישער וועלטלעכער ביבליאָטעק. דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן צו וועבן די ערשטע פעדים פון דער השכלה־באַוועגונג, ציוניזם און אויך סאָציאַליזם.

קהל האָט זיך דעריבער אָן בית־מדרש נישט געקאָנט באַגיין. אָבער נישט אַזוי ווי אין אַנדערע שטעט, האָט זיך דאָס בית־המדרש אין לאָוויטש געפונען אין אַן אַלטער, כמעט חרובער געביידע, אויף דער בראָוואַרנע גאַס, (יידן האָבן עס טאַקע גערופן דאָס בית־המדרש־געסל). דער מעמד פון בית־המדרש האָט קהל קיין גרויס כבוד, פאַרשטייט זיך, נישט פאַרשאַפט.

ערשט אין יאָר 1935 איז קהל געלונגען דעם לאַנגיאָריקן טרוים צו פאַרווירקלעכן. און דער ועד־הקהילה האָט דאַן אויסגעבויט (אייגנטלעך פונדאַמענטאַל איבערגעבויט) אַ ספּעציעלן בית־המדרש־בנין.

אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, אַז לויט דעם שטאָטישן רעגולאַציע־פּלאַן האָט די בראָוואַרנע־גאַס געדאַרפט פאַרברייטערט ווערן. דעריבער איז פאַרווערט געווען צו שטעלן נייע אָדער איבערבויען אַלטע בנינים. קהל האָט אָבער נישט פאַרמאָגט קיין אַנדערן פּלאַץ און דעריבער האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה שתדלנותן און אינטערווענצן מצד דער קהילה און מוניציפּאַליטעט־פאַרשטייער, ביז עס איז ענדלעך געלונגען צו געפינען אַן אויסוועג. נעמלעך, די קהילה האָט זיך שריפטלעך פאַרפליכטעט לגבי דעם מאַגיסטראַט, דאָס אין פאַל, ווען די רעאַליזירונג פון רעגולאַציע־פּלאַן בנוגע דער בראָוואַרנע־גאַס וועט ווערן אַקטועל (באמת געווען אַ גראַנדיעזער פּלאַן, צו וועלכן יידן האָבן זיך בכלל באַצויגן סקעפּטיש, נישט גלויבנדיק אין זיין פאַרווירקלעכונג, יעדנפאַלס נישט אין די נאָענטע הונדערט יאָר), דאַן וועט די קהילה איבערטראָגן דאָס בית־המדרש אויף אַן אַנדער אָרט, אָן וועלכע עס איז טענות צו דער שטאָט־פאַרוואַלטונג.

ליידער, סך־הכל נאָר עטלעכע יאָר שפּעטער, און די גאַנצע פאַרפליכטונג איז געבליבן אָן ממש. נישטאָ מער קיין קהילה! נישטאָ מער קיין בית־המדרש! נישטאָ מער קיין יידן אין לאָוויטש.

„נייע ווינטן בלאָזן"...

אין פאַרלויף פון דער צייט, באַזונדערס נאָך די יאָרן 1905־6, ווען עס האָט זיך אונטער דעם דרוק פון דער דעמאָלטיקער רעוואָלוציאָנערער פרייהייט־באַוועגונג אין רוסלאַנד און אין פּוילן, גענומען איינשטעלן אַן עטוואָס מעסיקער, ליבעראַלערער רעזשים, האָט אויך די יידישע באַפעלקערונג אין לאָוויטש אָנגעהויבן צו געפינען אינטערעס צו מער וועלטלעכע און מער רעאַלע פּראָבלעמען און ענינים, שוין נישט רעדנדיק וועגן דער יוגנט פון וועלכער אַ גרויסער טייל — סיי פון דער חסידישער, סײ פון דער בעל־מלאכישער קלאַס — האָט זיך שוין דאַן אָנגעשלאָסן צו פאַרשידענע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען. עס ווערט דאַן געגרינדעט דורך דער יוגנט די יידישע ביבליאָטעק, וועלכע האָט נאָך אַ לאַנגע צייט שפּעטער געדינט אַלס קולטור־געזעלשאַפטלעכער צענטער פון דער גאַנצער פאָרגעשריטענער יוגנט אין שטאָט, וואָס עס איז אויך נישט געבליבן אָן ווירקונג אויף די עלטערן. דאָס איז אָבער אַ פּרק פאַר זיך און פאַרלאַנגט אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג.

אין יענער צייט איז אַנטשטאַנען די יידישע ליי־ און שפּאָר־קאַסע (די קאַסע פּאָזשיטשקאָווע), די גרינדער און ערשטע פאַרוואַלטונג פון וועלכער עס זענען געווען יצחק ראָזענדאָרן, מאיר ראָזענטאַל (דער זייגערמאַכער) און ידידיה וויגדאָראָוויטש. די ליי־ און שפּאָר־קאַסע איז שוין נישט ענלעך געווען, נישט לויט איר מהות און נישט לויט איר פאָרנעם, צו די עקזיסטירנדיקע פּרימיטיווע צדקה־חברות. אין דער שפּיץ זענען מער נישט געשטאַנען קיין גבאים, געוויילטע אויף אַ כאַאָטישער אסיפה אין בית־המדרש. דאָס איז שוין געווען אַן אָפיציעל אָנערקענטע פינאַנץ־ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציע מיט באַשטימטע קאָנסטרוקטיווע צוועקן און דורך דער מאַכט באַשטעטיקטע סטאַטוטן.

די אָנפירונג איז באַשטאַנען פון אַ פאַרוואַלטונג („זאַזשאָנד"), און אַ ראַט („ראַדע"), געוויילטע אויף אַן אַנטשפּרעכנד־צוזאַמענגערופענער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג (אָגולנע זעבראַניע *), אויף וועלכער עס איז איבערגעגעבן געוואָרן אַ פינאַנציעלער באַריכט און בילאַנס פון פאַרגאַנגענעם יאָר און באַשטעטיקט דעם בודזשעט

* אין דער יידישער אומגאַנגס־שפּראַך פלעגט מען זיך נאָך דאַן באַנוצן מיט דער פּוילישער טערמינאָלאָגיע פאַר די דערמאָנטע אויסדרוקן.

צום קומענדיקן יאָר. דאָס איז דעמאָלט געווען אַ נייעס אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

אין די לעצטע יאָרן פאַר דעם ערשטן וועלט־קריג האָבן געהערט צו דער פאַרוואַלטונג: משה זשעלעכאָווסקי (פּרעזעס), און די ה״ה בעהם און עפּשטיין. פּרעזעס פון ראַט איז געווען אַנאַטאָל וועקשטיין. מיטגלידער פונעם ראָט זענען געווען סוחרים און בעלי־מלאכהס.

די קאַסע איז מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וויכטיקע יידישע עקאָנאָמישע פּאָזיציע. דער רוב תושבים אין שטאָט זענען געווען מיטגלידער פון דער קאַסע (קרוב 1,000 מיטגלידער) און זי האָט זיך דערוואָרבן גרויס צוטרוי.

די פקדונות האָבן דערגרייכט עטלעכע צענדליק טויזנט רובל, אַ גרויסער טייל פון די געלטער האָט געשטאַמט פון די ארומיקע פּויערים, און פון שטאָטישע פּאָליאַקן.

דאָזאָרעס בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה

נאָך דער קליינער דיגרעסיע, וועלן מיר זיך אומקערן צו די ספּעציפישע קהילה־ענינים.

די דאָזאָרעס האָבן זיך געווײנלעך יעדע דריי יאָר געביטן. די לעצטע דאָזאָרעס פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען געווען וואָלף ראָזענקראַנץ, יצחק־דוד זילבערבערג און שמואל בראָט. דער לעצטער איז געווען די בולטסטע פיגור און איז געווען ראש הקהל די גאַנצע צייט פונעם קריג און אויך אַ געוויסע צייט נאָך דעם קריג ביז צו זיין פּטירה.

מען פלעגט זאָגן אויף אים, אַז ער טראָגט די גאַנצע קהילה (ד.ה. אַלע דאָקומענטן, בודזשעטן און שטייער־ליסטעס) אין זיין בוזעם־טאַש.

מיר זענען נישט באַקאַנט קיין שום באַזונדערע לייסטונגען מצד דער קהילה אין יענע צייטן (פון נאָך דער גרונדלאַנד־תקופה), אויסער פאַרשידענע שתדלנותן און צדקה־טעטיקייט.

באַלד נאָכן אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט זיך אין לאָוויטש געשאַפן אַ געזעלשאַפטלעכע „אָרעמע קיך". דער גרינדער און אָרגאַניזאַטאָר פון וועלכער ס'איז געווען ה' אַנאַטאָל וועקשטיין.

ער האָט אויסגעווירקט ביים פּוילישן בירגער־קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך אָרגאַניזירט און פאַרוואַלטעט מיט דער שטאָט, נאָך דער עוואַקואַציע פון די רוסישע רעגירונגס־אַמטן אין לאָוויטש, אָנפאַנג־קריג, די נויטיקע פּראָדוקטן און הייץ־מאַטעריאַל און מיט דער הילף פון אַ קליינער פינאַנציעלער שטיצע מצד דער קהילה און אייניקע פּריוואַטע נדבנים, געבראַכט אין באַוועגונג די „אָרעמע קיך". דאָס כאַראַקטעריסטישע דערביי איז דאָס, וואָס כמעט די גאַנצע אַרבעט, אויסער קאָכן, אונטערהייצן דעם קעסל און וואַסער־באַזאָרגונג, איז דאָס דערלאַנגען דאָס עסן, וואַשן דאָס געפעס א.אַ.וו., אויסגעפירט געוואָרן פרייוויליק דורך פריילײנס פון בעל־הבתישע הייזער, ווי פר״ל וואָלבאָרסקאַ, דאָמב, הירשבערג, זשיכלינסקאַ און אַנדערע.

עס פלעגן אויסגעטיילט ווערן טעגלעך ביז צוויי הונדערט מיטאָגן. צו בכבודיקע, ווי אויך צו קראַנקע אָרעמע פלעגן די מיטאָגן געשיקט ווערן אַהיים. ביי דעם גרויסן דחקות און פּראָדוקציע־מאַנגל אין די ערשטע חדשים פון דער מלחמה, ווינטער־צייט, ווען צוליב די קריגס־אָפּעראַציעס אין דער סביבה, איז דער נאָרמאַלער פּראָדוקטן־צופיר געווען געשטערט, באַזונדערס בעת דער לאַנגדויערנדיקער קריגס־קאַמפּאַניע ביים טייך בזורע, איז די קיך געווען אַן אויסערגעוויינלעכער ווילטאַט פאַר דער נויטבאַדערפטיקער יידישער באַפעלקערונג.

נאָך דער פּטירה פון שמואל בראַט — שוין בעת דער פּוילישער הערשאַפט — איז ראש הקהל געוואָרן (ווי עס שיינט מיר, אויף דעם גרונט פון דער נאָך דאַן פאַרפליכטנדיקער פאַרארדענונג פון דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט פון יאָר 1916 וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון יידישע רעליגיעזע געזעלשאַפטן), זיין שטעלפאַרטרעטער יעקב שעפּס.

מיטן איבערנעמען פון יעקב שעפּס דעם פּרעזעס־אַמט, איז דאַן איינגעפירט געוואָרן מער אָרדענונג אין קהילה־וועזן און די קהילה האָט בכלל באַקומען אַ מער לייטישן און מאָדערנעם אויסזען. דער קהילה־אַמט האָט זיך שוין געפונען אין אַ באַזונדערן, צו דעם צוועק אויסגעריכטעטן לאָקאַל אין בית־המדרש־בנין. ס'איז אָנגעשטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלער סעקרעטאַר — (און נישט ווי פריער אַ גויאישער מאַגיסטראַט־באַאַמטער) — וועלכער האָט געפירט די גאַנצע רעכנשאַפט און קאָרעספּאָנדענץ. אין אַלגעמיין, איז דאָס טעטיקייטס־געביט געווען באַגרענעצט ווי פריער, הגם אין מער מאָדערנע ראַמען.

אַזוי ווי פריער, איז די עיקר־דאגה געווען דאָס אויסהאַלטן די רעליגיעזע אַנשטאַלטן און כלי קודש און סאָציאַלע הילף, ווי שטיצע פאַר אָרעמע לייט אויף די יום־טובים, באַזונדערס קמחא דפסחא א.ד.גל.. דאַן אינטערווענצן פון צייט צו צייט ביי דער אַדמיניסטראַטיווער און מוניציפּאַלער מאַכט, פאַר דעם אָדער יענעם פּרט.

די קהילה אין אומאָפּהענגיקן פּוילן

ערשט דער פּילסודסקי־דעקרעט פון 7־טן פעברואַר 1919 וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון יידישע רעליגיעזע קהילות, צוזאַמען מיט דער שפּעטער פאַרעפנטלעכטער דעמאָקראַטישער וואַל־אָרדינאַציע, האָט געבראַכט אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער גאַנצער סטרוקטור פון דער קהילה, אָבער נישט פיל געענדערט אין איר אייגנטלעכן מהות.

ווייל אויך דער דערמאָנטער דעקרעט האָט באַגרענעצט די קאָמפּעטענצן פון דער קהילה בלויז צו רעליגיעזע ענינים (דערביי אויך דערמאָנט וועגן רעליגיעזער דערציאונג) און וווילטעטיקייטס־צוועקן.

דערפאַר איז די וואַל־אָרדינאַציע געווען זייער אַ דעמאָקראַטישע, פאַראָרדענענדיק אַלגעמיינע (אויסער פרויען), גלייכע, אוממיטלבאַרע און פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן. אַקטיווע וואַל־רעכט פון 25 יאָר, פּאַסיווע — 30 יאָר.

לויט דעם דערמאָנטן דעקרעט, וועלכער איז ערשט איינגעפירט געוואָרן אין לעבן אין יאָר 1923, האָט די אָנפירערשאַפט פון דער לאָוויטשער יידישער קהילה, ווי אינעם רוב פּאָוויאַטאָווע שטעט אין פּוילן, געדאַרפט באַשטיין פון אַ ראַט פון 12 מיטגלידער און פון אַ פאַרוואַלטונג פון 8 מיטגלידער, געוויילטע דורך דעם ראַט. דער ראַט ווײלט אַ פאָרזיצער און פאַרטרעטער, אַזוי אויך די פאַרוואַלטונג. דיביידע פאָרזיצערס דאַרפן באַשטע־

טיקט ווערן אַזש דורך דעם מיניסטער פאַר רעליגיע און פאָלקס־בילדונג, וועלכער האָט געהאַט די אויבערשטע השגחה איבער די יידישע קהילות און אויסגעפירט די אויפזיכט אויפן אָרט דורך דער פאַרמיטלונג פון דער אָרטיקער פאָוויאַטאָווער מאַכט.

ווי עס איז צו זען, איז די דאָזיקע קאָנסטרוקציע פון די קהילה־אָרגאַנען, וואָס איז שייך דער צאָל מיטגלידער, געווען אַ צו־שווערע און ווייט אין פּראָפּאָרץ צו די באַגרענעצטע קאָמפּעטענצן.

אין דער צייט, וואָס די מוניציפּאַלע פאַרוואַלטונג מיט אַ פיל, אין פאַרגלייך ברייטערן טעטיקייטס־געביט און פולמאַכטן, האָט זיך באַגנוגנט מיט 5 מיטגלידער, האָט די קהילה־פאַרוואַלטונג געדאַרפט באַשטיין נישט ווייניקער ווי פון 8 מיטגלידער.

די ערשטע וואַלן האָבן ארויסגערופן אויסערגעוויינלעכן אינטערעס. דאָס ערשטע מאָל ווילט די גאַנצע יידישע מענער־באַפעלקערונג, אָרעם און רייך, אָן פאַרמעגנס־צענז. רייך און אָרעם גייען אַלע צו די וואַל־אורנעס. (דער שרייבער פון די שורות האָט געהאַט דעם כבוד צו זיין דער פאָרזיצער פון ערשטן וואַל־קאָמיטעט, וועלכער האָט אַדורכגעפירט די וואַלן צום ערשטן יידישן קהילה־ראַט). עס איז שוין מער נישט אָנגעגאַנגען קיין נישט־גלייכער קאַמף צווישן די מתנגדים און חסידים. די אונטערשידן זענען שוין געווען מער קאָמפּליצירטע. עס האָבן שוין צווישן זיך ריוואַליזירט פּאָליטישע פּאַרטייען, ווי ציוניסטן, שלומי אמוני ישראל (אגודה), אויך דער האַנטווערקער־פאַראיין (זיי האָבן מער זיך נישט גערופן בעלי־מלאכות. דער דאָזיקער נאָמען, הגם אָריגינעלער און יידישלעכער, האָט אָבער אין זיין אַרכאַישן קלאַנג געטראָגן אין זיך דערינערונגען וועגן אַמאָליקער דערנידערונג און פאַראַכטונג).

עס זענען געווילט געוואָרן אין דער ערשטער קהילה־פאַרוואַלטונג * פאָלגנדיקע פערזאָנען: משה זשעליכאָווסקי, אליעזר ברוך זיידע, ראובן ברייטשטיין, חיים דאָמב, ירחמיאל וואָלף, מענדל בוכנער, שלמה כהן, איטשע אַדלער, ידידיה וויגדאָראָוויטש (אגודת ישראל); אברהם וואָרטסקי, יעקב שעפּס, אברהם פרידמאַן, יצחק גרשון ליפּסקי, מרדכי ביאַליק, יעקב ליפשיץ, יעקב פישער (ציונים און מזרחי); יוקל גידאַלעוויטש, אַלטער ווינער, מיכאל דזשיאַלאָשינסקי, אברהם שאַיאַק (האַנטווערקער). אַלס פאָרזיצער פון ראַט איז געווילט געוואָרן משה זשעלעכאָווסקי, אַלס וויצע־פאָרזיצער — אברהם וואָרטסקי, — ביידע איינשטימיק. אַלס פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג — יעקב שעפּס, וועלכער האָט אָבער רעזיגנירט, און אויף זיין אָרט איז געווילט געוואָרן דורך דער אָרטאָדאָקסישער מערהייט לייזער־ברוך זיידע, אַ ייד, אַ חכם. מען האָט אים געהאַלטן פאַר איינעם פון די קלוגסטע יידן אין שטאָט, דערצו אַ בעל־יחוס און פּרעזעס פון דער אגודה.

אַלס זיין פאַרטרעטער איז געווילט געוואָרן — ראובן ברייטשטיין, און שפּעטער — איטשע אַדלער. צו דער קהילה־פאַרוואַלטונג האָט אויך געהערט עקס־אָפיציאָ, דער רב ר׳ אברהם כלבו, וועלכער איז געווען דער נאָכפאָלגער פון רב ר׳ בצלאל בידערמאַן ז״ל, און איז שפּעטער אומגעבראַכט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע רוצחים.

די אויפגאַבן פון קהילה־ראַט זענען געווען צו באַשטימען דעם יערלעכן בודזשעט, פעסטשטעלן די קהילה־אָפּצאָלן, די שחיטה־טאַקסע, דעם קהילה־שטייער (עטאַט) א.ד.גל. די אָנפירונג מיט דער קהילה־ווירטשאַפט, דאָס אויספירן די באַשלוסן פונעם קהילה־ראַט האָבן געהערט צו דער קהילה־פאַרוואַלטונג.

די ניי־געווילטע קהילה־אָרגאַנען זענען באַלד צוגעטראָטן איינצופירן אַ מער ראַציאָנעלע אָרדענונג אין דער קהילה־ווירטשאַפט. ראשית כל — איבערגענומען אין רשות פון דער קהילה — דאָס גאַנצע שחיטה־וועזן. אין דער צייט, וואָס פריער זענען די שוחטים, הגם אויפגענומען דורך קהל, געווען גאַנץ זעלבשטענדיק און די איינציקע בעלי־הבתים איבער די הכנסות פון דער שחיטה, זענען זיי איצט באַהאַנדלט געוואָרן אַלס קהילה־אָנגעשטעלטע מיט אַ פעסטגעשטעלט דורך דעם קהילה־ראַט געהאַלט. און די הכנסות פון דעם שחיטה־אָפּצאָל זענען אַריינגעפלאָסן אין דער קהילה־קאַסע. דאָס זעלבע גילט אויך בנוגע די אַנדערע כלי־קודש, ווי גאַבאים, שמשים, מקוה־ און בית־עולם־אויפזעער א.אַ.וו., וועלכע האָבן פון איצט אָן געהערט צום קהילה־פערסאָנאַל און באַקומען באַשטימטע שכירות, און נישט מער אָנגעוויזן געווען אויף צופעליקע, אָפטמאָל גאַנץ אומפאַסיקע הכנסה־קוועלן.

די שמשים צ.ב פלעגן פריער יעדע וואָך אַרויסגיין איבער דער שטאָט און איינקאַסירן פאַר זיך פון די בעלי־הבתים זייער וואָכנגעלט, (געוויינלעך 1 קאָפּיקע, זעלטענער 2 קאָפּיקעס), „געבעטן" אויף חתונות, בריתן און דערפאַר באַלוינט געוואָרן מערסטנטייל נישט פון בעל־שמחה, נאָר פון די איינגעלאַדענע.

די קהילה האָט אויך אָנגעהויבן אַריינברענגען מער אָרדענונג אין דער קאָנסטרוקציע פון די קהילה־אָפּצאָלן, שטייערן און אויך ראַציאָנאַליזירן די באַציאונגען מיט דער חברה־קדישא און אַנדערע צדקה־חברות.

נאָכן אָפּלויף פון דער ערשטער קאַדענץ האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ לעבהאַפטער וואַל־קאַמפּיין און שאַרפע קאָנקורענץ צווישן די פאַרשידענע וואַל־ליסטעס צו דער צווייטער תקופה.

דער רעזולטאַט בנוגע דעם פּאַרטיי־צוזאַמענשטעל איז געבליבן כמעט נישט־געענדערט. עס האָבן זיך נאָר געביטן איניקע פערזאָן. צו די ניי־געווילטע האָבן איצט געהערט:

נח דאָמב, יוסף אַטלאַס, שלמה וואָלף שפּייזהענדלער, ישעיה זיידע, ישראל משה אייזנבערג, פנחס גורט, לייבוש קרייצער און הערש שידלאָ. אַלס פאָרזיצער פון צווייטן קהילה־ראַט איז איינשטימיק געווילט געוואָרן אברהם וואָרטסקי, אַלס וויצע־פאָרזיצער — יוסף אַטלאַס; אַלס פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג — איטשע אַדלער, וויצע־פאָרזיצער — נח דאָמב.

די פינאַנציעלע לאַגע פון דער לאָוויטשער יידישער קהילה איז ווייט נישט געווען קיין גלענצנדיקע. די פאַרהעלטנישמעסיקע יונגע קהילה האָט נישט פאַרמאָגט קיין הייזער אָדער אַנדערע נכסי דלא ניידי, קיין לעגאַטן. די איינציקע מקורות פאַר אירע הכנסות האָבן געבילדעט די איינקונפטן פון דער שחיטה, בית־עולם און דער עיקר דער קהילה־שטייער (עטאַט).

די דאָזיקע הכנסות האָבן קוים געקלעקט אויף צו דעקן די אַדמיניסטראַציע־הוצאות, ווי שכירות פאַר דעם פּערסאָנאַל: רב, מורה־הוראה, שוחטים, שמשים, נאמנים, קהילה־סעקרעטאַריאַט,

* איך קאָן מיך נישט דערמאָנען גענוי, ווער עס האָט געהערט צום ראַט און ווער צו דער פאַרוואַלטונג, דען אויך די פאַרוואַלטונג־מיטגלידער האָבן זיך באַטייליקט אין די קהילה־ראַט־זיצונגען, הגם אָן שטים־רעכט.

קאָנסערוואַציע און רעמאָנט פון די קהילה־בנינים: שול, בית־המדרש, מקוה (פּערמאַנענטע רעפּאַראַטורן און רעמאָנטן א.אַ.וו.).

די קהילה האָט נישט געקאָנט און נישט געטאָרט צופיל העכערן דעם שחיטה־אָפּצאָל, כדי צו פאַרגרעסערן אירע הכנסות. און דאָס פּשוט צוליב דעם, וואָס דאָס כשרע פלייש איז שוין אַזוי אויך געווען באַדייטנד טייערער ווי דאָס טריפהנע פלייש.

אַ ווייטערדיקע פאַרטייערונג פון פלייש, וואָלט דאָך געמוזט גורם זיין דערצו, אַז די אָרעמע יידישע באַפעלקערונג זאָל נאָך מער באַגרענעצן דעם אַזוי אויך קנאַפּן פלייש־פאַרברויך. אויך רעליגיעזע מאָטיוון האָבן נישט דערלויבט די ווייטערע העכערונג פון דער שחיטה־טאַקסע, מחמת חשש, עס זאָלן זיך נישט געפינען יחידים, וועלכע זאָלן חלילה נישט קאָנען ביישטיין דעם נסיון און וועלן אָנהויבן נוצן טריפה־פלייש, אָדער עס וועט זיך גאָר וועמען פאַרגלוסטן אַליין צו ווערן „שוחט" און „אָפּטאָן" פאַר זיך אַן עוף און נישט דאַרפן אָנקומען צו דער טייערער כשרער שחיטה.

די הכנסות פון בית־עולם זענען נישט געווען קיין זיכערע און בכלל נישט קיין גרויסע. (לצים פלעגן זאָגן, אַז „אין לאָוויטש שטאַרבט נישט קיין גביר, ווייל ביז ער באַווייזט צו שטאַרבן איז ער שוין אויס גביר").

די הויפּט־קוועלע פון די הכנסות איז אַלזאָ געבליבן דער קהילה־שטייער, וועלכער איז דורך אַ ספּעציעלער קהילה־ראַט־קאָמיסיע אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די איינצלנע קהילה־מיטגלידער. קיין באַשטימטע, פעסטגעשטעלטע נאָרמען און פּרינציפּן, לויט וועלכע די קהילה האָט זיך געדאַרפט ריכטן ביים אַרויפלייגן דעם עטאַט־שטייער, האָבן פּאַקטיש נישט עקזיסטירט.

ערשט אין יאָר 1931 האָט די רעגירונג אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג וועגן דער פינאַנציעלער ווירטשאַפט פון די יידישע קהילות, לויט וועלכן דער קהילה־שטייער האָט זיך געדאַרפט באַזירן אויף דעם מלוכהשן הכנסה־שטייער אין דער פאָרם פון אַ באַשטימטער הוספה צום דאָזיקן שטייער. די פּוילישע רעגירונג איז געווען פאַראינטערעסירט איינצוהאַלטן די שטייער־קראַפט פון דער יידישער באַפעלקערונג פאַר דער מלוכה און באין־אופן נישט אויסצונוצן זי צופיל לטובת די יידישע קהילות.

רעגירונגס־פאַראָרדענונג צילט אָפּצושוואַכן קהילה־טעטיקייט

די דאָזיקע רעגירונגס־פאַראָרדענונג האָט זיך באַגעגנט מיט שטאַרקע פּראָטעסטן הן מצד די יידישע קהילה־רעפּרעזענטאַנצן און הן מצד די יידישע שטייער־צאָלער. דער שטייער אין די דורך דער רעגירונג פעסטגעשטעלטע ראַמען און אין דער פאָרם פון אַ צוגאָב צו דעם הכנסה־שטייער, וואָלט ערשטנס, געוואַלדיק פאַרמינערט די קהילה־הכנסות און ממילא אוממעגלעך געמאַכט די אויסהאַלטונג פון די פאַרשידענע קהילה־אינסטיטוציעס.

צווייטנס, איז דאָך די הויך פון דעם מלוכהשן איינקונפט־שטייער באַשטימט געוואָרן דורך דעם מלוכהשן שטייער־אַמט מיט דער הילף פון אַ שטייער־קאָמיסיע, אין וועלכער די גויאישע מיטגלידער האָבן געבילדעט אַ מערהייט און דערום מערסטנס געווען אומגערעכט און רשעותדיק לגבי די יידישע שטייער־צאָלער, דערפירנדיק זיי נישט איינמאָל צו רואין.

דער יידישער ציבור האָט נישט געקאָנט און נישט געוואָלט זיך שטיצן אין זיין אינערלעכער אויטאָנאָמיע אויף דעם בכלל אפשר גערעכטן, אָבער אין באַצוג צו יידן דווקא אומגערעכטן און מיט בפירושע דיסקרימינאַציע־טענדענצן אויסגעמאָסטענעם הכנסה־שטייער און אַזוי אַרום אים אויך סאַנקציאָנירן.

אַדאַנק די פיל אינטערווענצן מצד די יידישע סיים־דעפּוטאַטן און אַנדערער שתדלנות, איז געלונגען די אויספירונג פון דער דערמאָנטער פאַראָרדענונג אָפּצולייגן פון יאָר צו יאָר, און אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז זי קיינמאָל נישט איינגעפירט געוואָרן אין לעבן, אַלנפאַלס נישט ביזן יאָר 1935.

ווי פריער, איז דער קהילה־שטייער, לויט דער יערלעכער הצטרכות פון דער קהילה, פונאַנדערגעטיילט געוואָרן אויף די איינצלנע קהילה־מיטגלידער, לויט דעם פרייען איינזען פון דער קהילה־רעפּרעזענטאַנץ, וועלכע פלעגט נאַטירלעך ביי דער שטייער־אויסמעסטונג זיך רעכענען מיט דעם פאַרמעגנס־, פּרנסה־ און פאַמיליע־צושטאַנד פון דעם באַשטייערטן.

דער צוזאַמענשטעל פון דער קהלהשער שטייער־קאָמיסיע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גענוגנדיקע גאַראַנטיע פון אָביעקטיוויטעט און יושרדיקייט. נאַטירלעך איז אוממעגלעך געווען גענצלעך אויסצומיידן געוויסע עוולות. עס האָט געקאָנט אַמאָל טרעפן, אַז אַ צופעליקע מערהייט האָט בכוונה וועמען געטאָן אַן עוולה צוליב פּערזענלעכע פּניות. אָבער דאָס האָט געקאָנט געשען נאָר אין איינצלנע איזאָלירטע פאַלן.

דער באַעוולטער האָט דערביי נאָך געהאַט דאָס רעכט צו אַפּעלירן, און אויב עס איז ווירקלעך געשען אַן עוולה בשוגג, אָדער במזיד — איז דאָס פאַריכט געוואָרן.

זעלבסטפאַרשטענדלעך האָט די גלאָבאַלע סומע פון קהילה־שטייער, ווי אויך די נאָמענטלעכע שטייער־ליסטע, געמוזט האָבן די אַפּראָבאַציע פון דער אַדמיניסטראַטיווער אויפזיכט־מאַכט.

עס איז כדאי דאָ צו באַמערקן, אַז בדרך כלל האָבן די יידישע שטייער־צאָלער זייער נישט־גערן און אפילו מיט אויסדריקלעכן ווידערווילן געצאָלט דעם קהילה־שטייער.

די סיבות פון דער דאָזיקער אומוויליקער באַציאונג זענען געווען: ערשטנס, זענען בכלל אַלע שטייערן, אַלס אַזעלכע אַן און פאַר זיך, אומפּאָפּולער און אומגעוווּנטשן; צווייטנס, זייענדיק באַלאַסטעט איבער די כוחות מיט די פאַרשידענע מלוכהשע און מוניציפּאַלע שטייערן, וועלכע האָבן נישט איינעם דערפירט צו פולשטענדיקער ווירטשאַפטלעכער רואין, האָט דער יידישער שטייער־צאָלער שוין נישט געזען פאַר זיך מער קיין מעגלעכקייט נאָכצוקומען די קהילה־לאַסטן. ער האָט נישט געקאָנט באַגרייפן, ווי קאָן עס אַ יידישע קהילה פאַרפליכטן און אפילו אים צווינגען צו צאָלן וועלכע עס איז שטייערן.

דאָ איז טאַקע געקומען צום אויסדרוק די גלותדיקע, גרינגשעצנדיקע באַציאונג צו אייגענע יידישע פאַרשטייער.

דער דריטער און, שיינט מיר, דער וויכטיקסטער מאָמענט איז באַשטאַנען דערין, ווי דאָס איז אויבן דערמאָנט געוואָרן, אַז די שטייער־ליסטע איז פאָרגעשטעלט געוואָרן דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט צו באַשטעטיקן. עס איז דעריבער אַנטשטאַנען דער חשש, אַז דער אויסגעמאָסטענער דורך דער יידישער קהילה שטייער, וועט שפּעטער דינען אַלס באַווייז פאַר דער פאַרמעגלעכקייט און שטייער־פעאיקייט פון באַטרעפנדיקן באַשטייערטן לגבי דעם שטייער־אַמט.

מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז דער מאַגיסטראַט האָט געהאַט

די פליכט, פאַר אַ געוויסן נישט גרויסן אָפּצאָל לטובת דער שטאָט־קאַסע, גובה צו זיין דעם קהילה־שטייער פון די אומווילליקע אָדער ווידערשפעניקע באַשטייערטע קהילה־מיטגלידער און אפילו אויפן פאַרלאַנג און אחריות פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג, אָנצוווענדן עקזעקוציע־מיטלען, וועלכע די קהילה אַליין האָט נישט פאַרמאָגט.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן די פיינלעכע לאַגע פון די קהילה־אָרגאַנען אין דעם פאַל, די אויפרעגונג און פאַרביטערונג מצד די באַטרעפנדיקע, וועלכע פלעגן דאַן טענהן: „ווייניק פּלאָגן און דערגייען אונדז די יאָרן די גויים, דאַרף מען אונדז נאָך איבערגעבן אין גויימס הענט?“.

עס האָט זיך דעריבער כמעט תמיד אויסגעלאָזט נאָר מיט דראָאונגען מצד דעם מאַגיסטראַט וועגן אָננעמען צוואַנגס־מיטלען אויפצומאָנען דעם עטאַט־שטייער, נאָר לגבי אַלגעמיין־באַקאַנטע בייזוויליקע, לויט דעם דעת הקהל לחלוטין נישט באַעוולטע באַשטייערטע. אָבער צום אויספירן דעם אורטייל איז כמעט קיינמאָל נישט געקומען. מען איז ווי עס איז אַדורכגעקומען צווישן זיך. דאָך יידישע „גזלנים“.

די לעצטע יאָרן האָט די לאָוויטשער קהילה, הגם זי האָט נאָכנישט געהאַט די פינאַנציעלע מעגלעכקייט אַליין אויסצוהאַלטן פילאַנטראָפּישע אָדער קולטורעלע אַנשטאַלטן, דאָך, וואָס אַמאָל מער, גענומען אונטער איר שוץ די אָרטיקע יידישע וווילטעטיקע פאַריינען, ווי „לינת הצדק“. עס זענען געווען צוויי: פאַר מענער באַזונדער און פאַר פרויען באַזונדער. דאַן — הכנסת אורחים, גמילות חסדים, תלמוד תורה א.אַ.וו., וועלכע זענען ביז יענער צייט אָנגעוויזן געווען בלויז אויף דעם פרייוויליקן מיטגלידס־אָפּצאָל אָדער אויף תרומות פון צופעליקע נדבנים.

איצט פלעגן זיי שוין אונטערגעשטיצט ווערן דורך דער קהילה מיט באַשטימטע יערלעכע סובסידיעס. עס איז אויך רעזערווירט געוואָרן אַ ספעציעלער פאָנד פאַר בויען אַ בית־מדרש, הויפּטזעכלעך פון אויסערגעוויינלעכע פאַר דעם צוועק באַשטימטע בית־עולם־אָפּצאָלן פון רייכע נפטרים.

מיט דער צייט איז אויך געלונגען אַדורכצופירן אין קהילה־בודזשעט אַ יערלעכע סובסידיע פאַר אַ צענטראַלער יידישער אינסטיטוציע אין לאַנד־מאַסשטאַב, נעמלעך, פאַר דער יידישער אַקאַדעמישער היים אין וואַרשע.

פאַר אַ גאָר גרויסער דערגרייכונג האָט מען זיינערצייט באַטראַכט דאָס באַשטימען דורך דער קהילה אַ פאַרהעלטנישמעסיק באַדייטנדיקע סובווענץ פאַר דעם קרן היסוד, נעמענדיק אין אַכט, אַז די מערהייט פון דער קהילה איז דאָך געווען אַ נישט־ציוניסטישע, סוף־כל־סוף האָט זיך אויך אין דער היגזיכט פיל געביטן.

די קהילה, זייענדיק דער מיטלפונקט פון דער אָרטיקער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, איז בכלל געווען זייער וואַכזאַם סיי בנוגע דעם כלל, סיי בנוגע דעם פרט.

האָט וועמען פּאַסירט אַן עוולה, אָדער חלילה אַן אומגליק, איז מען גלייך געלאָפן אין דער קהילה. דאָ האָט מען זיך באַמיט צו לינדערן און העלפן מיט ראַט, און לויט מעגלעכקייט, אויך מיט טאַט, שתדלנות, אינטערווענצן א.אַ.וו.

דער אַנטי־היטלער־קאָמיטעט

די לאָוויטשער יידישע קהילה האָט אויך לעבהאַפט רעאַגירט אויף אַלע דערשיינונגען און פּאַסירונגען אין יידישן לעבן, וואָס זענען נוגע דעם כלל ישראל, אַזוי אין פוילן גופא, אויסערהאַלב דעם לאַנד און אין ארץ־ישראל. אָנגענומען פּראָטעסט־ אָדער סאָלידאַריטעט־ באַשלוסן; געשיקט אַנטשפּרעכנדיקע טעלעגראַמעס, וווהין מ'האָט געדאַרפט, צוזאַמענגערופן פאָלקס־פאַרזאַמלונגען א.אַ.וו.

ווען היטלער האָט איבערגענומען די מאַכט אין דייטשלאַנד, און עס זענען אָנגעקומען די ערשטע ידיעות וועגן אַנטי־יידישע פאַרפאָלגונגען, האָט זיך באַלד דורך דער איניציאַטיוו פון דער קהילה אָרגאַניזירט אַן אַנטי־היטלער־קאָמיטעט, וועמענס מיטגלידער זענען באַשטימט געוואָרן דורך דעם קהילה־ראַט און אין דער פאַרוואַלטונג זענען אַריין פאָרשטייער פון אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

אַלס פּאָרזיצער איז געוויילט געוואָרן ד"ר יאַקובאָווסקי (ער איז אויך געפאַלן דער ערשטער קרבן פון די רוצחישע נאַציסטן, וועלכע האָבן אים אַרעסטירט גלייך ווי זיי האָבן פאַרנומען לאָוויטש און אים שפּעטער אכזריותדיק דערמאָרדעט) הי"ד.

וויצע־פּאָרזיצערס זענען געווען: פּרעזעס פון קהילה־ראַט — אברהם וואַרטסקי, און פּרעזעס פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג — איטשע אַדלער.

אָנשליסנדיק זיך אין דער צענטראַלע אין וואַרשע, האָט דער לאָוויטשער קאָמיטעט גלייך אַראַנזשירט א גרויסע הילפס־אַקציע פאַר די געליטענע דייטשע יידן.

די אויבנדערמאָנטע, צוזאַמען מיט אַנדערע אַקטיווע מיטגלידער פונעם קאָמיטעט, ווי יוקל גידאַלעוויטש און בן־ציון מיעדזשיגורסקי, האָבן פּערזענלעך אַדורכגעפירט אין שטאָט אַ געלטזאַמלונג אין אַ גאַנץ ברייטן מאַסשטאַב. דאָס ערשטע מאָל האָט אַ פרייוויליקע זאַמל־אַקציע געבראַכט אַזעלכע אימפּאָזאַנטע רעזולטאַטן.

דער אַנטי־היטלער־קאָמיטעט איז שפּעטער טעטיק געווען, באַזונדערס אין דער צייט פון גירוש פון די פוילישע יידן פון דייטשלאַנד, אין דער טרויעריק־באַקאַנטער תקופת־זבאָנשין, ווען די אַרויסגעטריבענע פוילישע יידן זענען פאַרהאַלטן געוואָרן ביי דער גרענעץ דורך דער פוילישער רעגירונגס־מאַכט און נישט אַריינגעלאָזט געוואָרן אין לאַנד.

איך האַלט פאַר נויטיק, ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט, צו דערמאָנען צוויי מער בולטע און ערנסטע אַנטי־יידישע געשעענישן, וועלכע האָבן זיך זיינערצייט אָפּגעשפּילט אין לאָוויטש און זענען ווערט אַן און פאַר זיך באַשריבן צו ווערן, אָבער דער עיקר צוליב דעם, וואָס די קהילה האָט זיך אַרויסגעוויזן זייער טעטיק און אונטערגענומען ענערגישע שריט די געשעענישן אָפּצושטעלן.

דאָס ערשטע האָט פּאַסירט זומער 1919, אין די ערשטע האָניק־חדשים פון דער פוילישער זעלבשטענדיקייט, ווען קיין פוילן זענען אָנגעקומען די אָזויגערופענע „האַלערטשיקעס“. דאָס זענען געווען סאָלדאַטן פון האַלערס אַרמיי, וועלכע האָבן געדינט אין די לעגיאָנען אין דער עסטרייכישער אַרמיי בעת דעם ערשטן וועלט־קריג, אונטער גענעראַל האַלערס קאָמאַנדע, און זענען איבערגעגאַנגען אויף דער זייט פון די רוסן. נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע זענען זיי איבערגעשיקט געוואָרן צוזאַמען מיט אַנדערע פוילישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין געפאַנגענשאַפט ביי די רוסן, קיין פראַנקרייך. און דאָרט האָבן זיי געקעמפט אויף דער זייט פון די פראַנצויזן קעגן די דייטשן.

נאָך פּוילנס באַפרייאונג איז די דאָזיקע אַרמיי פון גענעראַל האַלער איבערטראַנספּאָרטירט געוואָרן צוריק קיין פּוילן, און דאָ סטאַציאָנירט אין פאַרשידענע שטעט. די קאָמאַנדע איז באַשטאַנען מערסטנטייל פון פראַנצויזישע אָפיצירן.

גענעראַל האַלער איז געקומען נאָך פּוילן און איז איבעראַל אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס כבוד און פּאַראַד. ער האָט אויך באַזוכט לאָוויטש (אַ צייט פריער, פאַר די ווייטער באַשריבענע פּאַסירונגען). מיין ווייניקייט האָט געהאַט דעם צווייפלהאַפטן כבוד זיך צו באַטייליקן אין דער דעלעגאַציע מצד דער שטאָט־מוניציפּאַליטעט, וועלכע האָט אים פייערלעך באַגריסט אין נאָמען פון דער שטאָט ביים טריאומפאַלן טויער, וואָס איז פאַר דעם צוועק אויפגעשטעלט געוואָרן ביים אַריינפאָר אין דער שטאָט. די פאָר־פאַסטע דורך דעם בירגערמייסטער, ד״ר סטאַניסלאַווסקי, אויפשריפט איבערן טויער האָט געלויטעט: „וויטאַי — וואָדזו טולאַשטשו!״ (זיי באַגריסט, פירער — נע־ונדניק!)

אויך אין לאָוויטש האָט סטאַציאָנירט אַ רעגימענט האַלערטשיקעס מיט אַ פראַנצויזישן קאָלאָנעל אין דער שפּיץ. די האַלערטשיקעס זענען אין גרעסטן טייל באַשטאַנען פון די א. ג. פּאָזנאַנטשיקעס (פּאָליאַקן פון דעם געוועזענעם אונטער דער דייטשער הערשאַפט פּויזנער געביט), וועלכע האָבן בעת דער מלחמה געדינט אין דער דייטשער אַרמיי, שפּעטער אַריינגעפאַלן אין דער פראַנצויזישער געפאַנגענשאַפט און דערנאָך אַריינגעצויגן געוואָרן אין האַלערס אַרמיי. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אויסערגעוויינלעכער שנאת ישראל, באַזונדערס האָבן זיי געהאַט אַ טבע, אַז זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן קיין יידישע באָרד.

דערזעענדיק אַ ייד מיט אַ באָרד — און וואָס לענגער די באָרד, אַלץ גרעסער דער רייץ — פלעגן זיי באַפאַלן דעם יידן און שניידן די גאַנצע אָדער אַ האַלבע באָרד. אַזוי איז דאָס געשען איבעראַל; פאָרנדיק אויף דער באַן פלעגן זיי אָפּשטייגן אויף אַלע באַן־סטאַציעס און זוכן בערדיקע יידן, שניידן זיי די בערד מיט שערלעך, וועלכע זיי האָבן געטראָגן מיט זיך, און דערביי נישט איינמאָל נאָך צולייגן אַ פאָר קלעפּ.

אויך אין לאָוויטש האָט זיך זיי פאַרגלוסט אַמאָל צו לאָזן זיך ווילגיין און ווילדעווען אויף יידנס חשבון, אָנפאַלן אויף דורכגייענדיקע יידן, זיי שלאָגן און שניידן די בערד.

עס איז אָנגעפאַלן אַן אימה אויף די יידן אין שטאָט און מען האָט פשיט מורא געהאַט זיך צו באַווייזן אין גאַס.

אַ דעלעגאַציע פון קהל מיט דעם רב בידערמאַן און ראש־הקהל שמואל בראַט אין דער שפּיץ, האָט זיך דאַן געווענדעט צום בירגערמייסטער ד״ר סטאַניסלאַווסקי. אויף צומאָרגנס איז באַלד צונויפגערופן געוואָרן אַ זיצונג פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג צו וועלכער עס איז איינגעלאַדן געוואָרן דער פראַנצויזישער קאָלאָנעל, וועלכער איז געקומען מיט זיינע שטאַב־אָפיצירן. צו דער זעלבער זיצונג זענען אויך איינגעלאַדן געוואָרן דער רב און ראשי־הקהל.

פאַר די אָנוועזנדיקע האָט זיך באַלד באַוויזן אַן עלטערער ייד ס׳ט אַן אָפּגעשניטענער באָרד. ער האָט געהייסן פּייוויש ראָזענטאַל און געווען אייגנטימער פון אַ בשמים־געוועלבל אין דער פאָרשטאָט בראַטקאָוויץ, וועמען אַלע האָבן געקענט אַלס אַ ייד מיט אַ שיינער, לאַנגער גרויער באָרד. און דאָ שטייט אַ ייד אויף אַ העסלעכן אופן אַרומגעשוירן. דער איינדרוק איז געווען זייער דערדריקנד אויף אַלע אָנוועזנדיקע. מען האָט ממש בעין ובחוש געזען, אַז מען האָט דעם בכבודיקן ייד דעם צלם אלהים אַראָפּגענומען און געפילט די שרעקלעכע דערנידערונג, צו וועלכער ער איז אויסגעשטעלט געוואָרן. דער צער פון דעם געליטענעם איז געווען איך־לשער. דער ייד איז דערשינען אין שטאָט־ראַט־זאַל, ווו די דערמאָנטע זיצונג איז פאָרגעקומען, מיטן פּנים אַרומגעבונדן אין אַ רויט טיכל, ווי ער וואָלט געליטן פון ציין־ווייטיק, ווייל מחמת בושה האָט ער זיך נישט געקאָנט באַווייזן אין גאַס אָן דער באָרד. ערשט אינעם זאַל האָט ער אַ צעבראָכענער און באַליידיקטער, דאָס טיכל אַראָפּגענומען.

דער פראַנצויזישער קאָלאָנעל האָט אויפן אָרט גלייך צוגעזאָגט אַדורכצופירן אַ שטרענגע אויספאָרשונג, אַרויסצושיקן אין שטאָט אַ גענוגנדיקע צאָל מיליטער־פּאַטרולן און נישט דערלאָזן מער צו ענלעכע באַרבאַרישע מעשים.

די אָנגענומענע מיטלען האָבן געהאַט זייער ווירקונג, און עס איז מער צו קיין אַנטי־יידישע אַרויסטרעטונגען מצד די האַלערטשיקעס נישט געקומען.

אַנטי־יידישע עקסצעסן אָרגאַניזירט דורך שילער פון דער האַנדלס־שול

דער צווייטער און פיל ערנסטער פאַל פון אַנטי־יידישע עקסצעסן, בעת וועלכן די קהילה האָט געוויזן איר אויסערגעוויינלעכע וואַכזאַמקייט און אחריות־געפיל פאַר דעם גורל פון דער יידישער עדה, איז געשען אין דער תקופה פון די מהומות און צוזאַמענשטויסן צווישן די פּוילישע און יידישע סטודענטן, וואָס פלעגן זיך סיסטעמאַטיש איבערחזרן יעדעס יאָר מיט דעם אָנהויב פון די לימודים אין די פּוילישע הויכשולן.

נאָכדעם ווי בעת איינעם פון אַזעלכע סטודענטן־צוזאַמענשטויסן איז דערהרגעט געוואָרן דער פּוילישער סטודענט וואַצלאַווסקי (1932־33) און די לאַגע אין די הויכשולן איז געוואָרן נאָך מער אָנגעשטרענגט, איז דער אָפּקלאַנג פון די געשעענישן דערגאַנגען אויך צו די לאָוויטשער מיטלשולן, צווישן וועמענס שילער עס איז אָנגעגאַנגען אַ וויסטע אַנטי־יידישע העצע. באַזונדערס האָט זיך אין דער הינזיכט אויסגעצייכנט די שטאָטישע האַנדלס־שול, וועלכע איז זיינערצייט געגרינדעט געוואָרן דורך דער ענדעקישער מוניציפּאַליטעט, און אין וועלכער עס האָט דעריבער מער ווי אין אַנדערע אָרטיקע שולן, געהערשט אַ שטאַרקער אַנטיסעמיטישער גייסט.

געוויסע אַנטיסעמיטישע לערערס האָבן דעריבער געהאַלטן פאַר זייער פּאַטריאָטישן חוב אויסצודריקן זייער סאָלידאַריטעט מיט די אַנטיסעמיטישע סטודענטן אין דער פאָרם פון אַן אָרגאַניזירטער דעמאָנסטראַציע, וועלכע האָט זונטיק אין די שפּעטע נאָכמיטאָג־שעהן דורכמאַרשירט דורך דער שטאָט און דער הויפּט־יידישער גאַס (זדונסקאַ), מיט אויסגעשרייען און אַנטי־יידישע לאָזונגען, געוואָרפן שטיינער אין יידישע שויפענצטער (זונטיק זענען די געוועלבער געווען געשלאָסן). אויך אין דער שול האָבן די זעלבע כוליגאַנעס אַריינגעוואָרפן שטיינער און אין איינוועגס אָנגעפאַלן אויף יידישע דורכגייער און זיי געשלאָגן מכות־רצח.

קיין פּאָליציי איז נישט געווען צו זען. עס מוז דערביי אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז אין לאָוויטש איז דאָס טאַקע געווען דער ערשטער אָרגאַניזירטער אַקטיווער אָנפאַל אויף יידן. הגם די לאַ־

וויטשער פּאָליאַקן זענען בדרך־כּלל געווען מער אַנטיסעמיטיש געשטימט און מער אָפּגעזונדערט פון יידן, ווי אין אַנדערע פּוילישע שטעט, ווייל ווי שוין פריער דערמאָנט, איז די יידישע קהילה געווען אַ פאַרהעלטנישמעסיק יונגע און עס האָט דאָ געפעלט די טראַדיציע פון לאַנגיאָריקן שכנותדיקן צוזאַמענלעבן, אָבער צו קיין אַקטיווע מעשים קעגן יידן איז פריער קיינמאָל נישט געקומען.

ווען די ידיעה וועגן די אָפּגעטוענע מעשים איז אָנגעקומען אין דער קהילה, האָט מען גלייך אַלאַרמירט די פּאָליציי, וועלכע האָט סוף־סוף די דעמאָנסטראַציע פונאַנדערגעטריבן. מען האָט באַלד פונאַנדערגעשיקט טעלעגראַמעס צו דער וואַרשעווער וואָיעוואָדשאַפט, צו דער יידישער „קאָלאָ” אין סיים, און אין די רעדאַקציעס פון אַלע יידישע צייטונגען אין וואַרשע, וועלכע זענען ווירקלעך באַלד אויף צומאָרגנס אינדערפרי (און אין דער ערשטער ריי די זייער פאַרשפּרייטע יידיש־פּוילישע צייטונג „נאַש פּזשעגלאָנד”), דערשינען מיט גרויסע טיטול־איבערשריפטן אויף די ערשטע זייטן, וועגן די שענדלעכע פּאָגראָם־מעשים אין לאָוויטש.

צומאָרגנס אין דער פרי, גלייך מיטן עפענען די רעגירונגס־אַמטן, האָט אַ דעלעגאַציע פון דער קהילה, נעמלעך, ביידע פּרעזעסן פון קהילה־ראַט און פאַרוואַלטונג, דערשינען ביים סטאַראָסטע צו אינטערווענירן וועגן דעם ענין. דער סטאַראָסטע האָט נישט אויף קיין קאַטאָוועס זיך געהאַט שטאַרק דערשראָקן (ווייזט אויס, אין דער ערשטער מינוט נאָך תמימותדיק געטראַכט, אַז עס דערוואַרט אים אַן ערנסטע שטראָף פאַר נישט אָננעמען באַצייטנס געהעריקע שריט קעגן דעם ווילדן בושעווען פון די יונגע שילער). ער האָט זיך פאַר דער יידישער דעלעגאַציע זייער אַנטשולדיקט און אויסדריקנדיק זיין מיטגעפיל, האָט ער זיך פאַרענטפערט דערמיט, וואָס ער איז דעם טאָג פריער נישט געווען אין שטאָט, זייענדיק באַשעפטיקט מיט דער אונטערגענומענער קאַרטאָפל־אַקציע ביי די פריצים פון לאָוויטשער פּאָוויאַט, לטובת דער אָרעמער שטאָטישער באַפעלקערונג צום קומענדיקן ווינטער.

דעם זעלבן טאָג האָט מיר דער דירעקטאָר פון דער שטאָטישער עלעקטראָווניע, וועלכער איז געווען שטאַרק באַפריינדעט מיטן סטאַראָסטע, מוסר סוד געווען, אַז לא דובים ולא יער. דער סטאַראָסטע איז טאַקע נישט געווען אין שטאָט, אָבער זיך פאַרנומען נישט מיט „קאַרטאָפל”, נאָר זיך באַטייליקט, צוזאַמען מיט די פריצים, אין אַ גרויסער פּאָלאָוואַניע (יאַגד) אין די אַרומיקע וועלדער.

אין מיטן געשפרעך מיט דעם סטאַראָסטע, האָט געקלונגען דער טעלעפאָן; דאָס האָט דער דירעקטאָר פון זיכערקייט־דעפּאַרטאַמענט אין דער וואַרשעווער וואָיעוואָדשאַפט טעלעפאָניש געפאָדערט אַ באַריכט איבער די געשעענישן. (ווי עס איז אונדז שפּעטער מיטגעטיילט געוואָרן, האָט נאָך אין דער זעלבער נאַכט דער דעמאָלטיקער סיים־דעפּוטאַט ראָזמאַרין אינטערווענירט וועגן דעם ענין אין אינערן־מיניסטעריום).

די תשובה פון סטאַראָסטע אין אונדזער אָנוועזנהייט איז ווידער געווען די זעלבע: די מעשה מיט דער „קאַרטאָפל־אַקציע” און די פאַרזיכערונג, אַז ער נעמט אָן די ענערגישסטע שריט, מער נישט צו דערלאָזן צו אַזעלכע מעשים און צו באַרואיקן די געמיטער. ער האָט גלייך אויפן אָרט געגעבן אַ באַפעל דעם פּאָליציי־קאָמענדאַנט אַרויסצושיקן איבער דער שטאָט פאַרשטאַרקטע פּאָליציי־פּאַטרולן און באַזונדערס באַוואַכן די יידישע וווינונגס־געגנטן.

אַ דעלעגאַציע פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג און יידישע ראַטמענער, האָט אויך אינטערווענירט ביי דעם בירגערמייסטער, מיכאַלסקי.

עס איז תיכף צונויפגערופן געוואָרן אַ זיצונג פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, צו וועלכער עס איז איינגעלאַדן געוואָרן דער דירעקטאָר פון דער האַנדלס־שול. דער לעצטער איז אויפגעפאָדערט געוואָרן אַדורכצופירן אַ שטרענגע אויספאָרשונג, אין דער ערשטער ריי, קעגן אַ געוויסער אַנטיסעמיטישער לערערין, וועלכע זאָל האָבן, לויט באַגרינדעטע אינפאָרמאַציעס, געהעצט קעגן יידן בעת די שול־לעקציעס, סיי אָננעמען אַנטשפּרעכנדיקע שטראָף־מיטלען קעגן די שילער, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין די אַנטי־יידישע עקסצעסן.

אין די ערשטע טעג האָט זיך דער סטאַראָסטע כּסדר טעלעפאָניש ביי מיר אינפאָרמירט וועגן דער שטימונג צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, בעטנדיק דערביי צו „באַאיינפלוסן” די יידישע יוגנט, נישט צו רעאַגירן אויף אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף די ספּאָראַדישע אינצידענטן, נאָר וועגן יעדן איינצלנעם פאַל, אים גלייך מעלדן.

יידישע פרנסים געזעגענען זיך מיטן קהילה־פּרעזעס, א. וואַרטסקי (צענטער) אין לאָקאַל פון דער קהילה ערב זיין עליה אין סעפּטעמבער 1935

אויסער דעם האָט זיך דאַן ביי דער קהילה אָרגאַניזירט אַן אַנקלאַגע־ביוראָ, וואָס איז באַשטאַנען פון אייניקע סטודענטן, וואָס האָבן שטודירט אין די וואַרשעווער הויכשולן, און פון שילער פון די העכערע קלאַסן פון די אָרטיקע מיטלשולן.

עדי־ראיה און באַשעדיקטע זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן צו קומען אין דער קהילה, ווו עס זענען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן, אויפן יסוד פון גבית־עדות, גענויע פּראָטאָקאָלן וועגן אַלע איינצלהייטן פון די געשעענישן און באַשעדיקונגען.

עס זענען אָנגערופן געוואָרן נעמען פון אייניקע לערערס פון לערער־סעמינאַר און פון גימנאַזיע, וועלכע זאָלן האָבן אָרגאַניזירט די דעמאָנסטראַציע, עס איז אויך אָנגעוויזן געוואָרן אויף שילער, וועלכע האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די אָנפאַלן. נאַטירלעך, האָבן די אַלע אין דער פּאָליציי געלייקנט שטיין און ביין.

אויסגעלאָזט האָט זיך דער גאַנצער ענין, ווי געוויינלעך אין אַזעלכע פאַלן, מיט אייניקע לייכטע באַשטראָפונגען. און מיט דער צייט איז די זאַך אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן.

די אָרטיקע אַדמיניסטראַטיווע מאַכט־אָרגאַנען האָבן זיך שנעל איבערצייגט, אַז די צענטראַלע מאַכט נעמט גאָרנישט אַזוי ערנסט די זאַך, ווי מ׳האָט זיך לכתחילה פאָרגעשטעלט, נו, האָט מען טאַקע זיך באַמיט דעם גאַנצן ענין צו פאַרשלעפן און פאַרטושן.

שלוס-וואָרט

ווי עס איז צו זען פון די אויבנגעבראַכטע באַשרייבונגען, האָבן די ראשי־הקהל און פרנסים פון דער לאָוויטשער יידישער קהילה, הגם זיך נישט געקענט באַרימען מיט אימפּאָזאַנטע מעשים און אויפטוען, דאָך זענען זיי שטענדיק, און יעדער אין זיין דור און אין זיין תקופה, געשטאַן אַלץ מעגלעכע, כדי צו הילף קומען דעם פרט, ווי דעם כלל; געוויייטיקט דעם ווייטיק פון קהל, און נישט איינמאָל בעת צרות, רדיפות און גזירות, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט געפעלט, זיך אויסגעשטעלט אויף סכנות און מיט אמתער מסירת־נפש אינטערווענירט, זיך משתדל־געווען, נישט געזשאַלעוועט קיין מי און צייט אַלס וואַרהאַפטע שליחי־ציבור, כדי צו פאַרלייכטערן דעם עול סיי פון יחיד און סיי פון ציבור; שטענדיק געטראָגן אין זיך אַ וואַרעם יידיש האַרץ, און הילפסגרייט געווען כדי צו לינדערן און מילדערן ווי ווייט מעגלעך די נויט פון זייער עדה.

מיינע „בלעטלעך געשיכטע פון דער יידישער קהילה אין לאָוויטש״, שליסן זיך אָפּ מיטן יאָר 1935, ווען איך בין עולה געווען מיט מיין פאַמיליע און זיך באַזעצט אין חיפה. אָבער ביז די לעצטע טעג פאַרן שטורעם, בין איך געשטאַנען אין גאָענטן קאָנטאַקט מיט מיין היימשטאָט און מיט אירע טרייע קהילה־פאַרשטייער, ווען דער אכזריותדיקער גורל האָט פּלוצלינג אַזוי טראַגיש פאַרשניטן.

זאָלן אָט די „בלעטלעך געשיכטע״, וועלכע זענען אָפּגעראַטעוועט פון פאַרגעסונג, דינען אַלס אומשטערבלעכער מאָנומענט פאַר זייער געדעכעניש — פאַר אַלע קדושי ישראל הי״ד.

חיפה, 1948

לואי סיגאַל

ערשטער שטרייק פון באלעבאטישע קינדער

מיט אַרום 60 יאָר צוריק איז אין לאָוויטש נישט געווען קיין גרויסער יחוס צו זיין אַ בעל־מלאכה. עלטערן וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק צו האָבן זין, האָבן געהאָפט, אַז זייערע קינדער וועלן זיער זיין באַרימטע רבנים און אויב נישט קיין רבנים, זאָלן זיי כאָטש זיין פון אַ קלענערער מדרגה, אבי נישט קיין בעל־מלאכות.

לואיס סיגאַל ז״ל

די אָרעמקייט אין שטאָט איז אָבער געווען זייער גרויס. און ווען די קינדער זענען געוואָקסן, זענען צוזאַמען מיט זיי אויך געוואָקסן די עקאָנאָמישע באַדערפעגישן. פיל עלטערן האָבן דערפאַר נישט געקענט ביישטיין דעם דרוק פון דער עקאָנאָמישער נויט און זיך דערלויבט מסכים צו זיין, אַז זייערע קינדער זאָלן אָנפאַנגען ביי עפּעס אַרבעטן. נישט ווילנדיק אָבער פאַרשוועכן זייער יחוס מיט אַזעלכע מלאכות ווי שניידעריי, שוסטעריי, אָדער ענלעכע מלאכות, האָט מען זיך דערלויבט צו העלפן אַריינפירן די דערוואָקסענע קינדער אין אַ פאַך, וואָס איז געווען פאַררעכנט פון די יחוס־פאַכן, דאָס איז זאָקן־מאַכריי.

אַזוי האָט טאַקע פּאַסירט און אין עטלעכע יאָר צייט האָט מען געפונען אין דעם קליינעם שטעטל לאָוויטש אַרום 100 (און אפשר מער) פון באַלעבאַטישע זין און טעכטער אין פאַבריקן פון זאָקן־מאַכריי. ווען די זאָקן־מאַכער האָבן געדרייט די מאַשינען 16—18 שעה א מעת־לעת, האָט מען פאַר די פענצטער פון די פאַבריקן שטענדיק געזען פאַרזאַמלט גרעסערע גרופּן מענטשן. צו וואָס זענען די מענטשן דאָרט געשטאַנען? אויף וואָס האָבן זיי געוואַרט? זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט, כדי צו הערן שיינע לידער, יידישע, העברעאישע און אפילו אָפּערע־אַריעס. זיי זענען געשטאַנען און מיט בייגעריקייט געהערט די זאָקן־מאַכער ציען אַ ניגון, וואָס האָט דערמאָנט אין בית־מדרש...

דער איבערגאַנג פון זאָקן־מאַכער פון בית־מדרש אין פאַבריק איז נישט געווען קיין לייכטער, אָפּטמאָל האָבן די, וואָס האָבן די פעריאָדע מיטגעמאַכט, געזוכט צו דערהויבן זייערע אייגענע געמיטער דורך קאָלעקטיוון געזאַנג, וואָס האָט געהאַט אַ שם אין דעם גאַנצן געגנט אין יענער צייט.

די פאַרדינסטן פון די זאָקן־מאַכער זענען געווען קליינע. די

באַלעבאַטים זענען אַלע געווען חסידים פון גערער, אַלעקסאַנדער, אָדער גאָר אָסטראָווצער שטיבלעך. זייער פרומקייט אין טראַדיציאָנעלן זין האָבן זיי שטרענג אָפּגעהיטן, אָבער, און דאָ קומט די צרה: ייען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פרייזן, וואָס זיי זאָלן צאָלן זייערע בעל־מלאכות, זענען זיי געווען שטאַרק איינגעשפּאַרט און שטענדיק געזען, אַז די פרייזן זאָלן זיין וואָס קלענער. אַלס רעזולטאַט פון דעם האָבן די זאַקן־מאַכער געאַרבעט זייער שווער און די פאַרדינסטן זענען געווען זייער קליין.

אין יאָר 1905, אָדער 1906, ווען אין שטעטל לאָוויטש האָבן דערגרייכט ידיעות וועגן רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען אין רוסלאַנד און אין פוילן, וועגן אויסברוכן פון שטרייקן, איבערפאַלן אויף צאַרישע באַאַמטע, און ווען יעדן שבת נאָכמיטאָג זענען די טראָטואַרן פון דער פאָדזשעטשנאַ־גאַס געווען פול מיט בעל־מלאכות פון פאַרשידענע פאַכן, בית־מדרש־בחורים, היימישע מיידלעך, וואָס האָבן געוואַרט פאַר שידוכים און די געשפּרעכן זענען געווען וועגן וועלט־פּאָליטיק. די מפּלה פון רוסלאַנד אויפן שלאַכטפעלד מיט יאַפּאַן, דער אונטערשיד פון די פּראָגראַמען פון „בונד", ס. ס., פּועלי־ציון, די מעגלעכקייט אויפצובויען ארץ־ישראל אַלס אַ יידיש לאַנד, געשפּרעכן וועגן פּלענער צו אָרגאַניזירן דאָס רוסישע מיליטער, וואָס האָט זיך דאָ געפונען אין לאָוויטש, ענינים פון יידישער קולטור און וועגן פאַרשידענע אַנדערע, דאַן זיכער זייער וויכטיקע זאַכן.

האָט מען זיך איינמאָל דערוווּסט, אַז עס איז געקומען אַ יונגערמאַן און זיין נאָמען איז לייבוש. געקומען איז ער פון לאָדזש און ער וויל האָבן אַ פאַרזאַמלונג מיט די זאָקן־מאַכער.

די פאַרזאַמלונג איז צוזאַמענגערופן געוואָרן. דער באַרימטער לייבוש פון לאָדזש האָט געהאַלטן אַ באַגייסטערטע רעדע וועגן קלאַסן־קאַמף, וועגן דער שלעכטער וועלט, וועגן דעם פינצטערן צאַריזם און דער עיקר האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַרבעטער דאַרפן זיך האַלטן צוזאַמען, און אַז די זאָקן־מאַכער דאַרפן קריגן צו צוויי גראָשן מער ווי זיי קריגן פאַר אַ טוץ זאָקן.

די וועלט־פראַגן און די הויכע ווערטער וועגן אַ שענערער און בעסערער וועלט, וועגן סאָציאַליזם, זענען גראָד נישט צו טיף אַריין אין די מוחות פון די זאָקן־מאַכער. דער געדאַנק אָבער, אַז עס איז מעגלעך צו קריגן אַ גראָשן אָדער צוויי מער פאַר מאַכן אַ טוץ זאָקן, דער געדאַנק האָט זיך גראָד יאָ איינגעקעקבערט טיף אין די מוחות פון די צוהערער, און עס איז געגעבן געוואָרן אַ הייליקע שבועה צו שטיין צוזאַמען און קעמפן מיט די חסידישע בעלאָבעטים.

אַלס רעזולטאַט פון דער פאַרזאַמלונג און פון דער שבועה, וואָס מען האָט געגעבן, איז דערקלערט געוואָרן דער ערשטער שטרייק אין לאָוויטש, אַ שטרייק געפירט מיט אַלע שטרייק־מעטאָדן, אפילו די מעטאָד פון פאַרברענען דעם ביינוול, ווען די באַלעבאַטים האָבן געמאַכט אַ פּרוּוו אַרויסצושיקן אַרבעט אין אַנדערע שטעט. מען האָט אפילו אויך באַנוצט אַ מעטאָד פון שלאָגן די באַלעבאַטישע ווייבער און קינדער פאַר נישט ווערן נאָכגעבן דעם שטרייק גענוג שנעל.

אין די הייַנטיקע יאָרן, אַז מען הערט דאָס וואָרט „אַרביט־ראַזש" (פאַרמיטלעריי אין שטרייק) מיינט מען, אַז דאָס איז אַ מאָדערנע דערפינדונג. אַזוי טראַכטן פיל אין אַמעריקע, און זיכער אויך אין אַנדערע לענדער. אינטערעסאַנט אָבער איז, אַז דער ערשטער שטרייק אין לאָוויטש פון די זאָקן־מאַכער איז געשליכטעט געוואָרן דורך אַרביטראַזש.

עס זענען אָנגעגאַנגען לאַנגע פאַרהאַנדלונגען ביז מען האָט זיך געאייניקט אויף אַן אָפּמאַך. נישט אַלע פאָדערונגען האָבן די באַלעבאַטים נאָכגעגעבן, אָבער מען האָט דעם שטרייק געשליכטעט. די אַרבעטער מיט די באַלעבאַטים האָבן געטרונקען לחיים. מען האָט צוגעזאָגט צו פאַרגעסן די ביטערע געפילן, וואָס דער שטרייק האָט געשאַפן פון איינעם צום אַנדערן, און די זאָקן־מאַשינדלעך האָבן ווידער אָנגעהויבן זיך דרייען, די גאַסן זענען ווידער פאַר־הילכט געוואָרן פון די לידער, וואָס די זאָקן־מאַכער האָבן אַזוי שיין געזונגען. פון דאַן־אָן איז לאָוויטש געוואָרן אַ שטאָט גלייך מיט אַלע שטעט, האָבנדיק אָרגאַניזאַציעס מיט שטעמפּלען (און טאָקע רויטע). אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע האָט מען אויך געהאַט געווער, וואָס בלויז געציילטע יחידים האָבן געוווּסט ווו עס געפינט זיך.

שפּעטער, מיטן אויפשוווּנג פון קולטור־באַדערפעניש, ביי די מאַסן איז געגרינדעט געוואָרן אַ ביבליאָטעק מיט אַ לייען־זאַל, אַרום וועלכע אַלע האָבן זיך גרופּירט. און אַזוי איז פון שטופע צו שטופע געגאַנגען דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין דעם שטעטל לאָוויטש, ביז פיל זענען אַדאַנק שווערע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדינגונגען געצוווּנגען געווען אויסצוּוואַנדערן אין פאַרשידענע לענדער אין דער וועלט.

גועזעלשאַפטלעכע טוער אין 1916. פון רעכטס צו לינקס: נפתלי לעוו־קאָוויטש (שטייט). עס זיצן: מלך קילבערט, ה. הענדעלעס, עזריאל אַמשינאָווסקי, שמחה רעכטמאַן

י. קראַנענבערג ז״ל

יידישער רענעסאַנס אין מיין היים-שטאָט

1. „לאָוויטש פּראָלעטאַריזירט זיך״

דאָס איז געווען אין דער בליאונגס־תקופה פון קאַפּיטאַליזם. דער אינדוסטריעלער אויפשווּנג פון מערב הויבט אָן אַריינדרינגען אין אינדוסטריעלן צוריקגעשטאַנענעם רוסלאַנד און די עקספּאַנסיע גייט פון די מערב־טיילן. לאָדזש ווערט די קאָנצענטראַציע פון דער יונגער קאַפּיטאַליסטישער עקספּאַנסיע אין פּוילן. דער יידישער און דייטשער עלעמענט אינדוסטריאַליזירט לאָדזש, עס וואַקסן פאַבריקן, פאַבריקלעך און וואַרשטאַטן. דער יונגער קאַפּיטאַליזם זוכט ביליקע אַרבעטס־הענט. די לאָדזשער דייטשע אינדוסטריעלער ציען אַריין אין זייערע פאַבריקן די דייטשע און פּויערישע איבערזידלער — די יידישע אָרעמקייט אין לאָדזש און איר אומגעגנט פּראָלעטאַריזירט זיך טיילוויַיז; אַנדערע ווערן פאַרמיטלער צווישן פּראָדוצירער און פאַרברויכער.

אין לאָדזש פעלן אויס אַרבעטס־הענט. די קאַפּיטאַליסטישע עקספּאַנסיע גייט אין שטעטל, דרינגט אַריין אין דער ראָמאַנטישער מלוכה פון ר׳ יחזקאל גאָמבינער. אויף די שמוציקע, צעלעכערטע טראָטואַרן פון זדונסקאַ גאַס, פון וועמענס ביידע זייטן עס ציען זיך איינשטאָקיקע פאַראַרעמטע הייזלעך מיט נאַפּט־באַלויכטענע קנויט־לעמפּלעך אין וועמענס געוועלבלעך עס זיצן האַלב־פּאַטריאַרכאַלישע יידן און יידענעס אין הייבלעך, וואָס וואַרעמען זיך אין קאַלטע ווינטער־טעג ביי אַ טעפּל ברענענדיקע האָלץ־קוילן און צווישן איין קונה און דעם צווייטן בלעטערט מען דורך אַ בלעטל משניות, אָדער אַ מעשה פון שרה בת טובים. אין דאָזיקן געטאָ, וואָס האָט געלעבט גאַנץ אָפּגעזונדערט פון „יענער זייט״, האָבן זיך מיט איינמאָל באַוויזן עטלעכע לאָדזשער יידן, זעלבפאַרשטענדלעך יידן מיט לאַנגע בערד, סאַמעטענע היטעלעך, אַרומגעדרייטע פּיאות אונטער די אויערן. די דאָזיקע „קאַפּיטאַליסטן״ זענען דאָס געקומען קיין לאָוויטש זוכן אַרבעטס־הענט פאַר דער יונגער לאָדזשער אינדוסטריע.

די פּיאָנערן פון דער דאָזיקער לאָדזשער זאָקן־אינדוסטריע זענען געווען צוויי באַבערדלטע יידן: יונה בעריש און איטשע מאיר זאָקנמאַכער. קיין לאָוויטש האָבן זיי מיטגעבראַכט עטלעכע שימאַנסקיס זאָקן־מאַשינדלעך, וואָס זענען אין יענער צייט געווען זייער פּאָפּולער אין דער זאָקן־אינדוסטריע, עטלעכע שפּאָל־רעדלעך און ביי יעקל גאָלדבערג אין הויז (זדונסקאַ 44), אויף אַ בוידעם־שטיבל פון ערשטן שטאָק, ווערן אויף צוויי ברעטער, וואָס ליגן אויף קאָזליעס, אָנגעשרויפט 12 זאָקן־מאַשינדלעך. נעבן די זאָקן־מאַשינדלעך, אויף דער שמוציקער פּאָדלאָגע, שטייען פיר שפּאָל־רעדלעך און אָרעמע חסידישע קינדער, יינגלעך און מיידלעך, באַגלייט מיט אַ טיפן קרעכץ פון די עלטערן, וואָס האָבן דערלעבט צו דער „חרפּה״, אַז זייערע קינדער זאָלן ווערן בעל־מלאכהס, אָבער נויט איז שטאַרקער פון אייזן.

ביי די מאַשינדלעך זיצן שלמה זלמן דיאַמאַנט ז״ל (דערהרגעט געוואָרן בעתן וועלט־קריג אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי), בונם פּינטשעווסקי, יחיאל מאיר גרינבלאַט, פישל און לייביש זאַקליקאָווסקי, נחמן שימעלעס, גדליה יאַקובאָוויטש און אַנדערע. ביי די רעדלעך — עטלעכע חסידישע מיידלעך, וועמענס נעמען איך געדענק נישט גענוי.

אַזוי איז אַנטשטאַנען די ערשטע לאָוויטשער זאָקן־פאַבריק. פאַר זעקס גילדן אַ וואָך (אַ קאַרגן רוסישן רובל) זענען די דאָזיקע מענטשן געזעסן 14 שעה אין מעת־לעת און געדרייט די מאַשינדלעך אָן אָטעם. און פּונקט ווי די קוימענס אין לאָדזש, זענען ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן געוואָקסן די זאָקן־פאַבריקלעך אין לאָוויטש. ווער עס האָט נאָר געהאַט עטלעכע רובל, איז געלאָפן קיין לאָדזש זיך איינקויפן אַ מאַשינדל. דאָס ווייבל האָט געשפּאָלט און דער מאַן האָט געדרייט זאָקן.

אַזוי האָט זיך מיין היימשטאָט, דאָס חסידישע צוריקגעהאַלטענע לאָוויטש, פיבערהאַפט אינדוסטריאַליזירט.

די פּראָלעטאַריזאַציע האָט אויך מאָראַליש און גייסטיק משפּיע געווען אויף דעם גייסטיקן מצב פון שטעטל. מיט דער פּראָלעטאַריזאַציע איז געוואָקסן נישט בלויז דער קלאַסן־באַוווסטזיין און דראַנג צו אָרגאַניזאַציע, נאָר אויך דער דראַנג צו בילדונג און וויסן, עס איז געווען אין די ראָמאַנטישע רעוואָלוציאָנערער יאָרן. און פון צייט צו צייט האָבן פאַרבלאָנדזשעט קיין לאָוויטש געהיימנישפולע ליטוואַקעס אין פּאַלערינעס און לאַנגע האָר, און אין בית־מדרש, אונטערן שלאָס־באַרג, איז אַרקאַדיע־וועלדל, האָבן זיך פאַרזאַמלט יוגנט און אָן אָטעם זיך איינגעהערט צו דער בשורה וועגן אַ נייער וועלט, וואָס וועט אויפגיין אויף די חורבות פון צאַריזם. די דאָזיקע זאָקנמאַכערס, וואָס זענען געווען קינדער פון דער חסידישער קאַסטע, האָבן זיך שנעל אויסגעמישט מיט די פאַראָרעמטע שוסטערס און שניידערס. עס זענען נאָך צוגעקומען עטלעכע רייכע בחורים, ווי יחיאל מאיר זילבערבערג, אברהם וואַרטסקי און אַנדערע יחסנישע זין, וועלכע האָבן זיך אויסגע־

מישט מיט די פּראָסטע שניידערס. און ביים שניידער יהושע מאָזעס ז״ל (געשטאָרבן אין 1926 אין בוענאָס איירעס) אין קליינעם קיכשטיבל, פלעגט הילכן פון די הייסע דיסקוסיעס ביז שפּעט אין נאַכט. די פּראָלעטאַריזאַציע האָט אויסגעבילדעט אַ באַוווסטזיניק־פּראָלעטאַרישן עלעמענט, אין וועמענס שפּיץ עס האָבן זיך אַרויסגערוקט אויסער יהושע מאָזעס, בונם פּינטשעווסקי, לייביש זאַקליקאָווסקי (לואי סיגאַל) * און מאָטל בראָט. אָבער דער קולט פאַרן רבין, וואָס די זאָקנמאַכערס האָבן מיטגעברענגט פון זייערע חסידישע היימען, האָט געלעבט אין זייערע הערצער. און זיי האָבן געבענקט נאָך אַ פירער, נאָך אַ מנהיג, אַ רבין און ער איז דאָך געווען ביי יידן, און זיין נאָמען איז אַרויסגערעדט געוואָרן מיט יראת הכבוד, כאָטש מען האָט אים אפשר ווייניק געלייענט און פאַרשטאַנען. די לאָוויטשער זאָקנמאַכערס האָבן דעריבער באַשלאָסן צו ברענגען דעם דאָזיקן מנהיג קיין לאָוויטש אויף אַ פאַרלעזונג. מען האָט חדשים־לאַנג צונויפגעלייגט אַ גראָשן צו אַ גראָשן און מאָטל בראָט איז דעלעגירט געוואָרן קיין וואַרשע און צוריקגעקומען מיט דער גוטער בשורה, אַז ער האָט גערעדט מיט אים, מיט י. ל. פּרץ, און ער קומט קיין לאָוויטש. און נישט איינער האָט מקנא געווען מאָטלען — אַליין דעם כבוד געהאַט צו רעדן מיט אים אַליין. ביי אַ פולגעפּאַקטן זאַל, פון קליין ביז גרויס, מיט אַלע זאָקנמאַכערס אויסגעזעצט אין די ערשטע דריי רייען פאַר אויסגעקויפטע האַלב־רובלדיקע בילעטן (האַלבער וואָך לוין פון אַ זאָקנמאַכער), האָבן לאָוויטשער זאָקנמאַכערס, דער פּערל פון דער אַמאָליקער יוגנט אין לאָוויטש, אויפגענומען דעם גרויסן יידישן דיכטער י. ל. פּרץ — וגם אני הקטן בתוכם.

„מאַזאָווישער וואָכנבלאַט״, 18־טן פעברואַר 1938.

2. יעקב-אהרן, יאסל סמאראוואז און... ד״ר הערצל

די אָרגאַניזאַציע פון די זאָקנמאַכערס, די אָפּטע שטרייקן, וועלכע זענען אַ ל ע געווונען געוואָרן, די אויפגעוואַכטע אַרבעטער־מאַסע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן באַווייזן אויף דער גאַס, די ביבליאָטעק, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן, דער דראַנג צו בילדונג און וויסן פון די אַרבעטער־מאַסן און זייערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, האָבן נישט געלאָזט שלאָפן די לאָוויטשער באַלעבאַטים. פון דער צווייטער זייט, האָט אויך דער ציוניזם אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין שטעטל — ער איז אָנגעקומען קיין לאָוויטש וויי־ניקער דרייסט, ווי די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון די „אחדות־יונגען״, מיט ווייניקער חוצפה, פאַר פּראָסטע זאָקנמאַכערס און שניידער־יונגען פּאַסט רעוואָלוציאָנער צעברעכן מיטן געטאָ — אָבער נישט פאַר באַלעבאַטים, באַיאָרטע יידן, קעסט־איידעמס אין די שטיבלעך, וואָס זענען מאַטעריעל געווען אָפּהענגיק פון שווער־און־שוויגער. דערמיט דערקלערט זיך דאָס, וואָס איינער פון די פאָרשטייער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין לאָוויטש איז נישט געווען קיין לאָוויטשער. פון איין זייט האָט די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג געשאַפן ביים בירגערטום די נויטווענדיקייט פון אָרגאַניזאַציע, אָבער פון דער צווייטער זייט איז דאָס בירגערטום נאָך געווען טיף פאַרפלאָנצט אין פינצטערניש, צדיקיזם און האָט זיך מורא געהאַט פון דאָרט אַ ריר צו טאָן.

איך ווייס נישט, צי יאָסל סמאַראָוואָז (גרינבערג) איז פּאַקטיש געווען אַ ליטוואַק — פאַר ליטוואַקעס האָט מען אין לאָוויטש געהאַלטן אַלע, וואָס האָבן נישט גערעדט מיט „עטץ״, „אונץ״, און האָבן געשטאַמט פון ווייטער ווי די וואַרשעווער גובערניע. איז אַראָפּגעקומען אַ ייד אין שטעטל אַריין מיט אַן אונטערגעשוירענער באָרד, געטראָגן אַ האַרטן קראַגן און קיינער האָט נישט געוווּסט ווער ער איז, האָט ער ערגעץ אויסגערעדט עטלעכע ווערטער און געקראָגן אַ ספּעציעלן נאָמען: „ד״ר הערצלס מענטש״, אַ ציוניסט. און אויב ד״ר הערצלס אַ מענטש, אַ ציוניסט, מסתמא אויך אַן אפּיקורס °.

אָבער דער „ליטוואַק״ איז געגאַנגען זיין וועג — האָט אַגיטירט פאַרן ציוניזם, פאַרשפּרייט ציוניסטישע ליטעראַטור צווישן דער יוגנט און אַריינגעצויגן אין דער פּאַרטיי עטלעכע לאָוויטשער באַלעבאַטים. די ציוניסטישע פּיאָנערן מרדכי ביאַלק און יעקב אהרן טושינסקי האָבן אויך באַאיינפלוסט עטלעכע יונגע באַלעבאַטישע זין, ווי אברהם וואַרטסקי, און זיי האָבן אָנגעהויבן פירן אַן אַגיטאַציע אין שטאָט און געגרינדעט אַ ציוניסטישע פּאַרטיי.

דעמאָלט איז געגרינדעט געוואָרן אין לאָוויטש א חדר מתוקן, ווו מען האָט געלערנט חומש מיט דיקדוק נישט לויט דער סדרה. צו דער דאָזיקער ציוניסטישער גרופּע דאַרף מען אויך צורעכענען דעם שילדן־מאָלער שאול מייגראָם, וועלכער איז געווען אַ שטיקל משכיל און אויסער מאַכן שילדן, האָט ער אויך געגעבן לעקציעס פון לשון קודש. די דאָזיקע מענטשן האָבן באַאיינפלוסט אַ טייל חסידישע זין און געשאַפן אין לאָוויטש אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע.

ס׳וואָלט געווען אַן עוולה נישט צו דערמאָנען דאָ יאָסלס פרוי — רחל. זי האָט געהאַט אַן אמת מאַמע־לשון און געקאָנט איבערעדן אַ וועלט. און איר גאַנצער נחת אין לעבן איז געווען פירן דיסקוסיעס און איבערצייגן, אַז ד״ר הערצל איז טאַקע גערעכט און מען דאַרף אָפּקויפן ביים טערק פּאַלעסטינע. צוגעהאָלפן צום פאַרשפּרייטן דעם ציוניסטישן געדאַנק אין לאָוויטש האָבן אָבער אַמערסטן די „פּראָלעטאַרישע״ ציוניסטן. געטאָן האָבן דאָס לייבוש און פישל זאַקליקאָווסקי. איבערהויפּט לייבוש, וועלכער האָט שטאַרק אַגיטירט צווישן דער יוגנט פאַרן פּועלי־ציוניזם און דער איבערגאַנג איז שוין שפּעטער געווען אַ לייכטער.

דאָס אָרגאַניזירטע בירגערטום האָט געקוקט אויף דער סאָציאַליסטישער יוגנט, וואָס מישט זיך אויס מיט דער מאַסע, ווי אויף מענטשן וואָס טוען אָן זייערע עלטערן חרפות און בזיונות. אָבער אין שטעטל איז אַנדערש געוואָרן. די יוגנט האָט זיך אָנגעהויבן אָפּרוקן פון די „שטיבלעך״, האָט אָנגעהויבן זיך מאַטעריעל און גייסטיק פאַרברייטן צו נייעם לעבן — מען האָט געלערנט און

* לואיס סיגאַל, גענעראַל־סעקרעטאַר פון דעם יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אין אַמעריקע. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, אין 1964.

געברענגט פרעלעגענטן, און אונדזער ליבער יחיאל זיידע * איז אפט געפארן קיין ווארשע און געברענגט נייע ביכער. זייט מיר טויזנט מאל מוחל, לאוויטשער יידן — איך וועל נישט איבערטרייבן, ווען כ׳וועל זאגן, אז דווקא יחיאל זיידע * מיט זיין פארשלאמפערטן פאלטן, האט די גרעסטע קולטור־פארדינסטן פאר לאוויטש. ער האט יארנלאנג דערצויגן א יוגנט, זי פארזארגט מיט ביכער, איר געגעבן עצות און, טראץ זיין נישט־קולטורעלער קאפאטע, איז יחיאל זיידע דער פארדינסטפולער קולטיר־טוער פון דער אמאליקער לאוויטשער יוגנט.

אבער די צייט איז געגאנגען אין אן אנדערן וועג.

3. די צייטן בייטן זיך

די שנעלע אנטוויקלונג און מעכאניזירונג פון דער לאדזשער אינדוסטריע האט גורם געווען דערצו, אז די האנט־מאשינדלעך האבן מער נישט געקאנט זיך צופאסן צו די נייע פרייזן. אין שטעטל האט מען דערציילט, אז אין לאדזש ארבעט מען אין קלענערע ווארשטאטן, וואס זענען ערשט נישט לאנג געעפנט געווארן. די „פאבריקאנטן" זענען טיילוויז איבערגעגאנגען צו האנדל, אנדערע זענען אוועקגעפארן קיין לאדזש און די זאקן־אינדוסטריע אין לאוויטש האט זיך איבערגעטראגן אין די היימען פון די בעל־מלאכהס. מען האט אפגעקויפט א מאשינדל מיט א שפאל־רעדל, ווו ס׳ווייב האט געשפאלט און געפארמט, און דער מאן, אדער קינדער, האבן געדרייט דאס מאשינדל ביז שפעט אין דער נאכט. די זאקן האט מען שוין נישט געפרעסט און געפאקט אין ריין פאפיר און אוועקגעשיקט קיין לאדזש — נאר מען האט זיי ארויסגעפירט אויף די מערק פאר די פויערים און געטאן האבן דאס — די נעכטיקע פראלעטאריער אליין, וועלכע זענען פארוואנדלט געווארן אין האנטווערקער און קליינהענדלער. פאראלעל מיט דער דאזיקער עקאנאמישער ירידה, איז אויך געגאנגען די פאליטישע און פראפעסיאנעלע ירידה.

די רעאקציאנערע ווינטן, וואס האבן געבלאזן איבער דער רוסישער אימפעריע, די צארישע רוט, האט אפגעשראקן דעם אנגעלאפענעם קליינבירגערטום, מען האט פארלוירן דעם גלויבן אין די ראמאנטישע צייטן, דער סאציאליזם איז נאך געווען א ווייט פראבלעם און די געבראטענע טייבעלעך זענען נישט ארייננגעפאלן אין מויל — איז דאס קליינבירגערטום און די וויניקבאוווסטזיניקע אוועק און געבליבן זענען נאר שטארקע, רייפע און באוווסטזיניקע. אזוי ווי איבעראל, האט אויך די לאוויטשער יוגנט זיך אנגעהויבן קלאמערן ארום דער יונגער יידישער פאלקס־קולטור. די ערטער פון מארקס און לאסאל האבן איצט פארנומען פרץ און אש און אנשטאט עקאנאמישע ליטעראטור, זשורנאלן און דיסקוסיעס, האט מען איצט מיט א פארכאפטן אטעם געלייענט יעדעס נייע יידישע בוך, יעדן זשורנאל, יעדע צייטונג, מען האט פארהייליקט דאס געדרוקטע ווארט און די „ליטערארישע מאנאטשריפטן", וואס זענען דעמאלט דערשינען אונטער דער רעדאקציע פון ש. ניגער, א. ווייטער און גארעליק, האבן אין לאוויטש געהאט העכער 10 אבאנענטן און ביז 100 לייענער. און נישט מען האט געלייענט — נאר זיך געלערנט פון אויסנווייניק, ווי אמאל א בלאט גמרא. דער צענטער איז געווען די ביבליאטעק, ביי א לאנגן טיש האט איר דארט יעדן אוונט געקאנט טרעפן א מאן צוואנציק, פארטיפטע אין ביכער און צייטונגען, כמעט יעדער האט אויסער דעם געהאט א שטיקל ביבליאטעק אין שטוב. דער פאפולערסטער פרעלעגענט איז דעמאלט געווען הלל צייטלין, וואס פלעגט רעגלמעסיק יעדע עטלעכע חדשים באזוכן לאוויטש און שטארק משפיע געווען אויף דער יוגנט. פון וואס האבן די דאזיקע מענטשן געלעבט — איך ווייס עד היום נישט. א טייל האט געארבעט, אנדערע געווען אויף קעסט ביי די עלטערן, נאך אנדערע האבן געגעבן לעקציעס — גייסטיק האט דאס שטעטל געבליט, כאטש די נויט פון די עלטערן האט דערגרייכט פיל מאל צו איינפאכן הונגער. געווען אזעלכע, וואס זענען געגאנגען אין דער ברייטער וועלט און מען האט זיי מקנא געווען — צבי כהן איז שוין איצט געווען רעדאקטאר פון „לאדזשער טאגבלאט", וואלף (איצט וולאדיסלאוו) ווײנטרויב, א שילער פון דער ווארשעווער „שקאלא שטוק פיענקניך", דער שרייבער פון די דאזיקע שורות — רעדאקטאר פון דער טשענסטאכאווער „נייע צייטונג" — אנדערע האבן גענומען דעם וואנדער־שטאק און געפארן זוכן א נײ לעבן מעבר לים. יחיאל מאיר זילבערבערג האט נישט געקאנט איינזיצן און געפארן קיין ווארשע. געווען דארט א שטיקל צייט און ווידער צוריקגעקומען אין שטעטל, ווידער געהאלטן רעדעס און אנגעפירט מיט דער ביבליאטעק. פון דער ארבעטער־באוועגונג איז איצט שוין קיין זכר נישט געווען — אבער לשם טראדיציע האבן די באלעבאטישע פארוואלטונגען פון דער ביבליאטעק אפגעגעבן אן ארט אין דער פארוואלטונג פאר אן ארבעטער, א שניידער.

לאדזש האט אויך אריינגעצויגן אין דער נייער שניידער־אינדוסטריע א סך לאוויטשער. ס׳איז געווען א נחת צו זען, בעת איך פלעג קומען קיין לאוויטש אויף פסח אדער סוכות, די „לאדזשער שניידער", וואס זענען אהיימגעקומען אויף יום־טוב — דאס זענען געווען אמתע עלעגאנטן, וואס האבן זיך היינט נישט צו פארשעמען — זיי האבן אויך לאוויטש געלערנט זיך אנשטענדיק און זויבער צו קליידן.

א גרויסע ווירקונג אויף דער לאוויטשער יוגנט האט אויך געהאט די רוסישע רעאל־שול. די לאוויטשער יידן, אויסער א צוויי אסימילאטארן, זענען דארט נישט געגאנגען, אבער רוסישע יידן, וואס האבן נישט געקאנט אריינקריגן זייערע קינדער אין קיין גימנאזיע אין זייערע געגנטן, האבן אהערגעשיקט די קינדער קיין לאוויטש. די שילער האבן געוווינט ביי יידן, זענען כמעט אלע געווען סאציאל־דעמאקראטן און האבן אין געהיים זייערע פרייע שעהן פארברענגט אין ארבעטער־שטובן. זיי האבן א סך געטאן ארויסצורייסן די יוגנט פון אפאטיע און צוריקגעשטאנענקייט. שפעטער האט אויך דאס נייע לעבן גענומען איינציקוויז ארייננדרינגען צווישן דער פרומער יוגנט. די האנדלס־שול, וואס די פאליאקן האבן געגרינדעט, כדי זיך קעגנצושטעלן דער רוסיפיקאציע, האט צוגעצויגן עטלעכע יידישע מיידלעך און די ביב־

* חסידיש־געקליידעטער יונגערמאן. יארנלאנגער ביבליאטעקאר פון דער יידישער ביבליאטעק אין לאוויטש.

ליאַטעק האָט שוין אויך געהאַט לייענערינס — כאָטש זייער ווייניק, ווייניקער ווי די פינגער פון איין האַנט...

אַזוי האָבן זיך געצויגן טעג און וואָכן און מען האָט דערוואַרט עפּעס אַ גרויסן נס, עפּעס א גרויסע געשעעניש, און די געשעעניש האָט זיך דערנענטערט פון טאָג צו טאָג. מען האָט דערציילט און געשריבן אין די צייטונגען וועגן קריג און אויב מיין זכרון נאַרט מיך נישט אָפּ — האָט קיינער פאַר אים זיך נישט געשראָקן, אַזוי ווי יידן וואַרטן סיי־ווי־סיי, האָבן זיי נישט געהאַט וואָס אָנצווערן. מען האָט געפילט — אפשר פונקט ווי היינט — אַז עפּעס מוז קומען און ענדערן די גרויע ווירקלעכקייט, מוז אומשטירצן די געביידע פון צאַריזם.

דער בייליס־פּראָצעס און די העצע אַרום אים, האָט געהאַט אַ געוואַלדיקן אָפּקלאַנג אין שטעטל. מען האָט געהאַסט דאָס צאַרישע רוסלאַנד און דערוואַרט זיין סוף; אָבער דער בייליס־פּראָצעס און די העצע קעגן יידן, האָט אויך, ווי שפּעטער דער היטלעריזם, געפונען כשרע אָפּנעמער אין פּוילן און אין צוזאַמענהאַנג מיט די וואַלן צו דער פערטער דומע, האָבן די ענדעקעס צעבלאָזן אַ ווילדן באָיקאָט קעגן יידן. מען האָט אַרויסגעגעבן פּאָגראָם־צייטונגען און געשטעלט פּיקעטן פאַר די געוועלבער, געוואָרפן לאָזונגען, וואָס דערמאָנען גענוי די היינטיקע.

אָבער די דאָזיקע האָבן נישט באַוויזן עפּעס אויפצוטאָן, ווי ס'איז אָנגעקומען די גרויסע ידיעה:

וועלט־קריג!

(„מאַזאָוושער וואָכנבלאַט, 18־טן מערץ 1938)

דער ערשטער לאָדזשער האַנטווערקער־פאַריין

פאַרוואַלטונג פון דעם יידישן האַנטווערקער־פאַראיין (1930). עס שטייען פון רעכטס: יוגנטלעכער עליאַש, ח. י. אַפּעלסאָן, ניסן בוימאַל, א. כ״ץ, עלי פיגלאַזש, י. זאַלץ, ג. ווינקלער: עס זיצן: מ. שעפּס, י. גינזבורג, ז. זארמאַן, יוקל גידאַלעוויטש (פּרעזעס), שייקע זילבערמאַן, פּייוויש ראַדזינסקי

אויף דער איניציאַטיוו פון מרדכי ביאַליק ע״ה, איז אין אָנהויב 1920, געשאַפן געוואָרן דער ערשטער יידישער האַנטווערקער־פאַריין, וואָס האָט געדאַרפט זיין אַ קעגנבאַלאַנס צו די אַנדערע פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונגען אויף דער יידישער גאַס. דער לאָקאַל פון דאָזיקן האַנטווערקער־פאַריין האָט זיך געפונען אויף זדונסקאַ 21.

מרדכי ביאַלעק אַליין איז געשטאַנען מן הצד און בלויז געגעבן דירעקטיוו. די דאָזיקע קערפּערשאַפט האָט דעמאָלט געציילט 120 מיטגלידער, וואָס האָבן זיך דאָס רוב רעקרוטירט פון אַלע שיכטן בעלי־מלאכות, מיט אַן איבערוויגנדיקער מערהייט פון שניידערס.

פאָרזיצער פון האַנטווערקער־פאַריין איז געווען זעליק גרינבוים, אַ נאָענטער חבר פון מרדכי ביאַלעק. וויצע־פאָרזיצער — שלום פּיאָנטקאָווסקי. ביידע שניידערס. און סעקרעטאַר — ברוך־מאיר פּיאָנטקאָווסקי (קופּער, היינט אין סידנעי). זיין געהילף איז געווען פּייוול גאָלדוואַסער ע״ה (געשטאָרבן אין סידנעי, 1962).

צוויי יאָר האָט אָנגעהאַלטן די עקזיסטענץ פון דאָזיקן האַנטווערקער־פאַריין, וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַ לעבהאַפטער טעטיקייט. איינגעאָרדנט אויפקלער־פאָרלעזונגען, לעקציעס און געגעבן נויטיקע אָנווייזונגען די בעלי־מלאכות סיי יורידישע עצות. באַזונדערס איז געשאַפן געוואָרן ביים פאַריין א גמילת־חסדים־קאַסע, פון וועלכער עס האָבן גענאָסן צענדליקער פאַראָרעמטע האַנטווערקער.

די טוער פון דאָזיקן האַנטווערקער־פאַריין האָבן אויך אַרויסגעוויזן גרויס פאַרשטענדעניש פאַר דער יידישער קולטור און יידישן טעאַטער, און צווישן אַנדערע קולטור־אונטערנעמונגען אויפגעפירט אַ פאָרשטעלונג אין טעאַטער „עאס״, אין וועלכן עס זענען אַרויסגעטראָטן באַגאַבטע בינע־טאַלאַנטן, ווי אברהם־וואָלף פּעפּער, הערשל ניידאָרף, אברהם העלמאַן, זייגוול פוקס, דער דענטיסט סקאָטניצקי און אַנדערע.

צווישן ביידע וועלט־מלחמות

י. מ. זילבערבערג ז״ל

דאס יידישע לאוויטש אין די יארן 1914—1928

דאס יידישע לאוויטש האט מיט זיך פארגעשטעלט א מדבר, זינט ס'האבן זיך געגעבן צו פילן די גרויליקע סימנים פון די דורכמארשירנדיקע חיילות און די פארוויסטונגען, וואס זיי האבן אנגעמאכט.

דאס פעבל האט אנגעוויזן די סאלדאטן, וואס זענען אנגעקומען אויפן פראנט פון ווייטן סיביר און אנדערע ווייטע רוסישע געגנטן, אויף די יידן, אז זיי זענען דייטשע שפיאנען, וואס העלפן מיט צו דער מפלה פון רוסישן מיליטער. די רוסישע סאלדאטן האבן אפט צום ערשטן מאל געזען יידן וווינען אין קאמפאקטע מאסן. און דאס איז זיי געווען אויף דער האנט צו פאגראמירן יידישע געשעפטן.

יחיאל־מאיר זילבערבערג

דער צופאל האט אויך געוואלט, אז אין די ערשטע וואכן נאך דער קריגס־דערקלערונג פון אויגוסט 1914, זאלן קיין לאוויטש, ווו עס האט זיך געפונען דאס קריגס־געריכט, געשיקט ווערן צוויי יונגעלייט, איינער פון זיי מיטן נאמען דאמאנאוויטש, און נאכן עפנטלעכן שמייסן זיי, זאל איינער אומקומען אונטער די אכזריותדיקע קלעפ פון צעיושעטן המון...

שפעטער, נאך סוכות, ביים צווייטן אויפמארש פון די דייטשן, ווען ס'האט זיך עטלעכע קילאמעטער הינטער לאוויטש געהאט איינגעשטעלט א דייטשע פאזיציע, האט א באמבע אריינגעפלאצט אין א קליין הייזל אויף דער זדונסקא גאס, אין וועלכן ס'האט געוווינט א פאמיליע מיט קליינע קינדער, וואס זענען געהאט אנטלאפן פון די באַרבארישע געשעענישן אין קאליש, און האבן דא געפונען דעם טויט.

דער שרייבער פון די שורות איז געווען איינער פון די געציילטע מענטשן, וואס האבן זיך מתעסק־געווען מיט דער קבורה. און דאס שרעק־בילד פון די צעשמעטערטע גופים איז אים לאנגע יארן געבליבן אין זכרון.

במשך א פאר וואכן פון נאוועמבער־דעצעמבער 1914 איז לאוויטש געווען אין באלאגערונגס־צושטאנד. טאג און נאכט האט זיך געהערט אן אומאויפהערלעכע שיסעריי פון שווערער ארטילעריע, באמבעס זענען געפאלן אויף דער שטאט, און די גאסן זענען געווען אויסגעליידיקט פון מענטשן. אין איין טייל שטאט זענען איינגעפאלן הייזער און באגראבן אונטער זיך די איינוווינער. אין אן אנדערן טייל שטאט איז אנגעגאנגען א לעבהאפטער האנדל. די שטימונג איז געווען א פאנישע און מהומהדיקע, עס האט געפעלט זיכערקייט. אויף דעם אויבנאן רוקן זיך ארויס נייע מענטשן. זיסן און מנהגים ווערן פליסיק.

ווען דאס דייטשע מיליטער האט פארנומען לאוויטש איז אנטשטאנען אן אייגנארטיקער האנדל, וואס זיין הויפט־ציל איז געווען צו באפרידיקן די באדערפענישן פון מיליטער. עס קומען אן מענטשן פון גרעסערע שטעט, ווו עס האט זיך גאר באזונדערס שטארק געלאזט פילן א מאנגל אין עסנווארג. און ווער ס'איז רירעוודיק, ברענגט סחורה פון די גרעסערע שטעט, אין וועלכע מען פארדינט פיל מער ווי געוויינלעך, צוליב די שוועריקייטן מיט וועלכע עס איז פארבונדן דאס ברענגען די סחורה.

די צייט איז רייף פאר הפקרות און צעלאזנקייט, אויפן ארט פון דעם אפטרעטן פון די איינגעשטעלטע מנהגים און לעבנס־שטייגער. און ס'וואקסט אונטער א יונגוואַרג, וואס איז א פראדוקט פון די דעמאלטיקע אייגנארטיקע באדינגונגען, פריי פון יעדן עול. א פוסטקייט הערשט אויף דער יידישער גאס.

הארבסט־צייט, 1915, ווערט געשאפן אין לאוויטש א „יוגנט־פאראיין", וועמענס צילן זענען בילדונג און אויפקלערונגס־ארבעט. קיין מניעה אין געלט־מיטלען איז נישט געווען. און שפעטער, ווען עס שווימט אויף דער פראיעקט צו גרינדן א „הזמיר", אין ברחבותדיקן לאקאל אויפן אלטן מארק, איז ווידער קיין מניעה אין פינאנצן נישט בנמצא. דאס נויטיקע געלט ווערט געשאפן אין געציילטע טעג, סיי אויף באצאלן דירה־געלט און סיי אויף איינקויפן דאס נויטיקע מעבל, און מ'דארף נישט אדורכפירן קיין שום אקציע פארן דאזיקן צוועק.

דאס געזעלשאפטלעכע לעבן ווערט אינטענסיוו. מענטשן, וואס האבן ביז דעמאלט בכלל נישט ארויסגעוויזן קיין שום באזונדערן געזעלשאפטלעכן חוש, אנטפלעקן זיך אין א נייער ליכט. עס שפרודלט פון זיין מיט ענערגיע, גלייך ווי זיי וואלטן אין זיך אנטפלעקט נייע קוואלן.

אזוי איז אנטשטאנען א כאר — א זאך, וואס איז אין לאוויטש געווען א בריאה־חדשה.

דער צופאל האט אויך געוואלט, אז געיאגט פון נויט און הונגער, איז קיין לאוויטש פארווארפן געווארן א באגאבטער דיריגענט, ה' סאקאלאווסקי.

מיט דער אונטערשטיצונג פון פארשטארבענעם מרדכי ביאליק, וועלכער האט זיך געקאנט באגייסטערן פאר א באליבטער אידעע, איז אנטשטאנען א כאר פון 60—70 פערזאן.

דער כאר אונטער דער דירעקציע פון ה' סאקאלאווסקי האט איינשטודירט נומערן פון פארשידענע אפערעס, ווי דאס העלדן־ליד פון „מכבייער" און „הללויה" פון הענדעל. און ווען דער כאר איז דערשינען אויף דער בינע, איז ליכטיק געווארן אין די אויגן און א גרויסע פרייד האט אלעמען ארומגענומען.

די אנטוויקלונג פון געזעלשאפטלעכן לעבן גייט ווייטער. אן באזונדערן טומל און פארבארייטונגען אנטשטייט א טורן־סעקציע. עס קומען רעגולער פאר גימנאסטישע איבונגען און א נייער אינהאלט פילט אויס דער חלל פון גרויסן זאל.

עס בלייבן אויך נישט הינטערשטעליק די יעניקע, וועלכע פילן, אַז זיי האָבן בינע־פּעאיקייטן און קאָנען פּראָדוצירן פאַר דער סצענע. און עס שאַפט זיך באַלד אַ טעאַטער־גרופּע. און יעדע אימפּרעזע, וואָס ווערט איינגעאָרדנט דורך „הזמיר", ווערט געקרוינט מיט גרויס דערפאָלג.

אונטערן צייכן פון אַזאַ געהויבנקייט און אויפלעבונג, וואָס גייט געפּאָרט מיט איינגעגעבענער אויפטוערישקייט אויף אַלע געביטן, גייט אַדורך דאָס יאָר 1916.

אין יאָר 1917, ווען אין וואַרשע קומט פאָר די יידישע קולטור־קאָנפערענץ, מיטן ציל צו אָרגאַניזירן און אַוועקשטעלן אויף וועלטלעכע יסודות די פאַראייניקטע שפּראָצונגען פון דער יידישער פאָלקס־קולטור, פעלט אויך נישט אויף דעם וויכטיקן צונויפקום דאָס יידישע לאָוויטש.

דריי דעלעגאַטן זענען דעמאָלט געשיקט געוואָרן קיין וואַרשע: דער שרייבער פון די שורות, אברהם וואַרטסקי און דער שריפטשטעלער יעקב קראָנענבערג. די רעדעס פון י. מ. זילבערבערג און יעקב קראָנענבערג האָבן אויף דער קאָנפערענץ געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. אויסצוגן פון די רעדעס זענען געדרוקט געוואָרן אין דער דעמאָלטיקער יידישער און פּוילישער פּרעסע.

אין „הזמיר" ווערן איינגעאָרדנט אָפטע רעפעראַטן און פאָרלעזונגען פון פרעמדע און צוגערייזטע פּרעלעגענטן. אַזעלכע רעפעראַטן ווערן אויך געהאַלטן דורך אָרטיקע היימישע קרעפטן, ווי: קראָנענבערג, וואַרטסקי, זילבערבערג און אנדערע.

ס'זענען אויך גאַנץ אָפט פאָרגעקומען דיסקוסיעס און קעסטלאָוונטן אויף פאַרשידענע טעמעס, וועלכע האָבן סטימולירט און אָנגערעגט ברייטע קרייזן צו דענקען.

אפילו די, וואָס האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין פאַראינטערעסירונג מיט גייסטיקע ליטעראַרישע ענינים, האָבן זיך אויך באַטייליקט אין דער „הזמיר"־טעטיקייט.

ביי אַזאַ פאַרצווייגטער טעטיקייט האָט דער נאָמען „הזמיר", וואָס באַדייט דאָך דער עיקר דאָס פלעגן מוזיקאַלישע קולטור־מער זיך נישט געפּאַסט פאַר אַזאַ אַלזייטיקער טעטיקייט, און אויף אַ באַשלוס פון דער פאַרוואַלטונג, איז דער נאָמען פון דער געזעלשאַפט געענדערט געוואָרן אויף „יידיש פאָלקסהויז".

אין שייכות מיט דעם, איז דעמאָלט אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ געדרוקטער אויפרוף, אין וועלכן ס'איז באַגרינדעט געוואָרן די נויטווענדיקייט אָנצורופן דעם פאַראיין מיטן נאָמען „יידיש פאָלקס־הויז".

ס'האָבן זיך דעמאָלט געפונען קליינקעפּלדיקע פאַרשוינען, וואָס האָבן דערין געוואָלט זען אַ ווילן צו שאַפן אַ באַזע פאַר דער דעמאָלט געשאַפענער פּאָליטישער פאָלקס־פּאַרטיי און ס'האָט זיך זיי פאַרגלוסט צו פאַרפירן אַ העצע.

די לעצטע האָבן זיך גרופּירט אַרום אַברהם וואַרטסקי, וועלכן זיי האָבן געשטעלט אין דער שפּיץ פון דער גאָר רירעוודיקער ספּאָרט־סעקציע. דער אמת מוז געזאָגט ווערן, אַז אברהם וואַרטסקי מיט זיין איינגעבוירענעם טאַקט און ערלעכקייט, האָט זיך נישט געלאָזט אויסנוצן צו אַ העצע קעגן דער פאַרוואַלטונג, וואָס האָט געאַרבעט אידעאיש און מיט גרויס איבערגעגעבנקייט פאַר דער פונקציאָנירונג פון דער אינסטיטוציע, צו וועמענס אויפטוען ער האָט זיך תמיד באַצויגן מיט גרויס לאָיאַלקייט.

ווי ס'איז שוין אויבן דערמאָנט געוואָרן, איז יעדע אונטערגענומענע, אָדער פּראָיעקטירטע, אַרבעט געטאָן געוואָרן בשלימות און דורכגעפירט געוואָרן מיטן גאַנצן ברען און ענטוזיאַזם. איך האַלט פאַר פּאַסיק צו כאַראַקטעריזירן דעם דעמאָלטיקן מצב מיטן מאמר: „אפילו הריקנים שבך מלאים מצוות כרמון".

און ווען דער יונגער וואָלף בראם האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ דעם געדאַנק איינצואָרדענען אַ טורן־פעסט פון דער היפּשצעוואַקסענער טורן־סעקציע, האָט ער געלאָזט שטיין דעם זייגערמאַכער־וואַרשטאַט ביים פאָטער אין געשעפט, און בלב־ונפש זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פון אָרגאַניזירן די געוואַגטע אונטערנעמונג. און דער פאָטער האָט אויף זיין אָרט געמוזט צונעמען אויף עטלעכע וואָכן אַ געדונגענעם געזעלן. ווער עס האָט געזען דאָס הערלעכע בילד פון טורנער־צוג איבער די גאַסן פון לאָוויטש, האָט ערשט געקאָנט אָפּשאַצן וויפל אַרבעט און ענערגיע אין דעם טורן־פעסט עס איז אין יענע יאָרן אַריינגעלייגט געוואָרן.

דער זומערדיקער זונטיק־טאָג, אין וועלכן עס איז פאָרגעקומען דער פייערלעכער צוג מיטן אָנטייל פון קוטנער געסט און פון צוגעפאָרענע פון די אַרומיקע שטעטלעך, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אימפּרעזע, וואָס האָט געהאַלטן אין שפּאַנונג און אונטער איר צייכן די גאַנצע שטאָט.

אויף טריט און שריט האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן די יידישע ספּאָרטלער אין זייערע בלוי־ווייסע היטלעך און ווייסע הויזן. און דער טורן־פעסט גופא האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן עקזאַלטירנדיקער מאַניפעסטאַציע פון פיזיש־גייסטיקער אויפוואַכונג פון דער יידישער יוגנט.

ביז שפּעט ביינאַכט, דעם זעלבן טאָג, האָבן זיך געלאָזט הערן די פריילעכע קולות פון העל־באַלויכטענעם „פאָלקס־הויז" אויפן אַלטן מאַרק.

מען קאָן דרייסט זאָגן, אַז זינט דאָס יידישע לאָוויטש עקזיסטירט, האָט נאָך אַזאַ מאַסן־פרייד נישט געפּראַלט דורך טיר און טויער, ווי אין יענער צייט.

אין דער צייט פון דער עקזיסטענץ פון „פאָלקס־הויז" איז אויך פאָרגעקומען אַ יידישע פאָלקס־פאַרוויילונג אין אַלטערטימלעכן פּאַלאַץ, אין פּאַרק „אַרקאַדיע", 5 קילאָמעטער הינטער לאָוויטש, וואָס די פאַרוואַלטונג פון די ראַדזיוויל־גיטער האָט אונדז, אויף אונדזער שתדלנות, בחינם אָפּגעגעבן.

אין דער געזעלשאַפט האָט זיך געשאַפן אַ גייסטיקע אַטמאָספער, ווו יעדער האָט בייגעטראָגן דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געקאָנט, און אַלץ צוזאַמען האָט געשאַפן אַ זעלטענע האַרמאָניע.

צו דער אָרדענונג און עסטעטישע פאָרמען אין דער אויסערלעכקייט פון אונדזערע אימפּרעזעס האָט פיל בייגעטראָגן לייבוש קראָנענבערג ז"ל *, מיט זיין איינגעבוירענעם חוש פאַר קאָלעקציע און אַרכיוואַליש אויסהיטן דאָקומענטן.

אין יאָר 1918 האָבן זיך אויפן באָדן פון „פאָלקס־הויז" באַוויזן די אָנהויבן פון אַ פּאָליטישער באַוועגונג אין דער פאָרם פון „פועלי־ציון", וואָס ס'האָט אימפּאָרטירט דער זייגערמאַכער־אַרבעטער, מאַק. אין דער אַרבעט האָט אים צוגעהאָלפן דער יונגער

---

* לייבוש קראָנענבערג, מיטגרינדער פון דער לאָוויטשער לאַנדסמאַנשאַפט אין אויסטראַליע, איז געשטאָרבן אין מעלבורן אין יאָר 1951.

מלך הערמאַלין און דער וויסנשאַפט־דורשטיקער שניידער־אַרבעטער פישל ראָטשטיין. קיין שטערונג אין זייער אַרבעט האָבן זיי נישט אָנגעטראָפן; זיי האָבן געקאָנט געניסן אין דער פולער מאָס פון געזעלשאַפטלעכן לאָקאַל. נאָר, ווי עס האָט שוין געטראָפן אין ענלעכע פאַלן, האָבן זיי מיסגעברויכט מיט דער ליבעראַלער באַהאַנדלונג מצד דער פאַרוואַלטונג און האָבן אפילו שפּעטער איינגעאָרדנט אַ „פּוטש" מיטן צוועק צו פאַרכאַפּן דעם לאָקאַל...

ביזן יאָר 1917 איז אין דער שפּיץ פון „הזמיר" געשטאַנען אברהם וואָרטסקי (איצט אין חיפה), ביי דער מיטהילף פון י. מ. זילבערבערג, וועלכער האָט שפּעטער, נאָך דער פאַרוואַנדלונג אין „פאָלקס־הויז", איבערגענומען דעם פאָרזיץ.

אויסער דעם טעטיקייטס־געביט פון „הזמיר" און „פאָלקס־הויז", איז יעקל קראָנענבערגן געלונגען צו שאַפן אַ וווּנדערווערק: אַ קינדער־היים א. נ. פון שלום־עליכם. די דאָזיקע שול האָט געגעבן עלעמענטאַרן וויסן, דערציאונג און טיילווייזע מאַטעריעלע שפּייז־באַזאָרגונג צו אַ גרעסערער צאָל קינדער, וועלכע האָבן צו פאַרדאַנקען דאָס וואָס זיי זענען געוואָרן לייט, ווייל די דאָזיקע אינסטיטוציע האָט זיי אָפּגעהיטן פאַרן יידישן פאָלקסטום.

אַ פּאָר חדשים שפּעטער, נאָכדעם ווי פּוילן איז געוואָרן זעלבשטענדיק, האָט דער מאַגיסטראַט געלייגט אַן אויג אויף דעם ברחבותדיקן לאָקאַל פון „פאָלקס־הויז", און אין פרילינג 1919 איז דאָס „פאָלקס־הויז" עקסמיטירט געוואָרן.

זומער 1919, ווען ס'הויבט זיך אָן די אַמעריקאַנער הילפּס־אַקציע, האָבן זיך אָנגעהויבן שאַרן אַרום דער דאָזיקער הילף פּערזאָנען, וואָס האָבן מער אין זינען געהאַט זיך אַליין, ווי די אָרעמע נויטליידנדיקע מאַסע.

אין היינטוועלטיקן גייסטיק־קולטורעלן זין איז נאָך עפּעס געטאָן געוואָרן אין ביבליאָטעק־וועזן, וואָס איז אַ צובוי פון דער פּאַרטיי־טעטיקייט פון „פּועלי־ציון", אין וועמענס שפּיץ עס זענען געשטאַנען ליסער, מילעווסקי, ראַדזינסקי א.אַ.

עס שאַפט זיך אויך אַן א.ג. פּאָליטישער סאַלאָן אין דער וווינונג פון שאול מילגראַם, פון וואַנען עס ווערן דעסיגנירט ראַטמענער.

די דאָזיקע תקופה קאָן באַצייכנט ווערן אַלס אַ כאַאָטישע אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. עס מערקט זיך אין אַלגעמיין אַ צוריקטריט אויפן גייסטיק־קולטורעלן געביט. ס'דערגייט צו אַ מעמד, ווען די לאָוויטשער אַמאַטאָרן שפּילן „עקידת יצחק" און „חורבן ירושלים" מיט סענץ...

✶

כדי צו באַקעמפן דעם דאָזיקן מצב, וואָס זאָגט פאַר כסדרדיקע פאַרוויסטונג, אַנטשטייט די נויטווענדיקייט אויפצוטרעטן מיטן זעלבן געווער. און אַזוי ווי אין יאָר 1923 האָבן זיך אונטערגערוקט שטאָט־ראָט־וואַלן, ווערט אין אַן ענגן קרייז פון מענטשן, וואָס זענען ערנסט באַזאָרגט צוליב דעם אונטערגאַנג פון גלאַנץ־פּעריאָד פון דער לאָוויטשער יידישער קולטורעלער געזעלשאַפטלעכקייט, באַשלאָסן אַרויסצוטרעטן מיט אַן אייגענער וואַל־קאַמפּאַניע. די הויפּט־קאַנדידאַטן זענען: י. מ. זילבערבערג און איגנאַש. ז. סלאָנימסקי. קיין מאַנדאַט איז נישט דערגרייכט געוואָרן. די פּראָפּאַגאַנדע, וואָס עס האָט געפירט דער וואַל־קאָמיטעט פון דער פאַראייניקונג פון „פּראָגרעסיווע יידן". 3 יידישע און 2 פּוילישע, באַזונדערס די אָפּגעהאַלטענע וואַל־מיטינגען — האָט אויפגערודערט די פאַרשלאָפענע יידישע גאַס, און צוגעגרייט דעם באָדן פאַר אַ ווייטערדיקער אויפוואַכונג. אין סך־הכל, האָט די ליסטע פון „פּראָגרעסיווע יידן" באַקומען אַ באַדייטנדיקע צאָל שטימען, אָבער קיין מאַנדאַט, ווי שוין אויבן דערמאָנט, נישט דערגרייכט.

אין יאָר 1924 איז געשען דאָס, וואָס האָט, לויט יעדער וואַרשיינלעכקייט, געמוזט געשען. צוליבן נישט־פאַרזיכטיק אָנפירן מיט דער לייטונג פון דער ביבליאָטעק און אָפּטיילן איר טעטיקייט פון דער פּאָליטישער פּאַרטיי־טעטיקייט, אין וועלכער עס האָט דאָמינירט אַן עקסטרעם־רויטער עלעמענט, איז די ביבליאָטעק געשלאָסן געוואָרן דורך דער זיכערקייט־מאַכט. דער דורך יאָרן געזאַמלטער באַדייטנדיקער ביכער־שאַץ איז פאַרחתמעט געוואָרן.

דער דאָזיקער אומדערטרעגלעכער מצב האָט אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צייט, און דאָס האָט באַוויגן אַ גרופּע מענטשן מיט אַן אחריות־געפיל פאַר די אָרטיקע קולטורעל־גייסטיקע נויטן און באַדערפעניש פון אונטערוואַקסנדיקן יידישן דור, זיי זאָלן זיך צונויפקומען און באַראַטן, עפּעס צו טאָן אין דער ריכטונג.

די טאָן־געבער אויף דער דאָזיקער באַראַטונג זענען געווען: לייבוש קראָנענבערג, יחיאל זיידע, אברהם וואָרטסקי, ברוך שאַפּירא און מיכאל גראַניצאַ.

דער ערשטער פּלאַן איז געווען צו באַנייען די יידישע לייען־ביבליאָטעק א.נ. פון שלום־עליכם. און אַזוי ווי מיר האָבן זיך געגוויסיקט אין אַ באַדייטנדיקער סומע געלט, צו קאָנען רעאַליזירן דעם געדאַנק, אָבער עס איז נישט מעגלעך געווען דאָס געלט צו שאַפן אויפן אָרט, האָבן מיר זיך געווענדעט מיט אַ געדרוקטן אויפרוף צו אונדזערע לאַנדסלייט אין אַמעריקע. דאָס לעצטע האָט באַקומען אַ טיילווייזן אָפּקלאַנג. אויך די זאַמל־אַקציע אויפן אָרט האָט אַריינגעבראַכט אַ היפּשע סומע.

און ווי עס זאָגט דאָס שפּריכוואָרט: „דער אַפּעטיט קומט מיטן עסן"... אין לויף טאָקע פון דער אַרבעט האָבן מיר איינגעזען, אַז די באַדערפענישן פון יידישן לאָוויטש אין 1925 זענען ווייט איבערגעשטיגן די פּרימיטיווע באַדערפענישן פון זעלבן יידישן לאָוויטש פון יאָר 1908. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ געזעלשאַפט מיטן נאָמען „ליטעראַרישע געזעלשאַפט".

נאָכן מאַכן אַלע נויטיקע הכנות, זענען מיר צוגעטראָטן דורכצופירן די לעגאַליזאַציע. די אָרטיקע סטאַראָסטווע האָט עפּעס געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז אונטער דעם באַפליגלטן נאָמען „ליטעראַרישע געזעלשאַפט", באַהאַלט זיך אַן אַנדערער צוועק מיט אַ פּאָליטישער באַפאַרבונג, וועלכער זאָל כלומרשט „באַדראָען די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג". און די לאָקאַלע מאַכט האָט אָפּגעזאָגט די לעגאַליזאַציע. אויך אונדזער רעקורס צום וואָיעוואָדישן אַמט אין וואַרשע איז צוליב די זעלבע טעמים אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

טראָץ אַלעמענס סקעפּטישע מיינונגען אין דעם ענין, באַשליסט דער שרייבער פון די שורות צו מאַכן אַ לעצטן פּרווו און די זאַך דורכזעצן אין דער לעצטער אינסטאַנץ — אין אינערן־

מיניסטעריום. א קורצע צייט שפּעטער קומט אָן פון וואַרשע די לעגאַליזאַציע פאַר דער „ליטעראַרישער געזעלשאַפט".

חול־המועד פסח, 1925, קומט פאַר די פייערלעכע דערעפע־נונג פון דער געזעלשאַפט אין אַ שיינעם לאָקאַל אין צענטער פון שטאָט. אין דער צערעמאָניע האָט זיך באַטייליקט אַ גרויסער עולם פון בעסטן, וואָס לאָוויטש האָט דאַן פאַרמאָגט, סיי צוגע־רייזטע געסט. ס'איז אויך אָנגעקומען אַ גרעסערע צאָל באַגריי־סונג־טעלעגראַמעס פון צענטראַלע און לאָקאַלע געזעלשאַפטן און בילדונג־אינסטיטוציעס.

די דאָזיקע פייערונג האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ שיינעם באַנקעט.

אַדאַנק אָבער די ריזעוודיקע און ענערגישע אינטערווענץ פון פאַרוואַלטונגס־מיטגליד ב. שאַפּיראָ, איז די זאַך נישט פאַרשלעפּט געוואָרן אין דער לאַנגער באַנק. און נאָך אַ שנעלער אויספאָרשונג פון 30 פערזאָן, איז די „ליטעראַרישע געזעלשאַפט" צוריק געעפנט געוואָרן און האָט פאָרגעזעצט איר טעטיקייט. וואָס האָט צוגעגעבן חשיבות און אַ לייטיקן אויסזען פון היינטוועלטיקייט דעם יידישן לאָוויטש.

די געזעלשאַפט איז ווייטער געווען טעטיק און איר טעטיקייט איז באַדייטנדיק פאַרלייכטערט געוואָרן אַדאַנק אַ סובסידיע פון מאַגיסטראַט. דאָס לעצטע איז אויסגעפועלט געוואָרן דורך מע־רערע מעמאָריאַלן מצד דעם שרייבער פון די שורות און איז



אַ גרופּע לאָוויטשער יונגעלייט, 1916. עקסטרעם לינקס — שמ־שון מילגראָם. אין פראָנט ביים ראָווער, לייבוש קראָנענבערג

די אַרבעט פון דער „ליטעראַרישער געזעלשאַפט" איז אַוועק מיטן גאַנצן ברען; ס'זענען פאָרגעקומען פאַרלעזונגען, חברים־שמועסן און פון צייט צו צייט — רעפעראַטן פון צוגערייזטע אָנגעזעענע פּרעלעגענטן אויף גאָר ערנסטע טעמעס. צווישן די, וועלכע זענען אויפגעטראָטן מיט רעפעראַטן, זענען געווען: ד"ר י. שיפּער, לעאָ פינקעלשטיין, אייסוראָוויטש, מענדעלסאָן א. אַ.

עס איז אויך איינגעקויפט געוואָרן אַ באַדייטנדיקע צאָל גאָר ערנסטע ביכער; באַזונדערס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אַ צאָל פאַמיליע־אָוונטן, וועלכע האָבן געגעבן אַ מעגלעכקייט צו פאַר־ברענגען אין אַ היימישער סביבה אויף אַ היינטוועלטיקן קולטו־רעלן אופן. ביים איינאָרדענען די פאַרשידענע אימפּרעזעס, האָבן זייער פיל צוגעהאָלפן רעגינאַ זשעלעכאָווסקאַ־וואַלדבערג און ברוך שאַפּיראָ.

און אין האַרבסט 1927, נאָך איבער צוויי יאָר עקזיסטענץ, איז די געזעלשאַפט געשלאָסן געוואָרן דורך אַ פאַראָרדענונג פון דעם דעמאָלטיקן נישט־איבערקלויבערישן סטאַראָסטע.

וואָרעם אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך דעם טרייען און איבער־געגעבענעם אברהם וואַרטסקי, וועלכער איז דאַן געווען מאַגיס־טראַט־לאַווניק.

אין יוני 1928 בין איך געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן מיין געבורטס־שטאָט, מיט וועלכער איך בין מיט טויזנטער פעדים גע־ווען צוזאַמענגעבונדן. איך האָב זיך באַזעצט מיט מיין פאַמיליע אין וולאָצלאַוועק. אָבער ביזן היינטיקן טאָג פאָלג איך נאָך מיטן גרעסטן אינטערעס אַלץ, וואָס קומט פאָר אין לאָוויטש. באַזונ־דערס לייג איך גרויסע האָפענונגען אויף דעם וואָכנבלאַט, וואָס עס איז געלונגען צו גרינדן דעם דרייסטן און מוטיקן חבר ג. שאַיאַק און דורכצוהאַלטן אין די אומגינסטיקסטע באַדינגונגען, מיט טיפן גלויבן, אַז ער טוט אַ זייער גוטע און פאַרן כלל נוצ־לעכע זאַך, וואָס פירט אויפן... „דרך העולה למעלה למשכיל"...

(יובל־אויסגאַבע „מאַזאָווישער וואָכנבלאַט", לאָוויטש, מערץ 1939)

אברהם וואָרטסקי (חיפה)

יידישע פאַרשטייער אין דער מוניציפּאַליטעט

די ערשטע שטאָטראָט־וואַלן אין לאָוויטש אין 1916

(בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין דער 1־טער וועלט־מלחמה)

נאָך אין דער צייט פון דער ערשטער דייטשער אָקופּאַציע פון פּוילן, בעת דעם ערשטן וועלט־קריג, האָט די דעמאָלטיקע דייטשע מאַכט באַשאַנקען פּוילן מיט אַ שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג. פאַרשטייט זיך, מיט שטאַרק־באַגרענעצטע פולמאַכטן און קאָמפּע־טענצן.

אָבער דאָך האָט דער דאָזיקער אַקט באַדייט אַ וויכטיקע רעפאָרם און אַ גרויסע דערגרייכונג אין פאַרגלייך מיט די צייטן, ווען עס האָט געהערשט אין פּוילן די צאַרישע מאַכט, וועלכע האָט מיט דער הילף פון די דורך איר באַמינירטע „טשינאָווניקעס" צענטראַליסטיש און אויטאָקראַטיש פאַרוואַלטעט מיט דער שטאָטישערווירטשאַפט. נישט פרעגנדיק דערביי קיינעם קיין דעה, און דערשטיקנדיק יעדע מינדסטע אַנטפּלעקונג פון געזעלשאַפטלעכן ווילן. אַט די דאָזיקע מאַכט האָט וויניק וואָס זיך געקימערט וועגן וועלכע עס איז שטאָ־טישע איינריכטונגען.

ביי דעם אַלעם האָט די דאָזיקע דייטשע „גרויסמוטיקייט" און ליבעראַלער זשעסט קיין גרויסע באַגייסטערונג נישט אַרויסגערופן; נישט ביי דער פּוילישער און אויך נישט ביי דער יידישער באַפעל־קערונג, הגם די יידן זענען דאָן דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון פּוילן צוגעלאָזט געוואָרן אַלס גלייכבאַרעכטיקטע בירגער אָנ־טיילצונעמען אין שטאָטראָט־וואַלן און אַזוי אַרום מיטצובאַטייליקן זיך אין דער אָנפירונג פון דער שטאָטישער ווירטשאַפט.

די סיבה פון דער דאָזיקער קאַלטער באַציאונג לאָזט זיך דער־קלערן, פון איין זייט, מיט דעם אומצוטרויען מצד דער גאַנצער באַפעלקערונג — אויך יידן בכלל — צום דייטשן אָקופּאַנט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַן אומגלויבן אין דער דויערהאַפטיקייט פון זייער הערשאַפט און ממילא אין זייערע דעקרעטן און טובות; פון דער אַנדערער זייט — מיט די באַגרענעצטע פּרעראָגאַטיוון פון שטאָטראָט, וועלכער איז אין דעם פּרט נאָך מער באַאומגינסטיקט געוואָרן דורך די קריגס־אומשטענדן און האָט פאַקטיש געטראָגן מער דעם כאַראַקטער פון אַ ראַטגעבערישן, ווי פון אַ דעצידירנדיקן אָרגאַן.

צו די פונקציעס פון שטאָטראָט האָבן געזאָלט געהערן, אויסער דאָס באַשטימען דעם שטאָטישן בודזשעט א.אַ.וו., אויך געוויסע אַפּראָוויזאַציע־אָנגעלעגנהייטן, וואָס איז ביי דעם געוואַלטיקן מאַנגל אין לעבנסמיטלען בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, געווען פון באַ־זונדערער חשיבות; אויבוואָל די עיקרדיקע מאַכט האָט זיך געפונען אין די הענט פון דייטשן באַמינירטן בירגערמייסטער, וועלכער איז פון איין זייט אויך נישט מער געווען ווי אַ ווערקצייג אין די הענט פון דער דייטשער מיליטערישער און אַדמיניסטראַטיווער מאַכט.

לויט דער שטאָטראַט־פאַראָרדענונג, אַרויסגעגעבן דורך דעם וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר בעזעלער אין יאָר 1916 (אויב איך האָב נישט קיין טעות מיטן דאָזיקן נאָמען — א. וו.), זענען די וואַל־באַרעכטיקטע, אָנהויבנדיק אין עלטער פון 25 יאָר, איינגע־טיילט געוואָרן אין דריי קוריעס: 1. הויז־באַזיצער און מענטשן מיט בילדונג (אָנהויבנדיק פון מיטלשול); 2. סוחרים און האַנטווערקער; און 3. אַלע איבעריקע איינוווינער.

ענדע 1916 זענען אין לאָוויטש פאָרגעקומען די ערשטע שטאָט־ראַט־וואַלן. יעדע קוריע האָט געדאַרפט וויילן 6 ראָטמענער (פּאַסיווע וואַל־רעכט פון 30 יאָר־אָן).

די ערשטע און צווייטע וואַל־קוריעס זענען פאַר יידן אַלס קליינע מינדערהייט לכתחילה געווען פאַרשפּילט. די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז דעריבער געווידמעט געוואָרן דער צווייטער קו־ריע, ווו יידן האָבן געבילדעט אַ מערהייט, אָבער מיט דעם תנאי, אַז זיי וועלן אַרויסטרעטן פאַראייניקט און נישט צעשפּליטערן זייערע שטימען.

עס האָט נאָך דאָן אויף דער יידישער גאַס נישט געהערשט אַזאַ פאַרטיי־דיפערענציאַציע און פאַרטיי־פאַנאַטיזם, וואָס איז אַזוי בולט געקומען צום אויסדרוק אין די שפּעטערע יאָרן. מען האָט נאָר גע־ווּוסט, אַז די יידישע באַפעלקערונג טיילט זיך אויף ציוניסטן (הגם ווינציק אין צאָל, אָבער גענוג איינפלוסרייך), חסידים און סתם־יידן.

ביים באַשטימען די קאַנדידאַטן, האָבן די דעמאָלטיקע עסקנים, צווישן וועלכע עס האָט געשפּילט אַן אויסאָריטאַטיווע ראָל דער אָנגעזעענער ענערגישער אינדוסטריעלער, אַנאַטאָל וועקשטיין, אַן אַסימילאַנט, אָבער מיט אַ וואַרעם יידיש האַרץ און דווקא נישט קיין מה־יפתניק, נישט געלייגט קיין אַכט אויף די עווענטועלע פאַרטיי־אָנגעהעריקייט פון די באַטרעפנדיקע קאַנדידאַטן (נישט איגנאָרי־רנדיק דערביי די איינפלוסרייכע חסידישע שיכטן); נאָר זיך גע־רעכנט אין דער ערשטער ריי מיט זייערע פּערזענלעכע אייגנשאַפטן, מיט זייער אַלגעמיינער באַקאַנטער ערלעכקייט און געוויסנהאַפטי־קייט, סיי מיט זייער באַהאַווונסקייט אין דער פּוילישער שפּראַך; אַזוי, אַז זיי זאָלן קאָנען ווירדיק רעפּרעזענטירן די יידישע באַפעל־קערונג און זיך דערווערבן אַכטונג און אָנזען מצד די פּוילישע רעפּרעזענטאַנטן, וועלכע דאַרפן זיך דאָס ערשטע מאָל טרעפן אויף דער שטאָט־אַרענע מיט גלייכבאַרעכטיקטע יידישע פאַרשטייער.

עס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַן אַלגעמיינע יידישע קאַנ־דידאַטן־ליסטע. זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָבן אַלע יידישע וויילער אין דער צווייטער קוריע געשטימט פאַר די אָנגעמערקטע קאַנדי־דאַטן. און אין רעזולטאַט זענען אויסגעוויילט געוואָרן 6 יידישע ראָטמענער: דער אויבנדערמאָנטער אַנאַטאָל וועקשטיין, יוסף וואָרטסקי, אַן אָנגעזעענער, אומפּאַרטייאישער און געוויסנהאַפטער סוחר, יצחק דוד זילבערבערג, מיוחסדיקער, הדרת־פּנימדיקער גערער חסיד און תלמיד־חכם, גרשון גראָניצאַ, אַן איבערגעגעבענער ציו־ניסט און משכיל, לויט די דעמאָלטיקע באַגריפן — פאַרגעשריטן, דערביי זייער שיין פּרעזענטירבאַר, יצחק זשעלעכאָווסקי, א מזרחיסט און אָנשטענדיקער סוחר, איטשע ראָזענקראַנץ, א בוכהאַלטער ביי דער פירמע משה זשעלעכאָווסקי, אַן אָפּגעהיטענער ייד, קענער און ירא־שמים.

איך ווייס נישט, צי די אַלע געוויילטע ראָטמענער זענען געווען,

וואָס שייך זייערע געזעלשאַפטלעכע קוואַליפיקאַציעס און געניטקייט, געאייגנט און ראוי צו די זיי אָנפאַרטרויטע מאַנדאַטן; און צי זיי האָבן זיך צומאָל אָפּגעגעבן אַ געגויעם חשבון וועגן זייערע אויפגאַבן און פליכטן, און בכלל וועגן די אויפגאַבן פון שטאָטראַט — און בפרט אין די דעמאָלטיקע אומשטענדן פון קריג און אָקופּאַציע.

איינס איז אָבער זיכער, אַז די געוויילטע רעפּרעזענטאַנטן זענען געווען מסלתה ומשמנה פון דער יידישער באַפעלקערונג, מענטשן, ווייט פון פערזענלעכע פניות, טריי איבערגעגעבן זייערע פליכטן לויט זייערע יכולת און באַגריפן.

ווי דערמאָנט, האָט מיט דער יידישער רעפּרעזענטאַנטן־גרופּע אָנגעפירט ה׳ ווערקשטיין. און ווי איך האָב אָפט געהערט פון מיין פאָטער ז״ל, איז אויף די שטאָטראַט־זיצונגען אָפטמאָל געקומען צו שאַרפע צונאַמענשטויסן צווישן ראַטמאַן ווערקשטיין, וועלכער איז בכלל געווען דער טיכטיקסטער שטאָטראַט־מיטגליד און זיך אָנגענומען די קריוודע פון אַלע איינוווינער, אַזוי די יידישע ווי די פּוילישע, און דעם דייטשן בירגערמייסטער לערנער.

דאָס זעלבע איז נישט ווייניקער גילטיק אויף פאַר די פּוילישע פאָלקס־מאַסן.

●

די לאַגע האָט זיך גרינטלעך געענדערט מיט דער ווידער־דערוואַרבונג פון דער פּוילישער זעלבשטענדיקייט אין נאָוועמבער 1918, נאָך דער מפּלה פון די דייטשן.

מיטן סוף פון וועלט־קריג (מיט אַזאַ געוואַלטיקער מאַסן־באַטייליקונג), האָבן איבעראַל אין אייראָפּע — טיילווייז אונטער דער השפּעה פון דער רוסישער רעוואָלוציע (נישט דווקא פון דער באָלשעוויסטישער, גאָר אויך פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע) און אונטער דעם איינדרוק פון די פאַרשיידענע פייערלעכע צוזאָגן אין די באַוווּסטע 14 ווילסאָנישע פּונקטן — זיך גענומען טראָגן אין דער לופט פרייהייט־לאָזונגען און פאָדערונגען, ווי אַלגעמיינע דעמאָקראַטישע און פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן אין די געזעצגעברישע און קאָמונאַלע אינסטיטוציעס, פרויען־גלייכבאַרעכטיקונג, רעכט אויף נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג א.ד.גל.

דער ערשטער בירגער־קאָמיטעט, 1915, פּאָליאַקן, יידן און פאָלקסדויטשן. יידישע פאַרשטייער שטייען, פון רעכטס צו לינקס: 2־טער מ. קילבערט, 4־טער חיים דאָמב. ס׳זיצן: ו־טער מ. ראָזנדאָרן, עקסטרעם־לינקס — שמואל בראָט

The first Citizen's Committee during World War I (1915).

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די יידישע ראַטמענער האָבן שטענדיק געשטיצט דעם ה׳ ווערקשטיין אין זיינע קאַמפן. הויפּטזעכלעך פלעגט עס זיך האַנדלען וועגן פּראָוויאַנטירונגס־אָנגעלעגנהייטן. דעמאָלט, זייער אַן אָנגעווייטיקט פּראָבלעם.

די יידישע רעפּרעזענטאַנטן זענען געשטאַנען געטריי אויף דער וואַך און געזען, אַז די יידישע באַפעלקערונג זאָל נישט באַעוולט ווערן, סיי נישט דורך די דייטשע מאַכטהאָבער, סיי נישט דורך דער ענדעקישער מערהייט פון שטאָטראַט.

ווי געזאָגט, האָבן די יידישע פאַרשטייער געהערט צו דער עליטע פון דער יידישער באַפעלקערונג און באַמיט זיך צו טאָן דאָס בעסטע אין די ראַמען פון זייערע באַשרענקטע מעגלעכקייטן. דאָך זענען זיי געשטאַנען זייער ווייט פון דער גרויער יידישער מאַסע, אַן נענטערע באַציאונגען און העכער פון איר.

די יידישע ברייטערע שיכטן זענען נאָך דאַן נישט געקומען צום וואָרט; די וואַלן זענען נאָך געווען ווייט פון דעמאָקראַטישקייט.

עס האָט געהערשט אַן אַלגעמיינע באַגייסטערונג און תמימות־דיקער גלויבן אין אַן אָנהויב פון אַ נייער תקופה. אַ גלויבן אין אַ בעסערע, פרייהייטלעכער און גערעכטער וועלט־אָרדענונג.

אויך אויף דעם מוניציפּאַלן געביט איז פאָרגעקומען א טיף־גרייכנדיקע איבערקערעניש אין היגזיכט פון פאַרברייטערונג און דעמאָקראַטיזירונג פון דער קאָמונאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג.

לויט דעם פּילסודסקי־דעקרעט פון 4־טן פעברואַר 1919, האָבן די פּוילישע שטעט באַקומען ברייטע זעלבסטפאַרוואַלטונגען מיט גאַנץ באַדייטנדיקע קאָמפּעטענצן. (מיט דער צייט זענען די דאָזיקע אויטאָנאָמע רעכט וואָס מער פאַרשמעלערט געוואָרן דורך אַ ריי אַדמיניסטראַטיווע פאַראָרדענונגען און קאָמענטאַרן).

די נייע וואַל־אָרדינאַציע אין זעלבשטענדיקן פּוילן

די העכסט־דעמאָקראַטישע וואַל־אָרדינאַציע אין דעם נייעם פּוילן האָט פאַרזיכערט די שטאָטישע איינוווינער, אָנהויבנדיק פון 21־טן לעבנסיאָר (פּאַסיווע וואַל־רעכט פון 25 יאָר) — אַלגעמיינע,

גלייכע, געהיימע און פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן, אָן אונטערשייד פון געשלעכט און אָן וועלכע עס איז פאַרמעגנס־ אָדער בילדונגס־צענז, פאַרלאַנגענדיק נאָר פון די געוויילטע קאַנדידאַטן די קענטעניש פון דער פּוילישער שפּראַך אין וואָרט און שריפט.

אין דער אמתן, איז די גרעסטע מערהייט פון דער באַפעלקערונג איינגאַנצן ווייט געווען פון פּאָליטישער רייפקייט און זיך קוים אָפּגעגעבן אַ חשבון, וואָס אייגנטלעך מען פאַרלאַנגט פון איר, און אין וואָס, אייגנטלעך, דאַרף באַשטיין די טעטיקייט פון דעם צוקונפטיקן שטאָטראָט אין מאַגיסטראַט.

און ווען ביי די אויבערשטע אינטעלעקטועלע שיכטן פון דער פּוילישער באַפעלקערונג האָבן נאָך געטליעט געוויסע רעמיניסצענצן און טראַדיציעס וועגן דער אַמאָליקער פּוילישער שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג פון פאַר דעם צוזאַמענברוך פון דער פּוילישער מלוכה — איז פאַר די יידישע איינוווינער דער ענין בכלל געווען אַ ווילדער חידוש, וועגן וועלכן זיי האָבן מערסטנטייל קיין שום אַנונג נישט געהאַט.

זיי האָבן ביז דעמאָלט געוווּסט, אַז עס עקזיסטירט אין שטאָט אַ מאַגיסטראַט מיט אַ שטאָט־פּרעזידענט *) (מערסטנטייל אַ פּאָניע. אין די לעצטע יאָרן אַ דייטש). די יידן האָבן געוווּסט, אַז דער מאַגיסטראַט געפינט זיך אין אַ שיינעם רעפּרעזענטאַטיוון בנין, וואָס מען פלעגט אים אויך רופן ראַטהויז, אָבער צומערסטנס האָט מען דעם בנין גערופן מאַגיסטראַט, אידענטיפיצירנדיק די געביידע מיט דער מאַכט, וואָס רעזידירט און אַמטירט אין איר.

ביז איצט האָט מען געוווּסט, אַז דער מאַגיסטראַט לאָזט פון צייט צו צייט אויספלאַסטערן (ברוקעווען) די אָדער יענע גאַס מיט שטיינער. (די פּאָליאַקן פלעגן די דאָזיקע שטיינער רופן „קאַציע לבי״, ד. ה. קאַצענקעפּ); געלאָזט אָנפילן מיט נאַפט און אָנצינדן די געציילטע גאַסן־לאָמפּן; לאָזט אויסקערן די גאַסן דורך אַ באַזונדערן אונטערנעמער; האַלט אויס דאָס שעכטהויז; פאַרפאַכטעט דורך עפנטלעכע ליציטאַציעס שטאָטישע פלעצער און פעלדער אין דער שטאָטישער אומגעבונג. דער מאַגיסטראַט האָט אויך פאַרפאַכטעט דעם „שלאַבאַן״ אָדער מאָסטאָווע, ד. ה. דעם אָפּצאָל פאַר דעם דורכפאָרן איבער די בריקן איבער דעם טייך בזורא ביים אַריינפאָר אין דער שטאָט אויף דער מאָסטאָווע גאַס און אויף דעם קוטנער שאָסיי. די „שלאַבאַן״־ליציטאַציע האָט יידן מער אינטערעסירט, ווייל יידן פלעגן זיין די פאַכטערס. שפּעטער איז דער דאָזיקער אָפּצאָל סקאַסירט געוואָרן.

אַמאָל צאָלט מען אויך עפּעס אַ שטאָטישן שטייער. זעלטן ווען האָט זיך ווער מטריח געווען צו צאָלן דעם שטייער אין דער שטאָט־קאַסע. מען האָט געוואַרט ביז עס וועט קומען דער מאַגיסטראַט־באַאַמטער גובה זיין דעם שטייער. איז ער געקומען, האָט מען אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד — אַ קלייניקייט, אַ „מאַגיסטראַצקי אורזשענדניק!״ — און געבעטן ער זאָל נאָך אַ ביסל צווואַרטן, וואָס דער פּוילישער באַאַמטער האָט אין רוב פאַלן גערן דערפילט, זוכה זייענדיק דערפאַר צו נאָך מער דאַנקבאַרקייט און רעספּעקט. דאָס האָט זיך געקאָנט איבערחזרן אייניקע מאָל, ביז מען האָט ענדלעך דעם שטייער באַצאָלט *).

אַלס די וויכטיקסטע פונקציעס פון מאַגיסטראַט האָט מען באַטראַכט דאָס אויסשטעלן פּאַספּאָרטן (האָט מען דאָך אין די רוסישע צייטן אָן אַ פּאַספּאָרט זיך נישט געקאָנט אַ ריר טאָן); און די אַלע פונקציעס, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן ציוויל שטאַנדס־אַמט, אָדער מיט דער מעלדונגס־פּראָצעדור.

גאַנץ אָפט האָט געטראָפן, אַז אַ ייד איז צום ערשטן מאָל געקומען אין באַרירונג מיט דעם מאַגיסטראַט, ווען עס איז אים געבוירן געוואָרן אַ קינד און ער האָט עס געדאַרפט איינמעלדן. אָבער אויך אין דעם פאַל האָט מען זיך מערסטנס געפּוילט אַליין צו גיין אין מאַגיסטראַט (מעגלעך אויך צוליב עפּעס אַן אינערלעכן ווידערווילן צו גיין אין אַ פרעמדער גויאישער אינסטיטוציע און האָבן צו טאָן מיט גויאישע באַאַמטע), נאָר איבערגעגעבן די דורכפירונג פון דער דאָזיקער פאָרמאַליטעט דעם אַלטן חיים שוסטער. (אויב איך בין זיך נישט טועה, איז זיין פאַמיליע־נאָמען געווען ווינקלער). ער האָט שוין דערליידיקט אין מאַגיסטראַט פאַר אַ געוויסער שכר־טרחה די גאַנצע דערמיט פאַרבונדענע פּראָצעדור. (פון וואַנען און פאַר וועלכן זכות איז דאָס צו אים געקומען, ווייס איך נישט). ער האָט שוין באַזאָרגט, נישט קוקנדיק אויף דעם אַלטן סקאַרבאָוון נוסח פון דעם געבורטס־אַקט, לויט וועלכן דער בירגערמייסטער באַשטעטיקט די פּערזענלעכע דערשיינונג פון פאָטער אין באַגלייטונג פון צוויי עדות, מיט דעם ניי־געבוירענעם קינד פון מענלעכן אָדער ווייבלעכן געשלעכט — אַז נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, זאָל דער פאָטער דאָך זיצן בכבודיק אין דער היים. באשר דער פאָטער דאַרף דאָך זיך צוגלייך מיטן בירגערמייסטער אונטערשרייבן אויף דעם אַקט, האָט פאַר אים חיים שוסטער שוין געפונען דערויף אַ פאַרטיקע עצה. ער האָט דעם פאָטער געמאַכט פאַר אַ „בעזגראַמאָטנע״, ד. ה. פאַר אַן אַלפאַבעט. עס האָט טאַקע געטראָפן, אַז חיים שוסטער איז נעבעך נכשל געוואָרן און געהאַט אַ טעות און פאַרדרייט די יוצרות: איינגעמאָלדן אַ ייִנגל אָנשטאָט אַ מיידל אָדער פאַרקערט; אָפּטמאָל פאַרדרייט און צעקאָליעטשעט די נעמען פון די איינגעמאָלדענע קינדער — מילא, איז אויך נישט קיין אומגליק. אַבי מען דאַרף זיך נישט מטפּל־זיין דערמיט אין מאַגיסטראַט און דערביי נישט חלילה מקפּח זיין חיים שוסטער. עס איז דאָך זיין פּרנסה!

•

מיט דעם מאָמענט, ווען עס איז באַשטימט געוואָרן דער טערמין פון די שטאָטראָט־וואַלן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ ברייטע און פאַרצווייגטע אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע איז קודם־כל אויפגעפאָדערט געוואָרן צו פאַררעגיסטרירן זיך אין די באַזונדערע וואַל־באַצירקן, אין וועלכע עס זענען אויך נאָמינירט געוואָרן יידישע פאַרשטייער, וועלכע האָבן געהאַט די אויפגאַבע צו זאָרגן דערפאַר, אַז די יידישע איינוווינער זאָלן ביים

---

*) לויט אַ באַזונדער אַלטער צוגעטיילטער פּריווילעגיע האָבן די בירגערמייסטערס פון לאָוויטש געטראָגן דעם העכערן טיטול פּרעזידענט — אַן אויסצייכענונג לגבי אַנדערע ענלעכע פּראָווינץ־שטעט. דער דאָזיקער טיטול איז אויטאָמאַטיש בטל געוואָרן מיט דעם דערשיינען פון אויבנדערמאָנטן פּילסודסקי־דעקרעט.

*) דאָס האָט נישט געשטערט דעם מאַגיסטראַט בעת דער רוסישער הערשאַפט, צו האָבן יעדעס יאָר אַן עודף אינעם בודזשעט און דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט, וואָס האָט דערגרייכט צו פיל טויזנטער רובל, צו האַלטן אין דער רוסישער מלוכה־קאַסע.

פאַרשרייבן זיך נישט שיקאַנירט ווערן **). מען האָט צוזאַמענגערופן וואַל־מיטינגען און קלענערע פאָלקספאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע עס זענען אויפגעקלערט געוואָרן דער אייגנטלעכער מהות פון שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג, אירע קאָמפּעטענצן און אויפגאַבן מיטן באַטאָנען די ספּעציעל יידישע פאָדערונגען אָדער סאָציאַל־פּאָליטישע פּאָסטולאַטן. דערביי איז נישט איינמאָל געקומען צו שאַרפע צווישן־פּאַרטייאישע דיסקוסיעס.

דאָס פּאַרטיי־וועזן האָט זיך שוין דעמאָלט געהאַט היבש צעבליט, נישט צו פאַרגלייכן מיט דעם כמעט אידילישן צושטאַנד בעת די דייטשע וואַלן. אין דער דאָזיקער וואַל־אַקציע האָבן זיך באַטייליקט אַלע עקזיסטירנדיקע פּאַרטייען: ציוניסטן, מזרחי, אגודה און די יונגע זייער רירעוודיקע אַרבעטער־פּאַרטיי פּועלי־ציון. אויסער דעם, סתם סוחרים און בעלי־מלאכות.

דאָס ערשטע מאָל זענען די גרויסע, גרויע מאַסן גערופן געוואָרן צו זאָגן אויך זייער וואָרט און מיטצווירקן ביים באַשטימען דעם גורל און די פיזיאָנאָמיע פון דער יידישער רעפּרעזענטאַנץ.

די פאַראינטערעסירונג איז געוואַלדיק געוואַקסן, און די יידישע איינוווינער האָבן זיך מאַסנווייז געמאָלדן אין די וואַל־באַצירקן אָדער קאָמיסיעס.

צוליב דעם, וואָס די פּועלי־ציון האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו גיין צו די וואַלן צוזאַמען מיט די בירגערלעכע פּאַרטייען, איז צו קיין פאַראייניקונג נישט געקומען.

דאָך זענען מער ווי צוויי יידישע קאַנדידאַטן־ליסטעס נישט דערשינען. נעמלעך, אַ פאַראייניקטע בירגערלעכע ליסטע און אַן אַרבעטער־ליסטע — די פּועלי־ציוניסטישע.

אַדאַנק דער שטאַרקער וואַל־פרעקווענץ פון די יידישע וויילער איז געלונגען אויף דער אַלגעמיינער צאָל פון 24 ראַטמענער, אַדורכצופירן 8 יידישע ראַטמענער: 5 פון דער בירגערלעכער ליסטע און 3 פון דער פּועלי־ציוניסטישער.

דער פאַרהעלטנישמעסיק גרויסער דערפאָלג פון די פּועלי־ציון איז ווירקלעך געווען אַן איבעראַשונג. ווער האָט זיך עס געקאָנט פאָרשטעלן, אַז כמעט 40 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאָוויטש, אין אַזאַ שטילער, באַשיידענער יידישער שטאָט, וועט וויילן סאָציאַליסטיש?

אָבער די זעלבע דערשיינונג איז אויך געווען צו באַמערקן אויף דער פּוילישער גאַס. אויך דאָרטן האָבן די סאָציאַליסטן (פּ.פּ.ס.) דורכגעפירט 8 מאַנדאַטן אין דער גלייכער צאָל מיט די ביז איצט איבעראַל דאָמינירנדיקע ענדעקעס. דאָס איז ווירקלעך געווען אַן אומדערוואַרטעטע זאַך. איז מען דאָך ביז איצט געוווינט געווען צו זען אין די ענדעקעס, ווי בכלל אין די רעכטע עלעמענטן, די פאָרשטייער און וואָרט־פירער פון דער פּאָליטישער געזעלשאַפטלעכקייט אין לאָוויטש, וועלכע איז בכלל נישט געווען קיין אינדוסטריעלע שטאָט *). עס זענען אין לאָוויטש דעריבער קיין פאַבריקס־אַרבעטער כמעט ווי נישט געווען, גיכער אַ גרויסע מאַסע שוואַרצע טאָג־אַרבעטער און לוין־פּראָלעטאַריער. דעריבער איז טאַקע די פּוילישע סאָציאַליסטישע פאָרשטייערשאַפט אין שטאָטראַט, הגם אין צאָל גלייך צו דער ענדעקישער, אינטעלעקטועל געשטאַנען נידעריקער.

ווי געזאָגט, איז די יידישע רעפּרעזענטאַנץ אין שטאָטראַט באַשטאַנען פון צוויי גרופּן: אַ בירגערלעכע און אַ סאָציאַליסטישע.

צו דער ערשטער האָבן געהערט, נאָכדעם ווי אַנאַטאָל וועקשטיין האָט גלייך נאָך די וואַלן רעזיגנירט פון זיין מאַנדאַט, הן צוליב פּריוואַטע געשעפטס־טעמים (געוווינט אין וואַרשע), הן צוליב זיין אויסזיכטלאָזיקייט געוויילט צו ווערן אַלס וויצע־בירגערמייסטער, צו וואָס ער האָט געשטרעבט, און נאָכדעם, ווי איינער פון די געוויילטע ראַטמענער פון דער דאָזיקער גרופּע (ציוניסט) איז געוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג (מאַגיסטראַט־לאַווניק), איז דער צוזאַמענשטעל געווען פאָלגנדיקער: משה זשעלעכאָווסקי (אגודה), יוסף וואַרטסקי (ציוניסט), יצחק זשעלעכאָווסקי (מזרחי), בעריש פינקלשטיין (אגודה), יעקב שעפּס (ציוניסט).

(ביי דער צוזאַמענשטעלונג פון דער אויביקער ליסטע, זענען נעבן דער פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט פון די קאַנדידאַטן גענומען געוואָרן אין אַכט זייערע פּערזענלעכע מעלות און גוטע רעפּוטאַציע).

די פאָרשטייער פון דער פּועלי־ציוניסטישער גרופּע (אינטערעסאַנט, אַז דער „בונד", די שטאַרקסטע יידיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין פּוילן, האָט אין לאָוויטש נישט עקזיסטירט) זענען געווען: חיים ראָזענטאַל (קאָמאַשן־שטעפּער), דער לערער פון „חדר חדש" כהן און די לערערין באַשע זשיכלינקאַ. (אגב, די איינציקע פרוי נישט נאָר אין דעם ערשטן שטאָטראַט, נאָר אויך אין די שפּעטערדיקע שטאָטראַטן, זענען מער קיין פרויען נישט געוויילט געוואָרן).

נאָך איניקע חדשים האָבן כהן און זשיכלינסקאַ פאַרלאָזט לאָוויטש און זייער אָרט האָבן פאַרנומען דער לערער סלאָנימסקי און דער שוסטער העלמאַן.

די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך צעטיילט אין צוויי לאַגערן נאָר בעת דער וואַל־קאַמפּאַניע. ווי נאָר די וואַל־אַקציע האָט זיך געענדיקט און עס איז באַקאַנט געוואָרן דער ענדגילטיקער צוזאַמענשטעל פון דער יידישער פאָרשטייערשאַפט, האָבן זיך ביידע גרופּן גלייך פאַראייניקט. און בילדנדיק אַן אייגנהייטלעכן פעסטן בלאָק, זענען זיי כמעט אין אַלע שטאָטישע אָנגעלעגנהייטן געגאַנגען האַנט ביי האַנט און שטענדיק געשטימט איינהייטלעך, האָבנדיק אין זינען בייערט די אינטערעסן פון דער שטאָטישער, און ממילא פון דער יידישער (תמיד אורבאַניסטישער) באַפעלקערונג.

אחדות פון די יידישע ראַטמענער

איך קאָן מיך נישט דערמאָנען קיין איין וויכטיקן פאַל במשך דער גאַנצער קאַדענץ פונעם ערשטן שטאָטראַט אין באַפרייטן פּוילן, אַז די „יידישע קאָלאָ" זאָל נישט האָבן געשטימט איינהייטלעך. זי האָט תמיד גענומען אין באַטראַכט דעם ווילזיין פון דער שטאָט, און דער דאָזיקער מאָמענט האָט שטענדיק איבערגעוויגן.

די ערשטע פראַגע, פאַר וועלכער עס איז געשטאַנען די נייגעוויילטע יידישע פאָרשטייערשאַפט איז געווען מיט וועמען פון די צוויי פּוילישע גרופּירונגען אין שטאָטראַט זיך צו פאַראייניקן ביים וויילן דעם בירגערמייסטער.

לויט דעם שוין אויבן־ציטירטן דעקרעט, ווילט דער שטאָטראַט

**) קיין פאָרויס־צוזאַמענגעשטעלטע ליסטע פון וואַל־באַרעכטיקטע בירגער האָט דער מאַגיסטראַט דעמאָלט, צוליב די נאָכמלחמהדיקע כאַאָטישע אומשטענדן, נישט צוגעגרייט. און יעדער האָט זיך געמוזט רעגיסטרירן אין די געשאַפענע וואַל־באַצירקן, כדי נישט צו פאַרלירן זיין וואַל־רעכט.

*) די איינציקע יידישע פאַבריק — די כעמישע — איז גרינטלעך צעשטערט געוואָרן דורך די דייטשן, מער צוליב עקאָנאָמישער קאָנקורענץ, ווי צוליב סטראַטעגישע סיבות בעת די קריגס־אָפּעראַציעס ביי דער בזורע.

אויס די שטאָט־פֿאַרוואַלטונג אָדער דעם מאַגיסטראַט, וועלכער דאַרף באַשטיין פון 5 מיטגלידער: אַ בירגערמייסטער, זיין פאַרטרעטער און דריי אַזוי־גערופענע לאַווניקעס.

דערביי מוז דער בירגערמייסטער (וועלכער איז גלייכצייטיק פאָרזיצער פון שטאָטראַט) און זיין שטעלפאַרטרעטער, באַקומען אַן אַבסאָלוטע מערהייט פון דער אַלגעמיינע צאָל ראַטמענער; לגבי די איבעריקע דריי פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער ווערן אָנגעווענדעט פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן.

די פינף מאַגיסטראַט־מיטגלידער ווערן מיטן זייער אויסוויילן אויטאָמאַטיש פולבאַרעכטיקטע מיטגלידער פון שטאָטראַט. צוליב דעם צוזאַמענשטעל פון שטאָטראַט, האָט אָבער קיין שום צד נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זעלבשטענדיק דורכצופירן א בירגערמייסטער, אָן דעם פאַרבינדן זיך מיט איינעם פון די איבעריקע צוויי צדדים, אָדער ווייניקסטנס מיט דעם רוב פון איינער פון די צוויי איבעריקע גרופּירונגען.

די רעכטע פוילישע גרופּע האָט אַרויסגעשטעלט אַלס איר קאַנדידאַט דעם אַמאָליקן — בעת דער רוסישער הערשאַפט — שטאָט־פּרעזידענט און איצטיקן צייטווייליקן בירגערמייסטער (זינט דער פּוילישער באַפרייאונג) גאָלאָמביאָווסקי. ער איז געווען אַ באַקאַנטער און אָנגעזעענער שטאָט־בירגער, אָבער נישט מער ווי אַ מיטלמעסיקייט און דווקא נישט קיין אַנטיסעמיט. פאַרקערט, ער האָט געפירט עסקים מיט יידן, זיי טובות געטאָן. ער איז אפילו פּערזענלעך באַפריינדעט געווען מיט אייניקע פון די יידישע בירגערלעכע ראַטמענער; אָבער דאָך, פאַרטייאיש האָט ער געהערט צו די אַנטיסעמיטישע ענדעקעס און געווען זייער קאַנדידאַט.

דער קאַנדידאַט פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער גרופּע איז געווען דער אַרצט, ד״ר סטאַניסלאַווסקי, הויפּט־אָרדינאַטאָר פון פּאָוויאַטאָוון שפּיטאָל. אַליין דווקא נישט קיין סאָציאַליסט, אָבער אַן איבערצייגטער ראַדיקאַל, דעמאָקראַט און פּראָגרעסיסט. דערצו אַ טיכטיקער קולטור־טוער בעת דער רוסישער הערשאַפט *). אָבער אויף דער יידישער גאַס בכלל נישט פּאָפּולער.

ביידע פּוילישע צדדים האָבן זיך געווענדעט צו די יידישע ראַטמענער וועגן אונטערשטיצן זייערע קאַנדידאַטן.

און דאָ מוז אונטערגעשטראָכן ווערן די פּאָליטישע רייפקייט און דער עיקר דאָס שטאַרקע יידישע אחריות־געפיל און סאָלידאַרישקייט פון די דעמאָלטיקע יידישע ראַטמענער, וועלכע האָבן באַשלאָסן, אָן לענגערע וויכוחים, צו שטימען פאַר דעם סאָציאַליסטישן קאַנדידאַט, ד״ר סטאַניסלאַווסקי. דער לעצטער איז טאַקע געוויילט געוואָרן מיט אַלע פּ.פּ.ס.ישע און אַלע יידישע שטימען אַלס דער ערשטער בירגערמייסטער פון לאָוויטש אין באַפרייטן פּוילן.

אַדאַנק דעם סיסטעם פון פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן, האָבן די יידישע ראַטמענער לויט זייער צאָל־באַשטאַנד געהאַט די מעגלעכקייט צו דעלעגירן זייער פאָרשטייער אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. מיטן באַדינג פון איינשטימיקייט און סאָלידאַרישקייט.

אויך דאָ האָט געהערשט פולשטענדיקע אייניקייט און אַלס מאַגיסטראַט־לאַווניק איז איינשטימיק אויסגעוויילט געוואָרן דער ציוניסטישער ראַטמאַן, אברהם וואַרטסקי (דער מחבר פון דעם דאָזיקן אַרטיקל).

עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן דעם פאַרבליפנדיקן איינדרוק, וואָס די דאָזיקע וואַלן האָבן געמאַכט אויף די שטאָטישע פּאָליאַקן, באַזונדערס אויף די בירגערלעכע שיכטן. זיי האָבן אַלע פאַרשריגן דעם מאַגיסטראַט אַלס „זשידאָווסקי סאָציאַליסטישני מאַגיסטראַט״, ד. ה. אַלס יידיש־סאָציאַליסטישן און דערביי איז דער דגש געשטעלט געוואָרן מער אויף דעם „זשידאָווסקי״, ווי אויף דעם „סאָציאַליסטישני״, אָן אומדערהערטע זאַך אין לאָוויטש! נאָכדעם ווי מען האָט געהאַט די זכיה און דערלעבט פּוילנס באַפרייאונג, זאָלן גאָר יידן און סאָציאַליסטן הערשן אין דער מוניציפּאַליטעט פון דער אַלטער פרום־קאַטוילישער שטאָט לאָוויטש **).

דאָך, ביסלעכווייז האָבן זיך די גויים צוגעוווינט צו דער געשאַפענער לאַגע. און הגם דאָס אָרטיקע וואָכנבלאַט „לאָוויטשאַנין״ האָט נישט אויפגעהערט צו פירן אַ סיסטעמאַטישע העצע קעגן דעם „יידיש־סאָציאַליסטישן״ מאַגיסטראַט אַלס גאַנצעס, האָט ער אָבער אויסגעמיטן פּערזענלעכע אָנגריפן קעגן די יידישע ראַטמענער און לאַווניק. פאַרקערט, ער האָט זיך באַצויגן צו זיי אַלס יחידים מיט געהעריקן דרך־ארץ.

דער וואַל פון ד״ר סטאַניסלאַווסקי האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס טרעפלעך, אויך פון אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט. אַן אויסערגעוויינלעך ענערגישער און פּעאיקער מענטש האָט ער געלייגט די יסודות פאַר אַ ראַציאָנעלער און פאַרצווייגטער שטאָט־ווירטשאַפט. מוטיק און אומדערשראָקן האָט ער אויפגענומען דעם קאַמף מיט דער ענדעקישער קליקע. ווי שוין פריער דערמאָנט, איז דער בילדונגס־ און בכלל אַנטוויקלונגס־ניווא פון די פּ.פּ.ס.ישע ראַטמענער געווען געווען נידעריק. פּשוטע, נישט־איבעריק באַוווסטזיניקע גויים. האָבן זיי אָבער זיך אונטערגעגעבן דער אָנפירונג פון זייער אינטעליגענטן בירגערמייסטער, וועלכער איז לויט דעם געזעץ גלייכצייטיק געווען פאָרזיצער פון שטאָטראַט.

אַן איבערצייגטער דעמאָקראַט און פּוילישער פּאַטריאָט, האָט ער אויפריכטיק געגלויבט אין אַ דעמאָקראַטישן פרייען פּוילן, אין וועלכן אַלע בירגער אָן אונטערשיד מוזן געניסן פון גלייכע רעכט. ער האָט דעריבער גענומען די אויביקע פּרינציפּן צו פאַרווירקלעכן אויף זיין טעטיקייטס־געביט, נישט דערלאָזנדיק צו קיין שום ספק אָדער אָפּווענדונג.

נישט דעקלאַרירנדיק זיך קיינמאָל אַלס אוהב ישראל — דאָס וואָס מען האָט אָפט געקאָנט הערן פון פּראָגרעסיווע פּאָליאַקן און וואָס האָט תמיד געהאַט אַן אומאָנגענעמען בייגעשמאַק — האָט ד״ר סטאַניסלאַווסקי נישט געקאָנט פאַרטראָגן די מינדסטע אומרעכט לגבי אַ יידן, ווי לגבי אַ גלייכבאַרעכטיקטן פּוילישן בירגער.

---

*) ער איז געווען איינער פון די גרינדער און אָנפירער פון די אָוונט־קורסן פאַר דערוואַקסענע און פון דער פּוילישער ביבליאָטעק, צווישן וועמענס לייענער די יידישע יוגנט האָט געבילדעט אַ באַדייטנדיקן פּראָצענט. עס זענען געווען צייטן (פאַר דער גרינדונג פון דער יידישער ביבליאָטעק), ווען די יידישע באַזוכער האָבן באַזעצט דעם גאַנצן לייענזאַל (פּאָליאַקן זענען ווייניק געקומען). און אויף זייער פאָדערונג איז אָבאָנירט געוואָרן די יידישע צייטונג „דער פריינד״ פון פּעטערבורג.

**) עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז סך־הכל זענען צווישן די 5 מיטגלידער פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג געווען איין פּ.פּ.ס. זייער לאַווניק, סאָדז, אַ שוסטער, ערלעכער גוי, וואָס זיין איינציקער זכות איז געווען, אַז אין דער יוגנט איז ער צוליב אומלעגאַלער פּאָליטישער טעטיקייט פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. דער בירגערמייסטער, ווי געזאָגט, האָט נישט געהערט צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דער וויצע־בירגערמייסטער איז געווען אַן אומפּאַרטייאישער און דער לאַווניק פון די רעכטע — אַ טיפּישער פּוילישער פריץ.

מען דאַרף דערביי נישט פאַרגעסן, אַז עס איז געווען ערשט קורץ נאָך דער באַפרייאונג, און אַז נישט בלויז די פּאָליאַקן האָבן זיך נישט געקאָנט איינלעבן מיט דעם געדאַנק, אַז יידן זענען פּלוצלונג געוואָרן פולשטענדיק גלייכבאַרעכטיקטע בירגער, גאַנץ גלייך מיט פּאָליאַקן, נאָר אויך דער סתם־ייד האָט אָפטמאָל זיך נישט געקאָנט צוגעוווינען צו דער דאָזיקער איבערקערעניש.

מילא, געשעט אַ יידן אַן עוולה. האָט מען דאָך אַזויפיל הונדערטער יאָרן געלעבט אין פּוילן אַלס צווייט־ אָדער דריט־ראַנגיקע בירגער.

נישט קיין וווּנדער דעריבער, וואָס ד״ר סטאַניסלאַווסקי האָט מיט דער צייט זיך דערוואָרבן גרויס אַכטונג מצד דער יידישער מוניציפּאַליטעט־פאָרשטייערשאַפט, וועלכע איז אים טאַקע שטענדיק געווען ביייהילפיק.

בכלל האָבן די יידישע ראַטמענער במשך דער גאַנצער קאַדענץ פון ערשטן שטאָטראַט (ד. ה. ביז יולי 1923) ערלעך און געוויסנהאַפט אויסגעפירט זייער שליחות.

די יידישע ראַטמענער האָבן זיך באַטייליקט און געווען טעטיק אין אַלע שטאָטישע קאָמיסיעס. אין אייניקע קאָמיסיעס זענען דעלעגירט געוואָרן יידישע פאָרשטייער מחוץ די ראַטמענער. דער יידישער לאַווניק האָט אָנגעפירט מיט דער פינאַנס־ און שטייער־אָפּטיילונג, און אויך געווען דער פאָרזיצער פון בודזשעט־ און שטייער־קאָמיסיעס, סעקרעטאַר פון שטאָטראַט און בודזשעט־רעפערענט, געניסנדיק דערביי פון דער פולשטענדיקער אַכטונג און לאָיאַלער מיטווירקונג פון דער שטאָטישער באַאַמטנשאַפט, סיי פערזענלעך געשעצט געווען מצד דעם פּוילישן בירגערטום.

אָבער נישט שטענדיק האָבן די רעאַקציאָנערע און שאָוויניסטישע ענדעקעס זיך געקאָנט צופרידנשטעלן מיט דער נייער זאַכלאַגע. ווי קאָן דאָס געמאָלט זיין נישט צו מאַכן קיין אונטערשיד צווישן ייד און פּאָליאַק. זיי האָבן דעריבער אויף פאַרשיידענע אופנים געפּרוווט ברענגען צום אויסדרוק זייער שטעלונג. עס האָט זיי וויייניק וואָס געהאָלפן. די יידישע ראַטמענער מיטן בירגערמייסטער ד״ר סטאַניסלאַווסקי זענען געשטאַנען אויף דער וואַך פון געזעץ און נישט דערלאָזט וועלכן עס איז אונטערשיד צווישן בירגער און בירגער. דערביי מוז נאָך באַטאָנט ווערן, אַז ד״ר סטאַניסלאַווסקי, נישט פאַרטראַגנדיק קיין שום שתדלנות, וואָס איז ווידער אַריין אין דער מאָדע אין די קומענדיקע שטאָטראַטן, ווען אין פּוילן האָט זיך פאַרשטאַרקט די רעאַקציע, האָט זיין זאַכלעכע און גלייכע באַציאונג צו די יידישע איינוווינער, נישט באַטראַכט אַלס טובה אָדער חסד, נאָר אַלס גאַנץ נאַטירלעכע זאַך.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז אין אַזעלכע אומשטענדן האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן אַן אומקאָרעקטער באַציאונג מצד די מוניציפּאַל־באַאַמטע צו די יידישע אינטערעסאַנטן אין אַלע שטאָטישע אינסטיטוציעס, איינגערעכנט דאָס ביי־געעפנטע אַמבראַטאָריע, וווּ אָרעמע יידישע קראַנקע (אין אָנהויב זיך געווענדעט צו ביסלעך און מיט אַ געוויסן אומצוטרוי און חשש, און מיט דער צייט אַלץ מערער און דרייסטער) האָבן באַקומען די נויטיקע מעדיצינישע הילף צוגלייך מיט די פּוילישע פּאַציענטן.

איך האַלט פאַר נויטיק צו דערמאָנען דאָ אייניקע עפּיזאָדן, וועלכע וועלן באַלויכטן די טעטיקייט פון דער יידישער רעפּרעזענטאַנץ און די פערזענלעכקייט פון ד״ר סטאַניסלאַווסקי.

ווי געזאָגט, האָבן די יידישע ראַטמענער כמעט אין אַלע אָנגע־

לעגנהייטן געשטימט צוזאַמען מיט דער פּ.פּ.ס. און קעגנזייטיק זיך געשטיצט.

אַזוי זענען נאָך אַ קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג געוויילט געוואָרן אַלס דעלעגאַטן צום קאָנגרעס פון די פאָרשטייער פון די שטעט אין פּוילן (זוויאָנזעק מיאַסט פּאָלסקיך — פאַרבאַנד פון די פּוילישע שטעט) דער בירגערמייסטער און דער יידישער מאַגיסטראַט־מיטגליד.

אַזאַ עוולה און סקאַנדאַל האָבן די ענדעקעס נישט געקאָנט פאַרדייען. וואָס הייסט? די אַלטע קאַטוילישע פּרימאַסן־שטאָט זאָל רעפּרעזענטירט ווערן כלפּי־חוץ דורך אַ „זשיד״!?

זיי האָבן אויפגעהויבן אַ ויצעקו און אַוועקגעשיקט אַ פּראָטעסט־טעלעגראַמע צום פאָרזיצער פון קאָנגרעס אין פּוילן. עס האָט זיי, פאַרשטייט זיך, ווייניק וואָס געהאָלפן. אין די קומפטיקע יאָרן (ביז 1923) זענען יאָר־איין יאָר־אויס די זעלבע צוויי דעלעגאַטן געוויילט געוואָרן צום צווישנשטאָטישן קאָנגרעס, און די ענדעקעס האָבן שוין אויפגעהערט צו פּראָטעסטירן.

אויך אין דער הויפּט־וואַל־קאָמיסיע צום סיים און סענאַט, וועלכע האָבן אַרומגענומען 4 פּאָוויאַטן (קרייזן): לאָוויטשער, קוטנער, סקיערניעוויצער און סאָכאַטשאָווער און דער לאָוויטשער שטאָטראַט, וואָס איז געווען דער זיצאָרט פון דער קאָמיסיע, האָט געהאַט דאָס רעכט און פליכט צו דעלעגירן צוויי מיטגלידער, איז אַלס איינער פון זיי געוויילט געוואָרן דער יידישער לאַווניק.

בכלל האָבן די יידישע ראַטמענער, נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי האָבן נאָר געבילדעט אַ דריטל פונעם שטאָטראַט, געניט אַזוי ווי די יידישע באַפעלקערונג אין באַצוג צו דער אַלגעמיינער צאָל איינוווינער, קיינמאָל נישט מוותר געווען אויף אַ יידישער פאָרטרעטערשאַפט אין די אַלע אינסטיטוציעס, וואָס לויט דעם געזעץ האָבן געדאַרפט זיין רעפּרעזענטירט דורך באַפולמעכטיקטע מצד דעם שטאָטראַט. און דאָס מיט דער גערעכטער טענה, אַז נאָר דורך דער פאַמיטלונג פון שטאָטראַט קאָן זיי געגעבן ווערן די מעגלעכקייט צו זיין פאָרטרעטן אין די דאָזיקע אינסטיטוציעס. ווייל די איבעריקע מיטגלידער זענען געוויילט אָדער נאָמינירט געוואָרן דורך אַזעלכע פאַקטאָרן אָדער קערפּערשאַפטן, אויף וועלכע יידן האָבן נישט געהאַט קיין שום איינפלוס.

איינשטימיק מיט דעם דאָזיקן מנהג, איז זייבערצייט בעתן דעלעגירן דורך דעם שטאָטראַט צוויי פאָרשטייער צום „דאָזאָר שקאָלני״ (שול אויפזיכטס־קאָמיטעט) געוויילט געוואָרן אַ ייד — דער שרייבער פון די שורות — און אַ פּאָליאַק — אַ פּראָפעסאָר פון לערערסעמינאַר.

האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז דער פּראָפעסאָר איז נאָך אַ געוויסער צייט טראַנספערירט געוואָרן אין אַן אַנדער שטאָט. און דער שטאָטראַט האָט געדאָרפט אויסוויילן אַ צווייטן פאָרשטייער אויף זיין אָרט. די געוויינלעכע מערהייט האָט דאָסמאָל ווידער געוויילט אַ לערער, אָבער ווידער אַ ייד, נעמלעך דעם ראַטמאַן סלאָנימסקי. דער שטאָטראַט איז רעפּרעזענטירט געווען אין „דאָזאָר שקאָלני״ אויסשליסלעך דורך יידן.

די פּאָליאַקן האָבן צוליב דעם ווידער אויפגעהויבן אַ געשריי: אַזאַ העזה און סקאַנדאַל איז געוויס שוין אומדערלאָזבאַר!

דער שול־אינספּעקטאָר האָט זיך אין גרויס כעס געווענדעט מיט אַ שאַרפן פּראָטעסט צום בירגערמייסטער קעגן דעם געוואַלטיקן אומרעכט, וואָס דער שטאָטראַט איז באַגאַנגען.

ד״ר סטאַניסלאַווסקי האָט אים אומפאַרזוימט תיכף שריפטלעך

זייער שאַרף און בייסיק געענטפערט, אַז ער זאָל זיך נישט מישן נישט אין זיינע געשעפטן, ווייל עס ליגט נישט אין זיינע קאָמפּעטענצן צו קווענסטיאָנירן די גילטיקייט פון שטאָטראַט־באַשלוס, און מכל שכן, האָט נישט ער, און נישט עמיץ אַנדערש, דאָס רעכט צו באַצווייפלען די גלייכבאַרעכטיקונג פון פּוילישע בירגער, פון וועלכן עס איז גלויבן אָדער נאַציאָנאַליטעט.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז סלאָנימסקי האָט זיין מאַנדאַט ווייטער אָנגעהאַלטן אומגעשטערט.

דער „יידנריינער" פייערלעשער-פאראיין

אין לאָוויטש האָט, ווי אין אַנדערע שטעט, עקזיסטירט אַ פרייוויליקער פייערלעשער־פאַראיין. אין דער צייט פון דער רוסישער הערשאַפט, ווען עס איז פאַרווערט און דערשטיקט געוואָרן יעדער מינדסטער אויסדרוק פון וועלכער עס איז געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט, האָבן זיך אַרום דעם פייערלעשער־פאַראיין — אַן אינסטיטוציע, וואָס די רוסישע דעספּאָטישע מאַכט האָט נישט געקאָנט נישט דערלויבן, ווייל מען קאָן זיך אָן געשולטע פייערלעשער בעת אַ שריפה נישט באַגיין — אַרום איר קאָנצענטרירט די פּוילישע אינטעליגענץ און עסקנים. זיי האָבן געהאַלטן די אינסטיטוציע פאַרן פּאַסיקסטן פּלאַץ, ווו אויסצואיבן זייער געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעט און דורך איר, אגב, בייגעשטייערט פאַרן איינהאַלטן די פּוילישקייט פון דער שטאָט, ווו אירע אינסטיטוציעס זענען וואָס אַמאָל מער רוסיפיצירט געוואָרן.

זיינערצייט איז ד"ר סטאַניסלאַווסקי געווען פּרעזעס פון דערמאָנטן פאַראיין, און בעת דער רוסישער הערשאַפט איינגעאָרדנט אין לאָוויטש אַ גראַנדיעזן צוזאַמענפאָר פון אַלע פייערלעשער־פאַראיינען אין קאָנגרעס־פּוילן, וואָס האָט געדויערט אייניקע טעג, דינענדיק גלייכצייטיק אַלס אימפּאָזאַנטע מאַניפעסטאַציע פון פּוילישער לעבהאַפטיקייט.

אַלס אָנערקענונג פאַר זיינע לייסטונגען איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס ערן־מיטגליד.

די דאָזיקע אינסטיטוציע איז אָבער מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פעסטונג פון די פּוילישע רעאַקציאָנערן און אַנטיסעמיטן, וועלכע האָבן נישט צוגעלאָזן קיין יידן, אפילו אַלס אַ געוויינלעכן פייערלעשער. אַזוי, אַז דער פאַראיין איז די לעצטע יאָרן געווען אינגאַנצן יידן־ריין, אויבוואָל אין פאַל פון אַן איוסברוך פון אַ שריפה ביי אַ יידן, האָבן די דאָזיקע אַנטיסעמיטישע פייערלעשער מיט דער גרעסטער אָפּפערוויליקייט און פלייסיקייט געאַרבעט ביים פאַרלעשן די שריפה, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען, חלילה, אַ קריסטלעך הויז געברענט. צי דאָס איז געווען אויס מורא, אַז דאָס פייער זאָל זיך נישט פאַרשפּרייטן אויך אויף פּויליש האָב־און־גוטס, אָדער אויך, כדי די יידן זאָלן וויסן, אַז זיי זענען אָנגעוויזן אויף דעם גענאָד פון זייערע פּוילישע שכנים און בעלי־בתים.

צו יענער צייט האָט זיך די פאַרוואַלטונג פון די פייערלעשער געווענדעט צום מאַגיסטראַט וועגן אַ באַדייטנדע סובסידיע, אָנווייזנדיק, אַז ס'איז די פליכט פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג צו זאָרגן פאַר דער זיכערקייט פון דער באַפעלקערונג. און ממילא פאָדערט זיך די פרייוויליקע פייערלעשער־אינסטיטוציע לכל הדעות סובסידירט צו ווערן דורך דער מוניציפּאַליטעט.

דער מאַגיסטראַט האָט אָבער געשטעלט אַ באַדינג, אַז אין דער פאַרוואַלטונג פון דעם פייערלעשער־פאַראיין זאָלן פאַרטרעטן זיין דעלעגאַטן פון דער שטאָט־מוניציפּאַליטעט. די אַנטיסעמיטישע פירער פון די פייערלעשער האָבן מסכים געווען צו דער דאָזיקער פאָדערונג, אָבער מיטן בפירושן תנאי, אַז צווישן די שטאָט־דעלעגאַטן זאָל זיך חלילה נישט געפינען קיין ייד. ווייל ווויסנדיק אויפן גרונט פון דער ביז־איצטיקער פּראַקטיק, אַז דער „יידיש־סאָציאַליסטישער" שטאָטראַט פלעגט דעלעגירן אויך יידן אין די פאַרשיידענע אינסטיטוציעס, האָבן זיי געהאַט אַ גענוגנדן גרונט פאַר זייער חשש, טאָמער וועלן אין זייער ביז איצט יידן־ריינער געזעלשאַפט יידן באַקומען אַ דריסת־רגל.

ד"ר סטאַניסלאַווסקי, נישט קוקנדיק אויף זיין אַמאָליקן סענטימענט פאַר דער פייערלעשער־אינסטיטוציע, האָט אין אַ שאַרפער און סאַרקאַסטישער תשובה (ער האָט אויך געהאַט אַ שניידיקע פעדער), נישט נאָר סתם אָפּגעשטויסן זייער חוצפּהדיקן פאָרשלאָג, נאָר האָט זיי אויך געלערנט אַ פּרק אין הלכות בירגער־רעכט, אַקצענטירנדיק, אַז אין נייעם ווידעראויפגעלעבטן פּוילן, קאָן מער נישט זיין קיין רייד וועגן מיטלאַלטערלעכער באַציאונג צו אַנדערשגלויביקע, אַנדערש־אָפּשטאַמיקע בירגער.

די פייערלעשער האָבן אָבער ווייטער עקשנותדיק זיך פאַרטיפירט אין זייער ענדעקישער פעסטונג און באין־אופן נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן (פאַרט אַ פרייוויליקע געזעלשאַפט).

דער סוף איז געווען, אַז זיי האָבן במשך דער גאַנצער תקופה פון ערשטן שטאָטראַט די געפאָדערטע סובסידיע נישט באַקומען.

זאָל מיר דערלויבט זיין דאָ צו מאַכן אַ קליינע דיגרעסיע.

דער לאָוויטשער פייערלעשער־פאַראיין איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1879, דאַן איז נאָך דער אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן נישט געווען אַזוי קענטיק און פאַרביסן. און צווישן די ערשטע מיטגלידער (נישט חלילה פון דער אָנפירערשאַפט — אַזוי ווייט איז עס אויך דעמאָלט נישט דערגאַנגען, אַז יידן זאָלן חס ושלום וואָגן צו זאָגן אַ דעה), זענען אויך געווען אייניקע יידן. זעלבסטפאַרשטענדלעך פון „עמך". (וואָרום, יידן האָבן בכלל זיך נישט געשטופּט אַהין. קאָנט איר זיך אַ שטייגער פאָרשטעלן אַ זיידענעם חסידישן יונגערמאַן אין די בגדים פון אַ פייערלעשער?)

איינער פון די לעצטע מאָהיקאַנער איז געווען הענעך שמעכל, מער באַקאַנט אין דער שטאָט אונטער דעם נאָמען הענעך סטאָליאַרזש. ער איז אָבער שוין געווען אויף דער עלטער און מער נישט טעטיק אין די פייערלעשער.

צו דער פייערונג פון 50־יאָריקן יובילעאום פון די לאָוויטשער פייערלעשער אין זומער 1929, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן מיט גרויס פּאָמפּע און פּאַראַד, (אויך דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט אָנטיילגענומען אַלס איינציקער יידישער פאָרשטייער אין דעם יובילעאום־קאָמיטעט און שפּעטער אין די פייערלעכע פאַראַנשטאַלטונגען) אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט דעלעגאַטן פון גאַנץ פּוילן, ווי אויך פאָרשטייער פון דער אָרטיקער און צענטראַלער מאַכט.

צו די דאָזיקע פייערונגען זענען איינגעלאַדן געוואָרן אויך אַלע וועטעראַנען פון די פייערלעשער, דערונטער אויך דער אויבנדערמאָנטער הענעך סטאָליאַרזש.

די וועטעראַנען זענען באַגעגנט געוואָרן מיט גרויסע אָוואַציעס, באַזונדערס בעת דער פייערלעכער אויפנאַמע און גרויסער רעוויע, וואָס איז פאָרגעקומען אין הערלעך־רחבותדיקן זאַל אין בנין פון לערער־סעמינאַר. אָבער צו דער גרעסטער אָוואַציע און קבלת־פּנים האָט זוכה געווען דווקא הענעך סטאָליאַרזש, וועלכער איז געקומען,

פאַרשטייט זיך, שיין־אויסגעפּוצט, אין דער שבתדיקער קאַפּאָטע, מיט דעם קליינעם טוכענעם ייִדישן היטעלע. די גרויע באָרד אַ ביסל אַרומגעשוירן און פאַרקעמט. מ׳האָט מיט אים אויסערגעוויינלעך זיך משמח־געווען. און אונטער דעם באַגלייט פון די קלאַנגען פון פייערלעשער־אָרקעסטער, האָט מען אים אַרומגעטראָגן אויף די הענט איבערן גאַנצן זאַל, געהויבן אין דער הויך און געשריגן: „וויוואַט, וויוואַט! ניעך זשיע, ניעך זשיע!״

מי שלא ראה שמחה זו, לא ראה שמחה מימיו.

דער דאָזיקער עפּיזאָד איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער מענטאַליטעט פון יענע פּאָליאַקן: אַן איינצלנעם ייִדן, וכפרט אַ ייִדן פון אַלטן שטייגער, אָן פּרעטענזיעס, אָן דעות־זאָגעריי, קאָנען זיי אפילו ליב האָבן און מכבד־זיין, פילנדיק אפילו דערביי אַ גרויסע מאָראַלישע באַפרידיקונג; אָבער אַ שטאָלצן, באַוווּסטזיניקן ייִדן, און ווער שמועסט נאָך — ייִדן אַלס נאַציאָנאַלע גאַנצקייט, אַלס ציבור — דאָס בשום אופן נישט. ייִדן דאַרפן וויסן, אַז אַלץ וואָס זיי באַקומען איז נאָר בחסד, אָבער באין אופן נישט בזכות.

דראַמאַטישער עפּיזאָד בעת דער „באָלשעוויסטישער אינוואַזיע״

דאָס בילד פון דער ייִדישער פאָרשטייערשאַפט און איר טעטיקייט אין ערשטן שטאָטראַט און פון פאָרזיצער ד״ר סטאַניסלאַווסקי, וועט נישט זיין גאַנץ, אויב איך וועל נישט דערמאָנען פאָלגנדיקן זייער באַמערקנסווערטן עפּיזאָד, נעמענדיק אין באַטראַכט די אומשטענדן, אין וועלכן ער האָט זיך אָפּגעשפּילט.

דאָס איז געשען אין זומער 1920. פּוילן האָט ערשט נישט לאַנג צוריקגעוווּנען איר זעלבשטענדיקייט און נאָך נישט געהאַט באַוויזן זיך צו קאָנסאָלידירן.

די דריי באַזונדערע אָקופּאַציע־געביטן — רוסישע, דייטשע און עסטרייכישע — זענען נאָך אין אַלע הינזיכטן געווען שוואַך צוזאַמענגעבונדן. און די ביז דעמאָלטיקע רוסיש־פּוילישע קעגנזייטיקע צוזאַמענשטויסן, זענען פּלוצלונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמתן קריג, אָדער ווי מען האָט עס דאַן און אויך שפּעטער גערופן „די באָלשעוויסטישע אינוואַזיע״.

נאָך די ערשטע פּוילישע נצחונות (שוין געהאַט פאַרנומען קיעוו), זענען געקומען אַ ריי מפּלות. די רוסן האָבן זיך כסדר צוגערוקט און שוין געשטאַנען ביי דער ווייסל הינטער וואַרשע.

עס האָט דאַן אויפגעפלאַקערט דער פּוילישער פּאַטריאָטיזם, אָבער ווי דער שטייגער, באַגלייט מיט אַ מוראדיקער אַנטי־ייִדישער העצע. מען האָט ייִדן באַשולדיקט אין סימפּאַטיע צו די „באָלשעוויקעס״ און אפילו אין פאַרראַט. עס האָבן זיך שוין איבעראַל געפונען „עדות״, וועלכע האָבן מיט זייערע אייגענע אויגן געזען, ווי ייִדן האָבן פון די פענצטער פון זייערע וווינונגען געגאָסן הייס־קאָכעדיקן וואַסער אויף די פּוילישע זעלנער. דעריבער איז קיין ווונדער נישט, וואָס די פּוילישע אַרמיי מוז כסדר אָפּטרעטן. די זעלבע ייִדן־העצרישע עלעמענטן האָבן אויך געזאָגט, אַז די רויטע אַרמיי ווערט קאָמאַנדירט דורך לויטער ייִדישע גענעראַלן, וועלכע האָבן זיך פאַרשטעלט אונטער רוסישע נעמען. דער קרעמל, אַזוי גוט ווי גאַנץ רוסלאַנד, איז באַהערשט דורך ייִדן מיט לעיבאַ־סאָבעלזאָן טראָצקי אין דער שפּיץ.

די העצע איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג מאוימדיקער און סכנותדיקער. מען האָט שוין געטריבן ייִדן פון די צום פראָנט־שכנותדיקע שטעטלעך און געשאַפן קאָנצענטראַציע־לאַגערן פאַר פאַרראַט־פאַרדעכטיקטע ייִדן (יאַבלאָננאַ).

מען האָט געקלעפּט פּלאַקאַטן מיט בילדער, אין וועלכע די באָלשעוויקעס זענען פאָרגעשטעלט געוואָרן אַלס כנופיה בערדיקע ייִדן מיט חלפים אין די הענט מיט טראָצקין אין דער שפּיץ, אין פּיאות, גאַרטל, קאַפּאָטע און שטריימל, וועלכע גייען אַלע פאַרניכטן דאָס קאַטוילישע פּוילן מיט אירע קירכעס.

פיל פּלאַקאַטן און באַקאַנטמאַכונגען און באַזונדערס פּראָפּאַגאַנדע־בילדער פון ענלעכן, אָבער עטוואָס ווייניקער דראַסטישן אינהאַלט, פלעגן צוגעשיקט ווערן דורך דעם סטאַראָסטוואָ (קרייזאַמט) און דורך דעם צענטראַלן פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט אין וואַרשע צום מאַגיסטראַט מיטן צוועק זיי אַרויסצוהענגען איבער דער שטאָט. לויט די פאַרפליכטנדע פאָרשריפטן, איז דער מאַגיסטראַט געווען דער אויספיר־אָרגאַן פון דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט, און האָט געהאַט די פליכט די אַלע אָפיציעלע באַקאַנטמאַכונגען, וועלכע ווערן איר צוגעשיקט דורך די אַנטשפּרעכנדע מאַכט־אָרגאַנען צו פאַרעפנטלעכן און פונאַנדערקלעפּן. די מאַגיסטראַט־פונקציאָנאַרן פלעגן דאָס שוין אויטאָמאַטיש טאָן.

מיט איינמאָל קומט אָן אַ דעלעגאַציע פון ייִדישע ראַטמענער צו ד״ר סטאַניסלאַווסקי מיט אַ פּראָטעסט־געשריי: היתכן, דער מאַגיסטראַט פאַרעפנטלעכט אין שטאָט אַנטיסעמיטישע, העצערישע אויפרופן!

אין ערשטן מאָמענט איז ד״ר סטאַניסלאַווסקי געבליבן גאַנץ דערשטוינט און נישט געוואָלט גלויבן. מען האָט גלייך אַרײַנגעברענגט אין זיין קאַבינעט אַריין אייניקע עקזעמפּלאַרן פון די אויפרופן, וועלכע זענען נאָך געלעגן אין מאַגיסטראַט־האָל, וואַרטנדיק אויף זייער ריי פונאַנדערגעקלעפּט צו ווערן.

באַקענענדיק זיך מיט זייער אינהאַלט, איז ד״ר סטאַניסלאַווסקי געוואָרן אויסער זיך פאַר כעס. ער איז גלייך אַרויס אין האָל, גענומען די דאָרט ליגנדיקע צוגעשיקטע באַקאַנטמאַכונגען (ער איז בכלל געווען זייער אימפּולסיוו), זיי געוואָרפן אויף דער ערד און געטרעטן מיט די פיס, אַרויסגעבנדיק גלייכצייטיק אַ שטרענגן באַפעל, נישט מער פונאַנדערצוקלעפּן קיין שום באַקאַנטמאַכונגען, מעגן זיי צוגעשיקט ווערן אפילו דורך די העכסטע מאַכט־אָרגאַנען — אָן זיין פריערדיקער און בפירושער באַוויליקונג.

פון דעמאָלט־אָן האָבן זיך שוין נישט מער קיין ענלעכע פּלאַקאַטן באַוויזן אין שטאָט, אויסער די, וועלכע זענען נאָך פון צייט צו צייט פונאַנדערגעשיקט געוואָרן אוממיטלבאַר דורך אינסטיטוציעס, אויף וועלכע דער מאַגיסטראַט האָט קיין שום שליטה נישט געהאַט.

בעת די רוסן האָבן זיך כסדר דערנענטערט צו וואַרשע, און לאָוויטש איז שוין געווען באַדראָט, האָט די שטאָט־פאַרוואַלטונג אָנגענומען אַ באַשלוס נישט צו פאַרלאָזן לאָוויטש. און אין פאַל, ווען די רוסן וועלן פאַרנעמען די שטאָט, ווייטער אויסצופירן די פליכטן (נאַטירלעך, אויב די אָקופּאַנטן וועלן עס דערלאָזן).

אין דער דאָזיקער צייט איז צוזאַמענגערופן געוואָרן אַ פייערלעכע שטאָטראַט־זיצונג. דער גרויסער זאַל איז געווען געפּאַקט מיט צושויער, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען פאָרשטייער פון אַלע געזעלשאַפטלעכע און רעגירונגס־אינסטיטוציעס. נאָך דער דערעפענונגס־רעדע פון פאָרזיצער, האָבן די פאָרשטייער פון אַלע גרופּירונגען אין שטאָטראַט אָפּגעגעבן פייערלעכע דעקלאַראַציעס.

די לאַגע פון די ייִדישע ראַטמענער איז געווען זייער אַ פּייג־

לעצע. אונטער דעם איינפלוס פון דער יידן־העצערישער פּראָפּאַגאַנדע, האָט מען דאָך געקוקט אויף זיי מיט אַ געוויסן חשד און אומצוטרוי.

דאָך איז די רעדע פון יידישן פאַרשטייער (מאַגיסטראַט־מיטגליד) אויפגענומען געוואָרן מיט שטאַרקן בייפאַל.

צומאָרגנס, זונטיק נאָך די גאָטעסדינסטן אין די פיל אָרטיקע קירכן, איז אויף דער אַלטער שטאָט, אויפן גרויסן פּלאַץ פאַרן ראָט־הויז, פאָרגעקומען אַן אימפּאָזאַנטער פאָלקס־מיטינג. אויסער די שטאָטישע מאַסן, האָבן געשטראָמט צו דעם מיטינג טויזנטער פּויערים פון דער סביבה. אָנגעזועענע פּאָליאַקן פון דער שטאָט און פון קרייז האָבן געהאַלטן פלאַמיק־פּאַטריאָטישע רעדעס, אויפפאָדערנדיק דאָס פאָלק צו קרבנות. אויף דער קאַטעגאָרישער פאָדערונג פון ד״ר סטאַניסלאַווסקי, האָט אויך אויף דעם מיטינג געמוזט רעדן דער יידישער מאַגיסטראַט־מיטגליד, וועלכער האָט לכתחילה זיך געקווענקלט און קיין גרויס חשק נישט געהאַט, אַ ביסל מחמת אימתא דציבורא אין אַזאַ פאַרהעצטער אַטמאָספער; אָבער ער האָט געמוזט אַנטקעגנקומען דעם ווילן פון בירגערמייסטער, וועלכער האָט געהאַלטן פאַר בויטוועדיק, אַז אַ ייד זאָל רעדן צו די פאַרזאַמלטע פּוילישע מאַסן. אין דעם מאָמענט, ווען ד״ר סטאַניסלאַווסקי האָט זיך באַמיט מיך איבערצוצייגן איך זאָל רעדן, האָב איך באַמערקט, ווי דער סטאַראָסטע קרימט זיך אַ ביסל, אומצופרידן. דאָס האָט מיך ערשט באַוויגן יאָ אַרויסצוטרעטן. און דווקא ווי אַ נאַציאָנאַלער, שטאָלצער ייד. דער דערפאָלג איז געווען אומדערוואַרטעט. נישט נאָר זענען נישט געפאַלן קיין שום צווישנרופן מצד די פאַרזאַמלטע, וואָס האָבן דעמאָלט אפשר צום ערשטן מאָל געהערט אַ יידן רעדן עפנטלעך אַלס ייד, נאָר צום שלוס אויסגעדריקט זייער צושטימונג מיט רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן.

יידן זענען ווייניק געקומען צום דאָזיקן מיטינג און הירא ורך הלבב האָט געהאַלטן פאַר ראַטזאַמער גלייכער צו זיצן אין דער היים און זיך נישט וואַרפן אין די אויגן. די יעניקע, וואָס האָבן געוואַגט צו קומען, זענען על כל צרה שלא תבוא, געשטאַנען אַ ביסל פונדערווייטנס, האַלטנדיק פּשוט פאַר קדוש השם אַזוי צו רעדן פאַר פּויערישע מאַסן.

מערקווירדיק, אַז דווקא דער דערמאָנטער סטאַראָסטע, וועלכער האָט גערעדט דער לעצטער, איז פילמאָל איבערגעריסן געוואָרן דורך די פּוילישע צוהערער.

וואָס עס איז כדאי נאָך אונטערצושטרייכן, איז דאָס, וואָס אין די אַלע רעדעס אויף דעם פאָלקס־מיטינג האָט זיך נישט געהערט קיין איין אַנטיסעמיטישער רמז אפילו, נישט געקוקט אויף דער אומגעהויערער העצע, וואָס איז דעמאָלט געטריבן געוואָרן. מעגלעך האָט געווירקט אַזוי איינהאַלטנדיק אויף די צוררי ישראל די אָנוועזנהייט און האַלטונג פון די יידישע ראַטמענער, ווי אויך דער פאַקט, וואָס דער מיטינג איז געווען אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר סטאַניסלאַווסקי, אָדער גאָר די שוין אוממיטלבאַר דראָענדיקע געפאַר.

קוראַציע־שטייערן און יידישע חולים

נאָך דעם פּוילישן נצחון ביי דער ווייסל הינטער וואַרשע, האָבן די רוסן גיך אָנגעהויבן אָפּצוטרעטן, ווערנדיק פאַרפאָלגט דורך דער פּוילישער אַרמיי. די זאָרג פאַר דער באַקליידונג און באַשיכונג פון די פּוילישע סאָלדאַטן איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די קאָמונאַלע פאַרוואַלטונגען, וועלכע האָבן אַנטשפּרעכנד צו דער צאָל פון דער באַפעלקערונג געדאַרפן צושטעלן באַשטימטע נאָרמען אין דער נאַטור, אחוץ מזה — אַן איינמאָליקע באַדייטנדע געלט־באַשטייערונג לטובת דער אַרמיי, באַקאַנט אונטערן נאָמען „דאַנינאַ וואָיסקאָוואַ״.

איינצוקויפן די דאָזיקע אַרטיקלען זענען דעלעגירט געוואָרן אייניקע ראַטמענער, צווישן זיי אויך יצחק זשעלעכאָווסקי (ער איז אויך זייגערצייט געוויילט געוואָרן דורך דעם שטאָטראַט אַלס מיטגליד פון „סעימיק פּאָוויאַטאָווי״).

אין דער „דאַנינע״־קאָמיסיע האָט זיך אַלס פאַרטרעטער פון בירגערמייסטער באַטייליקט דער יידישער לאַווניק. די אַלע אויפגאַבן זענען אויסגעפירט געוואָרן צו דער פולער צופרידנקייט נישט נאָר פון דער אויפזיכט־מאַכט, נאָר אויך פון די יידישע שטייער־צאָלער.

בכלל האָבן זיך די יידישע שטייער־צאָלער נישט געהאַט צו באַקלאָגן אויף אַן ערגערער אָדער אומגערעכטער באַהאַנדלונג מצד דער שטאָט־פאַרוואַלטונג.

לויט אַן אַלט רוסיש געזעץ (וואָס איז ערשט אָפּגערופן געוואָרן אייניקע יאָר שפּעטער אויפן גרונט פון דער קאָנסטיטוציע און אויף דער פאָדערונג פון די יידישע סיים־דעפּוטאַטן), האָבן די קוראַציע־(היילונגס) קאָסטן פאַר אָרעמע קראַנקע אין די עפנטלעכע שפּיטעלער געמוזט געדעקט ווערן דורך דעם מאַגיסטראַט פון די אַלגעמיינע הכנסות פון דער שטאָט־קאַסע, אָבער נאָר אין באַצוג צו אָרעמע ק ר י ס ט ל ע כ ע קראַנקע; פאַר י י ד י ש ע קראַנקע האָט געדאַרפט צאָלן די יידישע קהילה, הגם די הכנסות פון דער שטאָטישער קאַסע האָבן געשטאַמט אויך פון יידן, און אפשר הויפּטזעכלעך פון יידן. דאָס לעצטע איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ הימלשרייענדיקע עוולה לגבי דער יידישער באַפעלקערונג און גלייכצייטיק אַן אומגעהויערע לאַסט פאַר דער יידישער קהילה.

דאָס אַנטיסעמיטישע געזעץ האָט אָבער נאָך פאַרפליכטעט, און נישט דער מאַגיסטראַט איז געווען קאָמפּעטענט דאָס געזעץ אָפּצושאַפן. דעריבער האָט אויף דער איניציאַטיוו פון דער יידישער רעפּרעזענטאַנץ, דער שטאָטראַט באַשלאָסן איינצופירן אַ באַזונדערן קוראַציע־שטייער, וועלכן עס דאַרף אויסשליסלעך צאָלן די קריסטלעכע באַפעלקערונג, כדי מיט דעם דאָזיקן עקסטראַ־געשאַפענעם פאָנד צו דעקן די קוראַציע־קאָסטן פון די אָרעמע קריסטלעכע קראַנקע, און אַזוי אַרום נישט דאַרפן אָנרירן פאַר דעם צוועק די אַלגעמיינע הכנסות פון דער שטאָט־קאַסע, אין וועלכע יידן האָבן אויך אַ חלק.

דורך דעם, וואָס יידן זענען באַפרייט געוואָרן פון דעם דאָזיקן שטייער, איז, פאַרשטייט זיך, זייער שטייער־קראַפט לגבי דער יידישער קהילה געוואַקסן און די קהילה האָט אַזוי אַרום מיט מער דערפאָלג געקאָנט טראָגן די לאַסט פון די היילונגס־הוצאות פאַר אָרעמע יידישע קראַנקע.

אגב איז דער דאָזיקער ספּעציעלער שטייער אַ געוויסע צייט שפּעטער אָנערקענט געוואָרן דורך דער אויפזיכט־מאַכט אַלס אומגעזעצלעך מיט דעם מאָטיוו, אַז דער פּאַראַגראַף פון דעם דעקרעט וועגן שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג, אויף וועלכן דער שטאָטראַט האָט זיך געהאַט געשטיצט, באַשליסנדיק דעם דאָזיקן שטייער, איז נישט ריכטיק אינטערפּרעטירט געוואָרן דורך די שטאָטישע אָרגאַנען.

בכלל האָבן זיך מיט דער צייט די רעגירונגס־אָרגאַנען און אויפזיכט־מאַכט דורך אַ ריי אין סיים דורכגעפירטע געזעצן, און נאָך מער דורך אַנטשפּרעכנדע, אָפטמאָל ווילקירלעכע אינטערפּרעטאַציעס און פאַראָרדענונגען, באַמיט וואָס מער צו באַגרענעצן די קאָמפּעטענצן און אַטריבוטן פון די שטאָטראַטן. וואָס אַמאָל האָט זיך אַלץ בולטער באַמערקט די אויסדריקלעכע טענדענץ פון דער רעאַקציאָנערער רעגי־

רונג און אירע אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען צו פאַרשמעלערן די רעכט פון די שטעט, ווו ייִדן האָבן געבילדעט אַ באַדייטנדע צאָל פון דער באַפעלקערונג און טאַקע באַאיינפלוסט די שטאָטישע ווירטשאַפטלעכקייט און געזעצגעבונג. און אָנשטאָט דעם צו פאַרברייטערן די רעכט און די פולמאַכטן פון דעם „סעימיק פּאָוויאַטאָווי״ (קרייז־ראַט), וועלכער אַרומנעמענדיק דעם גאַנצן פּאָוויאַט, איז באַשטאַנען פון אַן איבערוויגנדיקער מערהייט פון פּויערים און פּריצים און אין וועלכן די שטאָטישע רעפּרעזענטאַנץ, אַלס איין־און־איינציקע שטאָטישע קאָמונע צווישן צען דאָרפישע גמינעס, האָט געבילדעט אַן אומבאַדייטנדע מינדערהייט, און וועלכער עס איז השפעה מצד דער ייִדישער באַפעלקערונג.

מיטן „סעימיק״ האָט אָנגעפירט דער נאָמינירטער דורך דער רעגירונג סטאַראָסטע, וועלכער איז גלייכצייטיק געווען דער פאָרזיצער און אָנפירער פון „ווידזיאַל פּאָוויאַטאָווי״ (קרייז־פאַרוואַלטונג), וועלכער איז געוויילט געוואָרן דורך דעם „סעימיק״ און איז נאַטירלעכערווייז אויך באַשטאַנען פון אַ פּויערישע מערהייט. דער דאָזיקער „ווידזיאַל״ מיט זיין אָפּגעשטאַנענער פּויערישער מערהייט און דעם רעגירונגס־סטאַראָסטע אין דער שפּיץ, האָט דאָס געבילדעט די אויפזיכט־מאַכט איבער דער שטאָטישער ווייט מער פאָרגעשריטענער מוניציפּאַליטעט.

אויף דעם באָדן איז טאַקע געקומען צו אָפטע קאָנפליקטן און שאַרפע צוזאַמענשטויסן צווישן דעם מאַגיסטראַט מיט דעם קעמפערישן ד״ר סטאַניסלאַווסקי אין דער שפּיץ און דער אויפזיכט־מאַכט, סטאַראָסטע און וואָיעוואָדסטווע און זייערע ביוראָקראַטישע הערשער.

מיט דעם צוועק געמיינזאַם און סאָלידאַריש זיך קעגנצושטעלן די דאָזיקע רעאַקציאָנערע און ביוראָקראַטישע טענדענצן, זענען דורך דעם לאָוויטשער מאַגיסטראַט איניצירט און דורכגעפירט געוואָרן פאַרזאַמלונגען פון פאָרשטייער פון פּראָווינץ־שטעט אין קאָנגרעס־פּוילן.

דער ערשטער פון דעם מין צוזאַמענפאָרן איז טאַקע אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין לאָוויטש אין זאַל פון שטאָטראַט, ווו נאָכן אויסהערן אַנטשפּרעכנדע רעפעראַטן פון ד״ר סטאַניסלאַווסקי און לאַווניק א. וואַרסקי, זענען נאָך לעבהאַפטע דעבאַטן איבער די באַרירטע שטאָטישע פּראָבלעמען, אָנגענומען געוואָרן געהעריקע פּראָטעסט־רעזאָלוציעס און פאָדערונגען צו דער רעגירונג.

דער לעצטער פון די צוזאַמענפאָרן איז פאָרגעקומען אין וואַרשע אין אָנהויב 1923 און אַלס מיטגליד פון פּרעזידיום איז אויסגעוויילט געוואָרן דער איינציקער אָנוועזנדער ייִד, דער מאַגיסטראַט־מיטגליד פון לאָוויטש.

דער מאַגיסטראַט האָט אָבער ווייטער געהאַט פיל אויסצושטיין מצד די פּוילישע רעכטע ספערן, וועלכע פילנדיק זיך מיט דער פאַרשטאַרקונג פון דער רעאַקציע אין פּוילן אַלס פעסטער אין זאָטל, האָבן איצט פאַרטאָפּלט זייערע אָנגריפן קעגן מאַגיסטראַט און זיין פאַרהאַסטן אָנפירער — ד״ר סטאַניסלאַווסקי.

רעגירונג לאָזט פונאַנדער דעם שטאָטראַט

ענדלעך זומער 1923 האָט די רעגירונגס־מאַכט געפונען דעם מאָמענט פאַר פּאַסיק פונאַנדערצולאָזן דעם שטאָטראַט און צו פאַראָרדענען נייע וואַלן.

און ווירקלעך, די נייע וואַלן האָבן געבראַכט אַ מפּלה פאַר דער פּ.פּ.ס. און אַן אויסערגעוויינלעכן נצחון פאַרן רעכטן פּוילישן פליגל: ענדעקעס, כאַדעקעס א.ד.גל., וועלכע האָבן באַקומען אַן אַבסאָלוטע מערהייט.

ד״ר סטאַניסלאַווסקי איז דאָסמאָל געוויילט געוואָרן דורך אַ באַזונדערער אָרטיקער פּויליש־פּראָגרעסיוו־ראַדיקאַלער גרופּע, אָבער איינער אַליין.

ביי דער ייִדישער באַפעלקערונג האָט שוין דאָסמאָל נישט געהערשט אַזאַ אחדות און טענדענציעזלאָזיקייט ווי בעת די פריערדיקע וואַלן. די בירגערלעכע קרייזן האָבן נישט געקאָנט דורכקומען צווישן זיך און האָבן זיך צעטיילט אין צוויי לאַגערן. צוליב דער דאָזיקער זאַכלאַגע האָט דער ביז־איצטיקער ייִדישער מאַגיסטראַט־מיטגליד — צוריקגעצויגן זיין קאַנדידאַטור.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז עס זענען סך־הכל דורכגעפירט געוואָרן 5 ייִדישע מאַנדאַטן. נעמלעך, פון דער ציוניסטיש־מזרחיסטישער ליסטע: יוסף אַטלאַס, יעקב שעפּס און אברהם לעשצינסקי (דער לעצטער איז נאָך איניקע מאָנאַטן צוריקגעטרעטן, און זיין אָרט אין שטאָטראַט האָט פאַרנומען חיים ראָזענטאַל); פון דער אגודהשער ליסטע: ראובן ברייטשטיין און איטשע באַום.

די ייִדישע אַרבעטער־ליסטע האָט געליטן אַ דורכפאַל און קיין איינעם פון אירע קאַנדידאַטן נישט דורכגעפירט.

אין שטאָטראַט האָבן דאָמינירט די ענדעקעס. די ייִדישע ראַטמענער, זייענדיק קוים 5 אין צאָל, האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט דורכצופירן אַ ייִדישן פאָרשטייער אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג מיט אייגענע כוחות, סיידן איינער פון די פּוילישע ראַטמענער זאָל אויך אָפּגעבן זיין שטים פאַרן ייִדישן קאַנדידאַט.

ד״ר סטאַניסלאַווסקי האָט דאַן אויסגעדריקט זיין גרייטקייט צו שטימען פאַר דעם פריערדיקן ייִדישן מאַגיסטראַט־לאַווניק. עס איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער ראַטמאַן, גלח זאַוואַדזקי, אַליין א פאַרביסענער כאָדעק, נאָר פערזענלעך שעצנדיק דעם ייִדישן מאַגיסטראַט־לאַווניק, האָט געפּרוווט ווירקן אויף די ייִדישע ראַטמענער, זיי זאָלן צוזאַמען מיט ד״ר סטאַניסלאַווסקי שטימען פאַר וואַרסקין, אויף וועלכן ער האָט אויך געוואָלט משפּיע זיין, ער זאָל אָננעמען די קאַנדידאַטור. ער, דער גלח, און אפשר אויך אייניקע פון זיינע חברים, וואָלטן זיך גערן געווונטשן טאַקע, אַז דער לאַווניק זאָל ווייטער פאָרזעצן זיין טעטיקייט אין דער מוניציפּאַליטעט. זענען זיי דאָך אָבער כשרע ענדעקעס, טאָ ווי קאָנען זיי אַליין אין ווידערשפּרוך צו זייערע פּרינציפּן אָפּגעבן זייער שטים פאַר אַ ייִדן!?

לאַווניק וואַרסקי האָט אָבער קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן יעדן פאָרשלאַג אין די ביי־געשאַפענע אומשטענדן ווידער געוויילט צו ווערן.

און ווירקלעך איז דאָסמאָל דער מאַגיסטראַט באַהערשט געוואָרן דורך די רעכטע פּוילישע עלעמענטן. האָבנדיק אין שטאָטראַט אַן אַבסאָלוטע מערהייט, האָבן זיי אַדורכגעפירט אַ ריין־ענדעקיש־כאָדעקישע שטאָט־פאַרוואַלטונג. אַלס בירגערמייסטער איז געוויילט געוואָרן דער שוין אויבנדערמאָנטער גאָלאָמביאָווסקי.

די אויפגאַבע פון די ייִדישע ראַטמענער ביי אַזאַ צוזאַמענשטעל פון דער מוניציפּאַליטעט איז נישט געווען קיין לייכטע. דער בירגערמייסטער איז, וואָס אַן אמת, געווען פערזענלעך אַ גאַנץ אָנשטענדיקער מאַן און בכלל זיך באַצויגן לאָיאַל צו דער ייִדישער באַפעלקערונג. אָבער די גאַנצע אַטמאָספער איז געווען אַן ענדעקיש־אַנטיסעמיטישע, וואָס האָט געלאָזט זיך פילן אויף אַלע שטחים פון דער שטאָטישער ווירטשאַפט.

מען האָט יידן, וואָס אַן אמת, טאָלערירט, אָבער פאַרט זיך נישט באַצויגן צו זיי ווי צו גלייכע בירגער *).

אין יענער צייט האָט זיך געגרינדעט די שטאָטישע האַנדלס־שול (מען מוז דאָך צוגרייטן קאַדרען פאַר די פּיאָנערן פון פּוילישן האַנדל — א. וו.). נאַטירלעך, האָט מען אָנגענומען אויך יידישע שילער, אָבער די דירעקציע, לערערשאַפט און די גאַנצע אַטמאָספער איז געווען עקסטרעם־אַנטיסעמיטיש, אין איינקלאַנג מיט דעם גייסט, וואָס האָט געהערשט אין דער מוניציפּאַליטעט.

קליין אין צאָל און ווירקנדיק אין אַ הוילער ענדעקישער סביבה, זענען די יידישע ראַטמענער אייגנטלעך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שתדלנים. און מען מוז מודה זיין, אַז די דאָזיקע ראָל האָבן זיי אויסגעפירט בשלמות און מיט אַ באַדייטנדן דערפאָלג, דערווערבנדיק זיך דערפאַר דאַנקבאַרקייט און אָנערקענונג מצד דעם רוב פון דער יידישער באַפעלקערונג.

די וואלן צום דריטן שטאטראט

אין זומער 1927 האָט דער צווייטער שטאָטראָט געענדיקט זיין קאַדענץ און עס זענען פאָרגעקומען נייע וואַלן צום דריטן שטאָטראָט. איך בין דאַן געווען מיטגליד פון דעם הויפּט־וואַל־קאָמיטעט, דעלעגירט דורך דעם אָפּטרעטנדיקן שטאָטראָט.

אין די דאָזיקע וואַלן האָבן די פּ.פּ.ס. ווידעראַמאָל אָפּגעהאַלטן אַ גלענצנדיקן נצחון און די ענדעקעס זענען געבליבן אין דער מינדערהייט.

אויף דער יידישער גאַס איז דער שלום־בית ווידער צעשטערט געוואָרן און די שטימען האָבן זיך ווידער צעשפּליטערט. אויסער די שוין באַקאַנטע פּאָליטישע פּאַרטייען, זענען אויפגעשווומען אויף דער אויבערפלאַך פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, ווי קליינהענדלער, האַנטווערקער־פאַראיינען, וועלכע האָבן אויך געפאָדערט מאַנדאַטן און דווקא זיכערע, נישט וועלנדיק זיך אַריינפּאַסן אין די ראַמען פון די עקזיסטירנדיקע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען אייגנטלעך באַשטאַנען פון די זעלבע עלעמענטן. עס האָבן זיך דעריבער באַוויזן א 4—5 יידישע קאַנדידאַטן־ליסטעס.

דער סוף איז געווען, אַז עס זענען אַדורכגעפירט געוואָרן בסך־הכל 5 יידישע ראַטמענער. נעמלעך: לייבל ביאַלער (ציוניסטיש־מזרחיסטישע ליסטע); ראובן ברייטשטיין און איטשע באַום (אגודה); אברהם פרידמאַן און חיים ראָזענטאַל (קליינהענדלער און האַנטווערקער).

ווי געזאָגט, האָבן די פּוילישע סאָציאַליסטן אָפּגעהאַלטן אַ נצחון, אָבער קיין אַבסאָלוטע מערהייט האָבן זיי נישט באַקומען. און דעריבער נישט געקאָנט מיט אייגענע כוחות דורכפירן זייערע קאַנדידאַטן אויף די שטעלעס פון בירגערמייסטער און פאַרטרעטער. זייערע קאַנדידאַטן זענען געווען ד"ר באַציא (ביז־איצטיקער פּאַוויאַטאָווער דאָקטאָר) — אַלס בירגערמייסטער; און דער באַן־באַאַמטער דזשעוויעצקי — אַלס וויצע. זיי האָבן זיך דעריבער געווענדעט צו די יידישע ראַטמענער, זיי זאָלן שטימען פאַר די דערמאָנטע קאַנדידאַטן, אויסדריקנדיק דערפאַר זייער גרייטקייט אָפּצוגעבן זייערע שטימען פאַר ה' וואַרטסקי, און אַזוי אַרום צו זיכערן זיין וואַל אַלס מאַגיסטראַט־לאַווניק, היות די יידישע ראַטמענער זענען נאָך געווען 5 אין צאָל און נישט געהאַט די מעגלעכקייט מיט אייגענע שטימען דורכצופירן זייער פאָרשטייער אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג.

צוליב דעם נישט גלייכן צוזאַמענשטעל פון דער יידישער גרופּע, האָבן אַ טייל ראַטמענער זיך לאַנג געוואַקלט אָנצונעמען דעם פאָרשלאַג פון דער פּ.פּ.ס. און שטימען פאַר אַ סאָציאַליסטישן קאַנדידאַט; הגם זיי האָבן גאָרנישט געהאַט אויסצוזעצן קעגן דער קאַנדידאַטור פון ד"ר באַציא, וועלכער האָט בכלל געהאַט אַ גוטן שם ביי דער יידישער באַפעלקערונג. און אפילו נישט קעגן דער קאַנדידאַטור פון וויצע־בירגערמייסטער, אויסער דעם, וואָס ער איז געווען כמעט אומבאַקאַנט אין דער יידישער גאַס.

ענדלעך האָבן די יידן זיך דעצידירט און געשטימט סאָלידאַריש מיט דער פּ.פּ.ס. פאַר ד"ר באַציא, אָבער שווערער איז עס אָנגעגאַנגען מיטן צווייטן קאַנדידאַט. ערשט דורך אַ געוויסן וואַל־מאַנעווער איז געלונגען דורכצופירן דזשעוויעצקין אַלס וויצע־בירגערמייסטער. אַלס יידישער לאַווניק איז ווידער אויסגעוויילט געוואָרן אברהם וואַרטסקי. די ענדעקעס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שיקן זייערע פאָרשטייער אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, אַזוי אַז די איבעריקע צוויי לאַווניקעס האָבן אויך באַקומען די פּ.פּ.ס.

דער יידישער לאַווניק האָט ווידער איבערגענומען די אָנפירונג פון דער נייער פינאַנס־ און שטייער־אָפּטיילונג, ווי אויך דעם פאָרזיץ אין די שטאָטישע שטייער־קאָמיסיעס.

עס איז אויך דורכגעפירט געוואָרן אַ גרינטלעכע רעפאָרם אין דעם שטאָטישן שטייער־סיסטעם. די ביז איצט מצד דעם ענדעקישן שטאָטראָט געשווינטע שטייער־פליכטיקע שיכטן, ווי צ. ב. די הויזווירטן, וועלכע זענען אגב אין לאָוויטש געווען אין דער איבערוויגנדער מערהייט — 70 פּראָצענט געווען פּאָליאַקן — א. וו.) פאַרקויפער פון שאַרפע געטראַנקן (כמעט אויסשליסלעך פּאָליאַקן), זענען באַדייטנד העכער באַשטייערט געוואָרן, דאַקעגן אין דעם וווינונגס־שטייער, וואָס נעמט אַרום אַלע טיילן פון דער באַפעלקערונג, זענען איינגעפירט געוואָרן אַ ריי פאַרלייכטערונגען און באַפרייאונגען.

אין דער זעלבער צייט איז אויך געגרינדעט געוואָרן דורך דער שטאָטישער מוניציפּאַליטעט די שטאָטישע קאָמונאַלע שפּאָר־קאַסע אָדער קאָמונאַלע באַנק.

די קאָמונאַלע קאַסעס זענען געווען שטאַרק פּריווילעגירט לגבי אַנדערע שפּאָר־ און ליי־קאַסעס און האָבן דעריבער געהאַט די מעגלעכקייט צו געבן הלוואות די שטאָטישע בירגער אויף זייער גינסטיקע באַדינגונגען.

ראַטמאַן לייבל ביאַלער איז געוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון ראָט פון דער באַנק און לאַווניק א. וואַרטסקי — אַלס איינער פון די דריי פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער.

אַזוי אַרום האָבן יידישע סוחרים און האַנטווערקער באַקומען אַ פרייען צוטריט צו דער דאָזיקער קאַסע, באַקומענדיק אין די ראַמען פון די מעגלעכקייטן אַנטשפּרעכנדיקע הלוואות, באַנוצנדיק זיך גלייכצייטיק אויך מיט אַנדערע באַנק־אָפּעראַציעס.

דאָ דאַרף אויך דערמאָנט ווערן די גרינדונג פון דער שטאָטישער „מוטער־ און קינדער־פלעגע"־שטעלע. אינעם פרויען־קאָמיטעט פון

*) אַ קורצע צייט נאָך די וואַלן, אין פעברואַר 1924, איז ד"ר סטאַניסלאַווסקי געשטאָרבן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַלס אַרצט אָנגעשטעקט מיט טיפוס ביי איינעם פון זיינע פּאַציענטן (אין עלטער פון 52 יאָר). אויך אין זיין באַרוף אַלס אַרצט איז ער געווען געוויסנהאַפט און איבערגעגעבן. איך וויל נישט זאָגן, אַז ער איז געווען מחסידי אומות העולם, אַז ער האָט זיך באַצויגן צו יידן לפנים משורת הדין. זיין באַציאונג איז געווען אַן עלעמענטאַריש־מענטשלעכע, און איז געקומען צום אויסדרוק ווי אַ נאַטירלעכע זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, לפי שורת הדין.

דער דאָזיקער אינסטיטוציע, אונטער דעם פאָרזיץ פון דעם שטאָטישן דאָקטאָר, זענען באַשטימט געוואָרן אויך צוויי יידישע פרויען: פרוי וואַרטסקאַ און פרוי קנאַט, וועלכע האָבן צווישן אַנדערע פונקציעס אויך געהאַט זייערע באַשטימטע דיזשורן אין דער אויפנאַמס־צייט.

אין אָנהויב האָבן יידישע מוטערס, באַזונדערס פון די אָרעמערע און מער אָפּגעשטאַנענע שיכטן, זיך נאָך געוואַקלט אָנצוקומען אין דער דאָזיקער „פלעגע־שטעלע". אָבער מיט דער צייט איז איר פּאָפּולאַריטעט כסדר געשטיגן און די יידישע מוטערס און זויג־קינדער פלעגן געניסן אין פולער מאָס פון די נוצלעכע אָנווייזונגען און וווילטאַטן פון דאָזיקן הומאַניטאַרן אַנשטאַלט, צוגלייך מיט נישט־יידן.

אין יענער צייט האָט זיך אויך אָנגעהויבן בויען די גרויסע שטאָטישע עלעקטראָווניע, וואָס איז נאָך אין פּרינציפּ באַשלאָסן געוואָרן דורך דעם פריערדיקן שטאָטראַט. די דאָזיקע עלעקטראָווניע האָט שפּעטער באַזאָרגט מיט עלעקטרישן שטראָם נישט בלויז לאָוויטש, נאָר אויך די ווייטערערע שטעט — סאָכאַטשעוו און נאָענטע סביבה.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, ווי איבעראַל אין די גלות־לענדער, האָבן זיך אין פּראָצעס בויען און מאָנטירן, קיין יידישע אַרבעטער, אינזשינערן אָדער מאָנטירער נישט באַטייליקט, פּשוט דערפאַר, ווייל זיי זענען ממש נישט געווען בנמצא און אַזעלכע אַרבעטער האָט מען נאָר געקאָנט זען אין ארץ־ישראל, אפילו פאַר דער באַפרייאונג און זעלבשטענדיקייט. אין דעם באַשטייט טאַקע דאָס גרויסע פאַרדינסט פון ציוניזם און חלוציות.

(איך געדענק נאָך דעם שטאַרקן און דערמונטערנדיקן איינדרוק, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט ביי מיין אָנקום אין א"י, ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל געזען, ווי יידישע אַרבעטער זענען באַשעפטיקט ביים בויען הייזער, אויספירנדיק אַלע אַרבעטן ממסד עד הטפחות, פון פונדאַמענט ביז צום דאַך, מיט אייגענע הענט. דאָס זעלבע בנוגע פעלד־אַרבעטער, שאָסייען־בוי, פּראָדוקציע פון עלעקטרישן שטראָם אין אַלע אירע עטאַפּן און שטופן).

קיין וווּנדער נישט דעריבער, אַז יידן זענען אין בוי־פּראָצעס פון דער לאָוויטשער עלעקטראָווניע נישט געווען באַטייליקט. דאָקעגן די צושטעלונג פון מאַטעריאַלן וכו' איז צומייסטן אויסגעפירט געוואָרן דורך יידישע סוחרים.

ווען מען רעדט וועגן יידישער פאָרשטייערשאַפט אין די מוניציפּאַליטעטן, מוז אויך דערמאָנט ווערן דער „סעימיק פּאָוויאַטאָווי" (קרייז־ראַט), וועלכער איז באַשטאַנען פון דעלעגירטע פאָרשטייער פון אַלע דאָרפישע געמיינדע־ראַטן (גמינעס) אין פּאָוויאַט. (אין לאָוויטשער פּאָוויאַט אַרום 10 אָדער 11 גמינעס) און פון פאָרשטייער פון איינציקן שטאָטראַט, אונטער דעם פאָרזיץ פון סטאַראָסטע עקספּיציא.

די אנטיסעמיטישע איינשטעלונג פון „סעימיק פּאוויאטאווי"

די קאָמפּעטענצן פון „סעימיק" זענען געווען זייער ברייטע, אַרומנעמענדיק די קאָמונאַלעווירטשאַפט פון גאַנצן פּאָוויאַט, ווי וועגן־בוי, געזונטהייט־ און שפּיטאָל־וועזן, סאָציאַלע שוץ (בית־יתומים, מושב־זקנים) א.ד.גל.

דער שטאָטראַט האָט דירעקט קיין איינפלוס נישט געהאַט אויף די דערמאָנטע אַנשטאַלטן. פאַרקערט, די שטאָט איז געווען פאַרפליכטעט צו טראָגן די לאַסט פון די קאָסטן פאַר היילן שטאָטישע קראַנקע אין פּאָוויאַטאָוון שפּיטאָל, פון אויסהאַלטן שטאָטישע יתומים און זקנים אין די דערמאָנטע אינסטיטוציעס א.אַ.וו. און נישט געקוקט דערויף, וואָס דער רוב פון די אינטערנירטע יתומים און זקנים האָט זיך רעקרוטירט פון די אָרעמע שטאָטישע איינוווינער (די פּויערים שיקן נישט אַזוי גיך זייערע באַדערפטיקע אין ענלעכע אַנשטאַלטן, בפרט ווען דאָס איז פאַרבונדן מיט גאַנץ באַדייטנדע הוצאות פאַר דער באַטרעפנדער גמינע), — איז די לייטונג געווען אונטערגעוואָרפן אויסשליסלעך דעם „סעימיק", אין וועלכן דער שטאָטישער עלעמענט האָט געבילדעט אַ נישטיקע מינדערהייט, ווערנדיק סיסטעמאַטיש מאַיאָריזירט דורך די דאָרפישע פאָרשטייער — פּויערים און פּריצים.

איינע פון די וויכטיקסטע פונקציעס פון „סעימיק" איז געווען צו ווײלן דעם „ווידזשיאַל פּאָוויאַטאָווי", ד. ה. די עקזעקוטיווע, וועלכע אונטער דעם פאָרזיץ פון סטאַראָסטע האָט געבילדעט די אויפזיכטמאַכט איבער אַלע קאָמונאַלע פאַרוואַלטונגען אין פּאָוויאַט, איינגערעכנט די שטאָט־פאַרוואַלטונג.

צומייסטנס זענען די עקזעקוטיוו־מיטגלידער — דאָס רוב פּשוטע פּויערים און זיך אונטערחנפנדיקע פּריצים — געווען איינפאַכע מאַריאָנעטקעס אין די הענט פונעם כל־יכולדיקן דורך דער רעגירונג באַשטימטן סטאַראָסטע.

איך האָב שוין אויבן דערמאָנט וועגן די אָפטע קאָנפליקטן, וועלכע האָבן געמוזט אומפאַרמיידלעך אויסברעכן אויף דעם געביט, צווישן דער שטאָטישער מוניציפּאַליטעט און אַנטי־אורבאַניסטישער אויפזיכט־מאַכט.

דער אונטערשלאַג פון דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער קאָמונאַלער סטרוקטור איז אָן ספק געווען אַן אַנטיסעמיטישער. אַזוי ווי דער רוב שטעט אין פּוילן זענען באַוווינט געווען פון אַ גרויסן טייל דורך יידן, וועלכע האָבן אויך באַהערשט דעם האַנדל און אינדוסטריע, האָט מען טאַקע אָנגעווענדעט אַלע מיטלען, כדי צו באַגרענעצן זייער עווענטועלן איינפלוס אין די שטאָטראַטן און אויף דער קאָמונאַלער ווירטשאַפט.

אין דעם דאָזיקן „סעימיק" איז דורך דעם שטאָטראַט צוו. אַנד. אויך דעלעגירט געוואָרן דער יידישער מאַגיסטראַט־לאָווניק, וועלכער איז געווען דער איינציקער יידישער מיטגליד אין „סעימיק" צווישן עטלעכע דרייסיק גוים. דאָך איז ער דאָרט געווען גענוג אַקטיוו און אפילו געוויילט געוואָרן דורך דעם „סעימיק" אַלס מיטגליד פון איינער פון אירע וויכטיקסטע קאָמיסיעס, נעמלעך: פון דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע, וועלכע האָט געהאַט ברייטע פולמאַכטן ביים קאָנטראָלירן די פּאָוויאַטאָווע ווירטשאַפט, און גלייכצייטיק געבילדעט די רעוויזיאָנס־קאָמיסיע פון דער פּאָוויאַטאָווער קאָמונאַלער ליי־ און שפּאָר־קאַסע.

דער בירגערמייסטער ד"ר באציא דעמיסיאנירט

ד"ר באַציאַ אַלס בירגערמייסטער האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט אַזאַ שטאַרקן כאַראַקטער און ווייט נישט פאַרמאָגט אַזאַ קעמפערישן טעמפּעראַמענט, ווי זיינער צייט ד"ר סטאַניסלאַווסקי.

עס איז אים ענדלעך נמאס געוואָרן די סיסטעמאַטישע אונטערגראָבונגען קעגן אים מצד דער אָרטיקער, אין דער מערהייט רעכטער פּוילישער אינטעליגענץ און מיעשטשאַנינעס. זייענדיק געזעלשאַפטלעך כמעט פולשטענדיק איזאָלירט, אָן דער געהעריקער אונטערשטיצונג מצד די ברייטערע, שטענדיק נישט־גענוג זיכערע מאַסן, האָט ער נאָך צוויי יאָר אַמטירן דעמיסיאָנירט און זיך איבערגעטראָגן קיין וואַרשע.

אויף זיין שטעל איז געוויילט געוואָרן דורך דער פּ.פּ.ס.־שער גרופּע צוזאַמען מיט די יידישע ראַטמענער (וועלכע האָבן באַקומען גוטע רעפּערענצן פון דער יידישער קהילה אין ראַדאָם) דער ה' מיכאַלסקי, געוו. שטאָט־פּרעזידענט פון קאַליש, ווו ער האָט געהאַט פיל געווירקט פאַר דער ווידעראויפבויאונג פון דער שטאָט נאָך איר צעשטערונג דורך די דייטשן (מאַיאָר פּרויסקער), באַלד אינעם אָנהויב פון ערשטן וועלט־קריג.

שפּעטער איז מיכאַלסקי געווען פּרעזידענט פון ראַדאָם און אפילו א קורצע צייט אַפּראָוויזאַציע־מיניסטער אין דער פּוילישער רעגירונג. ער איז געווען אַ זעלטן קלוגער און פעאיקער גוי, דערביי אָבער נישט פיינט געהאַט דעם ביטערן טראָפּן.

אַליין אַ ליבעראַל און דעמאָקראַט, פאַרבראַכט פיל יאָרן אין דער שווייץ, האָט ער געשטרעבט צו לעבן בשלום מיט אַלע ריכטונגען. ער האָט דאָס געטאָן שכלדיק און מיט טאַלאַנט לאַווירנדיק. ער האָט זיך באַמיט ווי ווייט מעגלעך נאָכצוקומען די יידישע פאָדערונגען אָדער בקשות, נישט אַזוי מחמת גוטהאַרציקייט אָדער ליבעראַליזם, ווי כדי זיך צו שאַפן אַ גוטע רעפּוטאַציע און פּאָפּולאַריטעט ביי דער יידישער באַפעלקערונג און אירע פאָרשטייער.

מיט אַ דעלעגאַציע ביים לעצטן פּוילישן מלוכה־פּרעזידענט אין פּאַלאַץ אויף קראַקעווער פאָרשטאָט (וואַרשע). פון רעכטס צו לינקס: לאַווניק אברהם וואַרטסקי, לאַווניק פּ. משערווינסקי, לאָוויטשער בירגערמייסטער יאַן מיכאַלסקי און דער מלוכה־פּרעזידענט פּראָפ. איגנאַצי מאָשציצקי

אין זיין צייט האָט מען אויסגעווירקט, אַז אין שטאָטישן בודזשעט זאָלן אַסיגנירט ווערן געוויסע סובסידיעס פאַר דער יידישער קהילה אויף סאָציאַלע צוועקן. אויף דעם געביט האָבן די יידישע ראַטמענער געהאַט אויסצושטיין אַ שווערן קאַמף נישט נאָר מיט דעם רעכטן פליגל, נאָר אויך מיט די פּוילישע סאָציאַליסטישע ראַטמענער, וועלכע האָבן באַטראַכט די קהילה אַלס ריין־רעליגיעזן אַנשטאַלט און זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דאַרף דאָס די שטאָט באַשטימען סובסידיעס פאַר רעליגיעזע אינסטיטוציעס, און דערביי, אויסשליסלעך פאַר אַ יידישער. און ווען מען האָט געפּרוּווט זיי אויפקלערן, אַז די קהילה האָט אויך וועלטלעכע אויפגאַבן ווי צ. ב. סאָציאַלע הילף, פלעגן זיי טענהן: „צו וואָס טויג דער סעפּעראַטיזם? זאָלן די יידישע נויטבאַדערפטיקע, צוגלייך ווי די פּוילישע, זיך ווענדן דירעקט צו דער שטאָטישער סאָציאַלער אָפּטיילונג, אָן דער פאַרמיטלונג פון דער קהילה"...

מיר האָבן מאָטיווירט אונדזערע פאָדערונגען דערמיט, וואָס פון די אַלע קאָמונאַלע סאָציאַלע אַנשטאַלטן, ווי צ. ב. יתומים־היים און מושב־זקנים, וועלכע הגם געלייסטעט דורך דער פּאָוויאַטאָווער קאָמונאַלער פאַרוואַלטונג, אָבער דער עיקרשט אויסגעהאַלטן דורך דער שטאָט־מוניציפּאַליטעט, געניסן יידן אַבסאָלוט נישט, ווייל יידן שיקן דאָך נישט אַהין זייערע יתומים און זקנים. און צוליב דעם פאַלט די גאַנצע זאָרג און לאַסט אויף דער יידישער קהילה.

שטאטראט באשטימט סובסידיע פאר ייד. קהילה

דער דאָזיקער מאָטיוו האָט געהאַט זיין ווירקונג. און עס וואָלט אפשר געלונגען צו באַקומען גרעסערע סובווענצן, ווען די קהילה וואָלט געווען געשאַפן ענלעכע סאָציאַלע אַנשטאַלטן. האָט אָבער די אָרעמע לאָוויטשער קהילה דאָס זיך נישט געקאָנט דערלויבן. די שטאָטישע סובסידיעס זענען דעריבער געווען נישט זייער באַדייטנדע און צומייסטנס געגעבן געוואָרן אין אַן אַלגעמיינער פאַרשטעלטער פאָרם.

דאָס אויביקע גילט אויך בנוגע דעם שפּיטאָל־וועזן. ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָט די שטאָט־פאַרוואַלטונג געהאַט די פליכט צו דעקן די הייל־קאָסטן פאַר אָרעמע שטאָטישע איינוווינער אין די עפנטלעכע שפּיטעלער. די פּוילישע קראַנקע האָבן זיך באַנוצט מיט דעם אָרטיקן פּאָוויאַטאָוון שפּיטאָל, וואָס איז אגב געשטאַנען אויף אַ געגנוג הויכן ניוואָ און ווו די קאָסטן זענען נאַטירלעך געווען נידעריקער ווי אין די וואַרשעווער שפּיטעלער.

נאָר אין אויסנאַם־פאַלן, ווען צ. ב. אַ לאָוויטשער איינוווינער איז קראַנק געוואָרן אין דער פרעמד, אָדער איז צוליב אַ ספּעציפישער קראַנקהייט טראַנספּערירט געוואָרן דורך דעם אָרטיקן שפּיטאָל אין אַ ספּעציאַליזירטן שפּיטאָל אין וואַרשע, דאַן פלעגט די שטאָט צאָלן די רעכענונגען פון יענע שפּיטעלער פאַר דעם באַטרעפנדן אָרעמען פּאַציענט.

דאַקעגן יידישע אומפאַרמעגלעכע קראַנקע האָבן זיך באין אופן נישט געוואָלט באַנוצן מיט דעם אָרטיקן שפּיטאָל און אים כסדר אויסגעמיטן, אַזוי אַז דער פּראָצענט פון יידישע קראַנקע איז דאָרט געווען זייער אַ קליינער. דערפאַר האָבן זיי אין פאַלן פון אַן ערנסטער קראַנקהייט אָנגעווענדעט אַלע מיטלען זיי זאָלן געשיקט ווערן דורך דעם מאַגיסטראַט אין אַ וואַרשעווער שפּיטאָל. ראַטמענער און קהילה־מיטגלידער פלעגן אינטערווענירן און זיך משתדל־זיין ביים מאַגיסטראַט און מייסטנס אויך אויסגעפּועלט דאָס זייעריקע. און צום סוף האָט טאַקע דער מאַגיסטראַט געמוזט באַצאָלן די הויכע שפּיטאָל־הוצאות.

דער מאַגיסטראַט האָט אויך אויף דער יידישער אינטערווענץ געפלעגט שיקן יעדן זומער אייניקע יידישע קראַנקע אויף קוראַציע אין אַזעלכע קור־ערטער ווי ציעכאָטשינעק און בוסק.

איך מוז דאָ אונטערשטרייכן, אַז איך דערמאָן מיך נישט קיין פאַל, בעת מיין אַמטירן אַלס מאַגיסטראַט־לאַווניק, אַז די שטאָט־קאַסע זאָל האָבן אַמאָל באַצאָלט קוראַציע־קאָסטן פאַר אַ פּוילישן קראַנקן אין אַ קוראָרט.

זענען דאָך יידן רחמנים בני רחמנים: די באַגרינדונג איז געווען, אַז יידן באַנוצן זיך כמעט נישט מיטן אָרטיקן שפּיטאָל און שפּאָרן דעריבער איין הוצאות דער שטאָט־קאַסע, דערפאַר מעג ווער ווייניקסטנס אַמאָל פאָרן אויף קוראַציע אויף שטאָטישן חשבון.

אין שייכות מיט דעם, נאָך אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך:

אין דער צייט, וואָס די פּוילישע פּאַציענטן פלעגן זיך רעקרוטירן פון די אָרעמסטע שיכטן, מערסטנטייל פון לומפּן־פּראָלעטאַריער פון די פאָרשטעט, און וועגן זייער אויסגעשפּראָכענער אָרעמ־

קייט האָט נישט געקאָנט זיין דער מינדסטער ספק, איז די יידישע אינטערווענץ אָפּטמאָל אָנגעגאַנגען לגבי בכבודיקע, אָבער געפאַלענע יידישע משפחות, ביי וועלכע דער צוגעשיקטער צוליב אויסקונפטסצוועקן מאַגיסטראַט־באַאַמטער (אַזאַ אָנגענומענע פאָרמאַליטעט), פלעגט נאָך געפינען אַ היבשע דירה מיט בעל־הבתיש מעבל, וואָס ער פלעגט דערמאָנען און אונטערשטרייכן אין זיין צוגעשטעלטן ראַפּאָרט.

מיר האָבן דאָך אָבער קלאָר געוווּסט, אַז דער באַטרעפנדער איז א כפול־שמונהדיקער און מטופלדיקער אָרעמאַן. און עס האָט געקאָסט פיל מי איבערצוצייגן די שטאָט־פאַרוואַלטונג, אַז דאָך איז דער באַטרעפנדער מיטגליד פון דער דאָזיקער בכבודיקער משפחה ראוי געהיילט צו ווערן אויפן חשבון פון דער שטאָט־קאַסע.

פאַר אַ באַדייטנדן דערפאָלג דאַרף באַטראַכט ווערן דאָס דורכפירן אינעם שטאָטישן בודזשעט אַ סובסידיע אויף פאַר אַ צענטראַלער יידישער אינסטיטוציע, נעמלעך, פאַר דער יידישער אַקאַדעמישער היים אין וואַרשע.

שווער איז געווען צו עפענען די טויערן פון מאַגיסטראַט פאַר יידישע באַאַמטע.

די איינגעוואָרצלטע זייט יאָרהונדערטער טראַדיציע און חזקה פון איין זייט און דער אומגעהויערער צופלוס פון קאַנדידאַטן פאַרליאַקן אויף באַאַמטן־שטעלעס, פון דער צווייטער זייט, האָבן אויסערגעוויינלעך באַשווערט יעדע באַמיאונג אין דער דאָזיקער ריכטונג.

פראַגע וועגן ייד. באאמטע אין מאגיסטראַט

דאָך האָט זיך אין יענער צייט איינגעגעבן אַדורכצופירן די באַמינירונג פון יידישן ד״ר יאַקובאָווסקי אויף דער דאַן פריי־געוואָרענער שטעלע פון שטאָט־דאָקטאָר, וועמען עס איז אויך איבערגעגעבן געוואָרן די פירונג פון דער „קינדער־פלעגע־שטעלע״.

כמעט צו גלייכער צייט איז אויך פריי געוואָרן די שטעלע פון שטאָט־וועטערינאַר, און די יידישע ראַטמענער האָבן געמאַכט באַמיאונגען, אַז עס זאָל אַנגאַזשירט ווערן דער יידישער וועטערינאַר — ד״ר אשר איזראַלעוויטש. דאָס לעצטע איז שוין צוגעגאַנגען פיל שווערער.

די פוילישע מאָסגעבנדע ספערן האָבן זיך לחלוטין נישט געקאָנט איינלעבן מיט דעם געדאַנק פון אַ יידישן שטאָטישן וועטערינאַרדאָקטאָר. איך געדענק נאָך, ווי אומווילניק דער דעמאָלטיקער סטאַראָסטע האָט זיך באַצויגן צו דער דאָזיקער עווענטואַליטעט (הגם דער ענין האָט געהערט צו דער אויסשליסלעכער קאָמפּעטענץ פון מאַגיסטראַט און האָט נישט געדאַרפן זיין באַשטעטיקונג), וואָרענדיק פאַר מעגלעכע שיקאַנעס מצד די פוילישע קיילערס (קצבים).

אויך דער בירגערמייסטער מיכאַלסקי, באַציענדיק זיך בדרך כלל גאַנץ גינסטיק צו דער יידישער פאָדערונג, האָט אויסגעדריקט זיין חשש, טאָמער וועלן די פוילישע קיילערס — בכלל בריונים און ווילדיונגען, פאַר וועלכע אַ יידישער וועטערינאַר־דאָקטאָר אין שעכטהויז וועט אויסזען עפּעס ווילד און אומדערטרעגלעך און וועלן חלילה שטעלן אַ ווידערשטאַנד און שטערן דעם דאָקטאָר ביים אויספירן זיינע פונקציעס. (און ווי ער האָט זיך הומאָריסטיש אויסגעדריקט: „זיי וועלן מן הסתם טענהן — וואָס הייסט, אונדזערע פוילישע חזירים וועט חלילה בדקענען אַ זשיד?״).

וואָס אַן אמת, האָבן מיר אין אַ געוויסער מאָס אויך געטיילט די דאָזיקע חששות און דערביי אויך אין זינען געהאַט אונדזערע יידישע קצבים, וועלכע זענען געווינט צו אַ גויאישן וועטערינאַר, צו וועלכן זיי האָבן רעספּעקט, אַז זיי זאָלן זיך חלילה נישט באַציען מיט זלזול און פאַמיליאַריטעט, ווי דער שטייגער איז צו אַ יידישן וועטערינאַר, און בפרט צו זייערס אַ בן־עיר פון זייערס אַ באַקאַנטער און היימישער משפחה.

דאָך איז דורך פיל מי און אָנשטרענגונגען געלונגען, אַדאַנק דעם בירגערמייסטער מיכאַלסקי, אַדורכצופירן, אַז ד״ר איזראַלעוויטש זאָל אַקצעפּטירט ווערן אויפן אַמט.

דאָס איז באמת געווען אַ וויכטיקע דערגרייכונג. דערביי איז כדאי צוצוגעבן, אַז נישט געקוקט אויף אַלע חששות און דערוואַרטונגען, האָבן זיך די פוילישע קצבים פאַרהאַלטן גאַנץ לאָיאַל און קאָרעקט צום יידישן וועטערינאַר. אויך אויף די יידישע קצבים איז זיך נישט געווען וואָס צו באַקלאָגן.

א זומער-קאלאניע פאר יידישע קינדער

בירגערמייסטער מיכאַלסקי איז אויך געווען אַ שטיקל מקורב צו פּרעזידענט מאָשציצקי נאָך פון די צייטן, ווען זיי האָבן געלעבט אין דער שווייץ. ער האָט אויך אין דער צייט פון זיין אַמטירן אין לאָדזש באַקומען צוויי הויכע אויסצייכענונגען: דעם אָרדער „פּאָלאָניאַ רעסטיטוטאַ״ און דעם „מעדאַל ניעפּאָדלעגלאָשטשי״. אויף זיין איניציאַטיוו האָט דער שטאָטראַט באַשלאָסן צו בויען אַ גרויסן מאָדערנעם בנין פאַר אַ פאָלקס־שול א. נ. פון פרעזידענט מאָשציצקי. אין דער דעלעגאַציע מצד דער שטאָט־מוניציפּאַליטעט און אין דער אויפנאַמע ביים פרעזידענט אין וואַרשע אין שייכות מיט דעם דערמאָנטן באַשלוס האָט זיך אויך באַטייליקט דער יידישער מאַגיסטראַטמיטגליד. דאָס בילד פון דער אויפנאַמע איז דאַן פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די פוילישע אילוסטרירטע וואָכנבלעטער סיי אין אייניקע וואַרשעווער טאָג־צייטונגען.

צו יענער צייט זענען אויך געעפנט געוואָרן די שטאָטישע זומער־קאָלאָניעס פאַר אָפּגעשוואַכטע און אומפאַרמעגלעכע שולקינדער, אין די ספּעציעל צו דעם צוועק אויפגעשטעלטע בנינים אין דעם שטאָטישן וואַלד ביי דעם שאָסיי אויפן וועג קיין לאָדזש.

פאַר יידישע קינדער איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ באַזונדערע געביידע אונטער דער אויפזיכט פון די יידישע מיטגלידערינס פון ספּעציעלן שטאָטישן קאָמיטעט (פרויען ביאַלער און וואַרטסקי) און אַנגאַזשירטע יידישע פלעגערינס. עס זענען צוגעשטעלט געוואָרן דורך דער שטאָט־פאַרוואַלטונג באַזונדערע קיך־געשיר און כלים, און די יידישע קינדער האָבן באַקומען כשר עסן. אַלס יידישער מיטגליד פון דאָזיקן קאָמיטעט איז באַשטימט געוואָרן ראַטמאַן ל. ביאַלער.

דעקאַדענץ און סאַנאַציע-רעזשים

אַרום יענער צייט האָט זיך שוין אָנגעהויבן די ירידה פון דער מוניציפּאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג אין פוילן. עס האָט זיך אָנגעהויבן די תקופה פון דעם טרויעריק־באַקאַנטן סאַנאַציע־רעזשים. די ווילקירלעכע הערשאַפט פון דער פולקאָווניקעס־גרופּע, געוו. לעגיאָנערן, וועלכע זענען באַשטימט געוואָרן אויף די וויכטיקסטע פּאָסטנס אין דער רעגירונגס־אַדמיניסטראַציע. באַקומענדיק דערביי כמעט אומבאַגרענעצטע פולמאַכטן (אפילו דאָס רעכט אויף אַדמיניסטראַטיווער פאַרשיקונג פון די „ווידערשפעניקע״ בירגער נאָך קאַרטוז־בערע־

זע *). נישט רעכענענדיק זיך לגמרי מיט דעם געזעץ, פלעגן די דאָזיקע סאַטראַפּן בושעווען מוטווילליק און אומגעצוימט, און אַלץ בכוחו של אותו זקן — דעם „דזיאַדעק פּילסודסקי״. פאַרלאַנגענדיק פולשטענדיקע אונטערטעניקייט און גלייכשאַלטונג, נישט פאַרטראַגנדיק קיין שום זעלבשטענדיקן און אומאָפּהענגיקן געדאַנק אָדער טאַט.

אויך דער לאָוויטשער מאַגיסטראַט האָט אָנגעהויבן צו פילן דעם דרוק פון דאָזיקן סאַנאַציע־פּאַשיסטישן רעזשים. דער סטאַראָסטע — פאַרשטייט זיך, אויך אַ סאַנאַציע־פּולקאָווניק — איז געוואָרן אַבסאָלוטער הערשער אין דער שטאָט, אָנוואַרפנדיק זיין ווילן און זיינע קאַפּריזן דעם דעמאָקראַטישן מאַגיסטראַט. ער האָט פּשוט פאַרוואַנדלט דעם מאַגיסטראַט אין איינער פון די סטאַראָסטווּעס אָגענצן (אָפּטיילונגען).

באַזונדערס האָט ער זיך גענומען פאַרפאָלגן דעם יידישן מאַגיסטראַט־לאַווניק, וועלכער האָט געוואַגט צו זיין מער אומאָפּהענגיק, אָפּן זיך באַקענט און געווירקט אַלס ציוניסט (אָדער ווי דער סטאַראָסטע האָט אים גערופן „גרינבוימיסט״), און וועלכער איז נישט גאָר נישט איבערגעלאָפן אין די סאנאציע־רייען (ווי דאָס האָבן ליידער געטאָן מערערע חשובע יידישע עסקנים, דער עיקר צוליב פּחד און שיקאַנעס און פאַר דער שטייער־שרויף), נאָר פאַרקערט, ביי יעדער געלעגנהייט זיך דערקלערט אַלס אויסגעשפּראָכענער סאַנאַציע־קעגנער.

דער בירגערמייסטער מיכאַלסקי האָט זיך דאַן אַרויסגעוויזן גענוג פּחדנותדיק און כאַראַקטערלאָז, און נאָכן שטעלן אַ לענגערן ווידערשטאַנד, האָט ער צום סוף זיך געגצלעך אונטערגעגעבן. עס האָט אָבער מיכאַלסקין דאָס ווייניק געהאָלפן. ענדלעך איז דער פאַרהאַסטער — דורך דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט — מאַגיסטראַט באַזייטיקט געוואָרן און ס׳איז באַשטימט געוואָרן אַ קאָמיסאַרישער בירגערמייסטער, אויך אַ געוו. לעגיאָנער, וועלכער האָט געדאַרפט אָנפירן מיט דער שטאָט־ווירטשאַפט, לויט די ריכטליניעס פון דער סאַנאַטאָרישער רעגירונגס־פּאָליטיק.

עס זענען, וואָס אַן אמת, נאָך אַ געוויסער צייט, פאַראָרדנט געוואָרן נייע וואַלן צום שטאָטראַט. אָבער דער פּרעסטיזש, קאָמפּעטענצן און זיין באַדייטונג, זענען שטאַרק געפאַלן. און דערונטער אויך דער איינפלוס פון די שפּעטערדיקע יידישע ראַטמענער.

נאָכוואָרט פון מחבר

ביים פאַרענדיקן די דאָזיקע אַרבעט, שיינט מיר, אַז איך האָב אפשר צופיל מאריך געווען. יעדנפאַלס, ביים צוטרעטן צו דעם לויף פון געשעענישן, האָב איך זיי פאַרגעשטעלט אין אַ ברייטערער ראַם, אַזוי אַז אין לויף פון באַהאַנדלען דעם באַשריבענעם צייט־אָפּשניט פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין לאָוויטש, האָב איך געמוזט דערמאָנען פאַרשיידענע כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן און דערביי אויך נישט אויסמיידן אָדער פאַרהוילן געוויסע רעפלעקסן.

איך מיין, אַז לאָוויטש האָט נישט פאַרגעשטעלט מיט זיך קיין אויסנאַם; און מיט די זעלבע מער אָדער ווייניקער ענלעכע פּראָבלעמען און שוועריקייטן האָבן זיך באַגעגנט די יידישע פאַרשטייער אין די איבעריקע קרייז־שטעט אין פּוילן. לאָוויטש לא ללמד על עצמה יצאה, אלא ללמד על הכלל כולו יצאה. מעגלעך, אַז די דאָזיקע דעראינערונגען און אָבסערוואַציעס וועלן זיין אַ קליינער צושטייער פאַר דעם צוקונפטיקן געשיכטע־שרייבער פון יידן אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

צוטרעטנדיק אָפּצושאַצן די טעטיקייט און די פאַרדינסטן פון די יידישע רעפּרעזענטאַנטן אין די קאָמונאַלע זעלבסטפאַרוואַלטונגען, מוז גענומען ווערן אין באַטראַכט, אַז נישט אַזוי לייכט איז אָנגעקומען איינצוגעוווינען דעם פּוילישן מיעשטשאַנין (שטאָטישן איינוווינער), דעם פּוילישן פּויער און פּריץ, און זיי איינהעמערן אין מוח און געדאַנק, אַז דער ייד איז טאַקע אַ פולשטענדיק־גלייכבאַרעכטיקטער בירגער. איז דאָך דער דורכשניטלעכער פּאָליאַק געוווינט געווען זינט דורות צו באַטראַכטן די יידן אַלס נידעריק־ראַנגיקע בירגער — הענדלער און בעלי־מלאכות אָן רעכט צו זאָגן אַ דעה אין דער ווירטשאַפט, און וועלכע דאַרפן זיך פאַרלאָזן אויפן חסד פון די אמתע בעלי־בתים פון פּוילן, וועלכע וועלן זיי שוין נישט צופיל קריוודען.

עס איז אַ טעות צו מיינען, אַז עס איז גענוג געווען, די פּוילישע קאָנסטיטוציע זאָל גאַראַנטירן גלייכע רעכט פאַר אַלע פּוילישע בירגער; אַז די יידישע סיים־דעפּוטאַטן זאָלן קעמפן פאַר דער באַוואָרענונג פון די יידישע רעכט אין דער געזעצגעבונג און דאָס זאָל אויך פאַרווירקלעכט ווערן אין טאָג־טעגלעכן לעבן.

ערשט די יידישע רעפּרעזענטאַנטן אויף די ערטער, אויג אויף אויג מיט דער האַרטער ווירקלעכקייט, אין דער ערשטער ריי די יידישע פאַרשטייער אין די שטאָטראַטן און שטאָט־פאַרוואַלטונגען — זענען געצוווּנגען געווען צו פירן שריט ביי שריט אַן אומאויפהערלעכן און האַרטנעקיקן קאַמף, אַפּילו פאַר די פּשוטע עלעמענטאַרע רעכט פון די יידישע איינוווינער.

און מען דאַרף מודה זיין, אַז זיי האָבן דאָס על פי רוב געטאָן מיט מסירת נפש, געשיקטקייט און דערפאָלג.

אינעם ליכט פון דער דאָזיקער גרויער ווירקלעכקייט האָט זיך שנעל אַרויסגעוויזן, אַז די אַלע רעדערייען און הויכע לאָזונגען וועגן יידישער נאַציאָנאַלער רעכט און על אחת כמה וכמה — לאָזונגען וועגן יידישע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמע פּאָסטולאַטן, וועלכע זענען אַזוי פּאָפּולער געווען ביים סוף פון ערשטן וועלט־קריג און אין די ערשטע צייטן נאָך דער מלחמה, — זענען געווען הוילע אילוזיעס און זעלבסטפאַרטוישונג. אין דער צייט, ווען די איינפאַכע מענטשלעכע רעכט פאַר יידן זענען נאָך באַשטריטן געוואָרן מצד די מאַסגעבנדע הערשנדע פאַקטאָרן.

דער גאַנצער באמת מסירת־נפשדיקער קאַמף פון די יידישע סיים־דעפּוטאַטן אין דער ריכטונג האָט זיך אַרויסגעוויזן נישט מער ווי אַ דאָן־קיכאָטישער קאַמף.

איבעריקנס, זענען די דאָזיקע הויכע נאַציאָנאַלע פּאָסטולאַטן קיינמאָל אין קיין שום לאַנד (יעדנפאַלס נישט אויף אַ לענגערער צייט) נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. אויב דער רעזשים אין געגעבענעם לאַנד איז אַ רעאַקציאָנערער, איז ער ממילא אַן אויסגעשפּראָכן אַנטיסעמיטישער און ער מוז דאַן ביטער באַקעמפט ווערן טאָג־טעגלעך פאַר איינהאַלטן פאַר יידן די עלעמענטאַרע רעכט.

איז די ריכטונג אַ דעמאָקראַטיש־ליבעראַלע, הויבט זיך דאַן אָן דער פּראָצעס פון אַסימילאַציע און דער געדאַנק וועגן נאַציאָנאַלער רעכט ווערט די גלייכבאַרעכטיקטע יידן אַליין גאַנץ פרעמד. נאָר אין אַ זעלבשטענדיקער יידישער מדינה איז עס מעגלעך נאַציאָנאַל זיך אויסצולעבן און צו דערהאַלטן.

*) דער טרויעריק־באַרימטער קאָנצענטראַציע־לאַגער אין סאַנאַציע־פּוילן, וווהין עס זענען פאַרשיקט געוואָרן אַלע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן.

י. קראַנענבערג

א פּראָלעטאַרישע היים פאַר קינדער

א. נ. פון „שלום-עליכם"

כ'האָב געבעטן דעם פריינט שאַיאַק, אַז ער זאָל מיך אויסשליסן פון דער „משפחה". האָט ער נישט געוואָלט און געפאָדערט פון מיר דווקא שרייבן וועגן דער „קינדער־היים" — טו איך אים צוליב. כ'וועל אָבער דערציילן דעם גאַנצן אמת און נישט אַנדערש. אַזאַ אָפּמאַך האָב איך היינט מיט דעם רעדאַקטאָר און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די דערציילטע פאַקטן נעם איך אויף זיך.



יעקב קראָנענבערג ז"ל

„שקאָלי ניע זשעלאיעם"...

אַ שטעטל הינטערן פּראָגס, מיט אָפּגעברענטע און צעשטערטע הייזער, שמוציקע גאַסן און נאָך שמוציקערע וווינונגען. אַ טייל באַקאַנטע זענען אַנטלאָפן קיין וואַרשע, אַ טייל מיידן אויס די גאַס, וואָס ווימלט פון דייטשע יונקערס, סאָלדאַטן און פּראָסטיטוטקעס. פונוואַנען האָבן זיי זיך דאָ גענומען, די געשמינקטע ווייבער אין חסידיש־צוריקגעשטאַנענעם שטעטל? — מיר דוכט זיך פון גאַנץ פּוילן, — ס'איז זייער צייט. זיי געהערן צו איינע פון די נויטווענדיקסטע קריגס־אַרטיקלען, — דערקלערט מיר אַ דייטשער אָפיציר.

ווער זענען די פאַרמיטלער. ווער ווייזט אָן די אַדרעסן פון זייערע נאָרעס? עלטערע שעמען זיך — טוען דאָס קליינע, האַלב־נאַקעטע גאַסן־קינדער.

יאָ, פאַר די באַלעבאַטישע קינדער האָט געזאָרגט ה' מרדכי ביאַליק מיט זיינע ציוניסטישע פריינט. מען האָט אָפּגעקויפט אַ הויז אויף דער בראָוואַרנע גאַס און דאָרט איינגעאָרדנט אַ גרויסע העברעאישע שול, געבריינגט לערער פון לאָדזש. די עלטערן האָבן געשעפטן, האַנדלען, האָבן פּרנסה און שאַכערן מיט די דייטשן. ס'איז נישט קיין עוולה — אַלע מענטשן ווילן עסן ברויט.

אויף די חורבֿע, האַלב־אָפּגעברענטע גאַסן, דרייען זיך אַרום האַלב־נאַקעטע, באָרוועסע יידישע קינדער, פיל יתומים, און פאַרקויפן צו די דייטשע סאָלדאַטן פּאָרנאָגראַפישע בילדער.

מיין פּנים ברענט פון חרפּה — ס'איז דאָך מיין קלאַס, אויך איך בין דאָך געקומען פון דער עקסטרעמסטער אָרעמקייט. כ'פּרוּוו רעדן מיט פריינט יחיאל מאיר זילבערבערג, ער האָט אַ גוטע נאַטור — ער זאָגט קיינמאָל נישט ניין, אָבער פיל צייט האָט ער אויך נישט, מען דאַרף פּרנסה — און די פּויערים שטייען אין די רייען און ברענגען די לעצטע עטלעכע אייער פאַר שרייבן אַ ביטע צום קרייזשעף. כ'האָב דאָרט נאָך אַ ידיד — יחיאל זיידע — איז ער פאַרנומען מיט „קולטור". ער האָט די ביכער, די ראָמאַנען און לידער, דאָס לייען־מאַטעריאַל פאַר פאַרחלומטע ראָמאַנטישע מיידלעך.

כ'האָב געזען דעם פּראָגס מיט זיין גרויזאַמקייט און פאַרלוירן דעם אינטערעס פאַר די ביכער. ערשט עטלעכע חדשים פאַרן קריג האָט שלום אַש געשריבן: „בכלל זעט גאָטס וועלטל אויס ווי אַ היימיש הויז־געזינט, ווי אַלעס לעבט זיך רואיק און צופרידן".

כ'האָב געהאַט ווייניק פאַרשטענדעניש פאַר דער דאָזיקער ליטעראַטור. כ'האָב געזען די צעשאָסענע הייזער אין קאַליש, די פאַרפייניקטע אין טשענסטאָכאָוו, די געפרוירענע טויטע קערפּער פון סאָלדאַטן, טאַטעס, ברידער, מענער. כ'האָב געזען דעם געהאַנגענעם סאָבאָטער רב, די געשמיסענע קוטנער יידן, די געהאַנגענע יונגעלייט פון זגערזש, די קדושים פון בזשעזשין דאָס לאָוויטשער יינגל זאַליץ — און פאַרלוירן דעם אינטערעס צום בוך.

איינס האָט מיך אינטערעסירט — די קינדער פון גאַס, די קינדער פון מיין קלאַס. זיי האָב איך געוואָלט ראַטעווען, אָבער ווי? מיט וועמען? ווער האָט פאַרשטענדעניש פאַר קינדער פון אַ וואַסערטרעגער, פון אַ גרינס־הענדלערין פון געמיינעם פאָלק — זיי דאַרפן ליפערן פּראָסטיטוטקעס און גנבים...

מיט איינמאָל האָט אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר יחיאל זיידע. איך האָב שוין פאַרשטאַנען — באַשטעלן אַ הספד נאָך שלום עליכמען. דער זאַל איז געווען געפּאַקט, און איך האָב גערעדט וועגן מאָטל פּייסי דעם חזנס, וועגן דעם, וואָס האָט געלאַכט מיט טרערן און כ'האָב דורכגעפירט אַ פייערלעכע רעזאָלוציע, אַז לאָוויטש גרינדעט אַ שול פאַר אָרעמע און היימלאָזע קינדער, פאַר די מאָטל פּייסי דעם חזנס.

קיינער האָט די רעזאָלוציע נישט גענומען ערנסט — האָבן אַלע פאַר איר געשטימט.

אָבער ווען כ'האָב צוזאַמגענס געבעטן געלט און אָנגעהויבן טון — האָט מען אויף מיר אויסגעשטעלט פּויסטן, מען האָט געדראָט. און נאָך איין נס, וואָס כ'בין דעמאָלט געווען אַ פאַרמעגלעכער מענטש, אַנדערש וואָלט מען מיך חושד געווען, אַז כ'וויל דאָס געלט פאַר זיך. האָב איך צוזאַמען מיט פריידעלע דאָמב געזאַמלט די ערשטע 60 דייטשע מאַרק. קאַסירער איז געווען אברהם פרידמאַן, דער שפּעטערדיקער ראש־הקהל. געווען אין לאָוויטש אַ יונגערמאַן מיט ווייניק פּרעטענזיעס און האָט געהייסן מלך הערמאַלין. דעם דאָזיקן פּשוטן, באַשיידענעם בחור האָב איך צו פאַרדאַנקען, וואָס

די שול איז געגרינדעט געוואָרן. ער און די יונגע פריידע דאָמב האָבן די עטלעכע צענדליק קינדער צו פאַרדאַנקען זייער געראַטעוועטע דערציאונג.

די זאַך איז אַזוי געשען:

דעם קאָמי׳טעט, וועלכן כ׳האָב געגרינדעט מיט אברהם פרידמאַן אין דער שפּיץ, האָט דאָס געזאַמלטע געלט געוואָלט פאַרווענדן אויף אַ סובסידיע פאַר צוויי אָרעמע קינדער אין העברעאישן „בית־ספר" און חוזק געמאַכט פון מיין „פאַנטאַזיע" וועגן אַ שול. האָב איך גענומען צוהילף די יונגע פריידע דאָמב און מלך הערמאַלין. זיי האָבן געזאַמלט אין שטאָט 50 מאַרק, דאָס געלט האָב איך תיכף אָוועקגעגעבן אַ סטאָלער, ביי וועמען כ׳האָב באַשטעלט 5 שול־בענק און אויפן איבעריקן אויסגעשטעלט אַ צעטל צו אַברהם פרידמאַן. דער פאַרשטאָרבענער פרידמאַן, נישט וועלנדיק, אַז דער סטאָלער זאָל אים מאַכן אַ סקאַנדאַל, האָט די גאַנצע „קאַסע" וואָס

און זיין חבר פנחס בראָם האָט צוגעגעבן, אַז ביי אים וועט גיכער וואַקסן האָר אויף דער רעכטער זייט האַנט, ווי ס׳וועט דערלאָזט ווערן גרינדן אַ יידישע שול.

די צוויי מענטשן זענען געווען דער אויסנאַם פון 85 פאַרזאַמלטע געסט. צומאָרגנס זענען מינטשע רעכטמאַן, פריידעלע דאָמב, פרל. עלעכנאָוויטש (איצט די פרוי פון בערל דאָמב) און מלך הערמאַלין, געגאַנגען פון טיר צו טיר און מיר געשאַפן אויף 3 חדשים דירה־געלט פאַר הערלעכע צוויי גרויסע צימערן און אַ קליין צימער פאַר אַ קאַנצעלאַריע. (אין דעם הויז געפינט זיך היינט די רעדאַקציע „מאַזאָוושער וואָכנבלאַט").

פאַרן געלט וואָס איך האָב אַליין געזאַמלט, האָב איך פאַרענדיקט דאָס מעבלירן די צימערן און פאַר אַ ביסל אייגענע גראָשנס איינגעקויפט ביכער, העפטן, טינטערס און אַנדערע שול־מכשירים.

איצט האָט מען געדאַרפט האָבן אַ לערער־פערסאָנאַל.

די טוער פון דער שלום־עליכם־שול. פון רעכטס: די ברידער ראַזנטאל, צווייטער זיצט: דער שרייבער יעקב קראָנענבערג, עזריאל אַמשינאָווסקי, י. רובינאָוויטש, מלך הערמעלין (שטייט לינקס)

ער האָט געהאַט, אויסגעצאָלט דעם ייד און זיך אַלס פּראָטעסט אָפּגעזאָגט פון קאָמיטעט און אים אויפגעלייזט.

איצט האָט מען געדאַרפט גרינדן אַ שול־געזעלשאַפט — האָב איך גערופן אַ פאַרזאַמלונג אין לאָקאַל פון דער ביבליאָטעק (זדונסקע 21).

אַ שעה פאַר דער פאַרזאַמלונג האָט לייבוש קראָנענבערג אויפגעהאַנגען אַ גרויסן שלאָס אויף דער טיר, האָט מיר יחיאל זיידע אַן עצה געגעבן כ׳זאָל אַראָפּרייסן ס׳שלאָס און ער אַליין האָט זיך באַהאַלטן.

האָב איך איינגעשטעלט מיין פרייהייט און דאָס שלאָס פון אַ געזעלשאַפט, ווו כ׳בין נישט געווען קיין פאַרוואַלטונגס־מיטגליד, אַראָפּגעריסן, געקומען זענען אַלע איינגעלאַדענע געסט, ס׳רוב אינטעליגענטע מיידלעך, און פאַרזיצער איז ווי תמיד געווען יחיאל מאיר זילבערבערג. מיר האָבן געגרינדעט אַ געזו. מיין רעדע וועגן דער נויטווענדיקייט צו ראַטעווען די קינדער, האָט מאַנכע גערירט — יעדער האָט זיך דעקלאַרירט צו צאָלן חודש־געלט. ווען די פאַרזאַמלונג איז שוין געווען דורך זילבערבערגן געשלאָסן, האָט גענומען אַ וואָרט לייבוש קראָנענבערג און דערקלערט, אַז די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען נישט לעגאַל — דאָס האָט יאַנקל קראָנענבערג אַראָפּגעריסן אַ שלאָס פון דער טיר.

אויסער מיר און זילבערבערגן האָט קיינער אין שטעטל נישט געקענט קיין יידיש, מען האָט אַלזאָ געדאַרפט אויסבילדן אַ לערער־פערסאָנאַל.

קיין געלט אויף געצאָלטע לערער איז אויך נישט געווען.

געווען אין שטעטל אַ מיידל מיט שוואַרצע אויגן און מיט אַ דיפּלאָם פון אַ רוסישער גימנאַזיע, ביי וועלכער איך האָב געפונען חן אין די אויגן. דאָס מיידל האָט געהייסן פעלאַ קאָנשטיין. געווען אויך אַ שטאָט־אינטעליגענטקע מיטן נאָמען טשעסלאַוואַ וואָלבאָרסקאַ (שפּעטער די פרוי פון אברהם וואָרסקי), האָב איך אין די פרייע אָוונטן איינגעקנעלט מיטביידע יידישע עברי. מיט פעלאַ קאָנשטיין איז עס געגאַנגען גוט; מיט טשעסלאַוואַ וואָלבאָרסקאַ — אַ ביסל שווערלעך... מיט אַ חודש שפּעטער האָב איך שוין געהאַט אַ לערער־פערסאָנאַל פון זעקס לערערינס און דריי לערער. יעדער האָט צוגעזאָגט אַ שעה און איך אַליין דריי שעה — געווען שוין 12 שעה אין טאָג — גענוג פאַר צוויי קלאַסן. אַלע לימודים, אויסער פויליש (פרל. עדזשאַ הירשבערג־ראָזענקראַנץ) זענען געלערנט געוואָרן אין יידיש.

איין זאַך מוז איך מודה זיין: אַמשטאַרקסטן סימפּאַטיש האָט די שול אויפגענומען דער דייטשער שול־אינספּעקטאָר.

— איר זענט אַזוי יונג און האָט אַזויפיל פאַרשטענדעניש פאַר

אַזאַ גרויסער זאַך, פאַר וועלכער די היגע יידן האָבן קיין שום סימפאַטיע נישט. אַזוי האָט מיר געזאָגט אַ פרעמדער מענטש, דריקנדיק די האַנט אויף דער דערעפענונג פון דער שול. געקומען אויך פון וואַרשע הלל צייטלין, פון סאָכאַטשעוו וואָלף ראָזענבערג — כמעט ס׳גאַנצע שטעטל, פון גרויס ביז קליין.ביים צונעמען פון די קינדער האָב איך מיר צוהילף גענומען איין מלך הערמאַלין און אויסגעקליבן צווישן די פערציק קינדער — די אָרעמסטע, ראשית אַרבעטער און גאַסן־קינדער, די אָפּגעקומענע באַלעבאַטישע קינדער איבערגעלאָזט אויף שפּעטער.

הלל צייטלין האָט אַ גערירטער געזאָגט אויף דער דערעפענונג:

— „איך בין גערירט צו זען מענטשן, וועלכע האָבן ערשט נישט לאַנג אַליין געאַרבעט איבער זיך, געבנדיק איצט זייער אַרבעט פאַר אַזאַ הייליקער זאַך".

צומאָרגנס האָב איך מיך גענומען צו שול־אַרבעט — געוואָרן אַ לערער — אַ לייטער פון אַ שול, מיט אַ פּערסאָנאַל פון זעקס מיידלעך און דריי מענער.

וואָס מקנא צו זיין איז מיך נישט געווען. די אידעאָלאָגישע זייט פון אַ וועלטלעך־פּראָלעטאַרישע שול מיט דער יידישער אונטעריכט־שפּראַך איז מיינע אַלע מיטאַרבעטער געווען פרעמד, מאַנכע אפילו פיינטלעך. מען האָט געהאָלפן הונגעריקע קינדער, געאַרבעט פאַר „בילדונג", פאַר פאַרטרייבן לאַנגווייל. פאַר רחמנות, פאַר אַלץ, גאָר נישט פאַר יידיש און פּראָלעט. גייסט. אַליין האָב איך אַלע באַצוווּנגען, דיקטירט און געהיטן דעם גייסט פון דער שול. איצט האָב איך שוין געהאַט צוהילף אַלע שילער און שילערינס. זיי, די קינדער, האָבן דערפילט, אַז צווישן מיר און זיי איז נישטאָ קיין קלאַסן־אונטערשיד, וואָס האָט זיי אָפּגעטיילט פון די לערערינס און פאַרוואַלטונג, די קינדער האָבן גוט געוווּסט, אַז זייערע טאַטעס און מאַמעס טראָגן נישט קיין וואַסער, פאַרקויפן נישט קיין פּיעטרושקע און נעמען נישט קיין נדבות ביי מ י י נ ע ע ל ט ע ר ן. מיט מיר האָבן זיי געגעסן ביי איין טיש, מיט מיר האָבן זיי גערעדט אַזוי פּשוט ווי אין דער היים. — די קינדער האָבן אויף מיר געקוקט ווי אויף אַ טאַטן.

צוויי קוריאָזן: איינמאָל האָט מיר חפצה זשעלעכאָווסקאַ צוגעשיקט 30 ציצית־כנפות פאַר די קינדער. צוליב אידעאישע סיבות האָב איך נישט געקאָנט די ציצית־כנפות צעטיילן די קינדער, איך דאַרף מיך נישט פאַרענטפערן — ס׳איז קעגן מיינע איבערצייגונגען. איז חפצה זשעלעכאָווסקאַ אַרויס פון דער פאַרוואַלטונג אַ באַליידיקטע. אַ צווייטער קוריאָז: אין יענע יאָרן האָבן די ציוניסטן ל״ג בעומר איינגעאָרדנט צוגן איבער דער שטאָט, האָבן זיי איינגעלאָדן אויך אונדזערע קינדער מיט זייער פאָן. אַלע לערער און פריינט האָבן מסכים געווען די קינדער זאָלן גיין, עפּעס אַ קלייניקייט צוזאַמען מיט רייכע און זאַטע קינדער, מיטן „בית ספר". איך האָב דערצו נישט דערלאָזט און מיר האָבן אונדזער אויספלוג איינגעאָרדנט מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, אין אַרקאַדיע־וועלדל. די קינדער אַליין האָבן דעמאָלט געהאַט עגמת־נפש פון דאָזיקן פאַקט — איך אַ סך צרות — אָבער ווי לאַנג איך האָב אָנגעפירט מיט דער שול איז דאָס געווען אַ פּראָלעטאַרישע היים פאַר קינדער, וואָס האָט מיט שטאָלץ געקאָנט טראָגן דעם נאָמען פון גרויסן פאָלקס־דיכטער. צירקאַ צוויי יאָר האָב איך אויסגעבויט די שול, מיט אייגן און פרעמד געלט, מיט אַרבעט, שווייס און עגמת־נפש. ווען כ׳האָב געמוזט פאַרלאָזן לאָוויטש, האָט די אָנפירונג איבערגענומען דער לאָדזשער לערער און שפּעטערדיקער זשורנאַליסט, פריינט יעקב גיפּס. גיפּס איז געווען אַ לינקער פּועלי־ציוניסט. ווי לאַנג ער איז געווען אין לאָוויטש האָט זיך נאָך די שול געהאַלטן, נאָך זיין אַוועקפאָרן איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ, ביז די שול איז, דוכט זיך, געשלאָסן געוואָרן דורכן לאָוויטשער שול־אינספּעקטאָר.

אין מיין שפּעטערדיק לעבן האָב איך מיך פיל מאָל געטראָפן מיט די קינדער פון דער שלום עליכם־היים, — אין לאָדזש, אפילו אין אויסלאַנד און צו זיי געהערט אויך דער רעדאַקטאָר פון „מאַזאָווישער וואָכנבלאַט", גדליה שאַיאַק.

מיט דער שול בין איך אייביק געווען שטאָלץ. ס׳איז דאָך געווען דאָס ליכטיקסטע שטיקל געשיכטע פון לאָוויטש אין לעצטן דור, אָבער איין פאַקט האָט מיר צעשטערט די דאָזיקע גוטע דערינערונגען:

אין 1926 האָב איך באַזוכט לאָוויטש. שאַיאַק האָט מיך אַראָפּגעבראַכט אויף אַ פאָרלעזונג. געפאָרן בין איך אויף אייגענע הוצאות און ס׳האָט ווער געוואָרפן אַ שטיין אויף דער בינע. מען האָט מיר שפּעטער דערציילט, אַז דאָס איז געווען די אַרבעט פון איינעם פון די שילער, וואָס כ׳האָב אַמשטאַרקסטן ליב געהאַט... שפּעטער האָב איך געלייענט אין „מאַזאָווישער וואָכנבלאַט", אַז דער זעלבער שילער האָט אויפגעהויבן די הענט קעגן אַ יידישן פּליט. די פאַקטן האָבן מיר שטאַרק וויי געטון — וואַרשיינלעך האָב איך צו פרי פאַרלאָזט די דאָזיקע פּראָלעטאַרישע „קינדער־היים".

(יובל־נומער „מאַזאָווישער וואָכנבלאַט")



די גרינדער פון צעירי ציון (1917). פון רעכטס, שטייען: ישראלקע הערמאַלין, שלמה גרינבערג; עס זיצן: שמשון מילגראָם, פּנחס ביעזשאָנסקי, שמואל באָרענשטיין, יעקב קייזמאַן, יוסף בוכנער, משה בוקשטיין

The founders of the Zionist Youth Movement, 1917

פנחס טענענבוים ז"ל

די לאָוויטשער קהילה און אירע פרנסים

ערב דער צווייטער וועלט-מלחמה

לאָוויטש איז דורכאויס אַן אַגראַרער צענטער, באַזיצט כמעט גענצלעך נישט קיין אינדוסטריע און עקזיסטירט נאָר אַדאַנק די אַרומיקע פּייערימשאַפט, וועלכע איז כמעט די רייכסטע אין מאַזאָוויע.

די שטאָט ציילט לעצטנס קרוב 25,000 איינוווינער, דערונטער אַן ערך ביז 4,500 יידן, (גענויע ציפערן פעלן, צוליבן ביז־איצטיקן נישט באַזיצן דורך דער קהילה קיין גענויעם רעגיסטער, וועלכער וועט אין די נאָענטסטע חדשים איינגעפירט ווערן אין דער פאָרם פון אַ מאָדערנער קאַרטאָטעקע, אויף וועלכער ס'געפינט זיך שוין אַ ספּעציעלע פּאָזיציע אין באַשטעטיקטן אויפן יאָר 1939 בודזשעט), ד. ה. אַן ערך ביז 25 פּראָצ. פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

די קהילה, וואָס ווערט פאַררעכנט צו די גרויסע, ווערט געלייטעט דורך אַ פאַרוואַלטונג און ראַט.

די פאַרוואַלטונג באַשטייט פון 8 מיטגלידער, דער ראַט פון 12.

אַזוי ווי אין דער קהילה איז קיין אַרכיוו נישט געפירט געוואָרן, איז נישט מעגלעך אויף קיין דאָקומענטן פעסטצושטעלן ווי אַזוי די פריערדיקע לייטונג מיט דער קהילה־ווירטשאַפט האָט אויסגעזען.

לויטן באַזיצנדן מאַטעריאַל, איז דער ערשטער קאָנסטיטואירנ־דער פּראָטאָקל פון דער פאַרוואַלטונג געשריבן געוואָרן דעם 8־טן נאָוועמבער 1921. דער צוזאַמענשטעל פון דער דעמאָלטיקער פאַר־וואַלטונג איז געווען:

1. יעקב שעפּס ע"ה, 2. חיים דאָמב נ"י, 3. מיכאל גינצבערג נ"י, 4. שלמה זיידע נ"י, 5. ישעי' זיידע נ"י, 6. יעקב גידאַלעוויטש, 7. בן־ציון מיעדזיגורסקי נ"י, 8. אברהם משה פרידמאַן ע"ה, 9. זקן דזשאַלאָשינסקי נ"י און 10. יצחק מאיר באַק.

אַלס פאָרזיצער פון דער ערשטער קאָנסטיטואירטער געווייל־טער קהילה־פאַרוואַלטונג איז אויסגעוויילט געוואָרן דער דעמאָלסטיקער רב, הגאון בצלאל בידערמאַן ע"ה, אַלס וויצע־פאָרזיצער די ה"ה מ. שעפּס און ק. דאָמב, קאַסירער מ. גינצבורג.

דער ערשטער קהילה־בודזשעט דורך דער פאַרוואַלטונג באַאַר־בעט אַלס מאָדערנער שוין און באַשטעטיקט דורכן בילדונגס־מיניס־טעריום, טראָגט די דאַטע פון 5־טן אויגוסט 1923 י. אין דער גלאָ־באַלער סומע פון 110,000,000 מאַרק (הונדערט צען מיליאָן מאַרק). ס'געפינט זיך שוין אַ פּאָזיציע פאַר קולטורעלע באַדערפענישן ווי צ. ב. 750,000 (זיבן הונדערט פופציק טויזנט מאַרק) פאַר די יידישע וועלטלעכע שולן.

נאָך דער דעוואַלואַציע אין יאָר 1926 באַטרעפט דער בודזשעט אין דער הויך פון 45,800 זל. אין 1927 — 50,000 זל., 1928 — 51,775 זל., 1929 — 76,224 זל., 1930 — 76,999 זל., 1931 — 73,201 זל., 1932 — 66,592 זל.; 1933 — 53,205 זל.; 1934 — 61,428 זל.; 1935 — 56,890 זל., 1936 — 43,475 זל., 1937 — 36,655 זל., 1938 — 39,023 זל., 1939 — 36,031 זל.

דער צעטל פון די ציפערן באַווייזט דעם כסדרדיקן וווקס און די ירידה פון דער אַזוי־גערופענער יידישער אויטאָנאָמער קהילה.

אין די לעצטע בודזשעטן ווייזט זיך אַ כסדרדיקע שטייגערונג אין דער פּאָזיציע פאַר סאָציאַלער הילף, וועלכער ווייזט אַמבולטסטן דעם פּויפּעריזאַציע־גאַנג פון די יידישע מאַסן. צ. ב. דער בודזשעט אויפן יאָר 1939, וועלכער איז פּרעלימינירט אין דער הויך פון 36,031 זל. פאַרנעמט די פּאָזיציע פאַר סאָציאַלער הילף אַ סומע אין דער הויך פון 6,000 זל. ד. ה. אַ זעקסטל פון גאַנצן פּרעלימינאַר.

אין יאָר 1938 האָבן פון אונטערשטיצונגען גענאָסן אַן ערך 160 פּערזאָן. די אונטערשטיצונגען גרייכן פון 1 זל. ביז 75 זל.

פון פּסח־אונטערשטיצונגען האָבן גענאָסן 207 פּערזאָן אויף אַ סומע פון 1,167 זל.

די היינטיקע אָרגאַנען פון דער קהילה האָבן איבערגענומען די לייטונג אָנהויב 1937 און באַשטייט פון ראַט־מיטגלידער.

ד"ר יצחק יאַקובאָווסקי — פּרעזעס, שמואל שלמה ליפּסקער — וויצע־פּרעזעס, אפרים ראָזענקראַנץ, פּנחס (פּיניע) גורט, אלעזר בענדער, אברהם הערש באָרנשטיין, ירחמיאל וואָלף, שמואל דאַווי־דאָוויטש, יצחק גאָטליב, ליפּא גרינבוים, יעקב זאַנד, ידידי' שאַיאַק.

די פאַרוואַלטונג

אלתר ווינער (וויצע־פּרעזעס), בן־ציון מיעדזיגורסקי, ברוך שאַפּיראָ, ישעי' זילבערמאַן, יוסף קאַדיש, מרדכי זילבערבערג, פישל ראָזענבוים, יעקב שטערן.

(דעם אַמט אַלס פּרעזעס איז זייט יאַנואַר 1939 וואַקאַנט צוליבן לייגן דעם מאַנדאַט דורכן ביז־איצטיקן פּרעזעס ה' יצחק אַדלער, אויף וועמענס אָרט ס'איז אַריין אַלס פאָרטרעטער אין דער פאַר־וואַלטונג ה' יעקב שטערן).

די איצטיקע אָרגאַנען ביים איבערנעמען די לייטונג פון דער קהילה האָבן צוליב דער פעלערהאַפטער ווירטשאַפט פון די פריער־דיקע פאַרוואַלטונגען אָנגעטראָפן אַ דעפיציט פון איבער 20,000 זל. (צוואַנציק טויזנט זל.). אַדאַנק דער געהעריקער ווירטשאַפט איז דורך דער קורצער צייט פון דער איצטיקער קאַדענץ געלונגען דעם דעפיציט צו פאַרקלענערן אויף איבער אַ העלפט און לויט דער אויס־געאַרבעטער בודזשעט־ליניע ווערט פאָרגעזען מיט דער צייט אַלע חובות צו רעגולירן.

ס'ווערן אויך מיט דער צייט איינגעפירט פאַרשידענע אינוועס־טיציעס, ווי צ. ב. אַ קהילה־אַרכיוו, אַ גענויע קאַרטאָטעקע פון דער יידישער באַפעלקערונג א.אַ.וו.

די קהילה אַלס איינציקע רעפּרעזענטאַנץ פון דער יידישער באַפעלקערונג, ביי דער איצט שווערער צייט גיט די איניציאַטיוו פאַר פיל נוצלעכע פאַרן כלל אונטערנעמונגען און שטייט אויף דער וואַך ביים פאַרטיידיקן די יידישע אינטערעסן כלפּי חוץ.

(„מאַזאָווושער וואָכנבלאַט", 31־טער מערץ 1939)

זכרונות און איינדרוקן

זאוועק (דוד ראזענטאל) (פילאַדעלפיע)

לאוויטש אין מיין זכרון

אַ דיקער נעפּל פון פאַרגעסנקייט האָט שוין אַרומגענומען די יאָרן, וואָס זענען פאַרלאָפן ביי די ברעגן פון דער בזורע און פון דער ווייסל. איינצלנע, אָבער, יחידים און געשעענישן פון דער צייט־אָפּשניט לייכטן אַרויס, ווי שטערן פון אַ פאַרגאַכטיקן הימל און פירן צוריק אין אַ וועלט, וואָס הגם פיזיש איז זי מער נישטאָ, לעבט זי אָבער דאָך אין אונדזער גאַנץ וועזן, אין אַלע אונדזערע רמ״ח אברים. די יחידים און געשעענישן שלענגלען זיך פון געדעכעניש ווי פון זיך אַליין, נישט לויט זייער געשיכטלעכער חשיבות און אפילו נישט אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר, ווי זיי האָבן זיך אָפּגעשפּילט. דאָס זענען דערגרינערונגען שטרענג סובּיעקטיווע, אַזוי ווי איך האָב זיי איבערגעלעבט און אַזוי ווי זיי האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון.

דוד ראַזענטאַל

טייל וועלן אפשר זאָגן, אַז דאָס וואָס איך זע אין די געשעענישן איצט, איז נאָר דער גילדערנער שיין פון פאַקטן, וואָס לאָזן נאָך זיך דעם שטויב פון נאָסטאַלגיע — גינגאָלד מיטן עצם פון זייער פאַרשווינדן און נישט מיטן עצם פון זייער זיין. דאָס איז, אָבער, נישט מיין געפיל און אויך נישט מיין אָפּשאַצונג. פאַר מיר איז עס אַ תקופה און אַ דור, וואָס איז געווען און איז געבליבן קודש.

דאָס לאָוויטשער לאַנדשאַפט

ווען אין מיין זכרון צינדן זיך אָן בילדער פונעם אַמאָל, באַוועגן זיי זיך ווי אין אַ קאַראַהאָד, צווישן פאַרשיידענע אָפּשניטן פון יאָר, געפּאָרט מיט פאַרשיידענע געלעגנהייטן, אָבער תמיד איינגעראַמט אין הינטערגרונט פון דער פויליש־יידישער ווירקלעכקייט. דו זאָגסט לאָוויטש און דו זעסט די רחבותדיקע פליינען הינטער דער שטאָט, פון וועלכער עס טראָגט זיך, אין זומערדיקע אָוונטן, אַזאַ שטילער אומעט און האַרציק־זיס געזאַנג; דו זעסט די סעדער אין און אַרום דער שטאָט מיט זייערע באַרנעס־, קאַרשן־ און עפּל־ביימער; דו דערפילסט דעם אַראָמאַט פון פערסישן בעז; טוליפּאַנען און רויזן פון קאַלינאָווסקיס זאָרגפעלטיק געפלעגטן גאָרטן מיט זיינע וואַרעמבייטן און בין־שטאָקן; דו אָטעמסט איין די קלאָרע, ראָזלעכע לופט פון די הייסע זומער־טעג, ווען מען איז געלאָפן אָפּקילן זיך אין די וואַסערן פון דער בזורע און געשאַפן אַ קליינע פלאַזשע־געטאָ, פריער אין הויף פון די שרעגערס, אויף דער פאָדזשעטשנע, און שפּעטער, אין גאָרטן פון די דאָמבס, וואָס האָט זיך געצויגן אַ שטיק לענג־אויס דער בזורע און געגרענעצט מיט זייער ניי־אויפגעבויטער קאַמעניצע ביים מיליטערישן קינאָ.

אָט דוכט זיך, ווי איך זיץ אין צימער פון אונדזער היים אויף דער זדונסקע. די פענצטער אָפן. עס איז איינער פון די זומער־אָוונטן, וואָס נידערן אַראָפּ, נאָכדעם ווי די זון האָט אַדורכגעגליט יעדן שפּאַן ערד. פון דער אָזיערע, וואָס נאָענט צום לערער־סעמינאַר, דערטראָגט זיך דאָס קוואַקען פון זשאַבעס און דער געפּילדער פון וואַסער־פייגל. מיט איין מאָל רייסט די לופט דורך אַ לאַנג־געצויגענער פייף און דאָס סאָפּען פון אַ לאָקאָמאָטיוו. אַן אָנזאָג, אַז דער צוג פון וואַרשע קיין פּויזן איז אָנגעקומען אויפן ווינער וואָקזאַל. אַמאָל האָט מען דאָ מיט האַרץ־ציטער און בענקשאַפט אָפּגעוואַרט קרובים, פריינט און סתם געסט, וואָס פלעגן קומען אין דער שטאָט. לויפט, אפשר, אויך היינט דער זעלביקער צוג פון וואַרשע—פּויזן. ער לויפט דורך די זעלביקע שטעט און דורך די זעלביקע צעגרינטע פעלדער, נאָר געפינען געפינט ער אַ יידיש אויסגעליידיקטע וועלט...

לאָוויטשער אַרכיטעקטור

די שטאָט איז געבויט לויט דער מאַגדעבורגער טראַדיציע. אין צענטער דער אַלטער מאַרק, וואָס איז אויך דער פּלאַץ פאַר מיליטערישע פּאַראַדן אין די טעג פון די נאַציאָנאַלע ימים־טובים. דאָ הויזן די שטאָט־פאַרוואַלטונג, די צוויי גימנאַזיעס, דער באַנק זשעמי לאָוויצקעי, די אָפיצירן־קאַסינע, דאָ שטייט דער דענקמאָל פון אומבאַקאַנטן סאָלדאַט. דער מאַרק טראָגט מיט זיך עפּעס פון פּוילישן יחוס, פון דער „שלאַכעצקער" פאַריסנקייט, אין קעגנזאַץ צום נייעם מאַרק, וועלכן מען האָט געלאָזט נאָר פאַר יאַרידן, און וואָס שליסט נישט איין אין זיין שטח אפילו איין שטאָטישע אינסטיטוציע. אין די גרענעצן פון אַלטן מאַרק ציט זיך אויך דער שטאָטישער פּאַרק, פול מיט ליפּעס און מיט דער עסטראַדע, ווו דער אָרקעסטער פון 10־טן פיעכאָטע־פּולק פלעגט אויפטרעטן מיט קאָנצערטן. דאָ שניידט זיך איין אין אַ געפלעכט פון הויכע גאָרטן־גראָזן אוןביימער־צווייגן דער האָטעל „פּאָלאָניאַ" מיט זיין וואַרענדע, אַן אָפּשטעל־פּלאַץ פאַר דורכפאָרנדיקע רעגירונגס־דיגניטאָרן און סתם גבירים. ווו עס פאַלט דיין אויג אין דער שטאָט, רייסן זיך צום הימל

אַלטע קירכעס, מערסטנס אין גאָטישן סטיל. און ווייל די רייד זענען וועגן קירכעס, טויכן גלייך אויף אין זכרון די טרייסטע און פאַנאַטישסטע קירכעס־באַזוכער, די פויערים פון לאָוויטשער קרייז, מיט זייערע שווערע, בונטע, פילפאַרביקע פאָלקס־קליידער. אָט גייען זיי — די פויערים — הויכע, שלאַנקע ווי די דעמבעס, מיט פנימער ברוינע, ווי די פעטע לאָוויטשער ערד. זייערע פּראָצעסיעס אין „באָזשע טשאַלאָ", מיט די הייליקע בילדער און פיגורן פון די קירכעס, מיטן צעגליטן רעליגיעזן עקסטאַז און הויך־צעקלונגענעם קירכן־געזאַנג, פלעגן צוציען מאַסן טוריסטן פון אַלע טיילן פוילן.

*

דאָס סודותפולע פון דער שטאָט איז אין אַ גרויסער מאָס פאַרבונדן מיטן שלאָס־באַרג, וואָס ביים קוטנער שאָסיי. די חורבות פון דער פעסטונג און די היילן אונטער איר, אירע לעגענדעס און געשיכטעס, האָבן געדינט ווי שטאָף פאַר אַ זייער שיינע באַלאַדע, געשריבן פון אַ יונגן, באַגאַבטן פוילישן דיכטער, סטעפאַן ליבאַנסקי. פונדאַנען וואַנדערט דער געדאַנק אַוועק צום פירשטן־פּאַלאַץ פון די ראַדזיווילס אין ניעבאָרוו. דער פּאַלאַץ, אַ ווױן־אָרט פון דער באַרימטער ליטוויש־פוילישער פירשטן־משפחה, געבויט אין פּראָנצויזישן סטיל, האָט געלאָקט מענטשן פון גייסט און נישט אויסגעמיטן אפילו עליזאַ אָזשעשקאָוואַ. וועגן איר באַזוך אין ניעבאָרוו און אין לאָוויטש, האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק דערציילט אין אַ פוילישער צייטשריפט דער היסטאָריקער ד"ר יאַן וועגנער.

נישט פאַראַנען קיין שום שייכות צווישן דעם סודותפולן שלאָס־באַרג און דעם אַריסטאָקראַטישן ראַדזיוויל־פּאַלאַץ, אין וועלכן ס'האָט די לעצטע יאָרן פאַרן אויסברוך פון קריג פאַרבראַכט יאַנוש ראַדזיוויל, דער פאָרזיצער פון דער אויסערן־קאָמיסיע פון פוילישן פּאַרלאַמענט. צוויי גאָר באַזונדערע אָביעקטן, אָבער דאָך זענען זיי א י י ן סימבאָל פון אַ קולטור־געזעלשאַפטלעכער תקופה, וואָס איז פאַרביי און איז מער נישטאָ.

געשטאַלטן אין דער לאָוויטשער האַנדלס־וועלט

יידן האָבן אין לאָוויטש געלעבט הונדערטער יאָרן און געלאָזן טיפע שפּורן אין דער שטאָט און אין דער גאַנצער געגנט. זיי זענען געוואָרן אַ טייל פונעם לאָוויטשער פּייזאַזש. ראשית־כל דער „זשעליכאָווסקי־הויף", די מיל מיט די מאָדערנסטע איינריכטונגען, וואָס שפּייזט די גאַנצע געגנט און ווערט דער סימבאָל פון די זיבן פעטע יאָר, אויב אַזעלכע זענען טאַקע געווען אין לעבן פון די לאָוויטשער יידן.

דער הויף מיט זיין עשירות און איינגעפונדעוועטן וווילזיין, האָט געהאַט זיין ספּעציפישן נוסח. מסחר איז דאָ געגאַנגען צוזאַמען מיט לערנען תורה. דער גייסט פון אַמשינאָווער רבין איז געווען נאָענט זיינע אורשפּרינגלעכע בעלי־בתים. די מיל, אַ פּראָדוקט פון יידיש־סוחרישער אונטערנעמעריש־קייט, איז לויט דעם איינגעשטעלטן סדר און נוסח פון אירע באַזיצער, געווען דיאַמעטראַל אַנדערש פון אַ צווייטער וויכטיקער אינדוסטריעלער אונטערנעמונג, מיט וועלכער לאָוויטש האָט זיך געגרויסט, די צעראַמיק־פאַבריק, איינע פון די געציילטע אין פוילן. איר בויער, אַנאַטאָל וועקשטיין, איז געקומען פון די יידיש־פּוילישע אַסימילאַציע־קרייזן, אַן אָפּבילד פון די נאַטאַנזאָנס און בערגסאָנס, אַ מענטש אַן וועלכע־עס־איז נשמה־פאַרבינדונגען מיטן יידישן פאָלקס־לעבן. דאָס האָט אים, אָבער, נישט געשטערט צו פאַרמעסטן זיך אין אַ וואַל־קאַמף, כדי דערוויילט צו ווערן אַלס סיים־דעפּוטאַט אויף אַן אומאָפּהענגיקער ליסטע. זיין איינציקע יידישע טאַט איז געווען דאָס רעמאָנטירן (אינדרויסן) די שול, נאָך דעם ווי זיין זון, מיעטשיסלאַוו, אַן אינזשיניער, איז געשטאָרבן אין יונגן עלטער. פון זיין ווירטשאַפטספּאָזיציע האָבן הונדערטער פּוילישע משפחות געצויגן חיונה, ווי אויך אַ צאָל יידן.

געוועזן זענען אין דער שטאָט גרויסע האָלץ־סקלאַדן פון דער משפחה דאָמב, עטלעכע ביר־ און סאָדע־וואַסער־פאַבריקן פון די אייזנבערגס און זיידעס, צוקער־סקלאַדן פון די ראָזנקראַנצס און זילבערבערגס, תבואה־מילן (פון ר' יוסף אָטלאָס, ראובן ברייטשטיין, משה ראָזנטאָל), יובילער (מאיר ראָזנטאָל), לעדער, מאַנופאַקטור, שניט־סחורה־געשעפטן פון די לעווינס און קאַדישס, שטיפּטס און אומצאָליקע האַנטווערקער־וואַרשטאַטן.

טייל פּראָפעסיעס זענען געווען אויפן ענגסטן אופן געבונדן מיטן פוילישן דאָרף, מיטן פוילישן פויער. נאָר צו דערמאָנען די יידן פון דער שטאָט (די ווינקלערס), וואָס פלעגן זיך סוף וואָך אַרויסלאָזן אויף פיש־פאַנג צו אַלע טייכן און אָזיערעס פון דער געגנט, און די גרינבערגס (נישט צו פאַרמישן מיטן פאַרבן־געשעפט פון אברהם גרינבערג), וואָס פלעגן אָפּנעמען ביי די פויערים מילך און עס איבעראַרבעטן אין קעז און פּוטער. באַזונדער אינטים נאָענט זענען געווען מיטן פוילישן דאָרף די יידישע משפחות, וואָס זענען געווען פאַרוויקלט אין דער אויסאַרבעטונג פון די לאָוויטשער און דאָרפישער טראַכט. די עלטסטע שפּינעריי און אויך די גרעסטע איז געווען די

Tkalnia i farbiarnia wyrobow towickich, Braci Szreger

ביידע ברידער, שאול און יוסף, מיינע אָנקלס, האָבן די שפּינעריי איבערגענומען פון זיידן דוד. ווי ווייס די פּראָפעסיע האָט צוזאַמענגעבונדן דעם יידן מיט דער פוילישער ערד, האָב איך געזען צוקוקנדיק זיך צו מיין באָבע חיה — טאַקע אַ יידישע פרוי, אַ פרומע און אָפּגעהיטענע, אָבער דאָך איז איר פויליש געווען קערנדיק און גוט. געהאַט האָט זי אַ טיפע ליבע פאַר דער נאַטור און אַ פאַרשטענדעניש פאַר מענטשן, וואָס לעבן אויף איר שוויס. זי האָט אויך זיי געקוקט מיט וואַרעמקייט און מילדקייט און קיין מאָל, חלילה, נישט געמאַכט קיין אילוזיע צו די „מעלות" פונעם מוח פון דאָרפס־מענטש און צו זיינע גייסטיקע השגות.

דער פּרעכטיקער בנין פון דער שול

אין איבער 650 שטעט זענען די יידן פונאַנדערגעשפּרייט געווען אין דעם פאַרמלחמהדיקן פוילן. און אין יעדער שטאָט איז דער סאַמע רעפּרעזאַנטיווסטער יידישער בנין געווען דער בנין פון דער שול. די שול האָט פאַרקערפּערט אַ שטיק לאָקאַלע יידישע געשיכטע. זייער אָפט, אָבער, האָט איר באַדייטונג פון אַ קינסטלערישן און אַרכיטעקטאָנישן שטאַנדפּונקט איבערגעשריטן די לאָקאַלע ראַמען און געצויגן דעם אינטערעס פון לאַנד און אפילו פון אויסלענדישע יידישע און נישט־יידישע קולטור־קרייזן.

דער בנין פון דער שול אין לאָוויטש איז געווען אַ מאַסיווער. ער האָט שוין אויסערלעך געווירקט מיט זיין געבוי און מיט דעם פּראָפּאָרציאָנעלן גרויסן שטח, וואָס ער האָט פאַרנומען. די שול האָט נישט דערמאָנט קיין פעסטונג, זי האָט נישט באַזעסן די

עגלעכקייט פון אַ ראָטהויז — אָט די אַלע אייגנשאַפטן מיט וועלכע עס האָבן זיך אויסגעצייכנט די שולן פון דער פריערדיקער תקופה פון יידישן לעבן אין פוילן. איר מיסטעריעזע שיינקייט האָט זיך אַנטפּלעקט אינעווייניק: אַ קינסטלעך בלויער אויסגעשטערנטער הימל, אַ פּרעכטיק־געשניצטער ארון־קודש אויף צוויי זיילן צווישן צוויי לייבן, פאַרביקע פענצטער, לאַנגע הענג־לייכטער און זשיראַנדאָלן, אַ בימה (בעלעמער) אינמיטן דער שול און, פאַרשטייט זיך, גאָר אויבן — די עזרת נשים. ביי דער מזרח־וואַנט, רעכטס, שטייט ביים שטענדער הרב אברהם קאלבע, דער לעצטער רב פון לאָוויטש. פון כמעט יעדער „שטאָט" אין שול — ספּעציעל פון די



די שיין־געשניצטע מזרח־וואַנט מיטן בעלעמער פון דער לאָוויטשער שול, מיט חזן ר' וואָלף־בער

ערשטע בענק — לייכטן אַראָפּ די מעשענע אויפשריפטן פון די נעמען פון די בעלי־בתים, וואָס שטייען ביי זיי. ווי אין אַלע שולן, האָט אויך דאָ געפינקלט מיט זילבער, פון וועלכן עס איז געגאָסן געוואָרן דער כתר, דער יד און אַ סך אַנדערע רעליגיעזע חפצים.

ווער עס האָט געבויט די שול, ווער עס האָט געשניצט דעם ארון־קודש, ווער עס האָט אויסגעוועבט דעם פּרוכת און די פּלושענע, אָדער זיידענע מענטעלעך אויף די ספרי־תורהס, איז אַ סוד. די נעמען זענען אומבאַקאַנט. אַזוי איז געווען דער מנהג אין יידישן פוילן. דורכן האַלטן דעם נאָמען אַנאָנים, האָט מען געוואָלט פאַרזיכערן, אַז די מתפללים זאָלן בעת דעם דאַווענען תמיד זיין מיט זייער כוונה ביים רבונו של עולם און נישט קאָנצענטרירן זיך, חלילה, אין התפּעלות אויפן... קינסטלער.

דער לעצטער לאָוויטשער רב

מיט עטלעכע געשעענישן און געשטאַלטן איז אין מיין געדעכעניש פאַרבונדן די שול. ראשית־כל מיט דער געשטאַלט פון הרב אברהם קאלבע. ער איז געווען אַ ייד אַ למדן. געשוווּמען אין ים התלמוד און פוסקים און מיט בליציקער שאַרפקייט אַריינגעדרונגען אין דער קאָמפּליצירטער הלכה־פּראָבלעמאַטיק. הרב קאלבע איז געווען דער בעל־מחבר פון עטלעכע ספרים. קורץ פאַר דער מלחמה האָבן אַנאָנסן אין „היינט" און אין „מאָמענט" אָנגעזאָגט די דערשיינונג פון זיינעם אַ ספר געווידמעט דעם רעליגיעזן הינטערגרונט פון פּסח. איך געדענק אים פון זיינע דרשות פאַר כל־נדרי, אין שבת הגדול און אין שבת נחמו, אין אָנהויב פון שול־יאָר, אין פוילנס נאַציאָנאַלן באַפרייאונגס־טאָג, דעם 11־טן נאָוועמבער, אָדער אין געדענק־טאָג פון דער קאָנסטיטוציע פון 3־טן מאַי 1792. צוויי מאָל אַ יאָר איז אויך געווען אַ ספּעציעלע געלעגנהייט, ווען איך און אַנדערע קינדער אין שול־עלטער, האָבן זיך מיט אים געטראָפן. דאָס איז געשען דאַן, ווען די תלמידים פון דער פוילישער גימנאַזיע האָבן געדאַרפט צושטעלן אַ צייגניש וועגן זייערע ידיעות אין יידיש־רעליגיעזע לימודים. מיר פלעגן גיין צו אים אויף א „פאַרהער", אויפן סמך פון וועלכן ער האָט אַרויסגעטראָגן זיין מיינונג. בעת די שמועסן האָט זיך באַוויזן אַ גאַנץ אַנדערער הרב קאלבע, ווי דער, וועלכן מיר פלעגן געוויינלעך זען אין שול. ער איז געווען מילדער, צוגעלאָזענער, מער אויפגעטראָגן מיטן יונגן מענטשן, מיט זיינע שטרעבונגען און באַגערן.

✶

כ' תמוז פלעג איך ווי אַ קינד אַריינכאַפּן זיך אין שול צו דער הערצל־הזכרה. בן־ציון מיענדזשיגורסקי ע"ה, און אברהם וואַרטסקי, האָבן געגעבן די אָפּשאַצונגען. דער איינדרוק פון זייערע רייד איז תמיד געווען אַ טיפער. ער האָט אָנגעצונדן די קינדערשע פאַנטאַזיע, געצוווּנגען נאָכצוטראַכטן און ווייטער נאָכצופאָרשן. מיר דוכט זיך, אַז דער שטאַרקער רושם, וואָס זייערע רייד האָבן געמאַכט אויף אַזאַ יינגל ווי איך, האָט געשטאַמט פון עם פאַקט, וואָס ביידע אונדזערע שטאָט־עסקנים און מנהיגים האָבן געלעבט אין פאַרשיידענע קולטור־ספערעס און דערפאַר געהאַט אַ פאַרשיידענעם צוגאַנג.

בן־ציון מיעדזשיגורסקי האָט געהערט צו די בני־תורה אין דער שטאָט און געווען אויך אַ רעדנער „מיט פלאַם און פאַטאָס". ער האָט באַנוצט אָפט אַ מדרש, פאַרטייטשט זיין געדאַנק מיט אַ מאמר חז"ל, אָבער אים האָט געפעלט דער ברייטער אויסקוק. אברהם וואַרטסקי פאַראייניקט גרינטלעך און טיף ביידע קולטורן — די טראַדיציאָנעל־יידישע און יידיש־מאָדערנע, ווי אויך די וועלטלעכע. זיין ריידן איז געווען דיסציפּלינירט, אַדורכגעדרונגען מיט אַ מאָדערנעם צוגאַנג און אַנאַליז, זאַכלעך און מיט שטרענגער פּינקטלעכקייט אין דער פאָרם און אין דער באַגרינדונג.

דאָס בית־המדרש און די פאַרשידענע שטיבלעך

חוץ דער שול האָט לאָוויטש פאַרמאָגט אַ באַשיידן געבויטן בית־המדרש און אַ סך שטיבלעך־מנינים, ווי דאָס גערער, אַלעקסאַנדערער, אַמשינאָווער (אין משה זשעליכאָווסקיס „הויף"), גראָדזשיסקער און אַנדערע.

אין לאָוויטשער בית־המדרש האָב איך אַמאָל ווי אַ יינגל געהערט אַ מגיד. דאָס איז געווען מיין איינציקע דערפאַרונג מיט דעם פאַרצייטישן טיפּ מוכיח, אויפקלערער און רעדנער. אין מיין זכרון איז נאָך פריש זיין געשטאַלט איינגעהילט אין אַ טלית, דער

זינגענדיקער טאָן פון זיין רעדן און בכלל דער גאַנצער אופן פון מעורר זיין די אָרנטלעכע און אָרעמע בית־המדרש־יידן צו תשובה.

אין בית־מדרש האָט געדאַוונט דער מורה־הוראה און פון די בעלי־בתים, שלמה וואָלף שפּייזהענדלער, דער פאָטער פון א משפּחה, וואָס יידן אין נויט האָבן נישט איינמאָל געבענטשט פאַר זיינע טיף־מענטשלעכע האַנדלונגען אין דער מלחמה.

דאָס גערער שטיבל געדענק איך פון אַן אויסטערלישן מנהג, וואָס האָט זיך אַנגענומען אין לאָוויטש און אפשר אויך אין אַנדערע מקומות. דאָ פלעגן זיך צונויפקומען די מיליטער־פליכטיקע יונגע־לייט ערב זייער שטיין פאַר דער מיליטער־קאָמיסיע. מען פלעגט אין שטיבל מאַכן אַ לחיים און בחברותא, אַביסל בגילופין, אַרויסלאָזן זיך אין דער שטאָט, פאַרשמירן קראָמען, פאַרטוישן די שילדן פון די געשעפטן און אַזוי אַרומשפּאַצירן ביז זון־אויפגאַנג.

*

צו די טראַדיציאָנעלע יידישע אינסטיטוציעס, מיט וועלכע אַ קהילה איז געווען געבענטשט, האָט זינט יאָרהונדערטער געהערט די חברה־קדישא. מען דאַרף זאָרגן פאַר די הצטרכותן נישט נאָר פון די לעבעדיקע, נאָר אויך פון די טויטע. די עטישע פּרינציפּן אויף וועלכע די חברה־קדישא איז געווען באַזירט, זע איך ערשט איצט, נאָך דעם ווי אונדזער געזעלשאַפט האָט אַזוי קאָמערציאַליזירט דעם „לעצטן גאַנג" פון אַ יידן אויף גאָטס זינדיק וועלטל.

אוודאי איז די חברה־קדישא נישט געווען פריי פון קריטיק. דעם קאָנפליקט צווישן דורות, אָפּשטאַם, סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, האָט מען אויך דאָ געזען. די איינגעשטעלטע טראַדיציע איז געווען, אַז מען איז נישט קובר קיין פרומען יידן לעבן אַן „אויפגעקלערטן"; אַן אָרעמאַן לעבן אַ נגיד; אַ ייד אַ יודע־ספר לעבן סתם אַ „פּראָסטן" מענטשן. עס זענען אָפּגעהיטן געוואָרן גרענעצן, אפילו... יחוס. און דאָך האָבן אויך דאָ געבלאָזן אַנדערע ווינטן, יידישלעך־מענטשלעכע און מילדע. צו פאַרדאַנקען האָבן מיר דאָס דעם גבאי, וואָס איז געווען אונדזער שכן — חיים־שלום הערמעלין, וואָס האָט געשמט ווי אַ למדן און ווי אַ בקי מופלג אין ש״ס און פוסקים. אויך וועגן אַ צווייטן שכן, חיימל כהן (פאַרבער), האָט מען דערציילט, אַז זיי זיצן על תורה ועבודה טאָג און נאַכט.

איך האָב תמיד אַרויפגעקוקט צו חיים־שלום הערמעלין. געווען ווי אַ קינד אַן אַריינגייער אין זיין היים: פאַרן סדר נאָך חרוסת; סוכות־צייט געבויט מיט אים די סוכה; געהאַט אַ הנאה פון זיינס אַ וואָרט, פון זיין ליבלעכן און גוטמוטיקן שמייכל. זיין פאַרשטענדעניש פאַר די ענדערנדיקע זיך צייטן האָט זיך באַזונדער אַרויסגעוויזן ביים שטעלן די מצבה אויפן קבר פון מאיר ראָזנטאַל. די מצבה איז געווען פון שוואַרצן מאַרמאָר מיט אַן אויפשריפט אין העברעאיש און אין פּויליש. דער פּוילישער אויפשריפט איז געווען די סלע המחלוקת צווישן דער חברה־קדישא און דער משפּחה ראָזנטאַל. אויב די גבאים האָבן שפּעטער צוגעשטימט צו דערלאָזן די מצבה, איז דאָס געווען דער איינפלוס פון ר׳ חיים־שלום הערמעלין.

ביידע — חיים־שלום הערמעלין און חיים כהן — זענען נישט געווען קיין גבירים, אָבער זייער אָנזען אין דער שטאָט איז געווען זייער הויך, דער רעספּעקט צו זיי ברייט פאַרשפּרייט. טראַכטנדיק וועגן ביידע געשטאַלטן — וואָס איינער פון זיי (חיימל כהן) איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט און ר׳ חיים־שלום איז אומגעקומען על קידוש השם ועם — קען מען זיך נישט העלפן, ווי פאַראַפראַזירן דעם אַלטן אויסדרוק, אַז ביידע האָבן געגעסן ברויט מיט זאַלץ און געטרונקען וואַסער מיט אַ מעסטל, כדי אויפצוהאַלטן דעם פלאַם פון יידישקייט. און ווען די דייטשן האָבן געבושעוועט אין לאָוויטש, זענען די לאָדנס תמיד געווען פאַרמאַכט אין חיים־שלום הערמעלינס היים, כדי צו פאַרפירן זיי מיטן געדאַנק, אַז אינעווייניק איז קיינער נישטאָ. אין דער אמתן איז דאָרט געזעסן חיים־שלום, מיט זיין איידעם און טאָכטער בריינדל, און אַ צווייטער טאָכטער פון קאָנסטאַנטין, מיט נאָך עטלעכע יידן פון זיין שטייגער און מרביץ תורה געווען אין געהיים.

דאָס חדר און מיין רבי

ר׳ לייבל קאַשעמאַכער... פון אַלע מיינע ערשטע לערער, איז זיין בילד געבליבן אַמלעבעדיקסטן אין מיין זכרון. זיין היים איז געווען אויף דער זדונסקע־גאַס, בשכנות פון קן גורדוניה. באַשטאַנען איז זי פון ציכטיקע דריי צימערן, אַ זאַך וואָס קען באַטראַכט ווערן ווי אַ לוקסוס אין די דעמאָלסטיקע באַדינגונגען. אין מיטלדיקן צימער איז געשטאַנען אַ מאַסיווע ספרים־שאַנק, אַ לאַנגער טיש און, ווי דער שטייגער, בענק אַרום.

דער רבי, פון מיטעלן וווקס, מיט אַ קורצער, רונדער, גוטגעפלעגטער באָרד, האָט געווירקט שוין מיט דער ציכטיקייט פון זיין אויסערלעכן דערשיינען. צי דער רבי איז געווען אַ חובב־ציון — איך מיין אין פּרט פון אָרגאַניזאַציאָנעלער אָנגעהעריקייט — ווייס איך נישט. כ׳געדענק, אָבער, יאָ דעם טיפן איינדרוק, וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט דער פאַקט פון געפינען ביי אים אין דער היים אברהם מאַפּוס, „אהבת ציון", ספּעציעל ווען איך האָב שפּעטער אויסגעפונען דעם באַדייט פון ספר.

מיר אַלע גיבן זיך אָפּ אַ חשבון פון די פּראָגראַמאַטישע און פּעדאַגאָגישע שוואַכקייטן פון חדר. מיר קענען זיינע שאָטן־זייטן, ווי ווייט הינטערשטעליק ער איז געבליבן לגבי דעם לעבן, אָבער דאָך האָט מען פון אַזאַ חדר, ווי פון ר׳ לייבל קאַשעמאַכערס, אַרויסגעטראָגן געוויסע פּאָזיטיווע ווערטן, וואָס אפילו אַלע שפּעטערע יאָרן האָבן נישט באַוויזן צו פאַרווישן.

זיין חדר איז, דוכט זיך, געווען דער איינציקער אין דער שטאָט, וווּ דער לימוד פון תנ״ך איז געווען דער וויכטיקסטער קעגנשטאַנד. דאָס איז געווען אַ „רעוואָלט" קעגן דעם טראַדיציאָנעלן גאַנג פון דער אָרטאָדאָקסישער, פּוילישער יידישקייט, וואָס האָט דעם לימוד פון גמרא אַוועקגעשטעלט אין צענטער פון איר דערציאונג, ווי מיר האָבן דאָס געזען אין חדר פון ר׳ יעקב־יוסף, דעם איידעם פון ר׳ נתן סופר (נאָטע דער סופר).

אַ פולשטענדיקער חידוש איז אויך געווען דאָס לערנען די קינדער שרייבן יידיש. זיין כתב־יד איז געווען אַ קאַליגראַפישער, אַ קלאָרער; זיין שפּראַך פול מיט לשון־קודשדיקע אויסדרוקן, אַרויסגעבראַכט אויפן פּאַפּיר מיט אַ ציטער און מיט דער זהירות פון אַ סופר, וואָס געדענקט תמיד, אַז יעדער טעות קען, חלילה, פּסלען די ספר־תורה.

ער איז אויך געווען אַ ייד אַ פּרעכטיקער בעל־מנגן. אַ סך צייט האָט ער אָפּגעגעבן אויף לערנען דעם טראָפּ, אויף זאָגן און אויסזינגען די תפילות און באַנוצט האָט ער נישט דעם ברייטן פּוילישן „קומעץ", נאָר די ליטווישע הברה.

ר׳ לייבל איז געווען ווייט פון אַ פאַנאַטיקער. ווען איך האָב נאָך עטלעכע זמנים פאַרלאָזן זיין חדר, כדי צו באַטרעטן די ערשטע קלאַס גימנאַזיע, און געווען בין איך דאַן אַ גאָר יונג יינגל, האָט ער מיין פאָטער געזאָגט: זאָרג ניט, וועט דעם חדר געדענקען, אפילו ווען ער וועט זיין אַריינגעטאָן אין חכמת־הגויים.

ר׳ לייבל איז געשטאָרבן יאָרן ערב דעם אויסברוך פון דער מלחמה. ער האָט איבערגעלאָזט אַן איינציקן זון, אַ משגיח אין דער באַרימטער ישיבה אין לאָמזשע.

איך געדענק דעם חדר און די ליכטיקע געשטאַלט פון רבין. און הגם נאָר אַ ווײַלע האָב איך געאָטעמט מיט זייער לופט, קען איך, אָבער, בעסער אָפּשאַצן און פאַרשטיין, וואָס אַזעלכע יחידים ווי ר׳ לייבל און אַזעלכע חדרים, האָבן געמיינט אין דער מזרח־אייראָפּעאישער תקופה פון אונדזער פאָלק.

לאָוויטש אין מיין זכרון

דאָס גרויסע דערהויבענע געזאַנג פונעם לעצטן יידישן יוגנט־דור פון פאַר דער מלחמה, וואַרט נאָך אויף דער פּען פון היסטאָ־

דער קן פון השומר הצעיר
אין יאָר 1928

The Hashomer Hatzair Org. 1928

ריקער און שרייבער. די אייביקע קלאַנגען פון זיין נישט־פאַרענ־דיקט ליד זוכן נאָך אַלץ אַ תיקון. וואָס איז געווען דער גייסטיקער מהות פון אָט דעם יוגנט־דור, וואָס זיינע רייען האָבן געבילדעט אַזוי פיל בחורים און מיידלעך פון לאָוויטש און פון אַלע אַנדערע שטעט!

געווען איז דאָס אַ דור, וואָס האָט מיט זיינע גייסטיקע זאַפטן געקענט באַפרוכפּערן גאַנצע פעלקער, אַ דור וואָס האָט זיך פאַר־מאָסטן צו דערנענטערן הימל צו ערד. אין פוילן האָט מען אין געוויסע הויכשולן אָנגעטראָפן די לאָזונג — Hinc igitur ad astra (פון דער ערד צו די שטערן).

פון דאַנען האָט זיך דער מענטש געדאַרפט דערהויבן ביז די העכסטע הימלען פון דער וויסנשאַפט און מענטשלעכן פּראָגרעס. דאָ האָט געזאָלט ווערן געשליפן דער מוח און געאיידלט דאָס האַרץ פונעם יונגן בירגער. פאַקטיש האָט איר געקענט דרייסט אַוועקנעמען די דאָזיקע לאָזונג פון די אוניווערסיטעטן, ווו זי איז טאָקע טאָג־טעגלעך פּראָפּאַגירט געוואָרן, און זי אויסקריצן אויף פיל פּשוטע יידישע היימען אין לאָוויטש און אין אַלע אַנדערע שטעט, אין וועלכע ס׳האָט געלעבט און געחלומט דער יונגער דור, וועמענס פליגל די דייטשע האַנט האָט אַזוי מערדעריש אונטער־געשניטן.

אָפּט איז דער דאָזיקער דור געוואַקסן אין דחקות, אין אַן אַטמאָספער פון גליאיקן האַס, פון פאָליטיש־עקאָנאָמישע און קול־טורעלע דיסקרימינאַציעס. דער שווערער דערדריקנדיקער מצב האָט, אָבער, נישט פאַרלאָשן זיינע האָפענונגען. אין דער ציוניס־טישער און חלוצישער אידעע האָט ער געפונען דעם שליאַך צו יידישער און מענטשלעכער דערוואַכונג. די פרילינג־שוואַלבן פון דעם פעריאָד זענען געווען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, דער סניף החלוץ, די גורדוניה און דער השומר הצעיר. זיי האָבן דאָס אויסגעשמידט דעם פאַרבינדונגס־רינג צווישן דעם נייעם ארץ־ישראל מיט דער שטאָט ביי דער בזורע. די לערע פון א. ד. גאָרדאָן און יוסף טרומפּעלדאָר, פון משה העס און ל. פּינסקער ווערן דער מקור צו וועלכן ס׳פאַלן צו מיט דורשטיק־ברענענדיקע ליפּן אַ סך יוגנטלעכע.

די צענטערס פון די באַוועגונגען האָבן זיך געפונען אין וואַר־שע און אין לאָדזש. אין וואַרשע דער פון השומר־הצעיר; אין לאָדזש דער פון גורדוניה. האָבן לאָוויטשער שומרים געבראַכט גרוסן פון וואַרשע: געהערט און געטראָפן מיכה קאַזאַטשקאָוו, דבורה פּאַפּיערניק, יהודה גאָטהעלף, יוסף עלסטער... דערציילט „נסים" פון זיי, ווי אויסגעהאַלטן און ווי ריכטיק עס איז דער לעבנס־וועג אויף וועלכן זיי רופן צו באַטרעטן די פויליש־יידישע יוגנט. „אינדזלען" פון שומרישן גייסט זענען געווען דער קן, די זומער־קאָלאָניעס אין דאָבזשין ביי דער ווייסל, אין דער געגנט פון וולאָצלאַוועק, ווו עס האָט זיך, אגב, געפונען איינער פון די שטאַרקסטע און בעסטע קנים פון פּוילישן השומר־הצעיר.

ענלעך איז געפלאָסן דאָס לעבן פון די גורדוניה־חברים. קיין

לאוויטש איז די גורדוניה־תורה געקומען פון לאדזש און געפריידיקט האבן זיי דארט: עוזר אבאזשאנסקי, שמואל פאצאנאווסקי (כאטש פון גאליציע, אבער מיט דער צייט „געווארן" א לאדזשער), יונה גאלדבערג, אליעזר האדעס, מלכיאל לוסטערניק... זומער־צייט פלעגט די גורדוניה־יוגנט, און צווישן זיי צענדליקער פון לאוויטש, פארברענגען די צייט פון די לאנגע שול־פעריען אין „אלט־און־ניי ווארכאלווו" אין דער געגנט פון גלאוונע, ווו עס טורמען זיך צום הימל וועלדער פון נאדל־ און סאסנע־ביימער. די גורדוניה־חברים האבן זייער גייסטיקע יניקה געצויגן פון אנדערע אידייאישע קוואלן ווי דער השומר הצעיר, אדער דער אלגעמיינער החלוץ, אבער זיי אלע זענען געווען באזעצט פון דעם זעלביקן פלאמיקן באגער — צו באנייען דאס לעבן פון יידישן פאלק אין זיין היס־טאריש היימלאנד; צו געשטאלטיקן דארט די נייע יידישע געזעל־שאפט ווי א מוסטער פון סאציאלער גערעכטיקייט. געצויגן האט זיי אלעמען צו באנוצן אן אויסדרוק פון דוד שמעונאוויטש, נישט צום בלויען פויגל פון גליק, נאר צום בלויען הימל פון וויסטן פאטערלאנד.

געשטאלטן פון מיין דור

אין דער ארגאניזירונג פון השומר הצעיר האבן געהאט א האנט יוסף פרענקעל (א סך יארן פאר דער מלחמה אוועקגעפארן מיט דער גאנצער משפחה קיין ארץ־ישראל), פישקע ראזנקראנץ, אדוו. יצחק דאמב, יחזקאל ליפסקי. דאס איז געווען דער ערשטער גארניטור־פירער, וואס אלע האבן שפעטער, מחמת אידייאישע טעמים, פארלאזן דעם השומר. פון דעם פונאנדערפאל האבן די ארגאניזאציע אפגעראטעוועט יחיאל אדלער, יעקב־יוסף אורבאך, יצחק פוטערמילך, יהודה קראוויעץ און אנדערע. שפעטער האט כמעט די גאנצע גרופע אדורכגעמאכט די הכשרה אין ראדאם. יצחק און יהודה האבן עולה געווען און געהערן צו די בויער פון דעם באקאנטן קיבוץ פון השומר הצעיר — עין־החורש. יחיאל האט נישט אויסגעוויילט דעם קיבוצישן וועג נאך דער עליה. ער האט געלעבט א צייט אין תל־אביב; געקומען קורץ פאר דער מלחמה באזוכן די עלטערן און געטיילט דעם גורל פון גאנצן לאוויטשער יידנטום.

א פיינפול קאפיטל איז דאס לעבן פון יעקב־יוסף אורבאך. עס שטעלט מיט זיך פאר א שטיק דראמע פון דער אמאליקער יידיש־פוילישער ווירקלעכקייט. יעקב־יוסף (זיין ברודער משה־מענדל איז געווען צווישן די אנפירנדיקע חברים פון גורדוניה) איז געקר־מען פון אן ארעמער היים. געווען איז ער אן אויטאדידאקט, מיט גרינטלעכע ידיעות אין יידישן און אין אלגעמיינעם וויסן, אבער אפגעשלאסן אין זיך און מיט פעסטע איבערצייגונגען. נאכן אדורכ־מאכן די הכשרה האט ער באקומען פון זיין באוועגונג א סערטי־פיקאט, וועלכן ער האט נישט געקענט אויסנוצן מחמת מאנגל אין געלט אויף הוצאות. דער אמביציעזער יעקב־יוסף האט נישט געלאזט פאלן קיין ווארט וועגן דעם שווערן נסיון פאר וועלכן ער שטייט. אין א זונטיק, אין חודש יולי 1935, וואס איז געווען א וואל־טאג צום ציוניסטישן קאנגרעס, האט ער נאך פארטראטן די „ליגע פארן ארבעטנדיקן ארץ־ישראל" אין דער אלגעמיינער לאוויטשער וואל־קאמיסיע. מאנטיק פרי איז די שטאט אויפגע־טרייסלט געווארן פון דער ידיעה, אז ער האט א סוף געמאכט צו זיין לעבן דורך זעלבסטמארד.

יעקב־יוסף איז געווען א קרבן פון דער יידישער נויט אין פוילן. ער איז, אבער, אויך א סימבאל פון דער יוגנט, וואס האט זיך פארמאסטן דוחק צו זיין דעם קץ דורך דער פאלקס־דערליי־זנדיקער חלוצישער טאט. ער איז געפאלן אין דעם איבערמענטש־לעכן פארמעסט נאך איידער דער דייטשער שונא האט אנגעגריפן. ער איז פארברענט געווארן אין אייגענעם פייער פון פערזענלעכן שטאלץ און טריישאפט צו דער אידייע פון יידישן רענעסאנס.

פראמינענטע געסט אין לאוויטש

1929 איז געווען א שטורמיש יאר אין יידישן לעבן אין פוילן און אין ארץ־ישראל. דער פארביטערטער קאמף אויפן ציוניסטישן קאנגרעס ארום וויצמאנס אגענטור־פלאן האט פונאנדערגעטיילט די באוועגונג. פון איין זייט האט אפגעהילכט זשאבאטינסקיס „נאן פאסומוס" — מיר וועלן נישט דערלויבן אויסצוברייטערן די ציו־ניסטישע באוועגונג מיטן אריינגעמען די נישט־ציוניסטן. דער אנטי־אגענטור־פראנט האט אויך ארומגענומען די ראדיקאלע פראקציע פון יצחק גרינבוים און נחום גאלדמאן. דאן די געשע־ענישן אין ארץ־ישראל און די מאסן־הריגה פון די ישיבה־בחורים אין חברון; אין פוילן גופא האט די סאנאציע אלץ מער און מער אנגעהויבן באווייזן איר אפענעם אנטיסעמיטישן כאראקטער.

יצחק גרינבוים שטייט אין צענטער פון א פארביסענעם קאמף מיט דער „בע. בע." און אין די אייגענע רייען מיט די גאליציאנער ציוניסטן און זייערע „אוגאדע"־קאנצעפציעס. די אפקלאנגען פון די געשעענישן מיידן נישט אויס לאוויטש.

דער געראנגל פון די ציוניסטן, בראש מיט אברהםווארטסקי, קעגן דער אגודה, געפירט פון ראובן ברייטשטיין און איטשע אדלער, נעמט אן שארפע פארמען. פון איין זייט שטייט א מחנה, וואס וויל נישט בויגן דעם קאפ פארן פוילישן פריץ און אנטיסעמיט, און פון דער צווייטער — א באוועגונג פון פשרה, קאמפראמיס, וואס זוכט אין דער אלגעמיינער און לאקאלער פאליטיק נאכצופאלגן די ליניע פון וואצלאוו ווישליצקי און אליהו קירשברוין.

אין די שווערע און גורלפולע צייטן זענען אויך געווען טעג פון יום־טוב פארן לאוויטשער יידנטום. צו זיי געהערן די באזוכן אין לאוויטש פון לואיס סיגאל און יצחק גרינבוים.

איך וועל אנהויבן מיטן באזוך פון לואיס סיגאל, וואס מיט אים האט מיך שפעטער דער גורל צונויפגעבראכט און ענג פאר־בונדן אין יידישער און ציוניסטישער ארבעט. די אומשטענדן פון אונדזער באגעגעניש לעבן צוליב געוויסע משפחה־סיבות אין מיין זכרון עד־היום.

לואיס סיגאל, דער רוח־החיים פאר צענדליקער יארן פון דער איינפלוסרייכער יידישער פאלקס־באוועגונג אין אמעריקע, באקאנט אונטערן נאמען „יידיש־נאציאנאלער ארבעטער־פארבאנד", איז געקומען קיין לאוויטש גלייך נאכן ציוניסטישן קאנגרעס פון דער שווייץ. ער איז געווען דער ברודער פון דער פרוי קראקאוו, וועמענס מאן האט געהאט א גרויסן קוילן־סקלאד אויפן נייעם מארק.

כ׳געדענק נישט גענוי, צי יצחק גרינבוים האט באזוכט לאוויטש אין 1929 אדער 1930. ער איז געקומען אויף דער איינלאדונג פון השומר הצעיר און גערעדט האט ער אין א פול־געפאקטן זאל אין „עאס". צוזאמען מיט אים איז אויך אויפגעטראטן יעקב ריפטין, דער איצטיקער מפ״ם־פירער און כנסת־דעפוטאט. דער באזוך איז

פאַרגעקומען אין שייכות מיט אַ פייערונג, וואָס האָט פאַרצייכנט די פּראָקלאַמירונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע. פאַרשטייט זיך, אַז י. גרינבוים האָט נישט אויסגעמיטן די אָנגעווייטיקטע און קאָנטערווערסאַלע פראַגן פון יידישער פּאָליטיק אין פוילן. דער איינדרוק, אָבער — און איך שרייב דאָס פון שטאַנדפונקט פון אַ פערזענלעכער רעאַקציע — איז געבליבן פון י. ריפּטינס גלענצנדיקן רוף וועגן דער הייליקייט... פון דער קרן־קימת־פּושקע, פון דער אידייע פון גאולת־הארץ.

יעקב ריפּטין, הגם מיט אַזוי פיל יאָרן יינגער פון יצחק גרינבוים, אַזוי ווייט פון זיין ציוניסטיש־געזעלשאַפטלעכן סטאַזש און פירער־פּאָזיציע, האָט באַווירקט מיט זיין יוגנטלעכן טעמפעראַמענט, מיט זיין אָראַטאָרישער קראַפט, וואָס האָט זיך באַזונדערס אַרויסגעהויבן אויפן הינטערגרונט פון גרינבוימס מאָנאָטאָנעם, ערנסטן אופן פון רעדן.

דער לאָוויטשער „החלוץ", 1934, מיטן א״י־גאַסט, שלמה ליפּסקי (אין ווייסן העמד, צענטער), לינקס פון אים — ש: ד. לעווין

יצחק גרינבוים איז שוין, אָבער, דאַן געווען אַ שטיק יידישע לעגענדע. אין איר שיין איז דערצויגן געוואָרן די יוגנט. זיין דערשיינונג פאַר אַ ועידה פון השומר הצעיר, אָדער פאַר אַ צוזאַמענפלי פון בית״ר (דאָ רעדט זיך איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פאַרביטערטער ברידער־קאַמף אין דער באַוועגונג) איז געווען אַ געשעעניש. האָבן טאַקע לאָוויטשער געיומטובט זיין באַזוך און באַזונדערס אויסגעדריקט די פרייד פון טרעפן זיך מיט אים ביי דער אויפנאַמע אין דער היים פון ד״ר און פרוי יצחק יאַקובאָווסקי.

★

ווער פון אונדז קען נישט דעם קלאַסישן רוף פון ציוניסטיש־חלוצישן רעוואָלט, די ברענערשע דעוויז — כי לעוררך באתי אחי — דיך אויפצומונטערן, ברודער מיינער, בין איך געקומען... דעם ערשטן שליח פון ארץ־ישראל מיט דער הייליקער אויפגאַבע געדענק איך פון לאָוויטש... געקומען איז ער פון תל־יוסף — שלמה ליפּסקי, איצט שלמה תמיר, איינער פון די שענסטע חלוצים־געשטאַלטן אין הײַנטיקן ישראל.

עס איז געווען אָנהויב פון די דרייסיקער יאָרן. אין דער צייט פלעג איך אָפט באַזוכן די היים פון מיין יוגנט־חבר מרדכי, אויף דער „אַלטער שטאָט". די שטוב פון די ליפּסקיס האָט געמוזט זיין באַקאַנט יעדן מענטשן. די מוטער איז געווען אַ ליבלעכע פרוי, ממש אַ קוואַל פון וואַרעמקייט און גאַסטפריינטלעכקייט. קינדערשער געלעכטער און שטיפעריי האָבן איר קיינמאָל נישט אויפגערעגט, אָדער אַרויסגעפירט פון גלייכגעוויכט.

האָט טאַקע זיין היים תמיד געראָישט ווי אַ בינשטאָק. און געווען איז דאָס אַן אייגנאַרטיקע היים, אין וועלכער עס האָט שימערירט דער גאַנצער רעגן־בויגן פון דעם פילפאַרביקן יידיש־פּאַרטייאישן לעבן אין פוילן.

שלמה האָט זיך קורץ פאַרהאַלטן אין לאָוויטש אויף זיין וועג קיין פּראַג און מונקאַטש, וווּ ער איז געפאָרן אין שליחות פון דער הסתדרות אָרגאַניזירן דעם „החלוץ" און „העובד". איך געדענק דעם איינדרוק פון זיין פערזענלעכקייט: אַ הויכע געשטאַלט; אַ פּנים וואָס די זון און דער ווינט האָבן עס נישט געשוינט: אַ

מענטש פון טאַט, וואָס איז געקומען וועקן און וואָרענען קעגן דער אַנרוקנדיקער זיך סכנה, קעגן דעם שטורעם וואָס קען אויסברעכן. שוין דאַן האָט ער געשפּריזט איבער לענדער און מדינות צונויפזאַמלען די נדחי ישראל...

ער איז געווען באַאײַנדרוקט פון די ברייטע, גרינע לאָוויטשער פעלדער און פון די צעבליטעביימער, פונאַנדערגעשפּרייטע איבער דעם גאַנצן שטח פון דער געגנט. „אָט דאָס מוזן מיר האָבן אין ארץ־ישראל", האָט ער געזאָגט. איך ווייס, אַז אין מונקאַטש האָט שלמה אָנגעטראָפן סיי אָפענע הערצער און סיי אַ פאַנאַטישע קעגנערשאַפט. ער האָט, אָבער, געפונען אַ רעקאָמפּענסאַציע אין זיין אייגענער היים. זי האָט געהערט צו די זעלטענע היימען וווּ עס האָט זיך נישט אָפּגעשפּילט די מלחמת האבות והבנים. אין איר איז אָנגעגאַנגען אַן אידעאישער געראַנגל, אָבער די עלטערן האָבן אויפגענומען דאָס ליד פון זייער זון. די גאַנצע משפּחה האָט פאַרלאָזן לאָוויטש און עולה געווען. אַ גרויסע משפּחה, מאַטעריעל גוט־סיטואירטע, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט פאַרפירן פון מכלורמרשטער רואיקייט און זאַטקייט... אַ פּרעכטיק חלוצישער צווייג אויפן לאָוויטשער יידישן בוים...

איך ווייס פון נאָך איין לאָוויטשער משפּחה, וואָס ס'האָט אויך געמאַטערט די ביטערע אויסזיכט פון ואבדתם בגוים און זי האָט געצויגן פון איר די איינציק ריכטיקע קאָנסעקווענץ פון עליה. דאָס איז די משפּחה וואַרטסקי.

די פאַמיליע האָט גענאָסן פון טיפסטן רעספּעקט פון יידן און נישט־יידן. איר הויפּט — אברהם וואַרטסקי — איז געווען דער איינציקער ייד אין דער אָנפירונג פון דער מוניציפּאַליטעט. יאָרן לאַנג האָט ער פאַרנומען דעם אַמט פון לאַווניק. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די אויסערונג פון פּראָפ. רודעצקי (זי האָט מיך ווי אַ ייד געמאַכט גוט פילן). ער איז געווען געשיכטע־לערער אין דער מענער־גימנאַזיע. געשען איז דאָס ביי פאָלגנדע אומשטענדן:

זומער־צייט פלעגן די תלמידים פון דער גימנאַזיע נעמען „קאַיאַקן"־לאָדקעס און אַרויסלאָזן זיך שיפלען אויף דער בזורע. געווען איז דאָס אַ טייל פונעם פּראָגראַם, וואָס די „ליגאַ מאָרסקאַ" האָט דערמוטיקט. די אַרבעט איז קאָאָרדינירט געוואָרן מיט דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. דער אַמט פאַר דעם צוועק האָט זיך, ווייזט אויס, געפונען אונטער דער יוריסדיקציע פון אברהם וואַרטסקי. דערמאָנענדיק זיין נאָמען זאָגט פּראָפ. רודעצקי (רודאַש): „נו, עס מוז אומעטום זיין אָרדענונג, עס מוז אומעטום הערשן געזעץ... און איר קענט אייך פאַרלאָזן אויף דעם פאַן וואַרטסקי. ער ווייס שוין ווי דאָס אָפּצוהיטן"... אָבער נישט זיין סמיכה איז נויטיק פאַר דער אָפּשאַצונג.

די פּוילישע קאָנסטיטוציע האָט געגעבן די מוניציפּאַליטעטן ברייטע פולמאַכטן. די שטאָט־פאַרוואַלטונג איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן בויען נייע שטאָטישע קוואַרטאַלן, פאַרן עטאַבלירן אַלע טיפּן פון שטאָטישע שולן (אין לאָוויטש איז די האַנדלסשול, די „האַנדלוווקע" — געווען אַ שטאָטישע, ווי אויך די פאָלקסשולן), קראַנקן־הייזער, און אַנדערע אינסטיטוציעס פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג. אברהם וואַרטסקי, מיט אַ ריי יידישע ראַטמענער, האָבן מוטיק פאַרטיידיקט די יידישע אינטערעסן. שוין דאַן האָבן זיך איבערן יידישן הימל אין פּוילן געזאַמלט שווערע כמאַרעס. די פּוילישע רעאַקציע האָט נישט גערוט. אין אונדזער שטוב פלעגן נישט זעלטן פאַרקומען שמועסן וועגן דער „ראַדאַ מיעיסקאַ". מיין פאָטער, וואָס האָט געדינט עטלעכע קאַדענצן אַלס ראַטמאַן, האָט געהאַט גוטע פאַרבינדונגען מיט דער שטאָט־פאַרוואַלטונג.

גרשון גראַניצאַ — דער טרייער זון פונעם תנ"ך

מערקווירדיקע טיפּן האָט געהאַט לאָוויטש. זיי האָבן באַרייכערט די יידישע קהילה און צוגעגעבן איר אַ סך קאָלאָריט. אָט נעמט, למשל, גרשון גראַניצאַ און מרדכי ביאַליק.

ר' גרשון, אַ ייד אין די טראַדיציאָנעל יידיש־פּוילישע קליידער, איז געווען דער בעל־מוסף ראש־השנה און יום־כּפּור אין דעם מזרחי־מנין; טייל שבתים, איידער עס איז אָנגעשטעלט געוואָרן דער חזן רובין אין דער שול, האָט ער געדאַוונט מוסף פאַרן עמוד. זיין פאָטער, נאָענט אַ בן־שמונים, האָט ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן פאַרנומען די שטעלע פון אַ חזן אין איינער פון די קלענערע שולן אין וואַרשע.

יידן, גייט דער אויסדרוק, האָבן חוץ ארץ־ישראל נאָך אַ צווייט פאָטערלאַנד. זיי קענען עס אפילו טראָגן מיט זיך אין דער קעשענע. דאָס פאָטערלאַנד איז דער תנ"ך. ר' גרשון איז געווען אַ טרייער זון פונעם תנ"ך. דאָס ספר הספרים איז פאַר אים נישט געווען אַ שטיק פאַרגאַנגענהייט, נאָר לעבעדיקע יידישע געשיכטע. דאָס שיר־השירים־געזאַנג, דער כרמל מיט זיינע ווײַנשטאָקן, די פייערדיקע שטראָף־רייד פון די נביאים, די באַלאַגערונג פון ירושלים — דורך זיי האָט ער געקוקט אויף דער וועלט. זייער עפּאָס, בין איך איבערצייגט, איז געווען נישט ווייניקער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע טעטיקייטן אין דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ווי די שווערע, אָפּט אויסזיכטלאָזע לאַגע פון פּוילישן יידנטום.

מרדכי ביאַליק איז געווען אַ ייד אַ בעל־הבית, אַן אייגנטימער פון הייזער און אַ גרויסער ליבהאָבער פון מוזיק. אויך אין אַ חסידישער קאַפּאָטע, מיטן רונדן חסידישן היטל, אָבער די... פּיאַנאָ איז דאָס כאַראַקטעריסטישע פון זיין היים. שאָפּען און בעטהאָווען־קלאַנגען האָבן איר אויסגעפילט, געשפּילט דורך זיין טאָכטער — כאַמטשע. אויך זיינע אַנדערע קינדער, וואָס איינער ד"ר ביאַליק, האָט אין דער צייט פון דער מלחמה ווי אַ מעדיצינער ממש זיך מוסר־נפש־געווען צו ראַטעווען לעבנס, אין לאָוויטש און אין וואַרשע, זענען געווען מוזיקאַליש באַגאַבטע מענטשן.

די משפּחה אפרים ראָזענקראַנץ...

איינער פון זיי, שמעון (שימעק), איז געווען מיין גימנאַזיע־און אוניווערסיטעט־חבר. אַ היים אַ גבירישע און... קאַלטע. אַלע קינדער, דוכט זיך פינף, זענען געווען אַקאַדעמיש־געבילדעטע מענטשן און זייער פעאיקע. געלעבט האָבן זיי, אָבער, ווי אויסער דעם יידישן כלל און אינטערעסן־ספערע. די גייסטיק־יידישע אויסגעוואָרצלטקייט פון דער משפּחה (איין זון שמואל־„מולעק" — איז געווען אַ דערפאָלגרייכער אַדוואָקאַט אין לאָדזש; אַ צווייטער אַן אינזשעניער אין וולאָצלאַוועק; די איבעריקע האָבן זיך באַטייליקט אין פאָטערס געשעפטן) האָב איך געזען אין 1937. דאָס איז געווען די צייט, ווען אויך די הויך־שולן זענען איינגעפירט געוואָרן די געטאָ־בענק און אונדזערע אינדעקסן זענען געשטעמפּלט געוואָרן מיט דער אָנווייזונג, אַז די זיך־ערשטער געפינען זיך לינקס. די

יידישע סטודענטן־וועלט האָט אַלס פּראָטעסט קעגן דער ווילד־אַנטיסעמיטישער פאַראָרדענונג פּראָקלאָמירט די בלאָקאַדע פון דער אַקאַדעמישער היים אין וואַרשע, עפּעס פון אַן איטאַליענישן זיך־ און הונגער־שטרייק. איך האָב געפּרוּווט שמעונען דערנענטערן צו דעם ציס. אַקאַדעמיקער־פאַרבאַנד, אָבער אָן דערפאָלג. אפילו די „למטרה״־גרופּע פון די אַלגעמיינע ציוניסטן איז געווען צו... ראַדיקאַל, צו קעמפעריש. ער האָט זיך באַטייליקט אין דער בלאָקאַדע, אָבער דער שריט האָט נישט צו שטאַרק נושא חן געווען אין די אויגן פון זיין משפחה. נאָך די געשעענישן האָט שמעון אויפגעגעבן זיינע שטודיען אין וואַרשע, וווּ ער האָט געלערנט יוריספּרודענץ. מיט אַן אויסערגעוויינלעכער באַגאַבטקייט האָט ער זיך איבערגעוואָרפן אויפן אינזשיניערן־געביט און אַוועק שטודירן קיין גרענאָבל, פראַנקרייך.

ר׳ יוסף אַטלאַס — אַ ייד אַ פּיקח, אַ ידען אין די קליינע פּינטעלעך, פירט אַ יידיש־באַלעבאַטישע היים. זיין זון מנשה — דער ערשטער ייד אין דער שטאָט לאָדזש, וואָס שניידט דורך עליה. אברהם פרידמאַן האָט זיך אומגעקערט קיין לאָדזש און געווען צוזאַמען מיט די ברידער שעפּס צווישן די גרינדער פון דעם Bank Udzialowy • די לאַנדווירטשאַפטלעכע שול האָט געהאַט אַמאָל צוויי יידישע תלמידים, יצחק פוסערמילך און ליובע זעמעל. דאָ האָבן זיי זיך געלערנט ווי אומצוגיין מיט אַ קאָסע און ווי צו באַאַרבעטן מיטן אַקער די ערד. זיי האָבן דאָס געטאָן נישט מיטן אויג אויפן פּוילישן דאָרף, נאָר מיטן בליק צו דער ארץ־ישראל־ערד, אויף וועלכער זיי האָבן געהאָפט אויסצוזינגען דאָס ליד פון יידישער באַנייאונג פון נאַטור און מענטש.

די יידישע תלמידים פון אָט די שולן האָבן אַמאָל געמאַכט אַ פּראָבע פון אָרגאַניזירן זיך אין אַ באַזונדערער איינהייט. אָנגעהויבן האָט עס זיך מיט אַן אומשולדיקן פּורים־באַל. די עלטערן פון די תלמידים — און צווישן זיי פרוי מאַניע ביאַלער, אַ פרוי מיט יידיש־גבירישע און וועלטלעכע מאַניערן, און די לערערין קאַץ, שפּעטער די פרוי פונעם ביבליאָטעקאַר פעליקס קאָרן, האָבן זיך באַגעגנט מיט אַ גרופּע שילער. זיי האָבן פאָרגעשלאָגן, אַז די

אַ גרופּע יידישע אינטעליגענטן און לערער. עקסטרעם־לינקס, זיצט — לייבל שאַיאַק, נעבן אים — שטייט ד״ר וועטערינאַר אשר איזראַעלעוויטש

די גאַסן אין אַ מאַטאַציקל און אין אַ רעוויזיאָניסטיש־מיליטערישן אוניפאָרם — איז געווען איינער פון די מיטגרינדער פון השחר, דער פאָרלויפער פונעם ברית־טרומפּלדור.

די יידישע שול־יוגנט האָט זיך קאָנצענטרירט אין די צוויי אַלטע גימנאַזיעס אויפן נאָמען פון פירשט יוזעף פּאָניאַטאָווסקי, און יוליאַן ניעמצעוויטש. דער יידישער באַזוך אין די שולן האָט אַ לאַנגע געשיכטע. מען האָט דערציילט, אַז צוליב דער פּראָצענט־נאָרמע אין רוסלאַנד, האָבן דאָ אַמאָל געלערנט קינדער פון פאַרמעגלעכע יידן אין פּוילן און רוסלאַנד און צווישן זיי אינזש. משה קערנער, אליעזר קאַפּלאַן (ערשטער פינאַנס־מיניסטער פון מדינת ישראל און אַנדערע. די אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק פון „נומערוס קלאַוזוס״ און שפּעטער פון נומערוס נוללוס, האָבן רעדוצירט די צאָל יידישע תלמידים צו איינעם אין אַ קלאַס.

אַ גרעסערע צאָל יידן זענען געווען אין דער שטאָטישער האַנדלס־שול. דער לאָדזשער לערער־סעמינאַר, וואָס איז געווען אויטאָריזירט אַרויסצוגעבן לערער־דיפּלאָמען פאַר די דאָרפישע פאָלקס־שולן, האָט געהאַט איין איינציקן יידישן תלמיד, מעכל פרידמאַן, דעם זון פון אברהם פרידמאַן, וועמען איך געדענק ווי דעם איינציקן לאָדזשער „רעפּרעזענטאַנט״ אין דער גראַבסקי־יידישע מיטל־שול־תלמידים זאָלן זיך טרעפן פאַר קולטור־געזעלשאַפטלעכע צוועקן איינמאָל אַ וואָך שבת נאָכמיטיק, אין בנין פון דער פאָלקס־שול אויף בראַוואַרנע. דעם קולטור־ און פאַרווייל־פּראָגראַם האָבן זיי געלאָזט צו די תלמידים. די אָרגאַניזאַציע האָט באַקומען דעם נאָמען „אחדות״ און עקזיסטירט אַ צוויי־דריי יאָר. די פאַרזאַמלונגען זענען געווען געווידמעט יידישער געשיכטע, יידיש־העברעאישער און יידיש־פּוילישער ליטעראַטור. געווען אַן אָוונט געווידמעט די גרויסע יידישע רעליגיעזע דענקער ווי סעדיה גאון, אבן גבירול; דער דיכטונג פון ביאַליק און אַ זייער געלונגענער ליטעראַרישער פרימאָרגן געווידמעט דער גרופּע יידיש־פּוילישע דיכטער ש. י. אימבער, ראָמאַן בראַנדשטעטער, סטעפאַן פּאָמער און מאַוריצי שימעל.

די יוגנט און זייער זעלבסטבילדונג

די יוגנט, פאַר וועלכער עס זענען געשלאָסן געוואָרן די שול־טויערן, האָט מען גישט געקענט אָפּרייסן פון די קוואַלן פון לערנען און פון וויסן. זיי זענען געקומען צו זיי דורך אַלע וועגן און קודם־כל דורך מיזאַמער זעלבסט־בילדונג. נאָר עטלעכע ביישפּילן:

משה זלאָטשעווער איז געווען אַ חסידישער יונגערמאַן, הויך־געוויקסיק, מיט פאַרטראַכטע אויגן, אַ קלאַסישער טיפּ פון א תועה בדרכי החיים. געגוג געווען צו כאַפּן אַ שמועס מיט אים, און גלייך זענט איר געשווומען אין פילאָזאָפישע סיסטעמען, אין די ספרים פון רמב״ם, אין שפּינאָזאָס עטיק...

מעכל ווינקלער, אַ שניידער אין איינעם פון די גרעסטע וואַר־שטאָטן אין וואַרשע (פאַלעק.).

ב. קאַרליניוס, דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון „מאָמענט״, פירט דורך אין זיין צייטונג אַ קאָנקורס, אין וועלכן ער בעט צו דערקלערן ווער עס איז דער איינפלוסרייכסטער יידישער שריי־בער; פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט געדאַרפט די מיינונג באַגרינדן. איינער פון די געווינער איז געווען מעכל ווינקלער.

מרדכי (מאַטוש) ניסנבוים, די פליכט פון העלפן די עלטערן לאָזט אים נישט ווייטער לערנען נאָכן פאַרענדיקן די פאָלקס־שול. ער איז אָבער אַ בוך־גריבלער. גאָרקי און אַש, געשיכטע פון סאָציאַליזם און געשיכטע פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אין ארץ־ישראל.

דאָס אַלץ זאַפּט ער איין אין פריען עלטער. איך האָב געהאַט א מעגלעכקייט צו זען די גאַנצע רייכקייט פון זיין יונגער פער־זענלעכקייט פאַרן אויסברוך פון קריג.

מאַרילאַ בוקשטיין איז געקומען אויף אַ קורצן באַזוך קיין פוילן פון אַמעריקע. אין איינעם אַ טאָג באַקום איך אַ טעלעפאָן, אַז זי איז מיט מאַטושן אין וואַרשע און וויל זען „פאַוסט״. איך האָב גלייך פאַרשאַפט די בילעטן און מיר זענען זאַלבעדריט אוועק אין דער אָפּערע. און דער תמיד שווייגנדיקער מאַטוש, דער צוריק־געהאַלטענער, ווערט שוין גאָר באַרעדעוודיק. ער הערט נישט אויף צו דערקלערן די געגעזע פון דער פאַוסט־לעגענדע; ווי אַזוי דער אַלטער פאַרצווייפלטער דענקער גיט אויף די האָפענונג פון דערגיין צום סוד פון לעבן און ווי אַזוי ער פאַרקויפט די נשמה צו מעפיסטאָן פאַרן פרייז פון באַנייען זיין יוגנט.

דאָ אַנומלט, נאָך 25 יאָר, בין איך געזעסן מיט מאַרילקע בוקשטיין אין ניו־יאָרק ערב איר נסיעה קיין ישראל. זי וווינט איצט אין לאָס־אַנדזשעלעס. און זי, אַ פרוי וואָס האָט לאָוויטש פאַרלאָזט ווי אַ קינד און באַקומען איר גאַנצע דערציאונג און בילדונג אין אַמעריקע, קען ביזן היינטיקן טאָג נישט פאַרגעסן די בקיאות פון איר לאָוויטשער יוגנט־חבר אין הלכות... פאַוסט.

✶

דער סימן מובהק פון אַ געזונט יידיש לעבן איז די אינטענ־סיוויטעט און דער פאַרנעם פון דעם אידעאישן געראַנגל, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין זיינע גרענעצן. די צווישן־שטרייטן פון א בית הלל און אַ בית שמאי גיבן צו אַ יידישן קיבוץ אינהאַלט און כאַראַקטער.

אין אונדזערע צייטן האָבן עקזיסטירט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג עטלעכע אידעאָלאָגישע שולן אין פּרט פון באַציאונגען צו דער יידישער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אין ארץ־ישראל און צו דער מאַנדאַטאָר־מאַכט, ענגלאַנד. זייער אָפּט האָט דער געראַנגל צווישן זיי אָנגענומען ביז גאָר שאַרפע פאָרמען. ער האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף פאַרזאַמלונגען, אין ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס און אין דער פּרעסע. יידישע פירער האָבן אַדורכגעשפּאַנט הונ־דערטער שטעט, כדי צו באַווירקן די עפנטלעכע מיינונג.

לאָוויטש איז ממש עלעקטריזירט געווין מיטן באַזוך פון זאב זשאַבאָטינסקי. עטלעכע מאָל האָבן אויך די שטאָט באַזוכט: ברוך צוקערמאַן (איינמאָל אין שייכות מיט דער אַקציע פאַרן מפעל הבצרון), הרב יצחק ניסנבוים, דער לעצטער גרויסער ציוניסטי־שער מטיף אין פוילן, ד״ר אריה טאַרטאַקאָווער, אברהם ביאַלאָ־פּאָלסקי.

אַ ביז גאָר שיינעם קבלת־פּנים האָט געגעבן די גורדוניה, אונטער דער פירערשאַפט פון פישל ענגלארד, דעם טאַלאַנטפולן יונגן העברעאישן דיכטער מלכיאל לוסטערניק, וואָס גראָד אין דער צייט האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין בוך אין פויליש: אהרון דוד גאָרדאָן, דער מענטש און דענקער.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז דער ציוניסטישער קאָנגרעס אין פּראַג, אין 1933. — דאָס איז געווען אַ טראַגיש יאָר. דאָס יאָר ווען די היטלער־באַנדעס באַפעסטיקן זיך אין מאַכט און אין איינפלוס; און דאָס יאָר ווען עס איז אַזוי יונג פאַרשניטן געוואָרן חיים אַרלאָזאָראָוו.

די ציוניסטישע באַוועגונג איז צעטיילט און די אַטמאָספער איז אָנגעגליט מיט ברידער־האַס. דער וואַל־קאַמף צום קאָנגרעס איז געווען אַ ביטערער. די גרויסע סענסאַציע אין דער שטאָט אין דעם יאָר איז דער פאַקט, וואָס די מזרחי און די תורה ועבודה האָבן אַלס איינעם פון זייערע ערשטע דעלעגאַטן אַרויסגעשטעלט י. ל. ביאַלער. און זייער וואַל־קאַמפּיין איז געעפנט געוואָרן מיטן אָנ־טייל פון הרב י. ל. מימון.

די הכשרה אין לאָוויטש

די חלוצים, וואָס האָבן זיך שוין אין גלות געגרייט צו אַן ארץ־ישראלדיק לעבן פון אַרבעט און פרייהייט, האָבן אין לאָוויטש געהאַט איינע פון זייערע הכשרה־פּונקטן. די הכשרה האָט אויפ־געבויט די תורה־ועבודה־באַוועגונג, צו וועמענס פירער אין דער שטאָט האָבן געהערט מאיר־שמחה קאַלבע (דעם רבס זון), יוסף קרייצער, משה פישער, מענדל אלבעק און אַנדערע.

אייגנטלעך האָט לאָוויטש נישט פאַרמאָגט קיין שטאַרקע באַזע פאַר אַ הכשרה. די קליינע, אָבער, מעגלעכקייטן, וואָס עס האָבן אָנגעבאָטן די יידישע סטאָלערייען און שניידערייען, די ערד־אַרבעט ביי יחידים פויערים און לאַנדווירטן, זענען אויסגענוצט געוואָרן ביז אַ מאַקסימום.

די הכשרה־חברים (עטלעכע צענדליק אין צאָל) האָבן זיך באַזונדערס אָנגעזען אין שבת נאָכמיטיק, ווען זיי פלעגן אַרויסגיין שפּאַצירן אין דער שטאָט און צעטראָגן דאָס געזאַנג פון נייעם ארץ־ישראל. און הגם אין פּאַלעסטינע־אַמט זענען פאַר זיי נישט גרייט געווען קיין סערטיפיקאַטן און פון קיין גרויסן לוקסוס האָט מען אין דער הכשרה אויך נישט געוווסט, האָט אָבער דער אף־על־פּי־כן אַרויסגעשטראַלט פון זייערע אויגן מיט האָפענונג און אמונה אין גאָטס יועלט.

✶

לאָוויטש האָט געהערט צו די יידישע שטעט אין פוילן, וואָס האָבן זיך נישט געפונען אויף דער מאַפּע פון „בונד״. דאָס ווערט דערציילט נישט לשבח און נישט לגנאי פון דער שטאָט, נאָר ווי אַ פאַקט וואָס שייך די געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע שטרעמונגען

אינערהאַלב דעם יידישן קיבוץ. דאָס מיינט, אָבער, נישט, אַז די שטאָט האָט נישט געהאַט קיין סאָציאַליסטיש־געשטימטע יוגנט, אָדער באַוועגונג. געווען אפילו יחידים בונדיסטן, ווי קורצבאום, אבנר רוסאַק (דער וועבער) און נאָך עטלעכע „פאָלקס־צייטונג״־לייענער, וואָס מען האָט באַטראַכט ווי סימפּאַטיקער פון „בונד״.

קלאַס פון דער פּאָווּשעכנער שול, מיט דער לערערין שרה בערנשטיין
כתה ביה״ס העממי עם המורה גב׳ שרה ברנשטיין
A class of the public school with the teacher Mrs. S. Berenstein

אין אַ סך היימען האָט געלעבט די סאָציאַליסטישע טראַדיציע. מיט וואַרעמקייט האָט מען דערמאָנט די אַמאָליקע צייטן פון רעוואָלוציאָנערן אויפברויז, פון אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען אין וואַלד, אויף דער „בירזשע״.

העללאַס אין לאָוויטש...

די סמיכת הפרשה איז אין ערשטן אויגנבליק אומפאַרשטענדלעך, אָבער זי האָט אַ יסוד. אין דער שטאָט האָט געוווינט איינער פון די בעסטע קענער אין דער יידישער ליטעראַטור, פון דער גריכישער דראַמאַטורגיע און פון גריכישע געשיכטע־פאָרשער, דער דענקער און פּאָעט מ. ל. פּעטשעניק. די העברעאישע וועלט אין פּוילן האָט געהאַט אירע אויטאָריטעטן אויף דעם געביט אין דאָצענט עדמונד שטיין, אין דעם נאָרוואָס פאַרשטאָרבענעם אין ישראל שלמה דיקמאַן; אין דער יידישער וועלט איז אָבער דער „גריך״ מיט דער ה׳ הידיעה געווען — משה־לייב פּעטשעניק.

טראַכט איך היינט דורך וואָס פאַראַ מיסטעריעזע וועגן איז געלאָפן יידיש לעבן: דו שפּאַצירסט אין לאָוויטש אויף דער זדונסקאַ, אָדער דורך די גאַסן פון נייעם מאַרק, און דו שוועבסט גאָר אין די עולמות העליונים פון אַ ציוויליזאַציע פון מיט דריי טויזנט יאָר צוריק. דו מאַכסט דורך אירע עליות און ירידות, און דיין מיטשמועסער צווישן די קראָמען און גאַסן איז מ. ל. פּעטשעניק, דער איבערזעצער פון האָמערס „איליאַדע״, פון „פּראָמעטעאוס דער געפּענטעטער״ און פון לידער פון האָראַץ און ווירגיל.

אַ צונעלאָזענער מענטש איז ער געווען, אַ טאַקטפולער, אָן גאווה און אָן דעם געשוואָלענעם איך... אויך גאָרנישט געהאַט פון באָהעמישן גייסט. אין אַלעם נאַטירלעך, אפילו ווען ער האָט זיך באַוויזן אין דער גריכישער קינסטלערישער ספערע און געזוכט אָפּצוהיטן דעם גריכישן מעטער און זיינע איבערזעצונגען, וואָס ער האָט באַטראַכט ווי דעם הויפּט־אויסדרוק פון זיין קרעאַטיווער ליטעראַרישער אַרבעט.

מ. ל פּעטשעניק איז געווען פאַרהייראַט צו אַ פאָלקסשול־לערערין (פּעפּי, זיינע אַ בת־עיר), אַ פיינע, צאַרטע יידישע פרוי. זיי האָבן געהאַט איין קינד — אַ זון שאול (סאַלעק), אַ תלמיד אין דער גימנאַזיע. געקומען זענען זיי קיין לאָוויטש פון זלאָטשעוו, מזרח־גאַליציע און דאָ געמאַכט זייער היים.

ער האָט דערציילט, אַז ער האָט גרייט צום דרוק אַ פילבענדיק ווערק, וואָס וועט אַרומנעמען דאָס יידישע לעבן. די פאַבולע פונעם ווערק האָט ער גענומען פון דער גריכישער געשיכטע, פון איר העלעניסטישער תקופה, פון דער דאַריאַנישער אינוואַזיע, פון די פערסישע מלחמות און פון דעם פאַלן פון דער גריכישער ציוויליזאַציע. ער האָט די געשעענישן אַקטואַליזירט און אויף זייער קאַנווע אויסגעוועבט אַן אַ שיעור רמזים וועגן מצב פון דער וועלט און יידישן פאָלק אין אונדזער אייגענער צייט.

אַ גרופּע שול־חברים. פון רעכטס צו לינקס, שטייען: מאָטל בעסערגליק, לייבוש בריישטיין. עס זיצן: מלך קייזמאַן, ע. מינץ, מאָטל ליפּסקי, תמיר (היינט אין ישראל), י. וויינטרויב

זיין גרויסער טאָג אין לעבן איז געווען בעת ער האָט באַקומען די פּרעמיע פון „יידישן פּען־קלוב״ אין פּוילן פאַר זיין „איליאַדע״־איבערזעצונג אין יידיש.

לאָוויטשער דיכטער־געשטאַלטן

עטוואָס העכער פון מיטעלן וווּקס, שלאַנק, מיט אַ לענגלעך פּנים און לעבעדיק טונקעלע אויגן, איז ער געווען די פּערזאָניפיקאַציע פון דעם אָנזאָג פון אונדזערע חכמים, אַז די ערשטע פערציק יאָר פון זיין לעבן דאַרף אַ מענטש אומאויפהערלעך שטרעבן צו מער עמקות און בילדונג; ער דאַרף זיך האַלטן אין איין לערנען; אין די שפּעטערדיקע יאָרן, נאָך פערציק יאָר, דאַרף ער דאָס איינגעזאַמלטע וויסן איבערגעבן אַנדערע. דאָס איז געווען שמואל־דוד לעווין.

שמואל דוד האָט דעם געבאָט דערפילט מיט שלימות און אהבה, וואָס האָט זיך צו קיין גלייכן נישט געהאַט.

ער איז געווען מלא וגדוש מיט דער יידישער רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער קולטור; באַהאַוונט אויך אין אַלע געביטן פון וועלטלעכן וויסן, אין קונסט, אין מוזיק און אין געשיכטע. וועגן וואָס ער זאָל מיט דיר נישט ריידן, האָט ער גלייך געפונען עפּעס דיר אויפצוקלערן, תמיד געהאַט וואָס מוסיף־צו־זיין, תמיד דיך אַריינגענומען ווי אַ שותף, ווי אַ גלייכן מיט גלייכע, אין דעם שמועס. געטאָן האָט ער עס אויף אַ שטילן, באַשיידענעם אופן, אָט אַזוי ווי עס זאָגט זיך, אַז דברי חכמים בנחת נשמעים.

אָט איז שמואל דוד לעווינס גאַמע פון עטלעכע שמועסן און פאַראינטערעסירונגען אַזוי ווי זיי זענען געבליבן אין מיין געדעכעניש:

רעדסטו מיט אים וועגן „פּאַן־טאַדעאוש“, איז גלייך פאַראַנען אַ גאַנצע אָפּהאַנדלונג וועגן דער מוזיקאַלישקייט און מאַלערישקייט פון מיצקעוויטשעס פּערל, און ער ציטירט דיר גלייך די פּאַראַגראַפן פון „שטורעם“ (בוזשאַ); ער שטעלט זיך, אָבער, נישט אָפּ ביי דעם. עס קומט גלייך אַ לעקציע וועגן מנחם באַריישאַס „זאַנוול רימער“; דאָס איז אַן עפּאָפּייע פון יידישן לעבן און דו מוזט עס לייענען; און פאַרגעס נישט אַריינצוקוקן אין קעניגסבערגס איבערזעצונג פון „פּאַן טאַדעאוש“...

שמואל דוד איז געבליבן באַקאַנט נאָר אין די מויערן פון לאָוויטש, באַקאַנט און... נישט פאַרשטאַנען. די סיבה, מיין איך, האָט געהאַט צו טאָן מיט זיין אומפּראַקטישקייט, נאַיוויטעט און פאַרקוקן די אייגענע פּערזאָן.

ער האָט, למשל, געשריבן לירישע לידער. עטלעכע זענען אין די דרייסיקער יאָרן פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די „ליטעראַרישע בלעטער“ פון נחמן מייזל. אָבער אין דער זעלביקער צייט האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט מוזיק־שאַפונגען צו מיצקעוויטשעס ליד Polały się łzy... און צו לייוויקס „קלינגט אין די גלאָקן פון אויפשטאַנד“. ער האָט אויך געחלומט וועגן איבערזעצן אין יידיש הערצלס טאָג־ביכער (ביזן היינטיקן טאָג איז אַזאַ איבערזעצונג נישט פאַראַנען). ער איז וועגן דעם געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט ד״ר יצחק שיפּער. מיט איין וואָרט — געוואָרפן זיך פון איין געביט אויפן צווייטן...

אין פּוילן, צווישן ביידע מלחמות, האָט מען אַ סך „געליטעראַטעוועט“; געקוקט אויפן גאַנצן לעבן דורך דער פּריזמע פון ליטעראַטור. איינער, אין לאָוויטש, וואָס איז מיט זיין גאַנץ וועזן געווען אין איר פאַרוואָרצלט, סיי אין איר וועלט, וואָס איז אַן אָפּשפּיגלונג פון אַ רעאַליסט און סיי אין דער אויספּאַנטאַזירטער שרייבערישער וועלט, איז געווען ש. ד. לעווין.

*

מישאַ טראַיאַנאָוו האָט אויפגעבליצט אויפן הימל פון דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן קורץ פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. וואָלטן היינט געלעבט די יידן פון לאָדזש און פון לאָוויטש, וואָלטן זיי זיכער געשטריטן וועגן זיין אָנגעהעריקייט. זיינע עלטערן די טראַיאַנאָווסקיס, זיינע קרובים די יאַקובאָוויטשעס, זענען געווען זאָקן־מאַכערס, און דאָ געוווינט. אין די לעצטע יאָרן האָט מישאַ פאַרבראַכט אין לאָדזש.

געזען און געלייענט זיינע לידער אין פּעריאָדישע אויסגאַבן, ווי „אינדזל“ און „אות“. שפּעטער זענען זיי דערשינען אין אַ בוך־פאָרם; לירישע לידער, אָנגעלאָדן מיט אַ סך געפיל און גריבלענישן אין דער אייגענער נשמה. עס איז געווען אַ דיכטונג לשמה און נישט צוליב וועלכע עס איז סאָציאַלע מאָטיוון און ווייט פון די רעפלעקסן פון מה חובתי בעולמי.

צום דערשיינען פון זיין בוך איז אויף סלאָמאַצקע 13 פאַרגעקומען אַ ספּעציעלער אָוונט, בעת וועלכן עס האָט גערעדט נח פּרילוצקי. קלינגט מיר אין מיינע אויערן ביזן היינטיקן טאָג די פּילזאָגנדיקע באַצייכענונג, מיט וועלכער ער האָט געקרוינט דעם יונגן דיכטער — „דער לערמאָנטאָוו פון דער יידישער ליטעראַטור“.

*

יאַנקאַ סלאָנימסקאַ, נישט יידיש און אודאי נישט העברעאיש איז געווען איר שפּראַך. די טאָכטער פונעם לערער סלאָנימסקי, וועמענס זון לאַלעק איז אַרויסגעגאַנגען לתרבות רעה. זי האָט געשריבן פּוילישע לידער, עטלעכע געדרוקט אין לאָקאַלן פּוילישן „לאָוויטשאַנין“ און איינציקע אויך אין וואַרשעווער „וויאַדאָמאָשצי ליטעראַצקיע“. אַ געבילדעט יידיש מיידל מיט אַספּיראַציעס פאַר דער פּוילישער ליטעראַטור.

*

יחיאל מאיר זילבערבערג — מיטעלער וווקס, אַן עטוואָס בלאַנד פּנים מיט שטאַרק קורצזיכטיקע אויגן אונטער שווערע גלעזער, איז איינגעקריצט אין מיין זכרון צוליב עטלעכע מאָמענטן:

געווען נאָענט צום „בונד“, פּאָלקיזם, צו נח פּרילוצקיס, ש. ביבערס באַוועגונג און דאָך... געשטעקט אין גערער שטיבל. דובנאָווס נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע איז זיין יידישער לעבנסקוק, אָבער די ישיבה, דאָס גערער שטיבל זענען אַ טייל פון זיין גייסטיק וועזן; פון זיי שעפּט ער די טעמאַטיק פאַר אַ סך פון זיינע מאמרים, וואָס דערשיינען אין דער „וולאָצלאַוועקער שטימע“, אונטער דער רעדאַקציע פון ד״ר י. מ. בידערמאַן און אין גדליהו שאַיאַקס „מאַזאָוושער וואָכנבלאַט“.

ער האָט פאַרלאָזט לאָוויטש אין די אָנהויב דרייסיקער יאָרן און זיך באַזעצט אין וולאָצלאַוועק. אין אונדזער היים זענען ביז דער לעצטער מינוט געווען עטלעכע בריוו פון אים, וואָס מיין פאָטער האָט נישט געהאַט קיין האַרץ צו פאַרניכטן. בריוו געשריבן נאָך דעם ווי זיין איינציק קינד — אַ יינגעלע — איז דערטרונקען געוואָרן אין דער ווייסל. דאָס איז געווען אַ יאָמער־געשריי פון אַ פאַרוווּנדעטע האַרץ, וואָס האָט געמוזט אויפטרייסלען יעדן לייענער.

די „אַזאָן“־ממשלה און דיסקרימינאַציע קעגן יידן

די צייט פון 1936 ביז מערץ 1939 האָט נישט געלאָזט קיין שום ספק וועגן דער צוקונפט פון פּוילישן יידנטום אונטער דער „אַזאָן“־ממשלה. אַ ווירטשאַפטלעכער באָיקאָט ווערט לעגאַליזירט פון דער רעגירונג; רעליגיעזע דיסקרימינאַציעס נעמען אָן די ווילדסטע פאָרמען — עס האַלט ערב פאַרבאָטן די יידישע שחיטה; די רעגירונג נעמט אָוועק ביי יידישע סטודענטן יעדע מעגלעכקייט פון פּראַקטיצירן מעדיצין, אָדער רעכט דורכן שליסן אויף זיבן יאָר די אַדוואָקאַטן־ און דאָקטוירים־רשימות; געבעלס פּריידיקט פריי אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט און גרייט צו דעם באָדן פאַר אַ פּוילישער אויפלאַגע פון די נירנבערגער געזעצן. אַ כוואַ־

ליע פון פּאָגראָמען כאַפּט אַרום פּוילן: פּזשיטיק, מינסק־מאַזאָוויעצק, טשענסטאָכאָווו און בריסק. פּוילן האָט טאַקע אַלס נאַציאָנאַלן עמבלעם ווייטער דעם אָדלער, אָבער דער האַקנקרייץ נעמט אַריין אין זייגע קלעמען דאָס לאַנד און דער נאַצי־סם דרינגט אַלץ טיפער אַריין אין דער נשמה פון ברייטע קרייזן פון פאָלק.

די יידן אין די שטעט פילן דעם גאַנצן דרוק פון מלוכהשפּאָליטישן אַפּאַראַט, וואָס ווענדעט זיך קעגן זיי. לאָוויטש איז נישט קיין אויסנאַם.

יחידים רייסן זיך אַרויס פון דער שטאָט ווי פון אַ האָפענונגסלאָזער שטייג און לאָזן זיך קיין ארץ־ישראל און אַנדערע לענדער. די וואָס בלייבן, פאַרצווייפלען נישט, הגם דער ספק וועגן מאָרגן נאָגט טיף דאָס האַרץ. קעגן דעם אויסערלעכן שונא, נאַצי־דייטשלאַנד, ווערט אָרגאַניזירט אין לאָוויטש, פּונקט ווי אין גאַנץ פּוילן, די באָיקאָט־באַוועגונג.

ד״ר יהושע גאָטליב קומט אין דער שטאָט פאַר דעם צוועק. אויפן אינערלעכן פראָנט שטיצן ברייטע יידישע קרייזן די פּוילישע דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע באַוועגונגען, כדי אָפּצושוואַכן דעם איינפלוס פונעם רעאַקציאָנערן „אָזאָן״.

די אַקציע פאַר זבאָנשין, פאַר די טויזנטער יידישע פּליטים, וואָס זענען אַריבערגעוואָרפן געוואָרן פון דייטשלאַנד אויף דער פּוילישער גרענעץ, געפינט אין דער שטאָט דעם טיפסטן אָפּקלאַנג. בעת דער אַקציע באַווייזט זיך דער קעמפערישער און געזעלשאַפטלעך־בויענדיקער כאַראַקטער פון „מאַזאָווישער וואָכנבלאַט״, וואָס שפּאָרט נישט קיין פייַלן פון קריטיק קעגן געוויסע יחידים, הלמאי זיי ענטפערן נישט אויפן רוף בייצושטייערן לויט זייערע מעגלעכקייטן און לויט די נויטן פון דער שעה.

צוויי פאַקטן האָבן זיך ווי שווערער בליי געלייגט אויף מיין נשמה אין 1938; זיי האָבן באַוויזן, אַז אויף די מויערן פון יידישע היימען שרייבט אַ רוצחישע האַנט דעם פייערדיקן צייכן פון אומקום.

אין 1938 איז באַשע און נתן בוקסבוים געלונגען איבערצורעדן מיין שוועסטער מינאַ ראָזנטאַל, אַז זי זאָל ראַטעווען אַ „ציש״אָ״־שול אין קאַרטוז־בערעזע דורך איבערנעמען דאָרט אַ לערער־פּאָסטן. דער יידישער אַרבעטער־ און קולטור־באַוועגונג איז ממש געגאַנגען אין לעבן, אַז דווקא אין בערעזע, וווּ פּוילן האָט אויפגעבויט דעם ערשטן קאָנצענטראַציע־לאַגער לויט אַלע נאַצישע „רעצעפּטן״ פון דאַכאַו, זאָל לייכטן אויך אַן אַנדער פלאַם...

מינאַ איז געווען אַ זעלטענע קאָמבינאַציע פון פיזייטיקע פעאיקייטן און בילדונג. שטודירט גלייך נאָך דער מאַטורע — אַ יאָר־צוויי — יוריספּרודענץ; געלערנט בוך־פירונג; און צום סוף פאַרענדיקט דעם אוניווערסיטעט ווי אַ דיפּלאָמירטע לערערין אין פּעדאָגיסטיקע.

הגם אידעאָלאָגיש ווייט פון דער ציש״אָ־באַוועגונג, האָט זי מסכים געווען אַרויסצופאָרן קיין בערעזע אויף אַ יאָר צייט. שטיל און ערנסט האָט זי דערפילט איר אויפגאַבע, מיט איר טיף איינגעבוירענעם געפיל פון אחריות.

אין דער היים האָבן פאָטער און מוטער גענומען דעם אָפּפאָר ווי אַ שווערן, פּערזענלעכן קלאַפּ. זיי האָבן די גאַנצע זאַך געהאַלטן שטרענג בסוד. די אַטמאָספער איז געווען אַ געדריקטע, ווי איבער דער שטוב האָט געהויערט דער שאָטן פון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. מיר האָבן זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז דאָס איז נאָר אַ שפּיל לגבי דעם, וואָס עס דערוואַרט אונדז.

דער גורל האָט, אָבער, פאַר מיינע עלטערן צוגעגרייט נאָך אַן אַנדערן „סורפּריז״ פון אַ נאַצי־כאַראַקטער, איידער די נאַציס האָבן נאָך באַהערשט פּוילן.

אַ שבת אָוונט, עטלעכע טעג פאַר די ווינטער־פעריען, אין דעצעמבער 1938, בין איך אָנגעקומען אין לאָוויטש צו אַ משפּחה־פייערונג ביי יוסף שרעגער, ביי וועמענס זון עס איז געבוירן געוואָרן דאָס ערשטע קינד, אַ מיידעלע. אויפן וועג צו אים, נאָענט פון קוקאַרסקיס אַפּטייק, וואַקסן פלוצלינג ווי פון אונטער דער ערד אַרויס צוויי סאָלדאַטן און פאַרשטעלן מיר דעם וועג. איידער איך האָב באַוויזן זיך צו אָריענטירן וואָס עס קומט דאָ פאָר, פאַל איך אין אַ קאַלוזשע בלוט. דאָס האָבן די פּוילישע זעלנער אויסגעפּרוּווט זייערע באַגנעטן אויף אַ יידישן קערפּער.

כאַראַקטעריסטיש פאַר די דעמאָלטיקע שטימונגען איז נישט אַזוי דער איבערפאַל גופא, ווי דער פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען פאַר אַ מיליטערישן געריכט אין סקיערניעוויץ.

דאָס געריכט האָט באַפרייט די זעלנער. דער אורטייל האָט פעסטגעשטעלט, אַז באַפאַלנדיק מיך, האָבן די סאָלדאַטן נישט געהאַט קיין בייזע כוונות. זיי זענען נאָר געווען אונטערן איינפלוס פון אַביסל ערב־יום־טובדיקער משקה.

דאָס איז געווען פּוילישע געריכטס־גערעכטיקייט צו יידן אין יאָר 1938.

אין מערץ 1939, גלייך נאָך דער אָקופּאַציע פון דער טשעכאָסלאָוואַקיי, הויבן זיך אָן פינף חדשים פון אַ שאַרפן נערוון־קריג, אַ פאָרשפּיל צום מיליטערישן פאַרמעסט.

דעם 17־טן מערץ 1939 ווערט אַדורכגעפירט די ערשטע מאָביליזאַציע. אין לאַנד הערשט אַ געוואַלדיקע אויפרודערונג... „מיר וועלן נישט אָפּגעבן אפילו קיין קנעפּל... מיר וועלן נישט לאָזן אָוועקשטויסן זיך פון באַלטיק... מיר וועלן איבערחזירן גרונוואַלד...״

אין דער אַטמאָספער האָט דאָס פּוילישע יידנטום אַרויסגעשיקט זיין דעלעגאַציע צום 21־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין דער שווייץ. בעת די קאָנגרעס־פאַרהאַנדלונגען קומט אָן די ידיעה וועגן דעם ריבענטראָפּ־מאָלאָטאָוו פּאַקט. עס ווערט קלאָר, אַז די וועלט דערנענטערט זיך מיט שנעלע טריט צום מלחמה־אָפּגרונט. ד״ר משה קליינבוים טראָגט אַריין אַ פאָרשלאַג, צוצואיילן די באַראַטונגען, כדי צו דערמעגלעכן וואָס שנעלער דער פּוילישער דעלעגאַציע אומצוקערן זיך אהיים. אין פּראָפ. וויצמאַנס שלוס־רעדע איז פאַראַן אַ נביאישע אָנדייטונג וועגן גורל פון יידישן פאָלק: „ווער ווייסט, זאָגט ער, ווען מיר וועלן זיך ווידער צונויפקומען און ווער פון אונדז וועט דערלעבן דעם נאָענטסטן קאָנגרעס״.

אין לאָוויטש, אין די טעג, איז די נערוואָזיטעט געוואָקסן פון טאָג צו טאָג. מאַסן מיליטער ציען דורך דער שטאָט. צווישן דער יוגנט שטייגט די דערוואַרטונג פון באַקומען דעם מאָביליזאַציע־באַפעל. איך געפין זיך סוף אויגוסט אין וואַרשע, וווּ איך נעם אויף געוויסע קורסן, נויטווענדיקע אין מיינע שטודיען. די לעצטע ידיעה זאָגט, אַז איך ווער צוגעטיילט צו דער מיליטערישער איינהייט אין קוטנע.

איך האָב נישט געהאַט קיין שום מיליטערישע אויסבילדונג פון פריער, אפילו נישט פון דעם גימנאַזיאַלן „הופיעץ״. די טענדענץ אין פּוילן איז געווען, נישט צו רופן אין דינסט די יעניקע

יידן, וואָס זענען באַרעכטיקט צו דער „פּאָדכאָראָנזשוווקע״ (אָפיצירן־שול). ס׳זענען געווען אין לאָוויטש עטלעכע אויסנאָמען פון יידן אין דער אָפיצירן־ראַנגע, ווי:

אַדוו. יצחק דאָמב (ניקוש), ד״ר אשר איזראַעלעוויטש; יצחק שעפּס (איצעק) און י. טאוב.

קיין קוטנע בין איך קיינמאָל נישט דערפאָרן. לויט ידיעות האָט מען פון דאָרט גאָר געשיקט רעזערוויסטן קיין מאָדלין.

פרייטיק, פרי, דעם 1־טן סעפּטעמבער, האָבן סירענעס אין לאָוויטש אָנגעזאָגט דעם ערשטן אַלאַרם, אַן אָנדייטונג, אַז איבער דער שטאָט פליען דייטשע עראָפּלאַנען... אַ צוויי־דריי טעג שפּעטער זענען באָמבאַרדירט געוואָרן דער פּאָסט־בנין און די גימנאַזיע.

אַ בהלה וואַקסט אין דער שטאָט. ס׳פאַלן סתירותדיקע באַפעלן. פון איין זייט רופט די ראַדיאָ די יוגנט קיין וואַרשע; פון דער צווייטער פאַראָרדנט די לאָקאַלע מאַכט (די סטאַראָסטווע) צו גיין אין דער ריכטונג פון... לאָדזש.

לאָוויטש ווערט באָמבאַרדירט

די באָמבאַרדירונג פון דער שטאָט הערט נישט אויף. פון לאָדזש לויפט מען קיין וואַרשע. די שטאָט איז פול מיט פליטים.

אינצווישן פאַרשפּרייטן זיך קלאַנגען, אַז לאָוויטשער מיליטער־פליכטיקע יונגעלייט ווערן געשיקט קיין קאָלאָ, זשיראַרדאָוו... אַנדערע נאָך טאָרון און וולאָצלאַוועק. די שטרעבונג צווישן יידן און קריסטן איז אַריינצובאַקומען זיך קיין וואַרשע. העכער אַ וואָך, נאָכן מלחמה־אויסברוך, באַשליסט אונדזער משפחה מיט אַ גרופּע פריינט אַרויסצולאָזן זיך אין וועג אַריין — צו דער פּוילישער הויפּטשטאָט. צווישן די „גייערס״ געפינען זיך: שלמה און דוד שרעגער; שעמיאַנטעק — דער איידעם פון יוסף דאָמב; משה שמעלץ, דער פירער פון „מכבי״; אדוו. יצחק דאָמב און נאָך עטלעכע, וועמענס נעמען איך דערמאָן זיך שוין נישט.

דער וועג איז פאַרפּלייצט מיט פורן, מיט פאַרוווּנדעטע, מיט מענטשלעך האָב־און־גוטס, וואָס וואַלגערט זיך הפקר... די דייטשן, טראָץ זייער צוזאָג נישט צו באָמבאַרדירן אָפענע שטעט און די ציווילע באַפעלקערונג, פירן ריקזיכטלאָז אויס דעם פירערס באַפעל צו שיסן און באָמבאַרדירן „אַלץ וואָס שטייט און וואָס אַנטלויפט״.

די ידיעה, וואָס די פליטים אויפן וועג פאַרשפּרייטן, אַז די הויפּט־קוואַרטיר פון דער לאָדזשער אַרמיי האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין סטריקאָוו, האָט אַרויסגערופן פּאַניק. שעמיאַנטעק איז געווען דער „קאָמאַנדיר״ פון אונדזער גרופּע און געפרווּוט מיט זיין כאַראַקטעריסטישן אָפּטימיזם באַרויקן. אַלע, אָבער, סימנים אויפן וועג האָבן אָנגעוויזן, אַז די לאַגע איז קריטיש. דער ראַדיאָ דערציילט וועגן זגיערזש און לאָדזש, וואָס זענען שוין אין די הענט פון די דייטשן. דעם זעלביקן גורל טיילט דער גאַנצער ראַיאָן וולאָצלאַוועק, ראַדזשעיוו, אַלעקסאַנדראָוו און טשעכאָטשינעק.

דורך פאַרשידענע וועגן און שטעגן דערשלעפּט זיך אונדזער פור, נאָך אַ נאַכט, קיין פּרושקאָוו. עס טאָגט קוים... פון אַ בעקעריי טראָגט זיך דער פרישער ריח פון ברויט...

ביי אַ פּלומפּ שטייען דייטשע סאָלדאַטן און וואַשן זיך... עס דערמאָנט זיך לאָוויטש... שלמה וואָלף שפּייזהענדלערס בעקעריי... די משפחה־היים... נאַס זענען נאָך דער מאַמעס טרערן אויף מיין פּנים — אין די אויערן הילכן נאָך אירע ווערטער ביים געזעגענען זיך: היט דאָס בילד... ווער ווייסט דען ווו אונדזער געביין וועט אַהינקומען...

די לעצטע ידיעות וועגן לאָוויטש דורך דער פאַרמיטלונג פון וואַרשעווער ראַדיאָ, דערציילן, אַז דאָרט קעמפט די אַרמיי פון גענעראַל באַרטנאָווסקי און אַז דער שונא וואַרפט אויף דעם קאַמף־אָפּשניט גרויסע צאָלן פון שווערער אַרטילעריע און פּאַנצער־וואָגנס.

דער וועג קיין וואַרשע איז אָפּגעשלאָסן. די דייטשן פאָדערן אויף אַלע פליטים צוריקצוקערן זיך אין זייערע היים־שטעט. אויך מיר פיר גיבן אויף די האָפענונג אויף דערגרייכן וואַרשע און קומען צום אויספיר, אַז וואָס מיט אונדז זאָל נישט געשען, איז דער בעסטער אויסוועג צו זיין צוריק מיט די אייגענע משפחות. אַזוי ווי מיר רירן זיך נאָר אַרויס פון פּרושקאָוו, רינגלען אונדז אַרום פון קאָפּ ביז פיס באַוואָפנטע דייטשן און פירן אונדז אַוועק אַלס געפאַנגענע אויף אַ דערבייאיק פעלד. פון דאַנען ווערן מיר געטריבן צופוס און אין לאַסט־וואַגאָנען, צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע יידישע קריגס־געפאַנגענע, קיין ברעסלאַו. שעמיאַנטעק און יצחק דאָמבן ראַטעוועט אָפּ אַ קליין מיידעלע, דאָס 7—8־יאָריקע טעכטערל פון די גינזבורגס פון וואַרשע, וואָס איז געווען מיט אונדז. דאָס קינד האָט דעם זומער פאַרבראַכט ביי די דאָמבס און זיי האָבן זי מיטגענומען מיט זיך אויף דער פור. אין איר זכות ווערן זיי באַפרייט און באַקומען אַ דערלויבעניש אומצוקערן זיך קיין לאָוויטש.

די בלוטיקע שלאַכטן אַרום לאָוויטש

ברעסלאַו איז געווען אַ פיניקונגס־פּלאַץ, הגם ווייט נישט אַזאַ גרויזאַמער ווי די שפּעטערדיקע לאַגערן אין וועלכע דער גורל האָט אונדז אַריינגעשליידערט. נאָכן צוריקקומען פון ברעסלאַו האָב איך געהערט וועגן די העלדישע קאַמפן וואָס זענען געפירט געוואָרן פונעם פּוילישן מיליטער ביי דער בזורע, אונטער דער פירערשאַפט פון די גענעראַלן קוטשעבאַ און באַרטנאָווסקי. די דייטשן האָבן באַנוצט מערדערישע מעטאָדן. יעדעס מאָל, פאַר אַן אָנגריף אויף פּוילישע פּאָזיציעס, האָבן זיי פאַראויסגעטריבן לאָוויטשער יידישע יונגעלייט און פאַרוואַנדלט זיי אין לעבעדיקע באַריקאַדן. אין קעגן־אָנגריף פון די פּאָליאַקן זענען דערפאַר די יידן געווען אויסגעשטעלט צו זיין די ערשטע קרבנות. די דאָזיקע דייטשע סטראַטעגיע האָט פאַרשלונגען די לעבנס פון עטלעכע יידישע יונגעלייט אויף דער מאָסטאָווע גאַס.

די שלאַכטן ביי לאָוויטש געהערן, אויסער די קאַמפן ביי וואַרשע, צו די פאַרביסנסטע אין דער גאַנצער מיליטערישער קאַמפּאַניע פון פּוילן. העכער הונדערט טויזנט זעלנער זענען דאָ און אין דער געגנט גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט, טויזנטער זענען אומגעקומען, צווישן זיי אַ מאַסע אָפיצירן און דריי פּוילישע גענעראַל: באַלטוץ, סקאָטניצקי און וולאַד. און כאָטש ס׳זענען נישט פאַראַנען קיין ספּעציעלע סטאַטיסטיקעס, קען מען זיכער אָננעמען, אַז צווישן זיי זענען געווען טויזנטער יידן. אַזוי איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן דאָס לעצטע קאַפּיטל פון לאָוויטש־ייד־

שער געשיכטע אויף דער פוילישער ערד איידער דער שונא האָט זיך פאַרמאָסטן צו דערשטיקן זיי אין פייער און אין גאַז.

✶

דער פעריאָד פון די נאַצישע באַרבאַרישע מעשים הויבט זיך נישט אָן מיט די מאָרד־לאַגערן. די יידישע וועלט איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט אומעטום, ווו די דייטשן האָבן נאָר געשטעלט אַ פוס. דער ערשטער שריט אין זייער גוט־פּלאַנירטער אָפענסיווע קעגן אונדז איז געווען דער פאַרמעסט צו ברעכן דעם יסוד, אויף וועלכן יידיש לעבן האָט זיך געהאַלטן — די משפחה, זי פונאַנדערצורייסן, אָפּצוטיילן קינדער פון עלטערן, מענער פון פרויען.

אין די ערשטע וואָכן נאָך דער מלחמה איז דער איינדרוק געווען, ווי די גאַנצע יידישע וועלט האַלט אין איין לויפן. פריער פאַרטרייבט מען יידן פון געוויסע שטעט; לויפן זיי אין נאָענט ליגנדיקע געטאָס; שפּעטער ליקווידירט מען די געטאָס און מען קאָנצענטרירט זיי אין „יידישע הויפּט־געביטן".

אויף דעם הינטערגרונט דאַרף מען זעען דעם צושטראָם פון מאַסן יידן קיין לאָוויטש פון לאָדזש, קאָנסטאַנטין, אָזאָרקאָוו, בזשעזשין, וולאָצלאַוועק. די צאָל, זאָגט מען, דערגרייכט ביז דרייסיק טויזנט. זיי אַלע ווערן אַריינגעשפּאַרט אין לאָוויטשער געטאָ, די ערשטע געטאָ אין דער פריערדיקער וואַרשעווער וואָיעוואָדשאַפט.

★

דער 11־טער נאָוועמבער 1939 איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון מאַסן־אַרעסטן צווישן יידן און פּאָליאַקן. אין הונדערטער שטעט האָבן די דייטשן, אין דעם טאָג, אונטערגעצונדן די יידישע שולן. די פייערלעשער זענען מאָביליזירט געוואָרן און באַקומען אַ באַפעל צו באַגיסן מיט וואַסער די שכנותדיקע הייזער, אָבער נישט צו לעשן דאָס פייער פון די ברענענדיקע שולן. נאָך די וואַנדאַלישע אַקטן צווינגען זיי די יידן אונטערצושרייבן, אַז זיי האָבן דאָס אונטערגעצונדן זייערע אייגענע געבעט־הייזער.

דאָס איז אויך געווען די „פּראָצעדור" ביי דער באַרבאַרישער פאַרניכטונג פון דער לאָוויטשער שול.

יידן האָבן געקוקט אויף די פלאַמען, אין וועלכע די שול איז פאַרגאַנגען. ס'קען זיין, אַז זיי האָבן זיך גאָרנישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, אַז די פלאַקערנדיקע שול זאָגט אָן, פּונקט ווי עס האָבן דאָס געטאָן מיט יאָרן צוריק די פייער־צונגען פון די אויטאָ־דאַ־פעס, אין וועלכע עס זענען געברענט געוואָרן די פּאַפּירענע לייבער פון די יידישע ספרים, דעם ליידנס־וועג פון יידישן מענטשן שוין מאָרגן, שוין אין די נאָענטסטע צוויי־דריי יאָר...

ווי לאַנג לאָוויטשער יידן זענען געזעסן אין זייערע היימען, איז מען טאַקע אַדורכגעגאַנגען שבעה מדורי גהינום, אָבער עס איז פאָרט געווען אין... לאָוויטש, אויף דעם אייגענעם באָדן... הונגער און טיפוס, רדיפות, וואָס די געשיכטע פון מענטשלעכן מין האָט וועגן זיי נישט געוווּסט, ווערן אַ טייל פון טאָג־טעגלעכן לעבן, ביז עס קומט דער... גירוש.

אין אַזעלכע אויפטרייסלענדיקע באַדינגונגען שפּילן זיך טיילמאָל אָפּ געשעענישן, וואָס אויבנאויפיק זענען זיי נישט אַזוי וויכטיק, אָבער יאָרן שפּעטער דערלויבן זיי צו דערבליקן זאַכן פון אַ פיל וויכטיקער באַדייטונג, ווייל זיי רופן אַרויס אין זכרון אַנדערע גורלדיקע פּאַסירונגען, אַנדערע אַסאָציאַציעס.

אין אָנבליק פון טויזנטער יידן, זקנים, פרויען און קינדער, וואָס ווערן פאַרטריבן פון אַ היים־שטאָט, אין וועלכער זיי זענען געווען פאַרוואָרצלט הונדערטער יאָרן, איז דאָס דערזען אין דער זעלביקער צייט אַן ערשטן נומער פון אַ נייער אומלעגאַלער צייטונג, נישט די וויכטיקסטע געשעעניש. און דאָך, וויפל מאָל איך טראַכט וועגן גירוש, שווימט אויף דער „Biuletyn Informacyjny" („אינפאָרמאַציע־ביולעטין"), אַ דעמאָקראַטישע אויסגאַבע פון דעם פּוילישן אונטערגרונט.

אין לאָוויטשער געטאָ איז מיין ערשטער צושטעלער פון דער אומלעגאַלער פּרעסע געווען וולאַדיסלאַוו מאַשלאַנקאַ; אַ סך מאָל אויך באַקומען ידיעות וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אין לאַנד און אויף די פראָנטן פון יאַדוויגאַ בענואַ (Jadwiga Benoit) די לערערין פון דייטש אין דער מענער־גימנאַזיע; מאַשלאַנקאַ פלעגט אונטער דעם אויסרייד פון דערפילן אַמטלעכע אויפגאַבן, רעגולער אַריינקומען אין געטאָ און „אַריינשמוגלען" די שריפט „פּאָלסקאַ זשיע" „Polska żyje" אַרויסגעגעבן אין דער פאָרם פון אַ קליינער בראָשור. זי האָט אַנטהאַלטן ראַדיאָ־באַריכטן פון לאָנדאָן און אויפקלערונגען וועגן דער אַלגעמיינער פּאָליטישער לאַגע.

שוין פון ערשטן אויגנבליק איז נישט שווער געווען צו דערקענען, אַז די מענטשן וואָס האָבן רעדאַגירט די שריפט, זענען געקומען פון די אַמאָליקע פּוילישע רעגירונגס־קרייזן. פון אונדזער שטוב זענען די אָפּנעמער פון דער שריפט געווען יצחק דאָמב, אָדער זיין שוואָגער שעמיאַנסעק, אָפט אויך מגר. לאָלעק פינקלער פון לאָדזש, דער שוואָגער פון ד"ר בראַקמאַן און די דענטיסטין ליזאַ שטרוס־גורעוויטש פון הרוביעשאָוו.

אין וואַרשע זענען מיינע פאַרבינדונגען וואָס שייך פּרעסע געגאַנגען דורך אויסגעשפּראָכענע פּע־פּע־עסישע קרייזן. גראָד אין דער וואָך וואָס איך האָב באַקומען דעם „ביולעטין אינפאָרמאַציני", איז דאָרט געווען אַ ידיעה, אַז דער באַקאַנטער פּוילישער סאָציאַליסטישער פירער און פּובליציסט, מיעטשיסלאַוו ניעדזשיאַלקאָווסקי, איז אומגעבראַכט געוואָרן. די מעלדונג האָט זיך פאַרענדיקט מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

Ślubujemy, że na grób brata, rzucimy głowę kata.

(„מיר שווערן צו וואַרפן אויפן קבר פון ברודער דעם קאָפּ פון מערדער").

אין דער זעלבער וואָך איז אויך דערשינען די פאַראָרדענונג, אַז די יידן פון אַלע שטעט, וואָס ליגן אויף דער לינקער זייט ווייסל, מוזן פאַרלאָזן זייערע אַלטע היימען און אויסוואַנדערן אין וואַרשעווער געטאָ. דאָס איז געווען דער באַפעל, וואָס האָט געחתמעט דעם גורל פון די לאָוויטשער יידן.

צבי מיאַדאָוווניק

שילער פון דער רעגירונגס־פאָלקס־שול

שפּילן יידיש טעאַטער

צו די אינטערעסאַנטסטע טיפּן פון דער שטאָט האָט בלי ספק געהערט ר׳ שלמה אהרן קלעזמער. אַ ייד שוין אין די עלטערע יאָרן, אַ נידעריקער מיט אַ שניי־ווייסער באָרד, געקליידעט ווי אַלע פרומע יידן אין אַמאָליקן צענטראַל־פּוילן: אַ לאַנגע שוואַרצע קאַפּאָטע, מיט אַ שוואַרצן זיידענעם גאַרטל אַרום די לענדן און געפּוצטע שטיוועלעך. אויפן קאָפּ אַ רונדיק קליין היטעלע, אַ שוואַרצס, מיט אַ קליין דאַשיקל פון דער זעלבער סחורה. דער דאָזיקער ייד האָט פאַרמאָגט אַ כישוף־כוח מיט זיין פידעלע.

זיין זון הערשל (הערמאַן) שטיפּט איז שוין געווען אַ מאָדערנער מוזיקער, אַ קאָמפּאָזיטאָר. ער האָט פאַרפאַסט פיל מוזיקאַלישע ווערק און צווישן זיי אויך אַ יידישע מעטאָדע צו דערלערנען פידל־שפּילן. ער האָט אויך געשאַפן אַ דראַמע וועגן ביילים־פּראָצעס מיט פיל מוזיקאַלישע נומערן און איבער גאַנץ פּוילן האָבן יידן זיינערצייט געזונגען:

„ביילים איז שוין פריי,
די גאַנצע וועלט איז אים געטריי״ א.אַ.וו.

ר׳ שלמה אהרן שטיפּטס אייניקלעך זענען כמעט אַלע געווען קינסטלעריש באַגאַבט און שעפעריש אויף פאַרשידענע געביטן. ספּעציעל פאַרדינט דערמאָנט צו ווערן שמואל־דוד לעווין, וועלכער איז געווען מלא וגדוש מיט יידישן וויסן. ער האָט שטודירט אין די העכערע יידישע לערן־אַנשטאַלטן אין ווילנע. דער שרייבער פון די שורות, פּונקט ווי פיל אַנדערע פון אונדזער לעבהאַפטער יוגנט, דורשטיקע נאָך לערע און וויסן, האָבן גערן פאַרבראַכט מיט אים פיל שעהן אין „שאלות ותשובות״ און דיסקוסיעס וועגן לעבן, וועלט און מענטשהייט. ער איז געווען ממש אַ לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע. אין דער זעלבער צייט האָבן אויך פיל מיטגעווירט פאַר דער יוגנט־דערציאונג דער ה׳ מוני פּעטעשניק, אַ באַגאַבטער יידישער אינטעליגענט, וועלכער האָט באַקומען אַ פּריז פונעם וואַרשעווער פּ.ע.ן.־קלוב פאַרן איבערזעצן „אָדיסעאַ״ פון גריכיש אויף יידיש; און אליעזר בערנשטיין — ביידע, מענער פון לערערינס פון דער יידיש־פּוילישער פאָלקס־שול אויף בראָוואַרנאַ 2. (די דאָזיקע פאַמיליעס האָבן געשטאַמט פון שטעטל זלאָטשאָוו, מזרח־גאַליציע). אליעזר בערנשטיין האָט אָרגאַניזירט מיט די קינדער, וועלכע האָבן געלערנט אין דער דערמאָנטער שול בלויז פּויליש — יידישע טעאַטער־פּיעסן, וועלכע האָבן שטענדיק צוגעצויגן אַ פול־געפּאַקטן זאַל פונעם גרויסן קינאָ „עאָס״. מיר, יוגנטלעכע, זענען דאַן געווען פאַרשיכורט פונעם דערפאָלג פון אונדזערע אונטערנעמונגען. מיט אמתער התלהבות און יוגנטלעכן ברען האָבן מיר אויפגעפירט שלום עליכמס הומאָרעסקעס און אויך אַ גרעסערע פאַנטאַזיע אין פיר אַקטן פון אייפּטאַן סינקלער. אונדזער רעזשיסער און איבערזעצער פון דער פּיעסע איז באַפריינדעט געוואָרן פּערזענלעך מיטן אויטאָר בעת זיין רייזע אין צפון־אַמעריקע. מיט דער דאָזיקער פּיעסע האָט די שטאָט ממש געקאָכט.

פאַר דער דאָזיקער פאָרשטעלונג זענען ספּעציעל געבאָרגט געוואָרן קאָסטיומען אינעם וואַרשעווער „סקאַלאַ״־טעאַטער. און — עס איז אינטערעסאַנט, דער אויטאָר האָט אונדז צוגעשיקט אַן אָפיציעלע באַגריסונג צו דער אויפפירונג פון זיינס אַ יוגנט־ווערק. אגב איז אייפּטאָן סינקלער געווען פון די פּאָפּולערסטע און געלייענסטע שרייבער ביי דער יוגנט אין פּוילן אין די לעצטע יאָרן פאַר דעם צווייטן וועלט־קריג.

צו די כאַראַקטעריסטישסטע און חשובסטע פאַמיליעס פון שטאָט האָט געהערט די משפחה פון ר׳ משה־לייב זשעלעכאָווסקי. אַ ייד, אַ גביר, אַ מילנער מיט זיין אייגענעם הויף אַביסל אויסער דער שטאָט, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ יידישן פּריץ. אין דעם דאָזיקן הויף האָט ער איינגעאָרדנט די גרויסע דאַמף־מיל, וועלכע האָט געזשומעט בייטאָג און ביינאַכט, אַנזאָגנדיק וועגן איר עקזיסטענץ וויט אַרום און אַרום; אינעם גרויסן פאַמיליע־הויז האָט ער געוווינט, זיינע פאַרהייראַטע קינדער און משפחה־מיטגלידער. געווען אויך דאָרט אַ שטיבל צום דאַווענען. ער האָט תמיד געדאַוונט בציבור, מערסטנס מיט זיינע קליענטן, די תבואה־סוחרים (דאָס מסחר איז, אגב, געווען דאָס וויכטיקסטע אין שטאָט). אין הויף האָט ער אויך געהאַט זיינע אַ מאָדערן איינגעאָרדנטע בעקעריי, אַ גאָרטן און... א מקוה. יעדן פרייטיק האָט זיין פרוי רייזל אָנגעבאַקן אַ גרעסערע צאָל חלות, צוגעגרייט מעל און „אַמעריקאַנער״ קאַרטאָפל, וועלכע זי האָט צעטיילט לכבוד שבת צו אַלע שטאָטישע אָרעמעלייט, וועלכע האָבן געצויגן אַהין אין גאַנצע „קאַראַוואַנעס״. אַ חוץ דעם האָט זי געשיקט חלות צו „בכבודע״ אַהיים, אַז קיינער זאָל נישט וויסן.

אַ חוץ די גבירים, האָט לאָוויטש פאַרמאָגט ביז גאָר אינטערעסאַנטע פאָלקס־טיפּן.

שטענדיק האָט אין מיר אַלץ פּראָטעסטירט, ווען איך האָב געהערט, אָדער געלייענט די גיפטיקע אַנטיסעמיטישע פאָרוואָרפן, אַז אַלע יידן זענען רייך און האָבן לייכטע פּרנסות. פאַר מיינע אויגן האָבן זיך באַלד אַוועקגעשטעלט די אָרעמע בעל־מלאכהס אָן אַרבעט, ביי וועלכע דאָס עס־צימער, דאָס שלאָף־צימער און אוודאי אויך דאָס קינדער־צימער — זענען אַלע געווען צוזאַמען בלויז צווישן פיר ווענט. אָפּט אויך דער אַרבעטס־וואַרשטאַט. איצט, די אַזוי צאָלרייכע קרעמלעך אָן סחורה, ביי וועלכע די „גראַבסקיס״ האָבן צוגענומען פאַר שטייערן די לעצטע פאַר הערינג מיט די טרויעריק־באַרימטע „עגלות״; און ווו זענען די טרעגער און טאָקע די וואַסערטרעגער — בלויז „מיליאָנערן״...

למשל, דער אין שטאָט פּאָפּולערער הענעך וואַסערטרעגער. ערליך — איז געווען זיין פאַמיליע־נאָמען. וואָס קען נאָך זיין מער צוגעפּאַסט; ווי שווער און ערלעך — ער האָט זיין ברויט פאַרדינט... זיין רוקן איז שוין געווען טיף געבויגן פון די „שאַנדעס״ מיט וועלכע ער האָט שטענדיק געשלעפּט די „מאָל״ וואַסער אין צוויי עמערס מיט די הילצערנע צלמים אויפן אויבערפלאַך, ס׳וואַסער זאָל זיך נישט אויסגיסן ביי זיין גיין אין איילעניש.

ווינטער איז זיין ברוין־גרויע באָרד געוואָרן אינגאַנצן ווייס, באַדעקט מיט אייז און שניי — איין שטיק האַרטע מאַסע. אויף די פיס האָט ער געהאַט אַרומגעוויקלט שמאַטעס און שטרוי. זייענדיק שוין אַ ייד נאָענט פון די זעכציקער יאָרן, האָט ער נאָך אַלץ געמוזט האָרעווען, אַזוי שווער בכדי מפרנס צו זיין דאָס הויזגעזינד. „גרינגע״ יידישע פרנסות אין דער פוילישער יידישער פראָווינץ נאָענט פאַרן צווייטן וועלט־קריג.

צווישן די כאַראַקטעריסטישע שטאָט־טיפּן דערמאָן איך די צוויי „באַרימטע״ מלמדים, די אַזוי פּאָפּולערע אונדזערע „פּעדאַגאָגן״. אייגער איז געווען באַרימט ביי אונדזערע יידן מיטן צונאָמען „שאָקעלע״. דאָס אוודאי דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ ייד אַ דאַרער, אַ הויכער און האָט זיך זייער שטאַרק געשאָקלט ביים דאַווענען און ספּעציעל ביים לערנען מיט זיינע תלמידים: „נו... ווייטער... ווייטער... זאָג שוין...״ אָבער עפּעס וויכטיקערס האָט בייגעטראָגן צו זיין פּאָפּולערקייט און נעמלעך — זיין אָריגינעלע שטראָף, וועלכע ער זאָל האָבן אָנגעווענדעט צו זיינע תלמיד־ים. אַ גאַנצע וואָך האָט ער פאַרשריבן די, וועלכע האָבן זיך שלעכט אויפגעפירט און ווען עס איז געקומען פרייטיק איז געוואָרן דער ת... צייטיק.

אַ צווייטער מלמד, הערשעלע האָט ער געהייסן, זענען ביידע — ער און זיין ווייב — געווען אַ געפּאַסט פּאָרל, מיט זייער קליינער וווקס, נישט העכער, ווי זייערע 9—10־יאָריקע תלמידים. ער האָט געקנעלט אין זיין ווייב ביילע־רייזעלע האָט געהאַט אַ שפּייז־קרעמעלע.

★

אַ באַזונדער זייער אָנגעזעעֶן אָרט אינעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין שטאָט האָבן פאַרנומען די חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס: „גורדוניה״ — די צאַלר־ייכסטע יוגנט־באַוועגונג, דערנאָך „השומר־הצעיר״, „החלוץ״, „פרייהייט״ (דרור), בית״ר, „מזרחי״־פּאַרטיי און אַנדערע. זעלטן געווען אַ וואָך עס זאָל נישט קומען אין שטאָט אַ רעפערענט, אַ טעאַטער־אונטערנעמונג און צוויי, צייטנווייז דריי, קינאָ־טעאַטערס.

די רעליגיעזע יידן האָבן זיך געהאַט זייערע חברות: „תהלים״, „משניות״ א.אַ.וו. פאַרשידענע „שטיבלעך״ צום דאַווענען. אַ זון פונעם סקערניעוויצער רבין האָט זיך באַזעצט אין לאָוויטש, פראַווענדיק „טיש״ מיטן אמתן חסידישן ברען.

צווישן די אַקטיווע געזעלשאַפטלעכע גרופּן דאַרף מען נאָך צורעכענען די גרויסע ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „מכבי״, די „יידישע בינע״ (אַן אַמאַטאָרן־קרייז) און פּרץ־ביבליאָטעק.

נישט געפעלט האָט אויך דער עקסטרעמער „לינקיזם״, וועלכער האָט אַריינגעדרונגען אויך ביז צו די קרייזן פון דער חסידישער יוגנט אין די לאַנגע קאַפּאָטעס און אין די חסידישע היטעלעך. אַלס סענסאַציע האָט געדינט דער פאַקט, וואָס איינמאָל ביים פאַרענדיקן די תפילות פונעם הייליקן יום־כפור, האָבן עטלעכע חסידישע יוגנטלעכע אינעם גערער שטיבל אויסגערופן:

„לשנה הבאה — במוסקבה!...״

לעבעדיק ביז גאָר איז געווען אין שטאָט בעת וואַלן. צים סיים, צום שטאָט־ראַט, אָדער צום ציוניסטישן קאָנגרעס. די יידישע גאַס האָט דאַן געשפּרודלט מיט ענערגיע, מיט דיסקוסיעס און קאַמפן פון די צדדים. אַלע, פון קליין ביז גרויס, זענען אַריינגעטאָן געווען אינעם פּאָליטישן געראַנגל.

ישראל-צבי חנינא (טויבנפעלד)

צארישע מאכט באשטראפט א ייד

פאַר ראַטעווען אַ רוסישן גענעראַל

דער דאָזיקער עפּיזאָד איז זיך פאַרלאָפן מיט בערל שוסטער, אָדער ווי מ׳האָט אים גערופן דער „הויכער בערל״.

און די מעשה שהיה כך היה:

בערך אין יאָר 1900, אין שייכות מיט די מאַנעוורעס פון רוסישן מיליטער, וואָס האָט סטאַציאָנירט אין פוילן, איז געקומען קיין לאָוויטש דער גענעראַל־גובערנאַטאָר (ציווילער הערשער און מיליטערישער קאָמענדאַנט) פון פוילן, פירשט אימערעטינסקי, אין באַגלייטונג פון הויכע קאָרפּוס־ און דיוויזיע־גענעראַלן.

צו דעם קבלת־פּנים פון די צוויי הויכגעשטעלטע געסט האָט זיך לאָוויטש לאַנגע טעג צוגעגרייט. די גאַסן זענען אויסגעפּוצט געוואָרן און די הייזער פאַרזען מיט אילומינאַציעס. די גאַנצע באַן־גאַס (3־טע מאַי גאַס) איז אויסגעשטעלט געווען מיט פאַקלען און פעסלעך אַספאַלט, וועלכע האָבן געפלאַקערט און פאַרשפּרייט אַ סך ליכט געמישט מיט טשאַד און רויך.

אויף די טראָטואַרן זענען אין דער גאַנצער לענג געשטאַנען מאַסן מענטשן און מיט שפּאַנונג אָפּגעוואַרט דאָס דורכפאָרן פון די גענעראַלן.

בערך 8 אַזייגער אָוונט זענען די גענעראַלן אָנגעקומען מיט אַ ספּעציעלן צוג אויף דער ווינער באַן־סטאַציע, וווּ זיי זענען איינגעשטיגן אין קאַרעטעס, וואָס זענען פאַר זיי צוגעגרייט געווען. פון דער באַן־סטאַציע זענען זיי דורכגעפאָרן דעם גרעסטן טייל באַן־גאַס אָן שום אינצידענט. אָבער קומענדיק נעבן ורעקשטיינס הויז, וווּ די גאַסן קרייצן זיך, זענען געשטאַנען אַ גרעסערע צאָל פעסלעך מיט פלאַקערנדיקן אַספאַלט, פון וועלכע עס האָט זיך געטראָגן אַ גרויסער רויך. די פערד האָבן זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן בריקעווען און הייבן אין דער לופטן די קאַרעטע, אין וועלכער עס איז געזעסן דער גענעראַל־גובערנאַטאָר.

דער הויכער בערל, שטייענדיק אין דער ערשטער ריי אויפן

טראָטואַר, האָט נישט לאַנג געטראַכט, אַ שפּרונג געטאָן צו די פערד, זיי אָנגעכאַפּט פאַר דער צוים און זיי באַרואיקט. אַזוי אַרום איז אויסגעמיטן געוואָרן אַ קאַטאַסטראָפע.

דער עולם אַרום האָט וואַרעם אַפּלאָדירט דעם העלדישן יידישן יונגערמאַן. די רוסישע זשאַנדאַרמעריע האָט אָבער בערלען גלייך אַרעסטירט, און האָט אפילו קעגן אים געוואָלט אינסצעניזירן אַ פּראָצעס. אָבער אַדאַנק גרויסער שתדלנות, אין וועלכער עס איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף זיין גוטער אויפפירונג און גוטער כוונה, איז נאָך 10 טעג אָפּזיצן אין טורמע, באַפרייט געוואָרן.

★

הערש יצחק דער משומד און מיסיאָנער

אין גערער שטיבל איז צווישן די חסידישע יונגעלייט געוועזן אַ געוויסער יונגערמאַן, אַ טעמפּעראַמענטפולער, אַ זינגער און טענצער אויף חסידישע סעודות און שמחות. זיין נאָמען איז געוועזן הערש־יצחק, אַן איידעם פון לישקאָוויצער שוחט.

דעם יונגנמאַנס פרוי האָט געהאַט אַ טיש אין מאַרק און זי פלעגט פאַרקויפן שניט־סחורה אָדער רעשטלעך שטאָף פאַר די פויערים.

דער יונגערמאַן האָט שוין געהאַט מיט זיין פרוי צוויי קינדער, אַ מיידל מיט אַ יינגל, ווען מ׳האָט אים גערופן צום פּריזיוו.

אין רוסישן מיליטער האָט מען אין יענער צייט געדינט 3 יאָר מיט 8 חדשים. אין מיליטער־דינסט איז מיטן דאָזיקן יונגערמאַן געשען אַן אומגליק. אין דער צייט פון די מאַנעווערס האָט ער פאַרלוירן אַ ביקס, אָדער מ׳האָט זי אים צוגעגנבעט בעת ער איז געשטאַנען אויף דער וואַך און איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

וויסנדיק, אַז אים שטייט פאַר אַ שווערער פּראָצעס, האָט ער געוואָלט אַנטלויפן, אָבער מ׳האָט אים געכאַפּט און געשטעלט פאַר אַ מיליטערישן געריכט, וואָס האָט אים פאַרמשפּט אויף 3 יאָר שווערער אַרעסטאַנטן־ראָטע, אַזוי, אַז זיין דינסט־צייט און זיין אַרעסט האָבן זיך פאַרצויגן איבער 6 יאָר. דאַן, נאָכן באַפרייען, איז ער אַהיימגעקומען צו זיין פרוי און קינדער.

ער איז ווייטער געקומען אין גערער שטיבל, אָבער ער איז שוין מער נישט געוועזן דער זעלבער לעבעדיקער יונגערמאַן. ער איז געגאַנגען אָרעם געקליידעט, נישט אין קיין זיידענער אָדער אַטלאַסענער קאַפּאָטע, ווי די אַנדערע יונגעלייט.

קיין פּראָפעסיע האָט ער אויך נישט געהאַט. דער פרוי איז שווער געווען אויסצואַרבעטן פּרנסה.

דאָס רחמנות־געפיל צו דעם יונגערמאַן און זיין פאַמיליע האָט זיך אָפּגערופן אין די הערצער פון עטלעכע חסידישע מענטשן, וואָס האָבן געטראַכט וועגן אַ תכלית פאַר אים. און זיי האָבן טאַקע אַזאַ צוגעטראַכט. זיי האָבן אים געשאַפן אַ פּאָסטן אַלס אָנגעשטעלטן אין דעם הורט־געשעפט פון דער קאָלאָניאַל־בראַנזשע, ביי ה׳ אברהם זילבערבערג (ר׳ אַלטערס זון).

אין דעם דערמאָנטן געשעפט האָט ער געאַרבעט אַ געוויסע צייט און מ׳איז פון אים געווען צופרידן. מ׳האָט אים דאַן איבערגעגעבן פאַרשידענע באַשטעלונגען און אָפּליפערונגען און אויף אויסלייזן פראַכטן פון סחורות, וואָס קומען מיט דער באַן.

איינמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן, איז ער געגאַנגען צו דער באַן אויסקויפן אַ פראַכט און ער האָט מיטגענומען מיט זיך אַ סומע פון 300 רובל. אין געשעפט האָט מען אויסגעקוקט אויף דער נויטיקער סחורה.

ווען עס איז אַוועק איין שעה און אַ צווייטע און מ׳זעט נישט דעם יונגערמאַן, און נישט קיין סחורה, און נישט דאָס געלט... איז מען געלאָפן צו דער באַן זיך אינפאָרמירן, וואָס עס איז געשען מיטן יונגערמאַן. אָבער אויך דאָ האָט מען זיך זייער ווייניק דערוווּסט, קיינער האָט אים נישט געזען.

ס׳איז באַלד געפאַלן אַ פאַרדאַכט, אַז דער יונגערמאַן איז נעלם געוואָרן מיטן געלט. מ׳האָט זיך באַלד געווענדעט טעלעפאָניש צו אייניקע פּאָליציי־פּונקטן, מ׳זאָל אויפזוכן דעם אַנטלאָפענעם. אין זעלבן ענין האָט מען זיך אויך טעלעפאָניש געווענדעט צו די גרענעץ־פּונקטן.

אַלע באַמיאונגען זענען געבליבן אָן דערפאָלג. הילד איננו — דער יונגערמאַן איז אַנטרונען אָן שום שפור.

אַ צייט שפּעטער האָט מען זיך צופעליק דערוווּסט, אַז הערש־יצחק געפינט זיך גאָר אין לאָנדאָן, ווו ער שטייט אין קאָנטאַקט מיט די דאָרטיקע מיסיאָנערן.

פון אַנדערע קוועלן איז מען ערשט שפּעטער געוווירן געוואָרן, אַז אין דער צייט, וואָס ער איז געזעסן אין טורמע מיט נאָך אַן אַרעסטאַנט, וועלכער איז וואַרשיינלעך געווען אַ מיסיאָנער, זאָל דער לעצטער אים האָבן באַאיינפלוסט און געלייענט מיט אים די עוואַנגעליע און אים צוגערעדט זיך צו שמדן.

די ידיעה האָט געמאַכט אַ שווערן און פיינלעכן איינדרוק אויף זיין פרוי און קינדער, אַזוי גוט ווי אויף דער משפּחה און פריינט. אָבער קיינער האָט נישט געקאָנט קיין עצה געבן, ווי אַזוי מ׳זאָל דעם תכשיט אַרויסקריגן פון לאָנדאָן און אים צוריקברענגען קיין פּוילן.

ס׳איז ווידער אַוועק אַ לענגערע צייט און ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די גאַנצע זאַך געהערט שוין צו דער פאַרגאַנגענהייט.

אָבער אין אַ צייט אַרום איז געשען עפּעס אומדערוואַרטס:

מ׳איז צופעליק געווויר געוואָרן, אַז דער דערמאָנטער יונגערמאַן איז צוריקגעקומען קיין פּוילן און ער געפינט זיך אין לאָדזש, ווו ער איז באַשעפטיקט ביי אַ הייזער־בוי־אונטערנעמונג. דעמאָלט איז געווען אַ גרויסע קאָניונקטור אין הייזער־בוי אין לאָדזש.

דערוויסנדיק זיך דאָס שטיקל נייעס, האָבן זיך צונויפגערעדט ה׳ אברהם זילבערבערג מיט דער פרוי פון דערמאָנטן יונגערמאַן וועגן פאָלגנדיקן פּלאַן:

אַזוי ווי ס׳איז באַוווּסט, אַז דער יונגערמאַן איז אַ משומד, ער האָט זיך געטויפט אויף עוואַנגעליש און ער איז אויך אַ מיסיאָנער, קאָן דאָך די פרוי שוין מיט אים מער נישט וווינען, וויל זי פאָדערן פון אים אַ גט. אָבער, אין פאַל ער וועט זי נישט וועלן גטן, וועט מען אָננעמען קעגן אים דראַסטישע מיטלען, ד. ה., דער סוחר אברהם זילבערבערג זאָל אים לאָזן אַרעסטירן און שטעלן פאַר אַ געריכט פאַר דער אַפּערע מיט די 300 רובל.

דער פּלאַן האָט זיך איינגעגעבן און מ׳האָט אים געלאָזט אַרעסטירן און מיט אַ קאָנוואָי געבראַכט פון לאָדזש קיין לאָוויטש.

אין דער זעלבער צייט האָט מען מיט אים אונטערגעהאַנדלט וועגן געבן אַ גט. ער האָט ענדלעך צו דעם מסכים געווען.

געבראַנגט האָט מען אים אַ פרייטיק נאָכמיטאָג קיין לאָוויטש און אים איינגעזעצט אין אַרעסט־הויז.

דער בירגערמייסטער, געוויר־ווערנדיק ווער דער אַרעסטאַנט איז, האָט ער אים אַריינגעגעבן בעטגעוואַנט צו שלאָפן און אויך בעסער עסן ווי פאַר אַנדערע אַרעסטאַנטן.

ער איז געזעסן אין אַרעסט, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אין ראָטהויז, דעם גאַנצן טאָג שבת.

זונטיק אינדערפרי, נאָכדעם ווי עס איז שוין געווען צוגעגרייט אַ סופר צו שרייבן דעם גט, סיי עדות, און ס'זענען געקומען קרובים און פריינט פון דער פרוי, האָט מען געבראַכט דעם אַרעס־טירטן פון אַרעסט־הויז, און ס'איז פאָרגעקומען דער גט כדת וכדין אין בית־דין שטוב ביים רב.

נאָך דעם גט זענען פאָרגעקומען געשפּרעכן מיטן משומד־מיסיאָנער און מ'האָט אים געמאַכט פאָרוווּרפן.

דער עולם איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען און די פּאָליציאַנטן האָבן אַרויסגעפירט פון בית־דין־שטוב דעם משומד אין גאַס אַריין.

אויף דער גאַס האָט זיך דערווייל פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם פון דערוואַקסענע און יונגוואַרג און זיי האָבן אים געמאַכט אַ „לעבעדיקע לוויה”. מ'האָט אים געפירט דורך דער זדונסקאַ־גאַס.

צוקומענדיק צו שיינפעלדס הויז, וווּ ס'איז געווען דער בית־מדרש, האָט זיך דער משומד אָפּגעשטעלט און געהאַלטן אַ מיסיאָ־נערישע רעדע. ער האָט אויסגערופן:

„יידן, איר וואַרט נאָך אַלץ אַז משיח זאָל קומען... אָבער זייט וויסן, אַז ער איז שוין לאַנג געקומען!...”

דער פאַרזאַמלטער עולם האָט אים אויסגעפייפט און געשריגן: משומד! מיסיאָנער! — און ענלעכע עפּיטעטן.

קליינע ייִנגלעך האָבן געכאַפּט שטיינער און שטיקער ציגל און זיי געוואָרפן אין משומד. געוויינלעך האָט פּאָליצײַ געשטערט דאָס וואַרפן שטיינער און פונאַנדערגעטריבן דעם עולם, אָבער קיינעם נישט אַרעסטירט. דעם משומד האָבן זיי אָפּגעפירט צוריק אין אַרעסט־הויז.

קיין פּראָצעס וועגן דער גנבה פון די 300 רובל איז שוין נישט פאָרגעקומען, ווייל ה' זילבערבערג האָט די זאַך פאַרווישט, לויט דעם אָפּמאַך מיט דעם משומדס פרוי, וועלכע האָט אומגעקערט דעם בעל־תביעה די סומע פון 300 רובל, ווייל זי האָט אַדאַנק אים געקאָנט אַרויסבאַקומען דעם גט.

יידישע אַמאַטאָרן־טרופּע אין לאָוויטש אין יאָר 1904

ערב דעם רענעסאַנס פון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע אין פּוילן, אין אָנהויב פון דעם 20־סטן יאָרהונדערט, האָט די לאָוויטשער יוגנט אויך געפּרוּווט אויפוואַכן און זיין פון די ערשטע שוואַלבן, וואָס זאָגן אָן די דערשיינונג פון טעאַטער־קונסט אין דער יידישער פּראָווינץ.

ס'האָבן זיך גרופּירט אַ געוויסע צאָל יוגנטלעכע און האָבן געשאַפן אַן אַמאַטאָרן־טרופּע. צו דעם צוועק האָבן זיי אראָפּגע־בראַכט פון לאָדזש 2 אַרטיסטן. מ'האָט זיי גערופן די „בראָדער זינגער”. און זיי האָבן אויסגעבילדעט די גרופּע יוגנטלעכע פאַר דער בינע. ס'איז דעמאָלט אויפגעפירט געוואָרן די מעלאָדראַמע „מכירת יוסף”.

פון די אָרטיקע אַמאַטאָרן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט, געדענקט זיך נאָך: וואָווע וואָלבאָרסקי (זייגערמאַכער און משורר ביים חזן, שפּעטער אַוועק קיין אַמעריקע), הערש פּרץ שטיפּט, מענדל זילבערבערג (משה יוסף זילבערבערגס זון פון קאָלאָביאַל־געוועלב, גערער חסיד און דאָזאָר), אברהמלע לעשצינסקי (זון פון יוסף־בער לעשצינסקי, מעל־סוחר אויז באַלעבאָס אין דער שול). דער לעצטער האָט געשפּילט די ראָל פון פּוטיפרס פרוי, זליכה. אין דער פאָרשטעלונג האָבן זיך אַחוץ די דערמאָנטע, באַטייליקט נאָך אייניקע בעל־הבתישע קינדער.

אין לאָוויטש איז נאָך אין יענעם יאָר, 1904, נישט געווען דאָס שפּעטערע שיינע טעאַטער „עאָס” אויף פּאָדזשעטשנע גאַס. דער טעאַטער־בנין, אַ געוויינלעך אַלט הויז, האָט זיך געפונען אויפן פערד־מאַרק, קעגנאיבער יחיאל פרייער.

די גרופּע יוגנטלעכע האָבן זיך אויסגעלערנט די אַריעס אין וואָרט און אין געזאַנג און ס'איז באַשטימט געוואָרן דער טערמין פון דער אויפפירונג אויף פּורים אויף דער נאַכט, נאָך דער סעודה.

ס'זענען באַשטעלט געוואָרן די לאָוויטשער מוזיקאַנטן — די כלי־זמרים אונטער דער לייטונג פון שלמה־אהרן שטיפּט.

דער לעצטער איז געווען אַ פרומער ייד און האָט געהאַט צוויי איידעמס לומדים און חסידישע יונגעלייט: מענדל רויטקליין (הערצ־קעלעס זון), אין גערער שטיבל, און הענעך לעווין, אין סאָכאַטשעווער שטיבל (ער האָט געדרוקט זיינע חידושי תורה אין לומדישן זשורנאַל „תורה מציון”, וואָס איז דעמאָלט דערשינען אין ירושלים).

די אַנדערע מוזיקאַנטן, אהרן זעליג ראָזענבוים און די ברידער אליהו און יידל איזראַעלעוויטש, זענען אויך געווען פרומע יידן.

די אויפפירונג פון „מכירת יוסף”, יענעם פּורים־אָוונט, האָט זיך איינגעגעבן סיי אין אַרטיסטישן, סיי אין פינאַנציעלן זין.

אַזוי אָבער ווי לאָוויטש איז געווען אַ חסידישע שטאָט, האָט עס אויף די חסידישע תושבים געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק. היתכן? אין אַ יידישער שטאָט זאָל פאָרקומען אַזאַ פריצות, מ'זאָל אָפּשפּעטן פון תורת משה? מ'זאָל חוזק מאַכן פון די סיפּורי־התורה און פון זיי מאַכן אַ טעאַטער־שפּיל?!...

באַזונדערס האָבן עטלעכע היציקע, חסידישע יונגעלייט פון גערער שטיבל, נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם קלות־ראש, וואָס עס זענען באַגאַנגען די לאָוויטשער מוזיקאַנטן, בעל־הבתישע יידן, אין דער שפּיץ מיט שלמה־אהרן שטיפּט. (ער פלעגט אַלע טאָג לערנען משניות און געהאַט אַזעלכע לומדישע איידעמס). אַזאַ ייד זאָל אַוועק פון זיין שטוב בעת דער פּורים־סעודה און גיין שפּילן ביי „אויסגעלאַסענע יונגען” אין טעאַטער?! שומו שמים! הימל עפן זיך!...

האָבן די היציקע חסידישע יונגעלייט, קעסט־קינדער, וואָס האָבן ערשט נישט לאַנג צוריק געהאַט חתונה געהאַט קיין לאָוויטש, ווי מענדל יאַשינסקי, שלמה איזביצקי (יצחק דוד זילבערבערגס איי־דעם) און אברהם פרענקעל (אריה טושינסקיס איידעם) און נאָך אייניקע, אונטער דער קאָמאַנדע פון איטשע מאירל בונם שוחטס, באַשלאָסן אַריינצוגיין צו שלמה־אהרן שטיפּט און אים גוט אָנזידלען.

כך הוה, באַשלאָסן און געטאָן. צומאָרגנס, פרייטיק, אין טאָרג־טאָג, שושן־פּורים, איז די חסידישע קאָמאַנדע אַריין צו שלמה־אהרן שטיפּט אין געשעפט אַריין. און נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָס מאַנופאַקטור־געוועלב איז פול געווען מיט פּויערישע קונים און ס'איז ווייט נישט געווען די פּאַסיקע צייט זיך צו ווענדן צו

שלמה־אהרן שטיפּט, האָבן זיי זיך אַריינגעריסן צו אים און האָבן אים געזידלט, געזאָגט מוסר:

— מילא, די אַנדערע מוזיקאַנטן האָבן געוואָלט פאַרדינען געלט, ווייל זיי נויטיקן זיך אין פּרנסה. אָבער אַזאַ רייכער ייד ווי איר. זאָל זיך אַזוי שמוציק מאַכן פאַר געלט און גיין שפּילן צו אַ חברה לצים און זיך ווילן מיט ניבול פּה, איז עק וועלט. אַזאַ זאַך איז נאָכנישט געהערט געוואָרן זינט די וועלט שטייט!...

ווען שלמה־אהרן האָט אָנגעהויבן זיי צו ענטפערן און זיי אויפ־ווייזן, אַז ער איז נישט מחויב זיך צו לאָזן מוסרן פון יונגעלייט, איז צו אים צוגעלאָפן מענדל יאַשינסקי און האָט אים אַראָפּגעלאָזט צוויי פּעטש. ס'איז געוואָרן אַ טומל אין געוועלב. די יונגעלייט זענען אין בהלה גלייך עוקר געוועו.

די דאָזיקע געשעעניש האָט אַרויסגערופן אַ סך פאַרביטערונג אין דער שטאָט און אפילו אין גערער שטיבל האָט מען געטאַדלט דעם טאַט פון די יונגעלייט.

ווען דער לאַוויטשער רב ר' בצלאל בידערמאַן זצ"ל איז גע־וווּיר געוואָרן פון דעם אינצידענט, האָט ער זיך שטאַרק געער־גערט און ער האָט נישט געקאָנט מוחל זיין די יונגעלייט פאַר זייער לייכטזיניקן און פרעכן שריט. די זעלבע יונגעלייט האָבן אַ צייט לאַנג נישט געטאָרט אַרויפקומען צום רב צו שלוש־סעודות און די אויפבראויזונג אין שטאָט האָט קעגן די שולדיקע אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט, ביז דער ענין איז ביסלעכווייז פאַרגעסן געוואָרן.

שלמה-זלמן דיאַמאַנד

ערשטער ביבליאָטעקאַר פון דער לאַוויטשער ביבליאָטעק אין 1908

שלמה־זלמן דיאַמאַנד איז געווען אַ באַקאַנטער טוער אין דער יידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פּועלי־ציון אין יאָר 1905־6. ער איז געווען אַ הויכער בחור, אַ דאַרער מיט אַ לענגלעכן פּנים, אַ שוואַרצן קאָפּ האָר און שוואַרצע, ברענענדיקע אויגן.

פּונקט ווי פיל אַנדערע באַלעבאַטישע קינדער פון זיין דור, איז ער געוואָרן אַ זאָקן־מאַכער, וואָס איז דעמאָלט געווען די יידישע הויפּט־אינדוסטריע אין לאַוויטש. ער האָט דעמאָלט ענג צוזאַמענ־געאַרבעט ־מיט דעם פאַרשטאָרבענעם פישל זאַקליקאָווסקי (לואי סיגאַל ע"ה). ער איז אויך מיט דעם זעלבן אין איין צייט אַוועק קיין אַמעריקע, ווען דער באָדן האָט געברענט אונטער זייערע פיס צוליב די כסדרדיקע פאַרפאָלגונגען פון דער צאַרישער זשאַנדאַרמעריע.

שלמה־זלמן דיאַמאַנד איז געווען אַ זייער אינטעליגענטער בחור. ער האָט אַ סך געלייענט און באַזעסן אַלגעמיינעם וויסן. ער איז אויך טעטיק געווען אויפן ליטעראַרישן געביט. באַלד נאָך דער גרינדונג פון דער ערשטער יידישער לייען־ביבליאָטעק אין לאַוויטש אין יאָר 1908, איז ער געווען איר ביבליאָטעקאַר.

אַ קורצע צייט נאָך זיין אָנקומען קיין אַמעריקע איז ער געווען אַקטיוו, פּונקט ווי לואי סיגאַל, אין דער היטן־מאַכער־יוניאָן אין מינעאַפּאָליס.

שפּעטער, נאָכדעם ווי ער איז אַריבער קיין דעטראָיט, וווּ עס האָבן זיך דעמאָלט באַזעצט עטלעכע לאַוויטשער, איז ער אַקטיוו געווען אין בעקער־יוניאָן און אין אַרבעטער־רינג.

ווען אַמעריקע איז אַריין אין ערשטן וועלט־קריג איז ער מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי. אַ קורצע צייט פאַרן סוף פון דער מלחמה איז זיין אייַנהייט אָפּגעשיקט געוואָרן קיין רוסלאַנד אין די עקספּעדיציע־כוחות, ווען עמענס אויפגאַבע עס איז געווען צו קעמפן קעגן די באָלשעוויקעס.

און דאָ, אין אַרכאַנגעלסק, איז געפאַלן דער אַמאָליקער לאַווי־טשער יידישער רעוואָלוציאָנער.

די אַמעריקאַנער אַרמיי האָט זיין טויטן קערפּער איבערגעפירט קיין אַמעריקע, וווּ ער איז באַערדיקט געוואָרן אויפן יידישן בית־עולם פון אַרבעטער־רינג אין דעטראָיט.

זיינע עלטערן אין לאַוויטש האָבן אַלס קאָמפּענסאַציע פאַרן פאַרלוסט פון זייער זון אַלע יאָר געקראָגן אַ חודשלעכע פּענסיע פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג.

ישראל־מנחם הערמעלין (טשיקאַגאָ)

עקיבא מאָזעס (בוענאָס איירעס)

דעראינערונגען פון מיין היים־שטאָט

ווי דורך אַ קאַליידאָסקאָפּ גייען פאַרביי אין מיין דמיון 25 יאָר פון מיין לעבן אין מיין היימשטאָט לאַוויטש, ביזן טאָג פון מיין אָפּפאָרן קיין אַרגענטינע.

עס גלייבט זיך קוים, אַז אָט די אַלע טייערע יידן, דאָס גאַנצע שפּרודלדיקע יידישע לעבן, מיט די פאַרצווייגטע אינסטיטוציעס. בתי־תפילה, אָנהויבנדיק פון דער גרויסער אימפּאָזאַנטער שול, וואָס איז געבויט געוואָרן אין יאָר תרל"ו, זענען מער נישטאָ.

אין דרויסן אויף דער פאַסאַד מיטן פּנים צו דער יידישער גאַס, איז געווען אָנגעשריבן דער פּסוק: פּתחו שערים ויבוא גוי צדיק שומר אמונים.

דאָס אַלץ איז פּלוצלינג אָפּגעווישט געוואָרן פון דער אויבער־פלאַך.

עס איז שווער, זייער שווער צו קאָנצענטרירן באַלאַנסירט די געדאַנקען און דערציילן וועגן לאַוויטש, וועגן די יידישע איינוווי־נער, וועגן דער שטאָט, וווּ עס איז געשטאַנען מיין וויגל, און וווּ כ'האָב געהאַט אַ פאַרצווייגטע משפּחה, טייערע חברים. און דו

וויַסט אפילו נישט, ווו עס געפינען זיך זייערע קברים, אָבער זיי אַלע זענען אַזוי טיף איינגעבאַקן אין מיין הארצן. מיין האַרץ איז געוואָרן זייער בית־עולם.

פאַר מיינע אויגן גייען דורך ווי לעבעדיקע די אַלע פאַטרי־אַרכאַלישע, תמימותדיקע יידישע געשטאַלטן, די אמתע „שבת־יום־טובדיקע יידן". די אַלערליי חסידים מיט זייערע שטיבלעך. יידן, וואָס האָבן זיך געוואָלט אָפּרייסן פון דעם עולם הזהדיקן און תוהו ובוהודיקן לעבן און געשוועבט אין העכערע עולמות, געזוכט אַ תיקון פאַר זייערע נשמות, זיי זאָלן חלילה נישט פאַרוואָכע־דיקט ווערן.

איך דערמאָן זיך אין אַזאַ ייד, ווי ר' חיים שלום הערמעלין ז"ל, וואָס האָט געלערנט מיט די חברה־מקרא־יידן, וועלכע האָבן גשלונגען יעדעס וואָרט מיט אַזאַ יראת הכבוד. און מיין טאַטע ע"ה, מיכאל בר מרדכי, האָט אויך געשעפּט תורה פון זעלבן קוואַל.

דער זעלבער ר' חיים שלום האָט אויך געלערנט אין בית־המדרש בין מנחה למעריב מיט אַ חברה משניות און חברה ש"ס, משנה און גמרא. און מען האָט זיך אַזוי גוטמוטיק מפלפל געווען.

ביי אַ צווייטן טיש ווידער האָבן בעלי־מלאכות זיך צוגעהערט ווי מאָטעלע אייזנהענדלער לערנט עין־יעקב און דערציילט זיי די שיינע, באַלערנדיקע אגדות פון תלמוד.

און שפּעטער, ווען דער שניידער איז אַהיימגעקומען, האָט ער דערציילט זיין ווייב די מעשה פון חוני המעגל, אַזוי, אַז קיין עם־הארץ איז ער שוין נישט געווען.

יעדער ייד האָט עפּעס געקאָנט דערציילן פון די יידישע קוואַלן.

אחוץ דעם טראַדיציאָנעלן יידישן לעבן, וואָס האָט פאַרמאָגט זיין ספּעציעלן חן, האָט אונדזער שטאָט פאַרמאָגט אַ יוגנט פון אַלע שאַטירונגען, אָנהויבנדיק פון אגודת ישראל, ביז די סאַמע לינקסטע.

פייערונג פון 100 יאָר מענדעלע מוכר ספרים

עס איז אַזוי לעבעדיק געבליבן אין זכרון אַ מעמאָריאַל־אַקט צו „100 יאָר מענדעלע מוכר ספרים", וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין לאָוויטש. עס זענען צוזאַמענגערופן געוואָרן אין לאָקאַל פון „החלוץ", ביי יעקב צוקערמאַכער אין הויף (נייער מאַרק), פאַר־שטייער פון אַלע ריכטונגען פון ציוניזם ביז בונדיסטן.

דער איניציאַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר פון דאָזיקן אַקט איז גע־ווען דער דינאַמישער יידישער שרייבער און פּאָעט, אונדזער בן־עיר גדליה שאַיאַק. ער האָט אויף דעם אָוונט דורכגעפירט מענדעלעס „פּריזיוו". אַלס גאַסט־רעדנער איז דעמאָלט אַראָפּגעבראַכט געוואָרן דער באַרימטער באַלאַדן־דיכטער, איציק מאַנגער.

צו דער באַן, אָפּוואַרטן דעם גרויסן גאַסט, זענען געגאַנגען דער ליטעראַט מוני (משה־לייב) פּעטשעניק פון זלאָטשאָוו, וועלכער האָט געוווינט ביי אונדז אין שטאָט, און גדליה שאַיאַק, וועלכע האָבן מאַנגערן געקענט פּערזענלעך.

מאַנגערס רעדע איז געווען זייער אינהאַלטרייך און די אויפֿ־פירונג פון „פּריזיוו", רעזשיסירט דורך דעם שרייבער גדליה שאַיאַק, האָט שטאַרק אויסגענומען און איז אַפּלאָדירט געוואָרן פון פול־געפּאַקטן פאָלקס־הויז „קארסא", וואָס איז אגב אויפגעבויט גע־וואָרן עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה.

די תקופה פון דער „אָוושעם"־פּאָליטיק

אַזוי האָט זיך געפירט אַ יידיש קולטור־לעבן, ביז עס זענען געקומען ביטערע צייטן פאַר די יידן אין פּוילן. דער אַנטיסעמיטיזם האָט געבושעוועט. די „אָוושעם־פּאָליטיק" פון דער סקלאַדקאָווסקי און בעק־רעגירונג האָט אַרויסגעשטויסן די יידן פון זייערע נעבעכ־דיקע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. מען האָט אָוועקגעשטעלט פּיקעטן לעבן די יידישע געוועלבער. און יידישע געשעפטן האָבן זיך פאַרמאַכט. אויף זייער אָרט זענען אויסגעוואַקסן ניי־געבאַקענע פּוילישע סוחרים, און די זדונסקאַ־גאַס האָט שוין געהאַט היבשע אַזעלכע קריסטלעכע געוועלבער.

דאָס אַלץ האָט דערפירט צו אָפטע צוזאַמענשטויסן און עקס־צעסן, באַגלייט מיט שויבן־בראַזגעריי פון יידישע שויבן־פענצטער, פון וואַנען מ'האָט גערויבט יידיש האָב און גוטס. און פון אומעטום האָבן זיך געהערט ווייגעשרייען פון יידן מיט געלעכערטע קעפּ.

די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס ווי „גורדוניה", השומר הצעיר און בית"ר, האָבן נישט געקאָנט אָנגיין מיט זייער טעטיקייט.

ס'דערמאָנט זיך מיר אַן אָוונט, ווען מיר זענען געזעסן אַ גרופּע חברים־ות ביי אַ שיחה אין „גורדוניה"־לאָקאַל, אויף בראַ־וואָרנע־גאַס און אַרומגערעדט די טרויעריקע לאַגע, ווי פּלוצים האָבן מיר דערהערט אַ שטאַרקן זעץ מיט אַן אייזערנעם פרענט אין פענצטער, אַז די לאָדנס און שויבן זענען צעבראָכן געוואָרן.

די כוליגאַנעס זענען אַריינגעקראָכן דורכן פענצטער און זיך איזדעקעוועט איבער אונדז. מען האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. די חברות זענען פאַרצווייפלטע אַריינגעלאָפן צו סענדערל שוסטער, וואָס האָט געוווינט קעגנאיבער אונדזער לאָקאַל. ס'איז געוואָרן אַ ליאַרעם און די כוליגאַנעס זענען אַנטלאָפן. ביי אַזעלכע באַדינ־גונגען האָבן מיר שוין נישט געקאָנט פירן קיין קולטור־אַרבעט, ווי אַמאָל אין די גוטע צייטן, ווען מ'איז געווען אַריינגעטאָן ראשו ורובו אין דער אָרגאַניזאַציע.

עס געדענקט זיך, וואָס פאַראַ שלל ענערגיע דער טאַלאַנטיר־טער צבי מיאַדאָווניק, וואָס וווינט איצט אין בוענאָס־איירעס, האָט אַריינגעלייגט ביים אַרויסגעבן אַ זשורנאַל געווידמעט 10 יאָר „גורדוניה", און בכלל דער ענטוזיאַזם ביי דער יוגנט.

די לעצטע יאָרן פאַרן קריג־אויסברוך איז די יוגנט ממש צעפּרעסן געוואָרן פון יאוש און געקוקט מיט טרויעריקע אויגן אויף דער שוואַרצער צוקונפט.

שלום אַש מיט אַ באַזוך אין לאָוויטש

איך וויל אויך דאָ דערמאָנען אַן עפּיזאָד, וואָס איז כאַראַק־טעריסטיש פאַר דער שטימונג, וואָס ס'האָט געהערשט ביי יידן עטלעכע יאָר פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. די יידישע נויט איז געווען זייער גרויס. די „גמילת־חסד־קאַסע" ביי אונדז אין שטאָט האָט אויסגעפילט אַ גרויסע פונקציע מיט אַרויסהעלפן די יידישע אָרעמקייט מיט הלוואות אַן פּראָצענטער און זיי נישט געלאָזט פאַלן.

דאָס איז געווען אין יאָר 1936, אויב איך האָב נישט קיין טעות. אויף אַ באַזוך אין דער גמילת־חסד־קאַסע איז אינקאָגניטאָ געקומען שלום אַש, צוזאַמען מיט יצחק גוטערמאַן, דירעקטאָר פון „דזשאָינט", וואָס איז טראַגיש אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ.

ס'איז געווען אַ חגא אָדער יאַריד־טאָג און די פּויערים און פּויערטעס מיט זייער כאַראַקטעריסטישער, קאָלירפולער, געבלי־מלטער הלבשה, האָבן פאַרפלייצט די לאָוויטשער גאַסן. און מיר, עטלעכע יידישע בחורים, פּלאָנטערן זיך אַריין אין דער פּויערים־מאַסע.

פֿאַר אונדז גייט אַדורך אַ מענטש, וואָס ציט אויף זיך אַלעמענס אויפֿמערקזאַמקייט. זיין שיינע, הויכע פיגור, אימפּאָנירט. ער טראָגט בלויע ברילן און שפּאַצירט מיט איטשע־מאיר באָק, דעם פּרעזידענט פֿון דער „גמילת־חסד־קאָסע". די פּויערים האָבן צווישן זיך גערעדט און אָנגעוויזן אויף אים, אַז עס גייט אַ „פּראַנצויז מיט אַ זשיד". מיר איז נישט איינגעפֿאַלן, אַז דאָס קאָן זיין שלום אַש. אָבער מיין חבר זאָגט מיר:

„ווייסט, עקיבא, דער וואָס גייט מיט איטשע־מאיר באָק איז שלום אַש". און ווי יוגנטלעכע אין דער פּראָווינץ זענען מיר שטאַרק נתפּעל געוואָרן, ווען מיר האָבן אומדערוואַרטעט געזען פֿאַר זיך אַזאַ גרויסן יידישן שרייבער.

מיר האָבן זיך נישט געפֿוילט און מיט האַרץ־קלאַפּעניש זיך דערנענטערט צו אים און אָנגעמענדיק זיך מיט מוט, פֿרעגן מיר אַ ביסל שטאַמלענדיק: „איר זייט שלום אַש?" און ער ענטפֿערט אונדז מיט אַן אויסגעצויגענעם „נ י י ן!"

נעמט אונדז גוטערמאַן ע"ה אַוועק אין אַ זייט און רוימט אונדז איין אַ „סוד", אַז מיר זאָלן נישט מאַכן קיין רעש. עס איז טאַקע שלום אַש. און ער שטעלט אונדז פֿאָר. אַש נעמט נישט אַראָפּ די לעדערנע הענטשקעס וואָס ער טראָגט אויף זיינע הענט און גיט אונדז די האַנט. ער נעמט אויף אַ רגע אַראָפּ די ברילן און באַלד דערקען איך אים מיט די טאָרבעלעך אונטער די אויגן, ווי כ'האָב אים געזען אויף בילדער אין די צייטונגען. פֿון גרויס איבעראַשונג ווייסן מיר נישט וואָס צו רעדן מיט אים.

שלום אַש בעט מ'זאָל אים אָנווייזן די פֿאַבריק, וווּ מ'אַרבעט אויס די פּויערישע קליידער. מיר פֿירן אים צו פּיגלאַזשס פֿאַבריק. דאָרט כאַפּט ער אַ שמועס מיט די אינטעליגענטערע יידישע אַרבעטער, וואָס קענען זיינע ווערק.

באַלד צעטראָגט זיך איבערן שטעטל די ידיעה, אַז אַ גרויסער גאַסט איז געקומען. ווען מ'לויפֿט אַרום אים זוכן, איז ער שוין געהאַט אַוועק מיט אַ קאָטש קיין וואַרשע.

אַ צייט שפּעטער האָבן מיר געלייענט אין וואַרשעווער „היינט" אַן אַרטיקל וועגן לאָוויטש. דער אַרטיקל האָט געהייסן: „ווי אבלים אויף אַ חתונה"... אין וועלכן אַש האָט געשילדערט די יידן אין אונדזער שטעטל, ווי נעבעכדיק זיי זעען אויס אין דעם יאַריד־טאָג און גייען אַרום ווי אבלים אויף אַ חתונה.

היינט זענען מיר מער נישט קיין אבלים אויף אַ חתונה, נאָר אבלים נאָך דעם פֿאַרשניטענעם יידישן לעבן אין לאָוויטש.

ר' יאָסל גורט —

דער בעל־מנגן פֿון לאָוויטש

דערציילט פֿון **חיים גורט** (מעלבורן — תל־אביב)

די חסידיש־באַהעמישע געשטאַלט פֿון מיין פֿעטער ר' יאָסל גורט, דעם בעל־מנגן, וואָס איז מפֿורסם געווען אין דער לענג און ברייט פֿון פּוילן, האָב איך צום ערשטן מאָל געטראָפֿן, ווען איך בין שוין געווען אַ דערוואַקסן יינגל. איך געדענק אים אויך ווי דורך אַ נעפּל פֿון מיינע פֿריעסטע קינדער־יאָרן, ווען ער פֿלעגט אָפּט קומען צו מיין טאַטן אין בזשעזשין.

יוסף גורט

אין בזשעזשין האָט געוווינט דער באַוווּסטער חזן משהל שטערניס (משהל בזשעזשינער), וועלכער איז באַוווּסט געווען אין דער חזנישער וועלט, ווייט אויסער די גרענעצן פֿון זיין שטעטל.

ער איז טאַקע געווען אַ תּל־מיד פֿון מיין פֿעטער. און ווען מיין פֿעטער פֿלעגט אַראָפּקומען קיין בזשעזשין, איז זיין באַזוך געווען אַ גרויס געשעעניש פֿאַר די אָרטיקע מנגנים, בראש מיט קהל, וואָס האָבן אים אויפֿגענומען מיט גרויס הידור־הכבוד.

ר' יאָסל גורט איז געבוירן אין גלאָוונאָ. נעבן לאָוויטש. זיין פֿאָטער, ר' פּנחס, איז געווען אַ באַוווּסטער גראָדזשיסקער חסיד, אַ לאַנד־אייגנטימער און זיך גערעכנט צווישן די נאָענטע מקורבים פֿון רבין ר' אלימלך.

הגם די גאַנצע משפּחה גורט האָט געשמט אַלס חסידישע מנגנים, האָט אָבער יאָסל פֿון קינדווייז אָן אַרויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינלעכע מוזיקאַלישע באַגאַבטקייט. און עס זענען וועגן אים און זיינע יוגנט־יאָרן אַרומגעגאַנגען אָן אַ שיעור לעגענדעס, ווי אַזוי ער האָט זיך צעבונטעוועט, אַנטלאָפֿן פֿון דער חסידישער שטוב און געזוכט זיין אייגענעם דרך אין דער מוזיקאַלישער וועלט.

אין די סוף אכציקער יאָרן פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט איז דאָס אַנטלויפֿן פֿון אַ יידישער היים און בפֿרט פֿון אַ חסידישער — באַטראַכט געוואָרן פֿאַר אַ רעוואָלוציאָנערן שריט, און רחמנא ליצלן געפֿירט צו שמד.

מיין פֿעטער יאָסל איז אַנטלאָפֿן קיין וואַרשע מיטן באַגער צו לערנען אין דער דאָרטיקער מוזיק־קאָנסערוואַטאָריע. און זיין פֿאָטער האָט איינגעלייגט וועלטן, געפֿאָרן זוכן דעם זון, דעם פֿורץ פֿון יידישן לעבנס־שטייגער, און אים צוריקגעבראַכט אַהיים. דער אומרואיקער און טעמפּעראַמענטפֿולער יאָסל האָט אָבער נישט געקאָנט איינזיצן אין די ענגע ד' אמות פֿון זיין פֿאָטערס שטוב און זיך געריסן אין דער פֿרייער וועלט. און אַזוי פֿלעגט דער פֿאָטער כסדר פֿאָרן אים זוכן און צוריקברענגען אַהיים.

ר' פּנחס איז געפֿאָרן צום רבין. דער לעצטער האָט זיך אַריינגעמישט, געגעבן עצות, אָבער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפֿן, מ'האָט פֿון יאָסלען נישט געקאָנט אַרויסטרייבן דעם „דיבוק פֿאַר מוזיק"...

ווען כ'בין נאָך געווען אַ קליין יינגל, פֿאַרגעדענקט זיך מיר אַ דעראינערונג, אַז קרובים האָבן מיט גרויס עגמת־נפֿש דער־

ציילט דעם פאַקט, אַז אַ באַוווּסטער פּוילישער מוזיק־פּראָפעסאָר אין וואַרשע האָט מיין פעטער שטאַרק מקרב־געווען און אים געגעבן פרייע לעקציעס. אין שטעטל האָט זיך געקאָכט און די משפּחה איז אַרומגעגאַנגען פאַרמרה־שחורהט און זיך געשראָקן, אַז זייער יאָסל גייט חלילה אויפן דרך פון שמד.

דער טאַטע איז ווידער געפאָרן נאָך אים און נאָך לאַנגע וויכוחים, אים צוריקגעבראַכט אין שטעטל.

איך דאַרף דאָ צוגעבן, אַז איך בין צו יונג געווען, כדי איך זאָל קאָנען אַרויסשיילן פון נעפּל פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט דאָס אַלץ, וואָס כ׳האָב געהערט דערציילן וועגן מיין פעטער און אימשטאַנד זיין פעסטצושטעלן קאָנקרעטע פאַקטן.

איך וועל דעריבער זיך אָפּשטעלן אויף פאַסירונגען, מיט וועלכע איך בין שוין פערזענלעך געקומען אין קאָנטאַקט אַלס דערוואַקסענער מענטש און געהערט מבינות פון גרויסע בעלי־מנגנים, וועלכע פלעגן אַריינקומען צו מיין פרוי אין שטוב, די טאָכטער פון גלאָווגער חזן קאָוואַדלאַ הי״ד.

די אויטענטישקייט פון די פאַקטן האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט אַליין צו באַשטעטיקן.

מיין פעטער יאָסל איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער אויטאָדידאַקט. ער האָט זיך פלייסיק אַליין געלערנט פרעמדע לשונות, ווי פּויליש, דייטש און רוסיש, און מיט דער הילף פון די שפּראַכן געהאַט אַ צוטריט צום קוואַל פון דער אַלגעמיינער מוזיק־וויסנשאַפט.

נישט אַזוי גרינג איז אָנגעקומען אַ בחור פון אַ חסידישער שטוב אין יענע יאָרן צו לערנען פרעמדע לשונות, ווייל דאָס האַלטן אין האַנט אַ פרעמד בוך איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ גרויסע זינד.

נאָך דער חתונה האָט מיין פעטער זיך באַזעצט אין לאַוויטש, און דאָ הויבט זיך אָן אַ ניי קאַפּיטל פון זיין לעבן.

שפּעטער, ווען כ׳פלעג אָפט קומען קיין לאַוויטש צו זיין עלטסטן זון, מיין קוזין פיניע, האָב איך אין זיין ספרים־שאַנק געפונען פיל ספרים, לרוב מוזיק־האַנטביכער מיט מיין פעטערס אייגנהענטיקע פאַרנאָטירונגען. דאָס זענען געווען מוזיק־ביכער פון באַוווּסטע מוזיקער פון יענער צייט, פּוילישע, דייטשע און רוסישע, וועלכע האָבן באַהאַנדלט האַרמאָניע, קאָנטראַפּונקט א.אַ.וו.

פון אָט די ספרים האָט מיין פעטער געשעפּט זיין וויסן, כדי צו פאַרטיפן זיין קענטעניש אין מוזיקאָלאָגיע.

איך האָב צווישן די ספרים געפונען דאָס ערשטע העברעאישע מוזיק־האַנטבוך פון אברהם־בער בירנבוים (חזן פון טשענסטאָכאָוו), וואָס איז דערשינען אין אָנהויב פון אונדזער י״ה.

דאָס בוך האָט באַהאַנדלט האַרמאָניע און קאָנטראַפּונקט. מיין פעטער איז געשטאַנען אין נאָענטער פאַרבינדונג מיטן מחבר און אָפט אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף געוויסע אומפּינקטלעכקייטן אין זיין האַנטבוך, וואָס דער מחבר האָט מיט דאַנקבאַרקייט אָפּגעשאַצט.

מ׳האָט מיר דערציילט, אַז מיין פעטער איז געווען אַ פענאָמענאַלער נאָטן־לייענער און געזונגען מיט אַ זעלטענער מנגנת, הגם ער האָט נישט געהאַט קיין גרויסע שטימע.

ער איז ווייזט אויס געווען אַן אויסערגעוויינלעכער מענטש, און אַזוי איז אויך געווען זיין לעבנס־גאַנג. צי על־פּי צופאַל, אָדער מתוך כוונה, אָבער אַלע זיינע פרנסות זענען תמיד צוגעשניטן געוואָרן אַזוי, אַז ער זאָל אין די געקוועלטע עקאָנאָמישע באַדינגונגען האָבן גענוג צייט אויף אָפּצוגעבן זיך זיין באַליבטער נגינה. אַ שטייגער, אין משך פון פיל יאָרן, האָט ער געהאַלטן אין אַרענדע אַ שלאַבאַן (ראָגאַטקע) אין לאַוויטש. און אַזוי ארום געהאַט גענוג צייט אויף שטודירן מוזיק.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער געהאַט אַ בעקעריי, וואָס איז דערנאָך איבערגעגאַנגען צו זיין עלטסטן זון פיניע. זיין פרוי האָט געשטאַמט פון דער ראָזענקראַנץ־משפּחה און נישט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדערע פאַרשטענדעניש פאַר איר מאַנס לעבנס־שטייגער. זיי האָבן געהאַט פינף קינדער, צוויי טעכטער און דריי זין, אַלע געבוירן אין לאַוויטש.

די עלטסטע טאָכטער, חנה, וועלכע האָט חתונה געהאַט קיין וואַרשע, צו ר׳ מאָטל גראָמאַן (אַ לעדער־סוחר), האָט לאַנגע יאָרן געוווינט אין וואַרשע. אָבער אין די 20־קער יאָרן, אין דער צייט פון גראַבסקין, האָט זי עולה געווען מיט איר משפּחה און זיך באַזעצט אין אַלט־ירושלים, ווו זי האָט אויסגעלעבט אירע יאָרן אין גרויס פרומקייט. זי איז געווען די אמתע באַוועגונגס־קראַפט, אַז איר משפּחה זאָל זיך באַזעצן אין א״י, ווייל זי האָט נישט געגלויבט, אַז אין פּוילן קאָן מען מגדל־זיין קינדער אין תורה און אין יראת־שמים.

איצט געפינט זיך אין „מאה שערים“ אין ירושלים, אַ גאַנצע קייט פון קרובים פון חנה גראָמאַן, אַלע אָנגעזעענע תושבים, ספּעציעל דער יינגסטער זון, ר׳ מנחם גראָמאַן, וועלכער איז באַקאַנט אַלס גרויסער תלמיד־חכם און איידעם פון מנהיג פון נטורי קרתא, ר׳ עמרם בלוי.

ר׳ יאָסל גורט איז געשטאָרבן אין זיין שטוב, אין לאַוויטש, חודש סיון, 1916.

זיינע פילצאָליקע ליטורגישע קאָמפּאָזיציעס זענען ליידער פאַרלוירן געגאַנגען.

זיינע אַנדערע קינדער און אייניקלעך האָבן געטיילט דעם ביטערן גורל פון די אַנדערע מיליאָנען קדושים אונטער היטלערס ממשלה.

י. צ. טויבענפעלד (מגדיאל, ישראל)

נחום סאָקאָלאָוו אין לאָוויטש

ווען לערנען פון גרויסן נחום סאָקאָלאָוו אַלס ייִנגל אין לאָוויטש, קאָן איך דערציילן, וואָס כ'האָב זיך אָנגעהערט אין מיין יוגנט אין לאָוויטש גופא.

ווי באַוווּסט, האָט נחום סאָקאָלאָוו נאָך אַלס קינד געשמט אַלס עילוי און שאַרפער קאָפּ. זיין פאָטער ר' שמואל־יאָסל, האָט געוווינט אין פּלאָצק, ווו ער האָט געהאַט אַ גאַלאַנטעריע־געשעפט.

זיין געשעפט האָבן אָפטמאָל באַזוכט אינטעליגענטע קונים פון פּוילישן אַדל און אויך הויכגעשטעלטע רוסישע באַאַמטע. אפילו דער פּלאָצקער גובערנאַטאָר אַליין פלעגט זיין אַ גאַסט אין דעם ייִדישן געשעפט.

דער קליינער נחום האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער אינטעליגענץ אַדאַנק זיין שאַרפזין און טרעפלעכע ענטפערס, וואָס ער פלעגט געבן אויף פאַרשידענע פּיקאַנטע פראַגן, וואָס מ'האָט אים געשטעלט.

דער גובערנאַטאָר איז שטאַרק צוגעשטאַנען צו ר' שמואל יוסלען, אַז ער זאָל זיין קליינעם נחומלען שיקן אין אַ רוסישער גימנאַזיע אין פּלאָצק, ווו ס'האָבן שוין דעמאָלט געלערנט אייניקע ייִדישע אַריסטאָקראַטישע קינדער.

דער גובערנאַטאָר האָט פאַראויסגעזען, אַז פון דעם ייִנגל קאָן אַרויסוואַקסן אַ גרויסער וויסנשאַפטסמאַן.

אָבער נחומס פאָטער ר' שמואל־יוסל, הגם ער איז שוין געווען אַן אויפגעקלערטער, אַ משכיל און בעל־חקירה, האָט צוליב זיין פרומקייט און פרומער אָפּשטאַמונג, נישט געקאָנט מסכים זיין, אַריינצוגעבן זיין קינד אין אַ וועלטלעכער נישט־ייִדישער גימנאַזיע, ווו ער זאָל לערנען מיט קריסטלעכע קינדער אַ גאַנצן טאָג און צוליב דעם מבטל־זיין דאָס לערנען תלמוד, באַלד פון זיין פריעסטער יוגנט אָן.

ער האָט דעריבער, נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת, באַשלאָסן אָוועקצושיקן נחומלען פון דער היים, פון דער האַלב־אַסימילירטער שטאָט פּלאָצק. ער האָט אים געשיקט קיין ווישאָגראַד, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ הונדערט־פּראָצענטיק פרום ייִדיש שטעטל, מיט לומדים און פרומע ייִדישע משכילים.

דער אויסוואַל פון ווישאָגראַד איז אויך געווען צוליב אַן אַנדערער מעלה, וואָס ער וועט האָבן ביי וועמען צו לערנען, און דאָס טאַקע, ביי זיין אייגענעם זיידן, ר' איטשע סאָקאָלאָוו, וואָס איז געווען מורה־הוראה און אַ גרויסער למדן און געפירט אַ ישיבה מיט בחורים.

נחום האָט אַ געוויסע צייט געלערנט ביי זיין זיידן. ער האָט שוין דעמאָלט געגאַשט אויך אַביסל השכלה ביי די אָרטיקע משכילים.

אַהיימקומענדיק קיין פּלאָצק מלא וגדוש, מיט תורה און השכלה, האָט דעם פאָטערס ציטערניש זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט, אויס מורא, אַז זיין נחומל זאָל זיך חלילה נישט לאָזן שווימען מיט דעם פּלאָצקער וועלטלעכן השכלה־שטראָם אין דער ייִדיש־אַסימילירטער און קריסטלעך־אינטעליגענטער סביבה...

און דער פאָטער האָט באַשלאָסן נחומלען אָוועקצושיקן קיין לאָוויטש, צו זיין קרוב ר' חיים ישכר, דער איידעם פון דעמאָלטיקן לאָוויטשער רב ר' דוביה ווייגאָט (מחבר פון ספר „אגודת אזוב מדברי").

ר' חיים ישכר איז שפּעטער געוואָרן רב אין לישקאָוויץ, נעבן לאָוויטש. נחומל האָט זיך געלערנט אַ געוויסע צייט ביי זיין פעטער. ער האָט אָבער שוין אויך עוסק געווען אין השכלה.

וועגן זיין באַקעסטיקונג דעמאָלט אין לאָוויטש, זענען מיר נישט באַקאַנט קיין גענויע פרטים, צי ער האָט געגעסן אין אַן אכסניה, אָדער ביי זיין פעטער.

★

וועגן נחום סאָקאָלאָווס עוסק זיין אין השכלה אין לאָוויטש, דאַרפן איבערגעגעבן ווערן פאָלגנדיקע פרטים:

אין לאָוויטש האָט דעמאָלט געוווינט אַ ייִדישער לערער מיטן נאָמען יצחק שיינבוים (יצחק לערער), וועלכער האָט געשטאַמט פון ווישאָגראַד. ער איז געווען אַן אַמשינאָווער חסיד. ער האָט אויך געשריבן „פּראָשעניעס" (בקשות) אויף פּויליש און רוסיש און געהאַט אַ שול ביי זיך אין שטוב. דער זעלבער שיינבוים פלעגט אויך געבן לעקציעס אין די אַריסטאָקראַטישע הייזער. ביי אים אין שטוב האָבן זיך געפונען פיל לערן־ און וויסנשאַפטלעכע ביכער אין אייניקע שפּראַכן.

לויט ווי יצחק לערער האָט מיר שפּעטער, מיט צענדליקער יאָרן, דערציילט, פלעגט נחום סאָקאָלאָוו אַריינקומען צו אים אין שטוב און זיך באַנוצן מיט זיין פּריוואַטער ביבליאָטעק.

ביי יצחק לערער האָב איך געהאַט געקויפט אייניקע ביכער, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען אַ קליינער, דיקער ווערטערבוך: רוסיש־דייטש און דייטש־רוסיש, מיט וועלכן נחום סאָקאָלאָוו פלעגט זיך באַנוצן (אָדער ס'איז געווען זיין אייגנטום און ער האָט עס פאַרקויפט צו יצחק לערער). אויף די פאָרבלעטער איז נאָך קענטיק נחום סאָקאָלאָווס אונטערשריפט אין העברעאיש און רוסיש. דאָס דאָזיקע ווערטערבוך געפינט זיך עד־היום אין מיין באַזיץ.

★

וועגן נחום סאָקאָלאָווס שטאַרקער תשוקה און התמדה צו לערנען וויסנשאַפטן, האָט מען צווישן די בחורים אין מיינע צייטן דערציילט פאָלגנדיקן עפּיזאָד:

נחום סאָקאָלאָוו פלעגט אָפט קומען אין גראָדזשיסקער שטיבל, וואָס האָט זיך געפונען אויף זדונסקאַ גאַס אין הויז פון פינקל־שטיין־און־אַדלער. ער פלעגט דאָרט פאַרברענגען מיט די בחורים, וואָס האָבן דאָרט געלערנט און אַליין דאָרט אויך לערנען אַ געוויסע צייט אין טאָג.

אַלע האָבן געוווּסט, אַז אויסער דעם לערנען תלמוד, איז נחום

אויך עוסק אין אַנדערע לימודים, אָבער געגנוי און ביי וואָסערע אומשטענדן, האָט קיינער פון די בחורים נישט געוווסט.

דורך אַ ריינעם צופאַל איז די זאַך אַנטפּלעקט געוואָרן.

מעשה שהיה כך היה: איינער פון די בחורים האָט באַמערקט, אַז דער ווייסער סופיט אין „שטיבל" איז נאַס געוואָרן און עס טריפט אַראָפּ וואַסער.

אַזוי ווי די זאַך איז אים פאָרגעקומען אַלס פּלא, ווייל אין דרויסן איז געווען אַ שיין, זוניק וועטער, האָט דאָך נישט געקאָנט אַריינרעגענען דורכן דאַך. דער בחור האָט אויפמערקזאַם געמאַכט די אַנדערע בחורים אויפן גרויסן וווּנדער פון נאַסן סופיט... און זיי האָבן באַשלאָסן אַרויפצוגיין אויפן בוידעם אויסצוגעפינען די סיבה פון דעם נאַסן סופיט.

ווי איבעראַשט זענען די בחורים געוואָרן, טרעפנדיק אויפן בוידעם נחום סאָקאָלאָוו, ווי ער איז געזעסן אויף אַ קאַסטן און געהאַלטן אַ כלי מיט וואַסער און אַנדערע מכשירים און געמאַכט עקספּערימענטן אין פיזיק און כעמיע.

חברה האָט באַשלאָסן, אַז אַלס קנס זאָל מען אים מאַכן אַ משכנתא, ווי מ׳פלעגט זיך נוהג זיין צווישן די בחורים. צי דער באַשלוס איז טאַקע אויסגעפירט געוואָרן, איז מיר נישט באַוווּסט.

מעגלעך, אַז די בחורים האָבן גחומלען דאָך רעספּעקטירט און זיי האָבן אים מוחל געווען דעם השכלה־פאַרברעכן און די עקזע־קוציע מבטל־געמאַכט...

✶

פון נחום סאָקאָלאָווס שפּעטערער תקופה, נאָך זיין אהיימקו־מען פון לאָוויטש קיין פּלאָצק, האָב איך געהערט פון לייבל שיינ־בוים (יצחק לערערס אַ זון).

לייבל האָט אַלס יינגל געלערנט אין דער פרעמד. ער האָט געלערנט אין אייניקע שטעט און שפּעטער אין פּלאָצק.

קענענדיק נחום סאָקאָלאָוו פון לאָוויטש, פלעגט ער אַריינ־קומען אין זיין עלטערנס הויז. נחומס פאָטער האָט געוואָלט, אַז זיין זון זאָל זיצן אין שטוב און לערנען, און דעריבער געבעטן דאָס יינגל לייבל שיינבוים, אַז ער זאָל אַריינקומען צו אים אַלע טאָג און לערנען מיט נחומען צוזאַמען אַ שיעור.

ר׳ שמואל־יוסל האָט דעם יונגן לייבל צוגעזאָגט 50 קאָפּיקעס יעדע וואָך, אַבי ער זאָל אַלע טאָג אַריינקומען אין זיין הויז לערנען.

לייבל פלעגט טאַקע אַזוי טאָן און דערציילט, אַז ער האָט פיל געגנאָסן פון נחומס אופן פון לערנען.

זייענדיק מיט נחומען גאַנץ היימיש, האָט לייבל זיך פאַר אים מתנצל־געווען, אַז ער ליידט צוליב מאַנגל אין געלט, ווייל זיין פאָטער, אַן אָרעמער לערער אין לאָוויטש, קאָן אים נישט העלפן, און צוליב דעם האָט ער נישט קיין לייטישן מלבוש און קאָן נישט אַהיימפאָרן אויף יום־טוב.

נחומל האָט אים מיטגעפילט און אַ ביסל נאָכגעטראַכט, און באַלד אים געזאָגט: „לייבל, עס איז מיר איינגעפאַלן אַ המצאה, דורך וועלכער דו וועסט לייכט קריגן געלט אויף אַן אַנצוג".

אין דער זעלבער וואָך איז פאָרגעקומען אין פּלאָצק אַ חתונה ביי אַ רייכער און אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע.

נחום האָט אָנגעשריבן אַ בריוו מיט אַ געדיכט אין פויליש און האָט עס געגעבן לייבלען, בעטנדיק אים, אַז ער זאָל דעם פאַרמאַכטן קאָנווערט מיטן בריוו אייגנהענטיק איבערגעבן דעם חתן.

כך הוה: לייבל איז אַוועק אויף דער חתונה מיטן בריוו און אים איבערגעגעבן דעם חתן. ווי נאָר דער חתן האָט זיך באַקענט מיטן אינהאַלט פון בריוו, איז געוואָרן אַן אויפרודערונג צווישן דער אַריסטאָקראַטיע. מ׳האָט געשלונגען דעם שיר מיט גרויס התפעלות און מ׳האָט באַוווּנדערט דעם גרויסן טאַלאַנט פון דעם שרייבער.

דער רעזולטאַט פון דעם בריוו־איבערגעבן איז געווען אַזאַ, אַז דער חתן האָט לייבלען באַשאָנקען מיט אַ סך געלט, אַז עס האָט אים געסטייעט נישט אויף איין אָנצוג, נאָר אויף גאַנצע דריי.

✶

די לאָוויטשער און ווישאָגראַדער משכילים פלעגן שטענדיק שטאָלצירן מיט דעם, וואָס דער גרויסער און געניאַלער תלמיד־חכם, דערציער פון דורות צו דער יידישער רענעסאַנס־תקופה — נחום סאָקאָלאָוו, האָט די יניקה פון תורה און השכלה באַקומען אין זייערעביידע שטעט.

פישל ראַטשטיין (בוענאָס איירעס)

דער חסידישער „פּראָלעטאַריאַט“

דער רעוואָלוציאָנערער פּעריאָד פון אָנהויב פון 20־טן יאָר־הונדערט, האָט געשאַפן אַן איבערברוך אינעם גייסטיקן און מאַטעריעלן לעבן ביי אַ גרויסן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאָוויטש.

אין יענער צייט איז „אַרבעט“ ביי אַ דורכשניטלעכן ייד אין שטעטל באַטראַכט געוואָרן אַלס דערנידערונג. די באַציאונג דעריבער צום האַרעפּאַשניק, צום בעל־מלאכה, איז געווען ווי צו איינעם פון אַ נידעריקער מדרגה.

דערפאַר איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַן אומכבוד צו לערנען אַ קינד אַ מלאכה. די צייט און די נויט האָבן אָבער געטריבן דערצו. אַזוי איז אויפגעקומען אין לאָוויטש דאָס פאַך פון זאָקנמאַכעריי.

די מענטשן, וואָס זענען באַשעפטיקט געווען ביי דעם פאַך, האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם מער פאָרגעשריטענעם אָדער קולטורעלן עלעמענט, וועלכע זענען אַדאַנק דעם געווען די טאָן־געבער אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. אָט, דער „פּראָדוקטיווער“ עלעמענט איז צו יענער צייט געווען דער א. ג. „פּראָלעטאַריאַט“ אין לאָוויטש.

דאָס דאָזיקע האַנטווערקער־פאַך איז פּסיכאָלאָגיש געווען צו־געפּאַסט צו זייער געמיט, ווייל קויפנדיק זיך אַ זאָקן־מאַשינדל, אָדער עטלעכע אַזעלכע מאַשינדלעך, האָט דאָס מיט זיך שוין פאַר־געשטעלט אַ „ווערקשטעל“.

אויך פּאָליטיש האָבן זיי זיך צוגעפּאַסט צו אַזאַ פּאַרטיי, וואָס האָט מער האַרמאָניזירט מיט זייער שטאַנד — מיט דער פּאַרטיי ס.ס. (ציוניסטן־סאָציאַליסטן), וועמענס פירער עס איז געווען יהושע מאָזעס (געשטאָרבן אין בוענאָס איירעס).

דער היינטיקער דור קאָן זיך קוים פאָרשטעלן, וואָס פאַראַ קאַמפן זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין אין דער יידישער סביבה אין אַלגעמיין, ווי אין בית־המדרש, אין שול, וווּ עס איז געקומען צו מחלוקות און געשלעגן, סיי אין די שטובן צווישן טאַטעס און די קינדער.

מ׳קאָן אָבער נישט לייקענען, אַז די דאָזיקע קאַמפן האָבן נישט אין אַ קליינער מאָס געביטן די באַציאונג צום אַרבעטס־מענטש, וואָס די שפּעטערדיקע רעאַקציע האָט מער נישט געקאָנט אָפּמעקן.

יענער געזעלשאַפטלעכער, פּאָליטישער אויפשוווּנג האָט אָבער אין קולטורעלן זין באַרירט אַ גאָר דינעם שיכט פון די אַרבעטער.

נישט געקוקט דערויף האָט זיך געשאַפן אַזאַ לאַגע, אַז נאָכדעם ווי די רעאַקציע (פון נאָך 1905) האָט די פּאָליטישע אַרבעט צע־שטערט, האָט דער דאָזיקער באַוווסטזיניקער עלעמענט דאָך מער נישט געקאָנט בלייבן פּאַסיוו, און עס איז אַנטשטאַנען אַ קולטור־רעלער אויפשטייג. און דאָס איז געשען, טראָצדעם, וואָס די עמי־גראַציע האָט אַרויסגעריסן אַ גרויסן טייל פון פריערדיקע אַקטי־ויסטן.

דעמאָלט איז פאָרגעקומען די גרינדונג פון דער ביבליאָטעק און לייען־זאַל. דאָס לעצטע איז נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט, ווייל מ׳האָט געדאַרפט באַקומען אַ דערלויבעניש דירעקט פון פּעטערס־בורג. און לסוף איז אין 1908 געגרינדעט געוואָרן די ביבליאָטעק א. נ. פון שלום־עליכם.

אין יענער צייט איז שלום־עליכם אַרומגעפאָרן איבער פּוילישע שטעט און געגעבן פאָרלעזונגען. ס׳איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען אַ זאַמלונג, ווייל מ׳האָט דעם גרויסן יידישן שרייבער געדאַרפט אַוועקשיקן אין דער שווייץ צוליב זיין שלעכטן געזונט.

לאָוויטש האָט זיך דעמאָלט מיטבאַשטייערט מיט 25 רובל.

די ביבליאָטעק איז געווען פיין איינגעאָרדנט אין אַ פּרעכטיק הויז אויף זדונסקאַ 21, און די באַלעבאַטישע יידן האָבן אויפגע־הויבן אַ ביטערן קאַמף קעגן די „אפּיקורסים“, ווייל מען לייענט דאָרט אפּיקורסישע ביכלעך. אין יעדער יידישער שטוב אין שטעטל האָבן זיך אָפּגעשפּילט העכסט־דראַמאַטישע מחלוקות, ממש „מלחמות“. מ׳האָט צעריסן ביכער, ס׳זענען געפלויגן פּעטש א.אַ.וו. מ׳דאַרף דערביי נישט פאַרגעסן, אַז די יוגנט איז אין דער מער־הייט געווען אָפּהענגיק פון די עלטערן. אָבער דער גרעסטער חורבן, וואָס איז פאָרגעקומען אין די רייען פון דער יידישער יוגנט, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די עמיגראַציע, וועלכע האָט אַוועק־געריסן די בעסטע כוחות. און דאָך, איז די קולטור־אַרבעט קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט געוואָרן. אַזוי זענען פאָרגעקומען פיל פאָרלע־זונגען, אַחוץ פון אייגענע כוחות, פון אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי י. ל. פּרץ, נח פּרילוצקי, הלל צייטלין און אַנדערע, וואָס האָבן צוגעצויגן גרויסע מאַסן צוהערער.

אָבער אַלע אָנשטרענגונגען האָבן נישט געהאָלפן און נאָענט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מען געמוזט בייטן דעם לאָקאַל פון דער ביבליאָטעק אויף אַ קלענערן, אויפן צווייטן שטאָק אין דעם זעלבן הויז (זדונסקאַ 21).

איך קאָן נישט פאַראיבערגיין אין די קורצע זכרונות, נישט צו דערמאָנען די וווּנדערבאַרע פּערזענלעכקייטן פון יענער צייט, ווי: שיע (יהושע) מאָזעס, יחיאל־מאיר זילבערבערג, אברהם וואַרט־סקי, יחיאל זיידע (זיין פאָטער האָט געהאַט אַן אייזנוואַרג־געשעפט נעבן דער שול), און פיל אַנדערע, וועמענס נעמען איך געדענק נישט אָנצורופן. און וואָס וועגן יעדן איינעם פון זיי וואָלט מען געהאַט וואָס צו שרייבן.

איך געדענק, אַלס יינגל בין איך געווען אויף דער לער אַלס שניידער ביי שיע מאָזעס. אָבער אַנשטאָט זיך לערנען שניידעריי, האָב איך דורך מיין מייסטער מער זיך אָנגעגעבן מיט דער ביב־ליאָטעק ווי מיט שניידעריי. ער פלעגט מיך יעדן טאָג שיקן אויף דעם פּאָסט־אַמט ביי דער ווינער באַן, איך זאָל ברענגען די צייט־טונגען: „דער פריינד“, „ראַזסוויעט“, „אונזער לעבן“ און אַנדערע. דערפאַר האָט מען מיך באַטיטלט אַלס „קולטור־טרעגער“.

האַרט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, פלעגט דער דער־מאָנטער יחיאל זיידע מיר געבן די מעגלעכקייט צו לייענען ביכער אומבאַצאָלט, ווייל ער איז געווען ביבליאָטעקאַר. איך וויל דאָ דורך־אגב דערמאָנען אַ כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד:

יחיאל זיידע פלעגט ליב האָבן פאַרצולייענען אנוכיס „ר׳ אבא“

ניִשט אײנמאָל פלעגט ער מיך אַליין מאַכן פאַר זײַן אוידיטאָריע און פאָרלייענען אנוכיס דערציילונג.

מיט יאָרן שפּעטער האָב איך דאָ, אין בוענאָס איירעס, געהערט פאָרלייענען די זעלבע זאַך פון מחבר אַליין, אָנגעטאָן אין אַ טלית און מיט געהעריקע ליכט־עפעקטן אויף דער סצענע. איך ווייס ניִשט פאַרוואָס, אָבער יחיאל זיידעס פאָרלייענען „ר׳ אבא" — דעמאָלט אין לאָוויטש, האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיפערן איינדרוק. און אפשר זאָל דאָ זיין די סיבה דאָס, וואָס איך בין דעמאָלט געווען פיל ייִנגער?

י. ל. פרץ אין לאָוויטש

אין יענעם פעריאָד זענען קיין לאָוויטש געקומען פיל שרייבער מיט פאָרלעזונגען, אָרגאַניזירט דורך דער פאַרוואַלטונג פון דער יידישער ביבליאָטעק. אָבער ספּעציעל איז מיר געבליבן אין זכרון י. ל. פרצעס באַזוך. און אפשר דערפאַר, ווייל זיין גאַנצע האַלטונג איז געווען אַן אַנדערע ווי פון אַנדערע געסט. ער איז געווען אַ שטאָלצער, עלעגאַנט אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן זשאַקעט, גלאַט ראַזירט, מיט גרויסע פּוילישע וואָנצעס און האָט גיכער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אַסימילאַטאָר און ניִשט פון אַ יידישן שרייבער. אינטערעסאַנט, אַז די טעמע פון זיין רעפעראַט איז געווען „קולטור און אַסימילאַציע" און ער האָט די לעצטע שטאַרק באַקעמפט אין זיין רעפעראַט. דער רעפעראַט האָט אַרויסגערופן אַן אויסערגעוויינלעכע התלהבות ביים גרויסן עולם, וואָס האָט דעם פּרעלעגענט באַשאָנקען מיט רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן.

דער אָוונט איז פאָרגעקומען מוצאי שבת שירה, דעם 6־טן פעברואַר 1910 און באַשטאַנען ניִשט בלויז פון אַ פאָרלעזונג, נאָר עס איז אויך געווען אַ ליטעראַריש־דראַמאַטישער און מוזיקאַלישער טייל. דעם מוזיקאַלישן טייל האָבן אויסגעפירט, דאַכט מיר, די אַרטיסטן פון וואַרשעווער „הזמיר" — די סאָפּראַנאָ זעליגפעלד מיט איר מאַן קיפּניס. געזונגען האָבן זיי פאָלקס־לידער, וואָס צוויי פון זיי געדענק איך נאָך: „איינס, מיידעלע דו שיינס", און דאָס אַנדערע — „אַמאָל איז געווען אַ מלך".

דעם דראַמאַטישן טייל פון אָוונט האָבן אויסגעפירט מיטגלידער פון דער אַמאַטאָרישער דראַמאַטישער סעקציע ביים פאַראיין „הזמיר" אין לאָדזש — שלום עליכמס „עצה" און „אַגענטן".

שפּעטער האָט דער עולם פאַרבראַכט מיט „געהיימער פּאָסט". יעדער מאַן, אָדער פרוי, האָט געהאַט אָנגעשטאָכן אַ נומער. און די בריוועלעך זענען געשיקט געוואָרן לויט דעם נומער. עס פאַרשטייט זיך, אַז עס איז געשטאַנען אַ פּאָסט־קאַסטן אין אַ ווינקל פון זאַל און איינער האָט אויסגערופן די „פּאָסט", לויט דעם נומער אויפן קאָנווערט, אָדער פאַרוויקלטן שטיקל פּאַפּיר.

נאָך דעם אָוונט איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער פאַרוואַלטונג אַ באַנקעט לכבוד די געסט: י. ל. פרץ און די לאָדזשער אַמאַטאָרן־גרופּע, אין דער וווינונג פון שאול מילגראַם. דאָס האָט געדויערט ביז 4 אַזייגער ביינאַכט, ווען די באַן פלעגט אָפּגיין קיין וואַרשע. דעם וועג צו דער באַן, בערך אַ קילאָמעטער ווייט און ביי אַ שטאַרקן פראָסט און טיפן שניי — האָט פרץ מיט זיינע באַגלייטער דורכגעמאַכט צופוס... אַזעלכע צייטן זענען געווען...

אַזאַ אָוונט האָט געקאָנט מאַכן אַן איינדרוק אויף אַ ייִנגל פון אַ יאָר 10, און דערפאַר זעט אויס, איז מיר דאָס אַלץ אַזוי אומפאַרווישט געבליבן אין זכרון.

א שטרייק אן פאדערונגען

דאָס האָט פּאַסירט אין יאָר 1917, אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע. די יוגנט האָט זיך געריסן צו אַקטיוויטעט. מען האָט שוין געפילט אין דער לופט, אַז די אָקופּאַציע־מאַשין ברעכט זיך. און די ווינטן פון רוסלאַנד זענען געווען אַזוי צוזאָגנדיק... מען האָט געהערט, אַז אין אַנדערע שטעט גרינדן זיך פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און מען שטרייקט. און מיר אין לאָוויטש, האָבן באַשלאָסן, אַז מיר דאַרפן אויך עפּעס טאָן. אַזוי האָבן מיר, אַ צענדליק, אָדער 15, שניידער־געזעלן גערופן אַ פאַרזאַמלונג אויף אַ שבת־ביינאַכט אין שטוב ביי אַ געוויסן זאנד אויפן נייעם מאַרק. אַלע פאַרזאַמלטע האָט באַהערשט אַ געוואַלדיקער ענטוזיאַזם און מען האָט באַשטימט אַ שטרייק. אָבער וואָס מיר פאַרלאַנגען, דאָס האָט מען דערווייל ניִשט באַשטימט, ווייל די הויפּט־זאַך גופא ביי אונדז איז געווען דער שטרייק.

צומאָרגנס, די בעלי־בתים וואַרטן, אָבער קיינער פון די שניידער־געזעלן קומט ניִשט צו דער אַרבעט. און אין שטעטל איז געוואָרן אַ קאָך. אַזוי ווי מיר האָבן ניִשט געקענט אַרויסקריכן פון דער לאַגע, האָבן מיר באַשלאָסן אַראָפּצוברענגען אַ חבר פון לאָדזש. און קיין לאָוויטש איז טאַקע אַראָפּגעקומען אַ געוויסער שוואַרצבערג.

נאָך דריי טעג שטרייקן, האָט מען ערשט געשיקט פאָדערונגען.

אין דער צייט איז געגרינדעט געוואָרן אין לאָוויטש דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין און פון דער צייט האָט זיך אויך אָנגעהויבן די פּאָליטישע טעטיקייט פון דער פּועלי־ציון, וואָס האָט שפּעטער געפירט אַ פאַרצווייגטע פּאָליטישע און קולטורעלע טעטיקייט.

די אריגינעלסטע לוויה אין לאוויטש

מיר דאַכט זיך, אַז דער דאָזיקער עפּיזאָד, וואָס כ׳גיי דאָ באַשרייבן, האָט פּאַסירט אין יאָר 1917. מיר האָבן געהאַט געהערט, אַז אין די גרויסע שטעט קומען פאָר לוויות מיט רעדעס און מען זינגט רעוואָלוציאָנערע לידער. מען טראָגט אין די לאַצן שוואַרץ־רויטע אָפּצייכנס און מיר אין לאָוויטש — גאָרנישט...

האָט אונדז גאָט געהאָלפן, און עס איז געשטאָרבן אַ ייִנגל, אַ חבר פון אונדזער פאַך. זיין פאָטער און שוועסטער זענען פאַרברענט געוואָרן ביי איגלען אין הויז.

מיר, דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין, האָט דעמאָלט איבערגענומען די לוויה. פון פאָרנט האָט מען געטראָגן באַראָכאָווס פּאָרטרעט, איינגערעמט אין שוואַרץ און רויט, און יעדער פון די חברים האָט געטראָגן אַ שוואַרץ־רויטן אָפּצייכן. מען האָט געזונגען לידער און געהאַלטן רעדעס, אַזוי ווי אין די גרויסע שטעט...

דאָס איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע פון ערשטן וועלט־קריג. די דייטשן האָבן דעמאָלט געצויגן מיט די אַקסלען: אַזעלכעס האָבן זיי נאָכנישט געזען. און מיר אַליין אויך נישט...

דער אויבן־געבראַכטער עפּיזאָד גיט אַ טרייע אָפּשפּיגלונג פון יענער צייט, ווען די יוגנט האָט אויפגעוואַכט און זיך ממש געריסן צו אַקטיוויטעט.

בוענאָס איירעס, 1951.

אישים ודמויות
פערזענלעכקייטן און געשטאלטן

ד״ר צבי כהן (ניו יארק)

ר׳ חזקיה

(א זעלטענע געשטאלט פון אונדזער שטאט לאוויטש)

ר׳ חזקיה ליפסקי איז געווען אַן אייגנאַרטיקער טיפּ אין דער חסידישער וועלט. ער האָט געוווינט אין לאָוויטש, אָבער ער איז געווען מער אין סאָכאַטשעוו, ווו ער איז געווען אַ בן־בית ביים סאָכאַטשעווער רבין, דעם גאון ר׳ אברהם באָרענשטיין, דער מחבר פון „אגלי טל״, „אבני נזר״ און אַנדערע ספרים (דער איידעם פון קאָצקער רבי).

ד״ר צבי כהן

ר׳ חזקיה איז געווען פון נידעריקן וווּקס, מיט ברייטע פּלייצעס און מיט אַ גרויסן קאָפּ אויף זיין אַביסל איינגעבויגענעם קאַרק. ער האָט געהאַט אַ געלווייסע באָרד, וואָס איז געוואָקסן אין דער בריים, ווי זיין גאַנצער שטאַרקער גוף. ר׳ חזקיה איז געווען אַ ייד אַ למדן, פון די לעצטע קאָצקער, שאַרף, גאַליק און באַפעלעריש. אַ מין נאַפּאָלעאָנישע פיגור, אַ קאָמאַנדיר אַן ווערטער. ס׳איז געווען גענוג זיינס אַ מאַך מיט דער האַנט, אָדער אַ ווונק, אַז מען זאָל אים פאָלגן. אַביסל אויס ערפורכט און אַביסל צוליב מורא פאַר זיין שאַרפער צונג. חסידים פלעגן זאָגן: „היט זיך פאַר ר׳ חזקיהן. ער האָט נישט קיין צונג אין מויל, נאָר אַ בריטוווע״.

און אָט, דער חזקיה איז געווען מיין אפּוטרופּוס און דערציער אין מיינע יונגע יאָרן. ער האָט מיר פאַרשאַפט אין דער ישיבה „טעג״, אַ וועלעגער, האָט אַכטונג געגעבן אויף מיינע מלבושים און אַפילו אַמאָל אָנגעגרייט מיר אַן אָפּגעריסענעם קנאָפּ אין מאַנטל. איך בין געווען זיינס אַ „ילד־שעשועים״ און דאָס — אַן שום משפּחהשאַפט.

עס איז אַזוי געווען: מיין זיידע ר׳ שלמה זגיערסקי ע״ה, פאַר 50 יאָר גבאי שלישי פון דער חברה קדישא, האָט געהאַט פינף טעכטער און קיין איין זון. ער האָט דעריבער נישט געהאַט קיין קדיש. צוליב דעם, ווען מיין מאַמע, זיין טאָכטער, פייגעלע נ״ע, האָט צען יאָר נאָך דער חתונה מיך געבוירן (נאָכדעם ווי דעם טאַטנס משפּחה האָט געוואָלט, אַז ער זאָל איר געבן אַ גט), בין איך, איר בכור און בן־יחיד, נישט נאָר געווען איר ליבלינג, נאָר נאָכמער, דעם זיידנס. עס איז טאַקע געווען דער זיידע, וואָס האָט מיך דערצויגן מער ווי אַלע. ער האָט געקוקט אויף מיר און ממש געקוואָלן: אַ בן־זכר איז געבוירן געוואָרן, אַ קדיש!...

און שפּעטער, ווען כ׳בין אויסגעוואָקסן אַלס וווּיל יינגל, מיט אַ גוטן קאָפּ, איז אַ יום־טובדיקייט ממש געלעגן אויפן זיידנס פּנים. ער האָט אומעטום גערעדט פון מיר און זיך מיט מיר געגרויסט. איך בין דאַנקבאַר געווען דעם הימל פאַר אַלע גוטע אייגנשאַפטן, וועלכע ער האָט מיר געשאָנקען און צווישן זיי — אַ זעלטענעם זכרון, וואָס דינט מיר שטאַרק אין מיין לעבן און אין מיינע אַרבעטן ביזן היינטיקן טאָג.

אין מיין פריער יוגנט פלעג איך אָפט איינחזרן אַ בלאַט גמרא פון אויסנווייניק. אַמאָל אויך עטלעכע בלעטער. ווען איך האָב איינמאָל געזאָגט צום זיידן דעם אָנהויב פון דער גמרא „בבא מציעא״, איז ער געווען גליקלעך, אַז ער האָט מיך אַזש געכאַפּט קושן. און ער האָט באַלד דערציילט אַלעמען, אַז איך קען גמרא פון אויסנווייניק. פריער האָט ער געזאָגט, אַז איך קען פינף בלעטער גמרא. דערנאָך איז שוין געוואָרן צען און נאָך מער. און דערביי האָט ער צוגעגעבן:

— איך האָב אַן אייניקל אַן עילוי, מיין הערשעלע איז אַן עילוי, אַן עילוי!

איינמאָל האָט דער זיידע אָפּגעמאַכט מיטן רב פון סקיערניעוויץ (ער האָט געשטאַמט פון יענער שטאָט און דאָרט געהאַט אַ סך משפּחה), אַז כ׳זאָל אַ שבת נאָכמיטאָג, אַרום דריי אַזייגער, זאָגן אין בית־המדרש אַ בלאַט גמרא פון אויסנווייניק. כ׳געדענק אַזוי ווי היינט, ווי כ׳בין געשטאַנען אויף אַ קליין בענקעלע, נעבן דער בימה און דאָס בית־המדרש איז געווען פול מיט יידן מיט די גמרות אין די הענט. עס איז, דאַכט זיך, אויך דאָרט געווען דער רב פון דער שטאָט. דער זיידע איז געשטאַנען נעבן מיר.

צומאָרגנס, זונטיק, אינדערפרי, בין איך שוין געווען צוריק אין לאָוויטש און דער זיידע איז מיט מיר געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין. אויפן וועג האָט ער אָנגעטראָפן חזקיהן און, אָנ־ווייזנדיק אויף מיר, אים אַלץ דערציילט.

— לאָמיר אַריינגיין אין בית־המדרש, וועסטו זאָגן פֿאַר מיר די גמרא פון אויסנווייניק, — האָט חזקיה געזאָגט צו מיר.

מיר זענען אַריין און איך האָב גענומען זאָגן דעם אָנהויב פון„בבא מציעא״, די משנה און די גמרא.

נאָכן פֿאַרהערן האָט זיך ר׳ חזקיה אויסגעדרייט צום זיידן:

— ר׳ שלמה, אייער אייניקל דאַרף לערנען אין דער סאָכאַ־טשעווער ישיבה און שפּעטער אויך ביים רבין, וועט ער אויס־וואַקסן אַ לייט. איך וועל אים נעמען מיט מיר קיין סאָכאַטשעוו.

— אָבער ר׳ חזקיה, דאָס איז אַ גרויסע פֿראַגע! זיין מאַמע וועט אים נישט לאָזן אַוועקפֿאָרן פון זיך. ער איז איר אויג אין קאָפּ. זי האָט אים קוים אויסגעבעטן ביי גאָט, צען יאָר נאָך דער חתונה. זי וועט איר הערשעלען נישט אַוועקלאָזן פון זיך.

— איך וועל רעדן מיט איר, — האָט ר׳ חזקיה זיך אָנגערופֿן — אָבער נאָכנישט איצט. איך וועל שבת זיין, אם ירצה השם, ביים רבין אין סאָכאַטשעוו, וועל איך פֿריער רעדן וועגן דעם דאָרטן.

די אַנדערע וואָך איז ר׳ חזקיה אַריינגעקומען צו אונדז און געזאָגט צו דער מאַמען:

— הערט מיך אויס. איך וויל אייער הערשעלע נעמען קיין סאָכאַטשעוו, ער זאָל דאָרטן לערנען אין דער ישיבה.

— און ווו וועט ער דאָרט זיין?

— איך וועל קריגן פֿאַר אים אַן אָרט ווו צו זיין אין אכסניה.

— און ווו וועט ער עסן?

— טעג. אַזוי ווי אַלע ישיבה־בחורים.

— ווער וועט אים פֿאַרשאַפֿן די „טעג״? — האָט די מאַמע ווידער געפֿרעגט, באַזאָרגט.

— זאָרגט זיך נישט. כ׳וועל עס שוין טאָן.

— וועט ער קאָנען קומען אַהיים אַמאָל צו מיר?

— יאָ, אויף אַ יום־טוב, אָבער בתנאי ער זאָל צוריקפֿאָרן.

— און ווי לאַנג ווילט איר, אַז ער זאָל לערנען אין סאָכאַ־טשעוו? — האָט די מאַמע ווידער געוואָלט וויסן.

— דאָס קאָן מען נישט וויסן — האָט ר׳ חזקיה איר שוין אומגעדולדיק געענטפֿערט. — קודם־כל וועט ער לערנען אין דער ישיבה. און אפֿשר וועט ער שפּעטער אָנקומען צו לערנען ביים רבינס שיעור. מיר׳ן זען!

— וועט ער אויך קאָנען קריגן סמיכה אויף רבנות אין דער ישיבה? — האָט די מאַמע אַלץ נישט אָפּגעלאָזן.

— דאָס אַלץ איז שפּעטער — האָט ר׳ חזקיה שוין גאָר אומ־געדולדיק איר געענטפֿערט. — די וואָס קענען גוט לערנען, די קריגן זי. די ישיבה האָט שוין אַרויסגעגעבן עטלעכע רבנים.

דער מאַמעס אויגן האָבן אויפֿגעלויכטן.

— און ווען ווילט איר פֿאָרן קיין סאָכאַטשעוו?

— היינט. באַלד. מיט די ערשטע פֿורן, וואָס גייען אָפּ קיין סאָכאַטשעוו.

— קאָן איך מיטפֿאָרן? — האָט די מאַמע ציטערנדיק געפֿרעגט.

— פֿאַרוואָס נישט? אָבער מאַכט עס גיך, — האָט ר׳ חזקיה ווי באַפֿוילן.

אין אַ שעה אַרום איז שוין ר׳ חזקיה, מיין מאַמע און איך געווען אויף אַ פֿור, וואָס פֿאָרט קיין סאָכאַטשעוו. די מאַמע האָט מיר אַרומגעוויקלט דעם האַלדז מיט אַ וואָלענעם שאַל, כאָטש עס איז געווען באַלד נאָך פּסח.

מיר זענען אָנגעקומען אויפֿן סאָכאַטשעווער גרויסן מאַרק אַרום 3 אַזייגער. ר׳ חזקיה האָט מיין מאַמען און מיך אַריינגעפֿירט אין אַן אכסניה, און איר געזאָגט:

— דאָ וועט הערשעלע זיין. איך וועל זען, אַז פֿון די פֿיר אייזערנע בעטלעך, וואָס איר זעט דאָ, זאָל ער קריגן דאָס, וואָס איז ביים פֿענצטער. איצט בלייבט דאָ, און איך וועל אַרויסגיין קריגן פֿאַר אים „טעג״. איך וועל צוריקזיין אַרום זעקס, זיבן. — און ער איז אַרויס.

די מאַמע האָט זיך דערווייל צערעדט מיט דער באַלעבאָסטע פֿון הויז און איר געבעטן באַזונדערס אַכטונג צו געבן אויף מיר, ווייל איך בין אַן איידל קינד, אַ בן־יחיד און אַן עילוי.

אַרום זיבן איז ר׳ חזקיה צוריקגעקומען און געזאָגט צו דער מאַמען:

— שוין! ער האָט שוין אַלע „טעג״ און ביי אָנגעזעענע מענטשן. איר קענט שוין גאַנץ רואיק פֿאָרן אַהיים.

די מאַמע האָט זיך מיט מיר צעקושט און עטלעכע אירע הייסע טרערן זענען געפֿאַלן אויף מיינע באַקן. זי האָט געדאַנקט ר׳ חזקיהן. נאָכאַמאָל געבעטן די באַלעבאָסטע צו האַלטן אַן אויג אויף מיר און איז אַוועק צו די פֿורן.

צומאָרגנס האָב איך באַלד אינדערפֿרי געשריבן אַ בריוו צו מיין בעסטן חבר אין לאָוויטש, אין מיין עלטער, ישראל־הערש טויבענפֿעלד, דער זון פֿון אַלטער „שדכן״, אַז ער זאָל קומען קיין סאָכאַטשעוו, ווייל עס איז מיר אַזוי באַנג אָן אים. און ער איז טאַקע געקומען. ווייל פּונקט אַזוי ווי איך האָב געבענקט נאָך אים, האָט ער געבענקט צו מיר. איך האָב אויך געשריבן צו נאָך אַ חבר, אברהם וואָרטסקי, אַז ער זאָל קומען קיין סאָכאַ־טשעוו, אָבער ער איז נישט געקומען צוליב געוויסע סיבות.

✶

איך וויל זיך נישט אַריינלאָזן דאָ אין אויטאָביאָגראַפֿיע, נאָר געבן בלויז דאָס וואָס עס האָט אַ שייכות צו דער כאַראַקטעריס־טיק פֿון ר׳ חזקיהן.

דאָס איז געווען אַ צוויי וואָכן שפּעטער. איך האָב געהאַט אַ „מיטוואָך״ ביי איינעם ר׳ יחיאל־מאיר, וואָס האָט געהאַט אַ בשמים־געוועלבל אויפֿן מאַרק. ביי אים אין הויז איז געווען אַ מאַמע (זייִנע אָדער זיין ווייבס), וואָס האָט געפֿירט דאָס הויז. האָט זי אָפּגעקאָכט באַלד אינדערפֿרי אַ קרופּניק מיט אַרבעסן, פּערלגרויפּן און פֿעטע שטיקער שעפּסענע פֿלייש. און ווען כ׳בין געקומען אויף אָנבייסן, האָט זי מיר דערלאַנגט אַ פֿולע שיסל. איך בין נישט געוויינט געווען צו אַזעלכע עסנס אין דער היים. בין איך געזעסן אַ לאַנגע צייט פֿאַרטראַכט און נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן. אָבער איך האָב נישט געקאָנט אַראָפּשלינגען אַ ביסן און עס איבערגעלאָזט. די יידענע איז געוואָרן בייז און צו מיר געזאָגט:

— אַז כ׳גיב אַ בחור אַ „טאָג״, וויל איך דערפֿאַר האָבן עולם הבא. אָבער וואָס פֿאַראַ עולם הבא וועל איך האָבן, ווען דו עסט נישט? קום נישט מער. איך וועל קריגן אַ בחור, וואָס עסט.

די יידענע האָט באַלד געלאָזט וויסן אין דער ישיבה, אַז מען זאָל איר שיקן אַ בחור, וואָס עסט.

איך האָב יענעם טאָג געפאַסט. אין אָוונט רופט מיך צו ר׳ חזקיה און פרעגט מיך:

— האָסט געגעסן היינט אויף דעם „טאָג״?

איך האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין און אים דערציילט, וואָס עס האָט פּאַסירט. ר׳ חזקיה האָט מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט און איז מיט מיר אַריין צו דער רביצין:

— שרה דינה, — האָט ער זיך געווענדעט צו איר — גיב דעם בחורל עפּעס צו עסן. ער האָט נישט געגעסן אַ גאַנצן טאָג. געהערט אַ מעשה, כ׳האָב פאַרשאַפט אַ „טאָג״ ביים הויכן יחיאל־מאיר, האָט ער עפּעס דאָרט אַ גראָבע יידענע, וואָס קאָכט גראָבע מאכלים. האָט זי אים געגעבן אַ גראָבן קרופּניק, ער זאָל קריגן אַ גראָבן קאָפּ, און זאָל אויסוואַקסן אַ גראָבער יונג און שפּעטער האָבן אַ גראָבן בויך. אָבער צו דעם אַלעם האָט זי באַוויזן נאָך אַ גראָבקייט און אים אָפּגעזאָגט דעם „טאָג״. צו איר וועט ער נישט גיין מער, און דו וועסט אים געבן אַ „טאָג״ — מיטוואָך. אָבער איידעלע עסנס, הערסטו!

די רביצין האָט מיר באַלד געגעבן צוויי שיטערע אייער מיט ברויט און פּוטער און אַ גלאָז מילך.

✶

איינמאָל איז ר׳ חזקיה געגאַנגען איבערן הויף מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. טרעפט אים אָן ר׳ שמואל, דעם רבינס זון און פרעגט אים:

— ר׳ חזקיה, פאַרוואָס אַזוי פאַרטראַכט?

— איך האָב ליב צו זאָגן אַ גוטן וויץ וועגן די רביים, אָבער עס איז נישטאָ איצט וועגן וועמען. עס זענען דאָ בלויז אַזעלכע קליינע רבילעך.

— איז שוין גאָרנישטאָ קיין גרויסער רבי? — פרעגט אים ר׳ שמואל.

— אוודאי איז דאָ אַ גרויסער רבי, איז אָבער די צרה, וואָס ער איז מיין רבי! און גיי לאַך אָפּ פון דיין אייגענעם רבין!...

✶

איינמאָל זאָגט צו מיר ר׳ חזקיה:

— מיר וועלן אַריינגיין צו איינעם שמואל יעקב. ער האָט געהאַט אַ ברית און מיך איינגעלאַדן, אָבער כ׳בין נישט געגאַנגען. מוז איך כאָטש קומען צו אים מיט אַ וויזיט פאַר יוצא וועגן.

זענען מיר אַרויף אין יענעמס וווינונג. דער בעל־הבית האָט זיך מיט ר׳ חזקיהן שטאַרק דערפרייט און געזאָגט צו זיין ווייב, אַז זי זאָל אַריינברענגען לעקעך און בראָנפן. די יידענע, אַ קאַרגע, האָט אַריינגעבראַכט אַ קליינע קאַראַפינקע מיט אַ ביסל משקה און דערצו אַ קעלישיקל, גרויס ווי אַ פינגערהוט און אויף אַ טעלערל אַ כזית לעקעך.

— נו, ר׳ חזקיה, לאָמיר מאַכן אַ לחיים, — רופט זיך אָפּ דער בעל־הבית.

— וואַרט נאָך אַ ביסל. עס איז מיר פאַרענטפערט געוואָרן צוויי קשיות. די ערשטע קשיא איז: עס שטייט אין דער „הגדה״ ר׳ יהודה היה נותן בהם סימנים „דצך עדש באחב״. איז דאָך די קשיא, וואָס האָט ר׳ יהודה אויפגעטאָן? אָבער יעדער קאָן מאַכן פון די עשר מכות אַ ראשי תיבות און נאָך עפּעס, צו וואָס דאַרף מען עס? דער תירוץ איז, מען דאַרף עס יאָ. למשל, אויב מ׳גיט פאַר אַלע כוסות אַזאַ קליין קעלישקל, ווי דאָס וואָס מ׳האָט מיר דאָ געגעבן, איז אויב מ׳זאָל צען מאָל איינטונקען דעם פינגער צוליב די צען מכות און אַרויסוואַרפן יעדעס מאָל אַ פּאָר טראָפּן, וועט דאָן גאָרנישט בלייבן. האָט ער געמאַכט די ראשי תיבות פון בלויז דריי ווערטער, וועט כאָטש עפּעס בלייבן. די צווייטע קשיא איז: עס שטייט אין דער משנה: „איזה נשך ואיזה ריבית?״ איז אַ וווּנדער, וואָס פאַראַ קשיא איז עס? יעדער איינער פאַרשטייט דאָך, אַז אַ גרויסער פּראָצענט איז „נשך״ און אַ קליינער איז „ריבית״. איצט איז מיר קלאָר געוואָרן דער ענטפער: עס מיינט געזען דאָס, וואָס איז ווי דאָ, ווען די פרוי גיט אַזאַ פּיצל לעקעך, דעמאָלט איז די קשיא, אַזוי ווי מ׳דאַרף איבערלאָזן פאַר דרך־ארץ וועגן, „איזה נשך״? וואָס בייסט מען? „ואיזה ריבית״? און וואָס לאָזט מען איבער? — עס איז דאָך נישט גענוג אויף ביידע.

✶

איך האָב געלערנט אין בית־המדרש פון סאָכאַטשעווער רבי פיר יאָר. מיין חבר ישראל הערש טויבענפעלד איז אַוועקגעפאָרן פיל פריער. איך האָב אַדאַנק ר׳ חזקיהן געלערנט ביי ר׳ שמואלן, איידער ער איז געוואָרן רבי, צוזאַמען מיט זיין דודל, וועלכער איז געוואָרן רבי נאָך שמואלס טויט. איך האָב אויך געלערנט ביי שמואלס איידעם, ר׳ אהרן ראָטענבערג.

שפּעטער האָט מען מיך, ווידער אַדאַנק ר׳ חזקיהן, צוגעלאָזן צום רבינס שיעור. יעדן טאָג אינדערפרי פון 6 ביז 8. איך האָב אויך שפּעטער, צוליב דעם, וואָס כ׳האָב געהאַט אַ שיינע האַנט־שריפט איבערגעשריבן פיל פון רבינס „שאלות ותשובות״ און אויך אַ טייל פון „אגלי טל״.

✶

עס זענען אַריבער פיל יאָרן. איך בין געוואָרן אויפגעקלערט געווען אין וואַרשע. געדרוקט עטלעכע דערציילונגען אין „הזמן״ און „המעורר״. דעמאָלט בין איך איינמאָל געקומען צו מיין פאַמיליע קיין לאָוויטש, אָנגעטאָן אין אַ מאַנטל, געקויפּט אין אַ געשעפט, מיט קנעפּ פון לינקס צו רעכטס. אַראָפּגייענדיק פון דער באַן טרעפט מיך ר׳ חזקיה.

— הערשעלע?

— ר׳ חזקיה!

— ביזט נישט דער זעלבער הערשעלע.

— דער זעלבער.

— ניין. עס איז שוין ביי דיר פון לינקס צו רעכטס — און ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף די זעקס קנעפּ, זאָגנדיק: היום, אומר לו, עשה כך, ומחר, אומר לו, עשה כך״...

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער בין איך געווען אין בית־המדרש און געלערנט אַ בלאַט גמרא. פּלוצלינג זע איך ווי ר׳ חזקיה קומט אַריין, קוקט מיך אָן, און זעצט זיך אַקעגנאיבער מיר און זאָגט מיט אַ גמרא ניגון:

— זיצט מרדכי וואלקאזש ביי א שטיק לעדער און דרייט דאָס לעדער און רייסט דאָס לעדער און זאָגט „אין אלוקים״. עס איז נישטאָ קיין גאָט.

און זיצט שלום גאָרסעטן־מאַכער ביי א קאָרסעט און דרייט דעם קאָרסעט און זאָגט: „אין אלוקים״. עס איז נישטאָ קיין גאָט.

און זיצט דאָ אַ בחור, אַ לערנער ביי דער גמרא און לערנט

מיט אַ גמרא־ניגון „אמר אביי״, אביי האָט געזאָגט, און זאָגט אויך אין אלוקים. עס איז נישטאָ קיין גאָט.

דאָס גאַנצע בלוט איז מיר געקומען אין פּנים אַריין און איך בין אַרויסגעלאָפן פון בית־המדרש.

איך האָב ר׳ חזקיהן מער נישט געזען. אָבער איך בין אים געבליבן דאַנקבאַר פאַר אַלעם, וואָס ער האָט פאַר מיר געטאָן, און אַפילו פאַרן אַנטדעקן אין מיר די „אין אלוקים״־דילעמע, וואָס האָט מיך אַזוי געפּייניקט אין יענע טעג.

זאָלן אָט די ווערטער מיינע, זיין ווי אַ „קדיש״ נאָך זיין ליכ־טיקן נאָמען...

<u>י. מ. זילבערבערג</u>

יהושע מאַזעס

אַ זעלטענע מענטשלעכע פּערזענלעכקייט

עס איז געווען אין דער צייט פון די אַלטע מנהגים און אַלטער איינגעפונדעוועטער קליינשטעטישער יידישקייט, און לאָוויטש האָט זיך נישט אונטערגעשיידט פון די איבעריקע שטעט פון דער אַרו־מיקער סביבה: סאָכאַטשעוו, סקערניעוויץ.

אויף דעם דאָזיקן פאָן האָבן זיך אויסגעשיידט אַ פּאָר פּערזאָ־נען, וואָס האָבן זיך געקליידעט קורץ, וואָס האָבן פאַרקערט צוליב זייערע געשעפטן מיט קריסטן און האָבן געשפּילט אין בילאַרד.

אַ גרופּע ס״ס (באַיאָוועצעס), 1905. (אין צענטער יהושע מאַזעס)
Group of Jewish Socialists, 1905.

אַן אויסנאַם מוז געמאַכט ווערן פאַר ר׳ אהרן מרגליות, וועל־כער, הגם אַ „דאַטש״, האָט ער אָבער פאַראייניקט אין זיך „תורה וגדולה במקום אחד״, געפירט אַן אַריסטאָקראַטישן לעבנס־שטייגער און אָפּגעהיט פרום יידישקייט. קיין „משכיל״ אין דעם דעמאָלטיקן זין — איז ער אויך נישט געווען.

קומט אַראָפּ מיט יענע 40 יאָר צוריק קיין לאָוויטש אַ יינגער־מאַנטשיק, אַן איידעם אויף קעסט, וואָס האָט געלייענט פאַרשידענע ראָמאַנען פון נאַטור־וויסנשאַפטלעכן אינהאַלט פון זשול ווערן און האָט אַ באַגריף וועגן לופט־באַלאָנען, וועגן געשיכטע, האָט ידיעות וועגן היגיענע און פאָלקס־מעדיצין. ער גייט אָן אין שטאָט פאַר אַ גרויסן קענער. און דאָס פאָלק זאָגט, אַז ער איז אַ... פּראָוויזאָר...

עס זענען דאָ משכילים: שלום דער גאָרסעטן־מאַכער, ידי־דיה דעם לעקעך־בעקערס זון, אַ מענטש מיט וועלטלעכע איבער־צייגונגען און פון הויכער זיטלעכקייט, ווען די קליינשטעטלדיקע פינצטערקייט לייגט אַריין אין חרם און וועלכער לעבט זיך אויס אין דער מיטלאַלטערלעכער סביבה, נישט געקוקט אויף דעם מורמ־לען; דער שאַרף און לאָגיש דענקנדיקער ישעי׳ קליינבארד; דער פאַנטאַסט און וויזיאָנער יעקב אהרן טושינסקי, דער אינטע־לעקטועלער און גרינטלעכער קענער פון העברעאיש און דקדוק — אויף דער פאָן פון דער קליינער שטאָט לאָוויטש מיט אירע גע־ציילטע „דאַטשן״ און משכילים באַווייזט זיך דער אויבנדערמאָנ־טער יהושע מאָזעס.

געווען איז ער אַ שניידער, וואָס האָט מערסטנטייל געאַרבעט ביי פרעמדע מייסטערס; אפשר צוליב זיין פיזישן פעלער איז ביי אים פון זיין קינדהייט אָן געווען אויסערסט שטאַרק דער חשק צו וויסן: אָנגעהויבן מיטן „ספר הברית״ און שפּעטער מיט פּאָפּולערע ביכלעך פון וויסנשאַפטלעכן אינהאַלט, געפלאַמט מיט נייגער צו געשיכטע־וויסנשאַפט.

איינער פון די ערשטע לייענער פון וועכנטלעכן „ייד״, האָבנ־דיק אַ גוט אַנטוויקלט געפיל פאַר יושר און אויסצייכענענדיק זיך מיט בונטאַרישקייט קעגן די שטאַרקע און מעכטיקע פון אונ־דזער וועלט, פאַרשטאַרקט דורך דעם דחקות, וואָס איז געווען שטענדיק אין זיין איינשטוביקער וווינונג אויף דער זדונסקאַ גאַס, האָט ער זיך מיט גרויס היץ און אייפער אַריינגעוואָרפן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די יאָרן 1905—1906, וואָס האָט געפונען זיין אויסדרוק אין די דעמאָלטיקע ציוניסטן־סאָציאַליסטן (ס״ס) באַוועגונג. אַ באַזונדערן גלאַנץ האָבן באַקומען זיינע אויגן ביי דער טעטיקייט אין דער דאָזיקער באַוועגונג, וועלכע האָט זיך ברייט צעצווייגט אין אונדזער שטאָט, און האָט זיך נישט אָפּגע־שטעלט זאָגאַר פון פאַרשפּרייטן פּראָקלאַמאַציעס צווישן מיליטער.

זיין גוטער קאָפּ, וואָס האָט געהאַט אַ באַזונדערע פעאיקייט צו גריבלען זיך אין פאַרוויקלטע חקירות, האָט געפונען אַ פּלאַץ פון טעטיקייט אין די פאַרשידענע טעאָריעס פון אַנאַליזירן די עקאָנאָמישע פּראָצעסן פון יידנטום און דערצו נאָך אין דער שווע־רער האַלב־דייטשער עברי פון דעמאָלטיקן אָרגאַן פון ס״ס „דער

„נייער וועג". מיט וואס פאר אן אומבאשרייבלעכער פרייד האט ער געלייענט דעם „פריינד" פון פעטערבורג און דעם בונדישן „וועקער" פון ווילנע!

ס'האט פשוט פון אים ארויסגעפלאקערט די פרייד, און ער האט געפונען אין דער דאזיקער לעקטור א תיקון פאר זיין נשמה, וואס האט געלעכצט נאך פייערלעכקייט אין זיין מאטעריעל ארעמען און טרויעריקן לעבן. ווען די כוואליעס פון דער רעוואלוציע פון 1905 זענען אפגעפלאסן, שאפט ער ביי זיך אין שטיבל א ביבליאטעק פון יידישע ביכער, וועלכע וואקסט אויס צו א צאל פון אייניקע הונדערט עקזעמפלארן. א גאנץ באדייטנדיקע צאל פאר יענער צייט. און א נייע פרייד גייט אויף אין זיין הארץ ביים דערשיינען פון א ניי יידיש בוך.

דעם אפאגיי פון גליק האט ער דערגרייכט, ווען ער האט אדורכגעזעצט מיט גרויס מי און אייגענע כוחות דאס באקומען פון ווארשעווער גובערנאטאר די דערלויבעניש צו גרינדן א לייען־ביבליאטעק, וועלכע האט אריינגענומען, אויסער זיין ביכער־זאמלונג פון דער ביז איצט אומלעגאלער ביבליאטעק, אויך די ביכער־זאמלונג, וואס בית־מדרש־בחורים האבן געהאט פאר זיך באזונדער.

די יידישע באפעלקערונג, וועלכע האט נישט געוווסט אויף איר לעבן, וואס איז דאס אזוינס א רעפעראט און מיט וואס מען עסט דאס, האט דאס אנגערופן „פאליטיש טעאטער", און נישט זייענדיק רייף צו פארשטיין א רעפעראט וועגן ליטערארישער שאפונג, האט אנגעפולט דאס טעאטער, ביז נישט קיין שפילקע אריינצוווארפן, אויף דעם ערשטן רעפעראט פון נח פרילוצקין. און האט זיך אין איר גרויסער מערהייט ביטער אנטוישט, גאנץ ווייניק פארשטייענדיק דערפון...

די דאזיקע לייען־ביבליאטעק איז נישט געוועזן בלויז אן אויסבארג־שטעל פון ביכער, נאר איז אויך געוועזן א גייסטיק־קולטורעלער צענטער, פון וואנען ס'זענען ארויסגעגאנגען די פארשידנסטע איניציאטיוועס.

אזוי האט די ביבליאטעק איינגעארדנט די פארשידנסטע רעפעראטן פון פרילוצקי, ד"ר מוקדוני, הלל צייטלין, סטופניצקי, י. ל. פרץ און אנדערע.

אין אזא גרויסער שאפונגס־פרייד האט זיך אויסגעלעבט דער מאטעריעל־ארעמער, אבער מיט באגייסטערונג רייכער יהושע מאזעס, וועלכער האט גרויסע פארדינסטן פאר דער פארוועלטלעכונג אין יידישן לאוויטש אין משך פון צוויי צענדליק יאר, אין איר גלאנץ־פעריאד אין גייסטיק־קולטורעלן זין.

יהושע מאזעס האט שפעטער אויסגעוואנדערט קיין ארגענטינע, ווו ער איז געשטארבן אין יאר 1936.

(„מאזאווישער וואכנבלאט", 28־טן יאנואר, 1938)

ג. שאיאק

דער קינסטלער וואלף וויינטרויב

(א פען-פארטרעט)

וואלף וויינטרויב איז קוים עטלעכע צוואנציק יאר אלט געוועזן, ווען נאך שווערע מאטערנישן און ארבעט, האט זיך פאר אים ענדלעך אנטפלעקט א נייע וועלט אין דער פלאסטישער קונסט. ער האט דעמאלט געלערנט עטלעכע יאר אין פאריז און זיך געגרייט אומצוקערן קיין פוילן. גראד איז אויסגעבראכן די ערשטע וועלט־מלחמה, און דער יונגער קינסטלער האט פארטוישט זיין שטאלוגע און פענדזל אויף א ביקס. ער איז אריינגעטראטן אלס פרייוויליקער אין פוילישן לעגיאן, וואס האט זיך, אין 1914, פארמירט אין פראנקרייך.

4 יאר צייט האט וויינטרויב געקעמפט אויפן מערב־פראנט קעגן דער דייטשער ארמיי, ווו ער האט פיל דערפארן און זיך אויף טריט און שריט אנגעטראפן מיט די שוידערלעכקייטן פונעם קריג. די דאזיקע פיר יאר האבן אים פארהארטעוועט און אויסגעברייטערט זיין קוק אויפן לעבן.

פארשטענדלעך, אז אין די שוצגרובנס האט ער נישט געקאנט מאלן. נאכן סוף פון דער מלחמה, ווען ער האט זיך אומגעקערט קיין פוילן דורך דער שווייץ, ווו ער איז געבליבן א געוויסע צייט, האט ער מיט גרויס אייפער זיך גענומען מאלן, אן אויסגעהונגערטער די אלע יארן נאך פארב און פענדזל. נאכדעם, ווי ער האט זיך אומגעקערט קיין פוילן, איז ער אין א קורצער צייט אויסגעוואקסן צו איינעם פון די באדייטנדיקסטע קינסטלער אין לאנד.

דער גורל האט געוואלט, אז קנאפע דריי יארצענדליק שפעטער זאל וויינטרויב אומקומען פון די הענט פון די תליינים פון זעלבן יונקערישן פאלק, קעגן וועלכן ער האט געקעמפט אויפן מערב־פראנט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה.

די איראניע פון גורל האט דערביי אויך געוואלט, אז וויינטרויב זאל נישט אומקומען אליין, נאר צוזאמען מיט אלע יידישע קינסטלער אין ווארשעווער געטא, וועלכע האבן אויף אים ארויפגעקוקט ווי אויף א פאטער און באשיצער. ער האט געהאט פארטראכט א פלאן, וואס האט זיי אלע געזאלט ראטעווען מיט זייערע משפחות. דער נאיווער וויינטרויב, צוזאמען מיט זיין מיט־איניציאטאר, דעם קינסטלער ראמאן ראזענטאל, האבן געהאט די בעסטע כוונות, אבער זייער פלאן איז ליידער פארוואנדלט געווארן אין א גרייט ווערקצייג פאר די נאצי־פארטיליקער, כדי אומצוברענגען מיט איינמאל אלע יידישע קינסטלער.

דאס איז געווען אין חודש מאי, 1942, ווען אין ווארשעווער געטא האבן זיך אנגעהויבן די קאשמארפולע אויסזידלונגען. וויינטרויב האט, צוזאמען מיטן קינסטלער ראמאן ראזענטאל, געשאפן

דעם טראַגישן „קאָאָפּעראַטיוו" פון יידישע קינסטלער, וואָס האָט זיי געדאַרפט ראַטעווען פון אַ זיכערן טויט.

מ'האָט פאַרלייגט אַ פאַבריק פון פראָשעק צו פוצן מעטאַל און שלייף־שטיינדלעך. און די גאַנצע פּראָדוקציע האָט מען אומזיסט אַוועקגעגעבן דער דייטשער פירמע „קאַרל היינץ מילער", וואָס האָט זיך ספּעציאַליזירט אין סטאָלערײ־אויסאַרבעטונגען. די לעצטע האָט אויך געגעבן איר פירמע־שילדל דער „שאָפּקע" פון די קינסטלער, פאַרן פרייז פון אַרבעטס־אויסווייזן, וואָס האָט זיי געדאַרפט אָפּהיטן פון „אויסזידלונג".

יוסף סאַנדעל, אין זיין בוך „אומגעקומענע יידישע קינסטלער אין פּוילן", שרייבט וועגן טראַגישן קאַפּיטל:

„היות די קינסטלער האָבן די אויסגעאַרבעטע מאַטעריאַלן אָפּגעגעבן אומזיסט, האָבן זיי אַליין געלעבט אין גרויס נויט. און

וו. וויינטרויבס „אַ דעראינערונג פון דער געבוירן־שטוב"
W. Weintraub: Reminiscences of birth-place.

וויינטרויב, ראָזענטאַל, פּונקט ווי די אַנדערע, זענען געצוווּנגען געווען צו שטיין שעהנלאַנג אין דער ריי פון דער פאָלקס־קיך נאָך אַ טעפּל זופּ".

וואָלף (וולאַדיסלאַוו) וויינטרויב איז געבוירן געוואָרן דעם 18־טן נאָוועמבער 1891, אין לאָוויטש, ביי פאַרמעגלעכע, חסידישע עלטערן. זיין פאָטער האָט געהייסן יחיאל און די מוטער יוכבד.

דער יונגער וויינטרויב האָט געלערנט אין חדר און שפּעטער, אין דעם לאָוויטשער בית־המדרש. נאָך אַלס אַ קליין יינגל האָט ער אַרויסגעוויזן מאָלערישע פעאיקייטן. אַזוי ווי זיינע עלטערן האָבן געהאַט אַ פאַרבן־געשעפט, האָט ער שוין פון אָנהויב אָן געמאָלן פאַרשידענע סקיצן מיט פּענדזל און וואַסער־פאַרב און באַלד איבערגעגאַנגען צו אויל־פאַרבן. ער פלעגט זייער אָפט, אין דער געזעלשאַפט פון זיינעם אַ יוגנט־חבר, אַוועק הינטער דער שטאָט און מאָלן פּייזאַזשן.

זיין יוגנט־חבר און מיטצייטלער, י. צ. טויבענפעלד, דערציילט, אַז איינמאָל, בעת אַ פּוילישן אָנדענקס־טאָג, איז פאָרגעקומען אַ גרויסע פּראָצעסיע פון דער פּוילישער באַפעלקערונג אין היסטאָרישן פּוילישן שלאָס אין „אַרקאַדיע", וואָס ליגט 5 קילאָמעטער פון דער שטאָט.

דער יונגער וויינטרויב איז דעמאָלט מיטגעגאַנגען מיט דער פּראָצעסיע און אויפן אָרט געמאָלן דאָס שיינע פּאַלאַצל. דאָס בילד איז אים זייער געלונגען און אים אויסגעשטעלט אַ צייגעניש אויף אַ צוקונפטיקן קינסטלער.

פאַרשטענדלעך, אַז זיינע פרומע עלטערן האָבן זיך קעגנגעשטעלט, אַז זייער זון זאָל זיך פאַרנעמען מיט מאָלן מענטשעלעך און בילדער. און צוליב דעם איז געקומען צו אָפטע מחלוקות אין שטוב.

וויינטרויבס שוועסטער האָט אַרויסגעוויזן גרויס פאַרשטענדעניש פאַר איר טאַלאַנטירטן ברודער און אים געהאָלפן איינאָרדענען אַן אַטעליע אין אַ בוידעם־שטיבל אין זייער אייגן הויז. דאָרט האָט דער יונגער וויינטרויב אין געהיים געמאָלן זיינע ערשטע גרעסערע לייוונטן, און געחלומט צו שטודירן אין אַ קונסט־שול, כדי צו אַנטוויקלען זיין טאַלאַנט. די שוועסטער האָט אים דערמוטיקט און אינספּירירט אין זיין אַרבעט און זיך אונטערגענומען צו פּועלן ביי די עלטערן, אַז אויב ער וועט אָנגענומען ווערן אין אַזאַ שול, זאָלן זיי אים מאַטעריעל שטיצן.

וויינטרויב האָט אויך צו יענער צייט געמאַכט אַ פאַרזוך אָנצוקומען אין דער „בצלאל"־שול אין ירושלים. צו דעם צוועק האָט ער אַרויסגעשיקט דאָס בילד, וואָס ער האָט געמאָלן אין „אַרקאַדיע", צוזאַמען מיט אַ שיין־פאַרפאַסטן העברעאישן בריוו פון י. צ. טויבענפעלד. דער פּאַקעט איז אָבער נישט דערגאַנגען אויפן באַשטימטן אַדרעס, ווייל די צאַריסטישע גרענעץ־מאַכט האָט קאָנפיסקירט דאָס בילד, ווייל ס'האָט געטראָגן דעם אויפשריפט „פּוילישער מלוכהשער פּאַלאַץ", און צוליב דעם האָט די צאַריסטישע מאַכט נאָך פאַרפירט אַן אויספאָרשונג קעגן דעם אַרויסשיקער פון בילד.

נאָכדעם, ווי זיין שוועסטער האָט געהייראַט, איז דער יונגער וויינטרויב אַ צייט געבליבן אָן אַ וועגווייזער און אַ מאָראַלישן אונטערשטיצער אין פאַרווירקלעכן זיין לעבנס־אַמביציע. אומדערוואַרט איז אים דעריין אַנטקעגנגעקומען זיין עלטערער ברודער יאָסל, וועלכער האָט זיך שוין פאַרנומען מיטן פאָטערס געשעפט. ער האָט צו זיין באַגאַבטן עלטערן ברודער אַרויסגעוויזן פאַרשטענדעניש און קעגן ווילן פון די עלטערן, אים געשטיצט, כדי אָנצוקומען אין דער וואַרשעווער קונסט־שול „שקאָלאַ שטוק פּיענקניך". זיין מעצענאַט איז דעמאָלט געווען אַנאַטאָל וועקשטיין.

דער לייטער פון דער קונסט־שול איז געווען דער נאַראָדאָוויעץ, פּראָפ. ניעוויאַדאָמסקי. דער זעלביקער, וועלכער האָט שפּעטער דערמאָרדעט דעם ערשטן פּוילישן פּרעזידענט נאַרוטאָוויטש.

דער דירעקטאָר, פּראָפ. ניעוויאַדאָמסקי, האָט נאָכן עקזאַמינירן דעם יונגן וויינטרויב, אים געראָטן, אַז ער זאָל זיך נישט פאַרנעמען מיט קיין לעבעדיקער קונסט, נאָר מיט דעקאָראַטיווער, צו וועלכער ער האָט גרויס טאַלאַנט. אין דער הינזיכט איז די מיינונג פון פּראָפ. ניעוויאַדאָמסקי געווען אַ טרעפלעכע און ווייטזעעוודיקע, ווייל, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז וויינטרויב אויסגעוואָקסן פאַר איינעם פון די אָנגעזעענסטע מייסטערס פון דער דעקאָראַטיווער קונסט אין פּוילן, און פאַר אַזאַ איז ער אַריין אין דער געשיכטע פון דער יידישער פּלאַסטישער קונסט.

אין דער זעלבער שול האָט ער זיך באַקענט מיט אַ יידישער סטודענטין און מיט איר געהייראַט און ווייטער פאָרגעזעצט זיינע שטודיעס. זיי האָבן געהאַט אַן איינציקע טאָכטער.

אַדאַנק דער אונטערשטיצונג פון דעמאָלטיקן פּאָרזיצער פון דער „זאַכענטאַ״, יוליוש הערמאַן, האָט ווײַנטרויב באַקומען אַ סטיפּענדיע צו שטודירן אין פראַנקרײַך. אין אָנהויב איז אים אין פּאַריז געווען זייער שווער, און כדי זיך אויסצוהאַלטן, איז ער געצווונגען געווען צו טאָן פאַרשידענע האַנטווערקערישע באַשעפטיקונגען.

אין פּאַריז האָט ער זיך באַקענט מיטן גרויסן ייִדיש־רוסישן טעאַטער־דעקאָראַטאָר לעאָן באַקסט, וועמענס אמתער נאָמען איז געווען ראָזענבערג און האָט געשטאַמט פון גראָדנע.

וו. ווײַנטרויבס „די גאַס״ (טעאַטער־דעקאָראַציע)
W. Weintraub: The Street (Theatre decor)

די דאָזיקע באַקאַנטשאַפט האָט פּאַקטיש דעצידירט די וויטערדיקע ריכטונג אין ווײַנטרויבס שאַפונג, באַאײַנפלוסט פון לעאָן באַקסט און דעם נײַעם צווײַג אין דער פּלאַסטישער קונסט. און בײַ אים איז אויפגעגאַנגען די אידעע פון אומקערן זיך קיין פּוילן און זיך פאַרנעמען מיט מאָלן דעקאָראַציעס פאַרן ייִדישן טעאַטער.

אָבער אינצווישנצײַט איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה און ווײַנטרויב איז אַוועק אויפן פראָנט אַלס פרײַוויליקער אין פּוילישן לעגיאָן.

ווײַנטרויב איז געווען אַ פאַנטאַסט, אַן עקספּרעסיאָניסט מיט מיסטישע שטימונגען, וועלכע קומען בולט צום אויסדרוק אין אַלע זײַנע שאַפונגען, אָנהויבנדיק פון זײַנע קאָמפּאָזיציעס, פּראָיעקטן צו טעאַטער־דעקאָראַציעס, אָדער „שטיל־לעבנס״.

ווײַנטרויב איז אין זײַנער צײַט פאַרעכנט געווען צו די מאָדערנע ייִדישע קינסטלער; מאָדערן, אָבער נישט אויף אַזויפיל, ער זאָל פאַרלירן זײַן אייגענע אינדיווידואַליטעט אונטער דעם שטענדיקן דרוק פון אַלערליי פאָראיבערגייענדיקע אָנשויאונגען און קונסט־שטרעמונגען. אין דעם רוב פון זײַנע בילדער קומט צום אויסדרוק זײַן אייגנאַרט, פאַר וועלכן דאָס געזעענע אין דער נאַטור דינט אַלס צוועק צו שאַפן קינסטלערישע קאָנצעפּציעס.

דאָס כאַראַקטעריסטישע אין זײַן אייגנאַרט קאָן באַצייכנט ווערן דערמיט, וואָס ווײַנטרויב איז געווען דער קינסטלער פון דיסקרעטע און סובטעלע פאַרבן־טענער. דערפאַר געהערן זײַנע „שטיל־לעבנס״ צו זײַנע רײַפסטע ווערק.

וואָלף ווײַנטרויב איז געווען פון נידעריקן וווקס, ברייטפּליי־צ ציק, מיט אַ קאָפּ געדיכטע, בלאָנדע האָר און בלוילעך־גרויע אויגן, וואָס האָבן ממש היפּנאָטיזירט. זײַן פול, רונדיק, טונקל־הויטיק פּנים, מיטן רעגלמעסיקן מוילשניט, האָט געהאַט אַ גוטמוטיקן אויסדרוק. ער האָט גערעדט פאַרטראַכט און צוריקגעהאַלטן, ווי זוכנדיק די פּאַסיקע ווערטער, צו געבן אַ בילדלעכן אויסדרוק זײַנע געדאַנקען. ער איז תּמיד געווען פאַרנומען און איבערגעלאָדן מיט שעפערישע אידעען און פּלענער, דערצו זייער אַרבעטסזאַם. ער פלעגט זיך אָפּט אַרויסזאָגן מיט דער פעדער אין דער פּרעסע, וועגן פאַרשידענע פּראָבלעמען אין דער מאָדערנער קונסט און ספּעציעל אין דער דעקאָראַטיוו־סצענישער קונסט.

ווײַנטרויב האָט אויך גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די וואַרשעווער ייִדישע קונסט־קרײַזן. ער איז געווען פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער ייִדישער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט, און במשך אַ געוויסער צײַט — סעקרעטאַר פון דער זעלבער געזעלשאַפט.

אין די ערשטע יאָרן פון זײַן קינסטלערישער קאַריערע פלעגט ער פון צײַט צו צײַט נאָך קומען קיין לאָוויטש, אָבער שפּעטער האָט ער ווייניק צײַט געהאַט צו קומען אויף אַ באַזוך, איבערהויפּט נאָכן טויט פון זײַנע עלטערן.

ווײַנטרויב האָט געהערט צו דער קינסטלערישער גרופּע, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם פוטוריסטיש־ליטעראַריש־קינסטלערישן זשורנאַל „די כאַליאַסטרע״, שפּעטער דעם זשורנאַל „דער אַלבאַטראָס״. ער האָט מיטגעאַרבעט אַלס דעקאָראַטאָר מיטן טעאַטער־קאָלעקטיוו „די ווילנער טרופּע״. ער האָט געשאַפן די פּראָיעקטן צו די דעקאָראַציעס און קאָסטיומען צו פּרצס דראַמע „בײַנאַכט אויפן אַלטן מאַרק״ און ק. גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ״. ער האָט אויך פּראָיעקטירט די דעקאָראַציעס צו דער פּיעסע „דער גולם״ און אַ געוויסע צײַט מיטגעאַרבעט מיטן רעזשיסער דוד הערמאַן בײַם גרינדן דאָס טעאַטער „אַזאַזל״.

אויך די דירעקציע פון דער וואַרשעווער אָפּערע האָט איינגעלאַדן ווײַנטרויבן מיטצואַרבעטן בײַם רעאַליזירן די דעקאָראַטיווע ראַם פונעם „דיבוק״, מיט דער מוזיק פונעם איטאַליענישן קאָמפּאָזיטאָר ראָק.

ווײַנטרויב האָט פאַרמאָגט אַ שטאַרקן חוש פאַר ייִדישן פאָלקלאָר, און דאָס לעצטע זיך באַמיט אַרויסצוברענגען אין זײַנע דעקאָראַטיוו־סצענישע קרעאַציעס, אונטערשטרײַכנדיק די מיסטיק פון דער חסידישער סביבה, וואָס ער האָט אַזוי גוט געקענט פון זײַן היים.

אָפּגעזען פון זײַן שעפערישקייט אַלס מאָלער־דעקאָראַטאָר, האָט ווײַנטרויב זיך אויך פאַרנומען מיט אַלגעמיינער קונסט. ער האָט געשאַפן פּאָרטרעטן, פּייזאַזשן און „שטיל לעבנס״. ער האָט געהערט צו דער גרויסער גרופּע פּוילישע קינסטלער, וועלכע זענען געשטאַנען בײַם קוואַל פון דער מערב־אייראָפּעאישער פּאָזיטיווער מאָלעריי. ער האָט אויך געהאַט עטלעכע אינדיווידועלע אויסשטעלונגען.

וואָלף ווײַנטרויב האָט אין די 30־ער יאָרן געקראָגן צוויי אויסצייכענונגען פאַר זײַנע קינסטלערישע דעקאָראַציעס, איינע פון דער לעטישער רעגירונג אין ריגע, און די צווייטע פון וואַרשעווער שטאָט־ראַט.

אין אָנהויב חודש מערץ 1939, ערב דער ערשטער מלחמה־פּאַניק אין פּוילן, האָב איך באַזוכט ווײַנטרויבן אין וואַרשע און

געווען אַ גאַסט אין זיין הויז, ביי אים מיט זיין פאַמיליע. איך האָב באַזוכט זיין אַטעליע אויף מילנע 9 א, וואָס ער האָט געהאַט בשותפות מיטן סקולפּטאָר אברהם אָסטזשעגאַ, דעם שאַפער פון אוהל־פּרץ.

אין אונדזער געשפּרעך, האָט וויינטרויב אָפּגעפרישט דעראיינערונגען פון זיין פריער יוגנט אין לאָוויטש, און האָט זיך געטיילט מיט זיינע שאַפונגס־פּלענער אויף להבא. איך האָב אים דעמאָלט געבעטן, ער זאָל זיך באַטייליקן אין דער ספּעציעלער אויסגאַבע פון „מאַזאָווישער וואָכנבלאַט", וואָס איך האָב רעדאַגירט און איז דערשינען אין זיין היימשטאָט. ער האָט מיר פאַר דער אויסגאַבע געגעבן עטלעכע קלישן, וואָס שפּיגלען אָפּ אַ באַדייטנדיקע פריערדיקע תקופה פון זיין קינסטלערישן שאַפן, צוו. אַנד. אַ דעקאָראַציע צו ראָמען ראָלאַנס „די וועלף", „די גאַס" (אַ טעאַטער־דעקאָראַציע), „אַ דעראינערונג פון דער געבוירנשטוב" (אַ חלום), פּראָיעקט צו אַ טעאַטער־דעקאָראַציע, דעקאָראַציע צו דער לעגענדע „רבי אלימלך" און „מאָטיוו פון קוזמיר".

און ווער האָט געקאָנט אַנען אין יענע טעג, ווען מיר זענען געשטאַנען אויפן פּלאַץ פון זיין אַטעליע, אַז דער דאָזיקער הויף וועט אין צוויי יאָר שפּעטער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טראַגישער פאַסטקע פאַר איר אייגנטימער און אַנדערע יידישע קינסטלער?

געשען איז דאָס בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע. וויינטרויב מיט זיין ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט האָט אָנטיילגענומען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן אין געטאָ. ער איז געווען מיטגליד פון „יוס" (יידישע אונטערשטיצונגס־שטעלע). זיין אַטעליע, וואָס איז געווען נאָענט צו אָסטזשעגאַס וואַרשטאָט, איז געווען אַן אָפּטער טרעףפונקט פאַר פיל קינסטלער. דאָ האָבן זיי אַרומגערעדט די אַקטועלע ווייטיקלעכע פראַגן, וואָס זענען פאַרבונדן געווען מיט דער טראַגישער לאַגע פון די יידישע פּלאַסטיקער אין געטאָ.

י. סאַנדעל, אין זיין בוך „אומגעקומענע יידישע קינסטלער", שרייבט וועגן דעם: „וואַרשיינלעך דאָ איז אויפגעקומען דער אומגליקלעכער געדאַנק צו שאַפן דעם ‚קינסטלער קאָאָפּעראַטיוו‘, וועלכער האָט געזאָלט, לויט דער מיינונג פון וויינטרויבן, אָפּראַטעווען דאָס לעבן פון זיינע מיטגלידער מיט זייערע משפּחות. מ'האָט נאָך דעמאָלט געגלויבט אין דעם ווערט פון די אַרבעט־צייגענישן, וואָס די דייטשן האָבן אַרויסגעגעבן. וויינטרויבס איינפאַל האָט זיך לײַדער אַרויסגעוויזן פאַר אַן אומגליקלעכן, ווייל די קינסטלער, גלויבנדיק אין די פאַרזיכערונגען, אַז די, וואָס אַרבעטן, דראָט נישט קיין געפאַר, האָבן זיך געלאָזט כאַפּן בעת דער אַרבעט. די גאַנצע גרופּע איז אין די אַרבעטס־פאַרטוכער אַרויסגעטריבן געוואָרן אויפן אומשלאַג־פּלאַץ און פון דאָרט גלייך אין די וואַגאָנען.

„דער אומגליקלעכער וויינטרויב האָט נישט געקאָנט שטילן זיין ווייטיק, אַז צוליב אים קומען אום זיינע חברים. אויפן וועג צום אומשלאַג־פּלאַץ האָט ער געבעטן זיינע חברים, זיי זאָלן אים מוחל זיין דעם טראַגישן טעות זיינעם. ווען זיי זענען אַריין אין די וואַגאָנען, האָבן אַלע קינסטלער אויפגעהויבן זייערע קעפּ, כדי ווי אַמלענגסטן זיך אָנזעטיקן מיטן העלן הימל, וואָס האָט געזאָלט זיין פאַר זיי אַ טרייסט אין זייער טראַגישן גורל".

יחיאל־מאיר זילבערבערג ז"ל

(אן אינטימער פען-פארטרעט)

דער דאָזיקער מאמר איז געשריבן געוואָרן צו זיין 50־יאָריקן געבורטסטאָג, אין יולי 1939, און פאַרעפנטלעכט געווען אין דער „וואָצלאַווקער שטימע" און ווערט דאָ געגעבן אין אַ געקירצטער פאָרם. — רעדאַקציע.

ווען איך דערמאָן זיך די פאַרגאַנגענע יוגנט־יאָרן, פול מיט טרוימען, האָפענונגען און אידעען־זוכעניש, טויכט גלייך פאַר מיר אויף די געשטאַלט פון יחיאל מאיר זילבערבערג ז"ל, אַלס די פערזאָניפיצירונג פון יענער שטורעם־ און דראַנג־עפּאָכע; פון יענער אידעאַליסטישער, ראָמאַנטישער תקופה, פול מיט אומדערשיטערלעכן גלויבן אין דער „מענטשהייט" און אין דער גאָר נאָענטער „ליכטיקער צוקונפט".

עס איז געווען די אויפקום־תקופה פונעם ציוניזם אין זיין הערצליאַנישער געשטאַלט; אָנפאַנגען פון אַ סאָציאַליסטישער באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס; ערשטע שפּראָצונגען פון אַ יידישער ליטעראַטור און קולטור־וועזן; התחלות פון אַ מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור.

יחיאל מאיר זילבערבערג איז טאַקע געווען אַ קינד פון יענער תקופה אין איר כאַראַקטעריסטישער פאַרקערפּערונג.

געבוירן און דערצויגן אין אַ חסידישער, נגידישער, מיוחסדיקער משפּחה אין לאָוויטש. דער פאָטער, ר' יצחק־דוד, אַ שיינער ייד, למדן, הויז־באַזיצער, און אַ געוויסע צייט „פּאָדריאַדטשיק" און אָפטער בורר ביי פאַרשידענע פאַרוויקלטע דין־תורות. יחיאל מאיר, ווי דער שטייגער, גייט אין חדר, ווערט באַקאַנט אַלס „גוט יינגל" מיט אַ שנעלער תפיסה, אַ מתמיד. עס טרעפט אָבער, אַז ער פאַרוואַרפט פּלוצלינג די גמרא און ווערט פאַרשוווגדן, שפּאַצירנדיק און דערקוויקנדיק זיך מיט גאָטס וועלט און מיט דער שיינער נאַטור מחוץ דער שטאָט.

דער פאָטער גיט אים שפּעטער אָפּ צו ר' שמחהלען, דעם חדושי הרי"מס געוועזענער תלמיד. דאָ לערנט ער שווערע סוגיות און פּילפּולים. אים ציט אָבער צו די אגדתות, צו יענע עמודים אין דער גמרא, ווו דער פּנים איז אַזוי גרויס און ברייט און די אַרומיקע מפרשים — רש"י און תוספות — אַזוי קנאַפּ און ווייניק, אַ מחיה...

קלאָגט זיך טאַקע ר' שמחהלע: ער לערנט מיט אים די האַרבע סוגיא „תגרי לוד", בלעטערט אָבער יחיאל מאיר ווייטער און ער שטויסט זיך אָן אויף דעם פּרק „השוכר את הפועלים", כמעט בלויז אגדתא. קריכט אים שוין נישט אין קאָפּ דער גאַנצער ענין פון

שתות מלנו און שתות מלבר. ער פאַרשאַפט זיך דאַן פאַרשידענע ספרים, ווי אַ שלשלת־הקבלה, ספר היוחסין, צמח דוד אד״גל, וועלכע ער לייענט מיט גרויס נייגעריקייט.

דערווייל כאַפּט ער זיך אַרויס פון צייט צו צייט אין געהיים צו די „משכילים״ אין שטאָט. יענע, גלויבנדיק אין זייער שליחות צו פאַרשפּרייטן „השכלה״ און קעמפן מיט די „מורדי אור״, האָבן אים טאַקע שטאַרק מקרב געווען.

דאָ באַקענט ער זיך צום ערשטן מיטן „הצופה לבית ישראל״ פון ערטערן, „תעודה בישראל״ פון ריב״ל אאַ״וו. ער באַקומט צו לייענען אַלטע מאספים, אַלטע יאָרגענג פון „המגיד״, „השחר״, „הכרמל״, דעם „התועה בדרכי החיים״, „עיט צבוע״, „אהבת ציון״, „מסתרי פריז״ אאַ״וו. אַלץ, וואָס קומט אים נאָר אונטער דער האַנט. דאָ שעפּט ער זיינע ערשטע ידיעות אין געשיכטע, צו וועלכער ער האָט אַ באַזונדערע נייגונג.

יחיאל־מאיר גייט דאַן איבער אין בית־המדרש — לערנענדיק גלייכצייטיק זיין טעגלעכן שיעור ביי זיין פעטער ר׳ נתן חיים, דעם אַלטן שאַרפן קאָצקער חסיד, איצט, ווי בעל כרחו, געדער, אָבער מיט אַ ביטול־באַציאונג צום גאַנצן געדער חסידות.

יחיאל מאיר טראָגט איצט מער נישט דעם עול פון חדר און זיין איצטיקער רבי איז אויך נישט אַזוי שטאַרק מקפיד. ער הויבט אָן באַאיינפלוסן זיינע בית־המדרש־חברים. מען בילדעט קרייזלעך, מען לערנט אויך וועלטלעכע לימודים (נאַטירלעך שטרענג קאָנספּיראַטיוו). מ׳לערנט, דיסקוטירט און אומעטום איז יחיאל־מאיר פון די ראשי־המדברים.

עס זענען די ערשטע יאָרן פון פּאָליטישן ציוניזם. יחיאל מאיר ווערט דאַן אַ ציוניסט. אין אַ צייט אַרום ווערט ער, אָבער, פון צייט צו צייט פאַרשוווּנדן און ווען ער קומט צוריק, הויבט ער אָן צו רעדן וועגן די „ברייטע אָרעמע מאַסן״, וועגן סאָציאַליזם, עקספּלואַטאַציע. עפּעס גאַנץ נייע דיבורים.

איך דערמאָן זיך, אַז איינמאָל אין אַ תשעה באב, נאָך קינות, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אויפן שולהויף מיט זיינע בית־המדרש חברים און זיי מסביר געווען דעם ענין פון „אַרבעט און קאַפּיטאַל״. די טעאָריע פון „מערווערט״ און די אומגערעכטע פאַרטיילונג פון די רייכטימער. פאַר דעם רוב יוגנטלעכע — גאָר נייע פּראָבלעמען און באַגריפן.

צו יענער צייט הויבט יחיאל מאיר אויך אָן צו פאַרקערן צווישן די יידישע אַרבעטער און זיך חברן מיט זיי. עס האָט נאָך ביז יענער צייט קיין בחור פון זיין מדרגה און ספּערע נישט געפּועלט ביי זיך אַזוי זיך צו „דערנידעריקן״.

אייגנטלעך, איז דער באַגריף „יידישער אַרבעטער״ נאָך דאַן, ווייניקסטנס אויף דער פּראָווינץ, געווען ווילד־פרעמד און אומבאַקאַנט. אַן אַרבעטער קאָן נאָר זיין אַ מגושימדיקער גוי, אַ ייד, דאַקעגן, קאָן העכסטנס זיין אַ בעל־מלאכה, ווי אַ שניידער, שוסטער, שטעפּער, צו וועלכע מ׳האָט זיך באַצויגן מיט ביטול.

די זעלבע גרינגשעצטע בעלי־מלאכות וואָלטן געהאַלטן דאַן פאַר אַ פּחיתות־הכבוד צו ווערן פאַררעכנט פאַר אַרבעטער. עס איז אָבער דאַן אין לאָוויטש אַנטשטאַנען די זאַקן־מאַכעריי, אַ פּראָפעסיע, וואָס האָט נישט געפאָדערט קיין ספּעציעלע פאַרברייטונג. אין פאַראָרעמטע חסידישע פאַמיליעס, וועלכע ס׳איז דאָך נישט אַנגעשטאַנען זייערע קינדער צו מאַכן פאַר בעלי־מלאכות, האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט זאָקן־מאַכעריי. אַ ניי פאַך, וואָס האָט זיך נאָכ־ נישט גערעכנט אַלס „מלאכה״. די דאָזיקע זאָקן־מאַכער האָבן זיך אַליין אָנגעהויבן צו רופן „אַרבעטער״, מיט וועלכע יחיאל מאיר האָט זיך גענומען חברן, האַלטן פאַר זיי פאָרטראַגן און וועקן ביי זיי אינטערעס פאַר יידישע קולטור־ווערטן. אין געדער שטיבל האָט מען טאַקע אָנגעהויבן מורמלען. אָבער די זאָקן־מאַכער זענען דאָך על־פּי־רוב אַליין געווען קינדער פון חסידישע עלטערן.

עס קומט צו אַ שאַרפן קאָנפליקט מיטן חסידישן פאָטער. יחיאל־מאיר ווערט ברוגז, קומט צו איינעם פון זיינע חברים און דאָ ווערט רעדאַגירט אַן אולטימאַטום אַזאַ, געשריבן אין אַ שיינער העברעאישער שפּראַך און אָנגעפּיקעוועט מיט מאמרי חז״ל וועגן דער גרויסער באַדייטונג פון מלאכה און יגיעת־כפּים. ער שטעלט דערביי דעם פאָטער אַ ריי פאָדערונגען.

דער פאָטער לייענט דעם אולטימאַטום און האָט גרויס הנאה פון דעם שיינעם לשון־קודש און בקיאות, אָבער האָט דערביי גרויס עגמת־נפש, וואָס דער זון גייט אַראָפּ פון „גלייכן וועג״.

דער פאָטער, אַ קלוגער ייד, האָט אים אָבער נישט געוואָלט אָפּשטויסן בשתי ידיים, מורא האָבנדיק פאַר די פאָלגן. עס קומט צו אַ קאָמפּראָמיס און יחיאל־מאיר דערווערבט זיך אַ געוויסע באַוועגונגס־פרייהייט.

נאָך מיט אַ קורצער צייט פריער ווערט דורך די בית־המדרש־בחורים געגרינדעט, אויסשליסלעך פאַר זייער אייגענעם געברויך, אַ ביבליאָטעק, — זעלבפאַרשטענדלעך על טהרת השפה העברית. איינער פון די מיסדים איז אויך געווען יחיאל־מאיר זילבערבערג.

עס האָט נאָך דעמאָלט אין די יידישע קרייזן געהערשט אַ דורכאויסיק גרינגשעצנדיקע באַציאונג צו יידיש, צו דער „שפחה״, וועלכע האָבן געזען, אַז אין דער דאָזיקער „זשאַרגאָנישער״ שפּראַך זענען העכסטנס פאַראַן „מעשה ביכלעך״ פאַר שניידער און פאַר דינסטמיידן. געלייענט האָט מען העברעאישע ספרים און מיט רעספּעקט זיך באַצויגן צו פרעמד־שפּראַכיקע ביכער, וועלכע מ׳האָט אויך אָנגעהויבן לייענען.

יחיאל מאיר איז ביי אונדז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דורכגעבראָכן די מויער, צו אַ מער פּאָזיטיווער באַציאונג צו יידיש לשון און איר ליטעראַטור.

ער פלעגט פון ערגעץ באַקומען יידישע ביכער און כמעט אויפצווינגען זיינע בית־המדרש־חברים זיי צו לייענען. דאַן פלעגט מען אויך ביי יעדער ספרים־קניה, אַ טייל פון דער באַשטימטער סומע — אין אַ כסדר געשטייגערטער פּראָפּאָרץ, פאַרווענדן אויף איינקויף פון יידישער ליטעראַטור, ווי מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם און אַנדערע.

*

צו יענער צייט הויבט יחיאל־מאיר אָן זאָרגן פאַר „תכלית״. ער גרייט זיך אַלס עקסטערן צו מאַטורע־עקזאַמענס, אָבער אַנשטאָט די אַלטע רוסישע „בילינעס״, ציען אים מער די ווערק פון טורגעניעוו און דאָסטאָיעווסקי. ער „זובערעוועט״ אין די טרוקענע מאַטעמאַטישע פאָרמולעס, אָבער די חושים זענען מער אַריינגעטאָן אין די שיינע געשיכטלעכע ווערק אין דער רוסישער שפּראַך (די זעלבע מעשה מיט די אגדתאס).

ער פאָרט דאַן אַריבער קיין וואַרשע, טרעט צו צום עקזאַמען, דאַן אַרבעט ער דאָרט אויף אַ פּאָסטן אין אַ ביוראָ. דאָ פאַרקערט ער אין די ליטעראַרישע קרייזן. קורץ פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה קומט ער צוריק קיין לאָוויטש, ווו ער

פירט אָן מיט אַ ברייטער קולטור־טעטיקייט, נישט אָנשליסנדיק זיך דערביי אין קיין שום פּאַרטיי.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין יאָר 1916, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן אין שטאָט דער „הזמיר" אין פרעכטיקן זאַל אין צענטער פון שטאָט, מיט אַ כאָר, אָרקעסטער, דראַמאַטישער סעקציע, טורן־סעקציע אאַ"וו, איז יחיאל־מאיר איינער פון די טעטיקסטע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער.

אַדאַנק זיין איניציאַטיוו, ווערט אין אַ געוויסער צייט שפּעטער דער „הזמיר" פאַרוואַנדלט אין אַ פאָלקס־הויז, וואָס שליסט אויך איין די ביז דאַן סעפּעראַט־עקזיסטירנדיקע ביבליאָטעק און לייען־זאַל. ער שטייט אין דער שפּיץ פון דער דאָזיקער פאָלקס־אינסטיטוציע און פירט דאָרט אָן מיט אַ פרוכטבאַרער טעטיקייט, ביז זי ווערט פאַרכאַפּט און אָקופּירט דורך די לינקע פּועלי־ציון.

אינערלעכע פּאַרטיי־מחלוקתן דערפירן שפּעטער צו דער פולשטענדיקער ליקווידאַציע פון דער דאָזיקער קולטורעלער אינסטיטוציע אין לאָוויטש.

זילבערבערג רעזיגנירט אָבער נישט און אַ צייט שפּעטער, נאָך לאַנגע באַמיאונגען און אינטערווענצן ביי דער מאַכט, שאַפט ער די „ליטעראַרישע געזעלשאַפט", מיט וועלכער ער פירט אָן, ביזן טאָג, ווען ער ציט זיך אַריבער קיין וולאָצלאַוועק.

יחיאל־מאיר זילבערבערג איז נישט געווען אָנגעשלאָסן אין קיין שום פּאַרטיי. באַזיצנדיק אַן אוצר פון וויסן, אַ בן־בית אין דער אַלטער און נייער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור, מיט אויסגעצייכנטע ידיעות אין דער געשיכטע פון פעלקער און לענדער, סאָציאַלע און קולטור־באַוועגונגען, קאָן ער זיך נישט באַגרענעצן אין די ד' אמות פון וועלכער עס איז פּאַרטיי אָדער ריכטונג, וואָס וואָלט פאַר אים געווען צו ענג. דרכעט זיך „יידישיסט" מיט אַן אויסערגעוויינלעכער פּיעטעט און ליבע פאַר דער יידישער שפּראַך, קולטור און אַלע אירע דערשיינונגען, דערקוויקט זיך דערביי נישט ווייניקער מיט יעדן ניי־דערשינענעם העברעאישן ווערק. און איז צופרידן צו האָבן אַ געלעגנהייט צו שרייבן העברעאיש אין זיין גלענצנדיקן סטיל. אַביסל אַ „פאָלקיסט" מיט בולטע סימפּאַטיעס פאַרן „בונד", פרייט ער זיך אָבער מיט יעדער דערגרייכונג אין ארץ־ישראל און באַשטייערט זיך פאַרן קרן־היסוד און קויפט אַ שקל.

ער שיינט צו פרעדיקן וועלטלעכקייט, אָבער איז טיף פאַרוואָרצלט אין יידישע טראַדיציעס, מיט אַ טיף געפיל פאַר רעליגיע און קאָן זיך נישט אָפּזאָגן פון פיל מצוות מעשיות.

ער שיינט צו זיין פול מיט סתירות. אין דער אמתן פאַראייניקט ער אין זיך סינטעטיש און אָרגאַניש אַלעס פּאָזיטיווע פון יעדער פּאַרטיי אָדער ריכטונג.

ער איז ווייט נישט אומפּאַרטייאיש, גיכער, אַזוי צו זאָגן, אינטערפּאַרטייאיש. ער קאָן מיט רעכט אויף זיך זאָגן: איך בין אַ ייד און מענטש, און אַלץ וואָס איז יידיש, מענטשלעך איז מיר נישט פרעמד.

ער איז אומגעקומען פון די אכזריותדיקע הענט פון די נאַצי־מטורפים, צוזאַמען מיט זיין משפחה, אין וולאָצלאַוועק, וווּהין ער האָט זיך געהאַט אַריבערגעצויגן צען יאָר פריער, פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

כבוד זיין ליכטיקן אָנדענק!

א. ווארטסקי (חיפה)

הרב בצלאל בידערמאן ז"ל

פון ישראל־הערש טויבענפעלד

דער לאָוויטשער רב, ר' בצלאל בידערמאַן, האָט געשטאַמט פון אַ גרויסער רבנישער משפחה, אַ שלשלת היוחסין, און געווען אַן אורא־אייניקל פון „פּני יהושע".

ר' בצלאלס פאָטער איז געווען דער גרויסער גאון ר' יעקב דוד בידערמאַן, מחבר פון „הגרות מהרי"ד" אויפן „תורת הכהנים", און רב אין עטלעכע קהילות אין פּוילן. באַזונדערס באַוווּסט אַלס רב אין ווישעגראַד, נעבן דער ווייסל, וווּ ער האָט געשמט אַלס גאון און צדיק.

זיין זון ר' בצלאל איז געווען אַ למדן און זיך אויסגעצייכנט מיט בקיאות, אָבער ער איז נישט געווען קיין מפלפל; ער האָט אויך נישט סובל געווען די פּשטל־זאָגערס, וואָס האָבן געבויט מיט זייער חריפות — לופט־שלעסער, אָבער אָן אַ יסוד.

הרב בצלאל איז געווען אַ באַרימטער פּוסק, אַן עלאַסטישער אין כאַראַקטער פון פּסקענען: נישט קיין שטרענגער מחמיר און נישט קיין לייכטער מקיל. ער האָט ליב געהאַט נאָכצופאָרשן און קלאָר מברר צו זיין דעם מקור־ההלכה און מסביר צו זיין מיטן שכל הפּשוט.

די רביצין האָט געהייסן מאַליע. זי איז אויך געווען אַ גרויסע יחסנטע: געווען אַן אייניקל פון ש"ך („שפת כהן" — פּרשן און יחסנטע: געווען אַן אייניקל פון ש"ך און פון נאָך גרויסע גאונים און פּוסקים. זי איז געווען אַ קרובה פון בעריש ענגלאַרד, וואָס איז אויך געווען אַן אורא־אייניקל פון ש"ך.

אין דער יוגנט איז הרב ר' בצלאל געווען רב אין שטעטל בעזוין (ביעזשון), נעבן פּלאָצק. שפּעטער געוואָרן רב אין ווישאָגראַד (וווּ זיין פאָטער און אויך זיין ברודער ר' יחזקאל זענען דאָרט פריער געזעסן אויפן כסא־הרבנות).

בערך אין יאָר 1889 איז הרב ר' בצלאל אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין לאָוויטש, וווּ ער איז געזעסן אויפן כסא־הרבנות דרייסיק יאָר.

ער האָט געהאַט פינף זין (קיין טעכטער האָט ער נישט יעהאַט). דער עלטסטער זון, ר' יעקב מאיר ז"ל הי"ד (אומגעבראַכט דורך די נאַציס אין פּוילן), האָט שוין אַלס יונג ייִנגל געשמט אַלס אַן עילוי.

אַלס בר־מצוה־יינגל האָט מען אים אָנגעהויבן צו רעדן שי־

דוכים. און ווען מ׳האָט אים פאָרגעשטעלט דעם שידוך מיטן גערער רבינס (דעם „שפת־אמת״) טעכטערל אסתרל אַלס כלה, האָט הרב ר׳ בצלאל, הגם ער איז נישט געווען קיין חסיד, אויף דעם שידוך איינגעגאַנגען, ווייל דאָס וועט געבן אַ געלעגנהייט זיין זון ווייטער עוסק צו זיין אין תורה ועבודה.

דער צווייטער זון, משה דוד, איז געוואָרן אַן אידעם פון ר׳ נתן ווענגראָווערס אַן אייניקל (באַוווסטער למדן און תלמיד פון קאָצק און פון „חדושי הרי״ם״) אין שידלאָווצע (ראַדאָמער געגנט).

משה דוד האָט געהאַט אַ נייגונג צו מסחר. ער איז טאַקע געוואָרן אַ וואַלד־ און האָלץ־סוחר. זיין זון יעקב איז געוואָרן משה זשעלעכאָווסקיס אידעם און האָט זיך אויך גענומען צו מסחר.

דער דריטער זון, אברהם, האָט חתונה געהאַט קיין לאָדזש מיט דער טאָכטער פון גביר ה׳ מולקעס. דאָרט געגעסן קעסט עטלעכע יאָר און דערנאָך זיך גענומען צו מסחר.

דער פערטער זון, יצחק, האָט חתונה געהאַט קיין וואַרשע מיט דעם גביר סענדעקס שוואָגערס אַ טאָכטער — באַוווסטע סוחרישע קרייזן פון דער וועש־ און לייוונט־בראַנזשע. ער האָט אויך געגעסן אַ פּאָר יאָר קעסט און זיך גענומען צו מסחר.

דער פינפטער זון, יחזקאל, איז גייסטיק געווען שוואַך אַנטוויקלט. ער האָט חתונה געהאַט קיין וואַרשע. ס׳פּאָרפאָלק האָט נישט געלעבט צוזאַמען און שפּעטער זיך געגט.

✶

אין די ערשטע יאָרן פלעגט דער רב לערנען מיט אייניקע בחורים, אָבער אין די ווייטערדיקע יאָרן, האָט ער דאָס אויפגעגעבן מיטן מאָטיוו פון זיין שוואַכן געזונט.

די הויז־האַלטונג ביים רב איז געווען שיין בעל־הביתיש. ער האָט שטענדיק געהאַלטן אַ משרת אין שטוב. ער האָט באַוווינט אַ דירה פון 5 צימערן מיט אַ קיך.

אין דעם „בית־דין״־צימער איז די גאַנצע מזרח־וואַנט געווען פאַרלייגט מיט ספרים. עטלעכע ש״סן — ווילנער, אַלט־וואַרשעווער און ניי־וואַרשעווער, זשיטאָמירער, דירנפאָרטער און קליינע ש״סלעך. פּוסקים און פּלפּול־ספרים פון קדמונים ביז די לעצטע אחרונים שבאחרונים.

ביים טיש פלעגט ער יעדן שבת האָבן אַן אורח, אַ זעלנער, אָדער אַ פרעמדן, און אָפטמאָל צוויי צוזאַמען. דערביי פלעגט ער שטיצן און אויסהאַלטן אָרעמע קרובים פון זיין צד און דער רביצינס צד. אייניקע יאָר איז ביי אים געווען דער רביצינס אַ שוועסטער פון הרוביעשאָוו, מיטן נאָמען האַלבערשטאַם.

דעם רבס שטעלונג אויפן געביט פון קולטור־קאַמף איז אויך געווען אויסגעהאַלטן לויט זיין ראַציאָנעלן שטאַנדפּונקט.

אין יאָר 1906 האָט די יידישע אינטעליגענץ אין שטאָט באַשלאָסן צו גרינדן אַן עפנטלעכע יידישע ביבליאָטעק, ווייל ביז דעמאָלט פלעגן אייניקע בחורים און מיידלעך זיין אנגעשלאָסן אין דער פוילישער פּראָגרעסיווער ביבליאָטעק.

די צוגרייטונגען צום דערעפענען די ביבליאָטעק זענען אַנגעגאַנגען פאַר לענגערע וואָכן, דאָס זאַמלען ביכער, צוגרייטן קאַטאַלאָגן וכו׳. און דאָס יידישע שטעטל האָט ממש אויפגעברויזט: אַ יידישע ביבליאָטעק מיט דער דערלויבעניש פון דער מאַכט!... פלאי פלאים!!!

צווישן די אינטעליגענטערע קרייזן, די נאַציאָנאַלע און אַסימילירטע, האָט דאָס געמאַכט אַ שטאַרקן און סימפּאַטישן איינדרוק: דאָך אַ קולטורעלע דערשיינונג אויף דער יידישער גאַס אין לאָוויטש!

די חסידישע קרייזן האָבן אָבער אַרויסגעוויזן אַ קעגנערישע שטעלונג צום ענין „ביבליאָטעק״. אין די שטיבלעך האָט מען אָנגעהויבן פירן אַן אַגיטאַציע קעגן דער ביבליאָטעק, ווי קעגן אַ שמד־באַוועגונג און אַפּיקורסישער אינסטיטוציע. די חסידים האָבן געשריגן, אַז מ׳וויל ר״ל אַריינציען די יידישע קינדער אין גאָטלאָזיקייט און זיי מאַכן פאַר קעגנער פון דער יידישער רעליגיע.

ווען אַ דעלעגאַציע פון חסידים האָט זיך געווענדעט צום רב, ער זאָל אינטערווענירן קעגן דער ביבליאָטעק, און ער זאָל אויסרופן אין דער שול און אין בית־מדרש אַ חרם אויף דער ביבליאָטעק און אויף די אַלע, וואָס וועלן זי באַזוכן, האָט דער רב זיי געענטפערט מיט אַ לא מיט אַן אלף. ער וועט אַזאַ זאַך נישט טאָן און האָט דאָס לאָגיש מאָטיווירט:

— ראשית, איז די זאַך נישט אַזוי שרעקלעך ווי מ׳שטעלט זיך פאָר. ביבליאָטעקן זענען אָנגענומען אין אַלע גרעסערע שטעט, ביי אַלע פעלקער און אין אַלע שפּראַכן; דאָס זאָגט נישט, אַז מען מוז דווקא האָבן אַפּיקורסישע ביכער. ס׳זענען פאַראַן פיל וויסנשאַפטלעכע ביכער, וואָס מ׳דאַרף לייענען. און והשנית, אויב ס׳איז אַזאַ באַוועגונג, אַזאַ דראַנג און קראַפט פאַר לייענען ביכער, וועט איר גאָרנישט קאָנען אויפטאָן קעגן דעם, נישט מיט קיין החרמות און נישט מיט אייער ווידערשטאַנד, — האָט ער געזאָגט דער דעלעגאַציע. — לויט מיין מיינונג, דאַרף מען זיך האַלטן רואיק און נישט מאַכן קיין טומל. ס׳קאָן אפשר זיין, אַז אַזאַ ביבליאָטעק וועט גאָר אין אַזאַ שטעטל ווי לאָוויטש גאָרנישט האָבן קיין לאַנגן קיום... — האָט ער זיי געפּרוּווט באַרואיקן.

נישט זייענדיק קיין פאַרברענטער חסיד, האָט דער רב דאָך געהאַט רעספּעקט פאַר די גרויסע „פּאָפּולערע״ רביים און ער פלעגט אַליין פאָרן אייניקע מאָל אין יאָר קיין גער (דער „שפת אמת״ איז געווען זיין מחותן).

אין יאָר 1909, נאָכדעם ווי כ׳האָב חתונה געהאַט קיין מלאַווע, האָב איך פאַרלאָזט לאָוויטש. אין די מלחמה־יאָרן פון 1914, ווען כ׳האָב באַזוכט מיינע עלטערן אין לאָוויטש, בין איך אויך אַרויפגעגאַנגען צום רב. ער איז שוין דאַן געווען אַביסל צעבראָכן. ראשית, צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך געמוזט אַרויסציען פון דער באַקוועמער וווינונג אויף זדונסקאַ גאַס, ווו ער האָט געוווינט אַלע יאָרן.

די נייע דירה איז געווען אין נייעם מאַרק, אין הויז פון שלמה לייב מיכאַלאָוויטש, און זייער ווייט פון דער שול. דער רב האָט זיך געמוזט פאַראינטערעסירן, אַז ס׳זאָל יעדן שבת צו אים אַרויפקומען אַ מנין דאַווענען. ער איז צו שוואַך געווען צו גיין אַזאַ לאַנגע שטרעקע אין שול אַריין.

איך האָב אין געשפּרעך מיט אים תופס געווען, אַז די מלחמה־סיטואַציע האָט אויף אים דערדריקנד געווירקט.

ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 80 יאָר, נאָך קרוב 30 יאָר זיצן אויפן כסא־הרבנות אין לאָוויטש. מיט זיין פּטירה איז אַוועק אַ וויכטיקע פּערזענלעכקייט פון דער בני־תורהדיקער געזעלשאַפט און רעליגיעזער יידישער גייסטלעכקייט.

תהי נשמתו צרורה בצרור החיים.

לאוויטש אין גלאנץ פון תורה

ר ב נ י ם

לאָוויטש האָט געהאַט אָנגעזעענע גרויסע רבנים, זינט דער תקופה פון דער ווידערבאַזעצונג פון יידן אין דער שטאָט, אין סוף פון 18־טן יאָרהונדערט.

פון די רבנים פון 19־טן יאָרהונדערט זענען אונדז באַוווּסט פאָלגנדיקע באַרימטע רבנים:

• **הרב שמואל שראַווער זצ״ל**, אַלטער זילבער־בערגס שווער. ער איז געווען אַ באַרימטע פערזענלעכקייט אין די חסידישע קרייזן אין גאַנץ פוילן.

הרב ר׳ שמואל שראַווער איז געווען אַ תלמיד פון רבי ר׳ בונם פון פשיסכע און מחבר געווען דעם פירוש „רמתיים צופים" אויפן „תנא דבי אליהו". לאָוויטש האָט זיינער צייט שטאָלצירט מיט איר רב. (ער האָט זיך באַטייליקט אין אַ פאָלקס־דעמאָנסטראַציע אין פוילישן אויפשטאַנד פון יאָר 1963). נפטר געוואָרן אין תרל״ג.

• **הרב שאול (אדער יוסף שאול) בוקי זצ״ל.** ער איז געווען דער זיידע פון איטשע בוקי, איידל שפּייזהענדלער און אפרים וואָלבארסקיס פרוי. ער איז באַוווּסט געווען אַלס קלוגער ייד און גרויסער תלמיד־חכם און פוסק. (זיינע אורעלטערן זאָלן האָבן געשטאַמט פון די גולי ספרד, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דייטשלאַנד, און שפּעטער געקומען קיין פוילן).

• **הרב מיכאל ז״ב ווייַנגאַט זצ״ל**, מחבר פון „אגודת אזוב מדברי", א גערימטער למדן און פוסק. (זיינע קינדער זענען: דער ליפּנער רב, אַן איידעם איז געווען שלמה שוחט און דער לישקאָוויצער רב סאָקאָלאָוו, אגב נחום סאָקאָלאָווס אַ פעטער, און דער דריטער איידעם — מענדל זיידע). נפטר געוואָרן אין תכמ״ט. מ׳האָט אים גערופן ר׳ דוביה. ביי אים האָט אַ קורצע צייט געלערנט נחום סאָקאָלאָוו ז״ל, ווען ער איז געווען אין לאָוויטש און געהאַט אכסניא ביי ר׳ אהרן פנחס.

• **הרב רבי בצלאל בידערמאַן זצ״ל.** ער איז געווען אַ גרויסער בעל־יחוס, אָפּגעשטאַמט פון די גאונים „פּני יהושע" און „נודע ביהודה" (אַן אויספירלעכער מאמר וועגן אים ווערט געדרוקט אויף אַ באַזונדער אָרט). (נולד תר״ב, נפטר תרפ״ב). ער איז נפטר געוואָרןביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

• **הרב ר׳ אברהם קאַלבע זצ״ל.** נאָך דער פּטירה פון הרב בצלאל בידערמאַן זצ״ל, איז נאָך לענגערע מחלוקתן, אויפגענומען געוואָרן אַלס רב ר׳ אברהם קאָלבע (כל־בו) פון זאַגוראָוו, אַ שאַרפער קאָפּ, למדן און דרשן, מחבר פון פלפול־ספר „המחדד". אומגעקומען פון די נאַצישע הענט, הי״ד.

חסידות און חסידים אין לאוויטש

לאָוויטש איז באַקאַנט געווען אַלס חסידיש־פרומע שטאָט, ווו חסידיזם האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען. דאָ האָבן זיך געפונען נאָכפאָלגער פון אַלע רבנישע הייף אין פוילן, ווי פון חוזה מלובלין און פשיסכע; פון קוזמיר און קאָזשעניץ; פון קאָצק און גער; פון וווּרקע און אַלעקסאַנדער; פון ביאַלע און סטריקאָוו; פון סאָכאַטשעוו, אַמשינאָוו און סקיערניעוויץ; פון גאָסטינין, זשיכלין און ראַדזימין; גראָדזיסק און אָסטראָווצע.

אין לאָוויטש זענען געווען פאָלגנדיקע חסידים־שטיבלעך: דאָס גערער, וואָס האָט געציילט אַן ערך 200 מתפּללים; אַלעקסאַנדער מיט 90 מתפּללים; סאָכאַטשעווער מיט אַן ערך 70 מתפּללים; אַמשינאָווער — 20 מתפּללים; גראָדזשיסקער — 80—90 מתפּללים; אָסטראָווצער — 50; סקיערניעוויצער — 60.

איינצלנע חסידים פון הסידישע באַוועגונגען, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין סטאַבילע שטיבלעך, זענען געווען:

איזשביצער חסידים, ראַדזימינער, זשיכלינער, קאָזשעניצער, יעזעפער, לאָוויטשער חסידים. **דער לאָוויטשער רבי ר׳ יעקב־מאיר ליבראַד** זצ״ל, איז געקומען קיין לאָוויטש פון וואַרשע, ווו ער איז געהאַט געווען מורה הוראה אויף פאַנסקאַ־גאַס. ער איז געווען מחבר פון ספר „אמרי יעקב" און אַנדערע. זיינע חסידים האָבן זיך מערסטנטייל געפונען אין קוטנע, וולאָצלאַוועק, קאָנין און אומגעגנט. דערפאַר האָט ער אָבער געהאַט זייער ווייניק נאָכפאָלגער אין לאָוויטש גופא.

אַ מנין יידן האָט ביי אים געדאַווענט פון די שכנים אין הויף און אַ פּאָר היימישע מענטשן.

דער רבי האָט זיך משדך־געווען מיט ר׳ משה־אהרן סאָכאַטשעווסקי און ר׳ אברהם יעקב דימענט.

לאָוויטש האָט אַרויסגעגעבן פאָלגנדע רבנים און שוחטים:

ר ב נ י ם: העניך נאַורי (חייקה נאַווריס אַ ברודער), געוואָרן רב אין באַדזאַנאָוו; נחום נאַטאַן — געוואָרן רב אין לובלינער געגנט; יצחק לעווקאָוויטש (נחמן לעווקאָוויטשס זון), געוואָרן רב אין שטעטל נעבן קאָלאָ.

ש ו ח ט י ם: הערשל (שלמה נחמנס זון), איז געוואָרן שוחט אין לאָדזשער געגנט; איטשע סאלני (גבריאל סאלניס זון), איז געוואָרן שוחט אין גלאָווגע; נחמן פייוול בערמאַן (מענדל בערמאַנס זון), איז געוואָרן שוחט אין לאָדזש; נח פינטשעווסקי (מאיר צימעס זון), איז געוואָרן שוחט אין קיעלצער ראַיאָן; און וואָלף הערצמאַנס אַ זון, איז געוואָרן שוחט אין ציעכאָטשינעק.

דער באַהאַלטענער למד־וואָווניק

(מיין היים און אונדזערע שכנים — דעראינערונגען)

דערציילט פון **דוד זיק** (מעלבורן)

35 יאָר זענען פאַרביי זינט איך האָב פאַרלאָזט מיין היים. אָבער טראָץ דעם גרויסן צייט־אָפּשניט און די אויפטרייסלענדיקע ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער וועלט און אין יידישן לעבן בפרט, האָט די צייט נישט פאַרווישט בילדער און געשעענישן פון מיין פריעסטער יוגנט אין מיין אָרעמער היים, ווען כ׳זאָג היים, מיין איך אונדזער הויף און אונדזערע שכנים. אונדזער הויף האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גאַנצן פּאָלוואַרק, כמעט אַ קליינע געמיינדע פאַר זיך.

דוד זיק

מיט די דאָזיקע דעראינערונגען וויל איך כאָטשבי אין אַ ברוכטייל צוריקברענגען צום לעבן אויפן געדרוקטן פּאַפּיר, יענע גאַלעריע יידישע יידן, אונדזערע שכנים: חסידים, סוחרים, בעלי־מלאכות, טרעגער, וועלכע זענען אויף אַן אכזריותדיקן אופן פאַרשניטן געוואָרן דורך היטלערס תלינים. ספּעציעל וויל איך דערציילן וועגן אַ יידישן טרעגער, אַ תהילים־ייד, אַ באַהאַלטענעם למד־וואָווניק.

אָבער איידער איך וועל דאָס טאָן, וועל איך פריער שילדערן אונדזער הויף, זיין געבוי, די עטלעכע צענדליק לאָקאַטאָרן און די שרייענדיקע סאָציאַלע סתירה, וואָס האָט אָפּגעטיילט איינעם פון אַנדערן. דער רוב לאָקאַטאָרן זענען געווען יידן, און נאָר אויף די פינגער פון איין האַנט זענען געווען עטלעכע גוים.

די לענג פון הויף איז געווען עטלעכע הונדערט יאַרד, און כמעט נישט ווייניקער זיין ברייט. אין דער טיף איז געשטאַנען אַ רויטע, געמויערטע אַלטע 2־שטאָקיקע קאַמעניצע, ווו מיר האָבן געוווינט אין סאַמע עקסטן ווינקל. פון פאָרנט פון נייעם מאַרק האָט זיך געהויבן אַן אַלטער האָלצערנער בנין מיט פּאַציאַטקעווינונגען און זיבן קלייטן, דורך וועלכע עס האָט געפירט אַ שמאָלער קאָרידאָר אין הויף אַריין. רעכטס אין הויף — אַ נייע רויט־ציגלדיקע קאַמעניצע, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען אַ בעקעריי, אין שכנות — א חדר, דערנאָך זענען געגאַנגען אַן אַ שיעור שפייכלערס, שטעלעכלעך, אַ קוזשניע, האָלצערנע צובויונגען און אין לינקן ווינקל פון הויף, ביים ברייטן גרויסן טויער, וואָס האָט געפירט צום „טויטן געסל״, איז געשטאַנען ווינשטאָקס אָלעיאַרניע. אַביסל אָפּגערוקט — אין זיין פּערמאַנענטער סוכה מיטן באַוועגלעכן דאַך — האָט זיך אַ גאַנץ יאָר געפונען אַ „צוקערלעך־פאַבריקל״.

וועגן דער שרייענדיקער נויט פון פיל קינדער פון אונדזער הויף, זאָגט אַמבעסטן אַזאַ בילדל: דאָס איז געשען אין אַ הייסן זומער טאָג. די פאַרסאַרגעטע יידענע פון צוקער־פאַבריקל איז געשטאַנען ביי דער קאָרבע און געדרייט דעם זיסן, געדיכטן טייג, און פון דער משונהדיקער האַנט־מאַשינקע זענען אין אַ גרויסער שיסל אַריינגעפאַלן צוקערקעס, אויף וועלכע עס האָבן זיך געשטעלט טשאַטעס פליגן און דאָרט געראַיעט.

נעבן מיר איז געשטאַנען אַן אָפּגעריסן, אויסגעבלייכט יינגעלע און מיט זשעדנע הונגעריקע אויגן געקוקט אויף דער קופּע זיסקייט, און מיטאַמאָל מיט אַ טיפן קרעכץ אַרויסגערעדט: אוי, ווי גוט וואָלט מיר געווען, ווען איך בין איצט אַ פליג און קאָן לעקן די צוקערקעס...

*

דורך אונדזערע פענצטער אין דער קיך, האָב איך געהאַט אַ גוטן אויסבליק אויפן גאַנצן הויף, פון וואַנען כ׳האָב געקאָנט זען אַלץ, וואָס קומט פאָר אין דרויסן. זומער און ווינטער איז דאָרט אָנגעגאַנגען אַ קאָכעניש. דער הויף האָט ממש געזידט ווי אין אַ קעסל. פאַרטאָגס, ספּעציעל אין די מאַרק־טעג, זענען אָנגעפאָרן צענדליקער פויערישע פורן און פאַרשטעלט אין דער לענג און ברייט דעם הויף. פערד האָבן געבריקעוועט און געהירזשעט און פאַראומרייניקט דעם ברוק.

פון שלום קאָוואַלס קוזשניע האָט זיך געהערט דאָס כסדרדיקע קלאַפּן פון האַמערס אויפן שמיד־האָלץ, באַגלייט מיט דעם נישט־רעגלמעסיקן סיקען און רוישן פון דעם דיזעל־מאָטאָר אין ווינשטאָקס אָלעיאַרניע, ביי וועמענס טירן עס זענען געלעגן קופּעס רונדיקע רעדער פון מאַקוך, פון אויסגעפּרעסטע זשעפּניצע און שעמיעז, וואָס די פויערים פלעגן ברענגען אויף אויספּרעסן אייל. אַ ביסל ווייטער אין הויף איז געלעגן אַ קופּע ליים פון פוילישן טעפּער; און אין שכנות — אויף קאָזלעס זענען געלעגן אויסגעלייגט די באַמעלטע ברעטער מיט פרישע טייגלעך ברויט פון קריפּעלס בעקעריי. אין אַ זומער פאַרטאָגס האָבן די אַלע ריחות פון פרישן געבעקס, אייל און צוקערקעס זיך אויסגעמישט און אָנגעפילט די לופט, אַז ס׳האָט ממש געציפּט אונטערן האַרץ פון אַ הונגעריקן.

אויב אין דרויסן האָט דער הויף געקאָכט ווי דער סמבטיון, איז דאָס זעלבע פאָרגעקומען אין אונדזער אייגענער שטוב, ביי יצחק מאָגלאָוש.

ווייבער און פויערטעס פלעגן קומען פון 6 פאַרטאָג מיט פּעק וועש צו מאַגלען. „אַ וואַלעק״ וועש האָט געקאָסט 10 גראָשן. אין די שטובן איז שטענדיק געווען אַ טומל און אַ געפּילדער פון די ווייבער, וואָס פלעגן זיך איינע דער אַנדערער דערציילן די „לעצטע נייעס״, פאַרבראָקט מיט כלערליי רכילות און לשון־הרע.

די לופט איז תמיד געווען אָנגעזאַפּט מיט כלאָרעק און מיט קראָכמאַל פון די אָפּט־פאַרפוילטע וועש אָדער שטיקער לייוונט. ס׳האָט ממש געריסן אין דער נאָז און אין האַלדז. די לופט איז געווען אַ שווערע, פאַרעיפּושטע. איך פלעג שטיין ביי דער האַנט־קאָרבע פון דער מאַגל און געהאָלפן אין דער בידנער פרנסה. נאָך

אַזאַ טאָג שווער האָרעווען, פלעג איך נישט איינמאָל אָוועקפאַלן אַ טויט־מידער, אַ פאַרמאַטערטער.

אַנדערע שכנים אין דער זעלבער קאַמעניצע זענען געווען זיינוועלע קורניק, אַן אויפקויפער פון הינער אין די דערפער, מיט אַ ווייב און קינדער. ביי אים האָט אויך געוווינט זיין פאָטער, דער קליינער יצחקל, אַ דיק געפאַקט יידל, וואָס פלעגט זיך וויגן ביים גיין; שלום קאָוואַל מיט זיינע בנים, אַ ייד אַ גברן, פון נישט הויכער וווקס. און זיינע קינדער — אַלע יונגע זוכעס.

אויפן בוידעם־שטיבל אונטערן דאַך האָט געוווינט אברהם ראָמער, דער טרעגער, אַן אלמן מיט צוויי קינדער. דער זון האָט געהאַט אַ מגושמדיקן אויסזען און מ׳האָט אים גערופן מיטן צונאָמען „פשיטש״. ער האָט געהאַט אַ גרויסן קאָפּ מיט צעשויבערטע שוואַרצע האָר, געדיכטע שוואַרצע ברעמען פון אונטער וועלכע עס האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר קויל־פלאַמיקע גרויסע אויגן. זיין נאָז איז געווען אַ קורצע און פלאַטשיקע און די אונטערשטע פליישיקע ליפּ איז געווען אַן איבערגעדרייטע. דערפאַר זענען זיינע פּלייצעס געווען ברייטע, אויף וועלכע מ׳האָט געקאָנט אַרויפלייגן כלערליי משאות. אברהם טרעגער האָט שוין געהאַט אַ מער איידעלן אויסזען. ער איז געווען פון מיטעלן וווקס, מיט רעגולערע געזיכטס־שטריכן. זיין טונקל־אַליוו פּנים האָט שטאַרק אויסגעטיילט זיינע עטוואָס געדרייטע פּיאות און דאָס קורצע, שיטערע בערדעלע, ווי ביי אַ טיפּישן תימנער. אַרום די לענדן פון זיין אָפּגעריסן מלבוש האָבן געהאַנגען שטריק און אין איין האַנט האָט ער שטענדיק געהאַלטן אַ תהילימל, מיט וועלכן ער האָט זיך זעלטן געשיידט.

זיין איינציק טעכטערל איז קראַנק געווען אויף דער „ענגלישער קרענק״. זי איז אַלט געווען אַ יאָר 9, אָבער עס איז ממש אַ רחמנות געווען צו קוקן אויף דעם נפשל מיטן אויסגעבלייכטן פּנימל, מיט די שטענדיק צעפּלאָשעטע שטרויענע האָר, גרויסן בויך און דינע פיסלעך, ווי שטעקעלעך. אַלע האָבן זי דערפאַר גערופן דאָס „מעכיינישל״.

אברהם טרעגער איז אייגנטלעך נישט געווען קיין לאָוויטשער. ער איז געהאַט געקומען עטלעכע יאָר נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער זאָל האָבן געשטאַמט פון אַ שטעטל נעבן ראַדאָם, ווו ער איז געווען אַ פאַרבער. אָבער אין לאָוויטש האָט ער זיך אָפּגעקליבן די פּרנסה פון אַ טרעגער. ער פלעגט קויפן ווייסע פויערישע לייוונט און זי אַליין פאַרבן און פון דעם אויפנייען מלבושים פאַר זיך און זיין זון. ער האָט אויך געהאַט אַן עלטסטן זון, וואָס איז אַוועק אין דער גרויסער שטאָט און קיינמאָל נישט מער צוריקגעקומען.

אברהם טרעגער איז געווען אַ גרויסער לערנער און קיינמאָל נישט גערעדט קיין ניבול־פּה און זיך אויסגעהיטן חלילה עמעצן מבייש צו זיין. זיינע „ברידער־טרעגער״ פלעגן וועגן אים רעדן מיט גרויס אָפּשיי. זיין בוידעם־שטיבל האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ חורבה, מיט צעריסענע שטרוי־זעק פאַר בעטן, צעבראָכענע צוויי שטילן און פון ברעטער צענויפגעקלאַפּטער טיש. אָבער ער האָט זיך זעלטן פאַרקלאָגט און אַלץ אָנגענומען באהבה. דערפאַר האָט ער פאַר די אָרעמע גראָשנס, אָפּגעשפּאָרטע פון עסן, איינגעקויפט ספרים. און נאָך אַ שווערן טאָג האָרעווען, פלעגט ער זיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט ביי אַ חלבן ליכטל און מעיין געווען אין אַ ספר. אויך די פרומע יידן, די חסידים אין אונדזער הויף, האָבן וועגן אים גערעדט מיט גרויס דרך־ארץ, און סוכות אים איינגעלאַדן, ער זאָל עסן אין זייער סוכה.

אגב, האָט מען אין אונדזער הויף געהאַט דריי סוכות, און אין זיי זענען געזעסן די לאָקאַטאָרן, יעדער לויט זיין שטאַנד.

די סוכה נומער איינס איז געווען פאַר די „יחסנים״, לויטער חסידים, וואָס האָבן זי אויפגעשטעלט צווישן דער קאַמעניצע און דער בעקעריי. אַ שפּייכלער אין שכנות פון אונדז. די לעצטע האָבן אויסגעבאָרגט נייע ברעטער אויף אָפּגעלט פון אַ האָלץ־סקלאַד און זיך שטענדיק אויסגעבויט אַ גרויסע, גערוימע סוכה. דאָרט פלעגט עסן דער לעדער־סוחר ישראל ביעזשאַנסקי, דער מלמד — דער געלער לוזער,ביידע גערער חסידים, דער טאַבאַק־סוחר באָרענשטיין און נחמן־פייוול בעקער מיט הילצערנעם פוס, צוזאַמען מיט זייך איידעם. זיינע בנים האָבן דערפאַר געגעסן אין דער א. ג. „גבירהשער״ סוכה נומער 2, פון יאָסל וויינשטאָק, דעם אַלעיאַרניק.

אין אונדזער סוכה, נומער 3, זענען געזעסן לויטער עמך. מיין טאַטע, יצחק מאַגלאַזש, מיט די זין, זיינוול קורניק, דער אַלטער יצחקל, שלום קאָוואַל מיט די בנים און אַנדערע.

דער „הויפּט־אינזשיניער״ פון אונדזער סוכה איז געווען דער טאַטע ע״ה, וועמען אַלע האָבן גערופן „ר׳ יצחק מיטן פּאָרטל״. דעם נאָמען האָט ער זיך געוווּנען, ווייל ער האָט פאַר אַ שיבוש, אַ פּאָר פונט נעגל, צוויי בינטלעך סכך און עטלעכע אַלטע קאַסטנס אויסקאָמבינירט אַ סוכה, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן צו אונדזער וואַנט, ביי דעם קיך־פענצטער. מיין מאַמע און מיינע שוועסטער האָבן טאַקע געהאַט זייער באַקוועם אונדז צו געבן דאָס עסן, דערפאַר איז אָבער די קיך פינצטער געווען במשך דער צייט, וואָס די סוכה איז געשטאַנען. ווען די סוכה איז פאַרטיק געוואָרן און מ׳האָט זי אויסגעפּוצט מיט טעפּיכער, די טישן באַדעקט מיט ווייסע ליילעכער, דעם פּאָל אויסגעשיט מיט ווייסן זאַמד, האָט זי אויסגעזען ווי אַ קעניגלעכער משכן, און אָפּשיין פון די יום־טובדיקע ליכט האָט מיין טאַטע ז״ל, אין זיינע יום־טובדיקע בגדים, מיט דער שוואַרצער באָרד און בלאַסן פולן פּנים, אויסגעזען פיל ייִנגער און זאָרגלאָזער.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן זענען עפּעס געווען ווייניקער אַלטע קאַסטנס אויפן הויף. עס האָט שוין אפילו נישט געסטייעט אויף צו קויפן די נויטיקע פּאָר פונט נעגל, אויף צונויפצושלאָגן אַ סוכה. און בלית־ברירה, האָבן מיר אָנגענומען די איינלאַדונג פון די חסידים, צו עסן אין זייער סוכה. אָבער גלייך אויפן צווייטן טאָג, דאָס ערשטע יאָר, איז דער יום־טוב צעשטערט געוואָרן צוליב אַ מחלוקת. און געשען איז עס אַזוי:

אויפן לאַנגן סוכה־טיש ליגט דער שיינער טיש־באַשטעק און עס שטייען געבלימלטע טעלער, וואָס די באַלעבאָסטעס האָבן צעשטעלט פאַר זייער מענער־פאָלק. אין די פלעשער פינקלט מיט אַ בורשטינענעם אָפּגלאַנץ דער קידוש־ווין. עס שטייען שיסעלעך מיט האָניק, אין וועלכע די בעלי־סעודה טונקען שטיקלעך חלה. ווייבער האָבן אַריינגעבראַכט גרויסע פּאָרציעס געפילטע פיש, מיט פליטשעס רויטע מייערן אין דער מיט.

אברהם טרעגער מיט זיין זון „פשיטש״ זיצן אין צווייטן עק פון טיש. דער תהילים־ייד, אָנגעטאָן אין זיין אָפּגענוצטן יום־טוב־בגד, שטעלט זיך אויף און מאַכט קידוש מיט גרויס כוונה איבער אַ קליין חלהלע. נאָכן מאַכן די „המוציא״, שטעלט ער זיך בנעי־

מותדיק אויף און גייט אַרויף אין זיין בוידעם־שטיבל ברענגען די יום־טובדיקע מאכלים. דער זון מיטן גרויסן קאָפּ, דעם הויט פּאַרוקט אין אַ זייט, קוקט מיט זיינע ברענענדיקע, הונגעריקע אויגן, אויף די פיינע מאכלים אויפן טיש, וואָס שטייען ביי די שכנים. איך פיל ווי אַ סלינע וואַרגט אים ממש אין האַלדז. עס פאַרקלעמט מיר אונטערן האַרץ. איך קוק זיך פאַרזיכטיק אַרום און רוק אים אונטער מיין אָרעמע פאַרציע פיש און ווינק צו אים. ער זאָל זיך נעמען אַ שטיקל.

אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז צוריקגעקומען דער טרעגער און מיט ביידע הענט געהאַלטן אַ סאַדזע־פּאַריסטן אייזערנעם טאָפּ מיט אַ געדיכטן קרופּניק, אין וועלכן עס זענען געשטאַנען צוויי לעפל, איינער פאַר זיך און דער אַנדערער פאַרן זון.

אַ פּאַרע האָט געשלאָגן פון אויפגעוואַרעמטן טאָפּ, ווייל לויטן ריח, איז דער קרופּניק געווען אַ ביסל פאַרזייצט און מסתמא אָפּגעקאָכט געוואָרן צוויי טעג פריער. דער אַלטער האָט אָוועקגעשאַרט אַ שטיקל טישטוך און דעם טאָפּ אַוועקגעשטעלט אויפן גאָלן טיש. דער עולם ביים צווייטן עק טיש האָט זיך געמאַכט נישט זען, און געוועזן פאַרנומען מיט דער אכילה און געקלאַפּט מיט גאָפּל־מעסער.

טאַטע און זון האָבן זיך בנעימותדיק גענומען עסן פון טאָפּ אַרויס מיט גרויס אַפּעטיט און דער אַלטער האָט פון צייט צו צייט זיך אונטערגעברומט אַ ניגון...

דער ריח פון פאַרזייצטן קרופּניק האָט זיך אויסגעמישט מיט די געשמאַקע ריחות פון די הינער־פּאַרציעס און די געפילטע פיש אויפן טיש. און די סוכה איז פול געוואָרן מיט מאָדנע גערוכן. דער תהילים־ייד האָט אויף קיין רגע נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון זיין סעודה, אַזוי ווי קיינער אויסער אים און דעם זון, וואָלט אין דער סוכה נישט געזעסן. זיינע אויגן האָבן נישט געזען די אַנדערע מאכלים, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען אויף דעם זעלבן טיש.

פון דער צווייטער זייט טיש האָט עולם זיך משמח־געווען און צווישן איין געריכט און דעם אַנדערן, געכאַפּט אַן אָפּגעריסענעם שמועס, געזאָגט אַ ווערטל, און פון דברי־חול אַריבער צו תורה־זאַכן.

דער ראש־המדברים איז געווען דער מלמד, דער געלער לוזער, דער „אַלץ־ווייסער". און ווען ער האָט גערעדט, האָט ער געוואָרפן מיט די גרויסע, דאַרע הענט, אַז זיין גאַנצער גוף האָט זיך געשאָקלט און די שפּיציקע געלע באָרד האָט זיך מיטגעשאָקלט:

— יאַך זאָג ענק, רבותי, אַז דער גערער האָט אָנגעשריבן אַ גאָר וואַזשנע ספר... אַ חידוש... איי,איי... ווּוס ווייסט עך!... נאָר דער גערער קאָן שראַבן...

איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר זיבעצן און געווען אַ סטריקאָווער חסיד, צו וועמען כ'בין אָפּט געפאָרן. דעריבער האָבן די ווערטער פון געלן לוזער מיר אַ ברי געטאָן און אַלץ אין מיר אויפגעזאָטן. דער מלמד האָט געוווּסט, אַז איך בין אַ סטריקאָווער און האָט באַשיימפּערלעך מיר געוואָלט ווייטאָן, און זיך געגרויסט מיטן גערער.

ס'האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אַ היץ אין קאָפּ. כ'האָב געפילט, ווי די באַקן פלאַמען מיר און אין האַלדז ווערט מיר טרוקן. כ'האָב זיך האַסטיק אַ הויב געטאָן פון אָרט און אַ צעפּלאַמטער געזאָגט:

— ווען דער סטריקאָווער זאָל לעבן, שראַבט אַזאַ ספר, וואָלט איר געזאָגט, אַז עס טויג נישט... נאָר אַז דער גערער שראַבט, איז עס אותות ומופתים... ניש וווּער?!...

אַלע אין סוכה האָבן דערשטוינטע אויפגעהויבן זייערע קעפּ פון די טעלער און מיט נייגער געקוקט אין מיין זייט. קיינער האָט נישט דערוואַרט פון אַזאַ בחורל, ווי איך, אַזאַ דרייסטן זאָג.

מיין דרייסטקייט האָט אַלעמען געפּלעפט. דער תהילים־ייד האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון זיין טאָפּ קרופּניק און פאַרגאַפט געקוקט אויף מיר. זיין האַנט מיטן לעפל איז געבליבן הענגען אין דער לופטן.

מיין טאַטע האָט, מיט עטוואָס אַ שטרענגן בליק, אַ קוק געטאָן אויף מיר, אָבער מיט קיין וואָרט זיך נישט אָפּגערופן. שטיל אין האַרצן האָט אים הנאה געטאָן מיין דרייסטער זאָג, און דאָס אָננעמען זיך די עוולה פון סטריקאָווער רבין זצ"ל.

דער געלער לוזער איז אויפגעשפּרונגען מיט רוגזה, און שלינגענדיק די ווערטער ווי הייסע קאַרטאָפל, אַ געשריי געטאָן:

— דו שייגאַץ איינער, ווּוס ווייסט'א וועגן ספרים, הא!... די קענסט נאָר דרייען די קאָרבע פון דער מאָגל... ער ווייס אָעך וועגן ספרים, מנע!...

איך האָב אַ באַליידיקטער אַ בייזן קוק געטאָן אויפן רעדנדיקן און אַ זאָג געטאָן איבערן טיש צו מיין טאַטן:

— טאַטע, די יחסנים מיינען אויך דיך!...

כ'האָב אַ צי געטאָן ביים אַרבל מיין יינגערן ברודער מאכל און מיט אים אַרויס פון דער סוכה, און אַריבער איבערן הויף צו דער גבירישער סוכה פון יוסל וויינשטאָק.

און מאָדנע, ווי נאָר מיר זענען דאָרט אַריין, האָט קיינער נישט געפרעגט פאַרוואָס מיר זענען פּלוצלינג געקומען, אַזוי ווי זיי וואָלטן שוין לאַנג געוואַרט אויף אונדז. זיי האָבן זיך צונויפגערוקט און געמאַכט פאַר אונדז פּלאַץ.

פון דעמאָלט אָן האָב איך שוין שטענדיק געגעסן אין דער סוכה נומער 2.

ווען איך דערמאָן זיך אין דאָזיקן עפּיזאָד, שווימט פאַר מיינע אויגן ווידער אויף מיין אַמאָליקע היים מיט די שכנים. און איבער אַלעם וואַקסט אויס די יראת־שמימדיקע געשטאַלט פון אברהם טרעגער, וואָס האָט אַלץ מקבל געווען באהבה.

איך זע אים, ווי ער גייט נעבן זיין קליין וועגעלע, אין וועלכן עס איז איינגעשפּאַנט זיין קליין, מאָגער פערדעלע, די לייטשעס פאַרוואָרפן אין איין האַנט און אין דער אַנדערער — דאָס קליינע תהילימל, אין וועלכן ער קוקט אַריין, אַזוי ווי ארום אין דער גאַס, וואלט גאָרנישט עקזיסטירט.

אברהם טרעגער איז מיט זיין הולך און אָרט רעדן בכלל אַנדערש געווען פון זיינע חברים־טרעגער. ער האָט גערעדט געלאַסן, געציילטע ווערטער און זיך תמיד געהיטן, נישט צו זאָגן אַן איבעריק וואָרט. ער האָט זיך אויך קיינמאָל נישט פאַרקלאָגט אויף זיין ביטערן גורל.

און ווען זיין אויסגעמאָגערט פערדל איז אָוועקגעפגרט, האָט ער זיך אַליין איינגעשפּאַנט אין זיין וועגעלע און געוואָרן דאָס „פערד", און שווער געהאָרעוועט אויף זיין שטיקל ברויט.

דאָס מיידעלע זיינס, וואָס איז קראַנק געווען אויף דער „ענגלישער קרענק", איז וואָס אַ טאָג געוואָרן קלענער און איינגעשרומפּענער. און אַזוי איז זי אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט.

די ווייבער פון הויף האָבן איר געטאָן איר רעכט. אברהם

טרעגער האָט אין זיך געשטיקט דאָס געוויין. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל פון זיין בוידעם־שטיבל און געזאָגט איין קאַפּיטל תהילים נאָכן אַנדערן. איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר די חברה קדישא האָט נישט געשיקט די עגלה. און דער אַלטער האָט אַרויפגעלייגט דאָס מת׳ל אויף זיין אייגענער עגלה, זיך איינגעשפּאַנט און זיין טויט קינד אַוועקגעפירט צום בית־עולם.

די איינציקע, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער אויסטערלישער לוויה, זענען געווען: איך, מיין ברודער, „פּשיטש״ — דער ברודער פון דער פאַרשטאָרבענער — און נאָך עטלעכע יינגלעך פון הויף.

אין מיר האָט אַלץ געזאָטן פון פּראָטעסט צו דער גאַנצער וועלט, פאַר דער גרויסער עוולה, וואָס איז געטאָן געוואָרן צום באַהאַלטענעם למד־וואָווניק.

פון יענעם טאָג אָן, איז מיין קוק אויף דער וועלט געוואָרן שאַרפער און רייפער. כ׳בין מער נישט געווען קיין קליין יינגל.

און היינט, ווען איך דערמאָן זיך אין מיין היים, שווימט ווידער אויף אין מיין דמיון די געשטאַלט פון אברהם טרעגער, און ער וואַקסט אויס צו אַן אומפאַרגלייכלעכער הויך, אַזוי, אַז ער פאַרשטעלט ממש דעם גאַנצן הויף, די בנינים מיט אַלע שכנים. זיין דינע געשטאַלט, אין די טרעגער־מלבושים, זע איך אַרומגעבונדן מיט די שטריק אויף די לענדן, מיט דעם תהילימל אין דער האַנט, און אַרום אים צינדט זיך אָן אַ ליכטיקייט, וואָס מאַכט העל דעם גאַנצן אַרום. און ער אַליין ווערט העכער און העכער, און מיט זיינע שפּיצן־פינגער גרייכט ער פון דער ערד ביזן דאַך פון זיין בוידעם־שטיבל...

ג. שאיאק

פ א ר ט ר ע ט ן

ר׳ לייזער־ברוך זיידע

אין דער גאַלעריע פון די לאָוויטשער מנהיגי־ציבור, טיילט זיך באַזונדערס אויס די געשטאַלט פון ר׳ לייזער־ברוך זיידע. זיין נאָמען איז יאָרנלאַנג געווען אַ סינאָנים פון אַ האַרטנעקיקן און פשרהלאָזן פּרנס.

זיין דינאַמישע נאַטור און טעמפּעראַמענט האָט די קהילה־אַרבעט געלענקט אויף נייע דרכים און איר צוגעגעבן כאַראַקטער און שווונג, ווי דאָס האָט געפאָדערט דער רוף פון דער נייער צייט און די נייע אומשטענדן.



לייזער־ברוך זיידע ז״ל

לייזער־ברוך איז געווען אַ ייד אַ גבר, פון מיטעלן וווּקס, ברייט־פּלייציק, ציכטיק אָנגעטאָן אין טראַדיציאָנעלן יידישן טראַכט. זיין ברייט־פאַרקעמטע בלאָנדע באָרד, וואָס איז אין די לעצטע יאָרן געוואָרן זילבער־גרוי, האָט זיין הדרת־פּנים בולט אויסגעטיילט. פון אונטער זיינע געדיכטע ברעמען האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר העלע דורכדרינגלעכע, קלוגע אויגן.

לייזער־ברוך איז ממש פאַרערט געווען דורך זיינע נאָכפאָלגער פון דער אָרטאָדאָקסיע, וועמענס לאַנגיאָריקער מנהיג ער איז געווען. אין דער זעלבער צייט איז ער רעספּעקטירט געווען פון זיינע פּאַרטיי־קעגנער סיי נישט־יידן אין די רעגירונגס־קרייזן, וווּהין ער האָט געהאַט אַ פרייען צוטריט און גרויס השפעה אַלס שתדלן.

אַלע זיינע מיטצייטלער האָבן פאַר אים גרויס דרך־ארץ געהאַט, נישט געקוקט אויף זיין עקשנות, וואָס האָט אָפטמאָל דערפירט צו שאַרפע קאָנפליקטן אינערהאַלב דער קהילה.

זיין התנגדות אין רוב פאַלן איז געווען אַ פּועל־יוצא פון זיין פּרינציפּיעלער איינשטעלונג צו פּראָבלעמען, וואָס האָבן, לויט זיין מיינונג, סותר געווען דעם שולחן ערוך.

ער איז אָבער באַקאַנט געווען פאַר אַ ייד אַ חכם, מיט ברייטער לעבנס־דערפאַרונג און באַטראַכט געווען פאַר איינעם פון די קלוגסטע יידן אין דער שטאָט, דערצו פון גרויסן יחוס.

זיינע אבות — אַ ברייט־פאַרצווייגטע משפחה, איז געווען פון די ערשטע דריי יידישע משפחות, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין לאָוויטש אין דער צייט פון דער נייער איבערבאַזעצונג פון די יידן, נאָך אַ דריי־הונדערט־יאָריקן גירוש.

דאָס איז געווען ביים סוף פון 18־טן יאָרהונדערט, נאָך דער דריטער צעטיילונג פון פּוילן. ביז דעמאָלט האָבן יידן געמעגט וווינען אין די שכנותדיקע שטעטלעך, ווי סאָבאָטאַ,ביילעוו, פּיאָנטעק, באָלעמאָוו און אַנדערע, וואָס האָבן געהערט צו די מאַזאָווער מושלים.

די יידן אין די שטעטלעך האָבן גענאָסן פון וווין־רעכט, אַדאַנק די פאַרשידענע הויכע שטייערן, וואָס זיי האָבן געצאָלט צו די פּריצים, ווי קאָפּ־, ליכט־, קבורה־ און אַנדערע שטייערן. דערפאַר זענען די עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין די שטעטלעך געווען באַגינסטיקטע, און יידן האָבן געהאַט די מעגלעכקייטן צו פירן זייער דורות־איינגעשטעלטן לעבנס־שטייגער.

די אבות פון דער פאַמיליע זיידע האָבן געוווינט אין סאָבאָטאַ, וואָס האָט געשמט אין מאַזאָווּשע פון די גאָר אַלטע צייטן, אַלס פרום יידיש שטעטל, און דער בית־עולם האָט געהאַט מצבות, וואָס האָבן זיך דאַטירט פון אָנהויב 17־טן יאָרהונדערט.

לייזער־ברוך איז פון זיינע פריעסטע יאָרן, פונקט ווי זיין זיידע, געווען אַ גערער חסיד, אָבער עטלעכע יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער אין שייכות מיט אַן אויסערגעוויינלעכן פאַל, אין וועלכן עס איז פאַרמישט געווען דער סקיערנעוויצער רבי, געוואָרן זיינער אַ חסיד.

דער סקיערניעוויצער רבי פלעגט אים כאַראַקטעריזירן מיט

דעם דאָזיקן זאָג: „לייזער־ברוך, דו ביסט נישט בלויז אַ חכם, נאָר אַ חכם ונבון".

לייזער־ברוך איז געבוירן אין לאָוויטש, אין יאָר 1865. ער איז געווען דער צווייטער זון פֿון מענדל זיידע, אַ גערער חסיד און למדן, וואָס האָט געהאַט אַן עסיק־פֿאַבריק.

אין גערער שטיבל איז ל.־ב. באַקאַנט געווען אַלס שאַרפֿער קאָפּ מיט אונטערנעמונגס־פֿעאיקייטן. און שפּעטער, אַן אויפֿסטוער אויפֿן געביט פֿון סאָדע־וואַסער און קוואַס־פֿאַבריקאַציע, וואָס איז געווען זיין אייגענער אויפֿטו.

ער האָט געדינט איבער 5 יאָר צייט אין רוסישן מיליטער אין טיפֿליס, גרוזיע.

דאָס גיין דינען אין רוסישן מיליטער פֿאַר אַ יידן אין יאָר 1886, איז נישט געווען פֿון די גרינגע זאַכן, און ער איז אויסגעשטעלט געווען אויף פֿיל נסיונות, איבערהויפּט אַלס אַ חסידישער יונגערמאַן. די עלטערן האָבן געטאָן אַלץ, כדי זייער זון אויסצולייזן פֿון דער גזירה.

ווען מ'האָט לייזער־ברוכן גערופֿן צום פּריזיוו, איז ער שוין געווען פֿאַרהייראַט. זיין פֿרוי האָט געשטאַמט פֿון סטריקעוו, נעבן לאָדזש. און ווען ער האָט אַרויסגעצויגן דעם „לאָס", איז ער געפֿאָרן זיך געזעגענען מיט זיין פֿרויס משפּחה אין סטריקעוו. פֿאַר איינוועגס, האָט מען אים געראַטן, ער זאָל זיך זען מיט ר' וואָלף סטריקאָווער, וואָס האָט זייער געשמט אין יענע צייטן. לייזער־ברוך איז אַוועק צום סטריקאָווער רבין, מיט דער האָפֿענונג, אַז ער וועט אים אפֿשר אין דער לעצטער מינוט געבן אַן עצה. אָבער דער סטריקאָווער רבי האָט אים באַטראַכט, געזען זיין געזונטע פֿיזישע געשטאַלט און אים צוגעוווּנטשן, ער זאָל נושא־חן זיין ביי די גוים. און אַזוי איז סאַקע געשען.

לייזער־ברוך, דער חריף, האָט זיך אַרומגעקוקט איבער פֿאַניעס קאַשאַרן, און זיך שנעל אַריענטירט, וואָס מ'דאַרף טאָן, כדי נישט פֿאַרלוירן צו גיין. אַביסל רוסיש האָט ער שוין געקענט. דאָס האָט אים שפּעטער געהאָלפֿן, ער זאָל זיך דערדינען צום ראַנג פֿון קאַפּראַל, און אַרבעטן אין דער ביבליאָטעק פֿון פּולק, ווו ער האָט פֿלייסיק מער געלערנט. זיין אויסצייכענונג איז געווען אַ גרויסע דערגרייכונג, ספּעציעל פֿאַר אַ יידן פֿון זיין גראַד.

ער האָט שטרענג אָפּגעהיטן יידישקייט, נישט געגעסן קיין טריפֿות, און דערפֿאַר באַקומען זשאַלד אויף כשר עסן. ער האָט זיך איינגעדונגען ביי אַ יידישער פֿאַמיליע אין טיפֿליס, ווו ער האָט געגעסן זיינע מאָלצייטן.

נאָך צוויי יאָר דינען אין מיליטער, מער דערפֿאַרן און מיט אַ בעסערער קענטעניש פֿון דער רוסישער שפּראַך, קומט ער אַהיים אויף 6 חדשים אורלויב. דעמאָלט האָט ער שוין געטראַכט וועגן צוגרייטן זיך אַ פּרנסה, נאָכן עווענטועלן אַהיימקומען פֿון מיליטער. זיין פּלאַן איז געווען, אויפֿצובויען אַ סאָדע־ און קוואַס־פֿאַבריק. אַזוי אָבער, ווי די דעמאָלטיקע טעכנישע איינריכטונגען זענען געווען זייער פּרימיטיווע, האָט דאָס אויפֿשטעלן די געפּלאַנטע פֿאַבריק געדויערט פֿיל לענגער, ווי ער האָט דאָס פֿאַרטראַכט. בלית־ברירה האָט ער טעלעגראַפֿירט צו זיין פּולק, מ'זאָל אים פֿאַרלענגערן זיין אורלויב, און ער האָט באַקומען ווייטערדיקע 6 חדשים. ווען ער איז נאָך אַ יאָר אָפּזיין אויף אורלויב אין לאָוויטש צוריקגעפֿאָרן קיין טיפֿליס, איז געהאַט אַריין אין קראַפּס אַ ניי געזעץ וועגן אַ צוגאָב־דינסט פֿון נאָך 2 יאָר. ער האָט דעריבער געמוזט אָפּדינען דאָס יאָר אורלויב מיט די צוויי צוגאָב־יאָר.

אומקערנדיק זיך קיין לאָוויטש נאָך אַ 5־יאָריקן מיליטער־דינסט, האָט ער געקוקט אויפֿן לעבן מיט מער רעאַלע אויגן, ווי זיינע חסידישע חברים.

ער איז שוין געווען אַ בקי אין רוסיש, געקענט לשון־קודש און יִדיש אין וואָרט און שריפֿט, דערצו פּויליש, און געהאַט אין זיך זעלבסט־קאָנפֿידענץ. ער האָט פֿאַרשטאַנען די פּסיכאָלאָגיע פֿון דעם נישט־ייד און געוווּסט, ווי מ'דאַרף זיך נוהג־זיין.

דאָס האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט אַנצוקלאַפּן אין די טירן פֿון נאַטשאַלסטוואָ, אָנהויבנדיק פֿון דעמאָלטיקן נאַטשאַלניק און אַנדערע הויכע באַאַמטע אין מאַגיסטראַט. ער איז געוואָרן אַ שתדלן, דער „יידישער דיפּלאָמאַט" פֿון יענער צייט, און אַדאַנק זיינע אומדערמידלעכע און אָפּטמאָל געוואַגטע שריט, האָט ער אָפּגעשריגן נישט איין גזירה, און אויסגעפּועלט טובות פֿאַר באַוואָלטע, באַפֿרייט יידן פֿון מיליטער, אָדער פֿון צו הויכע שטייערן.

זיין ערשטע געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט נאָכן אומקערן זיך פֿון די קאַשאַרן, איז געווען די זאָרג פֿאַר די יידן, וואָס האָבן געדינט אין רוסישן מיליטער, אין די צוויי פּולקן, וואָס זענען סטאַציאָנירט געווען אין לאָוויטש. פֿון אייגענער דערפֿאַרונג האָט ער נישט בלויז אַרויסגעוויזן מיטגעפֿיל פֿאַר די יידישע סאָלדאַטן, נאָר געוווּסט אויך וואָס פֿאַראַ אופֿן מ'קאָן זיי העלפֿן, אום זיי צו געבן די מעגלעכקייט אַריבערצוקומען אַלע נסיונות אין דער שווערער צייט פֿון זייער מיליטער־דינסט.

צוזאַמען מיט אלתר (שדכן) טויבענפֿעלד, האָבן זיי דעמאָלט פֿרייוויליק אָנגעהויבן אַן אַקציע צו באַזאָרגן די יידישע זעלנער מיט כשר עסן, צוגרייטן פֿאַר זיי סדרים אום פּסח און אַנדערע יום־טובים, דערביי זאָרגן פֿאַר זייערע אַנדערע באַדערפֿענישן.

נאָך דעם פּילסודסקי־דעקרעט אין פֿעברואַר 1919, וועגן דער אָרגאַניזאַציע פֿון יידישע קהילות, איז ער אַריין אין דער ערשטער דעמאָקראַטיש־געוויילטער קהילה אין לאָוויטש, אַלס פֿאָרשטייער פֿון דער „אגודה". נאָכדעם, ווי דער ציוניסט, יאַנקל שעפּס, האָט רעזיגנירט פֿון פּרעזעס־אַמט, איז ער מיט אַן אָרטאָדאָקסישער מערהייט אויסגעוויילט געוואָרן אַלס ראש־הקהל.

פֿון דעמאָלט אָן דאַטירט זיך אַ מער ראַציאָנעלע אָרדענונג אין דער קהילה־ווירטשאַפֿט. מ'דאַרף אויך געדענקען, אַז די פֿינאַנציעלע לאַגע פֿון יידן און פֿון דער קהילה, זענען ווייט נישט געווען קיין גלענצנדע. עס איז געווען די איבערגאַנגס־צייט פֿון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. און לייזער־ברוך האָט מיט גרויס אימפּעט זיך אַריינגעוואָרפֿן אין דער קהילה־אַרבעט צו סאַנירן די ווירטשאַפֿט, און דערביי אַרויסגעוויזן גרויס טאַלאַנט און בריהשאַפֿט אַלס מנהיג־ציבור. אָבער גלייכצייטיק האָט זיין דיקטאַטאָרישע האַנט, פֿאַרטרעטנדיק דעם רעליגיעזן סעקטאָר, וואָס איז געווען אין דער מערהייט, געהאַמעוועט אַנדערע אַנטוויקלונגען און גורם געווען צו שאַרפֿע מחלוקתן.

ר' לייזער־ברוך איז אויך געווען טעטיק ביי דעם איבערבויען די חורבה פֿון אַלטן בית־המדרש און אויף איר אָרט אויפֿשטעלן אַ נייעם, מאָדערנעם בית־הכנסת.

ער איז יאָרנלאַנג געווען מיטגליד פֿון דער אָפּשאַצונגס־קאָמיסיע ביים שטייער־אַמט און מיט אַלע כוחות געקעמפֿט, נישט דערלאָזנדיק איבערצולאַסטן די יידישע שטייער־צאָלער.

ער האָט אויך געזאָרגט, אַז דער בית־הקברות זאָל האָבן אַ

נייעם פּאַרקאַן. און ווינטער־צייט זאָלן אָרעמעלייט זיין פּאַרזאָרגט ווי ווייט מעגלעך מיט קוילן און האָלץ. דערביי האָט ער דורכגעפירט בוררות, לאָקאַלע און אין אַנדערע שטעט, וווּהין מ׳האָט אים דרינגענד אַרויסגערופן.

אין פּרינציפּ איז ער געווען אַ שטרענגער, אָבער אין דער נאַטור אַן ערלעכער מענטש. און דערפאַר, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען דעם עול פון כלל און ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן קיינעם נישט געשוינט, וואַרפנדיק תמיד דעם אמת אין פּנים אַריין, האָט ער זיך איינגעשאַפט פיל קעגנער.

בעת „גראַבסקיס עליה", אין די יאָרן 6־1925, האָט ער פיל יידן געהאָלפן זיך איינשאַפן די נויטיקע דאָקומענטן, אַז זיי זאָלן קאָנען אויסוואַנדערן.

ער האָט אויך פאַרנומען אַמטן אין דער חברה קדישא, גמילת חסדים־קאַסע און הכנסת־אורחים.

גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער געהאָלפן צו שאַפן אַ ישיבה אין לאָוויטש, וואָס האָט זיך געפונען אויף זדונסקאַ 21, און געווען לאַנגיאָריקער יושב־ראש פון דער אגודת־ישראל. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער אַראָפּגעבראַכט קיין לאָוויטש דעם סקיערניעוויצער רבינס אַ זון, ר׳ בערישל קאַליש, און געגרינדעט אַ ישיבה, וואָס האָט זיך געפונען אויפן פּזשירינעק (קוטנער מאַרק) א. נ. שם שמעון בלוויץ׳. ער האָט אויך געהאָלפן אַרויסגעבן אַ ירחון (אַ חודש־שריפט), אין וועלכן די לומדי־תורה האָבן געשריבן מאמרים, און ער האָט פינאַנציעל געשטיצט די אויסגאַבע.

לייזער־ברוך האָט געהאַט דריי זין. דער דריטער זון, משה, איז דער איינציקער לעבנגעבליבענער פון דער משפּחה.

(ער האָט אויך געהאַט דריי טעכטער. פון דער עלטסטער טאָכטער, חנה, זענען לעבנגעבליבן צוויי זין, אברהם־שמואל און משה גרינבערג.ביידע לעבן אין ישראל).

לייזער־ברוך זיידע האָט זיך צוזאַמען מיט אַנדערע מיטגלידער פון קהילה־ראַט און איר פאַרוואַלטונג, באַטייליקט אין דער באַגריסונג פון פּרעזידענט, סטאַניסלאַוו וואָיטשעכאָווסקי, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם אויפנאַם־זאַל אין בנין פון דער סטאַראָסטווע.

די לעצטע יאָרן ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, מיט דער כסדרדיקער שטייגערונג פון אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן, האָט ער פיל געליטן, גייסטיק און מאַטעריעל צוליב קאָנקורענץ־טעמים. זיינע געשעפטן, פּונקט ווי פון אַנדערע יידן, זענען געווען ווייט נישט קיין גינסטיקע.

ביים אַריינקומען פון די נאַציס, אין סעפּטעמבער 1939, האָט ער געליטן פיל צרות. ער האָט שפּעטער געלעבט אין לאָוויטשער געטאָ, צוזאַמען מיט זיין צווייטער פרוי. און אין אָנהייב 1941, אין עלטער פון 76 יאָר, אַ מאָראַליש־ און פיזיש־צעבראָכענער, איז ער אַוועק מיט זיין עדה אין וואַרשעווער געטאָ, ווּו ער איז אין יאָר 1942 אומגעקומען.

השם ינקום דמם ויהי זכרם ברוך.

דענטיסטין מאַדאַם מינץ

אין אונדזער גאַלעריע „פּערזענלעכקייטן און געשטאַלטן" דערשיינען בלויז מענער. פּרויען, דאַקעגן, ווערן דערמאָנט אין אַ ריי מאמרים, סיי דערשיינען אין אַ צאָל גרופּן־פאָטאָגראַפיעס.

לאָוויטש האָט אָבער, פּונקט ווי אַנדערע יידישע שטעט, פאַרמאָגט אַ צאָל טיכטיקע פרויען־פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געטאָן געזעלשאַפטלעכע און פילאַנטראָפּישע אַרבעט. ליידער האָבן מיר נישט וועגן זיי קיין שום גענויע פּרטים, אָדער דאַטעס, כדי זיי צו קענען ווידמען געהעריקע מאמרים.

מיר מאַכן דאָ אָבער אַן אויסנאַם צו איין פרויען־געשטאַלט, וואָס הגם זי איז נישט געווען קיין לאָוויטש־געבוירענע, איז זי געווען צווישן די ערשטע פרויען־טוערינס אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, און מיט איר אָנוועזנהייט באַווירקט אַנדערע פרויען צו געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

די דענטיסטין מאַדאַם מינץ איז שוין געווען אַקטיוו געזעלשאַפטלעך אין אירע פריסטע יוגנט־יאָרן אין איר געבורטס־שטאָט סוואַלק, ווּו זי איז געווען אָנגעשלאָסן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

זי האָט זיך אויך באַטייליקט אין איינעם פון די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן אין באַזעל.

מאַדאַם מינץ האָט געשטאַמט פון דער באַוווסטער און מיוחסדיקער משפּחה יאַוויץ און געווען א קרובה פון באַוווסטן מזרחי־טוער, שרייבער און היסטאָריקער ז א ב י ע ב ץ.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין ערשטן וועלט־קריג, איז זי אַריבערגעקומען קיין לאָוויטש, ווּו איר מאַן, ה׳ מינץ, איז באַשטימט געוואָרן אַלס נאָטאַר. אין אומאָפּהענגיקן פּוילן איז ער געווען אַדוואָקאַט.

אויך אין לאָוויטש איז מאַדאַם מינץ געווען געזעלשאַפטלעך טעטיק און מערסטנטייל פאַרקערט אין יוגנטלעכער געזעלשאַפט, ווּו איר הויכע פיגור מיטן שיין־פאַרקעמטן גראָען קאָפּ האָט זיך בולט אויסגעטיילט.

זי האָט זיך זייער וואַרעם באַצויגן צו אַלערליי נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע אַפּעלן און אין פיל פון זיי זיך פּערזענלעך באַטייליקט.

נאָכן טויט פון איר מאַן האָט זי ווייטער געפירט איר דענטיסטישן קאַבינעט אויף דער פּאַדזשעטשנאַ־גאַס, אין הויז פון לוטעראַנישן פּאַסטאָר.

משה־לייב זשעלעכאָווסקי

דער נאָמען משה־לייב זשעלעכאָווסקי האָט מיט זיך פאַרקערפּערט אַ גאַנצע אינסטיטוציע, אויב נישט אַ באַזונדערע קליינע געמיינדע אינערהאַלב דער יידישער קהילה, וואָס האָט אויסגעווירקט איר איינפלוס אויף פאַרשידענע קרייזן.

יידן האָבן זיך געגרויסט מיט דעם נאָמען, און איבערהויפּט די יעניקע, וואָס זענען מיט אים פאַרבונדן געווען אין האַנדלס־באַציאונגען, אָדער געזוכט ביי אים טובות. די קריסטן האָבן אויף

דער ריזיקער נחלה געקוקט מיט אַ שטילן פאַרדאַכט און שטעכיקע אויגן, און נישט פאַרגינעַן אַ יידן אַזאַ רחבות און אַנזען.

משה־לייב זשעליכאָווסקי איז געווען דער געסטאָר אין דער יידישער געמיינדע, אַ באַקאַנטער מילנער און אינדוסטריעלער. אין זיין „הויף״, ווי מ׳האָט אים פאַרקירצט אָנגערופן זיין נחלה, האָבן זיך אָפּגעשפּילט פאַרביקע און ליכטיקע קאַפּיטלעך יידיש לעבן, וואָס טייל זענען שפּעטער, צוליב אַ ריי אומשטענדן, פאַרהילט געוואָרן מיט טרויער און שאָטן־זייטן. קאַפּיטלעך, וואָס וואָלטן געדינט פאַר אַ דאַנקבאַרן שטאָף פאַר נישט איין שרייבער, אויף אָנצושרייבן אַ ראָמאַן פון יידישן לעבן פון אַן אויפגייענדיקער תקופה אין יידישן לעבן אין פוילן, וואָס איז אַזוי טראַגיש פאַרשניטן געוואָרן.

אונדזער אויפגאַבע אין דער עסיי, איז בלויז צו געבן אַ פּען־פּאָרטרעט פון דער דאָזיקער קאָלירפולער פּערזענלעכקייט.

משה לייב זשעלעכאָווסקי איז געבוירן געוואָרן אין סאָכאַטשעוו, אין מאַי 1859, ביי חסידישע עלטערן און דערצויגן געוואָרן אין אַ שטרענג־רעליגיעזן גייסט.

שוין יונגערהייט ווייזט ער אַרויס אַ ניכטערן קוק פאַר האַנדלס־עניגים. אין די אַכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, ווייזט דער יונגער זשעלעכאָווסקי אַרויס גרויס איניציאַטיוו און אונטערנעמונגס־גייסט ביים פאַכטן פאַרשידענע מילן אין דער לאָוויטשער סביבה.

אין אָנהויב פון אונדזער יאָרהונדערט טראָגט ער זיך אַרום מיט דער אַמביציעזער אידעע פון אויפבויען אַן אייגענע, גרויסע מאָדערנע מיל, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דאָס לעצטע וואָרט פון דער טעכניק. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז עס האָבן נישט געפעלט קיין שטרויכלונגען דעם דאָזיקן פּראָיעקט צו פאַרווירקלעכן. דער ענערגישער זשעלעכאָווסקי איז זיי לסוף גובר און אין 1908 ווערט אין די רואינען פון דער אַלטער פאַראָווער מיל, נישט ווייט פון דעם שמאָלן טייכל „זשעלקווקא״, אויף אַ ריזיקן ליידיקן פּלאַץ, וואָס האָט געהערט צו די וועקשטיינס, אויפגעשטעלט דער גרויסער פיר־שטאָקיקער בנין פון דער נייער מיל. און אין שכנות, — א בלאָק וווינונגען, שייערן און כלערליי מאַגאַזינען.

דער דאָזיקער „הויף״ האָט געשמט אין דער סביבה מיט זיין רחבות און צדקה. משה־לייב זשעלעכאָווסקי האָט אַנטוויקלט אויף אַ ברייטן מאַסשטאַב אַ האַנדל מיט תבואה און אָנגעהאַלטן האַנדלס־באַציאונגען מיט די גרעסטע פירמעס אין לאַנד און אין אויסלאַנד.

אַדאַנק אים, האָט דאָס אָרעמע און אינדוסטריעלאָזע לאָוויטש צוגעקריגן אַ גאָר וויכטיקן האַנדלס־צענטער און אַרבעטס־פּלאַצווקע, פון וועלכע עס האָבן זיך דערנערט הונדערטער פאַמיליעס.

דער פוסטער פּלאַץ אַרום דער מיל איז אין משך פון אַ גאָר קורצער צייט פונאַנדערגעבויט געוואָרן און אין אַ קורצער צייט איז אַנטשטאַנען אַ נייער קוואַרטאַל — די זשעלקאָווקאַ, וואָס איז פאַררעכנט געווען פאַר איינער פון די געדיכט־באַפעלקערטע פאַרשטעט אין לאָוויטש.

אין זשעלעכאָווסקיס מיל האָבן געאַרבעט עטלעכע צענדליק קריסטלעכע אַרבעטער אין צוויי שיכטן. אָבער קיין יידישער אַרבעטער האָט נישט געהאַט קיין דריסת־רגל אין דער פאַבריק. דערפאַר האָבן אין דער קאַנצעלאַריע געאַרבעט דורכאויס יידן און די באַאַמטע זענען געווען אייגענע משפחה־לייט און פּראָטעזשירטע.

ר׳ משה־לייב זשעלעכאָווסקי איז געווען אַן אַקטיווער מיטגרינדער פון דער „באַנק זשעמי לאָוויצקעי״, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ פיליע פון דער „באַנק פּאָלסקי״. ער איז אויך דער איינציקער ייד, וואָס איז דערשינען אויף אַ געמיינזאַמער אָנדענקפאָטאָגראַפיע פון די באַנק־איניציאַטאָרן צוזאַמען מיט אַ ריי אָרטיקע גלחים, קריסטלעכע אינדוסטריעלער און בראש מיטן מיניסטער גראַבסקי.

בעתן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זשעלעכאָווסקי געהערט צום שטאָטישן זעלבסטשוץ־קאָמיטעט.

צוליב דער נאָענטקייט פון די קריגס־אָפּעראַציעס אין דער געגנט, ווערט דער האַנדל אין גאַנצן פּאַראַליזירט און עס פעלט אויס קליינגעלט אין אומלויף. כדי צו פאַרגרינגערן די האַנדלס־טראַנזאַקציעס, באַשליסט דער שטאָטישער קאָמיטעט אַרויסצוגעבן געלט־באָנעס אין דער ווערט פון 5 קאָפּיקעס ביז אַ רובל.

די דאָזיקע געלט־באָנעס האָט דעמאָלט אונטערגעשריבן משה־לייב זשעלעכאָווסקי, דער קריסטלעכער אינדוסטריעלער עמיל באַלצער און סטאַניסלאַוו קזשענזשאָפּאָלסקי (דירעקטאָר פון „באַנק האַנדלאָווי״).

די דאָזיקע געלט־באָנעס געפינען זיך עד־היום אין לאָוויטשער מוזעאום א. נ. פון וול. טאַרטשינסקי.

משה־לייב זשעלעכאָווסקי איז געווען מחותן פון לאָוויטשער רב ר׳ בצלאל בידערמאַן זצ״ל און אַ מקורב פון אַמשינאָווער רבין.

ער האָט געשמט אַלס נדבן און געגעבן גרעסערע סומעס אויף דברים־טובים און ספּעציעל אויף וווילטעטיקע אינסטיטוציעס.

דערביי האָט ער זייער פיל געהאָלפן אייגענע פאַמיליע־מיטגלידער, נאָענטע און ווייטע.

זיין פּריצישער הויף, וואָס האָט פאַרנומען אַ ריזיקן שטח לאַנד, האָט געהאַט אַן אייגענעם גאָרטן, אַ מקווה, אַ בעקעריי און אַ שטיבל צום דאַווענען.

ר׳ משה־לייב זשעלעכאָווסקי איז געווען אַ הויכער ייד, מיט אַ זילבערדיק־ווייסער גרויסער באָרד, אַ הדרת־פּנים, און געגאַנגען אָנגעלענט אויף אַ שטעקן.

ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין פּויליש־חסידישן טראַכט, אין אַ לאַנגער שוואַרצער קאַפּאָטע און קורצע, גלאַנציקע שטיוול.

זיין פרוי, רייזל, איז געווען פיל נידעריקער פון אים און אַרום איר פאַרטוך איז תמיד געהאַנגען אַ גרויסער בונט שליסלען פון דער גרויסער ווירטשאַפט.

יעדן פרייטיק פאַרנאַכט האָבן אַהין, אין הויף אַריין, געצויגן לאַנגע שורות אָרעמעלייט, אָרטיקע און צוגערייזטע, וועלכע זענען דאָרט באַזאָרגט געוואָרן מיט אַ פּאָרציע לכבוד שבת: אַ גרויסע קיילעכדיקע חלה, פלייש און מעל.

די דאָזיקע טראַדיציע האָט אָנגעהאַלטן ביזן לעצטן טאָג, ווען דער „הויף״ איז צעשטערט געוואָרן דורך די דייטשע באָמבעס.

אין יאָר 1914, ווען דאָס רוסישע מיליטער האָט אויף אַ ווילקירלעכן אופן געהערשט אין לאָוויטש און די צאַרישע מאַכט האָט גענומען „זאַקלאַדניקעס״, האָט זיך זשעלעכאָווסקין אין דער לעצטער מינוט איינגעגעבן צו אַנטלויפן קיין וואַרשע, אַדאַנק דער עצה־טובה פון אַ הויכן רוסישן מיליטערמאַן.

אַלס פליכטלינג אין וואַרשע איז ער טעטיק געווען אין קאָמיטעט פון א. ג. „13״, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צו באַזאָרגן

די היימלאָזע, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון דער סטרעפּע פון די קריגס־אָפּעראַציעס.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען דאָס לעבן האָט זיך נאָרמאַליזירט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז זשעלעכאָווסקי אַקטיוו געווען אין קהילה־לעבן און איז געווען לאַנגיאָריקער פּרעזעס פון דער קהילה, סיי אַ ראַטמאַן אין מאַגיסטראַט.

עטלעכע יאָר פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען אין זיין גרויסער אונטערנעמונג און פאַמיליע־לעבן, כלפּי־חוץ און כלפּי־פּנים, אַריינגעקומען גרויסע ענדערונגען.

נאָך דער אבידה פון זיין פרוי, האָט ער איבערגעגעבן די לייטונג פון דער מיל צו זיינע קינדער. ער האָט זיך אויך צוריקגעצויגן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אַ בן־שמונים און מידער, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אָטוואָצק. ער האָט אין דאָזיקן קוראָרט געזוכט מנוחה און אָפּגעזונדערטקייט, האָבנדיק הינטער זיך אַ רייך און פאַרביק קאַפּיטל פון אַן אַרבעטזאַם לעבן, וואָס איז געקרוינט געוואָרן מיט הצלחה און גרויסע אויפטועז.

ליידער איז דאָס גרויסע הויז, וואָס איז געווען די קרוין פון דער יידישער געמיינדע אין לאָוויטש, בעת דעם היטלער־איבערפאַל אויף פּוילן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רואין.

ר׳ איטשע־מאיר אַדלער

ר׳ איטשע־מאיר אַדלער איז במשך 15 יאָר געווען מיטגליד פון דער לאָוויטשער קהילה. אין פיל הינזיכטן האָט ער זיך אונטערשיידט פון זיינע פאָרגייער און פירער פון דער אגודה, ווי ראובן ברייטשטיין, לייזער־ברוך זיידע און אַנדערע, פון וועלכע ער איז געווען 20 יאָר יינגער.

איטשע־מאיר אַדלער

ר׳ איטשע אַדלער איז געווען פון נישט־הויכן וווּקס מיט שמאָלע אַקסלען, שנעלן גאַנג און פלינקע באַוועגונגען.

זיין שמאָל, בלאַס פּנים איז געווען איינגערעמט אין אַ שוואַרצער באָרד, וואָס האָט געהאַט דעם אָפּשיין פון רויטלעכן קופּער. זיין בליק איז געווען אַ שטרענגער, אָן עטוואָס באַפעלערישער. ער איז תמיד געגאַנגען נעט געקליידעט און זיך קיינמאָל נישט געשיידט מיט זיין לאַנגער קאַפּאָטע און רונדן שוואַרצן טוכענעם היטעלע.

דאָס שטיין בראש פון דער קהילה אַ לענגערע צייט, זאָגט עדות אויף זיינע פעאיקייטן אַלס שליח־ציבור, וואָס איז געווען אַ ירושה־זאַך. אויך זיין פאָטער, ר׳ ישראל־שמחה ז״ל, איז אין דער צווייטער העלפט פון פאָריקן י״ה, געווען איינער פון די חשובסטע באַלעבאַטים אין שטאָט און במשך 30 יאָר געווען דאָזאָר. ער האָט געשמט אַלס פאַרמעגלעכער מענטש, אייגנטימער פון ערשטן אייזן־סקלאַד אין דער שטאָט. ער איז אויך באַקאַנט געווען אַלס למדן, און רעספּעקטירט געווען אין דער יידישער געמיינדע, סיי ביי מלכות.

בעתן יאַנואַר־אויפשטאַנד, אין 1863, ווען עס האָט אויסגעפעלט אין אומליוף קליינגעלט, האָט די לאָקאַלע רוסישע מאַכט אים באַפולמעכטיקט, ער זאָל אַרויסלאָזן געלט־באָנעס אין דער הויך פון 15 קאָפּיקעס ביז אַ רובל. די דאָזיקע באָנעס האָבן געטראָגן זיין אייגנהענטיקע חתימה און זענען געווען אין אומליוף נישט בלויז אויפן שטח פון לאָוויטש, נאָר ווייט אויסער אירע גרענעצן. (די דאָזיקע געלט־באָנעס געפינען זיך עד־היום אין לאָוויטשער מוזעאום).

ער איז אויך געווען איינער פון די מיטבויער פון דער גרויסער שול, אין יאָר תרל״ו.

ר׳ איטשע־מאיר איז טריי געגאַנגען אין זיין פאָטערס פוסטריט. ער איז געבוירן אין לאָוויטש, אין יאָר 1886. אין חדר האָט ער געלערנט ביזן 14־טן לעבנס־יאָר. זיין וועלטלעכע בילדונג האָט ער געקראָגן ביי פּריוואַטע לערער און שפּעטער אַריינגעצויגן געוואָרן אין פאָטערס אייזן־סקלאַד.

זיין ערשטע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט דאַטירט זיך פון די די טעג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ער איז איינגעלאַדן געוואָרן אין קאָמיטעט פון דער „טאַניאַ קוכניאַ״ (פאָלקס־קיך), וואָס האָט באַזאָרגט היימלאָזע מיט מאָלצייטן.

ר׳ איטשע איז געווען אַן אַלעקסאַנדערער חסיד און ביז 1923 איז ער געווען אַן אומפּאַרטייאישער.

אין צווישנצייט קומען פאָר גרויסע פּאָליטישע איבערגרופּירונגען אין יידישן לעבן און ער ווערט אויסגעוויילט אין דער פאַרוואַלטונג פון דער יידישער קהילה מצד דער רעליגיעזער ליסטע. דעם זעלבן יאָר ווערט ער וויצע־פּרעזעס און דריי יאָר שפּעטער — ראש הקהל.

די קהילה־לייטונג ווערט אין דער צייט געפירט אין ענגן גייסט פון דער אָרטאָדאָקסיע. און איר טעטיקייט שטייט אונטערן כסדרדיקן צייכן פון שטרייטן מצד דער אָפּאָזיציע. אין 1936 ווערט ר׳ איטשע אויסגעוויילט מצד דער אומפּאַרטייאישער ליסטע צום שטאָט־ראַט, און איז ראַטמאַן ביזן אויסברוך פון דער מלחמה, אין 1939.

אַזוי איז אויך דער גורל אויסגעפאַלן, אַז ער זאָל זיין דער לעצטער ראש־הקהל פון לאָוויטש.

ר׳ איטשע־מאיר איז אויך געווען טעטיק ביים בויען דאָס נייע בית־המדרש, נאָכדעם, ווי די אַלטע חורבה האָט געזאָלט דעמאָלירט ווערן. צוזאַמען מיט אַנדערע כלל־טוער האָט ער אונטערגענומען אַן ענערגישע אינטערווענץ ביי דער שטאָט־מאַכט, סיי אין וואָיעוואָדישן אַמט אין וואַרשע. און אים איז געלונגען אויסצופועלן אַ דערלויבעניש אויף אַ ניי בית־מדרש.

אין די יאָרן 1935־36 רעזיגנירט ער פון דער פּרעזעסשאַפט און די אויפזיכט־מאַכט נאָמינירט אַ פאַרטרעטער. סוף 1936 נעמט ער צוריק איבער די קהילה־לייטונג.

אין 1932 איז ר׳ איטשע אַדלער נאָמינירט געוואָרן דורכן וואַרשעווער קרייז־געריכט אין דעם אָרטיקן „אוזשאָנד ראָזיעמטשי״ (אַרביטראַזש־אַמט). אין דעם זעלבן יאָר איז ער דעלעגירט געוואָרן דורכן שטאָט־ראַט אַלס מיטגליד פון דער שאַצונגס־קאָמיסיע ביים שטייער־אַמט.

כמעט אין אַלעווירטשאַפטלעכע קאָמיסיעס פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, סיי צו די סיים־וואַלן, גענומען איטשע אַדלער, אַ טעטיקן אָנטייל. ער איז אויך געווען אַ ווירדיקער שתדלן ביי דער אויפזיכט־מאַכט און אין דער מוניציפּאַליטעט, לטובת הציבור און יחידים.

ווען די נאַציס זענען אַריין קיין לאָוויטש, איז ער גראָד געלעגן אַ שווער־קראַנקער אין בעט. ער האָט שפּעטער מיטגעמאַכט אַלע גילגולים פון יידישע צרות אונטער דער נאַצי־אָקופּאַציע. בעתן גירוש פון די יידן פון לאָוויטשער געטאָ אין יאָר 1941, איז ער אַוועק מיט זיין גרויסער משפחה קיין וואַרשע און געטיילט דעם פינצטערן גורל פון פאַרשניטענעם פּוילישן יידנטום.

אברהם לעשטשינסקי

אברהם לעשטשינסקי איז געבוירן אין לאָוויטש אין יאָר 1880 ביי פאַרמעגלעכע עלטערן, מיטאינהאָבער פון דער „פּאַראָווער מיל". זיין פאָטער, יוסף־בער, איז געווען אַן אָנגעזעענער בעל־הבית און גבאי פון דער גרויסער שול.

אברהם לעשצינסקי

אין יאָר 1905־6, ווען דאָס יידישע לעבן ווערט באַאיינפלוסט פון די פּאָליטישע געשעענישן אין לאַנד, און דער ציון־געדאַנק הויבט אָן ארומנעמען ברייטערע קרייזן פון די יידישע מאַסן, באַווייזט זיך דער יונגער לעשטשינסקי אויף דער אַרענע. ער ווייזט אַרויס גרויס איניציאַטיוו ביים גרינדן די „חובבי ציון".

דער יונגער א. ל. באַגנוגנט זיך נישט בלויז מיט דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט. ער האַלט, אַז עס פעלט איר אַ מאָראַליש־דערציערישער פאַקטאָר און קומט צו דער מסקנה, אַז מ׳דאַרף גרינדן אַ שול. אַ זאַך, וואָס איז אין יענע צייטן, בעת דעם צאַרישן רעזשים, נישט געווען פון די גרינגע זאַכן.

אַדאַנק זיין אונטערנעמונגס־גייסט און עקשנות, נישט קאָרגענדיק קיין געלט און מי, ווערט זיין אידעע פאַרווירקלעכט.

עס ווערט געעפנט אַ ציוניסטישע שול א. נ. „בית־ספר עברי". זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ביים אויפשטעלן די דאָזיקע שול איז ער נישט אַליין. נישט ווייניק אַרבעט און אָנשטרענגונג האָבן אַריינגעלייגט פאַר דער דאָזיקער אידעע און איר פאַרווירקלעכונג, אַנדערע ציון־טוער, ווי: יעקב־אהרן טושינסקי, דוד לובעצקי, מרדכי ביאַלעק און אַנדערע. די שול האָט זיך געפונען אין פראָנט, אויף זדונסקאַ 23.

מנהל פון דער שול און לערער פון העברעאיש איז געווען דער משכיל יעקב־פישל מילעווסקי.

די דאָזיקע שול האָט אָנגעהאַלטן ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און אַרויסגעגעבן תלמידים, וואָס האָבן שפּעטער פאַרנומען אין פּוילן און אין אויסלאַנד וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס.

אין יאָר 1914, בעתן דורכמאַרש פון רוסישן חייל אויפן פראָנט, ווו זיי האָבן אויף אַ מוראדיקן אופן באַלעבאָסטעוועט אין שטאָט, ווערט לעשטשינסקי גענומען אַלס איינער פון די יידישע ערובניקעס, צוזאַמען מיטן רב בידערמאַן, יעקב בעם, יעקב עפּשטיין און אַנדערע חשובע יידן.

נאָכדעם, ווי ער האָט אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג פאַרן פּולקאָווניק סמירנאָוו, דעם דעמאָלטיקן מיליטערישן קאָמענדאַנט פון דער שטאָט, אַז ער איז אַן אַלמן און דער איינציקער אַפּיעקון פון זיינע פיר קליינע קינדער, וועלכע זענען איבערגעלאָזט אַן השגחה, ווערט ער באַפרייט.

אברהם לעשטשינסקי איז דער איינציקער ייד, וואָס גיט הילף די פאַרוווּנדעטע רוסישע פראָנט־סאָלדאַטן, ווען וועמענס גורל דער אָקופּאַנט האָט ווייניק געזאָרגט.

דער דערמאָנטער קאָמיטעט פון „רויטן קרייץ" האָט געעפנט אַ לאַזאָרעט פאַר עטלעכע הונדערט פאַרוווּנדעטע רוסישע סאָלדאַטן, וואָס זענען באַזאָרגט געוואָרן מיט עסן און מעדיצינישער הילף.

די טויטע האָט מען באַגראָבן אויף רעכטס ביים אַרויפגאַנג פון דער לאָנקע, די „קאַסטקעס", אויפן אָרט, וווּ עס האָט זיך שפּעטער געפונען די שטאָטישע תפיסה.

דער דאָזיקער לאַזאַרעט איז געווען אונטער דער אויפזיכט פון דער דייטשער מאַכט און האָט זיך גערופן „12־טער קאָרפּס־פעלד לאַזאַרעט".

אַ צייט שפּעטער, ווען די לאָקאַלע דייטשע מאַכט האָט זיך געטוישט, אין צוזאַמענהאַנג מיט די קריגס־אָפּעראַציעס, ווערט א. ל. פאַרמסרט אַלס רוסאָפיל דורך אַ דייטשן שפּיצעל, אַ געוויסן מיללער, אַ סטאָלאַר, זדונסקאַ 12.

די מסירה איז געווען אַ ביזוויליקע. דער בלבול האָט זיך גענומען דערפון, וואָס א. ל. האָט געטראָגן הילף די מלחמה־קרבנות. ער איז אַרעסטירט געוואָרן אונטער אַ שווערער באַשולדיקונג און ס׳האָט אים געדראָט אַ פעלד־געריכט. אין תפיסה געפינט ער זיך צוזאַמען אין איין צעלע מיט די אָנגעזעענע פּוילישע בירגער און פרייהייט־קעמפער, ווי עמיל באַלצער, וולאַדיסלאַוו טאַרטשינסקי, קאַראָל ריבאַצקי און אַנדערע.

נאָך גרויסע באַמיאונגען ביי דער דייטשער מאַכט, פאַר וועלכער עס ווערט אויפגעוויזן די גרונטלאָזיקייט פון דער באַשולדיקונג, ווערט ער באַפרייט.

אין 1916, ווען דאָס לעבן הויבט זיך אָן נאָרמאַליזירן אונטערן אָקופּאַנט, געלינגט א. ל. אויסצופּועלן ביי דער דייטשער מאַכט אַ לעגאַליזאַציע אויף צוריקצועפענען די אַמאָליקע העברעאישע שול. דער קרייז־שעף ה׳ לאָטצע לעגאַליזירט די העברעאישע טאָגשול „בית־ספר עברי" מיט אַ גן־ילדים (פרעבל־שול).

די לייטונג פון דער העברעאישער טאָג־שול אין לאָוויטש איז אין יענער צייט געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון העברעאישן שרייבער און לערער ש. ל. גאָרדאָן פון וואַרשע.

די שול האָט זיך דעמאָלט געפונען אויף בראָוואַרנע 11 (בית־המדרש גאַס), אין שיינפעלדס הויז, וואָס איז פריער געווען אַ רוסישע קאַזאַרמע.

פסח־צייט, 1916, ווען דער אָקופּאַנט האָט „רעגולירט" די פראַגע פון דערנערן די באַפעלקערונג לויט די הינדענבורגישע מלחמה־

פאַראַרדענונגען, ווען מ'האָט נאָך די מינדעסטע שפּייז־אַרטיקלען געמוזט שטיין אין לאַנגע רייען, און פּראָדוקטן זענען אויסגעטיילט געוואָרן אויף באָנעס, באַמיט זיך א. ל. ביים קרייז־שעף, אַז אויף יום־טוב זאָל מען די מיטגלידער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג צוטיילן, אויסער דעם באַשטימטן באָנע־קאָנטינגענט, אַ גרעסערן סכום פלייש, מעל, צוקער און אַנדערע נויטיקע לעבנס־מיטל, וואָס יידן האָבן נויטיק אויף פּסח.

זיין אינטערווענץ ווערט פּאָזיטיוו דערליידיקט.

אַ צייט שפּעטער, נאָכדעם, ווי דאָס שול־וועזן ווערט רעגולירט דורך דעם אָקופּאַנט, און עס אַנטשטייט אַ נייער טיפּ פאָלקס־שולן, הערט אויף די פאַקטישע עקזיסטענץ־טעטיקייט פון „בית ספר עברי" אין לעשטשינסקי, וועלכער האָט אינצווישנצייט געהאַט אָפּגעקויפט דעם בנין אויף בראָוואַרנע 11, וואָס איז איבערגעבויט געוואָרן פאַרן צוקונפטיקן העברעאישן גימנאַזיום, מוז צוליב פינאַנץ־טעמים זיך צוריקציען. און מרדכי ביאַלעק צאָלט אויס דעם אונטערשיד פון דער קניה, און בלייבט באַלעבאָס פון הויז. דער בנין איז שפּעטער אַ „שאַבאַסוווקע"* ביי דער פּוילישער מאַכט.

אין 1918, ווען די האַרמאַטן האָבן אָפּגעשטעלט זייער פאַרניכטונגס־עבודה אויף די שלאַכטפעלדער און אין חרובע שטעט גייען מענטשן אויס פון הונגער און די יידישע נויט איז אומבאַשרייבלעך, קומט צו הילף די מלחמה־קרבנות — דער „אַמעריקן דיסטריבושן קאָמיטי" („דזשאָינט"). עס ווערט אָרגאַניזירט אַ ברייטע הילפס־אַקציע און די צענטראַלע אין וואַרשע באַשטימט אברהם לעשטשינסקין אַלס איר מיטגליד און הויפּט־לייטער איבער אַ גאַנצן קרייז.

אין 1919, ווען קיין פּוילן איז געקומען דער באַרימטער הוווער־קאָמיטעט, צו העלפן באַשפּייזן די קינדער פון די מלחמה־קרבנות, ווערט א. ל. אויסגעוויילט אַלס לייטער פון דער קיך אין לאָוויטש, וווּ עס ווערן טעגלעך באַשפּייזט ביז 700 קינדער און עלטערע לייט.

אין 1920, אַלס מיטגליד פון „דזשאָינט" אין וואַרשע, אין דער צייט, ווען די באָלשעוויקעס זענען געשטאַנען אויף יענער זייט הויפּטשטאָט, איז דאָס פאַרמעגן פון „דזשאָינט" אויפגעלאָדן געוואָרן אויף לאַסט־אויטאָס, גרייט אָפּצופירן אין פּוילישן פּאָרט — דאַנציק. א. ל. איז דעמאָלט מיטגעפאָרן מיטן לייטער פון „דזשאָינט", קאַפּיטאַן רובינשטיין (פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי) און דעם העברעאישן שריפטשטעלער דוד פרישמאַן. אויפן וועג קיין דאַנציק זענען זיי אָנגעקומען קיין לאָוויטש, וווּ זייערע וועגן זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

די געזעגענונג איז פאָרגעקומען אין רעסטאָראַן „פּאָלאָניאַ", אויפן אַלטן מאַרק. ביים צעשיידן זיך, האָט קאַפּיטאַן רובינשטיין איבערגעגעבן צו אברהם לעשטשינסקי די קיילעכדיקע סומע פון 50 טויזנט דייטשע מאַרק, אַלס אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט פאַר זיין אומדערמידלעכער אַרבעט לטובת הכלל. דאָס געלט איז געגעבן געוואָרן אויף אַ דערהויבענעם צוועק — צו גרינדן, אַ יידישע קאָאָפּעראַטיווע באַנק" אין לאָוויטש.

נאָך דעם „נס ביי דער ווייסל", ווען די מלחמה־אָפּעראַציעס האָבן זיך אַוועקגעטראָגן ווייטער פון דער פּוילישער הויפּטשטאָט, איז צומאָרגנס נאָך יום־כיפּור, ווען דאָס היי איז נאָך געלעגן צעשפּרייט אויף דער פּאָדלאָגע פון חברה ציונים אויף בראָוואַרנע 11, פאָרגעקומען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דער באַנק.

מיטגרינדער זענען געווען מרדכי ביאַלעק, אליעזר גאָלדוואַסער און אַנדערע. די אינסטיטוציע האָט געהייסן „קאַסאַ ספּולדזיעלטשאַ דליאַ זשעמיעשלניקוּוו זשידוּוו" (קאָאָפּעראַטיווע קאַסע פאַר יידישע בעלי־מלאכות).

דער צייטווייליקער קהילה־לאָקאַל האָט זיך דעמאָלט געפונען אויף זדונסקאַ נומער 23 (אין פראָנט). אינערהאַלב דער קהילה־לייטונג זענען פאָרגעקומען אָפטע סכסוכים. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט דעמאָלט אויסגעוויילט אַ קאָמיטעט מיט א. ל. בראש, חיים ראָזענטאַל און יעקב שעפּס, וועמען עס ווערט אָנפאַרטרויט די מיסיע איבערצונעמען די קהילה־לייטונג פון די יעניקע, וואָס האָבן די דאָזיקע טעטיקייט ביז דעמאָלט געפירט אין אַ באָטיק־ביכל אין זייער בוזעם־קעשענע.

✶

באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט דאַרף געשענקט ווערן צו זיין איניציאַטיוו פון שאַפן די „קאָאָפּעראַטיווע באַנק פאַר יידישע בעלי־מלאכות" און איר גלאַנץ־עפּאָכע, וואָס איז געווען אַ ברכה פאַרן יידישן לאָוויטש. די דאָזיקע באַנק, פון וועלכער א. ל. איז געווען דירעקטאָר, האָט געשמט פאַר איינער פון די אָנגעזעענסטע אין דער גאַנצער סביבה, אַדאַנק דער גוטער לייטונג פון איר דירעקטאָר.

דער דאָזיקער בלי־ און אַנטוויקלונג־פּעריאָד האָט זיך געצויגן פון 1920 ביז 1933, און דאָס אין אַ צייט פון קאַרקבערעכרישע יאָרן פון אינפלאַציע אין פּוילן, ווען בענק זענען איבער נאַכט זיך צעפאַלן און רואינירט זייערע דעפּאָזיטאָרן.

א. ל. האָט געאַרבעט אומדערמידלעך אין דער לייטונג פון דער באַנק, פינאַנסירט און דורכגעפירט גרעסערע פינאַנץ־טראַנזאַקציעס און דערהויבן די יידישע באַנק אין לאָוויטש צו אַ וויכטיקער פינאַנץ־אינסטיטוציע, וואָס האָט זיך דערוואָרבן דעם גרעסטן צוטרוי אין לאָוויטש און איז שפּעטער פאַררעכנט געוואָרן פאַר איינער פון די אָנגעזעענסטע קאָאָפּעראַטיוו־בענק אין לאַנד.

אויך די יידן פון די שכנותדיקע שטעטלעך האָבן גענאָסן פון אַ גרויסן קרעדיט און בכלל איז דאָס יידישע ווירטשאַפטלעכע לעבן געשטאַנען אונטערן צייכן פון בעסערע צייטן.

אין יאָר 1934 האָט אברהם לעשטשינסקי באַשלאָסן זיך אַריבערצוציען קיין וואַרשע. ער האָט דאָס געטאָן, כדי צו קאָנען געבן אַ מעגלעכקייט זיינע צוויי ייִנגערע זין צו דערגענצן זייערע העכערע שטודיעס אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט. ער איז אַוועק קיין וואַרשע מיט זיין הויז־געזינד, און האָט לאָוויטש איבערגעלאָזט בירושה די „קאָאָפּעראַטיווע יידישע באַנק".

אין די שטורעם־טעג, ווען די נאַצישע חיילות האָבן אָנגעהויבן זייער טייוולאָנישן איבערפאַל אויף פּוילן, איז ער געשטאָרבן.

זיינע קינדער, דריי זין און אַ טאָכטער, האָבן אין דער נאַצי־תקופה זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער „אַרישער זייט". און דער אופן, ווי אַזוי זיי האָבן זיך געראַטעוועט קלינגט ממש ווי אַ שפּאַנענדיקע נס־פּאַסירונג.

א. ל. איז געשטאָרבן בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, ד. 13־טן פעברואַר 1940, אין וואַרשע, און לויט זיין צוואה האָט מען אים קובר־געווען אויפן לאָוויטשער בית־עולם. נישט געקוקט אויף די דעמאָלטיקע באַדינגונגען, האָט זיך זיינע זין איינגעגעבן אַרויס־

* אַ רעגירונגס־פאָלקס־שול, וווּ אום שבת האָט מען נישט געלערנט.

צובאַקומען אַ ספּעציעלע דערלויבעניש איבערצופירן דעם נפטר אין זיין געבורטשטאָט. דער מת אין הילצערנעם קאָסטן איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין אַ מעטאַלענעם קאַסטעט און פאַרחתמעט געוואָרן דורך דער דייטשער סאַניטאַרער מאַכט און אַזוי אָפּגעפירט געוואָרן קיין לאָוויטש.

טראָץ דעם שווערן ווינטער־טאָג און דאָס כאַפּן יידן אויף אַרבעט, האָט אין זיין לוויה זיך באַטייליקט אַ גרויסער עולם.

אינזש. ז. סלאָנימסקי

ווען פּוילן האָט אין 1918 צוריקגעוווּנען איר אומאָפּהענגיקייט, איז איינגעפירט געוואָרן צוואַנגס־בילדונג אין קאַמף קעגן אַנאַלפאַבעטיזם, אַן איבערבלייב פון די צאַרישע צייטן. פאַר קינדער פון דער יידישער מינדערהייט זענען געגרינדעט געוואָרן די א.ג. „שאַבאַסאָווקעס", אַ טיפּ פאָלקס־שול, וווּ מ'האָט אום שבת נישט געלערנט, און דער רוב לערערס אין די דאָזיקע שולן זענען געווען יידן.

אַזוי ווי אויפן שטח פון פּוילן, וווּ מאָסקווע האָט אַמאָל רעגירט, זענען בעת פּוילנס געווינען איר אומאָפּהענגיקייט, נישט געווען גענוג לערערס, זענען אַזעלכע אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון מזרח־ און מערב־גאַליציע.

אַזוי זענען אין הונדערטער שטעט און שטעטלעך, וווּ יידן האָבן געוווינט אין קאָמפּאַקטע מאַסן, איינגעפירט געוואָרן דער טיפּ פאָלקס־שול. דער אונטערריכט איז געווען פּויליש. שבת האָט מען נישט געלערנט, דערפאַר אום זונטיק יאָ. די דאָזיקע אָנפאַנגשולן פאַר יידישע קינדער זענען דערמיט געווען „יידיש", וואָס צוויי מאָל אַ וואָך האָט מען, אויפן שפּיץ־מעסער, געלערנט דעם א.ג. „אָפיציעלן לימוד" — רעליגיע. אין דער אמתן איז עס געווען יידישע געשיכטע און טראַדיציע פון אונדזערע אבות. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אויך דער לימוד איז געלערנט געוואָרן אין דער פּוילישער שפּראַך.

דער גרעסטער טייל יידישע לערערס אין דער „שאַבאַסאָווקע" אין לאָוויטש, האָבן געשטאַמט פון זלאָטשעוו, גאַליציע.

אַן אויסנאַם איז געווען אינזש. זיגמונט סלאָנימסקי, וועמען דאָס בילדונגס־מיניסטעריום האָט אַראָפּגעבענגט פון וואַרשע.

עטלעכע יאָר שפּעטער, האָבן אַ צאָל לאָוויטשער יוגנטלעכע געענדיקט לערער־סעמינאַרן און זענען אָנגעשטעלט געוואָרן אין דער זעלבער שול. פרוי באַשאַ גיימאַן (פון דער היים יאַקובאָווסקי) איז אַ צייט געווען לייטערין פון דער יידישער פאָלקס־שול, אַזוי אויך יוזעף ראָזענדאָרן, וועלכע האָבן געשטאַמט פון אַן אַסימילירטער היים. צווישן אַנדערע יידישע לאָקאַלע לערערינס דאַרפן דערמאָנט ווערן: שרה ניידאָרף, גאָלדע־אסתר ביעלאָווסקי, ליובאַ אָשעראָוויטש, קייזמאַן באַשאַ און מינאַ ראָזענטאַל און אַנדערע.

אינזש. סלאָנימסקי האָט געשטאַמט פון אַ מיוחסדיקער יידישאַסימילירטער פאַמיליע. דער גרויסער מאַטעמאַטיקער און דער רעדאַקטאָר פון דער העברעאישער טאָג־צייטונג „הצפירה", ר' חיים זעליג סלאָנימסקי, איז געווען זיינער אַן עלטער־פעטער.

צוליב דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק אין די פּוילישע רעגירונגס־אַמטן, איז ער נישט צוגעלאָזט געוואָרן אויף קיין אַמט, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען אַ קוואַליפיצירטער אינזשיניער, און ער האָט בלית־ברירה געמוזט אָננעמען דעם פּאָסטן אַלס לערער אין דער לאָוויטשער יידישער פאָלקס־שול.

אינזש. סלאָנימסקי איז געווען פון נידעריקן וווּקס, אַביסל פליכעוואַטע, ברונעט, מיט שפּיציקע וואָנצעלעך, און געטראָגן דיקע ברילן. מיט זיין גאַנצער פיזיאָנאָמיע האָט ער אויסערלעך דערמאָנט דעם עלטסטן פון די פילם־ברידער מאַרקס. זיינע הענט זענען געווען סענסיטיווע. דערביי האָט ער געהאַט אַ כאַראַקטעריסטיש שנעלן טראָט. ער איז געווען אַ גרויסער פּעדאַנט און ליידנשאַפטלעך פּינקטלעך. זיין העפלעכקייט און אופן פון רעדן, האָבן געהאַט אַ געמיש פון קאָמיזם. ער איז אָבער שטאַרק געשעצט געוואָרן ביי אַלעמען, ווייל ער איז געווען אַ ביז גאָר פריינטלעכער מענטש און די קינדער האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט און געהאַט פאַר אים גרויס אָפּשיי. זייענדיק אַרומגערינגלט מיט הונדערטער יידישע

די שילער פון 7־טן קלאַס (אַבסאָלווענטן) פון דער פּאָווּשעכנער שול מיט זייערע לערערס

The 7th class of the Public School

קינדער, האָט ער אין זייער סביבה און בכלל אין דער שול, טיילווייז צוריק־אָפּגעפונען זיין יידישע קינדהייט...

ער האָט געהאַט דריי קינדער: צוויי טעכטער און אַ זון. די פרוי איז אים פרי געשטאָרבן.

אינזש. סלאָנימסקי איז אין די צוואַנציקער יאָרן געווען איינער פון די צוויי פאָרשטייער מצד דעם שטאָט־ראַט אינעם שול־אויפזיכט פון לאָוויטשער קרייז.

אין די שפּעטערע צוואַנציקער יאָרן האָט אינזש. סלאָנימסקי פיגורירט אויף דער ליסטע פון „פּראָגרעסיווע יידן" צום שטאָט־ראַט. מיט דער צייט, איז ער אַלץ נענטער צונויפגעקניפּט געוואָרן מיטן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

צו די יידישע קינדער אין קלאַס, וועמען ער פלעגט הערן רעדן יידיש בעת די לעקציעס, האָט ער אויף אַ פריינטלעכן אופן אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז זיי דאַרפן דאָס נישט טאָן. ער האָט פאַרענטפערט זיין פאַרדרוס דערמיט, וואָס ער איז אויסן זייער אייגענע טובה, פלעגט ער זיי זאָגן: „אויב איר וועט רעדן פּויליש אויף די לעקציעס, וועט איר רעדן און שרייבן אַ פּערפעקטן פּויליש. יידיש וועט איר סיי־ווי־סיי קענען"...

אין דער שול האָבן געלערנט 600 קינדער.

אַז ער האָט דאָס געמיינט אויפריכטיק, קען מען זען פון דעם פאַקט, וואָס בעת עלטערן־פאַרזאַמלונגען פלעגט ער מיט די טאַטע־מאַמעס פון די קינדער רעדן אין אַ האַרטן אָבער פאָלקסטימלעכן

ייִדיש, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט אין לאָוויטש. און אויב דאָס איז נאָך ווייניק געווען, פלעגט ער די עלטערן מהנה זיין מיט אַ ייִדיש פאָלקס־לידל.

אַ גרויסער סיורפּריז פאַרן ייִדישן לאָוויטש איז געווען זיינער אַן אויפטריט בעת אַ רעוויו־פאָרשטעלונג פון דער ייִדישער פאָלקס־שול. ער האָט דעמאָלט געזונגען מיט זיין וואַרעמער און לירישער טענאָר־שטימע קיפּניסעס באַרימט פאָלקס־ליד „דער ייִדישער בעל־עגלה״. דער זאַל האָט ממש אויפגעשטורעמט מיט באַגייסטערונג, ווייל ער האָט אין ליד און אין די ווערטער אַריינגעלייגט זיין גאַנץ ייִדיש האַרץ. ער אַליין איז געווען פון דער דאָזיקער ייִדישער זעלבסט־דערקענטעניש...

נאָכן אַריינמאַרש פון די נאַצישע חיילות אין לאָוויטש, האָט ער געטיילט דעם גורל פון אַלע ייִדן און איז צוזאַמען מיט דער גאַנצער עדה און זיינע הונדערטער תלמידים, אויסגעזידלט געוואָרן אין וואַרשעווער געטאָ, פון וואַנען ער איז שפּעטער אָפּגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע.

מרדכי ביאלעק

וואָכנלאַנג איז ער געלעגן אויף זיין קראַנקן־בעט, פאַרצערט פון אַ לונגען־קראַנקהייט.

זיין אַמאָל־שוואַרצע באָרד איז געוואָרן זילבערדיק־ווייס.

שבת פאַרטאָג, כ״א אלול, 1937, האָט זיך זיין שטאַרק האַרץ אָפּגעשטעלט און ער איז רויִק געשטאָרבן אין זיין שלאָף. די ידיעה וועגן זיין טויט האָט יענעם שבתדיקן טאָג אַרויסגערופן אויפריכטיקן טרויער אין דער גאַנצער שטאָט.


מרדכי ביאַלעק

די אגודה, וואָס האָט זינט לאַנגע יאָרן געפירט מיט אים אַ מחלוקה, ווייל ער האָט זי באַקעמפט צוליב איר קעגנערשאַפט צו ארץ־ישראל, האָט זיך איצט אין אים געוואָלט נוקם־זיין. און דורך אירע חברים אין דער חברה־קדישא זיך באַמיט אָפּצולייגן די לוויה, כדי אויסצופּרעסן פון דער משפּחה אַ גרעסערע סומע.

די לוויה איז אָבער פאָרגעקומען צומאָרגנס, זונטיק, פּינקטלעך 3 נ.מ., אַזוי ווי זי איז באַשטימט געוואָרן, און וועלכער עס האָט זיך באַטייליקט אַ גרויסער קהל.

די מלווים האָבן אַרויסגענומען די מיטה פון דער שוואַרצער עגלה און זי געטראָגן דעם גאַנצן וועג ביזן בית־הקברות.

מרדכי ביאַלעקן איז באַשערט געווען צו קומען צו אייביקער רו אין שכנות פון זיין נאָענסטן חבר און ידיד — דעם ציון־פירער, יעקב־אהרן טושינסקי, וואָס איז געשטאָרבן מיט 21 יאָר פריער.

די קרקע איז די אַלע יאָרן אָפּגעהיטן געוואָרן פאַר אים.

מיט זיין טויט איז אַוועק אַן עמינענטע געשטאַלט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין לאָוויטש.

מרדכי ביאַלעק איז געבוירן אין 1867, אין לאָוויטש, אין דער פאָרשטאָט בראַטקאָוויץ. דאָ האָט זיך געהאַט באַזעצט זיין זיידע אין אָנהויב פון 19־טן יאָרהונדערט, עטלעכע יאָר נאָך נאַפּאָלעאָנס באַזוך אין דער שטאָט, ווען ייִדן איז דערלויבט געוואָרן זיך צוריק צו באַזעצן.

זיין זיידע האָט אין דער פאָרשטאָט געקויפט אַ גרויס שטיק לאַנד און פאַרלייגט אַ גאַרבעריי. מרדכי האָט פון די ייִנגסטע יאָרן געלערנט דאָס פאַך פון זיינע אבות און ער איז שפּעטער געוואָרן אַ גאַרבער.

זיין מוטער האָט אין דער פאָרשטאָט בראַטקאָוויץ געעפנט אַ קרעמל, אין וועלכן עס פלעגן אַריינקומען ייִדישע זעלנער פון טיף רוסלאַנד, וואָס האָבן געדינט אין דער צאַרישער אַרמיי. פיל פון די ייִדישע זעלנער זענען געווען געבילדעטע מענטשן און זיי האָבן אין זייער שטוב, פּונקט ווי אין אַנדערע קרייזן, אַריינגעברענגט אויפקלערונג און דעם השכלה־געדאַנק. דער יונגער מרדכי איז שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון זייערע אָפּטע וויכּוחים איבער חובבי־ציון־פּראָבלעמען און געלייענט די השכלהשע ליטעראַטור, און איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די אַקטיוויסטע משכּילים אין זיין דור.

נאָך דער חתונה, האָט ער זיך באַזעצט אין דער זדונסקאַ־גאַס, אין הויז פון די פינקלשטיין־אַדלערס, וווּ עס האָט זיך צו יענער צייט געפונען דאָס גראָדזיסקער שטיבל, אין וועלכן נחום סאָקאָלאָוו האָט געלערנט בעת זיין אויפהאַלט אין לאָוויטש.

אין זעלבן הויף, פון די אייזן־סקלאַדעס, האָט מ. ב. איינגעאָרדנט זיין גאַרבעריי.

אין 1898, נאָכדעם, ווי עס איז אַראָפּגעקומען דער זשיראַרדאָווער משכּיל און ציון־טוער ר׳ בראָמבערג, וואָס האָט געהאַלטן אין בית־המדרש עטלעכע פייערדיקע דרשות וועגן שיבת־ציון, איז אין לאָוויטש געגרינדעט געוואָרן אַ סניף פון דער יונגער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, מיט וועלכער עס האָבן דעמאָלט אָנגעפירט יעקב־אהרן טושינסקי, מרדכי ביאַלעק און אַנדערע.

איינמאָל, ווען יצחק גרינבוים איז אַלס סטודענט פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, אַראָפּגעקומען אויף אַ באַזוך קיין לאָוויטש, און איז איינגעשטאַנען אין הויז פון מרדכי ביאַלעק, האָבן די חסידים ביי אים אויסגעהאַקט די שויבן.

דער שויבן־בראַזג האָט אָבער אויף קיין האָר נישט אָפּגעשראָקן מרדכי ביאַלעק אין זיין ציוניסטישער טעטיקייט. פאַרקערט, דער דאָזיקער ווילקירלעכער אַקט פון די חסידים, האָט אים נאָך מער דערמוטיקט אין זיין אידעאישער אַרבעט פאַר ציון.

מ. ב. איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן אויסגעוואָקסן צו איינער פון די חשובסטע פּערזענלעכקייטן אין דער ציוניסטישער פּאַרטיי, און נאָכן טויט פון יעקב־אהרן טושינסקי אין 1919, געוואָרן איר פּרעזעס.

מ. ב. איז אויך געווען מיטגרינדער פון „חדר מתוקן״ אין לאָוויטש און איז אַלע יאָרן געווען אַקטיוו ביים פאַרפעסטיקן די נאַציאָנאַלע דערציאונג פון יונגן דור, און דאָס לערנען פון דער העברעאישער שפּראַך. און אָנגעהויבן האָט ער דאָס, קודם־כּל, ביי זיך אין שטוב, מיט זיינע אייגענע זין.

ער איז פון דער נאַטור באַשאַנקען געווען מיט אַ הרגשה פון אַרויספילן טאַלאַנטן און זיי מקרב־געווען. ער האָט זיך לייכט געקאָנט עקזאַלטירן מיט אַ גוטן ספר, אַ שיינער נגינה, אָדער זון־

פאַרגאַנג. דערביי איז ער געווען זייער סענסיטיוו און צוגעלאָזן אין זיין באַציאונג צו מענטשן, טראָץ זיין אויסערלעכער שטרענגקייט.

איינער פון די הויפּט־שטריכן אין זיין כאַראַקטער איז געווען באַשיידנקייט. ער איז געווען פאָלקסטימלעך און געהאַט גרויס פאַרשטענדעניש פאַר אַנדערע. ער איז אויך געווען אַ גוטער מיטשמועסער און ליב געהאַט צו דערציילן משכּילישע גלייכווערטלעך און הלצות.

זיין הויכע, געשטאַלטנע און פּרעזענטירבאַרע פיגור אין דעם טראַדיציאָנעלן פּויליש־יידישן טראַכט, מיט דער שיין־פאַרקעמטער שוואַרצער באָרד, האָבן אים צוגעגעבן הדרתדיקייט. זיינע טיף־שוואַרצע אויגן מיט די גרויסע ברעמען, האָבן זיין הייכן שטערן בולט אויסגעשטעלט.

זיין הויז אויף קוטנער־גאַס (ביעלאַווסקאַ), ווו ער האָט זיך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אַריבערגעצויגן און געהאַט אַ לעדער־געשעפט, איז געוואָרן אַן אָפענער סאַלאָן פאַר דער פאַרגעשריטענער און אינטעליגענטער יוגנט.

דאָ פלעגן קומען ציון־דעלעגאַטן און אַנדערע חשובֿע געסט, בעת זייערע באַזוכן אין שטאָט. די יוגנט האָט דאָ הייס דעבאַטירט די לויפנדיקע געשעענישן אין א״י און דעם פּאָליטישן מצבֿ אין לאַנד. און ווען ביידע זין, וועלכע האָבן שטודירט אין אויסלאַנד, פלעגן אַהיימקומען אויף וואַקאַציעס, זענען דאָ פאָרגעקומען אָפטע קאַמעראַל־קאָנצערטן, איינער האָט געשפּילט פידל און דער צווייטער אויף דער פּיאַנאָ. דאָ פלעגן אויך קומען חזנים־קאַנדידאַטן, ווו זיי האָבן דעמאָנסטרירט זייער חזנות.

ביאַלעקן האָט מען זייער אָפט געזען אין דער געזעלשאַפט פון זיין אומצעשיידבאַרן חבֿר, גרשון גראַניצאַ, אַ צווייטן ציוניסט־וועטעראַן. ביידע האָבן משפּיע געמאַכט דאָס יידישע לעבן אין שטאָט. ביאַלעק האָט געהאָלפן אין יאָר 1920 גרינדן דעם ערשטן יידישן האַנטווערקער־פאַראיין אין לאָוויטש.

באַזונדערס איז ער לאַנגע יאָרן געווען מיטגליד אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג. צו זיין קרעדיט דאַרפן צוגעשריבן ווערן פיל אויפטוען, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער ציוניסטישער טעטיקייט אין לאָוויטש, סיי פון העברעאישן חינוך, וועלכן ער האָט זיך געווידמעט פיר צענדליק יאָר פון זיין לעבן.

זיינע קינדער האָט ער געגעבן אַ פרייע און וועלטלעכע דערציאונג און שפּעטער זיי געשיקט קיין אויסלאַנד שטודירן, אַ זאַך, וואָס איז געווען איבער זיינע פינאַנציעלע מעגלעכקייטן.

ביז זיין טויט האָט ער נישט געקאָנט באַהאַלטן דעם דריקנדיקן צער, וואָס איינע פון זיינע טעכטער, יהודית, איז געשטאָרבן אין בליענדיקן עלטער פון 14 יאָר, אין יאָר 1920.

זיין מוטער איז נפטר געוואָרן אין טיפן עלטער פון 85 יאָר, צוויי יאָר פאַר זיין טויט.

ער איז זייער שטאָלץ געווען אויף זיינע קינדער, און אַ באַזונדערע סאַטיספאַקציע איז פאַר אים געווען דער פאַקט, וואָס זיין עלטסטער זון, דער אינזשיניער, איז עולה געווען קיין ארץ־ישׂראל און געאַרבעט אין רוטענבערגס עלעקטראָ־סטאַציע.

די בריוו פון זיין זון אין חיפה זענען פאַר אים געווען אַ גרויסע טרייסט און גענוג־טואונג און ער האָט זיך עקזאַלטירט מיט די שיינע באַשרייבונגען פון דער א״י־לאַנדשאַפט און דעם פּראָגרעס פון לאַנד, וואָס זיין זון האָט באַשריבן אין זיינע אָפטע בריוו, באַגלייט מיט בילדער.

לייענענדיק די בריוו פון זיין זון משה־אהרן, האָט ער זיך טיילמאָל פאַרגעשטעלט אין זיין וויזיע, ווי ער אַליין וואָלט דאָרט געווען אין לאַנד פון זיינע קינדער־חלומות, אין חומש־לאַנד, פאַר וועלכן ער האָט אַוועקגעגעבן זיין גאַנצע ענערגיע און זיין לעבן, האָפנדיק אויף זיין אויפריכטונג און די אויפלעבונג פון יידישן פאָלק.

זיין קראַנקע פרוי איז אומגעקומען אין לאָוויטשער געטאָ, און זיין ייִנגסטער זון, דער דאָקטאָר — אין וואַרשעווער געטאָ. פון זיין גרויסער משפּחה האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט צוויי טעכטער, וואָס וווינען אין אויסטראַליע.

אינזש. מ. א. ביאַלעק

משה־אהרן איז געבוירן אין 1899, אין לאָוויטש. ער האָט געלערנט אין לאָוויטשער רעאַל־גימנאַזיע און שפּעטער אין וואַרשעווער פּאָליטעכניקום. צוליב די אַנטיסעמיטישע טענדענצן, וואָס האָבן געהערשט אין די פּוילישע הויכשולן, האָט ער נאָך צוויי יאָר געמוזט איבערייסן זיין שטודיום און אַריינגעטראָטן אין אוניווערסיטעט אין טורין, איטאַליע, ווו ער האָט גראַדואירט אַלס אינזשיניער אין יאָר 1926.

אינזש. משה־אהרן ביאַלעק

נאָכן צוריקקומען קיין פּוילן, מיטן אינזשיניערן־דיפּלאָם אין טאַש, איז ער אַ צייט אַרומגעגאַנגען אָן באַשעפטיקונג. אין אַ צייט אַרום האָט ער געענטפערט אויף אַן אַנאָנס אויף אַ רעגירונגס־פּאָסטן פאַר די טעקסטיל־פאַבריקן אין ביאַליסטאָק. ער האָט דעם פּאָסטן באַקומען, מעגלעך דערפאַר, וואָס זיין נאָמען האָט נישט געקלונגען עכט־יידישלעך און באַזונדערס זענען דעמאָלט געווען ווייניק קאַנדידאַטן מיט אינזשיניערן־דיפּלאָמען. ער האָט אָבער אויפן פּאָסטן נישט לאַנג געאַרבעט, אַ קנאַפּ יאָר צייט און איז פון דאָרט באַזייטיקט געוואָרן, ווייל די פּוילישע קרייזן האָבן זיך אַרומגעזען, אַז ער חבֿרט זיך צופיל מיט די ביאַליסטאָקער יידן, אין וועמענס געזעלשאַפט ער פאַרברענגט זיין גאַנצע פרייע צייט.

משה־אהרן איז צוריקגעקומען קיין לאָוויטש אָן וועלכער עס איז אויסזיכט צו באַקומען אַ צווייטן רעגירונגס־פּאָסטן. וועגן דעם, אַז אַ פּריוואַטע פּוילישע פירמע זאָל אָנשטעלן אַ יידישן אינזשיניער, האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין. אַזוי איז ער אַ צייט געבליבן זיצן אין זיין היים, ביי די עלטערן.

אַזוי ווי ער האָט פון זיין פריעסטער יוגנט געהאַט אַ נייגונג צו מוזיק, איבער וועלכער ער האָט פלייסיק געאַרבעט איבער זיך אַליין דורך פאַרשידענע מוזיק־מעטאָדן, האָט ער אָרגאַניזירט אַ יוגנט־כאָר.

נאָך אין זײַנע גימנאַזיע־יאָרן האָט ער געהאַט איבערגעזעצט אויף עברית די ליברעטאָ פון דער אָפּערע „קאַרמען״ און דאָס ווערק איינשטודירט מיט אַ צווייטן לאָוויטשער בחור, שמחה רעכטמאַן, וואָס האָט אַליין געהאַט קאָמפּאָנירט פאָלקס־מאָטיוון און זיך גערעכנט פאַר אַ פיינעם זינגער.

דער יונגער ביאַלעק האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דער אידעע וועגן אויפפירן אין לאָוויטש, אין זיין העברעאישער איבערזעצונג, די אָפּערע „קאַרמען״. אָבער נאָכן אַריינלייגן פיל אַרבעט איז פון דאָזיקן פּלאַן גאָרנישט אַרויסגעקומען.

אין 1930 איז ביאַלעק אָפּגעפאָרן קיין אַלזשיר, וווּ עס האָט זיך שוין געפונען זיין יינגערער ברודער, ד״ר יעקב, וואָס האָט געאַרבעט אין אַ שפּיטאָל אין קאָנסטאַנטין.

ער איז דעמאָלט געפאָרן אין באַגלייטונג פון זיין עלטערער שוועסטער און דאָרט אָנגעקומען אויף אַ פּאָסטן, וווּ ער האָט געאַרבעט ביים בויען די נייע עלעקטראָ־סטאַציע.

נאָכדעם, ווי דער יינגערער ברודער, דער דאָקטאָר, האָט פאַרלאָזט קאָנסטאַנטין, איז אויך משה־אהרן מיט דער שוועסטער אַוועק קיין פּאַריז, וווּ ער איז פאַרבליבן ביז 1933. סוף דעם זעלבן יאָר האָט ער זיך אומגעקערט קיין לאָוויטש און נאָכדעם, ווי ער האָט געהייראַט אין יאָר 1934, האָט ער עולה געווען קיין א״י און זיך באַזעצט אין חיפה. דאָ איז ער שפּעטער אָנגעקומען אויפן פּאָסטן אַלס אינזשיניער־קאָנטראָלער אין רוטענבערגס עלעקטראָ־סטאַציע.

די ערשטע יאָרן איז ביאַלעק אַרומגעגאַנגען אַן אַנטוישטער און דעפּרעסטער. עס איז אים שווער אָנגעקומען דאָס איינלעבן זיך אין נייעם לעבנס־שטייגער, נאָכדעם, ווי ער האָט געלעבט עטלעכע יאָר אין אויסלאַנד. באַזונדערס האָט ער פיל געליטן מאָראַליש, וואָס אים איז אויסגעקומען רק צו טאָן די רוטין־אַרבעט פון אַ דיזשורירנדיקן אינזשיניער, ווען ער האָט געפילט, אַז ער קאָן עפּעס מער געבן אין זיין באַרוף.

דערצו האָט ער נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן אויף זיינע באַליבטע געביטן, ווי מוזיק און ליטעראַטור. ער איז אויך געווען אַ באַגאַבטער מאָלער און אַ גוטער לינגוויסט, באַהערשנדיק עטלעכע אייראָפּעאישע שפּראַכן.

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער געאַרבעט איבער אַ גרעסער ווערק און האָט דערביי געטאָן פיל פאָרש־אַרבעט. ער האָט געשריבן די „געשיכטע פון עלעקטריציטעט״, און פאַר דעם צוועק האָט זיין יוגנט־חבר, זישע פּוטערמילך אין פּאַריז, אים פיל געהאָלפן און פאַר אים איינגעשאַפט וויכטיקע ווערק אין דער ביבליאָטעק פון דער סאָרבאָנע.

אָבער נאָך זיין טויט אין חיפה, אין יאָר 1963, איז נישט באַוווּסט, ווו עס זענען אַהינגעקומען די מאַנוסקריפּטן פון דאָזיקן ווערק און פיל פון זיינע מוזיקאַלישע שאַפונגען.

ד״ר יעקב ביאַלעק

ד״ר יעקב ביאַלעק איז געבוירן אין יאָר 1902, אין לאָוויטש. ער האָט געלערנט אין חדר און ביי פּריוואַטע לערער. אין לאָוויטשער גימנאַזיע איז ער נישט צוגעלאָזט געוואָרן פאַרן „חטא״, וואָס ער האָט אַלס יוגנטלעכער, זיך נישט צוגעשטעלט אַלס פרייוויליקער אין דער פּוילישער אַרמיי אין יאָר 1919, בעת דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה.

ד״ר יעקב ביאַלעק

בלית־ברירה איז ער אָפּגעפאָרן קיין לאָדזש און מאַטריקולירט אין אַ דאָרטיקער גימנאַזיע.

ער קערט זיך אום קיין לאָוויטש, וווּ ער איז געבליבן אַ לענגערע צייט, ביז זיין פאָטער האָט געזען אַ מעגלעכקייט, וווּ ער זאָל קאָנען לערנען. און צום סוף איז באַשלאָסן געוואָרן, ער זאָל פאָרן לערנען מעדיצין אין אוניווערסיטעט אין פּאַדואַ, איטאַליע.

אַדאַנק דעם, וואָס ער האָט מיט יאָרן פריער געהאַט געלערנט ביי זיין עלטערן ברודער שפּילן פּיאַנאָ און שפּעטער פידל, האָט ער געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך אויסצוהאַלטן אין דער פרעמד און פאַרצוזעצן זיינע שטודיעס.

יונגערהייט פלעגט ער שפּילן קלאַסישע מוזיק, אָבער בעת די שול־וואַקאַציעס, אין די שפּעטערדיקע יאָרן, האָט ער געזוכט אַ פּראַקטישן נוצן פון זיין מוזיקאַלישער באַגאַבטקייט. און אַדאַנק דער עצה פון פריינט, האָט ער געשפּילט אין קליינעם קוואַרטעט אונטער דער לייטונג פון ה׳ בירנבאַום אין רעסטאָראַן „פּאָלאָניאַ״ אין לאָוויטש. דאָ האָט ער טאַקע פּראַקטיצירט טאַנץ־מוזיק און אַ לייכטן רעפּערטואַר, וואָס איז אים שפּעטער זייער צונוצגעקומען. ווייל אין פּאַדואַ האָט ער אָרגאַניזירט אַן אייגענעם אָרקעסטער פון עטלעכע סטודענטן, מיט וועלכע ער האָט געשפּילט אין אַ גרויסן רעסטאָראַן און גוט פאַרדינט. דאָס האָט אים דערמעגלעכט נישט בלויז זיך אַליין אויסצוהאַלטן און שטודירן, נאָר אויך צו העלפן זיין עלטערן ברודער, וואָס האָט שטודירט אין טורין.

נאָכן גראַדויִרן אַלס דאָקטאָר אין פּאַדואער אוניווערסיטעט, האָט ער באַקומען אַ פּאָסטן אַלס רעזידענץ־דאָקטאָר אין קאָנסטאַנטינער שפּיטאָל, אין אַלזשיר. שפּעטער האָט ער דאָרט אַריבערגענומען זיין עלטערן ברודער און שוועסטער.

אין אָנהויב 1931 האָט ער זיך אומגעקערט קיין פּוילן און אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט נאָסטריפיצירט זיין אויסלענדישן דאָקטאָר־דיפּלאָם, אין 1934.

אין אָנהויב האָט ער זיך באַזעצט אין שכנותדיקן שטעטל זשיכלין, וווּ ער איז באַלד פון אָנהויב זייער באַליבט געוואָרן. שפּעטער, נאָכדעם, ווי ער האָט געהייראַט, האָט ער זיך אַריבערגעצויגן אין דעם שטעטל קאָלאָ, וווּ ער האָט געעפנט זיין מעדיצינישע פּראַקטיק.

בעת דעם היטלער־אָנפאַל אויף פּוילן, איז ד״ר ביאַלעק מיט זיין פרוי געווען צווישן די טויזנטער יידן, פאַרטריבענע פון יענער געגנט, וואָס זענען אויסגעזידלט געוואָרן אין גענעראַל־גוווערנאַמענט.

ד״ר יעקב ביאַלעק האָט זיך אומגעקערט קיין לאָוויטש, און צוזאַמען מיט זיין מוטער געטיילט דעם גורל פון אַלע יידן אין זיין היימשטאָט.

בעת דער טיפוס־מגפה, וואס האט דעמאלט געהערשט אין געטא, האט ער מיט גרויס מסירת־נפש געארבעט אין געטא־שפיטאל. דאס זעלבע שפעטער, ווען די לאוויטשער יידן זענען מגרש־געווארן אין ווארשעווער געטא אריין.

אויך דא האט ער נישט גערוט און מיט גרויס איבערגעגעבנקייט געטראגן מעדיצינישע הילף די קראנקע אין געטא און ספעציעל די לאוויטשער פליטים.

בעת דער טיפוס־עפידעמיע, וואס האט געהערשט אין ווארשעווער געטא, האט ער זיך אליין אנגעשטעקט ביים היילן די קראנקע, און דארט געשטארבן אין יאר 1942.

אנאטאל וועקשטיין

די פערזענלעכקייט פון אנאטאל וועקשטיין טיילט זיך שארף אויס מיט זיין כאראקטעריסטיק, אין קעגנזאץ צו די אנדערע מנהיגי־לאוויטש. ער איז געווען אן עקסצענטריסטישע, טראציקע און צוגלייך קאלירפולע געשטאלט. אן אסימילאטאר. אין וועמען עס האבן געקעמפט צוויי וועלטן: פון איין זייט, א פארברוגזטער מיט דער יידישער געזעלשאפט; און פון דער אנדערער זייט — סענסיטיוו ביז גאר, ווען עס איז געפאלן א באליידיקונג אייפן אדרעס פון יידן, וועמענס עוולה ער האט זיך תמיד אנגענומען און אויף זיי שארף רעאגירט, נישט רעכענענדיק זיך דערביי פאר די קאנסעקווענצן פון וועלכן צד זיי זאלן נאר נישט קומען.

אנאטאל וועקשטיין

דער גורל האט געוואלט, אז ער איז כמעט דער איינציקער פון זיין דור, וואס איז געשטאנען ביים וויגעלע פון יידישן רענעסאנס, געזען זיין אויפשטייג, זיינע גילגולים און אן עדות געווען פון זיין אונטערגאנג. אים איז באשערט געווען איבערצולעבן דאס היטלער־געשפענסט און על־פי־נס לעבן צו בלייבן מיט זיין פרוי, און אלס בן־שבעים גיין איבער די חורבות פון יידישן לאוויטש און זיינע אייגענע נחלות.

א. וו. איז געבוירן אין 1873, אין לאוויטש. זיין פאטער מיכאל איז געווען א גרויסער אינדוסטריעלער פון וועבעריי און געפעס, סוחר פון בוי־מאטעריאלן און אייגנטימער פון גרויסע נחלות אין לאוויטש און אין דער סביבה. ער איז א לענגערע צייט געווען דאזאר און פארשטייער פון „מפיצי השכלה”.

ער איז אויך געווען דער אייגנטימער פון איינער פון עלטסטע און געציילטע צעראמיק־פאבריקן, וואס האבן געשמט אין גאנץ פוילן.

ער האט זיך אויסגעצייכנט אלס בעל־צדקה און שטארק עוסק געווען בצרכי ציבור.

די מוטער פון אנאטאל וועקשטיין — מאריא (מרים), האט געשטאמט פון דער אנגעזעענער חסידיש־פריצישער פאמיליע, די וואידזיסלאווסקיס אין קראקע. זי האט אנטיילגענומען אין אויפשטאנד פון 1863, וואס זי האט געשטיצט מיט געלט. אין זייער פאלווארק הינטער קראקע האט זיך אויך געפונען דער אמוניציע־לאגער פון די פוילישע אויפשטענדלער.

אין דער רוסישער רעאל־גימנאזיע אין לאוויטש, ווו ער האט געלערנט פון זיין פריעסטער יוגנט, אלס פריוויל־עגירטער פון זיין קלאס, האבן צו יענער צייט געלערנט פיל יונגע פאליאקן פון אנדערע שטעט, וואס זענען שפעטער געשטאנען אין דער שפיץ פון אומאפהענגיקן פוילן.

אין דער גימנאזיע האט ער אנטיילגענומען אין דער פרייהייט־באוועגונג אין קאמף פאר פוילנס אומאפהענגיקייט. ער האט געהערט צום שטרייק־קאמיטעט קעגן דער צארישער מאכט און געהאלפן ארגאניזירן א געהיימע פוילישע ביבליאטעק, סיי פינאנסירט דעם שטרייק.

פאר זיין אנטיילנעמען אין שול־שטרייק איז ער באזייטיקט געווארן פון דער גימנאזיע. ער איז אפגעפארן קיין קראקאו און דארט פארגעזעצט זיינע שטודיעס.

ביים סוף פון פאריקן יארהונדערט האט ער א צייט מיטגעארבעט מיטן ציוניסטישן טוער יאשינאווסקי.

אין די יארן 1905־6 גיט ער ארויס צוזאמען מיטן שפעטערדיקן לאוויטשער בירגערמייסטער, ד״ר סטאניסלאווסקי, א קאלענדאר, אין וועלכן עס ווערן געדרוקט אנטי־צארישע ארטיקלען.

אין 1908 שרייבט ער א פעטיציע צוזאמען מיט די מנהיגי־הדור, ווי יעקב בעהם, יעקב עפשטיין, צום ווארשעווער גובערנאטאר, וועגן צו לעגאליזירן א יידישן ספארט־פאריין. די לעצטע האבן געהאפט צו קענען אונטערן מאנטל פון אזא ספארט־פאריין צוגרייטן געוויסע קרייזן אויף דער יידישער גאס אין קאמף פאר פוילנס אומאפהענגיקייט.

דער גובערנאטאר האט אבער אזא לעגאליזאציע נישט געוואלט געבן.

אין 1914, ווען ס'הויבן זיך אן העפטיקע מלחמה־אפעראציעס ארום לאוויטש, איז א. וו. אוועק מיט זיין פאמיליע קיין ווארשע.

דא זיצט ער נישט מיט פארלייגטע הענט. ער איז דער איניציאטאר פון היימלאזן קאמיטעט אויף דער גאנצער ווארשעווער וואיעוואדסטווע. דער דאזיקער קאמיטעט איז געווען גוט ארגאניזירט מיט א טעכנישן שטאב, אייגענע געוועלבער און זיבן בעקערייען, וואס האבן געזארגט פאר 100,000 היימלאזע.

נאכן פאלן פון ווארשע, קערט ער זיך אום קיין לאוויטש, אבער דא דערווארטן אים גרויסע אומאנגענעמלעכקייטן מצד דעם אקופאנט.

זיין פאבריק און גרויס הויז זענען רעקווירירט דורך דער דייטשער אקופאציע־מאכט. און ס'האט גענומען א לענגערע צייט, ביז מ'האט אים דאס אומגעקערט.

אין א געוויסן טאג, עטלעכע וואכן נאכן אומקערן זיך פון ווארשע, ווען ער איז געגאנגען לענגאויס דער באן־ראמפע, קעגנאיבער זיין צעראמיק־פאבריק, באמערקט ער ווי א דייטשער אפיציר שפאט אפ פון א ייד, געקליידט אין יידיש־פוילישן טראכט. דער דייטש האט דעם ייד געהייסן עפעס טאן און אים מבזה געמאכט. דערזעענדיק דאס, האט ס'בלוט אויפגעקאכט אין טעמפעראמענטפולן וועקשטיין. ער איז צוגעגאנגען צום האופטמאן און געפאדערט פון דייטש, ער זאל צורו לאזן דעם ייד.

דער דייטש האט ווייטער זיך לוסטיק געמאכט איבערן ייד.

וועקשטיין האָט דעם אָפיציר אַ פּאַטש געטאָן. עס איז אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל. דער האַופּטמאַן האָט גערופן סאָלדאַטן און מ'האָט וועקשטיינען אַרעסטירט און אָפּגעשיקט אין אַ געפענגעניש אין דייטשלאַנד.

אַדאַנק פאַרשידענע אינטערווענצן דורך דער פאַרמיטלונג פון הויכע מיליטער־לייט, מיט וועלכע זיין פרוי און פאַמיליע האָבן געהאַט פאַרבינדונגען אין דער עסטרייכישער אַריסטאָקראַטיע, האָט די שתדלנות אָנגעשפּאַרט צום גראַף בעזעלער. און נאָך עטלעכע חדשים זיצן אין אַ פעסטונג אין דייטשלאַנד, איז וועקשטיין ענדלעך באַפרייט געוואָרן.

אין 1917, ווען עס ווערט געוויילט אַ שטאָט־פאַרוואַלטונג לויט דער הינדענבורג־אָרדינאַציע, גייט וועקשטיין אַריין אין ערשטן שטאָט־ראַט אין לאָוויטש, וווּ אים קומט אויס צו פירן אַ העפטיקן קאַמף מיט דער ענדעציע.

אין 1920 איז ער מיטגרינדער און לאַנגיאָריקער פרעזעס פון יידישן יתומים־הויז פאַר אָרעמע קינדער אין וואַרשע. אַדאַנק זיין מאַטעריעלער הילף, איז איינגעקויפט געוואָרן אַ ריזיק הויז אין מיעדזעשין און 4 מאָרגעס וואַלדיק לאַנד מיט הייזקעס אין פאַלעניץ, וווּ עס האָבן זיך דערצויגן העכער 150 קינדער.

די דאָזיקע אינסטיטוציע איז געווען איינע פון די גרעסטע און שענסטע נאָך יאַנוש קאָרטשאַק.

דער ברוגז מיט יידן, אָדער ריכטיקער געזאָגט, מיט דער פירנדיקער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין פוילן, דאַטירט זיך פון 1923, ווען ער איז דורכגעפאַלן אין די דעמאָלטיקע סיים־וואַלן.

א. וו. האָט געהאַט אַרויסגעשטעלט אַן אייגענע אומפּאַרטייאישע ליסטע, אַלס אומאָפּהענגיקער קאַנדידאַט. יצחק גרינבוים האָט אָבער פון אים פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל זיך פון פאָראויס דערקלאַרירן, אַז ווען ער וועט אַריין אין סיים, וועט ער אין אַלע ענינים זיך אונטערוואַרפן דעם „יידישן קאָלאָ". אויף דעם דאָזיקן תנאי איז וועקשטיין נישט איינגעגאַנגען.

בעת די וואַלן איז ער אָבער דורכגעפאַלן.

אין אַפּריל, 1937, נאָכן פּלוצלינגן טויט פון זיין ייִנגסטן זון, אינזשיניער מיעטשיסלאַוו, האָט ער געגעבן גרויסע שפּענדונגען לטובת יידישע און נישט־יידישע צוועקן.

די יידישע קהילה האָט פון אים דעמאָלט גענאָסן, וואָס ער האָט געלאָזט רעסטאַווירן די שול, וואָס האָט אָפּגעקאָסט עטלעכע טויזנט זלאָטעס, און ער האָט אויך געמאַכט גרויסע אינוועסטיציעס אויפן בית־עולם. און צוו. אנד. באַשטימט אַ יערלעכע סובסידיע פאַרן יידישן טורן־פאַריין „מכבי".

אַדאַנק זיין מי און איניציאַטיוו איז שפּעטער אָרגאַניזירט געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס פאַר דער יידישער אָרעמקייט אין שטאָט — די געזעלשאַפט „צענטאָס". אין זיין פריי־וואָט־וווינונג איז טאַקע פאָרגעקומען, דעם 10־טן נאָוועמבער, 1937, די אָרגאַניזיר־פאַרזאַמלונג מיטן אָנטייל פון ראַטמאַן, פרוי ר. שטיין פון וואַרשע.

שפּעטער, ווען דער „צענטאָס" האָט געקראָגן אַ געשאַנק אַ בנין פון לוזער פּראָפּענמאַכער (ראָזענבלאַט), זדונסקאַ 6, האָט וועקשטיין געלאָזט רעמאָנטירן די חרובע נחלה, און פאַרלייגט דאָרט גייע שטיגן צום ערשטן גאָרן. ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז דאָ געווען די היים פאַר איבער הונדערט אָרעמע קינדער, וווּ זיי האָבן באַקומען אַ וואַרעמען מאָלצייט, געקאָנט אָפּמאַכן די לעקציעס, געשיקט געוואָרן אויף זומער־קאָלאָניעס און גענאָסן פון מעדיצינישער הילף.

אין דער צייט, ווען יידן איז שווער געווען צו באַקומען אַרבעט אין דער קליינער צאָל פאַבריקן אין לאָוויטש, האָט אַנאַטאָל וועקשטיין געהאַט דרייסיק יידישע אַרבעטער. און ווי ער האָט דאָס באַצייכנט אין אַ בריוו צום מחבר פון דער עסיי, אין יאָר 1946, איז זיין פאַרדינסט נישט געווען, וואָס ער האָט אַריינגענומען יידן אין זיין פאַבריק, אין אַ צייט, ווען דער אַנטיסעמיטיזם האָט אומפאַרשעמט געבושעוועט, נאָר דער פאַקט, וואָס ער האָט געוווּסט ווי אַזוי צו לייטן זיין אַדמיניסטראַציע, אַז עס זאָל קיינמאָל נישט אַרויפשווימען צווישן זיינע אַרבעטער די יידן־פראַגע.

די קינדער, וואָס זענען דערצויגן געוואָרן אין מיעדזעשין און אין פאַלעניץ, האָבן שפּעטער באַקומען פּאָסטנס אין זיינע פאַבריקן אין באָרישאָוו און כאָדאַקאָוו, אונטער סאָכאַטשעוו. פיל פון זיי האָבן שפּעטער עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

אַנאַטאָל וועקשטיין איז געווען פון הויכן וווּקס, מיט אַ גלאַטראַזירט אָוואַל־פּנים. זיין דורכדרינגלעכער בליק פון זיינע גרויע אויגן, האָבן אויסגעדריקט אימפּולסיווקייט און אַ ברוויזנדיקן טעמפּעראַמענט. זיינע עטוואָס גרויע, ברייטע וואָנצעס האָבן זיין פיזיאָנאָמיע צוגעגעבן חשיבות פון אַ טיפּיש־פּריצישער געשטאַלט. ער איז געגאַנגען גלייך, מיט אַ פעסטן טראָט, און ליב געהאַט צו רעדן פריי, פאַרווירצט מיט גלייכווערטלעך. יידיש האָט ער גערעדט שוואַך, דערפאַר פאַרשטאַנען די יידישע שפּראַך.

צו זיין כאַראַקטעריסטיק דאַרף צוגעגעבן ווערן דער שטריך, וואָס ער האָט פיינט געהאַט פרסום, און זיינע ווילטעטיקע מעשים האָט ער געטאָן שטילערהייט, וואָס איז געווען אַ ירושה־זאַך פון זיינע אַריסטאָקראַטישע עלטערן.

ער איז געווען אַ יוצא ונכנס אין די רעגירונגס־אַמטן און אויסגעקאָכט מיט דער פוילישער געזעלשאַפט. און אַדאַנק זיין רייכטום און איינפלוס, געטאָן פיל טובות יידן און דער יידישער געמיינדע.

א. וו. איז אויך געווען אַ מעצענאַט און געהאָלפן אין דער אויסבילדונג פון לאָוויטשער קינדער. צווישן די ערשטע, וואָס ער האָט געהאָלפן אין זיין קאַריערע, איז געווען דאָס דערמעגלעכן דעם קינסטלער וואָלף ווייַנטרויב, צו שטודירן אין וואַרשע און שפּעטער אין פאַריז.

צוויי יאָר פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער געגעבן אַ מעגלעכקייט דעם יונגן זון פון מלמד באַראָווסקי צו שטודירן מוזיק אין וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריום, און אַן אייניקל פון קאָוואַל ביאַלעק, צו לערנען אין דער לאָוויטשער גימנאַזיע.

בעת דער זאַמל־אַקציע איינצוקויפן אַ מיליטערישן קעגנשטאַנד פאַרן 10־טן פוסגייער פּולק אין לאָוויטש א. נ. פון דער יידישער געמיינדע, האָט ער געגעבן אַ גרעסערע סומע, און אַזוי אַרום דערמעגלעכט דעם פאַראָרעמטן יידישן לאָוויטש צו דערפילן זיין בירגער־פליכט.

אַן איינגעשטעלטער מנהג נאָך פון זיין פאָטערס צייטן, איז געווען דאָס עפענען די טויערן פון דער גרויסער צעראַמיק־פאַבריק, יעדעס יאָר עטלעכע טעג פאַר פסח. פיל אָרעמעלייט האָבן דאָ פריי זיך געקאָנט אָפּקלייבן געפעס לכבוד פסח. פיל אָרעמעלייט פלעגן קומען מיט זייערע קינדער און האַנט־וועגעלעך און אָנלאָדן כלערליי ערדענע טעפּ, שיסלען און אַנדער געשיר, וואָס נאָר זייער האַרץ

האָט געגלוסט. פיל אַזעלכע אָרעמעלייט זענען פאַרזאָרגט געוואָרן מיט געשיר אויף אַ גאַנץ יאָר.

אין חודש מאי, 1939, איז וועקשטיין איינגעלאַדן געוואָרן צו אַ גאַלאַ־אויפנאַמע צום פּרעזידענט פון דער שטאָט פּויזן, אין שייכות מיטן דעמאָלטיקן יריד, ווו וועקשטיין האָט אויך געהאַט זיין אויס־שטעל־קיאָסק מיט צעראַמיק־אויסאַרבעטונגען.

אויף דער איינלאַדונג פון פּויזנער שטאָט־פּרעזידענט האָט ער אָנגעשריבן, אַז „ער זיצט נישט צוזאַמען מיט אַ כוליגאַן ביי איין טיש, וואָס טאָלערירט אויפשריפטן אין פּויזן — יידן איינטריט פאַר־באָטן". און די איינלאַדונג צוריקגעשיקט צום שטאָט־פּרעזידענט.

פאַר דער דאָזיקער געוואַגטקייט און פאַרן אָננעמען זיך דעם יידישן כבוד, האָט זיך קעגן אים געגרייט אַ גרויסער שטראָף־פּראָ־צעס. די פּוילישע פּרעסע האָט דעמאָלט פיל געשריבן וועגן דער חוצפה פון ייד, וועלכער האָט באַליידיקט דעם פּרעזידענט פון דער עכט־פּוילישער שטאָט פּויזן. דער פּראָצעס איז אָבער נישט פאַרענ־דיקט געוואָרן, צוליבן אויסברוך פון דער מלחמה.

✶

בעת דער נאַצי־הערשאַפט אין פּוילן, איז אַ. וו. מיט זיין פרוי געווען אויסבאַהאַלטן ביי זיינעם אַ קריסטלעכן אַרבעטער, אין אַ שטעטל הינטער וואַרשע.

זיין איינציקע טאָכטער — אַ באַלעט־טענצערין, וואָס האָט געהייראַט אין לאָנדאָן מיט אַ העכערן ענגלישן אָפיציר, האָט זיך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה באַזעצט אין דרום־אַפריקע.

✶

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז וועקשטיין נישט צוגעלאָזט געוואָרן אין נייעם פּוילן צו קיין שום געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, צוליב זיין קאַפּיטאַליסטישער פאַרגאַנגענהייט. ער האָט אַ קורצע צייט געהאַט אַ קאַפע־הויז אין ווראָצלאַוו. אַלע זיינע נחלות און פאַבריקן זענען נאַציאָנאַליזירט געוואָרן. די גרויסע צעראַמיק־פאַב־ריק אין לאָוויטש איז דריי־פערטל אָפּגעברענט געוואָרן בעת די באָמבאַרדירונגען. אין דעם גאַנץ־פאַרבליבענעם טייל, האָט די רעָ־גירונג איינגעאָרדנט אַ סטאָלעריי.

וועקשטיין פלעגט זייער אָפט פאָרן קיין לאָוויטש און וואַנדערן איבער די חרובע גאַסן פון זיין אַמאָליקער היים. זעענדיק דעם חורבן פון בית־עולם, האָט ער באַשלאָסן עפּעס צו טאָן פאַרן אָנדענק פון זיינע אבות און די פאַרשטאָרבענע יידן פון זיין היימשטאָט, אַז די הינט זאָלן נישט צעשלעפּן די ביינער פון די אויפגעריסענע קברים.

ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דער אידעע פון צונויפזאַמלען די טויזנטער מצבות, מיט וועלכע די דייטשן האָבן אויסגעפלאַסטערט די ברעגעס פון טייך און אַ טייל טראָטואַרן, און צוריק איינמויערן זיי אין פאַרקאַן פון בית־עולם, און אויף זיי אויפפרישן די אותיות, איידער זיי וועלן אינגאַנצן פאַרשווינדן. אָבער קיינער האָט מיט אים נישט קאָאָפּערירט אין דעם דאָזיקן פּראָיעקט.

אין זיינע בריוו צום שרייבער פון די שורות, האָט ער אין יאָר 1946, אין פיינפולע ווערטער, געשילדערט דעם חורבן פון לאָוויטש און אויסגעדריקט זיין ווונטש צו פאָרן קיין א"י. דער דאָזיקער ווונטש איז קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. ער וווינט עד־היום אין אַ שטעטל ביי וואַרשע און טראָגט זיין עלטער, 93 יאָר. פאָרט ער יעדעס יאָר אויף קבר אבות קיין לאָוויטש.

ד"ר יצחק יאַקובאָווסקי

נישט גרינג איז אָנגעקומען דעם יונגן יאַקובאָווסקי צו דער־גרייכן זיין קאַריערע. פון זיין פריעסטער יוגנט האָט ער געהאַט דורכצוברעכן אַן אַ שיעור מניעות, און ווען ער האָט סוף־כל־סוף באַקומען זיין דאָקטאָראַט, האָבן זיך פאַר אים, דעם יונגן יידישן דאָקטאָר, אָנגעהויבן נייע נסיונות און נייע שטרויכלונגען, וואָס ער האָט געהאַט בייצוקומען אין ניי־אַנטשטאַנענעם פּוילן. די אַנטיסע־מיטן אין זיין געבוירן־שטאָט האָבן אים נישט צוגעלאָזט צו קיין מו־ניציפּאַל־אַמט. און ווען עס איז אים געלונגען לסוף דורכצוברעכן צוימען, זיך איינבירגערן אין זיין פּראַקטיק און צו שטיין בראש אַלס מנהיג פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, ברעכט אויס די צווייטע וועלט־מלחמה, און ער איז אויף דער ליסטע פון די ערשטע יידי־שע קרבנות, וואָס די נאַציס האָבן באַשלאָסן אומצוברענגען.

ד"ר יצחק יאַקובאָווסקי

ד"ר יאַקובאָווסקי איז געבוירן אין לאָוויטש אין 1890. זיינע עלטערן זענען געווען אייגנטימער פון אַ קוילן־סקלאַד. פון דער מוטערס צד איז ער געווען אַן אייניקל פון די ראָזענדאָרנס, אַלטע יידישע תושבים אין דער שטאָט און באַקאַנטע אינדוסטריעלער פון בוי־ און הייץ־מאַטעריאַלן. די משפחה ראָזענדאָרן האָט גע־הערט צו די א. ג. „פאַרדייטשטע" יידישע משפחות אין לאָוויטש.

דער קליינער יצחק האָט אָבער צוגלייך מיט דער וועלטלע־כער בילדונג אויך באַקומען אַ יידישע דערציאונג ביז זיין צענטן לעבנס־יאָר. נאָכדעם, ווען ער איז אַהיימגעקומען פון דער עלע־מענטאַרער רוסישער שול, האָט ער געמוזט גיין אין אַ חדר אַריין.

אין 1902, אין זיין 12־טן לעבנס־יאָר, איז ער אָנגעקומען אין דער אָרטיקער רוסישער רעאַל־גימנאַזיע, פון וועלכער ער האָט אַבסאָלווירט אין 1910.

נישט גרינג איז זיינע עלטערן צו יענער צייט אָנגעקומען צו טראַכטן וועגן אַ תכלית פאַר זייער יונגן זון. צום סוף האָבן זיי אים אַריינגעגעבן אין וואָוועלבערגס פּאָליטעכניקום אין וואַרשע, ווו ער האָט סך־הכל געלערנט איין יאָר צייט.

אין 1916, ווען עס איז בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, געעפנט געוואָרן דער וואַרשעווער אוניווערסיטעט, איז גרינגער געווען פאַר אַ ייד אָנצוקומען אין דער הויכשול. יאַקובאָווסקי פאַרשרייבט זיך איז מעדיצינישן פאַקולטעט, אָבער אים איז ווידער נישט באַ־שערט לאַנג צו לערנען.

ערשט סוף 1918 האָט ער אַ מעגלעכקייט צוריקצופאָרן קיין פּראָג. און נאָכדעם, ווי ער מאַכט אַ האַלבן דאָקטאָראַט אין פּראַ־גער אוניווערסיטעט, טראָגט ער זיך איבער קיין פּרעשבורג, ווו די באַדינגונגען פאַר יידן צו שטודירן אין יענער צייט זענען פּי־גינסטיקער. דאָ ענדיקט ער טאַקע זיין שטודיום אין יאָר 1923. נאָכן באַקומען זיין דאָקטאָראַט, קומט ער צוריק קיין פּוילן. צוויי יאָר שפּעטער נאָסטריפיצירט ער זיין אויסלענדישן דאָקטאָר־דיפּ־לאָם אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט.

אין צווישנצייט האָט ער געהייראַט און אין 1925 קערט ער זיך אום קיין לאָוויטש און ער עפנט זיין אייגענע פּראַקטיק איז הויז פון זיינע עלטערן, אויף דער פּאָדזשעטשנאַ־גאַס.

ד״ר יאַקובאָווסקי איז געווען פון הויכן וווּקס, פּרעזענטאַבל און אַ שיינער מענטש, מיט רעגלמעסיקע געזיכט־שטריכן. זיין שוואַרצע טשופּרינע, וואָס איז פאַרשפּינט געווען פון ביידע זייטן פון הויכן שטערן מיט גרויע פּעדים, האָבן אים צוגעגעבן מענלעכקייט און חשיבות. ער האָט גערעדט מיט אַ וואַרעמער און פולער שטימע, און זיינע קוילנשוואַרצע אויגן האָבן ממש היפּנאָטיזירט דעם צוהערער. דערביי איז ער נישט געווען קיין טרוקענער מיטשמועסער. די עטלעכע יאָר, וואָס אים איז אויסגעקומען צו לעבן אין אויסלאַנד, האָבן אויסגעברייטערט זיין האָריזאָנט פון וויסן, אָבער נישט געקוקט דערויף, איז ער פאַרבליבן אַ שטיקל בעל־גאווה, אַ ירושה־זאַך פון זיין פאַרמעגלעכער און פאַרדייטשטער פאַמיליע.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט דאַטירט זיך נאָך פון די אוניווערסיטעט־יאָרן אין פּראַג, ווו ער האָט מיט יידישע סטודענטן פון פּוילן, אָנגעפירט מיט דער יונגער ציוניסטישער באַוועגונג. דאָס זעלבע שפּעטער אין פּרעשבורג, ווו זיי האָבן אין זייערע רייען אַריינגעצויגן אין סטודענטן־קרייז „אחדות״ די גענצלעך־אַסימילירטע יידישע סטודענטן פון אונגאַרן.

אין 1927 איז ד״ר יצחק יאַקובאָווסקי געשטאַנען בראש פון דעם „אָקסילום אַקאַדעמיקוס יודאַיקוס״. אָבער נאָכדעם, ווי די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט נישט אַרויסגעוויזן גענוג פאַרשטענדעניש פאַר דער דאָזיקער אינסטיטוציע, איז דער יידישער סטודענטן־קרייז נאָך עטלעכע אַקציעס אויפגעלעזן געוואָרן.

ד״ר יאַקובאָווסקי איז געווען מיטגליד פון לאָקאַלן „קרן־היסוד״ קאָמיטעט און אין זיין הויז זענען אָפיציעל אויפגענומען געוואָרן אַלע יידישע פּאָליטישע רעפּרעזענטאַנטן, אָן אונטערשיד פון ריכטונג אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, ווען זיי האָבן געווײַלט אין שליחות אין לאָוויטש. צווישן אַנדערע: ד״ר יצחק גרינבוים, ד״ר י. שיפּער, ד״ר גאָטליב, זאב זשאַבאָטינסקי און אַנדערע.

אין 1936 איז ד״ר יאַקובאָווסקי אויסגעוויילט געוואָרן אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג און שפּעטער, אַלס פּרעזעס פון ראַט.

אין די יאָרן 8־1937 איז ער פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער יידישער „באַנק ספּולדזיעלטשי״, שפּעטער איר פאַרזיצער און וויצע־פאַרזיצער.

ד״ר יאַקובאָווסקי איז זיינער צייט געווען אַרצט אין דער אָרטיקער קראַנקן־קאַסע. ער איז אָבער פון דאָרט באַזייטיקט געוואָרן פאַר דעם איינציקן „חטא״ וואָס ער איז אַ ייד.

אחוץ זיין פּריוואַטער פּראַקטיק, האָט ד״ר יאַקובאָווסקי געאַרבעט אין שטאָטישן אַמבולאַטאָריום ביים מאַגיסטראַט. אַ פּאָזיציע, וואָס איז שווער אויסגעקעמפט געוואָרן דורך די יידישע ראַטמענער אין שטאָט־ראַט.

ד״ר יאַקובאָווסקי איז אויך געווען מיטגרינדער פון דער געזעלשאַפט „צענטאָס״ אין לאָוויטש, אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט געזאָרגט פאַרן ווױלזיין פון די אָרעמע יידישע קינדער אין שטאָט. ער איז געווען דער פּרעזעס פון דער אינסטיטוציע ביזן טאָג, ווען די נאַציס האָבן אים אַרעסטירט.

ווען די נאַציס האָבן באַלעבאַטעוועט אין שטאָט, איז ער געשטאַנען בראש פון קאָמיטעט. וואָס האָט זיך פאַרנומען מיטן גורל פון די יידישע פּליטים, וואָס זענען אָנגעקומען קיין לאָוויטש, פון נאָענטע און ווייטע חרובע יידישע קהילות. ער האָט זיי געהאָלפן זיך איינאָרדענען און באַזאָרגט מיט מעדיקאַמענטן דעם אַמבולאַנס־אָפּטייל פון דער פּליטים־קאָלאָניע אין די האַלץ־סקלאַדעס אויף די גלינקעס. און טראָץ די שווערע, ממש סכנותדיקע אומשטענדן, איז ער געלאָפן צו קראַנקע און זיי דערטיילט מעדיצינישע הילף און יעדן אויף זיין אופן געטרייסט און געמוטיקט.

אין אַ פרייטיק פאַרטאָג, אָנהויב אָקטאָבער 1939, איז ער אַרעסטירט געוואָרן דורך דער געשטאַפּאָ, צוזאַמען מיט אַ צאָל אַנדערע יידישע ערובניקעס, וועמען מ׳האָט איינגעזעצט אין דער אָרטיקער תפיסה. מ׳האָט צו זיי קיינעם נישט צוגעלאָזט און אַלע אינטערווענצן סיי מצד דער יידישער קהילה, סיי מצד אָנגעזעענע פּוילישע בירגער, האָבן נישט געהאָלפן. אין דער תפיסה האָט מען די יידישע אסירים שרעקלעך געפּייניקט.

אין אַ קורצער צייט שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט אין שטאָט, אַז מ׳האָט די אַסירים אַרויסגעשיקט קיין דייטשלאַנד, פון וועלכע עס איז שפּעטער פאַרלוירן געגאַנגען יעדער שפּור.

בן־ציון מיעדזשיגורסקי

נישט גרינג איז אונדז אָנגעקומען צו סקיצירן דעם פּאָרטרעט פון דער איינציק־אַרטיקער פּערזענלעכקייט, בן־ציון מיעדזיגורסקי, עטלעכע חדשים ערב דעם נאַצי־איבערפאַל אויף פּוילן. און נאָך שווערער קומט אונדז אָן דאָס צו טאָן היינט, אין דער פּערספּעקטיוו פון אַ פערטל יאָרהונדערט נאָכן גרויסן חורבן, ווען די צייט האָט פאַרווישט פון זכרון פיל וויכטיקע פּרטים.

בן־ציון מיעדזיגורסקי, דער ווישעגראָדער עילוי. האָט מיט זיך פּערזאָניפיצירט אַ רעכטפאַרטיקן מאַן, וואָס שטרעבט צו שלימות און סאָציאַלן יושר. ער האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס ייד מיט זעלטענע מעלות, און געווען אַ גרויסער בעל־מידות, אַ מוסטער פאַר אַנדערע מנהיגי־ציבור.

ער איז שטאַרק באַליבט געווען אין דער שטאָט, און תמיד גרייט געווען צו טאָן אַ טובה שלא על מנת לקבל פּרס.

זיינע לייסטונגען לטובת אָרעמע, געליטענע אָדער יורדים, זענען באַוווּסט געווען אין אַלע קרייזן פון יידישן לאָוויטש און אויסער זיינע גרענעצן. ער פלעגט זיך פאַר די דאָזיקע געפאַלענע יידן משתדל־זיין, אָדער פּשוט איבערלאָזן אויף הפקר זיין קליין אייזן־געוועלבל, פאַרקנעפּלען זיין ציצענעם כאַלאַט און זיך אַוועקלאָזן איבער דער שטאָט, כדי איינצושאַפן די נויטיקע סומע פאַר דעם נויטבאַדערפטיקן יידן, צי דאָס איז געווען אויף צו צאָלן אַ וועקסל, אָדער חלילה אויף אַ דאָקטאָר.

קיינער האָט נישט אָפּגעזאָגט בן־ציונען, ווען ער איז געקומען מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט. און קיינער האָט נישט געפרעגט, ווער עס איז דער קרבן...

בן־ציון מ. איז געווען פון הויכן וווּקס, און אַטלעטישן בוי, דערביי זייער פּרעזענטאַבל.

זיין פול, רונדיק פּנים איז איינגערעמט געווען אין אַ קאַשטאַנרויטער באָרד. איבער זיינע אָפענע ברענענדיקע אויגן האָבן געריטן צוויי געדיכטע רויטע ברעמען, וואָס האָבן צוגעגעבן נאָך מער אויסדרוק זיין הדרת־פּנים.

ער האָט גערעדט מיט אימפּעט, וואָס איז געווען אומטיילבאַר פון זיין ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט. ער האָט זיך באַמיט מסביר־זיין אויף אַ פּשוטן און שכלדיקן אופן צו זיין מיטשמועסער, זיינע אַן אַרויסגעזאָגטע מיינונג, אָדער אויפקלערן אַ שווערע הלכה. ער האָט זייער אָפט באַגלייט זיינע ווערטלעך מיט דברי־חז״ל.

בן־ציון מיעדזיגורסקי האָט געשטאַמט פון אילאָווע. ער האָט געהייראַט מיט הענעך שלאָמאָוויטשעס עלטסטער טאָכטער. זיין אייזן־געוועלבל האָט זיך געפונען אין נייעם מאַרק, נישט ווייט פון דער ביעלאַווסקאַ גאַס. דאָס דאָזיקע געוועלבל איז געווען אַ טרעף־פּונקט פון פאַרשידענע כלל־טוער און סתם יידן, אָדער אַזעלכע, וואָס האָבן געזוכט ביי אים אַן עצה אָדער טובה.

ער האָט מיט גרויס ערנסט נאָכגעפאָלגט די וועלט־געשעענישן און רעאַגירט אויף אַלע געשעענישן אויף דער יידישער גאַס. און ווען אין געוועלבל זענען נישט געווען קיין קונים, אָדער אַזעלכע, וואָס האָבן געזוכט ביי אים אַן עצה, האָט מען אים געקאָנט זען פאַרטיפט איבער אַ ספר אָדער איבער אַ העברעאישן מאמר. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויס חכמה, לומדות און פּיקחות.

עס איז ווויל געווען באַוווסט, אַז בן־ציון איז נישט קיין גביר. דערפאַר איז ער אָבער געווען אַ גביר מיט דער ליבשאַפט, וואָס די יידן האָבן אים אַרויסגעוויזן. ער איז ממש גשיוען ארומגענומען מיט אַן אַרעאָל פון גרענעצלאָזער ליבשאַפט אין אַלע קרייזן פון דער יידישער געמיינדע. און ווו נאָר אַן אינסטיטוציע אָדער אַ חברה — דאָרט איז בן־ציון טעטיק געווען, אָדער פאַרטרעטן אין דער פאַרוואַלטונג.

מען האָט זיך בלויז געוווּנדערט, פון וואַנען דער ייד נעמט אַזויפיל כוחות, כדי אומעטום צו זיין און מיט אַזאַ שלימותדיקייט אויספירן זיינע געזעלשאַפטלעכע טואונגען. ער איז זייער געשעצט געווען און מ׳האָט מיט גרויס רעספּעקט זיך צוגעהערט צו זיינע לאָגישע מיינונגען איבער וויכטיקע ענינים, וואָס האָבן זיך אויס־געצייכנט מיט קלאָרקייט און ווייטזעעוודיקייט.

צווישן אַנדערן איז בן־ציון מיעדזיגורסקי געווען אין דער חברה ש״ס, מיטגליד אין ראַט פון דער יידישער קאָאָפּעראַטיווער באַנק, פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער קהילה, מזרחי און קרן־היסוד. און נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט — איינער פון די אַקטיווסטע טוער אין פּליטים־קאָמיטעט.

און ווען עס האָט פּאַסירט, אַז אינערהאַלב אַן אינסטיטוציע, אָדער צווישן פּריוואַטע מענטשן, איז געקומען צו אַ סכסוך, האָט מען אים תמיד איינגעלאַדן אַלס בורר, און אַלע צדדים האָבן מיט דעם פולסטן צוטרוי אויפגענומען זיין פּסק־דין, ווייסנדיק פון פאַר־אויס, אַז ער האַנדלט געוויסנהאַפט און יושרדיק.

דעריבער איז די טראַגעדיע, אין וואָס פאַראַ אומשטענדן ער האָט געלעבט אין געטאָ, נאָך טראַגישער און ווייטיקלעכער. אָט דעם קרישטאָל־ריינעם מענטש, האָט מען, אין דער געטאָ־תקופה, פּונקט ווי אַנדערע פון זיינסגלייכן, געוואָלט אריינציען אין דער שאַלקהאַפטער נעץ, צו ווערן אַ כלי־זין אויף אומצוברענגען זיינע אייגענע ברידער. ער האָט מיט אַלע כוחות אָפּגעוואָרפן די „איינ־לאַדונג” אַריינצוטרעטן אין „יודענראַט”, אָדער אָנצונעמען דעם אַמט צום יידישן אויפזיכטס־קאָמיטעט אין לאָוויטשער קרייז, ווי ס׳זאָגט אַ בריוו פון דעצעמבער 1940, אַדרעסירט צום פּרעזידיום פון דער יידישער סאָציאַלער זעלבסטהילף אין קראָקע.

בעתן גירוש לאָוויטש, איז ער אוועק אין וואַרשעווער געטאָ און דאָרט געליטן שרעקלעכע נויט. אין 1942 איז ער דאָרט גע־שטאָרבן בעת דער מגיפה. הי״ד.

ברוך שאַפּיראָ

לויט די שילדערונגען פון אונדזערע גביית־עדות, וואָס האָבן געלעבט אין לאָוויטשער געטאָ, איז ברוך שאַפּיראָ, דער, וואָס האָט אין פאַרמלחמהדיקן לאָוויטש געגילטן אַלס איינער פון די פּאָפּו־לערסטע און סימפּאַטישע כלל־טוער, אויסגעוואָקסן צו אַ פּאַטעטיש־טראַגישער געשטאַלט.

אין דער ראָל פון דעם פּרעזעס פון „יודענראַט”, האָט ער זיך באַמיט ווייטער דינען די יידישע אינטערעסן און טיף געגלויבט, אַז ער דינט זיי, אָבער ער האָט נישט געוווּסט און נישט געקאָנט זען אין די טראַגישע אומשטענדן, ווי טויזנטער אַנדערע פון זיין גלייכן און אין ענלעכע פּאָזיציעס, אַז זיי ווערן אַריינגענאַרט דורך דער ברוטאַלער און ליגנערישער נאַצישער מאַשין און פאַרוואַנדלט אין אַ געצייג צו העלפן אומברענגען די אייגענע ברידער.

די טראַגישע ראָל פון ברוך שאַפּיראָ אין די היטלער־יאָרן און זיין טראַגישער סוף אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, קומען נאָך בולטער צום אויסדרוק, ווען מ׳באַקענט זיך מיט דער לעבנס־געשיכטע פון דאָזיקן פעאיקן און סימפּאַטישן מענטשן.

ברוך שאַפּיראָ האָט פאַר יעדן געהאַט אַ וואַרעמען און גוטברו־דערישן האַנט־דרוק און פאַר יעדן, אָן אונטערשיד פון קלאַס, אָדער עלטער, אַרויסגעוויזן גרויס פאַרשטענדעניש און הילפס־גרייטקייט.

זיין שיינע, יוגנטלעכע געשטאַלט, מיטן אָפענעם רונדיקן פּנים און שמייכלענדיקע אויגן, האָבן אויסגעדריקט יוגנטלעכקייט און געהאַט אין זיך עפּעס צוציענדיקס.

ברוך שאַפּיראָ, אָדער בושא, ווי מ׳האָט אים פאַרצערטלט גע־רופן, האָט מיט זיין יונגקייט און אימפּעט אומעטום אַריינגעבראַכט אויפלעבונג און פרישקייט. ער איז געווען איינער פון די ריירעוו־דיקסטע כלל־טוער פון יינגערן דור. דערביי איז ער געווען זייער אָבסערוואַטיוו און שנעל דערבליקט זאַכן, וואָס זענען געווען פאַר־הוילן פאַר אַנדערע.

די פּיליאָריקע לייסטונגען לטובת הכלל, האָבן אין אים געריפּט אַ פעאיקן און באַרופענעם כלל־טוער.

ער איז געבוירן אין לאָוויטש, דעם 22־טן יאַנואַר 1899. זיין פאָטער איז געווען אַן אָנגעזעענער משכיל פון אַלטן שניט און אַן אייניקל פון טשיזשעווער רבין. זיין ערשטע בילדונג האָט דער יונגער שאַפּיראָ באַקומען אין „חדר מתוקן”. די וועלטלעכע ביל־דונג האָט ער באַקומען פּריוואַט אין דער היים דורך ספּעציעלע קאָרעפּעטיטאָרן, שילער פון רוסישן רעאַל־גימנאַזיום.

אין 1913 טרעט ברוך שאַפּיראָ אַריין אין וועקשטיינס האַנדלס־הויז אַלס פּראַקטיקאַנט, ווו ער צייכנט זיך גיך אויס. זיין אַרבעטס־געבער זעט אין אים אַ פעאיקן מענטש פאַר זיין אויסברייטערנדיקער זיך אונטערנעמונג.

זיין ערשטער שריט אויף דער פעלד פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, איז זיין אַנטייל, אַלס 17־יאָריקער בחור, אין העלפן דעם

יידישן שריפטשטעלער יעקב קראנענבערג ביים גרינדן די יידישע קינדער־היים א.ג. פון שלום־עליכם אין יאר 1916.

שפעטער, ווען עס הויבט זיך אן דער גלאנץ־פעריאד פון דער יידישער קולטור־טעטיקייט אין לאוויטש, ארום דעם „הזמיר" און שפעטער דעם „פאלקס־הויז", איז ער א מיטגליד אין „הזמיר"־כאר אונטער דער לייטונג פון דיריגענט סאקאלאווסקי, און באטייליקט זיך אין די אימפרעזעס פון דראמאטישן קרייז. ער איז אויך שפעטער איינער פון די ערשטע ספארטלער אויפן גראנדיעזן ספארט־צוזאמענפלי און טורנפעסט פון לאוויטשער טורן־פאריין, אין יאר 1916.

אין יאר 1919, בעת דער באלשעוויסטישער אינוואזיע, ווערט דער יונגער שאפירא ארייגעצויגן אין מיליטער־דינסט. אין יאר 1920, ווען ער קערט זיך אום פון פראנט, נעמט ער איבער די לייטונג פון אנאטאל וועקשטיינס צעראמיק־פאבריק, די צווייטע לויט איר פארנעם, אין פוילן.

פינף יאר שפעטער, אין יאר 1925, ווערט ער דירעקטאר פון דער זעלבער פאבריק.

אין 1930, ווען אין דער פאבריק קומט אראפ וועקשטיינס יינגערער זון, אינזשיניער מיעטשיסלאוו, געלינגט אדאנק שאפיראן איינצופירן פיל ענדערונגען אין דער אדמיניסטראציע, וואס גיבן אים א מעגלעכקייט ארייצונעמען אין דער פאבריק יידישע קליינבירגערלעכע בחורים און מיידלעך, ווו זיי קריגן פערמאנענטע אר־בעט־פלאצוווקעס.

א צייט שפעטער, ווערט ער אויסגעוויילט אין דער קהילה־פארוואלטונג אין דער קאדענץ פון יאר 1936. גלייכצייטיק איז ער וויצע־פרעזעס פון ראט פאר דער „יידישער באנק ספולדזיעלטשי", וואס פירט אן מיט איר קאנטראל־לייטונג און העלפט דורכפירן איר סאנירונג. ער איז אויך געווען יארנלאנג מיטגליד פון „קרן היסוד" קאמיטעט אין לאוויטש.

איינע פון זיינע וויכטיקע לייסטונגען לטובת דער פאראעמ־טער יידישער גאס, צוויי יאר פאר דער מלחמה, איז געווען דאס העלפן אויפשטעלן די געזעלשאפט פאר קינדער־שוץ און יתומים־פארזארגונג „צענטאס", וועמענס וויצע־פרעזעס ער איז געווען.

דער דאזיקער געזעלשאפט האט ער געווידמעט א סך צייט און ענערגיע. דערביי איז ער באקאנט געווען אלס פראפעסיאנעלער „נדבה־גייער". נישט געווען קיין געזעלשאפטלעכע אקציע, אין וועלכער ער זאל זיך פערזענלעך נישט באטייליקן, גיין אין שטובן פארקויפן בילעטן, אדער קלויבן נדבות. אין זיין הויז זענען פאר־געקומען פיל צוזאמענטרעפן און אונטערנעמונגען לטובת הכלל, צו וועלכן עס האט אים צוגעהאלפן זיין פרוי. ער האט געהאט אן איינציק קינד — א טעכטערל.

אלס דירעקטאר אין וועקשטיינס צעראמיק־פאבריק, ווו עס האבן געארבעט העכער 200 ארבעטער, האט ער ארויסגעוויזן לגבי די אונטערליגנדיקע אים ארבעטער גרויס פריינטשאפט.

ער האט זיך אויך פאראינטערעסירט מיט יעדן יחידס גורל און געטאן פיל טובות. זייער אפט פלעגט אים אויסקומען צו גיין מיט שתדלנות אין דער מוניציפאליטעט אדער אויפזיכט־מאכט, ווו ער איז געווען א יוצא ונכנס.

ווי נאר עס זענען קיין לאוויטש אנגעקומען אין חודש אקטאבער, 1939, די ערשטע יידישע פליטים פון פארברענטע יידישע שטעטלעך, וואס זענען באפאלן געווארן פון היטלער־היישעריק, איז ברוך שאפירא געשטאנען בראש פון קהילה־קאמיטעט, וואס האט געזארגט פאר דער איינארדענונג און באשפייזונג פון די אומגליקלעכע היימלאזע.

שפעטער איז ער דורך דער לאקאלער היטלער־מאכט באשטימט געווארן צו שטיין אין שפיץ פון דעם „יודענראט". און דער גורל האט געוואלט, אז דער פיינפילענדער און מסירת־נפשדיקער כלל־טוער, וואס האט זיך תמיד אנגענומען די קריוודע פון יידן, איז איצט אויסגעקומען צו ארבעטן מיט אונטערוועלט־טיפן און ווערן א בלינד געצייג אין די הענט פון די נאציס ביים פארניכטן די יידן.

נאכן גירוש־לאוויטש איז ער, צוזאמען מיט זיין פרוי און יונגער טאכטער, אוועק אין ווארשעווער געטא, פון וואנען ער איז שפעטער איבערגעפירט געווארן אין אוישוויצער טויטן־לאגער, ווו ער איז אין שפעט־זומער 1943 אומגעקומען אין די דארטיקע גאז־קאמערן.

אברהם־וואלף פעפער

דער נאמען אברהם־וואלף פעפער איז די לעצטע יארן פארן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, געווען א שם־דבר אויף דער יידישער גאס אין לאוויטש. פון בארוף א שניידער, האט ער גוט פארשטאנען די נויטן פון יידישן בעל־מלאכה, וועמענס אינטערעסן ער האט זיך געווידמעט און בלב ונפש זיך באמיט צו פארבעסערן זיין מצב. די פראבלעמען פון יידישן האנטווערקער זענען אין די דרייסיקער יארן, בעת דער „אוושעם"־פאליטיק, געווארן פון טאג צו טאג קריטישער און זיך גענויטיקט אין טאטזאכלעכער אויפמערקזאמקייט. אברהם פעפער האט געהאט א וואך אויג פאר די דאזיקע פראבלעמען, און געקאנט אויסגעצייכנט די לאקאלע באדינגונגען, און ער איז צו די דאזיקע פראגן צוגעגאנגען מיט פיל דערפארונג.

ער איז געווען א באשיידענער מענטש, אן פרעטענזיעס, א באוווסטזיניקער עמך־מענטש. אויף אים קאן אויך אנגעווענדעט ווערן דער זאג: הבורח מן הכבוד, הכבוד רודף אחריו.

אברהם וואלף פעפער האט אויף דער אייגענער הויט דורכגעמאכט פיל נסיונות, געהאט געזען א שטיק וועלט, אנגעשפארט אין אויסטראליע און זיך אומגעקערט אהיים, ווייל די אומשטענדן האבן צו יענער צייט דאס דיקטירט.

ער איז געווען רירעוודיק, גוטהארציק און שטענדיק גרייט געווען צו טאן א טובה א יידישן בעל־מלאכה אדער געליטענעם, איבערלאזנדיק זיין ווארשטאט און געלאפן זיך משתדל־זיין, ווו מ'האט געדארפן. ספעציעל טיילט זיך אויס זיין ארבעט אין די ראמען פון פרעזידענט פון דער „לינת החולים", עטלעכע יאר פאר דער מלחמה.

אברהם־וואלף פעפער איז געבוירן געווארן אין מערץ, 1883, ביי חסידישע עלטערן. פון 4־טן ביזן 12־טן לעבנס־יאר לערנט ער אין חדר, און אין די פרייע אוונטן זעצט ער פאר זיין בילדונג ביי זיין אייגענעם פאטער.

נאך דער בר־מצווה לערנט ער א פאך, שניידעריי. אין יאר 1916, בעת דער דייטשער אקופאציע, הייראט ער און פארלייגט זיך אן אייגענעם ווארשטאט. אין דער זעלבער צייט הויבט ער אן שטעלן

זיינע ערשטע טריט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער ווערט אַ מיטגליד פון „הזמיר“ אין דער בלי־תקופה פון יידישן רענעסאַנס.

ער ווערט אַ טעטיקער מיטגליד אין דראַמאַטישן קרייז, אין וועמענס שפּיץ עס איז געשטאַנען דער דענטיסט סקאָטניצקי. דער דאָזיקער דראַמאַטישער קרייז האָט געגעבן עטלעכע געלונגענע פאָרשטעלונגען, וואָס האָבן אויך אַריינגעברענגט אַ גרויסן ריווח.

א. וו. פ. איז געווען פון הויכן וווקס, ברייטפּלייציק, מיט אַ רונדיק, גלאַט פּנים. ער האָט געהאַט בלויע, ממש לאַכעדיקע אויגן, אין קאָנטראַסט צו זיין קאָפּ זשאַווער־ברוינע האָר. ער האָט גערעדט געלאַסן און אויף זיינע דיקע ליפּן האָט שטענדיק זיך געזען אַ שמייכל, אַ שטריך פון אַ שמח בחלקו, אפילו ווען דער שוך האָט אים גוט געקוועטשט, האָט ער דאָס קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן.

אין 1920 איז ער מאָביליזירט געוואָרן אין אַקטיוון מיליטער־דינסט, און ווען ער ווערט דעמאָביליזירט, דערוואַרט אים אַ גרויסער סיורפּריז — אויספאָרונגס־פּאַפּירן פון זיין ברודער אירווינג אין אַמעריקע. היות, ווי זיין שניידער־וואַרשטאַט פּראָספּערירט, רעזיגנירט ער פון פאָרן קיין אַמעריקע און בלייבט אין לאָוויטש

אין 1924 ווערט ער דערוויילט אין דער פאַרוואַלטונג פון דעמאָלטיקן האַנטווערקער־פאַרבאַנד, אונטער דער אָנפירונג פון יוקל גידאַלעוויטש. ער ווייזט זיך אַרויס אַלס פּעאיקער טוער און ווערט קירצלעך אויסגעוויילט אַלס פּרעזעס פון דער עקזעקוטיווע און בלייבט אויף דעם דאָזיקן אַמט ביז 1929.

בעת זיין קאָדענץ געניסן די מיטגלידער פון דער יידישער האַנטווערקער־קערפּערשאַפט פון לאַנג־טערמיניקע הלוואות אין פּריוואַטע אינסטיטוציעס, קאָמונאַלע און אַנדערע. די האַנטווערקער האָבן אויך זייערע ראַטמענער אין שטאָט־ראַט, 6 דעלעגאַטן אין דער לאָקאַלער קראַנקן־קאַסע, 2 אין דער פאַרוואַלטונג פון דער קאָאָפּעראַטיווער יידישער באַנק, ווו ער אַליין איז 14 יאָר מיטגליד פון ראַט.

אין חודש מערץ 1930 איז א. וו. פ. אָפּגעפאָרן קיין אויסטראַליע. צוליב די אימיגראַציע־קוואָטעס קיין אַמעריקע, האָט ער מער נישט געקאָנט געניסן פון די אַמאָליקע פּאַפּירן פון צען יאָר צוריק. גראָד טרעפט ער אָן אין אויסטראַליע אויף דעם גרויסן עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס האָט דאַן געהערשט. זעענדיק, אַז ער קאָן זיך נישט איינאָרדענען, סיי נישט העלפן זיין גרויסער פאַמיליע אין דער היים, קערט זיך א. וו. פ. אום קיין אייראָפּע. ער בלייבט אַ יאָר צייט אַרבעטן אין פּאַריז, פון וואַנען ער העלפט זיין פאַמיליע אין לאָוויטש, און אין דער פרייער צייט נעמט ער אָנטייל אין דעמאָלטיקן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון פּאַריז, ווו ער לערנט זייער פיל, אַ זאַך וואָס איז אים שפּעטער גוט צונוץ געקומען, ווען ער האָט ווידער גענומען אויף זיך דעם שווערן עול אַלס טוער ביי די יידישע האַנטווערקער אין לאָוויטש.

די ערשטע יאָרן נאָך זיין צוריקקומען קיין לאָוויטש, האָט זיך א. וו. פעפער געהאַלטן כמעט פון דער ווייטנס פון יעדער מין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ער אָבסערווירט אָבער מיט אַ געניט אויג, וואָס עס קומט פאָר אויף דער יידישער גאַס און ווען די צייט ווערט רייף, שפּאַנט ער זיך ווידער איין אין שווערן יאָך פון אַ האַנטווערקער־טוער. אין 1936 טרעט ער אַריין אין „לינת החולים“ ביי דעם האַנטווערקער־פאַראיין, ווו ער פירט דורך אַ גרינטלעכע סאַנאַציע.

אַדאַנק זיין לייטונג, ווערט די אינסטיטוציע איינע פון די טעטיקסטע אויפן געביט פון טראָגן מעדיצינישע און פילאַנטראָפּישע הילף דעם פאַראָרעמטן יידישן בעל־מלאכה, סיי אַנדערע נויטבאַדערפטיקע יידישע פאַמיליעס. די דאָזיקע אינסטיטוציע איז אַ גרויסער אָנשפּאַר פאַר די יידישע האַנטווערקער, וואָס ליידן פון דער פאַרשאַרפטער פּוילישער קאָנקורענץ אין האַנדל און זיי קריגן הלוואות, וואָס העלפן זיי זיך פילווייניק שטעלן אויף די פיס און דורכקומען נישט איין שוואַרצע שעה...

א. וו. פ. איז מיט זיין משפּחה איבערבאַזעצט געוואָרן אין דעם וואַרשעווער געטאָ און געטיילט דעם זעלבן גורל ווי אַלע פאַרגירושטע יידן פון לאָוויטש.

ד״ר אלעזר וואַרטסקי

צווישן דער קליינער צאָל יידישע אינטעלעקטואַלן, וואָס דאָס יידישע לאָוויטש האָט אַרויסגעגעבן אין אָנהויב פון אונדזער יאָרהונדערט, טיילט זיך אויס אין סאַמע אויבנאָן ד״ר אלעזר וואַרטסקי, וועמענס לעבנס־געשיכטע עס לייענט זיך ווי אַ שפּאַנענדיק און גלייכצייטיק טראַגיש קאַפּיטל.

ד״ר אלעזר וואַרטסקי ז״ל

דער דאָזיקער יונגער דאָקטאָר, וואָס איז געשטאָרבן אין זיין 33־סטן לעבנס־יאָר אויף זיין דאָקטאָר־פּאָסטן, שטעלט מיט זיך פאָר אַן אייגנאַרטיקע געשטאַלט.

מיר זעען אים, ווי אַ גרויסן ערודיט, אָנגעזאַפּט מיט וויסנשאַפטן אויף כלערליי געביטן. אַ מעדיקער מיט אַ טיפן וועלטלעכן וויסן און גלייכצייטיק שטראַלט פון אים אַ גרענעצלאָזע ליבע און צוגעבונדנקייט צו דער יידישער מסורה, יידישע טראַדיציעס און לעבנס־שטייגער. ער ווערט נישט אָפּגעפרעמדט, נאָר פאַרקערט, באַהעפט זיך נאָך ענגער מיט זיין פאָלק.

איינע פון די כאַראַקטער־שטריכן צו זיין גייסטיקן פאָרטרעט, איז זיין הויכע מאָראַל, וואָס קומט אַמבולטסטן צום אויסדרוק אין זיין טיפער רעליגיעזקייט.

נאָך לאַנגע, שווערע גילגולים און וואַנדערונגען געלונגט סוף־כל־סוף דעם לאָוויטשער בחור צו באַקומען זיין דאָקטאָר־טיטל און שפּעטער די ראַנגע פון אָפיציר אין דער פּוילישער אַרמיי. דאָס איז פּאַקטיש דער ערשטער לאָוויטשער ייד אין דער געשיכטע פון דער יונגער געמיינדע, וואָס האָט מיט אייגענע כוחות דערגרייכט אַזאַ הויכע מדרגה.

אומגליקלעכערווייז האָט זיין יונג לעבן טראַגיש זיך איבערגעריסן אין די סאַמע בלי־יאָרן פון זיין געשטאַלטיקונג און זיין מעדיצינישער קאַריערע, און דאָס גראָד דעמאָלט, ווען ער האָט אָנגעהויבן שפּאַנען זיין אייגענעם דרך.

אויך אין מינכען איז ער, אַ חוץ זיין מעדיצין־שטודיום, געזעסן על התורה ועל העבודה, און זייענדיק וויסנשאַפט־דורשטיק, האָט ער פאַרקערט אין די דאָרטיקע יידיש־אָרטאָדאָקסישע קרייזן. אונ־

טערן איינפלוס פון די לעצטע, איז ער נאָך מער רעליגיעז און פרומער געוואָרן.

גראַד, ווען ער האָט געהאַלטן ביים פאַרענדיקן זיין שטודיום און אין מיטן שרייבן זיין דיסערטאַציע, איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה.

אַלס רוסישער אונטערטאַן איז ער אינטערנירט געוואָרן צו־זאַמען מיט אַנדערע רוסישע בירגער און נאָכן אָפּזיצן עטלעכע חדשים אין אַן אינטערנירונגס־לאַגער, ווערט ער באַפרייט און אויסגעוויזן פון דייטשלאַנד. אַהיימפאָרן האָט ער נאָר געקאָנט דורך שוועדן. קומענדיק איבער רוסלאַנד קיין וואַרשע, האָט ער שוין געפונען לאָוויטש אָקופּירט דורך די דייטשן.

נאָך אַ קורצן אויפהאַלט אין וואַרשע, קערט ער זיך אום קיין רוסלאַנד, ווו ער נאָסטריפיצירט אין דאָרפּאַטער (יוריעוו) אוניווערסיטעט און ווערט אַנגאַזשירט אַלס אַרצט דורך דער רו־סישער מאַכט אויף אַ פּאָסטן אין צפון־רוסלאַנד.

דער יונגער ד״ר וואַרטסקי פירט דאָ אַ שטרענג כשרע קיך. די גאַנצע צייט, וואָס ער געפינט זיך אין יענער געגנט, עסט ער נישט קיין פלייש, ווייל קיין כשרס איז דאָך נישט געווען צו באַ־קומען. דערפאַר טראָגט ער מיט זיך אומעטום זיין תפילין־זעקעלע און פאַרפעלט נישט קיין דאַווענען.

נאָכן ביייווינען די באַלשעוויסטישע רעוואָלוציע מיט אַלע אירע פאָלגן, געלינגט אים אין האַרבסט 1918, זיך אומצוקערן אַהיים, קיין לאָוויטש. קירצלעך באַזעצט ער זיך אין דער אַלטער יידישער קהילה לענטשיץ, ווו ער עפנט זיין מעדיצינישע פּראַקטיק. נאָך אַ קורצער צייט אינעם שטעטל, האָט ער זיך קונה שם געווען אַלס אויסגעצייכנטער דאָקטאָר. באַזונדערס איז ער שטאַרק באַ־ליבט געוואָרן דורך דער יידישער באַפעלקערונג.

בכלל האָבן די יידן אין לענטשיץ נאָכנישט געזען אַזאַ פרום־אָפּגעהיטענעם דאָקטאָר. שבת האָט ער קיינמאָל נישט פאַרשריבן קיין רעצעפּטן, נאָר ער איז אַליין אַוועק אין דער אַפּטייק און מינדלעך פאַראָרדנט די נויטיקע רעצעפּטן.

אין פרילינג 1919 איז ער מאָביליזירט געוואָרן דורך דער ניי־אַנטשטאַנענער פוילישער רעגירונג, אַלס מיליטערישער דאָק־טאָר, אין ראַנג פון לויטענאַנט.

ער איז אַזוי אַרום געווען דער ערשטער לאָוויטשער ייד, וואָס האָט זוכה געווען צו אַזאַ ראַנג. קירצלעך נאָכן מאָביליזירן, איז ער אָפּגעשיקט געוואָרן אין מיליטערישן שפּיטאָל אין וולאָצלאַוועק.

צו יענער צייט זענען פאָרגעקומען פאַרביסענע קאַמפן צווישן דער פוילישער אַרמיי און די אוקראַאינישע אויפשטענדלער אין מזרח־גאַליציע. די קראַנקע קריגס־געפאַנגענע אוקראַאינער, דער רוב פון זיי טיפוס־קראַנקע, האָט מען געבראַכט אין שפּיטאָל פון וולאָצלאַוועק.

דאָ האָט זיך ד״ר וואַרטסקי אָנגעשטעקט מיט אַ פלעקן־טיפוס בעתן אומגיין זיך מיט די קראַנקע, און נאָך אַ קורצער קראַנקהייט אויסגעהויכט זיין נשמה, כ״ט תמוז תרע״ט (1919), אין עלטער פון 33 יאָר.

די לוויה איז פאָרגעקומען לויטן מיליטערישן מנהג. נאָכן אָרון איז געגאַנגען אַ סאָלדאַטן־אָפּטייל, בראש מיט אַן אָפיצירן־דעלעגאַציע, און אַ מיליטערישער אָרקעסטער האָט געשפּילט שאָפּענס טרויער־מאַרש.

דער טויט פון יונגן יידישן דאָקטאָר האָט אַרויסגערופן גרויס טרויער אין דער גאַנצער געמיינדע און אין זיין לוויה האָט זיך באַטייליקט דאָס גאַנצע יידישע וולאָצלאַוועק.

ביים קבר האָבן אים מספיד־געווען אין רירנדיקע ווערטער, דער וולאָצלאַוועקער רב, הרב קאָוואַלסקי ז״ל, שפּעטערדיקער סע־נאַטאָר, און דעם פאַרשטאָרבענעמס אַ שול־חבר, אינזש. גלוזמאַן.

קדיש ביים פרישן קבר פון זיין יונגן זון האָט געזאָגט דער פאַריאושטער פאָטער ר׳ יוסף וואַרטסקי.

אַזוי האָט זיך אומגעריכט און טראַגיש פאַרענדיקט דאָס לעבן פון ד״ר אלעזר וואַרטסקי אין די סאַמע בליי־יאָרן פון אַנטוויקלונג און זיין אויפשטייג.

אלתר ווינער

אין די סוף צוואַנציקער יאָרן, האָט זיך אויפן פאָן פון יידישן קהילה־לעבן אַרויסגערוקט אַ מענטש, וואָס האָט געשטאַמט פון די פאָלקס־שיכטן און ראַפּטום פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אין דער יידישער געמיינדע. זיין נאָמען איז געווען אלתר ווינער, בעסער באַקאַנט אַלס „אַלטער טעפּער". דער צונאָמען האָט זיך גענומען דערפון, וואָס ער האָט געהאַנדלט מיט ערדענע טעפּ און אַנדער געשיר. אַזוי ווי אין דער שטאָט זענען געווען עטלעכע ווי־נערס, איז פּראַקטיש געווען צו זאָגן: אַלטער ווינערס זין אָדער טעכטער, כדי זיי חלילה נישט צו פאַרטוישן מיט די אַנדערע ווי־נערס.

אלתר ווינער ז״ל

אַלטער ווינער האָט געשטאַמט פון אַן אַלט־איינגעזעסענער משפּ־חה בעלי־מלאכות. ער אַליין האָט געהאַט זייער אַ שווערע יוגנט און מיט מאַזאָליעס געהאָרעוועט אויף זיין אויסקום און שפּעטער מפרנס צו זיין אַ גרויסע פאַמיליע. צום ערשטן איז ער געווען טעטיק אין האַנטווערקער־פאַראיין. און נאָכדעם, ווי ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס דאָזאָר, האָט ער זיך געשטעלט אויפן צד פון עמך, ווען ער האָט רעפּרעזענטירט אין דער קהילה.

מיט דער צייט, איז אלתר ווינער געוואָרן פּאָפּולער אַלס שליח ציבור. דערנאָך איז ער אַריין אין עקזעקוטיוו פון דער יידישער קאָאָפּעראַטיווער באַנק און אַוואַנסירט צום אַמט אַלס וויצע־פּרעזעס.

נישט געווען קיין יידישע אַקציע אין שטאָט לטובת הכלל, אין וועלכער אלתר ווינער זאָל זיך אַקטיוו נישט באַטייליקן. פיל צייט און ענערגיע האָט ער אַוועקגעגעבן צו העלפן די אָרעמע בעלי־מלאכות, אין דער תקופה פון פאַרשאַרפטן פוילישן אַנטיסעמיטיזם, ווען דער עקאָנאָמישער מצב פון יידישע האַנטווערקער און קליינ־הענדלער איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן טראַגישער.

דערצו איז ער געווען אַ רודף־שלום און שטענדיק געפונען אַ פשרה ווי אויסצוגלייכן שטרייטנדע צדדים אינערהאַלב דער קהילה. זיין צוגאַנג צו געמיינדע־ענינים איז געווען אַ דירעקטער

און פּראַקטישער. ער האָט פּיינט געהאַט סנאָביזם. נישט איינמאָל איז ער געווען אַ בורר אין וויכטיקע סיכסוכים.

פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה איז ער געווען וויצע־פּרעזעס פון דער לאָוויטשער קהילה. נאָכדעם, ווי דער ראש־הקהל, ר׳ איטשע אַדלער, האָט אָפיציעל זיך אָפּגעגעבן אין דעמיסיע, איז ער געווען דער פאַקטישער ראש־הקהל.

אלתר ווינער איז געווען אַן ענערגישער מענטש, הויכוואוקסיק מיט אַ שיין קמיץ־בערדל, באַשיידן און תמיד נעט געקליידעט. ער האָט גערעדט געלאַסן און צוגעקליבן די פּאַסיקע ווערטער, אויסצודריקן זיינע געדאַנקען און מיינונגען.

אין לאָוויטשער געטאָ האָט ער אָפיציעל געהערט צום „יודענראַט" און אין אָנהויב האָט ער, פּונקט ווי אַנדערע, געגלויבט, אַז די יידן־גזירות זענען נאָר אַ צייטווייליקע זאַך און מ׳דאַרף קאָנען אויסדויערן. שפּעטער איז געקומען די טראַגישע אַנטוישונג און ער האָט זיך ווי די אַנדערע צוזאַמענגעבראָכן.

בעת דער איבערזידלונג פון די לאָוויטשער יידן אין וואַרשעווער געטאָ אַריין, איז ער דאָרט אַוועק מיט זיין גרויסער פאַמיליע. עטלעכע פון זיינע פאַרהייראַטע קינדער האָט זיך שפּעטער איינגעגעבן אַרויסצוקריגן פון די געטאָ־מויערן און אַוועק קיין מעזריטש. ליידער האָט זיי שפּעטער דאָרט געטראָפן דער זעלבער גורל, וואָס אַלע יידן אין פּוילן. ער אַליין, צוזאַמען מיט זיין פרוי מלכה־ביילע, איז אין יאָר 1942, צוזאַמען מיט אַנדערע לאָוויטשער, אָפּגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע, ווו זיי זענען אומגעקומען.

ר׳ חיים־שלום הערמעלין

אין דער גאַלעריע געשטאַלטן פון אַמאָליקן יידישן לאָוויטש, שווימט אויף די הדרת־פּנימדיקע געשטאַלט פון יראת־שמימדיקן ייד ר׳ חיים שלום הערמעלין.

ער איז געווען פון נישט־הויכן וואוקס, מיט אַ פיין־פאַרקעמטער באָרד, וואָס האָט זיך געזילבערט אין די ראַנדן און זיין פּנים צוגעגעבן מער תמימותדיקייט.

ר׳ חיים שלום האָט מיט זיין גרויס הויזגעזינד געוווינט אין זיין אייגענער נחלה, אויף זדונסקאַ 25, וווּ ער האָט געהאַט אַ האָלץ־ און קוילן־סקלאַד, פון וועלכן ער האָט געצויגן זיין חיונה.

זיינע זין, חסידישע יונגעלייט, וואָס זענען באַאיינפלוסט געוואָרן אין דער תקופה פון רעוואָלוציאָנערן אויפשוווּנג אין אָנהויב פון אונדזער יאָרהונדערט, זענען שפּעטער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער באַוועגונג, ווי פיל יונגעלייט אין זייער צייט. זיי האָבן געגעבן אַ גרויסןביישטייער צום יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן אין לאָוויטש אין דער רענעסאַנס־תקופה נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

איינער פון זיינע זין, מלך הערמעלין, איז אין יאָר 1916 געווען אַקטיוו ביים העלפן דעם שריפטשטעלער יעקב קראָנענבערג גרינדן די פּראָלעטאַרישע היים פאַר יידישע קינדער א. נ. פון „שלום עליכם", — דער ערשטער טיפּ יידישע פאָלקסשול אין פּוילן מיט יידיש אַלס אונטעריכטס־שפּראַך.

אַזוי זענען אויך זיינע זין געווען טעטיק אין דער פועלי־ציון־באַוועגונג און אין דער פאַרוואַלטונג פון דעם „הזמיר".

ר׳ חיים שלום הי״ד איז געווען אַ שטרענג־אָפּגעהיטענער אין ידישקייט, האָט מיט זיך פאַרקערפּערט דעם אידעאַלן ייד פון תורה ועבודה. מיט זיין תורה־קענטעניש האָט ער זיך געטיילט אויף אַ פּראַקטישן אופן מיט עמך־יידן, מיט בעלי־מלאכות, שניידערס און שוסטערס. אַזוי פלעגט מען אים זען זיצן אין פּאָליש פון בית־המדרש, ווי ער לערנט מיט דער „חברה מקרא", חומש מיט רש״י. אַזוי האָט מען אים געזען אַ גוטמוטיקן, מיט אַ צעשטראַלט פּנים בין מנחה למעריב אין בית־המדרש לערנען מיט חברה משניות און ש״ס.

ר׳ חיים שלום איז פיל יאָרן געווען גבאי ראשון פון דער חברה קדישא און חברה „ביקור חולים".

בעת כלערליי עת־צרות און פאַרשידענע פּרעניות, וואָס לאָוויטשער יידן האָבן דורכגעמאַכט אונטער דער צאַרישער הערשאַפט, איז ר׳ חיים שלום שטענדיק געווען דער ערשטער און נישט גערוט, ביז וואַנען ער האָט עפּעס געטאָן פאַר די יידישע קרבנות.

ווען זיין הויזגעזינד האָט זיך ביי אים געבעטן און געוויינט, אַז ער זאָל נישט איינשטעלן זיין לעבן אין סכנה, פלעגט ער שטענדיק אין גוטמוטיקן טאָן זיי ענטפערן: טייערע קינדערלעך, קיין גרויסער גביר בין איך נישט, איך זאָל קאָנען געבן גרויסע צדקה, אָבער דאָס וואָס איז נאָענט צו צדקה, איז מת־מצוות.

און נישט געקוקט דערויף, וואָס דער ייד איז ווייט נישט געווען קיין גיבור, האָט ער ביי געשטאַנען אַלע נסיונות און פילמאָל איינגעשטעלט זיין לעבן, כדי יידישע קרבנות, הרוגי־מלכות, ברענגען צו קבר־ישראל.

אין אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט איז געווען אַ פאַל, וואָס א באַקאַנטער יידישער קצב, נאָסאָן, איז פּלוצים געשטאָרבן ביי אויסטערלישע אומשטענדן, און אין שטאָט האָט מ׳ה זיך געשושקעט, אַז ער איז געשטאָרבן אויף אַ „שוואַרץ קרעצל", וואָס איז זייער אָנשטעקנדיק. קיינער פון דער חברה קדישא האָט נישט געוואָלט אים טאָן זיין רעכטס, אויס מורא זיך נישט אָנצושטעקן. און ווען רוסישע נאַטשאַלסטוואָ וואָלט אויסגעפונען אויף וואָס דער ייד איז געשטאָרבן, וואָלט מען זיין קערפּער אַריינגעוואָרפן אין אַ קאַלך־גרוב און אים אַזוי באַערדיקט, ווי עס האָט זיך פּראַקטיצירט אין יענע צייטן.

ר׳ חיים שלום האָט אָבער נישט געוואָלט דערלאָזן צו אַזאַ בזיון־המת און האָט שטילערהייט, שפּעט אין דער נאַכט, מיט דער הילף פון משה פויערן־שניידער (משה גיעדזשוואָדזש) דעם נפטר געטאָן זיין רעכטס און אים קובר געווען אויפן בית־הקברות.

בעת אַנדערע טראַגישע אומשטענדן האָט ר׳ חיים שלום ווידער איינגעשטעלט זיין לעבן און דאָס לעבן פון אַנדערע חברה־קדישא־לייט, און אונטערן האָגל פון קוילן, בעת העפטיקע שלאַכטן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, געפאָרן אויפזוכן אַ יידישן הרוג, כדי אים צו ברענגען צו קבר־ישראל.

דאָס איז געשען אין די מאָרגן־שעהן פון הושענה רבא, 1914, ווען יידן האָבן זיך אומגעקערט, אָדער געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין דאַווענען. די שטימונג אין שטאָט איז געווען אַ געדריקטע. די רוסישע אַרמיי האָט געהאַלטן ביים פאַרלאָזן די שטאָט, קעגן דער אָנגרייפנדיקער אַרמיי פון פעלדמאַרשאַל פאָן הינדענבורג. פון דערווייטנס האָט זיך געהערט די אומאויפהערלעכע שיסעריי פון שווערער אַרטילעריע, און מ׳האָט זיך געריכט, אַז אַ ליאַדע שעה וועט דאָס דייטשע מיליטער אַריין אין דער שטאָט.

אין דער זעלבער צייט איז דער יונגערמאַן אהרן זאַלץ, אַ

זון פון אַ ייִדישן בלעכער, אַהיימגעגאַנגען פון דאַווענען, מיט זיין תפילין־זעקעלע אונטערן אָרעם.

פּלוצים זענען אָנגעריטן עטלעכע טשערקעסן אויף זייערע פלינקע פערד. זיי האָבן צוגעבונדן דעם יונגנמאַן צום עק פון אַ פערד און אויף אַזאַ אכזריותדיקן אופן אים מיטגעשלעפּט מיט זיך עטלעכע קילאָמעטער הינטער דער שטאָט.

די ידיעה האָט זיך בליצשנעל פאַרשפּרייט אין שטאָט, און ס'האָט געהערשט אַ שווערע שטימונג. ייִדן האָבן מורא געהאַט אַריבערצוטרעטן די שוועל, ווייל אויף יעדן שריט האָט געדראָט אַ סכנה.

אין די נאָכמיטאָג־שעהן איז צו ר' חיים שלומען געקומען אַ יונגערמאַן און דערציילט, אַז פאָרנדיק אויף אַ רייטוועגעלע אויפן סאָכאַטשעווער שאָסיי, האָבן פויערים אים דערציילט, אַז די קאַזאַקן האָבן דערהרגעט אַ ייִד און אים איבערגעלאָזט אין פעלד.

דערוויסנדיק זיך וועגן הרוג, האָט ר' חיים שלום גלייך געשיקט זיין ייִנגערן זון ישראל־מנחם (וואָס וווינט היינט אין דעטראָיט, אַמעריקע), ער זאָל רופן קלמנען און מרדכי שניידער (מרדכי דזיאַבע, ראָזענבאַום), צוזאַמען מיט אַ ייִדישן בעל־עגלה. דער לעצטער איז געקומען מיט אַ דראָנגאָווע־וואָגן און זיי האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויפזוכן דעם הרוג. אין דער סביבה האָבן כסדר אָפּגעהילכט שווערע האַרמאַטן־שאָסן און איבער די פעלדער זענען געפאַלן שראַפּנעלן.

באַוואָפנט מיט טיפער אמונה אין האַרצן, אַז זיי פאָרן אויספירן די גרויסע שליחות פון ברענגען אַ ייִד צו קבר־ישראל, האָבן די חברה־קדישא־לייט זיך אַוועקגעלאָזט ווייט הינטער דער שטאָט, און בכלל נישט געפילט קיין פחד, אַז זיי דראָט וועלכע עס איז סכנה. עטלעכע קילאָמעטער אויסער דער שטאָט, האָט אַ פויער זיי אָנגעוויזן דאָס אָרט, ווו דער מת איז געלעגן באַגראָבן, צוגעדעקט מיט אַ ביסל זאַמד. אין זיין אָרעם האָט דער מת נאָך אַלץ געהאַלטן פעסט צוגעדריקט דאָס תפילין־זעקעלע.

זיי האָבן דעם הרוג אַריינגעלייגט אין אַ זאַק, אַרויפגעלייגט אויפן וואָגן און זיך געלאָזט אין וועג אַריין צוריק צו דער שטאָט. קומענדיק שוין נאָענט פון דער שטאָט, איז זיי פּלוצלינג אַנטקעגנגעקומען אַ גרופּע פון עטלעכע קאָזאַקן אויף פערד. זיי האָבן פאַרהאַלטן דעם וואָגן מיט די פיר ייִדן און אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג, וואָס זיי טוען אין דער שעה הינטער דער שטאָט, ווען דער שונא איז שוין נאָענט פון דער צווייטער זייט.

די ייִדן, זעענדיק די צעיושעטע קאָזאַקן, זענען געבליבן זיצן פאַרגליווערטע אויף זייערע ערטער, פילנדיק אַז דער מלאך המוות פאָכעט איבער זיי מיט זיינע שוואַרצע פליגל. זיי האָבן שטילערהייט אָפּגעזאָגט ווידוי.

דער איינציקער, וואָס האָט נאָך גערעדט אַביסל רוסיש, איז געווען מרדכי פויערן־שניידער. ער האָט געזאָגט דעם עלטסטן פון די קאָזאַקן, אַז זיי פאָרן פון שעכטהויז, וואָס געפינט זיך דאָ נישט ווייט, ווו זיי זענען געווען איינהאַנדלען לונג־און־לעבער, ווייל אין שטאָט איז אַ הונגער.

דער עלטסטער פון די קאָזאַקן האָט אַ ווילדן ברום געטאָן און געזאָגט צו די אַנדערע קאָזאַקן, אַז דאָס זענען ייִדישע שפּיאָנען און מ'דאַרף זיי דערשיסן. ער האָט געהייסן איינעם פון די קאָזאַקן ער זאָל אַראָפּ פון פערד און רעווידירן, וואָס די ייִדן האָבן באַהאַלטן אין דעם גרויסן זאַק.

אין דער זעלבער רגע, וואָס דער קאָזאַק איז שוין אַראָפּ פון פערד און געוואָלט צוגיין צום וואָגן, איז ראַפּטום אָנגעפלויגן אַ צווייטער קאָזאַק אויף אַ פערד און אַ געשריי געטאָן: גערמאַנצי! און אַלע האָבן זיך ווילד אַ ריס געטאָן אויף זייערע פערד און

אַזויאַרום זענען די ייִדן על־פּי־נס אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

אויף אַ נישט קלענערן קידוש־השם האָט ר' חיים שלום הערמעלין ז"ל זיך אויסגעשטעלט אַ צייט שפּעטער, ווען די שטאָט איז אָקופּירט געווען דורך די דייטשן.

דאָס איז געווען אין שבת בראשית, ווען יוגנט האָט רויִק שפּאַצירט אויפן קוטנער שאָסיי. פּלוצלינג זענען ווי פון אונטער דר'ערד אָנגעריטן קאָזאַקן. עס איז געוואָרן אַ מהומה און אַ ווילד געלויף. אין שטאָט איז געוואָרן חושך. די דייטשן זענען אַנטלאָפן פון דער שטאָט, אַנדערע זענען דערהרגעט אָדער געפאַנגען געוואָרן אין אַ צוזאַמענשטויס מיט די קאָזאַקן.

די אָנגעריטענע קאָזאַקן אין לאָוויטש האָבן געהערט צו אַ פאָרפּאָסטן פון דער רוסישער אַרמיי, וואָס האָט דורכגעריסן אַ דייטשן פראָנט־פליגל אין מאָדלינער פעסטונג און צוריקגענומען אַ פּאָר פּוילישע שטעט און אויף אַ מוראדיקן אופן אויסגעלאָזט זייער צאָרן צו דער ייִדישער באַפעלקערונג.

דעם זעלבן שבת־ביינאַכט האָבן זיי דערהרגעט 7 סילעווער ייִדן, וואָס זענען געפאָרן מיט זייערע וועגענער קיין קוטנע אין דער דאָרטיקער צוקער־פאַבריק. די זעלבע נאַכט האָבן זיי אויפגעהאַנגען צוויי ייִדן אויף די קאַשטאַן־ביימער נעבן מאַגיסטראַט.

זונטיק אינדערפרי האָט מען וועגן דעם אומגליק געמאָלדן ר' חיים שלום הערמעלין.

נישט געקוקט אויף די דראָאונגען און שיקאַנעס פון די פּוילישע כוליגאַנעס, האָט דער פרומער ייִד, מיט דער הילף פון יצחקל וואַסערטרעגער, אַראָפּגענומען פון דער תליה די צוויי ייִדן און זיי געברענגט צו קבר־ישראל.

די אַנדערע הרוגי־מלכות פון לאָדזשער שאָסיי, האָט ר' חיים שלום מיט אַנדערע חברה־קדישא־לייט, געברענגט צו קבר־ישראל אַ צייט שפּעטער. בעתן אויספירן די מת־מצווה, האָט ר' חיים שלום, פונקט ווי די אַנדערע ייִדן, בכלל זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון אויף דער סכנה, וואָס זיי דראָט פאָרן עובר־זיין אויפן רוסישן מלחמה־געזעץ.

די אויבנדערמאָנטע עפּיזאָדן פון יענער פינצטערער תקופה אין אַמאָליקן פּוילן, דערציילן אונדז וועגן ייִדן ווי ר' חיים שלום הערמעלין, ייִדן מיט אַ טיפער אמונה און גרענעצלאָזער אהבת־ישראל, וואָס זענען אַנטקעגנגעגאַנגען כלערליי סכנות און נסיונות, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין מת־מצווה, ווייל דער געבאָט צו ברענגען צו קבר־ישראל אַ ייִדישן נפטר, אַ הרוג־מלכות, איז געשטאַנען העכער, ווי זייער אייגן לעבן.

ר' חיים פערבער כהן

ר' חיים פערבער, אָדער ווי מ'פלעגט אים רופן ר' חיימל כהן, איז געווען אַ ייִד אַ למדן, אַ בקי בש"ס ופוסקים און קבלה. זיין פּריוואַטע ביבליאָטעק פון ספרי קודש איז געווען איינע פון די גרעסטע אין לאָוויטש.

ווען ס'איז געקומען אַ מחבר אָדער מוכר ספרים פון אַ נייעם ספר אויף תורה, ש"ס, אָדער חסידיש, פלעגט ער שוין וויסן, אַז דער בעסטער אָפּנעמער איז ר' חיים כהן.

די גרויסע בלוילעך־געקאָלכטע שטוב מיטן נידעריקן סופיט, ווו ער איז געזעסן און געלערנט, איז געווען אַרומגעשטעלט מיט ספרים־שענק, מיט ש"סן און פאַרשידענע אָריגינעלע ספרים פון די ראשונים ביז די אחרונים.

ווען אַ ייד, אַ יודע־ספר אין שטעטל, האָט געוואָלט עפּעס נאָכזוכן אין אַ נייעם ספר, האָט ער געוווּסט, אַז אַזעלכעס וועט ער נאָר געפינען ביי ר' חיים כהן.

ווער ס'האָט נאָר געזען דעם זקן, האָט אים גלייך ליב באַקומען, מחמת דער תמימותדיקער האַרציקייט, וואָס האָט פון אים אַרויס־געשטראַלט. זיין איידל הדרת־פנים מיט דער ווייסער באָרד, האָט זיך בולט אַרויסגעשיילט פון זיין שוואַרץ־טוכענעם היטל. ער איז געגאַנגען בנעימותדיק, מיט פּאַמעלעכע טריט און אויף אייך פאַ־טערלעך געקוקט דורך זיינע שפּאַקולן מיט אַ פּאָר מילדע, וואַרעמע יידישע אויגן.

ער האָט זיך פאַרנומען מיט מסחר. זיין גאַלאַנטעריע־געוועלבל האָט זיך געפונען אין זיין אייגענעם הויז, אין האַרץ פון דער זדונסקאַ־גאַס, אָבער מיטן פאַרקויפן האָבן זיך מטפל־געווען זיין ענערגישע פרוי שרה־מרים און זיינע טעכטער.

ער אַליין פלעגט נאָר פון צייט צו צייט פאָרן קיין וואַרשע איינקויפן סחורה, און געשמט אין די דאָרטיקע סוחרישע קרייזן אַלס העכסט־ערלעכער און פרומער ייד. און מ'האָט אים געגעבן די גרעסטע קרעדיטן. אַזאַ איז ער געווען אין דער ווירקלעכקייט און אַזוי ערלעך האָט ער געפירט זיין האַנדל, און ממש מורא געהאַט, ער זאָל חלילה קיינעם נישט באַעוולען, אָדער ווי טאָן. די רעשט פון דער צייט פלעגט ער זיצן יום ולילה פאַרטיפט אין די שווערע סוגיות פון תלמוד.

צום רירנדיקסטן פלעגט זיין ערב יום־כיפור, ווען אַלע זיינע קינדער און אייניקלעך, צוואַנציק אין צאָל, האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי אים אין שטוב. און ער אַליין, אנגעטאָן אין קיטל מיטן גאָל־דענעם קאַפּל, פלעגט פאַרשפּרייטן זיינע הענט און זיי אַלע בענטשן.

זייער רירנדיק איז געווען, ווען דער דריילינג אין גראָדזשיסק־קער שטיבל — ר' חיים כהן, ר' חיים שלום הערמאַלין און ר' נאָטע זילבערמאַן — האָבן געזאָגט דעם „אור זרוע לצדיק". ווער ס'האָט דאָס נאָר איינמאָל געהערט, וועט דאָס קיינמאָל אין לעבן נישט פאַרגעסן. אַן אינערלעכע אומרו און יראה איז אַלעמען באַפאַלן, און מ'האָט ממש געזען, אַז די שכינה רוט אויף די באמת ערלעכע און פרומע יידן.

ער איז נישט בלויז געווען אַ לומד תורה לשמה, נאָר אויך מקיים געווען די מצווה פון ללמוד וללמד ולשמור ולעשות און געלערנט מיט בחורים, פאַרשטייט זיך אָן שכר־לימוד. פיל פון זיינע תלמידים געפינען זיך אין אַמעריקע און אין ארץ־ישראל.

עטלעכע יאָר פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער געלערנט מיטן עולם אין גערער שטיבל דעם „דף יומי".

ער איז געווען אַ חסיד און געפאָרן צוערשט צום אַלטן גראָ־דזשיסקער זצ"ל, און שפּעטער צום אָסטראָווצער גאון זצ"ל, מיט וועלכן ער האָט זיך זייער נאָענט געהאַלטן. און אַזוי ווי דער אָסט־ראָווצער רבי פלעגט זיין אַ יושב בתענית, פלעגט אויך ר' חיים פּערבער פאַסטן מאָנטיק און דאָנערשטיק. ער האָט געגלויבט באמונה שלימה, אַז צוזאַמען מיטן רבין וועלן זיי דערמיט ברענ־גען די ישועה פאַר יידן.

שבת האָט ער קיין דברי חול נישט גערעדט.

ר' חיים כהן פלעגט דאַווענען נעילה אין גראָדזשיסקער שטיבל און ווען ער האָט ביים עמוד מיט זיין וויינענדיקער שטימע אָנ־געהויבן די תפילה: אזכרה אלוקים ואהמיה בראותי כל עיר על תלה ועיר האלוקים מושפלת עד שאול תחתיה — פלעגט ער זיך אַזוי צעוויינען, אַז דער גאַנצער עולם איז מיטגעריסן געוואָרן און האָט מיטגעוויינט. מ'האָט ממש געפילט, אַז ער שטרעבט מיטן גאַנצן האַרצן, אַז משיח זאָל קומען און ס'זאָל זיין שיבת ציון.

ער האָט זיך פאַרנומען מיט כלל־ענינים, געשטיצט ביזד רחבה די ישיבות אין א"י, מאיר בעל הנס און אויך געווירקט אויף אַנ־דערע, זיי זאָלן מנדב־זיין פאַרן ישוב א"י.

ר' חיים כהן האָט געהאַט צוויי איידעמס, אנגעזעענע תושבים אין לאַוויטש: ר' ירחמיאל וואָלף, אַ סוחר און למדן, און איינער פון די אָנגעזעענסטע פרנסים אין דער קהילה, סיי אָנפירער פון „אגודת שלומי אמוני ישראל"; און דער צווייטער, ר' שלמה זאַיאַנץ, אַ גרויסער בן־תורה. ער איז געווען אַן אינטימער פריינט פון ר' לייב ביאַלער, מיט וועמען ער האָט צוזאַמען געלערנט שעורים תלמוד.

ער איז נפטר געוואָרן האַרט פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין עלטער פון 92 יאָר.

יעקב שיינבערג

יעקב שיינבערג האָט געשטאַמט פון אַן עקסטרעם־רעליגיעזער פאַמיליע. זיין פאָטער, דער „שוואַרצער ראובן", האָט געשמט פאַר אַ חריף און תלמיד־חכם. זיין ערשטע בילדונג האָט ער באַקומען אין חדר און אין דער ישיבה.

דער יונגער שיינבערג האָט איינגעזאַפּט אין זיך די ווערק פון די רוסישע און אייראָפּעאישע קלאַסיקער און האָט פאַרמאָגט אַ סך אַלגעמיינעם וויסן.



יאַנקל שיינבערג ע"ה

נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג האָט ער געהערט צום „פאָלקס־הויז" און נאָענט געווען צו דער פ"צ־באַוועגונג. ער איז אויך גע־ווען אַ מיטגליד אין דעמאָלטיקן טורן־פאַראיין און אַלע יאָרן גע־ווען אַ גוטער אַטלעט.

נאָכן פאַרבינדן זיך מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, איז ער געוואָרן לעקטאָר פון מאַרק־סיסטישע וויסנשאַפטן.

ער האָט אויף אַ מוטיקן אופן רעאַגירט קעגן ווילקירלעכע אַקטן מצד דער פּאָליציייאיש־אַדמיניסטראַטיווער מאַכט און פאַר־טיידיקט באַוווּסטע. זעענדיק ווי אַ סעקוועסטראַטאָר פון שטייער־אַמט וויל צונעמען ביי אַן אָרעמען יידישן קליינהענדלער זיין

אָרעם ביסל מעבל פאַר שטייערן, אָדער ווי אַ קאָמאָרניק וויל אַרויסוואַרפן אַ פאַמיליע פון אַ חרובער דירה, האָט ער פּראָטעסטירט.

יעקב שיינבערג איז געווען פון נישט־הויכן וווּקס, דערפאַר ברייטפּלייציק, מיט אַ טונקל־הויטיק, עטוואָס לענגלעך פּנים און שאַרפער גאָמבע. איבער זיין קורצן שטערן האָט זיך געזען אַ שוואַרצע קוטשמע קורץ־געשוירענע האָר. פון זיינע קויל־שוואַרצע אויגן האָבן אַרויסגעשפּיזלט קוועקזילבערדיקע פייערלעך. ער איז געגאַנגען מיט אַ שווערן טראָט, וואַרפנדיק פאָרויס דעם אויבערשטן טייל גוף מיט די לאַנגע, אַטלעטישע הענט.

אויסערלעך האָט פון אים געוויייעט מיט האַרטנעקיקייט און טראָציקייט, אין דער אמתן איז ער אָבער געווען אַ האַרציקער און גוטמוטיקער מענטש, פול מיט פּשטות, און צומאָל סענטימענטאַל, אַרויסווייזנדיק גרויס ליבשאַפט און פאַרשטענדעניש צו יוגנט, מיט וועלכער ער האָט זיך געחברט און צווישן זיי זיך געפילט אַליין יונג. דערביי איז ער געווען אַ ביסל שעמעוודיק און רעזערווירט.

אַלס אַזאַ איז ער באַליבט געווען אין אַלע קרייזן, אָן אונטערשיד פון פּאָליטישע איבערצייגונגען, וואָס האָבן אים רעספּעקטירט אַלס ערלעכן און אויפריכטיקן מענטש.

ער איז באַקאַנט געווען אַלס גוטער מיטשמועסער און אינטערעסאַנטער דערציילער, טראָץ זיין שווערער אויסשפּראַך. ער האָט אויך געקאָנט פריי איבערגיין פון איין טעמע צו דער אַנדערער. ער האָט געהאַט אַ גוטן זכרון און געקאָנט פון אויסנווייניק ציטירן פּושקינען, טשעכאָוון, אָדער דאָסטאָיעווסקין, אָדער זיך באַגייסטערן מיט אַ שיינעם געדאַנק פון לאַסאַל, אָדער העגעל.

ער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער אַטעיסט און זיין „אַני־מאמין" איז געווען די מאַרקסיסטישע דיאַלעקטיק, וועלכע ער האָט נישט באַטראַכט סתם ווי אַ פּאָליטישע דאָגמע, נאָר זיך אין איר געגריבלט, צוגעגעבן זיין פּערזענלעכן פּירוש, און אין איר געזוכט אַ תּיקון פאַר דער סאָציאַלער אויסלייזונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

ער איז געווען גראַדליניק אין זיין אַרט טראַכטן און אַזוי אויך זיינע האַנדלונגען. ער האָט גערעדט באַזאַכט און נאָכגעטראַכט, אויסמיידנדיק אַן איבערפלוס פון ווערטער.

אַ צווייטע אייגנשאַפט זיינע איז געווען התבודדות אויפן שויס פון דער נאַטור. זומערצייט פלעגט ער שעהנלאַנג אָפּליגן ביים ברעג פון טייך.

אַן אַנדערער כאַראַקטער־שטריך צו זיין פּאָרטרעט און אַן אַנאַכראָניזם צו זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען — איז געווען דער פאַקט, וואָס נישט האָבנדיק קיין פאַך, האָט ער נישט געקאָנט קריגן קיין באַשעפטיקונג אין אינדוסטריעלאָזן לאָוויטש, צוגעפּאַסט צו זיינע קענטעניש. ער האָט דעריבער געהאַנדלט מיט אַלטוואַרג. אין דער היגזיכט איז ער געווען זייער אָפּגעהיטן און ממש אייגנאַרטיק. ער האָט קיינמאָל קיינעם נישט אָפּגענאַרט און שטרענג זיך געהאַלטן ביי זיינע פּרינציפּן. ער האָט קיינמאָל נישט איינגעקויפט אָדער פאַרקויפט חפצים אויף לאַגער, נאָר אין אַזאַ קוואַנטום, וואָס ער האָט געקאָנט טראָגן אין זיינע הענט אָדער אין אַ זעקל אויף זיינע פּלייצעס. ווען זיין פאַרדינסט האָט געקלעקט אויף זיין באַשיידענעם טעגלעכן מאָלצייט, איז ער אַוועק אין זיין אָפּגעקליבענעם רעסטאָראַן, ווו ער האָט געגעסן זיין מאָלצייט. די איבעריקע צייט האָט ער געווידמעט אויף צו לייענען אָדער צוגרייטן זיינע פּאָליטישע לעקציעס.

יאָרנלאַנג איז ער פאַרפאָלגט געוואָרן דורך דער פּוילישער „דעפענסיווע". מ'האָט אים פיל מאָל פאַרהאַלטן, געפּאַרשט און שטענדיק באַפרייט. יעקב שיינבערג האָט זיך ביי אַזעלכע פּאָליצייאישע פאַרהערן געהאַלטן פעסט און מוטיק.

אין פּרט פון קליידונג איז ער געווען אָריגינעל. אפילו אין ווינטער איז ער געגאַנגען אָן אַ הוט, אָדער שווערן אויבער־מלבוש. אין שווערע ווינטער־טעג פלעגט ער בלויז אַרומבינדן דעם האַלדז מיט אַ גרויען, אַלטן שאַליק.

יעקב שיינבערג האָט שפּעט חתונה געהאַט. דאָס איז געשען אין די שפּעט־פערציקער יאָרן, אין סאָוויעטנפאַרבאַנד, וווּהין ער האָט זיך געהאַט געראַטעוועט פון די נאַציס, ערב דער רעפּאַטריאַציע קיין פּוילן, — האָט ער זיך פאַרבונדן מיט אַ בת־עיר, אַ לערערין, אויך אַ פּליטה.

אַן אַנדערער פּאָזיטיווער שטריך פון זיין כאַראַקטער איז געווען זיין געזונטער חוש פון קאָנען אָפּטיילן פאַלשקייט פון אמת. אַזוי גוט, ווי ער האָט זיך געקאָנט באַגייסטערן פון אַן אידעע, אַזוי האָט ער געקאָנט אויף אַן אומקאָרומפּירטן אופן אַרויסווייזן ווידערשפּעניקייט און אַנטוישונג, צו אויסקרומקייטן, פון וועלכן צד זיי זאָלן נאָר נישט קומען. ער איז ווייט געווען פון צביעות און האָט אָפן געטאַדלט דערשיינונגען, וואָס ער האָט געהאַלטן, אַז זיי שעדיקן דעם אַלגעמיינעם אידעאַל. דאָס לעצטע איז צום בולטסטן געקומען צום אויסדרוק נאָך זיין אַריבערקומען קיין רוסלאַנד. דאָס איז געווען די שווערסטע תּקופה אין זיין לעבן. די דערפאַרונגען, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, האָבן אים פיזיש און מאָראַליש צעבראָכן.

אין נאָוועמבער, 1939, האָט זיך יעקב שיינבערג געראַטעוועט מיטן שטראָם פּליטים אין סאָוויעטנפאַרבאַנד. ווען די נאַציס האָבן אַטאַקירט, איז ער אַוועק טיף אין סאָוויעטנפאַרבאַנד, און איז אַ צייט געווען אין אוראַל, ווו ער האָט געאַרבעט אין די קוילן־שאַכטן. דערנאָך איז ער מגולגל־געוואָרן אין קירגיזיע און האָט דאָרט געאַרבעט אין אַ צוקער־פאַבריק. זיין געזונט־צושטאַנד איז דעמאָלט ווייט נישט געווען קיין גוטער, און ער אַליין — שוין נישט יונג. ער איז געווען טעטיק אין „פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן".

זיבן יאָר צייט איז יעקב שיינבערג געווען אין סאָוויעטנפאַרבאַנד. קיין פּוילן איז ער געקומען דעם 3־טן יוני 1946, מיט דער אַלגעמיינער רעפּאַטריאַציע. ער האָט זיך באַזעצט מיט זיין חברטע אין שטשעטשין, אַרבעטנדיק אַלס שלאָסער־הידראַוליק. דאָ איז ער ווידער געווען טעטיק אין פּ.פּ.ר. (שפּעטער פּזפּר) ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן. אין דער צייט פון זיין באַזעצן זיך אין שטשעטשין, איז ער געווען לאַווניק אין געריכט און מיטגליד פון יידישן קולטור־פאַרבאַנד. ער איז דאָרט געשטאָרבן אין 1955.

נאָכן טויט איז ער אויסגעצייכנט געוואָרן מיטן מעדאַל פון „10 יאָר פאָלקס־פּוילן".

משולם לעווין (פּאַריז)

ר׳ שלמה־אהרן שטיפּט

אַן אייגנאַרטיקע געשטאַלט פון אַ לעגענדאַרן יידישן מוזיקער

גערוידמעט דעם הייליקן אָנדענק פון
מיין אומגעקומענער משפחה אין פוילן

צווישן די פיל געשטאַלטן פון יידישע מוזיקער פון אַמאָליקן פוילן, שטעלט מיט זיך ר׳ שלמה אהרן שטיפּט פאָר איינע פון די אייגנאַרטיקסטע פון זיי, אין וועלכער עס איז אַזוי האַרמאָניש געווען פאַרקערפּערט דער קינסטלער און ייד, אין זיין פּויליש־יידישער טראַדיציאָנעלער פּראַכט.



שלמה־אהרן שטיפּט ז״ל

שלמה אהרן שטיפּט איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1844 אין לאָוויטש. זיין פאָטער ר׳ שמואל דוד, האָט געשטאַמט פון קאָליש און געהאָט אין לאָוויטש אַ גראַ־ ווירערײַ. דאָס דאָזיקע פאַך איז זינט אייניקע דורות איבערגעגאַנגען אין דער משפחה פון קינד צו קינד.

זיין זיידע, ר׳ פּרץ שטיפּט, האָט נאָך פאַר נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן אויסגעקריצט אַ חתימה בעת זיין אויפהאַלט אין לאָוויטש אויפן וועג קיין מאָסקווע. זיין עלטער־זיידע ר׳ אהרן זעליג, איז געווען חזן אין סאָכאַטשעוו.

פון דער מוטערס צד האָט ר׳ שלמה אהרן גערירשנט די פון דורות־לאַנגע איבערגעגאַנגענע מוזיקאָלישע טראַדיציע.

זיין מוטער שיינע לאה האָט אַליין גוט געשפּילט פידל. איר פאָטער ר׳ דוד הערש האָלאַנד, איז געווען אַ פאָרגעשריטענער און פאַרמעגלעכער ייד, אַן אייגנטימער פון אַ גרויס גאַלאַנטעריע־געשעפט אין לאָוויטש, ער האָט אָבער צוגלייך דאָרט אָנגעפירט מיט אַן אייגענער קאַפּעליע און געווען באַוווּסט אַלס אַ גרויסער פידל־שפּילער. ער האָט אויך פאַרפאַסט מערערע יידישע קאָמפּאָזיציעס.

פון אָט דעם זיידן באַקומט דער יונגער שלמה אהרן זיין ערשטן מוזיק־אונטעריכט, צו ערשט פלייט און שפּעטער פידל, אַרויסווייזנדיק ממש וווּנדער. שוין צו אַכט יאָר שפּילט ער ביים זיידן אין דער קאַפּעליע ווי אַ סאָליסט און ווערט באַוווּסט אַלס וווּנדער־קינד.

צו יענער צייט געוועלטיקט איבער רוסלאַנד און פוילן דער רשעותדיקער צאַר ניקאָלאַי דער ערשטער, וועלכער האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן אַ גזירה צו כאַפּן יונגע יידישע קינדער, כדי זיי אָפּצושמדן און זיי דערנאָך נעמען צו מיליטער, ווו זיי האָבן באַדאַרפן דינען 25 יאָר (די אַזוי גערופענע קאַנטאָניסטן).

די עלטערן פון יונגן שלמה אהרן באַהאַלטן אויס אַ לענגערע צייט דאָס קינד ביי זיך אינדערהיים. כדי אָבער אויסצומיידן די סכנה געכאַפּט צו ווערן ווי אַ קאַנטאָניסט, שיקן זיי אים אַהין צו דער מוטערס אַ ברודער מענדל האָלאַנד, וואָס האָט געוווינט אין פּלאָצק און געווען טעטיק ווי אַ מוזיק־דיריגענט און אָנפירער פון אַ גרויסער אייגענער קאַפּעליע. דאָס קינד ווערט אַזוי אַרום דערווייטערט פון דער היים, פון דער ריין יידישער סביבה און דערציאונג און פאַלט אַרונטער אונטער דער השפעה פון דעם האַלב אַסימילירטן פעטער, וועלכער פאַרנעמט זיך מיט זיין דערציאונג בכלל און זיין מוזיקאַלישער אויסבילדונג בפרט. ער נעמט אים אַריין אין זיין אָרקעסטער, פאַרפולקאָמט זיין פידל־שפּילן און לערנט אים אויך שפּילן אויף אַנדערע אינסטרומענטן, באַזונדערס אויף פלייט און קלאַרנעט. מענדל האָלאַנד מאַכט אָפטע טורנעען מיט זיין אָרקעסטער איבער די גרעסערע שטעט פון פוילן און דערווערבט זיך אַ גרויסן נאָמען. ער ווערט אָפט איינגעלאַדן מיט זיין אָרקעסטער צו דער רייכער פּוילישער אינטעליגענץ און שליאַכטע, וועלכע „פּאָסמאַקעווען“ זיך מיט זיין אַזוי האַרציק סענטימענטאַלן אויסשפּילן די ריין פּוילישע נאַציאָנאַלע און פאָלקסטימלעכע מעלאָדיעס.

הגם ער איז געווען אַ קולטיווירטער און פּראָגרעסיווער מוזיקער, האָט מענדל האָלאַנד מיט פיל פאַרשטענדעניש, ווי פאַר יענער צייט, און מיט ליבע זיך באַצויגן צו דער יידישער מוזיק־שאַפונג. פון זיין פאָטער דעם מוזיקער דוד הערש האָט ער איבערגענומען די רייכע, דורותדיקע ווערטן פון דעם ריין יידישן מוזיקאַלישן מעלאָס.

משולם לעווין

זיינע יידישע קאָמפּאָזיציעס זענען דערפאַר שאַפונגען פון אַ זעלטענער יידישער אייגנאַרט פון רעליגיעזער און פאָלקס־נגינה, וועלכע ער האָט אַזוי אמת מייסטערהאַפט געפורעמט און געבראַכט צום אויסדרוק.

דער יונגער שלמה אהרן פאַרבלייבט ביי זיין פעטער מענדל האָלאַנד עטלעכע יאָר, ביז ער ווערט דרייצן יאָר אַלט. ער פאָרט מיט אים אויף זיינע טורנעען, לערנט און באַרייכערט זיין מוזיקאַליש וויסן, אַריינזאַפּנדיק אין זיך אַלע יידישע מוזיק־שאַפונגען און ניגונים, וועלכע דער פעטער האָט אַזוי מייסטערהאַפט אויסגעשפּילט. ער לערנט מיט אַ באַזונדערער התמדה, ליבע און פּיעטעט די קאָמפּאָזיציעס פון אָט דעם פעטער זיינעם, וועלכן ער האָט ממש פאַרגעטערט. דעריבער, כאָטש ער איז שפּעטער אַוועק אין אַ גויאישער וועלט, איז ער אָבער קיינמאָל נישט אַוועק פון די קוואַלן פון וועלכע ער האָט געטרונקען אין די יוגנט־יאָרן. אין

די טיפענישן פון זיין נשמה זענען פאַרבליבן אויף שטענדיק די זאַפטן פון יידישן מוזיק־אוצר.

אויף די טורנעען מיט זיין פעטער קומט ער אין קאָנטאַקט מיט באַקאַנטע מוזיקערס, פון וועלכע ער לערנט און דערגענצט זיין מוזיקאַלישע אויסבילדונג. איינער פון זיי דערמעגלעכט אים דעם אַריינטריט אין וואַרשעווער אָפּערע־אָרקעסטער, וווּ ער שפּילט מיט שטייגנדיקן דערפאָלג. שפּעטער שאַפט ער אַן אייגענע קאַפּעליע, וועלכע באַקומט ביסלעכווייז אַ נאָמען אין דער נישט־יידישער מוזיקאַלישער וועלט. ער שפּילט אָפט אין די רוסישע מיליטערישע קרייזן, און ווערט באַוווּנדערט ווי אַ יונגער מוזיקער און דיריגענט.

איינמאָל נאָך אַזאַ אַרויסטריט, וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס בייפאַל, ווערט ער פעליציטירט פון אַ פּאָלקאָווניק, וואָס האָט גראָד בייגעוווינט דעם קאָנצערט. ער באַקומט פון אים ווי אַן אויסדרוק פון אָנערקענונג, אַ מתנה אַ טייערע פידל (שטיינערט* און לייגט העלמער, אַן אָפּשטאַמיקער פון לאָוויטש.

אים גלייכצייטיק פאַר איבערצונעמען די לייטונג פון זיין מיליטערישן אָרקעסטער. אַזוי אַרום ווערט דער יונגער שלמה אהרן אין עלטער פון אַכצן יאָר, מיליטערישער מוזיק־דיריגענט.

אַ יאָר שפּעטער האָט ער חתונה, אָבער צוויי יאָר נאָך דער חתונה שטאַרבט אים די פרוי, איבערלאָזנדיק אַ טעכטערל פון אַ יאָר.

צו יענער צייט איז ער מיליטערישער קאַפּעלמייסטער פון סקערניעוויצער גאַרניזאָן.

איבער רוסלאַנד און פוילן הערשט דעמאָלט דער „ליבעראַלער" אַלעקסאַנדער דער צווייטער. דער זעלבער וואָס האָט איינגעפירט אין רוסלאַנד אַ ביסל ליבעראַלע רעפאָרמען און אין פוילן אָפּגעשאַפט די „פּאַנשטשיזנע" פון פויערים, אָבער צום סוף דערהרגעט געוואָרן.

אין סקערניעוויץ האָט דער צאַר געהאַט זיינס אַ רעזידענץ־פּאַלאַץ, וווּ ער איז איינגעשטאַנען ווען ער איז געווען אויף באַזוך אין פוילן. אין יענער צייט, ווען שלמה אהרן איז געווען קאַפּעל־מייסטער אין סקערניעוויצער גאַרניזאָן, קומט דער צאַר אויף אַ באַזוך קיין פוילן און האַלט זיך אויף אין זיין רעזידענץ־פּאַלאַץ אין סקערניעוויץ. עס ווערט פאַר אים איינגעאָרדנט אַ גרויסער גאַלאַ־קאָנצערט, וווּ שלמה אהרן פירט אויס אויף אַ קלאַרנעט אַ סאָלאָ פון דער אָפּערע „זשיזן זאַ צאַריאַ" (לעבן פאַרן צאַר) פון גלינקאַ. פאַר זיין גלענצנדיקער אויספירונג באַקומט ער פון צאַר אַ גאָלדענעם מעדאַל. די דאָזיקע געשעעניש האָט דעמאָלט געמאַכט אַ גרויסן רושם. און מיט שטאָלץ און באַוווּנדערונג פלעגן יידן כסדר דערציילן וועגן גרויסן יידישן קאַפּעלמייסטער, וואָס האָט באַקומען אַזאַ גרויסע אויסצייכענונג פון צאַר. און אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען שלמה אהרן איז געוואָרן אַ „תהילים־ייד", פלעגט זיך וועגן אָט דער געשעעניש ווערן גאַנצע לעגענדעס: „ר' שלמה אהרן, וואָס האָט געשפּילט פאַרן רוסישן קייזער און באַקומען אַ גאָלדענעם מעדאַל".

ער האָט דעמאָלט געקאָנט שטייגן וואָס אַמאָל העכער און מאַכן אַ גרויסע קאַריערע, אָבער ווי אַ ייד האָט ער נאָר באַקומען אַ העכערע מיליטערישע ראַנגע און אַ גרעסערן געהאַלט.

מיט אַ צייט שפּעטער טראָגט זיך שלמה אהרנס רעגימענט אַריבער קיין סאָכאַטשעוו, וווּ ער איז ווידער טעטיק ווי אַ מיליטערישער קאַפּעלמייסטער. דאָ קומט פאָר אין זיין לעבן אַ גרויס געשעעניש, וואָס ברענגט צו אַ ראַדיקאַלער ענדערונג, נישט נאָר אין זיין גייסטיק לעבן בכלל, נאָר גאַנץ באַזונדערס אין זיין אויסלעבן זיך ווי אַ מוזיקער.

אין אַ געוויסן טאָג קומט ער אַריין אין אַ יידיש מאַנופאַקטור־געשעפט איינצוקויפן פאַר זיך סחורה אויף מלבושים. ער ווערט באַדינט פון אַ יונג, שיין מיידל, די טאָכטער פון געשעפט־אייגנטימער משולם ריטערבאַנד, אַן אייניקל פון משולם ווילנער, דעם ווילנער גאונס אַן איידעם. דאָס באַחנטע מיידל מאַכט אויף אים אַ טיפן איינדרוק הן מיט איר אויסערלעכן אויסזען, הן מיט איר גוטער האַלטונג און אינטעליגענץ. זי רעדט פּערפעקט נישט נאָר פּויליש, נאָר אויך רוסיש, וואָס איז אין יענער צייט געווען אַ זעלטנהייט אין באַלעבאַטישע יידישע הייזער פון די קליינע פּויל־לישע פּראָווינץ־שטעטלעך.

ער פאַרליבט זיך אין איר, ווערט צוליב דעם אַן אָפטער אַריינגייער אין דעם מאַנופאַקטור־געשעפט, און דערקלערט זיך אין ליבע דער שיינער פאַרקויפערין. דער פאָטער פונעם מיידל, וואָס איז זייער אַ פרומער ייד, האָט נישט מיט גרויס חשק אויפגענומען דאָס שדכנען זיך פון דעם „גויאישן קאַפּעלמייסטער" צו זיין טאָכטער, וואָס איז אויך געווען שטאַרק פרום.

דער פאַרליבטער מוזיקער לאָזט זיך אָבער נישט אָפּפּאַרטיקן מיט קיין שום תירוצים, ער גיט אַ הייליקן צוזאָג צו פירן אַ כשר יידיש הויז, און די חתונה ווערט געפראַוועט מיט גרויס פּאָמפּע.

אונטער דער השפעה פון זיין געליבטער פרוי ווערט ער וואָס אַמאָל מער דערנענטערט און צוגעבונדן צום טראַדיציאָנעלן יידישן שטייגער־לעבן. ער נעמט זיך צו אַ מלמד, וועלכער לערנט מיט אים חומש, רש"י, תנ"ך, משניות ווי אויך שולחן ערוך.

דאָס פאַרנעמען דעם אַמט פון קאַפּעלמייסטער הויבט אָבער אָן ביי אים ווערן אַ שטערונג צו זיין רעליגיעז־יידיש אויסלעבן זיך.

נאָכדעם ווי ער ווערט געשיקט אויף זיין אַמט קיין לאָוויטש, עפנט ער אויף פאַר זיין פרוי אַ מאַנופאַקטור־געשעפט און ער פאַרנעמט זיך ווייטער מיט זיין מוזיקאַלישער פּראָפעסיע.

✶

אין יענער צייט האָבן יידן אין לאָוויטש נישט געטאָרט וווינען אויף דעם הויפּט־פּלאַץ פון דער שטאָט — אויף דעם אַלטן מאַרק. דער איינציקער ייד, וואָס האָט געהאַט די פּריווילעגיע דאָרט צו וווינען, איז געווען דער ראש הקהל ה' מאַרגולעס.

און עס פּאַסירט דעמאָלט אַזוינס, וואָס האָט געבראַכט אַ טיפן איבערברוך אין זיין מוזיקאַלישער טעטיקייט: ביים אַלטן מאַרק האָט זיך געפונען אַ שטאָטישער קליינער פּאַרק, וועלכן מ'האָט גערופן „דער לוסט־גאָרטן". אין אָט דעם גאָרטן פלעגן פון צייט צו צייט, באַזונדערס זומער, פאָרקומען קאָנצערטן, אויסגעפירט פון מיליטערישן אָרקעסטער. בשעת שלמה אהרן איז געווען מיליטערישער קאַפּעלמייסטער אין לאָוויטש, פלעגן די קאָנצערטן פאָרקומען אונטער זיין לייטונג.

עס איז געווען פרייטיק פאַרנאַכט, דער קאָנצערט אין פולן גאַנג, און האַלטנדיק אַזוי אין מיטן דיריגירן, באַמערקט שלמה אהרן, אַז עס ברענען שוין די שבת־ליכט ביים דאָזאָר מאַרגולעס,

* די דאָזיקע פידל געפינט זיך אין באַזיץ פון אַן אַמעריקאַנער ייד,

וועמענס פענצטער האָבן זיך געפונען אַנטקעגן דעם „לוסט־גאָרטן“. ער ווערט זייער אומרויִק, לאָזט דעם קאָנצערט נישט פאַרענדיקט, אַנטשולדיקט זיך, פאַרלאָזט די עסטראַדע און לויפט גיך אַהיים מקבל שבת זיין.

מען קאָן זיך שוין פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ שטורעם דאָס האָט אַרויסגערופן ביים גאַנצן אָרקעסטער־אַנסאַמבל און גאַנץ באַזונ־דערס ביי די מיליטער־לייט, וואָס האָבן בייגעוווינט דעם קאָנצערט.

געקומען אַהיים, גרייט זיך שנעל שלמה אהרן שטיפט צו קבלת־שבת און דערציילט גאָרנישט זיין פרוי וואָס ס'איז פאָר־געקומען. ערשט שבת־צו־נאַכטס דערציילט ער איר וואָס עס איז געשען און גרייט זי צו צו דעם, אַז ער וועט געוויס פאַרלירן זיין קאַפּעלמייסטער־פּאָסטן. ער נעמט זיך אָבער דערפון גאַנץ ווייניק איבער, ער באַרויִקט נאָר זיין פרוי און זאָגט איר צו, אַז דאָס וועט גאָרנישט שטערן זיין ווייטערדיקער מוזיקאַלישער טעטיקייט. ער וויל זיין פריי, כדי צו קענען אָפּהיטן דאָס יידישקייט און וויל בעסער מוותר זיין אויף דעם הויכן פּאָסטן איידער חלילה מחלל שבת זיין.

מאָנטיק ווערט ער גערופן צום ראַפּאָרט פאַרן פּולקאָווניק, וועלכער מאַכט אים גרויסע פאָרוואורפן פאַר זיין האַנדלונג: ווי דערשטוינט איז ער אָבער געוואָרן, ווען טראָץ דעם אַלעם, ווערט ער דאָך נישט דערווייטערט פון זיין אַמט, וועלכן ער האָט שוין געהאַלטן פאַר אויפגעגעבן.

פאַרקערט, זייענדיק שטאַרק באַליבט און געשעצט ווי אַן אומדערזעצבאַרער קאַפּעלמייסטער, מוזן זיי אים ווייטער לאָזן אויפן פּאָסטן און מוזן אויך אַנטקעגנקומען זיין בקשה צו באַפרייען אים פון פרייטיק־צו־נאַכטס ביז שבת פאַרנאַכט, כדי אים צו דער־מעגלעכן אויסצופירן זיינע רעליגיעזע פליכטן. נישט געקוקט אויף אַזאַ פריווילעגיע, הויבט דעם פרומגעוואָרענעם מוזיקער די גויִשע סביבה אָן צו ווערן אומבאַקוועם: ביז ער באַשליסט דעפיניטיוו צו פאַרלאָזן דעם אַזוי בכבודיקן, חשובן און לאַנגיאָריקן אַמט פון אַ דיריגענט פון אַ מיליטערישן אָרקעסטער. די סיבה דערפון איז געווען די בהדרגהדיקע מעטאַמאָרפאָזע, וואָס איז פאָרגעקומען אין זיין נשמה. דערנענטערנדיק זיך צו דער ריין־יידישער סביבה און איר לעבנס־שטייגער, ווערן ביי אים די רעליגיעזע געבאָטן און מנהגים נאָענט און ליב. אַ שטאַרקע השפעה האָט אויף אים געהאַט אין דעם פרט זיין פרוי, „די אמתע אשת־חיל“, וואָס איז געווען פרום און דערביי אויך זייער איידל, קלוג און אינטעליגענט. זי פירט דאָס מאַנופאַקטור־געשעפט, וואָס אַנטוויקלט זיך זייער גוט און ווערט די גרעסטע אונטערנעמונג פון דעם מין אין דער גאַנצער געגנט. מען רופט זי „די קאַפּעלאַנטקע“, צוליבן באַרוף פון איר מאַן. שפּעטער ווערט די פירמע באַוווּסט ביי אַלע, באַזונ־דערס ביי נישט־יידן, ביי פּויערים, מיטן נאָמען „קאַפּעלאַנטקאַ“.

נאָכדעם ווי שלמה אהרן פאַרלאָזט זיין אַמט ווי אַ מיליטע־רישער קאַפּעלמייסטער, פאַרלאָזט ער אָבער נישט זיין פּראָפעסיע ווי אַ מוזיקער. ער אָרגאַניזירט אויף זיין אייגענער האַנט אַן אָרקעסטער א. נ. „קאַפּעלאַ“, וועלכער דערוואָרבט זיך אין קורצן אַ נאָמען און ווערט באַרימט אין דער גאַנצער אַרומיקער געגנט. ער גאַסטראָלירט מיט זיין אָרקעסטער אין פאַרשידענע שטעט.

פיל באַקאַנטע מוזיקער, יידישע און נישט־יידישע, קומען אָפּ צו אים אויף אַ באַזוך און אונטערהאַלטן זיך מיט אים אין הלכות מוזיק. אַן אָפטער גאַסט איז ביי אים דער דעמאָלטיקער פּאָפּולערער פּוילישער פידל־ווירטואָז באַרצעוויטש, שפּעטערדיקער דירעקטאָר פון דער וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע, וועלכער האָט פאַר אים גרויס דרך־ארץ, אָנרופנדיק אים „דער יידישער פּאַגאַניני“.

אינאיינעם מיט זיין גייסטיקן איבערברוך, קומט ביי שלמה אהרן שטיפטן פאָר אַן איבערבייט אין גאַנצן מהות פון זיין מוזי־קאַלישער שעפערישקייט: דער קאָנטאַקט מיטן יידישן פאָלקס־מענטש, מיטן חסיד אָדער מתנגד, דאָס באַהעפטן זיך מיט די יידישע און רעליגיעזע פאָלקס־טראַדיציעס, צו וועלכע ער באַציט זיך מיט טיפסטער פּיעטעט און ליבע, באַווירקן אויך די יידישע סטרונע פון זיין מוזיקאַלישער נשמה.

דאָס אַלץ דערוועקט און ברענגט צום אויסדרוק די אין אים טיף פאַרוואָרצלטע מאָטיוון פון ריין יידישן שטייגער, וועלכע ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט אין דער טיפסטער יוגנט און וועלכע זענען שפּעטער דערגענצט געוואָרן דורך זיין לערער און מדריך, זיין פעטער מענדל האָלאַנד.

שלמה אהרן איז שוין דעמאָלט אַ פאַמיליע־פאָטער פון דריי קינדער. פון דער ערשטער פרוי אַ טאָכטער, און פון דער צווייטער, זיין „אשת חיל“ — אַ טאָכטער און אַ זון. אַ הייסער, צאַרטער און איבערגעגעבענער פאָטער און אייביק פאַרליבטער אין זיין פרוי, געפינט ער אין זיין פאַמיליע־קרייז די זעלישע גלייכגעוויכט פון זיין טאָג־טעגלעכער און קינסטלערישער טעטיקייט. דער יידי־שער גייסט האָט שוין דעמאָלט געהאַט שטאַרק עוואָלואירט אין זיין פּריוואַטן לעבן, ווי אויך אין זיין מוזיקאַלישער טעטיקייט.

אַ קינד ווערט ביי אים צו יענער צייט זייער קראַנק. דער הייסער און איבערגעגעבענער פאָטער איז פאַרצווייפלט, נישט זעענדיק קיין ממשותדיקע הילף פון די דאָקטוירים. מען ווייזט אים אָן אויפן דעמאָלטיקן צדיק הדור, דעם גאָסטענינער רבי ז״ל, צו וועלכן ער ווענדעט זיך נאָך רעטונג פאַר זיין שטערבלעך קראַנק קינד. דער נאָמען שלמה אהרן איז דעם רבין נישט געווען פרעמד. ער האָט געהערט פון זיינע חסידים דערציילן וועגן די הימלישע און „מאַראַלישע“ מעלאָדיעס, וועלכע עס שפּילט אויס דער גרויסער לאָוויטשער מוזיקער שלמה אהרן.

ער נעמט אים זייער האַרציק אויף, גיט אים אַ ברכה און פאַרלאַנגט פון אים, אַז ער זאָל פון איצט אָן אָפּגעבן זיין געטלעכן טאַלאַנט נאָר פאַר יידן און גאַנץ באַזונדערס משמח זיין חתן־כלה; ווערן אַ גאַנצער ייד און זאָגן יעדן טאָג אַ יום תהילים.

דער באַזוך ביים גאָסטענינער רבין האָט אויף אים געמאַכט אַ טיפן איינדרוק און אַרויסגערופן אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין זיין גייסטיקן לעבן. ער פירט אויס בשלימות די ווונטשן פון רבין און גייט נאָך ווייטער: ער וואַרפט פון זיך אַראָפּ די קורצע „גוי־אישע קליידער“, און טוט זיך אָן אַ לאַנגע קאַפּאָטע. אַ חוץ דעם וואָס ער ווערט אַ שטרענגער אָפּהיטער פון אַלע יידישע געבאָטן און מנהגים, ווערט דער תהילים ביי אים דאָס טאָג־טעגלעכע געבעט און געזאַנג. מיט אַ טיף־רעליגיעזער פּיעטעט און ליבע ציט ער זיין גייסטיקע יניקה פון די קוואַלן פון דער יידישער רעליגיעזער פּאָעזיע, וועלכע ער געפינט אין תהילים און וועלכע ווערט ביי אים אַ סימבאָל און האַרמאָנישער סינטעז פון זיין לויטערער יידישער נשמה, פון זיין קינסטלערישער נשמה, פון

זיין מוזיקאַלישער אייגנאַרטיקייט. פון אָט זיין תהילים וועט ער זיך מער נישט שיידן ביז צו זיין לעצטן אָטעם־צוג *.

נאָכדעם ווי דאָס קינד ווערט פולשטענדיק געזונט, ווערט זיין גלויבן אין דעם רבין דערהויבן פשוט צו אַ קולט. די יידישע רעליגיעזע געבאָטן און מנהגים, און בכלל אַלע יידישע טראַדיציעס, ווערן אַ באַשטאַנדטייל פון זיין גייסטיקן לעבן, וועלכע ער היט אָפּ מיט דער גרעסטער שטרענגקייט.

טראָץ זיין גרויסן קולט פאַר דעם רבין און זיין טיפן דרך־ארץ און אינטערעס פאַר חסידות, מיט וועלכן ער הויבט זיך אָן ספּעציעל צו אינטערעסירן, פאַרבלייבט ער אָבער דאָך אין זיין אויסערלעכער התנהגות אַ מתנגד. עס דערקלערט זיך מיט זיין גרויסן רעספּעקט און צוגעבונדנקייט צו זיינע נאָענטע פאַמיליע־טראַדיציעס (זיין פאָטער איז געווען אַ מתנגד). ער דאַוונט אין שול, נישט אין קלויז און ווערט אַ מיטגליד פון „חברה חומש". שפּעטער ווערט ער אַ מיטגרינדער פון דער „חברה משניות", וווּ ער לערנט יעדן אָוונט בין מנחה למעריב. מיט איין וואָרט: ער ווערט אַזוי ווי דער רבי האָט אים געהייסן — אַ גאַנצער ייד.

די מאָדערנע שטרעמונגען פון דער יידישער ליטעראַטור מיט איר קולטורעלן איינפלוס, זענען נאָך דעמאָלט גאַנץ ווייניק דערגאַנגען צו די לאָוויטשער יידן. דאָס גלייכן די העברעאישע השכלה־באַוועגונג, וועלכע האָט צו יענער צייט געווירקט אין די גרעסערע שטעט פון פּוילן, לאָזט אַ גאַנץ שוואַכן איינפלוס אין די קליינע שטעטלעך. און דעריבער האָט זי כמעט נישט געהאַט קיין שום ווירקונג אויף אים.

דערפאַר אָבער לאָזט אין אים טיפע שפּורן די חסידישע וועלט מיט איר רעליגיעז־מיסטישן, פאָלקסטימלעכן און פּאָעטיש־מעלאָדישן אונטערגרונט. זיין פּאָעטישע נשמה געפינט דאָ אַ תיקון. זיין גאַנץ מוזיקאַליש וועזן באַקומט אונטער אָט דער השפּעה אַ באַזונדערע געשטאַלטונג און זיין גאַנצער קונסט־שעפערישער מוזיקאַלישער כוח ווערט דעמאָלט געריכטעט צו די קוואַלן פון דער חסידישער און פאָלקס־נגינה.

טריי דעם צוזאָג צו זיין רבין, דעם גאָסטינינער צדיק, גיט ער זיך איבער מיט לייב און לעבן דער ריינער יידישער מוזיק. ער פאָרמירט אַ קאַפּעליע פון בלויז יידן, וועלכע ער לערנט און פאַרפולקאָמט אין זיין נייער ריכטונג. עס טויכן אויף אין זיין גייסטיקן הינטערגרונט די שאַפונגען פון זיין זיידן דוד הערש האָלאַנד און גאַנץ באַזונדערס די אים טייערע קאָמפּאָזיציעס פון זיין פעטער מענדל האָלאַנד *.

ער הערט זיך צו צו די חסידישע מאָטיוון, וועלכע ער נאָטירט, זאַמלט און באַאַרבעט אין זיין קונסט־גייסטיקער און מוזיקאַלישער לאַבאָראַטאָריע. די פּרימיטיווע מעלאָסן פון די רעליגעזע און פאָלקס־מעלאָדיעס פאַרוואַנדלען זיך אין זיין אויספירונג אין דערהויבענע קונסט־ווערק.

באַרייכערט מיט אַ גרויסן באַגאַזש פון אַזעלכע ריין יידישע מוזיקאַלישע שאַפונגען, באַווייזט זיך שלמה אהרן פאַרן יידישן עולם.

אויף אַלע יידישע שמחות און פייערונגען איז די דערשיינונג פון ר' שלמה אהרן מיט זיין קאַפּעליע די גרעסטע אַטראַקציע. מיט אַלע פיבערן פון זיין צאַרטער נשמה ברענגט ער אַרויס די פאַרבאַרגנסטע מעלאָדישע ניואַנסן פון די טיף־פאַרוואָרצלטע, דורות וואַנדערנדיקע כוואַליעס פון דער מוזיקאַלישער יידישער אייגנאַרטיקייט. ער באַהויכט זיי מיט זיינע גאָט־געבענטשטע, פילפאַרביקע און אייגנאַרטיקע מאָדולאַציעס און דערפירט זיינע אויסדרוק־קלאַנגען צו דער העכסטער מדרגה פון קינסטלערישער שלימות. ער באַצויבערט, שמידט צו זיך צו די צוהערער און פילט אָן זייערע הערצער מיט זעלישער פרוכט פון ריין יידיש־קינסטלערישער מוזיק־שאַפונג.

ווער נאָר עס האָט אים געהערט: אַ חסיד, צי אַ מתנגד, אַ פּראָסטער עמך־ייד, צי אַן אינטעליגענט, האָט זיך נישט געקענט מער באַפרייען פון דעם טיפן איינדרוק פון זיין פידל־קלאַנג, וואָס האָט ממש פאַרכישופט און אויף אייביק האָט געמוזט פאַרבלייבן אין זכרון פון זיינע צוהערערס די זעלטענע, אייגנאַרטיקע געשטאַלט פון דעם אַזוי לעגענדאַרן יידישן מוזיקער ר' שלמה אהרן שטיפט.

* אַ געדיכט פון לייב ביאַלער: „ר' שלמה אהרנס פידל האָט תהילים געזאָגט", אין דעם קאַפּיטל: „לאָוויטשער דיכטער".

* ביים מחבר געפינט זיך אַ גרויסער טייל פון די קאָמפּאָזיציעס פון מענדל האָלאַנד, פאַרנאָטירט אייגנהענטיק פון שלמה אהרן שטיפט.

ג. שאַיאַק

דער „פּאַלאַץ" פון די קבצנים...

יעדע יידישע קהילה, גרויס צי קליין, האָט איר ספּעציפישן הויף אָדער הויז, וווּ עס וווינען קאָמפּאַקט צענדליקער אָרעמע משפחות. און אָפט טרעפט, אַז אין אַזאַ הויז וווינען אויך עטלעכע באַמיטלטע משפחות און נישט בלויז קבצנים, און אַלע צוזאַמען שטעלן מיט זיך פאָר אַ באַזונדערע, קליינע געמיינדע.

אַזאַ איז אויך געווען די „רעפּובליק פון אביונים", וואָס איז געלעגן אין פאַרוואָרפענעם ווינקל אין עק שטאָט פון לאָוויטש.

צווישן די פיל צונעמען, האָט מען דאָס הויז אויך גערופן „שטשערבס הויז".

געווידמעט דעם אָנדענק פון דער יידישער אָרעמקייט אין לאָוויטש

דאָס הויז איז געשטאַנען אויפן סאַמע עק פּיעטרקאָווער גאַס, אָדער ווי מ'האָט זי שפּעטער גערופן ד"ר סטאַניסלאַווסקיעגאַ, וואָס איז געווען די גרענעץ פון אַלטן ישוב, וווּ יידן האָבן נאָך דער נייער באַזעצונג סוף 18־טן יאָרהונדערט געמעגט באַזיצן לאַנד און בויען אייגענע שטיבער.

די רעכטע וואַנט פון איין־שטאָקיקן הויז מיט די טיפּיש־אַלט־פּוילישע פענצטער און גזימסן, האָט אָנגעשפּאַרט אַן אַלטע שטיינערנע מויער פון אַ געוועזענער באַפּעסטיקונג. פון דאָנען

האָט זיך געצויגן אַ שטיק ליידיקער פּלאַץ, ווו עס איז געשטאַנען אַ געלבלעכער סעמי־ביזאַנטישער בנין פון אַן אַלטער צאַרישער קאַזאַרמע, וואָס איז אין די פּוילישע צייטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לערער־סעמינאַר.

אריבער דער גאַס פון הויז זענען, אין שאָטן פון ברייטע קאַשטאַנביימער, געשטאַנען צוויי נידעריקע הייזקעס און באַלד האָט די גאַס איבערגעשניטן אַ ברייטער וועג, וואָס האָט געפירט צו דער פאַרשטאָט בראַטקאָוויצע. און איבער דעם וועג אויף דער רעכטער זייט, האָט זיך געצויגן די פאַרזעצונג פון דער פּיעטרקאָווער גאַס, עטלעכע הייזער כּיס קלייטן, וואָס האָבן אָנגעשפּאַרט ביזן גרויסן פּאַרקן פון סטאַראָסטע, און דעם שאָסיי־אויפן וועג קיין לאָדזש.

„יטשערכס הויז” איז געשטאַנען מיטן פּנים צו דער הויפּטגאַס. דער אָפּגעשיילטער, עטוואָס בלוילעכער טינק, האָט געוויזן פאַרשידענע אַלטע פאַרבן־שיכטן, וואָס זענען מיט דער צייט פאַרבליאַקעט געוואָרן. פון רעכטס האָט אין הויז אַריין געפירט אַ שמאָלער קאָרידאָר מיט עטוואָס אויסגעקרומטע הילצערנע טרעפּ, צום ערשטן גאָרן, ווו עס האָבן געוווינט די „מיוחסים”, די מער באַמיטלטע איינוווינער, ווי קצבים און אַ קלייטניק. פון לינקס פון דער גאַס האָט אין הויז אַריין געפירט אַ ברייטער טויער, ווי אין אַן אַריינפיר־הויז. אינעווייניק אין הויף, פון רעכטס און לינקס, האָבן זיך געזען אַן אַ שיעור צוגעבויטע שטיבער און קעמערלעך, ווי אָנגעוואָרפן איינע אויף דער אַנדערער, מיט אויסגעקרומטע פענצטער־ראַמען און טירן און איבער זיי — לעכער פון בוידעמער.

דער הויף האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַן אָפּגעשלאָסענעם קאַסטן, נישט ברוקירט, מיט אַן אַ שיעור גריבער, וואָס זענען נאָך אַ רעגן אָנגעפולט געוואָרן מיט קאַלושעס וואַסער, אין וועלכע אָפּגעריסענע, באָרוועסע קינדער האָבן זיך פריילעך גע־שפּילט אויף זייערע געזעסן. אין שפּעטן האַרבסט, איז דער באָדן געוואָרן ליימיק־ווייך און עס איז געווען אַ סכנה דורכצוגיין אין דער ברייט פון הויף, כּדי נישט צו פאַרלירן אַ שוך אין דער בלאָטע.

אין סאַמע מיט פון הויף איז געשטאַנען אַ גרויסע שאָפּע, וואָס האָט געהערט צום באַלעבאָס, אין וועלכער ער האָט געהאַלטן זיין וואָגן און פאַרשידן ברוכוואַרג. אַרום דער חרובער שאָפּע מיט דער אויפגעבראָכענער טיר, זענען געשטאַנען אַנדערע וועגן פון די בעלי־עגלות. דאָ און דאָרט האָט זיך געוואַלגערט אַן אַלטער צעריסענער כאָמעט, דאָרט אַ צעבראָכענער דישעל אָדער אָרטשיק, אָדער אַ געלעכערטער טאָפּ.

רעכטס אין הויף, נישט ווייט פון דעם ברייטן אַריינפאַר־טויער, האָט זיך געפונען אַ ברונעם מיט אַ דריי־שטריק און אָנגעבונדענעם עמער. אַרום דעם ברונעם איז שטענדיק געשטאַנען אַ קאַלושע וואַסער און קליינוואַרג האָט דאָ שטענדיק אַרומגעמזיקט אין כלערליי שפּילעריי. שכנות האָבן, ביים אָנשעפּן אַן עמער וואַסער, צייט געהאַט צו מאָטלען און רעדן לשון־הרע...

דער מיש־מאַש פון די געדיכט־צוגעבויטע וווינונגען און דער־נעבנדיקע קאַמערן, האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ רעגנבויגן פון פאַרבן, מיט די פאַרלאַטעטע שינדל־דעכער, שטיקער שוואַרצער פּאַפּע און פאַרזשאַווערטער בלעך. און דאָ און דאָרט — אָנשטאָט שויבן, פאַרקלעפּט מיט פאַרגעלבטן צייטונגס־פּאַפּיר אָדער פאַר־קלעפּט מיט כלערליי ברעטלעך. די געלעכערטע דעכער זענען פאַרלייגט געווען מיט שטיקער פּאַפּע, זיי זאָלן אין אַ גאַס־רעגן נישט פאַרפּלייצט ווערן.

אין די דאָזיקע לעכער־שטיבער האָבן געוווינט בעלי־מלאכות, סאַדאָווניקעס, שמאַטע־הענדלער און סתם אביונים.

דאָס זענען געווען ערלעכע, אַרבעטזאַמע און גאָטפאָרכטיקע מענטשן. אין די דאָזיקע פאַרחושכטע שטיבער איז אויפגעקומען נישט איין געזונטער דור יידן, וועמענס זין, בעלי־מלאכות, זענען מיטגעריסן געוואָרן מיטן פאַרשריט פון דער צייט, געוואָרן באַ־וווּסטזיניקע אַרבעטער־טוער און געפירט אַ קאַמף פאַר אַ בעסער לעבן.

געציילטע פון זיי זענען שפּעטער אַרויס פון די אָרעמע היי־מען, אַוועק אין די גרויסע שטעט, געשמט אַלס ערשטקלאַסיקע פאַכלייט, אָדער אויסגעוואַנדערט מעבר־לים און מיט אַ ברייטער האַנט געשטיצט זייערע משפּחות אין דער היים.

אַט דער דאָזיקער הויף, די „רעפּובליק פון אביונים”, האָט זיך טאַקע געפּאַסט, אַז ער זאָל אויך זיין דער צענטער פון פאַר־שידענע שנאָרערס און מדינה־גייערס.

אין דאָזיקן הויף האָט זיך טאַקע געפונען אַ מין הכנסת־אורחים. און אין זכות פון אייגנטימער פון דאָזיקן אָריגינעלן הכנסת־אורחים, באַשרייבן מיר דעם הויף און זיינע איינוווינער.

גערופן האָט מען אים שלמה „יאַנעק”. דער צווייטער נאָמען, דער פאַרפּוילישטער, איז געווען אַ קאָרופּטירטער און אין סתירה צו דער אמתער געשטאַלט און מעשים־טובים פון נאָמען־טרעגער. ער איז געווען אַ בוכאַרער ייד, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט פון דער ווייטער בוכאַרע אין דער לאָוויטשער אָרעמקייט. ער איז געווען אַ קאַנטאָניסט, וואָס איז גאָר יונגערהייט אַוועקגעריסן געוואָרן פון זיין היים און זיינע עלטערן, וועלכע ער האָט קוים געדענקט, און געדינט אין דער צאַרישער אַרמיי. ער האָט זיך שפּעטער באַזעצט אין לאָוויטש און זיך צוגעטוליעט צו יידן, און זיך באַמיט צו טאָן מצוות.

ער איז געווען אַ הויכער, דאַרער ייד, מיט אויסגעצויגענע, לאַנגע הענט, אַ לענגלעך פּנים און געדרייטע פּיאות. אויף זיין שפּיציקער גאָמבע האָט ער געהאַט אַ שיטער קמץ־בערדל, און פון זיין ברוינלעך פאַרמעט־צעקנייטשטן פּנים, האָבן אַרויסגע־שטאַרצט שאַרפע קינבאַקן און אַ פּאָר שוואַרצע קאַלמיקישע אויגן.

זיין ווייב, אסתר־מלכּה, איז געווען דער היפוך פון אים. זי איז געווען אַ הויכע ברייט־צעוווירענע, באַלייבטע יידענע, וואָס האָט זיך געוויגט ביים גיין. זי איז געווען אַן עקרה, מיט אַ דיבור, ווי פון אַ ליידיקער פאַס און אַ מענה־לשון מיט קללות, וואָס זענען געווען אַן אוצר פאַרן יידישן פאָלקלאָר. דערביי איז זי ווייט נישט געווען קיין קמצנטע און ליב געהאַט צו טאָן אַ טובה.

זייער חיונה האָבן זיי געצויגן פון אַ סטראַגאַן אין נייעם מאַרק. זייער „שטעל” האָט זיך געפונען לינקס, אין עקסטן ווינקל, נישט ווייט פון פּלומפּ. „שלמה יאַנעק” פלעגט זיך איינשפּאַנען אין זיין קליין וועגעלע יעדן פאַרטאָגס און ברענגען פון אַ קאַ־מער אין שכנות פון מאַרק די גרויסע קערב מיט אויבסט און גרינצייג. און פאַרנאַכט פלעגט ער די סחורה צוריק אַוועקפירן אין דער קאַמער. עס איז זיך נאָר געווען צו וווּנדערן, ווי דער דאַרער בוכאַרער ייד האָט כּוח געהאַט צו שלעפּן ווי אַ פערד די שווערע משא.

אין יריד־טעג, ווען פון דער פרעמד פלעגן אָנקומען קיין לאָוויטש סוחרים מיט זייערע סטראַגאַנעס און כלערליי סחורות, און פאַרשטעלן דעם צוגאַנג צו זיין קראָם, פלעגן אויסברעכן מחלוקות, אָבער נאָכדעם, ווי דער ערשטער כעס פלעגט אַריבער, האָט ער זיך באַרואיקט, באַרואיקט זיין ווייב און נאָך געהאָלפן די פרעמדע מיטן אויפשטעלן זייערע בוידן און ברענגען אַ לעפל וואַרעמס.

שבת און יום־טוב האָט ער געדאַוונט אין פאָליש, אין דער גרויסער שול. זיין יידיש איז געווען אַ האַרטער, אַ צעצויגענער און די ווערטער זענען אַרויסגעקומען מאָנאָטאָן־צעזונגען ווי דורך דער נאָז. אָבער אין זיין הלבשה האָט ער שבת אויסגעזען ווי אַ חומש־ייד.

דערקעגן אין ווינטער, ווען ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שווערער וואַטאָווער בורקע, פאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק און אַ הויכן שוואַרצן באַראַנקאָווע הוט, האָט ער גיכער אויסגעזען אויף אַ מוזשיק.

פון זיין געלעגער האָט ער זיך געפּעדערט פאַרטאָג, גיך אָפּגעדאַוונט אין דער האַלב־פינצטערער קאַמער און גלייך אַוועק אָנשעפּן וואַסער אין ברונעם אינעם הויף. און נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי זענען נאָר געווען צוויי נפשות, האָט ער תמיד געברענגט עטלעכע עמער וואַסער, וואָס ער האָט אָנגעגאָסן אין אַ גרויסער פאַס, וואָס איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג פון זיין שטוב.

ביי דער אויסגעקרומטער טיר איז געשטאַנען אַ לייטערל, וואָס האָט געפירט צו אַ בוידעם־קעמערל, וואָס ער האָט אַליין צוגעבויט. דאָ טאַקע, האָט זיך געפונען דאָס „הכנסת אורחים", ווו עס האָבן געפונען אַ מקלט די מדינה־גייערס.

די מדינה־גייערס פלעגן איינער פון אַנדערן געוויר ווערן, ווו עס געפינט זיך אין לאָוויטש אַ מקלט. באַזונדערס פלעגט שלמה־יאַנעק אַוועק אין בית־המדרש און זיי אויפזוכן און אַוועקפירן צו זיך. אום ווינטער פלעגט ער אין זיין שטוב אויסשפּרייטן שטרוי אויף דער פּאָדלאָגע און מאַכן פאַר די אָרעמעלייט אַ געלעגער. אין זומער פלעגן זיי זיך אויפהאַלטן אין בוידעם־שטיבל.

אסתר־מלכה האָט געהאַט אַ גרויסן בלעכענעם טאָפּ, אין וועלכן זי האָט נאָכן אַהיימקומען פון מאַרק געקאָכט אַ גריץ מיט כלערליי ירקות, אָפטמאָל מיט מאַרך־ביינער און דאָס געגעבן עסן די מדינה־גייערס.

לא די, וואָס זיי האָבן פון די אָרעמעלייט קיין פרוטה נישט גענומען, האָבן זיי פון זיי נאָך געהאַט צרות, צוליב די אָפטע קריגערייען, וואָס זענען צווישן זיי אויסגעבראָכן, באַזונדערס פון די שכנים־אביונים, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן אַ ווידערווילן, וואָס אין זייער אָרעמען הויף זאָל זיך געפינען אַן אכסניה פאַר מדינה־גייערס.

שלמה־יאַנעק, דער בעל־צדקה, האָט אַלץ באהבה מקבל־געווען און נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן און דאָס אָפּשפּעטן פון אים, ווייטער געפירט זיין הכנסת־אורחים.

אַזוי איז דאָס לעבן אין דעם הויף געפלאָסן מיט זיין געוויינלעכן לויף, אויסער עמעץ איז מסוכן קראַנק געוואָרן, אָדער געשטאָרבן. דער הויף איז דעמאָלט געווען איין פאַראַבלטע משפּחה.

פייגל פלעגן דאָ קומען טשאַטשעסווייז גאָר נאָענט צו די טירן פון די אָרעמע שטיבער. זיי זענען געוואָרן אַזוי היימיש, אַז אָפּטמאָל פלעגן זיי אַריינקריכן דורך די טירן־שפּאַרונעס אָדער אויפגעבראָכענע פענצטער און זיך אָנקאָרמען מיט וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט אין די פאַרחושכטע שטיבער.

אין ווינטער, ווען דער הויף איז געלעגן פאַרגליווערט אונטער אַ ווייסן שניי־צודעק, פלעגן דאָ קומען שוואַרצע קראָען מיט אַ ווילד־פליגל־פּאַטשעריי פון גאָרטן איבערן פעלד. און זומער האָט דאָ געפּילדערט מיט קליינוואַרג, געקלאַפּ און געקלימפּער פון מכשירים, האַמער און אייזנס אויסגעמישט מיטן געשריי פון הונגעריקע קינדער־קולות און דאָס איבעררעדן זיך פון אָנגעברוגזטע שכנות.

די לאָקאַטאָרן פון גרויסן הויף האָבן זיך געטיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס:

די, וואָס האָבן געוווינט אין פראָנט, אין דעם געמויערטן איינשטאָקיקן הויז, האָבן געהערט צו די מער באַמיטלטע, ווי דער ביעלאַס, אַ הויכער ייד, מיט בלאָנדע באָרד און פיאות, אַ קצב; דער בעל־הבית פון הויז, אַ ייד פון בידעריקן וווּקס מיט אַ קורץ בערדל, וואָס איז געגאַנגען מיט סטאַטעטשנע טריט אין אַ גרינען ציצענעם כאַלאַטל; אין פאָדערשטן געוועלבל האָט געוווינט ישעיה שוסטער, אַ ייד פון מיטעלן וווּקס, אַ גלוח מיט אַ פרוי, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ טיפּישע ציגיינערין; דער צווייטער שוסטער אין שכנות האָט געהייסן „העקל", וועמענס אמתער נאָמען איז געווען חיים יוסף מעיער. ער איז אויך געווען אַ חברה־קדישא־מאַן און בעל־תפילה אין פּאָליש ביי די שוסטערס.

מאַרעל, דער רימער, איז געווען אַ הויכער פעסטער ייד, מיט אַ רונדיק פּנים און אַ געדיכט־שוואַרצער באָרד. זיינע הענט זענען תמיד געווען איינגעריסט פון לעדער און פאַרב. און זיין אָפּגעריבענער לעדערנער, קורצער פאַרטוך האָט אים צוגעגעבן דעם אויסזען פון אַ גיבור אויף דער אַרענע. זיין וואַרשטאַט האָט זיך געפונען נעבן זיין דירה אין עקסטן ווינקל פון הויף. פון דער קאַמער איז געגאַנגען אַ בייסיקער גערוך פון רויען לעדער, וואָס האָט זיך מיט שווערקייט געלייגט אויפן האַרץ מיט אַן איבלדיקייט. נישט ווייט פון אים האָט געוווינט דער שטומער טרעגער, אַ הויכער, ברייטפּלייציקער ייד, ווי אַן אַטלעט.

אויף רעכטס פון הויף, מיט אַן אויסגעקרימט הילצערן טרעפּל — דער פאַרבער קורלענדער, אַ געפּאַקט יידל מיט אַ ברייטער, גרויער באָרד, וואָס האָט דאָ פאַרבלאָנדזשעט פון באַלטישן לענדעלע קורלאַנד, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.

לינקס אויפן הויף, אַקעגנאיבער דער שאָפּע, האָט געוווינט דער „געלער הוק", אַ קורניק. זיין אמתער פאַמיליע־נאָמען איז געווען אברהם שלאָמאָוויטש; „קוקאַ יאַש" איז געווען אַ קליין, דאַר יידל, אַ דאָרפס־גייער און שמאַטע־הענדלער; נעבן אים האָט געוווינט דער קורניק פייפקע ראַנטשקע (מילעוויסקי); און באַלד, אַ טיר דערנעבן — יהודה סלאָבאָדזשינסקי — אַ טרעגער, אַ הויכער ייד מיט אַ געלבלעך שפּיציק בערדל. די אַנדערע איינוווינער זענען געווען: דער בעל־עגלה חיל־הענעך גאַוועָנדאַ מיטן דראַנגאָוון וואָגן, די דלובאַקס — אַ טרעגער מיט אַ גרויסער משפּחה, און אַנדערע, אַלע בעלי־מטופל מיט פיל קינדער. און צווישן זיי — שלמה יאַנעק, וואָס האָט אויף זיין בוידעם איינגעאָרדנט דאָס „הכנסת אורחים".

ווען מ׳האָט אין אַ פראָסטן וואָכנטאָג באַגעגנט די יידן, מיט זייערע פאַרצערטע, בלאַסע פּנימער, פאַרחושכטע פון דאגות־פּרנסה, וואָס האָבן זיי פריי געמאַכט פאַר זקנים, האָט פאַרקלעמט אונטערן האַרצן. דאָס זענען געווען גוטמוטיקע מענטשן, גרייט זיך מוסר־נפש צו זיין איינער פאַרן אַנדערן און גיין אויף קידוש השם, ווען חלילה אַ סכנה האָט באַדראָט דער יידישער גאַס.

דערפאַר אין אַ פרייטיק־צונאַכטס, זענען די פענצטערע, אָפּגעשיילטע ווענט פון די קאַמער־שטיבן אילומינירט געווען מיטן אָפּשיין פון די שבת־ליכט אין מעשענע לייכטער, אָדער אין טעפּ זאַמד, וואָס זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף די אָרעמע טישן, אויף וועלכע די באַלעבאַסטעס האָבן פאַרשפּרייט ווער אַ שטיקל טיישטוך און ווער אַ ווייס שטיק פּאַפּיר.

די ערדענע פּאָדלאָגעס זענען ריין אויסגעקערט געווען און אויסגעשיט געוואָרן מיט ווייסן זאַמד לכבוד שבת.

אין די שבתדיקע בגדים, האָבן די יידן פון הויף געקראָגן ווי אויסגעגלייכטע רוקנס, געגאַנגען מיט אַ בנעימותדיקן טריט אין שול אַריין אָדער אין אַ נאָענטן שטיבל. און זייערע פאַרחושכטע פּנימער האָבן איצט געשיינט. די יידן פון שטשערבס הויף, די אביונים, האָבן איצט אויסגעזען ווי שבת־פּרינצן.

אין אַ הייסן זומער־טאָג האָבן כמאַרעס פליגן דאָ געראַיעט אומגעשטערט אויף די בערגער מיסט און פון די אויפגעיוירענע זומפּן פון נישט־ברוקירטן הויף. אין אונט האָבן כמאַרעס גיפטיקע קאָמאַרעס זיך איינגעביסן אין לייב, און נישט געלאָזט שלאָפן אין די ענגע, שטיקנדיקע שטיבלעך. און פון פעלד, פון דער לאָנקע, וווּ עס האָט זיך געפונען אַ קליינער סטאַוו, נעבן דעם בית־הקברות פון די קריגס־געפאַלענע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט זיך געהערט דאָס אומאויפהערלעכע קוואַקען פון זשאַבעס.

✶

אין ווינטער האָט דער הויף אויסגעזען ווי אַ פאַרגליווערטער, צעטורעמטער באַרג, וואָס איז געלעגן אונטערן דעק פון אַ שניי־פּאַלערינע. אַ שניי־מאַנטל, וואָס האָט צוגעדעקט די חרפּה פון שרייענדיקן דלות פון די איינוווינער.

אפילו די ווענט פון די דאָזיקע שטיבער זענען באַדעקט געווען מיט אַן אָפּגלאַנץ פון פראָסט און די ערדענע פּאָדלאָגע — פאַרפרוירן. נישט איין איינוווינער איז געלעגן אונטער אַ קופּע שמאַטעס אין בעט, אָדער קינדער, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שיכלעך אויף די פיס, אָדער אַ ביסן ברויט און אַ לעפל וואַרעמס אין מויל. פון די אייזערנע קעכלעך האָט דאָס ביסל געהילץ שנעל אויסגעפלאַמט און פון קוימען האָט זיך קוים געזען אַ דין שנירל רויך.

דערפאַר האָט דער פראָסט מיט אַ רחבותדיקן פּענדזל געמאָלן צעוועבטע גרויסע פראָסט־בלומען אויף די איינצלנע, גאַנצע שויבן אין די פענצטער.

אין אַ גרויסער קרירה ביים זון־פאַרגאַנג, האָבן די גרויסע אייז־צאַפּנס אַרום די נידעריקע דעכער־זוימען פון די הייזקעס זיך אָנגעצונדן מיט אַ פיאָלעט־רויטלעכן שקיעה־ליכט, און האָבן זיך צעפינקלט ווי קרישטאָלענע קאַנדעליאַברעס מיט מיליאָנען פונקען־שפּריצן און אילומינירט דעם הויף פון די אביונים און אים ממש פאַרוואַנדלט אין אַ ווייסן שניי־פּאַלאַץ.

דאָס יונגוואַרג פון הויף, די וואָס זענען געגאַנגען אין דער פאָלקס־שול, וואָס האָט זיך געפונען אין הארץ פון יידישן קוואַרטאַל, האָבן מקנא געווען די קינדער פון אָט די גאַסן, וווּ זיי האָבן געוווינט אין באַקוועמערע און שענערע היימען. און ווען זיי פלעגן אַדורכגיין די דאָזיקע גאַסן, האָבן זיי געקוקט צו די פענצטער פון די יידישע שטיבער און געחלומט, אַז זיי וועלן אפשר אַמאָל אויך וווינען אין אַזעלכע גרויסאַרטיקע דירות...

זייער באַגער צו וווינען אין די דירות איז מקוים געוואָרן, אָבער ליידער אין העכסט טראַגישע אומשטענדן פאַר זיי, און פאַר אַלע יידן אין דער שטאָט.

דאָס איז געשען אין פרילינג, 1940, ווען אין לאָוויטש איז איינגעפירט געוואָרן דאָס געטאָ.

מ׳האָט זיי פון הויף, אין דער געגנט, וווּ עס איז אין די אַלטע צייטן געווען דער ערשטער יידישער קוואַרטאַל, מגרש־געווען און פאַרטריבן אין געטאָ אַריין אין צענטער פון דער שטאָט, פּונקט ווי אַנדערע יידן פון דער קריסטלעכער געגנט. איצט האָבן זיי געוווינט צוזאַמען, די קינדער פון שטשערבס הויז, מיט די קינדער פון די געוועלבניקעס און גבירים. אַלע זענען איצט געווען גלייך, צונויפגעדריקט אין ענגשאַפט, צו צוויי און דריי פאַמיליעס אין איין דירה, אַרומגעצוימט פון אַ געטאָ־מויער.

✶

נאָר צוויי־דריי פון די קינדער פון דאָזיקן הויף איז באַשערט געווען זיך אָפּצוראַטעווען פון היטלערס טויט־לאַגערן און כלערליי יסורים־וועגן. און ווען זיי האָבן זיך סוף 1945 אומגעקערט קיין לאָוויטש און אַוועק אויף קבר־אבות צו זייערע געוועזענע היימען, האָבן זיי דעם פּלאַץ נישט דערקענט.

דער פאָדערשטער מויער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ וויסטע חורבה, מיט אויסגעריסענע לאָדנס און טירן.

אין גרויסן הויף פון אינעווייניק, וווּ עס זענען אַמאָל געשטאַנען די צענדליקער דירות פון די אביונים, איז אַלץ געווען ווי אָפּגעווישט פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד און פון זיי איז קיין זכר נישט געבליבן, אַזוי ווי דאָ וואָלטן קיינמאָל קיין דירות נישט געשטאַנען און קיין מענטשן נישט געלעבט.

דער גאַנצער פּלאַץ איז געלעגן באַוואָקסן מיט הויכן ווילד־גראָז, אַזוי ווי אַ בית־הקברות...

ווייל גלייך, ווי די יידן זענען אַריינגעטריבן געוואָרן אין געטאָ, זענען דאָ אַהערגעקומען „גאָלדזוכער" און זיך געלאָזט איבערן לאַבירינט פון די אָרעמע יידישע שטיבער, זוכן באַהאַלטענע אוצרות. און ווען זיי האָבן גאָרנישט געפונען, האָבן זיי מיט נאָך גרעסערער רציחה צעהאַקט מיט העק און לאָמעס די ווענט, און צעגראָבן די ערדענע פּאָדלאָגעס. שפּעטער האָבן זיי דאָס געהילץ פאַרנוצט אויף פייער.

איצט שטייט דער דאָזיקער הויף פון די אביונים, פון וואַנען די יידן זענען אויף אייביק פאַרטריבן געוואָרן, ווי אַ וויסט שטיק פעלד, אַזוי ווי דאָ וואָלט קיינמאָל קיין לעבעדיקער ישוב נישט געווען, און יידן וואָלטן דאָ קיינמאָל נישט געלעבט.

דער פעלדשער מאוריצי קנאט

דערציילט פון הערשל בערקאָוויטש

די תמימותדיקע געשטאַלט פון מאַוריצי קנאט, טויכט תמיד אויף אין מיין זכרון, ווי נאָר איך קער זיך אום מיט דעראינערונגען צו מיינע פריעסטע יאָרן אין לאָוויטש. און נישט קיין וווּנדער. זיין הויז איז במשך 5 יאָר צייט געווען מיין צווייטע היים, אַ היים און אַ סביבה, וווּ עס האָט זיך אין אַ געוויסער מאָס געשטאַלטיקט מיין כאַראַקטער און מיין קוק אויף דעם לעבן.

פעלדשער מאוריצי קנאָט

15 יאָר בין איך אַלט געווען, ווען כ׳בין אָנגעקומען אַרבעטן אין זיין ראַזורע, נאָכן האָבן דורכגעמאַכט אַ קורצע לער ביי אַ צווייטן פריזיער.

דאָס איז געווען אין יאָר 1920. און כ׳בין ביי קנאטן געבליבן ביז 1925, און שפּעטער אָפּגעפאָרן קיין לאָדזש.

קנאטס ראזורע האָט געשמט אין שטאָט פאַר איינער פון די עלעגאַנטסטע און בעסט־איינגעאָרדנטע מיט מאָדערנע היגיענישע איינריכטונגען. דאָ פלעגן קומען די יידישע און נישט־יידישע אינטעליגענץ.

אין אונטערשטן טייל פון דער ראַזורע. וואָס האט געהאַט אַ באַזונדערן איינגאַנג פון עטוואָס טונקעלן טויער, האט זיך געפונען אַ גענוג גרויס צימער, וואָס האָט געדינט פאַר אַן אויפנעם־צימער פאַר פאַציענטן.

מיר איז אָנפאַרטרויט געוואָרן די אויפגאַבע צו פאַרשרייבן די נעמען און אַדרעסן פון געמאָלדענע קראַנקע, וועלכע דער פעלדשער האָט געדאַרפן גיין באַזוכן.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט פרוי קנאט אָפּגעצוימט מיט אַ באַזונדער וועגטל דעם גרויסן שטח פון געוועלב און זיך איינגעאָרדנט אַ פּערפומעריע־געשעפט, וואָס האט צוגעצויגן אַ גרויסע קליענטעלע.

דער „סטאַרשי פעלדשער״ קנאט איז געווען זייער פּאָפּולער אין שטאָט און אומגעגנט, ביי יידן און ביי קריסטן, ביי אָרעם און ביי רייך.

אַזוי האָט מען אים געקאָנט טרעפן דרעפּטשען מיט זיין אויסגעמאָסטענעם שווערן טראָט, איבער די פאַרוואָרפענע גאַסן און געסלעך פון דער שטאָט, אין זיין שוואַרצן מעלאָניק־הוט. און געזען האָט מען אים אין אַלע וועטערן פון יאָר. ער איז געגאַנגען מיט זיין קליינעם רענצל, אין וועלכן ער האָט געהאַלטן זיינע מעדיצינישע אינסטרומענטן און אין איין האַנט האָט ער געהאַט אַ שוואַרץ שטעקעלע, אָן וועלכן ער האָט זיך זעלטן געשיידט.

קנאט האָט געהיילט אַלע מינים שלאַפקייטן, אָנהויבנדיק פון אינפעקציעס, מאָגן־קראַנקהייטן, הויט־קראַנקהייטן, רייסן ציין וכו׳.

מאַוריצי קנאט איז געבוירן געוואָרן אין שכנותדיקן סאָכאַטשעוו. זיין פאָטער ר׳ לייבוש איז אויך געווען אַ סטאַרשע פעלדשער און דערביי געפירט אַ טראַדיציאָנעל יידיש הויז. שבת איז ביי אים שטענדיק די ראַזורע געווען געשלאָסן.

נאָכן ענדיקן די רוסישע פעלדשער־שול אין וואַרשע, האָט מאַוריצי חתונה־געהאַט און זיך באַזעצט אין לאָוויטש, וווּ ער האָט אָנגעהויבן זיין פּראַקטיק.

זיין פרוי האָט געשטאַמט פון קאָלאָ, פון אַן אַסימילירטער היים.

מ. ק. איז געווען פון העכערן וווּקס, אַ פולגופיקע געשטאַלט און גיכגאַוגען עטוואָס איינגעבויגן.

זיין הויכער שטערן האָט אויסגעזען נאָך העכער, צוליב זיין גלאַנציקן שאַרבן, וואָס איז געווען אַרומגעזוימט מיט שיטערע גרוי־בלאָנדע האָר.

זיין פעסטע, עטוואָס לענגלעכע נאָז, האָט זיך שאַרף אויסגעטיילט פון זיין לענגלעך בלאַס פּנים מיט די בלויע, דורכזיכטיקע אויגן און קורץ קמיץ־בערדעלע אין דער ברייטער גאָמבע.

ק. האָט גערעדט געלאַסן, מיט אַ דיקלעכער שטימע, ווי צעקייענדיק יעדעס וואָרט, ווען ער האָט גערעדט יידיש צו אַ חולה און אים אויפגעקלערט ווי ער דאַרף זיך נוהג־זיין בעת דער קראַנקהייט, אָדער נעמען אַ רפואה. ער האָט קיינעם נישט געדוצט און גערעדט אין דער דריטער פּערזאָן.

הערשל בערקאָוויטש (בערק)

ווען ער פלעגט אריינקומען צו אַ קראַנקן, האָט ער קיינמאָל נישט געפרעגט דירעקט וועגן דער חולאת. ער פלעגט זיך אַוועקזעצן נעבן בעט פון קראַנקן, טאַפּן יענעמס דופק און דערביי שטעלן זייטיקע פראגן, און אזוי ארום געווויניען יענעמס צוטרוי. ערשט דאן איז ער צוגעטראָטן דירעקט אויסצופרעגן די סימפּטאָמען פון דער קראַנקהייט. דערביי האָט ער ארויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכן געדולד און קיינמאָל נישט געוויזן, אז ער איילט זיך.

אום שבת פלעגט ער זעלטן פאַרשרייבן אַ רעצעפּט, איבערהויפּט אין פרומע שטיבער.

עס האָט זיך בכלל פּראַקטיצירט אין שטאָט, אַז צו אַ גריפּע, אינפעקציע אָדער ענלעכער שלאַפקייט, האָט מען בכלל נישט גערופן קיין דאָקטאָר, נאָר אַ פעלדשער. אין שטאָט זענען געווען דריי פעלדשערס, און קנאט איז געווען דער פּאָפּולערסטער פון אַלע דריי.

געווען פאַלן, ווען צו זייערן אַ חולה, האָבן דאָקטוירים אים איינגעלאַדן צו אַ קאָנסיליום און זיך גערעכנט מיט זיינער אַ מיינונג.

נישט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען מיט קנאַטן מיטצוגיין צו אַ חולה און אַסיסטירן ביים דערטיילן מעדיצינישע הילף. און ווען ער האָט בעת זיינעם אַ וויזיט געזען, אַז ביים חולה פייפט דער דלות אין אַלע ווינקעלעך, האָט ער נישט בלויז נישט געפאָדערט קיין שכר־טירחה, נאָר נאָך איבערגעלאָזט אויף אַ דיסקרעטן אופן אויף איינצוקויפן די נויטיקע רעצעפּטן.

ער איז געווען אַן אַרבעטזאַמער און גוטמוטיקער מענטש, דערצו זייער באַשיידן און געוויסנהאַפט. נישט געקוקט אויף דעם אַסימילירטן לעבנס־שטייגער, וואָס עס האָט איינגעפירט זיין עטוואָס שטרענגע פרוי אַנאַסטאַזיאַ, אין וועלכן זיינע קינדער — אַ טאָכטער און זון, זענען דערצויגן געוואָרן, און זענען ממש געווען אָפּגעפרעמדט פון דער יידישער גאַס, האָט ער, דער פעלדשער קנאַט, שטענדיק געהאַט רק יידישע אָנגעשטעלטע און צו זיי גערעדט יידיש.

עכט־יידישלעך האָט ער זיך אויסגעלעבט נישט אין זיין היים, נאָר אין דער חברה תהילים, וועמענס לאַנגיאָריקער גבאי ער איז געווען.

יעדן שבת האָט ער געדאַוונט אין זייער שטיבל ביים בית־המדרש, ווו מ׳האָט אים גערופן ר׳ משה, און יידישע בעלי־מלאכות האָבן זיך מיט אים געצאַצקעט.

אין די יידישע יום־טובים איז די ראָזורע געווען געשלאָסן. פּסח איז ביי אים געפייערט געוואָרן מיט אַלע פּיטשעווקעס. די כשרות אום פּסח איז ביי זיין הויזגעזינד אָפּגעהיט געוואָרן מיט גרויס טאָלעראַנטקייט, און אין הויז איז קיינמאָל נישט אַריינגעבראַכט געוואָרן קיין חמץ.

נישט געקוקט דערויף, וואָס מיין פאַמיליע האָט געוווינט אין דער שטאָט, האָב איך אָבער דעם סדר געמוזט פּראַווען ביים פעלדשער, צוזאַמען מיטן אַנדערן יידישן אָנגעשטעלטן. איך בין גראָד געווען דער הויפּט־זאָגער פון דער הגדה, און דעם פעלדשערס קינדער האָבן פאַרגאַפטע אויף אונדז געקוקט, ווי אויף בייז וונדער, און מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט נאָכגעפאָלגט, ווי אַזוי מיר ריכטן אָפּ דעם סדר.

איך געדענק, אַז ווען משה קנאַט האָט געהאַט יאָרצייט נאָך זיין מוטער, פלעגט ער שטענדיק איינלאַדן צו זיך אין זיין „קאַבינעטל״ זיינע מיטדאַוונער פון דער חברה תהילים און מיט זיי מאַכן אַ יידישלעכן „לחיים״.

נישט איינמאָל פלעג איך אים טרעפן זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים און זיין בלאַס, לענגלעך פּנים האָט דעמאָלט ממש געשיינט.

ווי איך בין דאָס שפּעטער געוויר געוואָרן, האָט זיין טאָכטער רעגינע, וואָס האָט געענדיקט דאָס לאָוויטשער פרויען־גימנאַזיום און ממש געווען אָפּגעפרעמדט פון יידישן לעבן, האַרט פאַר דער מלחמה חתונה געהאַט מיט אַ חסידישן יונגערמאַן פון פּרושקאָוו.

זי איז די איינציקע, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון איר משפּחה. זי וווינט היינט אין ישראל. איר זון האָט גראַדואירט אַ ישראל־שול און געדינט אין דער ישראל־אַרמיי.

קנאַטס איינציקער זון, סטאַשעק, איז געשטאָרבן אין טראַגישע אומשטענדן, אויף זיינע פליט־וואַנדערונגען אין רוסלאַנד.

ווען די נאַציס זענען סוף סעפּטעמבער 1939 אַריין קיין לאָוויטש, האָט מאַוריצי קנאַט, טראָץ די יידן־שיקאַנעס און אַנדערע סכנות, אָנגעטאָן די „געלע לאַטע״ אויף איין אָרעם און פון דער אַנדערער — דעם רויטן קרייץ אַלס מעדיקער, און אַזוי ווייטער געוואַנדערט איבער חרובע גאַסן און דערטיילט מעדיצינישע הילף צו קראַנקע. אַזוי איז ער געשטאַנען אין דינסט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין געטאָ און ממש באַוויזן וונדער ביים קעמפן קעגן דער פאַרשפּרייטנדיקער זיך טיפוס־מגפה.

שפּעטער האָט ער דורכגעמאַכט אַלע גילגולים מיט זיין עדה ביי דער איבערבאַזעצונג אין וואַרשעווער געטאָ אַריין.

פון די איינצלנע אָפּגעראַטעוועטע, לויט ווי דאָס האָט פאַרצייכנט זיין אייגענע טאָכטער, וואָס האָט זיך געראַטעוועט אויף דער „אַרישער זייט״, איז זייער מצב אין וואַרשעווער געטאָ געווען זייער אַ קלאָגעדיקער. זיי זענען געווען שרעקלעך פאַראָרעמט. ער, וואָס פלעגט געבן מתן בסתר און אויף אַנדערע וווילטעטיקע צוועקן, האָט איצט נישט געהאַט אויף קיין מאָלצייט.

ס׳האַרץ האָט אים געבלוטיקט, ווען ער האָט געזען ווי אַ סך נאָענטע, באַקאַנטע חשובע לאָוויטשער גבירים, שטייען אויף דער דזשעלנאַ־גאַס אין אַ מעמד פון וואַנזין, ממש אויסגעמאָגערטע סקעלעטן, אָנגעטאָן אין טליתים און דאַווענען, בעטלענדיק אַ שטיקל ברויט.

אַליין, אַ צעבראָכענער, נישט ביים בעסטן געזונט, האָט קנאַט נישט גערוט און געלאָפן פון איין עק וואַרשעווער געטאָ אין אַנדערן, ווו עס האָבן געוווינט לאָוויטשער, און זיי דערטיילט מעדיצינישע הילף. דערביי האָט ער דאָס געטאָן אומזיסט. ער האָט געוווּסט, אַז ער קאָן פון די אָרעמעלייט נישט דערוואַרטן קיין שום באַלוינונג. געבן הילף פאַר קראַנקע איז געווען פאַר אים אַ הייליקער געבאָט און ער האָט דאָס געטאָן איבער זיינע כוחות.

און אַזוי איז ער געפאַלן, מאַוריצי קנאַט, ווי אַ טרייער סאָלדאַט אויף זיין וואַך־פּאָסטן. געשען איז דאָס אין אַ מאָמענט, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון אַ קראַנקן. עס איז גראָד דעמאָלט אין געטאָ געווען „אַ שפּערע״. שוין גאָר נאָענט פון טויער, ווו ער האָט געוווינט, איז ער געפאַלן פון אַ רוצחישער נאַצישער קויל.

לאָוויטשער פאָלקלאָר

לאָוויטשער לאַנגע הענט...

דאָס דאָזיקע ווערטל שטאַמט וואַרשיינלעך פון דעם, וואָס אין לאָוויטש פלעגן פאָרקומען די גרויסע ירידים, וואָס האָבן זיך געצויגן עטלעכע וואָכן. און אַזוי ווי אויף אַזעלכע ירידים פלעגן זיך צונויפפאָרן סוחרים מיט זייערע סחורות פון גאַנצן לאַנד סיי אויסלאַנד, האָבן אויך אין זייערע פוסטריט נאָכגעפאָלגט פאַרשידענע טונקעלע טיפּן און גנבים. אַזעלכע ירידים זענען ממש געווען א „גן־עדן" פאַר געשיקטע טאַשן־ציער און סתם גנבים, וואָס האָבן געגנבעט סיי ביי די סוחרים און סיי ביי די פּויערים.

און אַזוי האָט מען דעם עפּיטעט צוגעשריבן אויפן חשבון פון לאָוויטש און ס'איז געבליבן אין אומגאַנג ביים פאָלק דאָס ווערטל „לאָוויטשער לאַנגע הענט", וואָס האָט בכלל נישט קיין שייכות געהאַט צו די אמתע לאָוויטשער תושבים.

דער טויטער יעקל און א שמעק טאַבאַק

אין מיינע קינדער־יאָרן, אין אַרום 1890, האָבן יידן דערציילט אַ לעגענדע וועגן אַ געוויסן לאָוויטשער שניידער, אַ טאַבאַק־שמעקער, מיטן נאָמען יאַנקל.

ער איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרן און באַלד געשטאָרבן. אַזוי ווי ביי יידן איז א מנהג צו באַערדיקן אַ טויטן דעם זעלבן טאָג פון דער פּטירה, האָט חברה קדישא דעם זעלבן טאָג באַלד איגדערפרי אים געמאַכט די טהרה, אָנגעטאָן די תכריכים, אַריינגעלייגט אין ארון און אים געפירט קיין בראַטקאָוויץ צו דער קבורה.

די מצוות המת איז דאָך זייער פּאָפּולער און איבערהויפּט אין יענע יאָרן, ווען די יידישע קהילה איז געווען נאָך זייער א יונגע, ממילא איז מיטגעגאַנגען אַ גרויסער קהל מיט דער לוויה.

און דאָס אויסטערלישע האָט פּאַסירט: ווען דער לוויה־צוג האָט זיך געפונען אין מיטן גייעם מאַרק, פאַרן אַריינפאָרן אין א. ג. „טויטן־געסעלע". פּלוצלונג האָט דער טויטער זיך אַ ריר געטאָן אין דער עגלה, און אָפּדעקנדיק די שוואַרצע צודעק האָט ער אויפן קול אויסגערופן: „אוי, אַ שמעק טאַבאַק דאַרף איך"...

די מלווים זענען געבליבן שטיין מיט אָפענע־מיילער און מבולבל געוואָרן און אַנדערע איז ממש באַפאַלן אַ פּחד. דער מת האָט זיך צוריקגעלייגט און געבליבן ליגן אונטער דעם שוואַרצן צודעק. ערשט דעמאָלט האָט דער לוויה־צוג ווייטער געריירט.

די דאָזיקע לעגענדע איז אַ לענגערע צייט אַרומגעגאַנגען צווישן יידן אין לאָוויטש און איז ביסלעכווייז פאַרגעסן געוואָרן, נאָכדעם ווי עס איז געשטאָרבן זיין אלמנה. ווייל זיין פרוי האָט מען גערופן דעם „טויטן יאַנקלס פרוי". זי האָט געהאַט אַ סטראַגאַן אין ראָג פון בית־המדרש־געסל, ווו זי האָט פאַרקויפט אויבסט, צוקערלעך און באַניע־קערן. און אַלע האָבן אים גערופן: „די טויטע יעקלטע".

מוחל די כהונה...

מרדכי שמאַטשאַרזש (מ'האָט אים גערופן: אליהו הנביא מיט די קאַלטענעס, ווייל ער האָט געהאַט קאַלטענס אין זיין באָרד), האָט געוווינט אין דער פאָרשטאָט בראַטקאָוויץ. דער ייד האָט געהאַט אַ טאָכטער, וואָס האָט זיך געגט מיט איר מאַן, און ווען ס'האָט זיך איר געטראָפן אַ שידוך, איז באַשטימט געוואָרן דער זמן־חתונה.

דערווייל זענען מענטשן געוואָר געוואָרן, אַז דער חתן איז אַ כהן און ממילא טאָר ער נישט, לויטן יידישן דין, חתונה האָבן מיט קיין גרושה; פון דעם האָט זיך אויך דערוווּסט דער רב הרב בידערמאַן ז"ל.

אין חופּה־טאָג האָט דער רב געשיקט דעם בית־דין־שמש ר' שמשון זילבערמאַן צו מרדכי שמאַטשאַזש קיין בראַטקאָוויץ, ווו ער האָט טאַקע געטראָפן אַלץ צוגעגרייט צו דער חופּה און אויך א מסדר־קדושין מיט עדות. די טישן זענען געשטאַנען געדעקט מיט לעקעך און בראָנפן און ס'האָבן שוין געברענט ליכט.

ר' שמשון האָט צוגערופן דעם מחותן מרדכי שמאַטשאַזש און אים געמאָלדן אין נאָמען פון רב, אַז אַזוי ווי דער חתן איז אַ כהן, טאָר נישט פאָרקומען די חתונה מיט זיין טאָכטער, ווייל זי איז אַ גרושה.

אויף דער דאָזיקער מעלדונג האָט אים מדכי געענטפערט:

— אויב אַזוי, זאָלט איר אַזוי גיטיקסט זיין און זאָגן דעם רב זאָל לעבן, אַז דער חתן קאָן זיך אָפּזאָגן פון דער כהונה: פון דוכענען און אויך פון דער ערשטער עליה אין שול. ער קאָן זיך אויך אָפּזאָגן פון די פינף רובל (חמשה סלעים), וואָס ער קאָן אַמאָל אין אַ יובל באַקומען פון אַ פּדיון הבן...

ר' שמשון האָט אויף דעם דאָזיקן פּזמון גאָרנישט געענטפערט. ער האָט אויסגעלאָשן די ליכט און געהייסן דעם עולם זיך פונאַנדערגיין בפקודת הרב.

און די חתונה איז נישט פאָרגעקומען.

איטשע-מאירל איז געבליבן הענגען אויפן ארון-קודש

איטשע־מאירל, בונם שוחטס איידעם, איז געווען אַ ייד אַ למדן. ער האָט געגעסן עטלעכע יאָר קעסט און מ'האָט אים געמאַכט אַ געווּעלב מיט טעפּ און געשיר.

אַזוי אָבער ווי ער פלעגט שטענדיק זיין פאַרטאָן אין לערנען, אַריינגעדרונגען אין דער גמרא, וואָס איז געלעגן אויפן בופעט פון געווּעלב, פלעגט ער, לא עליכם, נישט זען, ווי גנבים פלעגן זייער אָפּט אַרויסגנבענען טעפּ און אַנדער געשיר, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אין געווּעלב.

זיין פרוי פלעגט זעלטן אַריינקומען אין דער קראָם. זי איז שטענדיק געווען באַשעפטיקט אין שטוב מיט די קליינע קינדער.

אין אַ קורצער צייט איז ער בדיל הדל געוואָרן און דאָס געשעפט האָט זיך אויטאָמאַטיש ליקווידירט.

און איטשע־מאירל איז געוואָרן אַ מלמד און געלערנט מיט דערוואַקסענע יינגלעך. איך האָב אויך געלערנט ביי אים אין יאָר 1898, צוזאַמען מיט הערשל כהן (ד"ר צבי כהן) און איטשע כאַלעמסקי.

אָבער אין צווישנצייט זענען אַריינגעקומען מיספאַרשטענדענישן אין זיין פאַמיליע־לעבן צוליב פּרנסה־אָנגעלעגנהייטן, וואָס האָבן

דערפירט צו גרויסע קאנפליקטן צווישן איטשע־מאירלען און זיין שווער, ר׳ בונם שוחט און זיין שוואגער, משה וואלקאזש.

איינמאל אין אן אויפגערעגטן צושטאנד, נאך א מחלוקה, האט זיין שוואגער, משה וואלקאזש, געכאפט דעם כתב־יד פון ספר חדושי־תורה פון איטשע־מאירלען און עס פארברענט אין אויוון־פייער.

דער דאזיקער אינצידענט האט, ווייזט אויס, זייער שווער געווירקט אויף דער פסיכיק פון איטשע־מאירלען און ער איז פון דעמאלט־אן געווארן מעלאנכאליש.

אין א שיינעם העלן טאג זענען די שכנים און דורכגייער נעבן דער שול אויפגעציטערט געווארן, הערנדיק פון דער שול פארשטיקטע געשרייען. די קולות פון דער שול אין די נאכמיטאג־שעהן האבן אלע איבעראשט, ווייל אלע האבן געוווסט, אז די שול איז אין דער צייט געשלאסן.

ליצנים האבן דערוויל זיך געוויצלט, אז נישט אנדערש, נאר מתים ליארעמען דארט און ס׳איז א שרעק דארט אריינצוגיין.

עס האבן זיך דאך געפונען עטלעכע דרייסטע פארשוינען, וואס האבן אויפגעשלאסן די טיר פון דער שול און דארט אריין.

אינעווייניק האבן זיי געטראפן איטשע־מאירלען אראפהענגען פונעם שפיץ פון איבערן ארון־קודש.

די סיבה פון דעם אינצידענט איז געווען אזא:

אויפן שפיץ פון ארון־קודש איז געווען א קינסטלעריש געשניצט שילדל מיט דעם נאמען: „פסח גרונדלאנד, דער דאזאר, וואס האט געלאזט רעמאנטירן די שול״.

איטשע־מאיר איז געווען קעגן דעם, אז א נאמען פון א בשר־ודם זאל זיין אויסגעקריצט אויפן ארון־קודש. און וועלנדיק אראפ־רייסן דעם שילדל, האט ער זיך אריינגעקראגן אין דער שול באלד נאכן דאווענען אין פאליש, דארט פלעגט לערנען די „חברה משניות״. אזוי ווי די טיר פון פאליש גייט אריין אין דער שול, איז זי נישט געווען פארשלאסן, האט ער זיך אזוי ארום אומבאמערקטערהייט דורך קיינעם דארט אריינגעקראגן און זיך גענומען דראפען צום שפיץ פון גאר הויכן ארון־קודש.

א צווייטע ווערסיע איז געווען, אז ער איז ארויפגעגאנגען אין דער ווייבער־שול און מיט א שטריק זיך אראפגעלאזט פון די באלקאן־קראטן, כדי צוצוקומען צום ארון־קודש און אזוי געבליבן הענגען אויפן שטריק אן אומבאהאלפענער, און דערפילנדיק די סכנה, אז ער קאן אראפפאלן פון אזא הויך, האט ער גענומען שרייען נאך הילף.

זיין פלאן האט זיך אים לײדער נישט איינגעגעבן און צו זיין ווייטיק, ווי צו אנדערע פרומע יידן, איז דאס שילדל מיט נאמען פון דאזאר גרונדוואלד ווייטער געבליבן אנגעקלאפט איבערן שפיץ פון ארון־קודש, און איז ערשט פון דארט פאשווונדן אין פייער פון דער גרויסער שול, ווען די נאציס האבן אונטערגעצונדן דעם בית־הקודש אין דער נאכט פון 11־טן נאוועמבער 1939.

בעלי־בתים, מתנגדים און דייטשן...

די ווייטערדיקע שילדערונג באציט זיך צום סוף פון פארגאנ־גענעם יארהונדערט און אנהויב דעם צוואנציקסטן.

די יידישע באפעלקערונג אין לאוויטש איז באשטאנען הויפט־זעכלעך פון חסידישע מענטשן, ווי מיר זעען עס פון דעם לאנגן צעטל פון די פארשידענע חסידים־שטיבלעך, וואס לאוויטש האט פארמאגט.

אויסער די חסידים, איז אויך געווען אן אנגעזעענער טייל בעלי־בתים, ד. ה. סתם־יידן: בית־המדרש־ און שול־דאווענער. ס׳איז אויך געווען א טייל מתנגדים, ד. ה. אויסגעשפראכענע קעגנער פון חסידות.

צו די אנגעזעענע בעלי־בתים און מנהיגים פון יענער צייט, דארפן דערמאנט ווערן פאלגנדיקע פערזענלעכקייטן: יעקב שיינ־פעלד, יוסף־בער לעשטשינסקי, ירחמיאל ראזענקראנץ, אברהם־יצחק מעהלער, פישל שפייזהענדלער, יאקובאווסקי, שלמה־אהרן שטיפט, ישראל־יעקל שמש, יצחק־יוסף חזן (בית־המדרש־שמש), פישל מילעווסקי, גרשון גראניצא, צלאל שטעפער, דער אלטער האלאנד (ועקשטיינס שווער), שלמה זגיערסקי, יוסל שמעקאנאווסקי און אנדערע.

מיט דער באצייכענונג „דייטשן״ פלעגט מען רופן יענע בעלי־בתים, וואס האבן זיך קורץ געקליידעט און געטראגן קאפעלושן.

זיי אליין זענען נאך געווען יידישע מענטשן. זיי פלעגן האלטן פארמאכט אום שבת זייערע געשעפטן; די קיך איז געווען א כשרע. אין שטוב אבער האט מען שוין גערעדט פויליש און די קינדער זענען געגאנגען אין קריסטלעכע שולן און אין רעאל־גימנאזיע און שפעטער געפארן שטודירן אין די הויך־שולן אין אויסלאנד.

די קינדער זענען אלזא שוין געווארן אסימילירט און פארקערט אין דער געזעלשאפט פון פוילישע חברים און חברטעס.

די פאמיליע, וואס מ׳האט ביי אונדז גערופן „דייטשן״, זענען אין יענער צייט געווען פאלגנדע:

ועקשטיין, ראזענדארן, זיס, גרונדוואלד, קאגאן, ניימאן, טא־ראנטשיק, בירנצווייגס — דער פאטער און זון; בעהם, בלום, ציטרין און אנדערע.

צווישן די דערמאנטע פאמיליעס, וואס זענען גערופן געווארן „דייטשן״, האט זיך אויך שפעטער אריינגעריסן די מחלה פון שמד צווישן עטלעכע פון זייערע קינדער. אזוי צ. ב. האט זיך ועקשטיינס א זון, וואס האט שטודירט אין דער הויכשול, זיך פארליבט אין דייטשן פאסטארס טאכטער, וועלכע האט אויך דארט שטודירט. זיי האבן חתונה געהאט און ער האט צוליב דעם זיך געשמדט אויפן עוואנגעלישן גלויבן.

אזוי האט זיך אויך געשמדט ישעיה בירענצווייגס א זון, און האט אויך חתונה געהאט מיט א קריסטין.

ניימאנס א טאכטער האט זיך פארליבט אין א רוסישן סטראזש־ניק, וואס פלעגט זיין אן אפטער באזוכער פון זייער שענק. זי האט זיך געטויפט און מיט אים חתונה געהאט. אבער אירס א ברודער, נתן ניימאן, וועלכער האט געארבעט אלס בוכהאלטער אין דער לאוויטשער כעמישער פאבריק, האט אפגעווארפן דעם פארשלאג פון פאבריקס־לייטער, אז ער זאל זיך טויפן (אזוי ווי דאס האט דעמאלט געטאן דער דאקטאר קארלסבאד, וואס האט אויך אמטירט אין דער פאבריק).

דער יונגער נתן ניימאן האט פארלאזט זיין אמט אין דער פאבריק און זיך נישט געוואלט שמדן.

פון די דערמאנטע פאמיליעס זענען ארויסגעקומען אינטעליגענ־טע קינדער, דער רוב פון זיי אינזשיניערן און דאקטוירים. א טייל פון זיי האבן שטודירט אין ווארשע, פעטערבורג און אין אנדערע שטעט אין רוסלאנד און א טייל אין אויסלאנד.

אוניברסיטה בר־אילן
הספריה

פארטייען און ארגאניזאציעס

א. ווארטסקי (חיפה)

פיאנערן און טוער

פון דער ציוניסטישער באוועגונג

די ערשטע פיאנערן און פירער פון דער נאציאנאלער רענעסאנס־באוועגונג אין לאוויטש האבן געהאט פיל אויסצושטיין מצד זייערע קעגנער און נישט ווייניק געליטן חרפות, בזיונות און רדיפות, ווי אומעטום די ציוניסטן אין פוילן און אויסער פוילן. פון איין זייט מצד די אפגעשטאנענע, קאנסערוואטיווע עלעמענטן, און פון דער אנדערער זייט מצד די א. ג. „פאסטעמפאווע", כלומרשט־פארגעשריטענע קרייזן. אין דער זעלבער צייט האט דער המון, דאס „פראסטע פאלק", זיך פארהאלטן גלייכגילטיק, לאיכפתדיק, בכלל פאסיוו, אן וועלכן חוש פאר געזעלשאפטלעכער אקטיוויטעט.

מען האט געדארפט האבן גענוג מוט און העזה אין יענער צייט ארויסצוטרעטן אויף דער „יידישער גאס" מיט אזעלכע פאנטאסטישע לאזונגען, ווי „ציוניזמוס", שאפן אויפסניי א יידישע מלוכה אין א"י, אויפלעבן און באנוצן אין אלטעגלעכן לעבן די העברעאישע שפראך (לשון קודש).

סארן אפגעשטאנענעם ייד אין שטעטל איז ארץ־ישראל טאקע געווען אונדזער הייליק לאנד. דריי מאל אין טאג איז מען מתפלל: „ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים". אבער אויסלייזן פון גלות וועט אונדז נאר משיח...

דאך האבן זיך אויך אין לאוויטש געפונען געוויסע „פאנטאזיארן". נאטירלעך, נישט אין קיין גרויסער צאל, וועלכע האבן זיך גענומען די דרייסטקייט בריש גלי, עפנטלעך צו פראפאגירן די ציוניסטישע אידייע און צו דעם צוועק זיך אויך ארגאניזירן אין גרינדן אין שטאט אן אגודת הציונים.

די אגודת הציונים אין לאוויטש איז געגרינדעט געווארן נאך א באזוך פון יצחק גרינבוים, דעמאלט נאך א סטודענט אין ווארשעווער אוניווערסיטעט.

צו די ערשטע גרינדער האבן געהערט: יעקב אהרן טושינסקי (א קאמפס־לוסטיקע פיגור), מרדכי ביאלעק, גרשון גראניצא, יעקב פישל מילעווסקי, ישעיה קליינבארט, שאול מילגראם, שלום גערשאנאוויטש (ידידיה לעקעך־בעקערס זון) און אנד. די אלע האט מען געהאלטן אין שטאט פאר משכילים. און באמת האבן זיי געלייענט השכלה־ספרים, ווי אויך די דעמאלטיקע ליטעראטור, ווי מאפו, סמאלענסקי, יל"ג, גרעטץ (אין שפרס העברעאישער איבערזעצונג), אחד העם, מענדעלע מוכ"ס און אנד.

א טייל פון זיי האבן זיך נאך פריער געהאלטן אלס חובבי־ציון, זעלבסטפארשטענדלעך אין געהיים.

שלום ידידיהס, ווי מ'האט אים גערופן, איז געווען אין תחילת א וויל־לערנער. זיין פאטער, א פראסטער ייד, איז געווען שטאלץ מיט זיין זון, דעם אויסגעצייכנטן בית־מדרש־בחור. שפעטער איז ער נחמץ געווארן. געלייענט עפעס פארשידענע ביכלעך, עמיגרירט קיין אמעריקע און צוריקגעקומען — א גארסעטן־מאכער *.

צו דער אויבנדערמאנטער גרופע זענען צוגעשטאנען פון אויפגעקלערטן חסידישן צד: משה ליפשיץ (אן אנגעזעענער סוחר, וועמען די רוסן האבן אויפגעהאנגען אין אנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, באשולדיקנדיק אים אין שפיאנאזש אויפן גרונט פון א מסירה פון אייניקע פאליאקן, באשר ער האט ביז צום קריג־אויסברוך געהאנדלט מיט דייטשלאנד, וווהין ער האט עקספארטירט תבואה און קלייען), איטשע ראזענקראנץ, אלטער טויבענפעלד און אנדערע. עס האבן זיך אויך אנגעשלאסן אייניקע בעלי־בתים, ווי יוסף ווארטסקי, מאיר ראזענטאל.

צו די ערשטע, וועלכע האבן זיך דערקלערט אלס ציוניסטן, האט אויך געהערט אנאטאל וועקשטיין **. אייגנטלעך אן אסימילאטאר, וועמען, ווי עס שיינט, האט זייער געלאקט דער געדאנק פון א זעלבשטענדיקע יידישע מלוכה.

דעמאלט, אין יאר 1901, האט נאך געהערשט אין פוילן דער אבסאלוטיסטישער צארישער רעזשים, און יעדער סימן פון ארגאניזירטער געזעלשאפטלעכער טעטיקייט, איז שטרענג פארבאטן געווען און דערשטיקט געווארן. דאך האבן די ציוניסטן אין אנהויב נישט באגעגנט קיין באזונדערע שטערונגען מצד דער צארישער מאכט.

אין מינסק איז אפילו אין יאר 1902 אפגעהאלטן געווארן, מיט

---

* איך דערמאן זיך, אז בעת גרינבוימס באזוך אין לאוויטש אין יאר 1932, האט ער אין זיין געשפרעך מיט מיר בעתן באנקעט, וואס האט נאכגעפאלגט זיין רעפעראט, זיך דעראינערט אין דעם ציוניסט — אין דעם גארסעטן־מאכער, נישט קאנענדיק זיך גענוג אויסחידושן, וואס א ייד אין א לאנגער קאפאטע און קאשקעטל, א מאנספערשוין, האט זיך פארנומען פראפעסיאנעל מיט מאכן גארסעטן פאר פרויען און דווקא אין חסידישן לאוויטש.

** א זייער אינטערעסאנטער און אייגנארטיקער טיפ. וועגן אים זע „פארטרעטן פון לאוויטשער פערזענלעכקייטן".

דער דערלויבעניש פֿון דער מאַכט, די באַוווּסטע ציוניסטישע קאָנ־פֿערענץ, וועלכע איז באַשטאַנען פֿון דעלעגאַטן פֿון רוסלאַנד און פּוילן. די רוסישע רעגירונג האָט, ווייזט אויס, געהאַלטן די ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס האָט פֿאַר איר ציל געהאַט דאָס באַזעצן יידן מחוץ דער רוסישער אימפּעריע, נישט נאָר פֿאַר אומשעדלעך, נאָר אפילו פֿאַר געווּנטשן.

ציוניסטישער פֿאַראיין אין 1902 אין אַ שטיבל...

דער זיץ־אָרט פֿון אגודת הציונים איז געווען אין אַ געדונגענעם לאָקאַל אין מתתיה־יונה באַומס הויז, אויף דער נייער שטאָט. כדי זיך צו פֿאַרהיטן פֿאַר אַ בייז אויג מצד די מאַכט־אָרגאַנען, האָט דער לאָקאַל גלייכצייטיק געדינט אַלס בית־תפילה פֿאַר די חברים־ציוניסטן, וועלכע האָבן דאָ טאַקע געדאַוונט מיט מנין יעדן שבת.

אַזוי אַרום האָט זיך דער קאָמיטעט אונטער דעם שילד פֿון אַ געבעט־הויז, גלייך ווי די פֿיל אַנדערע חסידים־שטיבלעך אין שטאָט, געקאָנט פֿריי אָפּהאַלטן זיינע זיצונגען און אפילו פֿון צייט צו צייט צונויפֿרופֿן די איבעריקע חברים צו באַריכט־צוועקן, נישט דערוועקנדיק דערביי קיין חשד.

דער קאָמיטעט האָט דאָ אַנטוויקלט אַ לעבהאַפֿטע טעטיקייט און מיט ענטוזיאַזם פּראָפּאַגירט די ציוניסטישע אידייע, פֿאַרשפּרייט ציוניסטישע בראָשורן, אָנגעקניפּט פֿאַרבינדונגען מיט געוויסע חסידישע טיילן פֿון דער יוגנט, בית־המדרש־בחורים און אפילו דערגרייכט צו אייניקע שילער פֿון דער אָרטיקער רעאַל־שול, ווערבירנדיק זיי פֿאַרן ציוניסטישן געדאַנק. פֿאַרשפּרייט שקלים, פֿאַרקויפֿט אַקציעס פֿון דער קאָלאָניאַל־באַנק (יעדע אַקציע 10 רובל, אַ גענוג גרויסע סומע לויט די באַגריפֿן פֿון יענער צייט); אָפֿט דיסקוטירט איבער פֿאַרשידענע פּראָבלעמען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס זענען באַהאַנדלט געוואָרן אין דער דעמאָלטיקער ציוניסטישער פּרעסע: „וועלט", „העולם", „המליץ", „הצפירה". פּראָבלעמען ווי די יידישע קאָלאָניעס, ערד־אַרבעטער און עברית־שולן אין ארץ־ישראל.

די ערשטע צייט, ווי שוין באַמערקט, האָט זיך אויך אַ קליינער טייל פֿון דער חסידישער קלאַס אָנגעשלאָסן אין דער אגודת הציונים. דער המון, די ברייטע מאַסן, פֿאַרחושכט, פֿאַרהאָרעוועט און פֿאַרגרעבט, זענען געשטאַנען פֿון דער ווייטנס, אַן וועלכער עס איז פֿאַרשטענדעניש פֿאַר אַזעלכע אויסטערלישע פֿאַרלאַנגען, ווי מאַכן פֿון יידן דאָרפֿס־פּויערים, רעדן לשון־קודש, פֿאָרן קיין ארץ־ישראל, נישט וואַרטנדיק אויף משיחן. און בכלל האָבן זיי זיך נישט פֿאַראינטערעסירט מיט דעם גאַנצן ענין „מקוצר רוח ומעבודה קשה" (שמות 6, 9).

די חסידישע קרייזן האָבן אין גרעסטן טייל באַלד אין תחילת פֿאַרנומען אַ רעזערווירטע שטעלונג, וואַרטנדיק צוערשט אויף אָנווייזונגען פֿון זייערע רביים און אדמו"רים.

זיי איז שוין בכלל געווען פֿאַרדעכטיק, וואָס דווקא די משכילים האָבן זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פֿון דער חידושדיקער באַוועגונג, רופֿן זיך „ציוניסטן" און זייערע מנהיגים זענען עפּעס אַ דאָקטאָר טעאָדאָר הערצל, מאַקס נאָרדוי און ענלעכע דייטשע צי עסטרייכישע יידן מיט גויאיש־קלינגענדיקע נעמען, וועלכע גייען געוויס נישט אין די אַלט־אָנגענומענע יידישע דרכים.

אמת איז, אַז אין לאָוויטש גייען נאָך די אַלע ציוניסטן אין יידיש־טראַדיציאָנעלער קליידונג, ד. ה. אין קאַפּאָטעס און קאַשקעטלעך, אַ טייל דאַוונען אפילו אין די חסידים־שטיבלעך. דאָך האָט מען ביי איינעם באַמערקט, אַז ער שניידט זיך די נעגל פֿון די פֿינגער נישט לסירוגין און פֿאַרברענט זיי נישט; אַ צווייטער שערט אונטער אַ קאַפּעטשקע די באָרד; אַ דריטער טראָגט גאָר אַ שטייפֿן קאָלנער (ד. ה. אַ ווייס־געפּרעסטן און נישט צוגענייטן צום העמד) מיט אַ שניפּס; אַ פֿערטן האָט מען דערטאַפּט ביים לייענען לשון־קודשדיקע אָדער יידישע מעשה־ביכלעך.

מען מוז מודה זיין, אַז די דאָזיקע חסידים האָבן געהאַט אַ גענוג אַנטוויקלטן חוש הריח. די דאָזיקע משכילים־ציוניסטן זענען באמת נישט געווען אַזוי שטאַרק אָפּגעהיטענע יידן, און אין געהיים זיך אַמאָל דערלויבט אויף מער ווי די אויבנאויסגערעכנטע אָפּנייגונגען פֿון „דרך הישר".

אוןווירקלעך, עס האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי ס'איז דורך די אדמו"רים און רבנים פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אַן איסור חמור צו געהערן צו דער ציוניסטישער כת, צו די אפּיקורסים, וואָס ווילן עולה בחומה זיין אין ארץ הקודש, רעדן וועגן נאַציאָנאַלער (חינוך לאומי) אַנשטאָט רעליגיעזער דערציאונג, ווילן פֿאַרבייטן די חדרים און מלמדים אויף מאָדערנע בתי־ספר און מורים און אַזוי אַרום מעביר על דת זיין דעם יונגן דור.

די קליינע צאָל חסידים, וואָס האָבן געהערט צו דער „אגודת הציונים", האָבן זיך באַלד צוריקגעצויגן. געבליבן זענען נאָר די גרופּע משכילים און אַ קליינע צאָל מער־פֿאַרגעשריטענע חברים, ווערנדיק טאַקע פֿון איצט אָן פֿאַרפֿאָלגט דורך די אָרטאָדאָקסישע קרייזן, באַשמוצט און פֿאַרשריען פֿאַר פּושעים, פּורקי־עול.

די דאָזיקע פֿאַרפֿאָלגונגען האָבן אָבער, ווי דער שטייגער איז, אַרויסגערופֿן אַ שטאַרקערן ווידערשטאַנד מצד די ציונים. מען האָט שוין אָפֿן געלייענט וועלטלעכע, העבּרעאישע א. ג. טריף־פּסולע ספֿרים און צייטשריפֿטן, נישט רעכנענדיק זיך מיט דער פֿיינטלעכער באַציאונג פֿון די קעגנער. און דער עיקר געגרינדעט אין שטאָט אַ חדר מתוקן.

די גרינדונג פֿון חדר מתוקן און אָבלאַוועס אויף חדרים

אין חדר מתוקן האָט מען געלערנט עברית בעברית, תנ"ך, דקדוק, יידישע געשיכטע א.אַ.וו. דער לייטער און הויפּט־לערער איז דאָ געווען יעקב־פֿישל מילעווסקי, אַ זעלטענער תלמיד־חכם און משכיל, אָנגעזאַפּט מיט תורה, השכלה און וועלטלעכע וויסנשאַפֿט.

דאָס צאַרישע בילדונגס־מיניסטעריום האָט צו יענער צייט געהאַט פֿאַראָרדנט, אַז יידישע חדרים דאַרפֿן זיין לעגאַליזירט ביי דער מאַכט און אַנטשפּרעכן געוויסע סאַניטאַרע באַדינגונגען. און אין חדר אויף דער וואַנט דאַרף הענגען איינגערעמט אונטער אַ גלאָז אַ נאָמענטלעכע רשימה פֿון די תלמידים מיט זייער רבין.

אויסער דעם זענען די מלמדים פֿאַרפֿליכטעט געווען צו שיקן זייערע תלמידים אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך אויף אַ שעה־צוויי אין דער רעגירונגס־עלעמענטאַרער שול, וווּ דער לערער, אַ פּאָליאַק צי אַ רוס, דאַרף זיי לערנען לייענען און שרייבן רוסיש און די ערשטע כללים פֿון אַריטמעטיק. (פֿאַרשטייט זיך, דאָס איז נישט מער געווען ווי אַ פֿיקציע).

נישט קוקנדיק דערויף, האָבן אין שטאָט עקזיסטירט אַ גרויסע

צאָל אומלעגאַלע חדרים. ווייל ערשטנס, זענען דער רוב אינהאַבער פון די חדרים נישט אימשטאַנד געווען נאָכצוקומען די סאַניטאַרע פאָדערונגען (ווי צ. ב. סעפּאַרירן דעם חדר פון דער פּריוואַט־וווינונג); צווייטנס, האָבן נאָך פיל עלטערן געזוכט צו פאַרמיידן די פליכט צו שיקן זייערע קינדער אין די גויאישע שקאָלעס, ווו עס הענגט אַ צלם און מען מוז זיצן אין „בלויזן קאָפּ". עס האָט אָפט געטראָפן (מאַנכע מאָל אויך צוליב אַ מסירה פון אַ לעגאַלן מלמד, וואָס איז געווען פאַראינטערעסירט אינעם באַזייטיקן פון אומלעגאַלע חדרים, פשוט צוליב קאָנקורענץ־מאָטיוון), אַז עס זענען פאָרגעקומען פּאָליציי־אָבלאַוועס אויף די געהיימע חדרים.

און ווען אַ באַדראָטער מלמד האָט זיך פריער דערוווּסט (צי דורך שכנים אָדער אַ שמירה־שטייענדיקן תלמיד), אַז עס דערנעטערט זיך פּאָליציי, האָט ער די ייִנגלעך באַפוילן שנעל ווי מעגלעך צו פאַרלאָזן דעם חדר און זיך צעלויפן אין גאַס. און אויב עס איז שוין געווען צו־שפּעט דאָס צו טאָן, ארונטערלייגן זיך אונטער די בעטן און זיך פאַרהאַלטן שטיל און רואיק, ביז די סכנה וועט פאַריבער. אַמאָל האָט מען אויך די פּאָליציי אָפּגעפּטרט מיט אַ שוחד.

מיט דעם צוועק, אַז דעם חדר מתוקן זאָל דערלויבט זיין גלייכצייטיק צו פאַרטרעטן אויך די רוסישע שול, האָט יעקב פישל מילעווסקי דורכגעמאַכט אַ ספּעציעלן רעגירונגס־עקזאַמען פאַר עלעמענטאַרע לערערס און באַקומען אַ געהעריקן אָפיציעלן לערער־דיפּלאָם. אַזוי, אַז די שילער פון חדר־מתוקן, באַקומענדיק אויך די געפאָדערטע וועלטלעכע לערע אין חדר, זענען באַפרייט געוואָרן פון באַזוכן די פרעמדע שול.

זעלבפאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ אַרט רעפאָרמירטער חדר, ווו דער הויפּט־געוויכט איז געלייגט געוואָרן אויף תנ"ך, עברית און ייִדישער געשיכטע, און ווו עס זענען גלייכצייטיק געלערנט געוואָרן גויאישע לימודים, האָט געמוזט אַרויסרופן אַ שטאַרקע קעגנערשאַפט מצד די אַלע עלעמענטן, וואָס האָבן דערין געזען אַ געפאַר פאַר דער ייִדישער טראַדיציאָנעלער דערציאונג פונעם אַלטן חדר.

זיי האָבן טאַקע גערופן דעם דאָזיקן חדר „מסוכן" (אין דער אשכנזישער פאָנעטיק קלינגט דער ת' ווי אַ סמך).

דער מיט גרויס מי און אָנשטרענגונגען געשאַפענער חדר מתוקן האָט אָבער סיי ווי נישט לאַנג זיך געקאָנט דערהאַלטן. נאָר ציונים און סימפּאַטיקער האָבן געשיקט זייערע קינדער לערנען אין דער ציוניסטישער שול, און נישט יעדער פון זיי האָט גראָד געהאַט קינדער אין דעם פּאַסנדיקן שול־עלטער.

סוף־סוף איז מען געצווונגען געווען נאָך אייניקע יאָר דעם חדר צו ליקווידירן.

מאָסקווע פאַרבאָט ציוניסטישע טעטיקייט

אַ קורצע צייט שפּעטער איז ווידער, לויט אַ פאַראָרדענונג פון דער צענטראַלער מאַכט אין פּעטערסבורג, אָפּגעשטעלט געוואָרן יעדע אַרט ציוניסטישע טעטיקייט, און אַלע ציוניסטישע פאַריינען אין די גרענעצן פון דער רוסישער אימפּעריע זענען געשלאָסן געוואָרן.

אין איין העלן טאָג זענען אַלע זיינער צייט רעגיסטרירטע חברים, הגם אַ באַדייטנדיקער טייל, ווי שוין אויבן געזאָגט, איז באַלד אין אָנהויב אַרויסגעטראָטן פון פאַריין, אויפגעפאָדערט געוואָרן צו דערשיינען אין קרייז־אַמט ביים פּאָוויאַטאָוון נאַטשאַלניק און זיך חתמענען אויף אַ פאַרפליכטונג, נישט מער צו געהערן צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און אוודאי נישט אונטערצונעמען קיין שום ציוניסטישע אַקציע, פאַר וועלכן עס האָט געדראָט אַ גרויסע שטראָף.

פלוצלינג האָבן זיך אייניקע חסידים, וועלכע זענען שוין פון לאַנג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בעלי־תשובה, געפונען אין איין געזעלשאַפט מיט זייערע קעגנער — ציוניסטן, און זיך געפילט זייער אומבאַקוועם, דערמאָנענדיק זיך אין זייערע אַמאָליקע חטאים...

אַ באַזונדער רחמנות איז געווען אויף דעם שוין דערמאָנטן אַנאַטאָל וועקשטיין, וועלכער האָט, וואָס אַן אמת, אין אָנפאַנג זיך דעקלאַרירט אַלס ציוניסט, אָבער זיך צוריקגעצויגן, נאָך דעם ביישפּיל פון אַלע אַנדערע אַסימילאַטאָרן אין פּוילן, און שוין לאַנג פאַרגעסן אין זיין אַמאָליקער ציוניסטישער פאַרגאַנגענהייט.

„אונטערערדישע טעטיקייט" פון דער ציוניסטישער באַוועגונג

דאָס קליינע הייפעלע ציוניסטן זענען פון דאַן אָן געווען געצוווּנגען פאָרצוזעצן זייער טעטיקייט אין געהיים. צונויפגעקומען איז מען זיך אין פּריוואַטע וווינונגען (מערסטנטייל ביי מרדכי ביאַלעק). נאַטירלעך, איז אין די געגעבענע באַדינגונגען די טעטיקייט געוואָרן שטאַרק באַגרענעצט, כמעט גענצלעך פאַראַליזירט.

מ'האָט דיסקוטירט, אפילו דאָ און דאָרט באַשטייערט זיך פאַר ציוניסטישע צוועקן, פאַרשפּרייט העברעאישע ליטעראַטור, געפירט שטילע פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער יוגנט און מיט באַזונדערן אינטערעס האָט מען נאָכגעפאָלגט דעם גאַנג פון די ציוניסטישע קאָנגרעסן.

באַגייסטערט פון די רעדעס פון פאַרגעטערטן ד"ר הערצל און פון מאַקס נאָרדוי, האָט מען מיט באַזונדערער התמדה געלייענט סאָקאָלאָווס מאמרים אין „הצפירה", שפּעטער אויך ד"ר בערנפעלדס באַלערנדיקע אַרטיקלען אין „הצופה", נאָכגעפאָלגט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם ד"ר הערצלס באַמיאונגען און אוידיענצן ביים טערקישן סולטאַן, ביי מלכים און מיניסטאָרן. (אין יענע צייטן, ווער האָט נאָך געהערט, אַז אַ ייִד, און דערצו אַ נאַציאָנאַלער ייִד, זאָל אויפגענומען ווערן מיט אַזאַ כבוד ביי אַזעלכע הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן! דאָס האָט אויך אַרויסגערופן אַ מער דרך־ארצדיקע באַציאונג צו די ציונים מצד זייערע קעגנער).

דאַן, ד"ר הערצלס באַזוך אין ארץ־ישראל און זיין געשפּרעך דאָרט מיט דעם דייטשן קייזער ווילהעלם דעם צווייטן; שפּעטער, זיין רייזע אין יאָר 1903 איבער ווילנע און אַנדערע שטעט פון תחום־המושב קיין פּעטערסבורג, און זיין אויפנאַמע דאָרט ביים אינערן־מיניסטער, דעם צורר־היהודים, פּלעווע.

דאָס אַלץ האָט שטאַרק אימפּאָנירט, געהאַלטן אין שפּאַנונג און אין דערוואַרטונג אויף דעם דערלייזנדיקן טשאַרטער.

דער זעקסטער קאָנגרעס, אין זעלבן יאָר 1903, מיט דעם אוגאַנדע־פּראָיעקט, וואָס האָט געבראַכט צו אַ שפּאַלטונג אין די ציוניסטישע רייען, האָט אויך אין לאָוויטש אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אַנטוישונג.

אינעם ערשטן מאָמענט איז אַנטשטאַנען אַ געוויסע קאָנסטערנאַציע. די מיינונגען האָבן זיך אין תחילת געטיילט, אָבער באַלד האָבן זיך די רייען ווידער צונויפֿגעשלאָסן, דערקלערנדיק זיך פֿאַר די ציוני־ציון אונטער דער אָנפֿירונג פֿון די רוסישע ציוניסטן, אוסישקין און ד״ר טשלענאָוו. דער טעריטאָריאַליזם האָט דאָ מער קיין אָנהענגער נישט געפֿונען.

לאָוויטשער יידן טרויערן אויף ד״ר הערצלס טויט

דער פּלוצלינגער טויט פֿון ד״ר הערצל, זומער 1904, וועגן וועלכן מ׳האָט זיך ערשט דערוווּסט צומאָרגנס, אָדער דעם דריטן טאָג, פֿון דער צייטונג „הצפֿירה", האָט די ציוניסטן אין לאָוויטש, ווי אומעטום, ממש דערשיטערט. מ׳האָט פֿריער בכלל קיין אָנונג נישט געהאַט, אַז דער פֿאַרגעטערטער מנהיג איז שווער קראַנק. עס איז זיך שווער פֿאָרצושטעלן דעם צעשמעטערנדיקן איינדרוק, וואָס די דאָזיקע טרויעריקע ידיעה האָט דאַן געמאַכט אויף די ציוניסטן אין שטאָט. אַלע זענען געווען צונויפֿגעבראָכן. נישט איינער פֿון די ציוניסטישע יוגנטלעכע, דערוויסנדיק זיך, וואָס עס איז געשען, איז אויסגעבראָכן אין אַ ביטער געוויין און דעם טאָג נישט געגעסן און נישט געטרונקען.

דערמונטערט און ווידער געהויבן דעם מוט האָט דער פֿאַקט, אַז די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע האָט, חלילה, נישט איינגעוויקלט די בלוי־ווייסע פֿאָן, און איז ווייטער טעטיק אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דוד וואָלפֿסאָן.

מיט אַ באַזונדערער צופֿרידנקייט איז אויפֿגענומען געוואָרן די ידיעה וועגן דעם נצחון פֿון די ציוני־ציון אויף דעם 7־טן קאָנגרעס אין האַג, זומער 1905.

מען האָט זיך דעריבער גענומען ווייטער פֿאָרצוזעצן די געוויינלעכע ציוניסטישע אַרבעט, כאָטש אין זייער באַגרענעצטע ראַמען, זייענדיק פֿון איין זייט געשטערט מצד דער רוסישער מאַכט; און פֿון דער אַנדערער זייט — די שטאַרקע קעגנערשאַפֿט מצד די אָרטאָדאָקסישע קרייזן און אַ פֿולשטענדיקע אַפּאַטיע מצד די ברייטערע מאַסן.

נייע ווינטן בלאָזן נאָך די געשעענישן פֿון 1905

ערשט מיטן אויסברוך פֿון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין רוסלאַנד און אין פּוילן, האַרבסט 1905, און רעזולטאַט פֿון וועלכע ס׳זענען דערגרייכט געוואָרן פֿאַר דער באַפֿעלקערונג געוויסע פּאָליטישע פֿרייהייטן, האָבן די ציוניסטן אויך אין לאָוויטש ווידער זיך גענומען מיט מער שוווּנג צו באַנייען זייער טעטיקייט. אָבער איצט איז דער אַקצענט געשטעלט געוואָרן מער אויף קעגנוואָרט־אַרבעט, אויף נעמען שטעלונג צו פֿאַרשידענע אַקטועלע אינערלעכע ענינים און פּראָבלעמען.

גרויס אינטערעס האָבן דאַן אַרויסגערופֿן די וואַלן צו דער ערשטער דומע, אין וועלכער די ציוניסטן האָבן זיך באַזונדערס אַקטיוו באַטייליקט.

עס האָבן געבלאָזן נייע ווינטן. אויך די יידישע אַרבעטערשאַפֿט האָט זיך גענומען אָרגאַניזירן. עס איז אַנטשטאַנען אַ ריי סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. פֿריער דער „בונד" (נאָך פֿאַר 1905, אין געהיים), שפּעטער די „פּועלי ציון" און ס.ס. (ציוניסטן־סאָציאַליסטן). די לעצטע האָבן געוועקט דעם קלאַסן־באַוווּסטזיין, געפֿאָדערט סאָציאַלע רעכט א.אַ.וו.

אויך אין לאָוויטש האָט זיך געשאַפֿן אַ יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע. פֿון אָנהויב, באַאיינפֿלוסט דורך די אָרטיקע ציוניסטן, זענען די אַרבעטער ביים אָרגאַניזירן זיך דאָך געבליבן טריי דער עצם־ציוניסטישער אידעאָלאָגיע. אין לאָוויטש האָט דער אַזוי מעכטיקער „בונד" נישט געהאַט קיין שליטה. דאָ האָבן כמעט אַלע אָרגאַניזירטע אַרבעטער געהערט צו דער ס.ס.־פּאַרטיי.

וואָס פֿאַרא עלעמענט איז געווען דער לאָוויטשער אַרבעטער?

זאָל מיר דאָ דערלויבט זיין אַ קליינע דיגרעסיע:

ווען עס רעדט זיך דאָ וועגן יידישע אַרבעטער, דאַרף מען זיך נישט פֿאָרשטעלן, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַרבעטער אין אַלגעמיין אָנגענומענעם באַגריף, דהיינו, אַזעלכע וואָס אַרבעטן אין גרויסע פֿאַבריקן, גרובנס און ענלעכע אינדוסטריעלע און האַנדלס־אונטערנעמונגען, וואָס באַשעפֿטיקן אַ באַדייטנדיקע צאָל אַרבעטער און אָנגעשטעלטע.

אַזעלכע יידישע אַרבעטער זענען אין לאָוויטש (ערגעץ אַנדערש אויך נישט) נישט געווען בנמצא. קיין יידישע פֿאַבריקן האָבן דאָ נישט עקזיסטירט. אין די פּאָר מעל־מילן, וואָס האָבן געהערט צו יידן, האָבן געאַרבעט לויטער פּאָליאַקן. קיין ייד האָט דאָ קיין דריסת־רגל נישט געהאַט.

די יידישע סוחרים, אין רוב — קליינהענדלער, וואָס האָבן קוים געזשיפּעט, האָבן אויסער ווייב און קינדער, קיינעם נישט באַשעפֿטיקט. זענען נאָר געבליבן די בעלי־מלאכות. און צווישן זיי, נאָר די יעניקע, וועלכע האָבן באַשעפֿטיקט אין זייערע ווערקשטעלן, וואָס האָבן געדינט גלייכצייטיק אַלס זייערע פּריוואַטע וווינונגען, — איינעם אָדער צוויי געזעלן און לערן־ייִנגלעך. און געהאָרעוועט האָבן זיי פֿון פֿרי ביז שפּעט אין אָוונט, אין העכסטקלאָגעדיקע באַדינגונגען. די אַרבעט־געבער אַליין זענען מערסטנס געווען ביסערע אָרעמעלייט. האָבן זיך טאַקע די דאָזיקע געזעלן — שניידער, שוסטער, היטלמאַכער א.ד.גל., זיך צעבונטעוועט, אָרגאַניזירט און געפֿירט אַ קלאַסן־קאַמף קעגן זייערע עקספּלאָאַטאָרן און בלוטזויגער". די העגעמאָניע האָבן איבערגענומען די זאָקנמאַכער.

די זאָקן־פֿאַבריקלעך אין לאָוויטש

צו יענער צייט האָבן זיך געפֿענס אין שטאָט אַ צענדליק פֿאַבריקלעך פֿון זאָקנמאַכעריי. די לעצטע האָבן שוין באַשעפֿטיקט, אָבער אויך נישט אין ספּעציעל סעפּאַרירטע וואַרשטאַטן, אַ גרעסערע צאָל בחורים, אַ טייל אפֿילו ביז 10 און מער. יעדער האָט געהאַט פֿאַר זיך אַ קליין האַנט־מאַשינדל און דערויף אויסגעדרייט זאָקן. דער לוין האָט זיך גערעכנט לויט דער צאָל טוץ זאָקן, וואָס יעדער האָט באַוויזן אויסצואַרבעטן. די פּראָדוקציע האָבן די אייגנטימער אָוועקגעפֿירט מיט זיך קיין לאָדזש, וווּ זיי האָבן געהאַט זייערע אָפּנעמער.

די זאָקנמאַכער האָבן מערסטנטייל געשטאַמט פֿון אומבאַמיטלטע חסידישע פֿאַמיליעס, וואָס איז זיי נישט אָנגעשטאַנען

צו מאַכן פון זייערע זין עפּעס סתם אַ בעל־מלאכה. דאָס וואָלט דאָך געווען אַ חרפּה פאַר דער גאַנצער משפחה. גאַנץ אַנדערש — אַ זאָקנמאַכער. ערשטנס, איז עס דאָך נישט קיין שניידער, צי אַ שוסטער, אָדער עפּעס ענלעכס.

נישט קיין ווונדער, וואָס די אָנפירערשאַפט פון די אַרבעטער האָבן איבערגענומען די שוין מער אַנטוויקלטע און באַוווסטזיניקע זאָקנמאַכער. עס איז טיילמאָל דערגאַנגען צו שטרייקן אין די וואַרשטאַטן. די דאָזיקע סאָציאַליסטן האָבן אויך אויסגעשפּרייט זייער שוץ איבער די יידישע דינסטמיידלעך. געדראָט אָפטמאָל די בעלי־בתים, אָדער די בעלי־הביתטעס, אין פאַל זיי וועלן נישט מטיב־זיין די עוולה, וואָס עס איז דער דינסט געשען, אָדער נישט נאָכקומען אַנדערע געשטעלטע פאָדערונגען.

עס איז אויך אָפטמאָל געקומען צו שאַרפע מיינונג־אויסטוישן צווישן זיי און די בעל־הבתישע ציוניסטן, אָבער אין אַלגעמיין האָבן די ביידע פּאַרטייען געלעבט בשלום צווישן זיך.

מיט דער צייט איז די זאָקן־האַנט־פאַבריקאַציע, אונטערליגנדיק דעם נאַטירלעכן פּראָצעס, געגצלעך פאַרשוווּנדן, מיט דער אַנטשטייאונג פון גרויסע מעכאַנישע זאָקן־פאַבריקן אין לאָדזש. דאָך האָבן די דאָזיקע סאָציאַליסטישע ציוניסטן איבערגעלאָזט נאָך זיך טיפע שפּורן. פון זיי האָבן זיך שפּעטער אַנטוויקלט די חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט, ווי דער החלוץ, השומר הצעיר, פּועלי־ציון און גורדוניה.

די רוסישע רעאַקציע גייט האַנט-ביי-האַנט מיט דער פּוילישער ענדעציע

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און די רעאַקציע אין רוסלאַנד האָט ווידער טריאומפירט און געוווּנען די אויבערהאַנט.

ס'ברעכן אויס פּאָגראָמען אויף יידן אין רוסלאַנד. דער גרעסטער טייל פרייהייטן ווערט צוריקגעצויגן, יעדע פּאָליטישע אַקציע — פאַרבאָטן.

די ציוניסטישע פּאַרטיי האָט ווידער נישט געקאָנט פריי אויספירן איר אָרגאַניזאַציאָנעלע אויפגאַבן; די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אוודאי נישט. די ציוניסטן האָבן זיך איצט מער געווידמעט קולטורעלער אַרבעט, דער עיקר צווישן דער יוגנט, אָבער אויך געזאַמלט אין געהיים פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד. עס האָט געהייסן פאַר דעם „אָדעסער קאָמיטעט לטובת די יידישע ערד־אַרבעטער אין פּאַלעסטינע".

דערווייל האָט די רעאַקציע אויף אַלע פראָנטן ווייטער זיך פאַרשטאַרקט און געבושעוועט. די אַטמאָספער איז געוואָרן וואָס אַמאָל דריקנדיקער. געגנוג צו דערמאָנען די באָיקאָט־אַקציע קעגן די יידן אין פּוילן, וואָס איז דערקלערט געוואָרן מצד דער אַנטיסעמיטישער ענדעציע, נאָכדעם ווי עס איז אין וואַרשע געווילט געוואָרן אַלס דעפּוטאַט צו דער 4־טער דומע אין יאָר 1913, אַדאַנק די יידישע שטימען, דער סאָציאַליסטישער קאַנדידאַט יאַגעללאָ, קעגן אַן ענדעקישן קאַנדידאַט.

שפּעטער ווידער, דער עלילת־דם פּראָצעס אין קיעוו קעגן בייליסן, אינספּירירט דורך דער צאַריסטישער רעגירונג. אין אַזעלכע טרויעריקע פאַרהעלטענישן איז יעדע אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט געוואָרן באַשווערט און אומעגלעך.

די ראַדיקאַלע ענדערונג אין יאָר 1914

די סיטואַציע האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט מיט דער דייטשער אָקופּאַציע סוף 1914, בעת דעם ערשטן וועלט־קריג. געוויס האָבן נאָך געהערשט אַ ריי פרייהייט־באַגרענעצונגען, דיקטירט דורך דעם קריגס־צושטאַנד. דאָך האָט מען זיך שוין געפילט פרייער אין געזעלשאַפטלעכן זין.

מיט דער דערלויבעניש פון דער לאָקאַלער אָקופּאַציע־מאַכט, האָט מען שוין געקאָנט אָפּהאַלטן פאַרזאַמלונגען, אַראַנזשירן פאַרשידענע פאַראַנשטאַלטונגען, געלט־זאַמלונגען און בכלל געזעלשאַפטלעך זיך אָרגאַניזירן.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז אַרויס פון איר באַהעלטעניש אין דער עפנטלעכקייט. עס איז גערופן געוואָרן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג. ס'איז געווילט געוואָרן אַ וועד, צו וועלכן עס האָבן געהערט: יעקב אהרן טושינסקי — יושב־ראש, מרדכי ביאַלעק (שפּעטער פאָרזיצער, נאָכן פריצייטיקן טויט פון טושינסקין), אברהם לעשטשינסקי, מאיר ראָזענטאַל (פאָרזיצער פון קרן־קימת־קאָמיטעט), גרשון גראַניצאַ, יעקב פישל מילעווסקי (געשטאָרבן אין יאָר 1917 אין דער טיפוס־עפּידעמיע).

דער ייִנגערער דור איז געווען פאַרטראָטן דורך אברהם וואָרטסקי, מלך קילבערט, שמחה רעכטמאַן און אַנדערע.

די גרינדונג פון „בית ספר עברי"

אַ באַזונדערע אויפלעבונג איז אַריינגעטראָטן נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע פון 2־טן נאָוועמבער 1916. די שטימונג האָט זיך אָן אַ שיעור געהויבן. גרויס געוויכט איז געלייגט געוואָרן אויף דער דערציאונג פון אונטערוואַקסנדיקן דור אינעם נאַציאָנאַל־מאָדערנעם גייסט. מ'האָט אויפסניי געגרינדעט אַ בית־ספר עברי. די שול, מאָדערן מעבלירט, אין אַ ריי ברחבותדיקע צימערן, האָט זיך געפונען אויף בראָוואַרנע 2. ס'זענען אַנגאַזשירט געוואָרן קוואַליפיצירטע לערערס פאַר עברית און אַנדערע קעגנשטאַנדן.

די שול האָט געהאַט גרויס דערפאָלג אין שטאָט. די ציוניסטן האָבן טאַקע געמעגט מיט איר שטאָלצירן. דאָס איז שוין נישט געווען קיין „חדר מתוקן", נאָר אַ בית־ספר אין אַ גאַנץ ברייטערן מאַסשטאַב. אין דעם זעלבן הויז איז אויך געווען דאָס זיצאָרט פון דער „אגודת הציונים". דאָ האָט זיך שטענדיק געטומלט און ס'איז גענומען געוואָרן שטעלונג לגבי אַלע כלל־ענינים, הן בנוגע ריין־ציוניסטישע אָנגעלעגנהייטן, הן בנוגע שטאָטישע און לאַנד־פּראָבלעמען, לויט דירעקטיוון פון ציוניסטישן צענטראַל־קאָמיטעט אין וואַרשע.

פון צייט צו צייט זענען אַראַנזשירט געוואָרן עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, פאָרלעזונגען און ליטעראַרישע אָוונטן.

מיט דער ווידער־אַנטשטייאונג פון דער פּוילישער מלוכה, נאָוועמבער 1918, האָט זיך ווידער געעפנט אַ נייע תקופה. אַ ברייט פעלד פאַר אַקטיווער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער טעטיקייט, אין וועלכער די ציוניסטן האָבן געשפּילט די הויפּט־ראָל.

לאָוויטשער הילפס-אַקציע פאַר די פּאָגראָם-קרבנות אין לעמבערג

אין די ערשטע וואָכן נאָך פּוילנס באַפרייאונג, איז מען געווען אַביסל צעמישט. עס זענען דערגאַנגען אָפּטע קלאַנגען, אַז דאָ

און דאָרט באַפאַלט מען יידן. עס האָט זיך אויך אין לאָוויטש באַמערקט ווייט נישט קיין פריינטלעכע באַציאונג מצד די פּאָליאַקן לגבי יידן. פאַרשיכורט פון דער פּלוצלינג צוריקגעוווּנענער זעלבשטענדיקייט נאָך אַזאַ לאַנגער קנעכטשאַפט, האָבן די פּאָליאַקן געפילט ווי אַ באַדערפעניש פּראַקטיש און ממשותדיק אויסצופּרוּוון זייער הערשאַפט, באַווייזן, אַז זיי זענען איצט די אדונים פון לאַנד, און ווי אַנדערש קאָן מען עס טאָן, ווען נישט אויף יידישע קעפּ?

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי עס איז אנגעקומען די ידיעה וועגן דעם פּאָגראָם אין לעמבערג (לוואָוו), וווּ עס זענען דערהרגעט געוואָרן צענדליקער יידן און באַרויבט געוואָרן אַ גרויסע צאָל יידישע געשעפטן.

די פּאָליאַקן, זייענדיק אין כּעס אויף די מזרח־גאַליצישע יידן פאַר זייער נייטראַלער שטעלונג לגבי דעם פּויליש־אוקראַינישן קאָנפליקט בנוגע דער שייכות פון מזרח־גאַליציע, האָבן זיי באַשולדיקט די יידן פשוט אין פאַראַט, דערפאַר, וואָס זיי העלפן כּלומרשט די אוקראַינער אין זייער קאַמף פאַר אָפּרייסן מזרח־גאַליציע פון פּוילן.

אַדאַנק דער איניציאַטיוו פון דער „אגודת הציונים" אין לאָוויטש, איז באַלד געשאַפן געוואָרן אַ הילפס־קאָמיטעט אונטער דעם פאָרזיץ פון אברהם ווארטסקי. אינעם קאָמיטעט זענען אַריין מערסטנטייל ציוניסטן און אויך מזרחיסטן, צווישן וועלכע עס איז געווען אַקטיוו שלמה פרענקל, אַ פאַרמעגלעכער סוחר און מזרחיסטישער טוער. אין לאָקאַל פון ציוניסטישן פאַראיין זענען כּמעט יעדן אָוונט פאָרגעקומען זיצונגען און גרעסערע פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע עס איז רעפערירט געוואָרן איבער די לעמבערגער געשעענישן און זייער באַדייט.

עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן, מיט אַ באַדייטנדיקן דערפאָלג אַ גרויסע געלט־זאַמלונג אין שטאָט לטובת די געליטענע. צום טאָג פון די שלושים איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אויפרוף צו דער יידישער באַפעלקערונג צו שליסן די געשעפטן און ווערקשטעלן און זיך צונויפקומען אין דער שול צו אַ טרויער־ און פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג.

די פאַרזאַמלונג איז ווירקלעך אויסגעפאַלן אימפּאָזאַנט און צאָלרייך. דער גאַנצער האַנדל און מלאכה אין שטאָט איז אָפּגעשטעלט געוואָרן אויף דער צייט פון דער פאַרזאַמלונג. נאָך די רעדעס מעניני דיומא און אל מלא רחמים נאָך די לעמבערגער קדושים, איז געזונגען געוואָרן די „התקוה".

דאָס ערשטע מאָל האָט דאָס יידישע לאָוויטש בייגעוווינט אַזאַ גראַנדיעזע אסיפה און בריש גלי, באַשיימפּערלעך אויסגעדריקט פּראָטעסט קעגן אַנטי־יידישע געוואַלט־טאַטן. און דאָס ערשטע מאָל איז אין דער שול געזונגען געוואָרן די „התקוה". אויך דאָס ערשטע מאָל געזאַמלט אַ באַדייטנדיקן סכום פאַר אַ נישט־לאָקאַלן צוועק און דאָס אַלץ אונטער דער ציוניסטיש־מזרחיסטישער לייטונג. אוודאי האָבן זיך אויך די אָרטאָדאָקסישע עלעמענטן אין דעם פאַל סאָלידאַריזירט מיט די ציונים, אָבער מער פּאַסיוו.

אויך אַנדערע פּאַרטייען האָבן דאַן אָנגעהויבן צו זיין טעטיק אין שטאָט, ווי די אגודת ישראל, מזרחי און די אַרבעטער־פּאַרטיי „פּועלי ציון". דאָך האָט זיך די אַלגעמיינע ציוניסטישע פּאַרטיי נישט געקוקט אויף דער נישט גרויסער צאָל מיטגלידער, ועשפּילט די וויכטיקסטע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע ראָל.

באַזונדערס איז די פּאַרטיי אַקטיוו געווען בעת די ערשטע שטאָט־ראַט־וואַלן (1919). גערופן זאָפּטע וואַל־מיטינגען, אויף וועלכע עס איז אויפגעקלערט געוואָרן דער אייגנטלעכער מהות פון מוניציפּאַלער טעטיקייט און אויפגאַבן. די פרעקווענץ איז ווירקלעך געווען גאָר אַ גרויסע. עס איז געלונגען דורכצופירן 8 יידישע מאַנדאַטן, דער מאַקסימום, וואָס מען האָט געקאָנט דערגרייכן. דערונטער: 3 ציונים און מזרחי, 3 פּועלי־ציון און 2 — אגודה.

אַדאַנק דער סאָלידאַריטעט פון דער יידישער פראַקציע, אונטער דער ציוניסטישער אָנפירונג, איז געוויילט געוואָרן אַלס בירגערמייסטער דער פּ.פּ.ס.ישער קאַנדידאַט ד"ר סטאַניסלאַווסקי. אַלס מאַגיסטראַט־לאַווניק (מיטגליד פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג) איז איינשטימיק דורך אַלע יידישע ראַטמענער געוויילט געוואָרן דער ציוניסט, אברהם ווארטסקי, וועלכער האָט איבערגענומען די לייטונג פון דער שטאָטישער פינאַנץ־ און בודזשעט־אָפּטיילונג.

נישט ווייניקער טעטיק זענען די ציוניסטן געווען בעת די סיים־ און סענאַט־וואַלן. אַדאַנק דער ספּעציעל־צוגעשניטענער וואַל־געאָגראַפיע, האָט דער לאָוויטשער וואַל־קרייז * נישט געהאַט די מינדעסטע מעגלעכקייט דורכצופירן אַ יידישן דעפּוטאַט. דאָך האָט מען אויפגעפאָדערט די יידישע באַפעלקערונג דעמאָנסטראַטיוו און סאָלידאַריש צו שטימען פאַר דער יידישער קאַנדידאַטן־ליסטע.

אין אַלע ציוניסטישע און כּלל־יידישע אָנגעלעגנהייטן, האָבן די ציונים געבילדעט אַן איינהייטלעכן פראָנט מיט די מזרחים, אין דער שפּיץ פון וועלכע עס זענען געשטאַנען שלמה פרענקעל (ביז זיין עליה קיין א"י), בן־ציון מיעדזיגורסקי, יעקב פישער, יוסף אַטלאַס און אין די שפּעטערע יאָרן — לייב ביאַלער.

די ערשטע קהילה־ראַט־וואַלן האָבן אַרויסגערופן אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכן אינטערעס ביי דער ציוניסטישער פּאַרטיי. דאָס ערשטע מאָל אַלגעמיינע, פּראָפּאָרציאָנעלע און באמת דעמאָקראַטישע וואַלן צו דער יידישער כּמו־אויטאָנאָמער פאַרוואַלטונג. די דאָזיקע וואַלן זענען אויך דורך די ציונים דורכגעפירט געוואָרן מיט אַ באַדייטנדיקן דערפאָלג. אַלס פּרעזעס פון קהילה־ראַט איז אויסגעוויילט געוואָרן משה זשעלעכאָווסקי, אַלס וויצע־פּרעזעס — דער שרייבער פון די שורות. ביידע איינשטימיק. אַלס פּרעזעס פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג — יעקב שעפּס (ציוניסט). שפּעטער, נאָך זיין צוריקטרעטן — אליעזר ברוך זיידע (אגודה). בעת דער צווייטער קאַדענץ איז איינשטימיק געוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון קהילה־ראַט, אברהם ווארטסקי, וואָס האָט פאַרנומען דעם אַמט ביז זיין עליה קיין ארץ־ישראל; וויצע־פאָרזיצער — יוסף אַטלאַס (מזרחי). פאָרזיצער פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג — איטשע אַדלער, וויצע — נח דאָמב (ביידע אגודה).

---

* צום לאָוויטשער וואַל־קרייז האָבן באַלאַנגט די פּאָוויאַטן לאָוויטש, קוטנאָ, גאָסטינין און סאָכאַטשעוו. דאָס זיץ־אָרט פון דער וואַל־קאָמיסיע איז געווען אין לאָוויטש. אגב, בין איך געווען דער איינציקער יידישער מיטגליד פון דער דאָזיקער קאָמיסיע.

דעפּיציט פון בית ספר עברי און דאָס צוואַנג־שול־וועזן

דערוויילן האָט די ציוניסטישע שול, דער בית־ספר עברי, געהאַט צו קעמפן מיט גרויסע פינאַנציעלע שוועריקייטן און מיט כסדר־וואַקסנדיקע דעפּיציטן. מיט דער איינפירונג אין פוילן פון אומזיסטע צוואַנג־שולן און דער גרינדונג פון באַזונדערע פאָלקס־שולן פאַר יידישע קינדער, די א.ג. „שאַבאַסוּווקעס", ווו שבת האָט מען נישט געלערנט און די לערערשאַפט איז באַשטאַנען פון לויטער יידן, האָבן די יידישע עלטערן אָנגעהויבן שיקן זייערע קינדער אין די דאָזיקע שולן. מען קאָן זיך קוים אָפּגעבן אַ חשבון וואָס פאַראַ קללה די דאָזיקע רעגירונג־פאָלקס־שולן זענען געווען פאַר דער יידישער נאַציאָנאַלער דערציאונג, באַזונדערס, אין די נישט־גרויסע פּראָווינץ־שטעט. עס זענען געמאַכט געוואָרן פאַרצווייפלטע באַמיאונגען צו פאַרזיכערן די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון דער ציוניסטישער שול. די לעצטע האָט אָבער נישט געקאָנט קאָנקורירן מיט דער אומזיסטער פאָלקס־שול און איז ענדלעך געווען געצוווּנגען זיך צו ליקווידירן **.

מער באַמיטלטע עלטערן האָבן פאַר זייערע קינדער, אַ טייל פון וועלכע זענען געווען שילער פון דער אָרטיקער רעגירונגס־גימנאַזיע, אַנגאַזשירט פּריוואַטע לערער פאַר עברית, תנ"ך א.אַ.וו. אַנדערע ווידער פלעגן שיקן די קינדער אין זייערע פרייע נאָכמי־טאָג־שעהן אין די עקזיסטירנדיקע חדרים פון אַלטן טראַדיציאָנעלן טיפּ.

דאָך איז די ציוניסטישע השפּעה ווייטער געבליבן זייער קענטיק אין שטאָט. מען קאָן גאַנץ דרייסט זאָגן, אַז יעדע געשעעניש אין דער יידישער וועלט און מכל שכן — אינעם לאָקאַלן מאַסשטאַב, האָט באַלד געפונען דעם לעבעדיקסטן אָפּקלאַנג ביי די חברים פון דער אגודת הציונים. פון דאַנען האָט געשטאַמט די איניציאַטיוו און אָנרעגונג צו יעדער נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכער אַקציע.

די ציוניסטישע אַרבעט האָט זיך דער עיקר אויסגעדריקט אין סיסטעמאַטישער פּראָפּאַגאַנדע, זאַמלען פאַר קרן־קיימת, קרן התרבות. זייער טיכטיק און מיט באַדייטנדיקן דערפאָלג פלעגט יעדעס יאָר, אַדאַנק אייניקע אָפּפערווילּיקע און איבערגעגעבענע חברים, ציונים און מזרחים, דורכגעפירט ווערן די קרן־היסוד־אַקציע. אַזוי ווירקלעך, אין דער הינזיכט, איז לאָוויטש נישט נאָר נישט געבליבן הינטערשטעליק, נאָר אפילו איבערגעשטיגן פיל ענלעכע פּראָווינץ־שטעט אין פוילן.

באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט איז געוואָרן געווידמעט דער יוגנט, פאַר וועלכער עס זענען געגרינדעט געוואָרן אָוונט־קורסן פאַר עברית, תנ"ך און יידישער געשיכטע.

חלוצישע באַוועגונג

אַ זייער ענערגישע חלוצישע טעטיקייט האָבן אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען צווישן זייערע חברים די עקזיסטירנדיקע ציוניסטישע יוגנטלעכע אָרגאַניזאַציעס און גרופּירונגען, ווי השומר הצעיר, גורדוניה, צעירי מזרחי, פּועלי־ציון און בית"ר. פיל זענען געגאַנגען אויף הכשרה. שפּעטער האָבן אַ צאָל יוגנטלעכע אָן אונטערשיד פון אידעאָלאָגישער איינשטעלונג, אָנגעהויבן עולה זיין און זיך אָנגעשלאָסן צו די אַנטשפּרעכנדיקע קיבוצים, אָדער געאַרבעט אין שטאָט אַלס פּועלים ביי בנין און שאָסייען.

דאָ דאַרף דערמאָנט ווערן דער ערשטער לאָוויטשער חלוץ. דאָס איז שלמה ליפּסקי (תמיר), וועלכער האָט נאָך אַלס יונגער שילער פון דער העברעאישער גימנאַזיע אין לאָדזש, וווהין זיין פאָטער האָט אים געשיקט לערנען, פאַרלאָזט זיין היים און עולה געווען אַלס חלוץ. ער איז אַריינגעטראָטן אין גדוד העבודה. געווען איינער פון די גרינדער פון באַקאַנטן קיבוץ תל־יוסף, ווו ער מיט זיין פאַמיליע לעבן ביז דעם היינטיקן טאָג. ער האָט אויך אויסגעפירט אַ ריי שליחותן אין דער הגנה און אין חוץ־לארץ. ער איז ביז היינטיקן טאָג זייער אַקטיוו געזעלשאַפטלעך. ער האָט אויך שפּעטער אַריבערגענומען קיין ארץ־ישראל זיינע עלטערן מיטן גאַנצן הויזגעזינד.

די גראַבסקי־תקופה

די „גראַבסקי־עליה" האָט אויך לאָוויטש נישט אויסגעמיטן. אַ געוויסע צאָל ציונים, מזרחים און אויך סתם יידן, האָבן געפּרוּווט זייער מזל אין ארץ־ישראל. אָבער ליידער נישט געפינענדיק קיין עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן פאַר זיך און פאַר זייערע אין לאָוויטש איבערגעבליבענע משפחות, האָבן זיך געזען געצוווּנגען מיט אַ שווער האַרץ צוריקצוקערן אַהיים, און אויפסניי זיך נעמען צו זייערע פריערדיקע פּרנסות. מען פלעגט זיך צו די דאָזיקע יורדים באַציען מיט אַ געוויסער צוריקגעהאַלטנקייט, און טיילמאָל אפילו מיט פאַראַכטונג.

די דערעפענונג פון אוניווערסיטעט אויפן הר הצופים אין ירושלים, איז אויך אין לאָוויטש אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס ענטוזיאַזם. די ציונים האָבן איינגעאָרדנט אין דער שול אַן אימפּאָזאַנטע פאַרזאַמלונג, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, איינגעשלאָסן די אגודת ישראל. נאָך די געהעריקע תפילות און דער דרשה פון הרב אברהם קאַלבע, האָבן גערעדט פאָרשטייער פון די ציונים און מזרחי. די פייערונג איז פאַרענדיקט געוואָרן מיטן זינגען פון „התקווה". נאָכן אָוונט איז פאָרגעקומען אין „האָטעל קראַקאָווסקי" אַ פייערלעכע אַקאַדעמיע, אָראַנזשירט פון די ציונים צוזאַמען מיט דער ציוניסטישער יוגנט.

*

די בלוטיקע געשעענישן אין ארץ־ישראל, זומער 1929, האָבן טיף דערשיטערט און איינגעהילט אין טרויער די גאַנצע שטאָט. די ציונים צוזאַמען מיט די מזרחים האָבן באַלד רעאַגירט מיטן רופן אַ פאַרזאַמלונג אין דער שול, אין וועלכער כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג האָט זיך באַטייליקט.

נאָך די אַנטשפּרעכנדיקע רעדעס און אזכרה, זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן טעלעגראַמעס: אַ שאַרפער פּראָטעסט צו דער מאַנדאַט־מאַכט און מיטגעפיל־אויסדרוקן און דערמוטערונג־אויסדרוקן צום ועד הלאומי אין ירושלים. אין שטאָט איז דורכגעפירט געוואָרן אַ באַדייטנדיקע געלט־זאַמלונג לטובת די געליטענע.

** שפּעטער, בעת דער רעאַקציאָנערער, אַנטיסעמיטישער סאַנאַציע־הערשאַפט, איז אַ טייל פונעם לערער־פּערסאָנאַל מיט דעם יידישן דירעקטאָר אין דער שפּיץ, פאַרביטן געוואָרן אויף פוילישע לערער און דירעקטאָר.

צו יענער צייט האָבן געהערט צום ועד פון דער אגודת הציו־נים: אברהם וואַרטסקי (פאָרזיצער), מרדכי ביאַלעק, גרשון גראַ־ניצאַ, יעקב ליפשיץ, חיים ראָזענטאַל, יצחק גרשון ליפּסקי און שפּעטער אויך ד״ר יצחק יאַקובאָווסקי.

עס זענען אויך פון צייט צו צייט אָרגאַניזירט געוואָרן גרע־סערע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע עס האָבן רעפערירט צט. אנה. פאַרשטייער פון צענטראַל־קאָמיטעט אין וואַרשע, ווי ד״ר גאָטליב, י. העפּטמאַן, ד״ר שיפּער, גראַוויצקי און אַנדערע.

נאָך דער שפּאַלטונג אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין שייכות — דער עיקר — מיט דער שטעלונג לגבי דער הסתדרות (די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע) אין ארץ־ישראל, אויף אַ מער ראַ־דיקאַלער גרופּע „על המשמר״, אונטער דער אָנפירונג פון יצחק גרינבוים, און אויף „עת לבנות״, מיט לעוויטע בראש, האָט זיך די אגודת הציונים אין לאָוויטש דערקלערט אַלס „על המשמר״.

עס איז כדאי צו דערמאָנען די גראַנדיעזע פאָלקס־פאַרזאַמ־לונג אין טעאַטער־זאַל „עאָס״ אין צוזאַמענהאַנג מיט גרינבוימס באַזוך אין לאָוויטש און זיין רעפעראַט, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן מיט אויסערגעוויינלעכער באַגייסטערונג.

אויפן באַנקעט, וואָס איז דערנאָך פאָרגעקומען מיט דער באַטייליקונג אויך פון מזרחי־דעלעגאַטן, האָבן די אָנטיילנעמער זיך פאַרפליכטעט צו באַדייטנדיקע באַשטייערונגען לטובת דעם קרן־היסוד.

אויך די מזרחי־פּאַרטיי איז דאָן געווען זייער טעטיק. די הויפּט־טוער זענען געווען: בן־ציון מיעדזיגורסקי, לייבל ביאַלער, יעקב פישער, יוסף אַטלאַס און אַנדערע. אין פאַרטיי־ענינים האָט באַזוכט לאָוויטש דער באַקאַנטער מזרחי־פירער, הרב פישמאַן־מיימון פון ארץ־ישראל, שפּעטערדיקער רעליגיע־מיניסטער אין ישראל. ער האָט געוויילט עטלעכע טעג ביי לייבל ביאַלער און אַנוועזנד געווען אויף דער בר־מצווה פון זיין זון.

נאָך דעם 18־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין פראַג, אין וועלכן ה׳ לייבל ביאַלער האָט זיך אויך באַטייליקט אַלס מזרחי־דעלעגאַט, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ גרויסער פאָלקס־מיטינג אין זאַל „עאָס״, ווו עס האָבן רעפערירט איבער דעם קאָנגרעס ה׳ ביאַלער און דער דעמאָלטיקער פּרעזידענט פון דער וועלט־אָרגאַניזאַציע „מזרחי״ און צוגלייך סיים־דעפּוטאַט, הרב שמואל בראָט, דאַן רב אין טאָ־מאַשאָוו־מאַזאָוויעצקי און שפּעטער אין אַנטווערפּן *.

בירגערמייסטער מקבל־פנים זאב זשאַבאָטינסקי

עס דאַרף דאָ אויך דערמאָנט ווערן דער באַזוך פון זאב זשאַבאָטינסקי אין לאָוויטש. ער איז איינגעלאַדן גע־וואָרן דורך דער אָרטיקער יוגנט־אָרגאַניזאַציע בית״ר. דאָס איז געווען אין יאָר 1932, יעדנפאַלס, נאָך זיין אַרויסטריט פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער פּאַרטיי. ער האָט דאַן געמאַכט אַ טורנע איבער פוילן און איבעראַל אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס כבוד. אויך די פוילישע סאַנאַציע־רעגירונג האָט זיך באַצויגן צו אים מיט אויסדריקלעכער סימפּאַטיע, ווייל ער האָט געפּרעדיקט יידישע מאַסן־עוואַקואַציע פון פוילן קיין פּאַלעסטינע.

ביי דער באַן־סטאַציע האָט אים אָפּגעוואַרט אַ גענוג גרויסער עולם מיט דער בית״ר־יוגנט בראש, אין זייערע מונדירן, און איז ביי זיין אָנקום אויפגענומען געוואָרן מיט מיליטערישן פּאַראַד.

דער מאַגיסטראַט האָט צוגעשיקט צו דער באַן די שטאָטישע קאַרעטע, וואָס האָט אים צוגעפירט צום „האָטעל קראַקאָווסקי״, ווו ער איז איינגעשטאַנען.

דער בירגערמייסטער מיכאַלסקי, אין זיין גאַלאַ־קליידונג, מיט די מעדאַלן אויף זיין ברוסט („פּאָלאָניאַ רעסטיטוטאַ״ און „מעדאַל ניעפּאָדלעגלאָשטשי״), אין דער באַגלייטונג פון לאַווניק וואַהאַטסקי, האָט אים אָפּגעשטאַט אַ העפלעכקייט־וויזיט אין האָטעל און אים באַגריסט אין נאָמען פון דער שטאָט **. אַ ביסל אַ משונהדיקן רושם האָט אויף מיר געמאַכט, וואָס ביי דער טיר זענען געשטאַ־נען אויף דער וואַך צוויי מונדירטע בית״ריסטן און ביים אַריינגאַנג אונדז באַגריסט אויף אַ מיליטערישן שטייגער.

אין אָוונט איז פאָרגעקומען אין טעאַטער־זאַל „עאָס״ אַ גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונג ביי אַ פולגעפּאַקטן זאַל. איך האָב געעפנט די פאַרזאַמלונג און אין מיין אַמט אַלס פאָרזיצער פון קהי־לה־ראַט, אים באַגריסט אין נאָמען פון דער לאָוויטשער קהילה (אָבער נישט אין נאָמען פון ציוניסטישן פאַראיין). זשאַבאָטינסקי האָט דאַן געהאַלטן אַ פלאַם־פייערדיקע רעדע און פשוט פאַר־כישופט דעם עולם, וואָס האָט אים באַשאָנקען מיט אומאויפהער־לעכע אַפּלאָדיסמענטן און אָוואַציעס, טראָץ דעם, וואָס נישט אַלע, פאַרשטייט זיך, זענען געווען איינשטימיק מיט זיינע אויספירן. נאָך דער פאַרזאַמלונג איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ באַנקעט לכבוד דעם גאַסט אין דער וווינונג פון ד״ר יאַקובאָווסקי, מיט דער באַ־טייליקונג, דער עיקר, פון ציוניסטן און מזרחי. (די רעוויזיאָניסטן אין לאָוויטש זענען באַשטאַנען פון לויטער יוגנטלעכע).

(דער אויפקום פון היטלעריסטישן רעזשים אין דייטשלאַנד און די אַנטי־יידישע עקסצעסן דאָרט, און זייער דערשיטערנדיקער אָפּקלאַנג ביי דער יידישער באַפעלקערונג אין לאָוויטש, ווערט דורך אונדז געשילדערט אויף אַ באַזונדער אָרט אין איינעם פון די קאַפּיטלען „די יידישע קהילה אין לאָוויטש״).

מיט דער צייט האָט דער ציוניזם דאָך געשלאָגן טיפערע וואָרצלען אינעם באַוווסטזיין פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכ־קייט. דאָך איז לכלל מעשה והגשמה נישט געקומען. נאָר אַ גע־וויסער טייל פון דער ציוניסטישער יוגנט האָט אויסגעוואַנדערט קיין א״י, באַקעמפנדיק מיט אַלע מעגלעכע מיטלען די הערשנדיקע עליה־באַגרענעצונגען.

די עלטערע יידן: סוחרים, האַנטווערקער, האָבן, נישט גע־קוקט אויף דער רשעותדיקער באָיקאָט־אַקציע, דיסקרימינאַציעס און גזרות מצד די פוילישע מאַכטהאָבער, נישט גרייטוויליק געווען, אָדער נישט געהאַט די מעגלעכקייטן, אויסצוּוואַנדערן און עולה זיין, האָבנדיק פאַר זיך דעם טרויעריקן ביישפּיל פון דער „גראַב־סקי־עליה״. נישט יעדער איז גרייט געווען צו שטעלן אין סכנה זיינע ביז־איצטיקע, כאָטש בדוחקדיקע פּרנסות און לעבנס־שטייגער, בפרט אַז די ווירטשאַפטלעכע לאַגע אין א״י איז ווייט נישט געווען גלענצנדיק און צוזאָגעוודיק.

---

* אגב, האָט ער געשטאַמט פון לאָוויטש. געווען אַ ברודערס־זון פון זיינער צייט באַקאַנטן ראש־הקהל, שמואל בראָט.

** די פּאָליאַקן אין שטאָט האָבן דעם בירגערמייסטער מיכאַלסקי שפּעטער פאַרגעוואָרפן פאַר זיין גיין מקבל־פנים זיין דעם „זשידאָווסקי קרול״ (דעם יידישן מלך).

דער ערשטער איז געװען דער מזרחי־עסקן, שלמה פרענקעל, װעלכער האָט ליקװידירט זײַנע געשעפטן אין לאָדזש און זײַן הױז־באַזיץ אין לאָװיטש און עולה געװען מיט זײַן פאַמיליע, געקױפט אַ פּרדס און זיך באַזעצט אין ראשון־לציון.

אין יאָר 1934 איז געקומען פון א״י שלמה ליפּסקי, דער עלטערער זון פון יצחק־גרשון ליפּסקי, און נאָך אַ קורצן באַזוך בײַ זײַנע עלטערן, אַריבערגעפירט אַהין די גאַנצע פאַמיליע: פאָטער, מוטער, ברידער און שװעסטער (10 פּערזאָן).

זײ האָבן תחילת געװױנט אין תל־אביב, און נאָך דעם פריצײַטיקן טױט פון זײער פאָטער — איבערגעגאַנגען אין קיבוץ תל־יוסף, װוּ אַ גרױסער טײל פון זײ זענען ביז הײַנטיקן טאָג, אַקטיװע חברים, און האָבן נישט װײניק געלײסטעט פאַר דער װירטשאַפטלעכער און גײַסטיקער אַנטװיקלונג פון זײער קיבוץ.

קורץ דערנאָך איז אויך עולה געװען איזשיניער משה אהרן ביאַלעק (זון פון מרדכי ביאַלעק) מיט זײַן פרוי און געװען אָנגעשטעלט אין חיפה ביז זײַן טױט אין יאָר 1963, אין דער עלעקטריציטעט־געזעלשאַפט (חברת החשמל).

שפּעטער איז אויך אָנגעקומען ר׳ אברהם פרענקעל ז״ל, מיט זײַן פרוי, צו זײערע זין, װעלכע זענען נאָך פריער געקומען, און ער איז אײַנגעלאַדן געװאָרן אַלס שוחט אין מושב מנחמיה.

צולעצט איז אויך בײַם שרײַבער פון די דאָזיקע שורות רײַף געװאָרן דער באַשלוס צו פאַרלאָזן לאָװיטש און צוזאַמען מיט דער פאַמיליע איבערװאַנדערן קײן ארץ־ישראל.

מחמת די עליה־באַגרענעצונגען (דער עיקר פאַר דעם מיטלשטאַנד), איז די זאַך געװען כמעט אוממעגלעך. אויף מײַן װענדונג צו גרינבוימען, װעלכער איז שױן דאַן געװען אין ארץ־ישראל און געשטאַנען בראש פון דער מחלקת העליה פון דער סוכנות, האָב איך באַקומען אײנעם פון די גאַנץ־װײניקע סערטיפיקאַטן, װאָס עס איז דער סוכנות געלונגען צו באַקומען פון דער בריטישער מאַנדאַטן־מאַכט, ספּעציעל פאַר עסקנים ציונים ותיקים.

אין סעפּטעמבער 1935 בין איך, צוזאַמען מיט מײַן פרוי און קינדער, אַרױסגעפאָרן קײן א״י, זיך באַזעצט אין חיפה און נאָך אײניקע מאָנאַטן באַקומען אַ שטעלע אין דער מחלקת החשבונות פון דער חברת החשמל.

✶

װי עס איז צו זען פון די דאָזיקע בלעטלעך, האָבן אויך די לאָװיטשער ציוניסטן קײנמאָל נישט פאַרלױרן זײער גלױבן און האָפענונג אויף דער ענדגילטיקער פאַרװירקלעכונג פון דעם ציוניסטישן אידעאַל. זײ האָבן תמיד און אונטער אַלע אומשטענדן טרײַ און הויך געהאַלטן די בלױ־װײַסע פאָן.

װײניק, זײער װײניק האָבן זוכה געװען צו זען מיט זײערע אײגענע אויגן די פאַרװירקלעכונג פון זײער לעבנס־טרױם און האָפענונגען — די אַנטשטײאונג פון אַ פרײַער ײדישער מדינה אין ארץ־ישראל.

זאָלן װײניקסטנס די דאָזיקע שורות דינען אַלס דענקמאָל פאַר יענע טרײַע, פאַרדינסטפולע אידעאַליסטישע ציון־טרױמער.

צום סוף װיל איך נאָך אונטערשטרײַכן, אַז אויך די קעגנער, כאָטש זײ האָבן געבלאָנדזשעט און געלעבט אין טעות, זענען זײ דאָך געװען תמימותדיק איבערצײַגט, אַז זײער דרך איז דער ריכטיקער פאַר דער דערהאַלטונג און גאַנצקײט פון ײדישן פאָלק און פון כלל־ישראל. יהי גם זכרם ברוך.

חיפה, דעצעמבער, 1963.

אָרגאַניזאַטאָרן פון ק.ק.ל.־באַזאַר (1933). פון רעכטס צו לינקס, שטײען: יאַנקל ליפּשיץ, רענה בענדער, רחל זײדע, באַלטשע לעװקאָװיטש (אַ דעלעגאַט פון װאַרשע), פ. מאַרקאָװיטש. 2־טע רײ: מרים באַום, שײנערבקה לעװין, פּרל. רחל פישער, סימע פינקלשטײן, הענעך טאַוב, לאה טאַוב. עס זיצן: פרוי שפּײזהענדלער, פרוי בראַנד, חיה לעװקאָװיטש פרוי שאַפּירא, רחל שידלאָ (לעװין), פרוי רעכענסמאַן.

פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־באַוועגונג

דערציילט פון יוסף ווישאַגראַדזקי

איך וועל זיך באַמיען צו דערציילן בצמצום וועגן די פּאָליטישע אומוואַנדלונגען און פּאַרטיי־שפּאַלטונגען, וואָס די באַוועגונג האָט דורכגעמאַכט אויפן שטח פון אונדזער שטאָט, אַזוי ווי איך געדענק דאָס פון עלטער פון אַ 14־יאָריק לערן־ייִנגל, ווען מיין קוק אויף סאָציאַלע פּראָבלעמען איז ווייט נישט געווען באַגרייפבאַר.

יוסף ווישאַגראַדזקי

אויסער דעם חדר און מיין אָרעמער היים, האָב איך נאָכגישט געהאַט דורכגעמאַכט די שול פון זעלבסט־בילדונג, וואָס די גאַנצע שאַפטלעכע אַרבעט האָט מיר אין די שפּעטערע יאָרן געגעבן. די צייט איז געווען אַ נעפּלדיקע, ווייל די דרויסנדיקע וועלט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן געשטאַלטיקן פון די חורבות פון דעם ערשטן וועלט־קריג. און אַרום, אויף די גאַסן, האָט געווימלט מיט דער סאָלדאַטסטווע פון דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט. אין יענע טעג, 1915, בין איך אָנגעקומען אין דער לער צו אַ שניידער, צו אברהם מענדל מאַרקאָוויטש, וועלכער האָט געשמט אין שטאָט אַלס ערשטקלאַסיקער שניידער. דער הויפּט־געזעלן איז געווען פישל ראָטשטיין, אַגב זייער אַ באַוווסטזיניקער אַרבעטער און שפּעטערדיקער פּראָפעסיאָנעלער טוער (היינט אין אַרגענטינע).

דער גורל האָט געוואָלט, אַז גלייך פון מיינע פריעסטע יאָרן זאָל מען מיך איינשפּאַנען אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

מיטן הסכם פון מיין פאָטער ז״ל, האָט פישל ראָטשטיין איבערגענומען די השגחה פון מיין דערציאונג, סיי פון לערנען מיך דאָס פאַך.

דעם ערשטן אָרגאַניזירטן שטרייק פון נאָדל־פאַך אין לאָוויטש געדענק איך, אַזוי ווי עס וואָלט היינט געווען. דאָס איז געווען סוף 1916. די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין אונדזער וווינונג, מיט דער איינשטימונג פון מיינע עלטערן. און מיר, דעם יוגנטלעכן, האָט מען אָנפאַרטרויט די וויכטיקע „מיסיע" פון פונאַנדערטראָגן די „פאָדערונגען" וועגן שטרייק צו די שניידער־באַלעבאַטים, וואָס דער רוב פון זיי זענען אַליין געווען גרויסע קבצנים. די אַרויסגעשטעלטע פאָדערונגען האָבן געהאַט צוויי הויפּט־פּונקטן, דהיינו: א. אַ מער מענטשלעכע באַציאונג צו די אַרבעטער, און ב. אַ 10־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג.

כ׳וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם עפּיזאָד, וואָס מיר איז אויסגעקומען איבערצולעבן, בעת איך בין אַריינגעקומען צו שלום פיאַנטקער (קרופּא) מיט דעם פאָדערונגס־צעטל. ער האָט אַ קוק געטאָן אין פּאַפּירל, אַ שמייכל געטאָן און גלעטנדיק זיך דאָס קורצע בערדל, מיך געפרעגט:

— וווּס ווילט עך?

אין דער ערשטער רגע בין איך געבליבן שטיין אַ געפּלעפטער פון דער פראַגע, וואָס איז מיר, דעם „שליח" וועגן שטרייק, פּלוצלינג געשטעלט געוואָרן, און אויף וועלכער איך בין נישט צוגעגרייט געוואָרן צו ענטפערן. אָבער מיין ייִנגלשער באַוווסטזיין האָט מיר אונטערגעזאָגט: „וואָס מיר ווילן, ווייס איך נישט... אָבער אַזוי ווייטער קאָן עס נישט גיין!".

שלום פיאַנטקער האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט מיין נאַיוון ענטפער און האָט אַריינגערופן אַלע געזעלן פון שניידער־וואַרשטאַט אין גרויסן צימער, און אויף מיין חשבון געמאַכט שפּאַס. די געזעלן זענען ס׳רוב געווען באַלעבאַטישע מענטשן, אָן פּאָליטישן חוש פאַר אַזעלכע ענינים, ווי קאַמף פאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען, ווייל די צייט איז נאָכנישט רייף געווען דערפאַר אין די קליינע שטעט אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע.

די געזעלן זענען געווען: אַן עלטערער ייִד, מרדכי גולער, אברהם קוטשער (האָדעס), הערש גאָלדבערג, מיין קוזין לייבל ווישאָגראָדזקי און מיין אייגענער עלטערער ברודער לייבל.

די דאָזיקע סצענע ביי שלום פיאַנטקער אין וואַרשטאַט, ווו חברה שניידער־געזעלן האָבן געפּרוווט אָפּחוזקן פון מיר, דעם שליח אין זייערע אייגענע אינטערעסן, האָט געהאַט אויף מיר, דעם 15־יאָריקן בחור, אַ פאַרקערטע ווירקונג. די עוולה האָט אין מיר געוועקט באַוווסטזיין צו קעמפן קעגן באַליידיקונגען.

דער דאָזיקער ערשטער שניידער־שטרייק איז געווען אַ געוווּנענער.

די באַלעבאַטים האָבן ביי די פאַרהאַנדלונגען צוגעזאָגט צו רעספּעקטירן די אַרויסגערוקטע 2 פאָדערונגען, וואָס זענען אָבער, אין דערווירקלעכקייט, געבליבן הוילע צוזאָגן און קיינמאָל נישט אויסגעפירט געוואָרן אין לעבן.

איך האָב געלערנט דאָס פאַך, אָנגעהויבן גלייכצייטיק לייענען ביכלעך און די ערשטע אַרבעטער־אויסגאַבעס. און אונטער דער השפּעה פון דער דעמאָלטיקער פּועלי־ציון, האָב איך געמאַכט אַ וועזנטלעכן פּראָגרעס אין מיין אַנטוויקלונג.

פישל ראָטשטיין האָט מיך געמאַכט פאַר זיין פּערזענלעכן „קוריער" אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. ער האָט מיר אויך אָנגעטרויט די אויפגאַבע פון „פּרעסע־קאָמיסאַר" פון דער פּ.־צ.־יוגנט־אויסגאַבע „דער יוגנט־וועקער", האָבנדיק אַרום זיך חברים ווי חיים העלמאַן, בונם מאַנישעוויטש, מאכל ווינקלער, זלמן שנאַפּס, משה שמעלץ און אַנדערע.

אין שפּיץ פון זיי איז געשטאַנען שלמה קאַפּער (היינט אין אַרגענטינע), אַלס פאָרזיצער, און יאָסל בוקשטיין — סעקרעטאַר.

צו יענער צייט האָט אין בראַמס זייגערמאַכער־געשעפט געאַרבעט אַלס געזעלן אַ געוויסער פריידענרייך פון וואַרשע, אַ בונדיסט. אים האָט זיך איינגעגעבן צו באַווירקן אַ פּאָר יוגנטלעכע. זיי זאָלן צוהעלפן צו אַ שפּאַלטונג אין דער יונגער פּ.־צ.־פּאַרטיי, און שאַפן אין לאָוויטש אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט".

דאָס לעצטע האָט זיך פריידענרייכן איינגעגעבן, אָבער די

בונדישע יוגנט־גרופּע האָט קיין אריכת־ימים נישט געהאַט און אין אַ קורצער צייט אַרום זיך געמוזט ליקווידירן.

די בונדישע יוגנט־גרופּע האָט זיך קאָנצענטרירט אין דער וווינונג פון שפּעטער־באַוווסטן פּראָוואָקאַטאָר יעקל דיאַמאַנט, אַ זייגערמאַכער, אַן אָפּשטאַמיקער פון סטריקאָוו, וואָס האָט געהאַט זיין זייגערמאַכער־וואַרשטאַט ביי שטשערבן אין געוועלב.

די קליינע בונדישע גרופּע אין לאָוויטש איז, אגב, דעמאָלט אָנגעפירט געוואָרן פון עטלעכע באַוווסטזיניקע טוער, ווי ליבעס־קינד, בערמאַן, אבנר און י. מ. זילבערבערג.

די לעצטע האָבן אויך געשאַפן אַ פיקטיוון נאָדל־פאַריין און אַלס פונקציאָנאַר איז באַשטימט געוואָרן דער זייגערמאַכער פריידענרייך. די דאָזיקע פיקציע, וואָס האָט געצילט צו פאַרכאַפּן די אַרבעטער פון דער נאָדל־בראַנזשע, האָט דערפירט צו אַ שטורמישער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, צו וועלכער עס איז אַראָפּגעקומען אַ שליח פון דעם בונדישן נאָדל־פאַריין אין וואַרשע, י. צעלעמאַנסקי.

ווען דער פּועלי־ציון־טוער, פּייוול קליינבאַרד, האָט צעלעמאַנסקין געשטעלט די דירעקטע פראַגע: צי ס'איז לעגאַל און פּאָליטיש ריין אַזאַ פיקציע, אַז אַ זייגערמאַכער און אַ שטעפּער זאָלן אָנפירן מיט אַ נאָדל־פאַריין, האָט דער בונדישער שליח געענטפערט: „מיר זענען נישט קיין מיטגלידער פון לאָוויטשער נאָדל־פאַריין, נאָר מיטגלידער פון דער לאַנד־צענטראַלע".

דער דאָזיקער פאַרשטעלטער ענטפער האָט אָבער נישט באַפרידיקט די פאַרזאַמלטע און די פאַרזאַמלונג איז איבערגעריסן געוואָרן, ביז ס'וועט קומען אַ דעציזיע פון וואַרשע.

נאָך אַ סעריע בריוו־אויסטוישן און לאָקאַלע צאַנקערייען, איז לסוף, אַ חודש שפּעטער, פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די א. ג. ביידע נאָדל־פאַריינען אין שטאָט, וואָס האָט אויסגעוויילט אַ נייע פאַרוואַלטונג מיט פּייוול קליינבאַרט אַלס פאָרזיצער.

דער „בונד" האָט אָבער נישט גערוט און נאָכן דורכפאַל, זיך באַמיט מיט אַלע מיטלען צו שאַפן אויפן שטח פון לאָוויטש זיינע אָרגאַניזאַציע, און פאַר דעם צוועק גערופן אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, צו וועלכער עס איז אַראָפּגעקומען דער בונדישער פאָרשטייער פון וולאָצלאַוועק, ח' אבע.

די קליינע בונדישע גרופּע האָט אָבער נישט געקאָנט גרופּירן אַרום זיך קיין מיטגלידער, ווייל די פּועלי־ציון האָט אַקטיוו קעגנגעווירקט און די בונדישע גרופּע האָט נישט געקאָנט עקזיסטירן.

אין 1917 האָט, אונטער דער השפּעה פון פּועלי־ציון, דער נאָדל־פאַריין פאַרכאַפּט די וויכטיקע אינסטיטוציע אין שטאָט, — דאָס „פאָלקס־הויז" מיט דער ביבליאָטעק.

שוין דעמאָלט האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן די ערשטע „בלימלעך" פון די רויטע אין „פאָלקס־הויז". אין דער שפּיץ מיט יעקל שיינבערג, קראַוויעץ (אַ סטאָלער), וואָס איז געהאַט צוריקגעקומען פון קריגס־געפאַנגענשאַפט, און איינעם וואַרשאַוויאַק, אַ געקומענעם פון רוסלאַנד.

דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין אין לאָוויטש האָט דעמאָלט געהאַט דורכגעפירט עטלעכע דערפאָלגרייכע שטרייקן און די באַוועגונג האָט זיך צעבליט צו אַ גאָר הויכער מדרגה. דער דאָזיקער מצב האָט אָנגעהאַלטן ביז דער אַנטוואָפענונג פון דייטשן אָקופּאַנט, אין נאָוועמבער 1918.

באַלד נאָך דער אַנטשטייאונג פון אַן אומאָפּהענגיק פּוילן, איז אין „פאָלקס־הויז" פאָרגעקומען אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג פון יידן און קריסטן צוזאַמען, כדי אַרומצורעדן די ניי־געשאַפענע לאַגע פון נייעם פוילן. אין דער היץ פון דער דעבאַטע האָבן זיך מצד פּאָליאַקן געהערט אַזעלכע סתירותדיקע לאָזונגען: „זאָל לעבן די רעגענץ־רעגירונג מיט פּאַדאַרעווסקין!" — „זאָל לעבן אַ פאָלקס־פּוילן!".

אין די ערשטע חדשים פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט האָט די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־באַוועגונג געמאַכט גרויס פאָרשריט.

אַ קורצע צייט שפּעטער איז געשאַפן געוואָרן אַ פאַריין פון ווירטשאַפטס־אָנגעשטעלטע (דינסטמיידלעך). זייער פונקציאָנאַר איז געווען ידידיה ראַדזינסקי — א שטובן־מאָלער; פאָרזיצערין — חוה קאָטשינסקא (דעם ביילעווער בעקערס טאָכטער).

שפּעטער איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ לעדער־פאַריין. דער לעצטער איז געווען אונטער דער השפּעה פון די רויטע. דאָן פאָלגט נאָך דאָס שאַפן פון בעקער־פאַריין, אין וועלכן די מיטגלידערשאַפט איז געווען אַ געמישטע — יידן און קריסטן. זייער פאָרזיצער איז געווען סטאַשעק יעזשמאַנאָווסקי (אַ פּאָליאַק) און וויצע־פאָרזיצער — מענדל ליפּסקי.

צום סוף איז געשאַפן געוואָרן אַ פליישער־פאַריין (אַ פיליע פון קוטנע, באַזירט אויף דעם לעצטנס סטאַטוטן). זיין פאָרזיצער איז געווען ברוך צינגלער און סעקרעטאַר — יעקל אמשינאָווסקי.

די אַלע אויבן־אויסגערעכנטע פאַריינען האָבן געשאַפן אַ צענטראַלע ביוראָ אין לאָוויטש, מיט אייגענע סטאַטוטן.

פאָרזיצער פון דער צענטראַלער ביוראָ איז געווען דער פּאָליאַק זיגמונט פּאַיאַק.

אויב איך קאָן זיך פאַרלאָזן אויף מיין זכרון, איז אין 1921 פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון די ווירטשאַפטס־אָנגעשטעלטע, וואָס האָט זיך געפונען אין קריפּלס הויז, פּאָדזשעטשנאַ גאַס (אויפן צווייטן שטאָק), די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אויף דער יידישער גאַס אין לאָוויטש. די פאַרזאַמלונג איז, פאַרשטענדלעך, געווען אַ העכסט־קאָנספּיראַטיווע און מיט דער באַטייליקונג פון אַ פרעמדן גאַסט, אַ געוויסן „מיכאל".

צו דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג האָט מען אויך איינגעלאַדן געסט, ווי יזכה קאָהן, יצחק מיעדזינסקי, משה־חיים ליסער, ברוך צינגלער און מיך אַלס יוגנטלעכן. דער איניציאַטאָר פון דער דאָזיקער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז געווען יעקל שיינבערג.

יזכה קאָהן האָט דעמאָלט דעם גאַסט־רעדנער געשטעלט אַ ספּעציפיש־יידישע פראַגע, אויף וועלכער עס איז געקומען דער קאָמפּראָמיסלאָזער ענטפער: „נישטאָ קיין לאַנד, וואָס זאָל הייסן יידיש, דעריבער דאַרפן מיר זיין די ליקווידאַטאָרן"...

דער דאָזיקער דירעקטער און שאַרפער זאָג פון גאַסט־רעדנער, האָט זייער דערדריקנדיק געווירקט אויף די פאַרזאַמלטע און אַלעמען צעטומלט. דאָס האָט לסוף דערפירט צו אַן אויפלייז פון דער פאַרזאַמלונג, און נישט געקוקט דערויף, וואָס די מערהייט האָט פאַרלאָזט דעם לאָקאַל, איז דאָך געגרינדעט געוואָרן אַ יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, אונטערן פאָרזיץ פון יאַנקל שיינבערג.

די ערשטע פּוילישע רעגירונג — אַ פּ.פּ.ס.ישע, בראָש מיט דאַשינסקין, איז געווען אַ ליבעראַלע. די רעגירונגס־געזעצן וועגן אַן 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג און אַנדערע ספּעציעלע פאַרזיכערונגען, זענען אָבער אין לאָוויטש קיינמאָל נישט איינגעפירט געוואָרן

אין לעבן. אַלס פּועל־יוצא פון דאָזיקן מעמד, האָט דאָס דערפירט צו אַ ריי ווייטערדיקע שטרייקן, כדי אויסצוקעמפן די געזעצלעך־פאָרגעשריבענע סאָציאַלע פאַרזיכערונגען.

נאָך איינעם אַזאַ שטרייק האָב איך געטוישט מיין אַרבעטס־פּלאַץ און בין אנגעקומען אַרבעטן ביי יצחק גאָטליב.

אין דער זעלבער תקופה, 1922, קומט צו אַ וועזנטלעכן איבערברוך אין דער טעטיקייט פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, צוליב דער אויסוואַנדערונג פון אַ גרויסן טייל פון די שפּיצן־פירער.

צו דעם לעצטן האָבן גורם געווען צוויי וויכטיקע פאַקטן: 1. צוליב דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה פון 1920 האָבן פיל נישט געוואָלט גיין צום מיליטער־דינסט און אויסגעוואַנדערט קיין דייטשלאַנד; 2. צוליב דער זעלבער מלחמה איז דער עקאָנאָמישער מצב געוואָרן פאַרשאַרפט און עס איז נישט געווען גענוג באַשעפטיקונג פאַר קוואַליפיצירטע פאַכלייט. און די, וועלכע האָבן געהאַט קרובים מעבר־לים, זענען אַוועקגעפאָרן.

אין רעזולטאַט פון דאָזיקן צושטאַנד, האָבן די רויטע איבער־גענומען די השפּעה פון דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער־באַוועגונג אין שטאָט. פונקציאָנאַר פון נאָדל־פאַריין איז דעמאָלט געווען וועלוול זיידע.

נאָכדעם, ווי דער מאַגיסטראַט האָט אָפּגעקויפט דעם ריזיקן בנין אין עק אַלטן מאַרק, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען דאָס „פאָלקס־הויז", האָט דער נאָדל־פאַריין מיט דער ביבליאָטעק זיך איבערגעטראָגן אין אַ קליינער דירה פון דריי צימערלעך, אויף זדונסקאַ 12, אין זילבערבערגס הויז.

פאָרזיצער פון נאָדל־פאַריין איז דעמאָלט געווען יוקל סלאָבאָדזינסקי. די איבערגעבליבענע קוואַליפיצירטע אַרבעטער האָבן זיך לענגער נישט געקאָנט אויפהאַלטן אין שטאָט, ווייל ס'איז פּשוט מער נישט געווען פאַר זיי קיין פּרנסה־קוואַל און זייערע אָרעמע עלטערן האָבן זיי נישט געקאָנט שפּייזן. אין שטאָט איז געבליבן אַ קאַרגע קוואַליפיצירטע אַרבעטערשאַפט, כמעט בלויז יוגנטלעכע.

אין 1924 בין איך אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון נאָדל־פאַריין, וואָס איז אויך געווען, לויט די סטאַטוטן, דער באַלעבאָס פון דער ביבליאָטעק.

די ביבליאָטעק, אַן איבערבלייב פון דער רומפולער פּרץ־ביבליאָטעק, וואָס איז נאָך געשאַפן געוואָרן אין לאָוויטש אין יאָר 1908, האָט געציילט אַן ערך 6.000 אײנסן אין יידיש, העברעאיש, רוסיש, דייטש און פּויליש. דער ביבליאָטעקאָר איז געווען דער ביי אַלעמען באַליבטער יחיאל זיידע.

דער דעלעגירטער פאַרוואַלטער פון נאָדל־פאַריין איז געווען יצחק מיעדזינסקי, אונטער דער השפּעה פון די עקסטרעם־לינקע. ער האָט זיך צוקאָאָפּטירט אסתר קירשבוים, וועלכע איז געווען אַ געטרייע און אומדערמידלעכע טוערין אין דער ביבליאָטעק (שפּעטער האָט זי געהייראַט מיעדזינסקין).

ווי ס'האָט זיך אַ צייט שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז דורך אַ נישט־אַנטדעקטער פּראָוואָקאַטאָרישער האַנט, די לאָוויטשער דע־פענסיווע (געהיים־פּאָליציי) געננוי אינפאָרמירט געוואָרן וועגן דער אינערלעכער טעטיקייט פון פאַריין און ביבליאָטעק.

אין אַ צייט אַרום האָט זיך אַרויסגעשטעלט דער טרויעריקער פאַקט, אַז דער פּראָוואָקאַטאָר איז געווען אַ „פאַרברענטער סוער" פון אינעווייניק — יעקל דיאַמאַנט, דער זייגערמאַכער, וואָס איז אַרויסגעטראָטן אַלס פּאָליציי־עדות אין לאָוויטשער קרייז־געריכט אין אַ פּראָצעס קעגן דער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט פון וועלוול זיידע און חיים ערליך. (ביידע זענען דעמאָלט פאַרמשפּט געוואָרן אויפן סמך פון דיאַמאַנטס עדות־זאָגן, צו דריי יאָר תפיסה. דאָס איז אויך געווען דער ערשטער פּאָליטישער פּראָצעס אין לאָוויטש קעגן יידישע קאָמוניסטן).

איך בין אין דער זעלבער צייט געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן לאָוויטש, ווייל כ'בין געבליבן אָן פּרנסה. די שניידער־מייסטערס האָבן זיך אָפּגעזאָגט מיך צו באַשעפטיקן, צוליבן „חטא" פון מיין פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט. כ'האָב בלית־ברירה זיך אַריבערגעצויגן קיין לאָדזש, וווּ כ'האָב געוווינט ביזן אויסברוך פון דער מלחמה.

פאַרוואַלטונג פון „לינת החולים" ביים יידישן „האַנטווערקער פאַראיין". עס שטייען פון רעכטס: ג. ווינקלער, ש. פּיאַסעטשני, א. שטערנפעלד, ב. ניסנהאָלץ, י. גאָלדבערג, א. דזיאַלאָשינסקי, י. פראַנקאָ, ש. אַלטמאַן, בער. עס זיצן: גרשון קאָוואַלסקי, ח. בירגערמאַן, ז. זאָרמאַן, א. וו. פעפער, ידידיה ראַדזינסקי, וואָלף מיכאַלאָוויטש, אהרן שיינפיין.

צבי מיאַדאָווניק (בוענאָס איירעס)

ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס

די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה

די שטאָט לאָוויטש האָט זיך געפונען אויף אַ רעלאַטיוו־קורצן מרחק פון וואַרשע, אינגאַנצן 80 קילאָמעטער. דאָס האָט פיל מיטגעווירקט, אַז לאָוויטש זאָל אָפט באַזוכט ווערן פון אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן און בכלל פאַר דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון יידישן לאָוויטש. אויך די צווייט־גרעסטע שטאָט אין פּוילן — לאָדזש, איז געלעגן נאָך נענטער, נעמלעך אין אַ מרחק פון 56 קילאָמעטער. דאָס לעצטע האָט אויך געהאַט אַ נעגאַטיווע זייט, צוליב דעם, וואָס די יוגנט פלעגט אַוועקציען אין די גאָענטע גרויסע שטעט אַריין, ווו עס האָבן געלאָקט בעסערע עקאָנאָמישע פּערספּעקטיוון און אַ פיל ברייטער געזעלשאַפטלעך לעבן.

צבי מיאַדאָווניק

טראָץ דעם איז אין לאָוויטש שטענדיק געווען אַ ברייט־פאַרצווייגטע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעט. אין איר שפּיץ זענען געשטאַנען זייער אָנזעעוודיקע פאָלקס־יידן, וועלכע האָבן ברייט געשטיצט, אָדער אַליין געשטאַנען בראש. פון די פאַרשידענע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

ביים שרייבן איצט וועגן די ציוניסטישע יוגנט־אַקטיוויסטן אין לאָוויטש, מוז איך זיך ליידער שטיצן אויסשליסלעך אויף מיין זכרון, ווייל קיין שום מאַטעריאַלן וועגן דעם האָב איך נישט. גינסטיק איז דער פאַקט, וואָס אין מיין צייט איז דער אויפשוווּנג אינעם ציוניזם געווען זייער אָנזעעוודיק, באַזונדערס מיטן אויפקום פון פיל יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן איבערגענומען אַזאַ וויכטיקע פונקציע, ווי דערציען דעם דור חלוצים, צוגרייטן זיי צו דער הכשרה, און ממילא וואַרפן אַ בריק פון דעם ביז־איצט אָפּגעשטאַנענעם שטעטלדיקן לעבן, צו אַ באַנייט לעבן אין אונדזער אַלט־ניי־לאַנד.

ס'דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן, אַז די אַמאָל פּאָפּולערע אַרבעטער־פּאַרטיי „בונד" האָט אין לאָוויטש קיינמאָל קיין אָנגעזעענע פאַרשטייערשאַפט נישט געהאַט, פּשוט, ווייל ביי אונדז זענען געווען ווייניק יידישע אַרבעטער. די, וואָס זענען געווען, האָבן זיך אָרגאַניזירט אין דער פּועלי־ציון, אין דער התאחדות, און שפּעטער אין די פאַרשידענע ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, סיי אין די עקסטרעם־לינקע.

פון די פריעסטע יאָרן געדענק איך דעם גרויסן קולטור־צענטער — דאָס „פאָלקס־הויז", אין גרויסן בנין אויפן אַלטן מאַרק, ווו עס האָט זיך אויך געפונען די יידישע שול א.נ. פון שלום־עליכם. איך האָב נאָך באַוויזן זיך אויסצולערנען אין איר דעם יידישן אַלף־בית, איידער דאָס גאַנצע פאָלקס־הויז איז ליקווידירט געוואָרן.

שפּעטער איז ליידער קיין שום יידישע, אָדער העברעאישע, שול נישט געווען. ס'האָט נאָר עקזיסטירט די מלוכהשע פאָלקס־שול — „פּאָווּשעכנע", אויסשליסלעך פאַר יידישע קינדער מיט דער פּוילישער אונטעריכט־שפּראַך, ווו עטלעכע שעה אין דער וואָך האָט מען געווידמעט יידישער געשיכטע (רעליגיע), אָבער אויך אין דער פּוילישער שפּראַך.

די דערמאָנטע שול (אויף בראָוואַרנע גאַס נומער 2, אין ביאַלעקס הויז), איז געווען דער רעזערוואַר, פון וואַנען עס האָבן זיך רעקרוטירט די צוהוּוקסן פאַר די אַקטיווע ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אַחוץ זייער גרויסער מיסיע פון צוגרייטן חלוצים, דערגענצט פאַר די יידישע קינדער די נויטיקע עלעמענטאַרע יידישע ידיעות פון געשיכטע אין אַלגעמיין, אויך ציוניסטישע געשיכטע און סאָציאַלע פּראָבלעמען. דאָס לעצטע האָט נאָך מער דערנענטערט אונדזערע קינדער צו אונדזער קוואַל און זיי אָפּגעהיטן, זיי זאָלן נישט פאַרפרעמדט און אַסימילירט ווערן ביי דער היפּער־פּאַטריאָטישער פּוילישער דערציאונג פון דער „פּאָווּשעכנער" שול.

דער רעזולטאַט פון דער ווירקונג פון די דאָזיקע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָט זיך שפּעטער זייער שטאַרק אָנגעזען, און אַדאַנק דעם, געפינען זיך היינט־צו־טאָג צענדליקער פון דער זעלבער יוגנט אין פאַרשידענע קיבוצים אין מדינת־ישראל.

איך וויל דאָ אויף אַ מאָמענט זיך אָפּשטעלן אויף דער גרויסער געשעעניש — די היסטאָרישע דערעפענונג פון דער העברעאישער אוניווערסיטעט אין ירושלים, און ווי דאָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט ביי אונדז אין לאָוויטש, אין יאָר 1925.

דער גרויסער יום־טוב איז אויסגעפאַלן אין אַ פרעכטיקן, זוניקן זונטיק־טאָג. אַלע קלייטן זענען דעם טאָג געוויינלעך געווען געשלאָסן און כמעט אַלע בעלי־בתים און די יוגנט האָט מען געזען אויף דער זדונסקאַ־גאַס, ווו עס האָט זיך געפונען דאָס גרויסע בית־הכנסת. אין דעם טאָג האָט די שול אויסגעזען טאָפּלט פייערלעך. ביים הויפּט־אַריינגאַנג האָט געפלאַטערט, זייט־ביי־זייט מיט דער פּוילישער ווייס־אַמאַראַנטער פאָן — אַ גרויסע בלוי־ווייסע פאָן. די יידישע באַפעלקערונג האָט דעם טאָג איבערגעלעבט שעהן פון דערהויבונג און התלהבות. אין מיינע פריע קינדער־יאָרן האָב איך דערפילט דעם פונק פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ און גרענעצלאָזער פרייד. איך האָב דאַן אָנטיילגענומען אין פידל־אָרקעסטער (20 פידלען), אונטער דער לייטונג פונעם מוזיק־לערער ה' גאָדל בירענבוים. דער דאָזיקער אָרקעסטער האָט דאַן געשפּילט אין דער שול די „התקווה" און „דאָרט ווו די צעדער..." אויף צוויי שטימען. מיר האָבן דעמאָלט מיט קלאַפּנדיקע הערצער געוואַרט אויפן צייכן פון דיריגענטס שטעקעלע. אונדזער אָרקעסטער איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן שטענדער, נעבן פּאָליש, ביים סאַמע אַריינגאַנג פון שול.

ס'זענען געהאַלטן געוואָרן רעדעס פון אָנגעזעענע ציוניסטישע מנהיגים אין שטאָט. זייער אימפּאָזאַנט איז אויסגעפאַלן

דער אַריינמאַרש פון דער אוניפאָרמירטער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע ,,השחר", דעם ספּאָרט־פאַרבאַנד ,,מכבי" און די קינדער פון דער פּאָווישעכנער שול. וועגן דער געשעעניש האָט מען וואָכנלאַנג גערעדט אין שטעטל.

איצט לאָמיר זיך אָפּשטעלן אויף עפּעס מער קאָנקרעטעס וועגן דער ציוניסטישער אַקטיוויטעט זינט דעם יאָר 1927, ווען איך בין אַריינגעטראָטן אין דער ,,גורדוניה". אין דער צייט זענען אויפגעקומען יוגנט־אָרגאַניזאַציעס ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. דער ,,השומר הצעיר", וואָס איז געהאַט געווען צעפאַלן, האָט זיך נאָכאַמאָל איבעראָרגאַניזירט אונטער דער לייטונג פון יחזקאל ליפּסקי און געפירט זייער אַ שיינע דערציערישע אַרבעט אין זיין גייסט. פון די ,,השומר הצעיר"־מנהלים דערמאָן איך זיך אויפן ערשטן הכשרה אין קלאָסאָווא און אין יאָר 1929 עולה געווען. ער איז איצט אַ פאַרמער מיט אַן אייגענערווירטשאַפט אין בית־שערים, אין עמק יזרעאל.

רעדנדיק וועגן יאָר 1929 דערמאָנט זיך די גרויסע פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג אין פייער־לעשער זאל אין שייכות מיט די אַראַבישע איבערפאַלן אין א"י. דער שרייבער פון די שורות האָט דאַן געהאַט דעם כבוד צום ערשטן מאָל אויפצוטרעטן פאַר אַ הונדערטער־קעפּיקן עולם און רעדן אין נאָמען פון ,,גורדוניה". פון די אַנדערע מנהלים פון ,,גורדוניה", דאַרף דערמאָנט ווערן משה מענדל אורבאַך (אַ ברודער פון אויבנדערמאָנטן ,,שומר"). אַ קליין־ווּקסיקער מיט אַ פריי־באַקומענעם פליך, אָבער אַ זייער אינטעליגענטער בחור, האָט ער מיט גרויס ענטוזיאַזם זיך אָפּגעגעבן די אַרבעט פון דער אָרגאַניזאַציע, דער עיקר זיינע אַדמיניסטראַטיווע נויטן. חוץ אים האָבן אָנגעפירט: דבורה בוקשטיין, פישל ענגלאַרד, רצה קליינבאַרד (צפוני), משה רובינשטיין, שרה וואַרשאַוויאַק, עקיבא מאָזעס, דער שרייבער פון די שורות, און אַנדערע.



די מנהלים פון ,,השומר הצעיר" (1928)
The leaders of Hashomer Hatzair (1928).

אָרט יחיאל אַדלער, אַ צאָן־טעכניקער. דער דאָזיקער בחור איז פון קינדווייז אָן געווען ערנסט און אינטעליגענט. ער האָט אָנטייל־גענומען מיט מיר אין פיל יידישע און פּוילישע פאָרשטעלונגען (זאַכן פון שלום־עליכם, אייפּטאָן סינקלער און אַנדערע). ווייטער צווישן די אָנפירער דאַרפן דערמאָנט ווערן יצחק בוטערמילך, שרה ליפּשיץ, יעקב זיידע, אברהמעלע מילגרוים, זאַנוול ראָזענטאַל, יהודה קראַוויעץ און יעקב־יוסף אורבאַך. דער לעצטער האָט טראַגיש פאַרענדיקט זיין יונג לעבן. זיין זעלבסטמאָרד האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע שטאָט.

אַן אָנגעזעענע טעטיקייט האָט געפירט דער בית"ר. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז אַנטשטאַנען פון אויבנדערמאָנטן ,,השחר" און איז שפּעטער אָנגעפירט געוואָרן פון מנשה אַטלאַס, אברהם פריידענרייך, איטשע באום, משה הובערמאַן און אַנדערע.

די יוגנט־אָרגאַניזאַציע ,,גודדוניה" האָט אָבער געהאַט די גרעסטע צאָל מיטגלידער און האָט געירשנט דעם אינווענטאַר פון דער אמאָל לעבהאַפטער פאַרטיי ,,התאחדות", און געהאַט אַן אייגענע ביבליאָטעק מיט 700 ביכער. זי האָט אָנגעהויבן די אַרבעט אויף זדונסקאַ נר. 7 און שפּעטער איבערגעגאַנגען אין אַ גרעסערן לאָקאַל אויף זדונסקא 12.

איר ערשטער אָנפירער איז געווען שלאַמעק ראָזענקראַנץ, אַ פלאַם־פייערדיקער אידעאַליסט, וועלכער האָט שטאַרק באַגייסטערט די קינדער און די יוגנט. נאָך אַ 2 יאָר אַרבעט איז ער געפאָרן אויף

אין דער ערשטער צייט, ביים אַנטשטיין פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין לאָוויטש, האָבן צוויי וויכטיקע מאָמענטן זיי צוגעפּיצט־געטראָפן: די קרן־קימת־אַרבעט און די געמיינזאַמע ל"ג־בעומר־פייערונגען.

די לעצטע זענען שטענדיק אויסגעפאַלן זייער אימפּאָזאַנט. ל"ג בעומר איז ווי באַוווּסט, אין אַלע יידישע שולן און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס באַשטימט געוואָרן אַלס דער יערלעכער יוגנט־יום־טוב. וואָס עס האָט אָבער ספּעציעל אויסגעצייכנט און באַליבט געמאַכט דעם דאָזיקן יום־טוב, איז דאָס, וואָס דער יום־טוב איז נישט געפייערט געוואָרן אין פאַרמאַכטע לאָקאַלן, נייערט אויף דער שויס פון דער נאַטור, אין וואַלד, ווייט פון דער שטאָט און היים.

איז עס טאַקע געווען אַן אויסערגעוויינלעכער ספּעקטאַקל, ווען אַלע יוגנט־גרופּן פון שטאָט, אויסגעפּוצטע אין זייערע מונדירן, האָבן פאַרטאָגס זיך פאַרזאַמלט און צוזאַמען, מיט אַ הילכיק געזאַנג, אַרויסמאַרשירט אין וואַלד אַריין. די בית"רים האָבן געטראָגן זייערע האַלב־מיליטערישע ברוינע מונדירן. אויך ברוינע קיילעכדיקע היטלען מיט בלוי־ווייסע לענטעס. ,,גורדוניה" און

„השומר הצעיר" האָבן פּאַראַדירט אין די גרויע אַרבעטער־ אין סקויטן־בלוזעס, מיט פאַרשיידנפאַרביקע ברייטע טיכער צוזאַמענגעבונדן ווי קראַוואַטן. יעדע מחנה איז אָנגעפירט געווען פון איר פירער אין דער שפּיץ. פאָרויס זענען געגאַנגען פייקלעך און סיגנאַל־פּלייטן. אַזוי האָט מען אַרויסמאַרשירט, באַגלייט מיט באַוווּנדערונג און ברכות פון די עלטערן.

אין דער סביבה פון לאָוויטש האָבן זיך געפונען פּראַכטפולע סאָסנאָווע וועלדער, ווו די יוגנט האָט פאַרלייגט אירע געצעלטן, יעדע מחנה באַזונדער. און שפּעטער איז דורכגעפירט געוואָרן אַ געמיינזאַמע דערעפענונגס־פייערונג. במשך דעם טאָג זענען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען, ספּאָרט־פאַרמעסטן און אַנדערע שפּילערייען. ערשט פאַרנאַכט האָט מען זיך אומגעקערט אין שטאָט אַריין. ביים שאָסיי, נעבן דער שטאָט, האָבן אונדז אָפּגעוואַרט די עלטערן און סתם יידן און געשעפּט נחת פון דער שיינער, געזונטער, זאָרגלאָזער יוגנט.

לעכן מאָרד איבער ד"ר חיים אַרלאָזאָראָב און דאָ איז אויך אויפגענומען געוואָרן בעת זיין באַזוך אין לאָוויטש, לואי סיגאַל (פישל זאַקליקאָווסקי), דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אין אַמעריקע.

אין שטאָט זענען געווען נאָך צוויי ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס: די רעליגיעזע צעירי מזרחי און די שפּעטער אַנטשטאַנענע „פרייהייט" (דרור). בראש פון צעירי מזרחי איז געשטאַנען מאיר שמחה כל־בו (דעם רבס זון), מענדל אַלבעק און אַנדערע. בראש פון „דרור" — הערשל גליקזעליגער, אַ בחור פון פאַך אַ שניידער, מיט שרייבערישע נייגונגען, אַ געוועזענער קאָמוניסט.

די אָפטע באַזוכן פון באַרימטע פּערזענלעכקייטן אין שטאָט, האָבן שטאַרק אויפגעלעבט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן. פיל מאָל האָט מען אַראָפּגעבראַכט דעם באַקאַנטן ציוניסטישן מנהיג יצחק גרינבוים. זיינע רעפעראַטן האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג. אַן אַנדערער גרויסער אָראַטאָר, וואָס איז דעמאָלט אַראָפּגעקומען קיין

הנהגה המקומית של ברית טרומפלדור, 1928, בעתן באַזוך אין לאָוויטש
פון מפקד גליל וורשה, מר גאָלדבערג (צענטער)

אין די שפּעטערע יאָרן איז די אידעאָלאָגישע דיפערענציאַציע צווישן די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס מער פאַרשאַרפט געוואָרן און דאָס האָט גורם געווען, אַז די אָרגאַניזאַציעס זאָלן יעדע מאַכן „שבת פאַר זיך", און מען איז שוין מער נישט צוזאַמען אַוועק ל"ג־בעומר אין וואַלד.

ספּעציעל האָבן זיך אָפּגעטיילט די סאָציאַליסטישע באַוועגונגען, „גורדוניה" און „השומר הצעיר", פון רעוויזיאָניסטישן בית"ר. די ערשטע צוויי האָבן געהאַט פיל געמיינזאַמע דערציערישע כאַראַקטער־שטריכן און די בוגרים (עלטערע גרופּעס) האָבן געבילדעט איין סניף פון אַלוועלטלעכן „החלוץ". דער „החלוץ" האָט געהאַט דעם לאָקאַל אין נייעם מאַרק (רינעק קילינסקיעגאָ) 32. אין הויז פון יעקב צוקערמאַכער. אין דעם דאָזיקן לאָקאַל איז זיינער צייט אויפגענומען געוואָרן אונדזער בן־עיר שלמה ליפּסקי, בעת זיין רייזע פון ישראל קיין טשעכיע. דאָ זענען אויך פאָרגעקומען 1־טע מאַי־פייערונגען, אַ טרויער־אַקאַדעמיע נאָכן שענד־

לאָוויטש, איז געווען דער פּועלי־ציוניסטישער טוער י. זרובבל. דער דאָזיקער גלענצנדער טריבון פלעגט אונדז באַזוכן אויף דער איינלאַדונג פון יחידים לינקע פּועלי־ציוניסטן אין שטאָט: צערקע און אבא קליינבאַרד, שנאַפּס און אַנדערע.

אויך זשאַבאָטינסקי האָט באַזוכט לאָוויטש. דער קאָמענדאַנט פון בית"ר איז דאַן געווען אברהם פריידענרייך. ביים אָנקום פון גאַסט, האָט אים דער בית"ר, אין פולער מונדירונג, אָפּגעוואַרט ביים ווינער וואָקזאַל. נאָכן אָפּנעמען אַ ראַפּאָרט פון קצין הגדוד, איז זשאַבאָטינסקי אָפּגעפאָרן אין דער קאָטש פון בירגערמייסטער אין האָטעל אַריין. דער רעפעראַט איז פאָרגעקומען אין גרויסן זאַל „עאַס", און זעלבפאַרשטענדלעך, אַז דער זאַל איז געווען געפּאַקט ביז איבער די ברעגעס.

און צום סוף זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן דאָס „מאַזאָווישער וואָכנבלאַט", וואָס איז דערשינען אין לאָוויטש די לעצטע יאָרן פאַרן צווייטן וועלט־קריג. אַ רעגיאָנאַלע אויסגאַבע, וואָס האָט

איינגעשלאסן די שכנותדיקע שטעט קוטנע, סאכאטשעוו, סקיערניעוויץ, גראדזשיסק, זשיכלין און אנדערע. דאס וואכנבלאט איז רעדאגירט געווארן דורכן דינאמישן און פארעקשנטן סטימולירער פאר יידישער קולטור־ארבעט — גדליה שאיאק. דאס וואכנבלאט

קבוצה „נשר” פון „גורדוניה”. שלמה ראזנקראנץ (זיצט אין צענטער) רעכטס — צבי מיאדאווניק; לינקס — משה רובינשטיין

איז געווען א נייער און וואגיקער בייטראג פאר דער געזעלשאפטלעכער ארבעט אין דער שטאט און אומגעגנט, און פארבונדן די בני־עיר מעבר־לים — מיט זייער היים. די ספעציעלע אויסגאבע פון „מאזאווי־ער וואכנבלאט” האט זיינער צייט געקראגן אן אנערקענונגס־שבח פון די „ליטעראַרישע בלעטער” אין ווארשע, וועלכע האבן שטארק געלויבט די אויסגאבע און דעם רעדאקטאר, אנגעבנדיק אים אלס מוסטער פון א גלענצנדיקן ליטעראַרישן לייטער פון דער פראווינצער פרעסע אין פוילן.

אחוץ דער אקטיוויטעט פון די חלוצישע יוגנט־ארגאניזאציעס זענען אויך טעטיק געווען, הגם אין א זייער באגרעניצטער פארם — די עלטערע ציונים. פון זיי האבן זיך אויסגעצייכנט ספעציעל די א. ג. אלגעמיינע ציוניסטן און די „מזרחי”.

פון די ערשטע דארף מען דערמאנען די מער טיכטיקע, יועלכע עס געדענקט זיך בעסער: ר' מרדכי ביאלעק; אברהם וואַרטסקי. לאנגיאריקער לאוויניק אין מאגיסטראט; ר' העניך טאוב, איינטימער פון טיי־הויז אויפן אלטן מארק; יעקב ליפשיץ א. אנד.

צו די אנגעזעענסטע מזרחי־פירער און צו די שענסטע פערזענלעכקייטן אין מיין צייט אין לאוויטש, געהערט בלי־ספק לייבל ביאלער (היינט אין ירושלים).

איך דאב אלס קינד געהאט די מעגלעכקייט פון דער נאענט צו באאבאכטן זיינע שיינע קולטור־מידות.

ווייטער דארפן דערמאנט ווערן: די שיינע געשטאלט פון בן־ציין מיעדזיגורסקי, יעקב פישער, דוד ישעיה בראנד און אנדערע, וועמענס נעמען איך געדענק ליידער נישט.

דוד גאלאמב (ישראל)

דראמאטישע אמאטארן־קרייזן

די ערשטע פרווון צו שפילן יידיש טעאטער אין דעם חסידיש־בירגערלעכן לאוויטש, זענען געמאכט געווארן אין אנהויב פון 20־טן י"ה, מיטן שטעלן „מכירת יוסף”.

ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה האט דער שריפטשטעלער יעקב קראנענבערג און שפעטער דער דענטיסט סקאטניצקי מיט אן ענגן קרייז יוגנטלעכע אויפגעפירט פיעסן פון דעמאלטיקן יידישן טעאטער־רעפערטואר.

ערשט בעת דער דייטשער אקופאציע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין דער בלי־תקופה פון דער יידישער קולטור־ארבעט, האט די דראמאטישע סעקציע ביים „הזמיר” איינגעארדנט מוזיקאליש־וואקאלישע אוונטן און געגעבן טעאטער־פארשטעלונגען.

אין דער זעלבער צייט זענען קיין לאוויטש געקומען וואנדערדיקע יידישע טעאטער־טרופעס.

אין די אנהייב צוואנציקער יארן האבן אמאטארן גענומען געבן טעאטער־פארשטעלונגען, אויף דער איניציאטיוו פון שניידער משה זאנד. ביי אים אין שניידער־ווארשטאט זענען פארגעקומען די צוזאמענטרעפן און די פראבעס פון „כינקע פינקע”. די הויפט־באטייליקער זענען געווען די ברידער אברהם און פישל קראקאווער, פסח באראוויאק, די שוועסטער גיטל און לאה גאטליב, שלום ביעזשאנסקי (וואטעמאכער), די ברידער יאסל, חיים און משה ביעלאווסקי (זיי האבן געהאט דעם צונאמען „די געגנדזעלעך”), אברהם זאנד, חיים ענגלארד, אהרן כוואס, יהושע גראס, היים־חיל אלבערט, משה־בנימין פאטשענגעל, משה בורגערמאן און יוקל סלאבאדזינסקי. רעזשיסער איז געווען משה זאנד; דער סופלאר — חיים ענגלארד.

די ערשטע פארשטעלונג פון דער גרופע איז געגעבן געווארן אין גרויסן זאל „עאס”, חנוכה 1924.

נאכן דערפאלג פון „כינקע פינקע” האט דער אמאטארן־קרייז, א מער דערמוטיקטער, זיך געגרייט צו א צווייטער פארשטעלונג — די „באבע יאכנע”. די גרופע האט דאן צוגעקראגן עטלעכע נייע אמאטארן, ווי ברוך צינדלער און די גאר באגאבטע רבקה זשיכלינסקי, וועלכע האט זייער געלונגען געשפילט די ראל אלס מירעלע.

די „באבע יאכנע” איז געשפילט געווארן אין פעברואר 1925.

נאכן גרויסן דערפאלג פון דער צווייטער פארשטעלונג, זענען צום אמאטארן־קרייז צוגעשטאנען נייע סימפאטיקער און מ'האט זיך געגרייט צו דער אויפפירונג פון „שיר השירים”. אין דער פארשטעלונג איז דערשינען א נייער שטערן — אסתר דאווידאוויטש. דער אפקלאנג פון דער פארשטעלונג איז געווען זייער א ווארעמער.

אינצווישנצייט זענען קיין לאוויטש געקומען מיט גאסט־שפילן אידא קאמינסקא מיט זיגמונט טורקאוו און זיי האבן צוו. אנד. אויפגעפירט „מירעלע אפרת”, „גאס פון נקמה” און אנד. שפעטער איז

געקומען דאָס רעווי־טעאַטער מיט דזשיגאַן און שומאַכער; יוסף קאַמיען מיט רעציטאַציעס; און יאָנאַס טורקאָוו מיט דיאַנאַ בלומענפעלד.

אָן אָפּטער גאַסט־רעציטאַטאָר אין לאָוויטש איז געווען הערש מאיר גלאָווינסקי פון קוטנע. זיינע אָפּטע באַזוכן האָבן באַווירקט, אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ נייער דראַמאַטישער קרייז, וואָס האָט געהאַט די אַמביציע אויפצופירן מער ערנסטע פּיעסן פון אייראָפּעאישן רעפּערטואַר, וועלכע ס'האָט רעזשיסירט ה. מ. גלאָווינסקי.

אַ צייט שפּעטער איז אויף דער איניציאַטיוו פון ידידיה ראַדזינסקי הי״ד, ביים „פאַראיין פון די יידישע ווירטשאַפט־אָנגעשטעלטע" געשאַפן געוואָרן אַ דראַמאַטישער קרייז א. נ. „יידישע בינע", וואָס איז אָנגעשלאָסן געווען אין דער צענטראַלע אין וואַרשע.

די „יידישע בינע" האָט אויך איינגעאָרדנט פאָרלעזונגען, רעציטאַציעס און דאָס פאָרלייענען פון פּיעסן. צו איר קרעדיט געהערן עטלעכע פאָרשטעלונגען פון מער ערנסטן יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר. אויך ד״ר מיכאל וויַיכערט איז דעמאָלט געווען גאַסט־רעדנער פון דער „יידישער בינע" און געהאַלטן אַ פאָרטראַג א.ד.ט. „פון שרייבטיש ביז דער ראַמפּע".

די „יידישע בינע" האָט צוו. אַנד. אויפגעפירט דעם „דאָרפסיונג" מיט נייע בינע־כוחות, ווי שיינדל־אסתר בורגערמאַן, וועלכע איז געווען אַ פיינע אינטערפּרעטאַטאָרין פון יידישן פאָלקסליד, און איטע־ביילע דאָרעמבוס, וואָס האָט געשפּילט דראַמאַטישע ראָלן.

די „יידישע בינע" האָט אויך צוו. אַנד. אויפגעפירט די דראַמע פון לאָוויטשער שרייבער ג. שאַיאַק „דער בלוטיקער צייכן" (1926), און די מוזיקאַלישע מעלאָדראַמע פון דעם צווייטן לאָוויטשער שרייבער און קאָמפּאָזיטאָר, הערמאַן שטיפּט הי״ד. די „יידישע בינע" איז אויך מיט גרויס דערפאָלג אַרומגעפאָרן מיט דער מוזיקאַלישער פּיעסע אין די אַרומיקע שטעט, ווי סאָכאַטשעוו, גאָמבין און די קלענערע שטעטלעך ווי לישקאָוויץ, גלאָווגע און אַנדערע.

נאָכדעם ווי די צענטראַלע „יידישע בינע" אין וואַרשע האָט זיך אויפגעלייזט, איז אויך איר אָפּטיילונג אין לאָוויטש זיך פונאַנדערגעפאַלן.

אינצווישנצייט זענען געקומען יידישע טעאַטער־טרופּעס פון לאָדזש און וואַרשע, צווישן זיי „מאָריס לאַמפּע" און „אורקע נאַכאַלניק".

צוויי־דריי יאָר פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט לאָוויטש בכלל נישט געהאַט קיין סטאַבילן דראַמאַטישן אַמאַטאָרן־קרייז. עס זענען אָבער אָפּט געקומען מיט גאַסט־שפּילן באַרימטע יידישע קינסטלער פון וואַרשע.

דער חלוץ און די אפיליאירטע יוגנט

לאָוויטש האָט, ווי יעדע יידישע שטאָט אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן, געהאַט אַ „החלוץ"־אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער עס זענען געווען אָנגעשלאָסן אַלע לינקע ציוניסטישע יוגנט־באַוועגונגען, ווי דער „השומר הצעיר", „גורדוניה", „החלוץ העובד" און „דרור" (פרייהייט).

ווען מ'רעדט וועגן דער טעטיקייט פון „החלוץ" אין לאָוויטש, דאַרף אויפן ערשטן אָרט אַרויסגערוקט ווערן די געשטאַלט פון מענדל אורבאַך הי״ד, אַ שטילער, באַשיידענער אָבער אַרבעטסזאַמער בחור, פון באַרוף אַ שניידער. דער זעלבער מענדל אורבאַך האָט יאָרנלאַנג אָנגעפירט מיט דער טעטיקייט פון „החלוץ" און געווען איר אָרגאַניזאַטאָר און רוח־החיים.

אין די בלי־יאָרן פון דער „החלוץ"־באַוועגונג אין די אָנהייב צוואַנציקער יאָרן, האָט דער לאָקאַל פון דער אָרגאַניזאַציע זיך געפונען אין אַ רחבותדיקן זאַל אויף דער 1־טער מאַי־גאַס (אַ טייל פון אַמאָליקן פערד־מאַרק, אויפן וועג צו זשעלעכאָווסקיס מיל). די מיטגלידערשאַפט האָט זיך רעקרוטירט פון אַלע שיכטן פון דער נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקער יידישער יוגנט.

אין די יאָרן 1924־25 איז לערער פון די עברית־אָוונט־קורסן געווען דער זייער סימפּאַטישער בחור, מ. סטאָלאַרסקי פון קרינקי, נעבן ביאַליסטאָק.

אין די אָנהייב דרייסיקער יאָרן האָט דער „החלוץ" זיך אַריבערגעצויגן אין אַ מער צענטראַלן פּלאַץ, אין נייעם מאַרק, נומ. 31.

דאָ האָט די אָרגאַניזאַציע אָנגעפירט מיט אַ מער פאַרצווייגטער קולטור־אַרבעט, איינגעאָרדנט אָפּטע אויספלוגן, פאָרלעזונגען און פאַרשפּרייט א״י־פּראָפּאַגאַנדע און צוגעגרייט די יוגנט צו הכשרה, סיי דורכגעפירט שקל־אַקציעס.

ערב ק.ק.ל.־זאַמלונגען האָט דער „החלוץ"־ראָט אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען מיט די פאָרשטייער פון די אָנגעשלאָסענע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען טאַקסירט געוואָרן די סומעס, וואָס זיי דאַרפן זאַמלען.

די לעצטע יאָרן פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן מיט די עברית־קורסן אָנגעפירט לאָקאַלע כוחות, ווי משה רובינשטיין און שמואל־דוד לעווין.

דער „החלוץ" האָט במשך זיין טעטיקייט די זכיה געהאַט אויפצונעמען אין זיין לאָקאַל חשובע ציוניסטישע פּערזענלעכקייטן פון וואַרשע, אָבער דעם גרעסטן ענטוזיאַזם האָט די יוגנט אַרויסגעוויזן ביים קבלת־פּנים־זיין צוויי בני־עיר: אין 1930 דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, לואי סיגאַל ז״ל, וועלכער האָט באַזוכט לאָוויטש; און להבדיל בין החיים שלמה ליפּסקי, אין יאָר 1939 אויף זיין דורכפאָר אין שליחות קיין טשעכאָסלאָוואַקיע. ליפּסקי האָט דעם לאָוויטשער „החלוץ" געברענגט אַ לעבעדיקן גרוס פון אַרבעטנדיקן א״י.

צו איינע פון די אומפאַרגעסלעכע און העכסט־געלונגענע אימפּרעזעס פון „החלוץ" געהערט אפשר דער אָוונט געווידמעט דעם 100־יאָריקן געבוירן־טאָג פון מענדעלע מוכר־ספרים, וואָס איז אימפּאָזאַנט געפייערט געוואָרן אין יאָר 1936.

דער „החלוץ" האָט זיך דעמאָלט פאַרבונדן מיט דעם „מענדעלע מוכר־ספרים־קאָמיטעט" אין וואַרשע, און פון דאָרט איז אַראָפּגעקומען דער דיכטער איציק מאַנגער, וועלכער האָט געהאַלטן די פעסט־רעדע. די דראַמאַטישע סעקציע ביים „החלוץ" האָט אויפגעפירט מענדעלעס „פּריזיוו" און געגעבן רעציטאַציע־נומערן.

אין דאָזיקן קולטור־יום־טוב האָט זיך באַטייליקט אַ גאָר גרויסער עולם.

מרדכי תמיר (ליפסקי) (תל־יוסף)

ספארט־קלובן אין לאוויטש

איך וויל דא אַרויסברענגען שטריכן און רעפלעקסן פונעם יידישן לעבן אין לאָוויטש, וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן צוזאַמען מיטן יידנטום פון פוילן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה אונטער די הענט פונעם נאַצישן צורר און זיינע שותפים, כדי צו שטעלן אַ מצבה נאָך די, וואָס זענען געפאַלן אויף אַזאַ אכזריותדיקן אופן.

מרדכי תמיר (ליפסקי)

זאָלן די דאָזיקע זכרונות, וואָס מיר ברענגען דאָ, דינען דעם נייעם דור, וואָס האָט נישט געקענט און נישט געוווּסט, און איז ווייט געווען פונעם לעבנס־שטייגער פון דעם פוילישן יידנטום, אַריינגערעכנט אויך די יידישע געמיינדע אין לאָוויטש.

אפשר וועט אונדז געלינגען, דורך לייענען די רישומים, זיי צו געבן אַ באַגריף וועגן דעם אינהאַלט פון דעם לעבן פון די יידן אין דער דאָזיקער קהילה, פונעם יוירנדיקן און ברויזנדיקן לעבן, וואָס האָט געשאַפן זעלבשטענדיקע לעבנס־פאָרמען אינערהאַלב אַ נישט־יידישער וועלט, וואָס היט אָפּ און איז שטאָלץ מיט זיין ספּעציפישן יידישן כאַראַקטער. איך וויל אַרויסברענגען זכרונות פונעם ספּאָרט־געביט, אויף וועלכן איך בין באַזונדערס געווען טעטיק, און עס זענען נאָך פאַרבליבן אין מיין זכרון אינטערעסאַנטע געשעענישן און אומפאַרגעסלעכע איבערלעבונגען פון דער אָרגאַניזאַציע „מכבי“, די איינציקע, וואָס איז געווען אַקטיוו אין לאָוויטש אויפן געביט פון ספּאָרט. דער עצם געדאַנק און שטרעבונג צו ספּאָרט איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערע ענדערונג אויף דער יידישער גאַס.

אויף דער יידישער גאַס האָט די אַקטיוויטעט דער עיקר זיך קאָנצענטרירט אויפן געביט פון רעליגיע מיט אַלע אירע פאַרצווייגטע אַנשטאַלטן; אויפן פּאָליטישן געביט פון פילצאָליקע פּאַרטייען און יוגנט־באַוועגונגען; אויף דעם קולטורעלן געביט מיט די קלובן, ביבליאָטעקן און לאָקאַלן פאַר רעפעראַטן און קינסטלערישע אויפטריטן. דער אויפבלי פון אַ ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע איז ממילא געווען מאָדנע, פרעמד און נישט פאַרשטענדלעך פאַרן אַלטן דור, אָבער איז דערפאַר אויפגענומען געוואָרן מיט ענטוזיאַזם דורכן יונגן דור, וועלכער האָט געזוכט אַנדערשקייט און נייעס אינעם לעבן פון דער יידישער געזעלשאַפט *).

דאָס אָרגאַניזירן זיך האָט זיך אָנגעהויבן מיטן פאָרמירן אַ פוטבאָל־גרופּע, ווען געציילטע עטלעכע יינגלעך האָבן געזאַמלט פּרוטות אויף צו קויפן אַ באַלעם, און דערנאָך — פוטבאָל־שיך און קליידונג. מיר האָבן געשפּילט און געמאַכט איבונגען מיטן פוטבאָל אויף פעלדער און פרייע פּלעצער, ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזט. אין די שבתים האָבן מיר אָפּגעשלאָגן די פיס ווייט אויסער דער שטאָט אין זוכן אַ פּלאַץ צום שפּילן, און מיר האָבן שוין אַרויסגעקוקט אויפן מאָמענט, ווען מיר וועלן ענדלעך פעאיק זיין צו פאַרמעסטן מיט די פוטבאָל־גרופּן פון דער נישט־יידישער גאַס. נאָך אַ לענגערן פּעריאָד פון שפּילן ביי זיך אין דער היים, האָט זיך ביי אונדז פאַרשטאַרקט די זיכערקייט, אַז מיר קענען זיך שוין פאַרמעסטן מיט אַנדערע גרופּן. מיט אַ ציטער, און גלייכצייטיק שטאַרקן ווילן און ענטוזיאַזם, זענען מיר אַרויס אין דעם ערשטן פאַרמעסט. דאָס איז געווען נישט נאָר אונדזער עקזאַמען, נאָר פון דער גאַנצער יידישער קהילה אין לאָוויטש. פאַר דער גויאישער גאַס האָט אונדזער אַרויסטריט סימבאָליזירט אַ יידישע רעפּרעזענטאַנץ און נישט בלויז פון אַ ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע. מען האָט אויך געטראַכט, אַז מיר רעפּרעזענטירן נישט דעם ספּאָרט, נאָר אַז מיר זענען פאָרשטייער פונעם יידישן שטעטל. דעריבער איז פאַרשטענדלעך דאָס, וואָס אַלע יידן האָבן אונדז באַגלייט צום פאַרמעסט מיט דער ברכה, אַז מיר זאָלן זיגן, אויב אפילו מיט זייער ווייניק האָפענונג און גלויבן.

טראָץ דעם וואָס אין דעם ערשטן פאַרמעסט האָבן מיר פאַרלאָרן, האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז מיר זענען בכוח זיך צו פאַרמעסטן. די קעגנערישע גרופּע, וואָס האָט געוווּנען, האָט זיך אויך איבערצייגט, אַז קעגן זיי זענען געשטאַנען יידישע בחורים, וואָס קעמפן פאַרן באַלעם און רעפּרעזענטירן מיט שטאָלץ דעם כבוד פון דער יידישער קהילה.

מיר האָבן ווייטער געשפּילט און טרענירט זיך. מיר האָבן זיך באַגעגנט אין פאַרמעסטונגען מיט גרופּן פון די נאָענטע שטעטלעך אַרום לאָוויטש, און מיט דער צייט האָט אונדזער פאָטענץ און אונדזער זיכערקייט זיך פאַרשטאַרקט. מיר האָבן געפילט, אַז מיר האָבן אויך די מעגלעכקייט צו זיגן. מיר האָבן זיך דערוואָרבן אַ סך דערפאַרונג און זיך געגרייט צו מער ערנסטע באַגעגענישן. אַ געוויסן טאָג האָבן מיר באַקומען אַן איינלאַדונג צו שפּילן קעגן דער פוטבאָל־גרופּע פונעם 10־טן פוסגייער־פּולק אין לאָוויטש. מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָס מאָל איז עס נישט קיין געוויינלעכער אַפּאָנענט. דאָ איז דער פּרעסטיזש געווען פון פיל העכערער באַדייטונג ווי אין די אַנדערע ספּאָרט־פאַרמעסטן. מיר האָבן באַשלאָסן צו פאַרשטאַרקן די גרופּע מיט דריי שפּילער פון „מכבי“־לאָדזש, וואָס זענען ספּעציעל איינגעלאַדן געוואָרן צו דעם דאָזיקן פוטבאָל־מעטש. אויף דער יידישער גאַס האָט מען אויף דעם דאָזיקן פוטבאָל־פאַרמעסט קעגן דער מיליטערישער מאַנשאַפט אַרויסגעקוקט מיט גרויס ציטער.

צום מעטש, וואָס איז פאָרגעקומען אַ זונטיק נאָכמיטאָג, האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם יידן, סימפּאַטיקער פון אונדזער גרופּע, און נישט־יידן, סימפּאַטיקער פון דער מיליטערישער גרופּע. איך האָב זוכה געווען אָנטיילצונעמען אין דעם דאָזיקן גורלדיקן פוטבאָל־פאַרמעסט, און ביזן היינטיקן טאָג איז ביי מיר נאָך פאַרבליבן די איבערלעבונג פונעם זיג איבער דער פוילישער גרופּע, דערצו אַ מיליטערישע פוטבאָל־מאַנשאַפט. מיר זענען אַוועק פונעם שפּיל־פּלאַץ צעפלאַמטע פונעם זיג, און זיי האָבן געצאָרנט פון זייער דורכפאַל. די יידן זענען ביים פונאַנדערגיין זיך באַגלייט געוואָרן מיט אַ האָגל פון שטיינער

---

*) דער י. ס. „מכבי“ אין לאָוויטש, איז פאַקטיש געווען אַ המשך און נאָכוווּקס פון דעם פריערדיקן באַקאַנטן ספּאָרט־קלוב ביים „הזמיר“ אין די יאָרן 1918—1916 — רעד.)

מצד די פּאָליאַקן. אויך אויף אונדז, די שפּילער, האָט מען געוואָרפן שטיינער. מיר זענען שוין געווען געוווינט צו אַזאַ באַציאונג מצד די פּאָליאַקן ביים ענדיקן אַ ספּאָרט־פּאַרמעסט און ס'איז נישט וויכטיק געווען צי מיר האָבן געוווּנען אָדער פאַרלאָרן.

דער געביט פון דער ספּאָרט־אַקטיוויטעט האָט זיך אויסגעברייטערט אין לאָוויטש, ווען מיר האָבן באַקומען אַ זאַל, וועלכן מען האָט ספּעציעל אויסגעשטאַט מיט ספּאָרט־מכשירים פאַר ספּאָרט־אַקטיוויטעט. מיר האָבן באַקומען פאַרשיידענע ספּאָרט־מכשירים פאַר גימנאַסטיק, באָקס און אַזוי ווייטער. אין „מכבי" האָבן זיך אָנגעשלאָסן נייע מיטגלידער. אין זאַל איז יעדן אָוונט געווען טומלדיק פון די ספּאָרטלער און באַזוכער.

עס זענען צוגעקומען נאָך אַ סך סימפּאַטיקער און אַקטיוויסטן, דער עיקר פון די, וואָס האָבן פאַרענדיקט זייער דינסט אין דער פּוילישער אַרמיי. בראש פון דער טעטיקייט פון „מכבי" איז געשטאַנען משה שמעלץ. כאָטש ער איז אַליין נישט געווען קיין ספּאָרטלער, האָט ער זיך דאָך מיט לייב און לעבן אָפּגעגעבן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט און זאָרג פאַר די פינאַנסן, בעת די הכנסות זענען באַשטאַנען פון פּרוטות, וואָס זענען געזאַמלט געוואָרן ביי די אַקטיוויסטן, אָן וועלכער עס איז שטיצע פון אַ וועלכן עס איז אַנשטאַלט.

פאַר דער טעטיקייט אין די זומער־חדשים האָבן מיר באַקומען אַ פּלאַץ, ווו עס האָט זיך קאָנצענטרירט די אַקטיוויטעט פון ביידע אָפּצווייגן פון ספּאָרט, ווי לייכט־אַטלעטיק, אונטער דער אָנפירונג פון וו. לעשטשינסקי, וועלכער וווינט איצט אין פּוילן, אין וואַרשע. מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ גרופּע פון האַנטבאָל. דער רוח־החיים אין דער אָפּטיילונג אויף אַלע געביטן איז געווען שלמה שרעגער. ער האָט אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע ענערגיע, איניציאַטיוו און איבערגעגעבנקייט צו די חברים. ער האָט גענומען אויף זיך די אויפזיכט איבער דער גרופּע יונגע יינגלעך, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן פעאיקייטן אויפן געביט פון ספּאָרט, און זיך אָפּגעגעבן מיט זיי און געזאָרגט פאַר זיי. שלמה שרעגער איז אויך געווען דער באָקס־טרענירער און האָט געזאָרגט פאַר דער אַנטוויקלונג פון פיזישע כוחות פון דער יידישער יוגנט.

איינע פון די דערגרייכונגען אין אונדזער ספּאָרט־טעטיקייט אין לאָוויטש איז געווען דער פּאַרמעסט אין לייכט־אַטלעטיק צווישן די דריי שטעט — לאָוויטש, גאַמבין און קוטנע. און ווי גרויס איז געווען די פרייד, ווען מיר זענען אַרויס די זיגער און זענען צוריקגעקומען מיטן בעכער, וואָס מיר האָבן באַקומען פאַר אונדזער זיג.

די „מכבי"־גרופּע אין לאָוויטש האָט קאָנצענטרירט אַרום זיך נישט נאָר ספּאָרטלער, נאָר איז אין לויף פון דער צייט אויך געוואָרן אַ צענטער פאַר דער יוגנט, ווי אויך פאַר יונגעלייט אין עלטער פון 20—30 יאָר, און אַ געזעלשאַפטלעכער טרעף־פּלאַץ, דער עיקר פאַר די, וואָס האָבן נישט געפונען קיין פּלאַץ פאַר זיך אין די עקזיסטירנדיקע פּאַרטייען און יוגנט־באַוועגונגען. ווער געדענקט דען נישט די יערלעכע אָוונטן, וואָס זענען פאָרגעקומען צוויי מאָל אַ יאָר: זומער אויפן „מכבי"־פּלאַץ, מיט אַ מאַסן־אָנטייל, מיט אַ ספּעציעלן אָרקעסטער, וווהין מען איז געקומען אפילו פון די אַרומיקע שטעטלעך; און ווינטער־צייט אַ פּורים־אָוונט, אין איינעם פון די גרויסע זאַלן אין שטאָט. די דאָזיקע צוויי אָוונטן זענען אויך געווען דער הויפּט־קוואַל פון הכנסה צו דעקן די אויסגאַבן פון דער ספּאָרט־אַקטיוויטעט אין משך פון גאַנצן יאָר.

די ספּאָרט־אַקטיוויטעט, די פיזישע טרענירונג, דאָס אַנטוויקלען די פעאיקייט צו פאַרמעסטן זיך מיט אַ קעגנער, האָט אויך אַרויסגערופן די זיכערקייט צו שטעלן זיך קעגן אַנטיסעמיטישע פּאָגראָמטשיקעס און צו רעאַגירן אויף יעדן אָנגריף און אויף יעדער באַליידיקונג. מיר האָבן אָנגעהויבן רעאַגירן אויפן וואַרפן שטיינער נאָך יעדן ספּאָרט־פּאַרמעסט, און אין פאַל פון געשלעגן האָבן מיר שוין געקענט צוריקדערלאַנגען קלעפּ. דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ איז שטאַרקער געוואָרן און מיר זענען שוין אַרומגעגאַנגען מיט אַ מער גלייכן רוקן.

עס איז ווינטשנסווערט צו דערמאָנען און בולט אַרויסברענגען צוויי פאַלן: עס איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענגעלויף אויף זדונסקאַגאַס אַרום אַ יידישער קראָם. מיר זענען צוגעקומען און האָבן זיך דערוווּסט, אַז עס איז געווען אַ געשלעג. אַ פּוילישער כוליגאַן האָט באַליידיקט אַ יידישע פרוי. שלמה שרעגער איז דאָרט צופעליק פאַרבייגעגאַנגען און האָט תיכף רעאַגירט מיט געבן שטאַרקע קלעפּ דעם כוליגאַן. ער האָט באַקומען אַ מעסער אין ברוסט, און דאָך האָט ער ווייטער געהאַלטן אין איין דערלאַנגען שטאַרקע קלעפּ.

די „מכבי" פוטבאָל־מאַנשאַפט, 1937

The Macabbi Soccer-Team (1937).

דאָס אָנקומען און דאָס רעאַגירן פון שלמה שרעגער אויף יידן־אָנפאַלן איז געווען אַ פערזענלעכער מוסטער ווי אַזוי מען דאַרף אין ענלעכע פאַלן רעאַגירן.

אַ צווייטער פאַל: אין איין אָוונט האָבן מיר זיך געפונען אינעם ספּאָרט־זאַל און האָבן זיך פאַרנומען מיט באָקס־טרענירונג אונטער דער אָנפירונג פון שלמה שרעגער. פּלוצלונג האָבן מיר דערהערט ווילדע געשרייען און דעם קלאַנג פון ברעכן פענצטער. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ דעמאָנסטראַציע פון אַנטיסעמיטן, וועלכע ברעכן, שלאָגן און רויבן.

שרעגער האָט תיכף געגעבן אַ באַפעל, אַז יעדער איינער זאָל נעמען אַ מכשיר אין האַנט אַריין, און מיר זענען אַרויסגעלאָפן נאָך אים אין הויף. די דעמאָנסטראַציע האָט זיך דערגענטערט צו אונדזער הויף. אַ גאַנצע מאַסע האָט מאַרשירט מיט ווילדע געשרייען קעגן די יידן. צווישן זיי זענען אויך געווען גייסטלעכע.

מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט ביי די ווענט פון אַריינגאַנג אין הויף; דעם טויער האָט געהאַלטן שרעגער. די כוליגאַנעס זענען צוגעקומען מיט ווילדע געשרייען. דריי פון זיי האָבן זיך אַריינגעבראָכן אינעווייניק. אין דעם זעלבן מאָמענט איז שלמה שרעגערן געלונגען צו פאַרשליסן דעם טויער און מיר זענען אָנגעפאַלן אויף די דריי כוליגאַנעס. זיי האָבן געקראָגן פון אונדז קלעפּ, וועלכע זיי

האָבן זיכער אַ לאַנגע צייט געדענקט און געפֿילט. דעם צווייטן טאָג זענען פּאָליציסטן אַרומגעגאַנגען און האָבן געהיטן די אָרדענונג.

אין אָוונט האָבן יידן מורא געהאַט אַרויסצוגיין אין גאַס. צו דער „מכבי"־גרופּע זענען געקומען פֿרייוויליק און פֿון אייגענער איניציאַטיוו יונגע געזונטע בחורים פֿון פּראָסטן פֿאָלק מיטן צוועק אָפּצוהיטן די יידישע גאַס קעגן אַנטיסעמיטן. עס האָבן זיך אָרגאַניזירט זעלבסטשוץ־גרופּן באַוואָפֿנטע מיט שטעקנס אין די הענט און זענען אַרויסגעגאַנגען אין די גאַסן צו פֿאַרזיכערן די יידישע קוואַרטאַלן קעגן אָנפֿאַלן פֿון פּוילישע כוליגאַנעס. אַזוי אַרום האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט אַ קערנדל פֿון יידישן כוח פֿאַר זעלבסט־שוץ.

אין 1934 האָב איך צוזאַמען מיט מיין משפּחה פֿאַרלאָזן לאָוויטש און מיר זענען געקומען אַהער אין לאַנד. דעמאָלט איז די ספּאָרט־טעטיקייט אין דער „מכבי"־גרופּע געווען אויך איר הויך־פּונקט. ביי דער געזעגענונגס־מסיבה, וואָס די ספּאָרטלער האָבן געמאַכט פֿאַר מיר, איז געקומען צום אויסדרוק זייער ווילן און שטרעבן אויך צו פֿאָרן קיין ארץ־ישראל. איך בין געפֿאָרן פֿון לאָוויטש קיין ארץ־ישראל פֿול מיט האָפֿענונג, אַז אין אַ קורצער צייט אַרום וועלן אויך אַהערקומען די מערסטע יידן פֿונעם שטעטל, און דאָ וועלן מיר צוזאַמען מיט דער אָנגעקומענער יוגנט פֿאָרזעצן אונדזער ספּאָרט־אַקטיוויטעט. און ווי ביטער איז דער גורל, וואָס נאָך אַ געוויסער צייט איז אַלץ פֿאַרניכטעט און חרוב געוואָרן. און די דאָזיקע קהילה, אַ יוירנדיקע, וואַכזאַמע און פֿול מיט יידישער וואַרעמקייט איז אַזוי גרויזאַם פֿאַרניכטעט געוואָרן.

בלויז איך אַליין האָב זיך דאָ אין לאַנד אָפּגעגעבן מיט אַ פֿאַר־צווייגטער ספּאָרט־טעטיקייט. און וואָס איך האָב געלערנט און ליב געהאַט אין דער שטאָט לאָוויטש, האָב איך אויך פֿאָרגעזעצט צו פּלעגן און געבן מיין ביישטייער אין דער ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע דאָ אין לאַנד. און איצט פֿאַרנעמען זיך אויך מיינע קינדער מיט ספּאָרט.

די קאָמוניסטישע יוגנט אין לאָוויטש

(פֿאַרצייכענונגען און פֿאַקטן)

דאָס קערנדל פֿון רעוואָלוציאָנערן געדאַנק, אין קאַמף קעגן פֿינצטערניש, פֿעלקער־פֿאַרשקלאַפֿונג און דיסקרימינאַציע, האָט אין לאָוויטש, פּונקט ווי אין אַנדערע שטעט אויפֿן שטח פֿון אַמאָליקן רוסלאַנד, געשלאָגן טיפֿע וואָרצלען, נאָך פֿון דער תקופֿה פֿון דער ערשטער רעוואָלוציע, אין 1905.

די דאָזיקע פֿרייהייט־אידעען האָבן דורכגעמאַכט פֿאַרשידענע טראַנספֿאָרמאַציעס און געקריגן אַ תיקון אין די דעקלאַראַציעס פֿון די שפּעטער אַנטשטאַנענע פּאָליטישע באַוועגונגען, וואָס יעדע פֿון זיי האָט רעפּרעזענטירט פֿאַרשידענע סאָציאַלע קלאַסן און פּאָליטישע שטרעמונגען.

די ערשטע וועלט־מלחמה און שפּעטער די רוסישע רעוואָלוציע פֿון 1917, האָבן די דאָזיקע אידעען אַרויסגעפֿירט אויף אַ ברייטערן שליאַך און זיי צוגעגעבן נייעם אימפּעט, שווונג און באַדייטונג.

איר אָפּקלאַנג האָט געפֿונען מיליאָנען הייסע נאָכפֿאָלגער צווישן די אונטערדריקטע פֿעלקער און אויפֿוואַכנדיקער יוגנט אין אַלע עקן וועלט.

די יידישע יוגנט אין פּוילן איז נישט געווען קיין אויסנאַם. זי האָט אָנגעהויבן צו רעוואָלטירן קעגן אַלטן לעבנס־שטייגער פֿון אירע עלטערן, געזוכט אַ נייע לעבנס־פֿאָרם און געשטרעבט צו זעלבשטענדיקייט.

די יוגנט האָט זיך גענומען צו זעלבסטבילדונג און געריסן צו אַן אייגענעם דרך אין לעבן, אין קאַמף קעגן פֿאָראורטיילן און סאָציאַלער אונטערדריקונג.

די ווערק פֿון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור, אין וועלכע עס איז געקומען צום אויסדרוק סאָציאַלער יושר און נאַציאָנאַלע באַפֿרייאונג ־פֿאַר מינדערהייטן און פֿאַרן יחיד, איז דורך דער יוגנט געלייענט געוואָרן מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם און הייס דעבאַטירט געוואָרן.

מיט נאָך מער ענטוזיאַזם זענען געלייענט געוואָרן די עפּישע ווערק פֿון די גרויסע רוסישע שרייבער, וואָס האָבן געשילדערט די רוסישע רעוואָלוציע מיט אירע סאָציאַלע ענדערונגען, סיי די נייע פֿאַרהעלטענישן, וואָס קומען פֿאָר אין לאַנד פֿון סאָציאַליס־טישן בוי.

די דאָזיקע ווערק האָבן באַאיינפֿלוסט ברייטע שיכטן פֿון דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָבן זייערע אידעען אַריינגעבראַכט צווישן די מאַסן. אידעען, וואָס האָבן גערעדט צו זייערע הונגע־ריקע מאָגנס און געמיט.

די יידישע יוגנט האָט זיך געפֿונען אונטער דער בייטש פֿון טאָפּלטער אונטערדריקונג און דיסקרימינאַציע — סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע. און די רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען האָבן דעריבער געפֿונען אַ פֿרוכטבאַרן באָדן אינערהאַלב די אומפּריווילעגירטע שיכטן פֿון דער יידישער יוגנט, וואָס האָבן אין זיי געזען אַ לייזונג, נישט בלויז פֿון זייערע פּערזענלעכע עוולות, נאָר פֿאַר די אַלגעמיינע פּראָבלעמען, פֿאַר וועלכע זיי זענען געשטאַנען אין קאַמף אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן.

די יידישע יוגנט, אַ באַעוולטע, האָט וואָס אַמאָל מער געפֿילט די אומיושרדיקייטן פֿון דער פּוילישער רעגירונג, וואָס איז געוואָרן רעאַקציאָנערער, און אין גאַנג פֿון די יאָרן, אויף אַ ציניש אופֿן פֿאַרגעסן די פֿייערלעכע הבטחות וועגן גלייכבאַרעכטיקונג פֿאַר די מינדערהייטן, וואָס זי האָט אַריינגעשריבן אין איר אומאָפּהענגי־

קייט־דעקלאַראַציע, און ספּעציעל, פֿאַר דער יידישער באַפֿעלקערונג. רעגירונגס־אַמטן זענען געשלאָסן געווען פֿאַר יידישער אינטעליגענץ און פֿרייע באַרופֿן. און לסוף, האָט די רעגירונג אויף אַ ווילקירלעכן אופֿן געשלאָסן פֿאַר יידן די טירן פֿון די העכערע בילדונגס־אַנשטאַלטן.

די ברוטאַלקייט פֿון פּוילישן אַנטיסעמיטיזם און די אויסזיכטלאָזיקייט פֿון דער יידישער יוגנט אויף רעכט צו אַרבעט, האָט פֿון זיך אַליין געשאַפֿן אַ רעאַקציע, וואָס האָט אַלס פּועל־יוצא טויזנטער פֿון זיי ענגער פֿאַרבונדן מיט דער פּוילישער אַרבעטערשאַפֿט, אין וועמען זיי האָבן געזוכט אַן אַליאירטן, אין קאַמף פֿאַר גלייכבאַרעכטיקונג און אַ בעסערן מאָרגן.

אין אָנהויב פֿון די צוואַנציקער יאָרן איז אין לאָוויטש אַנטשטאַנען די פּרץ־ביבליאָטעק, וואָס האָט זיך געפֿונען אין צוויי ענגע צימערלעך, אויף זדונסקאַ־גאַס 12. די לעצטע איז געווען אונטער דער אָנפֿירונג פֿון נאָדל־פֿאַראיין.

די פּרץ־ביבליאָטעק איז אָבער אַ האַלב יאָר שפּעטער פֿאַרחתמעט געוואָרן דורך דער פּוילישער דעפֿענסיווע, צוליב אַ פּראָוואָקאַציע.

אין דער צייט פֿון דער שפּאַלטונג פֿון דער פּועלי־ציון פּאַרטיי אין לאָוויטש, אין יאָר 1927, זענען צווישן די אַרויסגעטרעטענע געווען אַזעלכע טוער, ווי יאָסל ליפּסקי (היינט רעדאַקטאָר פֿון „פֿריי ישראל״ אין ת״א), וועלוול זיידע, פּנחס קייזמאַן און אַנדערע. אַרום די לעצטע האָבן זיך אָנגעהויבן צו גרופּירן יוגנטלעכע, צווישן זיי, אַ בירגערלעכער עלעמענט. פֿיל פֿון זיי פֿון חסידישע היימען.

אַ טייל פֿון זיי זענען נישט געווען קיין אָפֿיציעלע פּאַרטיימיטגלידער, נאָר סימפּאַטיקער, וואָס האָבן געהאָלפֿן אין די זאַמלאַקציעס פֿאַרן „מאָפּר״ (פֿאָנד פֿון די פּאָליטישע אַריסטאַנטן).

די פּוילישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט ענג קאָאָפּערירט מיט דער יידישער יוגנט און אָנגעהאַלטן מיט איר אַ טאָג־טעגלעכן קאָנטאַקט אין דער קאָנספּיראַטיווער טעטיקייט פֿאַר די זעלבע צילן און אידעען.

צווישן די קריסטלעכע טוער האָבן זיך אויסגעטיילט עטלעכע אידעאַליסטישע אַרבעטער־יחידים פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס האָבן זיך באַליבט געמאַכט ביי דער יידישער קאָמוניסטישער יוגנט.

אין די סוף צוואַנציקער יאָרן, ווען די פּוילישע מאַכט איז געוואָרן רעאַקציאָנערער און אַנטיסעמיטישער, האָט זיך נאָך מער פֿאַרשאַרפֿט דער קאַמף פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

די ערשטע פּאָליציייִשע קרבנות זענען געווען חיים ערליך און וועלוול זיידע, וועלכע זענען אַרעסטירט געוואָרן אין לאָקאַל פֿון נאָדל־פֿאַראיין, ביים צוגרייטן רעוואָלוציאָנערע טראַנספּאַרענטן.

חיים ערליך איז פֿאַרמשפּט געוואָרן צו צוויי יאָר תּפֿיסה און וועלוול זיידע — צו דריי יאָר. (דער לעצטער האָט געשטאַמט פֿון אַ חסידישער היים). חיים ערליך געפֿינט זיך היינט אין סאָוועטרוסלאַנד. וועלוול זיידע, וואָס האָט שפּעטער געוווינט אין דאַנציק, איז דורך די נאַציס פֿאַרשיקט געוואָרן אין אַן אַרבעטס־לאַגער אין בעלגראַד, ווו ער איז אומגעקומען אין 1942).

יאָסל ליפּסקי איז אַרעסטירט געוואָרן אין פּרושקאָוו ביים האַלטן אַן אַנטי־מלחמה־רעדע פֿאַר אַ מיליטערישער פֿאַבריק.

פֿון דער זעלבער תּקופֿה דאַטירן זיך אַ ריי ווייטערדיקע אַרעסטן פֿון יידישע יוגנטלעכע, וואָס די פּאָליציי פֿלעגט כּסדר פֿאַרפֿאַלגן, נאָך די סאָציאַליסטישע יום־טובֿים, ווי דער ערשטער מאַי, דעם 1־טן סעפּטעמבער (אַנטי־מלחמה־טאָג), 8־טן מערץ (אינטערנאַציאָנאַלן פֿרויען־טאָג), די דריי „לאַמעדן״ (לענין, ליבקנעכט און לוקסענבורג). דאָס זענען געווען פֿאַקטישע קאַמפּסטעג, און די רעוואָלוציאָנערע יוגנט האָט זיך צו זיי געגרייט מיט גרויס אייפֿער און אידעאַליזם, נישט געקוקט אויף דער סכּנה, וואָס עס האָט זיי געדראָט אַרעסטירט צו ווערן. באַזונדערס איז די זעלבע יוגנט אָנגעגאַנגען מיט אַן אינטענסיווער אינערלעכער אַרבעט, אָפּגעהאַלטן לעקציעס אין קעמערלעך, לייען־קרייזן און געהאָלפֿן רופֿן גאַסן־„מאַסוווקעס״.

אין 1936 איז דער לאָוויטשער פּאַרטיי־קאָמיטעט אַריינגעפֿאַלן דורך דער פּראָוואָקאַציע פֿון אַ פּוילישן סטודענט אין דער אָרטיקער אַגראַר־שול. דער לעצטער האָט דערציילט זיינעם אַ שוואָגער, אַ פּאָליציאַנט, אַז ער איז דורך אַנדערע שול־חברים אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אומלעגאַלער באַוועגונג.

די פּוילישע דעפֿענסיווע האָט באַקומען אַ ליסטע פֿון די יעניקע, וואָס שטייען אין קאָנטאַקט מיט דער שול־יוגנט. דער גרעסטער טייל פֿון קאָמוניסטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט איז דעמאָלט אַרעסטירט געוואָרן, דערונטער פֿיל יידן. די אַרעסטירטע זענען געשטעלט געוואָרן פֿאַרן געריכט און פֿאַרמשפּט געוואָרן צו פֿיל יאָרן תּפֿיסה.

(בלויז איין וועלוול זיידע איז דעמאָלט געלונגען צו אַנטלויפֿן, און ער האָט זיך ביזן אויסברוך פֿון דער מלחמה, אויסבאַהאַלטן אין דאַנציק).

אין באַרימטן „ווייסרוסישן פּראָצעס״, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין לוצק, איז צווישן אַנדערע, געזעסן אויף דער באַשולדיקונגסבאַנק אַ יידיש מיידל פֿון לאָוויטש, אַ סטודענטין פֿון וואַרשעווער אוניווערסיטעט. דאָס איז געווען חנה אורבאַך, אַ טאָכטער פֿון אַן אָנגעזעענער חסידישער פֿאַמיליע.

נישט געקוקט אויף די כּסדרדיקע פּאָליציייִשע פֿאַרפֿאָלגונגען, האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין לאָוויטש אָנגעפֿירט אַ פֿאַרצווייגטע פּראָפֿעסיאָנעלע און קולטורעלע טעטיקייט, ביז 1938, ווען די פּוילישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אָפֿיציעל דורך מאָסקווע אויפֿגעלייזט געוואָרן.

צווישן די יידישע חברים, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט, דאַרפֿן דערמאָנט ווערן: יוסף גיסענהאָלץ, אַ באַשיידענער אַרבעטער־אינטעליגענט; שייע פּינטשעווסקי — אַ צייטונגס־פֿאַרקויפֿער, מיט זיינע דריי שוועסטער: סימקע, גאָלדע און גוטע. די לעצטע איז העלדיש אומגעקומען מיט וואָפֿן אין דער האַנט, אַלס פּאַרטיזאַנערין אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע. (זי איז פֿאַרהייראַט געווען צום לאָוויטשער בחור פּסח גרינבערג און געווען די מוטער פֿון אַ קינד).

אַ וויכטיקער טוער אין דער געזעלשאַפֿטלעכער באַוועגונג און אין די לינקע פּועלי־ציון, איז געווען מענדל ליפּסקי (עלטערער זון פֿון די ליפּסקיס), וואָס איז אין די אָנהויב צוואַנציקער יאָרן אַוועק קיין רוסלאַנד און יעדער שפּור איז פֿון אים פֿאַרשוווּנדן. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיטן יונגן מיכאל שפּייזהענדלער, אַן אינטעליגענטער בחור פֿון אַ חסידישער היים.

צווישן די אַקטיווע פֿרויען־מיטגלידער דאַרפֿן דערמאָנט ווערן: פּעסע ליפּסקי, בריגידע גראָסמאַן, ביילע גאָלדבערג, גאָלדע טשערווינסקאַ און אַנדערע.

אין משך פון פיל יאָרן זענען געווען טעטיק די סטודענטינס פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט: רחל גינזבורג (דעם מוהלס טאָכטער), יאַדזשקע דאָמב (האָלץ־סוחרס טאָכטער), חנה אורבאַך (חסידישע היים), עטקאַ טושינסקאַ א. אַנד.

אגב זענען די אויבנדערמאָנטע (מיסן אויסנאַם פון חנה אורבאַך ע״ה) אַקטיוו אין נייעם סאָציאַליסטישן פאָלקס־פוילן.

אַקטיוו האָבן אויך מיטגעאַרבעט דער שניידער־געזעלן משה גראָדזענסקי, וועלכער האָט זיך גערעכנט ווי אַ לעבעדיקער נערוו פון דער יוגנט. ער איז אַרעסטירט געוואָרן אין יאָר 1931, צוזאַמען מיט אַנדערע,ביים טויער פון די מיליטערישע קאַשאַרן, אין טאָג פון אַן אַקציע פון די „דריי לאַמעדן".

די געכאַפּטע זענען דעמאָלט פאַרמשפט געוואָרן צו דריי יאָר תפיסה. און נאָכן אַרויסקומען אויף דער פריי, האָבן זיי ווייטער פאָרגעזעצט זייער אַרבעט אין דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

די פאַרטיי האָט, פון צייט צו צייט, צוגעקראָגן פרישע כוחות, צווישן אַנדערע יוגנטלעכע פון לינקע פועלי־ציון און פון „השומר הצעיר".

די יידישע קאָמוניסטן זענען אומגעקומען מיט אַלע אַנדערע לאָוויטשער יידן. פיל פון זיי האָבן געקעמפט קעגן אכזריותדיקן שונא און געפאַלן.

בלויז יחידים איז באַשערט געווען זיך אָפּצוראַטעווען פון אומקום.

רעגיאָנאַלער „ספּאָרט־טאָג" אין לאָוויטש

די גרעסטע יידישע ספּאָרט־געשעעניש אין לאָוויטש און אין דעם מאַזאָוושער ראַיאָן איז בלי־ספק געווען דער רעגיאָנאַלער „ספּאָרט־טאָג", וואָס איז פאָרגעקומען אין לאָוויטש, זונטיק, דעם 6־טן אויגוסט, 1933.

דער דאָזיקער „ספּאָרט־טאָג" איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דעם יידישן טורן־ און ספּאָרט־פאַראיין „מכבי" אין לאָוויטש, אונטער דער אָנפירונג פון משה שמעלץ הי״ד, אין וועלכן ס'האָבן זיך באַטייליקט עטלעכע הונדערט יידישע ספּאָרטלער פון די שטעט: גאָמבין, גאָסטינין, קוטנע, פּלאָצק, סאָכאַטשעוו, זשיכלין און לאָוויטש. דער „ספּאָרט־טאָג" האָט אַרומגענומען פאָלגנדיקע ספּאָרט־געשעענישן: קאַמפן פון לייכט־אַטלעטיק, 100 מעטער־לויף, 400 מעטער־לויף, 1500 מעטער־לויף (פאַר מענער); שטאַפּעטן־לויף 4×100; קוגעל־וואָרף, דיסק־וואָרף, הויך־שפּרונג און ווייט־שפּרונג; 100 מעטער־לויף, הויך־שפּרונג און ווייט־שפּרונג (פאַר פרויען).

דער גראַנדיעזער טורן־פעסט איז פאָרגעקומען אויפן אייגענעם ספּאָרט־פּלאַץ, זדונסקאַ 41, אונטער דער לייטונג פון אינסטרוקטאָר ה. קראַקאָווסקי (פון לאָדזש).

אין ווייטערדיקן טייל פון פּראָגראַם אין די מאָרגן־שעהן, איז פאָרגעקומען אַ נעץ־באָל מעטש און אַ ציקליסטן געיעג לאָוויטש—לישקאָוויץ (30 קילאָמעטער).

אין פּראָגראַם פון טורן־פעסט, וואָס איז פאָרגעקומען אין די נאָכמיטאָג־שעהן, זענען געגעבן געוואָרן פרייע איבונגען. פאָן־איבונגען, פלאַשן־איבונגען אויף מכשירים. אין דאָזיקן טייל האָט אָנטיילגענומען די מוסטער־גרופּע פון י.ט.ס.פ. קוטנע. צו די איבונגען האָט צוגעשפּילט דער בלאָז־אָרקעסטער פון א.ס.ק. „מאָרגנשטערן", פון קוטנע, אונטער דער לייטונג פון קאַפּעלמייסטער ה' ב. וויטקאָווסקי.

אין טורן־פעסט האָבן זיך באַטייליקט אַלע טורן־גרופּן פון לאָוויטשער „מכבי", וועלכע האָבן אגב געוווּנען די גרעסטע צאָל פּונקטן און ספּאָרט־אויסצייכענונגען.

דער גראַנדיעזער „ספּאָרט־טאָג" האָט זיך פאַרענדיקט אין די שפּעטע אָוונט־שעהן מיט אַ באַנקעט פאַר אַלע אָנטיילנעמער און געסט אין האָטעל „קראַקאָווסקי", ווו עס איז פאָרגעקומען די צערעמאָניע פון פאַרטיילן די פּריזן צו די געווינער אין די פאַרשידענע ספּאָרט־פאַרמעסטן.

פאַרוואַלטונגען פון געזעלשאַפטן און אינסטיטוציעס אין לאָוויטש אין 1939

געזעלשאַפט „פּאַר יתומים־שוץ און קינדער־פּאַרזאָרגונג״ „צענטאָס״

ד״ר יצחק יאַקובאָווסקי — פּרעזעס
ד״ר. ברוך שאַפּירא — וויצע־פּרעזעס
פּרוי זלאַטע דאָמב — קאַסיר

פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער:

אסתר יאַקובאָווסקאַ
רעגינאַ שאַפּיראַ
רוזשאַ זשעלעכאָווסקאַ
חנה לעשטשינסקאַ
חיים ראָזענדאָרן
פּנחס טענענבוים
גאָלדע אַלבעק

פאַרטרעטער:

יוכבד באַרנשטיין
משה שמעלץ

רעוויזיאָנס־קאָמיסיע:

אַנאַסטאַזיאַ קנאַטע — פּרעזעס
יוסף שרעגער
י. מינץ
ישעי׳ זילבערמאַן
סעקר. איזאַ ראָזענדאָרן

קאָאָפּעראַטיווע „באַנק ספּולדזיעלטשי״

פאַרוואַלטונג:

יידל איגלא — פּרעזעס
אלתר ווינער — וויצע־פּרעזעס
ברוך שאַפּירא — פאַרוו. מיטגליד

אויפזיכטס־ראַט:

בן־ציון מיעדזשיגורסקי — פּרעזעס
ד״ר י. יאַקובאָווסקי — וויצע־פּרעזעס
אברהם וואָלף פּעפּער
אברהם בערמאַן
פּיניע גורט
ישראל אשר אייזנבערג
אברהם אורבאַך
ישעי׳ זילבערמאַן
יעקל פישער

„לינת הצדק״

יצחק זשעלעכאָווסקי — פּרעזעס
ישראל אשר אייזנבערג — וויצע־פּרעזעס
שמואל שלמה ליפּסקער — קאַסיר
חיים הערש הענדעלעס — סעקרעטאַר

חיים ליפּסקי
לייביש קרייצער
הערשל שידלאָ
בעריש רעכענסמאַן
דוד לייב פּיפקאַ
יוסף דניאל בוכנער
רפאל מילגרוים
חיים ביעזשאַנסקי
בעריש נאַשעלעוויטש
פישל זילבערמאַן

י.ט.ס.פ. „מכבי״

שרעגער שלמה — פּרעזעס
פוקס יעקב — וויצע־פּרעזעס
עפּשטיין לייבל — סעקרעטאַר
גאָוועדאַ אברהם — קאַסיר
עזריאל ווינער
נאַטאַן שלמה
בירענצווייג זלמן
פּייבושאַק פישקאַ
קריפּל בערל

רעוויזיאָנס־קאָמיסיע:

דאַווידאָוויטש דוד
ח. לעווקאָוויטש
קרימהאָרן שלמה

גמ״ח־קאַסע

גערסאָן סנדר — פּרעזעס
אַלשטיין יעקב — וויצע־פּרעזעס
שיינפּיין אהרן — סעקרעטאַר
ליפּסקער שמואל שלמה — קאַסיר

וואָלף ירחמיאל	פאַרוו. מיטגליד
רעכענסמאַן נח	״ ״
בראַנד דוד ישעי׳	״ ״
זיידע ישעי׳	״ ״
אייזנבערג ישראל אשר	״ ״
פּערא מנחם	״ ״
פּעטשעניק משה לייב	רעוו. קאָמיסיע
צוקער שמחה	״ ״
ראָזענבערג משה	״ ״

„לינת החולים״

פּעפּער אברהם וואָלף — פּרעזעס
ראַדזינסקי ידידי׳ — וויצע־פּרעזעס
מיכאַלאָוויטש וואָלף
דזיאַלאָשינסקי אברהם
פראַנקאַן ישראל

סאָקאָל זעליג
יושקעוויטש פּנחס
ווינקלער גבריאל
פּיאַסעטשני שמואל
זאָרמאַן זלמן — קאַסיר
בעער ישראל
גאָלדבערג יוסף
קאָוואַלסקי גרשון
בירגערמאַן חיים
שטערנפעלד אברהם

רעוויזיאָנס־קאָמיסיע:

וויינשטאָק יוסף
ניסענהאָלץ יהושע בער
זאַלץ ישעי׳
שיינפּיין אהרן — סעקרעטאַר

יידישע ראַטמענער אין לאָוויטשער שטאָטראַט

(מאַי 1939)

לייבל ביאַלער (מזרחי); ברוך שאַפּירא, מאַכל גראַניצאַ (ציוניסטן); ראובן ברייטשטיין און משה ראָזענבערג (אגודה); אברהם־וואָלף פּעפּער, יצחק־בער אַפּעל, י. ד. בוכנער (האַנטווערקער).

פאַרשטייער אין דער יידישער קהילה

קהילה־ראַט:

ד״ר יצחק יאַקובאָווסקי — פּרעזעס; שמואל־שלמה ליפּסקער — וויצע; אפרים ראָזענקראַנץ, פּיניע גורט, אלעזר בענדער, אברהם־הערש באַרענשטיין, ירחמיאל וואָלף, שמואל דאַווידאָוויטש, יצחק גאָטליב, ליפּאַ גרינבוים, יעקב זאַנד, ידידיה שאַיאַק.

פאַרוואַלטונג:

אלתר ווינער — וויצע; בן־ציון מיעדזשיגורסקי, ברוך שאַפּירא, ישעיה זילבערמאַן, יוסף קאַדיש, מרדכי זילבערבערג, פישל ראָזענבוים, יעקב שטערן. (דער אמט פון פּרעזעס איז וואַקאַנט געווען זינט יאַנואַר 1939, צוליבן לייגן דעם מאַנדאַט פון דעמאָלטיקן פּרעזעס איטשע אַדלער ז״ל).

שלום אַש
י. י. טרונק
י. מאַסטבוים
נחום סאָקאָלאָוו
י. פּאַט
ג. טשאַרנעזאָן-שאַיאַק

לאָוויטש

אין דער

יידישער

ליטעראַטור

שלום אַש

דער יאַרמאַרק

(פּאַרקירצט)

עס איז נאָך דעם שניט, שוין האָבן די גויים זייער ביסל תבואה אין די שפּייכלערס אַריינגעבראַכט און קומען זיך איצט צוזאַמען צו פאַרקויפן די תבואות; ווער עס קויפט דערפאַר אַ קו, ווער אַ חזיר אויף אויסצופּאַשען איבערן ווינטער און אויפן פרילינג צו פאַרקויפן, וועלכער פויער ברענגט זיין אייגן פערדל צו פאַרקויפן, וואָס ער דאַרף עס נישט מער נאָכן שניט, און וויל דאָס אויף דעם גוטן פּעלץ אויסבייטן. ס׳קומען דאָ אָנצופאָרן די פערד־סוחרים פון די מקומות אַרום, וואָס קויפן אויף די פערד פאַר דעם דייטש. די פּעלצן־סוחרים האָבן שוין אָפּגעדונגען די שטעלן אין די גאַסן מיט וואָכן צוריק, און פון פרימאָרגנס אָן הערט זיך כסדר דאָס רעדער־קלאַפּן איבער דעם ברוק פון שטעטל. דאָס קומען אָן צו פאָרן די סוחרים פון די נאָענטע שטעטלעך אַרום. אויפגעפּאַקט אויף די גרויסע פורן די קאַסטנס סחורה מיט די שטעקנס און דרענגער, די שטעל אויפצושטעלן, קומען צופאָרן אין שטעטל אַריין טאַנדייט־שניידער, טאַנדייט־שוסטער, היטל־מאַכער, פּעלצן־פליקער מיט זייער סחורה, וואָס זיי האָבן פאָרן גאַנצן זומער פאַר דעם יריד אָנגעאַרבעט. מען לויפט פלינק אַ שטעל צו פאַרכאַפּן און מען שטעלט אויף אַ קראָם. די שטאָטישע האָבן שוין פאַרכאַפּט די בעסטע קראָמען אין מיטן מאַרק און האָבן די פרעמדע אַרויס־געשטופּט צום פערד־מאַרק, צום חזיר־מאַרק, און נישט איין גע־שלעג איז שוין דורך דעם היינטיקן טאָג אַרויסגעקומען.

דאָס גאַנצע שטעטל קוקט אויס אויף דעם יאָר־מאַרק, וואָס גיט ייִדן אַ האַלבע פּרנסה. איז ביי ר׳ שלמהן געווען אַ מנהג — אַלע ערב יאָר־מאַרק אויסצובייטן אַ הונדערטער אויף קליינגעלט און עס אויסבאָרגן אָרעמעלייט אויפן יאָר־מאַרק. פאַר צייטן האָט מען גענומען אויף די גמילות חסדים פון די אָרעמעלייט משכנות: אַ זייגערל, אַ פינגערל, אַ זילבערן לייכטערל, וואָס אַ העלפט דערפון איז פאַרפאַלן געוואָרן און אַ העלפט האָט מען צוריק אַרויס־געגעבן אויף די ימים־טובים.

✶

פאַרנאַכט איז אָנגעקומען די גאָמבינער חברה. דאָס זענען די סעדער־ייִדן, וואָס האַנדלען אויך מיט פיש פון די גרויסע טייכן. עס שמעקט פון אַזאַ ייִד אַראָפּ דער פיינער עפּל־יאַשמאַק, מיט וועלכן ער גייט אום אַ גאַנץ יאָר. אין זיין געדיכטער טונקעלער באָרד, וואָס שטעכט ווי שפּילקעס, האַלט זיך אויף דער סוד פון דעם טונקעלן טייך, פון וועלכן זיי כאַפּן די פיש אַרויס. דאָס זענען פון יענע ייִדן, וואָס האָבן נישט קיין מורא פאַר קיין גוי און זענען קיין מאָל אין גלות נישט געווען. דאָס גאַנצע לעבן מיט דער ערד אין איינעם אויפגעצויגן געוואָרן, אין די טונקעלע טייכן ביים פיש כאַפּן, אין די פייכטע סעדער ביים אויבס געוואַקסן. אָפּגע־ברענט פון דער זון זענען זייערע פּנימער און זייערע הענט, אַז עס דאַכט זיך, אַז זיי זענען אין גאַנצן פון מאַסיוון בראָנז געגאָסן. יעדערער אַזאַ ייִד האָט אַ טוץ קינדער און לעבט אויס זיינע הונ־דערט און צוואָנציק יאָר אָן צער און ווייטיק, פאַרדינט זיך זיין ברויט ביז צו דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן, און צו זיבעציק יאָר ברענגט ער נאָך אַ נייִ קינד אויף דער וועלט. אומעטום זענען די גאָמבינער די תקיפים, פאַר זיי האָט מען מורא. זיי כאַפּן זיך באַלד צום דרענגל, מחמת דעם איז ביי זיי אויפן מאַרק יאָ חזקה, נישט חזקה — אַ קלייניקייט. באַלד אַראָפּ פון די פורן, די פאָטערס מיט די יונגען אין מיטן בעסטן מאַרק, גענומען די היימישע שטעלן צעוואַרפן און אויפשטעלן זיך זייערע אייגענע, און אויסגעלייגט זיך זייערע פּעלצלעך. איז דאָך דאָרט געוואָרן אַ געוואַלד. די היימישע שטאָט־ווייבער זענען אַרויס מיט הייס וואַסער, באַגאָסן די גאָמבינער רוצחים, וואָס גייען איינגעמען אַ וועלט. אָבער פאַר גאָמבין האָט מען מורא, האָט מען זיך סוף כל סוף אָפּגערוקט אָן אַ זייט פאַר זיי.

עס זענען געקומען צופאָרן די גאָסטינינער „ווייבער". ווייבער האָט מען זיי גערופן דערפאַר, ווייל די מענער זענען טאַנדעט־שניידער און היטלמאַכער, זיצן אַ גאַנצע וואָך ביי די אַלטע מאַ־שינעס, וואָס ווילן נישט אַנדערש נייען, סיידן נאָר מען טרינקט זיי גוט אָן מיט אייל, אַזוי אַז די הויזן און די מאַרינאַרקעס, וואָס קומען אַרויס פון דער מאַשין, זענען דורכגענעצט אין אייל. און ווייל די מענער זענען פאַרנומען, פירן די ווייבער די שטאָט. די מענער האָבן מורא פאַר זיי. זיי זענען קליינע, אויסגעטריקנטע שניידערלעך און די ווייבער גרויס און שטאַרק. אַ שם האָבן די גאָסטינינער מיידן אין דער וועלט, און פאַר אַ פּאַטש פון אַזאַ מויד היט מען זיך. וואָרעם שטאַרק איז אַ גאָסטינינער מויד און עסט פאַר דריי מאַספּערשוינען. עס איז אַ פאַרגעניגן אַריינצוקוקן אין אַ גאָסטינינער קיך. די מיידן האָבן כוח צו שייערן די מעשענע רייפן פון די טונען, צו רייבן מיט זאָדע און זאַמד די ברעטלעך, און אַלץ פינקלט שטענדיק. דערפאַר האָבן מערסטנס גאָמבינער בחורים חתונה מיט גאָסטינינער מיידן. זיי פּאַסן זיך פונקט איינס פאַרן צווייטן און האָבן נישט מורא איינס פאַרן אַנדערן... און אַז די גאָסטינינער ווייבער קומען אָן מיט זייערע שטעלן, רוקן זיך די גאָמבינער „רוצחים" אַ ביסל פאַר זיי אָפּ. טאַקע „רוצחים", אָבער מיט גאָסטינינער ווייבער איז נישט־גוט צו טשעפּען...

עס קומען אָן די זשאַכלינער קצבים־יונגען, וועלכע קויפן אויף צווישן זיך גוט און מען גייט אַריין צו נאָטע דעם רעסטאָראַטאָר די בהמות אויף די מערק צו פירן זיי קיין לאָדזש, מיט די גראָבע שטעקעלעך אין די הענט און די געפּוצטע כאָלעווקעלעך, — ציטערט פאַר זיי דאָס שטעטל. אַז זיי באַווייזן זיך, קוקן זיי זיך אויס אַ גאָסטינינער מויד אַ כלה צו נעמען פאַר זיך.

מיט זיי קאָנקורירן די קראָשנעוויצער פערד־יונגען. מיט די לעדערנע הויזן, געפּאַסטע שטיוועלעך און די באַטיקלעך אין די הענט, זענען זיי געקומען צו פאָרן אויפן יריד פערד איינצוקויפן פאַרן דייטש. עס ציטערן פאַר זיי די זשאַכלינער קצבים־יונגען און קוקן זיך איינער דעם אַנדערן אַריבער:

„נו, העכט, וואָס הערט מען אין דיין זשאַכלין?"

„זאָל דיר דער מוח נישט אויסדאַרן פאַר זשאַכליז, דו קראָש־נעוויצער פּראַנט!"

אַזוי נעמט מען זיך אָן פאַר די שטעט, מען ווערט אָבער באַלד צווישן זיך גוט און מען גייט צו נאָטע דעם רעסטאָראַטאָר אין איינעם נעמען דאָס גוטע ביסל בראָנפן.

דערווייל איז פאַרנאַכט געוואָרן, און ביי נאָטע רעסטאָראַטאָר איז לעבעדיק: די סוחרים זענען געקומען צו פאָרן. אָפּגעבראָטן האָט לאהלע, דאָס שיינע פעטע ווייבל, נאָטע דעם רעסטאָראַטאָרס טאָכטער, די פעטע גענדזלעך מיט די פעטע קאָטשקעלעך. ווורשט געבראַכט פון וואַרשע מיט דעם גוטן טרונק בראָנפן. שטייט זי הינטער דעם שענק־טיש מיט איין אוירינגל אין אויער, מיט די פאַרקעמטע צעפּ און אָפּגעוואַשענעם פּעטן האַלדז און זעט אויס אַזוי באַטעמט ווי אירע פעטע געגנדזלעך. זי גיסט בראָנפן איין די סוחרים. מען טרינקט דעם „ניינציקער" און מען פאַרבייסט מיט דעם געשמאַקן קנייפּ, וואָס מען גיט דער פעטער שיינער שענקערין דאָרט, ווו עס איז צום אָנגענעמסטן צו קנייפּן.

אָנגעקומען איז צו פאָרן אויפן יריד אַ חברה צירק־מאַכערס, — יידן, מיט אַ שיינער דראָטן־גייערין, אַ זיבעצן־יאָריק יידיש מיידל, מיט אַ שוואַרצן געקרייזלטן קאָפּ האָר, מיט אַ פּאָר שוואַרצע אויגן, ווי אַ ציגיינערין. אַ דאַרע, נאָר אַ באַחנטע, גייט אָנגעטאָן אין דעם קורצן רויטן קליידל, אין דעם טריקאָ, וואָס איז אויס־געגאָסן אויף איר דינעם לייב, און וואַרפט אייגלעך. אַרום, אויף די בענק, זיצן אויסגעזעצט די סוחרים און עסן געשמאַק די פרישע געבראָטענע געגנדזלעך, און די שיינע כישוף־מאַכערין ברעכט זיך אין אַ רייף פאַר זיי.

אין דרויסן, אין דער נאַכט, האָט מען גרויסע סמאָלע־פאָקלען אָנגעצונדן, אַז די סוחרים זאָלן זען אין שטעטל אַריינצופאָרן. עס פאָרן דורך די שווערע פראַכט־וואָגנס מיט די גרויסע קאָסטנס סחורה, מיט די שטענגער און דרענגער, — קומען זיך צוזאַמענ־צופאָרן פון אַלע מקומות אויף דעם גרויסן יאָהאַנע־יריד, וואָס גיט יידן פרנסה אויף אַ גאַנץ יאָר.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן די פויערים מיט די בהמות פון די אַרו־מיקע ערטער אָנגעצויגן, און פון פרימאָרגנס אָן איז געשטאַנען אַזאַ הור־האַ, איז געווען אַזאַ געפילדער, געשריי און ליאַרם אין די גאַסן פון שטעטל. דאָס גאַנצע שטעטל האָט מיט איין מאָל אַן אַנדער פּנים באַקומען, — נישט צו דערקענען. אָנגעשטאָפּט זענען די גאַסן, די מערק מיט פורן. רויטע, קאָלירטע טיכער איבער די רוקנס פון די פויערטעס ברענען זיך אין דער וואַרעמער זון. און דאָס קירכן־געזאַנג פון די בעטלערס, אויסגעמישט אינאיינעם מיט דעם שרייען פון די יונגע פערד, מיטן קוויטשען פון די חזירים, מיטן קרייען און שרייען פון אַלערליי געפליגל, האָט אָנגעפילט די לופט. אויסגעמישט זענען שוין די שוואַרצע לאַנגע קאָפּאָטעס מטי די ווייס־גרויע רעק פון די פויערים, די וואָכעדיקע טרויעריקע פאָטשיילעס פון די יידישע ווייבער מיט די העל־קאָלירטע טיכער פון די פויערטעס, — און עס קאָכט זיך אינאיינעם צונויף.

געכאַפּט האָבן די גאָסטיניצער ווייבער אַ פויער צו אַ שטעל, אויסגעטאָן אים אין העמד און מעסטן אים אָן אַלע רעק מיט אַלע היטלען. דער פויער מיט דער בייטש אין דער האַנט שטייט אין אַ קורץ יאַקעלע מיט אויסגעשטאַרטע הענט, און די ווייבער האַלטן אים אַ שפּיגעלע פאַר די אויגן: נאַ, זע, ווי שיין דו ביסט!

דאָרט שלעפּט אַ ייד אַ זעקל תבואה פון אַ פויערס פור אַראָפּ, דער גוי וואַרפט צוריק דאָס געלט. עס הערט זיך דאָס קלינגען פון געלט, דאָס שרייען פון הענער, דאָס שעלטן זיך פון גויים, יידן דינגען זיך, — און אַלץ איז אינאיינעם אויסגעמישט. מיט אַ מאָל קומט אָן אַ גוי צו לויפן מיט אַ יונג פערד, פּרוּווט עס אויס און קוקט נישט, ווער עס שטייט, — לאָזט זיך מיט זיין פערדל אין פולן, אָנגעשטאָפּטן מאַרק אַריין.

אין מיטן דעם ים פורן, יידן, פויערים, חזירים און פערד האָבן די לאָוויטשער ווייבער זיך אויסגעשטעלט זייערע קראָמען מיט די קאָלירטע בענדער.

ליב האָט די פויערטע פון יענער געגנט אין רייך קאָלירטע בענדער זיך אויסצוצירן, און דער גוי, זיין קאָפּעלוש מיט פאַר־שידענע קאָלירטע קרעלן און סטענגעס אויסצופּוצן. און די רייך בלאָ־רויטע פאַרבן פון די בענדער, מיט די קליינע ווייסע בליי־מעלעך לייכטן זיך אין דער זון. עס שטייען אַרום ביי די בענדער־קראָמען די יונגע שיינע דאָרפס־שיקסלעך מיט די גראָבע צעפּ און רויטע, שטאַרקע הענט, קוקן מיט לייכטנדיקע פרעסנדיקע אויגן אויף דעם אוצר פון די סטענגעס, און די יונגע חתנים־שקצים נעמען די בייטעלעך אַרויס און קויפן די מיידלעך מתנות. עס שפּילט־אויף די קאַטערינקע באַלד. אין מיטן טאַראַראַם ווערט אַרום די יידן אַ געשטיי, און דער בלאָער פויגל הויבט אָן אַרומ־צוטיילן מיט זיין שנאָבל די גויים קוויטלעך מיט יעדן גורל. עס קומט אָן אַ ייד צו לויפן פון דער העלער הויט, שטעקט אַ פויער געלט אין האַנט אַריין. דער גוי וואַרפט עס צוריק. דער ייד שטעקט עס ווידער איין, — דער גוי וויל נישט. דער ייד שלעפּט די שריי־ענדיקע קאַטשקעס פון דער פור אַראָפּ, — דער גוי לאָזט נישט. און דאָס זינגען פון די בעטלערס מיט דעם געשריי פון די גויים, דאָס קוויטשען פון די קאַטשקעס און דאָס ברומען פון די חזירים, די קאָלירן פון די בענדער, דאָס רויטע ליכט פון די טיכער שרייען מיט אין דער זון אַריין, — און די אַלע געוואַלדן, ברומען און געשרייען קאָכן זיך צונויף, און עס איז דאָס ברומען פון דעם גרויסן יאָהאַנע־יאַרמאַרק. (פון בוך: „ר' שלמה נגיד")

י. י. טרונק

פוילן

(פראַגמענטן)

דער פעטער מרדכי־בער האָט געהאַט אַ שענק פונקט אַקעגנ־איבער דער חורבה פון פעטער אברהמקע. מ'האָט צו איר געמוזט אַרויפגיין אויף עטלעכע הילצערנע טרעפּלעך. תמיד האָט פון דאָרט אַרויסגעשלאָגן אַן איבלדיקער ריח פון פעסער ביר און בראָנפן, פון טריפהנעם קאָלבאַס און פון פעטע געבראָטענע געגנדז. אַ גאַנצע וואָך האָט זיך אויסגעדוכט אַז דאָרט איז קיינער נישטאָ. די בוטלעס בראָנפן און די פעסער ביר האָבן געלאָזט הערן זייער ריח, די קאָלבאַסעס זענען פעטע געהאָנגען אויף שטריקלעך, און די ברוינע צעפּנסע גענדז זענען רואיק און שמאַלציק געלעגן אויף לאַנגע און שמוציקע טעלער. אין דער שענק איז געווען שטיל. מ'האָט נאָר געהערט דאָס דונערנדיקע קול פון פעטער מרדכי־בערס געלעכטערס און די ווילדע געשרייען פון דער זייגנדיקער

אָדער מעוברתער מומע גענענדל וואָס האָט אָפּגעיאָגט פון דעם אָנגעלאָדענעם שענק־בופעט די פּרעסערישע סטאַדעס פון אירע קינדער. דער אמתער יום־הדין איז געווען דער מאַרק־טאָג וואָס איז יעדע וואָך געווען אין אָסמאָלין. דער מאַרק־טאָג איז אָסמאָלין איז איינער פון די שענסטע און פאַרביקסטע פאָלקס־דער־שיינונגען אין פּוילן. אָסמאָלין האָט געהערט צו דעם אַזוי גערופענעם, לאָוויטשער פירשטנטום. די רייכע פּויערישע באַפעלקערונג דאָרט — וואָרעם די לאָוויטשער ערד איז איינע פון די פעטסטע אין פּוילן — איז באַרימט איבערן גאַנצן לאַנד מיט איר דעקאָראַטיווער און פאָרביקער טראַכט. נאָך היינט צו טאָג, ווען מען פאָרט אין אַ זוניקן זומערדיקן זונטיק אַדורך מיט דער באַן דורך דער לאָוויטשער געגנט, קאָן דאָס אויג זיך נישט אָנזעטיקן מיט דער וווּנדערלעכער ראָמאַנטישער פּראַכט פון דער לאַנדשאַפט און מיט דער הלבשה־פאָרביקייט פון דער פּויערישער באַפעלקערונג, וואָס באַוועגט זיך אויף דער דאָזיקער לאַנדשאַפט. די פעלדער זענען צעשניטן אין אַ קאַליידאָסקאָפּ פון בונטע און זאַפטיקע קאָלירן. דער גאָלדענער רייפער ווייץ, דער געלער לובין, די ווייסע קאַשע־בלומען, די גרינע קאָניעטשינע, און די לאָנקעס — דאָס אַלץ שפּילט צוזאַמען אין מאָלערישער פּערספּעקטיוו און אין איידעלער באַלויכטונג. די פּויערים וואָס באַוועגן זיך אויף די וועגן און אויף די פעלדער, גייען אָנגעטאָן געוועגדער וואָס זייערע קאָלירן זענען אַן איבערחזרונג פון די קאָלירן אויף דער לאַנדשאַפט. די מענטשן געהערן דאָרט צו דער לאַנדשאַפט און גיסן זיך פאַרביק מיט איר צוזאַמען. די לאָוויטשער טיכער, די פּויערישע סוקמאַנעס און די וואָל־קליידער פון די פּויערטעס — עס איז די לאָוויטשער לאַנדשאַפט וואָס איז דאָרט אַריינגעוועבט פון די הענט און פון די טרוימען פון די לאָוויטשער סעכטער.

די לאָוויטשער לאַנדשאַפטן מיט די זיך אויף זיי באַוועגנדיקע מאָלערישע מענטשן, דערמאָנען אין זייערע פּרימיטיווע איידל־קייטן אָן די זון־קאָלירן פון וואַן־גאָג. ווען ס׳ווערט אָוונט אויף די לאָוויטשער פעלדער, און די דאָרפס־קירכעס הייבן אָן צו קלינגען אין שטילן זיך אָפּקילנדיקן בין־השמשות, דאַן פאַרוואַנדלט זיך דאָ די וועלט אין אַ מוזיקאַלישער סימפאָניע פון גאָלדענעם אומעט, פאַרבן, קלאַנג און שטימונג.

✶

באַלד ווי עס האָט זיך געענדיקט דאָס אָרעם־מאָלצייט, האָט מען נעבן די שייערס געגרייט די טישן פאַר די באַקאַנטע פּויערים און הויפּישע פּאָראָבקעס. אויך פאַר זיי האָט דער זיידע ברוך געוואָלט מאַכן אַ סעודה לכבוד דער חתונה.

דאָרט האָט מען אָנגעלייגט אויף די טישן פּויערישע קוכנס און זיסקייטן, פולע הויפנס עפּל מיט באַרן און גרויסע פלעשער מיט בראָנפן. אויך פעסלעך מיט בראָנפן האָט מען אויסגעשטעלט נעבן די טישן. די פּויערים, די שקצים און די שיקסעס, וואָס האָבן געאַרבעט ביים זיידן אין די שטאַלן, אין די שייערס און אויף די פעלדער, האָבן זיך אָנגעהויבן צוזאַמענצוקומען. די פּויערים האָבן געטראָגן זייערע בלויע לאָוויטשער סוקמאַנעס און די פאַרביקע הויזן. די פּויערטעס און די שיקסעס האָבן געטראָגן די פאַרביקע טיכער און די פאַרביקע וואָלענע קליידער, וועלכע האָבן אין זייערע קאָלירן און אין זייער שטימונג געהאַט אין זיך פון די לאָוויטשער פעלדער און לאַנדשאַפטן. די פּויערטעס האָבן נאָך געטראָגן אויף זייערע העלדזער אַ סך שנירן מיט גלעזערנע און פאַרביקע קרעלן. אויפן הויף האָט געשמעקט מיט היי און מיט קו־מיסט און פון די טישן אַראָפּ האָבן געשמעקט די עפּל און די באַרן. אַ פּויערישע קאַפּעליע האָט שוין געשפּילט פריילעכע מאַזורקעס און פּוילישע חתונה־לידער. די קאַפּעליע איז באַשטאַנען פון פידלען, האַרמאָניקעס און פייפיאַלן. די פּויערים און די פּויערטעס האָבן געטאַנצט די לאָוויטשער פּוילישע פאָלקס־טענץ. די עלטערע פּויערים זענען געשטאַנען אַרום דער קאַפּעליע און די טענצערס און געשמועסט. די פורמאַנעס וואָס זענען געפאָרן מיט די קאָטשן, האָבן דערציילט פון די גרויסע רבנים, וואָס זיי האָבן געפירט און פון דעם יונגיטשקן חתן. אַזאַ יונגיטשקער און אַזאַ „בלאַסלעכער“, האָט דער גוי, וואָס איז געפאָרן מיט ר׳ יהושיעלעס קאָטש דערציילט, ער האָט זיך דערביי געווישט די לאַנגע, אַראָפּגעלאָזענע וואָנסעס און צוגעגעבן: „גאָר אַ גרויסער געלערנטער. אונדזער יונגע פּריצטע וועט האָבן אַ געלערנטן מאַן“. די אַלטע פּויערים האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. אויך די פעטערס אין די זיידענע קאַפּאָטעס זענען געשטאַנען צווישן די פּויערים. זיי האָבן זיך היימישער געפילט. דער פעטער מרדכי־בער אין דער זיידענער קאַפּאָטע מיט דער יאַרמלקע אויפן קאָפּ, האָט זייער ערנסט דערקלערט די פּויערים די גרויסקייט פון איטלעכן באַזונדער פון די רבנישע מחותנים און די גרויסקייט פון דער קאָלישער רביצן, וואָס וווינט אין וואַרשע, גייט יעדן טאָג איינגעטונקט אין סאַמעט און אין זייד און עסט נישט מער סיידן פּוטער־קוכן מיט קאַווע. דער מעוברתער מומע גענענדל, וואָס איז געשטאַנען נעבן אים און אויפמערקזאַם צוגעהערט באַגלייך מיט אַלע פּויערים, האָט דער פעטער מרדכי־בער דערביי מיט אַלע זעקס פינגער געגעבן אַ פעסטן קנייפּ אין פעטן הינטן אַריין. ביים פעטער מרדכי־בער האָבן די אויגן אונטער דער גרויסער סאַמעטענער יאַרמלקע גלוסטיק געגלאַנצט ווי ביי אַ וואָלף. און ער האָט געוואָרפן אַן אויג אויף די יונגע שיקסעס, וואָס האָבן זיך טאַנצנדיק געדרייט אין זייערע פאַרביקע לאָוויטשער קליידער און זיך צוגעהערט צו דעם פריילעכן שפּילן פון דער פּויערישער קאַפּעליע. די פיס האָבן ביים פעטער מרדכי־בער אָנגעהויבן צו ציטערן. ער איז קאַפּאַבל געווען צו כאַפּן אַ שיקסע און מיט איר צו פאַרגיין אין אַ טאַנץ ווי ער איז געוווינט געווען פון די אָסמאָלינער יאַר־מערק, נאָר ער האָט זיך עפּעס ווי אומהיימלעך אָפּגעשראָקן פאַר דער שוואַרצער זיידענער קאַפּאָטע, וואָס האָט אויף אים געגלאַנצט, און אין דער נאָז האָט ער נאָך געפילט דעם ריח פון די שווערע זיידענע קאַפּאָטעס און די שטריימלעך פון די רבנים, וואָס זענען פייערלעך געזעסן אַרום די טישן.

✶

דער זשאַנדצע גאָנשעראָווסקי איז געווען אַן אַלטער אָפּגעקומענער שליאַכטשיץ (איך געדענק אים נאָך פון קינדווייז), וואָס האָט פאַרהוליעט זיינע גיטער אויף פערד און אויף ווייבער. ווען יידישע פּראָצענטניקעס האָבן אים אַרויסגעטריבן פון זיין לעצטן גוט, האָט ער נאָר מיטגענומען זיין אַלטן פּריצישן זשופּאַן, דאָס פּוילישע סויבל־היטל, אַ שטעקן מיט אַ גרויסן זילבערנעם קנאָפּ, אַ ביקס, און זיין טרייען הונט טרעזור, וועלכער האָט זיך קיינמאָל פון אים נישט געשיידט אויף אַ רגע און מיט אים מיטגעגאַנגען פוסטריט. דאָס איז אַלץ וואָס איז אים איבערגעבליבן פון זיינע אַמאָליקע עשירותן. מיט דער אַלטער פּאַטאַליסטישער שליאַכטישער פילאָסאָפיע האָט גאָנשעראָווסקי אַריבערגעטראָגן זיין גורל.

עס האָט אים אַבסאָלוט נישט געאַרט וואָס ער איז אויף דער עלטער אָנגעקומען אויף אַ שטעלע צו אַ ייד. ער האָט בעסער געוואָלט זיין זשאָנדצע בײַ אַ ייד, איידער בײַ אַן אויפגעקומענעם פּוילישן מיעשטשאַנין. ער האָט מיט זיין שליאַכטישער גאווה געהאַסט פּויערים און מישטשאַנעס, צו יידן האָט ער גאָרנישט געהאַט, הגם זיי האָבן אים אַרויסגעטריבן פון זיינע גיטער און זיין האָב און גוטס פאַרקויפט אויף ליציטאַציעס. ער האָט אויפריכטיק געזאָגט, אַז אַזוי איז שוין דער סדר־עולם: אַ שטאָט־גוי דאַרף זיין אַ שוסטער, אַ פּויער דאַרף קריגן געשמיסן, און אַ ייד באַדאַרף שטיין אין קראָם אָדער נעמען פּראָצענט. אַזוי איז עס פון ששת ימי בראשית אָן און אַזוי וועט עס בלייבן עד סוף כל הדורות, און מען טאָר אין דעם דאָזיקן סדר נישט ענדערן אויף דאָס מינדסטע. גאָנשעראָווסקי איז געווען אַ פרומער קאַטאָליק און ער איז געווען זיכער, אַז די השגחה ווייס בעסער ווי צו פירן די וועלט און מיר מענטשן האָבן איר נישט צו זאָגן קיין דעה. גאָנשעראָווסקי האָט זיך אויך באַטייליקט אין דעם פּוילישן אויפשטאַנד פון 1863, און זיין גרעסט פאַרגעניגן איז געווען צו זיצן מיטן פעטער לייזער־יוסף בײַ אַ גלעזל מעד און צו דערציילן פון די פּאַרטיזאַנישע שלאַכטן מיט די קאָזאַקן אין די טיפע און פינצטערע פּוילישע וועלדער. גאָנשעראָווסקי האָט דערציילט פון די פּריצים און פון די יידן וואָס די קאָזאַקן האָבן אויפגעהאָנגען אויף דיביימער פון די וועלדער. גאָנשעראָווסקי האָט אויך ליב געהאַט צו דערציילן פון די אַלטע גוטע צייטן, ווען אַ שליאַכטשיץ האָט געקאָנט שמייסן די פּויערים וויפל זיין האַרץ האָט נאָר געגלוסט. בײַ די דאָזיקע זיסע זכרונות זענען דעם אַלטן שליאַכטשיץ פייכט געוואָרן די אויגן פון גרויס געריסקייט.

✶

ווען דער זיידע ברוך, די באָבע חיה און די כלה האָבן זיך באַוויזן אויפן שייער־הויף, האָט די קאַפּעליע אויפגעשפּילט אויף וויוואַט. די פּויערים האָבן זיך אויסגעשטעלט, די פורמאַנעס און די פּאַסטעכער, וואָס האָבן געפּאַשעט דעם זיידנס קי און זיינע טשערעדעס שאָף, האָבן געקנאַלט מיט זייערע לאַנגע בייטשן. עטלעכע דאָרפס־הינט האָבן זיך צעבילט פון גרויס נייגעריקייט. די שיקסעס האָבן די כלה באַוואָרפן מיט בלאָע פעלד־בלומען, זיך גענייגט און זי אַרומגענומען פאַר די פיס. אַלע האָבן הויך אויסגעשריען: אויף לאַנגע יאָרן! און די קאַפּעליע האָט זיך וואָס אַמאָל פריילעכער צעשפּילט.

✶

באַלד האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן די טענץ. די שיקסעס האָבן געזונגען פּוילישע חתונה־לידער און אַרומגעטאַנצט אַרום דער כלה. דאָ האָט דער זשאָנדצע גאָנשעראָווסקי נישט געקאָנט אויסהאַלטן. די אַלטע פיס האָבן בײַ אים געציטערט, גלייך ווי זיי וואָלטן יוגנטלעך אויפגעלעבט אינעם טאַקט פון דער מוזיק. ער האָט זיך דערמאָנט די אַמאָליקע בעלער אין זיינע גיטער, ווו ער האָט געגאָלטן אַלס ערשט־קלאַסיקער טענצער. די אויגן זענען אים פייכט געוואָרן און זיי האָבן אויפגעלויכטן מיט אַלטער שליאַכטישער גאווה. ער איז צוגעגאַנגען צו דער כלה. דער הונט טרעזור איז אים נאָכגעגאַנגען. גאָנשעראָווסקי האָט זיך פאַר דער כלה טיף פאַרנייגט, מעשה קאַוואַלער, האָט זי אַרומגענומען פאַר דער טאַליע און זי עלעגאַנט געפירט אין טאַנץ.

דאָ האָט שוין דער פעטער מרדכי־בער נישט געקאָנט מער אויסהאַלטן. די אויגן האָבן בײַ אים אָנגעהויבן צו בליצן ווי בײַ אַ וואָלף, ער האָט האַסטיק אַ ריס אַראָפּ געגעבן פון זיך די זיידענע קאַפּאָטע און דאָס דאָזיקע שוואַרצע חסידישע מלבוש אַ וואָרף אַרויף געטאָן אויף דער מעוברתער מומע גענענדל. דער פעטער מרדכי־בער איז געבליבן שטיין בלויז אין דער הויכער סאַמעטענער יאַרמלקע און אין שפּאַנצער־און־הויזן. ער האָט זיך פריילעך געריבן די הענט מעשה פּויער, ער האָט געטשאַיעט און אַרויסגעכאַפּט אַ שיקסע פון די טענצנדיקע פּויערישע פּאָרלעך און מיט איר זיך צעהאָצקעט אין קאָראָהאָד.

די פּויערישע קאַפּעליע האָט וואָס אַמאָל פריילעכער געשפּילט.

〰〰〰

י. מאַסטבוים

קוטנא – לאָוויטש

וואָס מער דו שניידסט זיך אַוועק פון דער קוטנער אומגעגנט און עס ווערט שוואַכער דער פרישער ריח פון סאַדזעווקעס און פיש־וואַסערלעך, אַלץ מער ווערן שיטערער די דערפער פון די מאַזאָוויעצקער נידעריקע גראָבפּיסיקע פּויערטעס אין זייערע קראַקאָוויאַצקע בגדים מיט די פּויערימלעך אין לאַנגע געהאַקטע קאַפּאָטעס, ווי, להבדיל, חסידים און מיר באַגעגענען זיך מיט אַ צווייטן טיפּ פּויער אין מאָדנע געלב־פּאַסיקע הויזן און גרויסע רונדיקע היט, וואָס דערמאָנען מיט זייער אויסערלעכקייט אין די אַלטע טשעכאָסלאָוואַקן. די מענער זענען הויכע, מיט לאַנגע בלאָנדע שאַטינע האָר. די פרויען — שלאַנקע קאָקעטעס און פאַרמאָגן עפּעס אין זיך פּריצישעס, ווילערישעס. בכלל איז דער לאָוויטשער קאַנט אַ נעסט פאַר דער אַלטער פּריצישער אַריסטאָקראַטיע. די „פּוילישע קזשענסטוואָ” האָט אין דער פּוילישער געשיכטע אַ גאַנץ באַזונדערן אָריגינעלן קלאַנג, מיט איר פירשט און זיינע נייגונגען, מיט זייערע נאַציאָנאַלע בגדים און זייער שוין „וואַרשעווער סמאַק”. אַ לאָוויטשער פּוילישע דאַמע — דאָס איז אַן אָדער פון יענע מאַרשאַלקאָווסקאַ און שאַפּען־גאַס, געמישט מיט יחוס פון ראַדזיווילן, סוויאַטאָפּאָלק־מירסקין און ליובאָמירסקין. אויב איר ווילט אין פּוילן געפינען אַ געגנט, ווו מען פאַרשטייט סטיל, ווו מען איז געווען אין „זשיס”, ווו מען האָט באַזוכט די טעמפּלען פון דער ווענעציאַנישער קונסט, זאָלט איר נאָר אין דער לאָוויטשער אומגעגנט קומען.

אַ לאָוויטשער דאַמע האָט אַ טבע אויפצושטיין שפּעט און זיך בײַ דעם קאַפע־טישל זעצן מאָלן בלומען, פייגל, לאַנדשאַפטן און, דורכפירנדיק דעם פּענדזל איבערן לייוונט, אַ זאָג טאָן: פּאַטש נאָ, פּאַן, צאָ נאַמאַליאָוואַלאַם”, אָדער צימבלענדיק איבער דער פּיאַנינאָ, פאַרציען די אויגן צו מזרח און אויסזיפצן פלוצלינג: „שאַפּען! שאָפּען!”

קורץ, אויב איר ווילט געפינען דעם אָדער פון דער הויכדילעטאַנטישער פּוילישער „סמעטאַנקע”, איז עס נאָר דאָרט. און נישט נאָר די פּריצים פון יענער געגנט זענען עס, נאָר אפילו די פּויערים. אין דאָרף פון דער „לאָוויטשער קזשענסטוואָ” געפינט איר פּויערים,

װאָס מאָלן „כאַטעס", „בלומען", „טויבן", װאָס שפּילן אויף צימבלען, אויף ציטרעס, װאָס פֿאַרציילן אגב, אַז דאָרט, אין װאַרשע, האָט מען „איינרעזשיסירט" אין „לונאַ־פּאַרק" טענץ און מאַזורקעס, האָט מען גענומען דעם פּריז פֿאַר טאַנצן שיין, פֿאַר אַליין שיין זיין. קורץ, דאָס איז די לאָװיטשער אומגעגנט, די קריסטלעכע סאַלאָן־דילעטאַנטישע. װאָס עס אָנבאַטרעפֿט די שטאָט לאָװיטש אַליין, פֿאַרמאָגט זי װייניק אויסדרוק פֿון איר אומגעגנט אין איר סימעטרישן בוי פֿון אירע גאַסן. אַ מאַרק אַ נייער, אַ מאַרק אַן אַלטער. אין די רוסישע צייטן זענען די מענער פֿאַרװאָרפֿן געװאָרן מיט פּעל, מיט טכוירן און האָזן. װען איר האָט אַרויסגעלאָזט פֿון מויל דאָס װאָרט „האָז", האָט איר זיך פֿאַרגעשטעלט לאָװיטש. הײַנט אָבער זענען די מערק ליידיק, און דער נאָמען לאָװיטש קלינגט װי פֿרעמד.

ריין און ציכטיק איז עס אויך מיטן הײַנטיקן קולטור־לעבן.

לאָװיטש בכלל מאַכט אַן איינדרוק פֿון מיטלמעסיקער אינטעליגענטישקייט, כאָטש סובטעלער. אַ לאָװיטשער פֿריילין קאָן פֿראַנצויזיש, לאַטיין און ענגליש. שװאַך, הינקט אפֿילו הינטער, דאָך פּאַסט עס איר צום געזיכט און אַסימילירט זי מיט יענעם טיפּ פֿון „שימאַנסקיס" און „טראַפּס" שול פֿון װאַרשע...

װאָס אָנבאַטרעפֿט דאָס יידישע לעבן, פּולסירט עס אויך גאַנץ שװאַך, כאָטש דאָרט איז פֿאַראַן „אַ פֿאָלקס־שול" און „אַ קינדער־היים". דאָס איז אָבער אַ שטאָט מיט אַ פֿאַרגאַנגענהייט. נעמען מיר, למשל, די ביבליאָטעק מיט איר גרויסן אויסװאַל פֿון ביכער, זעען מיר, אַז דאָרט האָבן געאַרבעט די ערשטע יידישע ענטוזיאַסטן אין פּוילן, פֿון װעלכע עס איז איצט אין מלחמה־צייט נאָר פֿאַרבליבן עטלעכע פֿון זיי, און די קומען אויך אַנטקעגן, דערמאָנען אייך דאָס און דאָס, די און די מענטשן, װאָס האָבן מיטגעאַרבעט אין װאַרשעװער ליטעראַרישן רענעסאַנס נאָך מיט אַ יאָר 15 צוריק.

אין דער הינזיכט קומט־אויס צו דערמאָנען, קוטנאָ, די, װאָס ליגט נענטער צו דער מאַזאָװיעצקער סביבה און טראָגט אין זיך נאָך די האַרטקייט פֿון מאַזאָװיעצקער דאָרף. קוטנאָ איז אַ שטאָט מיט אַ שאַרפֿן אינסטינקט פֿאַר פֿאַרטיילעכקייט און קולטור, עס איז נישט דאָס צערטלעכע פֿאַראיידלטע לאָװיטש.

פֿון קוטנער קולטור שמעקט מיט פֿיש־פֿאַנג און מיט עפּעס געזונטס פֿון װאַלד און װאַסער. אין דער אייגנשאַפֿט פֿון קוטנער ליגט דער דאָרפֿישער פֿלייס פֿון אַרבעט. הײַנט קאָן עס זיין אַ לעקציע איבער קונסט, מאָרגן אַ טורן־פֿעסט, איבערמאָרגן אַ גאַסטראָל פֿון „באַװוסטלינג". אַבי געטאָן, אַבי באַװעגט זיך. צי דאָס באַשאַפֿט עפּעס איינהייטלעכס אין מוח פֿון יענעם צוהערער — איז עס אַ פֿראַגע.

לאָװיטש אָבער איז אַ שטאָט פֿון האַלב־סאַלאָנישן װיסן און עפּעס אַן אָרט, װוּ עס יאָגט נישט און טרייבט נישט דאָס לעבן. דערין איז זי שטאַרק באַאיינפֿלוסט פֿון אירע פּוילישע שכנים, װעלכע װייזן נישט אַרויס קיין ברען צו קיין זאַך.

בכלל האָב איך גענומען די צװיי שטעט אין פּוילן, אַלס מוסטער־אויסדרוק פֿון צװיי פֿאַרשידענע לאַנדשאַפֿטן. קוטנאָ — די הויפּטשטאָט פֿון דער פּרימיטיװער דאָרפֿישקייט, לאָװיטש — דער אויסדרוק פֿון האַלב־שטאָטישן דאָרף.

(„סקיצן און בילדער", װאַרשע 1915—1912)

נחום סאָקאָלאָװ

די השכלה־באַנק

(פֿראַגמענט)

אין אַ זומערדיקן פֿאַרנאַכט פֿון יאָר 1873 אָדער 1874 האָבן זיך אין יענעם גן־עדן (קראַשינסקיס גאָרטן אין װאַרשע, דאָרט איז געװען אַ השכלה־באַנק) געטראָפֿן צװיי יונגעלייטלעך. אייגער שוין אַ באַלעבעסל מיט אַ בערדל, װאָס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן שיטן און דער צװייטער נאָך גאָר א קונדעס. זיי האָבן זיך ביידע געאײַלט צו פֿאַרכאַפּן אַן אָרט אויף דער השכלה־באַנק. דער עלטערער האָט עפּעס געמאָלט צאַצקעלעך, עפּעס פֿאַרצייכנט אויף שטיקלעך פּאַפּיר. דער ייִנגערער האָט זיך צו אים צוגעקוקט, װאָס מאָלט ער דאָרטן? עס איז געװען די שעה פֿון רחמים, נאָענט צו זון־פֿאַרגיין, װען דער טאָג שטאַרבט מיט מיתת נשיקה. די מערב־זייט פֿון הימל איז געװען באַגאָסן מיט ראָזן שיין, דורך װעלכן עס האָבן זיך פֿון צייט צו צייט דורכגעריסן לייכטע װאָלקנדלעך, אָדער קליינע פֿלעמלעך, פֿייערצונגן האָבן זיך געשטרעקט, און די טיפֿע רויטקייט האָט זיך געשטאַרקט, רויטלעכע װאָלקנדלעך האָבן פֿאַרשטעלט די זון. ביידע יונגעלייטלעך האָבן זיך איינגעקוקט אין דער שקיעה, געזען װי ראָזעװע ליכט־סנאָפּעס, באַגילדעטע און בלוילעכע, האָבן זיך שנעל געביטן...

די דאָזיקע צװיי יונגעלייטלעך זענען געװען דער פּאָטאָספּולער פּרץ פֿון זאַמאָשטש און איך, נאָר װאָס אַרויס פֿון זיידנס ישיבה אין װישעגראַד און פֿון די בתי־מדרשים אין פּלאָצק, לאָװיטש און אַנדערע. אַ פֿריש־געבאַקענער משכיל און אַ נייגעריקער באַאָבאַכטער, װאָס כאַפּט־אויף יעדן איינדרוק, יעדן שטראַל ליכט, יעדן בת־קול.

י. ל. פּרץ, „פּערזענלעכקייטן", ז"ז 19—20

פּריץ פֿאַרשמייסט מיין אור־זיידע

(פֿראַגמענט)

... - - מיין טאַטע מאַכט בלעכענע כלים... — זאָגט אסתּר.

— זענען מיר באַלמעלאָכישע קרובים. מיין טאַטע איז אַ שנײַצער, און מיין זיידע, און מיין אור־זיידע זענען אויך געװען שנײַצערס...

דערציילט ברוך, אַז זיין אור־זיידע איז געװען אַ שנײַצער פֿון ארון־קודשן:

— ער האָט געשניצט ארון־קודשן פֿאַר האַלב פּוילן. איינער פֿון מיין אור־זיידעס ארון־קודשן שטייט נאָך אין דער אַלטער זאַבלודאָװער שול. מיין טאַטע האָט דערציילט, אַז זיין זיידע האָט יענעם ארון־קודש געשניצט דריי יאָר. איך בין געפֿאָרן זען זיינע יידישע לייבן, די פֿליגל, די לוחות, די הענט פֿון די כהנים.

אסתּר קוקט אים אַריין אין די אויגן, הערט מיט אינטערעס:

— דערציילט, דערציילט...

— מיין זיידע האָט געהייסן שניאורקע דער שניצער... זאָגט ברוך און נעמט אָן, דערציילנדיק, אסתרס האַנט, וואָס איז געלעגן אויפן טיש — האָט אים איינמאָל גערופן דער לאָוויטשער פּריץ און אים געהייסן, ער זאָל אויסשניצן אַ גרויסן יזיזל מיט אַ צלם אויף דער פּלייצע פאַר זיין קלויסטער־פּאַלאַץ. דאָס האָט נישט געוואָלט דער אור־זיידע שניאורקע טאָן. ער האָט געזאָגט, אַז ער שניצט נאָר עבודת־קודש. דער פּריץ איז אַריין אין כעס און ער האָט געהייסן זיינע כלאָפּעס זיי זאָלן שניאורקען דעם שניצער, מיין קליינעם, אַלטן אור־זיידן, דעם געבענטשטן מייסטער, פאַרשמייסן אויף טויט.

אסתר האָט נישט צוגענומען איר האַנט פון זיינע. אירע אויגן זענען גרעסער געוואָרן און טרויעריקער. ער דערציילט זי גוט און אמתדיק.

— אהרן הכהן האָט מקריב געווען די קרבנות אויפן מזבח — זאָגט ברוך — און בצלאל האָט געבויט דעם בית־המקדש, געווען אַ באַלמעלאָכע, אַ שניצער. איך שטאַם פון די בצלאלס, פון די באַלמעלאָכעס. איר זייט אַ לערערין, אַ כהנטע. איר זאָגט אָבער, אַז אייער טאַטע איז אויך אַ באַלמעלאָכע, ווי הייסט אייער טאַטע?

— לייבע דער בלעכער...

(יעקב פּאַט „די לערערין אסתר", ז' 337)

גדליה שאיאק

פאַרשפּילט דעם געוועט

(דערציילונג)

די רעכטע טייל האַלצערנע טיר פון גרויסן געוועלבטן טויער אין דער צוויי־שטאָקיקער קאַמעניצע, איז איצט געשטאַנען ווי אַן אָפּגעבראָכענער פליגל פון אַ ריזיקן פויגל. די גרוילעך־אָפּגעשיילטע מויער האָט זיך אויסגעמישט מיט דער גרויער טריבקייט פון פוילישן האַרבסט־טאָג.

די פראָנט־פאַסאַדע איז געפאַקט געווען מיט שראַפּנעל־אָפּריסן — סימנים פון דער שווערער באָמבאַרדירונג פון דריי וואָכן פריער, ווען די נאַצי־חיילות האָבן באַשאָסן די פעסטונג־שטאָט לאָוויטש.

אַ פייכט ווינטל האָט שטיפעריש אויפגעכאַפּט די אָפּגעפליקטע האַלב־פאַרגעלבטע בלעטער פון די אויבס־ביימער, וואָס זענען געשטאַנען מיט נאַקעטע צווייגן־ריטן צווישן די נידעריקע בלוי־געקאַלכטע הייזקעס מיט שינדל־דעכער.

די נידעריקע, האַלב־אויסגעקרומטע לאָדנס און שיטערע פאַרקנס, האָבן דער ברייטער לאַנגער גאַס צוגעגעבן דעם כאַראַקטעריסטישן אויסזען פון אַ פאַרוואָרפענעם הינטערשטאָטישן קוואַרטאַל.

דאָס איז געווען די איינציקע גרויסע מויער אויף דער דאָזיקער אָפּגעלעגטער קריסטלעכער גאַס, וואָס איז אין דער מיט געלאָפן עטוואָס משופּעדיק אַראָפּ־צו צום קליינעם בעכל, איבער וועלכן עס איז געלעגן אַ קליין האָלצערן בריקל.

די גאַס איז באַוווינט געווען פון אָרעמע פּוילישע אַרבעטער און געציילטע באַאַמטע. פון די נידעריק־ליגנדיקע פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט בלומענטעפּ און באַגילדעטע שוואַרצע צלמים, וואָס האָבן אָנגעזאָגט די דורכגייער וועגן דעם קריסטלעכן יחוס פון דער גאַס, וואָס אין איר עקסטן ווינקל איז געשטאַנען איינע פון די עלטסטע קירכעס פון דער ביסקופּן־תקופה.

אין דער גרויסער קאַמיניצע האָט געוווינט איין יידישע משפּחה — דער בלינדער שמואל, אַ תבואה־ און עופות־הענדלער. עטלעכע הייזער ווייטער, אַראָפּצו צום ברעג פונעם וואַל, ביים קליינעם טייכל, וואָס האָט אַדורכגעשניטן די גאַס, האָבן אין אַ געלבלעך־אָפּגעשיילטן בנין געוווינט ווי פאַריתומטע אויף אַן אײַ־זאָלירטן אינדזל, עטלעכע יידישע פאַמיליעס. אַחוץ דעם ברייטן פּאָלוואַרק־טויער אין דער קריסטלעכער גאַס אַריין, האָבן זיי געהאַט אַ הינטערטיר, וואָס האָט געפירט לענגאויס דעם טייכל ביז צום קוטנער מאַרק־פּלאַץ און פון דאָרט אין יידישן צענטער.

אין אַלגעמיין, האָט דער טייל שטאָט געגילטן אַלס ריין־קריסטלעכער קוואַרטאַל. אין אבל־טעג אָבער, ווען אין שטאָט איז געשטאָרבן אַ ייד, האָט דער לוויה־צוג פון יידישן צענטער געמוזט דורכגיין דאָס שכנותדיקע „טויטע געסעלע" פון דריי־עקיקן נייעם מאַרק־פּלאַץ און לסוף פאַרקערעווען אין דער א. ג. „אייל גאַס", וואָס האָט געפירט איבערן בריקל צום בית־עולם, וואָס איז געלעגן אַ מהלך־רב אויסערן שטאָט, נישט־ווייט די ווינט־מילן.

און ווען אַ יידישע לוויה פלעגט דורכגיין די „אייל"־גאַס, האָבן די גויים און גויעטעס אַרויסגעקוקט דורך די פענצטער, אָדער גרופּקעסווייז זיך געשטעלט פאַר די טויערן און נאָכגעקוקט די שוואַרצע עגלה ווי אויף בייז ווונדער. זיי פלעגן קוקן פאַרגאַפּט אויף דער גרויסער עדה באַבערדלטע יידן אין לאַנגע כאַלאַטן און קליינע שוואַרצע טוכענע קאַשקעטן־היטלעך און ס'האָט אויסגעדוכטן, אַז דער גרויסער יידישער קהל — די טרויער־פּראָצעסיע, וואָס האָט אין מיטן טאָג זיך אַריינגעריסן אין זייער גאַס, האָט אויף זיי אָנגעוואָרפן אַ פּחד; דאָס קלאַפּן פון די פּושקעס און דער איינטאָניקער טויעריקער „צדקה תציל ממות"־ניגון האָט ביי זיי אַרויסגערופן אַ מאָדנעם פאַרדאַכט. קליינע שקצימלעך האָבן מיט אויפגעריסענע אויגן געקוקט מיט פרעגנדיקע אויגן צו די עלטערע, וועלכע האָבן זיי עפּעס איינגערוימט אין אויער און געהייסן שווייגן. און מ'האָט קיינמאָל נישט געקאָנט ווייסן פון זייערע קאַלטע, שפּיזיקע בליקן, צי זיי קוקן אויף דעם לוויה־צוג מיט אַ געפיל פון טרויער און איבערגענומענקייט, הערנדיק די וויינענדיקע יידן, אָדער מיט שאָדן־פרייד, וואָס איז אין שטאָט מיט איין ייד ווייניקער געוואָרן.

אין דעם שפּעטן סעפּטעמבער־טאָג 1939, איז די גאַס געלעגן ווי אָפּגעשטאָרבן און פאַרגעסן פון גרויסן שטורעם און אומרו, וואָס האָט געהערשט אויף דער צווייטער זייט שטאָט, אין די יידישע

גאַסן, ווו ס׳האָבן איצט מאַרשירט פאַרריסן און גאַווהדיק די באַשטיוולטע סאָלדאָטן פון פאָן בראַוכיטשס פאַנצער־טרופּן. די העלדישע קעמפער פון „דער שלאַכט אויף דער בזוראַ״ — דעם טייך, וואָס לויפט אויף צפון־מזרח פון דער שטאָט, ווו די פוילישע אַרמייען האָבן געשטעלט אַ העפטיקן ווידערשטאַנד. די שלאַכט, וואָס האָט היטלערן געעפנט דעם וועג צו די טויערן פון וואַרשע.

אויפן גרויסן הויף פון דער גרויסער קאַמיניצע איז איצט געשטאַנען דער בלינדער שמואל און אויסגעשפּאַנט דאָס קאַרע פערד פון עטוואָס לאַנגן וואָגן, וואָס איז באַלאָדן געווען מיט בעטגעוואַנט און געשיר. דער תבואה־סוחר האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אומגעקערט מיט זיין פרוי און בן־יחיד פון דאָרף מיסליוויצע, ווו ער האָט זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן ביי פּויערים, ווען די שטאָט איז באָמבאַרדירט געוואָרן אין פינפטן טאָג פון דער מלחמה. אַ פאַרע איז געגאַנגען פון דער פעל פון פערד, וואָס האָט געשלעפּט דעם שווערן וואָגן אַ מהלך פון איבער 30 מייל. דער בלינדער שמואל האָט מיט דאַנקבאַרקייט אַ שנעלן וויש געטאָן די פעל פון פערד, אויסגעטאָן דעם כאָמעט און אַרויפגעוואָרפן אויף זיין רוקן אַ שטיק אָפּגעפּליקטע קאָלדרע. ער האָט פאָרזיכטיק אַרויסגעפירט דאָס פערד פון צווישן די דישלעס, באַטאַפּט די ווונד נעבן דער גריווע און עס אַריינגעפירט אין שטאַל אַריין.

דער זון און די פרוי האָבן כמעט אָן ווערטער איינציקווייז אַראָפּגענומען די זאַכן פון וואָגן און אַריינגעטראָגן אין שטוב אַריין. פון אויבערשטן שטאָק און פון די שכנותדיקע פענצטער האָבן די קריסטלעכע שכנים מיט פאַרגנבעטע בליקן און מיט שטוינונג געקוקט אויף די צוריקגעקומענע יידישע שכנים. זיי האָבן געמיינט, אַז זיי זענען שוין ערגעץ אומגעקומען אויפן וועג, אַזוי ווי פיל אַנדערע.

שמואל איז געווען אַ הויכער, ברייטפּלייציקער ייד מיט אַ פולן אויסראַזירטן פּנים, פון וועלכן ס׳האָט געשפּריצט גבורה. זיין לינק אויג איז פאַרצויגן געווען מיט אַ ווייסלעכער בעלמע. זיין ברייטע גאָמבע מיטן טיפן גריבל אינדערמיט, האָט זיין גרויסן קאָפּ מיט די דיקע האָר, וואָס האָבן זיך געזילבערט אין אַ זייט, צוגעגעבן דעם כאַראַקטעריסטישן אויסדרוק פון יענע דאָרפישע יידן, וואָס קאָנען נעמען אַן אָקס ביי די הערנער. זיין גרויסע, עטוואָס ברייטע נאָז און די פליישיקע ליפּן, האָבן דעם פּנים צוגעגעבן דעם אויסדרוק פון עקשנות און אומדערשראָקנקייט, אַזוי אויך זיין גאַנצער הולך, די ברייטע דיקע בורקע, די הויכע שטיוול און דער באַראַנקאָווער הוט, האָט אים פיל העכער געמאַכט. זיין זיכערער גאַנג האָט מיט גאָרנישט פאַראָטן, אַז ער איז אַ ייד.

זיינע ידיים האָבן גישט איינמאָל זיך איינגעשמירט אין טריפענעם בלוט פון יידנשלעגער, וועלכע האָבן פאַר אים געוויכט. אין שטאָט האָט מען זיך אָנדערציילט וועגן זיינע העלדישע מעשים בעת די צאַרישע פּאָגראָמען אין די 1905־יאָרן און גאָר לעצטנס, ווען אין די פּוילישע הויכשולן זענען איינגעפירט געוואָרן די „לינקע בענק״ פאַר יידן, און פּוילישע סטודענטן מיט דער אונטערוועלט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער יידישע שטעט און געשפּאָלטן יידישע קעפּ. נאָך אַזאַ איבערפאַל פון די כוליגאַנעס אין לאָוויטש, האָט מען עטלעכע פּאָגראָמשטשיקעס מיט צעבראָכענע ביינער אָפּגעפירט אין אָרטיקן שפּיטאָל.

דער בלינדער שמואל איז געווען אַן עמך־ייד, און ווען ער האָט גערעדט מיט זיין הויכער, עטוואָס רויער שטימע, האָט זי אָפּגעקלונגען ווי דאָס האַמערן אין אַ בלעכענער טיר. ער האָט שטאַרק אָפּגעהיטן דעם געבאָט „עין תחת עין״ און מיט זיין איינעם גוטן אויג, פלינקער געזען, ווי איינער מיט צוויי גוטע אויגן. אין אַ שבת אינדערפרי, פלעגט מען אים זען גיין מיט אַ געלאַסענעם טראָט מיטן טלית אונטערן אָרעם אין דער גרויסער שול אַריין, ווו ער האָט זיך געשטעלט נישט ווייט פון פּאָליש מיט זיינע „גוטע ברידער״ און מיט יראת הכבוד געקוקט צום בעלעמער.

שמואל האָט געהאַט אַ וואַרעם יידיש האַרץ און אין אַן עת־צרה פלעגט ער זיין צווישן די ערשטע צו פאַרטיידיקן דעם יידישן כבוד, נישט געקוקט אויף דער סכנה, וואָס האָט געלויערט אויף זיין אייגן לעבן. ער איז געווען ווי אַ לעבעדיקער דעמב; איינער פון יענע פּראָסטע און געזונטע עמך־יידן, וואָס פלעגן זינט דורות שטיין אויף דער וואַך פון דער יידישער גאַס קעגן דער סכנה פון די גויים.

זיין פרוי איטע איז געווען פון מיטעלן וווּקס מיט אַ טונקל־אָליוו פּנים. אירע שוואַרצע, סאַמעטענע אויגן האָט געירשנט זייער בן־יחיד איכל, וועלכער איז געבוירן געוואָרן פיל יאָרן שפּעטער נאָך דער חתונה, נאָכדעם, ווי זי איז אַרומגעפאָרן צו פאַרשידענע דאָקטוירים און גוטע יידן.

איכל איז געווען אַ שלאַנקער, מוסקולאַרנער בחור מיט אַ געדיכטער טשופּרינע האָר און אַ פּאָר לעבעדיקע אויגן, וואָס האָבן געשמייכלט מיט יוגנטלעכן ברען. אויף זיין גלאַטן שטערן איז געלעגן דער חותם פון זיין ראַסע; פון טאַטן האָט ער געירשנט די האַרטנעקיקייט און גבורה. און די שקצים אין זיין גאַס, וואָס פלעגן חוצפּהדיק אַנטקעגנשפּרונגען דורכגייענדיקע יידן, האָבן פאַר אים זיך געשראָקן. ווען דער 20־יאָריקער בחור איז אַדורך די גאַס אין זיין בית״ר־מונדיר, האָבן זיי אויף אים געקוקט מיט פאַרדאַכט און אפשר, ווייל אין דער נאַטור זענען זיי געווען פּחדנים און נאָר באַפאַלן אַ שוואַכערן פון זיך; זיי האָבן דאַקעגן זיך געשראָקן פאַר אַזאַ, וואָס האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. און איכל האָט אין זייערע אויגן אויסגעזען ווי אַ יידישער גיבור, פּונקט ווי זיין טאַטע.

נאָכן אויסלאָדן די זאַכן פון וואָגן, האָט די משפּחה זיך געזעצט צום ערשטן מאָלצייט אין שטוב, זינט זיי זענען געהאַט אַוועק מיט דריי וואָכן פריער, אין די ערשטע טעג פון מלחמה־אויסברוך.

אין דאָרף, ווו זיי האָבן געוווינט, איז געווען שטיל און מ׳האָט כמעט קיין דייטש נישט געזען פאַר די אויגן.

אינסטינקטיוו האָבן זיי געפילט, אַ דריקנדיקע שטימונג לייגט זיך איבער די ווינקלען פון דער שטוב. עפּעס איז אַלץ דאָ געווען אַנדערש, ווי פריער, מיט יאָרן צוריק. ס׳איז געווען זייער היים, אָבער אַרום די מויערן פון הויז האָט איצט געשוועבט אַן אומזעבאַרער דראָענדיקער שאָטן.

איין קריסטלעכער שכן האָט אַ נישט־דרייסטער זיך אַריינגעשטעלט אין שטוב, אַזוי ווי ער וואָלט געקומען אויסקוקן, וואָס מ׳וועט שפּעטער קאָנען אַנרויבן מיט דער הילף פון די שוואַבן און ער האָט אומגעבעטענערהייט דערציילט, וועגן דעם תוהו־ובוהו אין שטאָט, וועגן די שריפות און די כאַפּערייען פון יידן, וואָס ווערן געשיקט אויף אַרבעט. עס זענען געווען די ערשטע דריי וואָכן זינט די דייטשע חיילות זענען אַריין אין שטאָט און קיין ספּעציעלע גזירות אויף יידן זענען נאָכנישט געהאַט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

נאָכן אָפּעסן דעם מאָלצייט, האָט שמואל באַשלאָסן צוגיין אין דער שכנותדיקער פּיעטריקאָווער־גאַס צו זיין שותף און קרוב, כדי געוויר צו ווערן, וואָס עס איז געשען מיט זיין משפּחה. דער זון האָט באַשלאָסן מיטצוגיין מיטן טאַטן.

ווי נאָר די צוויי מענער זענען אַריבער די שוועל אין גאַס אַריין, האָט די פרוי געהאַט אַ שווערן פאַרגעפיל. זי האָט געוואָלט צוריקרופן דעם זון, אָבער נישט געקאָנט פּועלן ביי זיך דאָס צו טאָן, וויסנדיק, אַז ער איז אין באַגלייטונג פון אייגענעם טאַטן, וואָס וועט נישט לאָזן, אַז איר זון זאָל עפּעס שלעכטס געשען.

זי האָט לאַנג זיי נאָכגעקוקט דורכן פענצטער אין גאַס אַריין און נישט געאַנט, אַז זי קוקט אויף זיי צום לעצטן מאָל.

אין דער צווייטער עק גאַס, ביי די ווייסע מויערן פון דער אַלטערטימלעכער קירכע, איבער וועלכער עס האָבן זיך אַריבער־געבויגן די צעצווייגטע קעפּ פון די שיטער־באַבלעטערטע קאַשטן־ביימער, איז איצט געשטאַנען ברונאָ מילער אין געזעלשאַפט פון זיינע צוויי וואָפן־קאַמראַדן. דער יונגער נאַצי איז דאָ געשטאַנען ווי אויף אַן אויסקוק־ווינקל און געלויערט אויף זיין קרבן.

זיינע העל־פלאַקסענע האָר האָבן זיך אַרויסגעשפּאַרט פון אונטער זיין לייכטן פעלד־הוט מיט דעם סוואַסטיקאַ־עמבלעם. זיינע געלבלעכע גרויסע ברעמען, זענען געריסן איבער זיין ברייטער, נישט־רעגלמעסיקער נאָז און דעם דיקן אויסגעקרומטן תאווהדיקן מויל. זיינע גרינלעכע אויגן האָבן געהאַט אַ וואָלפישן קוק און די זומער־שפּרענקעלעך אויפן ברייטן געשטופּלטן פּנים, האָבן זיינע געזיכטס־שטריכן צוגעגעבן אַ פרעכן און רויען אויסזען.

ברונאָ מילער האָט געשטאַמט פון אַן אַרבעטער־קוואַרטאַל אין האַנאָווער. גאָר יונג האָט ער זיך געחברט מיט פאַרברעכער און געזעסן אין תפיסה. זיין אויסשולונג האָט ער שפּעטער געקראָגן אין דער היטלער־יוגנט, וווּ עס האָט זיך געשטאַלטיקט זיין וועלט־באַנעם און אים פאַרהאַרטעוועט אין אַ פאַנאַטישן נאַצי.

אַדאַנק זיין ברוטאַלקייט און בלינדער געהאָרכזאַמקייט צו זיינע איבערגעאָרדנטע, האָט ער שנעל אַוואַנסירט און זיך דער־שלאָגן צום ראַנג פון סערזשאַנט.

אין דער באַרימטער „קרישטאַל־נאַכט" אין דייטשלאַנד, אין נאָוועמבער 1938, האָט ברונאָ מילער מיט זיינס גלייכן זיך הפקרדיק געלאָזט ווילגיין איבער יידישע געשעפטן און זיי צעראַבירט, מער־דערלעך געשלאָגן די יידן און נישט איין שול פאַרשווענכט.

אין יענע טעג האָט ער ערשט דערפילט דעם טעם פון הפקר און דעם כוח פון לאַנגן מעסער. און זיין לוסט צו פאַרגיסן יידיש בלוט איז נאָך מערער געוואַקסן.

ווען היטלער איז באַפאַלן פוילן, איז ער געווען צווישן די ערשטע פאַנצער־איינהייטן, וואָס זענען אַריין אין קאַליש. דאָ האָט ער זיך געוועס מיט צוויי זיינע נאָענטסטע וואָפן־קאַמראַדן, אַז ביז די ווייַנאַכטן וועט ער מיט אייגענע הענט דערמאָרדן טויזנט יידן. ברונאָ מילער מיט דעם העסלעכן פּרצוף פון אַ וואָלף, איז דערביי געווען איבערקלייבעריש מיט זיינע קרבנות. ער האָט געזוכט נאָר יונגע און טיפּיש שיין־אויסזעענדיקע יידן. ער האָט זאָאָלאָגיש געהאַסט די שיינע, יונגע יידן. און אַזוי ער אויפן מאַרש פון קאַליש, איבער שעראַדז, זדונסקאַ־וואָלאַ, לאָדזש און אַנדערע שטעט ביז לאָוויטש, שוין געהאַט פאַרשריבן אין זיין טאַשן־ביכעלע די צאָל קרבנות, וואָס ער האָט דערשאָסן מיט זיין קליינער מאַשין־ביקס. די צאָל איז געווען 123. ביי יעדן קרבן איז געווען פאַר־שריבן די דאַטע און דאָס אָרט פון מאָרד. און ברונאָ מילער האָט געהאַט זיין מעטאָד, ווי אַזוי זיין קרבן צו שיסן. ער פלעגט זיצן אויפן מאָטאָציקל, די ביקס פאַרלייגט נעבן רודער, פאַרזשמורעט דאָס רעכטע אויג און אָבסערווירן די גאַס; ווי נאָר ער פלעגט דערזען זיין קרבן, האָט ער אים אַ רוף געטאָן מיט אַ כיטרע־אומ־שולדיקן ווינק מיטן פינגער, ווי ער וואָלט כלומרשט געוואָלט יענעם פרעגן דעם וועג צו אַ גאַס. און ווען דער בחור פלעגט זיך דער־נענטערן אויף 5 פיס אַוועק פון אים, האָט ער קאַלטבלוטיק אויס־געשאָסן אין זיין ציל. ער האָט ליב געהאַט, אַז דער קרבן זאָל שטאַרבן אויגנבליקלעך און פלעגט צילן אין האַרץ.

אין אָרטשאַפטן, וווּ ער האָט געספּקט צי דער קרבן איז אַ ייד, האָבן אים דערין אַרויסגעהאָלפן די יונגע שקצים און אפילו עלטערע גויים, וואָס ווען זיי פלעגן נאָר דערזען אַ ייד אין גאַס, האָט אין זיי אויפגעקאָכט די יוכע און זיי האָבן מיט באַנומענע קולות גענומען שרייען דאָס איינציקע זידל־וואָרט, וואָס זיי האָבן זיך פלינק אויסגעלערנט אין דייטש: זשיד, יודע, יודע!...

איצט איז ברונאָ מילער געזעסן אויף זיין מאָטאָציקל אויף דער קרייצונג פון צוויי גאַסן אין לאָוויטש אין שאָטן פון אַן אַלטן קלויסטער און געטשאַטעוועט אויף זיין קרבן.

אַנטקעגנאיבער דער צווייטער גאַס זענען געשטאַנען זיינע צוויי וואָפן־חברים, די עדי־ראיה, וואָס האָבן געדאַרפט צוזען זיין נעכסטן מאָרד־ספּעקטאַקל.

שטענדיק נאָך אַזאַ מאָרד־אַקט פלעגט זיי ברונאָ מכבד זיין מיט אַ ביר־הוליאַנקע.

איצט זענען זיי געשטאַנען מיט זייערע ביר־אָנגעלאָפענע פּרצופים און מיט שפּאָטיקע בליקן נאָכגעקרומט די דורכגייענדיקע פאָליאַקן און פרעך געלאַכט צו יונגע פרויען.

אין דער זעלבער צייט איז דער בלינדער שמואל אין באַגליי־טונג פון זיין זון איכל, אָנגעקומען אין דער ריכטונג צו דער פּיאָטר־קאָווער גאַס. זיי זענען שוין געהאַט פאַרבייגעגאַנגען דעם גרויסן אויבס־גאָרטן אויף דער רעכטער וואַנט און זיך דערנענטערט צום „טויטן געסעלע". נעבן דער פּלומפּ איז איצט קיינער נישט געווען שעפּן וואַסער, אַ היימלאָזער הונט מיט אַ גרויסן קודלעוואַטן עק, האָט פויל אויף זיי אַ בליק געטאָן און געזשלאָקעט דאָס וואַסער אין דער קאַלוזשע.

עטלעכע גרויע שפּערעלעך האָבן מיט אַ צוויטשעריי זיך אויפּ־געריסן פון מיטן ברוק איבערגעשראָקענע פון זייערע פּעסטע טריט, און אַוועקגעפלויגן. אין גאַס האָבן זיך כמעט נישט געזען קיין דורכגייער, אַזוי ווי די גאַס וואָלט געווען אויסגעשטאָרבן.

דאָס גרויסע הויז קעגנאיבער דעם „טויטן געסעלע" מיטן שיפּן שינדל־דאַך און די גרין־באַמאָלענע שווערע לאָדן, וווּ עס האָבן געוווינט צוויי יידישע שמאַטע־הענדלער, האָט אויסגעזען פאַר־לאָזט. די שויבן אין גאַס אַריין זענען געווען אויסגעבראָכן און דער ווינט האָט זיך געשפּילט מיט די שוואַרצע פּאַפּיר־פּאַסן, וואָס זענען אַריינגעשטעלט געוואָרן אַלס ליכט־פאַרטונקלונג ערב דער באָמבאַרדירונג. שמואל איז נייגעריק צוגעגאַנגען און אַריינגעקוקט דורך אַן אויסגעבראָכענער שויב אין איינער פון די שטובן. ער האָט דאָרט קיין לעבעדיקן נפש נישט געזען. די מעבל און זאַכן זענען געלעגן צעוואָרפן און צעריסן, אַזוי ווי נאָך אַ פּלינדערונג. פונעם בילד האָט אים שווער אַ טיאָכקע געטאָן אונטערן האַרצן.

איכל האָט דערווייל געהאַט אָפּגעשפּאַנט עטלעכע טריט ווייטער און אינסטינקטיוו זיך אויסגעדרייט, כדי צו זען וווּ עס איז דער

פאָטער. אין מאָמענט, ווען ער האָט צוריק אויסגעדרייט דאָס פּנים, האָבן זיינע אויגן זיך צונויפגעטראָפן מיט די דורכשפּיזנדיקע בליקן פון ברונאָ מילער. דער האַקנקרייץ אויף זיין פעלד־הוט האָט אָנגעזאָגט עפּעס דראָענדיקס. דער בחור האָט פון יענעמס בליק דערפילט, אַז עפּעס רייסט זיך ביי אים אָפּ היִנטערן האַרץ און אַ היץ האָט אַ פלייץ געטאָן איבער זיין גאַנץ לייב. ער האָט געוואָלט מאַכן אַ שריט צוריק, פאַרפילנדיק אַ סכנה, אָבער אין דעם מאָמענט האָט דער דייטש אויפן מאָטאָציקל אים אַ רוף געטאָן מיט דער האַנט:

— קאָם מאַל, יודע, אַבער מאַך דאַס שנעל! מאַך דאָס שנעל, דאָנערוועטער!...

איכל האָט געמאַכט עטלעכע אומדעצידירטע שריט פאָראויס, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געוואַקלט, וואָס ער דאַרף טאָן, זיינע אויגן האָבן זיך ברייטער צעעפנט און ס'האָט אויסגעזען, אַז ער איז גרייט אַ שפרונג צו טאָן אויפן דייטש, אָבער אין דער זעלבער רגע האָט זיך דערהערט אַ טרוקענער ביקסנשאָס. פונעם אָפּהילך זענען די פייגל אויף דיביימער מיט אַ ווילד פליגל־פּאַטשעריי זיך צעפלויגן אין אַלע זייטן.

איכל האָט קאָנוולסיוו זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן האַרץ און דער געשריי איז אים געבליבן שטעקן אין דער קעל. אין קאָפּ האָט אים אַ שווינדל געטאָן, אַזוי ווי די ברייטע קאַשטנביימער וואָלטן מיט אַ געוואַי אויף אים אַרויפגעפאַלן. ער איז געפאַלן אונטערוויילעכץ אין אַ האַלב־ראָד מיטן רעכטן פוס פאַרבויגן אונטער זיין גוף. פונעם פאַל האָבן די שטיינער אַ טעמפּן אָפּקרעכץ געטאָן און זיך פאַרויטלט מיט אַ שטראָמל רויטגליווערנדיק בלוט. אַזוי איז ער געבליבן ליגן אויפן ברוק מיט האַלב־פאַרגלייזטע אויגן, די הענט צעוואָרפן, ווי צוויי אונטערגעבראָכענע פליגל. פון אָפּעגעם מויל האָט זיך געשפּאַרט אַ דין שנירל בלוט.

ברונאָ מילער איז ראַפּטעם אַראָפּ פון מאָטאָציקל, צוגעגאַנגען צום ליגנדיקן גוף. אַ מגושמדיקער שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבער זיין מיאוסן פּרצוף. ער האָט פרעך אַ קאָפּע געטאָן דעם טויטן גוף און זיך הויך צעלאַכט; מיט אַ טריאומפירנדיקן פייערל אין די אויגן האָט ער מיט אַ רויער שטימע הויך אַריבערגעשריען צו זיינע צוויי וואָפן־קאַמראַדן אויף דער צווייטער זייט גאַס:

— יאַוואָל, האַנס! עכטע סעמיטישע ראַסע! פּערפעקטער שאָס! פּערפעקט!?...

אַ זעלבסטצופרידענער האָט ער אָנגעהאָנגען די ביקס איבערן האַלדז און פאַרשטעקט די רעכטע האַנט אין טאַש פון זיין גרינלעכן מונדיר, כדי אַרויסצונעמען זיין נאָטיץ־ביכל, אַריינצושרייבן דאָרט דעם פרישן קרבן. די פינגער אין טאַש האָבן זיך אָבער פּלוצלינג פאַרקאָרטשעט. ער האָט דערפילט אַן אַנגסטיקייט קאָכט אין אים און ס'פאַרפעלט אים אָטעם. זיינע וואָלפישע אויגן זענען אַרויס פון די אויגנלעכער און זיין פּנים האָט זיך אויסגעקרומט אין אַ העסלעכער גרימאַסע מיט אַ האַלב־אַרויסגעשטרעקטער צונג. זיינע האַלדז־אָדערן האָבן זיך אָנגעצויגן ווי דראָטן און גענומען פּלאַצן. עפּעס האָט אַ טרייסל געטאָן אין זיין גאַנצן אינגעווייד. ער האָט געפילט ווי צוויי אייזערנע צוואַנגען האָבן אים אונטערוויילעכץ אַרומגענומען מיט אַן אויסערגעוויינלעכער קראַפט. אַ העשען, געמישט מיט אַ הייסן אָטעם פון אַ מענטש, בלאָזט אים אין קאַרק אַריין. אין דעם האָט זיין חוט־השדרה אַ טרעשטשע געטאָן. דער נישט־געזעענער גיבור האָט אים אַ הויב געטאָן אין דער לופטן און אַ שליידער געטאָן איבערן ברוק.

דאָס נאָטיץ־ביכל איז אַרויסגעפאַלן פון זיינע געליימטע הענט, צוזאַמען מיט דער ביקס, וואָס האָט אַ שפּרונג געטאָן מיט אַ טויבן קנאַק איבער די שטיינער.

אַזוי איז ער געבליבן ליגן, ברונאָ מילער, מיט אַ צעשפּאָלטענעם שאַרבן, צופוסנס זיין פרישן יידישן קרבן, וואָס ער האָט אין זיין מאָרד־לוסט מיט געציילטע סעקונדעס פריער דערהרגעט.

דער בלינדער שמואל איז געשטאַנען איבער אים ווי אַ שטיק אויסגעגאָסענער פעלדז, מיט צעשפּרייטע פיס. זיין רעכטער שטיוול האָט געטרעטן איבערן נאָטיץ־ביכל, וואָס איז געלעגן נעבן אַ קופּע טרוקענע צווייגן־ריטלעך און די רעכטע האַנט פון ברונאָ מילער. דער ייד האָט שווער געאָטעמט, ווי ס'וואָלט אים פאַרפעלט לופט. פאַר די אויגן האָט אים נאָך אַלץ געבלענדט ווי מיט רויטע טיכער. און אין מוח האָט געזעצט ווי מיט אָנגעגליטע האַמערס. ער האָט געפילט, אַז דאָס העמד איז צוגעקלעפּט צום לייב, אָבער ער האָט קיין כוח נישט געהאַט זיך צו רירן פון אָרט, אַזוי ווי ער וואָלט איינגאַנצן פאַראַליזירט געוועזן. בלויז זיין רעכט, גוט אויג האָט וואַנזיניק געקוקט אויף זיין טויטן זון, וואָס איז געלעגן מיטן פּנים אַרויפצו, ווי מיט אַן אָנקלאַגע צום הימל. טרערן האָבן גערינען פון זיינע אויגן און באַזאַלצן זיין גומען. ס'געוויין איז דערשטיקט געוואָרן אין דער קעל.

דערנעבן איז געלעגן דער צעקריפּלטער נאַצי. ער האָט קוים אַרויסגעכאָרכלט אַ גוססדיקן קרעכץ און צום סוף פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אין דער קאַלוזשע בלוט, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיטן מאַרך פון זיין אָפּענעם שאַרבן.

אין דעם האָט שמואל דערפילט, ווי ביקסן־קאָלבעס פאַלן איבער זיין קאָפּ און פּלייצע, איבערן גאַנצן גוף, באַגלייט מיט ווילדע אויסגעשרייען, ווי זיי וואָלטן געקומען פון דער וויטנס פון אַ פאַרנעפּלטער וואַנט. אין אָנהויב האָט ער נישט געפילט קיין ווייטיק און זיך געלאָזט ממיתן. דאָס האָבן די דייטשן, וואָס זענען געשטאַנען קעגנאיבער דער גאַס, און אין ערשטן אויגנבליק מבולבלדיק געוואָרן פון דעם, וואָס איז אַזוי בליצשנעל און אומדערוואַרט געשען, זיך איצט אַ וואָרף געטאָן אויף אים, נקמה צו נעמען פאַר זייער געממיתטן קאַמראַד.

זיי האָבן מיט רציחה געקלאַפּט מיט די ביקסן־קאָלבעס איבערן יידס קאָפּ, פון וועלכן עס איז אַראָפּגעפאַלן דער שוואַרצער באַראַנקאָווער הוט. זיין געזילבערטער קאָפּ האָר איז באַדעקט געוועזן מיט אַ בלוטיקער קלעפּיקייט.

מיטאַמאָל האָט שמואל דערפילט ווייטיק; און דער ווייטיק האָט אים צוריק אויפגעוועקט פון דער פּאַראַליזירטקייט. עפּעס האָט אין אים אַ ברי געטאָן מיט אַן אויפצאַפּל. זיינע אָדערן האָבן זיך ווידער אָנגעצויגן מיט גבורה. זיינע פויסטן האָבן זיך פאַרביילט, אין צוויי אָנגעצויגענע שטאָלענע ספּרוזשינעס און ער האָט מיט די לעצטע כוחות זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם ערשטן דייטש, הינטער אים. דורך אַ בליץ־שפּעלטעלע פון זיין פאַרבלוטיקטן רעכטן אויג, האָט ער געזען יענעמס פּרצוף קרומט זיך אויס: ער האָט אים געהאַלטן פאַרן האַלדז און זיך איינגעגראָבן אין זיין גאָרגל מיט זיינע לאַנגע נעגל; יענער האָט געכאָרכלט און געוואָרפן אין דער לופטן מיט די הענט.

אין דעם האָט זיך דערהערט אַ טרוקענער ביקסן־שאָס און

ווי א בליץ דורכגעשניטן זיין מארך. ארום אים איז אלץ פינצטער געווארן און שמואל איז געזונקען אונטער זיך, ווי אן אונטערגעזעגטער בוים.

א קליין שקצל איז אין דער וויטנס געלאפן און געשריגן מיט א באנומען געוויין: „זשיד זאביל ניעמצא... זשיד זאביל ניעמצא!...״ (א ייד האט דערהרגעט א דייטש...) און דער ווינט האט אויפגעכאפט דעם דאזיקן לעבעדיקן אפהילך צוזאמען מיט א קופע קאשטנבלעטער און זיי א טראג געטאן אין א געווירבל לענגאויס דער גאס, וווּ אויפן ברוק זענען איצט געלעגן דריי טויטע.

שמואלס אנגעשוואלן רעכט אויג איז ארויס פון אויגלאך און זיך געריסן צום פארוואלקנטן הימל, ווי ס׳וואלט דארט אהין געשריגן: זעט, איר הימלען און זייט עדות, מיט וואס פארא טויט, איך און מיין זון זענען געשטארבן!...

מעלבורן, מאי 1961.

שלוס אש

ווי אבלים אויף א חתונה

(פראגמענט)

שוין צוויי יאר בין איך נישט געווען אין פוילן. דורך די צוויי יאר האט דער עקאנאמישער באיקאט קעגן יידן איבערגעלאזט א זייער אנגעזעענעם סימן אויף דער אויסערלעכקייט פון דעם יידישן מענטש. מען זעט דאס אן אויף די פנימער, אויף די לייבער, אויף די מלבושים פון די יידן.

א, וועלכער משיח וועט אונדז באפרייען פון גלות־הימל?!

אין א זונטיק־טאג בין איך געפארן אין אן אויטאמאביל פון ווארשע קיין קוטנע. עס איז געווען א הערלעכער טאג, דער וואגן איז דורכגעפארן פיל דערפער און א פאר קליינע און גרעסערע שטעטלעך. איבעראל איז די באפעלקערונג געווען אויף די גאסן, אויסגעפוצט אין שענסטן און אין בעסטן. — א געיעג פון וועליסאפעדן האט אין דעם טאג געזאלט פארקומען אויפן וועג בערלין־ווארשע, און די גאנצע דארפישע און שטאטישע באפעלקערונג ארויס אויף די גאסן אפצוווארטן די דורכפארנדיקע. די געגנט פירט דורך דער בארימטער פוילישער שטאט לאוויטש. דאס פויערן־פאלק פון דער געגנט פוצט זיך אויס אין זיינע רייכע קאלירטע וואלענע קליידער, וואס די יידן, אגב, שפינען אויס, ווי אמאל נאך אין אלטן מצרים, אויף האנט־שפינערייען. די גאנצע געגנט, די פעלדער און וועלדער און דער וועג, וואס האט זיך געבאדן אין א הערלעכער זון, איז באדעקט מיט די פרעכטיקע פארבן פון די פויערישע קליידער. יעדער פויער אדער פויערטע האט אויסגעזען ווי פון א בילדל אויסגעשניטן; זיי זענען געווען אפגעוואשן, אויסגעקעמט, אויסגעצירט און אויסגעפוצט ווי אויף א חתונה. איבערהויפט איז די שטימונג אין דער לעצטער צייט ביי דער אלגעמיינער באפעלקערונג א בעסערע. דער קריזיס האלט אין נאכלאזן. עס זענען דא אויסזיכטן אויף בעסערע צייטן. אויך די באנייטע פארבינדונגען צווישן פראנקרייך און פוילן האט אריינגעבראכט אין לאנד אריין א האפענונג אויף א בעסערן עקאנאמישן צושטאנד. די קריסטלעכע שטאטישע באפעלקערונג באשטייט פון לויטער באאמטע, שטייער־אויפמאנער, מאגיסטראט־אנגעשטעלטע, שרייבערס, פרעזידענטן און וויצע־פרעזידענטן — ביי דעם זול, וואס עס הערשט אין פוילן — גייט זיי ווי פארהעלטנישמעסיק גארנישט שלעכט, זיי זענען זיכער מיט זייער שטיקל ברויט, זיי פוצן זיך און טוען זיך אן יום־טובדיק. די גוטע צייטן פון באפרייטן פוילן זעט מען אויך אן אין די פיל אויסצייכענונגען, וואס זיי טראגן אויף זייערע קליידער. אזוי אויף דאס פויערטום פון דער געגנט, וואס זיצט אויף רייכער ערד. מען קאן ווירקלעך זאגן, אז די גאנצע געגנט פון דער הערלעכער זון באגאסן מיט די פילפארביקע קליידער אויף דער גליקלעכער באפעלקערונג, האט געמאכט דעם איינדרוק פון עפעס יום־טובדיקס, פריילעכס — חתונה־שטימונג. אבער אויף דער דאזיקער חתונה זענען די איינציקע אבלים געווען די יידן. פארמרה־שחורהטע, מיט שרעק אין די אויגן, בלאסע, נישט אויסגעשלאפענע פנימער, אויף וועלכע מען האט אנגעזען די פייכטע ווענט פון זייערע נישטלופטיקע קעלערן, אין וועלכע זיי זיצן. זיי זענען געווען אנגעטאן אין זייערע ארעמע, אפגעריסענע און פארשמוצטע לאנגע כאלאטן, מיט פארפעדערטע קליינע היטעלעך, צוגעדריקט איבער זייערע קעפ — זענען זיי געשטאנען מיט זייערע פארוויינטע און אין טיכער איינגעהילטע ווייבער, מיט זייערע אפגעלאזענע בארוועסע קינדער — פון שרעק פאר דער נויט באהאלטן אין די הויפן פון זייערע הייזלעך, אין זייערע שטובן, און פון דאנען קוקן זיי ארויס אויף דער גאס דורך די שפאלטן פון טירן, דורך די פענצטער. און האט יא א ייד געוואגט ארויסצוקומען אויף דער גאס און צוקוקן זיך צו דער גוט־ברודערשאפט, וואס שפילט זיך אפ צווישן האנקרייך און דעם פוילישן אדלער, זענען זיי געשטאנען פארפרעמדטע, צוגעדריקטע צו דער וואנט, מיט אימה אין הארץ, מיט טויט־שרעק אין די אויגן, ווי אבלים אויף א פרעמדער חתונה...

1936

ווידערשטאַנד און גייסטיקע גבורה

לאָוויטשער פּאַרטיזאַנער־דריילינג

דערציילט פון **חיים ראַכווערגער** (גבעתיים)

חיים ראַכווערגער איז געבוירן 1910, אין לאָוויטש, ביי נישט־פאַרמעגלעכע עלטערן. ער איז געוואָקסן אַ פעסטגעבויט יינגל. זיין ערשטע דערציאונג האָט ער באַקומען אין דער „שאָבאָסוווקע" (פאָלקס־שול), און געווען פון די ערשטע פוטבאָל־שפּילער אין „שטערן". אַדאַנק זיין שיינעם אַטלעטישן בוי, ווערט ער איינער פון די בעסטע יידישע אַטלעטן אין ספּאָרט־קלוב „מכבי", און געווינט תמיד אויסצייכענונגען אין פאַרשידענע ספּאָרט־פאָרמעסטן.

חיים ראַכווערגער

בעתן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געפינט ער זיך אין אַקטיוון מיליטער־דינסט און ער נעמט אָנטייל אין פיל שלאַכטן קעגן די נאַצי־חיילות. נאָכן דעמאָביליזירט ווערן אויף די סאָוויעטיש־אָקופּירטע געביטן, קערט ער זיך אום אַהיים קיין לאָוויטש. זיין פאָטער יעקל־דוד ע"ה, האָבן די דייטשן געכאַפּט אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה בעת דעם אַריינמאַרש אין דער שטאָט, האָבן דעם אומגליקלעכן ייד צוגעבונדן צו די פערד, און אַזוי אים געשלעפּט ביז זשיכלין. דער ייד איז שפּעטער געשטאָרבן אין שווערע יסורים פון די באַקומענע וווּנדן. די מוטער ע"ה איז געשטאָרבן פון הונגער אין וואַרשעווער געטאָ.

חיים ראַכווערגער, אָדער ווי די חברים האָבן אים גערופן מעדעק, האָט מיטגעמאַכט דאָס טרויעריקע קאַפּיטל פון לאָוויטשער געטאָ. מיט זיין געזונטן חוש פאַר מעשים, אונטערנעמערישקייט און בטבע ריזיקאַלישער נאַטור, האָט ער מיטגעהאָלפן צו באַזאָרגן דאָס געטאָ מיט כשר פלייש. אונטער סכנות־אומשטענדן האָט ער אַריינגעשמוגלט אין געטאָ בהמות, וואָס זענען געשאָכטן געוואָרן דורך דעם באַלימאָווער שוחט ר' איטשע־מאיר ראָטנבאַך ז"ל. צוליב דער סכנה וואָס עס האָט אים געדראָט, האָט דער שוחט קיינמאָל נישט געטראָגן מיט זיך דעם חלף. געשאָכטן האָט מען נאָך חצות און דעם חלף האָט חיים געהאַט אויסבאַהאַלטן אין אַ ספּעציעל באַהעלטעניש.

נאָך דער איבערזידלונג אין וואַרשעווער געטאָ אַריין, איז חיים ראַכווערגער פון דאָרט עוקר. אים געלינגט אַנצושפּאַרן אין די אָסטראָווצער וועלדער, ווו ער איז טעטיק מיט אַנדערע לאַנדסלייט אַלס פּאַרטיזאַן. סוף 1944 ווערט ער פאַרוואָגלט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער בליזשין, ווו דייטשע דאָקטוירים פירן דורך אומצאָליקע עקספּערימענטן אויף זיין אַטלעטישן גוף. און נאָר זיין שטאַרקער ווילן און די פיזישע פאַרהאַרטעוועטקייט זענען גובר אַלע געפאַרן און ער בלייבט לעבן. זיינע איבערלעבענישן אין די טויט־לאַגערן און אין די וועלדער קלינגען ווי פון טייוול־אויסגעטראַכטע שפּילערייען, זיי זענען אָבער אַ טרייע אָפּשפּיגלונג פון יענע גרויליקע טעג, ווען דער ייד איז געווען הפקר, און איז געגאַנגען איבער ברענענדיקער ערד, און נאָר יחידים איז באַשערט געווען נישט פאַרצערט צו ווערן פון די גאַז־פלאַמען...

חיים ראַכווערגער איז פאַרהייראַט און לעבט מיט זיין פאַמיליע אין גבעתיים, נעבן תל־אביב.

דאָ ווייטער ברענגען מיר נאָר יענע פאַרצייכענונגען פון זיינע איבערלעבענישן, וואָס באַציען זיך דירעקט צו זיין אָנטייל אין די פּאַרטיזאַנער־אַקטן אין די אָסטראָווצער וועלדער.

...כ'האָב נישט געוואָלט אויסגיין מיט אַ הונגער־טויט אין וואַרשעווער געטאָ... די ענגשאַפט און דער עיפּוש האָט מיך געוואָרגן. און נאָך פיל שלאָפלאָזע נעכט, האָב איך באַשלאָסן, אַז כ'מוז זיך אַרויסרייסן פון גהינום פון די געטאָ־מויערן.

כ'האָב מיך אַריינגעכאַפּט אין אַ טראַמוויי, וואָס איז געגאַנגען איבער אַ שטיקל שטח פונעם געטאָ און אַרויסגעפאָרן דורכן טויער אויף זשעלאַזנע. אַ פּאָליאַק, אַ קאָנטראָלער, האָט מיך איבערגעגעבן צו דער זשאַנדאַרמעריע ביים טויער.

ביז יענער האָט באַוויזן מיך עפּעס צו פרעגן און אויפהויבן די ביקס צו מיר, בין איך בליצשנעל פאַרשוווּנדן אין געטאָ־טויער. די פּאַסירונג האָט נאָך מער צערייצט מיין ווילן צו אַנטלויפן פון געטאָ. און נאָך לאַנגע אויסשפּירונגען, בין איך דעם זעלבן טאָג אַרויס מיט אַ גרופּע אָפּגעריסענע און קראַנקע, וועלכע מ'האָט געפירט אין דער לויזע־באָד אַריין. געפירט האָט מען די גרופּע דורך אַ פּראָוויזאָרישן טויער, וואָס איז נישט געווען אַזוי שטרענג באַוואַכט. אין דרויסן, אויסער דער מויער, האָב איך זיך אָפּגעטיילט פון דער גרופּע און אַוועק אויף דער „אַרישער זייט".

אַ „שמאַלצאָווניק" האָט באַמערקט ווי כ'האָב זיך אַרויסגעשאַרט פון דער באַוואַכטער גרופּע און מיר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן. ער האָט מיך שאַנטאַזשירט און געדראָט איבערצוגעבן דער פּאָליציי, אויב כ'וועל אים נישט געבן אויף בראָנפן.

אין אָנהויב האָב איך געפּרוווט שפּילן דעם „טויבן מאיר", אָבער ווען כ'האָב געזען, אַז די זאַך איז ערנסט, אַז כ'קאָן זיך נישט אַרויסרייסן פון דער פּאַסטקע, האָב איך בלית־ברירה אים אַריינגערופן אין אַ טויער און געגעבן געלט אויף אַ האַלב פלעשל שנאַפּס. און נאָך איידער דער יונגער שייגעץ האָט צייט געהאַט זיך מיישב־צו־זיין, בין איך שוין געווען ווייט פון יענעם אָרט. כ'בין געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דער סטאַציע פון דער קליין־באַן, וואָס פירט קיין ניישטאָט (נאָווע מיאַסטאָ) לויט פריער אָפּגעמשלטע סימנים. כ'בין אַריין אין אַ טראַמוויי און בשלום דאָרט אָנגעקומען, געקויפט אַ בילעט און געוואַרט אויפן צוג.

איך בין דעמאָלט געווען אָנגעטאָן אין אַ פּאָר טונקעלע ברילן, געהאַט גרויסע וואָנצעס און געטראָגן אַ פּאָר גוטע שטיוול מיט רייטהויזן, סיי אַ גענוג ציכטיקע קורטקע, און אויסערלעך בכלל נישט אויסגעזען אויף קיין ייד. ס'געלט האָט איך געהאַט פאַרשטעקט אין די כאָלעוועס פוןביידע שטיוול.

אין דער קליין־באַן בין איך געפאָרן מיט ס.ס.־לייט, דייטשע סאָלדאַטן און פּאָליאַקן. קיינער האָט מיך ווי נישט באַמערקט. צוליב פאָרזיכטיקייט, האָב איך געביטן די וואַגאָנען אויף יעדער אַנדערער סטאַציע און אַזוי בשלום אָנגעקומען אין שטעטל ארום

3 נ.מ. דאָ האָב איך איבערגענעכטיקט ביי אַ יידן. אין נאָווע־מיאַסטאָ איז נאָכנישט געווען קיין געטאָ.

פון דאַנען בין איך צומאָרגנס איינער אַליין אַוועק צופוס אין דער ריכטונג פון אָסטראָוויעץ קיעלעצקי, וואָס איז געווען אַן אינדוסטריע־שטאָט. אין געטאָ האָט מען מיר געהאַט פאַרזי־כערט, אַז דאָרט איז רואיק און זיכער. געגאַנגען בין איך ביז ראַדאָם מיט הינטערוועגן. און פון דאָרט בין איך אַוועק קיין אַסטראָוויצע. אומעטום האָב איך זיך פאָרגעשטעלט אַלס קריסט, אַ פּליט פון דער דייטשער גרענעץ.

דעם ערשטן, וועמען כ'האָב צופעליק געטראָפן אין דער גאַס אין יידישן קוואַרטאַל אין אָסטראָווצע, איז געווען אַ לאָוויטשער ייד, אַ קצב. מ'האָט אים גערופן וואָלף „דזשאָבאַל". ביי אים האָב איך גענעכטיקט. עטלעכע טעג שפּעטער, האָב איך געטראָפן דעם געלן בנימין עלווינג (דעם געלן לאמפּאס זון), דאָן זיין קרוב, אויך אַ קצב, דעם שטומען נח (אַשענהיים) און שמעון יאַקובאָוויטש, אַ שניידער, וואָס האָט ביי אים געוווינט. זינט יענעם טאָג איז פאָרגעקומען אַ גרויסער שינוי אינעם גורל פון מיינע וואַנדע־רונגען.

אַ פּאָר קילאָמעטער ווייטער פון אָסטראָווצע, האָט זיך גע־פונען דאָס דאָרף דענקאָוו. דאָ האָב איך געטראָפן נאָך עטלעכע לאַנדסלייט: משהלע אשענהיים, אַ יינגערן ברודער פון נח, שיע פרייטאַג, שמואל־לייב גראָסמאַן (קריפּלס אייניקל) און יוסל „פּלאָשטשאַק" מיטן זון.

כ'בין געבליבן ביי משה אשענהיים אין דאָרף, און אים גע־האָלפן אין דער געהיימער יאַטקע, וואָס האָט אַריינגעשמוגלט כשר פליש קיין אָסטראָווצע. אין דער שטאָט איז נישט געווען קיין געטאָ, אָבער יידן האָבן געמוזט טראָגן די „געלע לאַטע".

אַזוי האָבן מיר פיל־ווייניק געלעבט אין אומזיכערקייט, אָבער אין זאַטקייט, ביז עס האָבן אָנגעהויבן קורסירן קלאַנגען וועגן אַן אויסזידלונג. אינצווישנצייט איז פאָרגעקומען אַ טראַגיש גע־שעעניש מיט אַ לאָוויטשער. דאָס איז געווען עטלעכע וואָכן נאָך מיין אָנקום אין אָסטראָווצע. שמואל־לייב באַראַוויאַק, איז אַרויס אין גאַס אָן דער „געלער לאַטע" און הויך גערעדט יידיש צו אַ צווייטן ייד.

דאָס האָט באַמערקט אַ דייטש, ער האָט אים אַוועקגעפירט אויף אַ ליידיקן פּלאַץ און דערשאָסן אויפן אָרט. איך האָב דעם לאָוויטשער בחור שפּעטער קובר־געווען אויפן יידישן בית־עולם.

✶

צו אונדז זענען דערגאַנגען ידיעות וועגן גורל פון די יידן אין וואַרשעווער געטאָ, אַזוי גוט ווי אין אַנדערע שטעט, און אונדזער גרופּע האָט זיך ערנסט פאַרטראַכט וועגן אַ פּלאַץ וווּ זיך אויסצובאַהאַלטן. מ'האָט אויך געהערט, אַז דער אָסטראָווצער רבי זאָל האָבן געזאָגט: יידן, ראַטעוועט זיך, ווי איינער קאָן. צעלויפט זיך!...

אונדזער גרופּע האָט באַשלאָסן זיך צו באַהאַלטן מיטן מאָ־מענט, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אויסזידלונג. מיר האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ געדיכטן וואַלד, אַ קילאָמעטער פון דענקאָוו. ס'ערשטע האָבן זיך באַהאַלטן די מענער, ווייל מ'האָט כלומרשט געכאַפּט אויף אַרבעט. די פרויען זענען דערווייל געבליבן אין דער היים.

אַוועק זענען מיר דריי לאָוויטשער, וועמען דער לויף פון געשעענישן און דער גורל האָט שפּעטער אויסגעקליבן אין אַן אומצערייסבאַרן „דריילינג": משה אשענהיים, איך און שמואל־לייב גראָסמאַן.

אינצווישנצייט האָבן מיר זיך דערוווּסט פון פויערים וועגן דער אויסזידלונג פון די יידן אין אָסטראָווצע, און אַז מ'קאָן מער נישט פאָרן אין שטאָט אַריין.

עטלעכע טעג שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט די טרויע־ריקע נייעס, אַז די פרויען פון משהן און שמואל־לייבן זענען אויך דעפּאָרטירט געוואָרן.

מיר זענען אַלע געווען דערשלאָגן און אַנטמוטיקט.

אַ טייל פון די פאַרמעגלעכע יידן פון אָסטראָווצע האָט זיך געהאַט איינגעגעבן פאַר שוחד־געלט פון פאָרויס צוגרייטן אַ מקלט אין אַן אָרטיקן אַרבעטס־לאַגער, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך אַן עסטרייכער, הער ווידמע, פון דער עלעקטרישער פירמע „עלי". די רייכערע יידן האָבן זיך דאָ געהאַט „אויסבאַהאַלטן" און געשיצט געווען פון ספּעציעלע אַרבעטס־שיינען. דער אַרבעטס־לאַגער, וואָס האָט געהאַט אַ בעטאָן־גראָבן, איז נישט געווען אַרומגעצוימט מיט קיין שטעכל־דראָט, אָדער ספּעציעלע וועכטער.

אַזוי ווי די שטאָט איז שוין געווען יידנריין, איז אונדזער „דריילינג" בלית־ברירה דאָרט פרייוויליק אַריין. צומאָרגנס נאָך אונדזער אָנקום אין לאַגער, זענען מיר גלייך אַוועק צו דער אַרבעט, ביים גראָבן גריבער און גיסן בעטאָנענע סלופּעס. צוויי טעג שפּעטער איז אומדערוואַרט פאָרגעקומען אַן אַבלאַווע אויפן לאַגער און מ'האָט צוגענומען די פרויען און קינדער. אַלע לאַ־גערניקעס זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אויפן לאַגער־פּלאַץ. האָלץ (היינט אין ת"א). דער ייד האָט געציטערט פון שרעק און פאַרצווייפלונג. נעבן זיך האָט ער געהאַט אויסבאַהאַלטן זיין קינד, אַ יינגעלע פון אַ יאָר 3—4. איך האָב זיך אָריענטירט אין דער סיטואַציע און אַ זאָג געטאָן צו אים: שנעל, לייגט אַריין דאָס קינד אין אַ זאַק. כ'וועל עס אַרויסטראָגן". דער ייד האָט אַזוי געטאָן. איך האָב גענומען דעם זאַק מיטן קינד, פאַרוואָרפן אויף דער פּלייצע, כלומרשט ווי אַ זעקל זאַכן אָדער אַרבעטס־מכשירים, און אַזוי דורכגעגאַנגען די ס.ס.־לייט און דערמיט אַרויף אויפן לאַסט־אויטאָ צו דער אַרבעט. אויפן אָרט וווּ מיר זענען אָנגע־קומען אַרבעטן, האָב מיר דאָס יינגעלע פאַרשטעלט. אויף דער נאַכט האָט דער פאָטער אַליין שוין דאָס קינד אַריינגעלייגט אין אַ זאַק און אויף אַזאַ אופן בשלום עס צוריקגעבריינגט אין לאַגער.

די אַבלאַווע האָט זיך געהאַט אָפּגעשטעלט.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט אונדזער „דריילינג" באַשלאָסן זיך אומצוקערן אין די אָסטראָווצער וועלדער. אונדזער פאַר־טרויאונגס־מאַן איז געווען אַן אָסטראָווצער יונגערמאַן, יאַנקל קערבעל (היינט אין בראַזיל), אַ ספּריטנער מענטש, ריזיקאַליש, מיט אַ גוטער אָריענטאַציע אין דער טאָפּאָגראַפיע פון דער געגנט. דער זעלבער האָט זיך אונטערגענומען אונדז אַרויסצופירן אין וואַלד אַריין און פאַרבינדן מיט די אָרטיקע פּוילישע פּאַרטיזאַנער. די זעלבע נאַכט איז ער אַוועק אין וואַלד און פאַרטאָגס צוריק־געקומען. ער האָט אונדז געמאָלדן, אַז ער האָט שוין אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט און בדעה געהאַט אַרויסצופירן אַ גרופּע פון 15—20 מאַן. עטלעכע טעג שפּעטער, איז ער ווידער דאָרט אַוועק, כדי ענדגילטיק דערליידיקן דעם ענין מיט די פּוילישע פּאַרטיזאַנער.

ער איז אָבער פון דאָרט צוריקגעקומען אַ דערשלאָגענער, פול מיט חרטה, און זיך אָפּגעזאָגט אַהין אַרויסצופירן אונדזער גרופּע, דערקלערנדיק, אַז ער האָט נישט קיין צוטרוי צו די פּאָליאַקן. דאָס איז געווען די ערשטע ערנסטע וואָרענונג קעגן די פּאָליאַקן, וואָס האָבן געמסרט יידן און זיי אויסגעגעבן דעם דייטש.

צומאָרגנס האָט געשטאַפּאָ ווידער אַרומגערינגלט אונדזער לאַגער און נאָכן מאַכן אַ סעלעקציע, די שוואַכע אָפּגעשיקט אין די טויט־לאַגערן. מ'האָט אונדז אויסגעשטעלט צו דריי אין אַ ריי. ביים ייד האָט מען געפונען דאָס יינגעלע און עס צוגענומען. אַזוי, ווי דער פאָטער אַליין איז געווען אַ געזונטער מאַן, האָבן זיי אים איבערגעלאָזט אין לאַגער. מיר, די דריי לאָזיטשער, האָבן זיך תמיד געהאַלטן צוזאַמען, געגעסן צוזאַמען און זיך תמיד געשטעלט צוזאַמען. אַזוי ווי איין משפחה.

דער יידישער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט געהאַט אויף אונדז אַן אויג... ער האָט געוואָלט פון אונדז פּטור ווערן. ראשית, זענען מיר געווען פרעמדע; והשנית, האָט ער פון אונדז נישט באַקומען קיין שוחד־געלט. דער זעלבער פאַרשוין האָט איצט בעת דער סעלעקציע געוואָלט אויסנוצן דעם שעת־הכושר און אַלע דריי אַרויסגענומען פון דער ריי, כדי אַריבערצושטעלן צו דער מחנה פאַר די טויט־לאַגערן. ווען דער אַרבעטס־אויפזעער, וועלכער האָט אונדז געקענט פאַר גוטע אַרבעטער, האָט דאָס באַמערקט, האָט ער הויך צו אים אויסגערופן: האַלט מאַל, וואַס מאַכסטו?!... די גוטע אַרבעטער שיקסטו אַוועק און די שייסע לאָזסטו איבער?!

דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט זיך דערשראָקן און אונדז צוריקגעשטעלט אין דער פריערדיקער ריי. אַזוי האָט אונדז, נישט ווילענדיק, אַ דייטש דעמאָלט אָפּגעראַטעוועט פון אַ טויט־לאַגער.

די פּאַסירונג האָט אונדז גוט אָנגעשראָקן, און די זעלבע נאַכט, נאָך דער אַרבעט, זענען עטלעכע אָסטראָווצער יידן, צוזאַמען מיט משה אשענהיים, אַנטלאָפן אין דאָרף קזשעוויאַנקי, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ יונג וועלדל. דאָ האָט זיך געפונען אַ פאַרלאָזענע שטיין־האָקעריי.

זיי האָבן אָפּגערעדט מיטן סאָלטיס, וועמענס כאַטקע איז געשטאַנען איזאָלירט, ביים ראַנד פון וועלדל, אַז פאַר 2,000 זלאָטעס זאָל ער אונדז געבן אַ באַהעלטעניש.

פאַר עסן איז אים צוגעזאָגט געוואָרן באַזונדער צו באַצאָלן. ער האָט דער גרופּע געוויזן אַ גרוב־אויסריס, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט 12 מעטער אונטער דער ערד, דורך וואַנען מ'האָט געדאַרפט אויף אַלע פיר קריכן אין אַ הייל אַריין פון ווייסן קאַלך־שטיין.

צומאָרגנס ביינאַכט, נאָך דער אַרבעט, זענען מיר, 26 פּערזאָן, און איין פרוי פון די מענער, אַוועק אין דער הייל. אַלע זענען געווען פאַרמעגלעכע יידן פון אָסטראָווצע, אויסער אונדז דריי לאָזיטשער.

דערביי האָט דער פויער נאָר געוווּסט, אַז מיר זענען 6 מאַן, און פאַר אַזאַ צאָל האָט ער צוגעשטעלט פּראָוויאַנט. אין אונדזער הייל איז דער סאָלטיס קיינמאָל נישט אַריינגעקומען. ביים אַריינגאַנג איז געשטאַנען אַ כאָינקע, וואָס האָט מאַסקירט דעם אַריינגאַנג. מיר האָבן זיך דעריבער געמוזט אַליין איינשאַפן שפּייז און וואַסער. מיר האָבן דאָרט אַהינגעבראַכט בעטגעוואַנט, בגדים, חלבנע ליכט וכו'. דאָס אָרט איז געווען טרוקן און לופטיק.

פון אונדזערע דערפאַרונגען האָבן מיר געוווּסט, אַז מ'טאָר צו קיין גוי נישט האָבן צופיל צוטרוי, און דעריבער געווען פאַרזיכטיק און באַשלאָסן אויספאָרשן די הייל, און אויסגעפונען אַן אָרט, אַז אין פאַל פון אַן אָבלאַווע, אָדער אַנדערער סכנה, זאָל מען קאָנען אַרויסגיין פון דער הייל. דער גוי טאָר אָבער דערפון נישט וויסן. נאָכן אַרומזוכן אין דער גרויסער הייל, האָבן מיר, צום גליק, געפונען אין עטלעכע ערטער אויטענטישע אַריינגענג, ווי אַזאַ, דורך וועלכן מיר זענען אַריין. מיר האָבן אָפּגעמערקט אַ פלאַץ און לויט סימנים, מיט דער הילף פון אַ שטיקל אייזן און ממש מיט די גאָלע הענט, דורכגעגראָבן פון דרויסן אַ צווייטן אַרויסגאַנג פון דער פאַרקערטער ריכטונג, און דאָס אָרט פאַרמאַסקירט.

מיר ווייסן נישט ווי אַזוי, נאָר דער גוי האָט מיט איינמאָל דערשנאַפּט, אַז מיר זענען מער ווי 6 פּערזאָן. ער איז דעריבער איינמאָל געקומען שפּעט אויף דער נאַכט, און דורך אַריינוואַרפן שטיינדלעך אין דער הייל, אַרויסגערופן העד יאַנקל קערבל, זיין פאַרבינדונגס־מאַן. דער פויער האָט אים געוואָרנט, אַז מיר זענען אַ צו גרויסע צאָל מענטשן און ס'דראָט אונדז אַ סכנה. הערנדיק דאָס, זענען מיר אַרויס צום גוי, שוין באַוואָפנטע, ווייל דורך דער צייט האָט זיך אונדז איינגעגעבן איינצושאַפן דריי האַנטגראַנאַטן און אַ רעוואָלווער. דאָס איז געווען אַ שבת־צו־נאַכטס. דער פויער האָט אונדז געוואָרנט, אַז אין שכנות לויפט דורך אַ סטעזשקע, מיט וועלכער מענטשן גייען יעדן זונטיק אינדערפרי אין קלויסטער אַריין. אַזוי ווי מאָרגן איז זונטיק, איז ראַטזאַם, אַז איידער עס גייען נאָך מענטשן, זאָל ער קומען פרי און מיט זשוויר פאַרשיטן דעם אַריינגאַנג, וואָס ער וועט שפּעטער צוריק עפענען.

בלית ברירה האָבן מיר מסכים געווען, און נישט פאָרויסגעזען די ביטערע כוונות פון פויער. פאַרטאָגס איז ער טאַקע געקומען. ער האָט צוערשט געלייגט אין דער לענג און ברייט צווייגן, געמאַכט אַ געפלעכט און שפּעטער פאַרשיט דעם אַריינגאַנג. פּלוצלינג איז אַרום אונדז געוואָרן שטיל און פינצטער. מיר האָבן געמוזט אָנצינדן אַ חלבן ליכט. די שטילקייט און פינצטערניש האָט אונדז אינסטינקטיוו אָנגעפּולט מיט שרעק. מיר האָבן נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט וועגן דער פינצטערער כוונה פונעם גוי...

מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגיין מיט אונדזער געהיימען אַרויסגאַנג, און אויספאָרשן, וואָס דער גוי האָט געטאָן. שמואל־לייב גראָסמאַן איז אַרויסגעקראָכן דורכן לאָך און אין עטלעכע מינוט צוריקגעקומען אַן אויפגערעגטער מיט דער שלעכטער בשורה, אַז דער גוי האָט אונדז אַלע באַגראָבן לעבעדיקערהייט...

מיט דער הילף פון אייזערנע כלים, וואָס מיר האָבן געהאַט, האָבן מיר זיך איינציקווייז אַרויסגעגראָבן פון דער הייל, אָבער געמוזט איבערלאָזן אַלע אונדזערע זאַכן. מיר זענען אַוועק אין וואַלד. דאָס איז געווען זומער, 1942. דעמאָלט איז נאָך קיין יידישע פּאַרטיזאַנקע נישט געווען.

✶

אונדזער גרופּע, 26 מאַן, האָט אָנגעהויבן ציללאָז צו וואַנדערן אין דער נאַכט, און אַזוי אַרומגעבלאָנדזשעט אין וואַלד אויף אַ שטרעקע פון 30 קילאָמעטער.

נאָך צוויי טעג נע־ונד זיין, זענען מיר אַרויס אויף אַ לאָנקע און אָנגעהויבן גיין מיט אַ שמאָלן וועג. אין דעם איז אונדז אַנטקעגנגעקומען אויף אַ ראָווער אַ פּוילישער פּאָליציאַנט, מיט אַ ביקס פאַרוואָרפן אויפן אַקסל.

משה אשענהיים האָט געגעבן דעם באַפעל: — מ׳דאַרף אים אַנטוואָפענען, צעברעכן דעם ראָווער, ער זאָל נישט קענען לויפן. אַנדערש זענען מיר פאַרלוירן!

דער באַפעל איז בליצשנעל אויסגעפירט געוואָרן. שמואל־לייב גראָסמאַן האָט אויך ביי אים צוגענומען אַ גרויסן רעפלעקטאָרלאָמפּ. איך האָב גענומען די ביקס. דעם פּאָליציאַנט האָבן מיר דאַקעגן נישט געטשעפּעט און אים געלאָזט פריי אַוועקגיין. פון דעם מאָמענט אָן, האָט משה אשענהיים איבערגענומען די קאָמאַנדע איבער אונדזער גרופּע.

נאָכן אַנטוואָפענען דעם פּאָליציאַנט, זענען מיר שנעל אַריין אין וואַלד. און כדי צו פאַרווישן אונדזערע שפּורן, אָנגעהויבן לויפן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. אין דעם האָבן מיר דערהערט אַ שטאַרקע שיסעריי. מיר האָבן ווידער געמוזט ענדערן די ריכטונג, און צוויי פון די אָסטראָווצער יונגעלייט, זענען געוואָרן די וועגווייזער.

אַ טאָג און אַ נאַכט האָבן מיר אַזוי אין איין אָטעם געוואַנדערט פונעם אָרט פון דער שיסעריי. עטלעכע טעג שפּעטער, זענען מיר ערשט פון פויערים געוווירן געוואָרן, אַז אויף דעם זעלבן אָרט איז פאָרגעקומען אַ שיסעריי צווישן פּאָליאַקן, אונטערוועלט־טיפּן, מיט די דייטשן.

זעקס מאַן פון אונדזער גרופּע זענען אַריין אין דאָרף פּאַגוזשע און דאָרט איינגעקויפט פּראָוויאַנט. די ביקסן האָט מען איבערגעלאָזט אין וואַלד, אָבער די האַנט־גראַנאַטן געהאַט אין גרייטקייט אין די טאַשן. צוויי זענען געשטאַנען אויף שמירה, און די אַנדערע פיר האָבן אַריינגעלייגט דאָס עסנוואַרג אין אַ זאַק אַריין: ברויט, געקאָכטע אייער, קעז און וווּרשט און עפּעס צו טרינקען. אין וואַלד האָט מען דאָס אַלץ אויפגעגעסן (מיר האָבן קיינמאָל נישט איבערגעלאָזט קיין עסן). און ווייטער געהולכט...

✶

דאָס איז געווען אַ דריי וואָכן שפּעטער. משה אַשענהיים רופט זיך איינמאָל צו אונדז אָפּ: חברה, מ׳דאַרף צוגיין צום גוי, וואָס האָט ביי אונדז גענומען די 2,000 זלאָטעס און אונדז באַגראַבן לעבעדיקערהייט. זאָל ער זען, ווי „מתים״ קאָנען געבן אַ לעקציע...

די דאָזיקע אונטערנעמונג איז דעמאָלט געווען זייער אַ ריזיקאַלישע. מיר זענען אָבער שוין געווען פאַרהאַרטעוועט פון וואַלדלעבן און אין אונדז האָט געזאָטן מיט דאָרשט נאָך נקמה צום גוי, וואָס מיינט אַז ער האָט אונדז באַגראָבן אויף אייביק... מיר זענען צוריקגעגאַנגען מיט דעם זעלבן וועג. פון וואַלד זענען מיר אַרויס 9 אָוונט, און אויפן אָרט אָנגעקומען נאָך האַלבער נאַכט. דעם סאָלטיס כאָטע איז געשטאַנען אויפן ראַנד פון פעלד, אָפּגערוקט אַ 150 מעטער פון אַ צווייטער כאָטע. אונדזער גאַנצע גרופּע האָט אַרומגערינגלט זיין הייזקע. שמואל־לייב גראָסמאַן איז אַריבערגעשפּרונגען איבערן פּאַרקן. דעם הונט אין הויף האָט ער געשיקט אַריינגעשטופּט אין דער בודע און זי פאַרשטעלט מיט אַ בינטל שטרוי. ער האָט בליצשנעל פאַר אונדז געעפנט די פורטקע. זיבן מאַן זענען שטיל אַריין אין הויף און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. משה־לייב מיט דעם רעפלעקטאָר־לאָמפּ האָט זיך געשטעלט ביי דעם לאָדן און דורך אַ שפּאַרונע דאָרט אַריינגעקוקט און באַמערקט ווי אַ פיגור לויפט אין צווייטן חדר אין דער האַלב־פינצטערניש און באַהאַלט זיך. אויף אונדזער קלאַפּן, האָט די פויערטע געענטפערט, אַז דער מאַן איז אין דער מיל... מיר זאָלן מאָרגן קומען... שמואל־לייב האָט מיט כוח אַ שטופּ געגעבן דאָס פענצטער, אַ שפּרונג געטאָן אינעווייניק אַריין און מיט דער גרויסער לאָמפּ אַ לייכט געטאָן איבערן צימער. ער האָט אויפגעריגלט פאַר אונדז די טיר און ווייטער גענומען מיט דער גרויסער לאָמפּ באַלייכטן די כאָטע. אין אַ ווינקל האָט געבלינקעט אַ קליינער קאַגאַניעץ און דאָס קליינע פלעמל האָט קוים באַלויכטן די שטוב. אין איין בעט זענען געלעגן צוויי דערשראָקענע קינדער. די פויערטע האָט זיך געצלמט און געשווירן, אַז דער מאַן איז נישט אין דער היים...

מיר האָבן געזוכט אין אַלע ווינקעלעך און נישט געפונען קיין שפּור פון מנוול. מיר האָבן שוין באַלד בדעה געהאַט אַוועקצוגיין און אַרויס פון דער צווייטער זייט אין אַ פאָרהויז. שמואל־לייב האָט באַלויכטן דאָס אָרט מיט דער גרויסער רעפלעקטאָר־לאָמפּ. מיר זעען, אַז עס איז פאַראַן אַ בוידעם, אָבער די לייטער איז נישטאָ. איך שטעל אונטער מיין פּלייצע און איינער קריכט אַרויף, איך הויב אים אויף. יענער דערגרייכט די בוידעם־עפענונג און שמואל־לייב לייכט צו מיט דער לאָמפּ. ער זעט, אַז די לייטער ליגט אויבן און ציט זי גלייך אַראָפּ. עטלעכע מאַן זענען אַרויף אויפן בוידעם און גענומען בודק זיין אין אַלע ווינקעלעך, אָבער מיר זעען נישט קיין שפּור פון פויער. אין דעם, זעט מען אין עק בוידעם שטיין אַ גרויסן פאַס מיט פּלעוועס, פאַרדעקט מיט שמאַטעס. מיר דעקן אויף און געפינען דאָרט דעם גוי. מיר האָבן אים פון דאָרט אַרויסגעצויגן און אַראָפּגעוואָרפן אין קאָרידאָר אַריין.

מיר האָבן דעם פויער אַריינגענומען אין דער שטוב, אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק און אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג... מיר פאָדערן אונדזער געלט צוריק. ער טענהט, אַז ער האָט שוין נישט אונדזערע צוויי טויזנט זלאָטעס, און שווערט זיך מיט כלערליי שבועות און תירוצים, אַז ער האָט נישט קיין געלט. נאָכן באַקומען עטלעכע קלעפּ, ציט ער אַרויס פון אַ באַהעלטעניש 600 זלאָטעס. מיר נעמען דערווייל ס׳האַנטגעלט און פאָדערן ווייטער. ווען ער איז שוין געווען אַ גוט צעמזיקטער, האָט ער זיך „דערמאָנט״, אַז ער האָט נאָך 600 זלאָטעס. די פויערטע וויינט און צלמט זיך און בעט רחמים, מיר זאָלן אים מער נישט שלאָגן. פאַרן איבעריקן געלט האָבן מיר זיך מיסגענומען צידה לדרך...

פאַרן אַוועקגיין, האָבן מיר זיי געוואָרנט, אַז זיי טאָרן נישט אַרויס פון דער כאָטע ביז אין דער פרי. און אויב ער וועט מעלדן, אַז ביי אים זענען געווען יידן, וועלן מיר שפּעטער קומען און פאַרברענען זיין נחלה.

נאָך דעם „באַזוך״ ביים סאָלטיס, זענען מיר אין דער נאַכט אַוועק 40 קילאָמעטער טיפער אין וואַלד. דאָ זענען מיר געזעסן עטלעכע טעג און זיך דערנערט פון דער שפּייז, וואָס מיר האָבן מיט זיך מיטגענומען. עטלעכע טעג שפּעטער, ווען דער פּראָוויאַנט האָט זיך אויסגעלאָזט און מיר האָבן אָנגעהויבן אונטערצוהונגערן, האָבן מיר געשיקט דריי מאַן אין אַ שכנותדיק דאָרף פאַרקויפן

בגדים און פֿאַרן געלט ברענגען עסנוואַרג. דאָ האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז דער סאָלטיס האָט געמאָלדן דער פּאָליציי וועגן אַ באַנדיטן־אָנפֿאַל, אָבער מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנט קיין יידן.

איינמאָל ביינאַכט, זייענדיק נאָענט פֿון אָסטראָווצע, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אין דער שטאָט איז געבראַכט געוואָרן אַ טראַנספּאָרט יידן פֿון זאַמל־פּונקט אין שידלאָווצע. אונדזער לאָוויטשער „דריילינג" האָט באַשלאָסן דאָרט אַהין צוצוקומען, כּדי אויסצוגעפֿינען, צי עס געפֿינט זיך נישט עמעץ פֿון לאָוויטש. מיר האָבן זיך אַריינגעגנבֿעט אין דער געטאָ און געמוזט זיין זייער פֿאָרזיכטיק, נישט אַריינצופֿאַלן אין די הענט פֿון דער געטאָ־פּאָליציי. טראָץ דעם, וואָס עס איז געווען נאַכט, האָבן מיר זיך דערוווּסט, ווו דער טראַנספּאָרט איז לאָקירט. אין דער האַלבפֿינצטערניש פֿון אַ גרויסן האָל, זענען געלעגן אָפּגעריסענע בערגער מענטשן, ווי די שאָטנס. איך האָב זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און געזוכט אַ באַקאַנטן. אין דעם, הער איך אַ שוואַכע פֿרויען־שטימע רופֿן מיין נאָמען. פֿאַרוווּנדערט קוק איך אין יענער ריכטונג. דאָס האָט הענע פּיגלאַזש (עלי פּיגלאַזשס פֿרוי) מיך דערקענט. מיט איר איז געווען ידידיה ראַדזינסקיס פֿרוי. זיי האָבן זיך פֿאַרקלאָגט, אַז זיי גייען אויס פֿאַר אַ טראָפּן וואַסער. איך האָב זיך אַרומגעקוקט אויפֿן אָרט, געפֿונען עפּעס אַ כּלי און אַוועק אין דער נאַכט אין געטאָ זוכן וואַסער. איך האָב געפֿונען וואַסער און עס זיי געבראַכט. זיי האָבן מיט זשעדנעקייט געטרונקען דאָס וואַסער און שווער אָפּגעקרעכצט. דערנאָך האָבן זיי זיך צעוויינט און געפֿרעגט ווהין מ׳פֿירט זיי. איך האָב זיי געטרייסט, ווי כ׳האָב געקענט, אָבער ליידער זיי אין יענע אומשטענדן און אין אייגענער סכּנה, גאָרנישט געקענט מער העלפֿן.

ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן און עס האָט אונדז געדראָט אַ געפֿאַר געכאַפּט צו ווערן און מיר האָבן געמוזט אַרויס מיטן זעלבן וועג פֿון געטאָ. מיר זענען צוריק אַריין אין וואַלד און דאָ זיך אָנגעשלאָסן אין אונדזער גרופּע, וואָס האָט מיט גרויס אומרו אויף אונדז געוואַרט.

✶

מידע און אַנטמוטיקטע פֿון שווערן וואַלד־לעבן, זענען מיר ציללאָז איינמאָל ביי טאָג צוריקגעגאַנגען אין דער ריכטונג פֿון אָסטראָווצע. דער וואַלד־שטח האָט זיך געהאַט ראַפּטעם געענדיקט. עס איז געווען אַ 12 קילאָמעטער פֿון דער שטאָט. צו דעם אָרט זענען מיר אָנגעקומען אַרום בין־השמשות.

נאָך אונדזער געוואַגטן איבערפֿאַל אויפֿן פּאָליציאַנט, שפּעטער די „לעקציע", וואָס מיר האָבן געגעבן דעם סאָלטיס, האָט דאָס געמאַכט אַ רושם אויף דער אַרומיקער סבֿיבֿה. די פּויערים האָבן געוווּסט, אַז דאָס זענען נישט קיין באַנדיטן, נאָר יידישע פּאַרטיזאַנער און זיי האָבן זיך פֿאַר אונדז געשראָקן.

איצט, ווען מיר זענען אַזוי געגאַנגען אויף אַ סטעזשקע פּאַזע דעם וואַלד אין דער בין־השמשות־שעה, באַוואָפֿנטע און אין איין שורה, איינער הינטערן אַנדערן, האָבן די פּויערים, וואָס זענען געגאַנגען אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג, אַ טייל צו דער אַרבעט, אָפּגעקערט די פּנימער, עלעהיי מיר זענען ביימער און זיי זעען אונדז נישט.

אין דעם זענען מיר צוגעקומען צו אַ הויכקייט, ווו דער וואַלד האָט זיך אָפּגעריסן און אונטן אין טאָל איז געלעגן אין דער ברייט צעוואָרפֿן דאָס דאָרף באַראַנאָוו. אין זעלבן מאָמענט זענען פֿון אונטן אַנטקעגנגעקומען צוויי יונגע גויים, איינער איז געווען בגילופֿין, דער צווייטער האָט אים געפֿירט אונטערן אָרעם. דער שיכּורער, ווייזנדיק אין אונדזער ריכטונג, האָט אויסגערופֿן:

„יודי... יודע... יודי..."

אונטן אין דאָרף האָבן זיך שוין געזען ליכטער אין די כאַטעס. די שקצים האָבן, וואַקלענדיק זיך, ווידער זיך דערנענטערט צו אונדז און נאָכאַמאָל געשריגן פּראָוואָצירנדיק:

— יודי... יודי...

מיר זענען אַ ווײַלע געבליבן שטיין אויבן, אומדעצידירט און אָבסערווירט די צוויי שקצים. און ווען דער שיכּורער האָט ווידעראַמאָל גענומען שרייען „יודי... יודי!..", — שרייט צו אים צוריק אַן עלטערער ייד פֿון אונדזער גרופּע, אַ פֿעלדשער פֿון אָסטראָווצע: „ניעך טשי פּענקנאָן דודי!" (זאָלן דיר פּלאַצן די קישקעס!). דער גוי איז אויפֿגעשפּרונגען מיט רוגזה און מיט באַנומענע קולות גענומען שרייען: „צאָ, פּאָליאַקוו בענדזיעש פּשעקלינאַל?!" (וואָס, פּאָליאַקן וועסטו שעלטן?!).

משה אשענהיים איז דער ערשטער אַראָפּ, און דאָס איז געווען דער סיגנאַל פֿאַר מעשׂים. ער האָט דעם שיכּורן מכבּד־געווען מיט דעם אייזן, מיט וועלכן ער האָט זיך נישט געשיידט. דער גוי איז געפֿאַלן אין אַ קאַלוזשע בלוט. ליגנדיק אויף דר׳ערד האָט ער געקריגן קלעפּ פֿון אַנדערע. דער צווייטער שקץ האָט אַ דערשראָקענער, זיך געבעטן:

— מיינע הערן, דערהרגעט אים נישט, דערהרגעט נישט... ער האָט אַ פֿרוי מיט קינדער...

עס פֿאַלן ווייטערדיקע קלעפּ. דער שטייענדיקער גוי, וועמען מיר האָבן נישט געשלאָגן, נעמט פּלוצלינג שרייען בקול רם צום דאָרף:

— פּאָליאַקן! יעזוס מאַריאַ, ראַטעוועט! יידן הרגענען פּאָליאַקן, ראַטעוועט!...

איינער פֿון אונדזער גרופּע האָט מיטן רעוואָלווער געגעבן אַ וואָרענונגס־שאָס, און אונדזער גאַנצע גרופּע איז, ווי אין אַן אַטאַקע, צעברויזטע, אַריינגעפֿאַלן אין דאָרף.

פֿון דער ווייטנס האָבן מיר געזען, ווי די פּויערים פֿאַרהאַקן טיר און לאָדנס און באַהאַלטן זיך אויס. מיט וואָפֿן אין דער האַנט זענען מיר אַריין אין דאָרף. שפּעטער, פֿאַראָרדנט דעם געוועלבניק צו עפֿענען זיין קראָם. דאָ האָבן מיר איינגעקויפֿט עסנוואַרג און מאַכאָרקע, און זענען ווייטער אַוועק. די דאָרפֿס־לייט האָבן מיר געוואָרנט, זיי זאָלן זיך נישט רירן פֿון די ערטער, אין קעגנפֿאַל דראָט זיי אַ סכּנה.

מיר זענען צוריק אַריין אין וואַלד און אַוועק אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג. עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט. דער אָסטראָווצער יאַנקל קערבל האָט גוט געקענט די געגנט און ער איז געווען אונדזער וועגווייזער.

אינדערפֿרי האָבן מיר ווייטער מאַרשירט, ביז מיר זענען געקומען צו אַ ברעג וואַלד. פֿאַר אונדזערע אויגן האָט זיך געשפּרייט אַ גרינע לאָנקע. דער וועטער איז געווען זוניק, און די פֿייגל אין וואַלד און אין פֿעלד, האָבן אָנגעפֿילט די לופֿט מיט געזאַנג. עס האָט אונדז אַלעמען אַרומגענומען אַ רחמנות־געפֿיל צו זיך אַליין און צו אונדזער פֿינצטערן גורל...

אונדזער „דריילינג" האָט איבערגענומען די שמירה. די אי־

בעריקע פון אונדזער גרופּע זענען אַריין טיפער אין וואַלד זיך אָפּרוען. מיר האָבן זיך אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס צו די ביימער און אָבסערווירט די געגנט פון פאַרשידענע ריכטונגען. מיר האָבן זיך געפונען אויף אַ באַרג־הויכקייט, און אונטן איז געווען אַ פעלד. פון מידקייט האָבן מיר איינגעדרימלט. אינסטינקטיוו האָבן מיר פּלוצלינג דערפילט, אַז עפּעס באַוועגט זיך אונטן אין די הויכע פעלד־גראָזן. פון דאָרט איז אַרויסגעקומען אַ יונגער פּויער מיט אַ זעקעלע אין דער האַנט. רעכטס פון פעלד האָבן מיר געזען פון דער ווייטנס אַ כאַטקע. מיר האָבן אָפּגעשטעלט דעם פּויער און געפרעגט וווהין ער גייט. ער ווייזט אונדז, אַז ער גייט צו דער אַרבעט. פון דער ווייטנס האָט זיך דערטראָגן אַ בילן פון הינט. עטלעכע פון אונדזער גרופּע האָבן אים אַרומגערינגלט. דער קריסט האָט זיך דערשראָקן און מיט פּחד געפרעגט:

— וואָס ווילט איר פון מיר, פּאַנאָוויע?

— וווּ וווינסטו?

— אָט, דאָרט, אין יענער כאַטע.

— גיי אַהין און ברענג אונדז צוויי עמער וואַסער. אָבער זאָלסט, חלילה, דיין ווייב, אָדער עמעצן אַנדערש עפּעס זאָגן, זיי וויסן, אַז מיר זענען די צוקונפטיקע פּוילישע אַרמיי, וואָס קעמפט אין די וועלדער!

דער פּויער האָט צעעפנט די אויגן און מיט דרך־ארץ אויף אונדז געקוקט. ער איז באַלד אַוועק און געטאָן ווי מיר האָבן אים געהייסן. מיר האָבן זיך אָנגעטרונקען, אַרומגעוואַשן און ווידער דערפילט זיך אַביסל דערפרישט.

דעם יונגן פּויער האָבן מיר געזאָגט:

— גיי נישט היינט צו דער אַרבעט. דער וועג איז מינירט... ס'קען אַ ליאַדע שעה אויסברעכן אַ שלאַכט מיט די שוואַבן... גיי בעסער צוריק אַהיים!

דער גוי האָט אַזוי געטאָן.

מיר אַליין זענען תיכף אַוועק פון זעלבן אָרט. מיר זענען אַדורכגעגאַנגען דעם וואַלד־וועכטערס נחלה, געהערט בילן פון הינט אין הויף, אָבער קיינער האָט נישט געוואָגט צו אונדז אַרויסצוקומען און זיך געמאַכט אונדז פּשוט נישט זען.

עטלעכע אַסטראָווצער יונגעלייט זענען ווידער, באַוואָפנטע, אַריין אין אַ דאָרף איינקויפן עסנוואַרג. נישט ווייט, אין פעלד, באַמערקן מיר גיין אַ שיקסל, אָנגעטאָן אין שטיוועלעך און אין אַ מאַנטעלע. ווען זי האָט אונדז דערזען, האָט זי גענומען לויפן. מ'האָט זי דעריאָגט. דאָס יונגע מיידל איז געווען דערשראָקן, און נישט געוואָלט ענטפערן אויף אַלע אונדזערע פראַגן אין פּויליש. מיר האָבן גערעדט צו איר יידיש און די פרוי אין אונדזער גרופּע איז צו איר צוגעגאַנגען. דאָס מיידל האָט אויפגעציטערט און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. זי האָט אונדז דערציילט, אַז די מוטער האָט זי אַרויסגעוואָרפן פון צוג פון אַ טראַנספּאָרט אויפן וועג קיין טרעבלינקע. שוין עטלעכע טעג ווי זי וואַלגערט זיך אַרום אין פעלד און אין וואַלד און דערנערט זיך מיט וואָרצלען און קרייטעכצער. מיר האָבן זי מיט זיך מיטגענומען און אַזוי האָט זיך אונדזער פּאַרטיזאַנער־משפּחה פאַרגרעסערט.

נאָך אַ פּאָר טעג זיצן אין וואַלד, זאָגט משה אַשענהיים:

— קינדערלעך, מ'דאַרף גיין קיין דענקאָוו!

אין זעלבן דאָרף האָט משה אַשענהיים געהאַט איבערגעלאָזט ביי אַ יונגן גוי זיינע צוויי יינגלעך, וואָס דער לעצטער האָט שפּעטער איבערגעגעבן דער געסטאַפּאָ.

משה האָט געוווּסט, אַז זיינע קינדער לעבן נישט מער, ער האָט אָבער געהאַט אַ רעוואָלווער און אין אים האָט געזאָטן דער דאָרשט פון נקמה. אונדז, זיינע צוויי לאָוויטשער חברים פון „דריילינג", האָט ער אָבער נישט אויסגעזאָגט דעם ציל פון זיין גיין קיין דענקאָוו. און אַלע דריי זענען מיר, שפּעט אין אָוונט, אַוועק דאָרט אַהין. געגאַנגען זענען מיר לענגאויס מיטן ברעג פון טייכל קאַמיענגאַ, און פון דער צווייטער זייט, האָבן מיר געהאַט דעם הויכן ראָוו און הויכלאַנד, וואָס האָט אונדז געשיצט קעגן אַ פרעמד און בייז אויג...

דער קריסט האָט געוווינט מיט אַן אַלטער מוטער, אַ 150 מעטער פון בריקל. עס איז שוין געווען אַרום 11 ביינאַכט, ווען משה האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און אויף דער פראַגע פון יונגן פּויער, זיך אידענטיפיצירט.

פון אינעווייניק האָבן מיר געהערט די זיכערע שטים פון גוי:

— אַ, דאָס ביסטו, מאַשעק! — און ער האָט געעפנט די טיר. שטייענדיק אין דער אָפענער טיר, האַלב־אָנגעטאָן, פרעגט ער ווייטער:

— מאַשקאָ, וואָס טוסטו דאָ אין דער שפּעטער שעה?!

משה האָט קאַלט געענטפערט:

— איך בין געקומען דיך הרגענען פאַרן טויט פון מיינע קינדער!

זאָגנדיק דאָס, האָט ער אַריינגעשאָסן אין גוי צוויי קוילן. מיר, וואָס זענען געשטאַנען הינטערן הויז, אין דער פינצטערניש, זענען געבליבן געפּלעפט פון דעם פּלוצלינגן טאַט פון משהן. ער האָט אונדז אַ צי געטאָן און מיר האָבן אַלע דריי געמאַכט אַ ויברח. מיר זענען צוריקגעלאָפן מיטן זעלבן וועג, נישט אויס־רעדנדיק איינער צום אַנדערן קיין וואָרט.

ווען מיר האָבן זיך ענדלעך, נאָך אַ לאַנגן לויפן, אָפּגעשטעלט, באַגאַסענע מיט שווייס, ביי אַ בוים, עטוואָס דעם אָטעם אָנכאַפּן, האָב איך משהן שטיל געפרעגט:

— פאַרוואָס האָסטו אונדז נישט געזאָגט, וואָס דו גייסט טאָן?!

משה האָט דערויף קאַלט געענטפערט:

— ווען איך זאָג אייך, וואָלט איר אפשר מיט מיר נישט מיטגעגאַנגען...

מיר זענען צוריק אַוועק צו אונדזער גאַנצער גרופּע און זיי קיינמאָל נישט דערציילט, וווּ מיר זענען געווען. אַזוי, אַז משהס נקמה־אַקט איז פאַר זיי געבליבן אַ סוד.

✶

אַ פּאָר טעג שפּעטער, נאָכן אַרומוואַנדערן אין וואַלד, זאָגט איינער פון די אַסטראָווצער צו אונדז, אַז ער האָט אַ באַקאַנטן פּויער, וואָס מאַכט ליימענע טעפּ. יענער וווינט מיט זיין פרוי אין אַ טאָרף־פעלד, אַ האַלבן קילאָמעטער פון וואַלד.

מ'דאַרף צו אים אַהינגיין, ווייל ער איז אַ גוטער קריסט און מ'וועט זיך ביי אים קענען אַביסל אויסרוען און אַרומוואַשן. מיר זענען דאָרט אַהין אַוועק און אָנגעקומען אַרום 4 פאַרטאָגס. דאָס פּאָרפּאָלק האָבן מיר געטראָפן אין הויף, לאָדענען ליימענע טעפּ אין שטרוי אַריין אינעם וואָגן. דער אַסטראָווצער יונגערמאַן האָט זיך באַגריסט מיטן פּויער און אים געזאָגט:

— מיר וועלן זיך בלויז דאָ אַביסל אויסרוען עטלעכע שעה און אַרומוואַשן. מיר וועלן דיר דערפאַר באַצאָלן. דו קענסט פאָרן אין דער שטאָט אַריין. אָבער געדענק, דו טאָרסט חלילה קיינעם נישט זאָגן, ווו מיר געפינען זיך...

דער פויער האָט פאַרזיכערט מיט כלערליי שבועות, אַז ער וועט דאָס האַלטן בסוד, און איז אַוועק מיט דער פויערטע מיטן וואָגן אין שטאָט אַריין.

מיר האָבן זיך אַרומגעוואַשן און געמאַכט עפּעס עסן. די פרוי מיטן מיידעלע האָבן מיר געהייסן זיך לייגן שלאָפן. זיי האָבן געדאַרפט שפּעטער איבערנעמען די שמירה.

עטלעכע שעה שפּעטער האָט מען דער פרוי פאַר יעדער עווענטועלקייט געגעבן דעם רעוואָלווער. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן פענצטער און אַרויסגעקוקט איבערן גרויסן, וואַסערדיקן טאָרף־פעלד, פון וואַנען עס האָט זיך פון דער ווייטנס געזען דער שאָסיי, וואָס פירט אין שטאָט אַריין. ווייזט אויס, אַז זי האָט אַביסל איינגעדרימלט. דאָס האָט געמוזט זיין אַרום 10 אינדערפרי. די פרוי איז אויפגעקומען פון אַ שטאַרקן רוישן פון מאַשינען. ווען זי האָט אין שרעק דערזען, אַז אין אונדזער ריכטונג פאָרן דריי מיליטערישע לאַסט־אויטאָס, האָט זי אויסגעשאָסן פון רעוואָלווער. די דייטשן זענען אַראָפּגעשפרונגען פון די אויטאָס און זיך צעוואָרפן אין אַ טיראַליערקע און גענומען שיסן צו אונדזער כאַטע. די קוילן האָבן אָבער דאָ אַהער נישט געקענט גרייכן צוליב דעם ווייטן שטח. מיר זענען שוין אַלע געהאַט אַראָפּ פון די געלעגערס און משה האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע:

— אַנטלויפן מיטן הויף אין וואַלד אַריין!

פאַרן אַנטלויפן האָב איך עטלעכע מאָל געשאָסן פון דער ביקס פון פאַרשידענע ריכטונגען, כדי צו סימולירן, אַז עס שיסן עטלעכע ביקסן. משה האָט דערווייל איינגעצונדן אַ שמאַטע אין נאַפט און אונטערגעצונדן דעם פויערס כאַטע פאַר נקמה פאַרן מסרן אונדז צו דער זשאַנדאַרמעריע. באַלד האָבן קנוילן רויך גענומען זיך רייסן פון אַלע זייטן פון שטרויענעם דאַך, און די כאַטע איז געשטאַנען אין פלאַמען. אונטערן שוץ־מאַנטל פון דעם שטאַרקן רויך, זענען מיר בשלום אַלע אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין. צוליב דעם ווייטן שטח און דעם וואַסערדיקן טאָרף־פעלד, האָבן די דייטשן אונדז נישט געקאָנט דערגרייכן, און אַזוי זענען מיר נעלם געוואָרן אין וואַלד.

✶

מיר זענען אָפּגעלאָפן אין איין אָטעם עטלעכע קילאָמעטער. דאָ, אין דער טיפקייט פון וואַלד, האָבן מיר זיך געפילט פיל זיכערער, ווייל מיר האָבן געוווּסט, אַז די דייטשן וועלן דאָ קיינמאָל נישט וואַגן אַריינצוקומען.

די לעצטע פּאַסירונג האָט אונדז אָבער אַנטמוטיקט. מיר האָבן זיך געפילט פאַריתומטע און פאַרלאָזענע. עס איז געווען נישט צו לעבן און נישט צו שטאַרבן...

פאַר פאַליאַקן האָבן מיר זיך געשראָקן פּונקט ווי פאַר די דייטשן.

עטלעכע טעג שפּעטער האָבן דייטשע אויסשפּיר־גרופּן, וואָס האָבן אונדז פאַרפאָלגט, באַמערקט אונדז גיין מידע אויפן ראַנד פון וואַלד. זיי האָבן אויף אונדז געעפנט אַ שטאַרק פייער פון מאַשין־געווער. איך האָב געקראָגן אַ קויל אין פוס און פאַר שרעק ווייטער געלאָפן, און לסוף זיך געוואָרפן אין אַ געדיכטן וואַלדקוסט. דאָ בין איך אַזוי אָפּגעלעגן אין שווערע יסורים עטלעכע שעה. ערשט ווען עס האָט אָנגעהויבן טונקעלן, זענען געקומען מיינע צוויי לאַנדסלייט און מיך פון דאָרט אַוועקגעפירט טיף אין וואַלד אַריין. די קויל איז געהאַט אַדורך די פּיאַטע און אַרויס פון דער אַנדערער זייט. כ'האָב מער נישט געקענט לויפן. אַ צווייטע קויל איז געהאַט אַריין אין אונטערשטן חלק און פון דאָרט אַרויסגעשטעקט. די קויל פון געזעס האָבן זיי מיר אַרויסגעצויגן מיט אַ פּינצעט און אַרומגעוואַשן די וווּנד. עטלעכע טעג האָב איך געמוזט ליגן אויפן בויך אין שרעקלעכע יסורים, אָן וועלכער עס איז מעדיצינישער הילף.

אַנדערע חברים פון אונדזער גרופּע זענען בלויז לייכט פאַרוואונדעט געוואָרן. דער דאָזיקער איבערפאַל האָט אונדז מאָראַליש דערשלאָגן. די פריערדיקע מונטערקייט האָט זיך אַביסל אויסגעוועפּט. מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון פון אונדזער אויסזיכטלאָזן מצב. אַ העלפט פון אונדזער גרופּע, בתוכם דער לאַוויטשער „דריילינג”, האָבן באַשלאָסן צוריקצוגיין אין „אָפענעם לאַגער” אין אָסטראָוועצע, ווו מיר וועלן זיך קענען אַביסל אויסרוען און באַקומען מעדיצינישע הילף, אין וועלכער איך האָב זיך אַמערסטן גענויטיקט.

אין לאַגער זענען מיר אַריין בייגאַכט. דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט אונדז געזען און געשוויגן, ווי ער וואָלט פאַר אונדז מורא געהאַט.

מיר זענען דאָ אַזוי געווען עטלעכע וואָכן, ביז מיינע ווונדן האָבן זיך אַביסל פאַרהיילט און כ'בין געקומען צו די כוחות. קיין שווערע אַרבעט האָט חברה מיר נישט געגעבן און כסדר מיך „געדעקט”...

✶

ווייזט אויס, אַז דער קלאַנג, דאָס פרישע יידן זענען אָנגעקומען אין לאַגער אַריין, איז דערגאַנגען צו די דייטשן. דאָס איז געווען ווינטער־צייט, אין דרויסן איז געלעגן אַ טיפער שניי און דער פראָסט האָט ממש געברענט. די דייטשן האָבן אַרומגערינגלט דעם לאַגער און געמאַכט אַן אָבלאַווע. איך האָב געהאַט אַ פּאָר שטיוול און נישט באַוויזן באַצייטנס זיי אָנצוטאָן. משה און שמואל־לייב האָבן געטראָגן שיך, זיי זענען כמעט אַנטלאָפן מיט די שיך אין די הענט אינעם שניי, דורך אַ פענצטער און אַזוי נעלם געוואָרן.

מיך מיט די איבעריקע לאַגערניקעס, האָט מען אויפגעלאָדן אויף משא־מאַשינען און אַוועקגעפירט קיין סטראַכאָוויצע. אויפן וועג זענען ווידער נעלם געוואָרן עטלעכע יידן. איך האָב דעמאָלט אָבער נישט קיין כוח געהאַט צו שפּרינגען פון אויטאָ.

דאָ האָט מען בעת אַ סעלעקציע אויסגעקליבן 80 געזונטע מענער און אונדז אויסגעשטעלט פיר אין אַ ריי און אָפּגעשיקט צופוס קיין בליזשין. אוקראַיִנער האָבן אונדז אַרומגערינגלט און דעם גאַנצן וועג, 35 קילאָמעטער, געפּייניקט און געיאָגט די גאַנצע שטרעקע אינעם שניי און אין ווינט.

אין בליזשין בין איך אָפּגעווען אַ יאָר צייט. דער לאַגער האָט צום סוף געציילט איבער 5.000 העפטלינגע.

אין זעלבן לאַגער בין איך געוווּר געוואָרן פון אָסטראָווצער יידן, וואָס זענען דאָרט שפּעטער אָנגעקומען, וועגן גורל פון

אַנדערע לאָוויטשער, און בתוכם וועגן מיינע צוויי נאָענטע חברים פון פּאַרטיזאַנער־דריילינג:

משה אַשענהיימען האָבן פּויערים מיט ווידלעס דערהרגעט אין אַ דאָרף, וווּהין ער איז געקומען איינקויפן שפּייז.

אויף שמואל־ליבן האָט אַ גויע אָנגעוויזן בעת אַ קאָנפראָנטאַציע אין דער זשאַנדאַרמעריע אין אָסטראָווצע, אַז ער איז איינער פון פינף יידן, וואָס האָבן געמאַכט אַן איבערפאַל אויף איר הויז און צוגענומען שפּייז. מ'האָט אים דערשאָסן אויפן אָרט.

וועגן גורל פון אַנדערע לאָוויטשער האָט מען מיר דערציילט:

בנימין עלווינג איז איינמאָל אַרויס פון זיין באַהעלטעניש אין אָסטראָווצע, זיך איינצושאַפן שפּייז פאַר זיינע קינדער. דייטשן האָבן אים דערקענט און נאָכגעיאָגט. לויפנדיק, איז ער פאַרצווייפלטער אַריינגעלאָפן אין אַ הויף, וווּ ס'איז גראָד געשטאַנען אַ גוי מיט אַ האַק און געהאַקט האָלץ. בנימין האָט אים אַרויסגעריסן די האַק און אַזוי באַוואָפנט, האָט ער זיך באַהאַלטן הינטערן טויער. ווי נאָר דער דייטש וואָס האָט אים נאָכגעיאָגט, איז אַריין אינעווייניק, האָט דער לאָוויטשער בחור אים צעשפּאָלטן דעם שאַרבן אויף צוויי... אַנדערע דייטשן האָבן דעם העלדישן ייד דערשאָסן אויפן אָרט.

נח אַשענהיים, דער עלטערער ברודער פון משהן, דעם פּאַרטיזאַן, האָבן דייטשן געפונען אויסבאַהאַלטן אין אַ בונקער מיט זיינע צוויי יונגע קינדער. ווען אַ דייטש האָט געשאָסן אויף די קינדער, האָט ער זיך אויף זיי געוואָרפן און אין אַן אומפּאַרגלייכלעכן קאַמף, געפאַלן מיט אַ העלדישן טויט.

געפאלן אין אויפשטאנד אין בירקענאו

יאסל דארעמבוס ז״ל

יאָסל דאָרעמבוס איז גוט באַקאַנט געווען אין די יידישע אַרבעטער־קרייזן פון פאַרמלחמהדיקן פּאַריז, וווּהין ער איז אָנגעקומען אין יאָר 1931, צוליב די רדיפות פון דער פּוילישער „דעפּענסיווע". ער איז באַקאַנט געווען אַלס אַ שטילער און האַרציקער בחור. געשטאָרבן איז ער אָבער נישט מיט קיין שטילן טויט, נאָר אין שטורעם פון קאַמף מיט וואָפן אין דער האַנט קעגן די נאַצי־הענקער.

זיין פאָטער, אַ ילד פון לאָוויטש, האָט געשטאַמט פון די אַלט־געזעסענע יידישע תושבים אין שטאָט. נאָך דער חתונה האָט ער זיך באַזעצט אין אינדוסטריעלן זשיראַרדאָוו, וווּ יאָסל איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1905. אַדמיניסטראַטיוו איז יאָסל אָבער פאַרשריבן געווען אין דער לאָוויטשער מוניציפּאַליטעט, וווּהין ער פלעגט אָפט קומען, צו זיין זיידן און משפּחה. די אָרעמקייט אין טאַטנס שטוב האָט אים זייער פרי געטריבן צו לערנען אַ פאַך, און ווי עס פּאַסט פאַר אַ באַלעבאַטישער משפּחה, האָט ער געלערנט קאַמאַשן־שטעפּעריי. ער האָט געאַרבעט אין וואַרשע, וווּ ער איז געוואָרן אַקטיוו אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. דעם יונגן יאָסל האָט מען אָפט געזען אויף אומלעגאַלע אַרבעטער־בערזעס פון שיך־אַרבעטער, צווישן וועלכע ער ווערט אין אַ קורצער צייט זייער פּאָפּולער.

נאָכן פאַרלאָזן פּוילן צוליב די פאַרפאָלגונגען פון דער פּוילישער פּאָליציי, באַזעצט ער זיך אין פּאַריז, און דאָ איז ער באַקאַנט אַלס יאָסל „וואַרשאַווסקי", זיין קאָנספּיראַטיווער נאָמען. אין פּאַריז וואַרפט ער זיך אַריין מיט גרויס אייפער אין דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט, וועלכער ער ווידמעט אַלע זיינע כוחות. אין אַ קורצער צייט ווערט ער איינער פון די אַקטיווסטע טוער פון דער אינטערסינדיקאַלער קאָמיסיע. אין דער זעלבער צייט איז זיין געזונט־צושטאַנד נישט ווי אַמבעסטן, דאָס זעלבע איז מיט זיין מאַטעריעלער לאַגע. נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט, ווידמעט ער די אָוונטן אויף פאַרשידענע פאַבריק־פאַרזאַמלונגען און זיצונגען.

נישט איינמאָל קומט אים אויס אַוועקצוגיין פון דער אַרבעט, כדי צו דערלידיקן וויכטיקע פּראָפעסיאָנעלע אָנגעלעגנהייטן.

אָפּגעזען דערפון, איז יאָסל דאָרעמבוס (וואַרשאַווסקי) אויך טעטיק אין אַנדערע ארבעטער־ און פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס.

אין יאָר 1935 איז ער געשיקט געוואָרן מיט אַ דעלעגאַציע פון פאַריזער „געזערד" קיין בירא־בידזשאַן. נאָכן צוריקקומען פון דאָזיקן באַזוך, האָט ער אויף אַ ריי מיטינגען זיך געטיילט מיט זיינע איינדרוקן אין ראַטנפאַרבאַנד. די דאָזיקע נסיעה האָט דעם יונגן אַרבעטער־טוער מער רייכער און דערפאַרענער געמאַכט.

פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה, אין יאָסל דאָרעמבוס געווען אַ צייט גענעראַל־סעקרעטאַר פון „פריינט פון דער „נייע פּרעסע".

ווען עס ברעכט אויס די מלחמה, מעלדעט ער זיך פרייוויליק אין דער אַרמיי, בכדי צו קעמפן קעגן היטלער־דייטשלאַנד. ער פאַלט אַריין אין קריגס־געפאַנגענשאַפט, פון וואַנען ער ווערט באַפרייט צוליב זיין שלעכטן געזונט־צושטאַנד.

דאָס איז געווען אין סוף 1940, ווען די נאַצי־באַהערדן האָבן זיך נאָך נוהג־געווען צו באַפרייען יידישע קריגס־געפאַנגענע אונטער דער ווישי־רעגירונג.

נאָכן צוריקקומען קיין פּאַריז, ווערט יאָסל דאָרעמבוס, נישט געקוקט אויף זיין שלעכטן געזונט־צושטאַנד און דער דראָענדיקער סכנה, ווידער טעטיק אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג און ווערט איינער פון די אָנפירער פון דער אומלעגאַלער אינטערסינדיקאַלער קאָמיסיע.

ווען מען הייבט אָן אינטערנירן יידן אין פּאַריז, אין מאַי 1941, איז יאָסל צווישן די ערשטע, וואָס אָרגאַניזירן הילף פאַר די פאַמיליעס פון די אינטערנירטע אַרבעטער. ער גרינדעט ראַיאָן־קאָמיטעטן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט העלפן די קרבנות פון היטלעריזם נאָך דעם שרעקלעכן פּאָגראָם פון יולי, 1942.

אין פעברואַר 1943 ווערט יאָסל אַרעסטירט צוזאַמען מיט זיין פרוי. זיי ווערן דעפּאָרטירט קיין אוישוויץ. אויך דאָ זיצט ער נישט מיט פאַרלייגטע הענט. ער ווערט טראַנספּערירט קיין בירקענאַו, וווּ ער העלפט אָרגאַניזירן אַן אויפשטאַנד, אין וועלכן ער איז געפאַלן מיט אַ העלדישן טויט.

אויך זיין פרוי איז אומגעקומען אין איינעם פון די טויט־לאַגערן.

(לויטן אָנדענק־בוך „אין קאַמף פאַר פרייהייט", פּאַריז, 1948)

פערנאנדע גייט פרייוויליק צום טויט...

20 יאר איז פערנאנדע קוים אלט געווען, ווען א ווישי־זשאנדארם האט איר דערקענט אויף די פאריזער גאסן אלס יידיש מיידל. זי איז געווען א שיין, שלאנק מיידל, א טיפישע פאריזערין. אבער דאס שארפע אויג פון נאצי־משרת האט זי דערווישט.

פערנאנדע, וועמענס יידישער נאמען איז געווען פריידעלע, איז געבוירן געווארן אין פאריז. אירע עלטערן האבן געשטאמט פון לאוויטש. דער פאטער האט געהייסן חיים־מאיר־יחיאל בלימליך; די מוטער — חיה־שרה און געווען די טאכטער פון באקאנטן אין לאוויטש אנטיקוואר־הענדלער, ר׳ זלמן־יוסף כ״ץ ע״ה.

איר 16־יאריקער ברודער לעאן (שלמה־לייב) איז געהאט דעפארטירט געווארן אין א קאנצענטראציע־לאגער, גלייך ווי די דייטשן זענען אריין אין פאריז, אין 1940 און די עלטערן זענען געכאפט געווארן בעת דער גרויסער יידן־אבלאווע, אין יולי 1942, און דעפארטירט געווארן קיין אוישוויץ, פון וואנען דאס מיידל פלעגט, ווי אנדערע אויסבאהאלטענע יידן, באקומען פאבריצירטע בריוו, וואס די געסטאפא האט פונאנדערגעשיקט, אין וועלכע די דעפארטירטע פלעגן „פארזיכערן די קרובים״, אז זיי איז גוט און אז „זיי געפינען זיך אויף א קאלאניע״. מיט די דאזיקע פאבריצירטע בריוו, האט די געסטאפא פארנארט מערערע קרבנות.

אדאנק איר אויסערלעכן אויסזען אויף א קריסטלעך מיידל, האט פערנאנדע זייער אפט ריזיקירט ארויסצוגיין אין גאס אריין אן דער געלער לאטע. אפטמאל פלעגט זי דעם שאנד־צייכן בלויז צושפילעווען צו איר קלייד אדער בלוזע.

איינמאל שפעט זומער 1943, האט איר באמערקט א יונגער פראנצויזישער זשאנדארם און איר ארעסטירט פארן „חטא״ פון נישט האבן צוגענייט די געלע לאטע. ער האט איר אפגעפירט אין קאמיסאריאט און אויפן וועג איר געדראט, אז זי וועט אפגעשיקט ווערן קיין דראנסי צו איר אומקום. אויב אבער זי איז גרייט מיט אים צו גיין אין זיין וווינונג מיט אים פארברענגען, וועט ער זי באפרייען.

דאס לאוויטשער אייניקל האט זיך קאטעגאריש אפגעזאגט פון דאזיקן שענדלעכן פארשלאג און אין איר פארצווייפלונג בעסער אויסגעוויילט א מארטירער־טויט.

נאכן אפזיין עטלעכע וואכן אין גהינום פון דראנסי, איז זי מיט אנדערע נאצי־קרבנות אפגעשיקט געווארן קיין טרעבלינקע.

שיע-לייב גמאך (פאריז)

אנטלויפט פון ,סטאלאג׳ צו די ,מאקי׳ס׳

שיע־יעקב גמאך, א יינגערער זון פון יהודה־לייב גמאך, איז געבוירן ד. 20־טן יוני, 1908, אין לאוויטש. אין יאר 1929 פארלאזט ער זיין היים אויפן וועג קיין ארץ־ישראל. ער בלייבט אבער שטעקן אין פאריז, ווי טויזנטער אנדערע, וואס האבן געהאט דעם זעלבן ציל, אבער די דעמאלטיקע אימיגראציע־אומשטענדן האבן צונישט געמאכט זייערע פלענער. ביז זיין פארלאזן לאוויטש איז ער געווען ראש קבוצה אין בית״ר.

שיע־לייב גמאך

אין יאר 1939, ביים אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג, זעען מיר אים אין די רייען פון דער פראנצויזישער ארמיי. הארט פארן פאלן פון פראנקרייך ווערט ער גענומען אין נאצישער געפאנגענשאפט אין דער סביבה פון דע לא סאם.

פון דא ווערט ער מיט אנדערע געפאנגענע אפגעשיקט אין לאגער לאמבורג, צפון־דייטשלאנד, וואס געפינט זיך אויף דער גרענעץ פון פראנקרייך.

א קורצע צייט שפעטער טראגט ער אויף זיין מיליטערישן מאנטל די יידן־אפצייכענונג פאר קריגס־געפאנגענע און ווערט טראנספערירט אין א ספעציעלן יידן־לאגער, אין באמהאלדער, וואס איז פאקטיש א שטראף־באטאליאן.

אין דאזיקן לאגער געפינט זיך שיע־יעקב גמאך 28 חדשים. ער לעבט איבער די שרעקלעכע יארן פון מענטשלעכער דערנידערונג און פיזישע עינויים. אבער ער גיט זיך נישט אונטער דעם גורל. טיף אין הארצן גלויבט ער, אז ער וועט איבערלעבן דעם שונא.

פאראן טעג, ווען ער זעט, ווי אנדערע גורל־ברידער, פראנצויזיש־געבוירענע יידן, באקומען פון דרויסן בריוו, סיי פאטאגראפיעס פון זייערע קינדער. ער קאן נישטביישטיין דעם נסיון. דאס איז נישט אייפערזוכט, נאר עפעס נעמט זיך בונטעווען אין זיין הארץ און געמיט, ווען ער ליגט אן איינזאמער אויף זיין פריטשע. אין די דאזיקע איינזאמע, קאשמארע נעכט, נעמט אים פייניקן א פראדראסיק געפיל, וואס בייטשט אים ממש; ער האט דאך אייגנטלעך נישט איבערגעלאזט נאך זיך א נאכוווקס, א המשך, אזוי ווי אנדערע. עס צינדט זיך אין אים אן א פייער פון וועלן גובר זיין אלע צרות, א ווילן פון אויסדויער. און פלוצלינג נעמט דאס זעלבע געפיל רייסן דעם געדאנק פון אנטלויפן פון געפאנגענען־לאגער, באדיי ריזיקירן מיטן לעבן, אבער ער מוז אפגעפינען זיין יונגע פרוי. און אויב ער וועט מצליח זיין, וועט ער אריינטרעטן אין די רייען פון די „מאקיס״ און מיט געווער אין דער האנט זיך אנטקעגנשטעלן דעם שונא.

נישט גרינג איז געווען זיך ארויסצובאקומען פון א דייטשן געפאנגענען־לאגער. אבער מיטן מאמענט ווען ער האט באשלאסן דאס צו טאן, ציט ער זיך מער נישט צוריק, נישט געקוקט אויף אלע סכנות.

שטילערהייט הויבט ער אן צו מאכן זיינע הכנות צום אנטלויפן. דאס זענען פיבערדיקע טעג און נעכט. ביז איינמאל גע־

לינגט עס אים זיך אַרויסצוקריגן אויסער די דראָט־פאַרצוימונגען פון לאַגער. און ווען ער דערפילט, אַז ער איז ווידער אויף דער פריי און דער גורל פון זיין לעבן איז אין זיינע אייגענע הענט, שטעלט ער זיך פאַר גאָרנישט אָפּ אין זיין פּלאַן אָנצוקומען אין דער „פרייער זאָנע“ אויף דרום פון פראַנקרייך, ווו עס געפינט זיך זיין פרוי.

16 טעג און נעכט איז ער אין וועג. דאָס זענען 16 מעת־לעת פול מיט סכנה און אויסטערלישע איבערלעבונגען. זיין איינציקער וועגווייזער איז אַ קאָמפּאַס, וואָס ער האָט פריער געהאַט איינגעהאַנדלט. דער קאָמפּאַס ווייזט אים דעם וועג צו זיין ציל איז דרום־פראַנקרייך, ווו ער האָפט צו געפינען זיין פרוי און אַנדערע משפחה־מיטגלידער, וואָס האָבן זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן מיט צוויי יאָר פריער.

ביי טאָג ליגט ער אויסבאַהאַלטן אין גריבער אויף פעלדער. ביינאַכט מאַרשירט ער, אויסמיידנדיק בכלל שטעט אָדער קלענערע ישובים.

זיין פליטה פון לאַגער האָט ער געמאַכט דעם 19־טן סעפטעמבער 1942, און אין אָנהויב אָקטאָבער קומט ער ערשט אָן אויף פראַנצויזישן באָדן. דאָ הויבט ער זיך אָן פילן מער זיכערער און דערמוטיקט. דעם 5־טן אָקטאָבער קומט ער ענדלעך אָן אין ליאָן, ווו ער געפינט טאַקע זיין פרוי.

מ׳קאָן זיך קוים פאָרשטעלן, וואָס ביידע האָבן איבערגעלעבט ביי דער דאָזיקער ווידערבאַגעגעניש. נאָך עטלעכע טעג זיין צוזאַמען מיט זיין פרוי, טרעט שיע־יעקב גמאַך אַריין אין די רייען פון די ווידערשטענדלער אין דער געגנט פון „קאָט זאַלפּ“, אין די אַלפּן־בערג ביי דער איטאַליענישער גרענעץ. דאָ נעמט ער אַ טעטיקן אָנטייל אין פאַרשידענע איבערפאַלן אויף איינהייטן פון דער נאַצי־אַרמיי.

נאָך דער מלחמה זענען ביי אים געבוירן געוואָרן דריי קינדער, איין זון און צוויי טעכטערלעך.

אין די רייען פון דער „ארמיא-קראיאווא“

דערציילט פון מענדל אלבעק

מענדל אַלבעק, מיט אַ טיפּיש־סעמיטישן אויסזען, שטאַמט פון אַ באַקאַנטער מיוחסדיקער משפּחה, גערער חסידים. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און ספּעציעל מיטן אָרגאַניזירן די הכשרה אין לאָוויטש פון דער צעירי פּועלי־מזרחי, וועמענס סעקרעטאַר ער איז געווען.

מענדל איז געבוירן אין 1912, אין לאָוויטש און געהייראַט ערב דעם אויסברוך פון דער מלחמה. וווינט היינט אין בראָנקס, ניו־יאָרק, האָט צוויי זין. דער עלטסטער שטודירט מעדיצין אין קאָלומביא־אוניווערסיטעט.

נאָכן ליקווידירן דאָס לאָוויטשער געטאָ, בין איך מיט מיין פרוי, ווי אונדזער גאַנצע פאַמיליע, אַריבער אין וואַרשעווער געטאָ. אויפן פערטן טאָג פון געטאָ־אויפשטאַנד זענען מיר, צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע געטאָ־איינוווינער, אָפּגעשיקט געוואָרן קיין פּאָניאַטאָוו, נעבן לובלין. אַ קורצע צייט שפּעטער, האָט זיך מיין פרוי לאַניאַ, אַדאַנק איר אַרישן אויסזען, איינגעגעבן צו אַנטלויפן. דאָס האָט זי געטאָן מיט דער הילף פון אונטערגרונט און „אַרישע פּאַפּירן“. אויף דער אַרישער זייט אין וואַרשע, האָט זי געהאַט וווינען אירע אַ שוועסטער.

אַ האַלב יאָר האָט געדויערט אונדזער צעשיידונג און ביטערע דערפאַרונגען אין לאַגער, און כ׳האָב בכלל שוין געהאַט אויפגעגעבן יעדע האָפענונג, אַז מיין פרוי וועט זיך איינגעבן עפּעס צו טאָן, כדי מיך אַרויסצוראַטעווען. לסוף האָט זי מצליח געווען אויסצואַרבעטן פאַר מיר אַרישע פּאַפּירן און אין האַרבסט, 1943, בין איך אַנטלאָפן קיין וואַרשע. אַ וואָך שפּעטער, האָבן די דייטשן ליקווידירט דעם זעלבן לאַגער און אומגעבראַכט די 7.000 יידן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, אַזוי, אַז איך בין דער איינציקער ייד, וואָס האָט זיך פון דאָרט געראַטעוועט.

אַדאַנק דער פינאַנציעלער הילף פון יידישן אונטערגרונט האָט זיך מיר איינגעגעבן אַ צייט אויסצובאַהאַלטן אין וואַרשע.

בעתן פוילישן אויפשטאַנד פון גענעראַל באָר־קאָמאָראָווסקי, אויגוסט, 1944, זענען צענדליקער יידן אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן און זיך פרייוויליק אָנגעשלאָסן אין די רייען פון די אויפשטענדלער. די פּאָליאַקן האָבן אונדז אין דער שווערער שעה פון נסיון אויפגענומען. איך האָב געאַרבעט פאַר דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ“, געגראָבן גריבער, געהאָלפן מאַכן שראַנצעס, געברענגט וואָפן און עסן.

די „אַרמיאַ קראַיאָוואַ“ האָט בכלל פאַרפאָלגט יידן, ברוטאַל זיך צו אונדז באַצויגן און פיל זענען אומגעקומען פון זייערע הענט. אויך מיט מיר איז געשען אַ פאַל, ווען אַ קאַפּראַל האָט מיך שוין געפירט צו אַ גרוב, ווו ער האָט מיך געוואָלט דערשיסן, נאָר אַדאַנק דער אינטערווענץ פון אַ צווייטן פּאָליאַק, וואָס האָט מיך מקרב־געווען, בין איך אין דער לעצטער מינוט ניצול געוואָרן.

מיינע משפחה־אַלבומען מיט די פאָטאָגראַפיעס פון מיינע נאָענטסטע, האָב איך אַ צייט פריער געהאַט אויסבאַהאַלטן אויף אַ בוידעם אין הויז אויף גזשיבאָווסקאַ 80. בעתן אויפשטאַנד, האָבן די נאַציס געוואָרפן צינד־באָמבעס אויף די אַרומיקע הייזער. זעענדיק, ווי דאָס הויז אין וועלכן כ׳האָב אויסבאַהאַלטן די משפחה־פאָטאָגראַפיעס, ווערט אַרומגענומען פון פלאַמען, בין איך אַ פאַרצווייפלטער דאָרט אַהינגעלאָפן. מיינע וואָפן־חברים האָבן מיך געפרווט איינהאַלטן, ווייל די סכנה איז געווען גרויס אומצוקומען פון אַ דייטשער קויל, אָדער פון די פלאַמען. איך האָב אָבער דעמאָלט נישט געטראַכט וועגן זיך, נאָר וועגן איינציקן זכר, וואָס איז מיר פאַרבליבן פון מיין משפחה. איך בין אַריין דורכן ברענענדיקן דאַך, און מיר האָט זיך איינגעגעבן אָפּצוראַטעווען דעם משפחה־אַלבום, וואָס איז די שענסטע צירונג היינט אין מיין הויז.

נאָכן פאַלן פון אויפשטאַנד, האָבן מיר וואָכנלאַנג געלעבט אין די טונעלן און קאַנאַלן פון וואַרשע, ביז די רוסישע אַרמיי איז אַריין אין דער הויפּטשטאָט.

ווישי־פּאָליציי גיט זיי „דרשה־געשאַנק"

פּתחיה מאַרקאָוויטש און פרוי

פּתחיה איז אין די סוף צוואַנציקער יאָרן געווען אַ מיטגליד פון בית״ר אין לאָוויטש און שפּעטער אַ ראש־קבוצה. אין יאָר 1937 איז ער אַפּגעפאָרן קיין פּאַריז. דאָס איז נישט געווען זיין ערשטע נסיעה קיין אויסלאַנד, ווייל ער האָט פריער געהאַט געמאַכט עטלעכע רייזעס צו זיין ברודער אין לייפּציג, אַ פּוטער־סוחר.

איידער ער האָט זיך באַוויזן איינצובירגערן אין פראַנקרייך, איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה.

אַלס פּוילישער בירגער טרעט ער אַריין אין פּוילישן לעגיאָן, וואָס האָט זיך געגרינדעט אויפן שטח פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק. ער ווערט געשיקט מיט זיין איינהייט אויף דער ערשטער פייער־ליניע צווישן גרעי־בעזאַנסאָן און האָוט־טאָן, עלזאַסער געגנט. פון זיין באַטאַליאָן, וואָס האָט געציילט צוויי טויזנט מאַן, זענען קוים 35 געבליבן לעבן.

דעם 17־טן יוני, 1940, ווערט די קליינע גרופּע אַרומגערינגלט דורך די דייטשן, און נאָר דורך אַ נס געלינגט זיי זיך אַרויסצוקריגן פון דער אַרומרינגלונג און ציען זיך צוריק. אַ דאַנק אַ פראַנצויזישן סאָלדאַט, וואָס האָט אים אין דער לעצטער מינוט געהאָלפן זיך צוריקציען, פאַלט ער נישט אַריין אין דער נאַצישער געפאַנגענשאַפט.

זייער ריקצוג גייט קיין מאַרסעיל איבער גאַנץ פראַנקרייך און דויערט אַכט טעג. ווען זיי דערגרייכן גרענאָבל, מאַרשירן זיי טיפער אַריין אין די אַלפּן־בערג און פון דאַנען קיין פּערפּיניאַן צו דער שפּאַנישער גרענעץ.

דאָס איז געווען אין דער דונקערק־תקופה. מען האָט זייער איינהייט געזאָלט אויפלאָדן אויף שיפן קיין ענגלאַנד, כדי פון דאָרט פאָרצוזעצן דעם קאַמף. דאָס אַלץ געשעט אין דער „פרייער זאָנע" פון דער ווישי־מאַכט. זיי ווערן אָבער אומדערוואַרטעט פּראָוויזאָריש דעמאָביליזירט נאָכן אָנקום אין מאַרסעיל. דאָ הויבט מאַרקאָוויטש אָן צו זוכן אַרבעט אין זיין פּוטער־בראַנזשע און בלייבט דאָ אַרבעטן ביזן יאָר 1942. אינצווישנצייט האָט זיך אים איינגעגעבן אויף פאַרשידענע אופנים צו שטעלן זיך אין קאָנטאַקט מיט זיין באַשערטע, חנה פינקלשטיין, אַלתר פינקלשטיינס יונגסטע טאָכטער, וואָס האָט נאָכן ענדיקן דאָס לאָוויטשער פרויען־גימנאַזיע, אַרויסגעפאָרן צו איר עלטערער שוועסטער, די פאַרמאַצעווטין אין ליעזש, בעלגיע.

אַזוי ווי די געסטאַפּאָ אין בעלגיע האָט איר אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן, (איר ברודער אהרן האָט זיך שוין געהאַט אויסבאַהאַלטן), האָט זי געמוזט טראַכטן וועגן אַרויסדרייען זיך פון דער געשטאַפּאָנעץ, וואָס האָט איר געזוכט מיט שטעק־בריוו.

זי האָט אונטערגענומען אַ זייער ריזיקאַלישן באַשלוס, צו אַנטלויפן קיין פראַנקרייך. עס האָט איר אָנגעגליקט און זי איז בשלום אָנגעקומען קיין מאַרסעיל צו איר באַשערטן אין פעברואַר 1942.

דאָ האָבן זיי געהייראַט און די ווישי־פּאָליציי אין מאַרסעיל האָט זיי אַלס „דרשה־געשאַנק" געגעבן אַ צוואַנגס־צוטיילונגס־פּלאַץ, וווּ זיי מעגן וווינען. זיי זענען אַרונטערגעפאַלן אונטערן געזעץ פון אַלע אויסלענדישע יידן, וואָס זענען געקומען אין לאַנד נאָכן יאָר 1936.

אין חודש מערץ דעם זעלבן יאָר, זענען זיי אָנגעקומען אין קליינעם שטעטעלע קאַוואַניאָן. דאָ איז אין מיטלאַלטער געווען אַן אַלטע יידישע קהילה און פון יענער צייט איז פאַרבליבן אַ היסטאָרישע שול. אין שטעטל האָבן דעמאָלט געוווינט אַרום 20 יידישע פאַמיליעס. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז דעם 26־טן אויגוסט, 1942, דעם אַ.ג. „שוואַרצן דאָנערשטיק" פאַרן פראַנצויזישן יידנטום.

פּתחיה מאַרקאָוויטש מיט זיין פרוי האָבן צו פאַרדאַנקען זייער ניצול ווערן אַ מערקווירדיקן פאַל:

די ווישי־פּאָליציי אין שטעטל האָט באַקומען אַ באַפעל צו אַרעסטירן אַלע אַרטיקע יידן, אָבער דער אָרטיקער פּאָליציי־שעף האָט נאָר געהייסן אַרעסטירן איין יידישע פרוי, וועלכע ער האָט שפּעטער צוריק באַפרייט. דאָס איז געווען דער סיגנאַל פאַר דער דראָענדיקער סכנה. די יידישע פאַמיליעס זענען זיך צעלאָפן און יעדער האָט געזוכט אַ מקום זיך אויסצובאַהאַלטן.

די מאַרקאָוויטשעס זענען צוריק אַנטלאָפן קיין מאַרסעיל און דאָ זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ פראַנצויזיש־יידישע פאַמיליע. אין יענער צייט האָט מען נאָך די איינגעבוירענע יידן אין פראַנקרייך נישט אָנגערירט אין דער „פרייער זאָנע". אָבער פון טאָג צו טאָג, איז דער מצב געוואָרן געפערלעכער.

לסוף גיט זיך זיי איין צו באַהאַלטן אין דער וווינונג פון אַ באַקאַנטע פראַנצויזישע פאַמיליע. דאָ געפינען זיי זיך אַ חודש צייט און גרייטן זיך צו שוואַרצן די גרענעץ קיין שווייץ. דעם זעלבן טאָג, ווען זיי פּרוּוון שוואַרצן די גרענעץ, האָט די שווייצאַרישע פּאָליציי דעפּאָרטירט פון דער גרענעץ עטלעכע טויזנט יידן און צענדליקער פון זיי, זענען אויס פאַרצווייפלונג באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

בעתן ערשטן פּרוּוו פון די מאַרקאָוויטשעס אַדורכצוגיין די שווייצאַרישע גרענעץ, זענען זיי געכאַפּט געוואָרן און אויף אַן אומברחמנותדיקן אופן צוריקגעוואָרפן געוואָרן. פראַנצויזישע זשאַנדאַרמען האָבן זיי געכאַפּט און געזאָלט דעפּאָרטירן. אין דער לעצטער מינוט שטעלט זיך פאַר זיי איין איינער פון די זשאַנדאַרמען און מען לאָזט זיי פריי אַוועקגיין פון גרענעץ־פּאָסטן.

זיי פּרוּוון אַ צווייט מאָל שמוגלען די גרענעץ און דאָסמאָל געלונגט זיי. אַ טאָג שפּעטער קומען זיי מיט מזל אָן אין ציריך. דאָ מעלדן זיי זיך אין דער פּאָליציי און בלייבן נאָר צוויי וואָכן אויף דער פריי. שפּעטער ווערן זיי גערופן זיך צו מעלדן אין אַ מיליטערישן לאַגער, אַדליסוויל, ביי ציריך. אין לאַגער געפינען זיך אַרום 400 יידן, דער גרעסטער טייל פון בעלגיע און פראַנקרייך. 4 חדשים פאַרבלייבט דאָס יונגע פּאָרל צוזאַמען אין דאָזיקן לאַגער און שפּעטער ווערט פּתחיה טראַנספּערירט אין אַ ספּעציעלן אַרבעטס־לאַגער, מיט אַ מער לייכטערן רעזשים. זיין פרוי חנה דאַקעגן ווערט אָפּגעשיקט אין אַ פרויען־לאַגער בינענבערג, אין שכנות פון באַזעל. אַזוי וואַגלען זיי מיט אַנדערע יידן אין פאַרשידענע לאַגערן, ביז סוף 1944, ווען זיי טרעפן זיך צונויף אין פאַמיליע־לאַגער שאַמפּערי.

דאָ פאַרבלייבן זיי שוין צוזאַמען כמעט אַ קיילעכדיק יאָר און דערוואַרטן זיך די גליקלעכע שעה פון דער באַפרייאונג און זייער אומקער קיין פראַנקרייך.

LOWICZ IN PICTURE

אַלגעמיינער אויסבליק אויף לאָוויטש אין יאָר 1883

General view of Lowicz (1883).

לוביץ' בתמונות

מערב־זייט פון זדונסקאַ־גאַס אין אַ מאַרק־טאָג

The West-Side of Zdunska St.

לאוויטש אין בילד



די 100־מעטער לאַנגע בעטאָן־
בריק אויפן טייך בזוראַ, וואַר־
שעווער שאָסיי

The bridge on the
river Bzura

די ערשטע פאַרוואַלטונג פון דער יידישער
לעזע־ביבליאָטעק, 1908. עס שטייען, פון
רעכטס: יעקב־אהרן טושינסקי, א. שיינפיין,
יהושע מאָזעס, בנימין ליבראט: עס זיצן:
י. מ. זילבערבערג, י. מ. פעפערפיש, דענטיסט
מענדעלסאָן

The Committee of the first
Jewish Public Library (1908).

יידישע צייטונגס־פאַרקויפער
אויפן אלטן מאַרק, אין 1914.
אין הינטערגרונט זעען זיך
דייטשע סאָלדאַטן

Jewish children
selling newspapers
in 1914.

צן אידילישע סצענע אויפן
אלטן מארק אין יאָר 1914,
בעת דער ערשטער דייטשער
אָקופּאַציע. יידן ביי זייערע
סטראַגאַנעס

A scene of the
Old Market Square
in 1915, during
World War I.

Jewish Athlets at the Sport Carnival (1915).

יידישע ספּאָרטלער בעתן טורן־פעסט, 1915

די ציקליסטן־גרופּע פון י.ס.ק.
„מכבי", 1932

Cyclist group of
Macabbi, 1932.

אַ גרופּע „מכּביסטן", 1935

Group of athlets of the
Sport Club Macabbi (1933).

פייערונגס־קאָמיטעט צו דער
דערעפענונג פון ירושלימער
אוניווערסיטעט, 1925. עס
שטייען פון רעכטס: מיכאל
גראַניצאַ, דער שריפטשטעלער
מ. ל. פעטשעניק, בוטשע פינ־
קלשטיין, ברוריה כספי (ברייט־
שטיין), אפרים טראַכע, צער־
קע קליינבאַרד, יאַנקל ליפשיץ,
מ. קוטשינסקי; עס זיצן: מר־
דכי ביאַלעק, י. אייזנער, פרוי
שפייזהענדלער, מאיר ראָזנטאַל
און י. מ. זילבערבערג

The Celebration
Committee to the opening
of the Jerusalem Uni.
(1925)

גרופּע פון די העברעאישע
אָוונט־קורסןביים „החלוץ",
1925, מיטן לערער מ. סטאָ־
לאַרסקי (צענטער, ערשטע ריי)

The Hebrew Course at the
He'Halutz Org. (1925).

The Hazomir Choir (1915)

דער „הזמיר"־כאָר, 1915, בראש מיטן לערער י. סאָקאָלאָווסקי (צענטער)

Group of athletes of the Jewish Sport Club (1915).

גרופּע ספּאָרטלער פון סורן־פאַריין ביים „הזמיר", 1915



דער קאָלעקטיוו י.ס.ד.א.פ. (פועלי־ציון), 1917.
עס שטייען פון רעכטס: סיטען, י. ראדזינסקי,
פייוול קליינבאַרדט, פישל ראָטשטיין, מ.
גאָלדקראַנץ, י. זאַלץ. עס זיצן: יזריה כהן,
אומבאַקאַנט, שמשון מילגראם, י. הערמעלין,
אסתר קיעזמאַן

The Poale-Zion Collective, 1917

„השומר־גרופע"
מיט יחזקאל ליפסקי (1934)

פרעלעגענטן־קרייז, 1925. עס שטייען, פון
רעכטס: ה. ראָזנבלום, י. טאוב, י. ליפסקי,
מ. שאַפּירא, ד. וואָלף. עס זיצן: א. איזראַע־
לעוויטש, ל. שאַיאַק, י. מ. זילבערבערג, ש.
קאָפּער, ש. ד. לעווין

אַ גרופּע פון י.ס.ק. „מכבי", ערב זייער גיין אין מיליטער־דינסט, 1927

Members of the Sport Club Macabbi (1927).

אויספלוג פון דער לאָוויטשער עספּעראַנטאָ־גרופּע קיין גלאָוונאָ (1932), מיטן לערער ה׳ ווילאַמבאָרסקי

The Esperanto Group on an outing to Glowno (1932).

אַ גרופּע לאָוויטשער און סאָכאַטשעווער פאַר זייער אַרויסגיין צופוס קיין ארץ־ישראל, 1918
(זע בריוו אין אָפּטייל „דאָקומענטן")

צעירי שלומי אמוני ישראל
געזעגענען זייער חבר משה
ראַבינאָוויטש צו זיין עולה־
זיין, 1934
קבוצת „שלומי אמוני ישראל״,
1934



יעקב שעפס ז״ל
ערשטער ראש־הקהל (1916)

קושבאַל גרופע, 1934

Basket-Ball group of the Macabbi (1934).

פלוגה „שועלים״, פון לאָווי־
טשער בית״ר, מיטן ראש־
הגדוד, משנה צטלאַס

Beitar group (1932).



די פאַרוואַלטונג .פון י.ס.ד.א יוגנט־אָרגאַניזאַציע, 1919. עס שטייען פון רעכטס: משה שמעלץ, מענדל ליפסקי, פייגע קייזמאַן, י. קירשבוים; עס זיי־צן: שמשון מילגראַם, זלמן שנאַפּס

The Committee of the Socialist Youth, 1919

גרופּע ביתריסטן — 1928
קבוצת בית״רים — 1928

Group of Beitairim

דער קן בית״ר אין יאָר 931

The Beitar Org., 1931



גרופע חברים. עס שטייען פון רעכטס: א. מילגראָם, בצלאל קרופא, שלמה גאָלדוואַסער, י. זיידל (אַלע דריי אין אויסטראַליע), לייבל דאַווידאָוויטש; עס זיצן: שיע קראָנענבערג, מנשה אַטלאַס, יעקב קאָלסקי, בערל נאַטאַן און לייזער קראָנענבערג

בית״ר־גרופע „זאבים“, בראש מיטן ראש־כיתה, פ. מארקאָוויטש (1932)

גרופע חברים. עס שטייען, פון רעכטס: ל. יאַקובאָוויטש, שלמה קאָוואַלסקי, משה פלאַט (היינט אין ירושלים), א. ראָזענבערג, א. נוסענבוים (אין סידנעי, אויסטראַליע), א. מילגראָם (געשטאָרבן אין ירושלים) און יצחק פינקעלשטיין

„הימל-געשריי" האָלצשניט פֿונעם אַלבום
„אַ גילגול פֿון אַ ניגון"
אַ מתּנה פֿאַר יזכּור-בוך [illegible]
[illegible]

השואה — דער אומקום

ג. טשארנעזאן־שאיאק

דער טייך איז פארשוואונדן און מיט אים די יידן

...די הימלען זענען נישט פאריגלט געווארן פון די מלאכים
און די חללים זענען געפאלן פון די טויט־לויערנדיקע קוילן,
איבערגעלאזט חורבות און פארשאטן שטעט, דאס לעבן מיט אש...

דורך מאזאוויער פלאכלאנד שלענגלט זיך ווי א זילבערנע סטענגע, דער אוראלטער טייך בזורע, א צופלוס פון דער ווייסל, אויף וועמענס ברעג עס איז אנטשטאנען די פארצייטישע שטאט לאוויטש.

דאס פלאכלאנד האט פעטע ערד און א רייכע פלארע און פאשע בשפע פאר די גרויסע סטאדעס שאף און רינדער.

איבער אכט הונדערט יאר, נאך פון די פרעהיסטארישע צייטן פון פיאסטן, איז דא געשטאנען א ישוב אויפן ברעג פון טייך, וואס איז פון קדמונים אן געווען א נאטירלעכע באריערע קעגן קריגערישע שבטים, וואס פלעגן באפאלן די אפענע ביסקופן־שטאט, וואס איז געווען דאס אייגנטום פון די מאזאווישער פרינצן.

די שטאט איז קיינמאל נישט געווען ארומגעשאנצט אדער געהאט מויערן, ווי אלע אנדערע שטעט אין די אוראלטע צייטן.

אויך פארצייטנס האבן פרעמדע חיילות דא געליטן מפלות ביים אריבערגיין די וואסער־גרענעץ, אויף זייער מארש טיפער אין לאנד אריין, צו די טויערן פון ווארשע.

די אוראלטע איינוווינער האבן געבויט זייער שטאט הארט ביים טייך, אויפן ברעג־אויסבויג, וואס שטרעקט אויס צוויי ריזיקע וואסער־הענט, און שניידט זיך טיף אריין אין דער יבשה, שאפנדיק אזוי ארום צוויי נאטירלעכע אינדזלען און אפווער־פונקטן.

אזוי דערציילן די אלטע קראניקעס, אז דא זענען געבליבן שטעקן די שוועדישע אינוואזיע־ארמייען פון קארל גוסטאוו דעם 10־טן און שפעטער קארל דעם צוועלפטן, אויף זייער מארש קיין מאסקווע. ענלעכע מפלות האבן שפעטער געליטן די מאסקאלן און נישט קיין קלענערע מפלה — הינדענבורגס ארמיי אין זיין מארש אויף ווארשע אין יאר 1914.

דאס זעלבע האט זיך איבערגעחזרט בעת „היטלערס בליץ". אויך גענעראל פאן בראוכיטשעס געפאנצערטע איינהייטן, זענען דא געבליבן שטיין ביים בזורע טייך, וואס האט פארהאלטן דעם נאצישן שגעון־לויף אין די אנהויב סעפטעמבער־טעג פון 1939.

צום סוף, ווען נאך א פארביטערטן קאמף — ערשט דעם 9־טן סעפטעמבער — האט זיך דער נאצישער קריגס־מאשין איינגעגעבן צו דעראבערן די שטאט, זענען גאנצע קווארטאלן געלעגן אפגעמעקט פון דער ערדפלאך פון די כסדרדיקע לופט־באמבארדירונגען און פון ארטילעריע־פייער.

טעג לאנג זענען די הימלען געווען פארשטעלט מיטן רויך פון די טליענדיקע פייערן פון נאך נישט פארלאשענע שריפות און די לופט איז געווען אנגעזאפט מיט שטיקנדיקע ריחות.

שפעטער זענען געקומען נאצישע סטראטעגן און שטודירט די טאפאגראפיע ארום דעם טייך און זיין סביבה הארט ביי דער שטאט, און געוואלט דערגיין די סיבה פון די שווערע פארלוסטן, וואס די געפאנצערטע ווערמאכט האט געליטן ביי די ברעגעס פון דער בזורע.

און דערנאך איז געקומען א באפעל: „אמפוטירן" דעם טייך!... אפשניידן זיינע וואסער־הענט, וואס שלענגלען זיך ארום דעם הארץ פון דער שטאט, אין א לענג פון עטלעכע מייל — אויף מזרח און מערב־זייט פון איר פעריפעריע.

די דאזיקע וויכטיקע און העכסט־סטראטעגישע ארבעט, איז „אנפארטרויט" געווארן דער יידישער באפעלקערונג. עס רעדט זיך נאר אזוי: „אנפארטרויט"...

לאוויטשער יידן, וואס האבן לרוב זיך רעקרוטירט פון חסידים, קליינהענדלער, און בעלי־מלאכות, און א צולאג — א דעקלאסירטע מאסע און פאסטנלאזע אינטעליגענטן, זענען קיינמאל קיין טעכניקער, אינזשיניערן אדער שווערע ערד־ארבעטער נישט געווען. זיי האבן זיך נישט פארשטאנען אויף מעלאראציע־ארבעטן און אוודאי נישט אויף בויען קאנאלן.

אבער איבער נאכט האט א דראקאנישער נאצי־באפעל, די יידישע באפעלקערונג פון לאוויטש איינגעשפאנט אין א פיזיש־איבערמענטשלעכן געוועוק, א „בזורע־סטראי", כדי צו צוימען דעם נאטירלעכן לויף פונעם טייך און זיין וואסער־בעט איבערטראגן א האלבן מייל ווייטער איבער די פעלדער.

דאס איז געשען אין אנהויב פרילינג, 1940, נאכדעם ווי דאס לאוויטשער געטא, דאס ערשטע אין דעם גענעראל גוווערנאמענט, איז געשאפן געווארן. דער „יודענראט" איז, ווי אומעטום, געצוואונגען געווארן צו שאפן אן אייגענע געטא־פאליציי, און עס האט זיך אנגעהויבן די עבודת־פרך.

דריי הונדערט יידישע פאר ארבעט־הענט זענען יעדן טאג ארויס צום „בזורע־סטראי". די דאזיקע יידן־שקלאפן האבן א טאג געקראגן קוים 200 גראם ברויט און אביסל שיטערע זופ. און זיי זענען געפאלן ווי די פליגן, אפגעשוואכטע, אויסגעהונגערטע, דערשעפטע פון דער איבערמענטשלעכער ארבעט ביים אקעגנשטעלן זיך מיט ליידיקע הענט קעגן דער וואסער־סטיכיע און ענדערן איר בראשיתדיקן לויף.

שפעטער איז אויסגעבראכן אן עפידעמיע און צעפערטלט די רייען פון די שקלאפן־ארבעטער. אבער דאס איז לחלוטין נישט געווען קיין מניעה פאר די נאצי־באנדיטן, אז די ארבעט זאל אפגעשטעלט ווערן. יעדן טאג, האבן געמוזט צוגעשטעלט ווערן די זעלבע צאל ארבעטס־הענט. פאר דעם האט שוין געזארגט די זשאנדארמעריע מיט דער הילף פון דער געטא־פאליציי, בראש פון וועלכער עס איז געשטאנען א פרעמדער יונגערמאן.

איבער פיר חדשים האט געדויערט דאס אויפשטעלן דעם ריזיקן ערד־וואל און דאס פארקירעווען די ריכטונג פונעם טייך.

פון איין זייט האָבן זיך יעדן טאָג געהויבן העכער און העכער ערד־בערג, און פון דער אַנדערער זייט — די בערג פון געפאַלענע קרבנות פון צווישן די שקלאַפן־אַרבעטער. ביז עס איז פאַרשווונדן די קוטנער בריק, צופוסנס דעם שלאָסבאַרג פון די אַמאָליקע גנעזנער ביסקופן, און דער געדויש פון וואַסער־געזאַנג איז פון יענער געגנט אינגאַנצן פאַרשוווּנדן און פאַרשטומט געוואָרן.

אַזוי האָבן די יידישע שקלאַפן־אַרבעטער פון לאָוויטש, אויפ־געשטעלט אויף אַ שטח פון זעקס מייל, פון דער קוטנער בריק ביז דער „קאַפּיטולי״ וואַסער־מיל איבער דער מאָסטאָוער בריק, אַן ערד־וואַל פינף מעטער די הויך, און די גאַנצע לענג פון „בזורע־סטראַי״ געפלאַסטערט אַ טראָטואַר מיט די מצבות פון יידישן בית־עולם.

די לאָוויטשער יידן האָבן אין יענע טויט־אַנגסטיקע טעג נישט געאַנט, אַז דער בלינדער גורל האָט זיך מיט זיי ציניש געשפּילט, און פאַר זייער אַוועקגיין, דעם לעצטן וועג צו זייער אומקום, האָט ער זיי געהייסן זיך זעלבסט אויפשטעלן אַ דענקמאָל, וואָס וועט בלייבן לזכר פאַר לאַנגע דורות. און דעם צופוסנס פון דאָזיקן ריזיקן דענקמאָל, אויסגעפלאַסטערן מיט די טויזנטער מצבות פון זייערע אבות אבותינו...

און מיטן פאַרשווינדן פון אַמאָליקן לעבעדיקן און אייביק־קוועלנדיקן טייך, איז אויך פאַרשוווּנדן אַן אַנדערער לעבעדיקער קוואַל — אַ יידישע עדה, וואָס האָט דאָ געלעבט און געשאַפן זינט לאַנגע, לאַנגע דורות, פון וועלכער עס איז היינט קיין זכר נישט געבליבן.

ל. סיגאַל

מיין באַזוך אין לאָוויטש אין 1945

סוף 1945, עטלעכע חדשים נאָך דעם סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען דער פינצטערער נאַציזם האָט אויפן שלאַכט־פעלד געקראָגן די פאַרדינטע מפלה, איז דער שרייבער פון די שורות דעלעגירט געוואָרן פון ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס און פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג צו באַזוכן אַ צאָל אייראָפּעאישע לענדער, באַזונדערס פוילן.

די יידישע טראַגעדיע איז געווען זייער גרויס. דער אומגליק וואָס דער היטלעריזם האָט געבראַכט אויפן יידישן פאָלק איז נאָך געווען זייער פריש.

נישט קיין באַריכט באַצוועק איך מיט דעם אַרטיקל איבער־צוגעבן, וואָס איך האָב געזען אין אייראָפּע סוף 1945 און אָנפאַנג 1946, בשעת איך בין דאָרט געווען. איך באַצוועק אויך נישט איבערצוגעבן אַ באַריכט וואָס איך האָב געזען אין פוילן, אין דעם לאַנד פון דעם גרעסטן יידישן בית עולם אין דער וועלט. מיין צוועק איז בלויז איבערצוגעבן עטלעכע איינדרוקן פון מיין באַ־זוך אין מיין געבורטס־פּלאַץ, לאָוויטש.

איך בין אָנגעקומען אין לאָוויטש מיט אַן אויטאָמאָביל און מיט עטלעכע שומרים אַרום דריי אַזייגער נאָך מיטאָג. מיר זענען געפאָרן פון וואַרשע, און אָנקומענדיק אין דער אַלטער שטאָט (מאַרק־פּלאַץ), האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז קיין זאַך האָט זיך נישט געענדערט. עס שטייען די זעלבע הייזער, וואָס זענען געשטאַנען פאַר מיין פאַרלאָזן דאָס שטעטל אין 1911. דאָס גרויסע הויז פון מאַגיסטראַט איז נישט באַרירט. עס זענען אָפן די געשעפטן, עס שטייען עטלעכע פויערים אויף דעם ליידיקן מאַרק־פּלאַץ, — אַלץ ווי אַמאָל, און דאָך אינגאַנצן אַנדערש.

איך האָב אויבן דערמאָנט, אַז איך בין געפאָרן מיט שומרים. יאָ, נאָך אין 1945, עטלעכע חדשים נאָך דעם סוף פון דער מלחמה און פוילנס באַפרייאונג פון היטלעריזם, איז פאַר אַ יידן געווען אַ טויט־געפאַר זיך צו געפינען אין פוילן, באַזונדערס צו פאָרן פון שטאָט צו שטאָט.

די מערסטע פּאָליאַקן האָבן געקוקט מיט אַ סך אייפערזוכט, ווען זיי האָבן געזען אַ לעבעדיקן יידן. זיי האָט שטאַרק פאַרדראָסן וואָס די היטלעריסטישע מערדער איז נישט געלונגען צו טויטן אַלע יידן. די צייטונגען האָבן דעמאָלט געבראַכט ידיעות וועגן מאָרדן, וואָס פויערים זענען באַגאַנגען טאָג־טעגלעך אויף יידן. דער קיעלצער פּאָגראָם איז דער בעסטער ביישפּיל.

זייענדיק שטאַרק דורכגעדרונגען מיט אַ טיפן עלנט און מיט אַ סך טרויער, בין איך געשטאַנען כמעט אַ האַלבע שעה נעבן מאַגיסטראַט און נישט געזען דורכגיין אפילו קיין איין ייד. איך בין אַריין אין אַ שענק (ווידער מיט מיינע שומרים) און געפרעגט דעם שענקער צי מען קען ערגעץ געפינען אַ ייד אין שטאָט. דער שענקער האָט מיך אָנגעקוקט מיט גרויס פאַרוווּנדערונג און מיט נישט ווייניק נייגעריקייט און געענטפערט: „ניעמאַ״, דערביי צוגעבנדיק, אַז אַמאָל האָבן דאָ אין שטעטל געוווינט אַ סך יידן, מען האָט זיי אָבער אַלעמען אַרויסגעפירט און ערגעץ פאַרברענט און אין שטעטל איז נישט געבליבן קיין איין ייד.

מיין אויטאָמאָביל האָט מיך דורכגעפירט די זדונסקא גאַס, די גאַס וואָס כמעט אין יעדן הויז האָבן געוווינט יידן און יעדעס געוועלב האָט געהאַט אַ יידישן אייגנטימער. צוקוקנדיק זיך אויפ־מערקזאַם צו דער גאַס, צו די הייזער, צו די געשעפטן און צו די מענטשן, איז דער טרויער און איינזאַמקייט נאָך מער געשטיגן. איך האָב ווידער קיין איינציקן יידן נישט געזען.

מיר זענען דאַן צוגעקומען צו דער נייער שטאָט (דעם נייעם מאַרק), אויף דער גאַס ווו עס האָבן געוווינט אין מיינע יוגנט־יאָרן זייער אַ סך יידן. איך בין אַריין אין הויף, ווו מיינע עלטערן האָבן אַמאָל געוווינט, און אין דעם שטיבל, ווו איך האָב פאַר־בראַכט די ערשטע יאָרן פון מיין קינדהייט און יוגנט. אַלץ האָב איך געפונען, — די זעלבע הייזער, כמעט דעם זעלבן אויסקוק און כמעט די זעלבע גויים און גויעס, אָבער איך האָב נישט גע־פונען קיין איין יידן.

ביי אונדז אויפן הויף האָט געוווינט אַ סטאָלאָזש. די קינדער פון דעם סטאָלאַזש זענען מיט מיר צוזאַמען געגאַנגען אין דער שטאָטישער שול. אויף דעם זעלבן הויף האָט אויך געוווינט דער סטרוזש (סטאַך), וואָס האָט געאַרבעט ביי מיין מוטער ע״ה אַלס

קוילן־פירער (נאָך מיין פאָטערס טויט האָט מיין מאַמע געהאַנדלט מיט קוילן און מיט האָלץ). דעם סטאָלאַזשס קינדער, אויך סטאַך האָבן מיך דערקענט און די ערשטע מינוטן האָבן זיי מיר אַרויסגעוויזן אַ סך פריינטלעכקייט. זיי האָבן מיך אויסגעפרעגט וועגן מיין געזונט, וועגן מיין פאַמיליע, וועגן מיינע ברידער און שוועסטער, א.אַ.וו. איך האָב, נאַטירלעך, זיי געפרעגט וואָס עס איז געוואָרן פון מיין פאַמיליע אין לאָוויטש, דער עיקר פון מיין שוועסטער מיט איר מאַן און זייערע זעקס קינדער. זייער ענטפער איז געווען, אַז מען האָט אַלע יידן אַרויסגעפירט פון שטעטל, די דייטשן האָבן זיי ערגעץ פאַרברענט, דאָס זעלבע אויך מיין שוועסטער, שוואָגער און זייערע קינדער.

איך בין צו זיי צוגעשטאַנען, וואָס אַמאָל שטאַרקער, זיי זאָלן מיר זאָגן, צי איז טאַקע נישט געבליבן קיין איין ייד דאָ; אויב



דער ברעג פון בזורע־טייך איז אויסגעפלאַסטערט מיט יידישע מצבות

יאָ, ווו איז ער? ווו קען איך אים זען? זייער ענטפער איז געווען דער זעלבער ווי דער ענטפער פון יענעם שענקער: „ניעמאַ".

דער עולם אַרום מיר איז געוואָרן וואָס אַ מינוט גרעסער. דער הויף איז שוין כמעט געווען אָנגעפולט מיט שטאָטישע גויים, גויעס — יונגע, עלטערע און קינדער.

צו מיין אויער האָט זיך דערטראָגן אַ שמועס צווישן אַ גוי מיט אַ גויע, אַז איך בין געקומען צונעמען פון זיי זאַכן וואָס זיי האָבן צוגענומען פון יידן און אַז באַזונדערס בין איך געקומען אַרויסטרייבן די גויאישע שכנים וואָס וווינען אין מיין שוועסטערס הויז אויף דער זדונסקאַ גאַס. אין דעם געשפּרעך צווישן די צוויי האָב איך אויך דערהערט ווערטער וואָס זענען פאַר מיר געווען נישט קאָמפּלימענטאַר.

איך האָב צו מיינע שומרים געזאָגט, אַז איך דאַרף אַוועקגיין פון דאַנען וואָס שנעלער. דער אויטאָמאָביל האָט אונדז געפירט, אויף מיין אָנווייזונג, צום יידישן בית עולם.

קומענדיק אַהין, האָט זיך פאַר מיר נאָך אַמאָל אַנטפּלעקט דער גרויסער חורבן, וואָס האָט געטראָפן דעם פוילישן יידנטום. קיין פאַרקן אַרום דעם בית עולם איז נישט געווען, די קברים פאַרניכטעט, פילע מצבות צעבראָכן, אַנדערע אַרויסגעריסן פון דער ערד. די שענדונג פון דעם בית עולם איז געווען זייער בולט. און ווידער איז דער טרויער און די טיפע איינזאַמקייט געוואַקסן.

שטייענדיק אויפן בית עולם צוזאַמען מיט מיינע שומרים און מיט עטלעכע גויים, וואָס זענען געקומען אויס נייגעריקייט, האָב איך פלוצלינג באַמערקט אַ מענטשן, וואָס באַהאַלט זיך אויס, אָט באַווייזט ער זיך און אָט פאַרשווינדט ער. דער מענטש האָט געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט און איך האָב אים נאָכגעפאָלגט. ווען איך בין צוגעקומען נאָענט צו אים, האָט ער אויסגעשריען מיט גרויס פאַרצווייפלונג ווער ער איז (סרולקע בעקער, קריפּל) און אָנגערופן מיך ביים נאָמען (איך האָב שפּעטער, אין 1947, געטראָפן סרולקע בעקער אין ארץ ישראל).

סרולקע האָט מיר דאַן דערציילט וועגן דעם גרויסן חורבן און אומגליק, וואָס האָט געטראָפן די יידן אין לאָוויטש, פונקט אַזוי ווי די יידן אין גאַנץ פוילן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער באַהאַלט זיך אויס אַלס ייד, אַבוואָל ער אַרבעט ביי אַ פוילישן בעקער, און גייט זעלטן אַרויס אין גאַס. דאָס מאָל איז ער אַרויסגעגאַנגען ווייל ער האָט געהערט, אַז עס טומלט זיך צווישן די גויים וועגן אַ ייד, וואָס איז געקומען פון אַמעריקע, אַ געבוירענער אין לאָוויטש, און וויל צונעמען ביי די פאָליאַקן דאָס פאַרמעגן וואָס זיי האָבן צוגערויבט ביי יידן.

סרולקע האָט מיר דערציילט, אַז אין לאָוויטש געפינען זיך נאָך זיבן יידן. ער האָט אונדז געפירט אין דער איינציקער יידישער היים אין שטעטל, אויף זדונסקאַ גאַס, ערגעץ אויפן דריטן שטאָק (אַ וווינונג כמעט ווי אַ בוידעם).

ווען מיר זענען דאָרט אַריינגעקומען, זענען שוין געווען פאַרזאַמלט אַלע זיבן יידן, וואָס האָבן מיט נייגעריקייט אויף מיר געוואַרט.

די געוויינען פון צער פון אַלע איבערלעבונגען און פון פרייד וואָס ענדלעך זעט מען אַן אייגענעם מענטשן, איז שווער צו באַשרייבן. יעדער אייגער האָט געהאַט צו דערציילן פון גרויסע אומגליקן און פון אַ סך טראַגישע איבערלעבונגען.

זיצנדיק אין דעם הויז, אַרומגערינגלט מיט אַ סך ליבע און פריינטשאַפט, אָבער גלייכצייטיק מיט טיפן צער און טרויער, האָט איינער פון די אָנוועזנדע געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט צו אַ צאָל לעכער נעבן פענצטער.

ווען איך בין צוגעגאַנגען נענטער צום פלאַץ, האָט מען מיר דערציילט, אַז אָפטמאָל שיסט מען אין דעם הויז אַריין, די פאָליאַקן קענען נישט פאַרטראָגן וואָס די עטלעכע יידן זענען געבליבן אין שטאָט און זיי ווילן מיט זייערע שיסערייען טויטן די לעבנגעבליבענע אָדער זיי פאַרטרייבן פון שטאָט.

מיר האָבן דאַן גענומען אַ שפּאַציר אויף דער פאָדזשעטשנאַ גאַס און פאַר אַ לאַנגער שטרעקע איז דער טראָטואַר געווען ברוקירט מיט יידישע מצבות, מיט יידישע אויפשריפטן.

די נאַצישע מערדער, מיט דער הילף פון פאָליאַקן, האָבן נישט בלויז געזוכט צו טויטן דעם יידישן מענטשן און באַרויבן זיין פאַרמעגן, נאָר זיי האָבן אויך גלייכצייטיק געזוכט צו דערנידעריקן דעם יידישן כבוד און פאַרשוועכן די הייליקסטע געפילן, וואָס יידן האָבן זייט לאַנגע דורות געטראָגן אין זייערע הערצער. זיי האָבן דערפאַר די מצבות פון בית עולם איינגעמויערט אין די טראָטואַרן, מיט די העברעאישע אותיות פון אויבן, כדי צו

האבן די סאדיסטישע באפרידיקונג, אז מען טרעט און מען פארשוועכט טאג־טעגלעך יידישע הייליקייטן.

די הארציקע שמועסן מיט די לעבן־געבליבענע יידן פון לאוויטש, וועל איך קיינמאל נישט פארגעסן. איך וועל אויך קיינמאל נישט פארגעסן זייערע פנימער און זייערע אויגן פון שרעק און פון מוט און זייערע אפטע פארצווייפלטע אויסגעשרייען: „וואס וועט פון אונדז ווערן? וווהין לויפט מען איצט? ווו באהאלט מען זיך אויס פון דעם שונא, וואס לויערט אויף אונדז אזוי שטארק?"

מיר האבן איינגעארדנט אביסל הילף, גענומען די אדרעסן פון קרובים אין אמעריקע און אין ארץ־ישראל און צוגעזאגט די עלנטע אכט יידן אין לאוויטש, אז איך וועל זיי העלפן וואס שנעלער פון דארט ארויסקומען און, אויב מעגלעך, איינארדענען זייער לעבן אויף מענטשלעכע און יידישע יסודות.

איך האב פארלאזט לאוויטש ארום 9 אזייגער אין אוונט. איך האב געוווסט אז עס איז א גרויסע געפאר פאר מיר און פאר מיינע שומרים צו פארן אזוי שפעט ביינאכט פון לאוויטש קיין ווארשע. מיר האבן אויך געוווסט, אז עס איז נאך א גרעסערע געפאר פאר אונדז אויב מיר פארבלייבן נעכטיקן אין שטעטל.

מיר זענען אנגעקומען אין ווארשע שפעט אין אוונט. איך בין געווען דורכגעדרונגען פון א שווערן קאשמאר. עס האט זיך מיר נישט געקענט גלויבן, אז דאס וואס איך האב געזען און מיטגעמאכט די עטלעכע שעה אין מיין געבורטס־שטעטל איז באמת א רעאליטעט. איך האב זיך געוואלט איינרעדן, אז דאס איז נאר א בייזער חלום.

ווען איך בין אבער אויף מארגן געגאנגען באזוכן די געוועזענע יידישע געגנט פון ווארשע, די גאסן סמאטשע, נאוואליפיע און נאוואליפקע, די נאלעווקעס, גענשע און אנדערע גאסן, — די ערטער וואס האבן פאר הונדערטער יארן געשפרודלט מיט יידישקייט, מיט יידישע שאפונגען, יידישע פעאיקייטן און יידישע טעטיקייטן אויף אלע געביטן, — און געזען אז פון אלץ איז אפילו קיין איין גאנצע וואנט נישט פארבליבן, אז דער גאנצער גרויסער געגנט איז פארוואנדלט געווארן אין אן אפן פעלד, פול מיט בערג ציגל און זאמד פון פארניכטעטע הייזער; ווען איך האב דערזען וואס עס איז געווארן פון העכער טויזנט יאר יידיש לעבן, יידישער פראצע און דערגרייכונגען אין ווארשע, איז דער טרויער וואס האט מיך ארומגענומען, זייענדיק אין לאוויטש, טיילווייז פארטונקלט געווארן אין ליכט פון דער מוראדיקער רעאליטעט וואס דאס געוועזענע יידישע ווארשע האט מיט זיך דאן פארגעשטעלט.

עס האט זיך דאן ביי מיר אינסטינקטיוו ארויסגעריסן פון הארץ און פון מויל א קללה אויף אלץ וואס הייסט כלומרשט מענטשלעכע ציוויליזאציע און א קללה אויף די, וואס האבן דעם גרויסן אומגליק אויף יידן און אויף דער מענטשהייט פאראורזאכט.

פארניכטונג פון יידישן ישוב אין לאוויטש

דאס ווייטערדיקע איז דער „סאג־בוך" פון אן אנאנימען לאוויטשער געסא־תושב, וואס שילדערט דאס לעבן פון די יידן אונטער דער נאצי־אקופאציע, זינט דעם ערשטן טאג פונעם אריינמארש פון די דייטשע חיילות אין שטאט, ביז דעם גירוש פון לאוויטשער געסא און די איבערבאזעצונג אין ווארשעווער געסא אריין, אין מערץ, 1941.

דער דאזיקער דאקומענט ב־68, איז געפונען געווארן צווישן אנדערן אין די אויסבאהאלטענע ארכיוון פון ד״ר רינגעלבלום, אין מילך־קאנען, וואס זענען מיט א צייט צוריק אויסגעגראבן געווארן אויף די חורבות פון אמאליקן ווארשעווער געסא.

דאקומענט ב68 נר. 1169 (יד־ושם)
פארניכטונג פון יידישן ישוב אין לאוויטש (רינג. 1, 372)

לאוויטש איז איינע פון די עלטסטע פוילישע שטעט. מיט א פאר יאר צוריק האט זי געפייערט איר 800־יאריקן יובילעאום.

אין לאוויטש געפינען זיך א סך היסטארישע קאשטשאלן, וועלכע מ׳איז געקומען באזוכן פון לאנד און אויסלאנד.

לאוויטש איז נישט קיין פאבריק־ נאר האנדל־שטאט און איז אויך באקאנט מיט אירע גרויסע ירידים, וואס פלעגן דארט פארקומען.

דער נייער יידישער ישוב איז נישט קיין אלטער, ער איז אלט 130 יאר.

פארן מלחמה־אויסברוך האבן אין לאוויטש געוווינט 1300 יידישע משפחות. די יידישע געמיינדע איז געווען א ציוניסטישע. אויך די אגודה האט דארט געהאט א שטארקע דעה. קיין „בונד" האט דארט בכלל נישט עקזיסטירט.

אין לאוויטש איז ביז דער מלחמה געשטאנען א הערלעך גרויסע שול, געמויערט געווארן אין יאר תרל״ו. די שול איז געווען איינע פון די שענסטע אין גאנצן אומגעגנט. אין שול האט זיך געפונען א פאליש־שטוב, ווו עס האבן געלערנט צענדליקער יידן משניות. געגרינדעט די חברה משניות האט דער רב דוביה ז״ל *, מיט 70 יאר צוריק.

אין שייכות מיטן מלחמה־אויסברוך, איז לאוויטש געווארן באמבארדירט דריי טעג:

זונטיק, ד. 3־טן סעפטעמבער, דינסטיק, ד. 5־טן סעפטעמבער און מיטוואך, ד. 6־טן סעפטעמבער. ס׳איז פארברענט געווארן זשעלעכאווסקיס גרויסע מיל, דער טעלעגראפישער אפטייל פון דער פאסט און די אייזערנע באן־בריק אויף דער בזורא.

די באמבארדירונג אין מיטוואכדיקן טאג האט אנגענומען שרעקלעכע פארמען. דער גאנצער צענטער פון שטאט איז אפגעמעקט געווארן. די דייטשן האבן אויך אראפגעשאסן מיט מאשינגעווער, פון וואס עס זענען געפאלן 20 יידישע קרבנות.

---

* הרב דוברה (מיכאל דוב ווייגנאט זצ״ל, נפסר געווארן תכמ״ט).

מיטוואָך אינדערפרי האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז די דייטשן דערנענטערן זיך צו דער שטאָט. אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג, דאָס רוב יוגנט, איז אַנטלאָפן אין דער ריכטונג פון וואַרשע.

שבת, ד. 9־טן סעפּטעמבער, איז די שטאָט שרעקלעך באַשאָסן געוואָרן פון דייטשע האַרמאַטן, פון וועלכע ס׳איז פאַרברענט געוואָרן די גאַנצע לינקע זייט ביזן אַלטן מאַרק, פון דער 11־טער ליסטאָפּאַד־גאַס (וואַרשעווער געסל) און אַ טייל פון רעכטן פליגל.

דעם זעלבן טאָג האָט דאָס פּוילישע מיליטער אויפגעריסן די גרויסע בעטאָן־בריק איבערן טייך בזוראַ. באַלד נאָכדעם איז אַריין אין שטאָט דאָס דייטשע מיליטער.

אַזעלכע סצענעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אַ פּאָר מאָל טעגלעך. נאָך שרעקלעכער האָט דאָס בילד אויסגעזען ביינאַכט, ווען דאָס פייער פון די קוילן האָט באַלויכטן די פינצטערע נאַכט.

אין דער דאָזיקער נאַכט האָט מען די יידן אַרויסגעיאָגט צענדליקער מאָל פון דער שול און זיי צוריק אַריינגעיאָגט, דערביי זיי געשלאָגן אויף אַ בעסטיאַלישן אופן, פאַרוווּנדנדיק פיל יידן.

זונטיק פאַרנאַכט האָט מען דערלויבט אַריינצוגעבן עפּעס עסן.

אַ זייער געדריקטע שטימונג האָט געהערשט צווישן די יידן מאָנטיק אינדערפרי, ווען מען האָט געזען דורך די פענצטער פון דער שול, אַז דאָס דייטשע מיליטער ציט זיך צוריק אויפן לאָדזשער וועג, און עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז איידער זיי וועלן



פאַקסימיליע פון אַ טייל דייטל פונעם טאָגבוך פון כראָניקער אין לאָוויטשער געטאָ (דאָקומענט ב. 68)

תיכף ווי זיי זענען אַריין, האָבן זיי צונויפגעטריבן אַלע יידישע מענער אויפן נייעם מאַרק פּלאַץ. נאָך אַ פּאָר שעה אָפּשטיין, האָט מען די יידן אַוועקגעפירט אין שול אַריין. צווישן די פאַרזאַמלטע זענען געווען אַ סך לאָדזשער פּליטים און אויך פיל רבנים פון לאָדזשער אומגעגנט.

אין שול זענען די יידן געזעסן איבער צוויי מעת־לעת, ביז מאָנטיק פאַרנאַכט. קיין עסן האָט מען צו זיי נישט צוגעלאָזט. אַרויסגיין אויפן הויף האָט מען אויך נישט דערלויבט.

פיל יידן זענען פון הונגער און יסורים געפאַלן אין חלשות. און עס איז נישט געווען מיט וואָס זיי צו ראַטעווען.

הינטער די פענצטער האָט מען אָנגעהויבן שרעקלעך צו שיסן. אַלע זענען געווען זיכער, אַז מען שיסט צו די יידן אין שול אַריין. און מ׳האָט זיך געוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע מיטן אויסגעשריי „שמע ישראל".

אָפּטרעטן פון דער שטאָט, וועלן זיי אונטערצינדן די שול און פאַרברענען די יידן, וואָס זענען דאָרט פאַרזאַמלט.

די פאַרצווייפלונג און דער יאוש ביי די מענטשן איז געווען זייער גרויס. אַ טייל האָבן געפּרוּווט אַנטלויפן. מ׳האָט אָבער נאָך זיי נאָכגעשאָסן. צוויי יידן זענען משוגע געוואָרן. אויך אַ קריסט, וואָס איז געווען אין דער שול, איז משוגע געוואָרן. ער האָט זיך געוואָרפן אויף אַ דייטשן זעלנער און דער לעצטער האָט אים גלייך דערשאָסן און באַגראָבן אויפן שול־הויף.

מאָנטיק נאָכמיטאָג האָט מען אַלע באַפרייט פון דער שול.

דעם זעלבן טאָג אין אָונט, איז דאָס דייטשע מיליטער אַוועק פון לאָוויטש. דינסטיק פרי איז דאָס פּוילישע מיליטער צוריקגעקומען.

די יידישע באַפעלקערונג האָט דעם צוריקקומענדיקן פּוילישן מיליטער געמאַכט אַ זייער וואַרעמע אָוואַציע. פון אַלע יידישע

וווינונגען האָט מען געוואָרפן בלומען און אַרויסגעטראָגן ברויט מיט טיי, פרוכטן, צוקערוואַרג וכו׳.

די פרייד האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן.

באַלד איז געקומען אַ באַפעל, מען זאָל אויסשטעלן די האַרמאַטן און שיסן, ווייל דער שונא געפינט זיך נאָענט פון דער שטאָט. און אַזוי האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּשפּילן שטורמישע קאַמפן אין מיטן שטאָט.

די קאַמפן האָבן אָנגעהאַלטן 8 טעג. דורך דער צייט איז לאָוויטש געוואָרן הפקר, נישט זייענדיק פאַרנומען דורך קיינעם.

ביי איין בעקער האָט מען געזען אַ דייטשן פּאַטראָל רעקוויזירן ברויט, און ביי אַ צווייטן — אַ פּוילישן פּאַטראָל.

די שטאָט איז אומאויפהערלעך באַשאָסן געוואָרן, וואָס האָט פאַראורזאַכט גרויסע שאָדנס. לעשן די שריפות איז געווען אוממעגלעך צוליב דער אומאויפהערלעכער שיסעריי.

ביינאַכט זענען אין שטאָט פאָרגעקומען באַגנעטן־קאַמפן. אין דער פרי זענען געליגן הויכע קופּעס טויטע פון ביידע זייטן — דייטשן און פּאָליאַקן.

מיטוואָך, דעם 13־טן סעפּטעמבער, ערב ראש־השנה, איז אַ דייטשער פּאַטראָל אַריין אין שטאָט און פון יידישע שטובן אַרויסגענומען די מענטשן, מענער, פרויען, זקנים און קליינע קינדער. מען האָט אַלעמען אויסגעליייגט אויפן אַלטן מאַרק־פּלאַץ און איבער זיי געשאָסן צום פּוילישן מיליטער. און ווען דאָס פּוילישע מיליטער האָט צוריקגעשאָסן, זענען די דייטשן אַנטלאָפן אין די טויערן און געשאָסן מיט די ביקסן, צילנדיק אין די ליגנדיקע יידן. צוויי יונגע בחורים, יהודה־לייב בענדער און יאָסל גורט, זענען אַזוי אַרום דערהרגעט געוואָרן. צענדליקער יידן זענען שווער פאַרווונדעט געוואָרן, און זענען שפּעטער פון די וווּנדן געשטאָרבן.

פון די דאָזיקע קאַמפן איז מער ווי אַ האַלבע שטאָט פאַרניכטעט געוואָרן.

דערנאָך, ווען דאָס דייטשע מיליטער איז אָפיציעל אַריינגעקומען אין דער שטאָט אַריין צום צווייטן מאָל, האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע סעריע פון יידישע צרות און ליידן.

טאָג־טעגלעך האָט מען אַלע מענער גענומען צו דער אַרבעט, וווּ מען האָט זיי אויף אַ באַרבאַרישן אופן געפּייניקט. טאָג־טעגלעך האָבן זיך אַלע יידן, אפילו זקנים פון 80 יאָר, געמוזט שטעלן פאַר דער שול, וווּ מען האָט זיי שרעקלעך געפּייניקט, אויסגעריסן די בערד, באַזוכט און צוגענומען אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט און עס צעטיילט צווישן די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן דאָרט געוואַרט אויף דעם רויב.

די דייטשן האָבן אָנגערייצט אויף די יידן הינט. די צערייצטע חיות האָבן די יידן אָנגעמאַכט שרעקלעכע וווּנדן. נאָכדעם ערשט האָט מען די יידן צעשיקט אין פאַרשידענע פּונקטן צו שווערער אַרבעט. גייענדיק האָט מען געשלאָגן פאַרוואָס מען גייט פּאַמעלעך. איז מען געגאַנגען גיכער, האָט מען געשלאָגן פאַרוואָס מען לויפט.

אַזוי האָבן די יידן זיך אָנגעליטן ביז זיי זענען געקומען אויפן אַרבעטס־פּלאַץ. דאָרט ערשט האָבן זיך אָנגעהויבן די אמתע עינויים קשים. דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן דער צווייטער אַקט פון ווילדע, בעסטיאַלישע אויפטועכן דורך די בלוטדאָרשטיקע מייסטער. מען האָט געצוווּנגען די יידן צו רייניקן קלאָזעטן מיט די הוילע הענט, לעקן די פּאָדלאָגע מיט דער צונג, שלעפּן שטיינער פון איין אָרט צום צווייטן און צוריק; גראָבן גריבער און צוריק פאַרשיטן. דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אונטער אַ האָגל פון שמיץ.

אַזוי האָבן די יידן געאַרבעט, גאָרנישט עסנדיק, דעם גאַנצן טאָג.

אַהיימגייענדיק שפּעט אין אָוונט, האָבן די אויסגעמאַטערטע יידן געמוזט זינגען פריילעכע פאָלקס־לידער, וואָס די דייטשן האָבן אַקאָמפּאַנירט מיט שמיץ פון גומענע נאַגייקעס.

ערב יום־כיפור ביי דער אַרבעט, האָבן זיי גענומען דעם שטאָט־רב *, אים אַרומגעפירט איבער דער שטאָט און אים מבזה געווען. זיי האָבן אים אָפּגעשוירן אַ האַלבע באָרד און די אַנדערע העלפט אויסגעריסן, מיטרייסנדיק שטיקער פלייש. זיי האָבן אים באַפוילן זיך אַריינצושטעלן אין אַ ראָד פון הונדערטער יידן, וואָס האָבן אַרום אים געמוזט טאַנצן און ער האָט געמוזט מאַכן קאָזשעלקעס.

די דאָזיקע ליידן האָבן געדויערט אַ פּאָר וואָכן, ביז דער לאַנדראַט האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז דער רב זאָל שאַפן אַ „יודענראַט", וועלכער זאָל איבערנעמען די גאַנצע השגחה איבער די יידן.

פון 5־טן ביזן 10־טן נאָוועמבער, האָט מען אין לאָוויטש אַרעסטירט אַ גרויסע צאָל יידן. אין דער תפיסה האָט מען די יידן אָנגעטאָן געברענטע יסורים.

פרייטיק, דעם 10־טן נאָוועמבער האָט מען די יידן באַפרייט.

פרייטיק ביינאַכט, אויפן 11־טן נאָוועמבער, האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן די גרויסע שול. די דייטשן האָבן דערלויבט עטלעכע מענטשן צו לעשן די שריפה, אָבער נאָר די שכנותדיקע הייזער. דעם שול־בנין גופא האָט מען נישט געלאָזט ראַטעווען.

די שול האָט געברענט אַ גאַנצע נאַכט, שבת, זונטיק און מאָנטיק. ערשט פאַרנאַכט אויפן דריטן טאָג האָט זיך דאָס פייער איינגעשטעלט.

קיין ספרי־תורהס האָבן זיך בעת דער שריפה אין דער שול נישט געפונען, ווייל תיכף ווי דער דייטש איז אַריין קיין לאָוויטש, האָבן די יידן אַרויסגעכאַפּט די ספרי־תורהס און זיי אויסבאַהאַלטן אין פּריוואַטע הייזער.

צומאָרגנס, שבת דעם 11־טן נאָוועמבער, האָט מען גערופן דעם רב אין דער קאָמענדאַנטור, און אים געפרעגט, צי ער ווייסט, אָדער צי ער האָט אַ חשד אויף וועמען, וואָס האָט די שול אונטערגעצונדן?

דער רב האָט געענטפערט, אַז ער ווייסט נישט. דאַן האָט מען אים געגעבן אונטערצושרייבן אַ פּראָטאָקאָל, אַז ער האָט נישט קיין אַנונג ווער ס׳האָט גורם געווען צו דער שריפה פון דער שול. מ׳האָט אים געצוווּנגען אונטערצושרייבן דעם דאָזיקן פּראָטאָקאָל.

פון דער אָפּגעברענטער שול איז געבליבן אַ הוילער שקעלעט, וועלכער איז שפּעטער אָפּגעקויפט און פונאַנדערגענומען געוואָרן דורך אַ קריסט, נאָכן אַרויסטרייבן די יידן פון לאָוויטש.

זונטיק, ד. 12־טן נאָוועמבער, האָט מען ווידער אַרעסטירט אָן שום סיבה אַ פּאָר צענדליק יידן. צווישן זיי, דעם ד״ר י. יאַקראָוסקי, געוועזענער קהילה־פּרעזעס, ציוניסטישער עסקן און ראַטמאַן אין מאַגיסטראַט; מען האָט אויך אַרעסטירט די רייכע פאַרבן־סוחרים, אברהם גרינבערג און זיין ייִנגסטן זון שלמה, און

---

* הרב אברהם כולבו (קודם אבד״ק זאגוראוו).

שלמה שרעגער — פּרעזעס פון י.ס.ק. „מכבי”, אַ געוועזענער קאַפּ־ ראַל אין דער פּוילישער אַרמיי. אויסער די אויבנדערמאָנטע יידן, זענען נאָך אַ לענגערער צייט אַלע אַנדערע באַפרייט געוואָרן. שפּעטער איז אויך אַרעסטירט געוואָרן מ. האָלצדאָרף (מאַן פון מילעווסקאַס טאָכטער), אַ געוו. קאַפּראַל. די פינף ערובניקעס האָט מען אָפּגעשיקט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, פון וואַנען יעדער שפּור פון זיי איז פאַרלוירן געגאַנגען.

פאַרשיקט האָט מען זיי דערפאַר, וואָס קריסטן האָבן איבער־ געגעבן די דייטשן, אַז די דאָזיקע יידן זענען באַגאַנגען שווערע „חטאים”: ד״ר יאַקובאָווסקי האָט פאַר דער מלחמה צוזאַמענגענע־ נומען ביי יידן געלט און געקויפט אַ האַרמאַט פאַרן פּוילישן מי־ ליטער; באַזונדערס זאָל ער האָבן גענומען פון דער פירמע „גרינ־ בערג און זון” די סומע פון 5.000 זלאָטעס און דאָס געלט האָט ער איבערגעשיקט קיין בערלין אויף אויסצופירן אַן אַטענטאַט אויף היטלערן און דער אַטענטאַט איז טאַקע אויסגעפירט געוואָרן.

צווישן די אויסטערלישע בלבולים אויף די דערמאָנטע יידן, איז שלמה שרעגער באַשולדיקט געוואָרן, אַז זייענדיק אַ קאַפּראַל אין דער פּוילישער אַרמיי, האָט ער געפּייניקט אַ זעלנער — אַ פאָלקסדויטש.

אין אַ געוויסן טאָג אין דער צווייטער העלפט פון נאָוועמבער, האָט מען אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע יידן זאָלן זיך פאַר־ זאַמלען אויפן פּלאַץ אין נייעם מאַרק. אין קעגנפאַל וועלן זיי גע־ שאָסן ווערן, אויב זיי וועלן זיך אויסבאַהאַלטן. די פאַרזאַמלטע יידן זענען אַרומגערינגלט געוואָרן מיט ס.ס.־לייט, באַוואָפנט פון קאָפּ ביז פיס. מען האָט די יידן אויסגעשטעלט אין לאַנגע רייען אין אַ האַלבקרייז און פאַר זיי דורכגעפירט אַ געפאַנגענעם פּוילישן סאָלדאַט, ער זאָל דערקענען וועמען פון די יידן. אין דער דאָזיקער קאָנפראָנטאַציע האָט דער פּוילישער סאָלדאַט קיינעם נישט דער־ קענט.

די דאָזיקע קאָנפראָנטאַציע־קאָמעדיע האָט זיך געענדיקט דער־ מיט, וואָס דער זשאַנדאַרמעריע־קאָמענדאַנט האָט געמאָלדן, אַז היות מען האָט געזען, אַז אין גאַס האָבן דריי מענטשן געטראָגן געווער, צו וועלכן דער פּוילישער סאָלדאַט איז אַן עדות דערויף. ווען מען האָט די דריי באַוואָפנטע לייט געוואָלט אַרעסטירן, זענען זיי אַנטלאָפן, און לויטן „לויפן” האָט מען דערקענט, אַז דאָס זענען יידן.

אויב דער זעלנער האָט איצט קיינעם נישט דערקענט, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס נישט אַלע יידן האָבן זיך צוגעשטעלט. על־כן, מוזן די יידן באַצאָלן 2.000 זלאָטעס קאָנטריבוציע, און אַלע יידן בלייבן אַרעסטירט, ביז די איבעריקע וועלן זיך צושטעלן.

במשך צוויי שעה, איז די קאָנטריבוציע געהעכערט געוואָרן אויף 10.000 זלאָטעס. די אַרעסטירטע יידן האָט מען אַוועקגעפירט אין דער ברויערײ אויפן קוראַב, הינטער דער שטאָט. נאָכדעם, ווי מען האָט די יידן דאָרט געפּייניקט און געהאַלטן אין דעם רואי־ נירטן בנין פון דער ברויערײ אין שרעקלעכע באַדינגונגען, האָט מען זיי דריי טעג שפּעטער באַפרייט, נאָכדעם, ווי אַדאַנק דער אינטערווענץ פון די אָרטיקע בירגער, איז די קאָנטריבוציע איינ־ געצאָלט געוואָרן.

אַרום דעם 20־טן דעצעמבער זענען קיין לאָוויטש אָנגעקומען הונדערטער יידן פון לאָדזש און אומגעגנט. אָנגעקומען זענען די יידן אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד, האַלב־לעבעדיקע. מען האָט זיי געברענגט אין פאַרפּלאָמבירטע וואַגאָנען און אויפן וועג זיי אָכ־ זריותדיק געפּייניקט. אַ סך פון די פּליטים זענען אין די וואַגאָנען פאַרפרוירן געוואָרן.

די לאָוויטשער יידן האָבן די פּליטים אויפגענומען בסבר פנים יפות, טראָצדעם וואָס זיי אַליין זענען געווען שרעקלעך פאַרשעמט און דאַכלאָז.

די לאַגע אין שטאָט האָט זיך כסדר פאַרערגערט. די קוואַלן פון יידישע פּרנסות האָבן זיך אויסגעשעפּט. די יידישע געשעפטן האָבן זיך אויפן באַפעל פון לאַנדראַט ד״ר שווענדער איינציקווייז געשלאָסן און זייערע ערטער האָבן פאַרנומען די קריסטן.

די פּליטים, טראָץ דעם, וואָס זיי האָבן זיך געפונען אין אַ זייער קריטישער לאַגע, האָבן דאָך דעם בטחון נישט פאַרלוירן — דעם בטחון, אַז זיי וועלן דעם שונא איבערלעבן.

די דייטשע מאַכט האָט עטלעכע מאָל צוגעשיקט אויפפאָדער־ רונגען צו דער גמינע, אַז די פּליטים מוזן פאַרלאָזן די שטאָט. די גמינע האָט אָבער פאַר געלט די גזירה אָפּגעשריגן.

4 מיידלעך אין לאָוויטשער געטאָ, מיט אָרעם־בענדער און מגן־דודס. איבער דער געטאָ־מויער זעט זיך די אויפשריפט: „דער וווינגעביט פאַר יידן — אַרויסגאַנג פאַרבאָטן”

פאַר פּסח האָבן זיך אַ שיט געטאָן אויף די קעפּ פון יידישן לאָוויטש אַ פרישער האָגל פון צרות. צוליב דער גרויסער ענג־ שאַפט אין שטאָט, מיטן צושטראָם פון טויזנטער יידישע פּליטים, האָבן זיך פאַרשפּרייט פאַרשידענע קראַנקהייטן, פון וועלכע עס זענען געשטאָרבן אַ סך מענטשן. מען האָט אָנגעהויבן אַנווענדן שטרענגערע רעפּרעסיעס קעגן יידן אונטער דער לאָזונג: „קאַמף מיט דער עפּידעמיע”.

זיי האָבן אָפּגעשלאָסן די זדונסקאַ גאַס און אַ דייטשער דאָק־ טאָר האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים אַריינגאַנג און געמאַכט פאַר־ שידענע מאַנעוורעס מיט די יידן.

די דייטשן האָבן די פאַרהאַלטענע יידן אָפּגעשיקט אין דער באָד, דעזינפעקציאָנירט זייערע וווינונגען און מלבושים. די זדונ־ סקאַ גאַס האָט זיך געענדערט נישט צו דערקענען.

אויפן באַפעל פון לאַנדראַט איז געשאַפן געוואָרן די יידישע פּאָליציי אונטער דער לייטונג פון די ה״ה יאָסל וויינשטאָק און לייבל זילבערבערג. די זדונסקאַ גאַס איז אַזוי אַרום געוואָרן דער ערשטער שריט פון אַ געטאָ אין לאָוויטש.

די פּראָוויזאָרישע פאַרצוימונגען מיט דראָט ביים אַריינגאַנג אין דער זדונסקאַ גאַס, זענען באַזייטיקט געוואָרן און אַ פּאַר וואָכן שפּעטער האָט מען אויף זייערע ערטער אויפגעשטעלט הויכע מויערן, וואָס האָבן אָפּגעטיילט די יידן פון דער אַרומיקער באַ־ פעלקערונג.

דער לאַנדראַט ד״ר שווענדער האָט זיך באַרימט, אַז ער איז דער איניציאַטאָר און שעפער פון ערשטן געטאָ אין וואַרשעווער קרייז.

די פוילישע באַפעלקערונג האָט זיך אָרגאַניזירט קעגן די יידן, זיי האָבן געשיקט מעמאָריאַלן און דעלעגאַציעס צו דער מאַכט און געפאָדערט, אַז מען זאָל דאָס יידישע געטאָ איבערטראָגן הינטער דער שטאָט, מיטן מאָטיוו, אַז עס איז אַ חרפה, אַז אין אַזאַ אַלט־פוילישער שטאָט זאָלן וווינען יידן.

פיל פּאָליאַקן האָבן זיך שוין געהאַט איינגעקויפט העק און מעסערס און אַנדערע מכשירים, מיט וועלכע זיי האָבן זיך געגרייט אויפצורייסן די יידישע געשעפטן און שטובן, בעת דער עוואַקואַציע.

דער לאַנדראַט איז אָבער אויך נישט געווען קיין פוילישער פריינט און האָט זייער בקשה נישט דערפילט.

דאָס געטאָ איז געשאַפן געוואָרן אין מיטן שטאָט און געווען פונאַנדערגעטיילט אין פיר טיילן. פון איין זייט און דער צווייטער זייט געטאָ האָט מען געמוזט אַדורכגיין די אַרישע גאַסן. דערנאָך



די יידן פון לאָוויטשער געטאָ קומען אָן אין וואַרשעווער געטאָ, מערץ 1941
The Jews of Lowicz enter the Warsaw Ghetto.

האָט מען אָנגעהויבן צו שניידן פון אים שטיקער, ביז עס איז געבליבן נאָר איין זדונסקאַ גאַס און אויך אַ שטיקל שיענקיעוויטשאַ. (דער אַמאָליקער פערד־מאַרק — שפּעטער די אַלייען שיענקיעוויטשאַ).

ביי די טויערן פון געטאָ זענען געשטאַנען יידישע און פוילישע פּאָליציי.

אינעווייניק אין געטאָ האָט די פוילישע פּאָליציי קיין שום דעה נישט געהאַט. זי האָט אָבער וויזיטירט דאָס געטאָ, כדי צו כאַפּן די קריסטן, וועלכע שמוגלען אַריין פּראָדוקטן פאַר די יידן.

פון אָנהויב, ווען דאָס געטאָ איז געשאַפן געוואָרן, איז די לאַגע פון די יידן געווען זייער אַ קריטישע. קיינער האָט נישט פאַרדינט קיין גראָשן. דערצו נאָך, האָט מען זיי געפּייניקט מיט עינוים קשים. די קראַפט פון לעבן איז אָבער שטאַרקער פון די געטאָ־מויערן. יידן האָבן אויסגעהאַקט לעכער אין די מויערן, אָדער געשפּרונגען איבער די מויערן און געגאַנגען אויפן דאָרף און פון דאָרט געבראַכט צו ביסלעך פּראָדוקטן. פיל פון זיי זענען געכאַפּט געוואָרן דורך פאָלקס־דויטשן, אָדער דורך דער פוילישער פּאָליציי.

דאָס אַלץ האָט יידן נישט אָפּגעהאַלטן פון ראַטעווען זייערע קינדער פון אַ הונגער־טויט אין דער פאַרשלאָסענער געטאָ.

נאָך צוויי חדשים, ווי ס׳געטאָ איז אויפגעשטעלט געוואָרן, זענען איינגעפירט געוואָרן ספּעציעלע דערלויבענישן אַרויסצוגיין פון געטאָ. די דאָזיקע „פּזשעפּוסטקעס״ זענען געווען חודשלעכע. דער מינימום אָפּצאָל פאַר אַזאַ דערלויבעניש איז געווען 15 זלאָטעס.

די דאָזיקע „קאָנצעסיע״ האָבן יידן באַקומען, נאָכדעם, ווי זיי האָבן איבערגעקויפט דעם לאַנדראַט מיט אַ גרויסער סומע געלט.

אַ וואָך שפּעטער האָט דער „יודענראַט״ באַקומען אַ באַפעל פון לאַנדראַט, אַז ער מוז צושטעלן יעדן טאָג אַ סכום וועש, מעבל און אַנדערע חפצים. די מיטגלידער פון „יודענראַט״ האָבן אַליין געמוזט אַרומגיין איבער די פאַראָרעמטע יידישע שטובן און רעקווירירן אַלע ווערטזאַכן און זיי צושטעלן אין דער געשטאַפּאָ.

אָנהויב זומער 1940, האָט זיך אין לאָוויטש געשאַפן אַן אַרבעטס־פּלאַצוווקע, אויסצוגלייכן דעם טייך בזוראַ, און יעדער ייד האָט געמוזט דריי טעג אין דער וואָך אַרבעטן ביים דאָזיקן מעליאָראַציע־פּראָיעקט. אַ צייט שפּעטער, האָט מען פאַר דער דאָזיקער אַרבעט אָנגעהויבן צאָלן 3 זל. טעגלעך. דאַן האָבן זיך געמאָלדן אַ גרעסערע צאָל פרייוויליקע צו דער אַרבעט. דאָס האָט די דייטשן נישט געשמעקט, און זיי האָבן געענדערט דעם סיסטעם פון דער אַרבעט. דער ציל האָט אויפגעהערט צו זיין די אַרבעט און עס איז געקומען דאָס פּייניקן.

יעדן טאָג זענען פון דער אַרבעט ביי דער בזוראַ אַהיימגעגאַנגען עטלעכע יידן מוראדיק צעשלאָגענע און פיל פון זיי אפילו קאַליקעס.

פאַר ראש־השנה, 1940, האָט זיך די לאָוויטשער באַפעלקערונג געגרייט אויפצונעמען דעם גובערנאַטאָר ד״ר פראַנק, וואָס איז ספּעציעל געקומען זיך באַקענען מיט די מעטאָדן פון זיין תלמיד מובהק, ד״ר שווענדער, דעם ראַטגעבער.

לכבוד דעם דאָזיקן באַזוך האָט מען פאַרשמעלערט דאָס געטאָ און איינגעאָרדנט אַרום אים אַ נייטראַלן פּאַס פון 6 מעטער די ברייט. די יידישע פּאָליציי האָט דעם טאָג באַקומען פּאָליציי־היטלער. ד״ר פראַנק איז מיט גרויס פּאַראַד אַדורכגעפאָרן דאָס געטאָ און אויסגעדריקט אָנערקענונג דעם ד״ר שווענדער פאַר זיין געניאַל מייסטערווערק.

אַזוי האָבן יידן געלעבט ביז ענדע יאַנואַר 1941. צו יענער צייט האָט מען אָנגעהויבן אַרויסטרייבן די יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך, ווי זשיראַרדאָוו, בלוינע, סאָכאַטשעוו.

אין לאָוויטש האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז אויך פון לאָוויטשער געטאָ וועט מען אַלע אַרויסטרייבן. דער „יודענראַט״ איז געגאַנגען מיט אינטערווענצן צום וויצע־לאַנדראַט, ה׳ מונקעל. ער האָט כסדר פאַרזיכערט, אַז אַזאַ באַפעל וועגן אַ גירוש איז נישט פאַראַן.

פּלוצלינג, שבת, דעם 22־טן פעברואַר, 1941, איז געקומען אַ זשאַנדאַרם אין דער גמינע מיט אַ גירוש־באַפעל, לויט וועלכן יעדן טאָג מוזן פאַרלאָזן די שטאָט 300 יידן, אַזוי, אַז ביזן 19־טן מערץ זאָל לאָוויטש זיין „יודענריין״.

די רייכע יידן זענען צוליב פּחד נאָך פריער אַנטלאָפן, אַזוי, אַז דעם 1־טן מערץ איז אין לאָוויטש געבליבן אַ גאַנץ קליינע צאָל יידן.

די רייכע זענען געפאָרן אין אויטאָס, מיטנעמענדיק מיט זיך פאַרשידענע זאַכן, ווייל אויסער סחורה, האָט מען אַלץ דערלויבט

מיטצונעמען. דערקעגן די אָרעמעלייט זענען געצוווּנגען געווען אויסצוּוואַנדערן צופוס און איבערלאָזן זייער אָרעם ביסל האָב־און־גוטס אויף הפקר.

זייער גירוש איז געווען זייער אַ פּיינלעכער. דייטשן און אונטערוועלטניקעס זענען זיי באַפאַלן און ביי די אומגליקלעכע צוגערויבט דאָס לעצטע, וואָס זיי האָבן אויף זיך פאַרמאָגט.

אויסוואַנדערן האָט מען נאָר געמעגט קיין וואַרשע. דער גירוש האָט אַרומגענומען 7.000 יידן. די דאָזיקע צאָל יידן זענען אַלע אַריין אין וואַרשעווער געטאָ, וווּ זיי שטאַרבן ביסלעכווייז אויס פון נויט און הונגער.

ט· ברוסטין-בערנשטיין (וואַרשע)

די איבערבאַזעצונג אין וואַרשעווער געטאָ

(פּרטים וואָס באַציען זיך דירעקט צום לאָוויטשער קרייז)

אַדמיניסטראַטיווע טיילונג און סטאַטיסטישע ידיעות

די איבערבאַזעצונג פון דער יידישער באַפעלקערונג איז איינער פון די עטאַפּן אויפן וועג צו רעאַליזירן די אַנטי־יידישע היטלער־פּאָליטיק, וועלכע צילט פּלאַנמעסיק און סיסטעמאַטיש צו דער אויסראָטונג פון די יידן.

אין דער ערשטע תקופה פון דער היטלעריסטישער ממשלה אין פּוילן האָט מען געוואָרפן אויפן שטח פון ג״ג צענדליקער טויזנטער יידן פון די געביטן, וועלכע זענען געוואָרן איינגעגלידערט אין רייך.

אין דער תקופה פון שאַפן די געטאָס האָט מען צונויפגעשפּאַרט די יידישע באַפעלקערונג אויף אַ באַגרענעצטן, זייער קליינעם שטח, נישט זאָרגנדיק זיך לחלוטין וועגן די עלעמענטאַרע תנאים צום לעבן.

אין אַ גאַנצער ריי מקומות זענען די געטאָס געווען נאָר אַ קורצע פאַרבייגייענדיקע דערשיינונג. די קאָנצענטרירטע אין זיי יידישע באַפעלקערונג האָט מען אָפט נאָך עטלעכע וואָכן אַריבערגעוואָרפן אין אַ צווייטן גרעסערן ישוב.

דער וואַרשעווער דיסטריקט האָט אַרומגענומען 13 פּאָוויאַטן, דערפון 8 פּאָוויאַטן פון דער געוועזענער וואַרשעווער וואָיעוואָדשאַפט, איינגעשלאָסן לאָוויטש.

די זיץ־ערטער פון די קרייז־הויפּטמענער האָבן זיך געפונען אין 10 שטעט: וואַרשע, סאָכאַטשעוו, גריצע, לאָוויטש, סקערניעוויץ, מינסק, סאָקאָלאָוו, שעדלעץ, גאַרוואָלין, אָסטראָוו און אין 3 שטעט: זשיראַרדאָוו, גראָדזיסק און ווענגראָוו, האָבן די קרייז־הויפּטמענער געהאַט זייערע א״ג „אויסנשטעלעס”. דעם 15־טן אַפּריל 1941 האָט מען פאַראייניקט אין איין קרייז־הויפּטמאַנשאַפט לאָוויטש און סקערניעוויץ, באַשטימענדיק דאָס זיץ־אָרט פון קרייז־הויפּטמאַן — אין לאָוויטש.

די איבערבאַזעצונג־פּאָליטיק אויף די פּוילישע געביטן האָט געטראָפן אַ געוואַלטיקן פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג. דער יידישער פּליט האָט זיך קוים באַוויזן איינלעבן און שלאָגן וואָרצלען אין זיין פרישער היים און שוין האָט מען אים געוואָרפן אין נייע תנאים פון לעבן, ריכטיקער פון וועגעטאַציע. אויף אַזאַ אופן האָט מען אָפּגעשוואַכט די נאַטירלעכע וויטאַליטעט און דעם ווידערשטאַנד־כּוח פון דעם מאַטעריעל אַמשוואַכסטן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג.

אַזוי ווי די פּלענער פון איבערבאַזעצן יידן האָבן שטאַרק אַבסאָרבירט די דייטשע אַדמיניסטראַציע פון דיסטריקט, האָט מען כּסדר געזוכט שטחים ווו זיי איבערצוטראַנספּאָרטירן.

די אָפּטיילונג „אומזידלונג” אין וואַרשע, האָט זיך געווענדעט דעם 10־טן יולי 1940 צו דער דייטשער אַדמיניסטראַציע אין לובלין צום רעגירונג־ראַט טירק וועגן איבערבאַזעצן 10 טויזנט יידן פון די שטעט זשיראַרדאָוו און לאָוויטש אין לובלינער קאַנט, ווייל די מעגלעכקייטן צו באַזעצן זיי אין וואַרשעווער דיסטריקט זענען שוין אויסגעשעפּט. דער לייטער פון דער אָפּטיילונג אין וואַרשע האָט אויפגעקלערט זיין קאָלעגע, אַז דאָס אַנטיידישן זשיראַרדאָוו האָט פאַר אַ ציל דאָס עלימינירן זייער שעדלעכע השפּעה אויף אַ באַדייטנדיקן חלק פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג און אַז די איבערבאַפעלקערונג פון לאָוויטשער געטאָ קען האָבן שלעכטע פאָלגן פון סאַניטאַרן שטאַנדפּונקט.

די יידן פון די מערב־קרייזן, ד״ה פון גריצער, סאָכאַטשעוו—בלוינער, לאָוויטשער, סקערניעוויצער און פון דעם מערב־טייל פון וואַרשעווער קרייז, זענען געוואָרן איבערבאַזעצט קיין וואַרשע אינעם ערשטן קוואַרטאַל פון יאָר 1941 און דאָרט האָבן זיי על פּי רוב באַוווינט די פּונקטן פאַר פּליטים. דער גרעסטער פּראָצענט פון די דאָזיקע פּליטים איז אויסגעשטאָרבן פון הונגער און עפּידעמישע קראַנקהייטן במשך פון זייער קנאַפּ אַנדערטהאַלביאָריקן זיין דאָרט; צווישן פּליטים האָט מען אויך קודם כּל ווערבירט דעם מענטשן־מאַטעריאַל פאַר די אַרבעט־לאַגערן. און לסוף האָבן די ערשטע טראַנספּאָרטן יידן, וואָס זענען געגאַנגען קיין טרעבלינקע אויף אומקום, פאַרכאַפּט קודם כּל מיט זיך די פּליטים.

די איבערבאַזעצונג אין די גרענעצן פון די קרייזן אין מערב־טייל פון וואַרשעווער דיסטריקט און אין קרייז וואַרשע־לאַנד

אין די קרייז־הויפּטמאַנשאַפטן פון מערב־טייל פון וואַרשעווער דיסטריקט, ד״ה אין גריצער, בלוינע־סאָכאַטשעווער, לאָוויטשער, סקערניעוויצער און אַ טייל וואַרשעווער קרייז, וואָס זענען געלעגן אויף מערב פון דער ווייסל, זענען אַנטשטאַנען יידישע קוואַרטאַלן, ד״ה געטאָס אין דער צייט צווישן מאַי און דעצעמבער 1940.

אַמפּריסטן זענען געטאָס געשאַפן געוואָרן אין לאָוויטשער קרייז, שוין אין מאַי, יוני 1940. אין אַ ריי אַנדערע קרייזן ערשט האַרבסט 1940. צוזאַמען מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג האָט מען איבערבאַזעצט אין די געטאָס יידן פון די שכנותדיקע דערפער און געמיינדעס (גמינעס).

קרייז לאָוויטש Kreishauptmannschaft ŁOWICZ

	אָרט	צאָל יידן: ביז 1/IX 1939	צאָל יידן: 1940	צאָל יידן: 1941	איינזידלונג אָדער צאָל פּליטים און גולים: 1939	איינזידלונג אָדער צאָל פּליטים און גולים: 1940	איבערזידלונג: 1941
1	באָלימאָוו BOLIMÓW	239 *)	VI — 419 *) XII — 460 *)			9/VI — 120 פּליטים פון לאָוויטש *)	(III — קיין וואַרשע)
2	גלאָוונע GLOWNO	2100 **)	VII — 5602 (4435 *)) VIII — 5367 (4200 *)) XII — 5220 *)		29/XII — 2000 [illegible] *)	צ.א.ב 12/I — 2700 פון לאָדזש, [illegible] *) צ.א.ב 1/VI — 3500 *) — [illegible] *)	III — קיין וואַרשע, א טייל בעל־מלאכות קיין לאָוויטש *)
3	קערנאָזשיע KIERNOZIA		XII — 650 *)			צ.א.ב 1/VI — 240 *)	(III — קיין וואַרשע)
4	לאָוויטש ŁOWICZ	4539 **)	VIII — 8200 (4700 *)) 8.032 — (4.466 **))	II — קרוב 7000 *)		צ.א.ב III — 3100 פון [illegible] *) צ.א.ב 1/VI — 3500 *)	II ביז III — קיין וואַרשע *) [illegible] 100 ביז 150 [illegible] *) IX — [illegible] קיין וואַרשע *)
5	לישקאָוויצע געמיינע ŁYSZKOWICE gm.	קרוב 1500 **)	XII — קרוב 500 *)	I — 600 (300) *)		צ.א.ב 29/III — 266 פון [illegible] *) צ.א.ב 1/VI — 500 *)	(III קיין — וואַרשע)

אין לאָוויטשער קרייז האָבן גרעסערע קיבוצים יידישע עקזיסטירט אין די שטעט לאָוויטש און גלאָוונע (Głowno). קלענערע מיט אַן ערך 500—600 נפשות אין באָלימאָוו (Bolimów), קערנאָזיע (Kiernozie) און לישקאָוויץ (Łyszkowice). לאָוויטש האָט געציילט אין 1940 — 8.032 יידן, דערין — 4.466 פּליטים.

דעם 9־טן יוני 1940 האָט מען איבערגעפירט 120 פּליטים פון דער לאָוויטשער קאַראַנטין קיין באָלימאָוו, וווּ ס׳איז אַנטשטאַנען דעם 11־טן יוני אַ פאַרמאַכטער יידישער וווינגעביט מיט 419 נפשות.

די איבערבאַזעצונג פון יידן קיין וואַרשע

אָרט קרייז לאָוויטש	צאָל יידן פאַר דער איבערבאַזעצונג	ווען איבערבאַזעצט קיין וואַרשע?
באַלימאָוו	460	מערץ 1941
גלאָוונע	5.220	״ ״
קערנאָזיע	650	״ ״
לאָוויטש	7.000 בערך	״ ״
לישקאָוויטש	500 ״	״ ״

א פאַלקס־קיך פאַר פּליטים אין לאָוויטש

פון אַפּשריפטן פון פּראָטאָקאָלן, וואָס דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט אין וואַרשע האָט אונדז צוגעשיקט, נעמען מיר אַרויס פּרטים, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער הילפס־טעטיקייט, וואָס די יידישע געמיינדע אין לאָוויטש האָט געלייסטעט לטובת די פּליטים אין געטאָ.

פון אַ באַריכט פון חודש אויגוסט, 1940, ווערן מיר געוווּיר, אַז דער סאָציאַלער הילפס־קאָמיטעט פאַר פּליטים, האָט געאַרבעט ביי אויסערסט שווערע באַדינגונגען און האָט במשך דעם זעלבן חודש אויפגענומען 4.852 אינטערעסאַנטן.

● די אַרבעט אין דער קיך איז געווען אַן אומנאָרמאַלע. געווען טעג, ווען עס זענען בכלל נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן קיין מאָלצייטן. אין דורכשניט זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן 1112 מאָלצייטן. 59 פּראָצענט פאַר דערוואַקסענע (655 פּערזאָן), און 41 פּראָצענט פאַר קינדער (451).

דערנערונגס־שטעלע (צענטאַס) פאַר קינדער

● עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן א באַזונדערע דערנערונגס־שטעלע פאַר קינדער. מען האָט אָנגעהויבן מיט 143 קינדער, אין עלטער פון 4 ביז 12 יאָר. די צאָל איז געוואַקסן צו 310. דאָס דערנערן פון די קינדער איז פאָרגעקומען צוויי מאָל טעגלעך. קליינע קינדער באַקומען א האַלבן ליטער מילך און 28 דעקאַ ברויט. די גרעסערע קינדער א האַלבע זיסע קאַווע מיט אזא פּאַרציע ברויט.

● אין חודש אויגוסט, האָט מען צוויי מאָל געבאָדן די קינדער. די יינגלעך האָט מען פאַרן באָדן אָפּגעשוירן. דאָס לעצטע העלפט אָפּצוהיטן די היגיענע.

● די קולטור־אַרבעט איז באַשווערט צוליב דעם, וואָס אין עס־זאַל טרעפן זיך קינדער פון פאַרשיידענעם נישט גלייכן עלטער. עס איז אָבער געטאָן געוואָרן אַלץ אין דער ריכטונג. יעדן פרימאָרגן האָט מען פאַר די קינדער פאָרגעלייענט מעשהלעך, געפירט געשפּרעכן. עס איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן א קליינע זעלבסט־פאַרוואַלטונג.

● דעם 22־טן דעצעמבער 1940, ווערט געמאָלדן דעם דזשאָינט אין וואַרשע, אַז דאָס געטאָ איז געבליבן אָן קאַרטאָפל און די פאָלקס־קיך איז נישט טעטיק. דאָס איז געשען צוויי מאָל דעם זעלבן חודש. מען איז געצוווּנגען געווען אויסצוטיילן מעל אויף קאַרטאָפל, וואָס האָט קוים געקלעקט אויף עטלעכע טעג. די פּרעסט און שניי־זאַוויערוכעס זענען געווען זייער שווערע.

● דעם 20־טן יאַנואַר, 1941, ווערט געשיקט א דרינגענדער בריוו צום פּרעזידיום פון דער יידישער סאָציאַלער הילף אין קראָקע, אין וועלכן עס ווערט געמאָלדן, אַז די פאָלקס־קיך איז געבליבן אָן פּראָדוקטן, וועגן טויט־פאַלן און, אַז מענטשן ווערן פאַרפרוירן. דער הילפס־קאָמיטעט איז הילפלאָז צוליב מאַנגל אין פּראָדוקטן. אַ דעלעגאַט קען נישט אַרויספאָרן וועגן באַקומען הילף, ווייל מען וויל אים נישט געבן קיין אַרויספאָר־שיין.

אונטערגעשריבן:

פאָרזיצער — י. מיעדזשינסקי

וויצע־פאָרז. — י. פייגענבוים

(אַרכיוו, זש. י. ה. יוס, 346/229, ז. 29)



364

Warszawa, dnia 19 kwietnia 1941 r.

Prez. Nr.31/41

Wpłynęło dnia 23.4.41
L. 2858
Załatwiono ....

Do Prezydium
Żydowskiej Samopomocy Społecznej

w Krakowie

1/ Dotyczy: pisma Abt. Inn. Verw. Gruppe III a Szefa Dystryktu Warszawskiego z dnia 1o bm.

Pismem z dnia 1o kwietnia rb. Komisarz dzielnicy żydowskiej w Warszawie / Abteilung Innere Verwaltung Gruppe III a/ zawiadamia J.S.S., iż w okresie od 21 - do 3o bm. nastąpi wysiedlenie pozostałych 3000 Żydów powiatu łowickiego do Warszawy, drugim zaś pismem z tejże daty Komisarz Mohns zawiadamia, iż Abteilung Innere Verwaltung przekazało kwotę zł. 2oo.ooo.- do Transferstelle na zakup produktów do dyspozycji K.O.M.-u i prosi, aby z kwoty tej zatrzymać rezerwę w wysokości 8o.ooo.- złotych na wyżywienie przesiedleńców mających przybyć z Łowicza oraz 9.ooo wysiedleńców, mających przybyć z Mińska Maz., polecając jednocześnie zaopiekowanie się wysiedleńcami w całej rozciągłości.

2/ Dotyczy: konferencji z Komisarzem Mohnsem w dniu 18 kwietnia r

פאָטאָסטאַט פון ערשטן טייל בריוו צום פּרעזידיום פון דער יידישער סאָציאַלער זעלבסטהילף בנוגע דער באַשפּייזונג פון די איבערבאַזעצטע לאָוויטשער יידן קיין וואַרשע

364. —

וואַרשע, ד. 19־טן אַפּריל 1941.

פּרעז. גר. 31/41

אַרדנגעקומען 23.4.41. ל. 2858. — דערלדדיקט.

צום פּרעזידיום פון דער יידישער סאָציאַלער זעלבסטהילף אין קראָקע.

1) בשייכות שריפטן אפּט. אינג. פערוו. גרופּע 111אַ שעף פון וואַרשעווער קרייז פון 10־טן ד. ח.

מיט דער שריפט פון 10־טן אַפּריל ד. י. טיילט מיט דער קאָמיסאַר פון יידישן קוואַרטאַל אין וואַרשע (אָפּטיילונג איננערס פערוואַלטונג גרופּע 111א) דעם י.ס.ס., אַז אין דער צייט פון 12־טן ביזן 30־טן ד.ח. וועט פאָרקומען די איבערבאַזעצונג פון די איבערגעבליבענע 3 טויזנט יידן אין לאָוויטשער קרייז קיין וואַרשע. ווידער מיטן צווייטן שריפט פון דער זעלבער דאַטע טיילט מיט דער קאָמיסאַר מאהנס, אַז די אָפּטיילונג איננערס פערוואַלטונג האָט איבערגעוויזן די סומע 200.000 זל. צו דער טראַנספערשטעלע אויף איינצוקויפן פּראָדוקטן צו דער דיספּאָזיציע פון ק.א.מ. און בעט, אַז פון דער דאָזיקער סומע זאָל פאַרהאַלטן ווערן אין רעזערוו די סומע פון 80.000 זלאָטעס אויף צו באַשפּייזן די איבערבאַזעצטע, וואָס דאַרפן אָנקומען פון לאָוויטש ווי אויך 9.000 איבערבאַזעצטע פון מינסק מאז., רעקאָמענדירנדיק גלייכצייטיק ווי געהעריק זיך פאַרנעמען מיט די איבערבאַזעצטע.

2) בשייכות: די קאָנפערענץ מיטן קאָמיסאַר מאהנס ד. 18־טן אַפּריל, ד. י.

אַדאַנק אַ טעלעפאָנישער פאַרשטענדיקונג בין איך איינגעלאַדן געוואָרן דורך הערן מאהנס אויפן 19־טן אַפּריל אויף אַ לענגערער קאָנפערענץ. אין לויף פון דער קאָנפערענץ, האָב איך באַרירט אַ ריי יסודותדיקע פּראָבלעמען, אונטערשטרייכנדיק אויפן ערשטן אָרט, אַז דער צוגעזאָגטער אונדז אויפן חודש מערץ סכום נויטבאַדערפטיקע פּראָדוקטן זענען אונדז נישט צוגעשטעלט געוואָרן, און אַז עס איז שוין אָפּגעלאָפן אַ האַלבער חודש אַפּריל און מיר האָבן אַלץ נאָכנישט באַקומען קיין פּראָדוקטן פאַר דער סאָציאַלער אויפזיכט און בפרט, אויף צו באַשפּייזן אַ ריזיקע צאָל איבערבאַזעצטע.

דאַנקענדיק פאַרן איבערווייזן די סומע צו דער טראַנספערשטעלע, האָב איך גלייכצייטיק אָנגעוויזן, אַז אין דער טראַנספערשטעלע געפינט זיך ביים איצטיקן מאָמענט אַרום 200.000 זלאָטעס אויף איינצוקויפן פּראָדוקטן, און אַזוי לאַנג, ווי מיר וועלן נישט באַקומען קיין פּראָדוקטן צו קאָנטינגענט־פּרייזן, אַזוי לאַנג וועלן די איבערגעוויזענע געלטער, אפילו זיי זאָלן פאַרפילפאַכט ווערן, נישט ברענגען קיין שום נוצן און באַצוועקן דעם ציל אויף וועלכן זיי זענען באַשטימט געוואָרן.

אונדז זענען דרינגענד נויטיק גרונטיקע לעבנס־מיטלען: ברויט, מעל, קאַרטאָפל און פעטס.

איך האָב אויך אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם אינהאַלט פון די דורך מיר צוגעשטעלטע באַריכטן פון דער איבערבאַזעצונגס־אַקציע, אויף די פאַרגרעסערנדיקע זיך הונגער־טויט־פאַלן, בעטנדיק אין נאָמען פון די הונגעריקע און אָרעמע אונטערצונעמען ענערגישע שריט, כדי זיי צו פאַרזיכערן מיט דעם לעבנס־נויטיקן סכום פּראָדוקטן.

עמנואל רינגלבלום

כתבים פון געטאָ

זייט 38

14־טער דעצעמבער 1939. איך האָב דיר פּאָלגנדעס מיטצו־טיילן: פון פּויזן זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן אין פּאַרמאַכטע וואַגאָנען, צווישן זיי פּראָפ. באַרטעל און טיילאָר מיט זייערע פאַמי־ליעס. זיי זענען געשיקט געוואָרן קיין וואַרשע. פון דאַנען קיין לאָוויטש און פון דאָרט קיין ראַדאָמסקאָ. די ישראלים האָבן זיך דערוווסט און געקומען מיט ברויט, מילך און וואַסער און הגם מען האָט זיי אַוועקגעטריבן מיט קאָלבעס, דאָך געגאַנגען *).

זייט 62

די יידן זענען אַריבערגעפירט געוואָרן קיין וויסקיטקי, בלוינע און גראָדזשיסק. אין לאָוויטש זענען דאָ נייע. די לעצטע טעג (פאַרן ערשטן יאַנואַר) פאַרטריבענע יידן פון לאָדזשער געגנט.

זייט 115

אין לאָוויטש שטאַרק פאַרשפּרייט די קראַנקהייטן, אַרומגע־רינגלט מיט שטעכיקע דראָטן. מען קען נישט אַריין און נישט אַרויס.

דאָס געטאָ אין לאָוויטש איז איינגעפירט געוואָרן אין מאַי 1940 יאָר.

געהערט פון יידן פון גלאָוונאָ, אַז די פּויערים האָבן זיי ממש אויסגעהאַלטן אַ גאַנצן ווינטער. נישט געווען קיין פאַל, אַז אַ ייד זאָל אַריין אין דאָרף און נישט צוריקקומען מיט אַ זאַק קאַרטאָפל.

זייט 227

10־טער מערץ 1941

די גרעסטע פּוילישע קינסטלער — סטעמפּאָווסקי, יאַראַטש, מאַליצקאַ און אַנדערע, ריכטער און אַדוואָקאַטן. עס דראָט זיי אַלעמען דער טויט, אויב זיי וועלן זיך נישט מעלדן. מען זאָגט, אַז נעכטן האָבן זיך געמאָלדן 44 פּוילישע פרויען. צווישן אַנדערע, דערציילט מען, האָט זיך געמאָלדן די קינסטלערין בזשיזשינסקאַ בריוולעך און זיך פאַרסמט. מען דערציילט וועגן אַן ענלעכער געשיכטע אין לאָוויטש, ווו די גאַנצע פּוילישע אינטעליגענץ איז איינגעשיבנט געוואָרן.

זייט 251

26־טער אַפּריל 1941

בשעת דער פּסח־אַקציע האָט דער מיליאָנער פון לאָוויטש ראַוויצקי צוויי מאָל געחלשט אויפן וועג פון הונגער.

זייט 254

די ערשטע גרוסן פון די לאַגערן, באַזונדערס פון לאָוויטש, זענען געווען שלעכטע: 200 גראַם ברויט, דערצו אַרבעט אין וואַסער ביים רעגולירן די בזורע. האַנטווערקער און בכלל ווירטשאַפטלעך־אַקטיווע ווערן באַפרייט פון די לאַגערן. די אויפרעגונג פון די יידן צו די כאַפּערס איז געווען אַזאַ גרויסע, אַז אַ דעלעגאַציע פון אפּי־צירן פון פּאָליציי האָט זיך געמאָלדן אין דער קהילה דערקלערנדיק, אַז זיי ווילן נישט, מען זאָל זיי באַנוצן צו דער דאָזיקער מיאוסער אַרבעט. אַ טייל האָבן זיך דערקלערט גרייט צו גיין אין לאַגער. אַבי נישט צו דאַרפן כאַפּן צו דער אַרבעט. אייניקע פון די פּאָליציאַנטן ביים נעמען כאַבאַר, האָט מען געשיקט אין די לאַגערן (אַ גאַנץ קליינעם טייל). איינער וואָס האָט פאַרדינט 5 טויזנט זל. איין נאַכט, איז נאָך עטלעכע טעג פאַרשיקן אין לאַגער, געקומען מיט אַ שומר איינקויפן פּראָדוקטן. ער האָט דערקלערט, אַז פאַר 200 זל. קען ער באַפרייען פון לאַגער. דער לאַגער־שוץ וואָס רעקרוטירט זיך פון דעם רוב אוקראַינער, באַשטייט פון אויסוווּרפן, וואָס האָבן זיך געלאָזט פילן דער יידישער באַפעלקערונג. נעכטן, ד. 25־טן אַפּריל (1941) האָבן זיי געפּרוּווט רויבן אין יידישע געשעפטן. יענע האָבן זיי געכאַפּט, פאַרקאָוועט אין קייטן און אַוועקגעפירט. היינט, דעם 26־טן, איז פאָרגעקומען דאָס זעלבע. אין לאָוויטש, פאַרציילט מען, אַז איינער פון לאַגער־שוץ האָט באַגאָסן אַ יידישן יונגערמאַן מיט בענזין און אונטערגעצונדן. זיי טראָגן ביקסן און זענען באַקליידעט אין גרינע מונדירן.

זייט 257

פון 500 געשיקטע קיין לאָוויטש זענען 150 צוריקגעקומען, אַלס קראַנקע. 3 זענען געשטאָרבן. די סיבה איז אַ פּשוטע: אויס־געמאַטערטע פּליטים זענען צוויי טעג געלעגן אין קאָלעגיום אָן שפּייז. אין לאָוויטש האָבן זיי ביי אַ שווערער אַרבעט באַקומען 200 גראַם ברויט אַ טאָג.

---

*) קאַזימיעזש באַרטעל (1882—1941), פּראָפ. פון לעמבערגער פּאָלי־טעכניקום, פּוילישער פּרעמיער אין די יאָרן פון 1926—1930, דערמאָרדעט אין לעמבערג אין סוף יוני 1941 דורך די היטלעריסטן.

HAJNT

№ 265 B

פרייז 15 גראשען

דער היינט

16 listopada 1931

שרעקליכע שעה'ן פון פּאָגראָם-שרעק אין לאָוויטש

NASZ PRZEGLĄD, Warszawa, poniedziałek 16 listopada 1931

Ekscesy antyżydowskie w Łowiczu.

ZWIĄZEK STUDENTÓW ŻYDÓW W WIEDNIU

היינט נומער 266

די אידישע באַפעלקערונג אין לאָוויטש לעבט בסדר אין א פּאַנישער שרעק

№ 265B פרייז 15 גר. 8 זייטן

Unzer Express

אונזער עקספּרעס

Adres redakcji i administracji Nalewki 38

Konto czekowe P. K. O. 14.085

Telefony redakcji 411.56 administracji 713.68

וואַרשע, נאַלעווקי 35

16 listopada 1931

מאָנטאג, ד' כסלו תרצ"ב

גרויסע מהומה אין לאָוויטש

ווילדער המון שלאָגט אויס שויבען און פּרובט ראַבירען

עטליכע פערוואונדעטע יידען, איינער — שווער

פאָטאָמאָנטאַזש פון א טייל וואַרשעווער צייטונגען: „היינט", „נאַש פּשעגלאָנד" און „אונדזער עקספּרעס" (נאָוועמבער 16, 1931), וואָס באַריכטן וועגן דעם פּאָגראָם, וואָס איז אין יענער צייט פאָרגעקומען אין לאָוויטש

עדים מספרים

מאַנע כּץ
(פון די צייכענונגען צו יצחק קאַצענעלסאָנס
„דאָס ליד פון מיין אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק”)

עדות דערציילן

מיינע גילגולים איבער טויט־לאַגערן

דערציילט פון משה זיידע

אַ קורצע צייט פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָב איך זיך אַריבערגעצויגן קיין לאָדזש, ווו עס האָבן געוווינט מיינע צוויי עלטערע ברידער.

משה זיידע

אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה בין איך געלאָפן מיט דער אַלגעמיינער בהלה אין דער ריכטונג פון בוג.

נאָך דריי טעג און נעכט וואָגלען איבער ברענענדיקע שטעט, האָט מיין גרופּע זיך דערשלעפּט צום שטעטל גער (גורא קאַלוואַריאַ), ווו מיר האָבן געוואָלט זיך אַריבערשיפן די ווייסל, ווייל די בריק איז געווען אויפגעריסן.

צו אונדזער שטוינונג איז פון דער אַנדערער זייט אָנגעקומען די דייטשע אַרמיי און מיר זענען צו אונדזער פאַרצווייפלונג אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַסטקע.

די דייטשן האָבן צוריקגעטריבן די אין פּאַניק־לויפנדיקע פּליטים און אונדז געזאָגט, אַז אונדז וועט חלילה קיין שלעכטס נישט געשען, אויב מיר וועלן צוריקגיין פון וואַנען מיר זענען געקומען.

מיר האָבן זיך אָבער באַצויגן מיט גרויס אומצוטרוי צו דער כלומרשטער „העפלעכקייט“ און טיף אין האַרצן האָט יעדער דערוואַרט דאָס ערגסטע.

אַ פּיזיש־ און מאָראַליש־דערשעפּטער, האָב איך נאָך שווערע איבערלעבענישן, אויפן דריטן טאָג דערגרייכט לאָדזש.

ווען כ'בין ענדלעך געקומען איבער דער שוועל פון מיין שטוב און דערזען מיין פרוי און טעכטערל, בין איך אויסגעבראָכן אין אַ היסטעריש געוויין, וואָס האָט מיך געהאַלטן אין קראַמפּן עטלעכע שעה צייט.

מיין וווינונג אויף פּאָמאָרסקאַ 79, האָט זיך געפונען אין פראָנט אויפן ערשטן שטאָק. אַקעגנאיבער, אויף אַלייע אנשטעטא, האָט די געשטאַפּאָ געהאַט איר הויפּט־קוואַרטיר.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט די געשטאַפּאָ רעקווירירט מיין וווינונג און אונטער דער דראָאונג פון אַ רעוואָלווער, מיר געגעבן 10 מינוט צייט צו פאַרלאָזן מיין היים, און אַלץ איבערלאָזן. מען האָט מיר און מיין פרוי נישט דערלויבט מיטצונעמען אונדזערע קליידער, צירונג, אָדער שפּייז, בלויז פאַר מיין טעכטערל עטלעכע קליינקייטן.

נאָכן גירוש פון מיין שטוב, בין איך אַוועק צו מיינעם אַ ברודער, וואָס האָט געוווינט אויף באַזאַרנאַ גאַס. דאָ האָבן מיר געוווינט, ביידע משפּחות, דריי וואָכן צייט, ביז מיר האָט זיך איינגעגעבן צו באַקומען אַ וווינונג אויף רייטערא 3.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז שפּעטער, ווען ס'איז איינגעפירט געוואָרן דאָס לאָדזשער געטאָ, האָט מיין דירה זיך געפונען אויף דער סאַמע געטאָ־גרענעץ, און צוליב אַ ריי אומשטענדן, בין איך אַריינגעפּלאָנטערט געוואָרן אין אויסטערלישע איבערלעבענישן, וואָס האָבן מיך שפּעטער געפירט אין פאַרשידענע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, פון וועלכע כ'בין על־פּי־נס לעבן געבליבן.

כ'האָב דאָ געוווינט אַרום זיבן חדשים. דאָס לעבן איז דאָ פאַרהעלטנישמעסיק געווען באַקוועמער, ווי טיפער אין געטאָ, ווייל פאַר געלט האָט מען זיך דאָ געקאָנט איינשאַפן פּראָדוקטן. אין דאָזיקן הויז, אַזוי ווי אין שכנותדיקע לענגאויס דער געטאָ־מויער, האָט זיך געהאַט אַריינגעצויגן אַן עלעמענט, וואָס איז דורך רומקאָווסקין און זיינע באַהעלפער באַצייכנט געוואָרן מיט דריי „פ“: פליישער, פישער און פורמאַנעס.

די לעצטע האָבן געפירט אַן אינטענסיווון שמוגל און האַנדל מיט דער „אַרישער זייט“, ווו זיי האָבן געהאַט זייערע צושטעלער און פאַרבינדלער. מען האָט אויף אַ געהיימען וועג אַריינגעשמוגלט גרויסע טראַנספּאָרטן פּראָדוקטן אין געטאָ אַריין, פאַר דער נאָז פון דער געטאָ־פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע.

רומקאָווסקי האָט עטלעכע מאָל געוואָרנט די גרענעץ־איינוווינער פון דער געטאָ, אַז אויב מ'וועט נישט אָפּשטעלן דאָס שמוגלען, וועט מען קעגן זיי אָננעמען שטראָף־מיטלען.

איינמאָל ביינאַכט איז געקומען די געטאָ־פּאָליציי און דורכגעפירט אַן אָבלאַווע. און מ'האָט פון דעם גרענעץ־געביט אַרויסגעפירט אַלע מענער. אויך איך בין געפאַלן אַ קרבן אין דער זעלבער אָבלאַווע. מ'האָט מיך אַרעסטירט צוזאַמען מיט די אַנדערע אַלס „שמוגלער“.

אַן ערך 70 מענטשן זענען אַרעסטירט געוואָרן. די פּאָליציי איז געגאַנגען לויט אַ רשימה פון שטוב צו שטוב. אין אונדזער הויז זענען אַריינגעקומען אַכט פּאָליציאַנטן. מ'האָט מיר געהייסן אָנטאָן וואַרעמע וועש, און דערביי אונטערגעיאָגט. איך האָב באַוויזן מיטצונעמען אַ סידורל און די תפילין.

די מחנה אַרעסטירטע האָט מען אָפּגעפירט צופוס אויף טשערניאַצקיעגא גאַס, ווו מ'האָט אונדז רעגיסטרירט און אָפּגעשיקט אין דער טורמע.

אַ מידער בין איך אַוועקגעפאַלן אין אָנטועכץ אויף דער שמוציקער באַנק און געפרווט איינשלאָפן, אָבער אַ טשאַד איז געשטאַנען אין קאָפּ און טרויעריקע געדאַנקען האָבן מיך אַריינגעטריבן אין גרויס אומרו.

מיין משפּחה האָט גלייך אינטערווענירט, אויפווייזנדיק מיין אומשולד, אַז כ'בין נישט קיין שמוגלער. אַלע באַמיאונגען האָבן גאָרנישט געהאָלפן. איך, ווי מיינע ברידער און אַלע יידן, האָבן אין יענער צייט נישט באַגריפן, אַז רומקאָווסקי, אַזוי גוט ווי אַנדערע „יודענראַטלער“ אין אַנדערע געטאָס, זענען נישט מער ווי די כלי־זין ביים אויספירן די דייטשע יידן־אויסראָטונג.

נאָכן אָפּזיין צוויי טעג אין דער געטאָ־טורמע, האָט מען אונדז, אַ גרופּע פון 350 אַרעסטאַנטן, אַרויסגעפירט אויפן באַלוטער מאַרק, ווו די יידישע און דייטשע קאָמיסיעס זענען זיך צונויפגעקומען.

מ'האָט אונדז אויסגעשטעלט אין רייען, דורכגעפירט אַן אַפּעל, און נאָכדעם יעדן פון אונדז געגעבן אַ פּאַרציע ברויט, אַ ביסל

מאַרמעלאַד, צוקער און מאַרגאַרין, און מיט דער דאָזיקער „צדה לדרך" אונדז אָפּגעפירט צו דער קאַלישער באַן־סטאַציע.

ערשט פאַרטאָג האָט מען אונדז אויפגעלאָדן ווי שאָף, צו 60 מאַן אין אַ פּי־וואַגאָן.

דאָס איז געווען אין מערץ, 1941.

דער דרויסן האָט געלאָקט מיט ערב־פרילינג, און מיר זענען געלעגן צונויפגעפּרעסטע אין די פאַרעיפּושטע וואַגאָנען און נישט געקאָנט רירן מיט קיין אבר.

די שטאַרקע און ווילדע יונגען אין אונדזער טראַנספּאָרט, האָבן בעת דער דאָזיקער רייזע געלאַכט, געווען האָפעדיק, זיך געזידלט אויף זייער לשון און געוואָרנט: „מ'וועט זיי נאָך ווייזן!"...

אָבער אָט די שטאַרקע זענען שפּעטער געווען די ערשטע, וואָס האָבן זיך איינגעבראָכן פיזיש און געפאַלן...

אונדזער צוג איז געגאַנגען אויף מערב, און נאָך אַ נאַכט פאָרן, האָט ער זיך פּלוצלינג אויסגעדרייט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג און ווייטער געפאָרן אויף צוריק.

צומאָרגנס, אַ נייער מאַנעוור און עטלעכע מאָל אַזוי געפאָרן הין־און־צוריק, ווי וועלנדיק אונדז צעטומלען. מיר האָבן דורך די שפּאַרונעס פון די וואַגאָנען געפאָרשט דעם וועג וואָס מיר פאָרן, ביז ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען אויף דער סטאַציע פויזן.

פון פויזן האָט מען אונדז שפּעטער אָפּגעפירט מיט לאַסט־אויטאָס טיפער אין דער געגנט אין שכנות פון טייך וואַרטאַ. אונדזער אויפגאַבע איז געווען דורכצופירן אַ מעלאָראַציע־פּראָיעקט, כדי צו רעגולירן די ברעגעס פון טייך און באַוואָרענען די געגנט קעגן פאַרפלייצונגען.

מיר, די יידן־שקלאַפן, יידן פון אַ גאַנץ יאָר, בעלי־מלאכות און האַנדלס־מענטשן, וואָס האָבן קיין אַנונג נישט געהאַט וועגן מעלאָראַציע־אַרבעט, צעבראָכענע און אויסגעהונגערטע פון די שווערע איבערלעבענישן, איז איבערגעגעבן געוואָרן די ערד־אַרבעט, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך אַ גרופּע ציווילע דייטשע אינזשינירן און טעכניקער.

אונדזער אַרבעטס־מחנה איז איינגעטיילט געוואָרן אין צען באַזונדערע גרופּן. איין גרופּע פון דער אַנדערער איז געווען אָפּגערוקט אויף אַ שטח פון זיבן קילאָמעטער, אַזוי, אַז די שקלאַפן זענען אויסגעשטעלט געוואָרן לענגאויס דעם טייך אויף אַ מהלך פון קרוב 80 קילאָמעטער. איין גרופּע האָט געאַרבעט אין דער ריכטונג פון דער אַנדערער.

אונדזער מחנה איז באַשטאַנען פון 150 מאַן. פיל פון זיי זענען אויסגעשטאָרבן אין די ערשטע וואָכן. אויף זייער אָרט האָט מען געבראַכט נייע טראַנספּאָרטן שקלאַפן.

ביי דער דאָזיקער עבודת פרך האָט מען געאַרבעט באָרוועס, אין אייז־קאַלטן וואַסער, אין אָפּגעריסענע, שמוציקע מלבושים. אונדזערע גופים האָבן זיך געקאָרטשעט פון ווייטיק, קעלט און קראַמפּן. אָבער פאַרן מינדעסטן אָפּשטיין, איז מען שווער באַשטראָפט געוואָרן.

אונדזער אַרבעט איז באַשטאַנען פון שלעפּן שווערע טוטשקעס מיט נאַסער ערד, די רעדער האָבן זיך איינגעגראָבן אין באָדן, אַז פערד וואָלטן נישט קיין כוח געהאַט די משאות אַרויסצושלעפּן. און מיר, די יידן־שקלאַפן, האָבן דעמאָלט אַרויסגעוויזן איבערמענטשלעכע גבורה, ווייל מיר זענען באַוואָפנט געווען מיט דעם איינציקן וואָפן, — האָפענונג, אַז מיר וועלן אפשר דאָס איבערלעבן.

ווער ס'איז אָפּגעשטאַנען, האָט געקראָגן געשמיסן מיט אַ רוט און געמוזט אַזוי לאַנג אַרבעטן, ביז ער איז געפאַלן צום לעצטן מאָל...

די געזונטע און שטאַרקע זענען, נעבעך, שנעלער געפאַלן ווי די שוואַכע, דערפאַר, וואָס אין זיי האָט געקאָכט די רציחה. זיי האָבן זיך געקאָכט, געוואָלט זיך וואַרפן אויף די דייטשן און זיי מקיים־פּסק זיין, און דאָס נישט געקאָנט טאָן. זיי זענען פאַרברענט געוואָרן אין זייער אייגענעם פייער פון יאוש און צאָרן, מיט אַראָפּגעלאָזטע פויסטן.

אַ צווייטע טעכנישע אַרבעט איז באַשטאַנען אין שניידן דינע צווייגלעך פון יונגע ביימלעך, מיט וועלכע מ'האָט אונטערגעבעט דעם באָדן אין שיפּלעכן ברעג, אין וועלכן עס זענען אַריינגעפּאַסט געוואָרן קוואַדראַט־געשניטענע שטיקער ערד־גראָז. דער באָדן איז דאַן אויסגעגלייכט געוואָרן ווי אַ שפּיגל.

אין מיין דערשלאָגנקייט האָב איך אָבסערווירט די געשעענישן פון טאָג, און אַלץ, וואָס קומט פאָר ארום מיר. און כ'בין געקומען צו דער מסקנה, אַז פון דער אַרבעט, ווי שווער זי זאָל נישט זיין, קאָן מען נאָך אפשר בלייבן לעבן, דערקעגן פון די שווערע קלעפּ פון די נאַציסטישע סאַטראַפּן, קאָן מען גיך אומקומען.

אין דעם פּרט האָבן די שוואַכע זיך בעסער געהאַלטן אין דער דיסציפּלין, אָבער זיי זענען אויך געווען צווישן דער גרויסער צאָל טאָג־טעגלעכע קרבנות.

איך ווייס נישט עד־היום, מיט וואָס איך בין נושא־חן געווען ביי די דייטשן, צי גאָר די ברכה, וואָס איך האָב אַמאָל באַקומען פון אַ גוטן ייד, אָדער מיין העל פּנים און פלאַקסענע האָר, וואָס האָבן זיך אויסגעטיילט פון די אַנדערע יידן. אין אַ געוויסן טאָג האָט אין דער פינצטערער וועלט, פאַר מיר אויפגעשטראַלט אַ ביסל די זון. און די דאָזיקע געשעעניש האָט מיר געגעבן אַן אָטעם־פּויזע, כ'זאָל שפּעטער האָבן כוח גובר צו זיין פיל שווערערע טעג און פּלאָגענישן.

איינמאָל איז אָנגעקומען צו אונדזער אַרבעטס־פּלאַץ אַן אויטאָ, אין וועלכן ס'איז געזעסן אונדזער לאַגער־קאָמענדאַנט אין ציווילע קליידער, און נעבן אים אַ געשטאַפּאָ־מאַן.

אַן אַרבעטס־אויפזעער האָט מיך אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט און באַפוילן כ'זאָל צוגיין צום אויטאָ. אין יענעם מאָמענט האָט אַלץ אין מיר גענומען ציטערן און כ'האָב מיר געטראַכט, אַז מ'גייט מיך באַשטראָפן פאַר אַ חטא, וואָס כ'קאָן מיך נישט דערמאָנען.

די מחנה ברידער־שקלאַפן האָבן מיט טרויעריקע אויגן נאָכגעקוקט וווהין איך גיי און אָפּגעוואַרט דאָס ערגסטע. איך האָב קוים געשלעפּט מיט די פיס, ווי וועלנדיק אָפּציען די שוואַרצע מינוט...

כ'בין געבליבן שטיין עטוואָס אָפּגערוקט פון אויטאָ און געקוקט אויף די צוויי דייטשן. דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט מיך נענטער צוגערופן און געפרעגט:

— קאָנסטו שווייגן פּיטערן?

אין ערשטן אויגנבליק בין איך מבולבל געוואָרן פון דער אומדערוואַרטער פראַגע און כ'האָב געמיינט, אַז ער מאַכט חוזק פון מיר. איך האָב מיט אַ דורכדרינגלעכן בליק געקוקט אין זייערע

פנימער און אינסטינקטיוו דערפילט, אַז ער מיינט דאָס ערנסט, און אָן לענגער טראַכטן, הויך געענטפערט:

— אוודאי קאָן איך פיטערן חזירים. איך האָב נאָך ביי מיין פאָטער געפיטערט שוויינען. איך קאָן די אַרבעט אויסגעצייכנט.

זאָגנדיק דאָס, בין איך שוין דרייסטער צוגעגאַנגען צום אויטאָ, נישט געקוקט דערויף, וואָס אַלץ אין מיר האָט זיך געטרייסלט פון שרעק.

ביידע נאַציס האָבן זיך איבערגעקוקט און דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט זעקס קליינע חזירימלעך צו פאַשען, וועלכע כ׳דאַרף האָדעווען ביז ווייִנאַכט. דאָס איז עטלעכע חדשים צייט.

אין דעם האָט דער מאָטאָר פון אויטאָ גענומען רוישן און דער געסטאַפּאָוויעץ האָט מיר געגעבן אַ באַפעל, כ׳זאָל נאָכלויפן די פאָרנדיקע מאַשין.

און כ׳בין אַזוי געלאָפן אַ מהלך פון זעקס קילאָמעטער ביז צו אונדזער לאַגער. כ׳בין דעמאָלט נישט געלאָפן, נאָר ממש געפלויגן. און פון וואַנען איך האָב דעמאָלט גענומען כוח, ווייס איך עד־היום נישט.

✶

אין שטאַל איז געווען איינגעמויערט אַ קעסל, אין וועלכן כ׳האָב געדאַרפט קאָכן די פּאָטראַוועס פאַר די חזירים. אויף דער פּאָדלאָגע איז געלעגן אויסגעשפּרייט פרישע היי. און אין קעלער איז געווען אָנגעלייגט אַ פולע פור מיט קאַרטאָפל. פון די דאָזיקע קאַרטאָפל האָבן שפּעטער אויך געגעסן מיינע קראַנקע גורל־חברים.

דערביי איז ווערט צו דערמאָנען עפּיזאָדן וועגן פּאָליאַקן פון דער זעלבער פויזנער געגנט און זייער באַציאונג צו אונדז יידן. צ. ב. די אַרבעטס־בריגאַדירן ביי דער מעליאָראַציע־אַרבעט זענען געווען לאָקאַלע פּאָליאַקן. אמת, פיל פון זיי האָבן אונדז געשלאָגן פאַר נישט ריכטיק טאָן די אַרבעט, אָדער „חטאים״. ווידער אַנדערע פּאָליאַקן, און די זענען וואַרשיינלעך געווען פון אונטערגרונט, זענען צו אונדז געקומען אין וואַלד אַריין, ווו פיל פון אונדזערע גרופּן האָבן געאַרבעט ביים שניידן יונגע ביימלעך פאַר דער מעליאָראַציע־סטרוקטור, און אונדז אויסגעפרעגט ווי מען באַהאַנדלט אונדז אין לאַגער, סיי וועגן אונדזערע לעבנס־באַדינגונגען, און אַרויסגעוויזן לגבי אונדז פיל פריינטשאַפט און מיטלייד.

איצט אַזאַ כאַראַקטעריסטישער פאַל, וואָס די פאַקטן רעדן פאַר זיך:

דער פויער, וואָס האָט צוגעשטעלט יעדן אינדערפרי די קאַן מיט מילך פאַר די חזירימלעך און וועמען איך האָב קיינמאָל נישט געזען, האָט אָפּגעמאַכט מיטן לאַגער־פירער, אַז ער וועט די קאַן מיט מילך נישט צושטעלן אין לאַגער אַריין גופא, נאָר די מילך לאָזן שטיין אויפן שאָסיי קעגנאיבער דעם לאַגער־טויער. און מעגלעך, אַז דער פויער האָט דאָס געטאָן מיט אַ כוונה.

איך האָב ווידער געדאַרפן די קאַן מיט מילך יעדן טאָג, זעקס אינדערפרי, אַריינפירן אויף אַ טוטשקע ביז צום שטאַל צו. און ווען כ׳בין צום ערשטן מאָל אין אַ פרימאָרגן אַרויס אויפן שאָסיי, נאָכדעם, ווי די אַרבעטס־בריגאַדן זענען געהאַט אַוועק צום טייך, האָב איך צו מיין שטוינונג, געפונען צוויי קאַנען.

כ׳בין אַ ווײַלע געבליבן שטיין און זיך געטראַכט, ווי אַזוי איך וועל זיך אַן עצה געבן מיט די צוויי קאַנען מילך. איך האָב אויפגעהויבן דעם צודעק פון איין קאַן. זי איז טאַקע געווען פול מיט מילך. כ׳האָב דאָס זעלבע געטאָן מיט דער אַנדערער קאַן, און צו מיין איבעראַשונג זי געפונען אַ ליידיקע. איך האָב אַריינגעקוקט אינעווייניק און געזען עפּעס ליגן אויפן דנאָ. איך האָב אַריינגעשטעקט די האַנט און אָנגעטאַפּט אַ לאַבן ברויט. איך האָב זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און געזען די וואַך־פּאָסטנס אויף זייערע טורעמס, וואָס האָבן מיך אָבסערווירט.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער אַנאָנימער פויער, וואָס שטעלט צו די מילך, האָט אויף אַזאַ אופן אונדז צוגעשיקט אַ ביסן ברויט. דאָס האָט טאַקע געהאָלפן סיי מיר, סיי די אַנדערע.

אַזוי האָב איך יעדן טאָג אין דער אַנדערער קאַן תמיד געפונען אָדער אַ לאַבן ברויט, אָדער פרישע זעמעלעך, אָדער אַנדערע שפּייז.

אַן אַנדערש מאָל, ווען מ׳האָט געפירט די יידן־שקלאַפן צו דער ארבעט, איז פון ערגעץ אָנגעפאָרן אַ פויער מיט אַ פולן וואָגן קאַרטאָפל. דער פויער איז געפאָרן פאָרויס פאַר די מאַרשירנדיקע אַרבעטער און צו אַלעמענס שטוינונג, האָט ער פלוצלינג אויפגעעפנט דעם „טיליק״ פון וואָגן, פון וואַנען עס האָבן זיך גענומען שיטן איבערן וועג געקאָכטע קאַרטאָפל אין דער שאָלעכץ. דאָס האָט ווידער אַ פויער פון דער געגנט אויף אַזאַ אופן אויסגעדריקט זיין רחמנות צו די אומגליקלעכע יידן.

אין אַנדערע פאַלן פלעגן די פויערים שיקן זייערע קינדער אויף ראָווערן, וועלכע האָבן שנעל און געשיקט אַריבערגעוואָרפן איבער די דראָט־פאַרצוימונגען אין לאַגער אַריין, פּעקלעך שפּייז און שנעל אַנטלויפן.

אַלס אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט צו די אַנאָנימע פויערים, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן צו אונדז אויף אַ קאָנספּיראַטיוון אופן מיטגעפיל, האָבן מיר, די לאַגערניקעס, אין די ליידיקע קאַנען אַריינגעלייגט מתנות, זאַכן וואָס מיר האָבן נאָך פאַרמאָגט הינטער די דראָט־פאַרצוימונגען, ווי אַ קלעצל גאַרן, וועש און אַנדערע חפצים. די דאָזיקע מתנות זענען אָנגענומען געוואָרן. און יעדן טאָג פלעג איך אין דער אַנדערער קאַן געפינען מער געבעקס.

נאָך זעקס וואָכן פיטערן די חזירימלעך, איז איינמאָל געקומען דער לאַגער־קאָמענדאַנט אַ קוק טאָן, ווי איך ספּראַווע זיך מיט מיין אויפגאַבע. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די זעקס קוויטשנדיקע בעלי־חיים און צו מיר שפּאָטיש אַ לאַך געטאָן: — דו דומער יודע!

מיט דעם דאָזיקן עפּיטעט האָט ער מיך באַלוינט, ווען ער האָט געזען, ווי די חזירימלעך האָבן זיך אַרויסגעריסן פון שטאַל אין הויף אַריין, און איך האָב זיי מיט כוח צוריקגעטריבן, מורא האָבנדיק, זיי זאָלן מיר, חלילה, נישט אַנטלויפן.

אין מיין צערודערט געמיט האָב איך דעמאָלט נישט אויפגענומען דעם מיין פון שפּאָטישן אויסגעשריי: „דומער יודע״. דאָס האָב איך ערשט מסביר־געווען אַ קורצע צייט שפּעטער, ווען אַ חזירל איז איינמאָל אַרויסגעלאָפן פון שטאַל און גענומען לויפן צום דאָרף.

אין דער ערשטער רגע בין איך געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער. איך האָב שנעל פאַרהאַקט די טיר פון שטאַל און צוגעלאָפן צום לאַגער־טויער און אין פאַרצווייפלונג געזען, ווי דאָס חזירל לויפט איבערן פעלד. איך האָב זיך ערנסט דערשראָקן, אַז דער לאַגער־קאָמענדאַנט וועט מיך האַרב באַשטראָפן. כ׳בין צו אים אַוועקגעלאָפן און געמאָלדן, וואָס ס׳האָט פּאַסירט. ער האָט אַ

טופּע געטאָן מיטן פוס און אויסגעשריגן צו מיר: דומער יודע! יאָג נאָך דאָס חזירל אין דאָרף אַריין און „האָל מאָל עפּעס!"...

געהערט אַזעלכע דיבורים, בין איך אָן שרעק אַרויס פון טויער, אַז מ'וועט מיר חלילה נאָכשיסן, און גענומען לויפן נאָכן חזירל, וואָס איז שוין געווען העט ווייט. אָבער דאָס קוויטשען זיינס האָט מיר געגעבן די ריכטונג, וווהין נאָכצולויפן.

צוויי קילאָמעטער בין איך אַזוי געלאָפן און לסוף עס געכאַפּט אויפן ראַנד פון דאָרף.

צוריקגעקומען בין איך שוין נישט בלויז מיטן חזירל, וואָס כ'האַב געפירט אויף אַ שטריק ביי אַ פוס, נאָר אויך באַלאָדן מיט אַ שפּאָר זעקל מיט עסן, ווי אייער, ברויט, פעטס און טאַבאַק, וואָס די פויערים האָבן מיר געגעבן.

די אייער און טאַבאַק האָב איך אַוועקגעגעבן דעם לאַגער־קאָמענדאַנט. ווען ער האָט פון מיר צוגענומען די „מתנה", האָט ער שויך אין אַ מילדערן טאָן צו מיר געזאָגט:

— דו ביסט גאָרנישט אַזאַ דומער יודע, ווי איך האָב געמיינט!

דער דאָזיקער זאָג האָט מיר ערשט קלאָר געמאַכט, וואָס דער קערל איז אויסן געווען, ווייל זיי, די לאַגער־פירער מיט די וואַך־פּאָסטנס, זענען ממש געווען איזאָלירט פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג, און עס האָט זיי געפעלט די גוטע זאַכן, ווי פרישע אייער, טאַבאַק וכו', וואָס איך האָב זיי געקאָנט ליפערן.

נאָך דעם ערשטן פאַל פון אַנטלויפנדיקן חזירל אין דאָרף אַריין, זענען שפּעטער געלאָפן אַנדערע חזירימלעך. ווייזט אויס, אַז די וועכטער אויף די טורעמס האָבן געהאַט אַ וואָרענונג, זיי זאָלן מיך נישט טשעפּען. און איך האָב די סיטואַציע גוט אויסגענוצט.

דער אויסטויש-האנדל מיט די פויערים

איין מאָל אין טאָג האָט מען געמוזט ברענגען וואַסער פאַרן לאַגער. דאָס וואַסער האָט מען געברענגט אין אַ גרויסער פאָס אויף רעדער פונעם דאָרף. די דאָזיקע וואַסער־פאַס האָבן געשלעפּט זעקס שקלאַפן. זיי האָבן באַגלייט צוויי אָדער איין וועכטער. די פויערים האָבן אָפּגעהיטן די יידישע „וואַסער־טרעגער" און איך געהיים זיי געגעבן עסנוואַרג, אַלס אויסטויש פאַר זאַכן, וואָס מיר פלעגן אויף אַ קונציקן אופן מיטנעמען. אַזוי איז צווישן אונדז און דער דאָרפישער באַפעלקערונג איינגעשטעלט געוואָרן אַ „רעגולערער" האַנדלס־אויסטויש. די פויערים פלעגן באַהאַלטן אויף אַ געוויסן אָרט ברויט, אייער און פעטס. און מיר, די לאַגערניקעס, האָבן דאָרט איבערגעלאָזט זאַכן. אונדז האָט זיך שטענדיק איינגעגעבן אויף אַן אַנדערער המצאה אָפּצווענדן דעם וועכטערס אויפמערקזאַמקייט, ווי אַזוי מיר פירן אַדורך די דאָזיקע „טראַנזאַקציעס".

מיר האָבן אויך צווישן זיך אָפּגעמאַכט, אַז יעדעס מאָל זאָל אַ צווייט „זעקסל", ד.ה. זעקס לאַגערניקעס, פאָרן נאָכן וואַסער, כדי יעדער זאָל געניסן פון דאָזיקן „האַנדלס־אויסטויש". דאָס לעצטע האָט טאַקע אַ גרויסן טייל פון אונדז צוריקגעשטעלט אויף די פיס און מיר האָבן כוח געהאַט אָנצוגיין מיט דער עבודת פרך...

אָבער די א.ג. „האָניק־חדשים" פאַר אַ טייל פון די לאַגערניקעס האָבן זיך געענדיקט, איידער מיר האָבן פאַרשטאַנען, וואָס עס קומט פאַר אַרום אונדז.

דאָס איז געווען סוף נאָוועמבער 1941.

די זעקס ווייסהאָריקע קוויטשערס אין מיין „פּענסיאָנאַט" זענען היבש אונטערגעוואָקסן און געוואָרן זעקס פעטע חזירים. און איך האָב געמוזט צוריקגיין צו דער אַרבעט ביים טייך.

מיט דער ענדערונג פון יאָר־סעזאָן, האָט זיך אויך ראַפּטום געענדערט אונדזער מצב. ווען ס'האָט זיך דערנענטערט ווינטער און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן שטאַרקע פרעסט, זענען יידן געפאַלן פון דער שווערער אַרבעט. הונגער און די רציחות פון די אַרבעטס־אויפזעער.

פון אָנהויב דעצעמבער ביז נעכסטן מערץ, ווען דער טייך ווערט פאַרפרוירן און די אַרומיקע פעלדער ליגן אין טיפן שניי, איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די אַרבעט אין אַלע 10 לאַגערן. מ'האָט די לאַגערניקעס צונויפגעטריבן אין איין גרויסן לאַגער אַריין. דאָ איז שפּעטער אויסגעבראָכן אַ מגיפה. די אויסגעהונגערטע און אָפּגעצערטע יידן־שקלאַפן האָבן אָנגעהויבן ליידן אויף פאַרשידענע חולאתן. די לאַגער־באַפעלקערונג פון 800 יידן איז אין עטלעכע וואָכן צייט צעפּערטלט געוואָרן.

די מגיפה איז געקומען פון אַ ביס פון אַ לויז. די סימנים פון דער שלאַפקייט זענען געווען אַזעלכע: דער חולה פלעגט קריגן אַ בלאָסע נאָז, און ווען די בלאַסקייט איז אַרויף פון שפּיץ נאָז ביזן שטערן, איז ער געשטאָרבן.

מיט איינמאָל איז געקומען אַ קאָמיסיע פון ס.ס.־לייט און באַלד האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז זיי האָבן באַשלאָסן צו פאַרברענען דעם גאַנצן לאַגער. די בנינים מיטן אינווענטאַר, צוזאַמען מיט די לעבעדיקע שקלאַפן, אויס מורא, אַז די מגיפה זאָל זיך נישט פאַרשפּרייטן און באַדראָען די ציווילע באַפעלקערונג.

צו דער דאָזיקער מאַקאַברישער אַקציע איז אָבער נישט געקומען. ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווסט, האָט די דאָרפישע באַפעלקערונג צו דעם נישט דערלאָזט.

די לאַגער־פירער האָבן אונדז צונויפגעטריבן און געפרעגט, צי מיר קאָנען זיך אַליין אויסהאַלטן פון דער שפּייז, וואָס מיר האָבן. (זיי האָבן וווּל געוווּסט, אַז מיר האָבן אינצווישנצייט אַריינגעשמוגלט אויף פאַרשידענע אופנים שפּייז).

צום לאַגער־קאָמענדאַנט איז אַוועק אַ דעלעגאַציע, בתוכם מיט מיר, און אים דערקלערט, אַז אויב מ'וועט אונדז געבן אַ פערד־און־וואָגן, כדי צו קאָנען פאָרן אין דאָרף אַריין, וועט מען ברענגען שפּייז און בלייבן איזאָלירט, ביז די מגיפה וועט קאָנטראָלירט ווערן.

דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט צוגעזאָגט אַוועקצונעמען די וואַך־פּאָסטנס און זיי אָפּרוקן אויף אַ ווייטן מהלך פון לאַגער, בתנאי, אַז מיר וועלן אים פאַרזיכערן, אַז מיר וועלן זיך נישט צעלויפן פון לאַגער.

מיר האָבן אַזאַ צוזאָג געגעבן.

מ'האָט אונדז טאַקע געגעבן אַ פערד־און־וואָגן. און אַ גרופּע לאַגערניקעס איז אַוועק אין דאָרף אַריין און פון דאָרט געבראַכט אַ פולן וואָגן קאַרטאָפל, אַ ביסל קאַשע, פעטס, ציבעלעס און אַנדער גרינצייג.

מ'האָט אויסגעוויילט אַ ווירטשאַפטס־קאָמיסיע און ס'איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ זעלבסט־פאַרוואַלטונג, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן אינערלעכן לעבן פון לאַגער.

מיר האָבן אויך געהאַט אַ צאָל סאַניטאַרן, אָבער ליידער, האָבן

מיר נישט געהאַט קיין שום מעדיקאַמענטן. איבעריק צו זאָגן, אַז קיינער איז פון לאַגער נישט אַנטלאָפן. און דאָס צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, זענען אַלע געווען אָפּגעשוואַכט און אָפּגעריסן. אין דרויסן איז געווען טיפער ווינטער. צווייטנס, האָבן מיר גוט געוווּסט, אַז מיר ווערן געהיטן אויסער דעם פּערימעטער פון לאַגער־שטח, און ווער עס וועט מאַכן אַ פּרווו צו אַנטלויפן, וועט געשאָסן ווערן. יעדער האָט געהאָפט, אַז ער וועט אפשר איבערלעבן אין לאַגער. טאָ, צו וואָס ריזיקירן מיטן לעבן דורך אַנטלויפן?

זעקס וואָכן צייט האָט אָנגעהאַלטן אונדזער זעלבסט־איזאָלאַציע אָדער קאַראַנטין. פון די אַכט הונדערט לאַגער־ייִדן איז אַ העלפט געשטאָרבן, און מ׳האָט די טויטע קובר־געווען אין געקאַלכטע גריבער אין אַ וועלדל נעבן לאַגער.

די מגיפה האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט. מיר האָבן פאַרברענט די טישן, די בענק און אַלץ, וואָס האָט געקאָנט האָבן אַ שייכות צו דער מגיפה. די באַראַקן וווּ מיר האָבן זיך אויפגעהאַלטן, האָט מען אויסגעקאַלכט און פאַרברענט אַלע שטרוי־זעק.

די ידיעה, אַז די מגיפה האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך בליץ־שנעל דערטראָגן צו דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע, און ס׳איז מיט זיי צוריק איינגעשטעלט געוואָרן אַ קאָנטאַקט, אַזוי גוט, ווי מיט דער דאָרפישער באַפעלקערונג.

נאָכדעם, ווי דעם לאַגער האָט באַזוכט אַ סאַניטאַר־קאָמיסיע, האָט דעם לאַגער איבערגענומען אַ נייער קאָמענדאַנט, וואָס האָט איינגעפירט אַ פיל שטרענגערן רעזשים.

אויפן אָרט פון די אויסגעשטאָרבענע עטלעכע הונדערט ייִדן־שקלאַפן, האָט מען אַראָפּגעבראַכט נייע פּאַרטיעס.

אונדזער מצב איז געוואָרן גאָר אַ שווערער, ווייל מיר זענען איצט געווען איזאָלירט פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג, וואָס איז פאַר אונדז געווען אַ סטאַבילע קוועלע, וווּ מ׳האָט זיך געקאָנט העלפן מיט אַ ביסל שפּייז. דער הונגער האָט אונדז גענומען פּייניקן. און דאָס איז געשען נאָך דעם, וואָס מיר האָבן זיך געפונען אין זעלבסט־קאַראַנטין און געלעבט אויף קאַרגע פּאַרציעס.

אין דער זעלבער צייט איז אויך געשטאָרבן דער לאַגער־קוכער, אַ לאָדזשער ייִד, און מ׳האָט מיך באַשטימט אַלס נייעם קוכער.

דאָס איז געשען אין יאָר 1942.

אין דער צייט פון מיין קוכעריי איז מיין לעבן ווידעראַמאָל געשטאַנען אין קאָן, און ס׳איז ממש געשען אַ נס, וואָס מיין אינטואיציע האָט מיר אין דער לעצטער מינוט אונטערגעזאָגט ווי צו האַנדלען.

און געשען איז דאָס אום יום־כּיפּור — 1942.

אונדזער „יודענעלטסטער" איז געווען אַ בערלינער ייִד מיטן נאָמען האָלצענדאָרף. מיט אים איז אויך געווען זיין יונגער זון. אָט, דער בערלינער ייִד, האָט אונדז, די מזרח־אייראָפּעאישע ייִדן, דעם זעלבן יום־כּיפּור געוויזן, ווי הויך און ווירדיק ער האַלט זיין ייִדישע אמונה און קאָן פאַרטיידיקן דעם ייִדישן כבוד.

און געשען איז דאָס אַזוי:

ערב יום־כּיפּור, האָב איך געהאַט אָפּגערעדט מיט דעם זעלבן „יודענעלטסטן", און מיט דער הסכמה פון אַלע לאַגערניקעס, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז יום־כּיפּור וועל איך נישט אַרויסברענגען צו זיי דאָס עסן צום אַרבעטס־פּלאַץ. אַלע האָבן אויסגעדריקט דעם באַגער דעם זעלבן טאָג צו פאַסטן.

דאָס פירן דאָס עסן פון דער לאַגער־קוך ביזן אַרבעטס־פּלאַץ, אַ מהלך פון 5 קילאָמעטער, איז פאַרבונדן געווען מיט אַ גאַנצער פּראָצעדור. איך האָב איינער אַליין דעמאָלט געמוזט קאָכן דעם מאָלצייט פאַר 150 מענטשן. דאָס איז געווען אַ שיטערע זופּ, וואָס איז באַשטאַנען סך־הכל פון איין קובעל קאַרטאָפל, אַ ביסל קאַשע, געמישט מיט צעריבענער פּאָקריווע און 10 פּעקלעך מאַרגאַרין. דערפאַר האָט מען נישט געזשאַלעוועט קיין וואַסער. דאָס מאָלצייט האָט מען די ייִדן־שקלאַפן אויסגעטיילט 1 אַזייגער בייטאָג. פרישטיק איז באַשטאַנען פון אַ פּיצל שוואַרצן ברויט מיט שוואַרצער ערזאַץ־קאַווע. אַ צוויי־פונטיק שוואַרץ ברעטל האָט מען צעטיילט פאַר 13 מאַן. אָוונט־ברויט איז באַשטאַנען פון בלויז אַ טעפּל קאַווע, וואָס איז אויפגעבריט געוואָרן פון געברענטער תבואה. אויף אַ זונטיק, אָדער יומא דפגרא, האָט מען באַקומען אַ שטיקל פערדס־פלייש מיט ביינער.

דאָס צושטעלן דאָס עסן צום אַרבעטס־פּלאַץ איז דורכגעפירט געוואָרן אויף אַזאַ אופן:

פון אַרבעטס־פּלאַץ פלעגן קומען צוויי לאַגערניקעס מיט אַ זשאַנדאַרם, און מיט זייער הילף, פלעגן מיר די זופּן, אין גרויסע מילך־קאַנען אויפלאָדענען אויף טוטשקעס און דאָס פירן צום אַרבעטס־פּלאַץ.

יום־כּיפּור אינדערפרי, האָב איך ווי אַלע מאָל זיך געשטעלט צו דער עבודה, ביים צוגרייטן דאָס געקעכטס. מיט מיינע רעיונות בין איך אָבער געווען אין מיין טאַטנס פרומער שטוב, און ביים דאַווענען אין סקיערניעוויצער שטיבל...

שטייענדיק ביים קעסל, איינגעהילט אין דער פּאַרע, זענען מיר גערינען שווייס־טראָפּנס. מיין מוח האָט געאַרבעט. איך האָב נאָכגעטראַכט וועגן דעם הסכם, וואָס די לאַגערניקעס האָבן די נאַכט פריער אויסגעדריקט צו פאַסטן, און כ׳זאָל זיי בכלל נישט ברענגען דאָס עסן.

אין קאָפּ ביי מיר האָבן זיך געפלאָנטערט אומהיימלעכע געדאַנקען. און כ׳בין ביי זיך פעסט באַשלאָסן געווען, אַז אַזוי דאַרף איך טאַקע האַנדלען, ווי דער „יודענעלטסטער" האָט מיט מיר אָפּגערעדט.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אין מיין מוח פאַרגנבעט אַ חשש, אַז צוויי ייִדן, וואָס באַדינען די דייטשע אַדמיניסטראַציע, קאָנען אונדז האָבן פאַרמסרט.

און ווען די מיטאָג־שעה האָט זיך דערנענטערט, האָט מיך באַהערשט אַן אומרו, צי כ׳דאַרף טאַקע אַזוי טאָן, ווי מ׳האָט אָפּגערעדט, ווייל איך, אַלס קוכער, בין פאַרפליכטעט לויטן לאַגער־רעגולאַמין, צוצושטעלן די שקלאַפן די זופּ, אַנדערש, וועט מיין האַנדלונג באַטראַכט ווערן אַלס סאַבאָטאַזש־אַקט, אַז איך וויל אויסהונגערן די אַרבעטער און אַזוי אַרום שעדיקן די אַרבעטס־פּלענער, און פאַר אַזאַ זאַך וועלן זיי מיך הענגען.

און וואָס מער איך האָב אַריינגעטראַכט אין דער זאַך, בין איך געקומען צו דער מסקנה, אַז איך מוז דאָס עסן יאָ צושטעלן, נאָר די לאַגערניקעס דאַרפן האַנדלען, ווי זיי פילן, אויב זיי ווילן פאַסטן דעם הייליקן טאָג.

און ווען דער זשאַנדאַרם איז געקומען מיט די צוויי לאַגערניקעס, האָב איך אַלץ געהאַט גרייט. מ׳האָט אויפגעלאָדן אויף די

טאָטשקעס די פיר קאַנען זופּ און אָפּגעפּאָרן צום אַרבעטס־פּלאַץ.

מיין השערה וועגן דער מסירה איז טאַקע געווען אַ ריכטיקע, ווייל ווען איך בין אָנגעקומען מיטן עסן צום אַרבעטס־פּלאַץ, האָב איך דאָרט, ווי קיינמאָל פריער, געטראָפן זיצן אויף אַ פערד דעם לאַגער־אינזשיניער אין ציווילע קליידער. זעענדיק מיך אָנקומען, האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן האַנט־זייגער און מיט אַ ציניש טאָן אויסגערופן: עס איז פּינקטלעך 1 אַזייגער... דו האָסט דאָך נישט געזאָלט ברענגען דאָס עסן, ווייל איר דאַרפט דאָך היינט פאַסטן!...

דער הויפּט־אינזשיניער האָט זיך געשיקט אויסגעדרייט אין זאָטל און אַ געשריי געטאָן צו דער מאַסע יידן־שקלאַפן:

— ווו איז אייער גאָט?! איר האָט געבראָכן גאָטס געזעץ און ער האָט אייך פאַרלאָזט... ער העלפט אייך מער נישט, דער יידישער גאָט!...

הערנדיק די גאָטלעסטערנדיקע ווערטער, איז מוטיק אַרויס־געטראָטן דער בערלינער ייד, האָלצענדאָרף, און אַן אויפגעברויז־טער, אין אַ שיינעם דייטש געפרעגט דעם אינזשיניער, פאַרוואָס ער וואַגט פרעדיקן די יידן מאָראַל. ער איז צוגעגאַנגען נענטער צום דייטש און אים געזאָגט:

— ...ווען מיר שטאַרבן פון הונגער ביי דער שקלאַפן־אַרבעט, אין אוממענטשלעכע באַדינגונגען, דאָס זעט איר נישט... איר גיט אונדז צו עסן פּאַקריווע און באַפעלט אונדז צו אַרבעטן איבער אונדזערע כוחות. דאָס זעט איר אויך נישט?! און ווער פון אונדז ס'וויל אויספירן זיינע רעליגיעזע פליכטן, קומט איר אונדז פרעדיקן מאָראַל? זייט וויסן, אַז מיר, יידן, וועלן אייך איבערלעבן!...

דער דייטש אויפן פערד האָט זיך אומבאַקוועם אַ דריי געטאָן אין זאָטל און אויסגערעוועט:

— אויסטיילן די זופּ!

די זשאַנדאַרמען האָבן אויסגעשטעלט די לאַגערניקעס אין רייען און געהייסן צוגיין צו דער טוטשקע, ווו איך האָב זיי אויס־געטיילט יעדן די פּאָרציע זופּ.

אַלע האָבן גענומען זייערע פּאָרציעס, אויסער דעם בערלינער ייד מיט זיין זון. זיי האָבן נישט געוואָלט עסן.

ווען דער רוצח אויפן פערד האָט דאָס געזען, האָט ער אַן אויפגערעגטער געצויגן דאָס פערד ביים מויל־צײמל, זיך אַרומ־געדרייט אין אַ ווילדן קרייז און לסוף שטרענג באַפוילן צו די זשאַנדאַרמען:

— 25 שמיץ — דעם יודענעלטסטן און זיין זון!

מיר, די לאַגערניקעס, האָבן זיך געמוזט אויסשטעלן אין אַ ראָד און זיך צוקוקן, ווי די זשאַנדאַרמען מעסטן אויס דעם פּסק־דין אויפן אָרט.

נישט געקוקט אויף די דראָאונגען און שמיץ, האָט דער ייד מיט זיין זון נישט געגעסן און מיט זייער אַנטשלאָסנקייט האָבן זיי דעמאָנסטרירט פאַר די דייטשע מנוולים זייער יידישע ווירדע.

*

נאָוועמבער 1942 זענען ווידער אַריינגעטרעטן אויסטערליש־שווערע באַדינגונגען אין אונדזער לאַגער־לעבן. דעמאָלט, צום ווינטער־סעזאָן, זענען מיר ווידער אָפּגעשיקט געוואָרן אין אַן אַל־געמיינעם לאַגער, ווו מיר האָבן געדאַרפט איבערווינטערן.

דאָרט בין איך שוין קיין קוכער נישט געווען. אויך דער לאַ־גער־קאָמענדאַנט איז געווען אַן אַנדערער און דער רעזשים — נאָך אַ שווערערער.

די לעבנס־באַדינגונגען זענען מיט יעדן טאָג געוואָרן שרעק־לעכער און אַלס צולאָג, איז אויסגעבראָכן דיזענטעריע.

אין דאָזיקן לאַגער האָבן זיך דעמאָלט געפונען 1.200 יידן. לויט אַ רשימה זענען יעדן טאָג אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט אין וואַלד אַריין, הונדערט מענטשן, אויף צוצוגרייטן געהילץ.

אַנדערע האָבן געשלייפט העק און אַנדערע מעלאָראַציע כלי־זיין, וואָס זענען געלעגן אין די מאַגאַזינען נעבן אימפּראָוויזירטע קוזשניעס.

כמעט יעדע צווייטע וואָכן איז אויסגעקומען יעדן פון די לאַ־גערניקעס אַרויסצוגיין אין וואַלד אַריין מיט אַ גרופּע פון 100.

איינמאָל בין איך שווער קראַנק געוואָרן אויף דיזענטעריע. דער אַרטרעטיזם, וואָס כ'האָב זיך איינגעשאַפט שטייענדיק ביז די קני אין וואַסער בעת די רעגנס, האָט גענומען שרעקלעך פּיי־ניקן מיין גוף, פיס און הענט. איך בין געווען ווי אַ געליימטער און זיך קוים געקאָנט באַוועגן. אַ טאָג פריער, איידער עס איז אויסגעפאַלן מיין ריי, אַרויסצוגיין אין וואַלד, האָב איך וועגן מיינע יסורים דערציילט אַ ייד, וואָס איז געלעגן אין שכנות פון מיין פּריטשע. ער האָט זיך געהייסן געבן מיין זופּ און פּאָרציע ברויט און דערפאַר מיר צוגעזאָגט, אַז ווען מ'וועט רופן מיין נומער, וועט ער זיך פאַר מיר פאַרטאָגס צושטעלן צו דער אַרבעט. איך האָב אים געגלויבט און אים אָוועקגעגעבן מיין עסן און אַ באַרויִקטער זיך אַוועקגעלייגט אויף מיין געלעגער און געלעגן אין געהאַקטע ווונדן. איך בין געווען אויסגעשעפּט פון דער דיזענטעריע און ממש זיך נישט געקאָנט רירן.

כ'בין געלעגן ווי אין אַ הינערפלעט און נישט געקאָנט אויפ־הויבן דעם קאָפּ. כ'האָב קוים געעפנט די אויגן, אויסגעדרייט עטוואָס דעם קאָפּ און צו מיין שטויִנונג געזען, אַז דער ייד, וואָס האָט אַ טאָג פריער אויפגעגעסן מיין זופּ און פּאָרציע ברויט, ליגט זיך רואיק אויף זיין געלעגער.

נאָך עטלעכע מאָל אויסרופן מיין נומער, איז לסוף מלא רציחה אַריינגעלאָפן צו מיין פּריטשע אַ זשאַנדאַרם און מיר דערלאַנגט עטלעכע קלעפּ און מיט אַ רוגזה מיך אַראָפּגעשלעפּט פון געלעגער. אונטער אַ האַגל פון קלעפּ, בין איך אַ האַלב־נאַקעטער אַרויס אין קאַלטן דרויסן, ווו עס האָט שוין אויף מיר לאַנג געוואַרט די אַרבעטס־גרופּע צום אָפּמאַרשירן.

איך בין קוים געגאַנגען און געפּלאָנטערט מיט די פיס. דער שניי איז אין פיל ערטער געהאַט צעגאַנגען און געשאַפן ברייטע קאַלוזשעס. אין דעם האָב איך דערפילט, אַז מיין לויזער מאָגן נעמט מיך אַרן. איך האָב געבעטן דעם גרופּן־פירער, ער זאָל מיר דערלויבן „אַרויסטרעטן אין אַ זייט".

מיטן מאָמענט ווען כ'בין אַריבער אַ שניי־בערגל און זיך געוואָלט אָוועקזעצן, האָב איך זיך אַראָפּגעקייקלט אין אַ טיפן זומפּ אַריין. מיין גוף איז אַראָפּגעצויגן געוואָרן אין דער זומפּי־קער פייכטקייט. כ'האָב אַ דערשראָקענער גענומען רופן נאָך הילף.

אויף מיינע פאַרצווייפלטע הילפס־רופן, האָט דער חלל אַרום אָפּגעענטפערט מיטן ציניש געשריי פון דייטשן גרופּן־פירער:

— זאָל דער יודע דאָרט קראַפּירן!

ער האָט קיינעם פון אונדזער אַרבעטס־גרופּע נישט געלאָזט מיך ראַטעווען.

דאָס אייז־קאַלטע שליימיקע וואַסער, מיט שטיקער אייז, איז מיר געגאַנגען ביז איבערן בויך און כ'האָב געפילט, אַז מיינע פיס

ווערן שווערער, ווי שטיקער בליי און ציען אַרונטער. כ׳האָב מיט פאַרפרוירענע פינגער געפּרוווט אָנכאַפּן די קופּעס שניי און אַרויסקריכן, און יעדעס מאָל זיך צוריקגעגליטשט.

צו מיין גליק האָבן מיינע געשרייען דערהערט די צווייטע אַרבעטס־בריגאַדע, וואָס איז געהאַט אונטערגעקומען. זיי האָבן מ׳ר ערשט געהאָלפן אַרויסקריכן פון אייז־גרוב.

וווּנדער, וואָס דער מענטש אין נויט קאָן איבערלעבן.

נאָך יענעם טרויעריקן טאָג, האָט זיך מיין געזונט־צושטאַנד גאָר פאַרבעסערט. די דיזענטעריע איז פאַרשוווּנדן, אַזוי ווי מיט דער האַנט אָפּגעווישט. אַזוי אויך דער אַטרעטיזם.

(ווען כ׳האָב נאָך דער מלחמה דאָס דערציילט אַ דאָקטאָר, האָט ער דערצו נישט געהאַט קיין מעדיצינישע אויפקלערונג).

אַ קורצע צייט שפּעטער, האָבן זיך אין אונדזער לאַגער פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז מ׳שיקט יידן אין די טויט־לאַגערן. קיין גענויע פּרטים האָבן מיר נישט געוווּסט. צו אונדז זענען שוין דעמאָלט נישט צוגעשיקט געוואָרן קיין נייע אַרבעטס־גרופּן ווי אין די פאַרגאַנגענע יאָרן.

אָנהויב 1943 האָט מען אין אונדזער לאַגער אויסגעקליבן די שוואַכע און אומפּעאיקע צו דער אַרבעט. מ׳האָט אונדז געזאָגט, אַז מען שיקט זיי קיין לאָדזש. קיינער אין אונדזער לאַגער האָט זיך נישט געמאָלדן אָדער פאַרקלאָגט, אַז ער איז קראַנק, פאַרפילנדיק דאָס ערגסטע.

וועגן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ האָבן מיר געהערט פון פּאָליאַקן, וואָס האָבן געאַרבעט ביי אונדז אין וואַלד.

ווי פאַרטעמפּט און פאַרמוטשעט מיר זענען געווען, האָט זיך אונדז נישט געלייגט אויפן שכל, ווי אַזוי דאָס איז מעגלעך, אַז יידן האָבן מיט וואָפן אין דער האַנט געקעמפט קעגן די נאַצי־הענקער.

מיר זענען געווען צעבראָכן, פיזיש און מאָראַליש דערשעפּט און יעדער האָט זיך געווונטשן אַ גרינגן טויט...

שפּעטער האָט מען ליקווידירט אונדזער בוי־אַרבעט ביים טייך, וואָס איז געווען אַ פּריוואַטע דייטשע אונטערנעמונג, און די, וואָס האָבן מיט איר אָנגעפירט, זענען געווען פאַראינטערעסירט זי זאָל וואָס לענגער דויערן, כדי זיי זאָלן נישט דאַרפן גיין אויפן מזרח־פראָנט.

איצט האָט היטלער זיי געדאַרפט פאַרן דאָזיקן פראָנט.

סוף אַפּריל, 1943, האָט מען אונדז אַלע פאַרשיקט קיין אוישוויץ. יעדער פון אונדז האָט געפילט, אַז עס דערנענטערט זיך זיין סוף.

כמעט אין דער זעלבער צייט זענען קיין אוישוויץ אָנגעקומען 8 מאַן פון אונדזער לאַגער, פון דער ערשטער פּאַרטיע קראַנקע, וואָס מ׳האָט חדשים פריער געהאַט אָפּגעשיקט קיין לאָדזש.

אין דער סעלעקציע אין אוישוויץ, וואָס ס׳האָט דורכגעפירט דער רוצח ד״ר מענגעלע, בין איך צוגעטיילט געוואָרן אין דער גרופּע פון אַרבעטס־פעאיקע שקלאַפן און אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דער רעכטער זייט. נאָך דער סעלעקציע האָט מען אונדז אַוועקגעשיקט קיין יאַוואָרזשנאָ, צו בויען אַ גרויסע עלעקטראָוניע. דאָ האָב איך געטראָפן מענדל ראָזענבערג (מענדל בערמאַנס אַן אייניקל). כ׳האָב אויך געהערט, אַז יוסף שמעקורא געפינט זיך דאָרט, מנחם פעראַס זון, שיע לאַדאָוויטשס אַ זון און אַנדערע לאָוויטשער.

איינמאָל, בעתן אַפּעל, ווען כ׳האָב געהערט דעם געקלאַנג פון גלאָק, און מיר האָט זיך אויסגעדאַכטן, אַז דער אַפּעל איז פאַרענדיקט און געוואָלט אַריבערלויפן צו מיין אַרבעטס־גרופּע, האָט אַן ס.ס.־מאַן מיט אַ שפּיצרוט מיר געגעבן אַ שווערן שמיץ איבערן קאָפּ. אַן אויג איז פאַרלאָפן געוואָרן און דער קאָפּ איז מיר אָנגעשוואָלן געוואָרן.

די גורל־ברידער האָבן מיך אויפגעהויבן און געהאָלפן שטיין ביזן סוף פון אַפּעל. שפּעטער האָבן זיי מיך צוגעפירט צו מיין אַרבעטס־גרופּע און דערנאָך אַהיימגעפירט אין לאַגער אַריין. איך האָב דעמאָלט געהאַט גרויס מזל, וואָס צו יענער צייט האָט גראָד געהערשט אַ מאַנגל אין אַרבעטס־הענט און מ׳האָט קראַנקע נאָך געשיקט צו דער „קראַנקע־שטעלע״ און נישט גלייך אין די גאַזאויוונס. דער דאָקטאָר אין דער „קראַנקן־שטעלע״ איז געווען אַ ייד, וועמען כ׳האָב גוט געקענט. ער פלעגט פון מיר קריגן טאַבאַק און סיגאַרעטן, וואָס כ׳האָב אויסגעטוישט פאַר ברויט. דער דאָקטאָר האָט מיר געגעבן די ערשטע מעדיצינישע הילף און דערביי אָפּן אויסגעדריקט ספקות, צי ער וועט קאָנען ראַטעווען דאָס בעסערע אויג, וואָס איז נישט באַשעדיקט פון קלאַפּ.

ער האָט מיר געזאָגט, אַז כדי צו ראַטעווען דאָס בעסערע אויג, כ׳זאָל חלילה אינגאַנצן נישט בלינד ווערן, דאַרף מען תיכף מאַכן אַן איינשפּריצונג, אָבער, אַזאַ מעדיקאַמענט האָט ער ליידער נישט, דאָס האָבן די דייטשן. ער האָט אָבער געמאַכט באַמיאונגען, און סוף־כל־סוף האָט זיך אים איינגעגעבן צו באַקומען די נויטיקע איינשפּריצונג.

דריי טעג שפּעטער האָט ער מיר אַראָפּגענומען דעם באַנדאַזש פון די אויגן. אין אָנהויב האָב איך אַלץ געזען ווי דורך אַ נעפּל, אין נישט־קלאָרע ליניעס און פאָרמען.

דאָס איז געווען אַרום חודש מאַי, 1944.

אַכט טעג שפּעטער, האָב איך שוין גוט געזען אויפן נישט באַשעדיקטן אויג. אויפן אַנדערן אויג האָט גענומען וואָכן, ביז די ראיה איז בעסער געוואָרן. דער דאָקטאָר האָט זיך אַליין געוווּנדערט אויף דער בעסערונג און געזאָגט, אַז ס׳איז ממש געשען אַ נס, וואָס כ׳בין נישט בלינד געוואָרן פונעם קלאַפּ פון נאַצי־רוצח.

בעתן מאַרש פון דער רויטער אַרמיי אויף בערלין, האָט מען אונדז, אַלע לאַגערניקעס, אַרויסגעטריבן פון די באַראַקן און געטריבן צופוס אין אַ לאַגער אין בליכאַמע, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ וואַלד. דאָ האָט מען געזען, ווי די דייטשן אַנטלויפן, אַנדערע פאַרברענען דאָקומענטן. עס איז אַנטשטאַנען אַן אויסערגעוויינלעכע סומאַטאָכע. אַלץ איז געשען אַזוי פּלוצימדיק, אַז מיר האָבן זיך נישט אָריענטירט, וואָס עס קומט פאָר.

די דייטשן זענען אַנטלאָפן און אונדזער לאַגער איבערגעלאָזט אויף הפקר. מיר זענען אַרויס פון די באַראַקן און צעראַבירט די שפּייז־מאַגאַזינען. מיר זענען ממש ווילד געוואָרן פון דער פּלוצלינג געווונענער פרייהייט. אַלץ איז געוואָרן הפקר.

די מער דרייסטערע זענען אַוועק אין די שכנותדיקע דערפער און ביי דער דאָרטיקער באַפעלקערונג צוגענומען אָנטועכץ, שפּייז און אַלץ, וואָס האָט זיך נאָר געלאָזט.

ווייזט אויס, אַז די באַפעלקערונג האָט זיך פאַרקלאָגט פאַר די „ווערמאַכט״־איינהייטן, וואָס האָבן זיך נאָך געפונען אין דעם ראַיאָן. ביינאַכט זענען געקומען עטלעכע דייטשן און אַריינגע־

שאָסן אין אונדזערע באַראַקן. זיי האָבן באַפוילן, מיר זאָלן אַרויסגיין. אין דער דאָזיקער נאַכטיקער שעה, נאָך אַ טאָג פון אויפהייטערונג, האָט אין די באַראַקן געהערשט אַן אַלגעמיינער כאַאָס, אַלעמענס געמיטער זענען געווען פאַרווירט און ס׳האָט זיך אַלעמען אויסגעדאַכטן, אַז די רוסן זענען געקומען. און זיי זענען אַרויס פון די באַראַקן. אַנדרע האָבן זיך געלייגט אויף דר׳ערד און געשריגן צו די דייטשן: אויב איר ווילט אונדז, קומט אַריין אונדז נעמען!

די דייטשן האָבן, אָבער, מורא געהאַט אַריינצוגיין, דערפאַר צונויפגעטריבן די אַלע, וואָס זענען אַרויס אין דרויסן. זיי האָבן געגעבן עטלעכע וואָרענונגס־שאָסן און אַלע אויסגעשטעלט אין רייען און באַפוילן מאַרשירן.

איך האָב זיך געפונען אין אַ גרופּע, וואָס איז אַרויס אין דרויסן. זיי האָבן אונדז געטריבן אין גרויס איילעניש. די שוואַכע וואָס זענען געפאַלן, זענען שוין מער נישט אויפגעשטאַנען...

נאָך עטלעכע שעה וואַנדערן, האָבן זיי אונדז געבראַכט צו אַ באַן־ליניע, ווו זיי האָבן אונדז אויפגעלאָדן אין פראַכט־וואַגאָנען און אונדז אָפּגעפירט קיין בוכענוואַלד. אויפן וועג, אויף דער באַן־סטאַציע ווייַמאַר, איז פאָרגעקומען אַ גרויסע לופט־באָמבאַרדירונג פון די אַליאירטע. די דייטשע וועכטער זענען זיך צעלאָפן און אונדז איבערגעלאָזט אויף הפקר. מיר האָבן אויפגעריסן די וואַגאָנען און זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן זוכן עסן. די באַפעלקערונג איז בעתן לופט־אָנפאַלי געהאַט אַנטלאָפן אין די שוץ־קעלערן און איבערגעלאָזט אָפן זייערע דירות.

שפּעטער, נישט ווויסנדיק וואָס מיט זיך צו טאָן, זענען מיר צוריק אַוועק צו דער באַן־סטאַציע. דאָ האָבן מיר געטראָפן אַ גרויסן חורבן. פיל וואַגאָנען זענען געווען צעשמעטערט פון לופט־אַטאַק. און אַרום זיי זענען געלעגן דערהרגעטע דייטשע זעלנער און קאַצעטלער.

די זשאַנדאַרמעריע איז אַרויס פון זייער באַהעלטעניש און אונדז צוריק צונויפגעטריבן. די פאַרוווּנדעטע האָט מען איבערגעלאָזט אויפן אָרט. אונדז האָט מען צופוס געטריבן קיין בוכענוואַלד. אין לאַגער גופא האָט מען אונדז אָבער נישט אַריינגעלאָזט, ביז מיר וועלן דעזינפעקציאָנירט ווערן און באַקומען אַ באָד. קיין וואַסער און קיין ליכט איז אָבער נישט געווען, אַלס רעזולטאַט פון די שווערע באָמבאַרדירונגען. און ס׳האָט גענומען אַ וואָך צייט, ביז זיי האָבן אַלץ פאַריכט. במשך די אַכט טעג און נעכט, זענען מיר געלעגן אין דרויסן, לענגאויס די דראָט־פאַרצוימונגען, אַרומגעשטעלט מיט וואַך־פּאָסטנס און ליכט־פּראָזשעקטאָרן.

נאָכדעם, ווי מ׳האָט אונדז ענדלעך אַריינגעלאָזט אין בוכענוואַלדער לאַגער, האָבן מיר באַקומען אַ באָד, און ס׳איז פאָרגעקומען אַ סעלעקציע פון אַרבעטס־פּעאיקע, וואָס זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אין אַן אַרבעטס־לאַגער אין די געבערג אין טיריגנען. איך בין געווען אין איינער אַזאַ אַרבעטס־גרופּע, וואָס האָט געבויט ריזיקע היילן אין די געבערג. טעכניקער, האָבן מיט דינאַמיט אויפגעריסן פעלזן, און מיר, די שקלאַפן, האָבן שפּעטער געמוזט אָפּרייניקן די שטיינער־ברוך.

מענטשן זענען ביי דער דאָזיקער עבודת פרך געפאַלן ווי די פליגן.

אַ קורצע צייט שפּעטער, ווען די אַמעריקאַנער כוחות האָבן זיך דערנענטערט צו אונדזער געגנט, האָבן די נאַצי־סאַטראַפּן, אונדז, די אויסגעמאַטערטע שקלאַפן, ווידער גענומען טרייבן, טיפער אין די געבערג.

מ׳האָט אונדז אומברחמנותדיק געטריבן איבער באַרג־משופּעדיקייטן, אַרויף־און־אַראָפּ. די פיס האָבן זיך געבראָכן אונטער אונדז און מער נישט געקאָנט טראָגן דעם גוף. און די, וואָס זענען אָפּגעשטאַנען, זענען מער שוין נישט אויפגעשטאַנען, ווייל זיי זענען דערשאָסן געוואָרן דורך די זשאַנדאַרמען.

די צעטומלטע און אויפגערעגטע נאַציס, וואָס האָבן געזען, אַז זייער מפּלה איז נאָענט, האָבן אונדז אין אַזאַ מעמד געטריבן ביז הינטער פּראָג, אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי.

קיין עסן האָט מען אונדז אין דעם טויטן־מאַרש נישט געגעבן, און מיר האָבן זיך דערנערט בעת די קורצע אָפּרוען מיט גראָז, וואָרצלען פוןביימער און אַנדערע בערג־גרינצייג. אַנשטאָט וואַסער, האָבן מיר געשלונגען שטיקער שניי.

אַן ערך 80 קילאָמעטער פון פּראָג, האָבן די רוצחים אונדז צוגעטריבן צו אַ קליינער באַן־סטאַציע, און אונדז דערלויבט זיך אַוועקלייגן אויף דר׳ערד אָפּרוען. די ס.ס.־לייט האָבן זיך דאָ אַוועקגעזעצט אָפּהאַלטן אַ באַראַטונג, וואָס מיט אונדז צו טאָן.

אין אונדזער פאַרמוטשעטקייט, פיזיש און מאָראַליש דערשעפּטע און הונגעריקע, זענען מיר נישט פּעאיק געווען תופס־צו־זיין, וואָס אַרום אונדז קומט פאָר, נאָר קוקנדיק אויף אונדזערע הענקער, און די קלאַנגען, וואָס זענען צו אונדז דערגאַנגען, אַז די אַליאירטע זענען נישט ווייט פון אונדז, האָט דאָס אונדז אַ ביסל דערמוטיקט און צוגעגעבן האָפענונג און אַ ווילן צום לעבן.

אונדזער אַרמיי פון שקלאַפן, איז באַשטאַנען פון עטלעכע טויזנט יידן, עטלעכע הונדערט פּאָליאַקן און דייטשן־קרימינאַליסטן.

בעת די געשטאַפּאָ האָט אָפּגעהאַלטן די באַראַטונג, איז אָנגעקומען אַ מאָטאָציקליסט און זיי איבערגעגעבן אַ דאָקומענט. דאָס איז מסתמא געווען אַ באַפעל, ווייל אַ קורצע צייט שפּעטער האָבן מיר געזען, ווי מ׳האָט באַפרייט אַלע פּאָליאַקן און די קליינע צאָל דייטשן־קרימינאַליסטן.

דאַקעגן אונדז, יידן, האָט מען געזאָגט, וועט מען אָפּשיקן אין אַ געטאָ אַריין.

מיר האָבן זיך איינער צום צווייטן געטוליעט אין פאַרצווייפלונג און ועטראַכט, אַז אין דער לעצטער מינוט, ווען די גאולה איז אַזוי נאָענט, ווילן די הענקער אונדז אומברענגען.

מ׳האָט אונדז צוגעפירט צו דער באַן־סטאַציע און אויפגעלאָדן אין פראַכט־וואַגאָנען, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען פאַר אונדז אָנגעגרייט. די הענקער האָבן זיך אויך דערמאָנט, אַז שוין פיל טעג ווי זיי האָבן אונדז נישט געגעבן קיין עסן, און זיי האָבן אונדז געבראַכט פאַרציעס געזאַלצענע רויגן פון הערינג, וואָס זיי האָבן גענומען אין אַ דערבייאיקער קאָנסערוון־פאַבריק.

קיין וואַסער האָט מען אונדז נישט געגעבן, און נאָכן האָבן זיך צוגעכאַפּט צו דעם געזאַלצענעם מאָלצייט, האָט דער אינגעווייד גענומען אין אונדז ברענען, ביז חלשות.

נאָך עטלעכע שעה פאָרן, זענען מיר ענדלעך אָנגעקומען אין לאַגער טערעזיענשטאַדט.

פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך דאָ אַנטפּלעקט אַן אומגלויבלעך בילד. דאָ האָבן מיר געטראָפן גאַנצע משפּחות — פרויען און קינדער. יידישע קינדער, וואָס מיר האָבן שוין יאָרן נישט

געהאַט געזען. מיר האָבן אונדזערע אייגענע אויגן נישט געגלייבט, אַז דאָס איז וואָר...

אין טערעזיענשטאַדטער לאַגער האָט מען אונדז נאָך די לאַנגע טעג וואַנדערן, צום ערשטן מאָל געגעבן עפּעס צו טרינקען און געלאָזט זיך אַרומוואַשן און אַראָפּציען פון זיך די צעריסענע און פאַרקויטיקטע בגדים.

צו אונדזער גרויס שטוינונג, האָט מען אונדז אָנשטאָט ברויט געגעבן יעדן אַ ווייסע בולקע. מיר האָבן באַטראַכט דאָס געבעקס און זיך נישט געגלייבט, אַז דאָס איז פאַר אונדז, ווייל שוין יאָרן, ווי מ'האָט געהאַט פאַרגעסן דעם טעם פון אַ פריש שטיקל ברויט.

דעם 8־טן מאַי, 1945, איז דער לאַגער באַפרייט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי און אַנדערע אַליאירטע איינהייטן. איינמאָל, שטייענדיק אין דער ריי, נאָך מיין מאָלצייט, האָב איך געטראָפן צוויי לאָוויטשער לאַנדסלייט — די ברידער קריפּל. נאָך דער דאָזיקער באַגעגעניש, ווען מיר האָבן איינער פאַרן אַנדערן זיך אַראָפּגערעדט פון האַרץ, און אויסגעפרעגט זיך אויף משפחה און פריינט, האָבן מיר ערשט צום ווייפלטן מאָל באַגריפן דעם ברוטאַלן אמת, פון גרויסן יידישן חורבן.

אין אַ צייט שפּעטער האָט זיך אונדז איינגעגעבן אָפּצופאָרן אין אונדזערע פאַרוויסטע היימען. אָבער דאָס איז שוין אַ באַזונדער קאַפּיטל פון מיינע איבערלעבענישן נאָכן חורבן.

אויף דער אַרישער זייט...

פון נח קליינבארדט

אין מיין אָפּראַטעווען זיך האָב איך צו פאַרדאַנקען אַ ריי אומגעווינלעכע אומשטענדן:

איך האָב געהאַט מזל, וואָס קריסטלעכע פריינט האָבן אַרויסגעוויזן אויפריכטיקן ווילן מיך צו העלפן, הגם אַזעלכע פּאָליאַקן זענען בכלל געווען אַ יוצא מן הכלל, וואָס האָבן געאָפּפערט הילף צו אַ יידן.

כ'בין געבוירן אין לאָוויטש אין יאָר 1903. מיינע עלטערן האָבן שווער געאַרבעט אויף פּרנסה און געהאַט אַ גרויסע משפּחה: 4 טעכטער און דריי זין. ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָב איך, ווי אַלע קינדער אין מיין צייט, געלערנט אין חדר. אין צענטן לעבנס־יאָר האָב איך שוין געהאָלפן אין דער פּרנסה. איך פלעג העלפן מיין פאָטער, דעם עופות־הענדלער, ביי זיינע איינקויפן, און אַרומפאָרן אויף אַ וואָגן אין די דערפער אין דער לאָוויטשער סביבה. אין די דערפער, מיט די פּויערים און שקצים, האָב איך אויפגעכאַפּט זייער לשון און לערנען געקענט זייער לעבנס־שטייגער. אין דער פרייער צייט האָב איך זיך געלערנט פּריוואַט און זיך באַמיט צו דערגענצן מיין זעלבסט־בילדונג.

אַ וועזנטלעכע ענדערונג אין מיין לעבן איז געקומען אין דער צייט פון מיין מיליטער־דינסט. איך האָב זיך אויסגעלערנט פריזירעריי, און נאָך דעם מיליטער־דינסט דורכגעמאַכט אַ ספּעציעלן קורס. אין יאָר 1932 האָב איך זיך סטאַביל באַזעצט אין שטעטל ראַדזימין, נעבן וואַרשע, וווּ כ'האָב געעפנט אַ פריזיר־סאַלאָן. אַדאַנק מיין דאַמען־סאַלאָן, מיט מאָדערנער איינריכטונג, האָב איך זיך דערוואָרבן אַ גרויסע קונדשאַפט צווישן דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. צווישן זיי, פיל איינפלוסרייכע בירגער.

די ערשטע טעג פון דער מלחמה האָב איך אויך געפּרוווט אַנטלויפן מיט אַ גרופּע חברים אין דער ריכטונג פון מזרח. די דייטשן זענען אונדז אָבער פאַרלאָפן דעם וועג ביי לוקאָוו, און מיר האָבן קוים מיטן לעבן זיך אומגעקערט קיין ראַדזימין. דאָ האָב איך צוריק געעפנט דעם פריזיר־סאַלאָן. מיינע חברים, פאָטאָגראַפיסטן, וואָס האָבן געשטאַמט פון גאָמבין און זיך געהאַט באַזעצט אין שטעטל פאַר דער מלחמה, האָבן אויך צוריק געעפנט זייער פאָטאָגראַפישן אַנשטאַלט.

סוף דעצעמבער, 1939, ווען די דייטשע מאַכט האָט געהאַט באַשטימט „אַ יידן־קוואַרטאַל", וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געטאָ, האָבן אַלע יידישע תושבים זיך געמוזט אַריינפּרעסן אין אַן ענגן שטח. מ'האָט געוווינט צו דריי און פיר משפּחות אין איין דירה.

דער „יודענראַט" איז באַשטאַנען פון מענטשן, וואָס וואָלטן אין נאָרמאַלע צייטן קיינמאָל נישט געוואַגט צו זיין שליחי־ציבור. אין די דאָזיקע נישט־באַרופענע מענטשן, האָט די נאַציִשע אויס־ראָטונגס־מאַשין געהאַט גוטע אַרויסהעלפערס.

אין שפּיץ פון דאָזיקן „יודענראַט" איז געשטאַנען ה' מאיר ווינטערמאַן, אַ שניידער און אַ באַלעבאָס פון אַ גרויסער קאַמעניצע אויף דער וואַרשעווער גאַס. (אין די פּוילישע צייטן האָט אין זיין הויז, וואָס האָט געהאַט צען געוועלבער, די פּאָליציי פאַרנומען צוויי געוועלבער און דאָרט איינגעאָרדנט דעם פּאָליציי־פּאָסטע־רונעק).

אַלס געטאָ־פּאָליציי־קאָמענדאַנט איז באַשטימט געוואָרן אַ מער אינטעליגענטער מענטש, ה' בעניעק ראַדזימינסקי, וועלכער האָט זיך אגב צו אַלעמען זייער גוט באַצויגן.

דער וויצע־קאָמענדאַנט דערקעגן איז געווען דער קצב פּנחס זיסמאַן, וואָס איז אַלעמען גראָב פאַרגעקומען. מ'האָט אים גערופן „פּנחס בוידעם". ער האָט זיך ממש איזדעקעוועט איבער זיינע קרבנות. דאָס זעלבע איז געווען מיט די ברידער מענדל און שלום קאָסאָווער. איינער פון זיי איז באַשטימט געוואָרן אויפן אַמט פון באַשפּייזונג; און דער אַנדערער אויף צוצושטעלן יידן־שקלאַפן.

נאָך שווערע אָנשטרענגונגען איז מיר געלונגען צו עפענען בשותפות מיט אַלע יידישע פריזיר־געזעלן, איין סאַלאָן אין ביידע געוועלבער, וואָס האָבן פריער געהערט צו דער פּאָליציי.

יעדן אינדערפרי האָבן אַלע יידן זיך געמוזט אויסשטעלן פאַרן גמינע־פּלאַץ און לויט אַ צוגעגרייטער ליסטע אָפּגעשיקט געוואָרן צו שוואַרצער אַרבעט. די דייטשן האָבן באַזונדערס געכאַפּט פרויען צו וואַשן וועש, און צו טאָן אַנדערע גראָבע אַרבעטן אויף זייערע פּלאַצוווקעס. נישט איינמאָל האָבן זיי באַפוילן די יידישע פרויען, זיי זאָלן אויסטאָן זייער אונטערוועש און מיט זיי וואַשן די פּאָד־

לאָגעס און פענצטער, און דערביי האָבן זיך אָפּגעשפּילט העסלעכע אָרגיעס.

דער „פּרעזעס" האָט אַ באַזונדער בייז האַרץ געהאַט אויף מיר, אַ פרעמדן, פון אַן אַנדערער שטאָט, צוליב דעם, וואָס מיר האָט זיך שטענדיק איינגעגעבן אַרויסצודרייען פון דער שוואַרצער אַרבעט און ער האָט געזוכט אַ מיטל אין מיר זיך נוקם צו זיין, אָדער פון מיר פּטור צו ווערן. ווען ער האָט מיר געדראָט מיט פאַרשיקן, האָט ער געקראָגן אַ וואָרענונג פון עטלעכע פּאָליאַקן, מיט וועלכע כ'בין געווען אין פּוילישן אונטערגרונט, צווישן זיי צוויי פּאָליציאַנטן, אַז ער זאָל מיך בעסער לאָזן צורו. מיין ייִנגערער ברודער שיע, וואָס איז בעתן מלחמה־אויסברוך געווען אין דער פּוילישער אַרמיי און שפּעטער גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט, איז אַראָפּגעקומען צו מיר קיין ראַדזימין. ערב דעם אָפּשליסן פון געטאָ, האָט ער אויסגעדריקט זיין ווונטש זיך אומצוקערן קיין לאָוויטש, ווו ער וועט זיך אפשר בעסער אַן עצה געבן אויפן היימישן באָדן. אַדאַנק דעם, וואָס די דייטשע זשאַנדאַרמעריע איז געקומען אין אונדזער ראַזורע זיך שערן, האָט זיך מיר איינגעגעבן פאַר מיין ברודער צו באַקומען אַן „אויסווייז", ער זאָל מעגן פאָרן מיט דער באַן, און ער איז בשלום אָפּגעפאָרן אין לאָוויטשער געטאָ אַריין.

נישט ווייט פון פּוסטעלניק, ווו כ'האָב געהאַט צוויי פאַרהייראַטע שוועסטער, איז אין אַ צייט אַרום איינגעאָרדנט געוואָרן אַ טאָרף־גרובן אונטער דער ליישונג פון אַן איטאַליענער. אין דאָזיקן גרובן האָבן געאַרבעט צוויי הונדערט ייִדן־שקלאַפן, וואָס האָבן געוווינט אין געצעלטן אין וואַלד.

איינמאָל האָבן עטלעכע אויסגעהונגערטע שקלאַפן זיך אָנגעגעסן מיט ווילדע שוואָמען, פון וועלכע זיי זענען געשטאָרבן אין שווערע יסורים. די אַנדערע האָט דער איטאַליענער געבראַכט קיין ראַדזימין אויף אַ לאַסט־אויטאָ און פון דאָרט צוריקגענומען געזונטע ייִדן צו דער אַרבעט.

אין פרילינג 1941, ווען כ'האָב זיך דערוווסט, אַז די ייִדן פון לאָוויטש זענען אויסגעזידלט געוואָרן אין וואַרשעווער געטאָ אַריין, האָב איך באַשלאָסן זיך צו זען מיט מיין משפחה. אַדאַנק פּראָטעקציע, האָב איך באַקומען פון פּוילישן קרייז־דאָקטאָר אַ מעדיצינישע באַשטעטיקונג, אַז כ'מוז פאָרן צו אַ האַרץ־ספּעציאַליסט אין וואַרשעווער געטאָ. אויפן סמך פון דעם, האָב איך באַקומען פון דער זשאַנדאַרמעריע אַן אויסווייז אויף דריי טעג. ס'איז געווען אַ ריזיקאַלישע אונטערנעמונג און מ'איז נישט געווען זיכער, וואָס ס'קאָן פּאַסירן אונטערוועגס. כ'האָב ריזיקירט און מצליח געווען.

נאָכדעם, ווי כ'האָב געזען די שוידערלעכע בילדער אויף די גאַסן פון וואַרשעווער געטאָ, ווו ייִדן שטאַרבן שטייענדיקערהייט, בין איך אַן אויפגעטרייסלטער געקומען צו מיין עלטערער שוועסטער און אַנדערע משפּחה־מיטגלידער, נאָכן אַרומרעדן דעם מצב, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז פאַר יעדן פּרייז מוזן זיי זיך אַרויסקריגן פון געטאָ און פאָרן קיין מעזריטש, ווו מ'האָט געהערט, אַז דער מצב איז פיל בעסער, און ווו עס עקזיסטירט בכלל נישט קיין געטאָ.

פאַר אַ גרעסערער סומע האָט זיך אונדז איינגעגעבן דאָס דורכצופירן. איך האָב נאָך אַ טאָג פריִער באַוויזן זיך אומצוקערן קיין ראַדזימין.

דער ווינטער האָט זיך געשטעלט אַ שווערער מיט גרויסע שניי־זאַווערוכעס. דער מצב אין געטאָ איז געוואָרן וואָס אַ טאָג טראַגישער. מענטשן זענען געשטאָרבן פון הונגער. און נישט געקוקט אויף דער געפאַר דערשאָסן צו ווערן פאַרן אַרויסגנבענען זיך אויסערן געטאָ, האָבן פיל ייִדן זיך אַרויסבאַקומען אין די נעכט און אַוועק אין די דערפער בעטלען. די דייטשן האָבן אויפן אָרט דערשאָסן קינדער, וואָס האָבן דורך די דראָט־פאַרצוימונגען געבעטלט אַ שטיקל ברויט.

דער לאַנדעס־קאָמיסאַר האָט געפאָדערט פון „יודענראַט" מען זאָל אים באַזאָרגן מיט אַ קאַרעטע און פערד. דער „פּרעזעס" האָט דורכגעפירט אַ געלט־זאַמלונג אין געטאָ און מ'האָט דעם דייטש צוגעשטעלט די געפאָדערטע קאַרעטע, פאַר וועלכער ער האָט דעם געטאָ געגעבן אַ „מתנה", צוויי וואַגאָנען קאַרטאָפל, עטלעכע זעק קאַשע און אַ סכום מאַרגאַרין.

דער „פּרעזעס" האָט די גאַנצע אַפּראָוויזאַציע אויסבאַהאַלטן ביי זיך אין די קעלערן. ס'געטאָ האָט געפאָדערט מ'זאָל איינאָרדענען אַ קוך פאַר די אָרעמע. צוליב דעם איז געקומען צו גרויסע מחלוקתן. נאָכדעם, ווי עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז מיטגלידער פון „יודענראַט" העלפן זיך אויף אייגענער האַנט מיט די פּראָדוקטן און די קאַרטאָפל זענען טיילווייז פאַרפרוירן געוואָרן, זענען די קריגערייען און דראָאונגען געוואָרן נאָך שאַרפער, ביז ענדלעך. אַזאַ קיך פאַר אָרעמע איז דאָך געמאַכט געוואָרן.

✶

ס'האָט זיך דערנענטערט דאָס יאָר 1942. ווען מ'האָט געהערט, אַז דאָס געטאָ אין שכנותדיקן שטעטל פּוסטעלניק האַלט ביים ליקווידירט ווערן, האָט זיך מיר אין דער לעצטער מינוט איינגעגעבן אַריינצושמוגלען מיינעביידע שוועסטער מיט זייערע מענער און קינדער אין אונדזער געטאָ. דער דערנערונגס־מצב איז אָבער מיט יעדן טאָג געוואָרן שווערער און פאַרצווייפלטער. באין ברירה, האָב איך באַשלאָסן זיך אַרויסצוקריגן פון געטאָ מיטן אַנדולאַציעאַפּאַראַט, מיט דער הילף פון איטאַליענישן לייטער פון טאָרף־גרובן. כ'האָב אויף אַ צייט זיך באַזעצט אין אַ דאָרף, ווו כ'האָב געמאַכט דויערהאַפטע אָנדולאַציעס די יונגע פּויערטעס, און פאַר דעם באַקומען פּראָדוקטן, וואָס כ'האָב שפּעטער אַריינגעשמוגלט אין ראַדזימינער געטאָ.

מיין שוואָגער, וואָס האָט געשטאַמט פון פּוסטעלניק, האָט איינמאָל געטראָפן אַ באַקאַנטן, וועלכער האָט אים פאַרטרויט, אַז ער קאָן זיך מיט אים באַהאַלטן אין אַ „זיעמלאַנקע" אין וואַלד, ווו זיי וועלן איבערלעבן די מלחמה. אין אַ צייט אַרום האָבן מיר באַקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז מיין שוועסטער מיטן מאַן און קינד, זענען אַנטדעקט געוואָרן אין וואַלד און אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן.

מיט מיר איז געבליבן די ייִנגערע שוועסטער ריוושע מיטן קינד. איר מאַן, פּנחס האָפמאַן, אַ לאָוויטשער, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קריסט, איז מיט אַ צייט פריִער געהאַט אַוועק קיין מעזריטש, ווו ער האָט געאַרבעט ביי אַ ציווילן דייטש. אים איז גוט געגאַנגען.

אין אַ געוויסן טאָג זענען מיר, אין ראַדזימינער געטאָ, געווען די עדי־ראיה, ווי אַזוי די זשאַנדאַרמען מיט פּוילישער און ליטווישער פּאָליציי האָבן געטריבן די ייִדן פון שטעטל טלושטש צו דער קליין־באַן־סטאַציע אין ראַדזימין, וואָס האָט זיך געפונען קעגנאיבער אונדזער געטאָ.

די זשאַנדאַרמען האָבן געריטן אויף פערד און מיט שפּיצרוטן געשלאָגן די יידן מכות רצח, און די, וואָס זענען אָפּגעשטאַנען, זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. אונטער אַ האָגל פון מער־דערלעכע קלעפּ האָט מען די יידן אַריינגעטריבן אין די קליינע וואַגאָנען. די געפּעק האָבן זיי געמוזט איבערלאָזן אין דרויסן פאַר דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. נאָכן אָפּפאָרן פון יידן־טראַנס־פּאָרט, האָט די זשאַנדאַרמעריע פאַראָרדנט, אַז דער „יודענראַט" אין ראַדזימין זאָל צונויפקלייבן די טויטע אויפן וועג טלושטש—ראַדזימין און זיי קובר־זיין.

✶

עטלעכע חדשים שפּעטער האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז מ׳גייט ליקווידירן דאָס ראַדזימינער געטאָ. דאָס איז געשען אין חודש אָקטאָבער 1942.

די זעראָ־שעה פאַר דער ליקווידאַציע איז באַשטימט געוואָרן אויף שבת 5 אַזייגער פאַרטאָג. דאָס האָב איך זיך פריער דערוווּסט פון אַ פּוילישן פּאָליציאַנט, וואָס איז צו מיר געשיקט געוואָרן פון אַ פּוילישן פריינט מיינעם, דעם שענקער, בורכאַצקי. ער האָט געוואָלט וויסן, וואָס איך האָב בדעה צו טאָן. איך האָב דורך דעם זעלבן שליח געענטפערט, אַז כ׳וויל אַנטלויפן מיט אַ גרופּע יידן. דער פּאָליציאַנט, וואָס האָט מיר איבערגעגעבן די ידיעה, האָט מיר געזאָגט, אַז שפּעט נאָכמיטאָג וועט די דייטשע זשאַנדאַרמעריע זיך לייגן שלאָפן און זיי וועלן ערשט אויפגעוועקט ווערן 4 פאַר־טאָג צו דער אַקציע. דאָס געטאָ וועט די זעלבע נאַכט געהיטן ווערן דורך דער פּוילישער פּאָליציי. ער האָט מיר דערביי געגעבן דעם „פּאַראָל" און דאָס אָרט, ווו ער וועט שטיין מיט נאָך אַ פּאָ־ליציאַנט, דורך וואַנען מ׳וועט קאָנען אַרויסגיין פון געטאָ.

מיר האָבן זיך אָפּגערעדט אויף 1 ביינאַכט. מיר זענען טאַקע אַרויס דורך דעם אָרט, אין דער אָפּגערעדטער שעה, אַ גרופּע פון 70 מאַן, איבערלאָזנדיק אַ יונגטלעכן אויף אַ בערגל אין שכנות פון דער שטאָט, ער זאָל אָבסערווירן, וואָס עס קומט פאָר אין געטאָ.

נאָכמיטאָג איז ער געקומען אַן אויפגעטרייסלטער אין אונדזער באַהעלטעניש און איבערגעגעבן גרויל־בילדער פון דער אויסזידלונג פון די יידן.

שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז צוויי געוויסנהאַפטע טוער פון „יודענראַט", אינזש. טייטלבוים און דאָקטאָר לוריע, זענען ערב דער אויסזידלונג באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך סמען זיך.

פון אונדזער באַהעלטעניש האָט זיך אונדז איינגעגעבן אין דער נאַכט איבערצוּוואַנדערן אַ צענדליק קילאָמעטער צום טאָרף־גרובן, נעבן פּוסטעלניק. דער מצב איז דאָ געווען זייער אַ קלאָ־געדיקער. די קעלטן האָבן זיך געשטאַרקט און מיין שוועסטער איז צו מיר צוגעשטאַנען, אַז זי וויל פאָרן צו איר מאַן קיין מעזריטש.

באין־ברירה האָב איך נאָכגעגעבן איר פאַרלאַנג און פאַר אַ גרעסערער סומע געלט, געפונען אַ קריסטלעכן וועגווייזער, און זיי זענען אַוועק אין וועג.

ליידער האָב איך מער פון איר נישט געהערט. באַקאַנטע פּאָ־ליאַקן האָבן מיר שפּעטער איבערגעגעבן, אַז מ׳האָט זיי געכאַפּט און דערשאָסן.

דאָס איז געווען אין נאָוועמבער 1942. דער ווינטער האָט זיך געהאַט פריער געשטעלט. דער איטאַליענישער לייטער פון טאָרף־גרובן האָט צוליב די שלעכטע וועטערן באַשלאָסן צו שליסן די אַרבעט אינעם גרובן. ער האָט אונדז וועגן דעם געמאָלדן און זיך געגרייט צו פאָרן אין דער זשאַנדאַרמעריע, כדי אָנצופרעגן, וואָס צו טאָן מיט די יידן.

מיר האָבן צונויפגערופן אַ באַראַטונג פון אַלע שקלאַפן־אַר־בעטער, כדי געמיינזאַם זיך צו באַראַטן וועגן אונדזער גורל. די אסיפה איז געווען אונטערן צייכן פון פאַרווירונג און צעטומלונג. איך האָב זיך אַרויסגעזאָגט, אַז יעדער איז דער באַלעבאָס פון זיין אייגענעם לעבן. מ׳דאַרף זיך צעלויפן און זיך ראַטעווען ווי נאָר איינער קאָן, ווייל די דייטשן וועלן אַראָפּקומען און אַלע אויפן אָרט אויסשיסן.

מיט אַ קריסטלעכן שליח האָב איך אָפּגעשיקט אַ בריוול צו מיין פריינט בורכאַצקי אין ראַדזימין, אין וועלכן כ׳האָב אים דער־ציילט וועגן דער נייער אַנטוויקלונג.

זיין יינגערער ברודער איז די זעלבע נאַכט אַרויס אין דער ריכטונג פון אונדזער גרובן, נישט געקוקט אויף דער קעלט און דעם רעגן. ער האָט געבלאָנדזשעט אַ גאַנצע נאַכט. ערשט אין דער פרי האָט ער אונדז געפונען. נאָכן איבערטאָן זיך טרוקענע בגדים, וואָס כ׳האָב אים געגעבן, האָט ער באַשלאָסן אחוץ מיך, אויך מיטצונעמען צוויי יונגע פרויען, וואָס זעען אויס ווי קריסטינס.

דעם זעלבן טאָג, זעקס אין אָוונט, זענען מיר אַוועק צו דער קליין־באַן אין פּוסטעלניק, — אַ געגנט ריזיקאַלישע אונטערנעמונג. אָבער ס׳איז נישט געווען קיין אַנדערער אויסוועג ווי זיך אַרויסצו־קריגן פון דער פּאַסטקע. און ס׳איז אונדז געלונגען די זעלבע נאַכט אָנצוקומען קיין וואַרשע.

צוליב דעם, וואָס ביי אים אין דער וווינונג האָט געוווינט אַ שוסטער, צו וועלכן מ׳האָט נישט געקאָנט האָבן קיין צוטרוי, און יענער האָט זיך געדאַרפן אַרויסציען עטלעכע טעג שפּעטער, האָט אונדז דער יונגער בורכאַצקי דערווייל אַוועקגעפירט צו אַ צווייטן ברודער, אין פּאָליטעכניקום, ווו ער איז געווען אויפזעער. דער פּאָליטעכניקום איז געווען באַזעצט מיט דייטשן, דערפאַר אַ זיכער אָרט זיך אויסצובאַהאַלטן. אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער פון דאָרט צוגענומען ביידע יידישע מיידלעך און זיי איינגעאָרדנט אויף פּאָסטנס אויף דער „אַרישער זייט".

אין אַ צייט אַרום האָבן מיר זיך אויך דערוווּסט דעם טרויעריקן גורל פון די יידן, וואָס זענען געבליבן אין וואַלד אינעם טאָרף־גרובן. זשאַנדאַרמעריע איז דאָרט אַראָפּגעקומען און די יידן אויס־געשאָסן אויפן אָרט.

די משפחה בורכאַצקי האָט געהאַט צוויי קליינע קינדער, אַ יינגל פון 10 יאָר און איינעם פון 5. זיי האָבן זיך מפרנס געווען פון מאַכן „בימבער", היימישן בראַנפן, וואָס איז געקאָכט געוואָרן פון ראַזאָווקע און קאָרן. כ׳האָב מיך שנעל אויסגעלערנט די מלאכה און זיך געשטעלט צו דער אַרבעט.

די וווינונג האָט זיך געפונען אויפן דריטן שטאָק, אין פּראַגע, אויף טאַרגאָווע 62. דורך די פענצטער האָט מען געקאָנט אָבסער־ווירן, וואָס עס קומט פאָר אין דער גאַס.

די נאַצי־מאַכט האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן דראַסטישע פאַר־אָרדענונגען סיי אַרויפגעלייגט אַ קאָנטריבוציע אויף דער פּוילי־שער באַפעלקערונג פאַר אויסבאַהאַלטן יידן, און געדראָט, אַז אין אַ הויז, ווו מ׳וועט געפונען יידן, וועט מען אויך דערשיסן די אייגנ־טימער און אויפרייסן דאָס הויז.

מיינע פריינט, די בורכאַצקיס, האָבן ווייניק אַכט געלייגט אויף דער דאָזיקער פאַראָרדענונג, און כ'האָב אַזוי דאָ געלעבט ביז ס'איז אָנגעקומען ווייַנאַכט־צייט פון יאָר 1943.

✶

אויף דער זעלבער גאַס האָט זיך געפונען אַ יאַטקע, וואָס האָט פאַרקויפט פלייש אויסשליסלעך צו פאָלקסדויטשן. איינמאָל, ערב דער פאָליציי־שעה, האָט אַ גרופּע פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" דאָרט אַריינגעוואָרפן שטינק־באָמבעס און אַ תל־געמאַכט פון פלייש־טראַנספּאָרט. עטלעכע מינוטן שפּעטער, נאָך דעם געוואַגטן איבערפאַל, איז אָנגעקומען געשטאַפּאָ מיט לאַסט־אויטאָס, אָפּגע־צוימט די געגנט און בגוואַלד אַרויסגעפירט די גאַנצע באַפעל־קערונג פון די הייזער, זיי אויפגעלאָדן אויף די לאַסט־אויטאָס און אַוועקגעפירט.

ה' בורכאַצקי איז דעמאָלט גראָד נישט געווען אין דער היים, נאָר די פרוי מיט אירע צוויי קינדער. אויסער מיר, זענען אין דער וווינונג געווען אויסבאַהאַלטן נאָך דריי ייִדן, אַ ברודער מיט אַ שוועסטער און אַ יונגערמאַן פון וואַרשע. אונדזער לעבן איז איצט געשטאַנען אין קאָן און מיר האָבן בחוש געפילט, אַז דאָס זענען אונדזערע לעצטע מינוטן. איך האָב צוגערעדט די פרוי בורכאַצקי, אַז מיר זאָלן זיך אפשר אויסבאַהאַלטן אויפן בוידעם. זי האָט געבעטן רחמים, אַז מיר זאָלן זיצן שטיל און זיך נישט רירן פון אָרט, אפשר וועלן די דייטשן נישט דערגיין צו אונדזער דריטן שטאָק.

אין פאַרצווייפלונג פאַרן גורל פון די קליינע קינדער, האָט זי זיי געקלאַמערט צו זיך און מיט זיי אַוועקגעקניט אין אַ פאַר־גליווערטער פּאָזע, נעבן אַ קליין טישעלע. מיר האָבן געהערט דעם טומל און געוויין פון דרויסן, די שווערע טריט פון סאָלדאַטסקע שטיוול אויף די טרעפּ און אויפגעכאַפּט דעם מינדעסטן גערויש פון דרויסן, וואָס דערנענטערט זיך צו אונדזער טיר.

ביז דעם צווייטן שטאָק זענען זיי דערגאַנגען. ווייַזט אויס, אַז די אויטאָס זענען געווען איבערגעלאָדן, ווייל 4 שעה שפּעטער איז פּלוצלינג אַנגסטפול שטיל געוואָרן. מיר זענען געבליבן אויף אונדזערע ערטער, ווי פאַראַליזירטע פון געשפּאַנטקייט און פון שרעק.

מיר האָבן איבערגעלעבט אַ קאָשמאַרפולע נאַכט, נישט זייענ־דיק זיכער, צי די תלינים וועלן זיך נישט אומקערן.

אין דער פרי, ווען מיר זענען אויפגעשטאַנען פון פאַרגליווע־רונג, איז די פרוי מיט די קינדער נישט געווען אין דער וווינונג. אונדז, די פיר ייִדן, איז באַפאַלן אַן אומרו...

אַרום מיטאָג־צייט איז די פרוי געקומען און אונדז געזאָגט, אַז זי האָט אַוועקגעפירט אירע קינדער צו אַ שוועסטער אין ראַ־דזימין, ווייל די אומשולדיקע קינדער דאַרפן נישט ליידן. איצט קאָן מיט „אונדז דערוואַקסענע געשען, וואָס ס'מוז געשען. אָדער מיר וועלן, חלילה, אומקומען, אָדער איבערלעבן".

אויף ווייַנאַכט 1943 איז צו אונדז געקומען דער עלטערער בורכאַצקי, דער שענקער פון ראַדזימין, מיט זיין איידעם עדעק, אַ געוועזענער אָפיציר אין דער פּוילישער אַרמיי. מיר האָבן צו־זאַמען פאַרברענגט די חגאות און איך האָב ווייטער געטאָן מיין רוטין־אַרבעט ביים קאָכן דעם „בימבער". אַזעלכע געהיימע פאַב־ריקלעך פון היימישן בראַנפן, זענען אין פראַגע געווען אַוודאי אַ 20. איינמאָל זענען אומדערוואַרט צו אונדז אַרויפגעקומען צוויי זשאַנדאַרמען. דאָס האַרץ איז מיר געבליבן שטיין אויף דער שפּיץ נאָז. כ'האָב געמיינט, אַז עס איז מיין סוף. נאָכדעם, אָבער, ווי די פרוי בורכאַצקי האָט זיי געגעבן דעם פאַרלאַנגטן „בימבער", 6 ליטער, זענען זיי אַוועק.

די קען־קאַרט, וואָס נח קליינבאָרדט האָט באַקומען אַלס פּאָליאַק, אויפן נאָמען פון יאַן וואָיטשיק

ערשט אין יאַנואַר 1943 האָט זיך די בורכאַצקיס איינגעגעבן פאַר מיר איינצושאַפן אַ „קענקאַרטע", אויפן נאָמען פון יאַן וואָיטשיק, אַ דאַנק וועלכער כ'האָב זיך געקאָנט אַ ביסל פרייער באַוועגן און זיך געפילט מער זיכער. אויך מיין אויסערלעכקייט איז געווען שטאַרק געענדערט, איך האָב געטראָגן היבשע פּוילישע וואָנצעס, אַ קורטקע און מאַטשעיוווקע.

אין אַ צייט אַרום האָט דער מזל מיר צוגעשפּילט. איך האָב באַקומען אַרבעט אין אַ ראַזורע אויף סטזשעלעצקאַ גאַס, אין שכנות פון געווער־אַרסענאַל.

נאָכן געווינען צוטרוי ביים באַלעבאָס, האָב איך זיך געקאָנט פריי באַוועגן און צוויי מאָל אין דער וואָך אַריינגיין אין וואַר־שעווער געטאָ, וווּ כ'האָב אָנגעקנופּט קאָנטאַקט מיטן אויפזעער פון הויז נאַלעווקי 33, ה' איזידאָר פון פּולטוסק. ער איז געווען אַ מיטגליד פון אונטערגרונט. ער האָט מיר געגעבן ליילעכער און

ווע׳ש, וואָס כ׳האָב געגעבן מיין באַלעבאָס און אַנדערע פּוילישע פּריינט, וואָס האָבן די זאַכן פאַרקויפט און פאַרן געלט איינגעקויפט וואָפן און פּראָדוקטן, וואָס כ׳האָב מיט זייער הילף אַריינגעשמוגלט אין געטאָ דורך אַן איינגאַנג אויפן פּלאַץ מוראַנאָווסקי.

כמעט אַ וואָך פאַרן העלדישן געטאָ־אויפשטאַנד, האָט זיך מיר איינגעגעבן דאָרט אַריינצופירן אַ לעצטן גרעסערן טראַנספּאָרט פון קליין־וואָפן און שפּייז. די ס.־ס.־לייט וואָס פלעגן קומען אין אונדזער ראַזורע זיך שערן אָדער ראַזירן, האָבן אומפאַרשעמט זיך באַרימט, אַז אין אַ וואָך אַרום וועט דאָס געטאָ ליקווידירט ווערן.

צומאָרגנס נאָכן אויפשטאַנד, ווען ס׳געטאָ איז געשטאַנען אין פלאַמען, ווו די יידן האָבן העלדיש געקעמפט קעגן די גוט־באַוואָפנטע נאַצישע תלינים, האָט מיין באַלעבאָס מיר געזאָגט, אַז כ׳מוז תיכף אַוועק, ווייל מ׳האָט מיך דערקענט אַז כ׳בין אַ ייד און ער וויל נישט, מ׳זאָל מיך אַרעסטירן אין זיין ראַזורע.

ווען כ׳האָב דאָס דערציילט די בורכאַצקיס, צו וועמען כ׳בין אַוועק זיך אויסבאַהאַלטן, האָבן זיי געזאָגט, אַז זיי וועלן זיך אין אים נוקם זיין.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז מיר ווידער געלונגען צו באַקומען אַ פּאָסטן אין אַ צווייטער ראַזורע. דער אייגנטימער האָט געהייסן סטאַניסלאַוו ראָסאַ, ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ״ (עקסטרעם־רעכטן פליגל פון פּוילישן אונטערגרונט), אָבער וועגן דעם האָב איך זיך דערוווסט ערשט שפּעטער. די ראַזורע האָט ער געהאַט אויף טאַרגוועק און געוווינט אויף זאָמבקאָווסקאַ גאַס.

פאַרן אָננעמען מיך אויפן פּאָסטן, האָט ער מיר געשטעלט זייער צודרינגלעכע פראַגן. נאָכדעם, ווי איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין אַנטלאָפן פון אַ טראַנספּאָרט פּוילישע אַרבעטער, וואָס מ׳האָט געפירט קיין דייטשלאַנד, דערפאַר וויל איך, אַז ער זאָל מיך נישט איינמעלדן, איז ער באַשטאַנען און מ׳האָט אָפּגעמאַכט, אַז איך וועל שלאָפן אין דער ראַזורע, וואָס האָט געהאַט אַ זייטיק קליין צימערל. אַזוי האָט מיך ה׳ ראָסאַ יעדן טאָג, פאַר 6 אַזייגער אָוונט (פּאָליציי־שעה) פאַרשלאָסן אין דער ראַזורע, ווו איך האָב זיך אגב געפילט מער זיכער און גוט געשלאָפן.

נאָכ צוויי וואָכן אַרבעטן, האָט מיר דער זעלבער ה׳ ראָסאַ איינמאָל מגלה־געווען, אַז ער ווייסט ווער איך בין, ווייל ער איז אויסגעוואָקסן צווישן יידן און רעדט אַ גוטן יידיש.

מיט 2 וואָכן פריער האָט ביי אים געאַרבעט העניעק גאָלדבערג, וואָס אַ פאָלקסדויטש, אַ געסטאַפּאָוויעץ, האָט דערקענט. ער האָט דעריבער געמוזט תיכף עוקר־זיין. ער האָט זיך דעם זעלבן טאָג פאַרשריבן אין אַ דייטשער פירמע, וואָס האָט אים גלייך צומאָרגנס אָפּגעשיקט אויף אַרבעט קיין ריגע.

אין אַ געוויסן טאָג איז דער זעלבער גאָלדבערג געקומען אָנגעטאָן אין א מונדיר פון אַ געסטאַפּאָוויעץ. ווען ער איז אַריין אין דער ראַזורע און מיט אַ וואַליזקע אַוועק אין מיין צימערל, האָב איך זיך דערשראָקן. אָבער דער באַלעבאָס האָט מיר גלייך אויפגעקלערט די געהיימניש. איך האָב ממש געשטוינט פון דער געוואַגטקייט פון יידישן בחור. אין דער וואַליזקע האָט ער געבראַכט עטלעכע רעוואָלווערן און אַמוניציע.

גאָלדבערג האָט געאַרבעט מיט אַ גרופּע פון 8 מאַן, צווישן זיי דריי יידן אויף פאַלשע פּאַפּירן, ביים מאַסקירן סטראַטעגישע שטחים אין ריגע. אַלע אַרבעטער פון זיין גרופּע האָבן געטראָגן ס.ס.־מונדירן מיט אַן אָרעם־באַנד „ס.ס.־באַר־איינזאַץ־אָסט״.

אַדאַנק דער באַקאַנטשאַפט מיטן אַרבעטס־לייטער, וועלכער האָט געוואָלט, אַז ער זאָל אים ברענגען פון וואַרשע דאַמען־זאָקן און אַנדערע זאַכן, האָט ער יעדע וואָך געקאָנט קומען מיט אַ ספּעציעלן „אויסווייז״ און פאַר איינוועג מיטברענגען צו ה׳ ראָסאַ געווער.

אַ צייט שפּעטער האָב איך זיך צופעליק באַגעגנט אין גאַס מיט צוויי באַקאַנטע, אַ יונגערמאַן און אַ יונגע פרוי. ער האָט געאַרבעט אַלס פּוילישער באַן־אַרבעטער. זיי האָבן מיר דערציילט וועגן רוזשקע קאָסאָווער, וועלכע אַרבעט אין אונטערגרונט אַלס קוריער און טיילט געלט דורכן „רויטן קרייץ״ צו אויסבאַהאַלטענע יידן.

זיי האָבן איר טאַקע דערציילט וועגן מיר און זי איז צו מיר געקומען און געבעטן כ׳זאָל איר געבן נאָך נעמען און אַדרעסן פון אויסבאַהאַלטענע יידן אויף דער „אַרישער זייט״.

יעדער האָט געדאַרפט באַקומען 1500 זלאָטעס. מיר האָט זי אַ צייט שפּעטער אָנגעבאָטן 500 זלאָטעס. איך האָב איר געהייסן דאָס געלט געבן צו מער נויטבאַדערפטיקע, ווייל איך אַרבעט און פאַרדין אויף מיין לעבן. אין אַ צייט אַרום, ווען איך האָב זיך צופעליק באַקענט מיט דעם באַקאַנטן יידישן שרייבער ד״ר פעלדשו (בן־שם) מיט זיין פרוי, וועמען איך האָב באַזוכט אין זייער באַהעלטעניש אין אַ הויז אויף זאָמבקאָווסקאַ, אויפן פערטן שטאָק, בין איך ערשט געוווירע געוואָרן וועגן די געלט־ענינים פון דער זעלבער „קוריערין״. (אגב שרייבט וועגן דער זעלבער רוזשקע קאָסאָווער זייער אויספירלעך אין זיין בוך יאָנאַס טורקאָוו).

די זעלבע קאָסאָווער האָט מיך איינמאָל געבעטן איך זאָל קומען אין דער געהיימער וווינונג פון איר משפחה און איר מאַכן אַן אָנדולאַציע. אַ שבת נאָכמיטאָג, נאָכן פאַרמאַכן די ראַזורע, האָב איך גענומען דעם אַפּאַראַט און אַוועק אויף דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס. דאָרט האָבן געוווינט צוזאַמען, טעאָדאָר און זיין פרוי, מענדל, שלום, עדזיא און רוזשקע קאָסאָווער.

אין טעאָדאָרס וווינונג האָט אונדזער באַקאַנטער, דער פּוילישער באַן־באַאַמטער, פּאָקטיש — איזאַק גאָלדמאַן, אַ סטאָליאַר, געמאַכט אַ קונציק־מאַסקירט באַהעלטעניש, וואָס איז שווער געווען צו אַנטדעקן, אַזוי מייסטערהאַפט איז עס געווען געמאַכט.

איך בין דאָרט דעם זעלבן שבת ביינאַכט געבליבן נעכטיקן. צומאָרגנס, זונטיק נאָכמיטאָג, האָבן מיר אַלע איבערגעלעבט שעהן פון שרעק.

אומדערוואַרט האָט זשאַנדאַרמעריע אין דער סביבה דורכגעפירט רעוויזיעס און געזוכט באַהאַלטענע יידן. מיר זענען אַלע אַריין אין דער באַהעלטעניש און דאָרט אָפּגעלעגן היבשע שעהן אין גרויס טויט־שרעק. אָבער די זשאַנדאַרמעריע האָט אונדז נישט אַנטדעקט. ערשט שפּעט נאָכמיטאָג האָט זיך אונדז איינגעגעבן צו דערגיין, וואָס עס קומט פאָר אויף דער גאַס, און איך בין בשלום אַרויס פון דער געגנט און אַוועק צו די בורכאַצקיס, ווייל זייער וווינונג איז געווען די נאָענטסטע, ווו זיך אויסצובאַהאַלטן, צוליב דעם, וואָס עס איז שוין געווען די פּאָליציי־שעה.

צומאָרגנס ביי דער אַרבעט האָט מיך ווידער דערוואַרט נישט קיין קליינער אויפטרייסלענדיקער סיורפּריז. אין דער ראַזורע איז, ווי תמיד, אַריינגעקומען אַ געוויסער מאַריאַן צוואַניאַק פון טאַרגוועק. ער האָט מיך אַוועקגערופן אין אַ זייט און מיר איינגערוימט,

אַז ער ווייסט ווער איך בין און כ׳זאָל זיך פֿאַר אים נישט שרעקן. ער קען גוט רעדן יידיש און ביזן פֿאַרניכטן דאָס וואַרשעווער געטאָ, האָט ער דאָרט געהאַנדלט מיט די יידן. איצט האָט ער, ליידער, נישט וואָס מער צו טאָן. ער האָט צוגעזאָגט אויף מיר אַכטונג צו געבן.

מיר זענען שפּעטער געוואָרן גוטע פֿריינט.

✶

עס איז אָנגעקומען דאָס יאָר 1944. אונדזער ראַזורע איז געוואָרן דער צענטראַל־פּונקט, וווהין מ׳האָט פֿון אַלע זייטן געבראַכט וואָפֿן און עס אַפּטראַנספּאָרטירט צו די פֿאַרשידענע גרופּן פֿון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ״. איך האָב זיך אויך באַטייליקט אין דער דאָזיקער געפֿערלעכער אַרבעט.

ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן דיווערסיע־אַקטן און אַטענטאָטן מצד דעם פּוילישן אונטערגרונט און די דייטשן האָבן אָפּגעענטפֿערט מיט רעפּרעסיעס און טעראָר קעגן דער פּוילישער באַפֿעלקערונג.

מ׳האָט געכאַפּט דורכגייער און זיי אַריינגעפּאַקט אין ספּעציעלע קעטשלעך און אָפּגעפֿירט אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. שפּעטער זענען פֿאָרגעקומען דערשיסונגען אויף די גאַסן. מיטן פֿאַרגרעסערן זיך פֿון די סאַבאָטאַזש־אַקטן מצד דעם פּוילישן אונטערגרונט, האָבן די דייטשן אויפֿגעשטעלט תּליות אויף די גאַסן, צונויפֿגעטריבן די באַפֿעלקערונג זי זאָל בייזיין די עפֿנטלעכע עקזעקוציעס. יעדן טאָג האָבן זיך פֿאַרשטאַרקט עקשנותדיקע קלאַנגען, אַז די פּאָליאַקן גרייטן זיך צו אַן אויפֿשטאַנד.

אין פּראַגע האָבן זיך געזען חיילות אין נאַצי־מונדירן. דאָס זענען געווען ליטווינער, אוקראַינער, רומענער און וולאַסאָווצעס, וועלכע האָבן געווילדעוועט איבער די פּראַגער גאַסן און הפקרדיק גערויבט, אַרויסווייזנדיק נאָך גרעסערע אכזריות ווי די דייטשן גופֿא.

דער מצב איז מיט יעדן טאָג געוואָרן מער געשפּאַנט.

„מאַריאַן צוואַניאַק״ פֿלעגט יעדן טאָג קומען אין דער ראַזורע מיט די לעצטע נייעס, און נייע המצאות, ווי זיך אויסצובאַהאַלטן אין פֿאַל פֿון כאַפּונגען.

שפּעט אין יוני, 1944, האָבן זיך געשלעפּט איבער די גאַסן אָפּגעריסענע און באַוואָקסענע דייטשן, וואָס האָבן זיך צוריקגעצויגן פֿון מזרח־פֿראָנט. עס איז קענטיק געווען, אַז דער דייטשער מיליטערישער כּוח איז איינגעבראָכן.

ענדלעך קומט די נייעס, אַז די רוסן דערנענטערן זיך אין דער ריכטונג פֿון טאַרגוווען. די פּאָליאַקן גרייטן זיך אינטענסיוו צום אויפֿשטאַנד אונטער דער אָנפֿירונג פֿון גען. באָר־קאָמאָראָווסקי.

ה׳ ראָסאַ איז צוגעטיילט געוואָרן צום וואַרשעווער ראַיאָן. איך בין געבליבן אין זיין וווינונג מיט זיין פֿרוי און 11־יאָריקן זון, וואָס האָט מיך גערופֿן „פּעטער״.

אונדזער הויז איז זאָמבקאָווסקאַ 15. אין נומער 17 געפֿינט זיך דער בנין פֿון טעלעפֿאָן און טעלעגראַף. פּונקט צו דער רגע, איז דעם 1־טן סעפּטעמבער, 4 נ. מ. אויסגעבראָכן דער רעוואָלט פֿון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ״. פֿיל דייטשן זענען געפֿאַלן און אין אַ האַלבער שעה, נאָך אַ בלוטיקן קאַמף, איז פּראַגע אַריבער אין די הענט פֿון די פּוילישע אויפֿשטענדלער.

אין טאַרגוווען, וווּ עס איז געשטאַנען אַ רוסישע טאַנקען־איינהייט, איז אַוועק אַ פּוילישע דעלעגאַציע, דערקלערנדיק זיי, אַז פּראַגע איז פֿריי און זיי קאָנען אומגעשטערט אַריינקומען. דער רוסישער קאָמאַנדיר האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן, דערקלערנדיק, אַז ער האָט נישט קיין באַפֿעל פֿון מאָסקווע.

צוויי טעג שפּעטער האָט דייטש מיליטער צוריק פֿאַרנומען פּראַגע. מיליטער איז אַריין אין יעדן הויף, אַרויסגעשלעפּט די איינוווינער אויף די הייף און די מענער אויסגעשטעלט לענגאויס די מויערן, אַקעגנאיבער זיי מאַשין־ביקסן.

דאָס מאָל זענען אַלע בלויז אָפּגעקומען מיט טויט־שרעק. אַן אָפֿיציר האָט דערקלערט, אַז ס׳איז קריגס־צושטאַנד, יעדער וואָס האָט געווער זאָל עס תּיכף אָפּגעבן דער דייטשער מאַכט, אין קעגנפֿאַל וועט מען געשאָסן ווערן. נאָכן הייסן אַלעמען צוריק אַריינגיין אין די וווינונגען, איז פֿאַרבאָטן געוואָרן זיך צו ווייזן אין גאַס, אָדער אַרויסצוקוקן דורכן פֿענצטער אונטער דער דראָאונג פֿון טויט.

צוויי טעג שפּעטער האָבן די דייטשן ווידער אָנגעהויבן אַרויסטרייבן די באַפֿעלקערונג פֿון די הייזער און זיי אויפֿלאָדן אויף לאַסט־אויטאָס. ווען מיר האָבן געזען, אַז די דייטשע זשאַנדאַרמעריע דערנענטערט זיך אין דער ריכטונג פֿון אונדזער הויז, האָבן מיר באַשלאָסן צו אַנטלויפֿן אין דער ריכטונג פֿון די רוסן, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אין שכנותדיקן וואָלאָמין.

אונדזער גרופּע איז באַשטאַנען פֿון פֿרוי ראָסאַ און איר זונעלע, איר שוואָגער און זיין פֿרוי און „מאַריאַן צוואַניאַק״. אין דער בהלה האָט זיך אונדז איינגעגעבן אַדורכצורייסן די דייטשע פֿראָנט־ליניע, אויף וועלכער עס האָט זיך געפֿונען פֿרעמד מיליטער אין נאַצי־מונדירן.

נאָך אַ גאַנצער נאַכט וואַנדערן האָבן מיר דערגרייכט דאָס דאָרף קאָבילקי, וואָס ליגט סך־הכּל דריי קילאָמעטער פֿון וואָלאָמין. אָבער דאָ זענען מיר אומגליקלעכערווייז געבליבן שטעקן צווישן צוויי פֿייערן. אויפֿן צווייטן טאָג האָבן מיר אויסגעגראָבן גריבער אויפֿן צווינטער, אַזוי ווי אַנדערע פּליטים האָבן געטאָן, כּדי אין זיי זיך אויסבאַהאַלטן און איבערוואַרטן דעם אַריינמאַרש פֿון רוסישן מיליטער. אַ שעה איידער דאָס איז געשען, איז אָנגעקומען דייטשע זשאַנדאַרמעריע און אונדז אַלעמען אַרויסגעטריבן אויפֿן וועג און פֿון דאַנען אין בהלה געגומען טרייבן אין דער ריכטונג פֿון פּראַגע.

דאָ האָט מען אונדז אויפֿגעלאָדן אין פֿיי־וואַגאָנען און אָפּגעפֿירט קיין מאָדלין, וווּ מ׳האָט אונדז געהאַלטן אונטערן פֿרייען הימל נעבן דער פֿעסטונג.

אַכט טעג האָט מען אונדז דאָרט אַזוי געהאַלטן אין אומהיגיעניש באַדינגונגען און קוים צוגעוואָרפֿן עפּעס שפּייז.

במשך פֿון דער צייט זענען געפֿאַלן עטלעכע צענדליק קרבנות. נאָכדעם, ווען דער לאַגער האָט געציילט אַן ערך צוויי טויזנט מאַן, האָט מען אונדז אָפּגעפֿירט קיין דייטשלאַנד, אין לאַגער ציגזען, נעבן רעקלינגהאַוזען.

אין דאָזיקן טראַנספּער־לאַגער האָט מען אונדז געהאַלטן צוויי וואָכן צייט און שפּעטער צעטיילט אין גרופּן און אָפּגעשיקט אין פֿאַרשידענע לאַגערן פֿאַר פּאָליאַקן.

מיך האָט מען אָפּגעשיקט מיט אַ גרופּע פֿון נאָך 96 מאַן אין דער שטאָט האַהם און באַשטימט אַלס דאָלמעטשער.

די סכּנה אַנטדעקט צו ווערן אַלס ייד, נישט געקוקט דערויף, וואָס איך האָב געהאַט גוטע דאָקומענטן אַלס „כּשרער פּאָליאַק״, האָט מיר כּסדר געדראָט אויף טריט און שריט. מען האָט געדאַרפֿן

דורכגיין פֿאַרשידענע אינספּעקציעס און פֿאָרמאַליטעטן, דערצו מעדיצינישע אונטערזוכונגען, גיין אין באָד אַריין וכו׳. אויך דאָ האָט דאָס מזל מיר צוגעשפּילט, וואָס פֿינף פּאַליאַקן, איבערגעגעבענע פֿריינט, האָבן געוווּסט מיין סוד און אויף זיך גענומען די ריזיקאַלישע מיסיע מיך צו פֿאַרטרעטן ביים דאָקטאָר, אין באָד א.אַ.וו. זיי האָבן געמוזט קלעטערן איבער שטעכל־דראָטן און דורכגיין אַנדערע צרות, כדי זיך אומעטום צו מעלדן אויף מיין נאָמען.

אין לאַגער האָבן מיר געטראָגן ספּעציעלע אָפּצייכנס מיט דער בוכשטאַב „פּ״, וואָס האָט אונדז אידענטיפֿיצירט אַלס פּאַליאַקן.

די איבערלעבענישן אין דאַזיקן לאַגער זענען רייך מיט אויסטערלישע פּאַסירונגען, וועלכע געהערן אָבער שוין נישט דאָ אַהער.

איך בין אין האהם געווען פֿון סעפּטעמבער 1944 ביז דעם 7־טן אַפּריל 1945, ווען די אַמעריקאַנער אַרמיי איז אַריין אין דער דאָזיקער שטאָט, און כ׳האָב ענדלעך געקאָנט זיך גיין מעלדן, אַז איך בין אַ ייִד.

שפּעטער האָב איך אויסגעוואַנדערט קיין אויסטראַליע.

(באַאַרבעט לויט פֿאַרצייכענונגען אין דער פּוילישער שפּראַך)

מערץ, 1964.

אויף צוואַנגס־אַרבעט אין דייטשלאַנד

דערציילט פֿון סאַבינאַ שמעקוראַ

(געבוירן אין לאָוויטש אין יאָר 1925)

דער מלחמה־אויסבּרוך האָט מיך געטראָפֿן אויף דער שול־באַנק. אין טאָג, ווען די דייטשע פֿאַרפּאָסטנס זענען אַריינגעפֿאָרן אין שטאָט פֿון לאָדזשער וועג, אויף פּיעטרקאָווער גאַס, בין איך איבערגעפֿאָרן געוואָרן פֿון אַן אויטאָ, שטייענדיק נעבן וועג פֿון הויז ווו מיר האָבן געוווינט. אפֿשר ווייל איך בין געווען אַ קליין מיידל און נישט אויסגעזען אויף קיין ייִדישקע, האָט מען מיך אָפּגעפֿירט אין שפּיטאָל, ווו כ׳בין געלעגן אַ טאָג צייט.

דעם זעלבן טאָג, ווען די נאַציס האָבן אַריינגעטריבן די ייִדישע מענער־באַפֿעלקערונג אין דער שול אַריין, בין איך דאָרט אָן שרעק אַהינגעלאָפֿן מיט אַנדערע פֿרויען און מיידלעך, וועמענס טאַטעס און ברידער די דייטשן האָבן דאָרט אַריינגעשטופּט. מיר זענען שפּהנלאַנג געשטאַנען אויף דער צווייטער זייט גאַס, קעגנאיבער דער שול און דאָרט אַהינגעקוקט. פֿון דאָרט האָט זיך געטראָגן אַ יאָמערלעך געוויין און שרעקלעכע קולות פֿון געשלאָגענע ייִדן. די שול איז געווען אַרומגעשטעלט מיט באַוואָפֿנטע סאָלדאַטן און מאַשין־ביקסן מיט די לופֿעס אויסגעשטעלט צו די פֿענצטער און טירן פֿון דעם הייליקן מקום. איך האָב נישט פֿאַרשטאַנען אָדער נישט געפֿילט קיין פּחד און באַגריפֿן וואָס פֿאַראַ סכנה עס דראָט די ייִדן. כ׳בין צוגעלאָפֿן צו אַ דייטשן וועכטער און געבעטן ער זאָל מיר באַפֿרייען מיין טאַטן, וואָס איז אַן אינוואַליד. אָבער מיין געוויין האָט נישט געהאָלפֿן.

✶

ווען ס׳איז אין פֿרילינג 1940, איינגעפֿירט געוואָרן דאָס געטאָ אין לאָוויטש, האָט מען אַלע איינוווינער פֿון אונדזער פּיעטרקאָווער גאַס (ד״ר סטאַניסלאַווסקיעגאָ) און פֿון נייעם מאַרק, אַריינגעזעצט אין די ליידיקע געוועלבער פֿון דער זדונסקאַ גאַס. אונדזער משפּחה איז אַריינגעזעצט געוואָרן אין געוועלב פֿון לעדער־סוחר יוסף קדיש. ער אַליין איז געבליבן וווינען אין דער אויבערשטער דירה. אין אָנהייב איז דער הונגער נאָכנישט געווען אַזוי גרויס, אָבער מיט יעדן טאָג איז דער מצב געוואָרן שווערער. מיין פֿאָטער, וועלכער האָט געהאַט באַקאַנטע קריסטן אויף די „קאָסטקעס״, האָט באַשלאָסן עפּעס צו טאָן, כדי צו לינדערן די נויט פֿון אונדזער משפּחה.

ער האָט גענומען שטיקער וויכע לעדער ביי קדישן און זיך אַרומגעוויקלט אויף זיין קערפּער און אויף מיר, דער 14־יאָריקער מיידל. אַזוי זענען מיר אַרויס דורכן טויער פֿון געטאָ מיט אַ „פּזשעפּוסטקע״. די לעדער האָט מיין פֿאָטער פֿאַרקויפֿט צו די קריסטן, געגעבן יוסף קדיש זיין חלק און פֿאַרן איבעריקן געקויפֿט פֿאַר אונדז שפּייז. אַזוי האָט מען זיך געמוטשעט ביז דעם טאָג, ווען עס איז געקומען די ביטערע גזירה פֿון דער אויסזידלונג אין וואַרשעווער געטאָ אַריין.

די ייִדן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין געלט אויף קיין דירות, האָט מען איינגעאָרדנט אין אַ גרויסן אַלגעמיינעם זאַל אויף זשעלאַזנע 64. דער גרויסער זאַל איז געווען איינגעטיילט אין פֿאַרשידענע חלקים, מיט פּריטשעס פֿאַר יעדער פֿאַמיליע באַזונדער. דאָ האָבן געוווינט אַ סך לאָוויטשער. אין אָנהייב האָט נאָך יעדער געגעסן פֿון אַ ביסל שיטערע זופּ, וואָס מ׳האָט אויסגעטיילט פֿון דער אַלגעמיינער קיך. אָבער שפּעטער האָט מען דאָס אויך נישט באַקומען, און דער הונגער האָט אונדז אַלע קראַנק געמאַכט.

מיר זענען געווען 4 שוועסטער, אַ ייִנגערער ברודער און אונדזערע עלטערן. ווען דער הונגער איז וואָס אַ טאָג געוואָרן אומדערטרעגלעכער, און מענטשן זענען געשטאָרבן אויף זייערע פּריטשעס, האָב איך זיך אָפּגערעדט מיט מיין עטוואָס עלטערער שוועסטער, אַז מיר וועלן ביינאַכט אַוועקגיין קיין לאָוויטש און פֿון דאָרט ברענגען אַ זאַק קאַרטאָפֿל. מיר זענען געווען יונג, נאַיִוו און נישט פֿאַרשטאַנען, מיט וואָס פֿאַראַ געפֿאַר די גאַנצע אונטערנעמונג איז פֿאַרבינדן. מיר האָבן דעמאָלט נאָר איין זאַך אין זינען געהאַט: איינצושאַפֿן עסן פֿאַר אונדזער משפּחה. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז וועגן אונדזער פּלאַן האָבן מיר קיינעם גאָרנישט דערציילט.

איינמאָל אין אַ ווינטער־נאַכט, ווען אין דרויסן איז געפֿאַלן אַ שניי, געמישט מיט אַ זאַווערוכע, האָב איך מיט מיין שוועסטער זיך אַראָפּגעגנבעט פֿון אונדזער געלעגער, ווו מיר זענען געלעגן צוזאַמען אויף דער פּריטשע. מיר האָבן זיך נישט געהאַט אויסגעטאָן. ענדע זשעלאַזנע גאַס האָט זיך געפֿונען דאָס געטאָ־טויער. די ייִדישע פּאָליציאַנטן זענען גראָד נישט געשטאַנען פֿון איינע־

ווייניק. עס איז געווען 2 אזייגער ביינאכט. אין דרויסן זענען געשטאנען די דייטשע זשאנדארמען. מיר האבן זיך ביי זיי געבעטן, זיי זאלן אונדז אדורכלאזן זוכן ברויט. זיי האבן געקוקט אויף די צוויי קליינע קינדער, ציטערנדיקע פון קעלט און מיט א געלעכטער אויסגערופן: מאכט עס שנעל! לויפט שנעל!

און מיר זענען געלאפן, נישט פילנדיק קיין שרעק, און אפילו נישט אויסגעדרייט די קעפ אויף צוריק, צי זיי שיסן נישט אין אונדז. אפשר האבן זיי געמיינט, אז מיר וועלן סיי ווי סיי פארפרוירן ווערן אויף דער גאס אין דער נאכט, אדער דערשאסן ווערן פון אנדערע. און ווען מיר האבן דערפילט, אז מיר זענען ענדלעך פריי, אויסער די געטא־מויערן, האט אונדז באהערשט איין באגער: וואס שנעלער צו לויפן קיין לאוויטש און ברענגען שפייז פאר אונדזערע קראנקע עלטערן און די אנדערע קינדער.

די גאסן זענען געווען שוואך באלויכטן און אין דער שניי־זאוויערוכע, האט מען קיין לעבעדיקן נפש נישט אנגעטראפן. מיר האבן אויך נישט געוווסט, אין וועלכער ריכטונג צו גיין, אבער מיר זענען געגאנגען און דערגאנגען אויסער די גרענעצן פון שטאט און געפונען דעם ברייטן אספאלט־שאסיי, וואס האט געפירט אין דער ריכטונג פון לאוויטש. מיר זענען נישט געגאנגען נאר געלאפן, דער ווינט האט אונדז ממש אונטערגעטראגן און מיר האבן געפונען דעם וועג מיטן אינסטינקט, נישט וויסנדיק וווהין מיר גייען.

ארום זיבן פארטאג, אדער פריער, זענען מיר ענדלעך אנגעקומען אויפן הויפט־שיידוועג נישט ווייט פון דער בריק אין סאכאטשעוו. אזוי האב איך מיט מיין שוועסטער אין יענער נאכט דורכגעמאכט אין איין אטעמלאזן לויפן 56 קילאמעטער. ווען מיר זענען דארט אנגעקומען, איז שוין געווען כמעט טאג.

נעבן שיידוועג, בידעריקער אראפ פון הייפט־שאסיי האט זיך געפונען א טיי־געוועלבל, וואס האט געהערט צו א פאלקסדייטשקע מיטן נאמען מאריא אווטשארעק. די דאזיקע פרטים האבן מיר דעמאלט נאכנישט געוווסט. איך און מיין שוועסטער האבן געטראגן קאפ־טיכלעך און אויסגעזען אויף טיפישע שיקסלעך. מיר האבן באשלאסן אריינצוגיין און בעטן עפעס עסן און זיך אנווארעמען, אפרעדנדיק זיך צו זאגן איינס און דאס זעלבע, ווען מ׳וועט אונדז פרעגן, ווער מיר זענען, און זיך איינגעחזרט די פרטים.

אין געוועלבל איז נאך קיינער נישט געווען. מ׳האט דער קריסטין דערציילט, אז אונדזערע עלטערן זענען דערהרגעט געווארן בעת א באמבארדירונג און מיר גייען ארום נע־ונד זוכן ארבעט. די פרוי אווטשארעק האט אליין געהאט דריי קליינע טעכטערלעך, און הערנדיק אונדזער דערציילונג, האט זי אונדז געזאגט, אז איינע פון אונדז, קאן ביי איר בלייבן ארבעטן. זי האט אונדז פריער געגעבן עפעס אפצועסן און אונדז געלייגט שלאפן.

נאכן אנווארעמען און אויסרוען זיך נאכן נאכט־מארש אין דער זאוויערוכע פון ווארשע, האבן מיר געפילט, אז מיר זענען צוריקגעקומען צו די כוחות און דער באגער צו לעבן איז געווארן נאך שטארקער. מיר האבן באשלאסן, אז מיר דארפן דא בלייבן, ווייל פון דאנען וועט אונדז גרינגער זיין צו העלפן אונדזערע עלטערן אין ווארשעווער געטא.

מיין עלטערע שוועסטער האט מיר געזאגט, אז איך זאל בלייבן ביי דער אווטשארעק, און זי אליין וועט גיין זוכן ארבעט ערגעץ אנדערשוו.

איך בין דעמאלט געווען אזוי קליין און אומבאהאלפן, אז כ׳האב רעכט נישט געקאנט אויסקערן א שטוב. כ׳האב אבער געפילט, אז כ׳מוז זיך אנשטרענגען און טאן אלץ, כדי צו געפעלן דער באלעבאסטע.

אחוץ דעם העלפן אין דער ווירטשאפט, האב איך אויך געהאט אן אויפגאבע צו זאגן „פאציעזש" מיט די דריי שיקסלעך און זיי פירן אין דער קירכע אריין.

מיין שוועסטער האט אויך אפגעגליקט. זי איז דעם זעלבן טאג אנגעקומען ארבעטן אין הויז ביי א לערער מיט עטלעכע קינדער, נישט ווייט פון מיר. אזוי, אז מיר האבן געהאט א געלעגנהייט פון צייט צו צייט זיך צו זען. איך פלעג גנבענען פון שפייכלער פראדוקטן און זיי אין געהיים אוועקטראגן צו מיין שוועסטער, וועלכע האט זיי פארפאקט אין א זאק און אוועקגעשיקט צו אונדזערע עלטערן אין ווארשעווער געטא. מיין שוועסטער האט געהייסן אירענא מילעווסקא און איך סאבינא. מיר האבן בכלל נישט געדארפן ענדערן אונדזערע ריכטיקע נעמען, וואס האבן געקלונגען עכט פויליש.

מיין באלעבאסטע האט געהאט פאר א מאן א פאליאק, א שיכור, וואס פלעגט זי אפט שלאגן און זי פלעגט זיך פאר מיר, דער קליינער מיידל, אראפרעדן פון הארץ. כ׳האב דעמאלט נישט פארשטאנען אלץ, וואס זי האט מיר דערציילט. אבער זי האט מיך ליב באקומען, ווייל זי האט מיך געדארפן און דערפאר גוט באהאנדלט. איך ווייס נישט, צי זי האט געאנט אדער געפילט, אז איך בין א יידישקע, ווייל אפט פלעגן אריינקומען אין טיי־געוועלבל פאלקסדויטשן, שווארץ־מונדירטע, אמתע רוצחים, און זיי האבן הויך און שפאטיש אפגעלאכט פון יידן און געזאגט, אז ווען זיי וואלטן געטראפן א יידיש קינד, וואלטן זיי עס מיט די הענט דערווארגן.

הערנדיק די רייד, האב איך זיך געשטארקט, נישט געקוקט דערויף, וואס אלץ האט אין מיר געציטערט פאר שרעק. און כ׳האב ערשט ערנסטער באגריפן מיין לאגע, און ווי איך דארף זיך פאר אלע היטן.

איך פלעג פון געוועלב אפט זען, ווי נישט ווייט פון אונדז אין דער הויך, אויף דער בריק, פלעגן די וואך־פאליציאנטן דערשיסן יידן, וואס האבן געפרווט אדורכגיין די בריק. די רוצחים פלעגן שפעטער די דערשאסענע אריינווארפן אין טייך אריין.

נאכן אפזיין ביי מאריא אווטשארעק צוויי חדשים צייט, האט זי מיר איינמאל געזאגט, אז זי מוז האבן מיין דאקומענט, ווייל מענטשן שושקען זיך, אז כ׳בין א זשידוווקע. און זי מוז מיך רעגיסטרירן ביים לאנד־ראט. אנדערש קען זי מיך לענגער נישט האלטן.

איך האב זיך לאנג נישט פארטראכט און בכלל נישט געפילט קיין שום פחד. כ׳האב אויף זיך פאריכט די קליידער, וואס כ׳האב אויף מיר געהאלטן זייער ריין, פארקעמט א ביסל די האר און מיטן קאפ־טיכל אוועק קיין סאכאטשעוו אין מאגיסטראט. דאס מזל האט מיר דא אויך צוגעשפילט, ווייל, אויב עמעצער האט אויסגעזען פארדעכטיק, האבן די פוילישע באאמטע איבערגעגעבן צום לאנד־ראט און דער סוף איז געווען א טראגישער.

אריינקומענדיק אין מאגיסטראט, האב איך זיך ארומגעקוקט,

און זעענדיק ביי איין טיש אַן עלטערן פּאָליאַק, האָב איך זיך צו אים געוואָנדן. כ׳האָב אים געזאָגט, אַז כ׳בין פון פּויזן. איך ווייס עד־היום נישט, ווי אַזוי דאָס איז געשען, נאָר מיר האָט זיך געדוכטן, אַז עמעץ שטייט הינטער מיר און רוימט מיר איין אַלע ענטפערס אויף די געשטעלטע פראַגן פון באַאַמטן. נאָכדעם, ווי מיינע ענטפערס האָבן אים באַפרידיקט, האָט ער מיר אויסגעשטעלט אַ דאָקומענט אַלס סאַבינאַ מילעווסקאַ, פון רוימיש־קאַטוילישן גלויבן, געבוירן אין פּויזן, ביי די עלטערן פּאַוועל און מאַריאַ, די גאַס און אַלע אַנדערע פּרטים.

דער דאָזיקער דאָקומענט האָט פולקאָם באַרואיקט מיין באַלעבאָסטע און זי האָט מיך איינגעמאָלדן. מיין שוועסטער האָב איך גענוי איבערגעגעבן די פּרטים, כדי זי זאָל וויסן פאַר זיך צו באַקומען אַן ענלעכן דאָקומענט.

כ׳ווייס נישט, ווי אַזוי דאָס איז געשען, נאָר לאָוויטשער, וואָס זענען אַנטלאָפן פון וואַרשעווער געטאָ און געמוזט אַדורכגיין דעם וועג נעבן דעם טיי־געוועלבל נישט ווייט פון שיידוועג הינטער סאָכאַטשעוו, האָבן מיך תמיד דערקענט און אָפּגעגעבן טרויעריקע בשורות פון מיינע עלטערן. נישט אַנדערש, אַז זיי האָבן געוווסט פון מיינע עלטערן אָדער עלטערע שוועסטער, ווו איך געפין זיך, נאָכדעם ווי זיי האָבן פריער געהאַט באַקומען שפּייזפּאַקעטן און בריוו פון מיין שוועסטער אירענאַ, וואָס האָט געאַרבעט ביים פּוילישן לערער. ווי כ׳האָב שוין דערציילט, האָט ס׳געוועלב זיך געפונען עטלעכע שטיגן אַראָפּ פון הויכן שאָסיי. און די, וואָס פלעגן אַדורכגיין אין דער הויך, דערזעענדיק מיך פלעגן סתם אין דער וועלט אַריין אויסשעפּטשען אין יידיש: „דיין שוועסטער איז געשטאָרבן...״ אַ צווייטמאָל: „דער טאַטע איז געשטאָרבן...״. שפּעטער: „די מאַמע איז געשטאָרבן...״.

ס׳האַרץ האָט זיך מיר פאַרקלעמט, הערנדיק די שעפּטשענדיקע שלעכטע גרוסן. עס איז געווען זומער־צייט, און איך האָב זיך פאַרן געוועלב געשפּילט מיט די מיידלעך פון דער באַלעבאָסטע. אָבער אויפהויבן דעם קאָפּ און זען, ווער עס ברענגט דעם גרוס, האָב איך נישט געטאָרט, ווייל די שיקסלעך וואָלטן נאָך באַמערקט, אַז כ׳קוק אין דער זייט פון דעם, וואָס רעדט יידיש און איך וואָלט זיך פאַראַטן. דאָס זעלבע האָט געקאָנט אויפכאַפּן אַ צופעליקער גאַסט אין געוועלב. איך פלעג אין אַזאַ מאָמענט שנעל אַריינגיין אין בית־כסא און דאָרט זיך אויסבאַהאַלטן אַ פּאָר מינוט און זיך אויסוויינען. דערנאָך אָפּוואַשן דאָס פּנים, כדי צו פאַרווישן יעדן שפּור פון מיינע טרערן און ווידער אַרויס צו די שיקסלעך און מיט זיי זיך שפּילן, אַזוי ווי גאָרנישט וואָלט פּאַסירט.

שפּעטער, ווען מיין שוועסטער איז געקומען, זענען מיר אַוועק אין אַ ווינקל פון דעם גרויסן הויז און דאָרט זיך צוזאַמען אויסגעוויינט, ווויסנדיק, אַז מיר זענען קיילעכדיקע יתומים און אַז אונדזער גורל ליגט אין אונדזערע אייגענע הענט, אויב מיר ווילן בלייבן לעבן.

קעגנאיבער אונדזער געוועלבל האָט זיך געפונען אַ מיל, וואָס איז דעמאָלירט געוואָרן. דער רוב אַרבעטער האָבן געגעסן אין אונדזער געוועלבל. איינמאָל, דאָס איז געווען זומער, און כ׳בין געגאַנגען באָרוועס, האָט די באַלעבאָסטע מיך געשיקט רופן די אַרבעטער צום מאָלצייט. איך האָב נישט באַמערקט און בין מיטן באָרוועסן פוס אַרויף אויף אַ ברעט, פון וועלכער עס האָט אַרויסגעשטעקט אַ גרויסער פאַרזשאַווערטער נאָגל, וואָס איז מיר טיף אַריין אין דער פּיאַטע.

דער פוס איז מיר געשוואָלן געוואָרן. די באַלעבאָסטע האָט מיר נישט געגעבן די נויטיקע מעדיצינישע הילף.

ווערנדיק קראַנק און אומפעאיק צו אַרבעטן, האָט זי מיך געהייסן אַוועקגיין אין אַ ליידיקער פאַרלאָזטער כאַטקע, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן פעלד. כ׳האָב נישט געקאָנט גיין און דאָרט זיך אַהינגעשלעפּט אין אַנגסטפולע יסורים אויף אַלע פיר, געקראָכן ממש אויף די הענט.

כ׳וואָלט זיכער דאָרט אומגעקומען, און וואָלט געשוואָלן געוויאָרן פון דער ראָפּע, ליגנדיק אין גרויס היץ. נאָר דער דראַנג צו לעבן האָט גובר געווען מייגע יסורים און מיין קינדערשער באַוווסטזיין האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז כ׳טאָר אַזוי נישט ליגן, ווייל כ׳וועל אומקומען. כ׳האָב פאַרקריצט די ציין פון ווייטיק און אַזוי אויפן בויך זיך אַרויסגעשלעפּט פון דער כאַטע און געבליבן ליגן כמעט אין אָנמאַכט נעבן הויפּט־שאָסיי. גראָד איז אַדורכגעפאָרן אַ קריסטין אין אַ בריטשקע און מיך אַרויפגעלייגט אויף איר וואָגן און אַוועקגעפירט אין איר פאָלוואַרק בארקי, נישט ווייט פון סאָכאַטשעוו. שפּעטער ערשט האָב איך זיך דערוווסט, אַז דאָס איז די פרוי פון קאַפּיטאַן טילינסקי פון 10־טן פּולק אין לאָוויטש, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אין דער רוסישער געפאַנגענשאַפט. אין פאָלוואַרק איז אויך געווען איר מוטער און עטלעכע פאַראָבקעס. זי פלעגט זייער אָפט פאָרן מיט דעם זעלבן וועג קיין סאָכאַטשעוו אויף מאַכן פאַרשידענע איינקויפן.

געפינענדיק מיך אַ פאַרחלשטע ביים וועג, האָט זי מיך אָפּגעפירט אין איר הויף אַריין, אַרומגעוואַשן און מיר פאַרבאַנדאַזשירט דעם פוס. עטלעכע טעג שפּעטער, נאָכן צוליגן פאַרשידענע שמירעכצן, איז די היץ אַוועק. צוערשט האָט זי מיר געגעבן אַ לייכטע אַרבעט אין הויז. און שפּעטער, ווען עס איז מיר בעסער געוואָרן און כ׳האָב שוין געקאָנט אַרומגיין אויפן קראַנקן פוס, האָב איך געפּאַשעט די קי אין פעלד.

דורך דער פרוי טילינסקי האָב איך געלאָזט וויסן מיין פאַרצווייפלטער שוועסטער, ווו איך געפין זיך. זי איז גלייך געקומען צו מיר צולויפן אין איין אָטעם. מיר האָבן ביידע באַטראַכט די סיטואַציע אין וועלכער מיר געפינען זיך און געזוכט אַן אויסוועג, ווי זיך ווייטער צו ראַטעווען.

אין הויף אַריין צו די טילינסקיס פלעגט אָפט קומען זייער אַ באַקאַנטער, אַ פאַרמעגלעכער ערדבאַזיצער.

איינמאָל, בעת אַזא באַזוך, האָט ער דערציילט, אַז מיט צוויי טעג פריער האָט מען אין אַן אַבלאַווע אין סאָכאַטשעוו געכאַפּט זיין טאָכטער אויף אָפּצושיקן אויף צוואַנגס־אַרבעט קיין דייטשלאַנד, און ער איז ממש פאַרצווייפלט. ער ווייסט נישט, ווי אַזוי צו ראַטעווען זיין טאָכטער, וואָס מ׳האָט אַהיימגעלאָזט אויף דריי טעג זיך איינצופּאַקן און גרייט זיין אין וועג אַריין. איך ווייס נישט, ווי אַזוי דאָס איז געשען, נאָר הערנדיק זיין געשיכטע, האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז אויב דאָס איז מעגלעך, וואָלט איך געפאָרן אויף איר אָרט.

דער קריסט האָט זיך אָנגעכאַפּט אין מיין פאָרשלאָג און באַלד אים אַרומגערעדט מיט דער טילינסקין. ער האָט מיר צוגעזאָגט צו געבן אַ סומע געלט, קויפן שיך און מלבושים. לסוף האָט ער